STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09006

DER BAL TSHUVE

Saul Saphire

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-09006-9

D:\YIDDISH\TITLES\9780657090067T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דער
בעל תשובה

אָריגינעלער היסטאָרישער ראָמאַן אַרום דער
צייט פון ווילנער גאון און דעם בעל שם טוב

פון

שאול ספיר

אוֹם פּאַבלישינג קאָמפּאַני
ניו יאָרק, נ. י.
תש״ח

Copyright, 1948, *by*
SAUL SAPHIRE

OM PUBLISHING COMPANY
NEW YORK 2, N. Y.
1948

אַרײַנפיהר

אין א קליינעם שענק, אין א קליין געסעל, ניט ווייט פון דער זאוואלנער גאס, אין ווילנע, זיינען געזעסען אין א ווינקעל, ביי א טישעל, צוויי פּוילישע יונגען. עס איז געווען ביינאכט. אין שענק איז געווען טונקעל, בלויז א קליין קעראָסין לעמפּעל און עטליכע ליכט האָבען באלויכטען דעם צימער. אין מיטען צימער זיינען געווען נאָך עטליכע טישען, ארום וועלכע ס'זיינען געזעסען שיכור'ע גויים, וועלכע האָבען אָט דאָ זיך צעזונגען, דאָ זיך צעאמפּערט און געזידעלט איינע די אנדערע. דאן האָבען זיי ווידער שלום געמאכט צווישען זיך און אין זיך אריינגעגאָסען נאָך עטליכע כוסות.

די צוויי יונגען וועלכע זיינען געזעסען אין ווינקעל, האָבען זיך מיט די איבעריגע גאָרניט אָנגעקעהרט. זיי האָבען געטרונקען דעם בראנפּען און צווישען זיך גערעדט גאנץ שטיל, ווי זיי וואָלטען זיך גע'סוד'עט.

— נו, וואָס זאָגסטו, סטעפאן! — האָט זיך סטאשעק, א געזונטער שגץ פון א יאָהר עטליכע און צוואנציג צו איהם אָנגערופען, — פארגעס ניט אז אויסער די הונדערט גילדען וואָס דו וועסט קריגען אויף דיין חלק, וועסטו אויך געניסען פון דעם פארמעגען פון דעם רייכען זשיד, יואל, זאָשקע'ס געוועזענער באלעבאָס. אזוי שנעל ווי דער גלח וועט געבען דעם סיגנאל, וועלען מיר דאָך זיין פון די ערשטע, זיך אריינצוברעכען אין זיין הויז, און מיר וועלען זיך שוין דאָרט לאָזען וואוילגעהן.

— אָבער איך האָב מורא אז מען זאָל אויסגעפינען און דאן וועלען מיר ביידע האָבען א שווארצען סוף! — האָט סטעפאן א זאָג געטאָן, — איך האָב שוין געהערט פון אזא געשיכטע וואו איינער האָט געטויטעט זיין אייגען קינד און געוואָלט מאכען א בלבול אויף די זשידעס, אָבער מען האָט באלד אויסגעפונען, זיין אייגען ווייב האָט איהם פאר'מסר'ט און מען האָט איהם נאכדעם געהאנגען.

— אָבער קיינער וועט דאָך ניט אויסגעפינען וועגען אונז. דער גלח וועט דאָך שוין זעהן אז דאָס זאָל געהאלטען ווערען בסוד. דער גלח האָט מיר אויך געזאָגט אז דאָס קינד האָט זאָשקע געבוירען פון איהר אידישען באלעבאָס, וועלען מיר דאָך געוויס קיין פארברעכען ניט באגעהן ווען מיר וועלען איהם טויטען...

— איך האָב שטארק מורא אז זאָשקע אליין זאָל אויף אונז ניט דערצעהלען.

— פון וואנען וועט זי וויסען אז מיר האָבען דאָס געטאָן? מיר וועלען צוקומען צו דער כאטע (קליין אָרעם הייזעל) וואו זי געפינט זיך מיט איהר קינד ביי דער אלטער גויה, מיר וועלען אהין צוקומען שפּעט ביינאכט ווען זי וועט שלאָפען. מיר וועלען אריינגעהן דורכ'ן פענסטער. מיר וועלען פארשטאָפּען איהר מויל, און זי צובינדען צו דעם בעט. דאן וועלען מיר אוועקנעהמען דאָס קינד פון איהר, און אנטלויפען. אין דער פינסטער וועט זי דאָך ניט וויסען ווער דאָס איז געווען. דער גלח וועט איהר אפילו קענען זאָגען אז דאָס האָט דער זשיד, איהר באלעבאָס, געדונגען צוויי יונגען און יענע האָבען פאר איהם ערמאָרדעט איהר קינד.

— נו, גוט, איך שטים איין! — האָט סטעפאן זיך אָנגערופען.

— אויב אזוי איז אָפּגעמאכט. מאָרגען שבת ביינאכט וועלען מיר ביידע אהין צוקומען. מיר וועלען שוין אלץ האָבען צוגעגרייט. מיר וועלען איהר קינד טויטען און זיין קערפּערל אונטערווארפען אין דעם שייער וואָס באלאנגט צו יואל'ן, און דער גלח וועט גלייך מאָרגען, זונטאג אין דער פריה, דערצעהלען אין קירך וואָס עס איז געשעהן, און מען וועט זיך אוועקלאָזען אהין און מען וועט שוין געפינען דאָס טויטע קינד.

זיי האָבען ווידער אָנגעפילט זייערע גלעזער מיט בראנפען, און זיי האָבען זיך געדריקט די הענט און אריינגעגאָסען אין זיך נאָך עטליכע כוסות...

א יונגער שגץ, דער באדינער פון שענק, וועלכער האָט זיי דערלאנגט דעם בראנפען, האָט געהערט ווי זיי דערמאָנען דעם נאָמען זאָשקע, איז שוין געווען נייגעריג צו הערען וואָס זיי ריידען וועגען איהר. קאזימיר, אזוי האָט געהייסען דער שגץ, האָט זעהר גוט געקענט זאָשקע׳ן, און ער האָט זי ליעב געהאט. ער האָט שוין אפילו געמאכט עטליכע פארזוכען מיט איהר צו פארברייננען, אָבער זי האָט זיך אפילו אויף איהם ניט אומגעקוקט. ווען ער האָט אויסגעפונען אז זי האָט געבוירען א קינד, און זי וויל ניט אויסזאָגען ווער דער פאָטער פון קינד איז, האָט ער איהר געזאָגט, אז ער איז גרייט מיט איהר צו הייראטען און העלפען איהר האָדעווען איהר קינד, אָבער זאָשקע האָט איהם אפילו ניט געענטפערט. איצט, ווען ער האָט געהערט אז די צוויי יונגען וועלכע זיצען דאָרט אין ווינקעל און ריידען וועגען איהר, איז ער געוואָרען זעהר נייגעריג צו הערען וואָס זיי ריידען. ער איז אריין אין דעם צווייטען צימער וואָס האָט אָפּגעטיילט יענעם צימער מיט א דין ווענטעל, ער איז צוגעגאנגען צו יענעם פלאַץ וואו די צוויי שקצים זיינען געזעסען און ער האָט זיך צוגעהערט צו זייער גאנצען געשפרעך. ער איז געווען שטארק אויפגערעגט ווען ער האָט געהערט אז זיי קלייבען זיך צו טויטען איהר קינד...

ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויף דעם פריהמאָרגען, ווען ער וועט קענען לויפען איבערגעבען זאָשקע׳ן אלץ וואָס ער האָט געהערט. ער האָט געהאָפט, אז איצט, ווען ער וועט העלפען ראטעווען איהר קינד, וועט זי איהם שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט.

שבת גאנץ פריה, ווי נאָר עס איז ליכטיג געוואָרען, איז קאזימיר אוועקגעלאָפען צו דער כאטע וואו זאָשקע האָט געוואוינט ביי אן אלטער, אָרימער גויה. ער איז צוגעגאנגען צו איהר פענסטער און אָנגעקלאפּט. זאָשקע האָט דאן געהאלטען אין זויגען איהר קינד, ווען זי האָט ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און דערזעהן קאזימיר׳ן, האָט זי איהם גענומען זידלען וואָס ער איז געקומען איהר שטערען.

— זיי ניט אויף מיר אין כעס, זאָשקע, — האָט קאזימיר זיך צו איהר אָנגערופען, — איך בין דיך געקומען וואָרענען אז א גרויס געפאהר שטעהט פאַר דיין קינד. איך האָב דאָס נעכטען שפּעט ביינאכט געהערט אין שענק, ווי צוויי יונגען ריידען. פון זייערע רייד פארשטעה איך אז דער גלח פון אונזער קירכע האָט זיי געדונגען. ער האָט איהר דערצעהלט אלע איינצעלהייטען דאָס וואָס ער האָט זיך אונטערגעהערט.

ווען זאָשקע האָט דערהערט אז ער דערמאָנט דעם גלח, איז שוין ביי איהר קיין צווייפעל ניט געווען אז קאזימיר דערצעהלט איהר דעם אמת.

— איך דאנק דיר זעהר, קאזימיר, איך זעה אז דו ביזט מיר א גוטער פריינט, איך וועל דיין פריינטשאפט קיינמאָל ניט פארגעסען. איך בעט דיך אָבער, אז דו זאָלסט מיט קיינעם ניט ריידען וועגען דעם. דערפאַר זאָג איך דיר אויך צו אז עס וועט שוין לאנג ניט דויערען און איך וועל דיר שוין דערצעהלען ווער עס איז דער פאָטער פון קינד.

— אָבער איך וויל אויך, זאָשקע, אז דו זאָלסט מיר צושווערען ביי דעם צלם, אז דו וועסט קיינעם ניט דערצעהלען אז איך האָב זיך אונטערגעהערט צו זייער געשפרעך און געלאָפען צו דיר דאָס איבערגעבען. ווייל ווען יענע צוויי כלאָפּצעס וועלען זיך דערוויסען אז איך האָב זיך אונטערגעהערט וואָס זיי ריידען און דיר אלץ דערצעהלט, וועלען זיי מיך זיכער ערמאָרדען.

— זאָשקע האָט ארויסגענומען דעם צלם און געשוואָרען אז זי וועט קיינעם וועגען דעם ניט דערצעהלען.

קאזימיר איז שנעל אוועק פון איהר פענסטער און איז פארשוואונדען געוואָרען.

זאָשקע האָט קיין צייט ניט פארלאָרען. זי האָט זיך איינגעהילט אין א דיקער פאטשיילע, זי האָט אויך איינגעוויקעלט איהר קינד אין די שמאטעס וואָס זי האָט געהאט און זי איז מיט האסטיגע טריט אוועק צו דעם הויז פון איהר געוועזענעם באלעבאָס ר׳ יואל און איהר באלעבאָסטע דוואָשע.

קאפיטעל איינס

עס איז געווען א פרייטאג בייטאג א פאר וואכען פאר פסח, אין ווילנע, אין יאהר 1727. מיר וועלען אריינפיהרען דעם לעזער אין ר' שלמה זלמן'ס הויז וואס איז געווען אויף דער אידישער גאס, ניט ווייט פון שוהל־הויף. זעהר אן ארים הויז איז עס געווען. בלויז דריי צימערען פאר א משפחה פון זיבען פערזאן, פינף קינדער, אלע זיהן, דער בכור איז געווען אליהו און ער איז דאן אלט געווען ארום זיבען יאהר. נאך איהם איז געווען אברהם, זעקס יאהר, יששכר בער, פיער יאהר, מאיר, דריי יאהר און משה צוויי יאהר אלט.

זייער מוטער טריינע איז געווען א יאהר פינף־און־דרייסיג, פינף יאהר עלטער פון איהר מאן ר' שלמה זלמן.

טריינע איז געווען אן אשת חיל, זי האט געארבייט טאג און נאכט, זי איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה, און מיט די געצעהלטע פרוטות וואס זי האט געהאט איז זי געגאנגען איינהאנדלען שפייז פאר איהר הויז־געזינד. זי האט געקאכט און געבאקען, אכטונג געגעבען אויף איהרע קינדער, פאר יעדען איבערגענעהט פון אלטע זאכען בגדים און דאך געהאלטען דאס הויז ריין און ציכטיג.

ר' שלמה זלמן איז געווען א גרויסער למדן, א צדיק, און האט געשטאמט פון גרויסען יחוס, זיין פרוי טריינע איז אויך געווען א יחסן'טע, זי האט געשטאמט פון דער משפחה פון ר' משה רבקש, דער מחבר פון "באר הגולה" אויף שולחן ערוך. אט דער דאזיגער ר' משה רבקש האט איבערגעלאזט א געוויסע סומע געלד וואס האט באדארפט באנוצט ווערען צו שטיצען ארימע אידען וועלכע לערנען תורה און האבען קיינע אנדערע באשעפטיגונגען, און אזוי ווי ר' שלמה זלמן האט קיין אנדער קוואל פון פרנסה ניט געהאט, ווייל ער איז געזעסען יומם ולילה און געלערנט תורה, האט ער באקומען אביסעל שטיצע פון אט דעם דאזיגען פאנד און ער האט געלעבט אין גרויס נויט און אין ארעמקייט.

פרייטאג איז געווען א שווערער טאג פאר טריינע'ן. זי איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה, אפגעבאקען די חלה און ברויט, און אויסגעקאכט א געקעכץ פון גרויפען, פאר איהר משפחה, און ווען ר' שלמה האט זיך אומגעקעהרט מיט זיין אינגעל אליהו פון בית המדרש וואו ער האט געדאווענט דעם ערשטען מנין, האט זי שוין געהאט פארטיג דעם פריהשטיק, פרישע געבאקענע ברויט און קרופניק.

באלד נאכדעם איז זי אוועק צום מארק און פאר די עטליכע אפגעשפארטע פרוטות האט זי איינגעקויפט אויף שבת פלייש און פיש און באלד גענומען צושטעלען קאכען. דער ריח פון די נאר וואס אפגעקאכטע געפילטע פיש האט זיך צעטראגען איבער'ן הויז און גערייצט די אפעטיטען. דער זיבען יעהריגער אליהו און דער זעקס יעהריגער אברהם, די עלטערע קינדער פון דער משפחה, האבען געוואוסט אז ערב שבת טאר מען קיין סך ניט עסען, כדי צו קענען עסען מיט מעהר אפעטיט די סעודה לכבוד שבת.

ר' שלמה זלמן האט נאר וואס געענדיגט דעם שנים מקרא ואחד תרגום און ער האט צוגערופען זיין בכור אליהו און איהם געזאגט:

— דו ווייסט אז מארגען, אם ירצה השם, נאכ'ן דאווענען, וועסטו זאגען א פלפול אין שטאט־שוהל, און איך וואלט וועלען דו זאלסט עס איצט פאר מיר איבערזאגען. איך וויל הערען אויב דו געדענקסט אלץ וואס איך האב מיט דיר געלערנט כדי דו זאלסט מיך חלילה ניט פארשעהמען, ווייל וויסען דארפסט דו אז מארגען וועלען אין דער ווילנער שטאט־שוהל זיין דער רב ר' יהושע העשל, און פיעלע אנדערע גרויסע לומדים וועלכע וועלען דיך וועלען כאפען ביי א גרייז.

דער זיבען יעהריגער אליהו האט זיך אוועקגעשטעלט אויף א קליינעם ביינקעל און ער האט מיט זיין שעהן־קלינגענדער שטימע איבערגעזאגט פאר זיין פאטער דעם גאנצען פלפול.

ר' שלמה זלמן האט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. פון צייט צו צייט האט ער צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אלס צייכען פון צופרידענהייט.

טריינע איז ארוים פון קיך. זי האט אפגעווישט דעם שוויים פון איהר פנים.

מיט איהר פארטוך וואָס זי האָט געטראָגען, און זיך געשטעלט ביי דער אָפּענער טיהר פון צימער און געשעפּט פולע הויפענס נחת פון איהר ליעבען קינד. זי האָט ניט פארשטאַנען וואָס איהר זיבען יעהריגער אינגעל רעדט, אָבער ער רעדט דאָך תורה... ער קען שוין לערנען... ער האָט א וואונדערבארען קאָפּ... און איהר מאַן, ר׳ שלמה זלמן, האָט איהר ערשט ניט לאַנג געזאָגט, אז אליהו וואקסט א גדול, אז ער האָט א ברייטען פארשטאַנד און אן אָפּענעם מח, אז ער איז שוין קלאָר אין גאַנץ תנ״ך און היבשע עטליכע גמרות מיט מפרשים.

— פּאָטער אין הימעל! — האָבען איהרע ליפּען זיך גענומען באַוועגען אין א תפלה, — העלף אונז אז מיר זאָלען זוכה זיין צו דערלעבען נחת פון איהם, באשיץ איהם פון א בייז אויג, גיב איהם כח ער זאָל קענען לערנען דיין הייליגע תורה, זאָל ער חלילה מאָרגען ניט נכשל ווערען.

ווען טריינע האָט א טראַכט געטאָן פון מאָרגען ווען איהר בכור וועט האַלטען א דרשה אין דער ווילנער גרויסער שוהל, האָט איהר הארץ א צאַפּעל געטאָן פון גרויס פרייד. זי האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלען אז די גבאים און פּרנסים פון שוהל זאָלען ערלויבען אזא זאך... דאָס האָט איינער פון די לומדים, וועלכער האָט געהאט פארהערט אליהו׳ן, צוגעשטאַנען צו איהר מאַן אז ער זאָל לאָזען אליהו׳ן זאָגען א פּלפּול אין דער גרויסער שוהל. זי געדענקט ווי איהר זוהן׳ס פּנים האָט זיך צעלויכטען ווען דער למדן האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— וואָס זאָגסטו, אליהו, וועסטו קענען איבערזאָגען אָט דאָס אלעס פאר דעם עולם אין דער שטאָט־שוהל?

אליהו האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און איהר מאַן האָט שוין געמוזט איינשטימען אז אויב ער וועט קריגען די ערלויבניש פון די גבאים, וועט ער איהם לאָזען זאָגען דעם פּלפּול אין דער שטאָט־שוהל שבת נאָכ׳ן דאַווענען.

טריינע אליין האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלען אז מען וועט ערלויבען איהר זיבען יעהריגען זוהן צו האַלטען א דרשה פאר, אָהן עין הרע, אזא גרויסען עולם אין דער שטאָט־שוהל, און ווען ר׳ שלמה זלמן האָט דאָס איהר געזאָגט, איז זי געבליבען שטעהן א געפּלעפּטע. זי האָט א קוק געטאָן אויף איהר טייער קינד און איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען.

איצט שטעהט זי אָט דאָ נעבען דער טיהר און הערט זיך איין ווי עס שיטען זיך הייליגע ווערטער פון זיין קינדיש כשר׳ען מויל... מאָרגען וועט ער אָט דעם דאָזיגען פּלפּול זאָגען פאר אן עולם פון לומדים.

— מיר פאר זיינע ביינדעלעך, אָ, גאָט, הארציגער פּאָטער אין הימעל!

ר׳ שלמה זלמן שטעלט איהם אָפּ אין מיטען און פרעגט איהם א קשיא, און אליהו ענטפערט איהם שנעל, און זעצט פאָרט דעם פּלפּול נאָך מיט מעהר ברען.

ווען ער האָט געענדיגט זאָגען דעם פּלפּול, איז דער פאטער צו איהם צוגעגאַנגען און איהם א קוש געטאָן אין קאָפּ.

די מאמע האָט געוואָלט צוגעהן צו איהם, ארומנעהמען און דריקען איהם צו זיך און באַדעקען איהם מיט קושען, אָבער זי האָט זיך באהערשט. עפּעס האָט זיך איהר געדוכט אז זי וואָלט מיט דעם פארשוועכט די הייליגקייט אין וועלכער איהר קינד איז איינגעהילט. זי האָט אָבער ניט געקענט באהערשען איהרע טרעהרען... זי האָט זיך שנעל צוריקגעקעהרט אין קיך און זיך דאָרטען פאנאנדערגעוויינט. דאָס זיינען געווען טרעהרען פון גליק, פון נחת, פון דאנקבארקייט צו גאָט וואָס ער האָט זי מזכה געווען צו האָבען אזא זוהן.

צווישען די אידען אין ווילנע האָט מען זיך שוין דערוואוסט אז דעם שבת פּרשת החודש, וועט ר׳ שלמה זלמן׳ס אינגעלע, אליהו, וועלכער איז קוים אלט זיבען יאָהר, זאָגען א פּלפּול פאר׳ן עולם.

ניט אלע זיינען געווען צופרידען מיט דעם. איבערהויפּט דער ווילנער רב, ר׳ יהושע העשל. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז די פּרנסים האָבען געגעבען ערלויבניש צו א זיבען יעהריגען אינגעלע צו האַלטען א דרשה אין

דער שטאָט־שוהל, האָט ער געשטורעמט געגען דעם.

— סטיטש, ווי אזוי ערלויבט מען דאָס אזא זאך? ! א קינד וועט רידען פון דער בימה פון דער גרויסער שוהל, עס וועט דאך האָבען אפּנים פון חוזק!

— אָבער, רבי, — האָט זיך איינער פון די פּרנסים אָנגערופען צו איהם, — אזא גרויסער לומדן ווי ר׳ נח נטע האָט זיך פאר איהם משתדל געוועזן, ער האָט געזאָגט אז די גרעסטע רבנים און לומדים מעגען איהם הערען און ניט נאָר וועלען זיי הנאה האָבען, נאָר זיי וועלען פון איהם עפּעס לערנען אויך, און ער האָט פארלאנגט מיר זאָלען איהם געבען די ערלויבניש.

— ר׳ נח נטע? — האָט דער רבי א קוועטש געטאָן מיט זיינע פּלייצעס, — איך ווייס טאקע ניט וואָס פאר א רוח שטות איז איהם אריין! וואָס הייסט, מען נעהמט א אינגעלע פון זיבען יאָהר, מען לערנט איהם אויס א דרשה און מען זוכט ארויפצוצווינגען אויפ׳ן עולם אין דער שטאָט־שוהל זיך צוצוהערען. אויב דער טאטע, ר׳ שלמה זלמן, וויל צייגען אז זיין אינגעלע האָט א גוט קעפּעל, האָט ער באדארפט איינלאדען עטליכע לומדים צו זיך אין הויז. נאָר א טאטען קען מען מוחל זיין, ביי איהם איז זיין קינד א וואונדער, אָבער אויף ר׳ נח נטע׳ן וואונדערט מיך זעהר... ער זאָל זיך נאָך משתדל זיין און איהר זאָלט איהם נאָכגעבען.

— איהר האָט געדארפט הערען רבי, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט וועגען קינד, — האָט דער פּרנס געזאָגט, — ער האָט אונז געזאָגט, אז דאָס קינד האָט א גאון׳ישען קאָפּ, אז ער וועט מרעיש עולם זיין, אז אלע וועלען נשתומם ווערען ווען זיי וועלען הערען זיין פּלפּול. ער האָט איהם געהערט און ער איז נתפּעל געוועזן.

— נו, מילא, א מענש ווערט נתפּעל פון אזא קליינינקייט, — רופט זיך אָן ר׳ יהושע העשל, — ער ווייסט ניט אז א בער קען מען אויך אויסלערנען טאנצען? דער טאטע זיינער האָט מיט איהם אזוי לאנג איינגע׳חזר׳ט אז ער קען איבערזאָגען דעם פּלפּול, איז וואָס, אז דאָס קינד האָט א גוט קעפּעל? דארף מען צוליעב דעם מטריח זיין אז עולם אידען. נו, פארפאלען, מען האָט שוין וועגען דעם געמאָלדען, אָבער מעהר טאָר מען אזא זאך ניט דערלאָזען.

ביים רב אין הויז זיינען גראד דאן געוועזן נאָך אייניגע רבנים און לומדים פון די ארומיגע געגענטען, און ווען זיי האָבען עס געהערט, האָבען זיי אויך איינגעשטימט מיט דעם ווילנער רב אז אזא זאך האָט ניט באדארפט דערלאָזט ווערען.

— מען וועט איינמאָל פאר אלעמאָל דארפען אָנלערנען דעם טאטען ער זאָל זיך ניט אויספּיינען צופיעל מיט זיין זוהן, — האָט איינער פון די רבנים געזאָגט, — די בעסטע זאך וועט זיין ווען מען זאָל איינלאדען דעם פאטער מיט׳ן קינד אהער טאקע גלייך נאָכדעם ווי ער וועט האָבען געענדיגט זיין דרשה. מיר וועלען איהם שטעלען א פּאָר קשיות וועגען דעם זעלבען ענין און דאן וועט ער איינזעהן אז ער זאָגט איבער בלויז דאָס וואָס ער האָט מיט איהם איינגע׳חזר׳ט. אָבער ווען עס קומט איהם אויס אביסעל זיך אָפּצונויגען פון דעם ענין, וועט ער ניט וויסען וואָס צו ענטפערען.

— און איך זאָג, אז מען דארף איהם נאָרניט איינלאדען אהער, טאקע אין שוהל גופא אויף דער בימה וועלען מיר ארויפגעהן און איהם פרעגען עטליכע קשיות, וועט ער בלייבען שטעהן, און דאן וועט זיין טאטע איינזעהן אז ער איז באגאנגען א נארישקייט מיט דעם וואָס ער האָט איהם געלאָזט האלטען א דרשה אויף דער בימה פון דער ווילנער שטאָט־שוהל — האָט א צווייטער רב געזאָגט.

— ניין, מבייש זיין איהם ברבים דארף מען ניט, — האָט ר׳ יהושע העשל זיך אָנגערופען, — נאָר צווישען זיך וועט ניט שאדען אז מען וועט אָנלערנען ר׳ שלמה זלמן׳ען ער זאָל אזא זאך מעהר ניט טאָן.

— עס וואָלט געוועזן כדאי צו וויסען אויף וואָס פּאר אן ענין דאָס אינגעלע וועט האלטען זיין דרשה, — האָט זיך נאָך א רב אָנגערופען, — ווייל דאן וואָלט מען געקענט אריינ־

קוקען אין דעם און האָבען וואָס צו פּרעגען.

— אָפּצושטעלען דאָס קינד מיט אַ פּאָר קשיות וועט מען זיך שטאַרק ניט דאַרפען אָנשטרענגען, — האָט ר' יהושע העשל געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

———

די שטאָט־שוהל איז יענעם שבת געווען געפּאַקט, ווייל פיעלע אידען זיינען געווען נייגעריג צו הערען ווי אזוי א זיבען יעהריג אינגעלע וועט זאָגען א פּלפּול אויף דער בימה פאַר אזוי פיעל רבנים און לומדים.

ר' שלמה זלמן איז געזעסען אויף זיין פּלאַץ איינגעהילט אין טלית. נעבען איהם איז געזעסען זיין קינד אליהו, און ער האָט געדאַווענט, אייניגע פון די חשוב'ע בעלי־בתים זיינען פאַרבייגעגאַנגען יענעם פּלאַץ, געוואָרפען א בליק אויף דעם קליינעם אינגעלע און געצוקט מיט די שולטערען.

אויבען אין דער ווייבערשער שוהל איז אין א ווינקעל געזעסען טריינע, די מאַמע פון אליהו. איהרע אויגען איינגעגראָבען אין א דיקען סידור, איהר הארץ האָט שטאַרק געקלאַפּט און איהרע ליפּען האָבען זיך באַוואויגען... איהרע אויגען זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרעהרען געמישטע פון פרייד און שרעק...

— אָ, גאָט, פאַרשעהם אונז ניט!

— האָבען איהרע ליפּען געשעפּטשעט.

אָט האָט מען שוין געענדיגט דאַווענען. דער שמש האָט דריי מאָל א קלאַפּ געטאָן מיט זיין האנט אויף דעם שלחן וואָס איז געשטאַנען אויף דער בימה. דער עולם איז געבליבען זיצען אויף אן אָרט. ר' שלמה זלמן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און האלטענדיג זיין זוהן ביי דער האנט, האָט ער איהם צוגעפיהרט צו דער בימה. דער שמש האָט איהם געהאָלפען זיך אוועקשטעלען אויף א קעסטעלע, און געבען נאָך א קלאַפּ.

אין שוהל האָט געהערשט א שטילקייט. באַלד האָט זיך צעטראָגען איבער דעם חלל פון שוהל, א זיס שטימעלע קלאָר און דייטליך: "כל דבר שאין לו מתירין אפילו באלף לא בטל". אליהו האָט אַרומגערעדט יענע שיטה פון נדרים דף נ"ב מיט'ן ר"ן.. וואָס ווייטער איז זיין שטימעלע שטאַרקער געוואָרען, ער האָט געפרעגט קשיות און גלייך געענטפערט. ער האָט געמאכט א "קל וחמר" און א "גזרה שוה". ער האָט אזוי אָפּגערעדט א גאַנצע שעה. דער עולם איז געבליבען פאַרגאַפט.

דער רב ר' יהושע העשל איז געשטאַנען נעבען דער בימה און האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו יעדען וואָרט וואָס איז אַרויסגעקומען פון אליהו'ס מויל. נעבען איהם איז געשטאַנען א יונגערמאַן ר' יוסף עטקעס, א למדן מופלג און דער איידעם פון ר' אברהם קאַצענעלענבאָגען, דער בריסקער רב.

— ממש פה מפיק מרגליות (א מויל וואָס שיט פּערל), — רופט זיך אָן ר' יוסף עטקעס צום רב ר' יהושע העשל.

— יאָ, דעם פּלפּול האָט ער איבערגעזאָגט אזוי גוט פּונקט ווי ער וואָלט עס פאַרשטאַנען, — האָט ר' יהושע העשל געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — איך צווייפעל אָבער אויב ער פאַרשטעהט וואָס ער האָט געזאָגט. מען קען אָבער עס ניט אוועקמאַכען מיט'ן האנט. א גוטע קעפּעל האָט ער. ער האָט איבערגעזאָגט דעם פּלפּול מיט אלע קנייטשעלעך, מיט אלע דריידלעך, כזקן ורגיל. איך וועל איהם טאַקע באַלד איינלאַדען צוזאַמען מיט זיין טאַטען, און מיר וועלען זעהן ווי ווייט זיין קענטנים דערגרייכט.

ווי נאָר דאָס אינגעלע האָט געענדיגט דעם פּלפּול איז ער אַרומגערינגעלט געוואָרען פון פיעלע בעלי בתים און פון רבנים און זיי האָבען איהם געוואָלט שטעלען פראַגעס, אָבער ר' יהושע העשל האָט געזאָגט, אז ער לאַדט איין ר' שלמה זלמן און זיין קינד צו איהם אין הויז און דאָרט וועט ער איהם פאַרהערען, און ווער עס וויל קען קומען צו איהם אהיים און הערען ווי ווייט זיין לומדות דערגרייכט.

— הער זיך איין אינגעלע, — האָט דער רב ר' יהושע העשל זיך צו איהם געווענדעט ווען ער האָט גענומען אַרונטערגעהן פון דער בימה — דו וועסט מיט דיין טאַטען קומען

צו מיר אין הויז, מיר וועלן דיך דאָרט פאַרהערן.

אליהו איז צוגעגאַנגען צו זיין פאָטער און ער האָט איהם איבערגעגעבן דעם רב'ס ווערטער.

— דו האָסט קיין מורא ניט, אליהו? — פרעגט איהם ר' שלמה זלמן — דו ווייסט דאָך אַז ביים רב אין הויז וועלען איצט זיין די גרעסטע לומדים און זיי וועלען דיך פאַרהערן. וועסטו מיך ניט פאַרשעהמען?

— מיט גאָט'ס הילף האָף איך אַז איך וועל דיך ניט פאַרשעהמען, טאַטע! — האָט אליהו געזאָגט.

ר' יהושע העשל איז ארויס פון שוהל אין באַגלייטונג פון אייניגע פרנסים און לומדים. הינטער זיי זיינען געגאַנגען ר' שלמה זלמן, אליהו און דער יונגער למדן ר' יוסף עטקעס, וועלכער האָט שוין פון קליינעם אינגעל ניט אָפּגעטראָטען, און ר' נח נטע וועלכער האָט גע'פועל'ט ביי ר' שלמה זלמן ער זאָל לאָזען אליהו'ן האַלטען זיי דרשה אין דער שטאָט־שוהל.

זיי זיינען אריין אין רב'ס שטוב, וואָס איז געווען אויפגעראַמט ריין און ציכטיג לכבוד שבת. די רביצין האָט זיך געוואונדערט, דערזעהענדיג אַזוי פיעל אידען אריינקומענדיג צו איהר אין הויז.

— גוט שבת, רביצין! — האָבען די אריינגעקומענע זי באַגריסט.

דער רב האָט געמאַכט קידוש און באַלד זיך אָנגערופען:

— קום נאָר אַהער, אינגעלע, זאָג מיר, ווי איז דיין נאָמען?

— אליהו! — ענטפערט איהם דאָס ·אינגעלע.

— איצט זאָג מיר, אליהו, — האָט ר' יהושע העשל זיך ווידער צו איהם געווענדעט, — האָסטו ווירקליך פאַרשטאַנען אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט?

אליהו האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

דאַן האָט איהם דער רב גלייך געפרעגט אַ קשיה, און אין דערזעלבער רגע האָט אליהו גענומען פאַרענטפערען זיין קשיה, ארויסווייזענדיג דאַמיט זיין טיפען פאַרשטאַנד ווי גרינטליך ער פאַרשטעהט דעם דאָזיגען עניין.

ר' יהושע העשל איז נשתומם געוואָרען. ער איז געבליבען שטעהן אַ ווייַלע באַוועגלאָז. אויף אַזאַ תירוץ און ערקלעהרונג וואָלט ער זיך אפילו פון אַן ערוואַקסענעם למדן ניט געריכט.

די אַנדערע אַנוועזענדע האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, געשאָקעלט מיט די קעפּ.

ר' יהושע העשל האָט איהם דאַן געפרעגט אַ צווייטע קשיה און אליהו האָט אויף דעם אויך שנעל געענטפערט.

נאָך איינער פון די לומדים האָט פּרובירט איהם צוטומלען מיט פאַרשידענע פראַגעס. אָבער אליהו האָט יעדען געענטפערט מיט רוהיגקייט און געלאַסענקייט. דאַמיט ארויסווייזענדיג זיין חריפות ווי אויך זיין בקיאות אין גמרא.

די באַגייסטערונג איז גרעסער געוואָרען מיט יעדער רגע. אַלע האָבען באַוואונדערט זיין טיפען לאָגישען מח'ל.

אָט געהט צו צו איהם אַן עלטערער רב, וועלכער איז געווען ר' יהושע העשל'ס אורח, און שטעלט איהם אַ קשיא.

דער קליינער אליהו פאַרקנייטשט אַ ווייַלע זיין שטערן און ער רופט זיך אָן:

— איך וועל אייך פרעגען אַ קשיה אויף אייער קשיה, און מיט דעם תירוץ וואָס איהר וועט מיר געבען וועט אויך קענען פאַרענטפערט ווערען אייער קשיה וואָס איהר פרעגט מיך.

— נו, אַדרבא, לאָמיך הערען! — האָט דער רב זיך אָנגערופען, און אַ קוק געטאָן אויף דעם קליינעם אינגעלע מיט אַביסעל ביטול, — דאָס איז שוין עטוואָס חוצפה... וואָס הייסט ער וועט איהם פרעגען אַ קשיה?!

אין רב'ס צימער איז געוואָרען שטיל, און אליהו האָט אויפגעהויבען זיין קליין רעכט הענטעלע און גענומען דרעהען מיט דעם גראָבען פינגער און איהם געפרעגט אַזאַ שווערע קשיה אַז דער רב איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער. ער האָט גענומען קנייטשען זיין שטערן, טראַכטען, אָבער ער געפינט ניט קיין אויסוועג. ער ווייסט

ניט וואס צו ענטפערען. ער האט דעם איינגעלע געבעטען ער זאל ווידערהאלען זיין קשיה, און אליהו האט עס געטאן. אבער די שטילקייט איז צימער איז געבליבען. קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען אויף דער קשיה. מען האט זיך איבערגעווארפען מיט בליקען. מען האט געשאקעלט מיט די קעפ, געקוועטשט מיט די פלייצעס.

ר׳ יהושע העשל האט א מאד געטאן מיט זיין האנט ווי ער וואלט געוואלט צוגעבען אז די קשיה איז זעהר א שווערע און ער ווייסט ניט וואס צו ענטפערען אויף דעם.

איינער פון די עלטערע לומדים האט אפילו פרובירט פארענטפערען די קשיה מיט אן אנדער מאמר פון א תנא, אבער אליהו האט באלד באוויזען אז עס איז גאר קיין פארגלייכעניש ניט.

ר׳ שלמה זלמן אליין, וועלכער האט מיט איהם געלערנט איז אויך געבליבען ערשטוינט.

— נו, נו, לאמיר שוין הערען ווי אזוי דו וועסט פארענטפערען די דאזיגע קשיה מיט אזא תירוץ וואס זאל אויך פארענטפערען די קשיה פון מיין חשוב׳ען אורח? — האט ר׳ יהושע העשל זיך צו איהם געווענדעט.

אליהו האט גלייך פארענטפערט די קשיה און באוויזען ווי מיט דעם תירוץ ווערען ביידע קשיות מיט אמאל פארענטפערט.

אלע זיינען געבליבען שטעהן ווי פארגליווערטע. דער יונגער למדן ר׳ יוסף עטקעס איז צו אליהו׳ן צוגעגאנגען און איהם א קוש געטאן אין שטערן און דער רב ר׳ יהושע העשל האט געזאגט: ירבו כמותך בישראל (זאל זיין א סך ווי דו ביי אידען).

— נו, האט איהר געזעהן אזא גאונ׳ישע קאפ? — האט ר׳ נח נטע מיט נצחון זיך אנגערופען צו ר׳ יהושע העשל׳ען, — איך האב געהערט אז איהר האט אויף מיר פאראיבעל געהאט וואס איך האב איבערגערעדט די פרנסים אז זיי זאלען איהם ערלויבען צו האלטען א דרשה אין דער שטאט־שוהל?

— מה נאמר ומה נדבר! — ענטפערט דער ווילנער רב — אשרי יולדתו (וואויל איז דער מאמען וואס האט אזא קינד געבוירען).

פלוצלינג האט זיך די טיהר פון דעם רב׳ס שטוב אן עפען געטאן און א בכבוד׳יגער איד מיט א ברייטער שעהנער בארד איז אריינגעלאפען מיט א גוואלד און געשריי:

— אוי, רבי, ראטעוועט! העלפט! אידען האט רחמנות! א בלבול, א בלוט־בלבול אויף מיר! רחמנים בני רחמנים, העלפט מיר!

איידער מען האט באוויזען אויסצופרעגען דעם אידען וואס עס האט פאסירט, איז דורך דער זעלבער טיהר אריינגעקומען א יונגע שיקסע מיט אן עופה׳לע פון עטליכע טעג אלט. דאס עופה׳לע האט געוויינט און די שיקסע האט עס געשאקעלט איינצושטילען.

ר׳ יהושע העשל און די אנוועזענדע זיינען געבליבען שטעהן דערשראקענע און צעטומעלטע. און פאר עטליכע מינוט זיינען אלע געבליבען שטיל.

די שיקסע איז געשטאנען אין מיטען צימער מיט׳ן עופה׳לע אויף איהרע הענט, וואס איז געווען איינגעהילט אין א פאטשיילע. איהר פנים איז געווען טויט־בלאס, איהרע אויגען צושראקען. זי האט זיך ארומגעקוקט און גענומען טוליען דאס קינד צו זיך.

— ווער זייט איהר, ר׳ איד? — האט זיך ר׳ יהושע העשל געווענדעט צום פרעמדען, — און ווער איז זי?

— מיין נאמען איז ר׳ יואל, איך האלט די אכסניה אויף דער זאוואלנער גאס, און זי — האט ער אנגעוויזען אויף דער שיקסע — איז געווען מיין דינסט ביז מיט א צוויי חדשים צוריק.

ר׳ יהושע העשל האט א וואונק געטאן צום אידען ער זאל מיט איהם אריינגעהן איזי זיין חדר מיוחד. און די רביצין האט אריינגערופען די שיקסע אין קיך און זי האט איהר געבעטען זיך זעצען. זי האט איהר געגעבען א שטיק חלה. די שיקסע האט זיך קוים צוגעכאפט צו דער חלה. זי איז געווען שטארק הונגעריג.

ווען דער רבי איז געבליבען מיט ר׳ יואל׳ן אליין אין צימער, האט ער

איהם געבעטען דערצעהלען אלץ וואס האט פאסירט.

— די דאזיגע שיקסע, זאשקע איז איהר נאמען, האט ביי מיר געדיענט היבשע עטליכע יאהר. זי איז אן עהרליכע שיקסע און האט געארבייט זעהר פלייסיג, זי האט געהאלפען מיין פרוי מיט אלץ. זי האט אפילו איהר געהאלפען מיט די קינדער.

— וועמעס קינד טראגט זי אויף די הענט? — האט דער רב מיט א שטרענגער שטימע זיך אנגערופען צו ר' יואל'ן.

— וואס פרעגט איהר מיך, רבי, פרעגט די שיקסע, זי וועט שוין אייך אלץ דערצעהלען.

— וואס איז דאס פאר אן ענטפער!
— האט זיך שוין ר' יהושע העשל אויף איהם אנגעבייזערט.

— אוי, רבי, זייט מיר מוחל, איך בין אזוי צוטומעלט און צושראקען אז איך ווייס ניט וואס איך רייד. עפעס א קליינינגקייט אזא בלבול! דער גלח ימח שמו, ער האט מיך שיער ניט אומגליקליך געמאכט. איך זאג מיך... ער האט דאך געוואלט אלע ווילנער אידען אומגליקליך מאכען. א קליינינגקייט!
— האט ר' יואל גענומען שפרייזען איבער'ן צימער הין און צוריק — איך האב מחלל שבת געווען צוליעב דעם. איך בין אנטלאפען פון מיין הויז, ווייל ווי איהר ווייסט געפינט זיך מיין הויז אונטער דער הערשאפט פון דעם וואיעוואדא (גובערנאטאר), און דא זייט איהר דאך אונטער דער הערשאפט פון בישאף, און ער וועט מיר און די שיקסע ניט קענען טאן קיין שלעכטעס.

— ר' יואל, בארוהיגט זיך, — האט דער רב געזאגט, — זעצט זיך דא און דערצעהלט מיר געלאסען וואס עס איז פארגעקומען. דערווייל פארשטעה איך גארניט וואס עס איז פארגעקומען ביי אייך.

ר' יואל האט אפגעווישט דעם שווייס פון זיין פנים און ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א בענקעל. ער האט שווער געאטעמט און קוים געקענט ריידען.

דער רב האט זיך צוגעזעצט נעבען איהם און איהם באטראכט. אונטער דעם מאנטעל האט ער געטראגען אן אטלעסענע קאפאטע און מען האט געקענט מערקען אז ער איז א פיינער בעל־הבית. טא וואס האט די שיקסע צו טאן דא מיט איהם? פארוואס איז זי אנטלאפען אהער צוזאמען מיט איהם? ער קען עס ניט פארשטעהן, און דא זיצט ער און רעדט ניט... ער האט גענומען ווערען אומגעדולדיג.

— נו, דו ווייסט דאך אז ביי מיר ווארטען עטליכע געסט. איך בין פארנומען. דערצעהל מיר וואס עס איז פארגעקומען, וועל איך וויסען וואס צו טאן. עס איז דאך היינט שבת.

— רבי! — האט ר' יואל זיך אנגערופען, — פאר די אלע יאהרען וואס די שיקסע האט געדינט ביי מיר אין הויז, איז זי געווען עהרליך און באשיידען... איך און מיין פרוי האבען זיך אויף איהר געקענט פארלאזען... זי האט אפילו אפגעהיט די דינים פון כשרות... און דאריבער פלעגט מיין פרוי איהר ערלויבען אריינצוקומען אין קיך העלפען איהר קאכען. מיט אמאל דערצעהלט מיר מיין פרוי א סוד, אז זי באמערקט עפעס אויף דער דינסט... עפעס איז זי ניט ווי עס באדארף צו זיין... איהר פארשטעהט רבי, זי האט גענומען באמערקען אז כריסה בין שיניה... רופען מיר זי שוין ביידע אריין אין צימער און מיר נעמען איהר שטעלען פראגען... ווער און וואס? ענטפערט זי נישט.

— זאג איך צו איהר, זאשקע, דו ביזט אלע מאל געווען אזא עהרליכע באשיידענע מיידעל, ווי קומט עס צו דיר. זאג אונז ווער איז דיין פארפיהרער? ענטפערט זי ניט און פאלט אין חלשות. מיין פרוי האט זי אפגעמינטערט און זי האט גענומען צושטעהן צו איהר, האט זי זיך פאנאנדערגעוויינט. מיר האבען ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט איהר... ווען זי האט זיך בארוהיגט, רופט זיך אן מיין פרוי צו איהר:

— זאג מיר, זאשקע, פארוואס ווילסטו ניט אויסזאגען ווער דאס איז? אויב עס איז איינער פון די כלאפצעס, פון די שקצים וועלכע ארבייטען ביי אונז וועלען מיר שוין זעהן אז ער זאל מיט דיר חתונה האבען.

זאשקע אבער וויל ניט זאגען. וואס מיר האבען ניט געטאן, וויפיל מיר הא־

בען זיך ביי איהר ניט געבעטען, אָבער זי וויל ניט אויסזאָגען.

ביז איך שוין אין כעס געוואָרען און זיך צו איהר אָנגערופען:

— אויב דו וועסט אונז ניט זאָגען דעם אמת, ווער דאָס איז, וועסטו מוזען פארלאָזען אונזער שטוב. מיר וועלען אזא זאך ניט דולדען . . . ווען דו ביזט געוועזען עהרליך און באשיידען, נו, האָבען מיר דיך באהאנדעלט זעהר גוט, אָבער איצט וועסטו מוזען גלייך געהן פון דאנען.

ווייזט אויס אז די דאָזיגע רייד מיינע האָבען אויף איהר געווירקט און זי האָט זיך גענומען בעטען ביי אונז מיר זאָלען זי ניט ארויסטרייבען. ווייל זי איז עלענד, זי האָט ניט קיין מוטער און איהר פאָטער איז א גרויסער שיכור . . . און עס וועט איהר אויסקומען צו ווארפען זיך אין טייך.

— אז דו וועסט אונז זאָגען ווער דאָס איז, וועלען מיר דיר קענען געבען אן עצה! — רוף איך זיך אָן צו איהר, — אָבער אז דו שווייגסט, טאָ ווי אזוי קענען מיר דיר העלפען?

האָט זי זיך ווידער צוכליפעט. מיין פרוי האָט זי אריינגעפיהרט צו זיך אין צימער, זי האָט איהר געצערטעלט און אזוי פון איהר ארויסגעקראָגען ווער עס איז שולדיג אין איהר אומגליק . . . איך זאָג אייך, רבי, אז איך בין אויפגעטרייסעלט געוואָרען ווען איך האָב געהערט ווער עס האָט זי פארפיהרט.

— נו, נו, טאָ ענדיג שוין, — איז דער רבי אומגעדולדיג געוואָרען.

— זי האָט דערצעהלט פאר מיין ווייב, אז דער גלח צו וועמען זי פלעגט געהן יעדען זונטאָג זיך מתודה זיין, האָט געוואָרפען אן אויג אויף איהר און ער האָט זי פארפיהרט.

— נו, אויב אזוי, — רוף איך זיך אָן צו מיין ווייב, — א שעהנע ריינע כפרה, זאָל דער גלח פאר איהר זאָרגען. ביי אונז אין שטוב קען זי שוין מעהר ניט זיין . . . איך וועל ניט דערלאָזען אז ביי מיר אין הויז זאָל געבוירען ווערען א ממזר . . . בקיצור, מיר האָבען געזאָגט דער שיקסע אז זי דארף אוועקגעהן צום גלח און איהם דערצעהלען אלץ און פארלאַנגען ער זאָל זי באזאָרגען. דאָס איז די איינציגע עצה וואָס מיר קענען איהר געבען.

האָט זי ווידער גענומען וויינען און בעטען זיך . . . זי וויל ניט געהן צו איהם . . . זי האָט מורא . . .

— זאָג איך צו איהר, זאָשקא, דו דארפסט ניט מורא האָבען. דער גלח דארף מורא האָבען, און אז דו וועסט איהם אלץ דערצעהלען וועט ער שוין טהאָן אלץ פאר דיר כדי דו זאָלסט עס פאר קיינעם ניט דערצעהלען, און וואָס איז שייך אונז, קענען מיר דיר צוזאָגען אז מיר וועלען קיינעם דיין סוד ניט ארויסגעבען. פאָלג אונז און געה צום גלח. דו קענסט שטעהן דאָ ביז זונטאָג און דאן וועסטו דאָך אלץ איינם איהם זעהן, וועסטו איהם שוין זאָגען וואָס דו האָסט איהם צו זאָגען.

אזוי איז געוועזען. זונטאָג איז די דינסט אוועקגעגאנגען פון אונז, און מיר האָבען פון איהר מעהר ניט געהערט ביז היינטיגען טאָג. איך קום פון בית המדרש אהיים, איך גיב א קוק, מיין פרוי איז צושראָקען און פארוויינט, און זאָשקע האלט א קינד אויף איהרע הענט.

— וואָס פארלאנגסטו, זאָשקע? פרעג איך איהר.

זאָשקע האָט גערריקט איהר קינד צו איר הארצען און זי האָט זיך פאָנאנדערגעוויינט.

— ניין, ניין, איך וועל עס ניט טאָן,

— האָט זי וויינענדיג גערעדט.

— וואָס ניט טאָן? — קוק איך איהר אָן.

זאָשקע שווייגט און איך נעם שוין אויספרעגען מיין ווייב וואָס זי וויל פון אונז. ענטפערט זי מיר:

— יואל, עס איז ניט גוט! דער גלח וויל אונז אומברייננען! ער האָט פארלאנגט פון זאָשקע'ן זי זאָל טוטען דאָס קינד און עס אונטערוואַרפען צו אונז, כדי נאָכהער צו קענען מאכען א בלוט-בלבול אויף אונז און אויף אלע אידען. ער האָט שוין אפילו געדונגען צוויי כוליאגנעס וועלכע וועלען דאָס טאָן. זי האָט זיך דערפון דערוואוסט און דאריבער איז זי גלייך געקומען צו לויפען צו אונז.

דערהערענדיג אזעלכע רייד איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איך דארף דאָך אייך ניט זאָגען, רבי, וואָס

עס מיינט! מעהר ווי דאָס וועט אונז ניט פעהלען. מאָרגען איז זונטאָג. די פויערים קומען זיך צוזאמען אין קלויסטער און אז דער גלח וועט זיי זאָגען אז מיר זיינען שולדיג . . . וועלען זיי אונז איבערפאלען און עס וועט קומען צו א פאָגראָם.

— אָבער דאָס קינד לעבט דאָך! — רופט זיך אָן ר׳ יהושע העשל, — ווי אזוי קען ער מאכען א בלבול אויף אייך?

— דער גלח האָט פארלאנגט פון זאָשקע׳ן זי זאָל עס טויטען און אונטערוואַרפען נעבען מיין אכסניה, און אז זי האָט עס ניט געוואָלט טאָן, האָט ער איהר געזאָגט, אז ער וועט פאר אלעמען דערצעהלען אז דער ממזר איז פון מיר . . . אז איך בין איהר פארפיהרער . . . און דאן וועלען די פויערים מיך און מיין הויז־געזינד באפאלען.

— אָבער, זי . . . איך מיין די דינסט, וועט דאָך קענען דערצעהלען דעם גאנצען אמת?! . . .

— פאר דעם האָט זי מורא. ערשטענס האָט זי מורא אז מען וועט איהר קינד טויטען און אפילו ווען איר וועט געלינגען צו ראטעווען איהר קינד, ווייסט זי אז מען וועט גלויבען דעם גלח און ניט איהר, דאריבער איז זי דאָס געקומען מיר זאָגען. זי וויל ניט אז מיר זאָלען ליידען צוליב איהר אומזיסט. זי האָט מיר געזאָגט, אז נאָכדעם ווי זי האָט געזעהן ווי פאלש דער גלח איז, האָט זי באשלאָסען זיך מגייר צו זיין.

— נייז, נייז, וועגען דעם קען קיין רייך ניט זיין, — האָט דער רב ר׳ יהושע העשל זיך אָנגערופען, — מעהר ווי דאָס פעהלט אונז ניט. מיר דארפען ניט קיין גר׳טע.

— נו, און וואָס זאָלען מיר טאָן? אויב דער גלח זאָל זי אריינקריגען אין זיינע הענט נאָך אמאָל, וועט ער זי געוויס צווינגען ארויפצוואַרפען די גאנצע שולד אויף מיר, און דאן זיינען מיר אלע פארלאָרען. אָה, רבי, גיט אן עצה! איך בין אומגליקליך! איך האָב א פרוי מיט קליינע קינדער. מעהר וועט אונז ניט פעהלען אויב ער זאָל געגען אונז אויפרייצען די פויערים.

— זייט ניט פארצווייפעלט, ר׳ יואל! — האָט ר׳ יהושע העשל זיך אָנגערופען, — פארלירט ניט דעם בטחון . . . גאָט וועט העלפען . . . איהר בלייבט דאָ א ווייל אין צימער, איך וועל זיך באלד צוריקקעהרען.

ר׳ יהושע העשל איז אריין פריהער צו די געסט און ער האָט זיך צו זיי אָנגערופען:

— עפּעס האָט פּאסירט דאָ מיט דעם אידען, דעם בעל אכסניה פון זאַוואלנער גאס. איך קען אייך איצט גאָרניט דערצעהלען, איהר וועט איצט אלע געהן אהיים. איך וויל אָבער אז איהר ר׳ שלמה זלמן מיט אייער זוהן, זאָלען צו מיר קומען אויף שלש סעודות, מיר וועלען אביסעל פארברייינגען אין תורה. איין זאך וויל איך אייך זאָגען איידער איהר געט אוועק פון דאנען, דער איד, ר׳ יואל, איז אין גאנצען אומשולדיג און זאָל חלילה קיינער פון אייך ניט נכשל ווערען מיט דעם וואָס ביי איהם וועט זיך פאר׳גנב׳ענען א חשד אויף א כשר׳ן אידען. איך זאָג עס אייך ווייל איך אליין בין שיער ניט געשטרויכעלט געוואָרען. ווען איך האָב איהם דערזעהן און נאָכהער די ערלית. מען זוכט צו מאכען א בלבול ניט נאָר אויף איהם נאָר אויף אלע אידען.

די געסט האָבען געוואונשען דעם רב א גוטען שבת און האָבען גענומען פארלאָזען דאָס הויז.

— איהר, ר׳ יוסף עטקעס, בלייבט נאָך דאָ פאר א ווײלע, — האָט זיך דער רב צו איהם געווענדעט, — איך קענט דאָך ריידען זייער שפּראך און עס קען זיין אז איך וועל דארפען האָבען א דאָלמעטשער.

אלע זיינען אהיימגעגאנגען אויסער דעם אורח און ר׳ יוסף עטקעס.

דער רב האָט געבעטען די רביצין זי זאָל אריינקומען מיט דער שיקסע דאָרט אין צימער וואו ר׳ יואל געפינט זיך.

— קומט איהר אויך אריין, מיט מיר, — האָט ר׳ יהושע העשל זיך אָנגערופען צו ר׳ יוסף עטקעס און צום אורח, — מיר וועלען זיך צוזאמען באראטען וואָס צו טאָן.

ר׳ יוסף, דער אורח און דער רב זיינען אריין אין יענעם צימער. ר׳ יואל האָט ארומגעשפּרייזט הין און

צוריק איבער דעם צימער. ווען ער האט זיי דערזעהן איז ער געבליבען שטעהן.

— זעצט זיך, ר׳ יואל! — האט דער רב געזאגט, — איהר דארפט זיך האלטען רוהיג. איך האב געהייסען די רביצין אריינקומען אהער מיט דער שיקסע. מיר וועלען זיי אויספרעגען און הערען וואס זי האט צו זאגען. איך האב געבעטען ר׳ יוסף׳ן ער זאל אויך זיין ווען מיר וועלען מיט איהר ריידען, ווייל ער קען גוט ריידען פויליש.

— רבי, זאשקע רעדט אידיש. יא, זי רעדט זעהר גוט אידיש. זי האט זיך אויסגעלערענט ריידען אידיש אין מיין הויז.

— איך וויל אז ר׳ יוסף זאל הערען יעדעם ווארט, ווייל טאמער וועט זי חלילה שפעטער לייקענען, זאל ער קענען זיין אן עדות . . . זי וועט אונז דארפען איבערגעבען גענוי די רייד פון גלח אין זייער שפראך.

באלד האט זיך אויפגעעפענט די טיהר און די רביצין איז אריינגעקומען מיט דער שיקסע, וועלכע האט געהאלטען דאס קינד אויף איהרע הענט.

— זעץ זיך, זאשקע, — האט די רביצין איהר אנגעוויזען אויף א ביינקעל.

די שיקסע האט זיך געזעצט אויפ׳ן בייינקעל. איהר פנים איז געווען בלאס, איהרע ליפען טרוקען און אין איהרע אויגען איז געווען שרעק.

— דו פארשטעהסט אידיש? — פרעגט זי דער רב.

— יא, איך פארשטעה און קען ריידען אידיש, — האט זי געענטפערט.

— איצט זאג מיר, פארוואס ביזטו אהער געקומען? — פרעגט זי דער רב.

— ווייל איך האב מורא פאר דעם גלח!

— וואס קען דיר דער גלח טאן?

— איך האב זיך ענטזאגט איהם צו פאלגען, האט ער געדונגען צוויי כוליגאנעם דורכצופירען די דאזיגע ארבייט. איך האב זיך פון דעם דערוואוסט. זיי פלאנעווען מיט געוואלד אוועקנעמען פון מיר מיין קינד און זיין קערפער אונטערווארפען צו אים אין אכסניה! — האט זי געענטפערט, אנוויזענדיג אויף ר׳ יואל׳ן.

— פארוואס האט דער גלח דווקא אויסגעקליבען איהם?

— ווייל ער האט מיר געזאגט, אז ער איז געווען מיין בעל הבית, איך האב ביי איהם געדינט, וועט זיין ניט שווער איבערצוצייגען אלעמען אז ער איז דער שולדיגער.

— אוי, א מיתה משונה זאל אויף איהם קומען, רבונו של עולם! — האט ר׳ יואל אויסגערופען, — אזא אויסוואורף! לא די וואס ער האט זי פארפיהרט און זי אומגליקליך געמאכט וויל ער נאך ווארפען דעם גאנצען בלבול אויף מיר!

— נו, און פארוואס האסטו ניט געוואלט פאלגען דיין גלח? — פרעגט זי דער רב.

די שיקסע האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך ווייס אז דער גלח איז דאך ביי דיר היילig, דו קומסט צו איהם זיך מתודה זיין אויף דיינע זינד, טא ווי קומט עס וואס דו האסט איהם ניט געפאלגט?

— ער איז ביי מיר ניט מעהר הייליג . . . איך האב אויסגעפונען אז ער איז א נידעריגע בריאה, אן אויסוואורף, א פאלשער. ער אליין האט ניט מורא פאר גאט, — האט זאשקע געזאגט, — איך בין געקומען צו איהם אומשולדיג . . . איך האב זיך פאר איהם מתודה געווען און ער האט מיך פארפיהרט. ער האט געזינדיגט . . . און ער האט מיך צוגערעדט צו באגעהן נאך א גרעסרע זינד . . . ער האט געוואלט איך זאל טויטען מיין קינד און זיין קערפער אונטערווארפען צו מיין געוועזענעם באלעבאס, און ווען איך האב זיך ענטזאגט צו פאלגען, האט ער מיר געזאגט, אז ער וועט דערצעהלען פאר אלעמען אז מיין באלעבאס האט מיך פארפיהרט און אז דאס איז זיין קינד . . . ער האט מיר געזאגט, אז ער וועט אנהעצען אלע פויערים און מען וועט אלע אידען אין יענעם געגענד פאגראמירען. מארגען וועט ער דאס טאן . . . בין איך גלייך געלאפען צו ר׳ יואל׳ן אין אכסניה און עם דערצעהלט זיין ווייב. און ווען ר׳ יואל האט עס געהערט,

האט ער געזאגט צו זיין ווייב אז זי זאל באלד צונויפנעהמען אלע קינדער און פארלאזען דאס הויז, און מיר האט ער געהייסען מיטגעהן מיט איהם צום רב, איהם פרעגען וואס צו טאהן?

— איך זעה, זאשקע, אז דו ביזט אן עהרליך קינד, דו ווילסט ניט זיין קיין שותפ׳טע צו א שוידערליכען פארברעכען, — האט דער רב געזאגט, — זאג מיר איצט, ביזטו גרייט עדות צו זאגען געגען גלח פאר׳ן בישאף?

זי האט צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ אויף יא.

— וועסט אלע מאל דערצעהלען דעם ריינעם אמת, אפילו ווען דער גלח וועט דיך סטראשען?

— איך וועל דערצעהלען דעם גאנצען אמת, איך האב פאר איהם קיין מורא ניט. גאט ווייס דאך אז ער איז שולדיג! ער איז א שווינדלער און פארפיהרער, און איך בין זיכער אז איך בין ניט די איינציגע... איך וויל מעהר פון איהם ניט וויסען... איך וויל ווערען א אידישע טאכטער.

— וועגען דעם וועלען מיר נאר צייט האבען צו ריידען שפעטער, — האט דער רב געזאגט, — איצט וויל איך נאר וויסען, אויב דו וועסט געהן מיט מיר און מיט ר׳ יואל׳ן צום בישאף און איהם דערצעהלען אלץ וואס דו האסט אונז דערצעהלט.

— איך וועל געהן! — האט זאשקע אויסגערופען, — אבער וואס וועל איך טאן אויב דער בישאף וועט מיך איבערגעבען צום גלח אין די הענט? עס קען דאך זיין אז ער וועט איהם גיכער גלויבען ווי מיר?

— מיר ווייסען אז דער בישאף איז זעהר א פיינער מענש און ער וועט ניט דערלאזען אז אן אומרעכט זאל צו דיר געטאן ווערען! — האט ר׳ יוסף עטקעס געזאגט, — יעדענפאלס אזוי לאנג ווי דו געפינסט זיך דא, אין דעם טייל פון שטאט וואס איז אונטער דער אויפזיכט פון בישאף וועט דיר דער גלח קיין שלעכטס ניט טאן.

— אבער וואו וועט זי זיך אויפהאלטען? — האט ר׳ יואל געפרעגט.

— אפשר וועט דער בישאף איהר ראטען וואס צו טאן, — האט ר׳ יוסף עטקעס זיך אנגערופען.

— איך האף, אז איהר וועט מיר ענטשולדיגען, — האט זיך דער אורח אנגערופען, — איך פאנג ניט אן צו פארשטעהן וואס דא קומט פאר. לויט מיין פשוט׳ען שכל קומט אויס אז דער בישאף וועט האלטען מיט׳ן גלח. וואס הייסט ער וועט דערלאזען מען זאל זאגען אויף דעם גלח אז ער איז באגאנגען א פארברעכען?!... און ווידער, קען איך ניט פארשטעהן פאר וואס עפעס קען זי זיין זיכער אין דעם דאזיגען טייל פון שטאט און ניט אין דעם טייל פון וואנען זי קומט?

— איך וועל אייך שפעטער אלץ ערקלעהרען, — האט רער רב געזאגט, — איצט אבער טארען מיר קיין צייט ניט פארלירען, מיר מוזען גלייך געהן צום בישאף. עס איז דרינגענד. איהר קענט שוין פארשטעהן ווי ערנסט די זאך איז, אז מיר מוזען עס אפילו טאן, ווען אונז זאל חלילה אויסקומען מחלל שבת צו זיין. די געפאהר איז גרויס און אויב דער גלח וועט דורכפיהרען זיין סטראשונאק און אויפרייצען די פויערים מארגען אין קלויסטער, ווייסט גאט וואס עס קען פאסירען. קומט, לאמיר גלייך געהן צום בישאף.

— מיר וועלען דארפען געהן אפגעזונדערט, — האט ר׳ יוסף עטקעס געזאגט, — ווייל ווען מיר געהען צוזאמען וועלען מיר ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די פארבייגעהער.

— גוט, מיר וועלען געהן באזונדער, — האט דער רב געזאגט, — און ווען מיר וועלען צוקומען צום הויף פון בישאף וועלען מיר אריינגעהן צוזאמען.

דער רב איז געגאנגען פאראוים, נאך איהם איז געגאנגען ר׳ יוסף עטקעס מיט ר׳ יואל׳ן, און אויף דער צווייטער זייט איז געגאנגען די שיקסע, האלטענדיג איהר קינד אויף איהר האנט.

זיי זיינען צוגעקומען צום טויער פון בישאף׳ס הויף און זיי זיינען דארט געבליבען שטעהן א ווייל. מען האט באדארפט א קלונג טאן און זיי האבען עס ניט געוואלט טאן אום שבת, און זיי האבען אויך ניט געוואלט זאגען דער שיקסע. זיי האבען געווארט ביז וואנען די שיקסע וועט זיך אליין

אַנבאַטען צו קלינגען. אָבער די שיקסע קוקט אויף זיי און זי פארשטעהט ניט פאַרוואָס זיי ווארטען. א ווײלע זיינען אַלע געשטאַנען נעבען טויער און געשוויגען. די שיקסע פארשטעהט ניט וואָס דאָס איז . . . פאַרוואָס ווארטען זיי? ! . . . איז עס מעגליך אז זיי האָבען חרטה? . . . זיי האָבען מורא אריינצוקומען צום בישאָף?...

— פארוואס געהט איהר ניט אריין אינוועניג? — האָט זאָשקע זיך אָנגערופען.

— זעהסטו דען ניט אז דער טויער איז פארשלאָסען? — ענטפערט איהר ר׳ יוסף עטקעס.

— יא, ווען מיר טרעפען אימיצען וואָלטען מיר ניט באדארפט אָנקלינגען — זאָגט דער רב.

— פארוואס האָט איהר מורא אָנצוקלינגען? — פרעגט זאָשקע מיט ערשטוינונג.

— ווייסטו ניט אז היינט איז שבת?

— זאָל איך אָנקלינגען? — פרעגט די שיקסע.

זיי האָבען ניט געענטפערט, און די שיקסע קוועטשט מיט די פלייצעס און ווארט צוזאמען מיט זיי.

— פארוואס קען איך ניט אָנקלינגען? — פרעגט די שיקסע נאָך אמאָל.

— מיר זאָגען דיר גאָר ניט, — ענטפערט ר׳ יוסף עטקעס. — טהו ווי דו פארשטעהסט.

דאַן האָט די שיקסע פארשטאַנען אז זיי ווילען איהר ניט זאָגען צו קלינגען, ווײל עס איז שבת. זי איז איצט צוגעגאַנגען און האָט א ציה געטאָן דעם גלאָק און גענומען קלינגען.

א דינער האָט געעפענט דעם טויער און ער האָט זיי געפרעגט וואס זיי ווילען.

— מיר ווילען זעהן דעם בישאָף! — רופט זיך אָן ר׳ יוסף עטקעס.

דער דינער האָט זיי באטראכט. ער האָט א קוק געטאָן אויף׳ן רב, וועלכער איז איהם שוין געווען באקאנט, ווײל ניט איין מאָל איז איז רב געקומען באזוכען דעם בישאָף. ער האָט זיי אַריינגעלאָזט אין הויף און זיי געהייסען וואַרטען. ער איז אריין אין פּאַלאַץ וואו דער בישאָף האָט זיך געפונען און איהם איבערגעגעבען אַז דער ווילנער רב און נאָך צוויי אידען מיט א קריסטליך מיידעל זיינען געקומען איהם זעהען.

— שיק זיי באַלד אריין! — האָט דער בישאָף געזאָגט צום דינער, וועלכער איז ארוים אין הויף און א וואונק געטהאָן אז זיי זאָלען איהם נאָכגעהן.

דער רב, ר׳ יוסף עטקעס און ר׳ יואל זיינען אריינגעקומען אין דעם בישאָף׳ס פּאַלאַץ. הינטער זיי איז געגאַנגען זאָשקע מיט איהר קינד אויף די הענט.

דער בישאָף איז געווען אין די עלטערע יאהרען. ער האָט געטראַגען א גרויסען גאָלדענעם צלם אויפ׳ן הארצען. ער האָט דעם רב פריינדליך אויפגענומען און אָנגעפאַנגען צו ריידען צו איהם אידיש.

— אז איהר קומט צו מיר אום שבת, מסתמא האָט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס פּאַסירט.

— יא, עס האָט עפּעס פּאַסירט. דער גלח וועלכער געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון וואָיעוואָד זוכט צו טהאָן אונז שלעכטס.

— טאָ וואס קען איך אייך העלפען?

— האָט דער בישאָף זיך אָגערופען, — ער איז דאָך ניט אונטער מיין אויפזיכט. איהר האָט באדארפט געהן צום וואָיעוואָדא.

— אָבער איך גלויב אז עס האָט זעהר א סך צו טהאָן מיט דעם ווירדיגען בישאָף! — האָט דער רב געזאָגט. — דער גלח איז באַגאַנגען א שענדליכען פארברעכען. און איהר, אלס הויפּט פון אייער קירכע, דארפט זעהן צו ברייגנען איהם צו גערעכטיגקייט.

— גוט, דערצעהלט מיר וואס עס איז געשעהן? — האָט דער בישאָף זיך צו זיי געווענדעט.

— אָט די קריסטליכע מיידעל, זאָשקע, וועט פאר דעם בישאָף אַלץ דערצעהלען, האָט ר׳ יוסף עטקעס זיך אָנגערופען.

דער בישאָף האָט א קוק געטאָן אויף איהר און זי געפרעגט:

— ווער ביזטו?

די שיקסע האָט זיך אָנגעהויבען צלם׳ן און זיך פאנאַנדערגעוויינט. דאס עופּהלע אין איהרע הענט האָט זיך אויך צעוויינט.

— דו דאַרפסט קיין מורא ניט האָבען. דערצעהל מיר אַלץ וואָס דו ווייסט — רופט זיך אָן דער בישאָף.

די שיקסע האָט זיך עטוואָס באַרוהיגט, און זי האָט פאַר'ן בישאָף דערצעהלט אין פּויליש אַלץ וואָס עס איז געשעהן צווישען איהר מיט'ן גלח.

דער בישאָף איז געוואָרען אויפגעקאָכט פון צאָרן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען דעם גאָלדענעם צלם וואָס איז געהאַנגען אויף א גאָלדענער קייט איבער זיין האַרצען און ער האָט צוגערופען די שיקסע און צו איהר געזאָגט:

—גיב א קוש דעם צלם און שווער מיר אַז אַלץ וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט איז דער ריינער אמת!

די שיקסע האָט אָנגענומען דעם צלם, איהם צוגעטראַגען צו איהרע ליפּען און א קוש געטאָן. נאַכהער האָט זי ביים צלם געשוואוירען אַז אַלץ וואָס זי האָט דערצעהלט דעם בישאָף איז אמת.

— איצט האָבען מיר מורא עס זאָל חלילה ניט קומען צו א פּאַגראָם, — האָט דער רב ר' יהושע העשל געזאָגט.

— געהט אַלע אַהיים. איך וועל שוין זעהן אַז קיין פּאַגראָם זאָל ניט פּאַרקומען... איך וועל מאָרגען אַליין קומען אין דעם קלויסטער וואו דער גלח וועט פּרעדיגען.

— א דאַנק אייך, הערר בישאָף,— האָט דער רב געזאָגט, און גענומען אַרויסגעהן מיט די אַנדערע.

— און וואָס וועט זיין מיט איהר? — האָט ר יואל אָנגעוויזען אויף דער שיקסע — וואו וועט זי דערווייל איינשטעהן?

— זאָל זי בלייבען דאָ. איך וועל שוין זעהן אַז די אויפזעהערין פון מיין פּאַלאַץ זאָל אויף איהר און איהר קינד אַכטונג געבען, — האָט דער בישאָף געזאָגט.

— נו, געלויבט איז גאָט! — האָט דער רב אויסגערופען ווען זיי זיינען אַרויס פון דעם בישאָף'ס הויז. ער איז א פיינער מענש. ער האָט ליב צו טאָן גערעכטיגקייט. יאָ, א דאַנק דיר, רבונו של עולם!

— איצט, וואָס זאָל איך טהאָן? — פרעגט ר' יואל דעם רב.

— געהט איצט אַהיים און פאַרשטערט ניט דעם שבת, — האָט דער רב געזאָגט, —גאָט וועט העלפען.

— מיין פרוי און קינדער באַהאַלטען זיך ביי איהר שוועסטער. זאָל איך זיי צוריקרופען? — פרעגט ר' יואל.

— דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען. דו דאַרפסט ניט פאַרשטערען דעם שבת. גאָט וועט אונז אַלעמען באַשיצען. דער בישאָף איז א אוהב ישראל און א גאַנץ עהרליכער מאַן. ער וועט זיין וואָרט האַלטען. געה, רוף צוריק דיין פרוי און קינדער, און טראַכט ניט מעהר וועגען דעם.

— א דאַנק אייך, רבי! — האָט ר' יואל געזאָגט, און ער איז גלייך אַוועק צו זיין שוועגערין אין הויז. ער האָט דאָרט אַלעמען געטראָפען פאַרטרויערט און צושראָקען זיין פרוי דוואָשע, האָט געוויינט. די קינדער זיינען געשטאַנען נעבען איהר און געקוקט מיט צושראָקענע אויגען.

—, יואל, נו וואָס האָט דער רבי געזאָגט? — איז דוואָשע איהם אַנטקעגענגעקומען ווען זי האָט געזעהען איהר מאַן אַריינקומענדיג.

— געלויבט איז השם יתברך. מיר קענען זיך אומקעהרן אַהיים. מיר האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען.

— און וואו איז זאָשקע? — פרעגט דוואָשע.

— זאָשקע איז פאַרבליבען מיט איהר קינד ביים בישאָף.

— ביים בישאָף?

— יאָ. דער רב ר' יהושע העשל און ר' יוסף עטקעס זיינען מיט מיר אַוועק צום בישאָף. זאָשקע איז אויך מיטגעגאַנגען מיט איהר עופ'לע. זי האָט פאַר'ן בישאָף דערצעהלט דעם גאַנצען אמת און זי האָט אפילו געשוואָרען ביים צלם. האָט דער בישאָף אונז געהייסען געהן אַהיים און זיין רוהיג. ער וועט שוין זעהן אַז קיין שלעכטעס זאָל אונז ניט געשעהן. קום דוואָשע, מיר ווּעלען געהן אַהיים. דער רב האָט מיר געזאָגט אַז מיר דאַרפען ניט מורא האָבען און ניט פאַרשטערען דעם שבת.

ר' יואל, זיין פרוי און די קינדער זיינען געגאַנגען אַהיים. ער האָט געמאַכט קידוש און זיי האָבען אַלע געגעסען טשאָלענט, געזונגען זמירות.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּגעגעסען דעם טשאָלענט און געבענשט, האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר.

ר' יואל אליין איז געגאַנגען עפענען די טיהר און ער האָט דערזעהען דעם גלח'ס משרת.

— וואָס פאַרלאַנגסטו? — פרעגט ר' יואל.

— דער גלח האָט מיך געשיקט רופען זאָשקע'ן. זי מוז באַלד קומען צו איהם.

— זאָשקע דינט שוין ניט ביי מיר היבשע עטליכע מאָנאַטען — ענטפערט איהם ר' יואל, — און איך ווייס ניט וואו זי איז.

— דער גלח ווייסט אז זי איז ביי דיר, — האָט דער משרת געזאָגט, — און דו וועסט חרטה האָבען אויב דו וועסט איהר ניט הייסען געהן מיט מיר.

— אויב דו גלויבסט מיר ניט, קענסטו זי אַרומזוכען אין מיין הויז, — ענטפערט איהם ר' יואל.

— דאָס געהט מיך ניט אָן! איך בין צו דיר געקומען איבערגעבען דאָס וואָס דער גלח פאַרלאַנגט, און אז דו ווילסט ניט פאָלגען, וועסטו שוין זעהן וואָס עס וועט געשעהן.

— איך זאָג דיר נאָך אמאָל, אז זאָשקע איז ניט ביי מיר!

— טאָ זאָג מיר וואו זי געפינט זיך יעצט.

— פון וואַנען זאָל איך וויסען?

דער משרת איז אוועקגעגאַנגען און ר' יואל האָט צוגעמאַכט די טיר און זיך אָנגערופען צו זיין פרוי:

— איצט זעהסטו ווי צעשראָקען דער גלח איז... ער האָט זעהר מורא טאָמער וועט זאָשקע דערצעהלען דעם אמת... לאָמיר האָפען צו גאָט אז מיר וועלען נאָך זעהן נקמה אָן דעם צורר היהודים.

— פונדעסטוועגען שרעקט מיך נאָך דאָס האַרץ, — האָט דוואָשע געזאָגט, — ער וועט אונז ניט פאַרלאָזען.

עס איז ניט פאַראיבער קיין שעה, און דער גלח אליין איז צוגעקומען צו דער אכסניה. ער איז אריין אין הויז ניט אָנקלאַפּענדיג פריהער. זיין פנים איז געווען בייז און אין זיינע אויגען איז געווען שנאה.

— וואו איז זאָשקע? — האָט דער גלח מיט א טרוקענע שטימע אויסגערופען.

— פון וואַנען זאָל איך וויסען?

— ענטפערט ר' יואל, — זי איז דאָך שוין ניט מעהר מיין דינסט!

— דו ביזט א ליגנער, דו ווייסט יאָ וואו זי איז. מען האָט זי געזעהן היינט אין דער פריה אריינקומענדיג צו דיר אין הויז.

— איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען!

— דו בעסער זאָג מיר וואו זי געפינט זיך. דו פאַרשאָלטענער איד!

— האָט דער גלח אויסגעשריען, — איך ווייס אז דו האָסט זי פאַראומגליקט און עס וועט זיין בעסער פאַר דיר אז דו וועסט זי ארויסגעבען, סיידען דו האָסט זי אינגאַנצען אומגעבראַכט צוזאַמען מיט איהר קינד. אויב זי וועט זיך ניט צוריקקעהרען צו איהר היים מיט איהר קינד היינט אין אָוונט, וועל איך עס אָננעמען פאַר א סימן אז דו האָסט זיי ביידען ערמאָרדעט כדי צו פאַרדעקען דיין זינד.

ר' יואל האָט געוואָלט ענטפערען און זאָגען אז ער ווייסט פון אלץ, אז זאָשקע האָט איהם דערצעהלט דעם גאַנצען אמת, אָבער ער האָט באַשלאָסען צו שווייגען. זאָל ער מיינען אז ער ווייסט גאָרניט און דער בישאָף וועט איהם פאַרקלאָגען אומגעריכטערהייד.

— אויב דו ווילסט אויסטראַכטען אויף מיר א בלבול, קענסטו עס טאָן, אָבער גאָט ווייסט אז איך בין אומשולדיג! — האָט ר' יואל געזאָגט.

— איך גיב דיר א לעצטע וואַרנונג, דו וועסט דאַרפען צושטעלען זאָשקע'ן צו איהר היים ביז אין אָוונט, און אויב ניט, וועל איך מאָרגען ארויסקומען אין קלויסטער מיט דער באַשולדיגונג אז דו האָסט זי ערמאָרדעט מיט איהר קינד, ווייל דו האָסט געוואָלט מיט דעם פאַרדעקען דיין זינד.

— איך קען זי ניט צושטעלען, ווייל איך ווייס ניט וואו זי געפינט זיך.

— מאָרגען וועסטו שוין רעדען גאַנץ אַנדערע רייד! — האָט דער

גלח געזאָגט, און איז ארויס פון הויז, מיט א שטארקען קלאפ אין טיר.

כאָטש דעם גלח'ס רייד האָבען אָנגעוואָרפען א שרעק אויף ר' יואל'ן און זיין פרוי, האָט ער באשלאָסען ניט צו גערן צום רב און איהם דערצעהלען וואָס עס איז געשעהן. אָבער דוואָשע איז צו איהם צוגעשטאנען.

— דו געה בעסער צו צום רב און דערצעהל איהם, זאָל ער וויסען וואָס דער גלח פלאנט צו טאָן, ווייל אויב עס וועט איהם געלינגען אויפצורייצען די פויערים געגען אונז וועלען זיי ניט ווארטען און זיך גלייך נעמען צו אונז אידען דער בישאָף וועט קענען עפּעס אויפטאָן.

— אז דער רב האָט געזאָגט אז מיר דארפען קיין מורא ניט האָבען, — טאָ וואָס מעהר קען ער טאָן?

— אפשר וועט ער נאָך אמאָל אריינגעהן צום בישאָף און איהם דערצעהלען וואָס דער גלח האָט צו אונז געזאָגט?

— עס קען זיין אז דו האָסט רעכט, דוואָשע, — האָט ר' יואל געזאָגט, — איך וועל געהן דאווגען מנחה אויפ'ן שוהל־הויף און פון דאָרט וועל איך נאָך אמאָל אריינגעהן צום רב.

קאפיטעל צוויי.

די שמחה אין ר' שלמה זלמנ'ס הויז איז געווען גרויס. א גאנצען שבת האָט זיך די טיר ניט צוגעמאכט. מענשען זיינען אריין און ארויס, זיי זיינען געקומען אָנקוקען דאָס וואונדער־אינגעל אליהו, וועלכער האָט געזאָגט אזא פלפול אין שטאָדט שוהל. איינינגע לומדים האָבען געמאכט א פארזוך מיט איהם צו ריידען אין תורה און איהם פארהערען צי קען ער טאקע אזוי גוט לערנען, אָבער די מוטער, טריינע, האָט זיך ביי זיי געבעטען:

— לאָזט איהם היינט צו־רוה. ער איז דאָך א קינד. ער איז דאָך מיעד. פריהער האָט ער געהאלטען א דרשה אין שטאָדט שוהל, דערנאָך האָט מען איהם אוועקגעפיהרט צום רב אין הויז און דאָרט האָט מען איהם אָפּגעהאלטען כמעט צוויי שעה און שפעטער וועט ער ווידער דארפען געהן צום רב צו שלש סעודות וואו מען וועט איהם מן הסתם ווידער נעמען מוטשען מיט קשיות.

— מיר האָבען געהערט אז אייער אליהו האָט דאָרט ביים רב אין הויז אלעמען געשטעלט אזא קשיא אז קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, — האָט זיך אָנגערופען א איד א למדן, — איך וואָלט בלויז וועלען ער זאָל פאר מיר איבערזאָגען די קשיא.

— אז אנדערס מאָל, ניט היינט!

— האָט טריינע זיך אָנגערופען.

ווען יענער האָט גענומען צושטעהן, האָט זי געזאָגט:

— ווייסט איהר גאָר וואָס, כאפט זיך היינט אריבער צום רב ר' יהושע העשל צו שלש סעודות, מיין קינד וועט דאָרט זיין וועט איהר איהם קענען פרעגען וואָס אייער הארץ גלוסט.

— איך וועל טאקע זיין דאָרט, — האָט יענער געענטפערט.

שבת נאָכ'ן טשאָלענט פלעגט זיך ר' שלמה זלמן צולייגען שלאָפען, און טריינע פלעגט שוין זעהן אז די קינדער זאָלען ניט מאכען קיין טומעל און שטערען איהר ליבען הייליגען מאן. היינטיגס מאָל האָט זי געבעטען אליהו'ן אז ער זאָל זיך אויך צולייגען שלאָפען. דער פאָטער האָט איהר אין דעם געהאָלפען און געזאָגט:

— דו ווייסט דאָך, מיין קינד, וואָס די חכמים זאָגען, אז "שינה בשבת תענוג" (שלאָפען שבת ביי טאָג איז א פארגעניגען) און עונג שבת איז דאָך א מצוה. דעריבער קום, מיין זוהן, לייג זיך, וועסטו אויך שלאָפען אביסעל.

אליהו האָט געפאָלגט. ער איז אריין מיט'ן פאָטער אין שלאָף־צימער און מיט איהם צוגעלייגט אין בעט. ר' שלמה זלמן איז באלד איינגעשלאָפען, אָבער אליהו האָט ניט געקענט שלאָפען. איהם האָט זיך גאָר געוואָלט זיין אין דרויסען, אָדער זיצען ביי דער גמרא אין הויז... ער איז אָבער אזוי געלעגען רוהיג און זיך ניט גערירט פון אָרט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט שטערען זיין פאָטער.

ווען זיין פאָטער איז אויפגעשטאַנען, איז ער אויך ארונטער פון בעט מיט איהם. זיי האָבען געוואשען די

העגט און זיינען ביידע אוועק אין שוהל דאוונען מנחה.

נאָך מנחה זיינען זיי אוועק צום רב, ר׳ יהושע העשל׳ן אין הויז. דאָרט האָבען זיי שוין געטראָפען א פולע הויז מיט מענשען זיצענדיג אויף ביינק ביי א לאנגען טיש.

דער רב אליין האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאַץ ווען ער האָט דערזעהן ר׳ שלמה זלמן מיט זיין זיבען יעהריגען אינגעל אליהו.

— קומט אהער, זעצט זיך ביידע נעבען מיר, — האָט דער רב צו זיי געזאָגט.

ר׳ שלמה זלמן און אליהו האָבען זיך געזעצט. מען האָט נאָך גערעדט וועגען דער געשעהעניש מיט ר׳ יואל׳ן.

ר׳ יהושע העשל האָט פאר אלעמען דערצעהלט די איינצעלהייטען, ווי אזוי דער בישאָף האָט פארהאלטען די שיקסע מיט׳ן קינד ביי זיך אין פאלאץ און ער האָט פארזיכערט אז ער וועט ניט דערלאָזען אז עס זאָל קומען צו א פאָגראָם.

— רבי, — האָט זיך דער אורח אָנגערופען, — איהר האָט מיר פארשפראָכען צו געבען אן ערקלערונג וואָס מיינט עס אז אין איין טייל שטאָדט איז מען זיכער און אין דער צווייטער טייל — ניט. און בכלל ווי קומט עס אז א בישאָף זאָל ניט האלטען מיט׳ן גלח?

— איך וויל, רבותי, אז איהר זאָלט וויסען אז אונזער ווירדיגער אורח ר׳ קלמן איז אהער געקומען פון מרחקים. ער איז א גרויסער למדן און ירא שמים און ער פארדינט אז מיר זאָלען איהם ערקלערען אביסעל וועגען אונזער שטאָדט ווילנע.

— מהכי תיתי! — האָבען אייניגע זיך אָנגערופען.

— איך וויל אז איהר זאָלט וויסען ר׳ קלמן, אז אונזער שטאָדט ווילנע איז איינגעטיילט אין צוויי באזונדערע אָפטיילונגען. איין טייל איז אונטער דער אויפזיכט פון וואָיעוואָדא, אָדער גובערנאטאָר, און דער צווייטער טייל איז אונטער דער אויפזיכט פון בישאָף. דער וואָיעוואָדא טוט אין זיין טייל וואָס ער וויל, דערפאר אָבער האָט ער קיין שליטה אין דעם צווייטען טייל, וואָס איז אונטער דער אויפזיכט פון בישאָף און אויב ער זאָל ארויסגעבען א שטראָף אויף אימיצען און יענער זאָל פון זיין טייל שטאָדט אריבערלויפען צום צווייטען טייל פון שטאָדט, קען ער יענעם גאָרניט טאָן, סיידען ער כאפט איהם אין דער טייל פון שטאָדט וואָס איז אונטער זיין אויפזיכט. דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן בישאָף.

— אויב אזוי, — האָט ר׳ קלמן געפרעגט, — טאָ ווי וועט דער בישאָף זיך קענען אריינמישען אין א זאך וואָס געפינט זיך ניט אונטער זיין אויפזיכט?

— זעהט איהר, וואָס אנבעלאנגט זייער אמונה איז שון אביסעל אנדערש. ווען דער פארברעכער וואָלט געווען סתם א מענש, וואָלט טאקע דער בישאָף קיין שליטה ניט געהאט איבער איהם. אָבער ווי באלד אז דער פארברעכער איז א גלח, קען שוין דער בישאָף אויפטהאָן גאָר א סך, און דאריבער האָפען מיר אז ער וועט צושטערען דעם פלאן פון אונזערע שונאים און דער שולדיגער וועט באקומען זיין שטראָף. דער בישאָף קען ניט דערלאָזען אזא שענדליכע זאך. ער וועט שוין דעם גלח באשטראָפען.

— א מאָדנע זאך! — האָט דער אורח ר׳ קלמן זיך אָנגערופען — אין איין שטאָדט זאָלען הערשען צוויי באזונדערע הערשער. איך שטעל זיך פאָר, אז ווען אָט די צוויי הערשער זאָלען זיך צואמפערען צווישען זיך, וועט דער איך זיין דער שעיר לעזאזל.

— קיין גרויסע מעלה איז עס ניט פאר ווילנע, — רופט זיך אָן ר׳ יהושע העשעל, — אָבער וואָס קענען מיר זיך העלפען? א דאנק גאָט דערפאר וואָס דער בישאָף איז אן עהרליכער מענש, אז ניט וואָלט טאקע געווען שלעכט. יאָ, איך וועל אייך דערצעהלען וואָס עס האָט פאסירט טאקע מיט מיר אליין מיט א דריי צעהנדליג יאָהר צוריק. איך בין נאָך דאן געווען א יונגער מאן, געווען א יאָהר דרייסיג בערך. און די ווילנער קהלה האָט מיך שוין דאן אָנגעשטעלט אלס רב. נו, האָבען זיך געפונען דאן צווישען דער קהלה מענשען אזעלכע וואָס האָבען געפונען

אויף מיר א פּסול און מיך געוואָלט אָפּזאָגען פון מיין רבנות־שטעלע.

— געפונען אין אייך א פּסול? — רופט אויס דער אורח.

— יאָ, און ווילט איהר וויסען אין וואָס עס איז באשטאנען מיין פּסול?

— האָט דער רב א שמייכעל געטהאָן, און ווענדענדיג זיך צו ר' שלמה זלמן'ס אינגעל האָט ער געזאָגט:

— דו מעגסט עס אויך הערען, אליהו, דו וועסט נאָך אמאָל זיין ווילנער רב, וועט עס דיר צוניץ קומען. אין יענער צייט האָבען זיך געפונען אידען וועלכע האָבען געמיינט אז א רב דארף זיצען טאָג און נאכט און לערנען. נו, פלעגען אָט די דאָזיגע מענשען אויפשטעהן אין מיטען דער נאכט און אוועקגעהן צום רב'ס הויז און אריינקוקען אין זיין צימער. האָבען זיי געזעהן אז אין רב'ס צימער ברענט א ליכט, איז ביי זיי געווען א סימן אז דער רב לערנט תורה אויך ביינאכט, ווען אָבער זיי האָבען באמערקט, אז אין רב'ס צימער איז פינסטער, האָבען זיי שוין פארשטאנען אז דער רב שלאָפט.

— וואָס הייסט, א רב דארף שוין גאָרניט שלאָפען? — פרעגט דער אורח.

— נו, זעהט איהר דאָך, אזוי איז געווען. פּאסירט טאקע אז איינינע אידען פון דער קהלה זיינען נאָך האלבע נאכט פארבייגעגאנגען מיין פענסטער און דאָרט ניט געזעהן קיין ליכט ברענען, זיינען זיי געקומען צום באשלוס אז איך מוז שלאָפען. האָט מען מיך אויף מאָרגען געשיקט רופען און מען האָט מיר איבערגעגעבען אז די קהלה האָט באשלאָסען מיך ארונטערצוזעצען פון דעם כסא הרבנות.

— פאַרוואָס? — פרעג איך שוין די קהלה בעלי בתים — ענטפערען זיי מיר: „אין דער תורה שטעהט געשריבען „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה" (די דאָזיגע ספר תורה זאָל זיך ניט אָפּטהאָן פון דיין מויל, דו זאָלסט זי לערנען טאָג און נאכט), און אזוי ווי איך שלאָף ביינאכט, לערן איך דאָך דאַן ניט קיין תורה, ווילען זיי מיך ניט פאר קיין רב. האָב איך גע'טענה'ט, אז א מענש מוז דאָך שלאָפען אויך, האָבען א טייל איינגעשטימט מיט מיר, און א טייל זיינען באשטאנען אז ווי באלד איך שלאָף ביינאכט האָב איך קיין רעכט ניט צו זיין זייער רב. האָט דאַן אויסגעבראָכען א מחלוקה, און איינינע זיינען געלאָפען צום וואָיעוואָדא ער זאָל מיך צווינגען צו פארלאָזען די רבנות שטעלע צוליעב אָט דעם דאָזיגען „חטא" מיינעם. מיינע אָנהענגער אָבער האָבען אויך ניט געשוויגען. זיי זיינען אוועק צום בישאָף און איהם דערצעהלט וועגען וואָס עס האנדעלט זיך. האָט דער בישאָף געהאלטען מיט מיר און ניט דערלאָזט אז מען זאָל מיך ארונטערזעצען פון מיין רבנות שטעלע. דער וואָיעוואָדא אָבער האָט געשטיצט מיינע געגנער, און אז ער האָט געפונען אז איך האָב אָנהענגער אין זיין טייל פון שטאָדט, האָט ער זיי צוליעב דעם געלאָזט ארעסטירען. אזוי איז די מחלוקה אָנגעגאנגען א היבשע צייט ביז וואנען מען האָט שלום געמאכט און מיינע געגנער האָבען זיך איבערצייגט אז א מענש מוז שלאָפען ביינאכט, און אז א רב איז אויך א מענש . . . דאָס איז געווען מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט'ן בישאָף און איך האָב דאַן אויסגעפונען אז ער איז אן ערליכער מענש און ער האָט ליעב גערעכטיגקייט. דערפאר שרעק איך זיך ניט פאר דעם גורל פון דעם בעל הכסניה, ר' יואל און זיין משפּחה. דער בישאָף וועט שוין ניט רוהען ביז וואנען ער וועט די זאך גוט אויספאָרשען.

אין מיטען די רייד איז אָנגעקומען ר' יואל. ער האָט דערצעהלט פאר'ן רב און פאר זיינע געסט, אז דער גלח איז ביי איהם געווען און ער האָט פון איהם געפאָדערט ער זאָל זאָגען וואו זאָשקע איז.

— ער האָט מיך געסטראשעט אז אויב איך וועל זאָשקע'ן ניט שיקען צוריק צו איהר היים ביז אין אָווענט וועט ער אויף מאָרגען ארויסקומען אין קלויסטער מיט דער באשולדיגונג, אז איך האָב זי ערמאָרדעט מיט איהר קינד. מיין הארץ שרעקט מיך זעהר, טאָמער וועט די הילף פון בישאָף ניט קומען אין צייט.

— דו האָסט זיך ניט וואָס צו שרעקען, — האָט דער רב געזאָגט, —

אָבער שאַדען וועט עס ניט ווען דו וועסט נאָך הבדלה זיך ווידער אריבערכאַפּען צום בישאָף און איהם איבערגעבען וועגען דעם גלח׳ס באַזוך אין דיין הויז און וועגען זיין סטראַשונאָק. איצט אַז דער בישאָף ווייסט ווער דו ביזט, וועט דיר ניט שווער אָנקומען זיך מיט איהם צו זעהן. דערווייל פאַרבלייב דאָ מיט אונז אויף שלש סעודות.

ר׳ יואל האָט זיך צוגעזעצט ביים טיש. און ער האָט געהערט ווי דער רב און זיינע געסט, די לומדים, ריידען אין לערנען מיט דעם זיבען יעהריגען אינגעל אליהו. ער האָט גאָרניט געוואוסט פון דעם אַז אָט דאָס דאָזיגע אינגעל האָט היינט אין דער פריה געהאַלטען א דרשה אין ווילנער שטאָטשוהל, און ווען ער האָט געהערט ווי יעדער איינער שטעלט איהם א קשיא און ווי שנעל ער פאַרענטפערט, איז ער געבליבען זיצען ערשטוינט.

מען האָט זיך אַזוי פאַררעדט אין לערנען מיט דעם קליינעם אליהו, אַז מען האָט גאָרניט באַמערקט אַז עס איז געוואָרען טונקעל. און ווען אימיצער האָט אויסגערופען אַז עס איז שוין צייט צו געהן דאַווענען מעריב, האָבען זיי זיך אויפגעשטעלט און אַוועק אין שוהל דאַווענען.

ר׳ יואל האָט זיך אומגעקעהרט צום רב, כדי יוצא צו זיין מיט הבדלה, און פון דאָרט איז ער אַוועק צום בישאָף און איהם אַלץ דערצעהלט.

— גוט האָסטו געטהאָן וואָס דו ביזט צו מיר נאָך אַמאָל געקומען און מיר עס דערצעהלט, — האָט דער בישאָף זיך אָנגערופען, — געה אהיים און זיי רוהיג. דער גלח וועט דיר קיין שלעכטעס ניט טהאָן.

קאַפּיטעל דריי

דער גלח האָט געברויזט פון צאָרן און אויפרעגונג. עס האָט איהם גענומען לאַנג ביז וואַנען איהם איז געלונגען צו קריגען די צוויי יונגען צו טויטען איהר קינד און זיין קערפּערל אונטערוואַרפען נעבען ר׳ יואל׳ס אכסניה. דערווייל האָבען אויף מאָרגען איהם די יונגען איבערגעגעבען אַז זיי זיינען שבת ביינאַכט אַריין דורכ׳ן פענסטער צו זאָשקע׳ן אין צימער און זיי האָבען דאָרט ניט געפונען ניט זי און ניט איהר קינד . . . ער האָט געשיקט זיין משרת צו דעם פּלאַץ וואו זאָשקע האָט זיך אויפגעהאַלטען, אָבער זי איז דאָרט ניט געווען. איז ער געוואָרען אומרוהיג . . . ער האָט געוואַרט נאָך א פּאָר שעה, און דאַן האָט ער געשיקט זיין משרת צו דעם אידען אין אכסניה, און ווען דער משרת האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט גאָרניט, איז ער אַליין אַוועק צום אידען. עס איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען אַז דער איד האָט עפּעס געטהאָן צו זאָשקע׳ן. געוויס האָט ער זי געכאַפּט . . . איצט וועט ער מוזען פאַרלויפען דעם וועג. אויב זי וועט זיך ניט באַווייזען ביז מאָרגען וועט ער דאַרפען אויפהעצען די פּויערים וועלכע וועלען קומען אין קלויסטער.

ביז שפּעט ביינאַכט האָט ער נאָך געהאָפט, אַז זאָשקע וועט קומען צו איהם. ער האָט זיין משרת געשיקט עטליכע מאָל אויסצוגעפינען אויב זי האָט זיך שוין אומגעקעהרט אהיים. אויף מאָרגען, זונטאָג, איידער ער איז געגאַנגען אין קלויסטער, האָט ער ווידער אַמאָל געשיקט זיין משרת צו דעם פּלאַץ, וואו זי האָט זיך אויפגעהאַלטען, און ווען מען האָט איהם געזאָגט אַז זי איז דאָרט ניט געווען די גאַנצע נאַכט, איז שוין ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען אַז דער איד האָט אין דעם א האַנד.

די גלאָקען פון קלויסטער האָבען גענומען קלינגען, און דער גלח איז אַוועק אהין מיט׳ן באַשלוס אויפצורייצען די פּויערים געגען זאָשקע׳ס געוועזענעם באַלעבאָס.

דער קלויסטער איז ביסלעכווייז אָנגעפילט געוואָרען פון די אַרומיגע פּויערים. די צערעמאָניעס האָבען זיך אָנגעפאַנגען, און גלייך נאָכדעם האָט דער גלח גענומען פּרעדיגען.

דער ווילנער בישאָף איז יענעם זונטאָג ניט געגאַנגען ווי זיין שטייגער איז געווען, צו אַסטראַבראַם, דאָרט אין דער קירכע.

ער האָט געהייסען זיין קוטשער שפּאַנען זיין עקיפּאַזש. ער אַליין האָט

אויף זיינע בישאָפ'שע קליידער ארויפגעטהאָן אן איינפאכען אויבער־בגד. ער האָט געהייסען זאָשקע'ן זיך אריינזעצען מיט איהר קינד אין זיין עקיפּאַזש און ער איז צוגעפאָהרען מיט איהר צו דעם קלויסטער וואו דער גלח האָט געפּרעדיגט.

דער עקיפּאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון קלויסטער. דער בישאָף האָט געהייסען זאָשקע'ן ווארטען אין עקיפּאַזש ביז וואנען ער וועט נאָך איהר שיקען.

ער איז אריינגעקומען אין קלויסטער מיט זיין קוטשער. זיי האָבען זיך איבערגע'צלם'ט און האָבען פארנומען פּלעצער נעבען דער טהיר.

דער גלח האָט אָנגעפאנגען דרשו'ען און גענומען שיטען פּעך און שוועבעל אויף די אידען.

— זיי זיינען די פארשאָלטענע פון גאָט! — האָט ער אויסגערופען, — זיי זיינען בלוטזויגער, די אידען שווינדלען און בארויבען דעם אָרימען פּויער, זיי נעמען צו אונזערע טעכטער פאר זייערע דינסטען. זיי באַליידיגען זיי און ברייגנען שאנדע אויף זיי. און דאָס איז נאָך ווייניג פאר זיי, מאָרדען זיי אונזערע קינדער.

אין קלויסטער איז געוואָרען א באַוועגונג. די פּויערים האָבען געדריקט מיט די פויסטען און געקריצט מיט די צייהן, און דער גלח האָט פאָרטגעזעצט:

"ניט ווייט פון דאנען געפינט זיך א איד, וועלכער האלט א קרעטשמע, ביי איהם האָט געדינט א קריסטליך מיידעל מיט'ן נאָמען זאָשקע, האָט דער פארשאָלטענער איד זי פאראומגליקט . . . זי האָט געבוירען א קינד. און ערשט נעכטען האָט מען מיר איבערגעגעבען אז דער איד, כדי צו פארדעקען זיין זינד האָט ערמאָרדעט זיין געוועזענע דינסט צוזאמען מיט איהר קינד!

— א טויט צו די אידען! — האָבען זיך געהערט שטימען פון די פּויערים — מיר וועלען דעם אידען אויף שטיקער צורייסען, מיר וועלען פארברענען איהם און זיין גאנצע הויזגעזינט!

"די אידען זיינען אונזערע שונאים פון הונדערטע יאָהרען, — האָט דער גלח ווייטער געדונערט, — זיי האָבען געקרייציגט אונזער האר יעזוס, און ווען נאָר זיי האָבען געקענט האָבען זיי פארגאָסען אונזער בלוט . . . אויף זייער יום־טוב פּסח נוצען זיי קריסטליך בלוט פאר זייערע מצות . . . זיי ווייסען אָבער גאנץ גוט אז ווען עס קומט פאר זייער פּסח, היטען די קריסטען זייערע קינדער, דאריבער זוכען די אידען זיך צו באזאָרגען מיט קריסטליך בלוט א סך פריהער. און אָט דער פארשאָלטענער איד האָט אריינגענארט צו זיך די קריסטליכע מיידעל זאָשקע, וועלכע איז געוועזען זיין דינסט פאר היבשע עטליכע יאָהר, און נאָכדעם ווי ער האָט זי פאראומגליקט האָט ער זי פארטריבען פון זיין הויז. ער האָט זי איבערגעלאָזט הילפלאָז און ווען זי איז צו מיר געקומען און דערצעהלט פון איהר אומגליק, און אז זי האָט ניט וואו צו זיין און פון וואנען צו לעבען, האָב איך געזעהן זי צו שטיצען פון דעם געלד וואָס עס ווערט דאָ געזאמעלט פאר די אָרימע לייט. איך האָב דאָך ניט געקענט דערלאָזען אז זי און איהר קינד זאָלען שטארבען פון הונגער צוליעב דער שלעכטסקייט פון דעם אידען? . . .

די באוועגונג אין קלויסטער איז נאָך שטארקער געוואָרען און דער גלח האָט אלעמען איינגעשטילט און ווייטער גערעדט.

— ערשט נעכטען האָב איך אויסגעפונען אז דער איד האָט פארנארט די קריסטליכע מיידעל מיט איהר קינד צו זיך אין הויז, און מעהר האָט מען זיי ניט געזעהן ארויסקומען פון דאָרט. איך וויל אז די דאָזיגע קריסטען וועלכע האָבען זאָשקע'ן געזעהן נעכטען א לעבעדיגע זאָלען דאָ ארויפקומען און דערצעהלען אלץ וואָס זיי ווייסען.

צוויי פּויערים האָבען זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער און גענומען צוגעהן צו דעם בעלעמער, וואו דער גלח איז געשטאנען.

דער גלח האָט זיי ביידען געהייסען ארויפקומען. זיי האָבען זיך אוועקגעשטעלט נעבען גלח און ער האָט זיי גענומען אויספרעגען:

— האָסטו געקענט זאָשקע'ן?

— יאָ, ענטפערט דער פּויער, —

איך וואוין ניט ווייט פון דעם פארפלוכטען זשיד. איך האב זאשקע'ן געקענט פאר פיעלע יאהרען. זי איז געווען אן עהרליך באשיידען קריסטליכע מיידעל, ביז וואנען דער זשיד האט זי פאראומגליקט.

— דערצעהל מיר, וואס האסטו געזעהן נעכטען אין דער פריה? — פרעגט איהם דער גלח.

— נעכטען אין דער פריה בין איך געשטאנען אין דרויסען און געהאקט האלץ, פלוצים האב איך דערזעהן זאשקע'ן אנקומענדיג מיט איהר קינד אויף איהרע הענט. זי איז אריינגעקומען אין קרעטשמע פון דעם אידען יואל, איך האב זיך געוואונדערט וואס זי טהוט דארט ביי איהם, ווייל איך האב געוואוסט אז ער האט זי אוועקגעשיקט פון זיין הויז שוין היבשע עטליכע מאנאטען. בין איך געווען זעהר נייגעריג צו וויסען, האב איך געווארט א היבשע ווייל׳ע ביז וואנען זי וועט ארויסקומען און איך האב באשלאסען זי צו פרעגען וואס זי האט דארט, ביים אידען געטהאן, אבער זי איז פון דארט ניט מעהר ארויסגעקומען, און איך בין דאן אוועק צו אונזער גלח און איהם אלץ דערצעהלט.

— און וואס ווייסטו וועגען זאשקע'ן? — פרעגט דער גלח דעם צווייטען פויער.

— איך בין צוגעפאהרען מיט מיין וואגען ביז צו דער קרעטשמע און געוואלט דארט אריינקומען, האט מען מיר געזאגט אז היינט איז ביי זיי שבת און זיי טהוען ניט קיין מסחר. איך האב שוין געוואלט אוועקגעהן, אבער באלד האט זיך דערטראגען צו מיר א געוויין און א געשריי פון א יונגע פרוי און פון א קליין קינד. איך האב בעת מעשה ניט געשאנקען קיין אויפמערקזאמקייט צו דער זאך, אבער איצט אז איך האב געהערט אז דער זשיד האט ערמארדעט א קריסטליכע מיידעל און א קינד, פארשטעה איך אז די געשרייען זיינען דאס געווען פון זיי. איך בין געווארען ערשטוינט וואס די געשרייען האבען מיט אמאל אויפגעהערט, און איצט אז איך האב געהערט, אז זאשקע איז דארט געווען מיט איהר קינד איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דאס האט זיי דער זשיד פון קרעטשמע ערמארדעט און אויסגעצאפט איהר בלוט פאר זייער "פאסחא".

— א טויט צו די זשידעס! — האט אימיצער אויסגערופען.

— אלע זשידעס מוזען אויסגעשלאכטעט ווערען, ווייל זיי מארדען קריסטליכע קינדער! — האט א צווייטער א געשריי געטהאן.

— איך ווייס אז עס איז ניט רעכט צו פארשוועכען אונזער הייליגען זונטאג, — האט דער גלח געזאגט — אבער ווען די זשידעס קוילען א קריסטליכע אומשולדיגע פרוי מיט איהר קינד, טארען מיר זיי ניט שווייגען. איך גיב אייך די ערלויבניש צו באשטראפען דעם אידען, דעם אייגענטימער פון דער קרעטשמע מיט זיין גאנצער פאמיליע טהוט צו איהם דאס וואס ער האט געטאן צו דער הייליגער זאשקע און איהר קינד, וועלכע זיינען מארטירער פאר'ן קריסטענטום.

דער בישאף וועלכער איז געווען פארשטעלט פאר אן איינפאכען פויער, האט אריינגעשושקעט אין אויער פון זיין קוטשער, אז ער זאל גלייך געהן און אריינשיקען זאשקע'ן מיט איהר קינד אין קלויסטער.

— זאג איהר, אז ביים אריינקומען אין קלויסטער, זאל זי פארדעקען איר פנים. זאל זי בלייבען זיצען נעבען דער טהיר ביז וואנען איך וועל איהר הייסען צוקומען צו דעם בעלעמער, — האט דער בישאף אנגעזאגט זיין קוטשער.

ווי נאר דער קוטשער האט זיך אומבאמערקט ארויסגעשארט פון קלויסטער, האט דער גלח פארענדיגט זיין פאגראם־העצערישע רעדע. די פויערים זיינען שוין געווען גרייט צו פארלאזען דעם קלויסטער און זיך א לאז טהאן צו דער אכסניה. יעדער איינער האט געוואלט זיין צווישען די ערשטע, כדי ער זאל קענען געניסען פון דעם צוראבירטען האב און גוטס.

פלוצלינג האט זיך דער פארשטעלטער בישאף אויפגעשטעלט, און ער האט אויסגערופען:

—ווארט, מיינע ברידער, איך בין אויך איינער פון די עדות, וועלכער ווייסט וועגען דעם שענדליכען פאר־

ברעכע! וואס עס איז באגאנגען געוואָרען געגען זאשקע'ן און איהר קינד. איך האב אויך באווייזע, און איך וויל אייך אלעמען איבערציינגען אין דער שולד פון דעם פארברעכער, כדי אייער געוויסען זאל אייך קיינמאל ניט פלאגען טאמער האט איהר זיך נוקם געווען אן אן אומשולדיגען מענשען.

אין קלויסטער איז ווידער געוואָרען רוהיג. אלעמענס בליקען זיינען געווען געווענדעט צו דעם אומבאקאנטען.

דער גלח, דערהערענדיג אז עס האט זיך אויפגעזוכט נאך אן עדות, וועלכער איז וויליג צו ברייגנען באווייזע אז דער איד איז ווירקליך באגאנגען דעם פארברעכען, האט איהם איינגעלאדען ארויפצוקומען אויף דעם בעלעמער און דערצעהלען וואס ער ווייסט.

מיט לאנגזאמע טריט איז דער בישאף צוגעקומען און ארויפגעגאנגען אויף דעם בעלעמער האלטענדיג זיין קאפ עטוואס געבויגען אזוי אז דער גלח זאל זיין פולען פנים ניט זעהן און ער זאל איהם ניט דערקענען.

ווען ער איז שוין געשטאנען מיט'ן פנים צו די פויערים, וועלכע זיינען שוין געווען גרייט ארויסצוגעהן, האט ער א מאך געטאן מיט זיין האנד און זיי געבעטען זיך צוריקצוזעצען אויף זייערע פלעצער.

— איך וויים אז דער געפיהל פון נקמה איז ביי אונז אלעמען זעהר שטארק איינגעווארצעלט און בפרט נאך ווען עס האנדעלט זיך וועגען נקמה פאר פארגאסענעם בלוט פון אומשולדיגע מענשען. מיר זיינען אלע ווי איין מענש גרייט איצט צו מאכען אן איבערפאל איבער'ן מערדער פון דער קריסטליכער מיידעל זאשקע און איהר קינד, און איצט וויל איך פרעגען: ווי וואלטען מיר געפיהלט ווען מיר באפאלען דעם אידען און זיין משפחה און מיר טויטען זיי אויס נקמה, און דאן געפינען מיר אויס אז ער איז גאר אומשולדיג, אז די מיידעל וועמען ער האט געזאלט האבען ערמארדעט לעבט גאר און אז ער איז די גאנצע צייט געווען אומשולדיג? הא, ווי וואלט איהר געפיהלט?

אין קלויסטער האט געהערשט א שטילקייט. קיינער האט זיך ניט גערירט, אז דער פרעמדער וועט פלוצלינג זיי שטעלען אזא פראגע. דער גלח האט אויך אנגעפאנגען צו ווערען אומרוהיג. ער האט ערווארטעט פון איהם ער זאל אויפטרעטען אלס עדות וועלכער האט באווייזע געגען אידען, און צום סוף ברייגנגט ער גאר אריין צווייפעל אין די מוחות פון די פויערים.

— ווער ביזטו? — פרעגט איהם דער גלח, — און צוליב וועלכען צוועק ביזטו אהער געקומען?

— איך בין געקומען אהער ברייגנען לעבעדיגע באווייזע! — האט דער פארשטעלטער בישאף זיך אנגערופען.

— איך וואלט דיך געראטען אז דו זאלסט ברייגנען די באווייזע אהן פארדעם! — האט דער גלח געזאגט, — זעהסטו דען ניט אז די אלע אנוועזענדע זיינען אומגעדולדיג?

— איך בעט אייך צו האבען נאך אביסעל געדולד, — האט דער בישאף געזאגט, — צו צושטערען, צו פארניכטען און צו טויטען קען מען צו יעדער צייט. עס איז זעהר גרינג. אבער צוריקצובויען איז שווער, און פון טויט צוריק לעבעדיג מאכען איז אונמעגליך.

— דו ביזט מסתמא געשיקט געווארען פון דעם זשיד! — האט דער גלח אויסגערופען מיט צארן, — אויב דו קענסט ניט ברייגנען דיינע באווייזע אלס עדות צו דעם זשיד'ס גרויסען פארברעכען, ביזטו געבעטען גלייך ארונטערצוגעהן פון דאנען.

— איך וועל מיינע באווייזע ברייגנען, אבער איידער איך וועל עס טאן ווערסטו מיר דאך ערלויבען צו דערצעהלען אונזערע ברידער א גאנץ קליינע מעשה'לע, און גלייך נאכדעם וועל איך די באווייזע ברייגנען.

דער גלח איז אנטשוויגען געווארען און דער פארשטעלטער בישאף האט פארטגעזעצט:

— א גנב האט ארויסגעכאפט ביי אן ארימען מענשען א טייסטער מיט געלד און גענומען לויפען. דער ארימאן האט געמאַרט א גוואלד און האט זיך געלאזט לויפען נאכ'ן גנב שרייענדיג מיט זיינע לעצטע כחות "כאפט א גנב!" האבען די מענשען געהערט און געזעהן ווי ער לויפט נאכ'ן גנב, האבען זיי זיך אויך א לאז געטאן נאך

איהם שרייענדיג "כאפּט א גנב!" די מענשען וועלכע זיינען געלאָפען און געשריען "כאפּט א גנב!" זיינען מיט יעדער רגע געוואָרען וואָס מעהר. דער גנב האָט געזעהן אז עם האלט שלעכט, אז אָט־אָט וועלען זיי איהם דערגרייכען. האָט ער אויך גענומען שרייען "כאפּט א גנב!" און אזוי האָט זיך דער גנב צונויפגעמישט מיט דעם המון און מיט זיי מיטגעלאָפען צו כאפּען דעם גנב.

ביי די פּויערים אויף די פּנים'ער האָט זיך באוויזען א שמייכעל, אָבער זיי האָבען ניט פארשטאנען גענוי וואָס דערצעהלט זיי דער פרעמדער אָט די דאָזיגע מעשה.

דער גלח איז נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען. ער איז צוגעלאָפען צום פארשטעלטען בישאָף און איהם אָנגעכאפּט פאר'ן קאָלנער און געוואָלט ארונטערשליידערען פון בעלעמער. איינינע פון די פּויערים האָבען גענומען שרייען:

— ער איז אונטערגעקויפט געוואָרען פון דעם זשיד, איהם צו פארטיידיגען. דער זשיד האָט געקוילעט זאָשקע'ן און מיר מוזען זיך נוקם זיין אָן איהם.

— זאָל דער אונטערגעקויפטער ארונטערשליידערט ווערען פון בעלעמער, — האָבען אנדערע געשריען, זעהענדיג ווי דער גלח האלט איהם פאר'ן קאָלנער.

אין אן אויגענבליק האָט דער בישאָף פון זיך ארונטערגעוואָרפען דעם אויבער־בגד און אלע האָבען דערזעהן אז דאָס איז דער בישאָף. זיי האָבען זיך גענומען צלם'ען און פאלען אויף די קני. דער גלח איז געבליבען שטעהן א פארגליווערטער אָהן לשון.

— איך בין געקומען אהער כדי צו פארמיידען צו פארגיסען אומשולדיג בלוט, — האָט דער בישאָף אויסגערופען, — איך בין געקומען אהער אייך צו באווייזען אז דער אייגענטימער פו: דער קרעטשמע איז אומשולדיג, אז ער האָט ניט פארגאָסען קיין קריסטליך בלוט. זאָשקע, די מיידעל וואָס דער איד האָט געזאָלט אומברייננען, לעבט .זי איז דאָ צווישען אייך. קום אהער, זאָשקע! — האָט דער בישאָף זיך צו איהר געווענדעט.

זאָשקע וועלכע איז געזעסען מיט איהר קינד גאָר פון הינטען, האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ. יעדער איינער האָט א דרעה געטאָן דעם קאָפּ און אויף איהר געקוקט . . . זי איז צוגעגאנגען צו דעם בעלעמער. דער בישאָף האָט איהר געהאָלפען ארויפגעהן. אין קלויסטער האָט געהערשט אן אָנגעצויגענע שטילקייט.

— דערצעהל, זאָשקע, ווער עס האָט דיך פארפיהרט און ווער איז דער פאָטער פון קינד! שרעק זיך ניט, דערצעהל דעם גאנצען אמת.

דער גלח איז געבליבען שטעהן טויט־בלאס. אויף דעם האָט ער זיך גאָרניט געריכט. עס האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען הענט און פים.

אנשטאָט צו ריידען, האָט זיך זאָשקע פאנאנדערגעוויינט. זי האָט זיך איבערגע'צלם'ט און ווייטער געוויינט. עס איז איהר אָבער געווען שווער צו ריידען.

— ציינ אונז אָן ווער עס איז דיין פארפיהרער! — האָט דער בישאָף געזוכט איהר קומען צו הילף.

זאָשקע האָט זיך אומגעדרעהט מיט'ן פּנים צו דער ריכטונג וואו דער גלח איז געשטאנען, אָנצייגענדיג מיט איהר פינגער. אָבער דער גלח איז שוין דאָרט ניט געווען. ער האָט זיך צוגעשארט צו דער טהיר וואָס האָט געפירהט צו דעם צימער און פון דאָרט איז ער ארוים אין דרויסען און גענומען מאכען פּליטה.

— איהר זעהט איצט ווער עס איז דער שולדיגער? — האָט דער בישאָף אויסגערופען, — אָבער איהר דארפט פון דעם ניט דרינגען אז אונזער אמונה וועט דערפון ליידען. ניין, אלע אונזערע גייסטליכע זיינען עהרליכע, ערנסטע און הייליגע מענשען, און עס פּאסירט אמאָל אז איינער איז אן אויסוואורף. יאָ, ער איז זעהר פארדאָרבען, ניט נאָר איז ער באגאנגען א פארברעכען געגען איהר, נאָר ער האָט געוואָלט וואָרפען די שולד אויף אן אומשולדיגען מענשען, און ער האָט נאָך אייך אלעמען געהעצט זיך נוקם צו זיין אָן אידען און פארגיסען אומשולדיג בלוט. איצט געהט אלע אהיים. דעם קומענדען זונטאָג וועט איהר האָבען א גלח א ווירדיגען, עהרליכען

מענשען צו וועמעס רייד איהר וועט זיך צוהערען און דערפאר באלוינט ווערען פון הימעל.

פארטשעהמטע מיט געבויגענע קעפ האבען די פויערים פארלאזט דעם קלויסטער. יעדער איינער האט זיך געשעהמט צו קוקען דעם צווייטען אין די אויגען.

— דו, זאשקע, קום מיט מיר, — האט דער בישאף געזאגט, — דו וועסט ביי מיר זיין אונטער דער אויפזיכט פון מיין אויפזעהערין.

ווען זיי זיינען ארוים פון קלויסטער און דער בישאף איז צוגעגאנגען צו זיין עקיפאזש, האט ער געזעהן ווי זיין קוטשער און דער גלח זיצען אין עקיפאזש. דער קוטשער האלט איהם צו ער זאל ניט אנטלויפען.

— אייער הייליגקייט, — האט זיך דער קוטשער אנגערופען, — איך האב באמערקט ווי דער גלח שארט זיך ארוים פון קלויסטער, בין איך איהם פארלאפען דעם וועג און איהם געפאקט. זאל ער ניט מיינען אז ער קען באגעהן א פארברעכען און נאכהער אנטלויפען.

— זעהר גוט האסטו געטאן, — האט דער בישאף געזאגט, — דער אויסוואורף וועט מוזען זיין שטראף באקומען. ער האט צוגערופען זאשקע'ן מיט איהר קינד, און זי איז געבליבען שטעהן א דערשראקענע ווען זי האט דערזעהן דעם גלח זיצענדיג אין דער קארעטע.

— זאל איך איהם בינדען? — האט דער קוטשער געפרעגט דעם בישאף.

— ניין, עס איז ניט נויטיג, — האט דער בישאף געענטפערט, — דו פיהר אונז צום וואיעוואדא. איך האב אליין איינם קיין רעכט ניט ארויפצולייגען אויף איהם א שטראף. זאל דער וואיעוואדא איהם משפט'ען.

דער בישאף האט ארונטערגענומען דעם צלם פון גלח'ס הארצען און צו איהם געזאגט:

— דו פארשוועכסט די הייליגקייט פון צלם ווען דו טראגסט איהם אויף דיין הארצען.

דער גלח איז די גאנצע צייט געזעסען אין א ווינקעל פון עקיפאזש און געשוויגען. ער האט פון א זייט געווארפען א בייזען בליק אויף זאשקע'ן, און ער האט באשלאסען צו לייקענען אלץ. ער וועט זאגען דעם וואיעוואדא אז די אידען האבען זי אונטערגעקויפט צו מאכען א בלבול אויף איהם.

דער עקיפאזש האט זיך אפגעשטעלט נעבען דעם פאלאץ פון וואיעוואדא, און דער בישאף איז ארויס דער ערשטער. ער האט געשיקט איינעם פון די וועכטער פון טויער אנצוזאגען דעם וואיעוואדא אז דער בישאף וויל איהם זעהן וועגען זעהר עפעס וויכטיגעס.

ווען דער וואיעוואדא האט דערהערט אז דער בישאף איז צו איהם געקומען אום זונטאג, האט ער פארשטאנען אז עפעס האט פאסירט. ער איז איהם דאריבער אנטקעגענגעקומען און זיך פריינדליך מיט איהם באגריסט.

דער בישאף האט איהם אין קורצען איבערגעגעבען אלץ וואס עס האט פאסירט. ער האט אנגעוויזען אויף זאשקע'ן און איהר קינד, און דער וואיעוואדא האט געפרעגט:

— וואו איז ער, דער אויסוואורף?

— ער זיצט אין מיין עקיפאזש, איך האב איהם אהער געבראכט, אז אייער עקסעלענץ זאל איהם משפט'ען.

— זאל ער ארויסקומען! — האט דער וואיעוואדא באפוילען.

דער קוטשער האט אויפגעעפענט דאס טיהרעל פון עקיפאזש און דער גלח איז ארויסגעקומען.

— דו האסט פארשוועכט אונזער אמונה, דו ביזט באגאנגען א צווייפאכען פארברעכען, — האט דער וואיעוואדא געזאגט מיט צארן, — וואס האסטו צו זאגען אויף דעם?

— איך זאג, אייער עקסעלענץ, אז איך בין אומשולדיג! די זשידעס האבען זי אונטערגעקויפט זי זאל אויף מיר ווארפען דעם בלבול!

דער בישאף האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, וואס האט געמיינט אז דער גלח איז א ליגנער און אז ער דארף איהם ניט גלויבען.

— אויב ער לייקענט, איז מיין פליכט צו מאכען אן אויספארשונג און אויסגעפינען דעם אמת, — האט דער וואיעוואדא געזאגט, און איז מיט

זיי אלעמען אריין אין א באזונדער צימער.

— עס וואלט געווען ניט מעהר ווי רעכט ווען מען שיקט רופען אהער דעם אידען, דעם אייגענטימער פון דער קרעטשמע, ווייל זיין לעבען איז געווען אין דער גרעסטער געפאהר. דער גלח האט גאנץ אפען גערופען צו א פאגראם און איהם וואלט מען גלייך געטויטעט ווען איך קום ניט אין צייט.

— גוט, איך וועל שיקען רופען דעם אידען, — האט דער וואיעוואדא געזאגט, — ווייל איך בין פאראינטערעסירט צו טהאן גערעכטיגקייט.

ער האט געשיקט איינעם פון זיינע דינער רופען ר׳ יואל׳ן, וועלכער איז דעם גאנצען פריהמארגען פארבליבען מיט זיין משפחה אין הויז.

ווען ר׳ יואל האט געהערט אז דער וואיעוואדא שיקט נאך איהם, איז איהם דאס הארץ איינגעפאלען. אבער ער האט זיך ניט פארלארען, ער האט בארוהיגט זיין פרוי און קינדער, און זיי געזאגט:

— מיר טארען ניט פארלירען אונזער בטחון אין גאט, אונזער רב ר׳ יהושע העשעל האט מיר געזאגט, אז איך האב זיך ניט וואס צו שרעקען. דער אויבערשטער וועט אונז באשיצען.

— א, גאט, האב אויף אונז רחמנות! — האט זיין פרוי אויסגערופען, ארויסבאגלייטענדיג איהר מאן אין דרויסען.

ר׳ יואל איז אריינגעבראכט געווארען אין וואיעוואדא׳ס הויז און ער האט דערזעהן דארט דעם גלח, זאשקא׳ן און דעם בישאף, האט ער פארשטאנען אז דער בישאף האט שוין געטהאן דאס זייניגע.

— זעץ זיך, — האט דער בישאף זיך צו איהם געווענדעט, — זיין עקסעלענץ, דער וואיעוואדא, וויל דיר שטעלען א פאר פראגען.

— איז זי געווען דיין דינסט? — פרעגט איהם דער וואיעוואדא, אנצייגענדיג אויף זאשקא׳ן.

— יא, מיין האר!

— און פארוואס האסטו זי אוועקגעשיקט?

— הם . . . ווייל מיר האבען באמערקט אז זי וועט ווערן מוטער און זי איז ניט געווען פארהייראט און מיר האבען געוואלט אז דער שולדיגער זאל זי נעמען אונטער זיין שוץ, ער זאל מיט איהר הייראטען.

— האסטו זי געזעהן נאכדעם ווי דו האסט זי אוועקגעשיקט פון דיין הויז?

— ערשט נעכטען האב איך זי געזעהן צום ערשטען מאל.

— צוליעב וואס איז זי געקומען צו דיר? — פרעגט איהם דער וואיעוואדא.

— זי איז געקומען מיך ווארענען אז דער גלח וויל מאכען א בלבול אויף מיר.

— האט זי דיר געזאגט ווער עס איז דער פאטער פון איהר קינד?

— זי האט עס געזאגט צו מיין פרוי.

— און ווער איז ער?

ר׳ יואל האט אנגעוויזען אויף דעם גלח, און צוגעגעבען:

— זי האט דערצעהלט אז ער האט זי פארפיהרט ווען זי איז צו איהם געקומען זיך מתודה זיין.

— עס איז א ליגען! — איז דער גלח אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ.

— ווען זי איז צו מיר געקומען זיך מתודה זיין האט זי מיך דערצעהלט אז איהר באלעבאס האט זי פארפיהרט. אבער איצט, ווייזט אויס, איז איהם געלונגען אונטערצוקויפען זאשקא׳ן. ער מיט די אנדערע אידען האבען איהר געוויס אנגעבאטען א גרויסע סומע געלד זי זאלווארפען די שולד אויף מיר.

— דו הערסט, זאשקא! — האט דער וואיעוואדא אויסגערופען, — דו דארפסט וויסען אז די שטראף פאר מאכען א פאלשע באשולדיגונג געגען א גייסטליכען איז זעהר גרויס. איך גיב דיר אבער א געלעגענהייט צוריקצוציהען דיין באשולדיגונג געגען גלח און דערצעהלען דעם גאנצען אמת.

זאשקא האט זיך שטארק דערשראקען און זי האט זיך פאנאנדערגעוויינט.

דער וואיעוואדא האט זיך א שטעל געטהאן און זיך געווענדעט צום בישאף:

— אייער הייליגקייט האט, דוכט זיך, געמאכט אן איבעראיילטען שריט, עס קען זיין אז דער איד איז טאקע דער שולדיגער. דאס וואס זי האט זיך

פֿאַנאַנדערגעוויינט איז פֿאַר מיר א באַוויז אַז זי האָט חרטה. אָט וועט זי זיך מודה זיין.

— איך וועל זיין דער ערשטער זיך צו ענטשולדיגען פֿאַר איהם אין קלויסטער פֿאַר אַלעמען אין די אויגען דעם קומענדען זונטאָג, — האָט דער בישאָף געזאָגט.

דער גלח איז שוין געוואָרען מעהר חוצפּה׳דיג און אויסגערופֿען:

— עס איז מיר שווער צו פֿאַרשטעהן ווי אַזוי דער בישאָף זאָל גלויבען דעם זשיד מעהר ווי מיר! די זשידעם פֿעהלט ניט קיין געלד און זיי האָבען זי אונטערגעקויפֿט . . . הער זיך איין, זאָשקא, — האָט ער זיך געווענדעט צו איהר — דערצעהל דעם גאַנצען אמת וועל איך דיר מוחל זיין און אונזער האַר יעזוס וועט דיר אויך מוחל זיין.

— אָ, ווי אַזוי וואַגסטו אַרויפֿצוברייננגען אויף דיינע ליפּען דעם נאָמען פֿון אונזער האַר יעזוס! — האָט זיך זאָשקא א שטעל געטהאָן און מיט צאָרן זיך אָנגערופֿען צום גלח, — גאָט, דו און איך ווייסען דאָך דעם אמת! דו ביזט אומווירדיג, דו ביזט אַן אויסוואורף!

— זאָל דיר דער האַר יעזוס מוחל זיין, ווייל דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט — האָט דער גלח אויסגערופֿען, — דאָס געלד פֿון די זשידעם האָט דיך בלינד און טויב געמאַכט.

— וויפֿיעל געלד האָסטו געקראָגען פֿון איהם? — האָט דער וואָיעוואָדא זיך געווענדעט צו זאָשקא׳ן, אָנווייזענדיג אויף ר׳ יואל׳ן.

— איך האָב פֿון איהם קיין געלד ניט געקראָגען.

— האָט ער דיר צוגעזאָגט צו געבען געלד?

— ניין!

— טאָ וואָס האָסטו געטהאָן נעכטען אין זיין הויז?

— ווען דער גלח האָט געהייסען טויטען מיין קינד און מאַכען דעם בלבול אויף דעם אומשולדיגען אידען, האָט אין מיר מיין צאָרן געברענט. איך ווייס דאָך אַז דער גלח איז שולדיג, ער האָט מיך פֿאַרפֿיהרט און ער וויל נאָך וואַרפֿען די שולד אויף אומשולדיגע מענשען . . . איך האָב געזעהן ווי פֿאַלש און אומווירדיג ער איז צו זיין א גלח. דאַריבער בין איך געקומען צו דעם אידען און איהם אַלץ דערצעהלט. איך בין מיט איהם שפּעטער געגאַנגען צום בישאָף און איך האָב פֿאַר איהם געשוואָרען ביים הייליגען צלם אַז אַלץ וואָס איך דערצעהל איז אמת! . . .

— זאָג מיר, ווען האָסטו אויסגעפֿונען אַז דער גלח האָט זאָשקא׳ן פֿאַרפֿיהרט? — האָט דער בישאָף א פֿרעג געטהאָן דעם גלח.

— אַזוי שנעל ווי זי האָט אָנגעהויבען פֿיהלען אַז זי דאַרף ווערען מוטער. דאַן איז זי צו מיר געקומען און פֿאַר מיר זיך מתודה געווען. זי האָט מיר געזאָגט אַז דער זשיד האָט איהר געגעבען א סך געלד.

— עס הייסט, אַז זי האָט דיר דערצעהלט אַן ערך מיט א זיבען אָדער אַכט חדשים צוריק.

— יאָ, אומגעפֿעהר אַזוי, — ענטפֿערט דער גלח.

— אויב אַזוי, טאָ פֿאַרוואָס האָסטו די גאַנצע צייט געשוויגען? פֿאַרוואָס האָסטו ניט געפֿאָדערט גערעכטיגקייט פֿאַר זאָשקא׳ן פֿון דעם אידען?

— ווייל זי האָט ניט געוואָלט אַז מען זאָל אויסגעפֿינען וועגען איהר שאַנדע.

— האָט זי דען ניט געוואוסט אַז אַזא זאַך קען מען אויף לאַנג ניט פֿאַרבאָרגען?

— זי האָט געוואָלט עס האַלטען בסוד אַזוי לאַנג ווי מעגליך, און עס פֿאַרשטעהט זיך, אַז עס איז מיין פֿליכט ניט אַרויסצוגעבען קיינע סודות, אויב מען פֿאַרלאַנגט עס פֿון מיר.

— און ווער האָט איהר די גאַנצע צייט געשטיצט?

— הם . . . איך האָב זיך באַנוצט מיט דעם געלד וואָס ווערט געזאַמעלט פֿאַר די אָרימע און נויטבאַדערפֿטיגע.

— פֿאַרוואָס האָסטו פֿון דעם אידען ניט פֿאַרלאַנגט ער זאָל זי שטיצען?

— ווייל דאַן וואָלט עס געמיינט אַז דער סוד קומט אַרויס.

— זאָג מיר, ביזטו נעכטען געווען אין דעם אידען׳ס הויז? — פֿרעגט איהם דער בישאָף.

דער גלח האָט א ווײַלע א טראַכט געטהאַן ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל ניט אַרײַנפאַלען, און געזאָגט:

— יאָ, איך בין בײַ איהם געווען!

— פאַרוואָס ביזטו פּלוצלינג געגאַנגען צו איהם?

— ווײַל מ'האָט מיר איבערגעגעבען אַז מ'האָט געזעהן זאָשקאַ'ן אַרײַנקומען אין זײַן הויז, און ניט אַרויסקומען, איז מיר געקומען א געדאַנק טאָמער האָט דער זשיד זי געוואָלט אומברײַנגען כדי צו פאַרדעקען זײַן פאַרברעכען, בין איך גלײַך אַהין אַוועק און פון איהם געפאָדערט ער זאָל אַרויסגעבען זאָשקאַ'ן מיט איהר קינד.

— האָסטו דען ניט געשיקט אימיצען פריהער צו דעם אידען? — פרעגט איהם דער בישאָף.

— המ . . . יאָ . . . איך האָב פריהער געשיקט מײַן דינער, און ווען ער האָט מיר געזאָגט אַז דער זשיד לייקענט, האָב איך באַשלאָסען אַליין צו געהן.

— איך זעה נאָך אַלץ ניט ווי אַזוי מיר קענען באַשולדיגען דעם גלח! אַלע זײַנע ערקלעהרונגען לייגען זיך אויפ'ן שכל . . . ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין זאָשקאַ'ן און איז געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגען איהר ווען מען האָט איהם דערצעהלט אַז מ'האָט זי געזעהן אַרײַנגעהן אין דעם הויז פון איהר געוועזענעם באַלעבאָס און זי איז פון דאָרט ניט אַרויסגעקומען. איך אַליין וואָלט אויך בעאומרוהיגט געוואָרען און גענומען פאַרדעכטיגען, — האָט דער וואָיעוואָדא געזאָגט.

— איך בעט דעם וואָיעוואָדא ער זאָל שיקען רופען דעם גלח'ס דינער, — האָט דער בישאָף זיך אָנגערופען.

— איך וועל ניט ערלויבען מען זאָל מײַן געטרײַען דינער באַלעסטיגען מיט פראַגען, אין דער צײַט ווען ער ווייסט ניט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, — האָט דער גלח אויסגערופען.

— דײַן דינער איז געווען אין קלויסטער בעת דו האָסט די פּויערים גערופען צו א פּאָגראָם, — האָט דער בישאָף געזאָגט, — און דאַריבער ווייסט ער שוין גאַנץ גוט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. און אפשר ווייסט ער א סך מעהר! איך פאַרלאַנג דאַריבער אַז מען זאָל נאָך איהם שיקען.

— זאָל מען נאָך איהם שיקען, — האָט דער גלח געזאָגט, — אָבער איך פאַרלאַנג אַז מען זאָל מיר ערלויבען צו רײַדען מיט איהם פאַר א קליינע ווײַלע.

— ניין, דאָס קען איך דיר ניט ערלויבען, — האָט דער וואָיעוואָדא געזאָגט. — זאָל ער נאָר קומען און מיר וועלען דאַן באַשליסען ווער עס זאָל רײַדען פריהער צו איהם, איך אָדער דו!

דער וואָיעוואָדא האָט גלײַך געשיקט אײנעם פון זײַנע אָנגעשטעלטע צו ברײַנגען דעם גלח'ס משרת. און די אויספאָרשונג איז דערווײַל פאָרטגעזעצט געוואָרען.

פאַר די פּויערים אין קלויסטער איז געווען א שטאַרקער קלאַפּ דאָס וואָס דער בישאָף האָט פאַר זיי אָפען באַשולדיגט דעם גלח אין אַזא שענדליכען פאַרברעכען. זיי זײַנען געווען שטאַרק דערשלאָגען. מאַנכע פון זיי זײַנען געווען ענטטוישט, ווײַל זיי האָבען זיך שוין געריכט אַז זיי וועלען אָנזאַמלען א סך רויב פון די רײַכע אידען און איצט וועלען זיי דאַרפען געהן אַהיים מיט ליידיגען.

אַנדערע אָבער זײַנען געווען שטאַרק אויפגעברויזט געגען גלח. ער, וועלכער דאַרף זיי לערנען ווי אַזוי זיך אויפפיהרען, ווי אַזוי צו זײַן עהרליך און גוט, האָט גאָר זיי געוואָלט פאַרפיהרען. ער האָט געוואָלט זיי זאָלען פאַרגיסען אומשולדיג בלוט. אַז דער גלח איז שולדיג איז בײַ קיינעם פון זיי קיין צווייפעל ניט געווען. דער בישאָף האָט דאָך זיי אַלעמען איבערצייגט. ער האָט געבראַכט זאַשקאַ'ן און זי האָט געוואָרפען די גאַנצע שולד אויף דעם גלח . . . וואָלט דער גלח אם ווייניגסטען געלייקענט, וואָלט בײַ פיעלע פון זיי געווען א צווייפעל, אָבער אַנשטאָט צו לייקענען האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פון דעם קלויסטער און איז אַנטלאָפען געוואָרען.

אייניגע פּויערים זײַנען צוגעקומען צו דעם גלח'ס הויז וואָס איז געווען נעבען קלויסטער און זיי האָבען גע־

וואָלט אויסגעפינען אויב ער באַהאַלט זיך ניט אין הויז. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין טהיר און דער משרת האָט געעפענט און זיי געפרעגט וואָס זיי פאַרלאַנגען.

— וואו איז דער גלח? — האָט איינער פון זיי געפרעגט.

— דענקט איהר דען אַז ער זאָל זיין אין הויז נאָך אָט דער פּאַסירונג? — ענטפערט דער משרת.

— און וואָס זאָגסטו אויף דעם? — פרעגט איהם אַ צווייטער פּויער.

— איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דעם גלח'ס הענט זיינען ניט ריינע — האָט דער דינער געזאָגט, — איך פלעג באַמערקען אַז בעת זאַשקאַ פלעגט קומען זיך מתודה זיין, פלעגט ער זי פאַרהאַלטען זעהר לאַנג... מיר דאַרפען אַלע זיין צופרידען וואָס דער בישאָף האָט פון איהם אַרונטערגענומען זיין מאַסקע...

די נייגעריגע פּויערים האָבען אַרומגערינגעלט דעם גלח'ס משרת און איִם גענומען שטעלען פאַרשידענע פראַגען וועגען גלח. וואָס וועט ער איצט טאָן? וועט ער זיך אומקעהרען צום קלויסטער?

— איך גלויב אַז דער גלח וועט מורא האָבען צו בלייבען אין ווילנע, — האָט דער דינער געזאָגט, — און ער איז טאַקע אַנטלאָפען געוואָרען איבערלאָזענדיג אַלץ.

— ער מוז ערגעץ האָבען אַ סך געלד! — האָט איינער פון די פּויערים געזאָגט.

— ער האַלט דאָס געלד פאַרשלאָסען און מסתמא וועט דער בישאָף איבערגעבען דאָס גאַנצע געלד צום קלויסטער.

באַלד איז צוגעקומען דער אָנגעשטעלטער פון וואָיעוואָדאַ און געזאָגט דעם גלח'ס דינער אַז דער וואָיעוואָדאַ וויל ער זאָל שנעל קומען צו איהם.

— האָט מען געכאַפּט דעם גלח?

— האָט דער משרת געפרעגט דעם וואָיעוואָדאַ'ס דינער.

— איך קען דיר דערווייל גאָרניט זאָגען. ווען דו וועסט קומען וועסטו אויסגעפינען.

דער וואָיעוואָדאַ און דער בישאָף יינען אַריין מיט דעם גלח'ס משרת אין אַ צווייטען צימער.

— זאָג מיר, האָסטו געוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זאָשקאַ'ן?

— איך האָב שוין לאַנג פאַרדעכטיגט דעם גלח! — האָט דער משרת געזאָגט.

— דו האָסט פאַרדעכטיגט דעם גלח? — האָט דער וואָיעוואָדאַ אויסגערופען, — טאָ פאַרוואָס ביזטו ניט געגאַנגען צו דעם אידען.

— ווייל דער גלח האָט מיר געשיקט. איך האָב איהם דאָך געמוזט פאָלגען.

— דערצעהל אונז אַלעס וואָס דו ווייסט פון דעם גלח! — האָט דער בישאָף זיך צו איהם אָנגערופען.

— איך ווייס אַז ער האָט זיך ניט אויפגעפיהרט ווי עס פּאַסט פאַר אַ גלח. איך פלעג באַמערקען אַז ער פלעגט זאָשקאַ'ן פאַרהאַלטען צו לאַנג. און איך האָב איינמאָל געהערט ווי זאָשקאַ האָט פאַר איהם געוויינט, און ער האָט זי געטרייסט און געזאָגט אַז זי דאַרף קיין מורא ניט האָבען, ער וועט שוין זעהן אַז זי זאָל ניט דאַרפען ליידען... איך האָב ערשט דעם פאַרגאַנגענעם פרייטאָג זיך אונטערגעהערט אַ געשפּרעך וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען דעם גלח און זאָשקאַ'ן.

— און וואָס האָבען זיי גערעדט?

— פרעגט איהם דער בישאָף.

— זיי האָבען גערעדט וועגען דעם אידען, איהר געוועזענעם באַלעבאָס. ער האָט איהר עפּעס געהייסען טהאָן. איך האָב ניט געהערט גענוי וואָס, אָבער זי האָט געוויינט און געזאָגט אַז זי קען עס ניט טהאָן.

— וועסטו אָט די דאָזיגע רייד אויך איבערזאָגען אין דער געגענוואַרט פון גלח? — האָט דער וואָיעוואָדאַ איהם געפרעגט.

— הם... געוויס... אָבער דער גלח איז אַנטלאָפען.

— קום אַריין אין צווייטען צימער, וועלען מיר הערען וואָס דער גלח האָט צו זאָגען וועגען דעם.

דער משרת איז טויט־בלאַס געוואָרען. ער איז געווען זיכער אַז דער גלח איז אַנטלאָפען געוואָרען, אָבער אָט זעהט ער איהם, דעם אידען און זאָשקאַ'ן.

— דערצעהל אונז אַלץ וואָס דו ווייסט וועגען גלח און זאָשקאָ'ן, — האָט דער וואַיעוואָדאַ געזאָגט.

דער משרת האָט ניט געקענט עפענען זיין מויל. איהם איז שווער געווען צו ריידען געגען גלח אין דער צייט ווען ער איז געווען דערביי.

— דו האָסט גאָרניט וואָס מורא צו האָבען. דו קענסט אונז דערציילען דעם גאַנצען אמת אַלץ וואָס דו ווייסט, — האָט דער בישאָף זיך אַנגערופען, — זאָג אונז וואָס האָט דער גלח געוואָלט טהאָן?

— דערצעהל פאַר אַלעמען! — האָט דער גלח זיך געווענדעט צו זיין משרת — האָט דען זאָשקאָ אַליין ניט דערצעהלט אין דיין געגענוואַרט אַז זי איז פאַרפיהרט געוואָרען פון דעם זשיד?! . . .

— ניין. זי האָט עס קיינמאָל ניט געזאָגט, — האָט דער משרת מיט דרייסטקייט געזאָגט, — איך ווייס אַז דער איד איז אינגאַנצען אומשולדיג. ווען איך בין געשיקט געוואָרען פון דיר צו איהם, האָב איך גאַנץ גוט געוואוסט אַז דו זוכסט צו מאַכען אַ בלבול אויף איהם.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אַז אויך איהם האָבען די זשידעם שוין אונטערגעקויפט, — האָט דער גלח אויסגערופען, — אַבער איך שווער, הער וואָיעוואָדאַ, אַז איך בין אומשולדיג. דער בישאָף האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו דערלאָזען אַז זאָשקאָ זאָל וואַרפען די שולד אויף מיר.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט אַז זאָשקאָ האָט געזאָלט וואַרפען די שולד אויף דיר? — האָט דער בישאָף געזאָגט, — ווען דו ביזט אַנטלאָפען געוואָרען פון קלויסטער איידער זאָשקאָ האָט באַוויזען אויסצורעדען אַ וואָרט?

— ביזטו אַנטלאָפען געוואָרען נאָך איידער זאָשקאָ האָט דיך באַשולדיגט? — פרעגט איהם דער וואָיעוואָדאַ.

— המ ... ע ... ניין! ... איך האָב מורא געהאַט פאַר'ן המון, — האָט דער גלח גענומען שטאַמלען.

— אַבער איידער זאָשקאָ האָט גערעדט האָט דאָך קיינער דיך ניט באַשולדיגט. אַלץ וואָס דער בישאָף האָט געטהאָן איז געווען צו באַווייזען אַז זאָשקאָ און איהר קינד לעבען און אַז דער איד איז ניט שולדיג. און איצט, אויב דו וואָלסט זיך אויך געפיהלט אומשולדיג, וואָלסטו באַדאַרפט בלייבען שטעהן און ערקלעהרען פאַר אַלעמען אַז דו האָסט געמאַכט אַ טעות און אַז דו ביזט צופרידען וואָס קיין בלוט איז ניט פאַרגאָסען געוואָרען. אַנשטאָט דעם ביזטו פון קלויסטער אַנטלאָפען אַזוי שנעל ווי זאָשקאָ האָט זיך באַוויזען אויפ'ן בעלעמער.

דער גלח האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ער האָט אָנגעפאַנגען שטאַמלען און דער וואָיעוואָדאַ איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם אַרונטערגעלאָזט אַ פייערדיגען פאַטש.

— איצט זעה איך, אַז אַלץ וואָס מען האָט אויף דיר דערצעהלט איז אמת. דו האָסט מיסברויכט דיין הייליגען אמט צו טהאָן שלעכטעס און דו האָסט געוואָלט אַז אומשולדיגע מענשען זאָלען באַשטראָפט ווערען פאַר דיינע זינד! — האָט דער וואָיעוואָדאַ אויסגערופען, — איך וועל דיך פאַרשפאַרען אין געפענגניס און דו וועסט גע'משפט ווערען פאַר דיינע פאַרברעכענס.

אייניגע פון דעם וואָיעוואָדאַ'ס בעאַמטע האָבען אַוועקגעפיהרט דעם גלח פון דאָרט און איהם פאַרשפאַרט אין געפענגניס.

— איך דריק דיר אויס מיין הארציגען דאַנק, — האָט דער וואָיעוואָדאַ זיך געווענדעט צום בישאָף, — פאַר דעם וואָס דו האָסט גענומען אַן אינטערעס אין אַלץ און דו האָסט פאַרמידען בלוט־פאַרגיסונג.

— איך גלויב אַז דעם דאַנק דאַרפסטו געבען צו דעם אידען און צו זאָשקאָ'ן, ווייל ווען ניט זיי וואָלט דער פאַלשער גלח געבראַכט אַ גרויסען אומגליק אויף אַלעמען.

— דו גערעכט אהיים! — האָט דער וואָיעוואָדאַ זיך אַנגערופען צו ר' יואל'ן, — און איך גלויב אַז איצט וועסטו צוריק אָנשטעלען זאָשקאָ'ן פאַר דיין דינסט.

— יאָ, ווירדיגער האַר! — האָט ר' יואל זיך פאַרנייגט.

— דאָס קינד וועסטו מוזען איבערגעבען אין אַ מאָנאַסטיר וואו מען וועט אַכטונג געבען אויף דעם, — האָט דער

בישאָף געזאָגט צו זאָשקא'ן, — ביזטו ווילֿיג זיך אומצוקעהרען ארבייטען ביי איהם?

— יאָ, הייליגער בישאָף, — האָט זאָשקא אויסגערופען, — זיי זיינען שטענדיג געווען גוט צו מיר און מיך זעהר פיין באהאנדעלט.

— דו האָסט פארדינט געלויבט צו ווערען פאר דיין מוטה וואָס דו האָסט געהאט צו דערצעהלען דעם אמת! — האָט דער בישאָף צו איהר געזאָגט, — גאָט וועט דיך דערפאר באלוינען. דערווייל קענסטו מיטנעמען דיין קינד מיט דיר און אין איניגע טעג ארום וועל איך שיקען צו דיר א מאָנאשקע וועמען דו וועסט איבערגעבען דיין קינד.

ר' יואל האָט זיך נאָך אמאָל פארנייגט און ער איז ארוים פון דאָרט. זאָשקא איז איהם נאָכגעגאנגען און זי איז ווידער אָנגעשטעלט געוואָרען אלס זייער דינסט.

אין גאנץ ווילנע איז באלד באקאנט געוואָרען די געשיכטע פון דעם גלח און דעם אידען ר' יואל'ן. די גוים האָבען זיך שטארק געשעהמט און די אידען האָבען געדאנקט גאָט וואָס ער האָט זיי מציל געווען פון א בלוט־בלבול.

ר' יואל האָט דעם קומענדען שבת געבענטש גומל און ער האָט פארבעטען זיינע באקאנטע און פריינד צו זיך אויף קידוש.

אין קלויסטער האָט דער בישאָף אָנגעשטעלט א נייעם גלח, וועלכער האָט געפּרעדיגט אז מען דארף זיין פריינדליך צו אלעמען, און זינט דאן האָבען זיך די באציהונגען צווישען די אידען און קריסטען א סך פארבעסערט.

קאפּיטעל פיר

פאר א ווילע האָט זיך צווישען די אידען אין ווילנע געטומעלט וועגען דער געשיכטע פון גלח און ר' יואל'ן און די אויפמערקזאמקייט צו דעם וואונדער־קינד אליהו איז אָפּגעצויגען געוואָרען, אָבער ווי נאָר די ווילנער אידען האָבען זיך בארוהיגט, און די שרעק פאר א פּאָגראָם איז פּאָראיבער, האָט מען ווידער גענומען ריידען וועגען אליהו'ן.

ווי נאָר עס פלעגט אָנקומען אין ווילנע א גרויסער רב פון אנאנדער שטאָט, האָט מען איהם גלייך איבערגעגעבען וועגען קליינעם גאון, וועלכער קען לערנען ווי א גרויסער און קען ענטפערען זעהר שנעל אויף אלע קשיות וואָס מען שטעלט איהם.

פארשטעהט זיך, אז ניט יעדער איינער האָט געוואָלט גלויבען אזא זאך. פלעגט מען אוועקגעהן צו ר' שלמה זלמ'ען אין הויז און איהם גענומען פארדרעהען דעם קאָפּ מיט קשיות און טאקע גאנץ שווערע קשיות. אָבער דער קליינער אליהו פלעגט די קשיות פארענטפערען אזוי גרינגליך אז דער פרעגער פלעגט בלייבען ערשטוינט. און גאנץ אָפט פלעגט אליהו פרעגען א קשיא זיין פרעגער און יענער פלעגט איינפאך ניט וויסען וואָס צו ענטפערען.

ר' שלמה זלמן האָט אליהו'ן ניט אָפּגעגעבען צו לערנען ניט אין א חדר און ניט אין א ישיבה. ער פלעגט אליין מיט איהם לערנען. ווייל ר' שלמה זלמן אליין איז געווען א גרויסער למדן. אָבער אויך זיין פאָטער האָט מיט איהם לאנג ניט געקענט לערנען. ווי נאָר אליהו האָט געכאפּט דעם שניט פון לערנען, האָט ער אָנגעפאנגען צו לערנען פאר זיך. דער פאָטער פלעגט מיט איהם בלויז ריידען אין לערנען און אליין טאקע געניסען פון זיין שארפקייט און גרויסקייט.

אין יענער צייט איז אין ווילנע אָנגעקומען אויף א באזוך דער בארימטער רב ר' אברהם קאצענעלענבויגען, דער אב בית דין פון בריסק. ער איז איינגעשטאנען ביי זיין איידעם, דעם גרויסען למדן ר' יוסף עטקעס.

פארשטעהט זיך, אז דער ערשטער געשפּרעך וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם באריהמטען שווער און איידעם איז געווען וועגען דעם קליינעם אליהו, וועלכער איז שוין דאן אלט געווען אכט יאָהר.

ר' יוסף עטעקס האָט מיטגענומען זיין שווער און איז מיט איהם אוועק צו ר' שלמה זלמן'ס הויז.

דאָרט האָט ר' יוסף עטקעס פאָרגעשטעלט זיין באריהמטען שווער פאר

ר׳ שלמה זלמ׳ען און ער איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס כבוד.

אין שטוב האבען זיך געשפּיעלט ר׳ שלמה זלמן׳ס פיער קלענערע קינדער, און זייער מוטער טריינע האט שוין געזעהן אז זיי זאלען ניט מאכען קיין צו גרויסען טומעל, כדי ניט צו שטערען זייער עלטערען ברודער, דעם אכט יעהריגען אליהו, וועלכער לערענט פאר זיך אין צווייטען צימער.

— איך האב זעהר פיעל געהערט וועגען אייער זוהן אליהו — האט זיך ר׳ אברהם אנגערופען, — און איך בין זעהר נייגעריג איהם צו זעהן. וואו איז ער, אייער זוהן?

— ער איז אין צווייטען צימער, ער לערנט דארט.

— ער לערענט פאר זיך? — פרעגט ר׳ אברהם.

— יא, איך האב זיך ארומגעזעהן אז ער טהוט אויף א סך מעהר ווען ער לערנט פאר זיך. ביז ניט לאנג צוריק האב איך מיט איהם געלערענט, אבער איך בין זיך מודה אז ער נויטיגט זיך שוין ניט אין מיין הילף. אט וועל איך איהם אריינרופען אהער.

— ניין, לאמיר בעסער אריינגעהן צו איהם, — האט ר׳ אברהם געזאגט.

ר׳ שלמה זלמן האט פארזיכטיג אויפגעעפענט די טיהר און ער איז אריין אין צימער צוזאמען מיט זיינע געסט, מיט ר׳ אברהם׳ן און ר׳ יוסף עטקעס.

אין א ווינקעל פון חדר איז געשטאנען א צובראכען טישעל וואס איז אונטערגעשפּארט מיט א קלעצעל ער זאל זיך ניט שאקלען. ביים טישעל אויף א בענקעל איז געזעסען דער אכט יעהריגער אליהו און זיך פארטיעפט אין א גמרא.

מיט שטילע טריט איז ר׳ אברהם צוגעקומען נעהנטער און ער האט זיך אריבערגעבויגען. ער האט געזעהן ווי ער איז פארטיעפט אין דער גמרא חולין אין דעם פּרק חמישי ״אותו ואת בנו״.

אליהו האט פּלוצלינג דערפיהלט אז אימיצער שטעהט נעבען איהם. ער האט אויפגעהויבען זיין קאפּ און דערזעהן דעם אומבאקאנטען רב, ער האט זיך גלייך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאץ אפּצוגעבען איהם כבוד.

— שטער זיך ניט! — האט ר׳ אברהם געזאגט.

— דאס איז זעהר א וויכטיגער גאסט, — האט ר׳ שלמה זלמן געזאגט.

— שלום עליכם, — האט ר׳ אברהם איהם געגעבען די האנט, — ווי איך זעה האלסטו שוין ביים פּרק חמישי אין חולין. זאג מיר, אליהו, ווען האסטו אנגעפאנגען צו לערנען די מסכתא חולין?

— מיט דריי טעג צוריק! — ענטפערט אליהו.

— וואס? — האט ר׳ אברהם אויסגערופען מיט ערשטוינונג, — דו האסט אנגעפאנגען פון אנפאנג מסכתא, פון ״הכל שוחטין״ און דו האלטסט שוין ביי דף פ׳?... אין דריי טעג צייט האסטו שוין דורכגעלערענט אכציג בלאט גמרא!...

— אליהו האט געשוויגען.

— ווייסט אלץ וואס דו האסט געלערענט? איך מיין האסטו עס געלערענט גרינדליך, אדער דו האסט נאר עס איבערגעקוקט פון אויבען אויף? — פרעגט איהם ר׳ אברהם.

— צו וויסען און צו גרונדקייט אין לערנען איז קיין גרונד ניטא! — ענטפערט איהם אליהו.

ר׳ אברהם האט א קוק געטהאן אויף דעם קליינעם קינד מיט די קלוגע שווארצע ברענענדע אויגען און רויטע בעקעלעך און א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפּען. אזא קינד און רעדט שוין ווי א דערוואקסענער.

— אט אזא קינד איז עס! — שושקעט ר׳ יוסף עטקעס אריין אין זיין שווער׳ס אויער. — איהר וועט זיין נאך מעהר איבערראשט ווען איר וועט איהם פארהערען.

ר׳ אברהם האט גענומען די גמרא אין האנט און גענומען בלעטערען. ער האט זיך אפּגעשטעלט אויף דעם דף ל״ד עמוד ב׳ און ער האט געהייסען אליהו׳ן זאגען.

מיט א קלינגענדער שטימע און א שעהנעם ניגון האט אליהו גענומען זאגען: ״האוכל שלישי של חולין על טהרת הקדש״.

ר׳ אברהם האט איהם געבעטען ערקלעהרען דעם גאנצען ענין, און ער

האָט זיך געוואונדערט ווי קלאָר און דייטליך ער ערקלעהרט איהם די גמרא. אָבער נאָך גרעסער איז זיין ערשטוינונג געוואָרען ווען ער האָט איהם גענומען שטעלען קשיות און אליהו האָט איהם געענטפערט אויף יעדער קשיא באזונדער.

ער האָט איהם געפרעגט נאָך קשיות און אליהו האָט איהם שנעל געענטפערט. דער גרויסער רב איז אזוי איבערראשט געוואָרען פון דער קלאָרקייט פון דעם אכט יעהריגען קינד'ס פארשטאנד און פון די טיעפע און שארפע תשובות וואָס ער האָט איהם געגעבען אויף זיינע קשיות, אז ער איז געבליבען צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ.

— ער איז שוין א למדן מופלג! — האָט ר' אברהם זיך אָנגערופען צו ר' שלמה זלמ'ען, — ער וואקסט א גאון!

א גליקליכער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף ר' שלמה זלמן'ס ליפּען און ער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט: "איך ווייס עס!"

— נו, און וואָס וועט איהר מיט איהם טאָן דאָ? — האָט ר' אברהם געפרעגט און געווענדעט זיין פּנים צו דער אָפענער טיהר, וואו די קליינוואַרג, די אנדערע פיער ברידער, פון אליהו'ן זיינען געשטאנען און האָבען אריינגעקוקט.

— דערווייל ווייס איך נאָך ניט! — האָט ר' שלמה זלמן זיך אָנגערופען, — ביז איצט האָב איך מיט אים געלערנט. מיר דוכט זיך, אז קיין רבי'ן דארף ער ניט, און איך צווייפעל אפילו אויב א רבי וואָלט געווען צוגעפּאסט צו איהם.

— ערלויבט מיר צו נעמען דאָס קינד אונטער מיין השגחה, — האָט ר' אברהם קאצענעלענבויגען געזאָגט. — איך וועל איהם מיטנעמען מיט זיך קיין קיידאַן, דאָרט געפינט זיך מיין פאָטער, דער רב פון קיידאַן, ר' דוד קאצענעלענבויגען, און ער וועט שוין זעהן אז אייער אליהו זאָל זיך דאָרט ענטוויקלען אין לערנען. ווי עס פּאסט פאר אזא גאוניש קעפּעל.

— איך דאנק אייך זעהר רבי, — האָט ר' שלמה זלמן געזאָגט, — אָבער דער אמת איז, אז עס וועט אונז זיין שווער זיך צו שיידען מיט איהם, איבערהויפּט וועט עס זיין שווער פאר זיין מוטער.

— מען דארף זיך ניט רעכענען מיט די געפיהלען פון זיינע עלטערען, — האָט ר' אברהם געזאָגט, — אזא קינד דארף מען באהאנדלען אנדערש ווי אנדערע קינדער . . . איך זעה דאָך, אז קיין עושר זייט איהר ניט און איך האָט נאָך, אָהן עין הרע, פיער אנדערע קינדער . . . און ווי שטארק איהר זאָלט וועלען וועט איהר ניט קענען געבען די געהעריגע אויפּפּאסונג אויף אליהו'ן. ביי מיין פאָטער אין קיידאַן וועט מען איהם האלטען ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אין קיידאַן געפינט זיך איצט דער גאון ר' משה, דער מחבר פון פּני משה אויף ירושלמי. ביי איהם וועט אייער אליהו לערנען, און מיין פאָטער וועט שוין זעהן אז איהם זאָל גאָרניט פעהלען און אז ער זאָל קענען לערנען אומגעשטערטערהייט.

— איך וועל זיך מיישב זיין מיט מיין פרוי, — האָט ר' שלמה זלמן געזאָגט.

— וואָס איז דאָ וואָס צו קלעהרען און זיך מיישב זיין? אָט וועלען מיר זיך אלע דורכריידען. נו, גוט, אליהו, דו שטער זיך ניט. מיר וועלען דיך ניט מבטל זיין פון דער תורה, — האָט ר' אברהם געזאָגט, און איז ארויס פון צימער צוזאמען מיט זיין איידעם ר' יוסף עטקעס, און זיי זיינען אריין אין א צווייטען צימער.

ר' שלמה זלמן האָט זיי געבעטען זיך זעצען ביים טיש און ער האָט דערוויל געהייסען טריינע'ן, זיין פרוי, צושטעלען א טשייניק וואסער פאר טעה פאר די חשוב'ע געסט.

טריינע וועלכע האָט זיך געפּאָרעט ביים אויוועז מיט דעם געקעכטס וואָס זי האָט געהאט צוגעגרייט פאר אָוונטברויט האָט גלייך אָנגעפילט דעם טשייניק און צוגעשטעלט קאָכען.

ווען די טעה איז פארטיג געוואָרען האָט זי אָנגעפילט דריי גלעזער און זיי געשטעלט אויפ'ן טיש.

— און איהר, טריינע, — רופט זיך אָן צו איהר ר' יוסף עטקעס, — גיסט אויך אָן א גלאָז טעה פאר זיך און זעצט זיך צו ביים טיש. מיר ווילען זיך מיט אייך דורכריידען.

טריינע איז א ווײלע געבליבען אין א פארלעגענהייט. ווי קומט זי, א אשה, זיך צו זעצען ביים טיש מיט אזעלכע חשוב׳ע געסט, אזעלכע לומדים ווי ר׳ אברהם קאצענעלענבויגען און ר׳ יוסף עטקעס. בכלל איז זי ניט געוואוינט געווען צו זיצען ביים טיש מיט געסט... זי האָט געפיהלט אז איהר פליכט איז צו זעהן אז די געסט זאָלען זיך פיהלען באקוועם און אז אלץ זאָל זיין אין אָרדנונג און דאן זיך צוריקציהען אין קיך אָדער זיך זעצען אין א ווינקעל און זיך צוהערען פון ווייטען.

— זעץ זיך צו, טריינע, — האָט איהר מאן געזאָגט, — ר׳ אברהם וויל אז דו זאָלסט אויך הערען, ווייל דאָס האנדעלט זיך וועגען אונזער זוהן, אליהו.

טריינע האָט זיך מיט דעם טיכעל וואָס זי האָט געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ זיך נאָך מעהר איינגעהילט, און זי האָט זיך צוגעזעצט אויף א ברעג פון בענקעל.

— דו ווייסט, טריינע, — האָט זיך ר׳ שלמה זלמן צו איהר אָנגערופען נאָך א קליינער פויזע, — ר׳ אברהם גלויבט אז עס וואָלט געווען זעהר גוט פאר אליהו׳ן צו פאָהרען מיט איהם קיין קיידאן, דאָרט צו זיין אונטער דער השגחה פון זיין פאָטער, ר׳ דוד, דעם קיידאנער רב, און צו לערנען דאָרט ביי דעם באריהמטען גאון ר׳ משה. וואָס זאָגסטו צו דעם?

— וואָס זאָל איך זאָגען! — רופט זיך אָן טריינע — מסתמא ווייסט איר דאָך בעסער וואָס עס איז גוט פאר איהם.

— איך האָב אָהן דיר ניט געוואָלט געבען מיין הסכמה, — זאָגט ר׳ שלמה זלמן, — איך ווייס ווי שטארק צוגעבונדען דו ביזט צו איהם, און אז עס וועט דיר זיין שווער זיך צו שיידען מיט איהם. איז וואָס איז דיין מיינונג?

— חנה, די מוטער פון שמואל דעם נביא, האָט געהאט בלויז איין זוהן, האָט זי איהם פאר זיין גאנצען לעבען אָפּגעגעבען פאר גאָט אין משכן שלה... ווען איך האָב פאר־א־יאָהרען געהערט ווי מיין קינד האלט א דרשה אין דער ווילנער שטאָט־שוהל פאר אן עולם פון לומדים און רבנים, האָב איך פלוצים דערפיהלט אז איך, א פשוט׳ע אשה, בין ניט ווערטה צו האָבען אזא טייערען זוהן, און אין הארצען האָב איך געטראכט, אז איך וועל איהם אָפּגעבען אינגאנצען צו גאָט. איך וועל טאָן די שווערסטע ארבייט אבי מעגליך צו מאכען פאר איהם צו לערנען און ווידמען אלע זיינע יאָהרען צו תורה. און איצט, אויב איהר גלויבט אז דאָרט, אין קיידאן, וועט ער בעסער קענען פאָרטזעצען זיין לערנען, וועל איך איהם געווים ניט שטערען ווי שווער עס זאָל זיין פאר מיר זיך אָפּצושיידען פון איהם.

— וואויל איז צו אייך וואָס איהר זייט די מוטער פון אזא זוהן ווי אליהו — האָט ר׳ אברהם אויסגערופען, און ווענדענדיג זיך צו ר׳ שלמה זלמ׳ען, האָט ער געזאָגט:

— נו, וויבאלד אז פון זיין מוטער איז קיין אָפּהאלט ניטאָ, קענען מיר שוין ריידען וועגען דעם. איך וועל שוין זעהן זיך גרייטען צו דער רייזע.

— זאָל ער איהם ווייניגסטען פארבלייבען נאָך א וואָך מיט אונז! — האָט ר׳ שלמה זלמן געזאָגט, — די מאמע וועט פאר איהם צוגרייטען א ווארעמען בגד און אנדערע קליינינקייטען. עס ווערט שוין קאלט.

— גוט, איך האָב אלץ איינס גערעכענט צו פארבלייבען אין ווילנע נאָך עטליכע טעג, וועל איך שוין פארברייגען א גאנצע וואָך, אָבער איבעראכטאָג אם ירצה השם וועל איך מיט איהם אָפּרייזען קיין קיידאן.

ווען ר׳ יוסף עטקעס און זיין שווער זיינען ארוים פון הויז, איז ר׳ שלמה זלמן אריין צו אליהו׳ן אין צימער און איהם געזאָגט:

— דו ווייסט, מיין קינד, דער רב ר׳ אברהם גלויבט אז דו זאָלסט מיט איהם פאָהרען קיין קיידאן, דאָרט וועסטו לערנען ביי דעם גאון ר׳ משה, דעם מחבר פון פני משה אויף ירושלמי. נו, ביזטו צופרידען?

— רבי נהורי זאָגט הוה גולה למקום תורה... (וואנדער אוועק צו א פלאץ פון תורה) ואל בינתך אל תשען (און פארלאָז זיך ניט אויף דיין אייגענעם פארשטאנד) — האָט זיך אָנגערופען אליהו צו זיין פאָטער.

— זאָל גאָט געבען אז עס זאָל זיין מיט גליק, מיין זוהן, — האָט איהם

ר׳ שלמה זלמן אַ קוש געטאָן אין שטערן, — וואו דו וועסט זיך געפינען וועסטו שוין לערנען תורה.

קאַפּיטעל פינף

די פּוילישע שיקסע זאָשקע וועלכע האָט געהאט אזא טרויעריגע ערפארונג מיט דעם גלח, האָט ווידער אָנגעהויבען צו ארבייטען פאר דוואָשע׳ן, ר׳ יואל׳ס פרוי. זי איז זיי געווען דאנקבאר וואָס זיי האָבען זי צוריק אָנגעשטעלט אלס זייער דינסט. עס זיינען פאַראיבער עטליכע וואָכען און זאָשקע האָט זיך איינמאָל אָנגערופען צו ר׳ יואל׳ן און דוואָשע׳ן:

— איך וויל ווערען א אידישע טאָכטער!

— וואָס רעדסטו, זאָשקע, — רופט זיך אָן דוואָשע צו איהר, — ווינציג צרות האָסטו געהאט וואָס דו זוכסט זיך נאָך צרות.

— איך קען ניט מעהר רוהען, איך שלאָף ניט קיין נעכט, — האָט זאָשקע זיך אָנגערופען, — איך טראכט נאָר פון דעם . . . איך פיהל אז איך קען עס שוין מעהר ניט אריבערטראָגען... איך בין געבליבען איצט אָהן א גאָט... דער גלח האָט מיך אָפּגעשטויסען פון מיין רעליגיע און איך האָב ניט קיין נייע רעליגיע . . . איך האָב שוין פון לאנג געטראכט וועגען ווערען א אידישקע, נאָך איידער דער גלח האָט מיך געהאט פארפיהרט.

— פארוואָס?—פרעגט זי דוואָשע.

— ווייל איך האָב געזעהן דעם גרויסען אונטערשיד צווישען די מייניגע און אייעריגע, — האָט זאָשקע געענטפערט, — איך האָב ביי אייך געדינט עטליכע יאָהר און איך האָב זיך צוגעקוקט צו אייערע שבתים און ימים טובים, צו אייערע מנהגים און אויפפיהרונגען, און דאן פלעג איך זעהן דעם גרויסען חילוק. ביי אייך אז עס קומט שבת, קומט אין אלץ אריין אזא מין ענדערונג עפּעס א הייליגקייט שוועבט ארום אלץ. אלע זיינען ביי אייך אזוי רוהיג, געלאסען, איהר טוט אָן אנדערע בגדים, איהר נעמט אויף אייער שבת אָדער יום טוב ווי א וויכטיגען גאסט, ווי ליעב איך האָב צו זעהן ווי איהר, באלעבאָסטע, צינדט אָן ליכט לכבוד שבת, ווי איהר פארשטעלט דאָס פּנים מיט אייערע הענט און איהר בענשט די ליכט, איהר בעט גאָט מיט טרעהרען אין די אויגען פאר אייער מאן און קינדער . . . שפּעטער א וויילע קומט אָן דער באלעבאָס פון שוהל און זינגט מיט אזא שעהנעם ניגון שלום עליכם . . . דער טיש איז אזוי שעהן געדעקט, די ליכט ברענען אין די בלישטשענדע לייכטער, די שמעקענדע פרישע חלה איז פארדעקט מיט א סערוועטקעלע . . . דער באלעבאָס מאכט קידוש און מען זעצט זיך עסען . . .

זאָשקע האָט גענומען ווישען די אויגען און דוואָשע האָט זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען מיט איהר מאן, און דערביי א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— טאָ פארוואָס דארפסטו וויינען, זאָשקע? — פרעגט זי דוואָשע.

— איך וויין ניט פון צער און פארדרוס, — ענטפערט זאָשקע, — נאָר איך דערמאָן זיך ווי ביי אונז אין דאָרף פלעגט מען פארברייינגען א זונטאָג. דער טאטע פלעגט זיך אומקעהרען פון קלויסטער א שיכור׳ער און גלייך כאפּען שלאָגען דער מאמען, וועלכע פלעגט ניט אויפהערען צו שרייען און שילטען. עס פלעגט ווערען א געשריי און א טומעל. מיר, די קינדער, פלעגען זיך ארויסרוקען פון שטוב, ווייל מיר פלעגען מורא האָבען אז עפּעס זאָל אונז אין קאָפּ ניט פאלען, ווייל דער שיכור׳ער טאטע פלעגט נעמען ווארפען אלץ וואָס האָט זיך איהם געמאכט צום האנט. ער פלעגט ווארפען אויף דער מאמען און זי פלעגט איהם אויך ניט שאנעווען . . . אָט אזוי פלעגט מען ביי אונז פארברייינגען אונזערע זונטאָגס און פּראזדניקעס (ימים טובים). ווער האָט געקענט הנאה האָבען פון עסען? מיר פלעגען ארויסלויפען פון הויז און אריינלויפען צו אונזער שכן, אָבער דאָרט איז אויך געווען דאָסזעלבע, שכרות, קללות און געשרייען . . . ביי אייך אָבער, וואָס פאר א פארגעניגען איז צוצוקוקען ווי מען זעצט זיך ביי אייך פרייטאָג־צו־נאכט צו דער סעודה. עס איז ניט אן איינפאכע סעודה וואָס

מענשען עסען ווען זיי זיינען הונגעריג. עס איז ביי אייך א היילגיע סעודה. איר וואשט זיך צום עסען, איר מאכט א ברכה, איהר עסט און איהר זינגט זמירות, איהר דאנקט פאר אלץ. מיט וואס פאר א דרך ארץ אייערע קינדער זיצען ביים טיש, ווי פיין און איידעל דער מאן באהאנדעלט די פרוי, אין יעדען ווינקעלע הערשט רוהיגקייט, צופרידענהייט, און ליעבע . . . די פרוי גיט אפ כבוד דעם מאן, ווי זי וואַרט שוין מיט אונגעדולד אויף זיין קומען פון שוהל . . . און איך געדענק ניט איינמאל, אין אונזער שטוב אין דארף ווען מיין מאמע פלעגט זעהן פון ווייטען ווי דער טאטע קומט אן פון קלויסטער מיט זיין פערד און וואגען, פלעגט זיך ביי איהר ארויסרייסען א זיפץ און מיט שרעק פלעגט זי אויסרופען:

— דער פארשאלטענער שיכור קומט . . . נו, איצט וועט איהר שוין פארשטעהן פארוואס איך וויל ווערען א אידישע טאכטער?

— אבער דאס איז אונמעגליך! — האט ר׳ יואל אויסגערופען, — מעהר ווי דאס פעהלט אונז ניט. שטעל זיך פאר וואס וואלט צו אונז געטאן געווארען, ווען די קריסטען געפינען אויס אז דו ביזט געווארען א אידין. מען וואלט דאך אונז אויף שטיקער צוריסען.

— איך וועל זיי זאגען אז דאס האב איך געטאן מיט מיין אייגענעם גוטען ווילען.

— שטעל זיך פאר, זאשקע, אפילו ווען דו זאלסט זאגען טויזענד מאל וועלען זיי דיר דען גלויבען? זיי זוכען דאך אן אויסרייד צו באפאלען א אידען! און דאס וואלט פאר זיי געווען א גאנץ גוטער אויסרייד! ניין, דו טארסט אפילו פון דעם ניט טראכטען. איך האב שוין אפילו געהאט געזאגט דעם רב אז דו ווילסט ווערען א אידין. און ער האט מיר געזאגט, אז מיר טארען גאר אפילו ניט ריידען וועגען דעם.

— אבער איך קען מעהר ניט פארבלייבען אזוי ווי איך בין. איך וויל ערציהען מיין קינד אין דער אידישער אמונה און איך וויל ווערען א אידישע טאכטער.

— אבער, זאשקע, וואלסטו דען געוואלט אז צו אונז זאל אן אומגליק פאסירען?

— אויב מען וועט מיך ניט לאזען צו ווערען א אידישע טאכטער, וועל איך זיך דאס לעבען נעמען, איך וועל זיך ארייטווארפען אין טייך, אין דער ווילִיע . . .

— דו טארסט אזוי ניט ריידען, זאשקע! — האט דוואשע מיט שרעק אויסגערופען, — ערשטענס ווייסטו דאך אז אין גיכען וועט קומען א מאנאשקע צוצונעהמען ביי דיר דיין קינד!

— ניין, ניין, איך וועל קיינעם מיין קינד ניט געבען! — האט זאשקע אויסגערופען. — איך האב דער מאנאשקע געזאגט, אז איך דארף דאס קינד זויגען און אז איהר זייט גוט צו מיר און איהר לאזט מיר זיין ביי אייך מיט מיין קינד.

— אבער זי האט געזאגט אז זי וועט נאך אמאל קומען! — רופט זיך אן ר׳ יואל.

— וועט זי ווייטער אוועקגעהן מיט גארניט. איך וועל איהר מיין קינד ניט געבען. און אויב עס וועט זיין נויטיג וועל איך געהן צום בישאף און איך וועל איהם פאלען צו די פיס און בעטען איהם ער זאל מיך לאזען האלטען מיין קינד, אז איך וויל איהם ניט אפגעבען אין א מאנאסטיר.

— דער בישאף קען נאך מיינען אז מיר האבען דיך איבערגערעדט צו טאן אזוי, — האט דוואשע געזאגט.

איך וועל זיך פאר איהם שווערען, אז איך זאג איהם דעם אמת.

— אבער ווען ער וועט אויסגעפינען אז דו ביזט געווארען א אידין וועט ער אונז אלעמען באשולדיגען, — האט ר׳ יואל געזאגט.

— ער וועט קיינמאל ניט אויסגעפינען, — האט זאשקע געזאגט, — איך וועל פון דאנען אוועקפאהרען אין א קליין שטעדטעל, דארט וועט קיינער ניט וויסען ווער איך בין, אידיש קען איך ריידען, וועט מען גלויבען אז איך בין א אידישע טאכטער.

— איך צווייפעל אויב מען וועט עס וועלען טהאן! — האט ר׳ יואל געזאגט.

— איך מוז ווערען א אידין! —

האָט זאָשקע אויסגערופען, — אנדערש וויל איך ניט בלייבען לעבען.

זאָשקע האָט זיך ביטער פאנאנדערגעוויינט און דוואָשע אליין איז גערירט געוואָרען ביז טרעהרען.

— וויין ניט, זאָשקע, — האָט דוואָשע צו איהר געזאָגט, — מיר וועלען זעהן טאָן אליץ וואָס איז מעגליך. איך ווייס אז דו מיינסט עס מיט'ן גאנצען הארצען, אָבער מיר וועלען מוזען ווארטען א ווילע. דו דארפסט אליין זיין פאָרזיכטיג. פריהער דארפסטו פועל'ן ביים בישאָף אז מען זאָל פון דיר דיין קינד ניט אוועקנעהמען. דאן וועלען מיר זעהן וואָס מיר האָבען צו טאָן. מיר וועלען זיך בעראטען מיט דעם רב און מיט אנעדע קהל'שע מענשען און אויב נאָר עס וועט זיין א מעגליכקייט וועלען מיר דיר העלפען. דערווייל אָבער מוזטו זיך בארוהיגען.

— אָ, איך וועל זיך שעצען פאר דער גליקליכסטער אין דער וועלט פאררעכענט צו ווערען פאר א אידישע טאָכטער, — האָט זאָשקע געזאָגט, און א קוש געטאָן דוואָשע'ן אין האנד, — איך האָב שוין אויפגעהערט ארייינצוקומען אין קלויסטער און דעם צלם טראָג איך שוין ניט מעהר. איך האלט נאָר איהם טאָמער וועט מיר אויסקומען צו געהן צום בישאָף.

— דו האָסט ניט וואָס צו זאָרגען, — רופט זיך אָן ר' יואל, — קיין טרפות עסטו דאָך דערווייל ניט, שבת ביזטו פריי פון דיין ארבייט, ביזטו שוין א האלב אידישע . . . איך וועל זיך בעראטען מיט איינִיגע געלערענטע און אויך מיט'ן רב, איך וועל זיי זאָגען ווי שטארק דיין פארלאנג איז צו ווערען א אידין און איך בין זיכער אז מען וועט שוין טראכטען ווי אזוי דיין וואונש זאָל פארווירקליכט ווערען.

זאָשקע האָט זיך בארוהיגט. עס זיינען פאָראיבער נאָך איינִיגע טעג. און א מאָנאשקע איז ווידער געקומען צו איהר וועגען קינד.

— איך וויל מיין קינד ניט אָפּגעבען אין מאָנאסטיר. איך וויל איהם אליין אויפהאָדעווען, — האָט זאָשקע געזאָגט צו דער מאָנאשקע, — איך האָב ליעב מיין קינד און איך קען זיך פון איהם ניט אָפּשיידען.

די מאָנאשקע האָט איהר פרובירט איבעררײדען, אָבער זאָשקע האָט זיך געהאלטען פעסט.

— דער בישאָף האָט אָבער אזוי באשלאָסען, — האָט די מאָנאשקע געזאָגט.

— וועל איך געהן צום בישאָף, — האָט זאָשקע אויסגערופען, — איך ווייס אז ער איז א גוטער און ער וועט פארשטעהן א מוטער'ס הארץ.

— אויב דו וועסט ביי איהם פועל'ן וועט מען דיך מעהר ניט באלעסטיגען — האָט די מאָנאשקע געזאָגט און זי איז אוועקגעגאנגען.

אויף מאָרגען האָט זאָשקע גענומען איהר קינד, זי האָט אָנגעטאָן דעם צלם אויף איהר האלז און איז אוועק צום בישאָף.

דער בישאָף האָט איהר געהייסען ארייינקומען. זאָשקע האָט זיך איבערגע'צלמ'ט און זיך פאנאנדערגעוויינט.

— פארוואָס וויינסטו ? — האָט דער בישאָף זיי געפרעגט.

זאָשקע האָט איהם דערצעהלט וועגען דער מאָנאשקע.

— עס איז ניט איהר שולד. דו האָסט שוין פארגעסען אז מיר האָבען אָפּגעמאכט ביי דעם וואָיעוואָדא אז דו זאָלסט זיך אומקערען צו ארבייטען צום אידען און דיין קינד וועט ארייינגענומען ווערען אין א מאָנאסטיר ?

— דאן האָב איך געמיינט אז מיין באלעבאָסטע וועט ניט וועלען לײדען אז איך זאָל מיין קינד האָבען ביי איהר אין הויז. אָבער זיי זיינען אלע גוטע מענשען און זיי העלפען מיר צו האלטען דאָס קינד מיט מיר.

— אָבער ווי לאנג וועלען זיי האלטען דיין קינד ?

— ביז וואנען איך וועל זיך צוריקקעהרען צו מיין דאָרף. איך פלאנעווע אין גיכען איינגאנצען צו פארלאָזען ווילנע.

זי האָט עס איהם געזאָגט, כדי צו זיין זיכער, אז אויב מען וועט זי ניט געפינען אין ר' יואל'ס הויז זאָל מען זי ניט זוכען.

דער בישאָף האָט איהר צוגעזאָגט אז מען וועט זי שוין מעהר ניט באלעסטיגען און זי קען זיך צוריקקעהרען צו איהר היים.

א גליקליכע איז זאָשקע אוועק אהיים און זי האָט דערצעהלט דוואָ־

שע׳ן וועגען איהר געשפּרעד מיט דעם בישאָף.

— מעהר וועט מען שוין מיך ניט באַלעסטיגען, און אז איך וועל פון דאַנען אוועק וועט קיינער מיך ניט ארומזוכען.

— און וואוהין ווילסטו געהן? — פרעגט זי ר׳ יואל.

— איך וועל געהן וואוהין איהר וועט מיך שיקען. אבי איך זאָל קענען ווערען א אידין. שיקט מיך אוועק אין א קליין שטעדטעל צו א אידען און זאָל מען מיך דאָרט מגייר זיין, וועל איך זיך שעצען גליקליך . . . קיינער וועט ניט דארפען וויסען.

— גוט, איך וועל זיך היינט אריבערכאַפּען צו ר׳ יוסף עטקעס, — האָט ר׳ יואל געזאָגט, — איך וועל זיך מיט איהם באַראַטען וואָס צו טאָן. איך האָב געהערט אז זיין שווער, ר׳ אברהם קאַצענעלענבויגען, דער בריסקער רב, איז צו איהם געקומען, אפשר וועלען מיר ביידע קענען געפינען אן עצה.

ווען ר׳ יואל איז שוין געווען גרייט צו געהן, האָט איהם דוואָשע אריינגעשושקעט אין אויער:

— פארגעס ניט זיי צו זאָגען, אז אויב מען וועט ניט געפינען קיין עצה און איהר ניט העלפען צו ווערען א אידין, וועט זי זיך אריינוואַרפען אין דער ווילִיע . . . און אז זי מיינט עס ערנסט . . . זיי מוזען עפּעס טהאָן כדי צו פארמיידען אן אומגליק.

— דו דארפסט מיך ניט לערנען ווי אזוי צו ריידען, — האָט ר׳ יואל געזאָגט, — איך וועל שוין אליין וויסען וואָס צו זאָגען.

ר׳ יואל איז אוועק צו ר׳ יוסף עטקעס אין הויז. ער האָט דאָרט געטראָפען זיין שווער, דעם בריסקער רב.

ר׳ יוסף האָט דערצעהלט זיין שווער וואָס עס האָט פּאַסירט ביי ר׳ זלמן׳ען מיט א יאָהר צוריק, ווי אזוי זיי זיינען ניצול געוואָרען פון א בלבול וואָס דער גלח האָט געפּלאַנט צו מאַכען אויף די אידען.

— און איצט זאָגט מיר, וואָס איז אייער פארלאַנג? ווי איך פארשטעה זייט איהר ניט געקומען אומזיסט.

— איך בין איצט ווידער געקומען וועגען אונזער דינסט, און טאַקע דיזעלבע שיקסע זאָשקע, — האָט ר׳ יואל געזאָגט.

— וואָס האָט שוין ווידער פּאַסירט?

— גאָרניט! זי וויל ווערען א אידישע טאָכטער.

— נו, וועט זי בלייבען ביים וועלען! — האָט ר׳ יוסף עטקעס געזאָגט, — איהר ווייסט דאָך אז אייער פליכט איז געווען זי אָפּצורייִדען פון אזא שריט.

— פארשטעהט זיך אז איך האָב געטהאָן אלץ וואָס איך האָב געקענט. דאָסזעלבע האָט מיין פרוי געטאָן. מיר האָבען זי אָפּגערעדט. מיר האָבען איר ערקלעהרט ווי שווער עס איז צו ווערען א אידין, און מיר האָבען איהר אויך ערקלעהרט וואָס פאר א געפאהר עס איז פאר אונז אידען ווען מען וועט אויסגעפינען אז מיר האָבען איהר געהאָלפען ווערען א אידין. אָבער זי איז איינגעשפּאַרט „אויב זי וועט ניט קענען ווערען א אידין וועט זי זיך דאָס לעבען נעמען”, — האָט זי אונז געזאָגט, — און עס איז שוין גאָר קיין שפּאַס ניט ווען איהר וואָלט געהערט, רבי, ווי זי רעדט וועגען דער אידישער אמונה, וועגען דעם הייליגען שבת און וועגען אלע אונזערע ימים טובים, וואָלט איהר צוגעגעבען אז מען קען קיין הארץ ניט האָבען איהר צו ענטזאָגען.

— וואָס רעדט איהר? — רופט זיך אָן ר׳ אברהם קאַצענעלענבויגען, — ווייסט איהר דען מיט וואָס עס שמעקט אזא זאַך?... ווען די קריסטען זאָלען זיך דערוויסען אז מיר האָבען זי מגייר געווען וועט מען דאָך מאַכען אויף אונז א פּאָגראָם.

— זי וויל ניט פארבלייבען אין ווילנע! — האָט ר׳ יואל געזאָגט, — זי וויל אוועק אין א קליין שטעטעל, אידיש קען זי ריידען, זי ווייסט אלע דינים ווי צו האַלטען א הויז כשר, פּונקט ווי א אידישע טאָכטער... זי וויל דינען אין א אידיש הויז און אליין אָפּהיטען אידישקייט... איך זאָג אייך, אז אויב מען וועט פאר איהר דאָס ניט טאָן וועט זיין אויף איהר א ביטערער רחמנות. זי וועט זיך זיכער נעמען דאָס לעבען.

— הערט זיך איין, שוועך, אפשר וואָלט געווען א סברא זי אוועקצושיקען קיין קיידאַן? דאָרט וועט מען זי מגייר זיין אין דער שטיל.

— דו ביזט גערעכט, מיין איידעם! — האָט ר' אברהם געזאָגט, — איך גלויב אז דער דאָרטיגער גביר ר' יהודה ליב וועט זי צונעמען צו זיך, קיינער וועט ניט דארפען וויסען אז זי האָט זיך מגייר געווען, אויסער דער רב און ר' יהודה ליב. אָבער זאָג מיר, גלויבסטו אז מיר קענען זיך פארלאָזען אויף איהר, אז זי זאָל נאָכהער קיין חרטה ניט האָבען און ברייגנען אן אומגליק אויף אונז אלעמען?

— פאר דעם קען איך קאווירען, — האָט ר' יואל געזאָגט, — זי דינט שוין ביי אונז איבער פינף יאָהר און איז אלע מאָל געווען אן עהרליכע, א גוטהארציגע. וואָס האָט זי געקענט העלפען אז דער גלח, דער אויסוואורף, האָט זי פארפיהרט? זי איז דאָך קוים זיבעצעהן יאָהר אלט געווען. אָבער זי וויל ווערען א אידין מיט איהר גאנצען הארצען. איהר הערט דאָך, אז זי זאָגט אז אויב זי וועט ניט קענען אָננעהמען די אידישע אמונה וויל זי גאָרניט לעבען.

— גוט, אין דריי טעג ארום פאָהרען אָפּ צוויי בוידען קיין קיידאַן. זאָל זי קומען אהער. זי וועט פאָהרען מיט אונז צוזאמען, איך וועל מיטנעמען ר' שלמה זלמן'ס זוהן, אליהו'ן, מיט זיך קיין קיידאַן. אָבער זייט זעהר פאָרזיכטיג מען זאָל ניט אויסגעפינען.

— איך וועל זיין זעהר פאָרזיכטיג, — האָט ר' יואל צוגעזאָגט, און א צופרידענער איז ער אהיימגעגאנגען.

— נו, זאָשקע, — האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען, — דיין וואונש וועט ערפילט ווערען. אין דריי טעג ארום וועסטו אָפּפאָהרען פון דאנען קיין קיידאַן.

זאָשקע איז געווען איבערגליקליך. דוואָשע האָט גענומען צוגרייטען פאר איהר שפייז. זי האָט איהר מיטגעגעבען עטליכע קליידער און זיי האָבען איהר די לעצטע פאָר טעג ניט געלאָזט ארבייטען.

אויף דעם דריטען טאָג אין דער פריה איז זאָשקע שוין געקומען מיט איהר קינד. דוואָשע איז מיט איהר מיטגעגאנגען און געטראגען דאס פעקעל מיט די שפייז און איהרע זאכען.

די בעלי עגלות האָבען זאָשק'ען געזאָגט אז זי וועט מוזען ווארטען נאָך א פאָר שעה, ווייל דער רב ר' אברהם קאצענעלענבויגען וועט דארפען אָנקומען אהער מיט דעם איינגעל אליהו, און געוויס וועט עס דויערען א היבשע ווייל.

ביי ר' זלמנ'ען אין הויז האָט מען זיך אויך שטארק געגרייט. טריינע האָט אָנגעבאקען זעמעל און געבעקס און עס איינגעפּאקט אין א פּעקעל. ר' שלמה זלמן האָט זיך אומגעקעהרט פון בית המדרש מיט אליהו'ן און נאָך איידער זיי האָבען באוויזען צו עסען פריהשטיק זיינען שוין ר' אברהם און ר' יוסף געקומען.

זיי האָבען געווארט ביז וואנען זיי האָבען אָפּגעגעסען און געבענשט.

— נו, איצט קענען מיר שוין געהן!

— האָט ר' אברהם זיך אָנגערופען.

טריינע האָט אָנגעטאָן אויף איהר זוהן א ווארימען מאנטעל וואָס זי אליין האָט איבערגענעהט פון אלטע בגדים. זי האָט איהם געקושט און געווישט איהרע טרערען. אליהו האָט זיך אויך געקושט מיט זיינע ברידערלעך.

ר' שלמה זלמן האָט איהם אויפגעהויבען אויף זיינע הענט און אליהו האָט א קוש געטאָן די מזוזה.

— מיין זוהן, — האָט ר' שלמה זלמן געזאָגט, — דו פאָהרסט אין אן ארט פון תורה. איך דארף דאָך דיר ניט זאָגען וועגען לערנען און דאווענען, געלויבט איז השם יתברך, אָבער איין זאך בעט איך דיר, בענק ניט צו שטארק, איך ווייס אז דו ביזט נאָך א קינד, און דיר וועט זיך בענקען און דאָס קען דיר שטערען צום לערנען. דאָריבער דארפסטו זיך גאָר ניט זאוגען און טראכטען פון דער היים.

אליהו האָט צוגעזאָגט זיין פאָטער אז ער וועט זיך באמיהען ניט צו בענקען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו די בוידען וואָס פאָהרען אָפּ קיין קיידאַן, האָט דער בעל עגלה זיך אָנגערופען צו ר' אברהם קאצענעלענבויגען:

— עפּעס איז דא געקומען א שיקסע

מיט א קינד. זי האָט מיר דערוויל ניט באצאָהלט פאר'ן פאָהרען. ווער וועט מיר פאר איהר באצאָהלען ?

— זארג ניט ! — ענטפערט איהם דער רב, — איז קיידאן וועסטו שוין פאר איהר קריגען באצאָהלט. איך בין פאראנטווארטליך.

ר' אברהם און אליהו האָבען זיך אריינגעזעצט אין איין בויד וואו עס זיינען געפאָהרען נאָך אנדערע אידען. אין דער צווייטער בויד זיינען געפאָהרען פרויען, און צווישען זיי האָט מען אריינגעזעצט זאָשקע'ן און איהר קינד.

די אידענעס האָבען באטראכט זאָשקע'ן. זי האָט פריהער באמערקט ווי אייניגע אידען האָבען מיט איהר גערעדט און זיי זיינען נייגעריג געווארען צו וויסען וואס דאס איז פאר א שיקסע, מיט וועמען מען סוד'עט זיך. זיי האָבען זיך גענומען שושקען צווישען זיך. באלד האָט זיך זאָשקע'ס קינד צעוויינט און זי האָט איהם גענומען שאָקלען און צוגעברומט :

— שא, שא, יאסעלע, קינד מיינס !

דאס האָט נאָך די ווייבער מעהר נייגעריג געמאכט. ווי קומט עס א שיקסע זאָל ריידען אידיש און איהר קינד זאָל זי רופען יאסעלע ?

— ווי רופט מען דיך ? -- האָט א אידענע זיך געפאסט מוט און זי געפרעגט.

— שרה'קע איז מיין נאָמען... יא, שרה'קע די אלמנה ! — האָט זאָשקע אין א ריינעם אידיש אויסגערופען — שוין גאָר א שיקסע ! יוי אזוי קענט איהר חושד זיין א אידישע טאָכטער אז זי...

— מיר האָבען גאָר ניט געמיינט.

— האָט אן אנדער אידינע לאכענדיג געזאָגט, — אויף נאמנות, אז דו קוקסט אוים ווי א שיקסע, מן הסתם איז דיין טאטע א ישוב'ניק.

— מיין טאטע "עליו השלום" איז געווען א גאנץ פיינער איד, א ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען — האָט זאָשקע געזאָגט, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— און וואוהין פאָהרסטו, שרה'קע

— פרעגט זי נאָך א אידענע.

—איך פאָהר קיין קיידאן !

— האָסטו דארט קרובים ?

— המ... ניין. איך האָב ניט קיין קרובים.

— טאָ צוליב וואָס פאָרסטו אהין ?

— און וואס זאָל אן ארימע אלמנה מיט א פיצעל קינד, טהאָן ? איך פאָהר דינען... מען האָט מיר געזאָגט אז דארט געפינט זיך איינער וואס וויל דוקא א אידישע דינסט. פאָהר איך דאס צו איהם.

די ווייבער האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, באדויערענדיג איהר שלעכטען מזל.

די בעלי עגלות האָבען געלאָזט וויסען אז זיי פאָהרען באלד. זיי האָבען גענומען אָנלאָדען קאסטענס, פעסלאך און קערב מיט סחורה. און אז מען האָט שוין מעהר קיין פּלאץ ניט געהאט צוצובינדען די קאסטענס און פעסלאך אויסערען בויד, האָבען די בעלי עגלות גענומען אריינשטעלען אינעווייניג, און די פּאסאזשירען האָבען פּראָטעסטירט. עס איז געווען ענג אין בויד.

דער בעל עגלה ביי וועמען אין בויד עס זיינען געווען אזעלכע חשוב'ע פּאסאזשירען ווי דער בריסקער רב און דער קליינער אליהו, מיט וועמען גאנץ ווילנע האָט שוין דאן געקלונגען, האָט אוים דרך ארץ פאר זיי, ניט אריינגענומען צופיעל פּאסאזשירען, כדי זיי זאָלען זיך פיהלען באקוועם און גראם. דער צווייטער בעל עגלה וועלכער האָט געהאט צו טהאָן מיט די אידענעס, האָט גענומען אריינלייגען וואָס מעהר סחורה, און איהם האָט ווינציג געקימערט וואָס די ווייבער שיטען אין איהם אריין קללות אויפ'ן פּוד.

— וויאָ ! וויאָ ! — האָט דער בעל עגלה אויפגעהויבען זיין בייטש, און די בויד מיט די חשוב'ע פּאסאזשירען האָט זיך געריהרט. באלד נאָכדעם האָט זיך געריהרט די ווייבערשע בויד.

עס איז געווען אָנפאנג הערבסט. דער הימעל איז געווען פארכמורעט, און ווי אָנגעלאָדען מיט בליי. ווען זיי זיינען ארויסגעפאָהרען פון שטאָדט האָט גענומען שפּריצען א דריבנער רעגענדעל. א ווינט האָט געבלאָזען. די פרויען האָבען זיך נאָך מעהר איינגעהילט אין זייערע פאטשיילעס און זיך גענומען טוליענען איינע צו דער צווייטער.

זאָשקע, אָדער ווי זי האָט זיך איצט גערופען, שרה'קע, האָט איהר קינד איינגעהילט אין נאָך אַ שמאַטע כדי עס זאָל איהם זיין ווארעמער.

ר' אברהם האָט אכטונג געגעבען אז אליהו זאָל זיך פיהלען באקוועם. ער האָט איהם געהאלטען נעבען זיך און איהם איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע וואָס ער האָט געהאט מיטגענומען מיט זיך אויפ'ן וועג. און כאָטש דער וואָגען האָט אַלעמען צוטרייסעלט, האָט ער פונדעסטוועגען מיט איהם פארבראכט אין לערנען. די אנדערע פאסאזשירען צווישען וועלכע עס זיינען געווען סוחרים, זיינען אָבער אויך געווען ניט קיין פּראָסטע און האָבען גרויס הנאה געהאט צו הערען ווי אזוי דער קליינער אליהו רעדט אין לערנען מיט דעם גרויסען רב און למדן ר' אברהם קאצענעלענבויגען. זיי זיינען געווען אכט פארשוין, אויסער אליהו'ן.

נאָך אַ פיער שעה פאָהרען, האָבען זיך די בוידען אָפּגעשטעלט נעבען אַ קרעטשמע. די בעלי עגלות האָבען אָנגעטרונקען די פערד. די פאסאזשירען זיינען אַ ווײַלע ארוים, זיך אויסגעגלייכט די ביינער און געטרונקען טהעע.

דער בעל עגלה האָט ארייגעשושקעט עפּעס דעם אידישען קרעטשמאר אין אויער און יענער האָט באלד איינגעלאדען דעם רב און אליהו'ן אריינצוקומען אין אַ באזונדער צימער, ניט זיך צונויפמישען מיט די שכור'ע פּויערים וועלכע האָבען פארפּעסטעט די לופט פון צימער מיט בראנפען און מיט זייערע ליולקעס וואָס זיי האָבען גערויכערט.

זאָשקע איז אריין מיט איהר קינד און איבערגעביטען די ווינדעלעך. זי האָט געטרונקען טהעע און צוגעביסען פון דעם געבעקס וואָס דוואָשע האָט איהר מיטגעגעבען.

די בעלי עגלות האָבען גענומען צוטרייבען די פאסאזשירען זיי זאָלען זיך זעצען צוריק אין די בוידען.

— מיר קענען דערווייל אריינכאַפּען אַ מנחה בצבור, — האָט ר' אברהם זיך אָנגערופען צו די בעלי עגלות, — צוזאמען מיט אייך זיינען מיר ניין און דער קרעטשמאר וועט זיין אַ צעהנטער.

— נו, גוט, לאָמיר דאווענען מנחה, — רופט זיך אָן איין בעל עגלה, — ווייל ביז מיר וועלען אָנקומען אין דעם צווייטען שטעדטעל וועט שוין זיין פינסטער און עס וועט שוין זיין צייט צו דאווענען מעריב.

זיי זיינען אלע ארייגעגאנגען אין יענעם צימער. דער קרעטשמאר האָט געהייסען זיין פרוי אריינטראָגען וואַסער מיט אַ האנטוך. זיי האָבען זיך אלע געוואשען די הענט און דער רב האָט געפרעגט ווער עס וויל דאווענען פאר'ן עמוד.

איינער פון די פאסאזשירען וועלכער האָט פון שטענדיג אָן געהאט אַ שוואכקייט צום עמוד, האָט זיך געשטעלט דאווענען.

— רבי, מען דארף מאכען אַ הויכע קדושה, ווייל מיר טאָרען ניט פארלירען צופיעל צייט. דער רעגען הערט ניט אויף און דער וועג ווערט וואָס ווייטער בלאָטיגער, — האָט איין בעל עגלה געזאָגט.

— נו, גוט, אַ הויכע קדושה! — האָט דער רב נאָכגעגעבען.

מען האָט געענדיגט מנחה און אלע האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו די בוידען. דער רעגען איז געוואָרען שטארקער און די בלאָטע איז גרעסער געוואָרען.

זיי זיינען אָפּגעפאָהרען נאָך אַ שעה צייט און פּלוצלינג האָט זיך דער בעל עגלה אָפּגעשטעלט.

— איך זעה ניט יענע בויד! — האָט ער געזאָגט צו ר' אברהם'ען.

— לאָמיר אביסעל ווארטען ביז זיי וועלען אונז אָניאָגען, — זאָגט ר' אברהם.

זיי האָבען אזוי געווארט אַ קורצע צייט און ווען די צווייטע בויד האָט זיך ניט באוויזען, האָט דער בעל עגלה געזאָגט אז ער וועט ארונטערגעהן זעהן וואָס עס האָט פּאסירט.

אין גוס רעגען איז ער געגאנגען ביז וואנען ער האָט דערזעהן די בויד. ער איז צוגעגאנגען גאנץ נאָהענט און דערזעהן אז די פרויען שטעהען נעבען דער בויד און ברעכען מיט די הענט. זיי וויינען און יאָמערען.

— וואָס איז געשעהן? — פרעגט דער בעל עגלה.

— זעהסטו דען ניט! — ענטפערט דער צווייטער בעל עגלה, — די רעדער זיינען אריינגעזונקען אין בלאָטע און מיין „פגירה" קען די בויד ניט ארויסשלעפען. מיינע פריצטעס, לא די וואָס זיי ווילען ניט אונטערשטופען, האָבען גאָרניט געוואָלט פארלאָזען די בויד... דו פארשטעהסט, אידענעס אָהן עין הרע פינף פוד א שטיק... און האָבען מורא זיך צו ריהרען פון אָרט, וויל טאָמער וועלען זיי זיך איינגעצען... ביי מיר אָבער איז ניטאָ קיין קונצען... צעהן ווייבער מיינט פופציג פוד משא... האָב איך זיי געהייסען במחילה ארויס פון בויד... ווילען זיי ניט... און זיי נעמען זיך גאָר שילטען... האָב איך געכאפּט מיין בייטש און געזאָגט אז אויב זיי געהען באלד ניט ארויס פון בויד וועל איך זיי מכבד זיין... וואָסי, איך וועל זיך שעמען פאר זיי... נו, נו, מעהר האָב איך ניט געדארפט, האָט זיך אָנגעהויבען א יללה ביי זיי ביז'ן הימעל... נו, ווי געפעלט דיר אזעלכע פריצטעס?!... און אז זיי זיינען שוין יאָ ארויס פון בויד, שטעהען זיי און ציטערען פון קעלט און פּראָבירען אפילו ניט צו העלפען... איך שטופּ דעם וואָגען... איך פארליר מיינע כחות... איך ווער אָפּגעגאָסען פון שוויים און זיי ריהרען זיך ניט פון אָרט... זיי שטעהען און יאָמערען איבער מיין קאָפּ... איך דארף האָבען צו טאָן מיט ווייבער... איך האָב זיי געזאָגט, אז אויב זיי וועלען ניט צולייגען א האנד אָדער א פּלייצע וועלען מיר אזוי שטעהן אין רעגען א גאנצען טאָג און א גאנצע נאכט. האָבען זיי זיך שוין עטוואָס דערשראָקען און האָבען גענומען כלומרשט „העלפען"... האָב איך זיי געזאָגט אז איידער אזא מין העלפען איז שוין בעסער גאָרניט. אויף שילטען טויגען זיי זיך גוט אויס... נו, איצט א דאנק גאָט, וואָס דו האָסט זיך געכאפּט אז איך בין הינטערשטעליג. לאָמיר ביידע פּראָבירען.

ביידע בעלי עגלות האָבען גענומען שטופּען די בויד מיט אלע זייערע כחות. זיי האָבען געשמיסען דאָס פערד, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפען. דער רעגען גיסט, דער ווינט בלאָזט, די ווייבער יאָמערען... זאָשקע שטעהט מיט איהר קינד. זי האָט איהם איינגעוויקעלט אין איהר פאַטשלע און אליין ציטערט זי פון קעלט.

— עס וועט גאָרניט העלפען, ברודערקע, — קראצט זיך דער ערשטער בעל עגלה אין קאָפּ, — דו וועסט מוזען ברייננען אהער אלע דיינע פּאסאַזשירען און זיי וועלען זיך מוזען מטריח זיין און א העלף טהאָן.

— אָבער וויסטו וואָס פאר א פּאַסאַזשירען איך האָב? עפּעס א קליינינגקייט... דער בריסקער רב, דאָס אינגעל וועלכער שטייגט אריבער אין לערנען פיעלע רבנים.

— נו, איז וואָס־זשע ווילסטו? מיר זאָלען דאָ בלייבען נעכטיגען! — רופט זיך אָן דער צווייטער בעל עגלה, — אדרבא, זאָג אליין! די ווייבער קענען נאָר שילטען און וויינען. דער רוח האָט זיי אָנגעטראָגען... אזעלכע פּאסאזשירען דארפען זיצען אין דער היים.

— גוט, איך וועל זיי דערצעהלען וואָס עס האָט פּאסירט און הערען וואָס זיי וועלען זאָגען דערצו. — האָט דער ערשטער בעל עגלה געזאָגט, — אָבער איך אליין וועל זיי גאָרניט הייסען טהאָן.

ער איז אוועקגעגאנגען צוריק צו זיין בויד און ער האָט זיי איבערגעגעבען וואָס עס האָט פּאסירט.

— זיין וואָגען איז טיעף אין בלאָטע און מיר ביידע האָבען גאָר ניט געקענט טהאָן. מען וועט דארפען נאָך העלפען.

— עזב תעזב עמו — רופט זיך אָן דער קליינער אליהו.

— גערעכט, מיר דארפען אלע קומען זיי צו הילף, — האָט ר' אברהם געזאָגט, — פארקירעווע זיך און לאָמיר זיי העלפען.

דער בעל עגלה האָט זיך געזעצט צוריק אויף זיין קעלניע און געטריבען די פערד אויף צוריק. ווען זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון דער צווייטער בויד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

ר׳ אברהם און די אנדערע פּאסאַזשירען זיינען ארוים פון בויד.

— דו פאַרבלייב בעסער אינעווייניג, וויל עס רעגענט צו שטאַרק, — האָט ר׳ אברהם אָנגעזאָגט אליהו׳ן, און זיי זיינען אלע צוגעגאַנגען צו דער בויד. די ווייבער זיינען אַנטשוויגען געוואָרען און זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון דאָרטען.

אלע האָבען גענומען שטופּען דעם וואָגען. דער בעל עגלה האָט דאָס פערד אום׳ברחמנות׳דיג געשמיסען און געשריען מיט זיינע לעצט כחות:

— וויאָ! וויאָ!

די בויד ריהרט זיך ניט פון אָרט. אלע ווישען אָפּ דעם שוויים פון פּנים און מען שטופּט ווייטער, אָבער אומזיסט.

פּלוצלינג איז צוגעקומען דער קליינער אליהו. פריהער האָט מען איהם ניט באמערקט. ער איז א ווײלע געשטאַנען און באַטראַכט דעם וואָגען און די רעדער וואָס זיינען געווען העלפּט איינגעזונקען אין בלאָטע. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען.

— איהר וועט קיין פּאַראיבעל ניט האָבען אויף מיר, אָבער מיר דוכט זיך אז איהר טהוט ניט ריכטיג.

— אָ, דו ביזט פאָרט ארוים, — האָט זיך ר׳ אברהם אויף איהם א בייזער געטאָן, — דו וועסט זיך נאָך חלילה פארקיהלען.

— איך בין ווארעם אָנגעטאָן, — האָט אליהו געענטפערט.

— נו, אדרבא, לאָמיר הערען וואָס פאר אן עצה דו קענסט אונז געבען ווי אזוי ארויסצוקריכען פון דער בלאָטע? — האָט געזאָגט דער בעל עגלה.

— איהר זעהט דאָך אז פאָראויס איז אונמעגליך צו פאָהרען, וויל די רעדער קענען ניט ארוים פון דער טיפער בלאָטע . . . דאריבער דארפט איהר זעהן צו שטופּען דעם וואָגען עטוואָס אויף צוריק און דאַן וועט מען אָפּברעכען עטליכע צווייגען און זיי אויסלייגען פון פאָרענט פון די רעדער, וועט מען אפשר קענען זיך ריהרען.

— ווי איך בין א איד, אז ער איז באַלד גערעכט! — האָט דער בעל עגלה אויסגערופען, — אידען, קומט צו פון פאָרענט.

די אידען זיינען צוגעקומען פון פאָרענט און גענומען שטופּען, און דער בעל עגלה האָט געצויגען מיט די לייצעם אויף צוריק. דאָס פערד האָט געבריקעט מיט די פיס און דער וואָגען האָט זיך א ריהר געטהאָן.

— אָט אזוי! — האָט דער צווייטער בעל עגלה מיט זיין פּלייצע גענומען שטופּען, — לאָזט ניט אָפּ, נאָך אביסעל, אָט אזוי . . .

מיט גרויסע שוועריגקייטען האָט מען אָפּגעשטופּט דעם וואָגען אויף צוריק און די רעדער זיינען עטוואָס ארוים פון דער טיעפער בלאָטע.

— און איצט? וואָס טהוט מען ווייטער? — פרעגט דער בעל עגלה אליהו׳ן, — מיר מוזען דאָך פאָהרען פאָראוים און דער וועג איז אן ענגער.

— האָב איך אייך דאָך געזאָגט, לאָמיר אָנברעכען עטליכע צווייגען און זיי אויסלייגען אויף דעם שטיקעל וועג וואו די בלאָטע איז צו טיעף.

— איך האָב א האַק ביי זיך אין וואָגען, — האָט דער צווייטער בעל עגלה געזאָגט, און האָט גלייך געבראַכט די האַק. מען האָט גענומען האַקען צווייגען פון די בוימער וואָס זיינען געווען ביים וועג און מען האָט זיי אויסגעלייגט ווי אליהו האָט זיי געהייסען. דאַן האָבען אלע שוין ווידער גענומען שטופּען פאָראוים, און ווי ערשטוינט זיינען אלע געוואָרען אז דאָס פערד האָט שנעל א שלעפּ געטאָן דעם וואָגען אזוי אז איינינגע פון די בעלי בתים וועלכע האָבען געשטופּט מיט אלע זייערע כחות זיינען פון גרוים האסט וואָס דער וואָגען האָט גענומען פאָהרען, אנידערגעפאלען און זיך אויסגעצויגען אין דער בלאָטע. זיי האָבען זיך אָבער שנעל אויפגעהויבען, אָפּגעטרייסעלט די בלאָטע פון זייערע קאפּאָטעס. דער וואָגען איז אריבערגעפאָהרען איבער די צווייגען און איז ארוים פון דער בלאָטע.

— אוי, א ברכה אויף זיין קעפּעלע!

— האָט דער בעל עגלה אָנגעוויזען אויף אליהו׳ן, — ער איז דאָך א מלאך׳ל ניט קיין אינגעל... איהר זעהט, קיינעם פון אונז איז גאָרניט איינגעפאלען אזא איינפאל... נו, ווײ־

בער, פריצטעס מיינע, איצט קענט איהר שוין קריכען ווייטער אין בויד — האט ער א קאמאנדעווע געטאן.

די ווייבער וועלכע זיינען געשטאנען ווי פארגליווערטע פון רעגען און פון קעלט האבען זיך א לאז געטאן צום בויד... מען האט זיך גענומען שטופען, רייסען. יעדע האט געוואלט וואס פריהער אריין אין בויד. עס איז געווארען א קוויטשעריי און א שילטעריי...

זאשקע איז געשטאנען מיט איהר קינד און געווארט ביז וואנען אלע וועלען אריינגעהן, און ערשט דאן איז זי אריין אין בויד.

שוין זיצענדיג אין בויד האבען זיי ערשט גענומען שיטען ברכות אויף דעם קליינעם אינגעל וואס האט זיי אלעמען מיט זיין חכמה געראטעוועט.

— איהר זעהט דאך, — האט איינע זיך אנגערופען, — אזוי פיעל יאהרען בעלי עגלות און ווייסען אפילו ניט ווי ארויסצוקריכען פון א בלאטע.

— געבענשט איז די מאמע וואס האט געבוירען אזא קינד! — רופט זיך אן א צווייטע, — ער איז דאך דער זעלבער אינגעל וועלכער האט מיט איבער א יאהר צוריק געהאלטען א דרשה אין ווילנער שטאדט־שוהל.

זאשקע האט זיך ערשט דערמאנט אז זי האט דאס אינגעל געזעהן ביי דעם רב ר׳ יהושע העשל אין הויז, דאן ווען זי איז געקומען מיט ר׳ יואל׳ן. איהר קינד האט זיך צעוויינט און זי האט איהם צוגעדריקט שטארקער צו זיך.

אין דעם נעקסטען שטעדטעל זיינען זיי אנגעקומען ווען עס איז שוין געווען גוט פינסטער. זיי זיינען פארפאהרען אין א קרעטשמע און דער קרעטשמער האט געזאגט אז ער האט ניט קיין פלאץ פאר אלע פאסאזשירען איבערצונעכטיגען ביי איהם.

דער בעל עגלה האט איהם אריינגעשושקעט אין אויער און איהם געזאגט אז צווישען זיינע פאסאזשירען געפינט זיך דער בריסקער רב און דאס אינגעל אליהו מיט וועמען עס קלינגט גאנץ ווילנע.

— איך וועל זיי אפגעבען מיין צימער, און די אנדערע פאסאזשירען וועלען מוזען איבערנעכטיגען אין סטאלאווע און אין קיך. אלע אנדערע צימערען זיינען שוין פארנומען.

זאשקע׳ס קינד האט זעהר שטארק געוויינט. זי האט איהם געזוכט איינצושטילען, אבער אומזיסט.

— אוי, דאס קינד ברענט דאך ווי א העליש פייער, — רופט זיך אן איין פרוי.

באלד האבען איהם די אנדערע פרויען גענומען טאפען דעם שטערען און האבען געשאקעלט מיט די קעפ.

— מען וואלט איהם באדארפט אפשפרעכען אן עין הרע, — רופט זיך אן א אידענע, — א בייז אויג האט איהם פארשאדט און איך וויים ווער עס האט איהם אן עין הרע געגעבען, — האט זי געזאגט אנווייזענדיג אויף א צווייטער אידענע, — איהר האט פון איהם אייערע אויגען ניט ארונטערגענומען.

— וואס זאגט איהר צו איהר?!
— האט זיך יענע אידענע צעשריען,
— איך האב איהם געגעבען א בייז אויג. זאל אייך שוין דער צונג אפגעדארט ווערען.
— איהר האט אויגען פון א מכשפה
— ענטפערט איהר יענע אידענע, — איך האב געזעהן ווי איהר האט איהם אויפגעגעסען מיט די אויגען.

— שא, שא, זאל זיין שטיל, — האט דער קרעטשמער געזאגט, — וואס קומט דא פאר?

— מיין קינד איז זעהר קראנק געווארען, — רופט זיך אן זאשקע, — געפינט זיך ביי אייך א פעלדשער?

— עס געפינט זיך א פעלדשער, אבער מען וועט איהם דארפען באצאהלען, אז ניט וועט ער ניט וועלען קומען אין א רעגען.

— איך וועל איהם באצאהלען וויפיעל ער וועט וועלען, — בליפעט זאשקע, — האט רחמנות אויף מיין קינד און געהט רופט דעם פעלדשער.

דער רב ר׳ אברהם און די אנדערע פאסאזשירען מיט די בעלי עגלות האבען זיך געשטעלט דאווענען מעריב אין דעם צימער וואס דער בעל אכסניה האט אפגעגעבען פאר איהם און פאר אליהו׳ן.

ווען זיי זיינען געשטאנען שמונה עשרה האט זיך צו זיי דערטראגען

דאָס יאָמערליכע געוויין פון זאָשקע'ן.

— אוי, מיין קינד, מיין ליעב קינד! ער איז געפעהרליך קראנק!

ווען זיי האָבען געענדיגט דאווענען מעריב זיינען זיי ארויס פון צימער און אריין אין סטאָלאָווע. דאָרט האָבען זיי שוין אויסגעפונען אז זאָשקע'ס קינד איז געפעהרליך קראנק, און זאָשקע בעט זיך ביים בעל אכסניה ער זאָל שיקען רופען דעם פעלדשער.

— פארוואָס געהט איהר ניט? — פרעגט ר' אברהם דעם בעל אכסניה — עס איז דאָך פקוח נפש!

— ווייל איך וויים אז מיין גאנג איז אומזיסט. דער פעלדשער וואוינט גאנץ ווייט פון דאנען. ער איז שוין אן עלטערער מענש און ער וועט זיך ניט ארויסלאָזען אין אזא נאכט.

— און אז מען וועט נאָך איהם קומען מיט דער בויד וועט ער געהן? — פרעגט דער רב.

— נו, מיט דער בויד איז עפעס אנדערש.

ר' אברהם האָט געוואָרפען זיינע בליקען אויף ביידע בעלי עגלות און ווען זיי האָבען געשוויגען האָט ער ווייטער געזאָגט:

— פקוח נפש, עפעס א קליינינקייט! ראטעווען א נפש איז די גרעסטע מצוה. איך וועל מיטפאָהרען. מיר מוזען האָבען דעם פעלדשער.

— אָבער, רבי, די פערד זיינען אויסגעמאטערט. מיר האָבען זיי נאָר וואָס אויסגעשפאנט.

— א קליין אומשולדיג קינד איז אין געפאהר און איהר רעדט וועגען אויסגעמאטערטע פערד. איך וועל אייך געבען צוויי גילדען און געהט ברייננגט דעם פעלדשער.

— וועגען מיין פערד איז אָפגערעדט, — האָט זיך דער בעל עגלה, וועלכער האָט געפיהרט די ווייבער, זיך אָנגערופען, — ער איז אזוי אויסגעמאטערט אז ער מוז זיך אויסרוהען.

— זי איז דאָך אָבער דיין פאסאזשירקע, — רופט זיך אָן דער צווייטער בעל עגלה.

— עס איז ניט שעהן פון אייך, — רופט זיך אָן דער רב צו איהם, — איך בעט אייך, שפאנט איין דאָס פערד און לאָמיר צופאָהרען צום פעלדשער.

דער בעל עגלה האָט דעם רב ניט געקענט ענטזאגען. ער האָט איינגעשפאנט זיין פערד און דער בעל אכסניה און דער רב האָבען זיך אריינגעזעצט און גענומען פאָהרען צום פעלדשער.

ניט אזוי גרינג איז דעם רב אָנגעקומען איבערצוריידען דעם פעלדשער ער זאָל קומען צו דער אכסניה, ווייל ער אליין איז געווען אן אלטער מאן און שוואך אין געזונט. ער איז אָבער מיטגעפאָהרען און ער האָט באטראכט דאָס קינד.

זאָשקע איז געשטאנען די גאנצע צייט אין א ווינקעל פון צימער. איהרע ליפען זיינען געווען פארטריקענט, איהרע אויגען צעשראָקען. זי האָט געוואַרט צו הערען וואָס דער פעלדשער וועט זאָגען.

דער פעלדשער האָט באטראכט דאָס קינד. ער האָט איהם באטאפט, זיך צוגעהערט צום הארצען און געשאָקעלט מיט'ן קאָפ:

— איך האָב מורא אז דאָס קינד וועט קריגען לונגען ענטצינדונג, — האָט ער געזאָגט, — מען מוז איהם גלייך לייגען אין בעט, און מען דארף איהם גוט איינדעקען ער זאָל זיך דורכשוויצען.

— וואו זאָל מען איהם לייגען? — האָט דער בעל אכסניה זיך אָנגערופען, — אלע צימערען זיינען ביי מיר פארנומען.

— מיר גיבען איהם אָפ אונזער צימער, — האָט ר' אברהם געזאָגט, און ווענדענדיג זיך צום פעלדשער האָט ער זיך אָנגערופען:

— איך בעט אייך, קומט מאָרגען אין דער פריה ווידער זעהן וואָס דאָס קינד מאכט. איהר וועט פארדינען א גרויסע מצוה.

— ווער איז זי? — רופט זיך אָן דער פעלדשער.

— וואָס איז דער אונטערשיד? איהר מוזט זעהן ראטעווען דאָס קינד!

— האָט דער רב געזאָגט, אָט האָט איהר צוויי גולדען, און מאָרגען וועט איהר אויך קריגען באצאָהלט פאר אייער באזוך.

ווען זאָשקע האָט געהערט אז איהר קינד איז אזוי געפעהרליך קראנק, האָט זי זיך ערשט פּאנאנדערגעוויינט.

מען האָט דאָס קינד אריינגעליינט אין בעט אין דעם צימער וואו ר׳ אברהם און אליהו האָבען געזאָלט איבערנעכטיגען. און זיי ביידע, ר׳ אברהם און אליהו האָבען זיך געזעצט ביים לאנגען טיש און האָבען די גאנצע נאכט גערעדט אין לערנען.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען זיך אלע געשטעלט דאווענען מיט א מנין. זיי האָבען געגעסען פריהשטיק און זיך גענומען גרייטען צו פאָהרען.

— וואָס וועל איך טהאָן מיט אָט דער? — האָט דער בעל אכסניה זיך אָנגערופען צום רב.

— איהר וועט זי האלטען ביי זיך ביז וואנען איהר קינד וועט געזונט ווערען.

— המ . . . דער פעלדשער האָט מיר געזאָגט אז דאָס קינד איז ניט געאַרישט! — האָט דער בעל אכסניה איינגערוימט דעם רב אין אויער.

— עס איז גאָרניט! מען האָט עס נאָך ניט געקענט טהאָן. אָבער איהר דארפט קיין אונטערשיד ניט מאכען. די מצוה איז די זעלבע. אם ירצה השם ווען איהר קינד וועט געזונט ווערען וועט איהר אונז לאָזען וויסען אין קיידאן און מען וועט נאָך איהר שיקען. זי האָט א שטעלע דאָרט ביי א רייכען בעל הבית. מען וועט אייך פאר אלץ אָבצאָהלען. איהר וועט צושטעלען א חשבון.

— האָף צו גאָט! — האָט דער רב זיך אָנגערופען צו זאָשקע׳ן, — אז דיין קינד וועט געזונט ווערען, און אזוי שנעל ווי דאָס וועט געשעהן און דו וועסט קענען ווייטער פאָהרען, וועט מען שיקען נאָך דיר.

דער רב און אליהו האָבען זיך אריינגעזעצט אין בויד מיט די איבעריגע פּאסאזשירען, און די בוידען האָבען גענומען אָפּפאָהרען.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט א געשריי: וואָרט! שטעלט זיך אָפּ!

דער בעל עגלה האָט אָפּגעשטעלט זיין פערד, און דער בעל אכסניה איז צוגעלאָפען און אויסגערופען:

— רבי, איך וויל אייך עפּעס פרעגען!

— וואָס איז געשעהן? — פרעגט איהם ר׳ אברהם.

— איך וויל מיט אייך ריידען אליין.

ר׳ אברהם האָט זיך אויפגעהויבען און איז ארונטערגעגאנגען פון בויד.

— הערט זיך איין, רבי, — האָט דער בעל אכסניה צו איהם זיך אָנגערופען מיט א ניִדעריגער שטימע, — איך וויים שוין ווער אָט די שרה׳קע איז... אימיצער האָט מיר נעכטען דערצעהלט וועגען איהר, און נאָר וואָס האָב איך זי גענומען אויספרעגען. זי האָט מיר אליין שוין אלץ דערצעהלט. איך וויים אז זי קלייבט זיך מגייר צו זיין.

— איז צוליעב דעם זייט איהר דאָס געלאָפען צו מיר? — האָט ר׳ אברהם איהם אָנגעקוקט, — איך האָף אז איר, אלס פרומער איד, וועט זיין פאָרזיכטיג גענוג מען זאָל ניט אויסגעפינען. מען האָט גענוג געטאָן זי אָפּצורייִדען פון דעם שריט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען... זי האָט געזאָגט, אז זי וועט זיך דערטרינקען אויב מען וועט זי ניט לאָזען אָננעהמען דאָס אידישע גלויבען... מיר אלע וויסען די פאראנטוואָרטליכקייט און דאריבער דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג. איך גלויב, אז עס איז איבעריג פאר מיר אייך צו זאָגען אז קיינער טאָר דערפון ניט וויסען... עס איז געווען א נארישקייט פון יענעם וואָס האָט אייך דערצעהלט, אָבער ווייטער טאָר עס ניט געהן. איך וועל שוין זעהן אז איהר זאָלט ניט דארפען ליידען. מען וועט אייך פאר אלץ באצאָהלען. איהר האָט ניט וואָס צו זאָרגען.

— איהר מאכט א טעות, רבי. ניט וועגען דעם בין איך באזאָרגט. איהר פארשטעהט, איך בין נאָר וואָס אריינגעקומען צום קינד אין צימער און מיר דוכט זיך, אז ער איז געוואָרען ערגער... ער איז אין גרויסער היץ. איך האָב זעהר שטארק מורא פאר איהם... איך האָב א טראכט געטהאָן: ווער ווייסט וואָס עס קען פּאסירען?

— נישקשה, זאָל גאָט העלפען! — האָט ר׳ אברהם געזאָגט, — האָט איהר געשיקט נאָך דעם פעלדשער?

— יאָ, איך האָב נאָך אים געשיקט.

— איז וואָס קען איך איצט טאָן? — פרעגט איהם ר׳ אברהם.

— איך מוז זיך דאָך מיט אייך מיישב זיין. טאָמער, די שעה, די רגע, זאָל ניט זיין, און דאָס קינד שטאַרבט! איהר פאַרשטעהט מיט וואָס עס שמעקט! . . . ווען די פּאָליציי וועט אויסגעפינען אז מען האָט איהם מקבר געווען אויף א אידישען בית עולם, מעהר פעהלט אונז ניט... מען וועט דאָך דאַרפען האָבען א טויט־שיין, און ווער ווייסט ווי זי וועט האנדלען אין אזא עת צרה?

— איהר זייט גערעכט! — האָט זיך ר׳ אברהם אָנגערופען, — וועגען דעם האָב איך גאָרניט געטראַכט. עס איז אַן ענין וואָס מען דאַרף זיך גוט פאַרטראַכטען. די געפאַהר איז גרויס.

דער בריסקער רב ר׳ אברהם איז געבליבען שטעהן נעבען דעם בעל אכסניה מיט זיין קאָפּ געבויגען. ער האָט דורכגעפיהרט זיין האנט דורך זיין ברייטער באָרד און געטראַכט:

— אויב דאָס זאָל חלילה געשעהן וועט מען דאַרפען איבערגעבען דער פּאָליציי דעם אמת, אז דאָס איז א קריסטליך קינד... נאָך אלעמען האָט זי דאָך דערווייל זיך ניט מגייר געווען... וואָס עס וועט זיין שפּעטער מיט איר קען מען ניט וויסען, אָבער מען וועט איהם דאַרפען איבערגעבען צו זיי.

— איך האָב אָבער שטאַרק מורא פאַר איהר! — האָט דער בעל אכסניה אויסגערופען, — איך בין מיט א ווייַלע פריהער אריין אין דעם צימער, האָב איך געזעהן ווי זי שטעהט אין א ווינקעל און מיט א וויינענדער שטימע רופט זי אויס: "גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, שיק א רפואה שלימה צו מיין קינד". איך קען זיך גאָרניט פאַרשטעלען וואָס עס וועט פּאַסירען ווען א גלח זאָל דאַרפען דורכפיהרען די צערעמאָניע... ווער ווייסט וואָס זי קען נאָך טהאָן!...

— איהר האָט פּאָלקאָם רעכט, — האָט ר׳ אברהם געזאָגט, — וועגען דעם האָב איך אפילו ניט געטראַכט, — הלואי זאָל עס צו דעם ניט קומען, אָבער גרייט דאַרף מען זיין דערצו... וואָס גלויבט איהר קען איך טהאָן?

— די בעסטע זאך וואָלט געווען ווען איהר, רבי, רעדט זיך דורך מיט איהר און איהר ערקלעהרט איהר דעם גאַנצען ענין. פאַר אייך האָט זי דאָך גרויס דרך ארץ און ווי איהר וועט איר זאָגען אזוי וועט זי טהאָן.

— עס איז זעהר שווער צו ריידען צו א מוטער וועגען דער מעגליכקייט אז איהר קינד וועט שטאַרבען, — האָט ר׳ אברהם געזאָגט, — אָבער מען מוז עס טהאָן. איך קעהר זיך אום מיט אייך אין אכסניה.

ר׳ אברהם איז צוגעגאַנגען צו זיין בעל עגלה און איהם געזאָגט, אז ער וועט מוזען וואַרטען א קליינע ווײַלע, ווייל ער מוז ערליידיגען זעהר א וויכטיגע זאך.

— רבי, זאמט זיך ניט צו לאַנג!

— בעט זיך דער בעל עגלה, — מיר ווילען אָנקומען אין קיידאַן נאָך איידער עס ווערט גוט פינסטער, אז ניט וועט אונז אויסקומען איבערצונעכטיגען נאָך א נאַכט ערגעץ אין אַן אכסניה.

— דו קענסט דאָך פאַרשטעהן אז אויב איך געה צוריק אין אכסניה איז עס זעהר וויכטיג, — האָט ר׳ אברהם געזאָגט, — און אז עס וועט נעהמען עטליכע מינוט לייַנגער, וועל איך זיך ניט קענען העלפען.

ר׳ אברהם איז צוריק אריין אין אכסניה. ער איז צוזאַמען מיט דעם בעל אכסניה אריינגעקומען אין צימער וואו דאָס קינד איז געלעגען. דעם בעל אכסניה׳ס ווייב איז דאָרט אויך געווען. זי האָט געבראַכט וואַרעמע מילך פאַר׳ן קינד, זי האָט געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסען צו דעם קינד׳ס שטערען אָפּצושוואַכען די היץ. זאָשקע איז געווען פאַרוויינט, און ווען זי האָט דערזעהן דעם רב, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און וויינענדיג האָט זי זיך צו איהם אָנגערופען:

— אוי, רבי, העלפט מיר, זייט מתפּלל פאַר מיין קינד! ער האַלט ביים שטאַרבען.

— באַרוהיג זיך, זאָשקע, — האָט דער רב געזאָגט, — לאָמיר האָפען אז דער רבונו של עולם וועט איהם צושיקען א רפואה שלימה.

— דו הערסט ווי זי רעדט? —

האָט זיך דעם בעל אכסניה'ס ווייב אָנגערופען צו איהר מאַן אין דער שטיל — זי רעדט דאָך שוין ווי א אידישע טאָכטער. האָסטו נאָך ווען געהערט אזעלכע רייד פון א שיקסע?...

— נו, וואָס איז דער וואונדער! — ענטפערט דער בעל אכסניה אויך אין דער שטיל, — זי האָט געארבייט דעם גרעסטען טייל פון איהר לעבען ביי אידען... זי ווייסט אפילו אלע אידישע דינים און מנהגים.

ר' אברהם איז צוגעגאנגען נעענטער צו דעם בעטעל וואו דאָס קינד איז געלעגען. ער האָט א קוק געטהאָן אויף זיין ברענעדען פּנים און גליהענדע אויגען, אויף זיינע בלאסע פארטריקענטע ליפּען. א ווילע האָט ער געשוויגען. עס איז איהם געווען שווער צו ריידען מיט זאָשקע'ן, אָבער ער האָט געוואוסט אז ער מוז ריידען, ער טאָר קיין צייט ניט פארלירען.

— הער זיך איין, זאָשקע! — האָט ער זיך צו איהר געווענדעט, — איך וויל מיט דיר ריידען, אָבער פריהער פון אלץ מוזטו זיך בארוהיגען... זעץ זיך צו אַט דאָ און האלט זיך רוהיג.

זאָשקע האָט אויף דעם רב געקוקט מיט צושראָקענע בליקען. טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט פון איהרע אויגען.

— דו האָסט באשלאָסען צו ווערען א אידישע טאָכטער, — האָט ר' אברהם אָנגעפאנגען, — טראָץ דעם וואָס אלע האָבען דיך אָפּגערעדט פון דעם דאָזיגען שריט. דאָס האָט מען געטהאָן צוליעב צוויי אורזאכען: ערשטענס, ווייל אזוי הייסט די אידישע רעליגיע אז ווען א מענש פון אן אנדער רעליגיע קומט צו א אידען און זאָגט, אז ער וויל זיך מגייר זיין, איז אונזער פליכט איהם פון דעם אָפּצוריידען. האָט מען עס אויך געטאָן מיט דיר... און די צווייטע אורזאכע איז, ווייל די געפאהר איז זעהר גרויס, טאָמער וועלען די קריסטען אויסגעפינען אז מיר האָבען דיך באקעהרט צו דעם אידישען גלויבען, קענען זיי נאָך מאכען פּאָגראָמען. דאריבער איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אז דאָס זאָל געהאלטען ווערען בסוד... ווייל אזוי ווי דו ווילסט ווערען איינע פון אונז, איז דיין פליכט צו זאָרגען פאר אנדערע אידען, פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען דיינע ברידער... דו דארפסט זיי פארהיטען ווי ווייט מעגליך פון אן אומגליק... דו פארשטעהסט וואָס איך מיין?

— יאָ, רבי, איך פארשטעה! — האָט זאָשקע א שאָקעל געטהאָן מיט איהר קאָפּ.

— דו דארפסט אויך וויסען אז א איד האָט בטחון אין גאָט, אז אלץ וואָס ער טהוט איז צום בעסטען. אין דערזעלבער צייט נעהמט דער איד אָן דאָס אומגליק און די צרות אזוי גוט ווי דאָס גליק... מיר האָבען קיין רעכט ניט צו טראכטען פארוואָס איינעם קומט גוטעס און דעם צווייטען שלעכטעס. גאָט פיהרט אזוי זיין וועלט און ער איז א שופט צדק און ער ווייסט וואָס ער טהוט... ער איז תמיד גערעכט... איצט הער זיך איין וואָס איך וועל מיט דיר ריידען. דיין קינד איז זעהר קראנק, מיר בעטען גאָט אז ער זאָל איהם שיקען א רפואה שלימה... אָבער טאָמער חס וחלילה וועט דיין קינד ניט געזונט ווערען, אויב ער וועט, זאָל גאָט אויסהיטען, שטארבען... דארפסטו וויסען וואָס דו האָסט צו טהאָן . . .

— איך וויס, איך וויס, רבי! איך וועל... יאָ... ביי מיר איז דאָס קינד פאררעכענט פאר א אידען!

—ניין, זאָשקע, דו מאכסט א טעות, דערווייל דארפסטו וויסען ביזטו נאָך ניט קיין אידין... דו וועסט מוזען שיקען רופען דעם גלח... דו הערסט, אזוי זאָג איך דיר אָן... שפּעטער ווען דו וועסט זיך מגייר זיין וועט דיר גאָט פאר אלץ מוחל זיין... דו וועסט עס דארפען טהאָן ווייל אויף דעם אידישען בית עולם וועט מען ניט דערלאָזען... און קיין ליגעי וועסטו ניט קענען זאָגען, מען וועט עס שנעל אויסגעפינען... דאריבער, אויב דאָס זאָל חלילה געשעהן, דארפסטו האנדלען פּונקט ווי דו וואָלסט גאָר קיינמאָל אין זינען ניט געהאט אָנצונעהמען אונזער גלויבען... נו, זאָגסטו עס מיר צו?

— יאָ, רבי, — האָט זי געזאָגט, און זיך ווידער צעוויינט.

— אויב דיין ·קינד וועט געזונט ווערען, וועסטו קומען מיט איהם קיין קיידאן און מען וועט דיך שוין דארט מיט אלץ באזארגען. אבער אויב חלילה ניט, וועסטו קומען אליין. דערווייל וועסטו דא בלייבען. איך האב שוין גערעדט מיט דעם בעל אכסניה, ער וועט צושטעלען א חשבון צו דעם קיידאנער גביר ר׳ יהודה ליב, ביי וועמען דו וועסט אנפאנגען צו ארבייטען ווען דו וועסט אנקומען קיין קיידאן, מען וועט שוין נאך דיר שיקען, אבער בתנאי אז דו וועסט אויספאלגען אלץ וואס איך היים דיר. באלד וועט קומען דער פעלדשער און ער וועט טהאן אלץ וואס ער וועט קענען און זאל דער אויבערשטער דיר העלפען.

ר׳ אברהם האט נאך אמאל אנגעזאגט דעם בעל אכסניה אז ער זאל טהאן אלץ וואס ער קען צו העלפען זאשקע׳ן און צושטעלען א חשבון פאר אלץ צו ר׳ יהודה ליב׳ן פון קיידאן. און ער איז שנעל ארויס פון אכסניה. ער איז צוגעקומען צו זיין בויד און זיך אריינגעזעצט. די בעלי עגלות האבען געטריבען די פערד און זיי זיינען אפגעפאהרען פון דארט.

קאפיטעל זעקס

אין קיידאן איז ר׳ אברהם קאצענעלענבויגען אנגעקומען מיט דעם אכט יעהריגען אליהו׳ן נאך א דריי טעגיגע רייזע. דער וועג איז געווען זעהר א שלעכטער און זיי זיינען געווען גוט אויסגעמאטערט. ר׳ אברהם האט געבראכט אליהו׳ן צו זיין פאטער אין הויז ר׳ דוד קאצענעלענבויגען, אן עלטערער איד מיט א ברייטער, שעהנער, גרויער בארד, וועלכער האט זיך שטארק דערפרעהט מיט דעם חשוב׳ען יונגען גאסט.

די רביצין האט פאר איהם צוגעגרייט א צימער. ער האט געגעסען אווענט־ברויט און זיך גלייך געלעגט אויסרוהען.

ר׳ אברהם האט גענומען דערצעהלען זיין פאטער וועגען דעם יונגען גאון און ער האט צוגעגעבען:

— גלויב מיר, פאטער, אז איך בין אויף א האר ניט מגזם, פארקעהרט, איך האב גאר ניט געזוג ווערטער ווי זיך אויסצודריקען וועגען זיין חריפות און בקיאות אין גמרא: איך אליין פיהל אז איך וואלט ניט געווען אימשטאנד מיט איהם צו לערנען פאר א לענגערער צייט.

— איך בין שוין זעהר אומגעדולדיג צו הערען ווי גרוים זיין כח איז אין תורה, — האט ר׳ דוד זיך אנגערופען צו זיין זוהן, — אבער איך וועל איהם לאזען זיך אויסרוהען א פאר טעג פון דעם לאנגען וועג.

אויף מארגען ווען ר׳ דוד און זיין זוהן ר׳ אברהם זיינען אויפגעשטאנען גאנץ פריה, ווי נאר עס האט גענומען טאגען צו געהן אין בית המדרש צו דאוונען דעם ערשטען מנין, זיינען זיי ביידע געווען איבעראשט צו געפינען אליהו׳ן אן אנגעטאנענעם.

— אזוי פריה? — רופט זיך אן צו איהם ר׳ דוד, — דו ביזט דאך געווים נאך מיעד פון וועג?

— ניין, איך בין שוין ניט מיעד. איך וועל געהן דאוונען און איך וועל זיך זעצען לערנען, ווייל איך האב שוין אזוי אויך מבטל געווען א היבשע צייט פון לערנען.

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף ר׳ דוד׳ס פנים ווען ער האט געהערט אזעלכע דבורים פון אזא קליינעם אינגעל. ער האט באטראכט זיינע ראזע באקען און זיינע ליכטיגע קלוגע אויגען און ער האט געפיהלט אז ער איז שוין צוגעצויגען צו אט דעם אינגעל.

זיי זיינען אוועק דאוונען אין בית המדרש, וואו עס זיינען שוין געווען היבשע עטליכע מנינים אידען וועלכע האבען געדאוונט מיט דעם ערשטען מנין כדי צו זיין די ערשטע צו קומען אויף דעם מארק האנדלען.

אליהו איז געשטאנען די גאנצע צייט מיט זיין פנים צום מזרח און ער האט געדאוונט אויסענווייניג, און פיעלע אידען וועלכע האבען עס באמערקט, האבען געקוועטשט מיט די פלייצעס. אבער באלד נאכ׳ן דאוונען האט מען שוין געוואוסט וועגען אליהו׳ן. ווייל דער קיידאנער רב ר׳ דוד, האט ארויסגענומען פון ספרים אלמער א גמרא, און ער האט זי אוועקגעליינט אויף זיין שטענדער. באלד איז צו איהם צוגעקומען זיין זוהן ר׳

אברהם און אביסעל אריינגעקוקט אין גמרא.

אליהו האָט געענדיגט דאַווענען און איז געבליבען שטעהן אויף זיין פּלאַץ.

— קום אהער, אליהו, — רופט איהם צו ר׳ דוד, — דו האָסט געלערנט די גמרא נדרים?

— יאָ, — ענטפערט אליהו מיט א שאָקעל מיט׳ן קאָפּ.

— ווען האָסטו געלערנט די גמרא?

— פאר־א־יאָהרען.

— און דו געדענקסט נאָך?

— מיט׳ן אויבערשטענס הילף.

— געדענקסטו די משנה ״הרי נטיעות האלו קרבן אם אינן נקצצות״ אויף דף כ״ח?

— איך געדענק.

— קוק אריין אין גמרא און אין ר״ן און ערקלער מיר די גאנצע שיטה פון בר פּדא לויט דעם ר״נ.

— איך קען זי אויסענווייניג, — רופט זיך אָן אליהו.

— וואָס? — ווערט שוין ר׳ דוד ערשטוינט, — דו האָסט געלערנט די מסכתא נדרים מיט א יאָהר צוריק און דו געדענקסט נאָך אויף אויסענווייניג, בפרט נאָך אזא שווערען ענין ווי די שיטה פון בר פּדא?

— איך גלויב אז איך געדענק נאָך, מיט׳ן אויבערשטענס הילף.

— נו, גוט, זאָג עס אויסענווייניג, — האָט ר׳ דוד מיט א שמייכעל זיך אָנגערופען.

אליהו האָט אָנגעפאנגען די משנה מיט א ניגון... הרי נטיעות האלו קרבן. טלית זו קרבן עד שתשרף אין להם פּדיון . . .

נאָכדעם האָט ער געזאָגט אויף אויסענווייניג די גמרא און דעם גאנצען ר״נ. ער האָט געזאָגט וואָרט ביי וואָרט.

ר׳ דוד האָט איהם אָפּגעשטעלט און געפרעגט א קשיא. ער האָט שנעל די קשיא פארענטפערט, און ווייטער געזאָגט.

ר׳ דוד און זיין זוהן ר׳ אברהם זיינען געשטאנען און זיך צוגעהערט און געשאָקעלט מיט די קעפּ און גע־שטוינט. זיי האָבען אפילו ניט באַמערקט, אז ארום זיי האָבען זיך ארומגעקליבען עטליכע בעלי בתים, די גבאים פון בית המדרש און דער שמש. זיי זיינען אלע געשטאנען באַוועגלאָז און געוואונדערט.

ווען אליהו האָט געענדיגט זאָגען, האָט ר׳ דוד איהם ווידער גענומען פרעגען קשיות, האָט אליהו איהם שנעל געענטפערט אויף יעדער קשיא. זיי האָבען אזוי אָפּגערעדט אין לערנען א פּאָר שעה. די בעלי בתים וועלכע זיינען געשטאנען די גאנצע צייט און זיך צוגעהערט, האָבען זיך באלד ארומגעזעהן אז עס ווערט שפּעט, אז זיי דארפען נאָך געהן צום מארק. זיי האָבען דאריבער שנעל צוזאמענגעלייגט טלית און תפילין, און קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס זיינען זיי זיך צוגאנגען.

געבליבען איז בלויז ר׳ יהודה ליב, דער רייכסטער איד פון קיידאַן. ער איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ. ער האָט געקוקט אויף דעם קליינעם אינגעל ווי זיין פּנים פלאמט און זיינע אויגען גליהען בעת ער רעדט תורה, ווי שנעל ער פארענטפערט דעם רב זיינע קשיות. ער האָט זיינע אויגען פון איהם ניט ארונטערגענומען און זיך געוואונדערט.

ווען זיי האָבען געענדיגט און דער רב האָט גענומען צוזאמענלייגען טלית און תפילין, האָט ר׳ יהודה ליב זיך אָנגערופען צו איהם:

— זאָגט מיר, רבי, ווער איז ער דאָס?

— אָ, איהר ווייסט ניט?! האָט איהר ניט געהערט אז מיט א יאָהר צוריק האָט א זיבען יעהריגער אינגעל געהאלטען א דרשה?

— איך געדענק שוין ניט.

— עס איז אהער געקומען א ווילנער איד און דערצעהלט אז אין ווילנער שטאָדט־שוהל . . .

— אָ, יאָ, איצט דערמאָן איז זיך. אָבער איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב דאָן צו דעם ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. איך האָב געמיינט ,מאלע וואָס, אָבער ער איז דאָך גאָר א למדן! — האָט ר׳ יהודה ליב געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף דעם קליינעם אליהו.

— און נאָך וואָס פאַר א למדן, —

האָט ר׳ אברהם אויסגערופען, — הלואי שירבו כמותו בישראל.

— און ווער איז ער דאָס טאקע? — פרעגט ר׳ יהודה ליב.

— ער איז א זוהן פון ר׳ שלמה זלמן פון ווילנע. זיין פאָטער איז א למדן מופלג, — האָט ר׳ אברהם זיך אָנגערופען, — איך האָב זיך דורכגע־רעדט מיט זיין פאָטער און איהם גע־בעטען ער זאָל מיר איבערגעבען דאָס קינד אונטער מיין פאָטער׳ס השגחה.

— יאָ, איך גלויב אז דאָס קינד וואקסט א חד בדרא, — רופט זיך אָן ר׳ דוד, — איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אז איך אליין ווייס ניט ווי לאנג איך וועל זיין גוט גענוג צו לערנען מיט איהם. ער וואקסט א גאון.

— איך בעט אייך. רבי, ברייננגט איהם צו מיר אין הויז. ער וועט זיין ביי אונז אן אָנגעלעגטער גאסט.

— מיר וועלעז אריינקומען, אם ירצה השם, שבת נאָכ׳ן דאווגען אויף קידוש.

— מיר וועלען זיך ריכטען אויף אייך, — רופט זיך אָן ר׳ יהודה ליב, — און איהר ר׳ אברהם וועט אויך קומען צו מיר אויף קידוש.

— אם ירצה השם, — ענטפערט ר׳ אברהם.

ווען זיי זיינען ארוים פון בית המדרש און געגאנגען אהיים, האָט זיך ר׳ דוד אָנגערופען צו זיין זוהן.

— אָט דער ר׳ יהודה ליב איז דער רייכסטער בעל הבית פון קיידאן. ער איז א פיינער איד, א גרויסער בעל צדקה און א מכניס אורח. זיין פרוי איז אויך א פרומע און א בעלת צדקה. צעהן יאָהר האָבען זיי קיין קינדער ניט געהאט און אז גאָט האָט געהאָל־פען און זיין פרוי האָט מיט ניין יאָהר צוריק איהם געבוירען א טאָכטער האָט זיך די גאנצע שטאָדט משמח געווען.

— איך האָב איהם פארגעסען צו זאָגען וועגען זאָשקע׳ן, — רופט זיך אָן ר׳ אברהם צו זיין פאָטער — אָבער עס איז נאָך דאָ צייט. איך האָף אז ער וועט זי אָנשטעלען פאר זיין דינסט. איך האָב אפילו צוגעזאָגט דעם בעל אכסניה אז ער וועט איהם באצאָהלען פאָר אלץ.

— ר׳ יהודה ליב וועט עס זיכער טהאָן, — האָט ר׳ דוד געזאָגט.

ווען זיי זיינען געקומען אהיים האָט שוין די רביצין געהאט צוגעגרייט דעם פריהשטיק און זיי האָבען זיך געוואַ־שען און געזעצט צום טיש. אויך ביים עסען האָבען זיי גערעדט אין תורה, און די רביצין איז געווען ערשטוינט צו הערען ווי אזוי איהר מאן רעדט צו אָט דעם קליינעם אליהו ווי צו איינעם פון זיין גלייכען.

נאָכ׳ן עסען איז דער רב ר׳ דוד אריינגעגאנגען מיט אליהו׳ן אין זיין באזונדערען צימער און זיי האָבעןביידע געלערענט פאר עטליכע שעה. און ווען ער איז ארוים פון צימער, איז דאָרט אליהו אליין פארבליבען און גע־לערענט.

אין גאנץ קיידאן האָט מען שוין געוואוסט וועגען דעם וואונדער־קינד אליהו, און מען האָט דערצעהלט פון איהם גאָר גרויסע וואונדער. אייניגע האָבען פארשפרייט א קלאנג אז ער וועט דעם שבת האלטען א דרשה אין שוהל.

שבת איז די שוהל געווען געפאקט. יעדער איינער האָט געוואָלט כאפען א קוק אויף דעם וואונדער־קינד. איינער האָט אפילו געפרעגט דעם רב אויב דאָס קינד וועט האלטען א דרשה אין שוהל, און דער רב האָט געזאָגט אז ניין.

נאָכ׳ן דאווגען זיינען ר׳ דוד און זיין זוהן ר׳ אברהם אוועק צוזאמען מיט אליהו׳ן צו ר׳ יהודה ליב׳ן אין הויז.

אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז האָט מען זיך שוין געריכט אויף דעם וויכטיגען גאסט. די מוטער האָט אָנגעטאָן איהר טעכטערל, חנה׳לען, אין איהר שעהנ־סטער קליידעל און זי האָט איהר אָנ־געזאָגט אז זי זאָל ניט שטיפען, ניט לאכען און זיך אויפפיהרען סטאַ־טעטישנע, ווייל אָט דאָס אינגעלע פון ווילנע קען אזוי פיעל לערנען ווי א רב. דו פארשטעהסט, טעכטערל, ווי א רב קען ער לערנען, און ער איז נאָך א יאָהר אינגער פון דיר.

אָט די דאָזיגע רייד האָבען אויף חנה׳לען געמאכט א גאָר שטארקען איינדרוק, און זי האָט שוין מיט א

קלאַפּענדען הערצעלע געוואַרט אויף דעם קליינעם גאַסט. און ווען ער איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט איהר פאַטער און דעם רב און זיין זוהן ר' אברהם, האָט זי מיט נייגעריגע בליקען געקוקט אויף איהם. איהרע אויגען האָבען געשטראַהלט פון פרייד, ער איז אַזאַ שעהן אינגעלע... ער האָט געזאָגט "גוט שבת"... חנה'לע האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקעל פון צימער און זי האָט פון ווייטען אויף איהם געקוקט.

ר' יהודה ליב האָט געמאַכט קידוש און געגעבען אליהו'ן ער זאָל פאַרזוכען פון בעכער וויין. דערנאָך האָט ער צוגערופען זיין טעכטערל וועלכע איז צוגעגאַנגען עטוואָס פאַרשעהמט און זי האָט אויך אַ זופּ געטהאָן פון זעלבען בעכער.

באַלד נאָכדעם ווי זיי האָבען געמאַכט קידוש, האָט ר' דוד גענומען ריידען מיט אליהי'ן אין לערנען. און ווען אליהו האָט אַלץ געענטפערט ווי עס בעדאַרף צו זיין, האָט זיך ר' דוד אָנגערופען צו ר' יהודה ליב'ן:

— איהר קענט איהם אויך עפּעס פרעגען. ער איז שוין קלאָר אין צוויי סדרים גמרא, אָבער קלאָר אויסענווייניג... פּרובירט נעמט אַ גמרא, מישט אויף וואו איהר ווילט און זאָגט איהם דאָס ערשטע וואָרט, וועט ער אייך שוין זאָגען דאָס גאַנצע בלאַט גמרא אויסענווייניג.

— איהר דאַרפט אפילו ניט זאָגען דאָס ערשטע וואָרט פון דף, אַלץ וואָס איהר דאַרפט איז זאָגען איהם וואָס פאַר אַ דף דאָס איז און ער וועט שוין אייך זאָגען די גמרא פון יענעם דף.

ר' יהודה ליב האָט אַרויסגענומען אַ גמרא פון זיין ספרים אַלמער, און ער האָט אַ מיש געטאָן און איהם געזאָגט דעם דף.

אליהו האָט גלייך גענומען זאָגען דעם דף גמרא אויסענווייניג און ער האָט אפילו געזאָגט די תוספות'ן און וואָס דער מהרש"א זאָגט.

חנה'לע און איהר מוטער זיינען געזעסען אויף אַ קליינע קושעטקע און האָבען זיך צוגעקוקט צו דעם אינגעלע מיט די רויטינקע בעקעלער, מיט זיינע פלאַמענדע אויגעלער.

— אוי, אַ געזונט אין איהם! — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער מוטער'ס מויל. — גליקליך איז די מאַמע וואָס האָט געבוירען אַזאַ קינד.

ווען זיי האָבען פאַרלאָזט דאָס הויז, האָט זיך ר' יהודה ליב אָנגערופען צו זיין פרוי:

— נו, גיטעל, וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ קינד! אונזער רב ר' דוד און זיין זוהן ר' אברהם, דער בריסקער רב, גיבען צו אַז זיי קענען שוין באַלד מיט איהם ניט לערנען. דאָס מיינט, אַז ער קען שוין כמעט אַזוי פיל ווי זיי.... איך זאָג דיר, ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל דערזעהן אין בית המדרש און געהערט ווי ער רעדט מיט די צוויי גרויסע לומדים אין לערנען, האָב איך שוין פון איהם מיין אויג ניט אָוועקגענומען. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָט ער געהאַלטען אַ דרשה אין דער ווילנער שטאָדט־שוהל פאַר אַן עולם אידען וואָס איז באַשטאַנען פון אַ סך רבנים און לומדים. און נאָך זיין דרשה האָט מען איהם אָוועקגעפירט צום ווילנער רב'ס הויז און ער האָט זיך מיט זיי פאַרמאָסטען אין לערנען. איין רב, אַ גרויסער למדן, האָט איהם גענומען שטעלען קשיות און ער האָט זיי שנעל פאַרענטפערט, און באַלד האָט דער קליינער אליהו איהם געפרעגט אַ קשיא און ער, דער רב, האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— געבענשט וועט זיין די פרוי וועלכע וועט איהם קריגען פאַר אַ מאַן!
— האָט גיטעל געזאָגט, — די שכינה רוהט דאָך אויף איהם.

— ווער ווייסט, אפשר איז עס אַזוי באַשערט פון גאָט! — האָט ר' יהודה ליב גערעדט ווי צו זיך.

— וואָס מיינסטו? — פרעגט איהם גיטעל.

— אָ, איך האָב געטראַכט אַז גראָד דאַרף אונזער רב'ס זוהן ר' אברהם קומען קיין ווילנע און בעטען אליהו'ס פאָטער אַז ער זאָל מיטשיקען זיין זוהן צו אונז אין קיידאַן.... גלויב מיר, גיטעל, אַז איך וועל שוין אַזאַ אוצר ניט אַרויסלאָזען פון מיינע הענד... זאָל נאָר גאָט געבען אַז מיר זאָלען זיין געזונט. אונזער חנה'לע וואַקסט קיין עין

הרע א שעהנע געראָטענע מיידעל. זי איז, ניט צו כאַו'זינדיגען, א טייער קינד. איך וועל טאקע איהר לאָזען לערנען ווייטער חומש און תנ"ך... עס וועט גאָרניט שאדען... א פרוי פון אַט אזא גאון; וועט אויך עפּעס דארפען קאָנען... איך וויים אז אונזער רביצין, זאָל געזונט זיין, קען אפילו גמרא... און אז זי ווארפט גאנץ אָפּט אריין א פסוק פון תנ"ך אָדער א מאמר חז"ל... היינטיגע צייטען דארף א פרוי אויך קענען... הא, וואָס זאָגסטו, גיטעל?

— פארוואָס ניט, רופט זיך אָן גיטעל, — אויב גאָט האָט אונז ניט געבענשט מיט א זוהן, קענען מיר דאָך האָפען אם ווייניגסטען צו האָבען אן איידעם וועלכער זאָל זיין צו גאָט און צו לייטען... חנה'לע, אָהן עין הרע, האָט א גוט קעפּעל. דער רבי האָט מיר געזאָגט, אז זי האָט א אינגעלשען קאָפּ אויף זיך און אז זי קען שוין אָנפאנגען צו לערנען חומש.

— איך וועל, אם ירצה השם, ריידען מיט איהר רבי'ן נאָך שבת, פריהער האָב איך איהם געזאָגט, אז פאר א מיידעל איז גענוג צו קענען דאווענען און לייענען די תחינות און טייטש־חומש, איצט אָבער זעה איך אליין אז עס שאַדעט גאָרניט ווען א מיידעל קען טאקע א שטיקעל חומש. זאָל מיר נאָר גאָט העלפען, וועסטו זעהן, גיטעל, אז מיין וואונש וועל איך דורכפירען. יאָ, ר' אברהם האָט מיר נאָר וואָס דערציילט א געשיכטע וואָס האָט זיך פארלאָפען אין ווילנע מיט א גלח און מיט א שיקסע וועלכע האָט געדינט ביי א אידען. איך וועל דיר שפּעטער דערציילען, דערווייל לאָמיר געהן עסען.

גיטעל אָבער איז שוין געוואָרען נייגעריג, און איז צו איהם צוגעשטאנען אז ער זאָל איהר באלד דערצעהלען.

ר' יהודה ליב האָט איהר דערציילט אלע איינצעלהייטען און ער האָט צוגעגעבען: אויב ר' יהושע העשל, דער ווילנער רב און ר' אברהם, דער בריסקער רב זאָגען אז מען דארף זי מקרב זיין, זי זאָל קענען ווערען א אידיש קינד, דארף מען עס טאָן. איך האָב איהם צוגעזאָגט זי אָנצושטעלען פאר א דינסט... אָבער איין זאך וויים איך ניט... איך וויים ניט וואָס צו טאָן מיט איהר קינד וואָס זי האָט געבוירען פון גלח... ווי איך פארשטעה, איז זי איבערגעגעבען צום קינד און מיר וועלען מוזען איהם האלטען ביי אונז.

— נו, וואָס איז נעביך דאָס קינד שולדיג! אז דער רב זאָגט אז מען זאָל איהם ערציהען אלס איד... טאָ זאָל זיין אזוי.

— נו, וועגען דעם וועלען מיר זיך נאָך קענען מיישב זיין, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט, — געלויבט איז השם יתברך, ער טוט זיין חסד פון אונז ניט אָפּ. איך וועל שוין דארפען זעהן אז אליהו זאָל פארבלייבען א קיידאנער און טאקע אן אונזעריגער. דערווייל דארפען מיר וועגען דעם גאָר ניט ריידען מיט קיינעם. דו ווייסט דאָך, גיטעל, אז ניט פארגינער פעלען ניט... דעם רב אָבער וועל איך יאָ געבען אָנצוהערען. איך וועל איהם זאָגען אז איך וועל איהם אויסהאלטען מיט אלע הוצאות.

— אוי, גאָטעניו, זאָל אונז נאָר ניט פארשטערט ווערען! — האָט גיטעל אויסגערופען, און זי האָט אריינגערופען חנה'לען.

— געה, מיין קינד, זאָג בוניען אז זי קען שוין ברענגען דעם טשאָלענט.

זיי האָבען זיך געוואשען און געזעצט צום טיש. ר' יהודה ליב און גיטעל האָבען געוואָרפען זייערע בליקען אויף זייער טעכטערל, און ביידענס געדאנקען זיינען געווען אז זייער חנה'לע זאָל זיין ווערטה צו האָבען אזא מאן ווי אליהו.

נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין אָפּגעגעסען דעם קוגעל, רופט זיך אָן גיטעל צו איהר טאָכטער:

— נו, חנה'לע, האָסטו געזעהן ווי אליהו קען לערנען? ער קען דאָך אויסענווייניג אלע גמרות, און ווער רעדט שוין וועגען חומש און תנ"ך, און דו ווילסט גאָרניט לערנען.

חנה'לע האָט זיך פארשעהמט, און ר' יהודה ליב האָט א גלעט געטאָן זיין באָרד, געקוקט אויף חנה'לען, און אויסגערופען:

— ווער זאָגט עס דיר אז חנה'לע וויל ניט לערנען? נאָך שבת זאם ירצה השם וועל איך פאר איהר דינגען א גוטען רבי'ן און זי וועט לערנען. הא, וואָס זאָגסטו, חנה'לע?

— מעג א מיידעל לערנען גמרא?

— פרעגט חנה'לע מיט א נאאיווער שטימע.

— צו גמרא, מיין טאַכטער, איז עס נאָך גאנץ ווייט, — שמייכעלט צו דער טאטע, — זעה נאָר אז דו זאָלסט קענען א סדרה חומש, א קאפיטעל תנ"ך, א מיידעל דארף היינטיגע צייטען אויך קענען לערנען אויב זי האָפט צו קריגען א בחור א למדן פאר א מאַן... אונזער רביצין, זאָל געזונט זיין, קען אויך לערנען.. און אז עס קומען צו איהר אין הויז אורחים לערנער, דארף זי ניט פארלאָזען דעם צימער. זי פארשטעהט אלץ וואָס מען זאָגט און זי קען זיך אריינמישען אין לערנען.

— איך וויל אויך לערנען א סך, — האָט חנה'לע אויסגערופען מיט פרייד, — ווען איך וועל זיין א רביצין וועל איך קענען א סך ערנען.

— הלואי, רבונו של עולם! — רופט אויס גיטעל, — זאָל גאָט גיבען אז דו זאָלסט חתונה האָבען מיט א גרויסען למדן און איהר זאָלט גליקליך זיין.

ר' יהודה ליב האָט א שמייכעל געטאָן, און גיטעל האָט פארשטאנען די באדייטונג און זי האָט זיך געפילט גליקליך. זי ווייסט אז זי קען זיך פארלאָזען אויף איהר מאַן. ער וועט זיינס אויספירען.

* * *

די ערשטע פאָר וואָכען איז אליהו פארבליבען ביים קיידאנער רב ר' דוד קאצענעלענבאָדען, וועלכער האָט אָנגעקוואָלען פון איהם. ער פלעגט מיט אליהו'ן לערנען דעם גרעסטען טייל פון טאָג און ווי ער האָט איינמאָל אליין צוגעגעבען, האָט ער מער געלערענט פון דעם אכט־יעריגען איינגעל אליהו ווי דאָס איינגעל האָט געלערענט פון איהם.

ר' אברהם, ר' דוד'ס זוהן, דער בריסקער רב, האָט פארבראכט ביי זיין פאָטער לענגער ווי ער האָט פריהער גערעכענט, ווייל ער האָט זיך איינפאַך ניט געקענט אָפרייסען פון דעם קליינעם גאון, ער האָט ליב געהאט צו זיצען דערביי און הערען ווי דאָס איינגעל פארברענגט מיט זיין פאָטער אין תורה, און ווי ער פלעגט פרעגען אזעלכע וואונדערבארע קשיות אז ביידע, ער און זיין פאָטער, פלעגען נשתומם ווערען.

צוליעב נאָך א זאך האָט זיך ר' אברהם פארזאמט אין קיידאן, און דאָס איז ווייל ער איז זעהר נייגעריג געווען צו וויסען וואָס עס איז געוואָרען מיט דעם קראנקען קינד פון זאָשקע'ן, וועלכע איז צוליב דעם געווען געצוואונגען צו פארבלייבען אין מיטען וועג. ער האָט שוין גערעדט מיט ר' יהודה ליב'ן וועלכען האָט איינגעשטימט זי אָנצושטעלען אלס זיין דינסט און זעהן איהר העלפען זיך מגייר צו זיין.

ר' אברהם פלעגט גאנץ אָפט געהן צו דעם בעל אכסניה וואו די בעלי עגלות פלעגען פארפאָרען מיט זייערע פורען און זיך נאָכפרעגען אויב זיי ווייסען עפעס פון זאָשקע'ן.

איינמאָל ווען ער איז געקומען צו דער אכסניה, האָט ער דאָרט געטראָפען זאָשקע'ן. זי איז נאָר וואָס אָנגעקומען. זי איז געווען שטארק אויסגעבלייכט און אָפגעצערט. איהרע אויגען זיינען געווען רויט פון וויינען, איהרע ליפען טרוקען און זי איז געווען איינגעהילט אין א שווארצען טיכעל. ניט זעהענדיג איהר קינד, האָט ר' אברהם פארשטאנען אז ער איז געשטאָרבען. ער איז צו איהר צוגעגאנגען און זיך אָנגערופען:

— ווען ביזטו אהער געקומען, זאָשקע?

זאָשקע האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און דערזעהענדיג דעם גוטען רב וועלכער האָט געטאָן אלץ פאר איהר צו פארגרינגערען איהרע לײדען, איז זי געוואָרען עטוואָס מונטערער.

— ערשט מיט א שעה צוריק האָט מען מיך אהער געבראכט. דער בעל עגלה האָט מיטגעבראכט א חשבון פון דעם בעל אכסניה.

— וואו איז ער, דער בעל עגלה?

— אָט דאָרט איז ער! — האָט זי אָנגעוויזען אויף א צווייטען צימער פון וואַנען עס האָבען זיך דערטראָגען עלעכטער און מגושב'דיגע רייד.

ר' אברהם האָט אויפגעעפענט די טיר און ער האָט דערזעהן ווי עטליכע בעלי עגלות זיצען ביי א לאנגען טיש. זיי עסען הערינג מיט ברויט און טרינקען בראָנפען.

— ווער פון אייך האָט מיטגעבראַכט זאַשקע׳ן ?

— זאַשיקע׳ן? וואָס פאַר א זאַשקע?

— איך מיין די ביי וועמען א קינד איז געשטאָרבען.

— אַ, רבי, איהר מיינט שרה׳קע -- רופט זיך אָן א בעל עגלה, — איך האָב זי אהער געבראַכט. דער בעל אכסניה האָט מי״ מיטגעגעבען א חשבון פאַר פינף־און־צוואַנציג גילדען וואָס עס קומט א״הם. ער האָט מיר אָנגעזאָגט אז איך זאָל זי ניט אָפּלאָזען ביז וואנען איך וועל פאַר איהר קריגען באַצאָלט דאָס וואָס ער מאָנט.

— גוט, באַלד וועט אהער קומען ר׳ יהודה ליב און ער וועט אייך באַצאָלען די פינף און צוואַנציג גילדען.

ר׳ אברהם איז אַרוים פון דאָרט. ער האָט געזאָגט זאַשקע׳ן, אָדער ווי זי האָט זיך שוין איצט גערופען, שרה׳קע, אז ער געהט זאָגען איהר נייעם בעל הבית אז זי איז דאָ און ער וועט באַלד קומען מיט געלט און אָפּצאָלען דעם חוב.

— זאָג מיר, שרה׳קע, — האָט ר׳ אברהם זיך אָנגערופען, — האָט ער דיך אם וויינינגסטענס גוט באהאַנדעלט?

— זעהר גוט, רבי זי״ זיינען אַלע געווען גוט צו מיר. דער פעלדשער איז געקומען צוויי מאָל א טאָג, ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט, אָבער מסתמא איז איהם ניט באַשערט געווען צו לעבען... ער האָט זיך אָפּגעמוטשעט פינף טעג און איז געשטאָרבען... איך האָב געמיינט אז איך האָב שוין ניט פאַרוואָס צו לעבען... אַלץ איז פאַר מיר מיט אמאָל פינסטער געוואָרען... ווען אָבער דער גלח איז געקומען, האָב איך געטראַכט וועגען דעם פאָטער פון קינד, און איך האָב געקלערט אז אפשר איז עס בעסער אזוי... גאָט ווייסט וואָס ער טוט... דאָס קינד איז טאַקע געווען אומשולדיג, אָבער זיין טאַטע איז געווען א זינדיגער מענש. איצט איז ער אַלץ איינס ניט מעהר מיינער איך האָב איהם איבערגעגעבען צו זיי... איך אָבער באַלאַנג שוין מעהר ניט צו זיי... — האָט זי גענומען וויינען.

— דו מוזט זיך באַרוהיגען, שרה׳קע, — האָט ר׳ אברהם געזאָגט, — דו וועסט אריינפאַלען אין זעהר א גוטער היים. ר׳ יהו״ה ליב איז אַן ערליכער איד, און דערצו איז ער גאַנץ רייך, עס וועט דיר ביי זיי גאָר ניט פעלען. אַלץ וואָס דו וועסט דאַרפען טאָן איז פאָלגען... איך מיין, אז אפילו ווען מען זאָ׳ דיך אזוי גיך ניט מגייר זיין דאַרפסטו ניט ארויסווייזען קיין אומגעדולד... דו פאַרשטעהסט, עס איז דאָך עפּעס קיין קלייניגקייט ניט! מען וועט דאַרפען זעהר פאָרזיכטיג זיין. פאָלג מיך, שרה׳ע, וויש אָפּ דיינע טרערען... דו דאַרפסט ניט ציינען אז ו האָסט עוויינט.

ר׳ אברהם איז גלייך אוועק צו ר׳ יהודה ליב׳ן און איהם געזאָגט אז די דינסט איז שוין דאָ. זי רופט זיך שרה׳קע. דאָס קינד איהר׳ס איז געשטאָרבען. און דער בעל אכסניה האָט צוגעשטעלט א חשבון פון פינף און צוואַנציג גילדען. איך האָב איהר צוגעזאָגט אז איהר וועט איהם מסלק זיין פאַר אַלע הוצאות.

— געוויס וועל איך עס טאָן, — האָט ר׳ יהודה ליב געזאָגט, און האָט מיטגענומען דאָס געלט און איז אוועק מיט ר׳ אברהם׳ן צו דער אכסניה.

ער האָט גענומען ביים בעל עגלה דעם חשבון און איהם באַצאָלט.

— דו קענסט געה״, שרה׳קע. דאָס איז דיין בעל הבית, — האָט דער בעל עגלה זיך צו איהר געווענדעט.

שרה׳קע האָט זיך איינגעהילט נאָך מעהר אין איהר שווארצער פאַטשיילקע און איז נאָכגעגאַנגען ר׳ יהודה ליב׳ן.

גיטעל האָט די נייע דינסט אויפגענומען זעהר פריינדליך. ערשטענס האָט איהר דעם רב׳ס זוהן, ר׳ אברהם דאָס געבעטען און ער .זאָ דאָך אהער געבראַכט אליהו׳ן, און צווי״טענס, האָט זי שוין געוואוסט פון לץ וואָס מיט שרה׳קען האָט פּאַסירט, און זי האָט אויף איהר רחמנות געהאַט.

חנה׳לען האָט זי געזאָגט אז שרה׳קע איז א יתומה, אָהן א טאַטען און אָהן א מאַמען, און אז זי דאַרף איהר פאָלגען און זעהן ניט צו דערצאָרענען.

—קיינע. דאַרף ניט וויסען וואָס דו ביזט געווען,—האָט גיטעל זיך אָנגע־

רופען צו שרה'קען, — דו ביזסט א אידישע טאָכטער... און ווען עס וועט אוועקגעהן א שטיקעל צייט און אלץ וועט געהן כשורה, וועט שוין דער רב זעהן צו ערפילען דיין וואונש.

— ווי לאנג דארף עס דויערן? — פרעגט שרה'קע.

— דו האָסט ניט וואָס צו זאָרגען, — רופט זיך אָן צו איהר ר' יהודה ליב, — דערווייל ביזטו אין א אידיש הויז, דו עסט כשר'ע שפייזען, דו טוסט אלץ וואָס א אידישע טאָכטער דארף טאָן... ביזטו שוין אלץ איינס פאררעכענט באלד פאר אן אונזעריגע. און דאריבער דארפסטו זיך ניט איילען... פארשטעהסט, טאָמער פאסירט און מען ווארפט אויף אונז א חשד, קענסטו דאָך זאָגען אז דו האָסט זיך ניט מגייר געווען... פאר עסען כשרות קענען זיי דיר גאָרניט טאָן... דו וועסט דארפען האָבען אביסעל געדולד.

— איך האָב געדולד, אָבער פון דעסטוועגען וואָלט איך געוואָלט וואָס שנעלער ווערען א אידישע טאָכטער.

— פריער פון אלץ וועסטו זיך דארפען אויסלערנען ווי צו דאוונען פון סידור, — האָט גיטעל געזאָגט, — און ווייסטו ווער עס וועט מיט דיר לערנען, טאקע מיין טעכטערל. זי קען דאוונען זעהר גוט, זי זאָגט עברי אזוי שנעל ווי א וואסער.

עס האָט געדויערט א קורצע צייט ביז וואנען שרה'קע האָט זיך צוגעוואוינט צו איהר נייער סביבה. חנה'לע האָט מיט איהר געלערנט דעם אלף בית און עס האָט געדויערט היבשע עטליכע וואָכען ביז וואנען זי האָט געקענט אנפאנגען צו לייענען אין סידור.

דורך דער צייט האָט חנה'לע געקראָגען א רבי'ן וועלכער האָט מיט איהר געלערנט חומש און תנ"ך, און ווען זי פלעגט לערנען מיט שרה'קען פלעגט זי איבערלערנען מיט איהר אלץ וואָס זי האָט געלערנט פון איהר רבי'ן, אפילו די מעשה'לעך און אגדות וואָס דער רבי פלעגט איהר דערציילען.

חנה'לע האָט אפילו ניט חושד געווען אז די דאָזיגע שרה'קע איז גאָר א שיקסע, ווייל זי האָט גערעדט אזוי גוט אידיש, און אזוי שנעל ווי זי האָט זיך אויסגעלערנט צו דאוונען, פלעגט זי אין איהר פרייער צייט זיך צוכאפען צום דיקען סידור וואָס האָט באלאנגט צו גיטעל'ן און זי פלעגט דאוונען, פארגיסענדיג דערביי א סך טרערען. חנה'לע פלעגט ליב האָבען צו קוקען ווי אזוי זי דאווענט. זי פלעגט זיך צוהערען צו יעדעם וואָרט וואָס קומט ארויס פון איהר מויל, און איהר האָט שטארק הנאה געטאָן, ווייל זי האָט דאָך דאָס איהר אלץ אויסגעלערנט.

קאפיטעל זיבען

אין קיידאן איז געווען א גרויסער גאון א למדן מופלג. זיין נאָמען איז געווען ר' משה. אָט דער דאָזיגער גאון איז געווען אין די מיטלע יאָרען און ער האָט זיך געהאלטען אָפגעזונדערט. ער פלעגט יעדען טאָג אויפשטעהן זעהר פרי, געהן דאוונען דעם ערשטען מנין אין קליינעם בית המדרש און באלד זיך צוריקקערען צו זיך אין שטוב, וואו ער פלעגט לערנען. ער האָט געהאלטען אין שרייבען א חבור אויף דעם ירושלמי און ער האָט צו דעם געווידמעט וויפיל צייט ער האָט געהאט.

פון וואנען ער האָט געצויגען זיין חיונה האָט קיינער ניט געוואוסט. בכלל האָט מען וועגען זיין פערזענליכען לעבען ווייניג וואָס געוואוסט. אלץ וואָס מען האָט יאָ געוואוסט איז, אז ער איז אן אלמן, זיין פרוי איז מיט א פאָר יאָר צוריק געשטאָרבען, אז ער איז א גרויסער למדן און די רבנים האָבען געהאט גרויס דרך ארץ פאר איהם.

איינמאָל אין יאָר, שבת הגדול, פלעגט ער אין דער קיידאנער שוהל זאָגען א פלפול צווישען מנחה און מעריב, אָבער בלויז די רבנים און לומדים פון שטאָדט פלעגען איהם קומען הערען, און דער דאָזיגער פלפול האָט געגעבען גענוג שפייז פאר די לומדים זיך מפלפל צו זיין עטליכע חדשים נאָכדעם. א סך מאָל פלעגט מען דארפען אָנקומען צו ר' משה'ן ער זאָל קלאָר מאכען געוויסע פלעצער פון זיין פלפול.

ווען מען האָט דעם גאון ר' משה'ן

אויפמערקזאם געמאכט וועגן ווילנער אינגעל וועלכער איז שוין א גרויסער למדן, האט זיך אויף זיינע ליפען באוויזען א שמייכעל... ר׳ יהודה ליב פלעגט איהם שטיצן אין געהיים. קיינער האט פון דעם ניט געוואוסט. יעדע וואך פלעגט ער איהם געבען פינף גילדען און דאס האט איהם געקלעקט אויף אלץ. ווען ער איז צו איהם געקומען יענעם טאג נאכדעם ווי ער האט צום ערשטען מאל געטראפען דאס אינגעל אליהו אין בית המדרש, און איהם דערציילט וועגן דער גרויסקייט פון אינגעל אז דער רב ר׳ דוד האלט איהם פאר א גרויסען למדן, האט זיך א שמייכעל פון ביטול באוויזען אויף זיין פנים.

— אויב א קינד האט א גוט קעפעל קען מען איהם אלץ אויסלערנען, — האט ר׳ משה געזאגט, און ער האט אפילו ניט ארויסגעוויזען דעם מינדסטען אינטערעס אין איהם.

אין א וואך ארום האט שוין ר׳ יהודה ליב ווידערהאלט די לויבונג פון דעם יונגען גאון מיט מעהר קראפט און ער איז צו איהם צוגעשטאנען אז ער זאל מיט איהם פרובירען ריידען און לערנען.

— איך בעט אייך, ר׳ משה, קומט צו מיר דעם קומענדען שבת נאכ׳ן דאווענען, איהר וועט מיט אונז עסען טשאלענט און איך וועל איינלאדען דאס אינגעל צו מיר אויף שבת און דאן וועט איהר זעהן אז איך בין ניט מגזם אויף א האר.

ר׳ משה פלעגט גאנץ אפט קומען עסען טשאלענט אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז און איצט אז ער איז צו איהם צוגעשטאנען, האט ער מסכים געווען.

שבת נאכ׳ן דאווענען אין שוהל, איז ר׳ יהודה ליב צוגעגאנגען צו דעם קיידאנער רב און איהם געבעטען ער זאל קומען מיט אליהו׳ן צו איהם אויף קידוש.

— אייך איז דאך שוין באוואוסט מסתמא, רבי, אז ר׳ משה איז ניט שטארק איינגעגלויבט אין די לומדות פון אליהו׳ן, ער האלט אז זיין גאנצע קענטשאפט איז בבחינת "מצות אנשים מלומדה", מען האט מיט איהם איינגע׳חזר׳ט.

— איך מוז אייך זאגען, ר׳ יהודה ליב, אז איך אליין האב שוין געטראכט זיך דורכצורײדען מיט ר׳ משה׳ן. איך גלויב אז ער איז דער איינציגער וועלכער קען נאך לערנען מיט איהם. די לומדות און חריפות פון אליהו׳ן וואקסט מיט יעדער רגע. איך פיהל אז איך קען שוין מיט איהם קיין סך ניט לערנען. ער שטעלט מיר גאנץ אפט אזעלכע קשיות אז איך ווער נשתומם און איך וויים ניט וואס איהם צו ענטפערען. ר׳ משה איז א גרויסער גאון און ער וואלט געווען זיין פאסענדסטער רבי, דאריבער וועל איך זיין צופרידען צו געהן צו אייך היינט אויף קידוש מיט אליהו׳ן.

— קום, אליהו, — האט ר׳ דוד זיך צו איהם געווענדעט נאכדעם ווי ער האט אריינגעלייגט זיין טלית אין כטענדער. — מיר וועלען געהן צו ר׳ יהודה ליב׳ן. דו געדענקסט אז איך און מיין זוהן ר׳ אברהם האבען מיט דיר גערעדט וועגען דעם גאון ר׳ משה, וועלכער שרייבט א חיבור אויף דעם ירושלמי? היינט וועסטו האבען א געלעגענהייט צו ריידען מיט איהם אין תורה. ער וועט זיין ביי ר׳ יהודה ליב׳ן אין הויז.

זיי זיינען אלע אוועק צו איהם אין הויז. גיטעל און חנה׳לע האבען שוין מיט גרויס אומגעדולד ערווארטעט די געסט. עס זיינען שוין פאראיבער עטליכע חדשים זינט אליהו איז געוויזן ביי זיי אין הויז. ר׳ יהודה ליב האט ניט געוואלט אז מען זאל דערווייל דערשפּירען אין שטאדט אז ער איז מקרב דאס אינגעל אליהו מיט אן אויג אויף שפעטער. ער האט געוואוסט אז וואס ווינציגער מען וועט אין שטאדט ריידען וועגען דעם אלץ בעסער וועט עס זיין פאר איהם.

עס איז געווען א פראסטיגער ווינטער טאג, און אין הויז איז געווען ווארעם. דער ריח פון טשאלענט האט זיך צעטראגען איבער אלע צימערן. ר׳ יהודה ליב האט געהאלפען דעם רב ארונטערנעמען זיין מאנטעל.

— גוט שבת! — האט אליהו געזאגט אריינקומענדיג נאכ׳ן רב ר׳ דוד, אין הויז, נאכדעם ווי ער האט א קוש געטאן די מזוזה.

— גוט שבת, — האָט גיטעל מיט פרייד אויסגערופען, און אַ וואונק געטאָן צו חנה'לען זי זאָל ביי איהם צונעמען דעם מאַנטעל.

עטוואָס שעמעוודיג איז חנה'לע צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געזאָגט: — גוט שבת".

— גיב מיר דיין מאַנטעל, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל איהם אויפהענגען אין אַלמער.

אליהו האָט איהר געגעבען דעם מאַנטעל און איז אריין אין סטאַלאַווע.

— זעץ זיך, אליהו, — האָט ר' יהודה ליב איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל, — באַלד קומט ר' משה, וועלען מיר מאַכען קידוש.

אליהו האָט זיך געזעצט נעבען דעם רב. דער טיש איז געווען געדעקט. זאָשקע האָט דערלאַנגט קיכעל, מאַרינירטע פיש און רעטשיסניק.

— געה, שרה'קע, און ברייננ אריין די פלאַש בראַנפען, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט, — עס איז אַ פראָסט אין דרויסען און מען וועט זיך אביסעל דערוואַרעמען מיט אַ לחיים.

באַלד איז אריינגעקומען ר' משה. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ שווערען מאַנטעל און זיין האַלז איז געווען איינגעוויקעלט מיט צוויי וואָלענע שאַלעקעס.

— גוט שבת! — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז אריין אין סטאַלאַווע.

— גוט שבת, גוט יאָהר! — האָבען אַלע מיט אַמאָל געענטפערט און זיך אויפגעשטעלט לכבוד דעם חשוב'ען גאַסט.

ר' יהודה ליב האָט איהם געהאָלפען אויסטהאָן דעם מאַנטעל און די וואָלענע שאַלען, און ר' משה האָט איהם געזאָגט:

— צו וואָס דאַרפט איר זיך מטריח זיין, ר' יהודה!

— וואָס הייסט, — האָט ר' יהודה געזאָגט, — אַז ער קומט צו מיין האַנט די מצוה פון משמש זיין אַ תלמיד חכם, זאָל איך עס ניט טהאָן?

ר' משה האָט זיך געזעצט נעבען ר' יהודה'ן.

— קום אַהער, אליהו, — האָט דער רב געזאָגט, — גיב שלום עליכם צו ר' משה'ן.

אליהו האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאַץ, און צוגעגאַנגען צו דעם פלאַץ וואו ר' משה איז געזעסען און איהם געגעבען שלום עליכם.

ר' משה האָט איהם געגעבען זיין האַנט און געזאָגט:

— איך האָב געהערט אַז דו קענסט גוט לערנען פאַר דיינע יאָהרען!

— בעזרת השם! — ענטפערט אליהו.

שרה'קע האָט אריינגעבראַכט די פלאַש בראַנפען, און וועלענדיג אוועקשטעלען אויף דעם טיש, האָט זי אַ נעהם געטהאָן די פלאַש וויין וואָס עס איז געשטאַנען פאַר קידוש.

— אָ, שרה'קע ריהר ניט אָן די וויין! — האָט ר' יהודה ליב אַ געשריי געטאָן.

זאָשקע האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און האָט צוריק אַ שטעל געטאָן די פלאַש וויין אויף דעם טיש.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט ר' יהודה ליב זיך אויף איהר אַ בייזער געטאָן, — האָב איך דען דיר ניט אָנגעזאָגט אַז דו זאָלסט זיך קיינמאָל ניט צוריהרען צו וויין?

— אוי, איך האָב עס ניט געמיינט, — האָט זאָשקע אויסגערופען און זיך פאַנאַנדערגעוויינט, און זי איז ארויס פון צימער.

— דער וויין איז געוואָרען יין נסך! — האָט ר' יהודה ליב אויסגערופען, און מען דאַרף עס אויסגיסען.

— וואָס, זי איז ניט קיין אידישע?

— האָט ר' משה איהם אַ פרעג געטאָן מיט ערשטוינונג, — איהר האָט זי דאָך גערופען שרה'קע.

דאָן האָט ר' יהודה דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען וועגען זאָשקע'ן, וועלכע רופט זיך איצט שרה'קע.

— עס איז טאַקע זעהר אַ שווערער ענין מיט איהר. איך בין זיכער אַז ווען זי האָט אָנגעריהרט דעם וויין האָט זי ניט מכוון געווען פאַר נסך. אָבער פון דעסטוועגען האָב איך מורא צו באַנוצען דעם וויין.

— וואָס זאָגסטו אויף דעם? — האָט ר' משה געפרעגט אליהו'ן.

— אין מסכתא עבודה זרה פרק רביעי געפנען מיר אַז רב זאָגט: "תינוק בן יומו עושה יין נסך", און

אן איין־טאָגיג קינד איז דאָך געווים ניט מכון.

— און לויט דיין מיינונג קומט אויס אז דאָס וואָס שרה'קע האָט אויפגעגעבן איהר אמונה און ווארט מען זאָל זי מגייר זיין, ווערט זי נאָך אלץ פאררעכענט פאר אן עכו"ם?

אליהו האָט דאן גענומען זאָגען פון דער גמרא וועגען דעם וואָס ר' יוחנן האָט געזאָגט אז "גר תושב שעברו עליו י"ב חדשים ולא מל הרי הוא כמין שבאומות" און זי קען דאָך פאררעכענט ווערען ווי א גר תושב.

עס האָט זיך באלד אנטוויקעלט צווישען אליהו'ן און ר' משה'ן א פלפול וועגען דעם. אליהו האָט דערוויל איבערגעזאָגט עטליכע בלאט גמרא פון עבודה זרה.

ר' משה האָט איהם פרובירט פרעגען קשיות און אליהו האָט איהם שנעל פארענטפערט. צום סוף פרעגט איהם ר' משה: נו, ווי ווערסטו פסק'ענען אזא פאל?

איך וויל ניט זיין א מורה הלכה בפני רבו, — האָט אליהו געענטפערט.

דערוויל האָט גיטעל געבראַכט אן אנדער פלאַש וויין און דער רב ר' דוד האָט געזאָגט:

— אזוי לאנג ווי עס איז פאראן נאָך א פלאַש וויין אויף וואָס מען וועט קענען מאכען קידוש, מעגען מיר געהן לחומרא.

גיטעל האָט אראָפּגענומען יענע פלאַש וויין פון טיש און ארויפגעשטעלט די צווייטע פלאַש און ר' יהודה ליב האָט געמאכט קידוש. דאן האָט מען צוגעביסען און ר' משה האָט א פרעג געטאָן אליהו'ן:

— זאָג מיר, ווען האָסטו געלערענט די מסכתא עבודה זרה?

— מיט א יאָהר צוריק, — ענטפערט אליהו.

— מיט א יאָהר צוריק? און דו געדענקסט אזוי גוט יעדע בלאט גמרא אויסענווייניג?

— ניט נאָר דאָס בלאט גמרא, נאָר אויך מיט די תוספת'ן, און די אנדערע מפרשים, — רופט זיך אָן ר' דוד.

— און ווי אלט ביזטו? — פרעגט איהם ר' משה.

— אם ירצה השם, דעם ערשטען טאָג פסח, וועל איך אלט ווערען ניין יאָהר.

ר' משה האָט איהם גוט באטראַכט. ער האָט דורכגעפיהרט זיין האנט דורך זיין לאנגער גרויליך באָרד און געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ. ער האָט איהם גענומען פרעגען נאָך עטליכע זאכען, און וואָס ווייטער איז ר' משה'ס התפעלות גרעסער געוואָרען.

— איהר זייט גערעכט, ר' יהודה ליב, — האָט ער זיך נאָכדעם געווענדעט צום בעל הבית, — איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אז ער זאָל זיין אזא למדן.

— איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדען, ר' משה, — האָט ר' דוד קאַצענעלענבויגען זיך אָנגערופען, — ווען מיין זוהן, דער בריסקער רב, איז געוועזן ביי מיר האָט ער מיר געזאָגט, אז עס וואָלט געוועזן זעהר גוט ווען איהר ווערט אליהו'ס רבי, ווייל איך קען שוין מיט איהם לענגער ניט לערנען.

— איך וועל עס האלטען פאר א זכות צו לערנען מיט איהם, — האָט ר' משה געזאָגט, — איך זעה, אז ער איז שוין א למדן מופלג.

— איך וועל זיין זעהר צופרידען, — האָט ר' דוד געזאָגט. — איצט ווערסטו שוין קענען האָבען א רבי'ן וועלכער וועט מיט דיר לערנען. און מאָרגען, אם ירצה השם, וועל איך שרייבען צו דיין פאָטער א בריף און איהם דערצעהלען אז ר' משה וועט מיט דיר לערנען .די בעלי עגלות פאָהרען מאָרגען אוועק פון קיידאן נאָך ווילנע. איך וועל איהם אויסשרייבען אלץ און איך בין זיכער אז ער וועט זיך פרעהען מיט דעם.

ר' דוד האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— נו, מיר דארפען שוין געהן! די רביצין ווארט דאָך שוין אויף אונז.

— רבי, אפשר וועט איהר ערלויבען אליהו'ן ער זאָל עסען היינט מיט אונז?

— פון מיין זייט איז קיין מניעה ניטאָ, כאָטש די רביצין וועט זיך פיהלען עטוואָס ענטטוישט. ווילסטו דאָ

בלייבען, אליהו ? — האט ר׳ דוד אים געפרעגט, — איך גלויב אז דו וועסט זיך דא ניט דארפען פיהלען פרעמד.

— גוט, איך וועל בלייבען, — האט אליהו געזאגט.

— אבער נאך מנחה, צו שלש סעודות, וועסטו געהן מיט מיר, — האט ר׳ דוד געזאגט.

— זאל ער שוין היינט זיין דעם גאנצען שבת ביי אונז ! — האט ר׳ יהודה ליב זיך אנגערופען, — ער איז ביי אונז אזא אנגעלעגטער גאסט. ביי מיר וועט ער ברוך השם אויך קענען לערנען. קיינער וועט איהם ניט שטערען.

דער רב האט געזאגט ״א גוטען שבת״, און ר׳ יהודה ליב האט געהייסען ר׳ משה׳ן און אליהו׳ן זיך געהן וואשען צום עסען. זיי האבען אזוי געטאן און זיי האבען זיך געזעצט צום טיש.

גיטעל און חנה׳לע האבען זיך געזעצט ביים צווייטען ברעג פון טיש און ביידע האבען ניט ארונטערגענומען די אויגען פון אליהו׳ן.

צווישען די געריכטען האט ר׳ משה גערעדט אין לערנען מיט אליהו׳ן און ער האט אזוי באוואונדערט זיין שארפען מח און טיפען זכרון.

— איך האב זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט אז אזא יונגער אינגעל זאל האבען אזא כח אין תורה, — האט ר׳ משה זיך אנגערופען צו ר׳ יהודה ליב׳ן, נאכדעם ווי זיי האבען אפגעבענשט.

— דו ווילסט זיך אפשר אויסרוהען אביסעל ? — פרעגט ר׳ יהודה ליב אליהו׳ן, — אויב דו האלטסט פון שינה בשבת, איז פאר דיר צוגעגרייט א צימער און דו קענסט זיך אביסעל דורכשלאפען.

— ניין, איך וויל ניט שלאפען, — האט אליהו געזאגט, — איך וועל לערנען.

— וועלכע גמרא ווילסטו לערנען ?

— סנהדרין, — ענטפערט אליהו.

— חנה׳לע, — האט ר׳ יהודה ליב זיך אנגערופען צו זיין טאכטער, — דו ווילסט דאך עפעס אויך פארדינען א מצוה, נעם ארויס פון ספרים־שראנק די גמרא סנהדרין און ברייננג צו צו אליהו׳ן.

דאס האט ער מיט א כיון געזאגט כדי אליהו זאל זי באמערקען.

חנה׳לע האט געבראכט די גמרא און איבערגעבענדיג איהם די גמרא, האט זי זיך אביסעל געררויטעלט. אליהו האט איהר געדאנקט און גענומען די גמרא און איז אריינגעגאנגען אין צווייטען צימער און זיך געזעצט לערנען.

ר׳ משה און ר׳ יהודה ליב זיינען פארבליבען אליין אין צימער.

— איהר ווייסט, ר׳ יהודה, — רופט זיך אן ר׳ משה, — איהר האט איצט ביי אייך אין די הענט אן אוצר, זאג איך אייך. איהר טארט איהם שוין ניט ארויסלאזען. איהר פארשטעהט, ער איז איינער אין מיליאנען !

— יא, דערפאר טאקע האב איך געוואלט אז איהר זאלט איהם נעמען אונטער אייער אויפזיכט. איך ווייס אז אונזער רב, זאל געזונט זיין. וועט אים אזוי גיך ניט ארויסלאזען פון זיין הויז... איך האב געוואלט אז ער זאל איינשטעהן ביי מיר... מיין גיטעל וואלט איהם אביסעל בעסער צוגעזעהן, אבער איך זעהט דאך ווי שווער עס איז מיר אנגעקומען ער זאל איהם אפלאזען אויף א האלבען טאג... איך גלויב, אז ווען איהר וועט מיט איהם לערנען וועל איך שוין זעהן אז ער זאל איינשטעהן ביי מיר... איהר פארשטעהט ?

— עס איז ניט קיין עוולה ! — האט ר׳ משה אויסגערופען, — ווען איך האב א טאכטער אין זיינע יאהרען וואלט איך אויך פון דעם געטראכט.

— ווען איך האב דאס קינד צום ערשטען מאל דערזעהן, האב איך דערפיהלט ווי עס ציהט מיך צו איהם... זאל נאר גאט געבען אז מיינע מחשבות זאלען פארווירקליכט ווערען. מיין חנה׳לע איז, קיין עין הרע, א געראטענע מיידעל, זי לערענט שוין חומש און תנ״ד... וואס דארפט איר בעסער, זי האט דאך אליין אויסגעלערענט אונזער דינסט ווי צו דאווענען.

— זאל גאט געבען אז איהר זאלט דערלעבען נחת פון אייער טאכטער,

— האָט ר׳ משה געזאָגט, — איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך וועל קענען צו העלפען אייך, ר׳ יהודה ליב. איך ווייס אַז איך האָב אייך צו פאַרדאַנקען וואָס איך קען זיצען רוהיג און פאַרענדיגען מיין ספר ״פּני משה״ אויף ירושלמי. און איצט וועל איך אַריינגעהן אַהין אין צימער און זעהן ווי אליהו לערנט פאַר זיך.

ר׳ יהודה איז אַריין מיט ר׳ משה׳ן אין יענעם צימער, וואו אליהו איז געווען. זיי האָבען באַמערקט ווי ער זיצט מיט ביידע עלענבויגענס אויף דער גמרא. ער איז געווען פאַרטיפט און אפילו ניט באַמערקט אַז אימיצער שטעהט לעבען איהם.

ביידע האָבען געקוקט אויף אליהו׳ן און נאָכהער האָט זיך ר׳ משה צו אים געווענדעט ער זאָל איהם ערקלעהרען אַ תוספת.

אליהו האָט איהם ערקלעהרט, און ער האָט איהם גענומען שטעלען אַ קשיא. אליהו האָט איהם געענטפערט, און זיי האָבען זיך גענומען מתוכח זיין. ר׳ משה האָט איהם געוואָלט עטוואָס צוטומלען, אָבער אליהו האָט זיך ניט געלאָזט. זיי האָבען אַזוי אָפּגערעדט אין לערנען אַ פּאָר שעה ביז וואַנען ר׳ יהודה ליב האָט זיך אָנגערופען:

— עס איז שוין צייט צו געהן דאַווענען מנחה.

אין שוהל איז ר׳ יהודה ליב צוגעגאַנגען מיט אליהו׳ן צו דעם רב. ער האָט איהם געזאָגט אַז ר׳ משה האָט זיך אונטערגענומען מיט איהם צו לערנען און אַז פון מאָרגען אָן וועט ער איהם נעמען אונטער זיין השגחה.

— דאָס איז זעהר גוט! — האָט ר׳ דוד זיך אָנגערופען, — איך קען זיך ניט פאָרשטעלען קיין בעסערען רבי׳ן פאַר אליהו׳ן ווי ר׳ משה.

— רבי, — האָט זיך ר׳ יהודה ליב אָנגערופען. — כ׳וואָלט אייך וועלען עפּעס בעטען. איך ווייס אַז אליהו איז אייך זעהר טייער און אַז איהר וואָלט געוואָלט ער זאָל בלייבען ביי אייך. אָבער אַזוי ווי פון ר׳ משה׳ן צו אייך איז אַ היבשער מהלך, און אַזוי ווי די פרעסט ווערען שטאַרקער, וואָלט איך אייך געבעטען איהר זאָלט איבערגעבען אליהו׳ן צו מיר. איך און מיין פרוי וועלען זעהר גוט אכטונג געבען אויף איהם. מיר וועלען זעהן אַז קיין זאַך זאָל איהם ניט פעהלען. ער וועט ביי אונז האָבען פון דאָס שעהנסטע און בעסטע. ביינאַכט וועל איך אַליין אוועקגעהן צו ר׳ משה׳ן איהם אָפּצונעמען. מיר וועלען איהם האַלטען ווי דאָס אויג פון קאָפּ.

ר׳ דוד האָט אַ ווייל׳ע זיך פאַרטראַכט, און נאָכהער האָט ער זיך אָנגערופען:

— איך ווייס אַז ביי אייך וועט דאָס קינד האָבען אַ סך בעסער ווי ביי מיר, און איך האָב קיין רעכט ניט אייך צו ענטזאָגען... ווייבאַלד אַז ער וועט שוין האָבען אַ רבי׳ן ביי וועמען צו לערנען וועט איהר איהם קענען נעמען צו זיך.

— איך דאַנק אייך זעהר, רבי! — האָט ר׳ יהודה אויסגערופען, און זיין פּנים האָט זיך צעלויכטען פון גרויס פרייד, — צו האָבען אַזאַ קינד אין מיין הויז איז עס ביי מיר פאַררעכענט פאַר אַ גרויסע זכיה... עפּעס אַ קלייניגקייט אַזאַ אוצר!

— יאָ, עס איז ווירקליך אַ גרויסע זכיה, — האָט ר׳ דוד געזאָגט, — די עטליכע חדשים וואָס ער איז ביי מיר געווען, האָב איך אַ סך פון איהם געלערנט. קיינער וואָלט ניט געגלויבט ווען מען וואָלט איהם דערצעהלט, אַז אַזאַ אינגעל קען אַזוי פיעל לערנען. איך וועל זיין צופרידען וואָס ער וועט איצט האָבען אַ גוטען רבי׳ן און דערוויל פאַרבלייבען אין קיידאַן... איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז איך האָב מורא געהאַט טאָמער קומט זיין פאָטער אַהער און נעמט איהם צוריק קיין ווילנע. ער האָט טאַקע מרמז געווען אין איינעם פון זיינע בריף, ווייל איך האָב דאָך איהם געשריבען, אַז אליהו לערנט פאַר זיך און קען זיך שוין על פּי הדחק באַגעהן אָהן אַ רבי׳ן.

— אָ, ניין, ניין, — האָט ר׳ יהודה ליב אויסגערופען, — ער מוז פאַרבלייבען ביי אונז אין קיידאַן, בפרט איצט אַז ער האָט געקראָגען אַזאַ רבי׳ן ווי ר׳ משה.

— אָט וועגען דעם וועל איך טאַ־

קע שרייבען מאָרגען, אם ירצה השם צו זיין פאָטער ר׳ שלמה זלמן, — האָט דער רב געזאָגט, — איך וועל איהם שרייבען אז ר׳ משה וועט מיט איהם לערנען און אז ער וועט איינשטעהן ביי אייך און איהר וועט איהם שוין צוזעהן.

— א דאנק אייך, רבי! — רופט זיך אָן ר׳ יהודה ליב, — איהר קענט פארזיכערען זיין פאָטער אז מיר וועלען איהם האלטען ווי דאָס אויג אין קאָפּ. מיין גיטעל און אפילו מיין חנה׳לע, זאָלען געזונט זיין, ווייסען גאָרניט וואָס צו טאָן פון שמחה... א קלייניגקייט, אזא זכות! צו האָבען איהם אין אונזער הויז.

ווען ר׳ דוד קאצענעלענבויגען האָט דערצעהלט דער רביצין אז ר׳ יהודה ליב פארלאנגט אז אליהו זאָל איינשטעהן אין זיין הויז, האָט זי זיך דערפיהלט שטארק דערשלאָגען.

-- איך פרעג דיך, רבי, וואָס פעלט איהם ביי אונז? — האָט זי זיך אָנגערופען, — דאכט זיך, איך זעה אים צו ווי אן אייגען קינד. אונזער זוהן האָט איהם געבראכט צו אונז, און אזוי לאנג ווי ער געפינט זיך אין קיידאן, וואָלט ער באדארפט זיין דאָ.

— גלויב מיך, אז איך אליין פיהל אויך אזוי, אָבער איך האָב קיין הארץ ניט געהאט איהם צו ענטזאגען. נאָר אזוי ווי ר׳ משה האָט זיך אונטערגענומען צו לערנען מיט אליהו׳ן, און ר׳ יהודה ליב איז דאָך ר׳ משה׳ס ידיד, און אזוי ווי אונזער הויז איז א סך ווייטער פון ר׳ משה׳ס ווי ר׳ יהודה ליב׳ס הויז, האָט ער דאָך געהאט א גערעכטע טענה.

— ר׳ יהודה ליב האָט איין כוונה, -- האָט זיך די רביצין אָנגערופען עטוואָס אויפגערעגט, — ער וויל איהם קריגען פאר זיין אײדעם...

— נו, און דאָס איז אן עוולה? — האָט ר׳ דוד געזאָגט, — וועלכער איד וואָס האָט א טאָכטער וואָלט געוואָלט ארויסלאָזען אזא אוצר פון זיינע הענט?

-- אָבער ער איז דאָך נאָך א קינד! וואָס וואָלט געשאדט ווען ער איז ביי אונז א פּאָר יאָהר און נאָכדעם ווען ער ווערט עלטער מיט עטליכע יאָהר וואָלט ער איהם געקענט נעמען צו זיך.

— דו האָסט קיין רעכט ניט פאריבעל צו האָבען אויף ר׳ יהודה ליב׳ן, און אויף גיטלען זיין פרוי, — האָט ר׳ דוד געזאָגט, — שטעל זיך פאָר, ווען מיר וואָלטען געווען אויף זייער פּלאַץ, און ווען מיר וואָלטען געהאט א בת יחידה אין דיזעלבע יאָהרען ווי אליהו, וואָלטען מיר דען ניט געטאָן דאָס וואָס זיי טהוען?

-- דו ביזט גערעכט, רבי! איך שטעל זיך פאָר אז מיר וואָלטען אויך אנדערש ניט געהאנדעלט, — האָט די רביצין מיט א שמייכעל זיך אָנגערופען, — עס איז אונז טאקע זעהר שווער איהם אָפּצולאָזען, אָבער זיי זיינען בילכער. חנה׳לע איז א טייער קינד, זאָל גאָט געבען אז זייער וואונש זאָל דערפילט ווערען.

— איך זעה, אז דו, מיין ליעבע רביצין, — האָט ר׳ דוד מיט צופריעדענהייט געזאָגט, — ביזט גאָר ניט אזא שלעכטע. זאָל השם יתברך געבען און מיר זאָלען זוכה זיין צו האָבען אן אייניקעל פון אונזער זוהן אברהם וועלכער זאָל זיין א בן תורה.

— יאָ, עס איז שוין צייט, — רופט זיך אָן די רביצין — עס איז שוין דאָס דריטע יאָהר נאָך אברהם׳ס חתונה.

— אם ירצה השם, גאָט וועט העלפען, — רופט זיך אָן ר׳ דוד, — פארגעס ניט אז דו האָסט געבוירען אברהם׳ן פינף יאָהר נאָך אונזער חתונה.

— יאָ, ווען מיר האָבען חתונה געהאט בין איך בלויז צוועלף יאָהר אלט געווען, און דו האָסט נאָר וואָס געהאט אָנגעהויבען צו לייגען תפילין. דו האָסט שוין פארגעסען?

— איצט זעהסטו שוין אז ווען מיר האָבען חתונה געהאט זיינען מיר געוועןביידע קינדער, טאָ פארוואָס זאָלסטו זאָגען אז ר׳ יהודה ליב און גיטעל האָבען קיין רעכט ניט צו טראכטען פון דעם ווייל אליהו איז נאָך גאָר א קינד...

— איך ווייס טאקע אז איך האָב עס ניט באדארפט זאָגען, — האָט זיך די רביצין ענטשולדיגט — אָבער עס איז מיר פאָרט שווער איהם אָפּצולאָזען.

אויף מאָרגען נאָכ'ן דאַוונען איז אליהו געגאַנגען מיט ר' יהודה ליב'ן פון בית המדרש.

— דו וועסט עסען פריהשטיק און דאַן וועל איך גלייך מיט דיר אריבערגעהן צו ר' משה'ן. שפּעטער וועל איך דיר קומען נעמען פאַר אָנבייסען. יאָ, ר' משה איז איינער פון די גרעסטע לומדים פון אונזער דור. איך בין צופרידען וואָס ער וועט מיט דיר לערנען... דו דאַרפסט וויסען אַז צו איהם קומען בריף פון די גרעסטע רבנים מיט שאלות. אונזער ר' דוד זאָגט אַז ער איז א חד בדרא... ער האָט שוין באַלד פאַרענדיגט זיין חבור "פּני משה" אויף ירושלמי. איך בין זיכער אַז דיר וועט ער ווייזען וואָס ער האָט געשריבען.

ווען גיטעל און חנה'לע האָבען דערזעהן אליהו'ן אריינקומענדיג אין שטוב, זיינען זיי איהם אנטקעגענגעקומען.

— טהו אויס דיין מאַנטעל, אליהו!
— האָט חנה'לע געזאָגט, און איהם פּרובירט העלפען, — אָבער אליהו האָט שנעל אליין איהם אויסגעטאָן.

— חנה'לע, דו ווייסט, — האָט זיך דער פאָטער צו איהר אָנגערופען, — נאָך פריהשטיק וועסטו און שרה'קע זיך אריבערכאַפּען צום רב אין הויז און פון דאָרט ברייגנען אהער אליהו'ס פּעקעלע, ווייל פון היינט אָן וועט ער שוין נעכטיגען ביי אונז.

— נו, געהט זיך וואַשען צום עסען, — האָט גיטעל זיך געווענדעט צו איהר מאַן און צו אליהו'ן.

זיי האָבען זיך געוואַשען און געזעצט צום טיש. גיטעל אליין האָט דערלאַנגט צום טיש, כאָטש זי האָט געהאַט צוויי דינסטען, בוניע'ן און שרה'קען. באַלד ווי זיי האָבען געבענשט איז ר' יהודה ליב אוועק מיט אליהו'ן צו ר' משה'ן אין הויז. ער איז אריין מיט איהם אינעווייניג. ר' משה איז געזעסען ביים טיש מיט א גרויסער גמרא און עפּעס פאַרצייכענט.

— גוט מאָרגען, — האָט אליהו געזאָגט.

ר' משה האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צו אליהו'ן.

— גוט מאָרגען, אליהו, קום זעץ זיך.

אליהו האָט זיך געזעצט ביים טיש און ר' יהודה ליב האָט זיך געווענדעט צו ר' משה'ן:

— איך וועל ארויפשיקען דעם גוי ער זאָל צוליינען מעהר האָלץ אין אויוען, איהר וועט דאַרפען האַלטען וואַרעם דאָס הויז א גאַנצען טאָג.

ר' יהודה ליב איז אוועק אויפ'ן מאַרק, און איז צוגעגאַנגען צו א פּויער וועלכער האָט געהאַט א וואָגען מיט האָלץ. ער האָט זיך מיט איהם באַדונגען און דאַן איהם געהייסען צופאָהרען צו ר' משה'ס הויז. דאָרט האָט ער אליין געהאָלפען דעם פּויער אריינליינען דאָס האָלץ אין סקלאַד און ער האָט איהם באַצאָהלט און זיך אומגעקעהרט אהיים.

חנה'לע און שרה'קע זיינען שוין געקומען פון רב מיט אליה'ס פּעקעלע. איהרע באַקען האָבען געפלאַמט און איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט, בעת זי האָט אויפגעעפענט דאָס פּעקעלע און פון דאָרט ארויסגענומען א נייעם ארבע־כנפות און א קאַפּאָטעלע מיט נאָך עטליכע קלייניגקייטען.

— ברייננ עס אריין אין זיין צימער, חנה'לע, — ווענדעט זיך צו איהר די מוטער, — דאָרט וועסטו געפינען א פּאָר פאַרהאַנגלעך, זאָלסטו זיי אויפהיינגען איבער'ן פענסטער.

— דו הערסט, טאָכטער מיינע, — רופט זיך אָן ר' יהודה ליב מיט א צופרידענעם שמייכעל, — צו אליהו'ס צימער וועט זיך קיינער ניט צוריהרען. דו וועסט אכטונג געבען אַז אליהו זאָל האָבען אלע באַקוועמליכקייטען. ער איז דאָך אַן אמת'ער תלמיד חכם און באַדינען א תלמיד חכם איז איינע פון די גרעסטע מצוות.

חנה'לע האָט זיך עטוואָס פאַרשעהמט, און גיטעל האָט זי אריינגערופען אין איהר שלאָף־צימער און פון דעם שופלאָד ארויסגענומען א ריינעם ליילאַך און ציכלאַך און זיי געגעבען צו חנה'לען זי זאָל פאַרבעטען אליהו'ס בעטעל. זי האָט אריינגעשטעלט דאָרט א קריגעל וואַסער און א שיסעל מיט א האַנטוך. זי האָט אויך איבערגעדעקט דאָס טישעל מיט א טישטוך

און זי איז צוגעגאנגען צום אלמער פון ספרים און ארויסגענומען די מסכתא סנהדרין.

— וואָס פאר א גמרא האָסטו ארויסגענומען דאָרט פאר איהם? — פרעגט זי איהר פאָטער.

— די גמרא סנהדרין, — ענטפערט חנה'לע, — ער האָט נעכטען פארלאנגט אָט די גמרא.

ר' יהודה ליב האָט געוואָרפען א שמייכלענדען בליק צו גיטלען און צו איהר אין אויער ארייגעשושקעט:

— זעהסטו דען ניט אז זי איז אים באשערט! זי ווייסט אלץ וואָס זי דארף טאָן...

— זאָל אונז נאָר ניט פארשטערט ווערען, — רופט זיך אָן גיטעל, — זי איז דאָך אזא טייער קינד, דו האָסט באדארפט הערען ווי זי האָט היינט אין־דער־פריה געדאַוונט. זי האָט אויפגעמישט קריאת שמע און געגעבען שרה'קען צו דאַווענען, און אז שרה'קע האָט געמאכט א פעהלער, האָט זי איהר פארריכט. יאָ, איך האָב גאָר פארגעסען דיר צו זאָגען, חנה'לע ווייסט שוין אז שרה'קע איז ניט קיין אידישע, אז זי ווארט מען זאָל זי מגייר זיין.

— פון וואנען האָט זי זיך דאָס דערוואוסט?

— וואָס מיינסטו, אז זי איז נאָך א קינד? זי פארשטעהט אלץ וואָס קומט פאָר... דו האָסט זיך נעכטען א בייזער געטאָן אויף שרה'קען פאר וואָס זי האָט אָנגעריהרט דעם וויין, און נאָכהער האָבען ר' משה און אליהו גערעדט וועגען יין נסך, האָט זי זיך גענומען אָנשטויסען, און טאקע א ווײַלע שפּעטער איז זי צוגעגאנגען צו בוניע'ן און איהר גענומען אויספרעגען, און די נארישע בוניע האָט איהר אלץ דערצעהלט, אפילו די געשיכטע מיט'ן גלח.

— פון וואנען ווייסט עס בוניע?

— וואָס איז דאָ ניט צו פארשטעהן. זיי ארבייטען ביידע אין קיך, און שלאָפען אין איין צימער, האָט בוניע מסתמא ארויסגעקראָגען פון שרה'קען אלץ, און קיין סך שכל האָט בוניע ניט, האָט זי אלץ דערצעהלט חנה'לען... נו, מילא פארפאלען. איין זאך אָבער פארדריסט מיך. איך האָב אויסגעפונען אז בוניע האָט אָנגעפאנגען צו באהאנדלען שרה'קען ניט אזוי גוט ווי פריהער. זי שאפט זיך מיט איהר צופיעל און שרייט אויף איהר, איך בין א ווײַלע פריהער ארייגעגאנגען אין קיך, הער איך ווי זי רופט זיך אָן צו איהר: "א פויערטע בלייבט א פויערטע".

— מען וועט איהר דארפען אָנזאָגען אז זי זאָל עס נאָך אמאָל ניט טאָן, — רופט זיך אָן ר' יהודה.

— איך פארשטעה פארוואָס זי האָט איהר אָנגעהויבען פיינט צו האָבען, — רופט זיך אָן גיטעל, — זי איז אביסעל אייפערזיכטיג אויף איהר. איך בין שרה'קען מקרב... איך האָב איהר אוועקגעגעבען מיינע אַן אלטע קלייד און א פּאָר שיך, ברענט עס איהר... זי איז איהר אויך מקנא דאָס וואָס חנה'לע גיט זיך אָפּ מעהר מיט שרה'קען.

— דו זאָג אָן בוניע'ן אז זי זאָל מעהר ניט פּראָווען קיין שטיק, זי האָט איהר ניט וואָס מקנא צו זיין... זאָג איהר אז אין אונזער הייליגער תורה שטעהט געשריבען אז מען דארף ליעב האָבען דעם גר.

חנה'לע האָט מיר דערצעהלט אז נעכטען אין אָוועט האָט שרה'קע געוויינט און ווען זי איז צו איהר צוגעשטאנען זי זאָל איהר זאָגען פארוואָס זי וויינט, האָט שרה'קע איהר דערצעהלט אז בוניע האָט זיך מיט איהר געריצט צוליעב דעם וויין וואָס זי האָט אָנגעריהרט. זי האָט איהר געזאָגט, אז זי איז נאָך פאררעכענט פאר א גויע און אז ווען זי רירט זיך צו צו וויין, ווערט עס טריף... דאָס ווייזט אויס, האָט איהר שטארק דערשלאָגען און זי האָט אָהן אויפהער געוויינט.

— איך גלויב אז איך אליין וועל מיט בוניען ריידען, — האָט ר' יהודה מיט כעס געזאָגט, — שיק זי ארײַן אהער.

גיטעל איז ארייגעגאנגען אין קיך און זיך אָנגערופען צו בוניען:

— געה ארײַן אין סטאָלאָווע, דער בעל הבית וויל מיט דיר ריידען.

בוניע האָט זיך עטוואָס דערשראָקען. זי האָט פארשטאנען, אז עפּעס

האָט עס צו טאָן מיט דער נייער דינסט שרה'קע. זי האָט פארדעקט איהר קאָפּ מיט דער פאטשיילקע און זי איז אריין אין סטאָלאָווע.

א ווײַלע איז זי געבליבען שטעהן נעבען דער טהיר.

ר' יהודה האָט ארומגעשפּרייזט איבער'ן צימער הין און צוריק, און ווען ער האָט דערזעהן בוניען, האָט ער זיך אָנגערופען:

זאָג מיר, בוניע, דעם ריינעם אמת. האָסטו זיך וואָס צו באַקלאָגען אויף דעם אופן ווי דו ווערסט דאָ אין שטוב באהאנדעלט?

בוניע האָט ארונטערגעלאָזט איהר קאָפּ און געשוויגען.

— איך רייד דאָך צו דיר. פארוואָס ענטפערסטו ניט? מען באהאנדעלט דיך ניט גוט ביי אונז?

— המ... ווער זאָגט עס?

— וויפיל יאָהר דינסטו שוין ביי אונז?

— פופצעהן יאָהר!

— האָט דיך ווער עס איז באליידיגט? אָדער מען האָט אויף דיר ארויפגעלייגט א סך ארבייט?

— ניין!

— איך גלויב, אז זינט שרה'קע איז אָנגעקומען צו אונז איז דיין ארבייט א סך גרינגער געוואָרען.

— איך האָב פון איהר קיין נוצען ניט! — רופט אויס בוניע.

— וואָס פאר א נוצען ערווארטסטו פון איהר? איז דען פאר דיר ניט גענוג וואָס דו דארפסט ניט רוימען די צימערען? שרה'קע טהוט איצט אלע שווערע ארבייטען און זי איז נאָך דיר גרוים אין די אויגען!

— זי קריכט מיר אין די ביינער אריין! — האָט בוניע אויסגערופען

— זינט זי איז אָנגעקומען אהער, ווערט זי פון אלעמען באהאנדעלט ווי א פּריצ'טע. וואָס איז דאָ מיט איהר די גדולה? דאָס וואָס זי האָט פון א גלח געבוירען א מ...

— מעהר וויל איך פון דיר אזעלכע רייד ניט הערען, בוניע, דו הערסט! אויב דיר געפעלט ניט ווי מיר באהאנדלען דיך, קענסטו זיך אָפּזוכען אן אנדער שטעלע, קיינער צווינגט דיך ניט צו בלייבען ביי אונז געגען דיין ווילען. איך ווייס, אז מיר האָבען דיך זעהר גוט באהאנדעלט די גאנצע צייט און אז דו האָסט קיין שכל ניט און ווערסט איפּערזיכטיג אויף א... אויף א גר'טע... וועלכע האָט זיך גענוג אָנגעליטען אין איהר לעבען און וועלכע טהוט דיר קיין שלעכטס נישט, איז עס ניט אונזער שולד... שרה'קע וויל ווערען א אידיש קינד. עס איז אונזער פליכט זי קודם אָפּצורייִדען פון אזא שריט, אָבער אז זי איז איינגעשפּארט און וויל פון קיין זאך ניט וויסען, זי וויל זיך מגייר זיין, איז אונזער פליכט איהר מקרב צו זיין... און דו ביזט שוין ניט קיין קינד... דו ביזט צוויי מאָל אזוי אלט ווי שרה'קע און האָסט באדארפט האָבען מעהר שכל... איך ווייס אז דו האָסט פון אָנפאנג זי מקרב געווען . . . זי האָט צו דיר געקראָגען צוטרוי און האָט פאר דיר אויסגעגאָסען איהר הארץ. זי האָט דיר דערצעהלט אלץ פון איהר לעבען און אַנשטאָט זיך דערנעהענטערען צו איהר, האָסטו זיך מיט איהר גענומען רייצען.

— איך האָב זיך מיט איהר ניט גערייצט.

— וואָס מיינסטו, איך ווייס ניט, אז דו האָסט זיך מיט איהר גערייצט וועגען דעם וויין?

— איך האָב זיך ניט גערייצט מיט איהר, איך האָב איהר בלויז אָנגעזאָגט אז זי זאָל זיך מעהר ניט צוריהרען צו דעם וויין... איך האָב אייך געוואָלט פארהיטען פון א שאָדען.

— דו האָסט קיין רעכט ניט מיט איהר צו ריידען וועגען דעם! ווי קומסטו צו וויסען דעם דין? אויסער דעם איז נאָך א ספק... און דו האָסט איהר געמאכט פיהלען אז זי איז א פרעמדע, אז מען קען איהר ניט געטרויען מיט כשרות... אָט האָט זי נעכטען דעם גאנצען אָוועגט געוויינט.

— זי האָט געוויינט? ווייסט איהר פארוואָס זי האָט געוויינט?

— וואָס הייסט פארוואָס? ווייל דו האָסט זי באליידיגט!

— ניין, באלעבאָס, איהר מאכט א טעות. זי האָט געוויינט ווייל זי... ווייל זי האָט זיך מסתמא פארבענקט נאָכ'ן גלח.

— שוויג, דו נארישע מויד! — האָט זיך ר' יהודה אויף איהר א בייזער געטאָהן, — ווי אזוי קענסטו

גאר עם ארויסברייגנגען אויף דיינע ליפען... שרה'קע וויל ווערען אן איבערגעגעבענע אידישע טאכטער מיט איהר גאנצען לייב און לעבען און זי איז גרייט פאר דעם גרעסטען קרבן. קומסטו און רעדסט אזעלכע רייד!... איך זאג דיר נאך אמאל, בוניע, אז אויב דו וועסט איהר ניט צורוה לאזען, וועט גיטעל דיך אוועקשיקען פון דאנען.

קאפיטעל אכט

עס איז שוין באלד צוויי יאהר זינט ר' משה האט גענומען לערנען מיט אליהו'ן און אלע אין קיידאן האבען געוואוסט, אז ר' משה, זיין רבי, האט ניט גענוג ווערטער איהם צו לויבען.

— ער איז שוין א גדול בתורה! האט ר' משה געזאגט, דעם קומענדען פסח ווערט ער עלף יאהר, און מען קען אויף איהם זאגען, אז ער איז א בקי אין ש"ס און דערצו איז ער א גרויסער חריף.

א גאנצע וואך פלעגט אליהו דאווענען מיט ר' משה'ן אין קליינעם בית המדרש צום ערשטען מנין, ווייל ער פלעגט אויפשטעהן זעהר פריה צו האבען א לענגערען טאג אין לערנען. שבת פלעגט ער קומען דאווענען מיט ר' משה'ן אין גרויסען בית המדרש און פון דארט פלעגען איהם ארומרינגלען די וויכטיגסטע באלעבאטים פון שטאט, די לומדים, איבערהויפט די יונגע אײדימלעך, וועלכע האבען געגעסען קעסט ביים שווער און א גאנצע וואך געזעסען און געלערענט אין בית המדרש.

יענע פלעגען ארומרינגלען אליהו'ן און איהם פרעגען פארשידענע קשיות, איהם בעטען ער זאל ערקלערען שווערע סוגיות פון דער גמרא.

אליהו פלעגט יעדען איינעם ענטפערען אזוי אז זיי פלעגען נשתומם ווערען. זיי פלעגען פרובירען זיך ארייגלאזען אין א פלפול, אבער דער יונגער גאון פלעגט אלץ ערקלערען אין פשטות.

פלעגען די שווערס פון די דאזיגע אײדעמס שטעהן אן א זייט און אנקוועלען. פאר זיי איז עס געווען א כבוד, אז זייער צוואנציג יאהריגער אײדעם קען זיך ארייגלאזען אין א פלפול מיט דעם עלף יאהריגען אליהון.

מעהר פון אלעמען אבער האט געשטאלצירט ר' יהודה לייב. ער האט שוין איהם פאררעכענט פא"ר זיין אײדעם... אמת טאקע דערוויל האט מען אליהו'ן נאך אפילו ניט געגעבען אנצוהערען וועגען דעם, אבער אלע אין שטאט האבען שוין וועגען דעם גערעדט... שוין באלד צוויי יאהר אז אליהו שטעהט איין ביי ר' יהודה ליב'ן אין הויז, מען גיסט איהם "גאלד אין האלז". מען גיט איהם פון דאס שענסטע און בעסטע. גיטעל נעהט פאר איהם זיינע בגדים און מען היט איהם אין שטוב ווי אן אויג אין קאפ. חנה־לע איז שוין אויסגעוואקסען. זי וועט שוין באלד ווערען דרייצעהן יאהר, מען רופט זי שוין ניט מעהר פארצויגען חנה'לע, נאר חנה... זי איז א שעהנע, געראטענע מיידעל... מען זאגט, אז זי קען שוין דעם גאנצען תנ"ך. לויט ווי מען דערצעהלט, פלעגט חנה בעטען, אז אליהו זאל מיט איהר לערנען א קאפיטעל ישעיה אדער איוב. איז דען א וואונדער, וואס אין קיידאן האבען שוין אלע פאררעכענט חנה'ן פאר אליהו'ס כלה? און עס איז געווען גאנץ פארשטענדלעך, אז ר' יהודה ליב זאל שעפען א פולען הויפען נחת, ווען ער פלעגט זעהן ווי זיין צוקונפטיגער אײדעם איז אלעמען מנצח אין הלכה, ווי ער פארענטפערט אלע זייערע קשיות און יעדער איינער געהט אוועק פון איהם מיט באגייסטערונג.

— גוט שבת, גוט שבת! — געהט צו ר' יהודה נעהענטער צו אליהו'ן וועלכער איז ארומגערינגעלט פון די יונגע קעסטניקעס, — נו, גוט שבת, יונגעלייט, זאל שוין גענוג פאר היינט. עס ווערט שוין שפעט. אליהו איז דאך א פארשמאכטער, ער טרינקט דאך אפילו קיין טהעע ניט פאר'ן דאווענען. איהר וועט קענען פארזעצען אייער ריידען אין לערנען שפעטער פאר מנחה... אין הויז ביי מיר ווארט מען.

— נאך איין פראגע! — רופט זיך אן א יונגערמאן מיט'ן נאמען נחום, — איך מוז עס באלד וויסען.

— דו דארפסט האבען אביסעל גע־דולד, נחום, דו וועסט איהם פרעגען שפעטער.

— שפעטער וועל איך פארגעסען, — בעט זיך ביי איהם נחום, — עס וועט ניט לאנג דויערען.

— ניין, ניט איצט, עס איז גענוג, ר' משה, לאמיר געהן! — האט ער זיך געווענדעט צו ר' משה'ן, וועלכער האט דערווייל אריינגעקוקט אין א ספר. ער האט אנגענומען אליהו'ן פאר זיין האנט און מיט איהם און מיט ר' משה'ן ארויס פון שוהל.

— נו, וואס זאגט איהר, שווער אויף ר' יהודה'ן, — האט זיך נחום צו איהם געווענדעט, — ער לאזט אים ניט אפ פאר איין רגע.

— עס איז טאקע א העזה, רופט זיך אן ר' אשר, — ער האט איהם אריינגעכאפט צו זיך און האלט איהם מיט אייזערנע הענט... וואס מיינט ער, אז ער האט שוין די גאנצע דעה איבער איהם?

ר' אשר איז געווען אויך איינער פון די גבירים פון קיידאן און איז געווען א גבאי אין דעם גרויסען בית המדרש. פאר עטליכע יאהר איז ר' אשר געווען צעקריגט מיט ר' יהודה ליב'ן, צוליב מסחר, ווייל זיי האבען ביידע געהאנדעלט מיט דער זעלבער סחורה, און אייניגע יאהר האט מען צווישען זיך ניט גערעדט. ווען אבער ר' אשר האט חתונה געמאכט זיין עלטערע טאכטער האט ער צו איהם געשיקט דעם בעטער ער זאל קומען צו זיין טאכטער אויף חתונה, האט ר' יהודה ליב געענטפערט דעם בעטער, אז אויב ער מיינט ערנסט, אז ער זאל קומען, זאל ער אליין קומען איהם בעטען.

ר' אשר איז טאקע יענעם טאג אוועקגעגאנגען צו ר' יהודה ליב'ן אין הויז און זיי האבען זיך געגעבען די הענט און מען האט זיך איבערגעבעטען, און ער איז געגאנגען צו זיין טאכטער'ס חתונה. מען האט זיך אייניגע די אנדערע צוגעוואונשען צו געהן אויף שמחות און מען זאל זעהן ישועות ונחמות אויף דעם כלל ישראל

און כאטש ביידע משפחות זיינען געווען פריינדליך זינט דאן, האט זיך די קנאה שטיל אריינגע'גנב'עט אין ר' אשר'ס הארצען. פריהער איז עס געווען צוליעב דעם וואס ר' יהודה ליב'ס מסחר האט זיך שטארק פארגרעסערט און מען האט איהם אפגעשאצט פאר דעם רייכסטען מאן פון קיידאן. ער האט גענומען מערקען אז דער רב, דער שוחט, דער חזן און דער שמש, גיבען איהם אפ מעהר כבוד. מילא דאס וואלט ער איהם אפשר שוין געקענט מוחל זיין, ער איז ביי זיך ניט גענארט, ר' יהודה ליב איז א פרומער איד, א יודע תורה, און דערצו איז ער נאך רייך... אבער פארוואס קומט עס איהם ער זאל האבען די זכיה צו האבען אליהו'ן מיט וועמען עס קלינגט די שטאדט, ביי זיך אין הויז? און פארוואס זאל ער נאך האבען א דעה איבער איהם? . . .

ווען ר' אשר האט געקראגען נחום'ן, א יונגער מאן, א וואוילער לערנער, פאר אן איידעם, האט ער זיך גענומען פיהלען אז ער איז א סך מעהר דערהויבען ווייל ר' יהודה ליב האט בלויז א קליינע טאכטער און ער האט שוין חתונה געמאכט זיין טאכטער פאר א בחור א למדן. זיין זוהן איז אויך זעהר פעהיג און איצט האט ער בלויז זיין מוזינקע שפרה, און יעדער איינער וועט צוגעבען אז שפרה איז שעהנער און קליגער פאר חנה'ן, ר' יהודה ליב'ס טאכטער. טא פארוואס קומט עס איהם אז ער זאל ארייננארען אליהו'ן צו זיך און קיינעם ניט צולאזען?...

ר' אשר איז ארוים מיט זיין איידעם פון בית המדרש און זיין כעס אויף ר' יהודה ליב'ן איז נאך ניט איינגעשטילט געווארען.

— וואס זאל איך אייך זאגען, שווער, אזא למדן מופלג איז גאר היינטיגע צייטען ניט בנמצא. עפעס א קליינינקייט, ער איז שוין באהאווענט אין ירושלמי, ספרי, ספרא, **תוספתא.** איך פיהל זיך געגען איהם ככליפת השום.

— שטעל זיך פאר, אז בסך הכל האט איהם אין קיידאן געבראכט אונזער רב'ס זוהן, ר' אברהם, און ווי איך פארשטעה, האט אליהו'ס פאטער, ר' שלמה זלמן, איינגעשטימט איהם צו שיקען אהער בתנאי ער זאל זיין אינגאנצען אונטער דער השגחה פון דעם קיידאנער רב, ר' דוד קאצענעלענבאגען, האט אבער ר' יהודה ליב אזוי

געמאכט אז ער זאָל איינשטעהן ביי איהם און איצט לאָזט ער איהם ניט אָפּ.

— איך האָב געהערט, שווער, אז ר׳ משה פאָהרט אָפּ קיין אמסטערדאם צו דרוקען זיין ספר אויף ירושלמי.

— נו, איז וואָס? אליהו דאַרף שוין פון לאנג קיין רבי׳ן ניט! — זאָגט ר׳ אשר.

— אויב ער דאַרף ניט קיין רבי׳ן, טאָ פארוואָס דאַרף ער בכלל זיין אין קיידאן? — זאָגט נחום.

— ער דאַרף טאקע ניט זיין, נאָר ר׳ יהודה ליב וועט איהם שוין פון דאנען ניט אוועקלאָזען.

— איך וועל שרייבען א בריף צו אליהו׳ס פאָטער, ר׳ שלמה זלמן, און איך וועל איהם אויסשרייבען אז אליהו׳ס רבי האלט ביים אוועקפאָהרען פון קיידאן, און אז אליהו בענקט שטארק אהיים.

— וואָס הייסט דו וועסט שרייבען אזא בריף? — רופט זיך אָן ר׳ אשר, — און וואָס מיינסטו וועט ר׳ יהודה ליב טאָן, ווילסטו זיך מיט איהם אָנפאנגען?

— פון וואנען וועט ער וויסען אז איך האָב דעם בריף געשריבען? איך וועל מיין נאָמען ניט אונטערשרייבען. איך וועל צושיקען דעם בריף צו איינעם פון די בעלי עגלות און איהם געבען א גילדען און פארלאנגען ער זאָל איבערגעבען דעם בריף צו ר׳ שלמה זלמן.

— און וואָס וועט דאן זיין? — פרעגט איהם ר׳ אשר.

— גאָרניט, ר׳ שלמה זלמן וועט איהם צוריקנעהמען קיין ווילנע.

— אָבער וואָס וועלען מיר האָבען פון דעם? אויב אליהו וועט אוועק פון דאנען, וועלען מיר דאָך איהם אלע פארלירען.

— נו, אויב אייך, שווער, איז אלץ איינס צי אליהו וועט ווערען ר׳ יהודה ליב׳ס איידעם צי ניט, דאן האָב איך ניט וואָס צו ריידען... אָבער איז דען ניט בעסער אז ר׳ יהודה ליב זאָל אים אויך פארלירען!

אין הארצען איז ר׳ אשר׳ן געפעלען געוואָרען זיין איידעם׳ס עצה. אמת, עס וואָלט געווען א שטארקער שאָדען ווען קיידאן פארלירט אזא וואונדער־אינגעל ווי אליהו, אָבער א סך ערגער וועט זיין ווען ער וועט אריינפאלען אין ר׳ יהודה ליב׳ס הענט. פארוואָס קומט עס איהם אזא גליק? דאן ווער וועט זיך דאָס קענען גלייכען צו איהם!

— איך זאָג ניט, אז ביי מיר איז אלץ איינס. אודאי וואָלט איך געוואָלט אז ר׳ יהודה ליב זאָל איהם ניט קריגען פאר קיין איידעם, אָבער פונדעסטוועגען וואָלט געווען א שאָדען ווען אליהו פארלאָזט קיידאן.

— נו, און וואָס איז מיט שפרה׳ן?

— רופט זיך אָן נחום מיט א שמייכעל, — גלויבט מיר אז זי איז אזוי גוט ווי חנה... פארוואָס קומט חנה׳ן אזא אוצר?... שפרה האָט איהם אויך פארדינט, און אויב איהר וועט זיך פארלאָזען אויף מיר, וועל איך שוין זעהן אז אליהו זאָל ווערען אייער איידעם אנשטאָט ר׳ יהודה ליב׳ס.

— עס רעדט זיך אזוי! — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — יאָ, ווען דו קענסט עס דורכפיהרען וואָלט איך דיר געגעבען אייביגע קעסט.

— פארלאָזט זיך אויף מיר, שווער, — האָט נחום געזאָגט, — אָבער איידער וואָס ווען דאַרף מען זעהן אז ר׳ יהודה ליב זאָל איהם ניט אריינקריגען, און אזוי שנעל ווי ער וועט שוין ניט מעהר זיין אין זיין רשות, וועט שוין ניט שווער אָנקומען צו קריגען אליהו׳ן פאר שפרה׳ן.

נחום האָט אָנגעשריבען א בריף צו ר׳ שלמה זלמן, אין וועלכען ער האָט איהם געלאָזט וויסען אז ר׳ משה, אליהו׳ס רבי, פארלאָזט קיידאן פאר א היבשע צייט און פאָרט נאָך אמסטערדאם צו דרוקען זיין ספר און אז אין קיידאן געפינט זיך ניט קיין אנדערער וועלכער זאָל קענען זיין א רבי צו אליהו׳ן, און ער וויסט אויך אז אליהו בענקט שטארק אהיים. אָבער ר׳ יהודה ליב, ביי וועמען ער שטעהט איין, רעדט איהם אָפּ צו פאָרען אהיים, ווייל ער וויל איהם נעמען פאר אן איידעם... דער שרייבער פון אָט דעם בריף קען איבערצייגען אז דער שידוך איז ניט קיין פאסענדער. דאריבער איז זיין עצה אז איהר, ר׳ שלמה זלמן, זאָלט ארויס־

פאָדערען אייער זוהן צוריק קיין ווילנע און דאָרט וועט ער געוויס נאָך קענען קריגען א רבי'ן. יעדענפאלס וועט ער ניט דארפען זיין געצוואונגען צו הייראטען אזוי יונג.

נחום האָט דעם בריף פארקלעפּט און ער האָט איבערגעגעבען דעם בריף צו ר' אָשר'ס דינסט און איהר אָנגעזאָגט, אז זי זאָל צוגעהן צו דער אכסניה און זיך נאָכפרעגען אויף די בעלי עגלות וועלכע פאָרען קיין ווילנע. ווען זי וועט טרעפען אזא בעל עגלה זאָל זי איהם איבערגעבען דעם בריף און בעטען אז ער זאָל דעם בריף איבערגעבען צו ר' שלמה זלמן, דעם פאָטער פון אליהו'ן, און פאר זיין טרחה זאָל זי איהם געבען א גילדען.

— טאָמער וועט ער דיר פרעגען פון וועמען דער בריף איז, זאָלסטו איהם זאָגען אז דו ווייסט ניט. לאָז זיך ניט אריין אין קיין לאנגען שמועס מיט איהם, אזוי שנעל ווי דו וועסט איהם איבערגעבען דעם בריף און דעם גילדען, זאָלסטו גלייך צוריקקומען.

די דינסט האָט אזוי געטאָן. זי איז אוועק צו דער אכסניה, און ווען זי האָט געפונען א בעל עגלה וועלכער פאָרט אָפּ קיין ווילנע, האָט זי איהם איבערגעגעבען דעם בריף און דעם גילדען. דער בעל עגלה איז געווען צופרידען צו פארדינען דעם גילדען און ער האָט איהר צוגעזאָגט אז ער וועט דעם בריף איבערגעבען צו ר' שלמה זלמן.

* * *

ר' שלמה זלמן האָט זיך שטארק דערפרייט ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז דער בעל עגלה האָט פאר איהם א בריף פון קיידאן. עס איז שוין טאקע לאנג זינט ער האָט געקראָגען א בריף פון זיין זוהן, אליהו. ער האָט געוואוסט אז ער וויל ניט מבטל זיין פון לערנען. ער האָט שנעל דעם בריף אויפגעפּעפּענט און ער האָט באלד דערזעהן אז אומבאקאנטע האנדשריפט. די אותיות זיינען געווען קיילעכדיג, אביסעל געצוקט און עס האָט זיך אָנגעפאנגען מיט זעהר א לאנגען טיטול. ער האָט דורכגעלייענט דעם בריף און איז געבליבען שטעהן א ווײַלע פארטראכט.

ווער האָט געקענט שרייבען אָט דעם בריף? ער שרייבט אז אליהו בענקט שטארק אהיים. יאָ, עס איז שוין מעהר ווי דריי יאָר זינט ער איז אוועק פון דער היים. זיי אַלע בענקען שוין נאָך איהם... אז ר' יהודה ליב, ער שרייבט איהם אז ר' יהודה ליב, ביי וועמען אליהו שטעהט איין, וויל איהם נעמען פאר אן איידעם און אז דער שידוך איז ניט קיין פּאסענדער, קען זיין אז אפשר איז דאָס אמת.

ר' שלמה זלמן האָט גלייך איבערגעגעבען זיין פרוי דעם אינהאלט פון בריף.

— וואָס זאָגסטו אויף דעם? — פרעגט ר' שלמה זלמן זיין פרוי, — אפשר זאָלען מיר איהם טאקע שרייבען ער זאָל קומען אהיים?

— איך ווייס ניט וואָס דיר צו זאָגען, — האָט טריינע זיך אָנגערופען.

— איך קען ניט פארשטעהן ווער עס האָט געקענט שרייבען אזא בריף! — האָט ער שלמה זלמן ווייטער געזאָגט, — אפשר איז פאראן עפּעס אמת אין דעם. נאָך אַלעמען ווי באלד אז זיין רבי ר' משה פאָרט אָפּ קיין אמסטערדאם און פון דאָרט וועט ער זיך שוין אזוי גיך ניט אומקערען...

— אויב אזוי האָט ער דאָך טאקע ניט וואָס צו פארבלייבען אין קיידאן, — זאָגט טריינע.

— אליהו דארף בכלל ניט מעהר קיין רבי'ן, ער קען לערנען פאר זיך... נאָר וואָס דען, ר' משה איז בארימט פאר א גרויסען למדן און אפילו ער אליין האָט דאָך מיר לעצטען יאָר געשריבען אז ער לערנט מיט איהם ניט בבחינת רבי מיט א תלמיד, נאָר אלס חבר...

— אויב אזוי קען ער דאָך טאקע לערנען אין ווילנע, — זאָגט טריינע, — אמת, דאָרט ביי דעם רייכען ר' יהודה ליב פעלט איהם גאָרניט, ער האָט גוטע עסען און א ליכטיגען ווארעמען צימער, און ביי אונז וועט ער ניט האָבען אָט די אַלע זאכען.

— אליהו דארף ניט קיין סך, ער באנוגענט זיך מיט זעהר ווייניג אבי ער קען געפינען א פּלאץ וואו צו לערנען.

— נו, אויב אזוי, דאַרפסטו איהם שרייבען אז ער זאָל קומען אהיים, — זאָגט טריינע — ער האלט נאָך ניט ביי א שידוך.

— יאָ. איך גלויב אויך אזוי, — האָט ר׳ שלמה זלמן געזאָגט, — איך וועל איהם שרייבען א בריף און אם ירצה השם דעם קומענדען זונטאג וועל איך געהן אויף דער אכסניה וואו עס געפינען זיך די בעלי עגלות וועלכע פאָרען קיין קיידאַן און בעטען איינעם פון זיי ער זאָל איבערגעבען דעם בריף צו אליהו׳ן. איך וועל גאָרניט דערמאָנען וועגען דעם בריף, נאָר אזוי ווי זיין רבי ר׳ משה פאָרט אָפּ אין גיכען פון קיידאַן, איז אונזער וואונש אז ער, אליהו, זאָל זיך צוריקקערען קיין ווילנע.

ר׳ שלמה זלמן האָט אָנגעשריבען דעם בריף צו זיין זוהן און ער האָט געבעטען דעם בעל עגלה ער זאָל איהם איבערגעבען דעם בריף און אז ער זאָל איהם אויך מיטנעמען ווען ער וועט פאָרען צוריק קיין ווילנע. איך וועל דיר פאר דיין טרחה באצאָלען.

— וואָס רעדט איהר, רבי, איך וועל ביי אייך קיין געלט ניט נעמען פאר דעם. עס וועט דאָך זיין א גרויס כבוד פאר מיר צו קענען זאָגען, אז ביי מיר אין וואָגען איז געזעסען אליהו, דער גרויסער למדן... עס איז דאָך א זכיה.

— איך וועל טאקע צושרייבען אין בריף אז ער זאָל אָפּפאָרען מיט דיר, — האָט ר׳ שלמה זלמן גענומען דעם בריף און עפּעס צוגעשריבען.

— גיב אליין איבער דעם בריף צו מיין זוהן אין האנד, — האָט ר׳ שלמה זלמן געבעטען דעם בעל עגלה.

ווען דער בעל עגלה איז אָנגעקומען אין דער אכסניה אין קיידאַן, האָט ער זיך פאר דעם בעל אכסניה באריהמט אז ער האָט א בריף פון ר׳ שלמה זלמן פאר אליהו׳ן און אז ער האָט איהם באשטעלט צו קומען מיט איהם צוריק אויף זיין פור.

— איך מוז גלייך געהן איבערגעבען אליהו׳ן זיין פאָטער׳ס בריף, — האָט דער בעל עגלה געזאָגט, — וואו וועט ער זיך איצט געפינען? — האָט ער געפרעגט דעם בעל אכסניה.

— ער געפינט זיך א גאנצען טאָג ביי ר׳ משה׳ן אין הויז, דאָרט לערענט ער ביז שפּעט אין דער נאכט, — ענטפערט איהם דער בעל אכסניה, — ביי־נאכט געפינט ער זיך אין זיין צימער ביי ר׳ יהודה ליב׳ן אין הויז.

— איך געה גלייך אריבער צו ר׳ משה׳ן אין הויז, — רופט זיך אָן דער בעל עגלה, — איך האָב צוגעזאָגט ר׳ שלמה זלמנ׳ען איבערצוגעבען דעם בריף צו אליהו׳ן אין האנד.

דער בעל עגלה איז אוועק צו ר׳ משה׳ן אין הויז. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און ר׳ משה האָט אויפגעעפענט.

— א גוט מאָרגען אייך, רבי, איך בין דער בעל עגלה

— דו ביזט צו פרי געקומען, איך בין נאָך ניט גרייט, — רופט זיך אָן ר׳ משה, — איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט אז דו זאָלסט קומען נאָך האלבען טאָג, איך האָב נאָך א סך צו פּאקען.

— וואָס רעדט איהר, רבי, וואָס פאר א פּאקען? איך בין ניט געקומען נעמען אייערע פּעקלעך, איך קום איצט פון ווילנע, איך האָב א בריף פאר אליהו׳ן פון זיין פאָטער.

— אָ, און איך האָב געמיינט אז דאָס ביזטו דער בעל עגלה וועמען איך האָב באדונגען... . גוט, גיב מיר דעם בריף און איך וועל איהם איבערגעבען.

— ניין, רבי, זיין פאָטער האָט מיך געבעטען איך זאָל איהם דעם בריף אליין איבערגעבען, אויסער דעם האָב איך איהם וואָס צו זאָגען.

— נו, גוט, קום אריין. אליהו זיצט און לערנט אין זיין צימער.

דער בעל עגלה איז אריין אין שטוב. ער האָט געזעהן ווי אויף דעם טיש ליגען פארשידענע ספרים און כתבים, און אויף א באנק ליגען עטליכע פּעקלעך.

ר׳ משה איז אויך אריינגעקומען אין צימער וואו אליהו איז געזעסען נעבען א טישעל און איז געווען פארטיפט אין א גמרא.

— אליהו, אָט דער איד האָט דיר געבראכט א בריף פון דיין פאָטער, — האָט ר׳ משה איהם געזאָגט.

אליהו האָט זיך אויפגעשטעלט און ער איז צוגעגאנגען צום בעל עגלה.

— אָט האָסטו דעם בריף, אליהו, — זאָגט דער בעל עגלה, און ער דערלאנגט איהם דעם פארמאכטען בריף.

אליהו האָט אויפגעעפענט דעם בריף און איהם דורכגעלייענט.

— וואָס שרייבט דיר דיין פאָטער?

— פרעגט איהם ר׳ משה.

— ער שרייבט מיר אז איך זאָל קומען אהיים.

— אזוי גאָר!

— ער שרייבט מיר, אז וויבאלד איהר, ר׳ משה, פאָרט אָפּ פון דאנען קיין אמסטערדאם וועל איך קענען לערנען פאר זיך אין ווילנע.

— יאָ, דיין טאטע האָט מיך געבעטען איך זאָל דיך מיטנעמען קיין ווילנע, — האָט געזאָגט דער בעל עגלה, — נו, איך וועל דאָ פארבלייבען ביז איבער שבת, און זונטאג אין־דער־פרי פאָר איך אָפּ, און דו אליהו זיי צוגעגרייט.

ר׳ משה האָט זיך א ווײַלע פארטראכט. ער ווייסט אז דאָס וועט זיין א שטארקער קלאַפּ פאר ר׳ יהודה ליב׳ן און זיין משפחה, ביי זיי איז ער דאָך שוין פאררעכענט געוואָרען פאר אן אייגען קינד, און צום סוף פארלאָזט ער זיי פלוצלונג... ער האָט זיך גענומען שטארק צום הארצען וואָס ר׳ יהודה ליב וועט האָבען עגמת נפש פון דעם. ר׳ יהודה ליב איז א פיינער איד... ער האָט איהם א סך דאנקבאר צו זיין, ווייל ער האָט איהם די גאנצע צייט געשטיצט און איצט האָט ער פאר איהם מעגליך געמאכט צו פאָרען קיין אמסטערדאם און דאָרט דרוקען זיין ספר "פני משה" אויף ירושלמי.

— נו, אז דיין פאָטער פארלאנגט עס פון דיר, וועסטו עס דארפען טאָן, — האָט ר׳ משה געזאָגט, — דו וועסט דארפען זאָגען ר׳ יהודה ליב׳ן... ניין, ניט דו, איך וועל איהם דאָס זאָגען... איך דארף אליין איינס זיך זעהן מיט איהם שפּעטער א ווײַלע.

ווי א דונער אין מיטען העלען טאָג האָט געטראָפען ר׳ יהודה ליב׳ן די נייעס אז ר׳ שלמה זלמן פאָדערט ארויס זיין זוהן אליהו׳ן קיין ווילנע. אין הויז האָט געהערשט טרויער. חנה איז אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער און האָט זיך גוט אויסגעוויינט. גיטעל האָט זיך געשושקעט מיט איהר מאַן. זי האָט איהם געפרעגט וואָס זיי קענען איצט טאָן.

— איך האָב זיך בעראטען מיט ר׳ משה׳ן, — האָט ר׳ יהודה ליב זיך אָנגערופען, — און ער האָט מיר געזאָגט אז וויבאלד אליהו׳ס פאָטער פאָדערט איהם ארויס קיין ווילנע וועט דאָך קיין זאך ניט העלפען. ער וועט דארפען פאָרען. אָבער ער האָט מיר געראטען אז איך זאָל פאָרען קיין ווילנע און זיך זעהן מיט זיין פאָטער. ער ווייסט דאָך ווי מיר באהאנדלען איהם. איך וועל אָפּווארטען עטליכע חדשים, זאָל ער פארבלייבען אין ווילנע פאר א קורצער צייט און דאן וועל איך זיך זעהן מיט איהם.

— ווער ווייסט אויב עס וועט שוין ביז דאן ניט זיין צו שפּעט... קיינע בעלנים אויף אזא אינגעל ווי אליהו וועלען אין ווילנע ניט פעלען. מיין עצה איז, אז מיר זאָלען פּרובירען א רעד טאָן מיט אליהו׳ן — זאָגט גיטעל.

— דו רעדסט נארישקייטען, — האָט ר׳ יהודה ליב אויסגערופען, — אליהו איז אזוי פארטאָן אין לערנען אז ער ווייסט גיט וואָס עס טוט זיך ארום איהם.

— פונדעסטוועגען האָט מיר חנה געזאָגט אז אליהו האָט שוין צו איהר א פּאָר מאָל גערעדט אין די לעצטע עטליכע וואָכען.

— אָבער רעדען מיט איהם וועגען דעם קען איך ניט. איך האָב געמיינט אז ער וועט ביי אונז פארבלייבען נאָך א פּאָר יאָר...

— אָבער וואָס זאָלען מיר איצט טאָן? — האָט גיטעל מיט אומעט אין איהר שטימע אויסגערופען, — חנה׳לע האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו וויינען... א קליינינקייט, ער איז דאָך איהר איינגעבאקען אין הארצען.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת. איך בין געווען זיכער אז ר׳ שלמה זלמן וועט קומען אהער און איינשטעהן ביי אונז א שטיקעל צייט, דאן וואָלטען מיר געקענט ריידען.

— אפשר וואָלסטו מיט איהם מיטגעפאָרען. דער וועג איז א לאנגער און ווי קען מען איהם אליין לאָזען פאָה־

רעז! אהער האָט דאָך איהם געבראכט אונזער רב'ס זוהן, ר' אברהם.

— פארגעס ניט, אז דאן איז ער געוועזן מיט פיער יאָהר אינגער, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט.

— עס איז א מאָדנע זאך, — האָט גיטעל א זאָג געטאָן, — אלע אין קיידאןריידען וועגען אליהו'ן און חנה'לען ווי פון א באשערטע פאָר. און אליהו ווייסט דערפון גאָרניט.

— ווען אונזערע שונאים וועלען אויסגעפינען אז אליהו האָט פארלאָזט קיידאן וועלען זיי זיך פרעהען, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט, — אָבער איך קען דיר זאָגען אז זייער שמחה וועט ניט זיין אויף לאנג... אליהו וועט ווערען אונזער איידעם... איך זאָג דיר דאָס צו, גיטעל... און דו ווייסט דאָך אז איך האלט מיין צוזאָג.

— הלואי זאָל גאָט געבען אז אונזער וואונש זאָל ערפילט ווערען, — האָט גיטעל אויסגערופען, — ער איז דאָך אונז אלעמען אזוי טייער.

— דו ווייסט, גיטעל, דו וועסט דארפען אָנבאקען זעמעל און אנדערע שפייזען איהם מיטצוגעבען אויפ'ן וועג.

— חנה'לע האָט שוין מיט מיר גערעדט וועגען דעם. זי האָט ערשט היינט פארענדיגט אויפנעהען זיין ארבע כנפות, און דער שמש וועט אריינפלעכטען די ציצית.

— איך וועל איהם פרובירען מיטגעבען עטליכע גילדען, אויב ער וועט נעמען, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט.

יענעם פרייטאָג האָט גיטעל אָנגעבאקען א סך זעמעל און אנדערע שפייזען וואָס מען קען עסען אום־געוואשען. דעם שבת האָבען אלע פארבראכט אין ר' יהודה ליב'ס הויז. ר' משה האָט שוין געהאט פארלאָזט קיידאן נאָך מיט א פאָר טעג פריהער, און איצט וועט אליהו אוועקפאָהרען גלייך נאָך שבת. א טרויער האָט געהערשט אין ר' יהודה ליב'ס הויז, כאָטש גראד יענעם שבת זיינען אָנגעקומען פיעלע חשוב'ע בעלי בתים זיך צו געזעגענען מיט אליהו'ן וועלכער איז געוועזן ביי אלעמען באליעבט.

צווישען די בעלי בתים וועלכע זיינען געקומען צו ר' יהודה ליב'ן אין הויז איז אויך געוועזן ר' אשר און זיין איידעם נחום. זיי ביידע האָבען אויסגעדריקט זייער פארדרוס און צער נאָך מעהר ווי די אנדערע. און ווען נחום האָט זיך איבערצייגט אז קיינער באמערקט ניט, האָט ער זיך איבערגעוואונקען מיט זיין שווער און א צופרידענער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען.

זונטאָג גאנץ פריה איז ר' יהודה ליב אוועק מיט אליהו'ן דאווענען דעם ערשטען מנין. דאָרט האָט זיך אליהו געזעגענט מיט'ן רב און מיט די בעלי בתים וועלכע האָבען איהם געקענט.

חנה און גיטעל האָבען שוין דערוויל אלץ צוגעגרייט. ווען זיי זיינען געקומען פון דאנען איז שוין דער פריהשטיק געווען געגרייט. זיי האָבען זיך געוואשען צום עסען, און נאָכ'ן בענשען האָט זיך ר' יהודה ליב אָנגערופען:

— נו, אליהו, געזעגען זיך מיט חנה'לען און איהר מוטער און לאָמיר געהן. דער בעל עגלה וואַרט שוין, ער וויל ארויספאָהרען גאנץ פריה.

— זייט געזונט, — האָט אליהו זיך אָנגערופען צו גיטלען און צו חנה'לען, — איך דאנק אייך פאר אלץ.

— פאָהר געזונט און קום בשלום אהיים, — האָט חנה'לע געזאָגט, און די טרעהרען האָבען איהר גענומען שטיקען און זי האָט זיך מעהר ניט געקענט באהערשען און זיך פאנאנדערגעוויינט.

— אָ, פארוואָס וויינסטו, חנה'לע?

— האָט אליהו צום ערשטען מאָל דערפיהלט א נאָהענטקייט צו איהר... ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין מוטער... זי האָט אויך געוויינט ווען זי האָט זיך מיט איהם געזעגענט.

— גאָט ווייסט צי מיר וועלען זיך שוין ווען עס איז זעהן! — האָט חנה'לע געכליפעט.

— מיט גאָט'ס הילף וועלען מיר זיך געוויס זעהן! — האָט אליהו איר געטרייסט און אין הארצען איז ער איהר געוועזן זעהר דאנקבאר פאר איר איבערגעבענהייט, — נו, זיי געזונט!

חנה'לע האָט אויף איהם געקוקט מיט איהרע וויינענדיגע אויגען.

עס זיינען אויך פון קיך אריינגעקומען ביידע דינסטען, שרה'קע און בור־

ניע און זיי האָבען איהם געזאָגט "פאָהר געזונט", און גענומען ווישען די אויגען מיט די פארטוכער.

אליהו האָט א קוש געטאָן די מזוזה און ער איז ארוים מיט ר' יהודה ליב'ן וועלכער האָט איהם געהאָלפען טראָגען די פעקלעך.

גיטעל האָט א קוק געטאָן אויף חנה'לען און זי האָט זיך אָנגערופען:

— אוי, איך האָב גאָר פארגעסען, איך האָב געהאַט אין זינען איהם צו געבען א סלאָי מיט ווארעניע פאר זיין משפחה. אָט איז עס. נעהם, חנה'לע, לויף ארוים און גיב עס איהם.

חנה'לע האָט געכאַפּט א פאטשיילקע און זיך איינגעהילט און איז ארוים אין דרויסען מיט דעם סלאָי ווארעניע. זי האָט געזעהן ווי איהר פאָטער און אליהו האָבען זיך שוין עטוואָס דערווייטערט. זי איז זיי נאָכגעלאָפען און דערגרייכט.

— חנה'לע — רופט זיך אָן ר' יהודה ליב, — וואָרום לויפסטו אזוי?

— די מאמע האָט צוגעגרייט א סלאָי ווארעניע פאר זיינע עלטערען, — האָט חנה זיך אָנגערופען, — און זי האָט פארגעסען דאָס איינצופאקען.

— נו, איצט איז שוין צו שפעט עס ארייןפאקען, — זאָגט איהר פאָטער, — און אונזערע הענט זיינען פארנומען, סיידען דו ווילסט אונז באַגלייטען ביז דער אכסניה און דאָרט איבערלאָזען דעם סלאָי אין פוהר.

— באַגלייטען א תלמיד חכם איז דאָך א מצוה! — האָט חנה'לע געזאָגט.

ר' יהודה ליב האָט אָנגעקוואָלען פון זיין טאָכטער. ער האָט געפיהלט, אז זי געהט אויף דעם ריכטיגען וועג. ביים געזעגענען זיך האָט זי זיך פאָנאנדערגעוויינט און איצט האָט זי צוגעטראָפען מיט איהרע רייד... זי איז דאָך א חכמה.

חנה'לע האָט זיי באַגלייט. זי איז געגאנגען פון הינטען, עטוואָס אָפּגערוקט פון זיי.

עס איז געווען אן אָנפאנג זומערדיגער טאָג. די זון האָט געוואַרעמט, און די אידען און אידענעס זיינען געשטאנען ביי זייערע טירען און ארויסבאַגלייט מיט זייערע בליקען אליהו'ן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער אכסניה זיינען שוין די בעלי עגלות געווען גרייט מיט די בוידען.

— קום, זעץ זיך אריין, אליהו!

— איז צו איהם צוגעגאנגען דער בעל עגלה וועלכער האָט איהם געבראַכט דעם בריף. — מיר פאָהרען באַלד אָפּ. גיב מיר דיינע פעקלעך.

דער בעל עגלה האָט גענומען פון איהם און פון ר' יהודה ליב'ן די פעקלעך און זיי אריינגעלייגט אין א ווינקעל פון בויד.

— אָט דאָס געהערט אויך צו אים,

— רופט זיך אָן חנה'לע צו דעם בעל עגלה.

— דאָס איז א סלאָי און עס וועט צובראָכען ווערען, — רופט אוים דער בעל עגלה.

ר' יהודה ליב האָט דעם בעל עגלה אוועקגערופען אָן א זייט און איהם אריינגערוקט אין האנט דריי גילדען.

— איך וויל אז איהר זאָלט גוט אכטונג געבען אויף איהם, ווייל איך דארף דאָך אייך ניט דערצעהלען ווער ער איז.

— פארלאָזט זיך אויף מיר, — זאָגט דער בעל עגלה, — ווי א קיסר וועל איך איהם באהאנדלען. אָט וועל איך טאקע דעם סלאָי אריינלייגען צווישען דעם היי וועט ער ניט צובראָכען ווערען.

— דו ווייסט, אליהו, — איז צו איהם צוגעגאנגען א צווייטער בעל עגלה, — דו דארפסט מיר דאנקען וואָס דו פאָהרסט איצט אהיים, ווייל איך האָב געבראַכט דיין פאָטער א בריף אין וועלכען מען האָט איהם צוגערעדט אז ער זאָל דיר הייסען קומען אהיים.

— וואָס פאר בריף? — פרעגט איהם ר' יהודה ליב מיט ערשטוינונג.

— שוין איינמאָל א בריף! — ענטפערט ער.

— און ווער האָט אייך דעם בריף געגעבען?

— עפּעס א מיידעל.

ר' יהודה ליב האָט א קוק געטאָן אויף חנה'לען, און דער בעל עגלה האָט געזאָגט:

— אָה, ניין, ניט זי... איך קען דאָך אייער טאָכטער... ניט זי האָט מיר געגעבען דעם בריף פאר ר' שלמה זלמנ'ען. ניין, עפּעס א דינסטמיידעל,

זאָל איך אזוי וויסען פון בייז ווי איך וויים ניט ווער זי איז. איידער איך האָב באוויזען זי אויסצופרעגען איז זי נעלם געוואָרען. דערפאר אָבער האָב איך שוין באשלאָסען אויסצוגעפינען וואָס אין בריף שטעהט געשריבען — האָט דער בעל עגלה געלאכט, — זעהט איהר, ווען מען גיט מיר איבער א בריף פאר אימיצען, וועל איך איהם קיינמאָל ניט לייענען. קריינקען זאָל איך אויב איך טהו עס... אָבער וויבאלד אז דעם בריף האָט מיר געגעבען עפּעם א בתולה און איך פרעג זי ווער דאָס איז, גיט זי מיר א גילדען אין יד אריין און ווערט פארשוואונדען. דאן בין איך שוין געוואָרען נייגעריג צו וויסען וואָס פאר א בריף דאָס איז... איך עפען איהם אויף, איך גיב א קוק, עס איז געשריבען אין לשון קודש, און איהר ווייסט דאָך אז א בעל עגלה איז צעקריגט מיט לשון קודש, לייג איך שוין אריין דעם בריף אין קעשענע, און טראכט זיך, מילא, אפשר דארף איך ניט וויסען וואָס דאָרט איז געשריבען, מאכט זיך אין מיטען וועג אז איך שטעל זיך אָפּ אין א קרעטשמע און דאָרט געפינט זיך א פרוש׳ל, אן אָרימער בחור, אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען. פרעגט מיך דער בעל אכסניה אויב איך וועל אים מיטנעמען מיט זיך קיין ווילנע, ער וויל לערנען, אָבער ער האָט ביי זיך ניט קיין צובראָכענעם גראָשען, באטראכט איך דעם פרוש׳ל און טהו איהם א פרעג:

— נו, און לשון קודש קענסטו? ענטפערט ער אז יאָ. זאָג איך, גוט, נעהם דיין פעקעל און מיר פאָהרען.

קיין פעקעל האָט ער ניט געהאט. די בעל הבית׳טע האָט איהם מיטגעגעבען א שטיקעל ברויט און ער האָט געהאט ביי זיך א צעפליקטע גמרא. זעצט ער זיך אריין אין מיין בויד און איך געה צו צו איהם און ווייז איהם דעם בריף.

— לייען עס דורך און פארטייטש מיר אין אידיש, — זאָג איך צו איהם.

— נו, האָט ער פאר מיר דעם בריף פארטייטשט.

— און וואָס איז געווען געשריבען אין דעם בריף?

— צו וואָס זאָל איך ריידען לשון הרע, ר׳ יהודה ליב!

— ווער האָט דעם בריף אונטערגעשריבען?

— קיין אונטערשריפט איז ניט געווען, בלויז א געטרייער פריינד פון אליהו׳ן.

— נו, מילא, אז איהר ווילט ניט זאָגען איז ניט! — רופט זיך אָן ר׳ יהודה ליב.

— איהר פארשטעהט, דאָרט איז געווען דערמאָנט אייער נאָמען, וויל איך קיין רכילות ניט ריידען.

— מיין נאָמען? — ווערט שוין ר׳ יהודה ליב נייגעריג, — דערצעהל מיר טאקע וואָס עס איז געווען געשריבען אין בריף, דאָס וועט ניט הייסען קיין רכילות אָדער לשון הרע. ווען מען גיט אָן דעם נאָמען פון דעם וועלכער האָט גערעדט בייזעם צו דעם א.יף וועמען יענער האָט גערעדט, הייסט עס רכילות, אָבער אז דער בריף איז דאָך געווען אָהן א נאָמען, מעגט איהר אלץ דערצעהלען.

ווען ר׳ יהודה ליב האָט געזעהן אז דער בעל עגלה קווינקעלט זיך נאָך, האָט ער ארויסגענומען א גילדען און איהם אריינגערוקט אין האנט.

— איך וועל אייך איצט אלץ דערצעהלען, — זאָגט דער בעל עגלה, — אין בריף איז געווען געשריבען, אז אליהו בענקט שטארק אהיים, און ער שרייבט אז איהר, ר׳ יהודה ליב, ווילט איהם נעמען פאר אן איידעם, און אז ער ווייסט אז דער שידוך איז ניט קיין פאסענדער, אז עס וואָלט געווען בעסער ווען ער וועט איהם צוריקרופען פון קיידאן, און נאָך זאכען, אָבער איך געדענק שוין ניט אלץ.

ר׳ יהודה ליב איז געבליבען שטעהן א ווײַלע א געפּלעפטער. ער האָט פארשטאנען אז אימיצער פון זיינע ניט פארגינער, זיינע שונאים, האָט אָט דעם בריף געשריבען.

חנה׳לע האָט א קוק געטאָן אויף איהר פאָטער, און זעהענדיג ווי ער שטעהט אזוי א בלאסער, איז זי צו איהם צוגעקומען און זיך אָנגערופען:

— טאטע, וואָס איז געשעהן?

— גאָרניט, טאָכטער, גאָרניט! — האָט ער געזאָגט, און איז צוגעקומען צו דער בויד.

דער בעל עגלה איז שוין געזעסן אויף דער קעלניע, מיט'ן בייטש אין האנט, און א זאָג געטאָן:

— א גוטען טאָג, ר' יהודה ליב!

ר' יהודה ליב האָט אריינגערוקט זיין קאָפּ אין בויד און נאָך אמאָל צוגעוואונשען אליהו'ן א גליקליכע נסיעה.

דער בעל עגלה האָט א שמיץ געטאָן די פערד און די בויד האָט זיך געריהרט.

חנה'לע האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט איהר פאָטער. איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען.

ר' יהודה ליב איז געגאנגען מיט לאנגזאמע טריט און געטראכט: ווער האָט עס געקענט שרייבען אזא בריף צו ר' שלמה זלמן'ען?

חנה'לע האָט פארשטאנען אז איהר פאָטער איז עטוואָס אויפגערעגט זינט דער בעל עגלה האָט מיט איהם גערעדט, אָבער אז ער האָט איהר געזאָגט אז עס איז גאָרניט, האָט זי אים ניט מעהר געפרעגט.

אריינקומענדיג אין הויז איז זיי גיטעל אנטקעגענגעקומען.

— אוועקגעפאָהרען? — האָט זי געזאָגט.

— יאָ, אוועקגעפאָהרען, — ענטפערט חנה'לע, — עפּעס איז אין הויז אזוי אומעטיג און פּוסט אָהן איהם. ער פלעגט דאָך דעם גאנצען טאָג פארברייגען אָדער ביי ר' משה'ן, אָדער אין בית המדרש, אָבער פון דעסטוועגען האָבען מיר געפיהלט, אז ער איז דאָ ביי אונז... די שכינה האָט ביי אונז גערוהט ווען ער פלעגט זיך געפינען אין הויז, — האָט גיטעל געזאָגט און איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט אומעט און זאָרג.

— אם ירצה השם, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט, — ער וועט נאָך צוריקקומען צו אונז אויף להכעים און אויף צופּוקעניש אונזערע שונאים.

— וואָס רעדסטו? — פרעגט אים גיטעל, — וועלכע שונאים מיינסטו?

— איך וויים וואָס איך רייד! — האָט ער געזאָגט מיט אויפרעגונג.

גיטעל האָט פארשטאנען אז עפּעס איז געשעהן און ווען ער איז אריין אין צווייטען צימער איז זי איהם נאָכגעגאנגען און זיך אָנגערופען צו אים:

— וואָס האָט פּאסירט, יהודה?

— אזעלכע ניט פארגינער, אזעלכע רשעים! — האָט ר' יהודה ליב געמורמעלט.

— דערצעהל מיר, וואָס האָסטו געהערט? — ווערט שוין גיטעל אומגעדולדיג.

— פארוואָס מיינסטו האָט זיין פאָטער, ר' שלמה זלמן, איהם פּלוצים צוריקגערופען קיין ווילנע? — רופט ער זיך אָן, — אימיצער פון קיידאַן האָט אים געשריבען א פּאסקוויל אויף אונז... דו פארשטעהסט? מען האָט איהם געשריבען אז מיר ווילען איהם נעמען פאר אונזער איידעם און אז אונזער חנה איז ניט קיין פּאסענדער שידוך פאר אליהו'ן, זיין זוהן.

— ווער האָט עס געשריבען? — האָבען זיך די קאָלירען אין גיטעל'ס פּנים געביטען.

— אָ, ווען איך וויים ווער עס האָט אזא זאך געשריבען! קיין נאָמען איז ניט געווען אונטערגעשריבען.

— אָבער פון וואנען ווייסטו וועגען בריף?

— א בעל עגלה האָט מיר דערצעהלט. מען האָט דעם בריף דורך אים געשיקט.

— נו, האָט דיר דער בעל עגלה ניט געזאָגט ווער עס האָט איהם דעם בריף געגעבען?

— ער האָט מיר געזאָגט אז עפּעס א מיידעל האָט איהם דעם בריף געגעבען, מיט א גילדען פאר זיין טרחה, און ווען ער האָט זי געוואָלט פרעגען ווער און וואָס זי איז, איז זי שוין ניט געוואָרען. זי איז פארשוואונדען געוואָרען.

— ווער קען דאָס זיין?

— אָט דאָס קלעהר איך דאָך. איך קען ניט פארשטעהן ווער עס זאָל זיין אזוי געמיין און אָפּטאָן אזא זאך... סיידען ר' אשר... אָבער דער בריף איז געווען געשריבען אין לשון קודש, און איך וויים אז ר' אשר קען קיין לשון קודש ניט שרייבען.

— ווער דען האָט עס געקענט שרייבען?

— ניט געזאָרגט, איך וועל עס שוין אויסגעפינען. איך בין זעהר צופרידען וואָס דער בעל עגלה האָט מיר צופעליג דערצעהלט. ווען איך וועל

זעהן דעם בעל עגלה א צווייטען מאָל, וועל איך איהם איינלאַדען אהער און מיר וועלען מאכען א שנעפּסעל... איך וועל איהם דאַן אויספרעגען מעהר איינצעלהייטען... זאָל ער מיר זאָגען ווי דאָס מיידעל האָט אויסגעזעהן, און ווען איך וועל שוין האָבען א שפּור, וועל איך שוין אויסגעפינען ווער עס האָט דעם בריף געשריבען.

— אזעלכע ניט פאַרגינער. איך פרעג דיך, וועמען האָט אונזער חנה'לע שלעכטעס געטאָן? פאַר וואס קומט עס איהר אז מען זאָל ריידען שלעכטעס אויף איהר?

— איך וועל עס היינט דערצעהלען אונזער רב ר' דוד'ן, זאָל ער זעהן אז צווישען אונזערע אידען געפינען זיך אזעלכע שלעכטע מענשען. אפשר וועט ער זיך אָנשטויסען ווער עס האָט געקענט שרייבען אזא בריף וועגען חנה'־לען צו ר' שלמה זלמן.

— אונזער ליבע טייערע טאָכטער, זי איז דאָך א מלאך.. אזא פרומע, אזא צנועה... פאַרוואָס קומט עס איהר?

— איך בעט דיך, גיטעל, דערצעהל גאָרניט חנה'לען פון דעם. בעסער אז זי זאָל פון דעם ניט וויסען. פאַרוואס זאָל זי האָבען נאָך מעהר עגמת נפש! זי איז אזוי אויך דערשלאָגען. איך בין צופרידען וואס זי האָט ניט געהערט וואס דער בעל עגלה האָט מיר דערצעהלט.

ר' יהודה ליב איז אריבערגעגאנגען צום קיידאַנער רב, ר' דוד קאצענעלענבאָגען.

— זעצט זיך, ר' יהודה, — האָט די רביצין איהם אָנגעוויזען אויף א בענקעל, — דער רב וועט באַלד ארויסקומען. איך מוז אייך זאָגען ר' יהודה אז אליהו וועט פעהלען אין קיידאַן. עס איז כאָר אונז אלעמען געווען א גאָר גרויסע זכיה וואס אליהו איז ביי אונז אין קיידאַן אָפּגעווען איבער דריי יאהר. עפּעס א קליינינקייט, אזא יונג קינד און אזא גאון!

— נו, לאָמיר האָפען אז ער וועט זיך אהער צוריקקעהרען, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט, — אזא לאנגע צייט ניט געווען אין דער היים. עס האָט זיך זיי דאָרט פאַרבענקט און איהם אויך...

באַלד איז אריינגעקומען ר' דוד. ר' יהודה האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, און די רביצין האָט פאַרשטאַנען אז ער וויל זיך מיט איהם דורכריידען, און זי האָט דעריבער פאַרלאָזט דעם צימער.

— רבי, איך בין געקומען אייך עפּעס דערצעהלען, און אין דער זעלבער צייט זיך האלטען אַן עצה מיט אייך, — האָט ר' יהודה ליב זיך אָנגערופען.

— זיצט, ר 'יהודה ליב, — האָט דער רב געזאָגט, און זיך אויך געזעצט נעבען טיש.

ר' יהודה האָט זיך געזעצט נעבען איהם און איהם דערצעהלט די געשיכטע מיט'ן בריף.

— דער שרייבער פון דעם בריעף איז באגאנגען זעהר א גרויסע עוולה געגען אייך און געגען אייער טאָכטער, אָבער אזוי ווי איהר ווייסט ניט ווער עס איז דער בעל עוולה, טאָרט איהר קיינעם ניט חושד זיין כדי חס וחלילה ניט נכשל ווערען אין אן עבירה.

— אָבער איך מוז עס אויסגעפינען. איהר פאַרשטעהט, אזוי דאכט זיך מיר, האָב איך ניט קיין שונאים, איך טהו קיינעם קיין שלעכטעס ניט. פאַרקעהרט, אז מען קומט צו מיר פאַר א טובה, בין איך גרייט צו טהאָן וואס מעגליך. אמת, ר' אשר איז אמאָל געווען מיין שונא, אָבער מיר האָבען זיך דאָך איבערגעבעטען, און זינט דאַן זיינען מיר גוטע פריינד... איך ווייס... אפשר האָט זיך אין איהם ווידער אמאָל צעפלאַקערט די קנאה. ער איז פעהיג אויף אזעלכע זאכען.

— איך זאָג דאָך אייך, אז כל זמן איהר זייט ניט זיכער, טאָרט איהר קיינעם ניט חושד זיין.

— ניין, רבי, איך בין איהם ניט חושד,ווייל דער בריף איז געשריבען געוואָרען אין לשון קודש, און ר' אשר קען קוים אָנשרייבען א בריעף אין מאמע לשון, נאָר ווער ווייסט... וואס טהוט מען דערווייל? איהר קענט זיך פאַרשטעלען ווי מיר פיהלען, אײבערהויפּט מיין טאָכטער, זי איז דאָך צו איהם געווען צוגעבונדען. זי האָט געוואוסט אז מיר האָבען אין זינען איהם צו נעהמען פאַר אן איידים... זי

איז זעהר א קלוגע, און געלויבט איז השם יתברך, איך האָב זיך ניט וואָס צו שעהמען... מיין חנה'לע קען גוט תנ"ך, זי פאַרשטעהט א פּרק משניות און זי קען שרייבען לשון קודש. זי האָט א סך אויפגעטאָ' זינט אליהו איז אָנגעקומען צו אונז אין הויז. זי איז געלערענט און איז פרום און וועגען איהר גוטסקייט דאַרף איך דאָך אייך ניט זאָגען. קומט א ניט פאַרגינער און שרייבט לשון הרע אויף מיין טאָכטער אַז זי איז ניט פּאַסענד פאַר איהם. נו, וואָס זאָגט איהר אויף אַזא חוצפּה! חנה'לע ווייסט ניט פון דעם בריעף. מיר האָבען איהר ניט געוואָלט מצער זיין. זי איז אַזוי אויך געווען שטאַרק דערשלאָגען און צערודערט. זי האָט אַזוי שטאַרק געוויינט אַז מיין האַרץ האָט מיר פאַרקוועטשט צוקוקענדיג איהר צער. איך ווייס ניט וואָס מען טהוט, רבי!

— איך וועל אייך זאָגען, ר' יהודה ליב, — האָט דער רב זיך אָנגערופען, — איהר וואַרט א פּאָר וואָכען און דאַן זאָלט איהר אוועקפאָהרען קיין ווילנע. איך וועל אייך געבען א בריעף צו ר' שלמה זלמן און איך וועל איהם אויסשרייבען אַלע מעלות פון אייער טאָכטער, אַז איך גלויב אַז עס איז באַשערט און אַז ער זאָל ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם בריעף פון א שונא וועלכער רעדט אָן שלעכטס אויף אייך און אייער טאָכטער.

— איך דאַנק אייך זעהר, רבי! — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט. — איך בין זיכער אַז אייער בריעף וועט האָבען א שטאַרקע ווירקונג אויף ר' שלמה זלמן'ען... פאַר איין־גאַנג וועל איך שוין זעהן אויסגעפינען ווער עס האָט דעם בריעף געשריבען.

ר' יהודה ליב איז פון דעם רב, ר' דוד'ן, אוועק א צופרידענער, פול מיט האָפנונג. ער האָט דערצעהלט גיטלען און אויך זי האָט זיך דערפרעהט.

— מיר טאָרען נישט דערלאָזען אַז אַזא בריליאַנט זאָל זיך אַרויסגליטשען פון אונזערע הענט, — האָט זי געזאָגט.

— פונדעסטוועגען וועל איך ניט אויפגעבען מיין אויספאָרשונג וועגען בריעף, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט — אם ירצה השם אַזוי שנעל ווי דער בעל עגלה וועט אַהער קומען, וועל איך איהם איינלאַדען אַהער און איך וועל פון איהם אויסגעפינען ווי אַזוי די מיידעל האָט אויסגעזעהן.

אין צוויי וואָכען שפּעטער האָט זיך ר' יהודה ליב ווידער געזעהן מיט דעם בעל עגלה און איהם איינגעלאַדען צו זיך אין הויז.

גיטעל האָט דערלאַנגט צום טיש א מאַרינירטען הערינג מיט קיכעל, און ר' יהודה האָט אָנגעגאָסען צוויי גלעזלעך בראַנפען, און זיי האָבען געמאַכט לחיים.

— איך וואָלט וועלען אַז איהר זאָלט מיר דערצעהלען מעהר איינצעלהייטען וועגען דער מיידעל וועלכע האָט אייך איבערגעגעבען דעם בריעף.

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט אַז איך האָב זי אַפילו ניט גוט אָנגעקוקט, ווייל ווען זי האָט מיר דערלאַנגט דעם בריעף איז זי תיכף פאַרשוואונדען.

— אָבער ווי אַזוי האָט זי אויסגעזעהן און וואָס פאַר א קליידער האָט זי געטראָגען? — האָט ר' יהודה ליב איהם געפרעגט, — איז זי געווען הויך, קורץ, דאַר אָדער דיק?

— זי איז געווען קורץ און קיילעכדיג ווי א פעסעל, און איידער איך האָב באַוויזען זיך דורכצורעדען מיט איהר, האָט זי זיך אוועקגעקייקעלט.

ר' יהודה ליב און גיטעל האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און דער בעל עגלה האָט ווייטער גערעדט:

— אסור מיר אויב איך לייען ווען עס איז א בריעף וואָס מען גיט מיר. נאָר ווייל יענע מויד האָט עפּעס אַזוי מאָדנע געהאַנדעלט, און ווייל זי איז גלייך אַנטלאָפען געוואָרען, בין איך שוין זעהר נייגעריג געוואָרען צו וויסען וואָס עס איז דאָרט געשריבען.

— זאָגט איהר, הייסט עס, אַז זי איז געווען קורץ און קיילעכדיג! — האָט ר' יהודה ליב אויסגערופען, — ווער קען זי זיין?!..

— זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז, — זאָגט דער בעל עגלה, — איך קען דען אַלע דינסטמוידען פון קיידאַן?

— אפשר איז זי מאיר דעם לעדער הענדלערס דינסט? — זאָגט ר' יהודה

ליב, — זי איז קורץ און קוקט טאקע אויס ווי א פעסעל.

— און וואס איז וועגען ר' אשר'ס דינסט ? — זאָגט גיטעל, — זי איז אויך א דיקע און א קורצע.

— אָבער ווי קומט ר' אשר צו שרייבען אין לשון קודש ?!...

— און ר' מאיר ?

— זעהסטו, גיטעל, ער קען יא שרייבען לשון קודש. אָבער איך זעה ניט איין פארוואס ער זאָל וועלען אונז שלעכטעס טאָן. ער איז דאָך קיין מאָל ניט געווען אונזער שונא.

— אָבער ער האָט פיר טעכטער ! — זאָגט גיטעל.

— טאָ וואָס וועט איהר ארויסקומען אויב אליהו וועט פארלאָזען קיידאן ?

— איך בעט אייך, מאכט א שוויג וועגען דעם, — האָט ר' יהודה ליב זיך אָנגערופען, — דערפאר ווען איך וועל דארפען פאָהרען קיין ווילנא אין עטליכע וואכען ארום, וועל איך פאָהרען אין אייער בויד און אייך גוט באצאָהלען.

נאָכדעם ווי דער בעל עגלה האָט פארלאָזט ר' יהודה ליב'ס הויז, האָבעןביידע, מאן און ווייב גענומען אויסרעכענען יעדען קיידאנער בעל הבית וועלכער האָט א קורצע און דיקע דינסט און קען שרייבען לשון קודש.

— קיין פארבאָרגענע זאך איז ניטאָ. איך וועל שוין אויסגעפינען, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט, — און מיר דארפען זיין צופרידען וואס מיר ווייסען וועגען בריעף. איצט וועט מיר אָנקומען א סך גרינגער, איבערהויפט ווען איך וועל ברייגנען ר' שלמה זלמן'ען א בריעף פון דעם קיידאנער רב.

קאפיטעל ניין

שרה'קע, אָדער ווי מען האָט זי פריהער גערופען, זאָשקע, האָט לעצטענס ווידער אָנגעפאנגען צו וויינען ווען זי פלעגט ליגען אויף איהר געלעגער. און בוניע האָט זיך גענומען באקלאָגען פאר גיטלען אז זי קען צוליב איהר ניט שלאָפען.

— א גאנצע נאכט וויינט זי, — האָט בוניע געזאָגט, — און אז איך פרעג זי פארוואס זי וויינט, ענטפערט זי מיר ניט.

— איך וועל זי שוין אויספרעגען — האָט גיטעל געזאָגט, און טאקע דעם זעלבען טאָג האָט זי ארייינגערופען שרה'קען און זי געפרעגט פארוואס זי וויינט ביינאכט.

— זאָג מיר, וואס פעהלט דיר ביי אונז ?

— מען האָט מיר צוגעזאָגט אז דאָ וועל איך זיך קענען מגייר זיין, און דערווייל זיינען שוין פאָראיבער מעהר ווי דריי יאהר און איך בין נאָך אלץ פאררעכענט ווי א שיקסע.

— ווער זאָגט עס דיר ? — האָט גיטעל זיך אָנגערופען, — דו ביזט דאָך שוין פון לאנג פארעכענט פאר א אידישע טאָכטער. דו היטסט אָפּ אידישקייט.

— ניין, איך ווייס אז אזוי לאנג ווי דער רב האָט מיר ניט מגייר געווען בין איך ניט קיין אידישע טאָכטער, — האָט שרה'קע געזאָגט מיט טרערען אין די אויגען, — א באווייז האָט איהר, אז איך טאָר זיך נאָך ניט צוריהרען צו קיין וויין.

— וויין ניט, שרה'קע. איך וועל זיך נאָך היינט דורכריידען מיט מיין מאן און מיר וועלען זעהן וואס מיר האָבען צו טאָן.

שפּעטער, ווען גיטעל האָט גערעדט מיט ר' יהודה ליב'ן וועגען דעם וואס ער האָט איהר געזאָגט, אז ווען ער וועט זיין אין ווילנא וועט ער זיך באראטען דארט מיט דעם ווילנער רב, ר' יהושע העשל, און אויך מיט ר' שלמה זלמן, אליהו'ס פאָטער, און דאן וועט ער וויסען וואס צו טהאָן.

ווען שרה'קע האָט עס דערהערט, האָט זי זיך פאנאנדערגעוויינט, און זי האָט געשוואָרען אז זי וועט ניט נעהמען קיין שפּייז אין מויל ביז וואנען מען וועט זי ניט מגייר זיין.

בעת מעשה האָבען עס גיטעל און ר' יהודה ליב ניט גענומען ערנסט. מאלע וואס זי האָט געשוואָרען ?!... אָבער ווען עס איז פאראיבער א גאנצער טאָג און שרה'קע הא ניט געוואָלט פארזוכען קיין שפּייז, האָט שוין גיטעל גענומען צושטעהן צו איהר. אָבער שרה'קע האָט זיך ניט אונטערגעגעבען.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז

גיטעל אריינגעקומען אין קיך און זי האָט געפונען שרה'קען ליגענדיג אין בעט אַ פאַרשמאַכטע מיט פאַרטרייקענטע ליפּען. זי האָט איהר צוגעטראָגען אַ גלאָז וואַרעמע מילך, אָבער זי האָט זיך ענטזאָגט צו נעמען.

— שרה'קע, דו וועסט דאָך חלילה קראַנק ווערען, — האָט גיטעל גענומען צושטעהן צו איהר, — טרינק אוים די גלאָז מילך.

— ניין, איך וועל גאָרניט נעמען אין מיין מויל ביז וואַנען דער רב וועט מיך מגייר זיין. איך וועל בעסער שטאַרבען איידער צו פאַרבלייבען אַ גויה.

נאָך האַלבען טאָג האָט גיטעל אַריינגעשיקט חנה'ן צו איהר, אפשר וועט איהר געלינגען זי איבערצוריידען. אָבער חנה'ס רייד האָבען אויך ניט געהאָלפען. גיטעל איז אויך אַריינגעקומען און גענומען מיט איהר איינ'טענה'ען, אָבער שרה'קע האָט געזאָגט:

— איך וויל נאָר וויסען פאַרוואָס איך בין אַזוי זינדיג אַז מען וויל מיך ניט אַריינעמען אַלס אידישע טאָכטער.

— אויב דו ווילסט וויסען וועלען מיר דיר זאָגען, שרה'קע. דו ווייסט גאַנץ גוט אַז מיר וואָלטען דיך מגייר געווען מיט צופרידענהייט, אָבער מיר האָבען מורא.

— דאָס זעלבע האָב איך געהערט אין ווילנע, — האָט שרה'קע זיך צעכליפּעט, — און דערפאַר האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אַהער, ווייל מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ איז אַ קליין שטעדטעל וועט מען עס קענען טאָן אַ סך גרינגער... און אָט בין איך שוין דאָ מעהר ווי דריי יאָהר און מען האָט מורא... פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך בין דאָ אין קיידאַן, האָט קיינער זיך אויף מיר ניט נאָכגעפרעגט. איהר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען.

— דו נעם און בייס איבער און דאַן וועלען מיר געהן צום רב, — האָט גיטעל געזאָגט.

— ניין, איך וועל גאָרניט עסען ביז וואַנען מען וועט מיך מגייר זיין.

עס איז פאַראיבער אויך דער טאָג און שרה'קע איז געבליבען ביי איהר עקשנות.

ווען ר' יהודה ליב איז געקומען פון מעריב אַהיים, האָט ער געפרעגט אויב שרה'קע האָט שוין עפּעס געגעסען.

— ניין, זי וויל בשום אופן ניט עסען, איך האָב אַזוי מורא פאַר איהר, — רופט זיך אָן גיטעל, — זי איז אַזוי שוואַך אַז זי קען קוים אַרויסריידען אַ וואָרט. זי קען נאָך אַזוי אַוועקשטאַרבען.

— זאָל גאָט אויסהיטען, — האָט ר' יהודה ליב אויסגערופען, — מעהר ווי דאָס וועט אונז ניט פעהלען, ערשט דאַן וואָלטען מיר געהאַט די ריכטיגע חתונה מיט פּאָליציי און מיט אויספאָרשונגען.

— איך בין זיכער אַז זי וועט לענגער ניט קענען אויסהאַלטען. עפּעס אַ קלייניגקייט צוויי מעת לעת ניט געגעסען און ניט געטרונקען. מיר מוזען עפּעס טאָן.

— זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז ווי איך ווייס ניט וואָס מען טוט! — רופט זיך אָן ר' יהודה ליב, — "אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי", זאָלען מיר איהר נאָכגעבען ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס קען אויף אונז ברענגען, זאָל מען איהר ניט נאָכגעבען קען זי נאָך שטאַרבען און ערשט דאַן וועלען זיך אָנהויבען די צרות.

— לויט ווי מיין פשוט'ער שכל זאָגט מיר, דאַרפען מיר עס טאָן, — האָט גיטעל זיך אָנגערופען, — ערשטענס האָבען מיר צוגעזאָגט און צווייטענס, זעהסטו דאָך אַז אויב זי וועט חלילה שטאַרבען וועלען די צרות זיין די זעלבע און דערצו וועלען מיר האָבען איהר טויט אויף אונזער געוויסען.

— אָט געה איך שוין אַוועק צום רב, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט, — איך וועל איהם אַלץ איבערגעבען.

ר' יהודה ליב איז אַוועק צום רב און איהם דערצעהלט וועגען שרה'קעס פאַסטען.

— איך זעה, אַז מען וועט זיך ניט קענען אַרויסדרעהען, — האָט דער רב געזאָגט, — זאָל זי קומען אַהער. אין דער זעלבער צייט דאַרפסטו זעהן צו ברענגען עטליכע אידען, זאָלען זיי זעהן אַז מיר זיינען עס געצוואונגען צו טאָן צוליב פקוח נפש, ווייל אויב

חלילה מיר זאלען צוליב דעם האבען צרות, וועלען יענע אידען קענען זיין עדות אז זי האט אויפגעהערט צו עסען, און אז ווען מיר ערפילען ניט איהר פארלאנג, וואלט זי אויסגעגאנגען פון הונגער.

ר׳ יהודה ליב האט גלייך געשיקט דעם שמש צונויפרופען עטליכע אידען און אליין איז ער געגאנגען ברענגען שרה׳קען צום רב. זי איז אבער געווען אזוי שוואך אז זי האט קוים געקענט שטעהן אויף איהרע פיס. האט ר׳ יהודה ליב אליין געשפאנט זיין ברישקע, און גיטעל, בוניע און חנה האבען איהר געהאלפען זיך ארויפזעצען און זיינען מיטגעפאהרען מיט איהר. זיי האבען איהר געהאלפען אריינגעהן אין רב׳ס הויז. דארטען זיינען שוין געזעסען א צאהל אידען, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען ר׳ אשר און זיין איידעם נחום.

— איהר זעהט, אידען! — רופט זיך אן צו זיי ר׳ יהודה ליב, — מיר האבען קיין אנדער ברירה ניט, מיר מוזען זי מגייר זיין כדי צו ראטעווען איהר לעבען. פונדעסטוועגען דארף יעדער פון אייך זעהן עס האלטען בסוד, איבערהויפט ניט ריידען וועגען דעם פאר קינדער.

דער רב האט זיך דורכגערעדט מיט שרה׳קען. ער האט איהר געגעבען צו פארשטעהן די שוועריגקייטען וואס זי נעמט אויף זיך. און ער האט זי איינינגע מאל איבערגעפרעגט אויב זי וואלט געוואלט בעסער בלייבען א קריסטין, און אז זי האט געענטפערט ניין, האט ער זי מגייר געווען. און ער האט איהר געהייסען געהן אויף מארגען זיך טובל זיין.

די רביצין האט איהר באלד געבראכט א גלאז זויער מילך און זי האט געטרונקען. מען האט מורא געהאט איהר צו געבען עסען מיט אמאל כדי עס זאל איהר ניט פארשאטען און דעריבער האט מען איהר געגעבען צוביסלעך.

שרה׳קע איז געווען איבערגליקליך, און ווען זי האט זיך געפיהלט עטוואס קרעפטיגער, האט זי זיך אויפגעשטעלט און זיי זיינען אלע געגאנגען אהיים.

אויף מארגען האט שרה׳קע זיך גע׳טובל׳ט און זי האט שוין געפיהלט אז זי איז א פולשטענדיגע אידישע טאכטער, און אום צו זיין זיכער אז מען האלט זי פאר א אידין, האט זי געפרעגט ר׳ יהודה׳ן אויב זי מעג שוין אנריהרען די פלאש וויין.

— געוויס! — האט ר׳ יהודה ליב געענטפערט מיט א שמייכעל.

שרה׳קע האט זיך ניט געפוילט און איז צוגעגאנגען צו דער שאפקע און פון דארט ארויסגענומען די פלאש וויין און עס געהאלטען אין האנט. און עס באלד צוריקגעשטעלט.

— נו, איצט ווייס איך אז איך בין א אידישע, — האט זיך שרה׳קע אנגערופען, און האט ארומגענומען חנה׳לע און זי געהאלזט און געקושט, — איך בין שוין אן אמת׳ע אידישע טאכטער.

כאטש דער רב האט געבעטען אז עס זאל זיין א סוד, איז די געשיכטע אז מען האט מגייר געווען ר׳ יהודה ליב׳ס דינסט, באקאנט געווארען צווישען אלע אידען פון קיידאן, און ווען די פרויען האבען געזעהן שרה׳קען געהענדיג שבת אין שוהל, האבען זיי געזאגט: ״אט געהט די גר׳טע״..

ר׳ יהודה ליב האט זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע קיין ווילנע זיך צו זעהן מיט ר׳ שלמה זלמנ׳ען, נאך פריהער ווי ער האט געפלאנט. ער האט איינפאך מורא געהאט טאמער וועט זיך געפינען אימיצער אנדערש. אין ווילנע זיינען דאך פאראן גאר גרויסע גבירים און זיי וועלען געוויס אפשלאגען ר׳ שלמה זלמנ׳ס טיר. א קליינינקייט, אזא אוצר!... ער און גיטעל האבען פון דעם ניט אויפגעהערט צו ריידען.

— דו מוזט וואס שנעלער פאהרען קיין ווילנע, — זאגט איהם גיטעל, — זאל די שעה, די רגע ניט זיין, טאמער וועט איהם אימיצער אנדערש אוועקנעמען, וועט חנה׳לע עס ניט אריבערטראגען. זי בענקט אזוי נאך איהם...

— האט זי מיט דיר גערעדט וועגען איהם? — פרעגט ר׳ יהודה ליב.

— זי דארף מיט מיר ניט ריידען... אלץ וואס איך דארף איז א קוק טאן אויף איהר פנים... איך זעה וויפיל בענקשאפט עס דריקט אויס... איך

ווייס פון וויפיל הייסע טרערן איהר קישען ווערט דורכגעווייקט... זי דארף מיט מיר ניט ריידען... און איך אליין, וויפיעל נעכט קען איך מיינע אויגען ניט צומאכען ווען איך טראכט פון דער מעגליכקייט אז אימיצער אנדערש וועט איהם אויסכאפען... אוי, דאן שוידער איך אויף...

— גלויב מיר, גיטעל, אז איך פיהל אויך אזוי, — זאָגט ר׳ יהודה ליב, — אָבער צו קומען אזוי שנעל קיין ווילנע איז ניט ראטזאם. נאָך אלעמען איז ער דאָך גאָר א אינגעל, דאָס צוועלפטע יאָהר...

— אוי, יהודה ליב! דו הערסט גאָרניט אלע טאָג אז צוועלף יעהריגע אינגלעך האָבען חתונה... און צעהן יעהריגע?... ווי לאנג צוריק איז עס געווען ווען מען האָט דאָ אין קיידאן געפייערט א חתונה ווען דער חתן איז געווען בלויז אכט און א האלב יאָהר און די כלה זיבען יאָהר?

— אָ, דאָס האָט מען געטאָן ווייל מען האָט מורא געהאט צוליב עפּעס א גזרה.

— און מיר דארפען עס טאָן, ווייל מיר האָבען מורא טאָמער וועט איהם אימיצער אנדערש אויסכאפּען... דו פארשטעהסט? אלץ וואָס מיר דארפען איז, מאכען אן אָפּמאַר, א קנין, און אויב מעגליך פארלאנגען פון זיין פאָטער אז ער זאָל איהם צוריקשיקען אהער קיין קיידאן... זאָל ער זיין ביי אונז... די חתונה וועט קענען פאָרקומען אין א פּאָר יאָהר ארום... מיר וועלען איהם ניט איילען אזוי לאנג ווי מיר זיינען זיכער מיט איהם.

דער קיידאנער רב, ר׳ דוד קאצענעלענבאָגען, האָט אָנגעשריבען א בריוו אין וועלכען ער האָט געלויבט ר׳ יהודה ליב׳ן פאר זיין פרומקייט און צדקה. ער האָט אויך געלויבט חנה׳לען, זיין טאָכטער, פאר איהר פרומקייט, גוטסקייט און פאר איהר געלערנטקייט. ער האָט אויך געגעבען אָנצוהערען אין בריוו אז לויט ווי ער גלויבט, איז חנה׳לע, אליהו׳ס באשערטע, און אז ער זאָל זיך ניט צוהערען צו די רכילות־שרייבער, די שונאים פון ר׳ יהודה ליב׳ן וועלכע שיקען בריוו אָהן אונטערשריפטען.

אין הויז האָט מען זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע. גיטעל האָט אָנגעבאקען זעמעל און זי האָט אויך אָנגעפרעגעלט יאגעדעס און פּאָזעמיקעס, ווייל עס איז שוין געווען נאָך תשעה באב. דערוויייל האָט ר׳ יהודה ליב געהאלטען זיין פּלאָן פאר זיין נסיעה בסוד. קיינער אין שטאָדט, אויסער דעם רב, האָט ניט געוואוסט וועגען דעם, אָבער ווען ער איז געקומען צו דער אכסניא און באשטעלט דעם בעל עגלה, האָט מען שוין אויסגעפונען אז ער פאָהרט קיין ווילנע, און כאָטש ער האָט יעדען פארזיכערט אז ער פאָהרט אין ווילנע צוליב געשעפט האָט זיך יעדער אָנגעשטויסען אז ער פאָהרט עס אהין צוליב אליהו׳ן. און ניט איינער האָט שוין וועגען דעם באמערקט.

ווען נחום איז געקומען פון בית המדרש צו זיין שווער אין הויז וואו ער האָט געגעסען קעסט, און געבראכט די נייעס אז ר׳ יהודה ליב פאָהרט קיין ווילנע, האָט ער מיט א שמייכעל צוגעגעבען:

— איך גלויב אז עס איז אומזיסט זיין טרחה.

— פון וואנען דרינגסטו עס אזוי?

— פרעגט איהם ציפּע, זיין ווייב.

— דאָס איז ניט פאר א אשה צו וויסען, — ווינקט זיך נחום איבער מיט זיין שווער, — איין זאך קען איך דיר פארזיכערען, אז אליהו וועט זיין איידעם ניט ווערען.

— די גאנצע שטאָדט רעדט אז יאָ, קומסטו און זאָגסט אז ניט, — רופט זיך אָן ציפּע.

— די גאנצע שטאָדט האָט געזאָגט אז אליהו וועט שוין פארבלייבען אין קיידאן, און וואָס האָב איך געזאָגט?

— פרעגט נחום זיין ווייבעל, — הא, דערמאָנסט זיך?

— געוויס דערמאָן איך זיך, — האָט ציפּע געשמייכעלט, — דו מוזט מיינען, מיין מאן, אז איך בין שוין גאָר א קאלב און האָב קיין שכל ניט... איך ווייס אז דו האָסט געשיקט א בריוו צו אליהו׳ס פאָטער אין ווילנע.

— רו ווייסט? פון וואנען ווייסטו עס? — האָט נחום א,יסגערופען און געוואָרפען א בליק אויף זיין שווער.

— איך האָב איהר ניט געזאָגט, — האָט ר׳ אשר אויסגערופען.

— פון וואנען האסטו עס אויסגעפונען? — פרעגט זי נחום.

— דו מיינסט מן הסתם אז דו קענסט האלטען סודות פון מיר!... זעהסטו שוין אז איך וויים אלץ.

— אבער ווער האט עס דיר דערצעהלט? — איז שוין נחום געווארען עטוואס אויפגערעגט.

— פארוואס זאל איך דיר דערצעהלען, — זאגט ציפע, — דו דערצעהלסט מיר עפעס דיינע סודות?

— איך מוז עס וויסען! — האט נחום שטרענג אויסגערופען, — איך פאדער פון דיר, אז דו זאלסט מיר גלייך זאגען, ווייל דאס איז זעהר וויכטיג.

— אויב דו וועסט מיר זאגען פארוואס דו האסט געשריבען א בריוו צו אליהו׳ם פאטער, וועל איך דיר דערצעהלען ווי אזוי איך האב עס אויסגעפונען.

— פרעג דיין טאטען! — האט נחום א ברום געטאן, — ער ווייסט פארוואס!

— ווארף נאר ניט ארויף די שולד אויף מיר! — זאגט ר׳ אשר, — עס איז געוועזן דיין פלאן, ניט מיינער.

— אבער צוליב וואס האב איך דאס געטאן?... אויב ניט צוליב שפרה׳ן, דיין קליינע שוועסטער, — האט נחום זיך געווענדעט צו זיין פרוי.

— זאג איך דיר דען אז דו האסט ניט גוט געטאן? — פארענטפערט זיך זיין פרוי, — איך זאג נאר אז פון מיר דארפסטו קיינע סודות ניט האבען. איך מעג וויסען פון אזעלכע זאכען

— שווער, איהר דערצעהלט איהר צוליב וואס איך האב עס געטאן! — האט נחום זיך צו איהם געווענדעט.

— וואס איז דא וואס צו דערצעהלען, — זאגט ר׳ אשר, — לויט דיינע רייד קומט אויס, אז איך האב עס דיר געהייסען טאן.

— שווער, איהר האט שוין פארגעסען, אז איהר האט מיר געזאגט, אז אויב איך וועל עס דורכפיהרען וועט איהר מיר געבען אייביגע קעסט.

— איך האב עס ניט פארגעסען! אבער איך וויים, אז עס איז לעכערליך צו טראכטען פון דעם.

— איך וויים נאך אלץ ניט וועגען וואס עס האנדעלט זיך? — רופט זיך אן ציפע, — וואס ,ועסטו דורכפיהרען?

— דיין מאן האט מיר געזאגט, אז ער גלויבט, אז דיין איינגסטע שוועסטער, שפרה, איז אזוי גוט ווי חנה, ר׳ יהודה ליב׳ס, און אז ער וועט זעהן אז שפרה זאל קריגען אליהו׳ן און נ׳ט חנה. נו, האב איך איהם געזאגט, אז אויב ער פיהרט עס דורך, קריגט ער ביי מיר אייביגע קעסט.

— לייג זיך ניט קיין פייגעלאך אין בוזעם, מיין מאן, — רופט זיך אן ציפע — טראכט בעסער פון א בעסערען מסחר, ווייל קיין אייביגע קעסט וועסטו שוין ניט קריגען.

— איז אין דיינע אויגען שטעהט שפרה נידעריגער פון חנה׳ן? — רופט אויס נחום, — זאג מיר, מיט וואס איז חנה בעסער פאר איהר?

— שוין מיט דעם וואס אליהו איז ביי איהר פאטער איינגעשטאנען באלד דריי יאהר. זאג מיר, פארוואס זאל אליהו׳ס פאטער וועלען נעמען שפרה׳ן פאר א שנור אנשטאט חנה׳ן? נאך אלעמען ווייסען אלע אז ר׳ יהודה ליב איז פארט דער רייכסטער בעל הבית און אז ער האט געשטיצט ר׳ משה׳ן, אליהו׳ס רבי׳ן. טא ווי אזוי וועסטו קאנען באווייזען אזא וואונדער?

— אט דא אבער קומט צוניץ דיין מאנ׳ס חכמה, — שמייכעלט נחום, — און דאס איז דער סוד פון דעם בריוו... דו קאנסט זיך אויף מיר פארלאזען... איך וועל דורכפיהרען אלע מיינע פלענער.

— דערווייל זיצסטו אויף מיין טאטענ׳ס קארק און טוסט גארניט, — ווארפט איהם אויף זיין פרוי, — א מענש זאל ניט פיהלען קיין שום פאראנטווארטליכקייט... דו האסט דאך א משפחה... ווי לאנג מיינסטו וועסטו קאנען זיצען און עסען פון גרייטען?

— פע, פע, עס איז ניט שעהן, טאכטער, אזוי צו ריידען צו דיין מאן. דו ווייסט גאנץ גוט, אז מיר האבען איהם צוגעזאגט צעהן יאהר קעסט און אז ער זיצט און לערנט, טא וואס ווילסט האבען פון איהם?

איך וויים פון אנדערע אידעמס וועלכע זיינען אויך אויף קעסט און זיצען ..ויך און לערנען, פון דעסט־

וועגן זוכען זיי אויך פארדינען א פּאָר גילדען. און דו זיצסט און חלום'סט פון אייביגע קעסט.

— איך האָב א פּלאַן וואָס אויב איך וועל איהם דורכפיהרען, וועלען מיר שוין זיין באַזאָרגט מיט געלט אויף אונזער גאַנצען לעבען . . . רופט זיך אָן נחום מיט צופרידענהייט,

— דערווייל דערצעהל איך נאָך קיינעם ניט וועגען דעם. אָבער דו וועסט זעהן גאָר אין גיכען וואָס דיין נחום קאָן אויפטאָן... ביי מיר איז דיין פאָטער אזוי גוט ווי ר' יהודה ליב. פארוואָס קומט עס איהם, אז אלע זאָלען איהם אָפּגעבען כבוד, אז דער רב, דער חזן און דער שמש זאָלען ניט וויסען וואָס צו טאָן מיט ר' יהודה'ן? און פארוואָס קומט איהם אזא איידעם ווי אליהו מיט וועמען עס קלינגט שוין די וועלט? ... גלויב מיר, ציפּע, דיין טאַטע איז ניט נידעריגער פון איהם און איך וועל זעהן, אז ער זאָל קריגען אליהו'ן פאר אן איידעם.

כ'האָב ניט איינמאָל מיט אליהו'ן גערעדט אין לערנען... און ער ווייסט אליין, אז ביי ר' יהודה'ן אין הויז געפינט זיך ניט קיין יונגע איידעמס לומדים מיט וועמען ער זאָל קאָנען ריידען אין לערנען. ר' יהודה ליב קאָן אביסעל לערנען, אָבער קיין למדן איז ער ניט... מיט וועמען וועט ער דאָרט פארברענגען אין לערנען? מיט גיטלען, צי מיט שרה'קען, די גר'טע?

— אָבער זאָג מיר, וואָס האָסטו אזוינס געשריבען אין דעם בריוו צו ר' שלמה זלמנ'ען? — פרעגט איהם ציפּע.

— איין זאַך דאַרפסטו זעהן, אז מיין בריוו האָט געווירקט, — זאָגט נחום. — עס איז ניט פאַראיבער קיין צעהן טעג און ר' שלמה זלמן האָט צוריקגערופען זיין זוהן קיין ווילנע. פארשטעהסטו, ר' יהודה לייב וועט שוין אליהו ניט קריגען פאר קיין איידעם. דאָס האָב איך שוין אויסגעפיהרט.

— איך שטוים זיך אָן, אז דו האָסט געשריבען רכילות! זעהר פיין פון דיר!

— נו, איהר זעהט, שווער! — האָט נחום אויסגערופען, — זי קומט נאָך מיט טענות צו מיר. איך בין גרייט צו העלפען איהר שוועסטער און ביי איהר איז עס נאָך ניט אָנגעליינט.

— ווען דו פרעגסט מיך פריהער, וואָלט איך דיך ניט דערלאָזט צו טאָן אזא זאַך, — רופט אויס ציפּע — וואָס האָט חנה דיר געטאָן? פארוואָס זאָלסטו ריידען שלעכטעס אויף איהר?!...

— וואָס פאר א שלעכטעס האָב איך גערעדט? איך האָב בלויז געשריבען, אז ר' יהודה וויל איינקריגען אליהו'ן פאר אן איידעם, און אז עס איז ניט קיין פּאַסענדע שידוך, און דעריבער איז ראַטזאַם ער זאָל איהם אָפּנעהמען פון דאַנען.

— די צרה מיט דיר, מיין מאַן, איז וואָס דו געהסט ארום ליידיג, דו טוסט קיין ארבייט ניט... דעריבער טראָגסטו זיך ארום מיט פארשידענע פּלענער. ווען דו פאָלגסט מיך און טראַכסט שוין אביסל פון פרנסה, וואָלסטו ניט באַגאַנגען קיין נאַרישקייטען און קיינע עוולות... מעהר ווי דאָס פעהלט דיר ניט נאָר זיך אָנצופאַנגען מיט ר' יהודה ליב'ן.

פון וואַנען וועט ר' יהודה ליב וויסען, אז איך האָב דעם בריוו געשריבען? — זאָגט נחום.

— זעהסטו דאָך, אז כאָטש דו האָסט געוואָלט פון מיר פארבאָרגען, האָב איך עס דאָך אויסגעפונען.

— טאַקע ווי אזוי האָסטו עס אויסגעפונען? — האָט נחום געפרעגט.

— ווי אזוי? די דינסט האָט מיר דערצעהלט.

— אָ, די דינסט! — רופט אויס נחום.

— נו, יאָ, די דינסט! גלויבסטו, אז איצט וועט עס בלייבען א סוד?

— געה, שיק ארייַן די דינסט און מיר וועלען איהר אָנזאָגען מיט'ן האַרבען וואָרט, אז זי זאָל ניט וואַגען קיינעם צו דערצעהלען עפּעס וועגען בריוו.

— וואָס וועסטו טאָן, אז זי האָט שוין אימיצען דערצעהלט? — רופט זיך אָן ציפּע. — דו האָסט באַדאַרפט וויסען, אז מען קאָן קיין פרוי קיין סוד ניט אָנפאַרטרויען. והא ראיה, אז דו האָסט מורא געהאַט מיר צו דערצעהלען דעם סוד... איך האָב זי אפילו ניט געפרעגט און זי האָט מיר

דערצעהלט וועגען א בריוו וואָס דו האָסט איהר געגעבען מיט א גילדען איבערצוגעבען דעם בעל עגלה.

— עס איז דיין אייגענע שולד, — רופט זיך אָן ר' אשר, — פאַרוואָס האָסטו איהר ניט אָנגעזאָגט צו האַלטען דאָס מויל?

— איך האָב איהר אָנגעזאָגט, — האָט נחום געזאָגט, — אָבער איך גלויב, אז ווען איהר וועט איהר אָנזאָגען כּיט'ן הארבען וואָרט וועט זי זיך דערשרעקען און וועט שטומען... יא, שווער, איהר רעדט מיט איהר. אייערע רייד וועלען אויף איהר האָבען א ווירקונג.

— איך וויל זיך גאָרניט מישען אי; דעם, — רופט אוים ר' אשר, — ניט איך האָב דיר געהייסען שרייבען דעם בריוו און ניט איך וויל זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם.

— איך האָב עס געטאָן מיט אייער צושטימונג און פאַר אייער טובה וועגען!

— איך האָב קיינמאָל ניט צוגעשטימט, — רופט אוים ר' אשר, — איך וויל, אז דו זאָלסט וויסען, אז איך האָב גאָרניט געהאט צו טאָן דאמיט.

— האָט איהר דען ניט מיר צוגעזאָגט אייביגע קעסט אויב עס וועט מיר געלינגען דאָס אויסצופיהרען?

— אָבער קיין בריוו האָב איך דיר ניט געהייסען שרייבען. איך האָב דיר אפילו געזאָגט, אז עס וועט זיין א שאָדען ווען אליהו וועט פאַרלאָזען קיידאַן...

— אָבער אזי ווי איהר האָט פאָרט געוואונשען, אז איך זאָל עס דורכפיהרען, מיינט עס, אז אייך האָט עס ניט געקימערט ו..ם פאַר א מיטלען איך וועל אָנווענדען און אָט יענער בריעף איז געווען איינער פון די מיטלען. הייסט עס, אז איהר האָט צו דעם איינגעשטימט.

— דו זוך נאָר ניט צו וואַרפען די שולד אויף מיר! — האָט ר' אשר מיט עטוואָס אויפרעגונג געזאָגט, — דו זעה בעסער, אז מען זאָל זיך אָקאָרשט ניט דערוויסען, אז דו האָסט דעם בריעף געשריבען. געה, ציפּע, רוף אריין די דינסט! — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער.

— ציפּע האָט אריינגערופען די דינסט און נחום האָט זיך צו איהר געווענדעט:

— איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, אז דו זאָלסט מיט קיינעם ניט ריידען וועגען דעם בריוו וואָס איך האָב דיר געהייסען איבערגעבען דעם בעל עגלה!

— מיט וועמען האָב איך דען גערעדט? — מיט דער באַלעבאָסטע!...

— געדענק, דו זאָלסט אָקאָרשט פאַר קיינעם מעהר קיין וואָרט ניט רייידען וועגען דעם. דאָס מוז בלייבען א סוד.

— ווי אזוי קאָן עס פאַרבלייבען א סוד, אז דער בעל עגלה ווייסט, אז איך האָב איהם געגעבען דעם בריוו. ערשט מיט עטליכע טעג צוריק האָט ער מיך געטראָפען אויפ'ן מארק־פּלאַץ, איז ער מיר נאָכגעלאָפען און מיך געפרעגט ביי וועמען איך ארבייט.

— איך האָף, אז דו האָסט איהם ניט געזאָגט — האָט נחום אויסגערופען.

— איך האָב איהם ניט געוואָלט זאָגען, האָט ער מיך א כאַפּ געטאָן פאַר מיין האנט און מיר אזא קניפּ געטאָן, אז איך האָב דערזעהן דעם זיבעטען הימעל... ער האָט מיר גענומען דרעהען די האנט און ניט געוואָלט אָפּלאָזען ביז וואנען איך האָב איהם געמוזט זאָגען...

— מיין הארץ זאָגט מיר, אז קיין גוטעם וועט פון דעם ניט ארויסקומען, — האָט ר' אשר אויסגערופען, — פאַרוואָס מיינסטו איז דער בעל עגלה געוואָרען אזוי צודרינגליך? מסתמא האָט ער א גוטע אורזאַך.

— איך בין גאָרניט שולדיג, — האָט ; דינסט אויסגערופען, — אויב מען ווייסט שוין אין שטאָט, אז איך האָב איבערגעגעבען דעם בעל עגלה דעם בריוו, האָט עס מן הסתּם דער בעל עגלה דערצעהלט . . . ער האָט מיך אפילו געפרעגט אויב מיין בעל הבית קאָן שרייבען העברעאיש, האָב איך איהם געזאָגט, אז איך ווייס ניט.

— פון וואנען האָט ער געוואוסט, אז דער בריוו איז געווען געשריבען אין העברעאיש? — פרעגט ר' אשר, — עס ווייזט אוים, אז ער האָט געעפענט דעם בריוו. איך זעה שוין, אז

דו האָסט פאַרקאָכט א קאַשע, נחום, מעהר ווי דאָס פעהלט אונז ניט זיך אַנצופּאַנ:ען נאָך אַמאָל מיט ר׳ יהודה ליב׳ן!

— אָ, איצט פאַרשטעה איך פאַרוואָס בוניע, זייער דינסט, האָט מיך געפרעגט וועגען בריוו, — האָט די דינסט אויסגערופען, — איך האָב זיך געוואונדערט ווי קומט זי צו וויסען פון דעם!

דאָס בלוט האָט א זעץ געטאָן ר׳ אשר אין פּנים און ער האָט אויסגערופען:

— דו זעהסט שוין אז ביי ר׳ יהודה ליב׳ן אין הויז ווייסט מען שוין וועגען אינ:אַלט פון בריוו און פון וואַנען ער שטאַמט... גראָד איצט האָב איך זיך ניט געוואָלט אָנפאַנגען מיט איהם. דו הערסט, נחום, איך וויים פון גאָרניט.

— איהר האָט זיך ניט פאַרוואָס צו שרעקען, שווער! איך וועל נעהמען די גאַנצע שולד אויף זיך. איך האָב פאַר איהם קיין מורא ניט.

— דו קאָנסט שוין געהן, — האָט ציפּע זיך געווענדעט צו דער דינסט. און ווען זי איז ארוים פון צימער, האָט זי זיך אָנגערופען צו איהר מאַן:

— עס איז פון דיר געוועזען א שווייגעריי אזוי צו האַנדלען! ר׳ יהודה ליב האָט דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן, און חנה געוויס ניט, טאָ פאַרוואָס זאָלסטו אויף איהר אָנריידען?

— וואָס מיינסטו האָב איך אזוי געזאָגט אין בריוו? איך האָב געשריבען אז ר׳ יהודה ליב וויל אליהו׳ן אריינקריגען פאַר זיין איידעם. נו, איז דאָס געוועזען א ליגען? און איך האָב צוגעשריבען אז לויט מיין מיינונג איז דער שידוך ניט קיין פּאַסענדער . .

— און דאָס מיינט ביי דיר גאָרניט! — האָט ציפּע מיט פאַראַכטונג אויסגערופען, — זעהר א פיינע שטיקעל ארבייט האָסטו אָפּגעטאָן!

— איך האָב עס געטאָן פאַר דיין שוועסטער׳ס טובה וועגען, — האָט נחום זיך פאַרענטפערט, — און מיט דיין פאָטער׳ס הסכמה.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז מיר זאָלסטו גאָרניט אריינמישען אין דעם! — האָט ר׳ אשר אויסגערופען,

— די זאַך איז דאָך שוין אָפּגעטאָן און עס איז פאַרפאַלען, איצט דאַרף מען א טראַכט טאָן ווי אזוי עס צו פאַרגלעטען עס זאָל צוליעב דעם קיין מחלוקה ניט ארויסקומען...

— קיינע צרות וועלען שוין אונז ניט פעהלען, — זאָגט ציפּע, — ר׳ יהודה ליב וועט ניט שווייגען.

— איך האָב פאַר איהם קיין מורא ניט! זאָל ער זיך מיט אונז אָנפאַנגען.

— ער האָט זיך מיט דיר ניט אָנגעפאַנגען, דו ביזט באַגאַנגען א גרויסע עוולה געגען איהם! — זאָגט ציפּע, — דאָס איז ווייל דו געהסט ארום פּוסט־און־פּאַס און דו טראָגסט זיך ארום מיט שמד־שטיק געדאַנקען. איצט איז ר׳ יהודה ליב אוועקגעפאָהרען קיין ווילנע זיך צו זעהן מיט ר׳ שלמה זלמן, און ער וועט איהם שוין ווייזען דעם בריף וואָס דו האָסט געשריבען... דאָס וועט מיינען אז מיר וועלען ווייטער ווערען ביטערע שונאים. וואָס האָסטו זיך באַדאַרפט אָנפאַנגען מיט איהם!... ער איז איצט פאַררעכענט פאַר דעם נגיד פון שטאָט, אַלע האָבען פאַר איהם דרך ארץ, און דו דאַרפסט אריינקריכען אין א בלאָטע . . .

נחום האָט געשוויגען. ער האָט איינגעזעהן אז זיין ווייב האָט רעכט, ער האָט עס אָבער געטאָן צוליעב איר שוועסטער, און זיין שווער האָט עס אויך געוואָלט... נישקשה, ר׳ יהודה ליב וועט זיך מיט איהם ניט אָנפאַנגען. ער האָט איהם מעהר אין האַנט ווי ער איהם...

קאַפּיטעל צעהן

אין ווילנע איז ר׳ יהודה ליב אָנגעקומען דאָנערשטאָג ביינאַכט, און דער בעל עגלה האָט איהם צוגעפיהרט צו אַן אכסניה, וואו ער האָט זיך אויסגערוהט, און אויף מאָרגען גאַנץ פריה איז ער אוועק דאַוונען אין קלויז וואו ר׳ שלמה האָט געדאַוועט.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביים בעל אכסניה אויף ר׳ שלמה זלמן, דעם פאָטער פון אליהו, און יענער האָט איהם אָנגעוויזען די קלויז ווען ער איז מיט איהם צוגעקומען צום שוהל־הויף. ווען

ער איז אריין אין קלויז, האט שוין דער ערשטער מנין געהאלטען ביים ענדיגען דאוונען. ער האט זיך גענומען ארומקוקען און ער האט באלד דערזעהן אליהו'ן אין א ווינקעל פון בית המדרש. ער איז צוגעקומען עטוואס נעהנטער און ער האט געזעהן נעבען אליהו'ן א מיטעל־יעהריגען איד מיט א ברייטער שווארצער בארד, און ער האט פארשטאנען אז ער איז אליהו'ס פאטער. ער האט געווארט ביז זיי האבען געענדיגט דאוונען און ער איז באלד צו זיי צוגעקומען און אויסגערופען:

— שלום עליכם, אליהו!

— א, ר' יהודה ליב! — האט אים אליהו געגעבען זיין האנט, און באלד האט ר' שלמה זלמן איהם אויך געגעבען שלום עליכם, זאגענדיג:

— דאס זייט איהר, ר' יהודה ליב, אזא גאסט! ווען זייט איהר געקומען אין ווילנע?

— איך בין אנגעקומען, בעזרת השם, נעכטען ביינאכט, און די ערשטע זאך האב איך געוואלט זעהן אליהו'ן, מיר בענקען אזוי נאך איהם, עפעס א קליינינקייט, ער איז דאך ביי אונז געווען ווי אן אויג אין קאפ.

— יא, אליהו האט אונז איבערגעגעבען ווי גוט איהר האט איהם באהאנדעלט, — האט ר' שלמה זלמן געזאגט, — און מיר זיינען אייך זעהר דאנקבאר.

— מיר דארפען אייך דאנקען, ר' שלמה זלמן, א קליינינקייט אזא זכות. נו, זאג מיר, אליהו, וואס מאכסטו?

— געלויבט השם יתברך! — ענטפערט אליהו.

— דו קוקסט אויס אביסעל בלאס. דו מוזט לערנען טאג און נאכט... באטש אין קיידאן האסטו אויך געלערנט טאג און נאכט איז אבער ביי אונז די לופט א בעסערע. אויסער דעם האבען מיר טאקע פרישע מילך און פרישע אייער... אין דער גרויסער שטאט קען מען דאס אזוי גרינג ניט קריגען. איך הער אז אין ווילנע איז א גרויסער יקרות.

— ברוך השם, מען קומט דורך!

— זאגט ר' שלמה זלמן, — איצט זאגט מיר, וואו שטעהט איהר איין?

— איך שטעה איין ביי ר' מיכל'ן אין אכסניה. ער איז זעהר א וואווילער איד. דער בעל עגלה וועלכער האט אייך איבערגעגעבען דעם בריף פון מיינעם א שונא האט מיך צוגעפיהרט אהינצו... איך זאג אייך, ר' שלמה זלמן, אז צווישען אונז אידען זיינען פאראן אזעלכע וואס קיין גוטער איד זאל זיי ניט קענען... דוכט זיך ווער האב איך שלעכטס געטאן? און מיין בת יחידה'לע, חנה'לע? זי איז דאך אזא דימענט!... זאל אייער אליהו זאגען, ער איז דאך ביי אונז אפגעווען איבער דריי יאהר. זי האט דאך ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט איהם... א קליינינקייט, אזא תלמיד חכם, אזא גאון! איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז די גאנצע צייט וואס ער איז ביי אונז געווען, האט ביי אונז די מזל ברכה געהערשט, און זינט ער איז אוועק פון אונז, פיהלען מיר זיך אלע אזוי דערשלאגען אז עס נעמט ניט דאס הארץ עפעס צו טאן... געלויבט איז גאט, ער פארלאזט אונז ניט... וואס זאל איך אייך זאגען, ווען איך האב זיך דערוואוסט פון דעם בריף וואס מיינער א שונא האט געשיקט דורך דעם בעל עגלה צו אייך, האב איך ניט געקענט רוהען.. איך האב געוואוסט אז איהר וועט חלילה ניט טראכטען קיין בייז אויף אונז, אבער פארוואס זאל אימיצער אנריידען אויף מיין טאכטער! . . .

— א, ר' יהודה ליב, איך פארזיכער אייך אז מיר האבען ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט צו דעם בריף, די אמת'ע סיבה פארוואס מיר האבען נאך איהם געשיקט, איז ווייל מיר האבען זיך גאנץ פשוט פארבענקט נאך איהם... בפרט ווען מיר האבען אויסגעפונען אז זיין רבי, ר' משה, איז אוועקגעפאהרען קיין אמסטערדאם, האבען מיר געפיהלט אז ער זאל פארבלייבען מיט אונז פאר א קורצער צייט. אבער ניט צוליעב'ן בריף.

— זאל אייך דער אויבערשטער אזוי דערפרעהען ווי איהר האט מיך איצט דערפרעהט מיט אייערע רייד, — האט ר' יהודה ליב געזאגט, — איך מוז אייך זאגען, אז ווען מיר האבען זיך דערוואוסט וועגען בריף זיי־

נען מיר אלע ארומגעגאנגען באזאָרגטע, אונזער בת יחידה ווייסט אפילו ניט פון דעם. מיר האָבען איהר ניט געוואָלט דערצעהלען ווייל זי וואָלט פון עגמת נפש קראנק געוואָרען.

— עס וואָלט געווען ווייט פון אמת איך צו זאָגען אז דער דאָזיגער בריף האָט ניט פארשנעלערט מיין צוריקרופען אליהו'ן פון קיידאן, אָבער איך האָב צו זיך ניט דערלאָזט קיין בייזע געדאנקען ביז וואנען אליהו וועט קומען... נו, מוז איך אייך זאָגען, אז ווען ער איז געקומען און מיר האָבען זיך מיט איהם דורכגערעדט, איז ער געווען אזוי באגייסטערט, אז מיר האָבען זיך געפיהלט גליקליך וואָס ער האָט זיך געפונען אין קיידאן ביי אייך אין הויז.

ר' יהודה ליב'ס אויגען האָבען אויפגעלויכטען... ער זעהט אז דער וועג איז אויסגעפלאסטערט, ער וועט ניט האָבען קיינע שוועריגקייטען...

— איך וועל זיך שטעלען דאווענען, און שפעטער וואָלט איך נאָך געוואָלט זיך דורכריידען מיט אייך, — האָט ער געזאָגט.

— איהר זייט דאָך אונזער גאסט, איהר וועט צוקומען צו אונז אין הויז, איהר וועט עסען ביי אונז היינט און שבת, און מיר וועלען האָבען גענוג צייט צו ריידען... א קליינינגקייט, אזא חשוב'ער גאסט! איך וועל געהן אהיים זאָגען מיין פרוי וואָס פאר א גאסט מיר האָבען, זי וועט דערווייל צוגרייטען וואָס צו עסען. אליהו וועט דאָ בלייבען לערנען און ווען איהר וועט פארטיג ווערען מיט'ן דאווענען, וועט ער מיט אייך מיטגעהן אהיים.

באלד האָט זיך דער צווייטער מנין געשטעלט דאווענען. אליהו איז אוועק אין א ווינקעל פון בית המדרש און זיך געזעצט לערנען. נאָכ'ן דאווענען איז ר' יהודה ליב צוגעגאנגען צו אליהו'ן, וועלכער איז געווען אזוי פארטיפט אין לערנען, אז ער האָט איהם ניט באמערקט. ער איז געשטאנען א קליינע ווילע און איהם באטראכט און א פרייד האָט זיך צעגאָסען איבער זיין קערפער.

— אליהו! — האָט ער זיך אָנגערופען מיט צארטקייט, — איך בין שוין פארטיג.

אליהו האָט צוגעמאכט די גמרא, און איז מיט איהם ארויס פון בית המדרש.

דאָס שטיקעל וועג וואָס זיי זיינעןביידע געגאנגען, האָט ער איהם אויסגעפרעגט וועגען פארשידענע זאכען. ער האָט איהם אויך דערצעהלט ווי חנה'לע בענקט נאָך איהם, און אז שרה'קען האָט דער רב שוין מגייר געווען.

טריינע האָט אויפגענומען דעם גאסט מיט גרויס פרייד. זי איז איהם געווען דאנקבאר פאר דער גוטער פפלעגע וואָס איהר זוהן האָט דאָרט געקראָגען.

זיי האָבען זיך געוואשען צום עסען און געזעצט ביים טיש. טריינע האָט דערלאנגט פריש־געבאקטע חלה מיט הייסע גרויפען זופ. יהודה ליב האָט געגעסען מיט גרויס אפעטיט און געלויבט טריינע'ן פאר איהר טייערען מאכל. ער האָט באטראכט די שטוב מיט די אָרימע מעבעל וואָס איז באשטאנען פון א טיש מיט לאנגע ביינק און אן אלטען קאָמאָד. די אנדערע קינדער זיינען ניט געווען אין הויז, זיי האָבען שוין לאנג אָפגעגעסען פריהשטיק און זיינען אוועק אין חדר.

כאָטש אין יעדען ווינקעל האָט ארויסגעקוקט די אָרימקייט, האָט ער אָבער געזעהן ווי ציכטיג, די עקרת הבית, האלט דאָס הויז.

נאָכדעם ווי זיי האָבען געבענשט, איז אליהו אוועק אין בית המדרש לערנען.

ר' יהודה ליב איז פארבליבען אין הויז מיט ר'. שלמה זלמן. ער האָט מיט איהם גערעדט וועגען פארשידענע זאכען ביז וואנען זיי זיינען ווידער ארויפגעקומען אויף דעם געשפרעך וועגען אליהו'ן.

— איך בעט אייך, שיקט איהם צוריק צו אונז אין קיידאן, ער וועט קענען לערנען דאָרט אזוי גוט ווי דאָ, קיינער וועט איהם ניט שטערען, פארקעהרט, ביי אונז איז נאָך א סך רוהיגער . . .

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, ר' יהודה ליב, — האָט זיך ר' שלמה

זלמן אַנגערופען, — עפּעס פיהלען מיר אז ער איז נאָך צו יונג צו זיין אין דער פרעמד אזא לאנגע צייט, עס איז שווער זיך צו שיידען פון איהם.

— הערט זיך איין, ר׳ שלמה זלמן, לאָמיר ניט ריידען פארשטעלט. אייער זוהן איז איינער אין דער וועלט... און דאריבער וועט איהר דאָך ניט האַלטען פאר אן עוולה דאָס וואָס מיר ווילען איהם נעמען צו זיך... עס פארשטעהט זיך, אז איהר קענט ניט מיין משפחה, איהר האָט ניט געזעהן מיין חנה׳לען, איהר ווייסט ניט אויב זי איז ווירדיג צו האָבען אזא מאן ווי אייער אליהו... דאריבער וואָלט איך אייך געבעטען, איהר זאָלט מיט אונז מיטפאָהרען קיין קיידאן, איהר וועט ביי אונז פארברייגנען עטליכע וואָכען, וועט איהר זיך אליין איבערצייגען... איהר וועט זעהן מיין טאָכטער, איהר וועט מיט איהר ריידען, איהר וועט זעהן אויב דער שרייבער פון בריף איז געווען גערעכט ווען ער האָט אייך געשריבען אז זיי זיינען ניט א פּאַסענדער זיווג... געלויבט איז השם יתברך, ער האָט מיר געבענשט מיט א טייערע טאָכטער און מיט עשירות... ער וועט קענען זיצען טאָג און נאַכט און לערנען, קיין זאך וועט איהם ביי מיר ניט פעהלען... ער וועט ניט האָבען קיין דאגת פרנסה, עס וועט איהם ביי אונז גאָרניט פעהלען...

ר׳ שלמה זלמן האָט זיך א ווײלע פארטראַכט און דערנאָך זיך אַנגערופען.

— איך ווייס ניט ווי אזוי מיר קענען ריידען מיט איהם וועגען דעם. ער איז דאָך אזוי יונג, ער איז נאָך קיין צוועלף יאָהר ניט אַלט.

— יאָ, ביידע זיינען נאָך זעהר יונג, — האָט ר׳ יהודה ליב געזאָגט, — אָבער ווער זאָגט עס אז מיר זאָלען שוין פייערען זייער חתונה?... לאָמיר מאַכען א קנין, און די חתונה וועלען מיר אָפּלייגען אויף א פּאָר יאָהר, דערווייל וועט ער זיין ביי אונז, די עלטערע יאָהר פליהען שנעל פארביי און מיר וועלען זיי מיט גרויס נחת פיהרען צו דער חופּה...

— גוט, ביי מיר האָט איהר געפּועל׳ט, — רופט זיך אָן ר׳ שלמה זלמן, — איצט לאָמיר זיך דורכריידען מיט זיין מוטער און הערען וואָס זי וועט זאָגען וועגען דעם, און אז זי וועט אויך ניט זיין דאַגעגען, וועלען מיר דאַן דארפען זיך דורכריידען מיט אליהו׳ן און אז עס איז באַשערט וועט עס זיין מיט גליק.

— טריינע, קום אריין א ווײלע, — האָט ר׳ שלמה זלמן זי ארויסגערופען פון קיך.

טריינע האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון איהר פּנים מיט איהר פארטוך און איז אריין אין סטאָלאָווע, בלייבענדיג שטעהן ביי דער טהיר.

— קום צו א ווײלע, טריינע, — האָט ר׳ שלמה זלמן געזאָגט, — איך ווייס אז איצט איז ניט די צייט צו ריידען, עס איז דאָך ערב שבת... אָבער אז מיר האָבען אזא וויכטיגען גאַסט, און ער איז צו אונז געקומען וועגען אזא וויכטיגען ענין, וועלען מיר זיך מוזען דורכריידען... דו ווייסט דאָך מן הסתם אז ר׳ יהודה ליב האָט א טאָכטער, א בת יחידה, נו, וואָס איז דאָ ווייטער צו ריידען, דו פארשטייסט דאָך שוין אליין.

— איך וועל אייך זאָגען טריינע, אז מיר האָבען זיך דורכגערעדט וועגען דעם, און מיר זיינען געקומען צום באַשלוס אז מיר וועלען דערווייל מאַכען א קנין, און באַשטימען דעם יום החופּה אויף שפּעטער, לאָמיר זאָגען אין א דריי־פיער יאָהר ארום, דערווייל וועט אליהו קענען זיין ביי אונז, ער וועט לערנען אונגעשטערט, איך האָב אויך געזאָגט אייער מאַן, זאָל געזונט זיין, אז ער זאָל מיטפאָהרען מיט אונז קיין קיידאן, ער וועט ביי אונז אָפּזיין א פּאָר וואָכען, ער וועט זיך באַקענען מיט אונזער משפחה, און זעהן וואָס פאר א טאָכטער איך האָב, און אויב זי וועט איהם ניט געפעלען ווערען, וועט דאָך איהם קיינער ניט צווינגען... הא, וואָס זאָגט איהר צו דעם? איך ווייס וועגען דעם בריף וואָס מיינער א שונא האָט צו אייך געשריבען, און טאַקע צוליב דעם בין איך אהער געקומען שנעלער ווי איך האָב גערעכענט. איך האָב אויך מיטגענומען א בריף פון אונזער רב ר׳ דוד קאַצענעלענבאָגען, ער האָט דאָך איבערגעגעבען

אליהו'ן צו מיר, ער קען מיין טאָכטער, אדרבא, לייענט איבער דעם בריף און זעהט וואָס ער שרייבט... ער האָט זיך אליין אָנגעבאָטען צו שרייבען דעם בריף ווען ער האָט אויסגעפונען אז אימיצער האָט אָנגערעדט לשון הרע אויף מיין טאָכטער.

— גלויבט מיר, ר' יהודה ליב, אז מיר האָבען פארשטאנען אז דער בריף איז געשריבען געוואָרען פון אייערען א שונא, און ער האָט אויף אונז קיין איינדרוק ניט געמאכט, בפרט ווען מיר האָבען געהערט וואָס פאר א גוטע מיינונג אונזער אליהו האָט פון אייך אלעמען און איבערהויפּט פון אייער טאָכטער. איהר פארשטעהט, ווען מיר האָבען ערהאלטען דעם דאָזיגען בריף האָבען מיר אליה'ן גאָרניט דערצעהלט וועגען דעם, נאָר ביי א געלעגענהייט האָב איך אים א פרעג געטאָן וועגען אייער טאָכטער, און ער האָט זי אזוי געריהמט, ער האָט מיר געזאָגט אז זי קען לערנען, אז זי איז א פרומע, און א צנועה... אז זי איז קלוג און גוטהערציג.

— אזוי גאָר! — האָט ר' יהודה ליב אויסגערופען מיט א ברייטען שמייכעל אויף זיין פּנים, — און מיר האָבען געמיינט אז ער האָט זי קיינמאָל ניט באמערקט... נו, זאָגט אליין, זיינען זיי דען ניט א זיווג מן השמים?

— פון דעסטוועגען וועלען מיר זיך דארפען דורכריידען מיט אליהו'ן. לאָמיר הערען וואָס ער האָט וועגען דעם צו זאָגען.

— איהר וועט דאָך ביי אונז עסען שבת, וועלען מיר צייט האָבען צו ריידען וועגען אלץ, — האָט טריינע געזאָגט.

א צופרידענער און גליקליכער איז ר' יהודה ליב צוריקגעגאנגען צו זיין אכסניה. ער האָט זיך אויף אזוי פיעל ניט גערעכנט, ער האָט געמיינט, אז ער וועט האָבען שוועריגקייטען און וועט באגעגענען שטרויכלונגען אויף זיין וועג, איצט זעהט ער אז גאָט האָט מצליח געווען זיין וועג. ער האָט ביי זיי איבערגעלאָזט דעם רב'ס בריף, ער האָט פארשטאנען אז זיי ווילען ניט לייענען אין זיין געגענווארט, כדי ניט צו ווייזען אז זיי צווייפלען אין זיינע רייד און זיי דארפען האָבען א באַשטעטיגונג פון רב.

ווען ר' יהודה ליב איז אוועקגעגאנגען, האָט ר' שלמה זלמן אויפגעעפענט דעם בריף און איהם דורכגעלייענט און פארטייטשט יעדעס וואָרט פאר זיין פרוי.

— געלויבט איז השם יתברך, — האָט טריינע אויסגערופען, — מיר זעהען טאקע אז ער טוט חסד מיט אונז, ער איז דאָך א גביר און זיין טאָכטער איז אזא פיין קינד, פאר אים וועט עס טאקע זיין א גוטער שידוך, דאָרט וועט איהם גאָרניט פעהלען, ער וועט דאָרטען קענען זיצען און לערנען טאָג און נאכט אָהן דאגות, מישטיינס געזאָגט, וואָס קען ער האָבען ביי אונז?... פאר די דריי יאָהר צייט וואָס ער איז דאָרט געווען, האָט ער זיך אזוי שעהן ענטוויקעלט, און אָפּזייענדיג ביי אונז עטליכע חדשים, איז ער טאקע ארונטער פון פּנים... פון די עטליכע גילדען א וואָך קענען מיר קוים אויסקומען.

שפּעטער ווען אליהו האָט זיך אומגעקעהרט פון בית המדרש, זיך צוגרייטען לכבוד שבת, זאָגען "שנים מקרא ואחד תרגום" און שיר השירים, איז דער פאָטער מיט איהם אריין אין א באזונדערען צימער און ער האָט דערצעהלט אלץ וואָס ר' יהודה ליב האָט מיט איהם גערעדט.

— איך האָב איהם, מיין זוהן גאָרניט געוואָלט זאָגען איידער איך וועל זיך דורכריידען מיט דיר.

— וואָס דו וועסט באשליסען, פאָטער, וועל איך זיין צופרידען. — האָט אליהו געזאָגט, — זיי זיינען אלע וואוילע מענשען.

— אויב אזוי וועלען מיר אלע דריי, נאָך שבת אם ירצה השם פאָהרען קיין קיידאן און אז אלץ וועט זיין כשורה וועלען מיר מאכען א קנין... דו וועסט דערווייל בלייבען דאָרט ביי זיי, וואו דו וועסט קענען לערנען אונגעשטערט.

א גאנצען טאָג שבת האָבען זיי פארבראכט אין תורה. און אויף מאָרגען האָבען זיי זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע קיין קיידאן.

ר׳ יהודה ליב האָט געגעבען אליהו׳ס ברידערלעך צו עטליכע גילדען יעדען, און ווען ער האָט געוואָלט איבערלאָזען עטליכע גילדען אין הויז, האָט טריינע ניט געוואָלט נעמען.

— געלויבט איז גאָט, מיר קומען דורך ווי עס איז, — האָט זי געזאָגט.

— איך בעט אייך, מחותנת׳טע, נעמט די עטליכע גילדען און נעהט אויף פאַר די קינדערלעך גאַרניטערלאַך, איהר מוזט מיר טאָן די געפעלינגקייט.

ער האָט אוועקגעלייגט די עטליכע גילדען אויפ׳ן קאָמאָד און ער האָט זיך מיט איהר געזעגענט.

טריינע האָט אַלץ צוגעגרייט. זי האָט געקושט אליהו׳ן און זיך געזעגענט מיט איהר מאַן. זי האָט געווישט איהרע אויגען זיי זאָלען ניט באַמערקען איהרע טרעהרען.

— זייט געזונט און פאָהרט געזונט, — האָט זי זיי ארויסבאַגלייט.

קאַפּיטעל עלף

די רייזע פון ווילנא קיין קיידאַן איז געווען זעהר אַנגענעהם. עס איז געווען סוף חודש אב, די בוימער פון וואַלד דורך וואַנען זיי זיינען געפאָהרען, האָבען זיי פאַר׳שיכור׳ט מיט די דופטענדע ריחות... די לופט איז געווען טרוקען און הייס. אָבער די דריי רייזענדע, ר׳ שלמה זלמן, ר׳ יהודה און אליהו זיינען געזעסען אין בויד און גערעדט אין לערנען... זיי האָבען ניט געוואָלט אַנווענדען זייערע בליקען און באַטראַכטען די פּרעכטיגע נאַטור, כדי זיי זאָלען ניט זאָגען "מה נאה אילן זה"... (ווי שעהן איז דער בוים) און מבטל זיין פון לערנען...

דער בעל עגלה איז געזעסען אויף דער קעלנע מיט׳ן בייטש אין האַנט און זיך צוגעהערט צו זייערע רייד כאָטש ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי ריידען... ער האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס, דאָס פערד איז געגאַנגען לאַנגזאַם און דער בעל עגלה האָט זיך געטראַכט אז צוליב דעם זכות וואָס ער פיהרט אַזעלכע צדיקים ביי זיך אין בויד, וועט איהם גאָט העלפען און ער וועט פאַרדינען עטליכע גילדען אין קיידאַן און קריגען אויך פּאַסאַזשירען אויף צוריק...

ווען זיי זיינען אַנגעקומען אין קיידאַן, איז די גאַנצע שטאָדט געווען איבערראַשט, וויל לויט דער באַריהמעריי פון נחום׳ן און פון אַנדערע ניטפאַרגינער, וועלכע האָבען פאָראויסגעזאָגט אז ר׳ יהודה ליב וועט זיך צוריקקעהרען מיט ליידיגען, האָט קיינער ניט ערוואַרטעט אז אליהו וועט צוריקקומען אין קיידאַן, און דאָ זעהען זיי אז ער איז גאָר געקומען מיט זיין פאָטער... דאָס באַדייט אז עס האַלט טאַקע ביי א שידוך... אין בית המדרש האָט מען ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען דעם. די יונגע קעסט־איידעמלאַך, נחום׳ס חברים וועמען ער האָט געהאַט פאַרזיכערט אז אליהו וועט ניט ווערען ר׳ יהודה ליב׳ס איידעם, האָבען איהם איצט נאָכ׳ן דאַוונען אַרומגערינגעלט און זיך א רייץ געטאָן מיט איהם...

— נו, נחום, וואָס וועסטו איצט זאָגען? אליהו וועט ניט ווערען ר׳ יהודה ליב׳ס איידעם?

— איהר וועט נאָך זעהן ווער עס וועט בלייבען דער נאַר! — האָט זיך נחום ניט געוואָלט אונטערגעבען, — דאָס וואָס ער האָט אהער געבראַכט אויך זיין פאָטער, איז נאָך קיין ראיה ניט אז דער שידוך איז דורכגעפיהרט געוואָרען...

— אויב עס וואָלט ניט געהאַלטען ביי א שידוך, וואָלט ר׳ שלמה זלמן אהער ניט געקומען!

— נו, אז ער איז געקומען איז וואָס? וועט ער דאָ זיין א גאַסט.

— פאַרוואָס ביזטו עס אזוי געגען דעם שידוך, נחום?

— איך בין ניט דאַגעגען. אָבער פאַרוואָס זאָל ער ארייננאַרען דעם יונגען גאון צו זיך!

— דער גביר האָט מזל, — רופט זיך אָן איינער, — אלע ווייסען אז אין קיידאַן זיינען פאַראַן שעהנערע און בעסערע מיידלעך ווי זיין חנה...

אהיים געהענדיג פון בית המדרש, האָט זיך נחום, פונדעסטוועגען געפיהלט שטאַרק דערשלאָגען. ער האָט זיך ניט געריכט אז ר׳ יהודה ליב׳ן זאָל געלינגען צוריקצוברייגען אליהו׳ן פון ווילנע אהער... און דאָס וואָס ער האָט אהער אַראָפּגעבראַכט ר׳ שלמה

זלמן, איז טאקע א סימן אז עס האלט ביי א שידוך... וואָס וועט איצט זיין? דער שווער זיינער וועט אויף איהם קוקען מיט א קרום אויג, און זיין ציפּע וועט איהם דערגעהן די יאָהרען און זי וועט זיין גערעכט אויך... אָבער ערגער פון אלץ וועט זיין ווען ר' יהודה ליב וועט אויסגעפינען אז ער, נחום, האָט עס געשריבען דעם בריף. ווי עס ווייזט אויס, ווייסט מען שוין אז דער בריף שטאמט פון זייער הויז, און עס וועט לאנג ניט נעמען און מען וועט וויסען ווער דער מחבר איז... וועט ער דען קענען לייקענען?... ער זעהט איצט, אז ער איז באגאנגען א נארישקייט און אז ער קען נאָך האָבען צרות פון דעם.

ווען ער איז געקומען אין הויז מיט'ן טלית און תפילין אונטער זיין אָרעם, און געזאָגט ציפּע'ן זיין געוויינליכען "גוט מאָרגען", האָט ער באלד דערקענט אָן איהר פּנים, אז קיין האָניג וועט ער שוין ניט לעקען... ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, פאַרטראכט.

— נו, וואָס שטעהסטו ווי א לעקיש! — האָט ציפּע בייז א זאָג געטאָן, — געה וואש זיך און זעץ זיך צום טיש.

נחום האָט אוועקגעלייגט זיין טלית און תפילין אויפ'ן קאמאָד און ער האָט זיך געוואשען צום עסען. דער שווער און שוויגער זיינען געווען אין קראָם, די דינסט האָט זיך באשעפטיגט אין קיך, ציפּע האָט געשטעלט אויפ'ן טיש דעם פריהשטיק און זי האָט זיך אויך געזעצט עסען. א ווײַלע האָבען ביידע געגעסען שווייגענדיג, און נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעגאָסען א גלאָז ציקאָריע מיט מילך, האָט זי א זאָג געטאָן:

— מסתמא האָסטו דאָך שוין געהערט אז ר' יהודה ליב האָט אהער אראָפּגעבראכט פון ווילנע אליהו'ן מיט זיין פאָטער?

— געהערט! נו, איז וואָס! איך האָב געוואוסט אז אויב ער וועט פאָהרען קיין ווילנע וועט ער איהם צוריקברייגנען!

— נו, האָסטו עס גדארפט? וואָס האָסטו אויפגעטאָן מיט דיין בריף? דו ביזט געבליבען דער נאר און דער בעל עוולה!

— נו, בין איך א נאר! — האָט נחום א ברום געטאָן, — דאָס האָב איך פאר מיהען זיך פאר דיין קליינע שוועסטער!

— דו ביזט נאָך ניט פארטיג. מיין ניט אז ר' יהודה ליב וועט דיר שענקען. דו וועסט זיך ניט טאָרען באווייזען ניט אין בית המדרש, און ניט אין שוהל.

— ווער האָט מורא פאר איהם! — האָט זיך נחום אָנגערופען, — וואָס מיינסטו, אז איך דארף מורא האָבען פאר איהם ווייל ער איז א נגיד?

— ניין, ניט פאר דעם, נאָר פאר דיין מיאוס'ען כאראקטער, וואָס דו האָסט פארגעניגען פון יענעמ'ס ליידען. איך קען דיך גוט, דו קענסט נאָך ברייגנען צרות אויף יענעם און אויף אונז אלעמען... אדרבא, זאָג מיר, וואָס וועסטו זאָגען ר' יהודה ליב'ן ווען ער וועט דיך פרעגען וועגען בריף?

— וואָס הייסט ער וועט מיך פרעגען! ווער איז ער דאָס אז ער זאָל מיך פרעגען!

— ער האָט א פאָלנעם רעכט דיך צו פרעגען, ווייל דו האָסט געזוכט איהם שלעכטס צו טאָן. וואָס מיינסטו, עס איז שוין הפקר א וועלט! וואָס וועסטו איהם ענטפערען?

— איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען! דאָס אלץ וואָס איך וועל איהם ענטפערען, — האָט נחום מיט ענטשלאָסענהייט אויסגערופען.

— הייסט עס, אז דו וועסט ארויפווארפען די גאנצע שולד אויף מיין טאטען! — האָט ציפּע מיט כעס אויסגערופען, — ווי באלד אז עס איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט אז דער בריף איז געשריבען געוואָרען ביי אימיצען פון אונזער הויז, מיינט עס דאָך, אז אָדער דו אָדער מיין טאטע האָט עס געשריבען, הייגט אז דו וועסט לייקענען, וועט דאָך זיין זעלבסטפארשטענדליך אז מיין טאטע איז שולדיג.

— האָב נאָר קיין זאָרג ניט, קיינער וועט דיין טאטען ניט באשולדיגען, ווייל דער בריף איז דאָך געשריבען אין לשון קודש, און אלע וויסען אז

דיין טאטע קען קיין לשון קודש ניט שרייבען...

אין שטאט האט זיך געטומעלט וועגען די צוויי געסט, אליהו און זיין פאטער, וועלכע זיינען איינגעשטאנען ביי ר' יהודה ליב'ן. די טיהר פון זיין הויז האט זיך א גאנצע וואך ניט צוגעמאכט. אלע בעלי בתים, לומדים און אנדערע נכבדים זיינען געקומען פארברייננגען מיט ר' שלמה זלמן און מיט דעם יונגען גאון, אליהו'ן, וועלכער איז שוין באריהמט געווארען אין גאנץ ליטע.

אין ר' אשר'ס הויז איז געווען א גאנצער ישוב הדעת, צי זאלען ביידע, ר' אשר און נחום, אריינקומען צו ר' יהודה ליב'ן אין הויז, און געבען "שלום עליכם" די חשוב'ע געסט, צי ניט. ווייל א גאנצע וואך איז שוין פאראיבער, און כאטש ר' יהודה האט זייביידען געזעהן און ער האט זיך ניט געמאכט וויסענדיג וועגען בריף, קען דאך זיין אז ער מאכט גאר קיין וועזען ניט וועגען דעם, היינט אויב זיי וועלען ניט אריינקומען צו איהם אין הויז, וועט דאס אליין זיין א סימן אז זיי פיהלען זיך שולדיג, און אז זיי זיינען איהם מקנא...

— איך גלויב אז מען דארף זיך אריבערכאפען אויף א ווײלע צו איהם אין הויז, — האט ר' אשר געזאגט,

— הא, וואס זאגסטו, נחום?

— אויב איהר ווילט, שווער, קענט איהר געהן. איך געה ניט — זאגט נחום.

— אהא, דו האסט מורא, — האט ציפע א זאג געטאן, — אז דו וועסט ניט מיטגעהן וועט ביי איהם קיין ספק ניט זיין אז דו פיהלסט זיך שולדיג. איך בין זיכער אז די אנדערע קלויזניקעס, דיינע חברים, אבא, חיים, בערל, און קלמן זיינען שוין יא געווען אין ר' יהודה ליב'ס הויז. נו, פרעג איך דיך, ווי וועט עס אויסקוקען?

— איך וועל דיר ווייזען אז איך האט קיין מורא ניט. גוט, איך געה מיט אייך, שווער, — האט נחום געזאגט.

נאך מעריב זיינען ביידע, ר' אשר און נחום אוועק צו ר' יהודה ליב'ן אין הויז. דארט האבען זיי שוין געטראפען דעם קיידאנער רב און נאך איניגע אידען.

— א, וואס פאר א געסט! — האט ר' יהודה ליב אויסגערופען, — קומט אריין!

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין צימער, האט זיך ר' יהודה ליב אנגערופען צו ר' שלמה זלמ'ען:

— אט דאס איז ר' אשר און זיין איידעם, נחום, אט דער וועלכער האט געשריבען צו אייך דעם בריוו וועגען מיר און מיין טאכטער.

נחום איז געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט און ווען ר' שלמה זלמן האט איהם געגעבען שלום עליכם, האט ער קוים געקענט אויפהויבען זיין האנט.

— איך וויל אז איהר זאלט וויסען, ר' יהודה ליב, אז איך האב גארניט געהאט וואס צו טאן דאמיט! — האט ר' אשר זיך אנגערופען.

— איך האב פארשטאנען אז עס איז ניט אייער ארבייט, ווייל דער בריף איז דאך געווען געשריבען אין העברעאיש. אבער לויט ר' שלמה זלמן'ס מיינונג קומט אוים אז ווען נחום וואלט דעם בריף געשריבען אין מאמע לשון, וואלט ער ניט געמאכט אזוי פיעל פעהלערען... הא, ניט אזוי, ר' שלמה זלמן?

— המ... יא... איהר האט דארט געהאט היבשע פעהלערען, לויט'ן דקדוק.

— איך גלויב, אז דער הויפט פעהלער איז ער אליין, — האט ר' יהודה ליב געזאגט מיט א שמייכעל, — אז ניט וואלט ער דאך אזא בריף ניט געשריבען. הא, נחום, בין איך ניט גערעכט? נאך אלעמען האבען מיר דיך דאך קיין שלעכטס ניט געטאן!

— עס איז ניט אין גאנצען מיין שולד, — האט נחום א ברום געטאן.

— אפשר האט מען דיר געהייסען אזוי טאן? — האט ר' יהודה ליב געזאגט.

— צו די צרות ביזטו נאך א ליגנער אויך, — האט ר' אשר זיך אנגערופען צו זיין איידעם, — דו ווילסט געבען אנצוהערען אז איך האב דיר געהייסען שרייבען אט דעם בריף!

— איך האב דעם בריף געשריבען

מיט אייער הסכמה, — האט נחום אויסגערופען, — איר האט דאך אויך אזוי געוואלט!

— דו שייגעץ איינער! — האט ר' אשר איהם אראפגעלאזט א פאטש, — דו האסט נאך די חוצפה צו זאגען אזא ליגען! איך וועל דיך ארויסיאגען פון מיין הויז! . . .

נחום האט זיך א כאפ געטאן פאר'ן באק. ער האט עפעס געוואלט זאגען, אבער ער האט זיך באהערשט און ער האט גלייך פארלאזט דאס הויז.

— גלויבט מיר, אויף נאמנות, אז ווען מיר האבען אויסגעפונען אז ער האט געשריבען דעם בריף, האב איך און ציפע, מיין טאכטער, איהם געגעבען ...א גאב אז ער וועט עס האבען צו געדענקען... איצט וועט ער שוין וויסען ווי אזוי צו זאגען ליגען!

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך האלט ניט פון הויבען א האנט, — האט ר' יהודה ליב געזאגט, — אבער אין דעם פאל האט אייער איידעם עס כשר פארדינט. איך בין צופרידען אז דעם פאטש האט ער געקראגען פון אייך און נישט פון מיר.

— הערט איהר. ר' יהודה ליב, אזא יאהר אויף מיר ווי גערעכט מיין טאכטער איז. זי האלט אין איין טענה'ן מיט מיר אז מיר טוען איהם קיין טובה ניט מיט דעם וואס מיר גיבען איהם קעסט... מילא, דער וועלכער איז אן אמת'ער תלמיד חכם און לערענט לשמה איז דאך א מצוה, אבער אזעלכער ווי נחום, מיין איידעם, וועלכער דרעהט זיך ארום גאנצע טעג אין בית המדרש, באלעמוטשעט דארט מיט זיינע חברים, אויך קעסניקעס, בטלנים, פוסט־און־פאסניקעס, קומט אהיים אויף אלעם פארטיגען, מען גיט איהם עסען און טרינקען פון דאס בעסטע, שלאפט וויפיעל ער וויל... דער קאפ דרעהט איהם ניט וועגען פרנסה... נו, ליגט איהם נאר אין זינען אזעלכע נארישקייטען, אזעלכע שמד־שטיק ווי שרייבען בריוועלעך... ער וועט שוין ביי מיר האבען קעסט!... זאל ער געהן זוכען פרנסה... צוויי יאר קעסט איז גענוג... בפרט נאך אז מיין טאכטער, זיין אייגענע ווייבעל, זאגט, אז ער מוז האבען דעם יאך פון מפרנס זיין א ווייב...

נחום איז ארויס פון ר' יהודה'ס הויז, און דער צארן האט אין איהם געברענט... זיין שווער האט איהם אראפגעלאזט א פאטש... ניט אזוי דער וועהטאג פון פאטש, נאר די שאנדע! ער האט איהם מבייש געווען פאר אזוי פיעל מענשען... אין שטאט וועט מען שוין מארגען וויסען אז ר' אשר האט געפאטשט זיין איידעם... פריהער האבען איהם אלע מקנא געווען, ער האט א שעהן ווייבעל, א רייכען שווער מיט גוטע קעסט... און איצט? וואס וועלען זיינע חברים איצט זאגען?... ווי וועט ער זיינע אויגען קענען ווייזען פאר זיי? ווען ער וועט ארייקומען אין בית המדרש וועלען זיי אויף איהם קוקען מיט רחמנות און זיך איבערווארפען מיט בליקען... ניין, ער וועט אהיים ניט געהן!... אבער וואוהין זאל ער געהן? קיין געלד האט ער ניט, צו קיין ארבייט טויג ער ניט... ער איז לאנגזאם געגאנגען איבער די זייטיגע געסלעך און זיין מח האט געארבייט. ער האט געטראכט פון יענער צייט ווען דער ראש ישיבה האט איהם געשיקט רופען און איהם פארגעשטעלט פאר ר' אשר'ן... ער געדענקט ווי דער ראש ישיבה האט איהם געלויבט פאר ר' אשר'ן אז ער איז א מתמיד און קען גוט א בלאט גמרא... דאן האט ר' אשר איהם דערצעהלט וועגען זיין טאכטער און אויסגערעכנט איהרע מעלות... אז זי איז א יפת תואר, א חכמה, א גוטע באלעבאסטע, און אים געפרעגט אויב ער וויל פאהרען מיט איהם נאך קיידאן און ווערען זיין איידעם...

— דו וועסט קענען זיצען און לערנען אויך אין קיידאן, — האט ער איהם געזאגט, — און איך וועל דיר געבען קעסט. יא, ער געדענקט ווי גליקליך ער האט זיך געפיהלט ווען ער האט דערזעהן ציפע'ן, זי איזווירקליך געווען א שעהנע, אזא שטילע און באשיידענע... זי האט זיך געשעהמט איהם צו קוקען אין די אויגען... ער איז געווען אין זיבעטען הימעל פון גליק... א רייכע הויז, פיינע איידעלע מענשען, מען וועט איהם גוט צוזעהן.

עטליכע חדשים איז ער אָפּגעוועזן אין ר' אשר'ס הויז און געלערנט אין בית המדרש, ביז וואנען ער האָט חתונה געהאט מיט ציפּע'ן... ער קען ניט זאָגען אז ציפּע איז א שלעכטע ווייבעל, איהר איינציגער חסרון איז וואָס זי בייזערט זיך אויף איהם און באַלעבאטעוועט איבער איהם. זי האָט די גאנצע צייט געטענה'ט צו איהם אז ער זאָל געהן זוכען פּרנסה, אז עס איז פאר איהם קיין תכלית ניט צו זיצען און עסען קעסט... איצט זעהט ער אז זי איז געוועזן גערעכט... ווען ער דארף ניט אָנקומען צו זיין שווער וואָלט ער ניט געוואגט צו הויבען א האנט אויף איהם... וואָס מיינט ער, ער וועט זיך לאָזען שפּייען אין קאשע!... ער איז ניט זיין זוהן... ער וועט איהם ווייזען... ער וועט אין גאנצען אוועק פון קיידאן, זאָל זיין טאָכטער בלייבען אן עגונה.

באלד אָבער האָט ער רחמנות געקראָגען אויף זיין פרוי, וואָס איז זי שולדיג אז איהר טאטע האָט איהם געפּאטשט?... ווען זי שרייט אויף איהם מיינט זי דאָך זיין טובה... אויסער דעם וואָס וועט ער טאָן? וואו וועט ער זיך אהינטאָן?

אזוי איז נחום ארומגעגאנגען מעהר ווי א שעה אין די זייטיגע געסלעך, היין און צוריק, און ניט געקענט באשליסען וואָס צו טאָן. ווען ער האָט באמערקט אימיצען אָנקומען פון ווייטען, האָט ער זיך געשטעלט אָן א זייט מען זאָל איהם ניט באמערקען. ווען עס איז געוואָרען שפּעט, האָט ער באשלאָסען אוועקצוגעהן אין קליינעם בית המדרש. דאָרט וועט ער איבערנעכטיגען די נאכט און אין דער פריה וועט ער שוין זעהן וואָס ער האָט צו טאָן.

דער קליינער בית המדרש איז געווען צוגעשלאָסען, האָט ער זיך געשטעלט אויף א קעסטעל און ארויפגעקלעטערט צום פענסטער, און איז אריין אינווייניג. ער האָט אויפגעזוכט א ליכט און עס אָנגעצונדען אָן נר תמיד, ער האָט גענומען א גמרא און זיך געזעצט אין א ווינקעל, נעבען א שטענדער. ער האָט אָבער ניט געלערנט. זיין קאָפּ איז ניט געווען דא־ביי. ווען ער האָט זיך דערמאנט אז דעם פּאטש האָט אין איהם געקאָכט זיין בלוט... נישקשה, ער וועט איהם ניט שענקען....

דערווייל האָט זיך ר' אשר אומגעקעהרט אהיים. אין איהם האָט אויך געברויזט דער צאָרן אויף זיין איידעם. א חוצפּה! ער האָט געוואָלט איהם אויך אריינמישען אין דער זאך. וואָס האָט ער געוואָלט, אז ר' יהודה ליב זאָל ווידער אמאָל ווערען זיין שונא?... ערשט איצט וועט ער איהם געבען א גאָב!... זאָל ער האָבען שכל!

ווען ער איז אריין אין הויז, האָט ציפּע איהם גלייך א פרעג געטאָן:

— וואו איז נחום?

— וואָס, נחום איז נאָך אין הויז ניט געוועזן? — רופט ר' אשר אויס מיט ערשטוינונג.

— ניין, ער איז ניט געוועזן! זייט איהר דען ביידע ניט געגאנגען צוזאַמען אהיים?

— צוזאמען וועל איך נאָך געהן מיט דעם חצוף! — האָט ר' אשר אויסגערופען מיט כעס, — ער האָט שוין ביי מיר געכאפּט א חלק!

— וואָס איז שוין געשעהן? — האָט ציפּע א דערשראָקענע געפרעגט.

— וואָס איז געשעהן! גאָרניט איז געשעהן! מיר קומען אריין צו ר' יהודה ליב'ן אין הויז און ער שטעלט אונז פאַר פאר'ן גאסט, ציינגט ער אָן אויף נחום'ן און זאָגט צו ר' שלמה זלמנ'ען: "דאָס איז נחום, דער וועלכער האָט געשריבען דעם בריוו צו אייך וועגען מיר און מיין טאָכטער!" איז אַנשטאט צוצוגעבען, אז ער איז באגאנגען א נארישקייט, רופט ער זיך אָן, אז ער האָט דעם בריוו געשריבען מיט מיין הסכמה... האָסטו געהערט א חוצפּה!... ער האָט געוואָלט, אז ר' יהודה ליב זאָל זיך מיט מיר ווידער צוקריגען.

— און וואָס האָסטו געטאָן? — האָט ציפּע איהם א פרעג געטאָן.

— וואָס מיינסטו, איך האָב געשוויגען?!... איך האָב איהם אראָפּגעלאָזט א פּאטש, אז ער האָט דערזעהן דעם זיבעטען הימעל.

— וו־אָ־אָ־ס?! דו האָסט א פּאטש געטאָן מיין נחום'ען! גאָט מיינער,

וואס האסטו געטאן! ווי קומסטו איהם פאטשען!

— קוק איהר נאר אן! — האט זיך ר׳ אשר אנגערופען, אז זי אליין מאכט איהם אויסצודרעהען איז גארניט! זי מעג! אז דו פאטשט איהם מיט דיין צונג, איז גוט, הא! וויפיל מאל האסטו איהם אזוי גוט אנגעזידעלט?!

— ער איז מיין מאן, און ווען מיר צוקריגען זיך און נאכהער בעטען מיר זיך איבער. אבער ווי קומסטו איהם צו געבען א פאטש?!... ווער האט דיר געגעבען א רעכט?!...

— איך גיב איהם עסען, האב איך א רעכט איהם צו פאטשען.

— ניין! דו האסט ניט קיין רעכט איהם צו פאטשען, — האט זיך ציפע פאנאנדערגעוויינט — ער איז ניט דיין זוהן!

די מאמע וועלכע איז געווען אין א צווייטען צימער, און דערהערענדיג די געשרייען, איז אריינגעלאפען און געפרעגט וואס עס איז געשעהן.

— דער טאטע האט געפאטשט מיין מאן אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז, — האט ציפע געכליפעט.

— געה שוין, געה! — האט די מאמע ניט געוואלט גלויבען, — ווער האט עס דיר געזאגט?

— פרעג דעם טאטען!

די מאמע האט א קוק געטאן אויף איהם און ר׳ אשר האט איהר דערצעהלט אלץ וואס ס׳האט פאסירט אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז.

דערווייל איז אריינגעקומען זייער אינגסטע טאכטער, שפרה, און די מאמע האט איהר געהייסען גלייך צוריקגעהן צו איהר צימער.

— אז מיר וועלען דיך דארפען וועלען מיר נאך דיר שיקען. — האט די מאמע איהר געזאגט.

שפרה איז גלייך ארויס פון צימער, אבער זי האט פארשטאנען, אז עפעס האט דא פאסירט.

ר׳ אשר׳ם ווייב איז געווען א פשוט׳ע אבער זעהר א פרומע פרוי. זי האט פארבראכט א גאנצען טאג אין קראם, צוזאמען מיט איהר מאן. זי האט איהר אידעם געאכטעט און געשעצט ווייל ער איז געווען א לערנער, און זי האט געהאפט אז בזכות זיין לערנען וועט זי אויך זוכה זיין צו האבען עולם הבא, זי האט טאקע געזעהן, אז מען זאל איהר אידעם גיסען "גאלד אין האלז"... זי פלעגט פאר איהם מאכען די פאטראוועס וואס ער האט ליעב געהאט, און אז זי פלעגט הערען, אז ציפע שרייט אויף איהם, פלעגט זי זיך גוט אנבייזערען אויף איהר און איהר זאגען מוסר, אז א פרוי דארף אפגעבען כבוד איהר מאן כדי זוכה צו זיין צו האבען גוטע קינדער און אויך א חלק עולם הבא, און ניט וועלענדיג איהר מצער זיין, האבען ציפע און איהר פאטער איהר גארניט דערצעהלט וועגען בריוו וואס נחום האט געהאט געשריבען צו אליהו׳ס פאטער וועגען ר׳ יהודה ליב׳ן און חנה׳ן. זיי האבען אויך אנגעזאגט דער דינסט, אז זי זאל זיך אקארשט ניט אויסריידען פאר איהר באלעבאסטע וועגען דעם.

און איצט, אז ר׳ אשר האט איהר דערצעהלט וואס עס האט פאסירט ביי ר׳ יהודה ליב׳ן אין הויז, האט ער איהר שוין געמוזט דערצעהלען אלץ, אויך וועגען בריוו.

— ווי קומט ער צו טאן אזא נארישקייט? — האט זי געבראכען מיט איהרע הענט, — וואס האט ער געהאט צו זיי?

— מאמע, ער האט געמיינט אונזער טובה, — האט איהם ציפע פארענטפערט, — ער האט געוואלט, אז אליהו זאל ווערען דיין אידעם... אבער דו, טאטע, האסט עס אויך געוואלט, ווייל דו האסט דאך איהם צוגעזאגט אייביגע קעסט אויב ער וועט עס קאנען דורכפיהרען. און איצט, אז עס איז איהם ניט געלונגען, געהסטו און פאטשט איהם!

— איך האב איהם ניט געפאטשט פאר דעם, איך האב איהם געפאטשט ווייל ער האט דארט געזאגט, אז איך האב איהם געהייסען שרייבען דעם בריוו.

— ער האט ניט געזאגט, אז דו האסט איהם געהייסען שרייבען, ער האט געזאגט, אז ער האט דאס געטאן מיט דיין הסכמה.

— וואס איז דער אונטערשיד! — האט ר׳ אשר געזאגט, — ער האט געוואלט שאפען דעם איינדרוק, אז איך בין געווען א שותף צו איהם, און

מאכען ר׳ יהודה ליב׳ן ווידער פאר מיין שונא.

— דער אמת איז, טאטע, אז ווען איהם וואלט געלונגען, וואלסטו אליין געוועזן צופרידען, — האט ציפּע וויינענדיג געזאגט, — און דו האסט קיין רעכט ניט געהאט איהם צו פּאטשען.

— נו, מילא, עס איז דאך שוין פארפאלען! — האט די מאמע געזאגט, — מעהר וועט עס ניט געשעהן, אבער וואו איז ער?

— גאט ווייסט! — האט ציפּע אויסגערופען, — מסתמא האט ער איהם געהייסען געהן פון הויז...

— איך בין געוועזן שטארק אויפגערעגט און איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל איהם ארויסיאגען פון מיין הויז. אבער ער איז דאך ניט קיין נאר, ער האט באדארפט פארשטעהן, אז איך מיין דאס ניט.

— מיין ... נחום! — האט ציפּע געוויינט, — פון איין זייט פלעג איך איהם דערגעהן די יאהרען און איהם טרייבען פון הויז צו זוכען פרנסה, און איצט פּאטש איהם זיין שווער און טרייבט איהם פון הויז... זעהר פיין... טרייב מיך שוין אויך ארויס!...

— האב קיין מורא ניט, ער וועט צוריק קומען, ער האט ביי אונז געהאט צו גוט, ער זאל וועלען אוועקגעהן פון דאנען.

— עס איז שוין שפּעט און ער איז נאך אלץ ניטא, — האט ציפּע געזאגט און ארויפגעכאפּט א פּאטשיילקע אויף איהר קאפּ, — איך וועל איהם געהן זוכען.

— ווארט, איך געה ... דיר, — האט די מאמע געזאגט, — אזוי שפּעט ביי נאכט וועל איך דיך נישט לאזען געהן אליין.

ציפּע איז מיט איהר מאמען ארויס פון הויז, די נאכט איז געוועזן א פינסטערע און זיי האבען מיטגענומען א לאמטערנע.

— זאל איך אזוי וויסען פון בייז ווי איך ווייס ניט וואוהין פריהער צו געהן! — האט ציפּע געזאגט, — א פיינע חתונה האט ער אנגעמאכט.

— מיינסטו אז דיין טאטע האט ניט קיין חרטה? עס טוט איהם אויך וועה דאס הארץ... אבער דו קענסט דאך ד . טאטען, ער איז א גרויסער כעס׳ן, און ווען ער ווערט אויפגערעגט ווייס ער ניט וואס ער טוט.

— נחום האט אזוי ניט געוואלט געהן, — האט ציפּע געזיפצט, — אבער איך האב איהם פשוט געטריבען אהין. איך אליין בין אויך אביסעל שולדיג אין דעם... וואס טוט מען!... וואס טוט מען!...

— לאמיר זיך אריבערכאפּען צו די אנדערע קלויזניקעס, זיינע חברים, — האט די מאמע געזאגט, — אפשר געפינט ער זיך ביי איינעם פון זיי.

— דא אין סוף געסעל וואוינט זיין חבר קלמן, איך וועל דארט א פרעג טאן.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום הויז און ציפּע האט געבעטען איהר מוטער זי זאל ווארטען אין דרויסען, זי איז אריינגעגאנגען אליין און זיך נאכגעפרעגט אויב נחום איז דארט געוועזן.

— ער איז ארויס אויף א ווײלע און איך ווייס ניט וואו ער איז געגאנגען, —האט ציפּע געזאגט, — אויב ער וועט אהער קומען זאלט איהר אזוי גוט זיין און זאגען איהם, אז ער זאל גלייך קומען אהיים, ווייל מיר דארפען איהם נויטיג האבען.

פון דארט זיינען זיי געגאנגען צו די הייזער וואו נחום׳ס חברים האבען זיך געפונען, אבער אויך דארט איז ער ניט געוועזן.

— נו, וואס זאגסטו צו דעם, מאמע! — האט ציפּע געבראכען מיט איהרע הענט, — גאט ווייסט וו... איצט וועט זיין.

— אפשר איז ער שוין דא אין דער היים? — זאגט די מאמע, — לאמיר געהן אהיים.

זיי זיינען אוועק אהיים אבער ער איז דארט ניט געוועזן. ר׳ אשר האט זיך שוין אליין אויך גענומען שטארק באאומרוהיגען. ער האט ארומגעשפּרייזט איבער׳ן צימער ה... און צוריק, ווען ער האט זיי דערזעהן איז ער שנעל צוגעגאנגען און אויסגערופען: ”נו, וואס?“

— ע, איז אין ערגעץ ניטא, ווי אין וואסער אריין!

— אפשר איז ער אוועק אין בית המדרש! — רופט זיך אן ר׳ אשר, —

גאנץ אָפט קומען אהין יונגע לייט לער־נען שפּעט ביינאַכט.

— אפשר וועסטו זיך אריבערכאַ־פּען אהין? — רופט זיך אָן זיין ווייב.

— איך? ניין! איך וועל נאָך איהם ניט נאָכלויפען. זאָל ער ניט מיינען, אז ער קאָן טאָן וואָס ער וויל.

— זיי ניט קיין עקשן, — האָט איהם זיין פרוי געזאָגט, — דו ביזט באגאנגען א... גרויסע נארישקייט ווי ער, און עס איז דיין פליכט אויפצוזו־כען איהם און ברענגען איהם צוריק איהם.

ר׳ אשר האָט ארונטערגענומען די יארמולקע און האָט אָנגעטאָן זיין הוט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וואַרט, טאטע, איך וועל מיט־געהן מיט דיר, — האָט ציפּע געזאָגט, — איך האָב מורא, אז אויב איך וועל דאביי ניט זיין וועט איהר זיך ווידער צוקריגען.

זי איז אוועק מיט איהר פאָטער צום גרויסען בית המדרש. פון דרוי־סען האָט מען געקאָנט זעהן, אז עס ברענען עטליכע ליכט. ר׳ אשר איז אריין אינעווענינ, און ציפּע איז גע־בליבען שטעהן אין דרויסען.

אינעווענינ זיינען געזעסען איינינע יונגע לייט מיט אָפענע גמרות און גע־מיטליך געשמועסט צווישען זיך. ווען זיי האָבען געהערט ווי אימיצער קומט אריין, האָבען זיי זיך גענומען שאָק־לען איבער דער גמרא.

— איז דאָ נחום געווען? — האָט ר׳ אשר געפרעגט, — איך האָב גע־מיינט, אז ער געפינט זיך דאָ.

— ניין, נחום איז דאָ ניט געווען.

— טאָמער קומט ער אריין, זאָלט איהר איהם זאָגען, אז ער זאָל גלייך קומען אהיים, ווייל מיר דארפען איהם נויטיג האָבען.

— נו, ער איז דאָרט אויך ניטאָ?!

— האָט ציפּע אויסגערופען, און איהר שטימע האָט געציטערט, — גאָט ווייסט אויב ער וועט שוין קומען צוריק.

— רייד ניט קיין נארישקייטען, ציפּע, וואוהין וועט ער געהן אזוי שפּעט?

— ווען א מענש איז אזוי באליי־דיגט, קען ער אָפּטאָן, גאָט ווייסט וואָס, — רופט זיך אָן ציפּע, — וואָס הייסט דו נעהמסט דיין איידעם און פּאטשט איהם פאר א הויז פול מיט מענשען.

— נו, איז וואָס, — פּרובירט זיך ר׳ אשר פארענטפערען — איך בין דאָך א פּאָר יאָהר עלטער פאר איהם. וואָס איז ער אזוי ציטעריג ביי זיך.

— און איך זאָג דיר, אז ווען עס וואָלט געווען פארקעהרט און איך גע־פין זיך אין זיין הויז און זיין טאטע דערלאנגט מיר א פּאטש, געה איך אויך אוועק פון הויז.

— נו, זייט איהר ביידע א פּאָר משוגעים! עס קען טאקע זיין, אז איך האָב עס ניט באדארפט טאָן. אָבער עס איז דאָך שוין פארפאלען! דארף מען זיך אזוי פארקאפּריזעווען און אוועקגעהן פון הויז!

— צוזאמען מיט׳ן פּאטש האָסטו איהם געזאָגט, אז דו וועסט איהם פאריאָגען פון הויז. נו, וואָס מיינסטו וועט ער וואַרטען ביז וואנען דו וועסט איהם ארויסטרייבען!

— לאָמיר נאָר פּרובירען צוגעהן צום קליינעם בית המדרש, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — אפשר געפינט ער זיך דאָרט.

זיי זיינען צוגעגאנגען אהין. פון ווייטען האָבען זיי געקאָנט זעהן דורכ׳ן פענסטער, אז אין א ווינקעל ברענט א ליכטעל. זיי זיינען שנעל צוגעגאנגען צו דער טיר. אָבער די טיר איז געווען פארשלאָסען פון דרויסען אויף א שלאָס.

— נחום, ביזטו דאָרט? — האָט ר׳ אשר אויסגערופען.

ווען נחום האָט דערהערט זיין שווער׳ס שטימע האָט ער שנעל אויס־געלאָשען דאָס ליכט. ער איז געבליבען זיצען רוהיג אויף זיין פּלאץ... זיין צאָרן און פארביטערטקייט נעגען איהם איז נאָך שטארקער געוואָרען... זאָל ער זיך קומען בעטען ביי איהם, ער וועט שוין אהיים זיך ניט אומקערען...

א ווייל איז געווען שטיל, באלד האָט נחום געהערט א שטילען גע־שפּרעך און ער האָט זיך גענומען גוט צוהערען. עס האָט זיך איהם אויס־געדוכט, אז ער הערט ציפּה׳ס שטי־מע... אין א ווײלע ארום האָט ער קלאָר און דייטליך געהערט ווי זי רופט אוים: "נחום, טייערער, אויב דו

ביזט דאָרטן דאָ, קום אהיים, טו דאָס פון מיינעטוועגען!"

ער האָט ניט געענטפערט, זיין כעס איז איצט געווען געווענדעט אויך געגען זיין פרוי. זי האָט געוואוסט, אז ער האָט עס געטאָן פאר איהר טאַטען און פאר איהר קליינע שוועסטער, פון דעסטוועגען איז זי איהם דערגאנגען די יאָהרען. ניט איינמאָל האָט זי איהם געזידעלט צוליב דעם... ניין, ער וועט זיך ניט אומקעהרען אהיים... איהם וועט מען ניט פאטשען פאר מענשען אין די אויגען... ער וועט זיך דורכשלאָגען א וועג... ווען ער וועט פארדינען א סך געלט וועט ער אפשר זיך צוריקקעהרען. דאַן וועט ער מיטנעהמען זיין ציפּע'ן און מיט איהר אוועקגעהן אין אן אנדער שטאָט. ער וועט מיט זיין שווער קיין וואָרט ניט אויסריידען.

נחום האָט דערהערט ווי זיי ריידען צווישען זיך, ביי דער טיר פון בית המדרש:

— איך האָב געוואוסט, אז ער איז דאָרט ניטאָ, — זאָגט ציפּע.

— אָבער איך בין זיכער, אז איך האָב געזעהן א ליכטעל ברענענדיג, — זאָגט ר' אשר.

— דיר האָט זיך מן הסתם אויסגעדוכט, — הערט ער ווי ציפּע זאָגט, — אין בית המדרש איז פינסטער, זעהסטו דען ניט, אז עס איז פארשלאָסען פון דרויסען, ווי האָט ער געקאָנט אריינגעהן אינעווייניג?

נחום האָט זיך פאָרזיכטיג אויפגעהויבען, זיך געשטעלט אויף דער באנק און ארויסגעקוקט פון א זייט פון פענסטער. ער האָט געזעהן ביי דער ליכט פון לאַמטערנע וואָס ציפּע האָט געהאַלטען, אז זיי קוקען זיך ארום, זיי הויבען אויף זייערע אויגען נאָך אמאָל צום פענסטער פון בית המדרש און קעהרען זיך צוריק.

ווען דאָס ליכט פון דער לאַמטערנע האָט זיך שוין מעהר ניט געזעהן, האָט זיך נחום צוריקגעקעהרט צו זיין פּלאַץ. ער האָט שוין אָבער מעהר ניט אָנגעצונדען דאָס ליכטעל. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער לאַנגער באַנק, אונטערשפּארענדיג זיין עלענבויגען און פּרובירט איינדרימלען. און כאָטש ער פלעגט אמאָל שלאָפען אויפ'ן האַרטען באַנק, אין דער צייט ווען ער איז געווען א קלויזניק, האָט ער אָבער איצט ניט געקאָנט איינדרימלען... זיין בלוט האָט אין איהם געזאָדטען און וואָס מעהר ער האָט פון דעם געטראַכט אַלץ מעהר האָט ער געפיהלט דעם וועהטאָג און די שאַנדע וואָס זיין שווער האָט איהם פאַראורזאַכט, און ער האָט געדורשט נאָך נקמה.

ציפּה און איהר פאָטער זיינען ביז שפּעט אין דער נאַכט ארומגעגאַנגען איבער די געסלעך פון שטאָט און געזוכט נחום'ען, אָבער אומזיסט... ווען זיי האָבען זיך אומגעקעהרט אהיים און ניט געפינענדיג איהם, האָט זיך ציפּע ערשט פאַנאַנדערגעוויינט:

— גאָט ווייסט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט! אן אומגליק, א בראָך, אוי, וואָס האָסט צו איהם געהאַט! דו האָסט פאַריאָגט מיין נחום'ן! וואָס וועט איצט זיין?!...

— באַרוהיג זיך, טאָכטער, — האָט די מאַמע איהר געטרייסט, — ער וועט זיך צוריקקעהרען. דער כעס וועט איהם פאַראיבער וועט ער קומען אהיים.

— מיין האַרץ זאָגט מיר, אז איך האָב איהם פארלוירען! — האָט ציפּע געכליפּעט. — מיר זיינען אויסגעווען אומעטום און קיינער ווייסט ניט וואו ער איז אהינגעקומען. ווער ווייסט וואוהין ער איז געגאַנגען!

— ער האָט ביי זיך גאָרניט, טאָ וואוהין קען ער געהן, — האָט ר' אשר זיך אָנגערופען, — זיינע ספרים און זאַכען זיינען דאָ, און אין קעשענע האָט ער אפילו קיין איינציגען גילדען ניט געהאַט, מיט וואָס צו דינגען א פוהר! זאָרג ניט, טאָכטער, ער וועט קומען צוריק. דערווייל געה שלאָפען.

— שלאָפען! ווער קאָן עס שלאָפען! — האָט ציפּע געוויינט, — ווען מיין ליבער מאַן וואַנדערט איצט ערגעץ ארום אָהן א פּרוטה... ווער קאָן וויסען וואָס ער קאָן אָפּטאָן פון שאַנדע און נאָך אין אַזא צייט פאר מיר!...

— וואָס מיינסטו, טאָכטער? — האָט די מאַמע געפרעגט, — און אויף איהר א קוק געטאָן מיט פאַרשענדע בליקען.

ציפּע האָט א קוק געטאָן אויף איהר מאמע, זי האָט צוגעשאָקעלט מיט איהר קאָפּ, און אָפּווישענדיג די טרערען פון די אויגען, האָט זי געזאָגט:

— יא, מאמע, איך וועל ווערען מוטער!...

— וואָס רעדסטו, טאָכטערשי מיינע, — איז די מאמע צו איהר צוגעלאָפען און ארומגענומען, — דו ביזט ערנסט? פארוואָס האָסטו עס געהאלטען בסוד פון מיר?

— ערשט מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך זיך דערוואוסט... איך האָב נאָך אפילו נחום'ן ניט געזאָגט... און איצט, גאָט ווייסט!

— זאָרג ניט מיין טאָכטער, נחום וועט זיך צוריקקעהרען, און וועט זיך פרעהען! עפּעס א קלייניגקייט! מעהר ווי צוויי יאָהר זיינען פאַראיבער, און איצט האָט דיך גאָט געבענשט... זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק, ליבע טאָכטער! אשר, דו האָסט געהערט?! — האָט זי זיך געווענדעט צו איהר מאן, וועלכער איז אויף א ווילע אריין אין צווייטען צימער, — קום נאָר אהער, מיר האָבען דיר עטוואָס צו זאָגען...

ר' אשר איז צוגעקומען און ער האָט געזעהן ווי זיין ווייב האלט ארומגענומען ציפּע'ן און הערט ניט אויף זי צו קושען.

— נו, וואָס איז געשעהן?

— גרייט זיך צו ווערען א זיידע!

— האָט די מאמע מיט א גליקליכען שמייכעל געזאָגט.

— דו הערסט, טאָ וואָס־זשע שוויגסטו! — האָט ער אויסגערופען, — נו, איצט האָסטו געוויס ניט וואָס צו זאָרגען, ציפּע, דיין נחום וועט זיך אומקעהרען.

— די צרה איז, וואָס נחום ווייסט נאָך אויך ניט דערפון! — האָט די מאמע געזאָגט, — זי האָט נאָך איהם ניט באוויזען צו זאָגען!...

— וואָס הייסט! דיין אייגענעם מאן האָסטו ניט געזאָגט? — פרעגט זי דער טאטע מיט ערשטוינונג, — ווי דערצעהלסטו עס ניט דיין אייגענעם מאן?

— איך פארשטעה עס טאקע ניט. די ערשטע זאך דוכט זיך דארף דער מאן וויסען פון דעם.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, מאמע, אז איך האָב עס אליין אויסגעפונען מיט עטליכע טעג צוריק, און איידער איך בין אליין געווען זיכער, האָב איך איהם עס ניט געוואָלט זאָגען און ערשט נעכטען, אז איך האָב שוין יאָ געהאט ברעה איהם צו זאָגען, האָבען מיר זיך געהאט איבערגערעדט טאקע וועגען דעם בריוו און איך האָב ניט געוואָלט זאָגען, און איצט, גאָט ווייס, אויב איך וועל שוין האָבען וועמען צו זאָגען...

— רייד נישט קיין נארישקייטען, ציפּע! — האָט דער טאטע געזאָגט, — מאָרגען אין דער פריה קומט ער צוריק און מיר וועלען נאָך מאכען א "לחיים". דו וועסט זעהן!

— איצט, מיין טאָכטער, געה רוה זיך אוים! — האָט די מאמע זי גענומען אונטער'ן אָרעם און איז מיט איהר אריין אין שלאָף־צימער — פון איצט אָן דארפסטו זיך גוט צוזעהן, דו טאָרסט ניט האָבען קיין עגמת נפש, און דו דארפסט א סך רוהען... נעהם זיך ניט צום הארצען, מאָרגען וועט אלץ רעכט ווערען...

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָט נחום איינגעדרימעלט אויפ'ן הארטען באנק, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גוט ליכטיג. ער האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט, אויסגעריבען די אויגען און ער האָט זיך גענומען ארומקוקען... ווי עס ווייזט אוים איז נאָך גאנץ פריה. ער האָט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און ער האָט קיין לעבעדיגען מענשען ניט געזעהן אין דרויסען. ער האָט זיך גענומען דערמאנען אלץ וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. וואָס זאָל ער איצט טאָן? אומקעהרען זיך אהיים? ניין. דאָס קאָן ער ניט! ער וועט זיך שעהמען צו ווייזען די אויגען פאר אלעמען... אָבער וואוהין וועט ער געהן, אז ער האָט ניט קיין געלט. ווען ער וויים פריהער, וואָלט ער שוין זיך באזאָרגט מיט געלט... אָבער איצט, ווי קאָן עס זיך א קעהר טאָן אָהן געלט... זיין מח האָט שנעל געארבייט. פארשידענע געדאנקען זיינען איהם געקומען אויפ'ן זינען, אָבער ווען ער האָט נאָר א טראכט

געטאָן פון פּאטש וואָס זיין שווער האָט איהם געגעבען אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז פאר די אויגען פון אזוי פיל מענשען האָט ער באשלאָסען, אז אומקעהרען זיך אהיים איז פאר איהם אונמעגליך. באלד וועט קומען אהער דער שמש עפּענען דעם בית המדרש, ער וועט איהם זעהן און וואָס וועט ער איהם זאָגען? און א ווײלע שפּעטער וועלען קומען אידען דאווענען דעם ערשטען מנין. ער ווייסט, אז היינט איז א מארק־טאָג און ר׳ יהודה ליב וועט געוויס אויך קומען דאווענען דעם ערשטען מנין... אלע וועלען זיך דערוויסען פון זיין שאנדע... אפשר ווייסט מען שוין אין שטאָט וועגען דעם פּאטש וואָס זיין שווער האָט איהם געגעבען... ער שטעלט זיך פאָר ווי מען וועט אויף איהם קוקען מיט א שמייכעל... עס איז ביי איהם קיין צווייפעל ניט, אז יאנקעל ליץ וועט שוין האָבן פון וואָס מאכען שפּאס. ער וועט זיך אָנכאפּען פאר זיין באק און וועט מאכען אזוינע גרימאסען, אז אלע וועלען זיך קייקלען פון געלעכטער.

יאָ, ער מוז אנטלויפען פון דאנען וואו די אויגען וועלען איהם טראָגען. און טאקע וואָס שנעלער, איידער מען פאנגט אָן צו געהן אין בית המדרש דאווענען דעם ערשטען מנין.

ער האָט גענומען צוגעהן צום אָפּענעם פענסטער, און פּלוצלינג האָט ער דערזעהן די בלעכענע צדקה פּושקע וואָס איז צוגעקלאפּט צום וואנט. ער האָט געוואוסט אז דאָרט מוז איצט זיין היבשע עטליכע גילדען... ער האָט גענומען צוגעהן נעהנטער מיט א קלאַפּענדען הארצען... ער האָט א ווײלע באטראכט די פּושקע... דאָס שלעסעלע איז א גאנץ דינס, ער קען עס שנעל אָפּרייסען. אָבער ווי קען ער ביי זיך פּועל׳ן צו באַ׳גנב׳ענען די צדקה פּושקע!... וואָס איז ער א גנב!... ער האָט אָנגעריהרט מיט זיין האנט דאָס שלעסעלע, דערנאָך האָט ער א טרייסעל געטאָן די פּושקע... ווי עס ווייזט אוים איז די פּושקע פול מיט געלד... נאָך אלעמען ווייס דאָך קיינער ניט אז ער געפינט זיך אין בית המדרש...

די טיהר איז דאָך פארשלאָסען פון דרויסען. ער וועט ארויסגעהן דורכ׳ן פענסטער, פּונקט ווי ער איז אריינגעקומען און דער חשד וועט קיינמאָל אויף איהם ניט פאלען... ער מוז האָבען דאָס געלד, אָהן דעם קען ער זיך ניט ריהרען פון אָרט... ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבען קיין חשבון ווי אזוי דאָס איז געשעהן, אָבער ער האָט פּלוצים געזעהן אז דאָס שלעסעלע איז אין זיינע הענט און די פּושקע איז געווען אָפען. ער האָט א קוק געטאָן און ער האָט דערזעהן אז די פּושקע איז אָנגעפילט מיט מטבעות, קופּערנע און אויך זילבערנע. ער האָט שנעל גענומען ארייננטאָן די מטבעות אין זיינע קעשענעס... א פּאָר מטבעות האָבען זיך צעשאָטען איבער׳ן דיל, אָבער ער האָט זיי דאָרט געלאָזט ליגען. ער האָט זיך שנעל געלאָזט צום פענסטער... ער האָט זיך גוט ארומגעקוקט און זעהענדיג אז קיינער געפינט זיך ניט אין דרויסען, האָט ער גלייך גענומען ארויסקלעטערען פון פענסטער. ווען ער האָט זיך שוין געהאלטען ביים ארונטערלאָזען פון פענסטער, האָט ער, צו זיין גרוים שרעק באמערקט אז אימיצער קומט אָן. זיין הארץ האָט א צאַפּעל געטאָן. ער איז איצט ניט אהער און ניט אהין. אריינקריכען צוריק קען ער ניט, מען וועט דאָך באלד אריינקומען און איהם דאָרט דערזעהן... ער האָט זיך ארונטערגעלאָזט צום באָדען.

ווי גרוים איז געווען זיין איבערראשונג ווען ער האָט באמערקט אז אנטקעגען קומט איהם אָן ר׳ יהודה ליב... ער האָט זיך געוואָלט אוועקדרעהען אָבער איידער ער האָט עס באוויזען צו טאָן איז שוין ר׳ יהודה ליב געשטאנען ניט ווייט פון איהם און איהם באטראכט מיט א שמייכעל.

— ווי איך זעה, נחום, האָט דיר דיין שווער׳ס פּאטש געמאכט פאר א בעל תשובה. דו ביזט א גאנצע נאכט געזעסען א "משמר"... אז די טיהר פון בית המדרש איז צוגעשלאָסען פון דרויסען, קריכסטו אריין און ארוים דורך דעם פענסטער. פון דעסטוועגען גלויב איך, אז מעהר קיין בריף און קיין מסירות וועט זיך דיר ניט וועלען שרייבען.

נחום האָט איהם ניט געענטפערט. ער האָט געוואוסט אז איצט מוז ער

וואָס שנעלער פון דאנען זיך אָפּטראָגען. איצט האָט ער מעהר קיין ברירה ניט. באלד וועט מען אויסגעפינען אז אימיצער האָט באַ'גנב'עט די צדקה־פושקע, און אז דאָס איז זיין ארבייט. מען וועט איהם ארומזוכען און אז מען וועט איהם כאַפּען וועט מען איהם נאָך אריינזעצען אין תפיסה. וואָס האָט ער געטאָן? ער איז א גנב! ער האָט גענומען שטעלען שנעלע טריט. ער האָט זיך ארומגעקוקט אויב מען יאָגט איהם ניט נאָך. ער האָט אריינגעשטעקט זיינע הענט אין די קעשענעס און ער האָט גענומען פיהלען די מטבעות... ער וועט דינגען א פוהר, ער מוז זיך פון דאנען וואָס שנעלער דערוויטערען... ער איז שוין געווען הינטער דער שטאָדט, ער האָט באַמערקט ווי פּויערים קומען אָן מיט זייערע וועגענער, דאָס פאָהרען זיי אין קיידאַן צום מארק. ער איז אוועק אָן א זייט, ווייל ער האָט מורא געהאט טאָמער וועט איהם איינער פון די פּויערים דערקענען און ער וועט דערצעהלען וואו ער האָט איהם געזעהן... נאָכדעם ווי ער איז אזוי אָפּגעגאנגען עטליכע וויאָרסט, האָט ער באמערקט ווי א פוהר קומט אָן פון א זייטיגען דאָרף און פארנעהמט זיך אויף דעם זעלבען וועג וואו ער געהט. ער האָט א מאך געטאָן מיט זיין האנט, דער פּויער האָט אָפּגעשטעלט זיין פערדעל.

— וואוהין פאָהרסטו? — פרעגט איהם נחום.

ווען דער פּויער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון דאָרף, האָט נחום אים געזאָגט אז ער וויל אויך אהין פאָהרען. און ער וועט איהם באַפרידיגען, און אזוי רײדענדיג האָט ער ארויסגענומען א פּאָר מטבעות און ער האָט דערלאנגט דעם פּויער, וועלכער האָט איהם געהייסען זיך אריינזעצען אין פוהר.

נחום האָט זיך אריינגעזעצט אין פוהר און אין א פּאָר שעה ארום איז ער שוין געווען אין דאָרף. ער איז געוואָרען הונגעריג און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויב עס איז פאראן ניט וויט פון דאנען א אידישע קרעטשמע. ווען מען האָט איהם געזאָגט אז די קרעטשמע איז צוויי וויאָרסט וויט, האָט ער געדונגען א פוהר און ער איז אהין צוגעפאָהרען. ווען ער איז אריינגעקומען אין קרעטשמע, האָט ער פון קרעטשמאר געבעטען ער זאָל איהם באָרגען א פּאָר תפילין.

דער קרעטשמאר האָט איהם געגעבען די תפילין און נחום האָט זיך געשטעלט דאווענען, און נאָכ'ן דאווענען האָט ער פארלאנגט עסען. ווען ער האָט אָפּגעגעסען און אָפּגעבענשט האָט ער גענומען איבערצעהלען זיין געלד. אין צימער איז קיינער ניט געווען. ער האָט פריהער אויסגעלײדיגט איין קעשענע און נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעצעהלט א הויפען מטבעות און זיי אריינגעלייגט אין דער ליידיגער קעשענע, ביז וואנען ער האָט אזוי איבערגעצעהלט דאָס גאנצע געלד, וואָס איז געווען א סומע פון צוויי־און־צוואנציג גילדען, האָט ער איצט גענומען טראכטען וואָס ווייטער צו טאָן.

ער האָט אויסגעפונען אז אין דער קרעטשמע שטעלען זיך גאנץ אָפט אָפּ די בעלי עגלות וועלכע פאָהרען פון ווילנע קיין קיידאַן, און ער האָט דאריבער ניט געוואָלט אז מען זאָל איהם דאָ טרעפען, ווייל דאָס רוב בעלי עגלות האָבען איהם געקענט, און ווען ער האָט אויסגעפונען אז א פּויער וועט אויף מאָרגען גאנץ פריה אָפּפאָהרען נאָך ווילנע, האָט ער זיך מיט איהם באדונגען ער זאָל איהם מיטנעהמען מיט זיך אויף זיין פוהר.

דעם גאנצען טאָג איז ער אָפּגעזעסען אין זיין צימער פאר מורא, טאָמער קומט אָן א בעל עגלה וועלכער קען איהם. ער האָט דעם בעל אכסניא געזאָגט אז זיין נאָמען איז ברוך, און ער האָט ניט געוואָלט אז ער זאָל אויסגעפינען אז ער האָט איהם אָפּגענארט.

אויף מאָרגען גאנץ פריה איז ער אָפּגעפאָהרען מיט'ן פּויער קיין ווילנע. דאָ אין א גרויסער שטאָט, האָט ער זיך געטראכט, וועט מען ניט וויסען ווער ער איז, ער וועט אוועק אין א קלויז און ער וועט דערווייל דאָרט לערנען, אפשר וועט ער געפינען נאָכהער א פּלאַץ וואו איינצושטעהן. ער האָט געוואוסט אז דאָס געלד וועט אים ניט קלעקען אויף לאנג, און ער וועט דארפען זיין פארזיכטיג און זעהן ניט

אויסצוגעבען קיין געלד. ער איז אריין אין א קליין קלייזעל אויפ'ן שוהל־הויף, און ער האָט זיך באפריינדעט מיט'ן שמש. ער האָט איהם געזאָגט אז ער קומט פון קאָוונע און אז ער וויל בלייבען אין ווילנע. ער האָט זיך געזעצט לערנען. דער שמש האָט איהם געגעבען א גמרא, און ווען נחום האָט איהם געגעבען א קופּערנעם צעהנער האָט ער איהם גענומען צוזעהן נאָך בעסער . . .

קאַפּיטעל צוועלף

אין ר' אשר'ס הויז האָט קיינער יענע נאכט שוין ניט געשלאָפען. ציפּע איז געלעגען אין בעט און געקרעכצט. ר' אשר און זיין פרוי זיינען געלעגען אין זייערע בעטען און גערעדט צווישען זיך. זי האָט איהם געגעבען א פּאָרציע פאר זיין האנדלונג, און די פערצעהן יעהריגע שפרה, וועלכע האָט געוואוסט אז עפּעס האָט פּאסירט צווישען איהר שוואָגער און איהר פּאָטער, און אז איהר שוואָגער, נחום, איז ניט געקומען נעכטיגען, איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען מעהר איינצעלהייטען, און דאריבער ווען זי האָט אין איהר צימער דערהערט א היציגען געשפּרעך צווישען טאטע־מאמע, איז זי ארונטער פון איהר געלעגער און צוגעניינט איהר אויער צו דעם שפּאניש'ן ווענטעל וואָס האָט אָפּגעטיילט איהר צימער פון דעם צימער פון אירע עלטערען, און א גאנצע נאכט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך... זי איז פון דעם דערגאנגען אז איהר טאטע האָט געפּאטשט איהר שוואָגער, ווייל ער האָט עפּעס געזאָגט אין ר' יהודה ליב'ס הויז וועגען א בריף וואָס ער האָט געשריבען צו אליהו'ס פּאָטער אין ווילנע, און אז ער האָט גאָר געמיינט איהר, שפרה'ס טובה ... וואָס פאר א טובה פאר איהר האָט ער געמיינט? דאָס איז זי געווען נייגעריג אויסצוגעפינען, און דאריבער האָט זי שוין ניט אָפּגעטראָטען פון דאָרט. זי האָט ניט געוואָלט פארפעהלען א וואָרט, און פון איהר פּאָטער'ס פארענטפערען זיך, און איהר מוטער'ס פּאָרווירפע, האָט זי פארשטאנען אז איהר שוואָגער האָט געוואָלט אז דער שידוך צווישען חנה'ן און אליהו'ן זאָל ניט פארקומען, כדי דער יונגער גאון, אליהו, זאָל גאָר ווערען איהר, שפרה'ס חתן... ווען זי האָט דאָס דערהערט איז זי ש.ין גלייך צוריקגעגאנגען צו איר געלעגער.

זי האָט זיך איבערגעדעקט מיט איהר קאָלדרע און זיך גענומען פּאָרשטעלען ווי זי איז די כלה... ווי מען פיהרט זי צו דער חופּה מיט דעם גרעסטען למדן, פון וועמען עס קלינגט די וועלט, ווי איהר פּאָטער האָט זיך אליין אויסגעדריקט... זי האָט אין איר הארצען געדאנקט איהר טייערען שוואָגער, וועלכער האָט עס געטאָן פון איהר'ט וועגען... און זי איז אין כעס געווען אויף איהר טאטען פארוואָס ער האָט געהויבען א האנט אויף איהר געטרייען שוואָגער.

זי האָט זיך אויפגעכאפּט גאנץ פריה און זיך אָנגעטאָן, און ווען זי האָט געזעהן ציפּע'ן ארויסגעהענדיג פון איהר צימער, מיט פארוויינטע אויגען, איז זי צו איהר צוגעגאנגען און מיט א כליפּענדער שטימע געזאָגט:

— ציפּעניו, מיין שוועסטער, לאָמירביידע ארויסגעהן איהם זוכען.

ציפּע האָט איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך וויים אלץ, — האָט זי געזאָגט, — דו האָסט זיך ניט וואָס צו שעמען פאר דיין אייגענער שוועסטער... איך וויים אז ער האָט געשריבען א בריף צו אליהו'ס פּאָטער, און איך וויים אויך אז ער האָט עס געטאָן פאר מיין טובה וועגען.

— ווער האָט דאָס דיר אלץ דערצעהלט? — פרעגט איהר ציפּע, ווישענדיג איהרע אויגען.

— טאטע־מאמע האָבען זיך א גאנצע נאכט געאמפּערט צווישען זיך, און זיי האָבען גערעדט אזוי הויך אז איך האָב אלץ געהערט. דער טאטע האָט קיין רעכט ניט געהאט איהם אזוי צו באהאנדלען.

— געה צוריק שלאָפען, — האָט ציפּע זיך צו איהר אָנגערופען, — עס איז ניט דיין עסק. עס איז זעהר ניט שעהן פון דיר זיך צוצוהערען וואָס עלטערע מענשען ריידען.

— וואָס האָסטו געוואָלט, אז איך זאָל פארשטאָפּען מיינע אויערען און

ניט הערען? — האָט שפרה זיך פאַרענטפערט, — זיי האָבען גערעדט אַזוי הויך, אַז ליגענדיג אויף מיין געלעגער האָב איך געקענט הערען יעדעם וואָרט. איך ווייס אפילו אַז אין גיכען וועל איך האָבען אַ פּלימעניקעל...

— שווייג שטיל! — האָט זיך ציפּע אויף איהר אַ בייזער געטאָן, — דו הערסט, דו זאָלסט האַלטען דיין מויל! דו רייד פאַר קיינעם ניט וועגען דעם, אפילו ניט צו נחום'ען, דו הערסט!... אויב ניט וועל איך שוין זעהן אַז דו זאָלסט קריגען אַ חלק פון טאַטען.

— איך וועל פאַר קיינעם ניט רייּדען, אָבער עס וועט לאַנג ניט נעמען און אַלע וועלען דאָך אַליין פאַרשטעהן — האָט שפרה זיך אָנגערופען, רויט ווערענדיג.

— אָ, מיין ליעבע שוועסטער! — האָט ציפּע זי אַרומגענומען און געקושט, — איצט אַז איך דאַרף זיך פּיהלען אַזוי גליקליך, דאַרף פּאַסירען אַזאַ זאַך! גאָט ווייסט, אויב איך וועל איהם שוין זעהן!

— וואָס רעדסטו, ציפּע, ער וועט זיך באַלד אומקעהרען. עס פאַרשטעהט זיך אַז ער האָט געהאַט אַ רעכט אין כעס צו ווערען אויף דעם טאַטען, און ניט קומען נעכטיגען פאַר איין נאַכט, אָבער באַלד וועט ער מסתמא קומען אַהיים. ווען דער טאַטע וואָלט מיר געגעבען אַ פּאַטש פאַר פרעמדע מענשען וואָלט איך אויך געוואָלט אַוועקגעהן פון הויז, און ווען איך וואָלט געהאַט ביי וועמען איבערצונעכטיגען, וואָלט איך דאָרט איבערגענעכטיגט די נאַכט.

— ווען איך ווייס אַז ער האָט דאָ ערגעץ איבערגענעכטיגט, וואָלט איך ניט געווען אַזוי באַזאָרגט און צושראָקען, אָבער גאָט ווייסט אויב ער געפינט זיך שוין אין גאַנצען דאָ אין קיידאַן... איך בין געווען אומעטום, ביי יעדען פון זיינע חברים אין הויז, און קיינער האָט איהם ניט געזעהן... איןביידע בתי מדרשים בין איך געווען מיט'ן טאַטען, און איהם ניט געפונען. וואו קען ער דאָ פאָרט זיין?...

— דו וועסט זעהן, ציפּע, איך וועל איהם באַלד אויפזוכען, — האָט שפרה זיך אָנגערופען, — איך בין זיכער אַז ער איז דאָרט!

— וואו דאָרט?

— דו וועסט שוין זעהן! — האָט שפרה געזאָגט מיט אַ שמייכעל. זי האָט געטראַכט וואָס זי וואָלט געטאָן אונטער אַזעלכע אומשטענדען. זי וואָלט זיך באַהאַלטען אין שייער און געשלאָפען דאָרט אויף די היי... יאָ... געוויס האָט עס נחום אויך געטאָן.

— דו רעדסט ווי דו זאָלסט געווען זיכער, — האָט ציפּע איהר אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג, — אדרבא, זאָג מיר וואו איז ער?

— דו בלייב אין שטוב פאַר אַ ווייּלע און דו וועסט באַלד זעהן אַז איך וועל מיט איהם אַריינקומען...

— וואָס איז דאָס? — האָט ציפּע אויסגערופען, — דו האָסט סודות, איך מיין אַז דו האָסט די גאַנצע צייט געוואוסט וואו ער איז און דו האָסט מיר ניט געוואָלט זאָגען!...

שפרה האָט שמייכלענדיג צוגעשאָקעלט מיט איהר קאָפּ.

— אָ, דו טייוועל, דו, — האָט ציפּע אויסגערופען, און איהרע אויגען האָבען זיך צעלויכטען פון גליק, — ווי האָסטו געקענט צוזעהן מיין צער! זאָג מיר שוין, שנעלער, וואו איז ער? אָ, שפרה'לע, קרוין, האַרץ מיינס, ציה מיר ניט אַרויס די נשמה! . . .

— דאָס וועט בלייבען אַ סוד צווישען מיר און נחום'ען, — האָט שפרה געזאָגט, — פאָלג מיך, בלייב איבער אין שטוב פאַר אַ ווייּלע און איך וועל איהם שוין ברייּנגען... אָבער געדענק, דו וועסט מיר דאַרפען צוזאָגען זיך ניט מעהר צו בייּוערען אויף איהם... אַ פרוי דאַרף האָבען דרך ארץ פאַר אַ מאַן... דו וועסט זעהן, אַז ווען איך וועל חתונה האָבען, וועט מיין מאַן ניט הערען קיין הויכען וואָרט פון מיר... אויף די שפּיץ פינגער וועל איך געהן כדי איהם ניט צו שטערען...

— נו, געה שוין, קליינער מזיק!

— האָט ציפּע אויסגערופען, — מיר געהט אויס דאָס חיות, און זי שטעלט זיך מיר זאָגען מוסר!

— פריהער מוזט מיר צוזאָגען אַז דו וועסט מיר ניט נאָכפאָלגען, און

אז דו וועסט אפילו ניט ארויסקוקען דורכ'ן פענסטער. הא, זאָגסטו מיר צו?

— יאָ, יאָ, איך זאָג דיר צו, אָבער מאך דאָס שנעלער, די נשמה געהט מיר ארוים!

שפרה איז ארוים פון שטוב, און זי האָט זיך פריהער אומגעקוקט צי איםיצער באמערקט ניט. זי האָט אויך ארויפגעקוקט אין פענסטער און ווען זי האָט זיך איבערצייגט אז קיינער קוקט ניט, איז זי שנעל צוגעלאָפען צום שייער, זי איז געבליבען שטעהן א ווײלע און דאן האָט זי פּאוואָלע געעפענט די טיהר פון שייער און מיט א לייכטער שטימע געזאָגט: "נחום!"

ווען זי האָט ניט געהערט קיין ענטפער, איז זי גלייך צוגעלאָפען צו דער קופּע היי און גענומען ארומטאַפען און ארומזוכען, און זי האָט גוט באטראכט דעם שייער, קאָנטיג אז עס איז דאָ קיינער ניט געווען. אז ענטוישטע האָט זי זיך צוריקגעקעהרט אין שטוב.

נו, וואו איז ער? — האָט ציפּע אויסגערופען מיט ציטער אין איהר שטימע, — ער וויל ניט ארויסקומען פון שייער, וואַרט, ביי מיר וועט ער שוין ארויסקומען! וואָס איז דאָס! ער שפּיעלט זיך מיט מיר אין באַהעלטעניש!

איידער שפרה האָט איהר באוויזען צו ענטפערען און זאָגען אז ער איז גאָר אין שייער ניט געווען, איז שוין ציפּע ארויסגעלאָפען אין דרויסען, אויפגערעגט און אין כעס... זי וועט איהם שוין ווייזען ווי אזוי צו האנדלען ווי א קאפּריזנע קינד און פארזאָרגען אלעמען א שלאָפלאָזע נאכט . . .

זי האָט אן עפען געטאָן די טהיר מיט האסט און א געשריי געטאָן: "נחום, קום שוין ארוים פון דאָרט"! ווען זי האָט קי־ן ענטפער ניט באַקומען, איז זי שוין אריין אינווייניג און גענומען זוכען, און אז זי האָט איהם דאָ ניט געפונען, איז זי צוריק אריינגעלאָפען אין הויז און זיך צעשריען אויף שפרה'ן:

— וואָס מיינסטו, דו וועסט חוזק מאכען פון מיר! אין אזא צייט ליגט איהר גאָר אין זינען זיך צו וויצלען. קיינער איז אין שייער ניט געווען.

— איך בין זיכער אז ער געפינט זיך דאָרט! — האָט שפרה געזאָגט, — וואו דען וועט ער נעכטיגען א גאנצע נאכט?

— אלע מיינע בייזע, וויסטע חלומות אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! — האָט ציפּע זיך צעשריען, — האָסטו געזעהן אזא מויד! מענש מיינער! זי ווייסט וואו ער איז!

די מאמע וועלכע איז שוין געווען אויפגעשטאנען און זיך אָנגעטאָן, האָט דערהערט די קולות, איז זי אריינגעלאָפען און געפרעגט וואָס עס איז ועשעהן.

— וואָס זאָגסטו אויף דיין כלה־מויד?... זי הערט זיך צו אלץ וואָס מען רעדט, און נאָכהער געהט זי טרייבען שפּאס אויף מיין חשבון!

— איך האָב ניט געטריבען קיין שפּאס, — האָט שפרה מיט טרעהרען אין איהר שטימע געזאָגט, — איך האָב געמיינט אז ער געפינט זיך אין שייער. וואו דען קען ער זיין!

— עס איז ניט דיינע געשעפטען, — רופט זיך אָן די מאמע צו איהר, — אז מיר ווילען דיך פרעגען וועסטו אונז זאָגען!

דערווייל איז דער טאטע ארויסגעקומען, און ווען ער האָט אויסגעפונען וואָס עס האָט דאָרט פּאסירט, האָט ער זיך גוט אָנגעבייזערט אויף שפרה'ן, און ער האָט איהר אָנגעזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט, אז זי זאָל ניט וואגען זיך צו מישען אין פרעמדע עסקים.

— זאָרג ניט, ציפּע, — האָט ער זיך אָנגערופען צו איהר, — דו וועסט זעהן אז איך וועל זיך מיט איהם צוריקקעהרען פון בית המדרש.

ר' אשר האָט גענומען זיין טלית און תפילין און ער איז אוועק דאווגען אין קליינעם בית המדרש, ווייל ער האָט זיך ניט געוואָלט טרעפען מיט ר' יהודה ליב'ן, וועלכער פלעגט שטענדיג דאווענען אין גרויסען בית המדרש. אָבער צו זיין גרויסען פארדרום האָט ער ערשט דאָרט זיך מיט אים געטראָפען.

— א גערום אייך פון אייער איידעם, — האָט זיך ר' יהודה ליב געוועדעט צו ר' אשר'ן, — ווי עס

ווייזט אויס, האָט אייער פּאַטש איהם געהאָלפען. ער איז געזעסען א "משמר" א גאַנצע נאַכט, טאַקע דאָ אין בית המדרש. ווען איהר דאַרפט פרעגען ווי אזוי איז ער אריינגעקומען אהער ווען די טיהר פון בית המדרש איז געווען צוגעשלאָסען? נו, אז מען האָט גרויס חשק צום לערנען, גיט מען זיך אן עצה. ווען ער האָט געזעהן אז די טיהר איז פארשלאָסען פון דרויסען, האָט ער זיך אריינגעכאַפּט אין בית המדרש דורכ'ן פענסטער... ווען איהר דאַרפט מיך פרעגען: פון וואנען איך ווייס עס? וועל איך אייך ענטפערען, אז איך האָב איהם געזעהן ארויסקלעטערען דורכ'ן פענסטער, און עס איז פארשטענדליך, אז אויב מען קלעטערט ארויס פון בית המדרש דורכ'ן פענסטער דאַרף מען דאָך פריהער אהין אריינקלעטערען.

ר' אשר איז די גאַנצע צייט געבליבען שטעהן ווי געפּלעפּט... ער האָט איהם געוואָלט פרעגען ווען און וואָס. אָבער ער האָט זיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען. פארוואָס זאָל ער געהן דערצעהלען אז נחום האָט א גאַנצע נאַכט ניט גענעכטיגט אין דער היים. ער האָט געוואַרט אז באַלד, באַלד, וועט ער אליין אָנקומען. געוויס וועט נחום קומען היינט דאַוונען אין קליינעם בית המדרש, וועט ער זיך שוין מיט איהם איבערבעטען. עס איז ניט אזוי געפעהרליך... ער איז דאָך פּאָרט מיט א פּאָר יאָהר עלטער פאר איהם...

ווען אָבער עס איז אוועק א שטיקעל צייט און מען האָט שוין געהאַלטען נאָך שמונה עשרה און נחום האָט זיך נאָך אלץ ניט באַוויזען, איז ער צוגעקומען צו ר' יהודה ליב'ן און אין דער שטיל איהם א פרעג געטאָן: "זאָגט מיר, ר' יהודה ליב, ווען האָט איהר געזעהן נחום'ען?"

— וואָס הייסט ווען! אין דער צייט וואָס איך בין אהער געגאַנגען דאַוונען. די טיהר איז געווען פארשלאָסען אויפ'ן שלאָס, איך האָב געדאַרפט וואַרטען אויפ'ן שמש מיט די שליסלען, האָב איך געזעהן נחום'ן ארויסקלעטערענדיג פון פענסטער אזוי שנעל ווי איך בין צוגעקומען צום בית המדרש. ווייזט אויס, אז ער איז שוין געווען מיט איין פוס אין דרויסען, האָט ער מיך באַמערקט און ער האָט געוואָלט צוריקקלעטערען אינווייניג, אָבער ער האָט שוין באַמערקט אז איך האָב איהם געזעהן, איז ער שוין ארונטערגעשפּרונגען.

— און וואוהין איז ער געגאַנגען?

— פון וואנען זאָל איך וויסען? ער האָט מיר אפילו ניט געוואָלט ענטפערען אויף מיין "גוט מאָרגען", פּונקט ווי איך וואָלט געווען דער שולדיגער געגען איהם, און ניט ער געגען מיר!... ער איז געווען אָנגעבלאָזען און האָט זיך געאיילט צו געהן.

— נו, מילא, ער וועט מסתמא בעסער ווערען, — רופט זיך אָן ר' אשר.

— ווי עס ווייזט אויס האָט ער ניט גענעכטיגט אין דער היים! — רופט זיך אָן ר' יהודה ליב.

— יאָ, ער האָט געמיינט, אז ער וועט אונז אָנשרעקען. נישקשה, ער וועט זיך איבערבעטען. עס קען זיין, אז איך האָב איהם דעם פּאַטש ניט באַדאַרפט געבען ביי אייך אין הויז, דאָס וואָלט איך באַדאַרפט טאָן ביי זיך אין דער היים, אָבער ווען איך פּאַטש איהם ניט אָן פאר אייך אין די אויגען, וואָלט איהר נאָך געקענט מיינען, אז ער איז געווען גערעכט, אז איך האָב טאַקע געהאַט א חלק אין זיין עקעלהאַפטען בריף...

— איך האָב גלייך פארשטאַנען אז דאָס שטאַמט ניט פון אייך, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט — דאָס האָט געפּאַסט פאר א ליידיגגעהער, וועלכער האָט שוין קיין אנדער ארבייט ווי נאָר צו שרייבען פּאַסקווילען...

— מיינט איהר אז ער האָט געמיינט שלעכטעס צו טאָן? עס איז אין איהם גלאַט אריין א משוגעת אין קאָפּ. גלויבט מיר, אז ער האָט שטאַרק חרטה געקראָגען נאָכדעם...

— א פיינע זאַך, ער "האָט גאָרניט געמיינט", וואָס ווייסט איהר, וויפיעל עגמת נפש איך און מיין גיטעל האָבען געהאַט פון דעם!...

— נו, עס איז דאָך שוין פארפאַלען, — האָט ר' אשר זיך אָנגערופען, — מיר וועלען נאָך אלץ גוט מאַכען. איהר וועט זעהן, אז איהר וועט אויך נחום'ן איינלאַדען צו אייער טאָכ־

טער'ס חתונה, אם ירצע השם, און מיר וועלען זיך מיט אייך מיטפרעהען. גלויבט מיר, אז איך פארגין אייך מיט'ן גאנצען הארצען. אָבער לאָמיר אייך זאָגען, אז ניט יעדען טאָג טרעפט זיך אזא שידוך... עפּעס א קלייניגקייט! אזא גאון, ווי אליהו איז, זאָל ער געזונט און שטארק זיין, און טאקע זאָלען זיי ביידע, אליה׳ און אייער טאָכטער, האָבען לאנגע, גליקליכע יאָהר.

— איך דאנק אייך זעהר, — זאָגט איהם ר' יהודה ליב, — אָבער מיר האָבען זיך שוין צופיעל פארשמועסט אין מיטען דאוונען...

דער מנהג אין קיידאן איז געווען, אז נאָכ'ן דאוונען פלעגט יעדער איינער, איידער ער פלעגט פארלאָזען דעם בית המדרש, אריינוואַרפען א מטבע אין פּושקע, כדי מען זאָל שוין, אין דער פריה, האָבען מקיים געווען צוויי מצוות, תפלה און צדקה. דאָס רוב בעלי בתים פלעגען ניט געהן אהיים גלייך נאָכ'ן דאוונען, נאָר זיי פלעגען אין טלית און תפילין זיצען און אָפּלערנען א פּרק משניות, אָדער א בלאט גמרא. די וועלכע האָבען ניט געקענט לערנען, פלעגען זאָגען עטליכע קאַפּיטלעך תהילים. איז א מארק־טאָג אָבער פלעגען זיך די אידען איילען צום מארק, און דאריבער פלעגען זיי אריינוואַרפען אביסעל מעהר אין פּושקע פאר צדקה צו פארגיטיגען דאָס וואָס זיי האָבען היינט קיין צייט ניט געהאט צום לערנען... און אין דערזעלבער צייט בעטען גאָט אז צוליעב דעם זכות פון צדקה זאָל ער צושיקען א גוטען פדיון...

מען האָט געענדיגט "עלינו" און קדיש יתום, און די אידען האָבען שוין צוזאמענגעלייגט טלית און תפילין. אייניגע האָבען צווישען זיך גערעדט וועגען דעם יקרות וואָס די פּויערים מאכען אָן אויף זייערע סחורות און אין וואָס די אידען אליין זיינען שולדיג, ווייל זיי דינגען אויס איינער ביים צווייטען.

פּלוצלינג, דערהערט מען ווי א איד שרייט אויס: "ר' צמח! וואָס איז דאָס? קומט נאָר אהער!"

ר' צמח, דער שמש, וועלכער איז נאָך געווען אין זיין טלית און תפילין, איז שנעל צוגעלאָפען און נאָך איהם די אנדערע אידען וועלכע האָבען געהאלטען ביים צונויפלייגען זייערע תפילין.

— וואָס איז געשעהן? — האָט מען גענומען פרעגען.

— גיט א קוק! — האָט דער איד אָנגעוויזען, — איך געה צו צו דער פּושקע, און איך וויל אריינוואַרפען דאָרט א מטבע, זעה איך אז דאָס שלעסעל איז ארונטערגעריסען, די פּושקע איז אָפען און ליידיג!

— אוי, וועה! א גנב! — האָט דער שמש אויסגערופען, — א גנב איז אריין דורכ'ן פענסטער און ארויסגע'גנב'עט דאָס געלד פון דער פּושקע. איך האָב טאקע געפונען אָט יענעם פענסטער אָפען... איך געדענק גוט, אז איך האָב צוגעמאכט אלע פענסטער איידער איך האָב פארשלאָסען דעם בית המדרש, איך האָב טאקע געפונען א ליכט אויפ'ן טיש, וואָס מען האָט ארויסגענומען פון שופלאָד, וואָס איז אויך געווען אָפען ווען איך בין פריהער צוגעגאנגען אהין.

— ווי קומט אהער א גנב! — רופט זיך אָן איין איד, — ווער האָט געקענט אריינקומען אהער דורכ'ן פענסטער?

ר' יהודה ליב האָט אָנגעשטעלט א פּאָר אויגען אויף ר' אשר'ן . . .

— וואָס קוקט איהר אזוי אויף מיר! — האָט ר' אשר זיך אָנגערופען, — פון אייער קוקען אויף מיר קען מען מיינען אז איך בין דער גנב!

— איהר ווייסט דאָך, ר' אשר, ווען איך האָב היינט אין דער פריה געטראָפען ארויסקלעטערענדיג פון פענסטער! . . .

— ווער איז דאָס געווען? — האָבען די אנדערע אידען גענומען איהם פרעגען.

— איהר, ר' צמח, ווייסט דאָך אויך. איך האָב דאָך אייך געזאָגט ווען איהר זייט אָנגעקומען עפענען דעם בית המדרש.

— יאָ, ר' יהודה ליב, איהר זייט גערעכט! איהר האָט מיר געזאָגט, אז איהר האָט געזעהן ווי נחום, ר' אשר'ס איידעם, האָט ארויסגעקלעטערט דורכ'ן פענסטער.

— נחום, ר׳ אשר׳ס אײדעם! — האָבען אלע אויסגערופען מיט ערשטוינונג.

— ווילט איהר, הייסט עס, ווארפען א חשד אז מיין אײדעם האָט באַגנב׳עט די פּושקע! — האָט ר׳ אשר מיט צאָרן אויסגערופען.

— איך וואַרף אויף קײנעם קײן חשד ניט, — האָט ר׳ יהודה ליב געזאָגט, — איך דערצעהל בלויז וואָס איך האָב געזעהן... זאָלען אנדערע דערפון דרינגען וואָס זיי ווילען... און טאקע, זאָגט איהר אליין, ר׳ אשר, האָב איך אייך דען פריהער ניט דערצעהלט וועגען נחום׳ן, ווי אזוי ער האָט ארויסגעקלעטערט פון יענעם פענסטער, און טאקע, אין מיטען דאווענען זייט איהר צוגעקומען און גענומען אויספרעגען די איינצעלהייטען ווי אזוי און וואָס און וואוהין ער איז געגאַנגען, הא, ניט אמת?

— המ... יאָ... אָבער ווי קומט מען אָבער צו ווארפען אפילו א שטויב פון חשד אויף מיין אײדעם!...

— טאָ ווי אזוי דען וועט איהר ערקלעהרען זיין ארויסקלעטערען פון פענסטער? — האָט איינער פון די מתפּללים געפרעגט ר׳ אשר׳ן.

— ווי אזוי, גאָרניט! ער האָט דאָ פארבראכט די גאנצע נאכט, ווייל ער איז ברוגז געוואָרען אויף מיר און ער איז ניט געקומען נעכטיגען אין הויז...

— און וואו איז ער איצט? — פרעגט איהם א צווייטער איד.

— מן הסתם איז ער שוין אין דער היים!

— נעכטען ביינאכט, אײדער איך האָב צוגעשלאָסען דעם בית המדרש, האָב איך באמערקט אז די פּושקע איז ניט געריהרט געוואָרען, — האָט דער שמש געזאָגט, — דאָס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט. איך געדענק נאָך אז איך האָב געפונען א פּרוטה אויפ׳ן שלחן, און איך האָב עס אריינגעוואָרפען אין פּושקע...

— עס איז זעהר שווער צו פארשטעהן, — רופט זיך אָן א דריטער איד צו ר׳ אשר׳ן, — איהר אליין גיט צו אז אייער אײדעם איז דאָ אָפּגעוועזען די גאנצע נאכט, דאָס מיינט, אז ער האָט געהיט דעם בית המדרש פון גנבים. טאָ ווי אזוי קומט עס אז די פּושקע איז אויפגעבראָכען געוואָרען און דאָס גאנצע געלד איז ארויסגענומען געוואָרען פון דאָרטען?

— מיין עצה איז, אז מען זאָל פרעגען אייער אײדעם, אפשר ווייסט ער דערפון, — זאָגט א איד.

— איהר ווילט געבען א רמז אז דאָס איז מיין אײדעם׳ס ארבייט! — האָט זיך שוין ר׳ אשר גענומען היצען, — דאָס איז א חוצפּה!

— איך גיב ניט קיין רמזים, איך זאָג אז ווי באלד אז אייער אײדעם איז דאָ געוועזען א גאנצע נאכט אין בית המדרש, אפשר האָט ער אימיצען באַמערקט ארויסגעהענדיג צי אריינגעהענדיג אין בית המדרש... יאָ, עס וועט ניט שאדען אז מען וועט איהם א פרעג טאָן, מעגליך אז ער וועט אונז געבען א שפּור צום גנב...

— די פּושקע איז געוועזען כמעט א פולע, — האָט דער שמש אויסגערופען מיט פארדרוס, — דעם גאנצען זומער האָט מען געקליבען א פּרוטה צו א פּרוטה, און דאָ קומט א שווארץ יאָהר און נעמט אלץ צו...

— וואָס שטעהען מיר, מען דאַרף עפּעס טאָן! — האָט נאָך אימיצער אויסגערופען.

— ווער ווייסט, אפשר פעהלט נאָך עפּעס פון בית המדרש! גיט נאָר א קוק אין ארון קודש!

דער שמש איז צוגעלאָפען צום ארון קודש. ער האָט איהם אויפגעעפענט און ער האָט זיך באלד צוריקגעקעהרט און געזאָגט:

— ניין, פון ארון קודש איז גאָרניט געריהרט.

— איך פארשטעה ניט, — רופט זיך אָן איינער צום שמש, — איהר זאָגט, אז ווען איהר זייט ארוים פון בית המדרש איז דאָ קיינער ניט געוועזען און איהר האָט די טיהר פארשלאָסען פון דרויסען. טאָ ווי קומט דאָ, נחום?... האָט איהר איהם געגעבען די שליסלען?

— ווי קום איך איהם צו געבען די שליסלען אז איך האָב איהם נעכטען אין אווענט אפילו ניט געזעהן!

— נו, ווי אזוי איז ער טאקע אהער אריינגעקומען?

— אויף דעם זעלבען אופן ווי ער איז ארויסגעקומען פון דאנען היינט אין דער פריה. איהר האָט דאָך שוין געהערט אז איך האָב איהם געטראָפען פּונקט דאן ווען ער איז ארויסגעקראָכען פון פענסטער, און אז איך האָב איהם גענומען פרעגען, האָט ער מיר גאָרניט געענטפערט און איז שנעל אוועק אין דער צווייטער ריכטונג. — האָט ר׳ יהודה ליב א זאָג געטאָן.

— און וואָס וועט איהר איצט זאָגען, ר׳ אשר? — רופט זיך אָן צו איהם אן עלטערער איד, — גלויבט איהר ניט אז נחום דאַרף קומען אהער און אונז געבען אן ערקלעהרונג וועגען דעם גאנצען ענין?

— מה נאמר ומה נדבר! וואָס קען איך זאָגען? איך קען זיך ניט פאָרשטעלען אזא זאך, אָבער איך וועל שוין זעהן אז ער זאָל מיר געבען אן ערקלעהרונג. איצט בין איך אזוי דערשלאָגען און דערשיטערט, אז עס וועט זיין בעסער ווען איך וועל דערווייל גאָרניט ריידען.

דער שמש האָט באמערקט אויפ׳ן דיל א מטבע און זי אויפגעהויבען. ער האָט גענומען זוכען און ער האָט געפונען נאָך א פּאָר מטבעות.

— ווי עס ווייזט אויס, האָט דער גנב זיך שטארק געאיילט, האָט ער זיך אפילו ניט באמיהט אויפצוהויבען די אראָפּגעפאלענע מטבעות, — האָט דער שמש באמערקט.

ר׳ אשר׳ן האָבען די דאָזיגע ווערטער געשטאָכען ווי שפּיזען. ער רופט איהם "גנב", און געוויס מיינט ער דאָך זיין איידעם, ווייל דערווייל איז ער דאָך דער איינציגער אונטער חשד. ער האָט געשוויגען, ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין שטענדער, און ער האָט שווייגענדיג צוזאמענגעלייגט זיין טלית און תפילין. די אנדערע מתפללים זיינען זיך אויך צוגאנגען שווייגענדיג, יעדער צו זיין פּלאץ, איינינע האָבען פארענדיגט דאווגען, און געגאנגען אהיים. אין דרויסען האָבען זיי צווישען זיך גענומען ריידען. מען האָט שוין דערצעהלט וועגען דעם פּאטש וואָס נחום האָט געקראָגען פון זיין שווער צוליעב דעם בריף וואָס ער האָט געשריבען צו אליהו׳ס פאָטער אין ווילנע... ווען זיי האָבען באמערקט אז ר׳ אשר קומט אָן, האָבען זיי גענומען ריידען וועגען עפּעס אנדערש.

ר׳ אשר האָט זיך געאיילט אהיים ניט אזוי צוליעב דעם מארק, נאָר כדי אויסצוגעפינען אויב נחום האָט זיך שוין אָפּגעזוכט. ער האָט באשלאָסען מיט איהם צו ריידען וועגען דער פּושקע און הערען וואָס ער וועט זאָגען וועגען דעם.. פארבייגעהענדיג האָט ער זיך אויך אריינגעכאפּט אין גרויסען בית המדרש צו זעהן אויב ער איז דאָרט ניט געוועזן.

ווען ער איז אריין אין הויז, איז איהם ציפּע אנטקעגען געלאָפען און גלייך א פרעג געטאָן:

— נו, האָסטו איהם געזעהן?

ר׳ אשר האָט געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ אויף ניין, און דערצו א קוועטש געטאָן מיט זיינע פּלייצעס.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט צו מיין אומגליק, צו מיין בראָך! — האָט ציפּע א פּאטש געטאָן מיט איהרע הענט, — ער איז ניטאָ! ווי אין וואסער אריין! . . .

— ער האָט גענעכטיגט אין קליינעם בית המדרש! — האָט ר׳ אשר געזאָגט צו זיין טאָכטער.

— אָבער מיר זיינען דאָך נעכטען ביינאכט געווען ביים קליינעם בית המדרש, — האָט ציפּע געזאָגט, — און מיר האָבען דאָך געפונען די טיהר צוגעשלאָסען פון דרויסען.

— דו געדענקסט, ציפּע, אז איך האָב דיר געזאָגט אז איך האָב באמערקט א ליכט ברענענדיג אין קלויז, און אין א ווילע ארום נאָכדעם ווי מיר האָבען פּרובירט איהם רופען, איז די ליכט אויסגעלאָשען געוואָרען.

— יאָ, איך האָב געמיינט אז דיר האָט זיך דאָס געדוכט, — האָט ציפּע געזאָגט.

— ניין, מיר האָט זיך שוין ניט געדוכט, ער איז דאָרט געווען!

— אָבער מיר האָבען דאָך געפונען די טיהר פארשלאָסען פון דרויסען! ווי אזוי האָט ער געקענט אריינגעהן אהין?

— ווי אזוי, פרעגסטו! איך וואָלט עס אפשר ניט געקענט באווייזען, דו

אויך ניט, אָבער ער איז אַ יונגער מענש, האָט ער געקענט אַרײַנקלעטערן און אַרויסקלעטערן דורכ'ן פענסטער.

— וואָס רעדסטו! פון וואַנען ווייסטו עס?

— פון וואַנען? מען האָט איהם היינט פאַרטאָג געזעהן אַרויסקלעטערנדיג פון פענסטער... און אויב ער האָט אַרויסגעקלעטערט האָט ער אויך געקענט אַרײַנקלעטערן.

— ווער האָט איהם געזעהן? — האָט ציפּע איהם געפרעגט.

— טאַקע ר' יהודה ליב אַליין! ער האָט איהם געזעהן ווי ער קריכט אַרויס פון פענסטער. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך מיט איהם צו ריידען, אָבער נחום האָט איהם ניט געענטפערט און ער איז שנעל אַוועק פון דאָרט.

— וואוהין איז ער אַוועק?

— דער גוטער יאָהר ווייסט איהם! איך בין געווען זיכער אַז ער וועט זיך צוריקקעהרען אין בית המדרש צום דאַוונען, און אַז איך האָב איהם ניט געזעהן, בין איך געווען זיכער אַז ער איז געגאַנגען אַהיים. אָבער איצט זעה איך ווי פאַרביסען ער איז...

— אפשר איז ער אַוועק אין גרויסען בית המדרש? — רופט זיך אָן ציפּע.

— איך בין שוין דאָרט אויך געווען, ער איז דאָרט ניטאָ. איך האָב געפרעגט דעם שמש און ער האָט אים ניט געזעהן.

— איך קען דיך ניט פאַרשטעהן טאַטע! — האָט ציפּע זיך צו איהם געווענדעט מיט טרעהרען אין די אויגען, — דו ביזט אַוועק אין בית המדרש אַזוי פריה און דו הערסט אַז ער איז נאָר וואָס אַוועק פון בית המדרש, טאָ ווי קומט מען עס ניט גלייך אַהיים און מען דערצעהלט אונז! מיר וואָלטען דאָך איהם דאַן געקענט גלייך אויפזוכען.

— אין מיטען דאַוונען האָב איך זיך דורכגערעדט מיט ר' יהודה'ן און ער האָט מיר דערצעהלט אַז ער האָט איהם געזעהן. נו, האָב איך געקענט לויפען אַהיים אין מיטען דאַוונען!...

— לאָמיר זיך שוין לאָזען איבער'ן שטאָט איהם אויפזוכען, — האָט ציפּע געוווישט איהרע אויגען, — מיר וועלען זיך נאָכפרעגען אומעטום.

— וואו איז די מאַמע? — האָט ער געפרעגט ציפּע'ן.

— די מאַמע און שפרה זיינען אַוועק אין קראָם. עס איז דאָך היינט עפּעס אַ מאַרק־טאָג!

— מיין גאָט! מיין גאָט! איך קען ניט פאַרשטעהן! מיין קאָפּ שפּאַלט זיך מיר. — האָט ר' אשר זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, — עס קען דאָך ניט זיין! ניין, ניין, ניט נחום.

— וואָס איז, טאַטע! האָסטו עפּעס געהערט וועגען איהם נאָך עפּעס?

— ניין, גאָרניט! — ענטפערט ר' אשר. און ציפּע האָט דערקענט אָן איהם אַז ער איז זעהר שטאַרק אויפגערעגט... זי איז געוואָרען נאָך שטאַרקער דערשראָקען און גענומען צושטעהן צו איהם:

— טאַטע, דו קענסט מיך ניט נאַרען, דו האָסט עפּעס געהערט און דו ווילסט עס פאַרבאָרגען פון מיר!

ר' אשר האָט גענומען אַרומשפּרייזען איבער'ן צימער הין און צוריק. ער האָט געגלעט זיין באָרד, געקוועטשט מיט די פּלייצעס, און זיך עטליכע מאָל געשטעלט ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסען.

— איך בעט דיך, טאַטע, דערצעהל מיר אַלץ וואָס דו ווייסט, — האָט ציפּע איהם ניט אָפּגעלאָזט, — זאָג מיר דעם אמת, איז ער אַוועק פון שטאָט?

— ווען דאָס וואָלט בלויז געווען דער פאַל, וואָלט איך זיך שוין אַזוי שטאַרק ניט גענומען צום האַרצען, — האָט ר' אשר גערעדט ווי צו זיך אַליין, אָבער ציפּע האָט עס געהערט און זי איז צוגעלאָפען צו איהם און מיט אַ היסטערישער שטימע איהם גענומען בעטען, וויינענדיג:

— טאַטע, זאָג מיר שנעל, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים! אוי, גוואַלד, איך וועל עס ניט אַריבערטראָגען! איז ער חלילה קראַנק געוואָרען . . . אָדער . . .

— זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז ווי איך וויים דיר וואָס צו זאָגען, מיין טאָכטער, — האָט ר' אשר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — איין זאַך איז זיכער,

אז ער איז געווען אין בית המדרש א גאנצע נאכט, און אז ער איז גאנץ פריה געזעהן געוואָרען פון ר׳ יהודה ליב׳ן ארויסקלעטערענדיג דורכ׳ן פענסטער... דאָס ווייסען שוין אלע...

— ני, איז וואָס! זאָלען זיי ווייסען! איך האָב אלץ איינם ניט ערווארט אז דיין פּאטש וואָס דו האָסט איהם געגעבען אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז זאָל בלייבען א סוד . . .

— גלויב מיר, אז ווען דאָס וואָלט געווען אלץ, וואָלט איך זיך אויך ניט גענומען שטארק צום הארצען, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — אָבער גראָד היינט, באלד נאָכ׳ן דאוונען, האָט מען אויסגעפונען אז אימיצער האָט אויפגעבראָכען די צדקה־פּושקע, און פון דאָרט ארויסגענומען דאָס גאנצע געלד.

— דו מיינסט, אז מען איז חושד מיין נחום׳ען?... איז ציפּע אויפגעשפּרונגען פון איהר פּלאץ, ווי זי וואָלט געביסען געוואָרען פון א שלאנג

— און דו האָסט עס געהערט און געשוויגען? . . .

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, מיין טאָכטער, בעת מעשה בין איך אויך געווען אויסער זיך פון אויפרעגונג. אָבער נאָכדעם ווי איך האָב געהערט פון שמש, אז לעצטע נאכט איידער ער איז אוועק פון בית המדרש, האָט ער אין פּושקע אריינגעוואָרפען א פּרוטה וואָס ער האָט געפונען אויפ׳ן שלחן, און ער האָט אלעמען פארזיכערט אז די פּושקע איז געווען פארשלאָסען, און ווייסענדיג אז דער איינציגער וועלכער איז דאָרט א גאנצע נאכט געווען, איז נחום, וואָס קען מען דאן זאָגען!

— מען קען זאָגען, אז דער שמש אליין האָט עס געטאָן, — האָט ציפּע מיט כעס אויסגערופען, — אויב ער קען זאָגען אז דאָס איז מיין נחום׳ס ארבייט, וועל איך זאָגען אז דאָס איז זיין ארבייט... האָסטו געהערט אזא חוצפּה, ווי באלד ער איז געווען אין קלויז א גאנצע נאכט, האָט ער באַ־גנב׳עט די צדקה־פּושקע! אָט לויף איך שוין אריבער צום שמש און איך וועל איהם אויסרייסען זיין גרויע לאנגע באָרד! ווי וואגט ער צו מאַכען אזא בלבול אויף מיין מאן!

— הער זיך איין, ציפּע, זיי ווייסען אז דער שמש האָט אויף נחום׳ן קיין וואָרט ניט גערעדט. אלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז, אז לעצטע נאכט איידער ער איז אוועק איז די צדקה־פּושקע געווען צוגעשלאָסען. נאָר אזוי ווי עס איז שוין צו אלעמען געווען באוואוסט אז נחום איז אריינגעקראָכען דורכ׳ן פענסטער אין בית המדרש, און אז ער איז געווען דער איינציגער וועלכער האָט א גאנצע נאכט פארבראכט אין קלויז, איז זעלבסטפארשטענדליך אז אידען זאָלען איהם פארבינדען מיט דער גנבה... און כאָטש קיינער האָט עס ניט פון מויל ארויסגעבראכט, האָבען זיי אָבער מיר געגעבען אָנצוהערען אז נחום וועט דארפען קומען אין בית המדרש און געבען אן ערקלעהרונג וועגען דעם גאנצען ענין.

— וואָס הייסט ער וועט דארפען געבען אן ערקלעהרונג? וואָס איז ער דער שומר פון בית המדרש! — האָט ציפּע ניט אויפגעהערט צו שטורמען, — וואָס פאר אן ערקלעהרונג קען ער זיי געבען? . . .

— איך ווייס, אפשר האָט ער אימיצען געזעהן, אפשר האָט ער א חשד אויף וועמען עס איז. און דער אמת איז, אז איך האָב דאָרט אלעמען געזאָגט אז ווען איך וועל קומען אהיים וועל איך טאקע פון איהם פארלאנגען אן ערקלעהרונג. נו, וואָס, הא, זעהסטו דאָך אליין, ער איז ניטאָ... איצט פרעג איך דיך, וואָס קען איך זיי זאָגען?

— מיין נחום איז ניט קיין גנב! איך בין גרייט צו געהן אין בית המדרש און שווערען דאָרט ביים ארון קודש, — האָט ציפּע מיט ביטערקייט אין איהר שטימע געזאָגט.

— אויב ער וועט זיך ניט באווייזען אין הויז וועט זיין שווער זיי איבערצייגען אז ער איז אומשולדיג, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — מיר ווייסען דאָך אז ער האָט ביי זיך קיין געלד ניט געהאַט, און אָהן געלד וואָלט ער ניט פארלאָזט קיידאן. הלואי זאָל איך ליגען זאָגען, אָבער מיין הארץ זאָגט

מיר, אז ער איז דאָ באַגאַנגען אַ שרעקליכע זאַך . . .

— ניין, ניין, איך וועל עס קיינמאָל ניט גלויבען! — האָט זיך ציפּע צוכליפּעט, — מיין נחום וועט יענעמס ניט אָנריהרען . . . דו וועסט זעהן, טאַטע, אַז ווען ער באַלד קומען און דער גאַנצער בלבול וועט צופּלאַצט ווערען. אוי, רבונו של עולם, זאָלען ביי אונזערע שונאים זייערע בייזע צינגער צופּלאַצט ווערען . . .

— זאָל ער נאָר קומען, דאַן וועל איך זעהן אַז זיין נאָמען זאָל ריינגעוואַשען ווערען... אָבער וואָס טוט מען אויב חלילה ער וועט ניט קומען!

— אוי וועה איז מיר! דו מיינסט צו זאָגען, אַז עס איז מעגליך ער זאָל זיך צו מיר אינגאַנצען ניט צוריקקעהרען?... — האָט ציפּע געבראָכען מיט די הענט, — וויסט איז מיר און ווינד איז מיר... וואָס שטעהען מיר! לאָמיר גלייך געהן איהם זוכען, אפשר איז ער נאָך דאָ אין שטאָדט.

— וואַש אָפּ דיין פּנים און מיר וועלען געהן, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — איך וועל היינט צום מאַרק ניט געהן. אויב איך וועל איהם געפינען, וועט ער שוין מיט מיר געהן צוריק אהיים.

ציפּע האָט אָפּגעוואַשען איהר פּנים, אַרומגעווישט איהרע אויגען און נאָז, און זי איז גלייך אַוועק מיט איהר טאַטען זוכען איהר מאַן.

זיי זיינען געגאַנגען גלייך הינטער דער שטאָדט, און זיי האָבען זיך נאָכגעפרעגט ביי די אָנקומענדע פּויערים אויב זיי האָבען געזעהן אַ יונגען מאַן געהענדיג צו־פוס ביים וועג. איין פּויער האָט זיי דערצעהלט אַז ער האָט יאָ באַמערקט אַ יונגען מאַן, ווען ער איז געווען אין מיטען וועג.

— וואָס פאַר אַ בגדים האָט ער געטראָגען? — פרעגט אים ציפּע, און ווען דער פּויער האָט איהר געזאָגט, איז זי געווען זיכער אַז ער זאָגט איהר דעם אמת.

זי האָט איהם שוין גענומען אויספרעגען, מעהר איינצעלהייטען. דער פּויער האָט דערצעהלט אַז ער האָט געזעהן ווי דער יונגער מאַן האָט אָפּגעשטעלט אַ פּויער מיט אַ וואָגען, וועלכער איז געפאָהרען אין דער אַנדערער ריכטונג, און ער האָט איהם געגעבען אַ פּאָר מטבעות, און דער פּויער האָט איהם געהייסען זיך אריינזעצען אין פוהר. יאָ, איך האָב געזעהן ווי ער האָט ארויסגענומען די מטבעות פון זיין קעשענע.

ר׳ אשר האָט געוואָרפען אַ בליק אויף ציפּע׳ן, און זי האָט איבערגעפרעגט דעם פּויער אויב ער איז זיכער אַז דער יונגער מאַן האָט ארויסגענומען עטליכע מטבעות פון זיין קעשענע.

— געוויס בין איך זיכער! — האָט דער פּויער געזאָגט, — איך האָב זיך דאַן געטראַכט אַז דער יונגערמאַן מוז האָבען אַ סך געלד, ווייל איך האָב געזעהן ווי ער האָט ארויסגענומען אַ הויפען געלד.

זיי האָבען דעם פּויער באַדאַנקט און זיך גלייך גענומען צוריקקעהרען.

— נו, וואָס וועסטו איצט זאָגען, ציפּע? — האָט ר׳ אשר זיך צו איהר אָנגערופען, — איז נאָך ביי דיר אַ צווייפעל אַז דאָס איז נחום? .

ציפּע האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין איהרע אויגען. זי איז געגאַנגען מיט איהר טאַטען שווייגענדיג, אָבער ר׳ אשר האָט ווייטער גערעדט:

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער האָט ביי זיך קיין צובראָכענעם גראָשען ניט געהאַט, און ער האָט פון זיין קעשענע ארויסגענומען אַ הויפען מיט מטבעות פון וואַנען, גלויבסטו, האָט ער זיי גענומען?

— מאַלע וואָס דער פּויער זאָגט, — האָט ציפּע נאָך אַלץ ניט געוואָלט הערען אַז איהר מאַן איז אונטער חשד, — מן הסתם האָט ער יאָ געהאַט ביי זיך עטליכע גראָשען... יאָ, איך געדענק אַליין גאַנץ גוט, אַז איך האָב איהם מיט אַ פּאָר טעג צוריק געגעבען עטליכע מטבעות . .

— אָבער דו גלויבסטו שוין אַז ער איז פון דאַנען אַוועקגעפאָהרען?

— דאָס קען איך גלויבען! — האָט ציפּע מיט פאַרביטערונג געזאָגט, — ער איז געווען גוט אין כעס, דו האָסט

איהם געגעבען א פּאטש פאר אזוי פיעל מענשען אין די אויגען, דו האָסט איהם פארשעהמט, דערצו האָסטו איהם געזאָגט אז דו וועסט איהם ארויסיאָגען פון הויז... נו, איז ער אליין אוועק!

— ער איז אוועק און אויסגעליידיגט די צדקה־פּושקע, — האָט ער געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ, — איך צווייפעל שוין מעהר ניט אין דעם. זעהר פיין! מיין אידעם א גנב!... איין עבירה ברייננגט צו א צווייטער עבירה... אוי, איך וויים ניט וואָס מען טוט איצט!... די גאנצע שטאָדט וועט פון דעם וויסען.

— אוי, א וועהטאָג איז מיר! — האָט ציפּע גענומען ברעכען מיט די הענט, — אזא אומגליק! איך קען זיך ניט פאָרשטעלען אז מיין נחום זאָל מיר טאָן אזא זאך. ניין, איך גלויב נאָך אלץ ניט אז מיין נחום איז פון מיר אוועק... און געוויס האָט ער ניט גענומען דאָס געלד פון דער פּושקע . . . ער וועט באלד צוריקקומען.

— הלואי! — האָט ר׳ אשר געענטפערט, — אָבער מיין הארץ זאָגט מיר, אז ער האָט זיך באנארישט. דערווייל איז מיין עצה, אז דו זאָלסט געהן אהיים... איך וועל זיך אריבערכאפּען אין קראָם און איך וועל זיך דורכריידען מיט דער מאמען, און מיר וועלען זעהן וואָס מיר קענען טאָן. זעה אָבער אז קיינער זאָל ניט מערקען אָז דיר! מען דארף דערווייל קנייפּען די באק אז די פארב זאָל שטעהן... קיינער דארף דערווייל ניט וויסען אז ער איז אוועק פון דאנען. אפשר וועט גאָט געבען, אז ער וועט זיך ארומזעהן און ער וועט זיך צוריקקעהרען... יאָ, זאָל ער נאָר קומען צוריק, מיר וועלען שוין געפינען א וועג ווי אזוי איהם ריינצוּוואשען פון דעם בלבול.

א דערשלאָגענע איז ציפּע אוועק אהיים. זי האָט געזעהן אויסצומיידען באקענטע מענשען. ווען אימיצער האָט זי אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואוהין זי איילט זיך, האָט זיך א מאל געטאָן מיט איהר האנט אלס צייכען אז זי איילט זיך, און זי איז שנעל געגאנגען איהר וועג. ווען זי איז שוין געווען אין הויז, האָט זי זיך ארייגעוואָרפען אין בעט און זי האָט זיך ערשט פאנאנדערגעוויינט.

ר׳ אשר איז אוועק אין קראָם, און ווען זיין ווייב האָט איהם דערזעהן, האָט זי איבערגעלאָזט די פּויערים און איז צו איהם צוגעלאָפען און געפרעגט:

— נו, וואָס, איז נחום אין דער היים?

ר׳ אשר האָט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

— און וואו איז ער?

— פון וואנען זאָל איך וויסען! ווער ווייסט!

— עפּעס איז געשעהן. וואָס איז דאָס? וואו איז ציפּע?

— איך האָב זי געשיקט אהיים.

— וואו זייט איהר געווען?

ר׳ אשר האָט באמערקט שפרה׳ן און ער האָט זיך צו איהר אָנגערופען:

— געה איצט אהיים. ציפּע וועט דיך דארפען דאָרט.

ווען שפרה איז אוועקגעגאנגען, האָט ר׳ אשר זיך אָנגערופען צו זיין פרוי:

— עס איז ניט גוט!

— דו דארפסט מיר שוין ניט זאָגען. איך וויים שוין! מיט א ווײַלע צוריק איז צו מיר צוגעגאנגען דוואָשע די הערינגניצע, און זי האָט מיר דערציילט אז זי האָט זיך נאָר וואָס צוקריגט מיט ברײַנע׳ן, די ליכט מאכעריןֿ, צוליעב מיין אידעם? דערצעהלט זי מיר, אז ברײַנע האָט איהר דערצעהלט א מעשה וועגען דעם אז אונזער אידעם האָט לעצטע נאכט גענעכטיגט אין קליינעם בית המדרש, און! אז ער האָט אויסגעליידיגט די צדקה־פּושקע און איז אנטלאָפען. זי, דוואָשע, אָבער, זאָגט מיר אז זי האָט איהר גערופען ליגנעריןֿ, און דאריבער האָט זי זיך מיט איהר צוקריגט, און ווען זי איז אוועקגעגאנגען פון מיר האָב איך באמערקט ווי איניגע ווייבער שטעהען און ריידען צווישען זיך און ווארפען זייערע בליקען אויף מיר... בין איך שוין צו זיי צוגעגאנגען און זיי געפרעגט. נו, האָבען זיי זיך ניט געפוילט און מיר אלץ דערצעהלט... אז אומגליק! וואָס וועט איצט זיין? די גאנצע שטאָט ווייסט שוין... האָסטו גאָר קיין שפּור ניט פון איהם? אפילו די פּויערים וויסען

שוין אז אונזער נחום איז געפּאטשט געוואָרען פון דיר און אז ער איז אנטלאָפען פון קיידאן. איינינגע האָבען מיר דערצעהלט אז זיי האָבען איהם געזעהן געהענדיג הינטער דער שטאָט.

— וואָס איז דאָ וואָס צו ריידען, עס איז שלעכט! — זאָגט ר' אשר.

— איך האָב מורא אז ציפּע וועט עס ניט אריבערגעטראָגען, — האָט זי געבראָכען מיט די הענט, — בפרט איצט אז זי איז גאָר אויף דער צייט... גאָט ווייסט אויב ער וועט זיך שוין ווען עס איז צוריקקעהרען... ער זאָל טאָן אזא זאך! . . .

יענעם מארק־טאָג האָבען שוין די אידען פון קיידאן ניט געטאָן קיין גרויסען מסחר. יעדער איינער איז געווען פארנומען מיט דער געשיכטע פון נחום'ן. מען האָט צווישען זיך גערעדט גאנץ אָפען אז נחום האָט באַגנב'עט די צדקה־פּושקע און אז ער האָט עוקר געווען פון קיידאן... עס האָבען זיך געפונען איינינגע וועלכע האָבען צוגעגעבען אביסעל אייגענעם. אז ר' אשר האָט געפּאטשט זיין איידעם ווייל ער האָט איהם געכאפּט ביי דער האנט. ער האָט איהם בדלות געשטעלט. עס איז ניט פאַראיבער עטליכע שעה און אין ר' אשר'ס הויז האָבען זיך באוויזען שכנות, באקאנטע און איינינגע פּשוט זיך נאָכצופרעגען: וואָס עס הערט זיך... איז שוין נחום צוריקגעקומען? אנדערע זיינען געקומען מיט א תירוץ עפּעס צו באָרגען. ר' אשר און זיין פרוי זיינען אין דער היים ניט געווען ציפּע איז געלעגען אין איהר בעט און געוויינט, און שפרה איז געווען די איינציגע וועלכע האָט גערעדט מיט די שכנים.

שפרה האָט דערווייל נאָך ניט געוואוסט די געשיכטע מיט דער פּושקע... זי האָט עפּעס געהערט ווי ווייבער שושקען זיך מיט איהר מאמען און אז זי איז צוגעקומען נעהנטער, האָט זי די מאמע אוועקגעטריבען. זי האָט געוואוסט אז דאָס ריידען זיי וועגען נחום'ן, איהר שוואָגער, אָבער וואָס זיי שושקען זיך האָט זי ניט געוואוסט. זי האָט פארשטאַנען אז זיי ריידען וועגען דעם פּאטש וואָס איהר טאטע האָט איהם געגעבען אין ר' יהודה ליב'ס הויז, און פון דעם וואָס נחום איז ניט געקומען נעכטיגען. וועגען דעם אליין איז דאָ א סך צו ריידען. אָבער זי האָט מיט די שכנות ניט געוואָלט ריידען וועגען דעם, כאָטש די ערשטע פראגע צו איהר איז געווען: שפרה לעבען, וואו איז ציפּע, דיין שוועסטער? אין קראָם האָב איך זי ניט געזעהן.

— איך ווייס ניט! — ענטפערט שפרה.

— זי געהט ארום, מסתמא זוכען נחום'ן? — רופט זיך אָן זייער שכנה רייזעל.

— איך ווייס ניט!

— ווער וואָלט זיך דאָס געריכט אויף נחום'ן. דאכט זיך געווען אזא שטילינקער, אזא זיידענער יונגערמאנטשיק... אוי, א ביטערער רחמנות נעביך אויף דיין שוועסטער... זי האָט ניט פארדינט צו זיין אזוי געשטראָפט, — שאָקעלט רייזעל מיט'ן קאָפּ.

— נחום וועט באלד אהיימקומען, — רופט זיך אָן שפרה, זי איז געוואָרען שטארק אין כעס און געוואָלט זי אויסזידלען. אָבער זי האָט עס ניט געטאָן. זי האָט מורא געהאט אז רייזעל זאָל זיך באקלאָגען אויף איהר פאר דער מאמען און זי וועט איהר פאר דעם באשטראָפען.

— יאָ, ער וועט שוין קומען! — רופט זיך אָן רייזעל, — א גנב קומט ניט צוריק.

— איהר האָט ניט קיין רעכט צו רופען מיין שוואָגער גנב, — האָט שוין שפרה זיך ניט געקענט באהערשען און זיך פאנאנדערגעוויינט.

— ווי איך זעה, קינד, ווייסטו נאָך ניט וואָס נחום האָט אָפּגעטאָן. די גאנצע שטאָט קלינגט דאָך מיט דעם. יאָ, באלד, באלד וועסטו אויך וויסען. יאָ, דו וועסט שוין אויסגעפינען פון אנדערע... וואָס דארף איך זיין די ערשטע דיר צו זאָגען אז נחום האָט באַ'גנב'עט די צדקה־פּושקע פון קליינעם בית המדרש, זאָלען דאָס דיר אנדערע זאָגען.

— עס איז א ליגען! — האָט שפרה זיך פאנאנדערגעוויינט און איבערלאָזענדיג רייזלען אליין, איז זי אריינגע־

לאפען א וויינענדיגע צו ציפע'ן אין צימער.

— א, ציפע, דו האסט באדארפט הערען וואס רייזעל האט נאר וואס געזאגט. זי זאגט, אז די גאנצע שטאט וויסט שוין.

— אוי, מיין אומגליק, מיין בראך! — האט ציפע מיט איר מיטגעוויינט.

— אבער דאס איז דאך א ליגען! מען דארף צומאכען זייערע מיילער... ווי קומט נחום צו טאן אזא זאך!

— ווער וויסט, שפרה, — האט ציפע געבראכען מיט איהרע הענט, — פריהער האב איך אויך געזאגט אז דאס איז א ליגען. אז עס קען ניט זיין, אז מיין נחום וועט אזא זאך ניט טאן. אבער דו זעהסט דאך, אז ער קען מיך איבערלאזען און אנטלויפען פון שטאט, קען ער טאן א סך זאכען... ער האט בײ זיך קיין געלד ניט געהאט און ער האט באשלאסען צו אנטלויפען פון אונז. נו, האט ער אויפגעבראכען די צדקה־פושקע און ארויסגענומען דאס געלד... איצט קען איך אלץ גלויבען אויף איהם... אוי, צו מיין אומגליק איז דאך קיין גלייכען ניטא.

— און איך וועל עס קיינמאל ניט גלויבען אויף נחום'ן, — האט שפרה געווישט איהרע אויגען, — עס איז א בלבול... נחום איז אן עהרליכער מאן... ער וועט יענעמס ניט אנריהרען.

— דו וויסט ניט, שפרה, וואס כעס קען ברייננגען א מענשען צו טאן! פארשטעהסטו, דער טאטע האט איהם פארשעהמט, ער האט איהם געפאטשט פאר אזוי פיעל מענשען אין די אויגען... ער האט געוואוסט אז אלע אין שטאט וועלען פון דעם באלד וויסען. האט ער זיך געשעהמט זיינע אויגען צו ווייזען, איז ער אריין דורך דעם פענסטער אין בית המדרש דארט איבערצונעכטיגען... געהן אהיים האט ער זיך געשעהמט... קיין געלד אפצופאהרען פון דאנען, האט ער ניט געהאט, נו, האט ער דערזעהן די צדקה־פושקע, האט איהם דער יצר הרע צוגעשפיעלט און ער האט זי אויסגעליידיגט... איך קען עס גאנץ גרינג פארשטעהן... איך האב צו איהם ניט...

— אבער פון וואנען וויסט מען אז דאס האט ער געטאן? — האט שפרה געזאגט.

— דו זעהסט דאך אז מען וויסט שוין. די טיהר פון בית המדרש איז געווען פארשלאסען פון דרויסען, און פארטאג האט ער גענומען ארויסקריכען פון פענסטער, מאכט זיך גראד, אז ר' יהודה ליב קומט אן און זעהט ווי ער קלעטערט ארויס דורכ'ן פענסטער. נו, און אז שפעטער האט מען געפונען די צדקה־פושקע אויפגעבראכען און דאס געלד ארויסגענומען, טא אויף וועמען דען וועט פאלען דער חשד אויב ניט אויף אים? וואלט ער אם וויניגסטען געגאנגען אהיים, וואלטען מיר שוין געזעהן וואס צו טאן. אבער ער איז אוועק פון שטאט... אייניגע פויערים האבען איהם געזעהן דינגענדיג א פוהר, און אז ער האט באצאהלט פאראויס. פרעגט זיך: פון וואנען האט ער גענומען געלד?... יא, מיין ליעבע שוועסטער, עס איז ניט קיין בלבול אויף איהם... ער האט עס טאקע אזוי געטאן... אבער ער איז ניט שולדיג... דער טאטע האט איהם דערצו געטריבען. אוי וועה איז מיר, וואס וועל איך איצט טאן! און בפרט נאך איצט ווען איך בין אין אנדערע אומשטענדען!... אנשטאט צו פיהלען זיך גליקליך, בין איך איצט די אומגליקליכסטע אין דער וועלט... אזוי וואלט איך נאך געקענט האפען אז ער וועט זיך צוריקקעהרען, זיין כעס וועט פאריבער און ער וועט זיך איבערבעטען. אבער איצט, גאט וויסט אויב איך וועל איהם שוין ווען עס איז זעהן... אפילו ווען ער זאל שוין וועלען קומען צוריק, וועט ער ניט קענען צוליעב זיין באנארישען זיך.

— און דאס איז אלץ ארויסגעקומען צוליעב מיר! — האט שפרה גענומען כליפען, — ער האט געוואלט מיר טאן א טובה... איך וויים אלץ...

— א, מיין שוועסטער, — האט ציפע געזאגט מיט טרעהרען אין די אויגען, — אזוי איז דאס, אז מען זוכט יענעמס שלעכטס צו טאן, טוט מען זיך ניט קיין גוטעס. ווען ער וואלט מיר פארטרויט, אז ער וויל שרייבען א בריף צו אליהו'ס פאטער, מיט דער כוונה

שלעכטס צו טאָן ר' יהודה ליב'ן, וואָלט איך איהם ניט דערלאָזט דאָס צו טאָן... ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון דעם האָב איך זיך אויף איהם געבייזערט, אָבער עס איז דאָך שוין געווען צו שפּעט... אפשר איז דער טאטע אויך א סך שולדיג אין דעם... איך וויים אז ער האָט ניט פארגונען ר' יהודה ליב'ן ווען ער האָט אויסגעפונען אז ער וויל ארייינקריגען דעם יונגען גאון פאר אן איידעם. נו, האָט מיין נחום איהם געוואָלט אָנטאָן דאָס פארגעניגען, ער האָט געמיינט אז ער וועט אָנריידען שלעכטס אויף חנה'ן און איהר פאָטער, וועט ער אליהו'ן אוועקנעמען פון קיידאן... מיד וועט ער ניט נארען, איך וויים אז דער טאַטע האָט געוואוסט וועגען בריף, און דאריבער האָט ער געווים קיין רעכט ניט געהאט איהם צו פּאטשען פאר מענשען אין די אויגען... איצט בין איך אומגליקליך... גאָט ווייסט אויב מיין נחום וועט זיך שוין אומקעהרען צו מיר...

די ריכטיגע חתונה האָט זיך אָנגעהויבען ערשט אין אָווענט ווען ר' אשר און זיין פרוי זיינען צוריקגעקומען פון קראָם. זיי האָבען שוין זיך גענוג אָנגעהערט פון די אידען און אידענעס, וועלכע זיינען יעדע ווילע אריינגעקומען זיך נאָכצופרעגען וועגען נחום'ען, און דערווייל איבערגעבען פארשידענע ווילדע קלאנגען וואָס האָבען זיך ארומגעטראָגען אין קיידאן וועגען נחום'ען. פארשטעהט זיך אז יעדער איינער האָט די קלאנגען באריכטעט אין נאָמען פון אימיצען אנדערש, און אז זיי האָבען עס ניט געוואָלט גלויבען און האָבען געזאָגט אז עס איז א בלבול. אָבער דערווייל האָבען זיי אליין צוגעגעבען צו די קלאנגען און עס איז אויסגעקומען אז נחום האָט אָפּגעטאָן נאָך ערגערע זאכען.

ווען טאטע־מאמע האָבען דערזעהן זייער טאָכטער ציפּע אין בעט מיט פארוויינטע, געשוואָלענע אויגען, זיינען זיי געבליבען שטעהן דערשלאָגענע און האָבען קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען. אין הויז איז אפילו ניט געווען צוגעגרייט קיין אָווענט־ברויט, ווייל צו יעדען מארק־טאָג ווען די מאַמע פלעגט העלפען דעם טאטען אין קראָם דעם גאנצען טאָג, פלעגט ציפּע צוגרייטען דאָס עסען, אָבער היינט איז זי אָפּגעלעגען א גאנצען טאָג אין בעט און געוויינט.

ר' אשר האָט שוין זיין פּאָרציע געכאפּט פון זיין ווייב אין קראָם, צווישען איין קונה און דעם צווייטען. זי האָט איהם געמאכט צו בלאָטע גלייך פאר זיין ווילדען אויסברוך... אין הויז אָבער, פאר די קינדער, האָט זי איהם פּרובירט פארענטפערען, אז ער האָט זיך פארלאָרען, אז ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער טוט, און ער וואָלט זיך געווים ענטשולדיגט פאר איהם, אויב ער וואָלט זיך ניט באנארישט און אנטלאָפען פון הויז.

— איצט איז שוין ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט אז מיין נחום איז פון מיר אוועק, — האָט זיך ציפּע פאנאנדערגעכליפּעט פון דאָס ניי — ווייסט איז מיר געוואָרען מיין וועלט... אוי, וואָס האָסטו געהאט צו מיר!... פארוואָס האָסטו אויף מיר געבראכט אזא גרויס אומגליק!... מיין אָרימער נחום... טאַטע, דו ביזט מיין רוצח... דו האָסט מיר אָפּגעקוילעט אָהן א מעסער... דו האָסט פארטריבען מיין ליבען מאן פון מיר... דו האָסט איהם געצוואונגען צו גנב'ענען.

— ציפּע, בארוהיג זיך, — האָט די מאמע זיך צו איהר אָנגערופען, — דו האָסט קיין רעכט ניט צו ריידען אזוי צום טאטען. אמת. ער האָט איהם ניט געדארפט געבען א פּאטש אין א פרעמד הויז... אָבער צוליב אזא זאך אנטלויפט מען ניט און מען בא'גנב'עט ניט די צדקה־פּושקע... ער האָט אונז פארשווארצט די אויגען פאר אלעמען... אלע טייטלען דאָך איצט אויף אונז מיט די פינגער... אויף דעם מארק־פּלאץ זיינען געשטאנען רעדלאך מענשען און האָבען גערעדט נאָר פון נחוט'ען און פון אונז... דו ווייסט גאנץ גוט, ציפּע, אז ביי אונז איז נחום געווען פאררעכענט ווי אן אייגענער זוהן... נו, איז וואָס אז אין א רגע פון אויפרעגונג און כעס האָט ער אים אראָפּגעלאָזט א פּאטש! . . . וואָס האָט ער געהאט צו דיר? דו ביזט דאָך זיין ווייב! . . . אזוי האַנדעלט

א מענש מיט שכל, א מענש מיט כאַראַקטער?

— איך וועל עס ניט אריבערטראָגען, — האָט ציפּע געיאָמערט, — איך וועל זיך א מעשה אָנטאָן!... וואָס וועט זיין פון מיר און וואָס וועט זיין פון מיין אומגליקליך קינד וואָס איז אונטער מיין הארצען?... אוי, הארציגער פאָטער אין הימעל! פאַרוואָס קומט עס מיר אזוי פיעל צו ליידען?... אָן אייביגע עגונה וועל איך בלייבען!

— וואָס רעדסטו, מיין טאָכטער!

— האָט די מאמע געזוכט זי איינצושטילען, — ווי לאַנג מיינסטו וועט אָנהאַלטען זיין כעס? ער וועט בעסער ווערען! זאָלען מיר אזוי זיין זיכער מיט אַל־דאָס־גוטס ווי איך בין זיכער אז ער וועט זיך צו דיר צוריקקעהרען.

— איך וויים וואָס איך רייד! — האָט ציפּע געכליפּעט, — ווען ער וואָלט ניט באַגאַנגען די אנדערע נאַרישקייט וואָלט איך אויך געהאט האָפנונגען, אָבער איצט?... גאָט ווייסט אויב איך וועל איהם שוין ווען עס איז זעהן.

— איך וועל איהם אויפזוכען און איהם צוריקברייננען צו דיר, — האָט ר׳ אשר זיך אָנגערופען, — איך וועל ניט רוהען ביז וואַנען איך וועל איהם געפינען.

— דערווייל איז דאָס פאַר מיר קיין טרייסט ניט, — האָט ציפּע געבראָכען מיט די הענט, — דערווייל האָסטו מיין נחום׳ען פאַריאָגט פון הויז, און גאָט ווייסט אויב ער וועט זיך צוריקקעהרען.

קיינער האָט שוין דעם אָוועגט ניט געגעסען, און טאָמער איז דאָס געווען ווינציג, האָבען די שכנות זיי ניט צורוה געלאָזט. יעדע רגע האָט זיך די טיהר געעפענט און פארמאכט. מען איז אריינגעקומען זיך נאָכפרעגען אויב נחום איז שוין דאָ... און זיי האָבען צו יעדען געמוזט ארויסווייזען פריינדליכקייט, כדי מען זאָל זיי נאָך מעהר ניט באריידען. מען האָט געוואָלט מאַכען דעם איינדרוק אז זיי זיינען ניט באַזאָרגט, אז אָט באלד, באלד, קומט ער און אַלץ וועט רעכט ווערען... אָבער ס׳האָבען זיך געפונען אזעלכע ווייבער, יאדעבניצעס, וועלכע האָבען זיך אריינגעגעסען אין די ביינער און האָבען זיי ארויסגעבראַכט פון געדולד. מעהר פון אַלעמען האָט זיי דערקיטשעט דוואָשע די הערינגניצע, אויסער דעם וואָס זי איז שוין ביי זיי געווען אין קראָם און זיי געבראַכט פארשידענע רכילות׳ן, איז זי איצט אַלע ווייַלע אריינגעלאָפען צו זיי אין הויז און יעדעס מאָל געפרעגט:

— נו, איהר האָט שוין עפּעס געהערט?

און אז מען האָט איהר געזאָגט "ניין", איז עס פאַר איהר ניט גענוג געוועזן... זי האָט גענומען ריידען וועגען איהם און דערצעהלט א מעשה אויך פון א מאַן וועלכער האָט פאַרלאָזט זיין פרוי, עפּעס צוליב א קריג.

— איך האָב שוין דיזעלבע מעשה היינט געהערט פון אייך צעהן מאָל!

— איז ר׳ אשר ארויס פון געדולד, — געהט זיך געזונטערהייט, און אז מיר וועלען הערען פון איהם וועלען מיר אייך באלד לאָזען וויסען.

— זעהט נאָר, זעהט, — האָט זיך דוואָשע די הערינגניצע צושריען מיט א קוויטשיג קול, — איך האָב איהם אָפּגעקוילעט! א קליינינקייט, מען טאָר שוין גאָר ניט פרעגען, אפשר וועט איהר מיך אויך דערפאַר אָנפּאטשען! האָט איהר געהערט אין אייער לעבען, א איך זאָל ליעב האָבען צו הויבען א האַנט!...

פון איהרע קוויטשערייען זיינען אָנגעלאָפען נאָך ווייבער, און ר׳ אשר האָט זי געוואָלט ארויסוואַרפען פון הויז, אָבער זיין פרוי האָט איהם אָפּגעהאַלטען, זאָגענדיג שטילערהייט: "מעהר וועט אונז ניט פעהלען, מיר זאָלען נאָך אריינפאלען אין איהר מויל".

ווען די אנדערע שכנות זיינען צוגעקומען און גענומען פרעגען דוואָשע׳ן וואָס דאָ איז געשעהן, האָט זי נאָך אויף איהרע גאָר הויכע טענער גענומען שרייען: "וואָס הייסט וואָס איך שריי! ער איז דאָך א איד א רוצח! ער האָט מיך אויך געוואָלט אָנפּאטשען... איהר פרעגט פאַרוואָס קומט מיך צו פּאטשען? נו, פאַרוואָס איז געקומען צו פּאטשען נחום׳ען? באשר ער איז זיין אידעם! די רציחה

האָט זיך אין איהם צעיושעט... הערט איהר, ווען ניט ציפּע, נעביך, וואָלט איך געזאָגט א מצוה אויף איהם, א איך טאָר ניט זיין קיין כעסן, אָבער עס איז א רחמנות אויף ציפּע׳ן... וואָס איז זי שולדיג, אז זי האָט אזא טאַטען. בפרט נאָך איצט, וועה און ווינד איז מיר, נעמט און פארטרייבט זיין טאָכטער׳ס מאַן און דעם פאָטער פון דעם נאָך ניט געבוירען קינד!״

— וואָס רעדט איהר דוואָשע, — האָבען איהר שוין די איבעריגע ווייבער ארומגערינגעלט, — פון וואַנען ווייסט איהר? ווער האָט עס אייך דערציעהלט?

— איהר דאַרפט וויסען אז פאַר מיר זיינען ניטאָ קיינע סודות! ווער איז געווען די ערשטע אויסצוגעפינען אז נחום האָט אויסגעליידיגט די צדקה־פּושקע? איך! און ווער האָט אויסגעפונען אז נחום האָט זיך אָפּגעטראָגען פון קיידאַן? אויך איך בין געווען די ערשטע! איהר פארשטעהט! איך האָב באַדאַרפט אָנזאָגען דעם שווער און שוויגער אז זייער איידעם האָט געמאַכט א ״ויברח״... און דערפאַר קומט מיר אז ער, אשר, זאָל מיך וועלען אָנפּאַטשען און ארויסוואַרפען!

ציפּע וועלכע האָט אלץ געהערט, האָט ניט געוואוסט וואו זיך אהינצוטאָן פון שאַנדע, און זי האָט זיך אָנגערופען צו איהר מאַמען: ״ווי אזוי קענסטו עס הערען און שווייגען? איך וועל זי באַלד אָפּגיסען מיט א פּאַמוניצע וואַסער!״

— דו, ציפּע, הויב זיך ניט אָן איצט מיט איהר, דו ווייסט דאָך אז זי איז א קאָך־לעפעל... א מאָדנע זאַך, — האָט זי גאַנץ שטיל א זאָג געטאָן צו איהר טאָכטער, — ערשט היינט האָב איך אויסגעפונען אז דו ביזט אויף דער צייט, און דו קענסט דאָך פאַרשטעהן, אז ניט איך און ניט דער טאַטע, האָבען וועמען עס איז געזאָגט. און זי, דוואָשע, קיין גוטער איך זאָל איהר ניט קענען. זי ווייסט שוין! פון וואַנען ווייסט זי עס? האַ? ניט אַנדערש ווי זי שטעהט הינטער׳ן טיהר און הערט זיך איין וואָס מען רעדט.

שפרה, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסען אין א ווינקעל פון צימער און האָט געשוויגען, איז געוואָרען שטאַרק צאָרענדיג אויף דוואָשע׳ן און אויף די אַנדערע ווייבער, וועלכע זיינען געקומען שיטען זאַלץ אויף די וואונדען... זי האָט מורא געהאַט א וואָרט ארויסצורייסען, כדי זי זאָל ניט כאַפּען קיין פּסק פון טאַטען. אין איהר האַרצען אָבער, האָט זי שטאַרק געוואונשען אז איהר שוואָגער נחום, זאָל זיך פּלוצלינג צוריקקעהרען און ארויסשלידערען אלע ווייבער פון הויז. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי זיי דערזעהען נחום׳ען אָנקומען און זיי רוקען זיך ארויס פארשעהמטע פון הויז... זי איז שטילערהייט ארויי צו זיך אין צימער און ארויסגעגאַנגען דורכ׳ן פענסטער. און אין א ווילע ארום איז זי אריינגעלאָפען אין הויז און קוים אָפּכאַפּענדיג איהר אָטעם, האָט זי אויסגערופען:

— נחום קומט!

— וואָס? — האָבען אלע ווייבער מיט אמאָל אויסגערופען.

— יאָ, נחום קומט אָן. ער איז אזוי אויפגערודערט אוז ער האָט מיר געזאָגט אז ווען ער וועט אימיצען כאַפּען אין הויז, וועט ער . . .

ציפּע און איהרע עלטערען האָבען בעת מעשה טאַקע געמיינט אז נחום קומט טאַקע, און זיי האָבען פון פרייד קיין וואָרט ניט געקענט אויסריידען.

די ווייבער האָבען זיך גענומען אָפּטראָגען. די ערשטע ארויסצולויפען איז טאַקע געווען דוואָשע. זי האָט מורא געהאַט טאָמער האָט שוין שפרה איהם דערציעהלט וואָס זי האָט אויף איהם אָנגערעדט, און ער וועט אויסגיסען כל חמתו אויף איהר קאָפּ.

ווען די ווייבער זיינען שוין ארויסגעגאַנגען, איז ציפּע צוגעלאָפען צו שפרה׳ן און אויסגערופען:

— זאָג מיר, שפרה, וואו האָסטו איהם געזעהן?

— איך האָב געוואָלט פּטור ווערען פון די ווייבער, — האָט שפרה געזאָגט, — האָב איך עס געטאָן.

כאָטש ר׳ אשר איז געווען צופרידען וואָס ער איז דורכדעם פּטור געוואָרען פון די אָנשיקענישען, די ווייבער, איז ער פון דעסטוועגען שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען אויף שפרה׳ן און ער האָט איהר שוין געוואָלט דערלאַנגען.

אָבער זיין פרוי האָט איהם אָפּגעהאַלטען, און זי האָט אַליין גענומען מוסר זאָגען שפרה'ן: "ווי שעהמסטו זיך ניט, דו ביזט שוין באַלד א כלה־מויד, געהסטו אין אַזא צייט טרייבען אַזא שפּאַס!... וואו איז דיין שכל?"...

— איך האָב שוין ניט געקענט מעהר ליידען די ווייבער! — האָט שפרה געזאָגט, — איך האָב געוואוסט אַז ווען זיי וועלען נאָר דערהערען אַז נחום געהט וועלען זיי זיך גלייך אָפּטראָגען פון דאַנען.

— און וואָס וועט זיין שפּעטער, מאָרגען און איבערמאָרגען? — האָט די מאַמע זי געפרעגט — וועסטו זיי אַלע מאָל קענען זאָגען אַזא ליגען!

— איך בין זיכער, מאַמע, אַז ער וועט מאָרגען שוין קומען, — האָט שפרה געזאָגט.

— יאָ, יאָ, הלואי זאָל דאָס אמת זיין! — האָט די מאַמע א זיפץ געטאָן.

ציפּע האָט געקוקט אויף איהר שוועסטער מיט טרויעריגע בליקען, און זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

קאַפּיטעל דרייצעהן

עס זיינען פאַראיבער עטליכע טעג און מעי האָט פון נחום'ען גאָרניט געהערט ווי אין וואַסער אַריין... אין שטאָט איז דאָס נאָך אַלץ געווען דער הויפּט געשפּרעך.

כאָטש ר' יהודה ליב האָט פון אָנפאַנג געזעהן א שטיקעל נקמה אָן נחום'ן פאַר זיין שענדליכע האַנדלונג געגען איהם, האָט איהם אָבער איצט וועה געטאָן זיין האַרץ פאַר ציפּע'ן, וועלכע ליידט אַזוי פיל פון דעם. עס איז שוין קיין סוד ניט געווען פאַר קיינעם אין שטאָט, אַז ציפּע וועט אין גיכען דאַרפען ווערען מוטער, און יעדענס האַרץ האָט געוועהטאָגט פאַר איהר.

עס איז שוין געווען א וואָך פאַר ראש השנה און ר' שלמה זלמן, אליהו'ס פאָטער, האָט שוין געוואָלט צוריקפאָהרען קיין ווילנע. אָבער ר' יהודה ליב איז צו איהם צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל פאַרבלייבען אין קיידאַן ביז נאָך ראש השנה. פאַר דער קורצער צייט וואָס ר' שלמה זלמן האָט פאַרבראַכט אין ר' יהודה ליב'ס הויז, האָט ער אַרויסגעקראָגען א גוטען איינדרוק פון אַלעמען. איבערהויפּט איז איהם געפעלען געוואָרען חנה, די בת יחידה פון ר' יהודה ליב. זי איז געווען אַזא איידעלע, אַזא פרומע און באַשיידענע, ער האָט געפיהלט, אַז זי איז די באַשערטע פון זיין זוהן, און דאַריבער האָט ער לאַנג ניט געצעגערט און איינגעשטימט אויף א קנין.

דאָנערשטאָג ביינאַכט זיינען אין ר' יהודה ליב'ס הויז צוזאַמענגעקומען די חשוב'ע בעלי בתים פון שטאָט, די קרובים און גוטע פריינט, און מען האָט געמאַכט א קנין... אליהו איז די גאַנצע צייט געזעסען אין זיין צימער און געלערענט, און ווען אַלץ איז געווען גרייט, איז זיין פאָטער צו איהם אַריינגעקומען און איהם אויף א ווײַלע אַרויסגערופען.

דער רב ר' דוד קאַצענעלבאָגען, האָט געהאַלטען א סודר (א טיכעל) און אליהו האָט צוגענומען איין טייל פון סודר און חנה האָט א ציה געטאָן דעם צווייטען טייל און דער קנין איז דורכגעפיהרט געוואָרען. מען האָט זיך געוואונשען מזל טוב און געמאַכט א ברכה מיט לעקאַך און בראָנפען.

דערווייל האָט מען נאָך ניט באַשטימט דעם טאָג פון דער חתונה. דאָס האָט מען אָפּגעלייגט אויף די תנאים, וואָס מען האָט באַשטימט אויף נאָך חנוכה.

איצט, האָט מען אין קיידאַן אויפגעהערט צו רעדן וועגען נחום'ען און ציפּע'ן און מען האָט גערעדט וועגען דעם גליק וואָס האָט געטראָפען ר' יהודה ליב'ן, וועלכער קריגט אַריין אַזא וואונדערבאַרען איידעם ווי דער יונגער גאון אליהו... אַלע טאַטעס, וועלכע האָבען געהאַט טעכטער אין די־זעלבע יאָהרען, האָבען איהם שטאַרק מקנא געווען. מען האָט גערעדט, אַז דער גביר ר' יהודה ליב וועט פראַווען אַזא חתונה וואָס אַזעלכעס איז נאָך ניט געזעהן געוואָרען. מען האָט גערעדט, אַז צו דער חתונה פון דעם יונגען גאון וועלען קומען די גרעסטע רבנים און לומדים פון ווילנע און פון די אַנדערע שטעט און שטעטלאַך, אומעטום האָט מען וועגען דעם גערעדט, און יעדער האָט עפּעס געהאַט וואָס צו זאָגען וועגען דעם.

— דערווייל איז נאָך גאַנץ ווייט צו דער חתונה, — האָט מען גערעדט אין שוהל, — זיי זיינען נאָך ביידע יונגע קינדער.

— וואָס איז שייך צו זאָגען וועגען אזא גאון „א יונג קינד", — רופט זיך אָן דער רב ר' דוד, — עס איז זיין גלייכען ניטאָ. אזא למדן ווי ער קאָן מען ניט געפינען צווישען די עלטסטע פון אונז. און חנה!... זי איז דאָך אזא טייער קינד!... זי איז פרום, איידעל און א גוטע באַלעבאָסטע... איך גלויב, אז אין א יאָהר אָדער צוויי וועט מען קאָנען פייערען זייער חתונה.

נאָך ראש השנה איז ר' שלמה זלמן אָפּגעפאָהרען פון קיידאַן. אליהו האָט א קליינע ווייַלע מבטל געווען פון לערנען און איז געגאַנגען צוזאַמען מיט ר' יהודה ליב'ן, גיטלען און חנה'ן איהם צו באַגלייטען ביז דער אכסניא. דאָרט האָט זיך אליהו געזעגנט מיט זיין פאָטער, וועלכער האָט זיך אריינגעזעצט אין דער פיהר וואָס האָט געהאַלטען ביים אָפּפאָהרען קיין ווילנע.

ר' יהודה ליב האָט איהם מיטגעגעבען עטליכע גילדען צו קויפען מתנות פאר זיינע אנדערע קינדער, און ר' שלמה זלמן איז אָנגעקומען אין ווילנע א צופרידענער. ער האָט גלייך געבראַכט **די נייעס צו זיין פרוי**, טריינע, און זיי האָבען זיך אָפּגעגעבען „מזל טוב" איינער דעם צווייטען.

— איך זאָג דיר, טריינע, אז זי איז א פיין קינד, זי וועט איהם שוין צוזעהן, איהם וועט גאָרניט פעהלען, זי איז טאַקע זיין באַשערטע.

— ווייזט אויס, אז דער וועלכער האָט געשריבען דעם בריוו איז טאַקע געווען א שונא, — האָט טריינע געזאָגט.

— עס האָט פּאַסירט זעהר א פיינליכע געשיכטע מיט דעם בריוו־שרייבער, — האָט ר' שלמה געזאָגט, — א יונגער מאַן, מיט'ן נאָמען נחום, אַן איידעם אויף קעסט, האָט דעם בריוו געשריבען, און דאַרף גראַד פּאַסירען, אז ער קומט צוזאַמען מיט זיין שווער צו באַזוכען ר' יהודה ליב'ן, ווייזט אויס, אז ער האָט נאָך ניט געוואוסט, אז מען ווייסט שוין ווער עס האָט געשריבען דעם בריוו. פאַרשטעהט זיך, אז ר' יהודה ליב האָט איהם פאַרגעוואָרפען. נו, האָט ער געזאָגט, אז זיין שווער האָט אויך געוואוסט פון בריוו... כאַפּט זיין שווער און לאָזט איהם ארונטער א פּאַטש... נו, האָט זיך פון דאַן אָן אָנגעהויבען א חתונה!...

נחום איז ניט געגאַנגען נעכטיגען אהיים, ער האָט גענעכטיגט אין בית המדרש... ווייזט אויס, אז ער האָט זיך געשעהמט צו באַווייזען אין שטאָט, און ער האָט באַשלאָסען צו פאַרלאָזען קיידאַן, אָבער ער האָט קיין געלט ניט געהאַט... און ווי דער שטייגער איז, עבירה גוררת עבירה... האָט ער אויסגעליידיגט די צדקה־פּושקע פון בית המדרש, און ער האָט עוקר געווען פון קיידאַן. עס איז שוין באַלד זעקס וואָכען זינט ער איז אנטלאָפען פון קיידאַן און מען האָט פון איהם ניט געהערט... ער האָט איבערגעלאָזט א יונגע פרוי, וועלכע איז נאָך אויף דער צייט... עס איז א ביטערער רחמנות אויף איהר, זאָג איך דיר. זי איז גראַד א וואוילע פרוי... אין קיידאַן האָט זיך דאָס אָפּגעטאָן. איך האָב צוגעזאָגט ר' אשר'ן, נחום'ס שווער, אז איך וועל זעהן איהם זוכען אין ווילנע, אפשר געפינט ער זיך דאָ...

— איך קאָן ניט פאַרשטעהן ווי אזוי א אידישער יונגער מאַן קאָן אזוי האַנדלען געגען זיין פרוי אין אזא צייט? — האָט טריינע זיך אָנגערופען, — וואָס איז זי שולדיג אז ער האָט זיך באַנאַרישט?

— ווייזט אויס, אז אויב א מענש איז צו שוואַך צו באַהערשען זיינע שוואַכע נייגונגען, וועט ער באַגיין איין זינד נאָך דער צווייטער, און וואָס ווייטער וועט ער פאַרקריכען אין א טיפערע בלאָטע... עס וועט זיין א גרויסע מצוה איהם צו געפינען און איהם באַוועגען זיך אומצוקערען צו זיין פרוי.

פאַר די עטליכע וואָכען וואָס נחום איז אָפּגעווען אין קלייזעל אויפ'ן שוהל־הויף, איז ער זעלטען ארויסגעגאַנגען אין גאַס. ער איז געזעסען דאָרט און ...עלערענט. אין אמת'ען אָבער איז איהם דאָס לערנען אין קאָפּ ניט געקראָכען... ער פלעגט זיצען ביי דער אָפענער גמרא, זיך שאָקלען אונטערברומענדיג א ניגון, און זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט

זיין פרוי... ער האט זיך פארגעשטעלט ווי שטארק זי מוז דאס ליידען! און זי איז דאך געווים אומשולדיג... זי האט איהם געווארענט וועגען דעם... ווען ער פארטרויט זיך אין איהר איידער ער האט דעם בריוו געשריבען, וואלט צו קיין זאך ניט געקומען... איצט איז זי געבליבען אליין, אן עגונה... ער קאן דאך זיך שוין קיינמאל ניט אומקעהרען קיין קיידאן... דארט ווייסען שוין אלע, אז ער איז א גנב... שוין מעהר ווי צעהן וואכען ווי ער וואלגערט זיך דא, אין בית המדרש... ער שלאפט אויפ'ן הארטען באנק, ער עסט ביי פארשידענע אידען... פונקט ווי אמאל, ווען ער איז געווען א קלויזניק... ער האט נאך געהאט ביי זיך א פאר גילדען וואס איהם איז איבערגעבליבען פון דער פושקע... ער האט זיך צו זיי ניט געוואלט צוריהרען... ווער ווייסט טאמער וועט איהם אויסקומען אויך פון דאנען צו אנטלויפען... גאנץ אפט פלעגט ער אונטערהונגערען... ווייל די אידען ביי וועמען ער פלעגט עסען טעג, זיינען אליין אויך געווען ארימע און קוים געהאט גענוג צו עסען פאר זייערע אייגענע...

פלעגט זיך נחום ליגען ביינאכט א הונגעריגער אויפ'ן הארטען באנק, און טראכטען פון יענע גליקליכע טעג וואס ער האט פארבראכט מיט זיין שעהנע, יונגע ווייבעל, ביי זיין שווער אין הויז... וואס האט איהם דאן געפעהלט? ער האט געהאט א ווארעמען ווייכען געלעגער... עסען האט ער געהאט פון דאס בעסטע... זיין ווייבעל האט איהם גוט צוגעזעהן, זיין שוויגער פלעגט פאר איהם באקען און קאכען אלץ וואס ער האט האלט געהאט... איצט, אין די לאנגע ווינטער נעכט, ווען זי פלעגט צוגרייטען שמאלץ אויף פסח... נאך איצט דערטראגט זיך צו זיינע נאזלעכער דער רייצענדער ריח פון די געפרעגעלטע שמאלץ, און אין זיין מויל פיהלט ער דעם טעם פון די פרישע גריבענעס... אט איז שוין באלד חנוכה, אין הויז איז געווען ווארעם, א מחיה... זיין ציפע איז געשטאנען מיט פארקאשערטע ארבעל נעבען גרויסען אויווען, אין קיך... זי האט געבאקען לאטקעס... איהר פנים האט געפלאמט און זי האט אויסגעקוקט אזוי שעהן, אזוי ליבליך... ער פלעגט זיך דאן פאר'גנב'ענען הינטער איהר און ווען ער איז געווען זיכער, אז קיינער זעהט ניט, פלעגט ער איהר א קוש טאן... ציפע פלעגט זיך מאכען כלומרשט ווי זי דערשרעקט זיך און פלעגט איהם אוועקטרייבען פון זיך, אבער פון איהרע אויגען האט ער דערקענט, אז זי איז אזוי גליקליך און ער פלעגט זי ארומנעמען און דריקען צו זיך... ציפע פלעגט זיך וועהרען און איהם ווארענען, אז אימיצער קאן נאך אנקומען... אבער דערווייל פלעגט ער זי באדעקען מיט קושען... און זי פלעגט איהם אויך ענטפערען מיט קושען... ער געדענקט, אז איינמאל ווען ער האט זי אזוי געהאלטען אין זיינע ארעמס און געקושט, איז גראד אנגעקומען די שוויגער... ציפע האט זיך פארשעהמט און גלייך ארויסגעריסען זיך פון זיינע הענט... די שוויגער האט גוטמוטיג געשמייכעלט און זי האט זיך אויף איהם "א בייזער" געטאן: "ווי קומט א מאנזביל אין קיך"!

— דער טריפה'נער האלז האט דערשמעקט לאטקעס, — האט ציפע לאכענדיג געזאגט, — נו, טרעט ער שוין ניט אפ פון דאנען.

— ווען איך באק לאטקעס קומט ער ניט אין קיך אריין, — זאגט די שוויגער און לאכט זיך פאנאנדער, — איי, קינדערלאך, קינדערלאך, זאל גאט געבען, אז מיר זאלען אלע זיין געזונט און דערלעבען איבער א יאהר און איך זאל אייך ווידער כאפען קושענדיג.

דאס האט טאקע פאסירט פאר־א־יאהרען... ווען אימיצער קומט און זאגט איהם, אז ער וועט זיך היינטיגס יאהר וואלגערען אין דער פרעמד, אז אנטלאפענער, און עסען טעג, און שלאפען אויף א הארטען באנק, וואלט ער יענעם אויסגעלאכט... ווער ווייסט וואס זיין ציפע טוט איצט... זיין שוויגער מוז איצט ריידען שלעכטס אויף איהם... זי טרייסט איהר, אז זי זאל זיך ניט נעהמען צום הארצען, ווייל ער איז דאך א גנב... ניין, זיין שוויגער וועט אויף איהם קיין שלעכטס ניט ריידען... זי איז צו איהם אלע מאל גע־

ווען זעהר גוט... זי האַט איהם באַהאנדעלט פונקט ווי ער וואָלט געווען אַן אייגענער זוהן... זי האַט פאַר איהם גרויס דרך ארץ געהאַט... זי פלעגט איהם תמיד בעטען צו האַלטען איהר אין זינען ווען ער לערנט א בלאַט גמרא אָדער א פרק משניות... זי האַט געפיהלט, אַז מיט אַזא אײדעם ווי ער וועט זי זיך איינקויפען עולם הבא... איצט קאָן ער זיך פאַרשטעלען איהר ענטטוישונג ווען זי האַט אויסגעפונען, אַז ער האַט באַ׳גנב׳עט די צדקה־פושקע. געוויס מוז זי זיצען מיט ציפּע׳ן און קלאָגען און וויינען אויף איהר ביטערען מזל... און זיין שווער! וואָס טוט ער? ווי אַזוי האַט ער עס געננומען?... ער איז דאָך דער גאַנצער שולדיגער... ווען נחום טראַכט פון זיין שווער, צוברענט זיך אין איהם זיין צאָרן... ווי אַזוי האַט ער געוואַגט צו הויבען א האַנט אויף איהם?... אין זיין הארצען האַט ער דאָך געוואוסט, אַז ער האַט איהם ערמוטיגט צו שרייבען דעם בריוו... ער וועט איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין...

ווען ער טראַכט פון דעם ווי אַזוי ער האַט באַ׳גנב׳עט די צדקה־פושקע, געהט אריבער א סקרוד איבער זיין לייב. ווי אַזוי איז ער דערגאַנגען צו אַזא מדרגה? ווען ניט דאָס וואָלט ער זיך געקאָנט צוריקקערען אין עטליכע טעג ארום, וואָלט זיך איבערגעבעטען מיט זיין שווער און ביז איצט וואָלט אַלץ פארגעסען געוואָרען, ער וואָלט אפילו געקאָנט פועל׳ן ביי זיין שווער זיך פאַר איהם צו ענטשולדיגען... יאָ, ווען ר׳ יהודה ליב וואָלט איהם דאַן ניט געזעהן ארויסקלעטערענדיג פון פענסטער... ער דערמאָנט זיך ווי ר׳ יהודה האַט איהם א שטאָך געטאָן מיט זיינע רייד און פון איהם אָפּגעלאַכט... אין זיינע אויערען קלינגען נאָך ר׳ יהודה׳ס רייד: ״ווי איך זעה, נחום, האַט דיר דיין שווער׳ס פּאַטש געמאַכט פאַר א בעל תשובה, דו ביזט א גאַנצע נאַכט געזעסען א ״משמר״... אַז די טיר פון בית המדרש איז צוגעשלאָסען פון דרויסען, קריכסטו אריין דורכ׳ן פענסטער״... אָ, ווען ניט אָט דער ר׳ יהודה וואָלט ער איצט ניט געווען אין אַזא צרה.

א געפיהל פון צאָרן און נקמה נעמט ארום נחום׳ן... ער, ר׳ יהודה, האַט איהם אומגליקליך געמאַכט, און דעריבער וועט ער זיך אָן איהם נוקם זיין... וואָס אָבער קאָן ער איהם טאָן? ווי אַזוי קאָן ער איהם שלעכטס טאָן?...

באַלד איז איהם אויפ׳ן געדאַנק געקומען ר׳ יהודה ליב׳ס דינסט זאשקע, וועמען ער האַט מגייר געווען, און וועלכע הייסט איצט שרה׳קע... יאָ, ער איז געווען דאַביי ווי מען האַט זי מגייר געווען... ווען די פּאָליציי זאָל אויסגעפינען, אַז זיין דינסט איז געווען א קריסטין און אַז ער, ר׳ יהודה, האַט זי אָפּגערעדט פון איהר רעליגיע און זי פאַר [א] אידין געמאַכט, וואָלטען איהם שוין [ז]יין צרות ניט געפעהלט... איהם וואָלט שוין דאַן ניט געלעגען אין זינען חוזק צו מאַכען פון איהם.

בעת מעשה ווען ער טראַכט פון דעם געהט דורך א שוידער דורך זיין קערפּער... ווי אַזוי קאָן ער גאָר טראַכטען פון דעם?!... ווי אַזוי קאָן ער ווערען [א] מסור?... ער וועט דאָך ברענגען צרות ניט נאָר אויף ר׳ יהודה׳ן, נאָר אויך אויף אַנדערע אידען, איבערהויפּט אויף דעם קיידאַנער רב, ר׳ [דו]ד קאַצענעלענבאָגען... אָבער באַלד קומט איהם פאָר ווי אַזוי מען האַט איהם פאַרשעהמט. און דער רב האַט אפילו קיין פאַרזוך ניט געמאַכט צו פאַרגלע[ט]ען די זאַך, פאַנגט זיין בלוט אָן צו קאָכען אין איהם... ער לײדט! זאָלען זיי אויך לײדען! זאָלען זיי פיהלען דעם טעם פון די צרות...

וואָס מעהר נחום האַט פון דעם געטראַכט, אַלץ מעהר האַט אין איהם געברויזט זיין צאָרן. ער האַט גענומען פּלאַנעווען זיין נקמה אָן ר׳ יהודה׳ן... אָבער ווי אַזוי זאָל ער עס דורכפיהרען?!... ער האַט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי מען ארעסטירט ר׳ יהודה׳ן און פון שידוך מיט אליהו׳ן ווערט גאָרניט... זאָל ער ניט זיין ביי זיך אַזוי שטאָלץ... מיט איהם קאָן אויך פּאַסירען אַן אומגליק פונקט ווי מיט איהם... ער מיינט, אַז אויב ער איז דער רייכסטער איד פון קיידאַן קאָן ער שוין טאָן וואָס זיין הארץ גלוסט!...

נחום האַט זיך געוואָרפען פון זייט

צו זייט אויפ'ן הארטען באנק, און זיין מח האָט שנעל און פיבעריש געארבייט... זיין בלוט האָט אין איהם געזאָדען. פאַרוואָס קומט עס איהם אזוי פיל צו ליידען אין דער צייט ווען זיי, דאָרט, אין קיידאן האָבען פון אל־דאָס־גוטס?... פאַרוואָס האָט מען דאָרט פאר איהם אזוי ענג געמאכט, אז ער א . געצוואונגען געווען צו אנטלויפען פון קיידאן און ווערען נע ונד?!... זאָ[illegible]ן זיי אויך פיהלען דעם ביטערען טעם... זאָלען זיי אויך ווי־סען וואָס עס מיינט צרות!... ער שטעלט זיך פאָר וואָס עס האָט זיך געמוזט אָפּטאָן אין קיידאן יענעם טאָג ווען ער איז פון דאָרט אנטלאָפען מיט דעם געלט פון דער צדקה־פּושקע... אלע האָבען חוזק געמאכט און געטריבען שפּאס אויף זיין חשבון... און ווער ווייסט, אויב נאָך איצט ווערט זיין נאָמען ניט דערמאנט צו שאנד און צו שפּאָט!... זיי מוזען געניוג בלוט צאפּען פון זיין ציפּע'ן... ער קען זיי גוט, די קיידאנער אידען און אידענעס, די וועלכע האָבען ליב ארײנצוקוקען וואָס עס קאָכט זיך אין יענעמס טעפּעל... זיין אָרימע ציפּע, ווער ווייסט אויב זי איז ניט קראנק געוואָרען פון צרות... און די אידענעס קומען אריין צו איהר יעדען טאָג צו שיטען זאלץ אויף די וואונדען.

נחום האָט זיך אויפגעהויבען פון דער הארטער באנק. ער האָט גענומען ארומשפּרייזען איבער'ן קאלטען בית המדרש הין און צוריק. ער האָט זיך איינגעהילט אין דעם אלטען צעריסענעם מאנטעל וואָס איינער פון די בעלי בתים האָט איהם געגעבען א מתנה, און ער האָט געטראכט ווי אזוי דורכצופיהרען זיין נקמה־פּלאן... ער דאַרף עס טאָן אזוי אז מען זאָל ניט קאָנען אויסגעפינען, אז די מסירה שטאמט פון איהם... ער וועט דארפען שרייבען א בריוו צו דעם הויפּט פון דער פּאָליציי אין קיידאן... ניין, דאָס ניט! דאָרט וועט מען זיך גלייך אָנשטויסען, אז ער איז עס דער מסור... דאָס טאָר מען קיינמאָל ניט אויסגעפינען... באלד האָט ער זיך דערמאנט, אז די שיקסע, זאשקע קומט פון ווילנע, און דעריבער דאַרף די היגע פּאָליציי זיין אין דעם פאראינטערעסירט... יא, ער וועט שוין וויסען וואָס צו טאָן.

די איינציגע חלב'נע ליכט האָט געצאנקט און געוואָרפען שווארצע שאָטענס אר[illegible]ם איהם... א שרעק איז איהם באפאלען. ווי אזוי קאָן ער זינקען אזוי נידעריג, צו ווערען א מסור! צו ב[illegible] ענגען אן אומגליק אויף פילע אומשולדיגע אידען! א געפיהל פון חרטה האָט איהם ארומגענומען, און ער האָט געזוכט צו פארטרייבען די דאָזיגע בייזע געדאנקען פון זיך... עס איז דאָך לעכערליך... ער וועט ניט געהן מסר'ן אויף זיינע ברידער, צו די גויים... דער שטן האָט זיך אין זיין מח באזעצט, אָבער ער וועט זיך ניט לאָזען פארפיהרען פון יצר הרע... ער וועט באהערשען זיין געפיהל פון נקמה.

אזוי זי[illegible]ן פארלאָפען נאָך עטליכע וואָכען. נחום האָט זיך געניוג אָנגעליטען. ער האָט זיך געפיהלט עלענד און איינזאם. אין בית המדרש איז געווען קאלט. די נעכט זיינען געווען לאנגע. דורכ'ן טאָג האָט נאָך דער שמש [illegible]עהייצט דאָס קליינע אויוועלע, און די מתפללים פלעגען שטעהן ארום איהם און זיך ווארעמען. אין דער פריה נאָכ'ן דאווענען פלעגען איי־ניגע אידען פארבלייבען אין בית המדרש און ארײנקוקען אין א ספר, זאָגען א קאפּיטעל תהילים, לערנען א פרק משניות, אָדער עין יעקב. ביי־נאכט אָבער פלעגט זיך זעלטען געפינען עמיצער וועלכער פלעגט דאָרט בלייבען. דער שמש פלעגט גלייך נאָך מעריב אוועקגעהן צו טאָן זיינע קהל'־שע פליכטען. פריהער איידער נחום איז געקומען פלעגט ער אליין אויך דארפען בלייבען שפּעטער, כדי צו האלטען או[illegible]נג, איצט אָבער, האָט זיך דער שמש באנוצט מיט דעם פרעמדען "ישיבה בחור", אָבער ווען ער האָט זיך צו איהם צוגעוואוינט, האָט ער איהם שוין געבעטען ער זאָל איהם ארויסהעלפען... נחום פלעגט אויסקעהרען די קלויז, ארײנטראָגען וואסער און אָנפילען דעם כיור, אוועקשטעלען די שטענדערס אויף זייערע פלעצער, אויסרייניגען די לאָמפּען ערב שבת, און ארײנטראָגען דאָס האָלץ

פון קעמערל וואס איז געווען הינטער'ן קלויז.

ביסלעכוויז האט דער שמש פארלוירען זיין דרך ארץ פאר איהם, און ער האט איהם אנגעפאנגען צו "דוצען" און זיך מיט איהם גענומען שאפען ווי מיט א שיק־איינגעל. ער איז געווארען זיין אונטער־שמש אבער קיין געצאהלט האט ער ניט ניט באקומען.

נחום האט זיך געפיהלט שטארק דערשלאגען און ער האט געפאלגט אלץ וואס דער שמש האט איהם געהייסען טאן... ער איז נאך אלץ געווען אונטער דעם איינדרוק, אז מען זוכט איהם ארום פאר דער גנבה'ן פון דער צדקה־פושקע. ער איז אויך געווען דאנקבאר דעם שמש פאר די "טעג" וואס ער האט געקראגען פאר איהם, ווייל ווען ניט ער, וואלט ער דאך געמוזט ליידען הונגער... ער איז געווען צופרידען וואס ער איז אריינגעפאלען דא, אין א קליינעם בית המדרש, וואו עס זיינען ניטא קיין סך אידען, און די וועלכע זיינען יא דא, זיינען אזעלכע פאר וועמען ער האט ניט וואס מורא צו האבען, ווייל זיי זיינען אלע ארימע בעלי מלאכות, וועלכע קומען ניט אין באריהרונג מיט אידען סוחרים, און דאריבער האט ער ניט געהאט וואס מורא צו האבען, אז מען וועט איהם דורך זיי אויסגעפינען.

איינמאל, אין דער פריה נאכ'ן דאווענען, הערט ער ווי איינזיגע אידען ריידען וועגען דעם יונגען גאון אליהו. דאס האט איהם שוין שטארק פאראינטערעסירט, און ער איז צוגעגאנגען עטוואס נעהענטער, כדי צו הערען דעם גאנצען געשפרעך. פריהער האבען די אידען צווישען זיך גערעדט וועגען אליהו'ס גרויסקייט אין לערנען און וועגען דעם וואס מען זאגט, אז די גרעסטע רבנים אין ווילנע און ארום האבען מורא זיך אריינצולאזען מיט איהם צו ריידען אין לערנען, ווייל ער שטעלט זיי אין גרוים פארלעגענהייט מיט זיינע קשיות.

— איז טאקע ניט קיין וואונדער וואס איהם האט אויסגעכאפט אזא גרויסער גביר, — רופט זיך אן איינער פון די מתפללים, — איך האב געהערט, אז דער קיידאנער גביר, ר' יהודה ליב, איז באשטאנען, אז מען זאל שרייבען תנאים צווישען זיין בית יחידה און אליהו'ן, ווייל ער האט מורא, אז אימיצער אנדערש זאל איהם ניט אוועקנעהמען.

— מיין שוואגער וואוינט אין דעם זעלבען הויז וואו ר' יהושע העשל, דער ווילנער רב וואוינט, און ער האט מיר דערצעהלט, אז ר' יהושע העשל און נאך איינינע רבנים זיינען לעצטע וואך אפגעפאהרען פון ווילנע קיין קיידאן צוזאמען מיט ר' שלמה'ן זלמן, צו באטייליגען זיך אין דער שמחה פון זיין זוהן, אליהו'ס תנאים, וואס איז געפייערט געווארען מיט גרויס רחבות אין קיידאן. לויט ווי ער דערצעהלט, האט מען דארט געפייערט אזא שמחה, אז א חתונה ווערט זעהר זעלטען געפייערט אויף אזא רייכען שטייגער ווי ר' יהודה ליב האט עס געטאן צו די תנאים פון זיין בת יחידה'ן.

— איך קאן זיך פארשטעלען וואס עס וועט זיך טאן ווען עס וועט געפייערט ווערען זייער חתונה... א קלייניגקייט אזא חתן!

— און אזא גביר! — רופט זיך אן נאך איינער, — איך האב געהערט, אז ער איז דער רייכסטער איד פון קיידאן.

— דער גביר האט מזל! וואס דען אזא איד ווי איך אדער איהר אדער ער וועלען קאנען קריגען פאר זייערע טעכטער אזא טייערען איידעם.

— ווען וועט זיין די חתונה?

— איך האב געהערט, אז די חתונה וועט פארקומען דעם קומענדען ל"ג בעומר! איך קאן טאקע ניט פארשטעהן, זיי זיינען נאך ביידע אזוי יונג, טא וואס איז די איילעניש?

— ס'ווייזט אוים, אז אפילו נאך די תנאים האט ר' יהודה ליב ניט זיין זיכער, אז אימיצער אנדערש וועט איהם ניט אפריידען פון דעם שידוך, דאריבער וויל ער, אז די חתונה זאל פארקומען וואס שנעלער.

ווען נחום האט עס דערהערט, האט זיך אין איהם ווידער דערוועקט זיין צארן אויף ר' יהודה ליב'ן. הייסט עס, אז ער וועט פארט אריינקריגען אליהו'ן פאר זיין איידעם, און טאקע אזוי שנעל. ער קאן זיך פארשטעלען וואס עס טוט זיך איצט אין קיידאן... אלע מוזען לאכען פון איהם וואס ער האט

געמאכט א פארזוך קאליע צו מאכען דעם שידוך...

ער איז אוועק פון די עטליכע אידען און ער האט זיך געזעצט אין זיין ווינקעל, נעבען זיין שטענדער. ער האט אויפגעעפענט די גמרא, אבער זיינע געדאנקען זיינען געווען ערגעץ אנדערש... ער האט געטראכט פון דעם אז געווים איז זיין שווער ר' אשר געווען איינער פון די געסט וועלכער האט זיך באטייליגט אין דער שמחה און ער האט איהם צוגעוואונשען מזל טוב... א, ווי אזוי קאנען מענשען זיין אזעלכע צבועק'עס... ער ווייסט דאך ווי ליב זיין שווער האט ר' יהודה ליב'ן, פון דעסטוועגען קומט ער זיך באטייליגען אין זיינע שמחות און ווינשען ..יהם גליק... אבער אין הארצען שילט ער איהם מיט די שרעקליכסטע קללות.

יענעם טאג איז נחום געווען אזוי אויפגערעגט און צארנדיג אז איהם איז ווידער געקומען דער געדאנק נקמה צו נעמען פון ר' יהודה ליב'ן... אלץ וואס ער וועט דארפען טאן, איז צו מסור'ן אז ר' יהודה ליב האט איבערגערעדט זיין קריסטליכע דינסט זיך מגייר צו זיין... דאן, יא, דאן וועט ער שוין האבען צו געדענקען. עס וועט איהם שוין דאן ניט ליגען אין זינען צו פראווען אזא גרויסארטיגע חתונה. און ווער ווייסט אויב דער שידוך וועט גאר אין גאנצען ניט בטל ווערען... ווען ער טראכט פון דעם גיט זיין הארץ א פלאטער פון פרייד... א, ווען איהם זאל דאס געלינגען, דאן וואלט ער זיך געפיהלט גליקליך. ער וואלט דורך דעם געהאט באפרידיגט זיין נקמה־געפיהל אויף ר' יהודה ליב'ן. ער האט טאקע געהאט אמאל געזאגט זיין שווער אז ער וועט שוין זעהן אז אליהו זאל ניט ווערען זיין איידעם.

ער האט זיך גענומען פארשטעלען ווי אזוי די פאליציי קומט און ארעסטירט ר' יהודה ליב'ן. דערווייל מוז מען אפלייגען די חתונה ביז דעם משפט. אין זייער הויז וועט זיך טאן חושך, זיי וועלען אלע ארומלויפען ווי משוגעים. זאלען זיי אויך פיהלען זיין טעם... זאלען זיי וויסען וואס עס מיינט צו ליידען...

באלד אבער פאנגט ער זיך ווידער אן צו שרעקען פאר זיינע געדאנקען. ער זוכט זיי צו פארטרייבען, אבער פונקט ווי א זלידנע פליג, וואס מען טרייבט אוועק פון פנים און זי קומט צוריק, אזוי קומען צו איהם אט די שלעכטע געדאנקען. פארוואס קומט איהם אזוי שטארק צו ליידען... זאל אויך ר' יהודה ליידען... ער האט דאך פאראורזאכט זיין אנטלויפען פון קיידאן... יא, ווען ניט ר' יהודה ליב וואלט קיינעם גאר ניט איינגעפאלען אז דאס האט ער בא'גנב'עט די צדקה־פושקע... יא, ער מוז זיך אן איהם נוקם זיין, קיינער וועט איהם ניט חושד זיין אויב ער זאל וויסען ווי אזוי צו האנדלען... א, ווען ער זאל נאך קענען שרייבען פויליש אדער רוסיש, וואלט שוין פאר איהם ניט שווער געווען, אלץ וואס ער דארף טאן איז אנצושרייבען א בריף צום פאליציי מייסטער און איהם דערצעהלען וועגען דער שיקסע, זאשקע, וועלכע רופט זיך איצט מיט איהר נאמען שרה'קע, און זיי וואלטען שוין געטאן דאס איבעריגע.

דער געדאנק צו מסר'ן אויף ר' יהודה ליב'ן און דורך דעם מבטל מאכען דעם שידוך, האט איהם שוין ניט אפגעלאזט... ער איז ארומגעגאנגען מיט דעם טאג און נאכט, ער האט גענומען פיהלען אז בלויז דורך דעם וועט ער קענען שטילען זיין דורשט נאך נקמה... און ווען זיין געוויסען האט איהם גענומען פלאגען פאר האבען אזעלכע געדאנקען, האט ער געפונען א בארעכטיגונג... קיינער האט זיך וועגען איהם ניט געקימערט, און מסתמא ארט איצט אויך קיינעם ניט וואס ער דארף אזוי פיעל ליידען... ערשט מיט א זעקס, זיבען חדשים צוריק האט איהם גארניט געפעהלט, ער איז געווען גליקליך מיט זיין שעהן ווייבעל... ער האט געהאט פון אל־דאס־גוטס... און מיט אמאל איז אלץ פון איהם אוועקגענומען געווארען, און אלץ צוליעב דעם ר' יהודה ליב'ן... ווייל איהם האט זיך פארוואלט האבען דעם יונגען גאון פאר אן איידעם... יא, ער וועט איהם שוין האבען פאר אן איידעם!... ר' אשר האט פארלארען

זיין אײדעם, און איצט וועט ר׳ יהודה ליב אויך פארלירען אן אײדעם.

איצט אז ער האט באשלאסען צו ברײנגען די מסירה אויף ר׳ יהודה ליב׳ן, האט ער גענומען טראכטען ווי אזוי עס דורכצופיהרען. ער האט קיין אנדער ברירה ניט ווי צו שרייבען דעם בריף אין אידיש... מן הסתם וועט זיך שוין געפינען אימיצער וועלכער וועט איבערזעצען דעם בריף פאר׳ן פאליציי־מייסטער.

איינמאל בייננאכט, ווען ער איז געזעסען אליין אין בית המדרש, און זיין פארביטערטקייט איז געווארען שטארקער געגען ר׳ יהודה ליב׳ן פון וועמען ער האט ניט אויפגעהערט צו טראכטען אלס זיין שונא און שולדיגער אין אלע זיינע צרות, האט ער גענומען א שטיקעל פאפיר און מיט א בליישטיפט געשריבען פאלגענדען בריף:

”צום הערר פאליציי־מייסטער!

”אין קיידאן געפינט זיך א קריסטליכע מיידעל פון ווילנע. זי איז איצט א דינסט ביי איינעם פון די דארטיגע רייכסטע אידען. זיין נאמען איז יהודה ליב. דער נאמען פון דער קריסטליכער מיידעל איז זאשקע, נאר איצט רופט זי זיך שרה׳קע, ווייל דער איד, איהר בעל הבית, האט איהר איינגערעדט צו פארלאזען איהר קריסטליכען גלויבען, און אננעהמען דעם אידישען גלויבען... איך וויים אז ער איז אין דעם באגאנגען א פארברעכען, ווייל זי, די קריסטליכע דינסט זיינע האט זעהר ניט געוואלט פארלאזען איהר גלויבען, אבער ער האט זי דערצו געצוואונגען. איך גלויב אז עס איז אייער פליכט צו מאכען אן אויספארשונג וועגען דעם, און העלפען דער קריסטליכער מיידעל צוריקצוקעהרען זיך צו איהר גלויבען.

”איינער וועלכער ווייסט”

עטליכע טעג האט ער זיך ארומגעטראגען מיט דעם בריף אין קעשענע און האט ביי זיך ניט געקענט באשליסען איהם צו שיקען צי ניט... בייננאכט ווען ער פלעגט ליגען אויף זיין הארטען געלעגער אין דעם קאלטען בית המדרש, פלעגט ער זיך פלוצלינג א שטעל טאן, אנצינדען דאס ליכטעל און נעמען דורכלייענען דעם בריף . . . אט האט ער איהם געוואלט צעררייסען אויף פיץ־פיצלעך, אבער ער האט עס ניט געטאן.

איין נאכט, עטליכע טעג פאר פורים, האט ער ניט געקענט ליגען רוהיג. ער האט זיך גענומען דערמאנען וואס פאר א פרעהליכען פורים ער האט פאר־אַיאהרען געהאט, ווען ער האט געלייענט די מגילה אין קליינעם בית המדרש און די יונגע חברה האבען גענומען ”קלאפען” המן׳ען . . . ער האט אזוי שעהן געזונגען די מגילה, אז ציפע האט איהם געמאכט א קאמפלימענט און געזאגט אז זי האט פאר איהם געבאקען א גרויסען ”המן־טאש”, און די שוויגער האט איהם דערפאר געגעבען א פיינעם שלח מנות... זיין שווער האט איהם געזאגט אז ער לייענט די מגילה בעסער און שעהנער פון דעם בעל קורא פון גרויסען בית המדרש און אם ירצה השם אויף איבער־אַיאהר פורים וועט ער שוין זעהן אז ער, נחום, זאל לייענען די מגילה אין גרויסען בית המדרש. יא, איצט וואלגערט ער זיך אין א קליינעם בית המדרש, אויף א הוילער באנק און ער וועט מסתמא אזוי זיך וואלגערן מי יודע ווי לאנג... זיין בלוט האט אין איהם גענומען קאכען און זידען, ער האט זיך אויפגעהויבען פון דער הארטער באנק און גענומען ארומשפרייזען הין און צוריק איבער׳ן קאלטען בית המדרש. ער זעהט פאר זיך ניט קיין אויסוועג, ער איז אן אנטלאפענער, דארט אין קיידאן, האט מען איהם שוין געוויס א נאמען געגעבען ”נחום דער גנב!” . . . ער קען זיך פארשטעלען ווי ר׳ יהודה ליב שמייכעלט ווען ער הערט ווי מען רופט איהם גנב . . . ער וועט איהם שוין ווייזען ווי אזוי חוזק צו מאכען פון איהם... פלוצלינג איז ביי איהם געווארען דער באשלוס אז ער וועט אוועקשיקען דעם בריף... ווען דער דאזיגער באשלוס איז איהם נעקימען, איז ער שוין געווארען אומרוהיג און אומגעדולדיג... ער האט זיך קוים דערווארט אויף דעם פריה־מארגען... און אזוי שנעל ווי עס האט אנגעהויבען טאגען איז ער ארוים אין דרויסען.

ער האָט זיך א היבשע ווײלע ארומגעדרעהט איבער די גאסען, ביז וואנען די קראָמען האָבען זיך גענומען עפענען. דאן האָט ער געקויפט א קאָנווערט און א מארקע. ער האָט אריינגעלייגט דעם בריף אין קאָנווערט און עס אדרעסירט צום פּאָליציי־מייסטער פון ווילנע. דאן איז ער צוגעגאנגען צים פּאָסט־קעסטעל און אריינגעוואָרפען דעם בריף.

אזוי שנעל ווי דער בריף האָט זיך ארונטערגעגליטשט אין קעסטעל, האָט זיך עפּעס ווי א ריס געטאָן ביי איהם אין הארצען. אָ, וואָס האָט ער געטאָן! ער האָט אוועקגעשיקט א מסירה אויף א אידען . . .

— אוי, גאָט מיינער! — האָט ער צו זיך גערעדט, — ווי אזוי האָט ער ביי זיך גע׳פּועל׳ט צו טאָן אזא זאך! ווער ווייסט וואָס פאר אן אומגליק ער וועט בריינגען אויף אלע אידען פון קיידאן... ווי קומט עס צו איהם, צו מסר׳ן אויף זיינע אייגענע ברידער... און בפרט ווען ער ווייסט גאנץ גוט, אז דאָס איז א בלבול! ער איז דאָך דאביי געוועזן ווען מען האָט זי מגייר געוועזן... ר׳ יהודה ליב האָט געטאָן אלץ וואָס נאָר ער האָט געקענט זי אָפּצורייסען פון דעם שריט... ער געדענקט, אז מען האָט זאָשקע׳ן געבראכט א האלב־פאר׳חלש׳טע פון הונגער... זי האָט דריי טעג ניט געגעסען... זי האָט געסטראשעט אז אויב מען וועט זי ניט מגייר זיין, וועט זי אזוי אויסגעהן פון הונגער... ער געדענקט ווי מען האָט פּרובירט זי אָפּרעדען, אפילו שוין דאן ווען זי איז געשטאנען נעבען רב... אָבער זי האָט פון דעם ניט געוואָלט הערען... און איצט קומט ער, א איד און מאכט אזא שרעקליכען בלבול אויף ר׳ יהודה ליב׳ן... געוויס וועט ער ניט זיין דער איינציגער וועלכער וועט דערפון ליידען... מען וועט זיך נעמען אויך צום רב... א קאלטער שוויים האָט באדעקט זיין קערפּער, זיינע קניה האָבען זיך געבויגען... ער איז אזוי געשטאנען נעבען בריף־קעסטעל און פון דאָרט ניט אָפּגעטראָטען פאר א לאנגע צייט. ער האָט געוואוסט אז זיין ווארטען איז אומזיסט, אז אפילו ווען דער מאן וועלכער נעמט ארויס די בריף זאָל באלד צוקומען, וועט ער דאָך איהם ניט וועלען געבען צוריק דעם בריף.

ער געדענקט ניט ווי לאנג ער איז אזוי געשטאנען. ער האָט אפילו ניט געפיהלט דעם נאסען שנעע וואָס האָט זיך אריינגעגעסען אין זיינע ביינער... ער האָט געטראכט ווען ער האָט ביי זיך א היבש ביסעל געלד וואָלט ער דעם מאן, וועלכער נעמט ארויס די בריף, אונטערגעקויפט, און יענער וואָלט איהם צוריקגעקעהרט דעם בריף. ער האָט אריינגעשטעקט זיין האנט אין קעשענע און פון דאָרט ארויסגענומען עטליכע קופּערנע מטבעות וואָס זיינען איהם פארבליבען פון דער פּושקע... ער האָט די מטבעות געהאלטען אין האנט... ווער ווייסט, האָט ער ביי זיך געטראכט, אויב די דאָזיגע זינדיגע מטבעות וועלען איהם קענען פארמיידען פון צו באגעהן א גרעסערע זינד... זיין הארץ האָט שטארק געקלאַפּט... אין קאָפּ האָט איהם גערוישט און אין די אויערען האָט איהם געזשומעט... די אויגען האָבען איהם געשווינדעלט... וואָס וועט זיין אז דער מאן וועט פון איהם ניט וועלען נעמען די עטליכע מטבעות? . . .

א שוידער איז דורך זיין קערפּער. וואָס וועט טאקע זיין? . . . ער האָט די עטליכע מטבעות געדריקט אין זיין האנט. ער מוז צוריקבאקומען דעם בריף... אָ, ווען ער זאָל זיך נאָר קענען דורכריידען מיט דעם מאן און איהם ערקלעהרען ווי וויכטיג עס איז פאר איהם צוריקצוקריגען דעם בריף, וואָלט אפשר יענער אויף איהם רחמנות געקראָגען און איהם געטאָן די געפעליגקייט . . .

אָט באמערקט ער ווי דער בריף־טרעגער קומט צו צום קאסטען. ער שליסט אויף דאָס טירעל, און וויל ארויסנעמען די בריף.

נחום איז שנעל צו איהם צוגעגאנגען און גענומען מיט איהם ריידען אביסעל אין אידיש און אביסעל אין גוי׳איש, וועגען א בריף וואָס ער האָט אריינגעוואָרפען דאָ אין קעסטעל.

— וואָס פארלאנגסטו? — האָט דער בריף־טרעגער צו איהם זיך אָנגערופען מיט בייזקייט.

— המ . . . איך . . . א בריף . . . צום פּאָליציי־מייסטער... — האָט ער גענומען שטאַמלען.

— איך פאַרשטעה ניט וואָס דו פּלוידערסט! — האָט דער בריף־טרעגער זיך אָנגערופען, — וואָס ווילסטו?

נחום האָט פּרובירט איהם געבען אַן ערקלעהרונג, אביסעל מיט זיין האַנט און מיט די עטליכע ווערטער וואָס ער האָט גערעדט אין גוי'איש, ביז וואָנען דער בריף־טרעגער האָט זיך אָנגעשטויסען אז ער וויל צוריקקריגען א בריף וואָס ער האָט אריינגעוואָרפען אין בריף־קאַסטען.

— אָ, ניין, — האָט דער בריף־טרעגער אויסגערופען, — דאָס קען איך ניט טאָן. אָבער פאַרוואָס ביזטו עס אזוי נייגעריג צוריקצוקריגען דעם בריף?

נחום האָט ווידער פּרובירט ערקלערען אויף זיין אופן, אָבער דער בריף־טרעגער האָט זיך פון איהם אויסגעלאַכט. און ער האָט איהם געהייסען געהן צו אַל־די־רוחות...

נחום האָט איזוט דאַן אריינגערוקט אין האַנד די עטליכע קופּערנע מטבעות.

דער בריף־טרעגער האָט די מטבעות גענומען און ווען ער האָט זיי איבערגעציילט, האָט ער איהם גלייך צוריקגעגעבען און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ווען דו גיכסט מיר צען מאָל אזוי פיל, וועל איך דיר דעם בריף ניט צוריקקערען. איך בין ניט פון די וועלכע מען קען אָפּקויפען פאר א פּאָר גראָשען.

— אויב דו וועסט וואַרטען א ווײַלע וועל איך פאר דיר קריגען נאָך געלט, — האָט נחום זיך צו איהם געווענדעט.

— וויפיל נאָך קענסטו מיר ברענגען? — פרעגט איהם דער בריף־טרעגער.

— איך קען דיר ברענגען א סך, גאָר א סך! איך בעט דיך וואַרט צו איין קליינע ווײַלע.

— איך קען לאַנג ניט וואַרטען. אויב דו וועסט זיין צוריק אין פינף מינוט ארום, איז גוט אז ניט איז דיין קומען צוריק אומזיסט.

— איך קום באַלד צוריק. איך בעט דיך, געה ניט אוועק. דאָס איז ביי מיר זעהר וויכטיג. עס געהט מיר אין לעבען.

— רייד וואָס ווינציגער און געה קריג מיר דאָס געלט, — האָט זיך דער בריף־טרעגער צו איהם אָנגערופען, — איך פאַרשטעה אַלץ איינס ניט וואָס דו רעדסט.

נחום איז אָפּגעלאָפען עטליכע טריט און ער איז געבליבען שטעהן... וואו וועט ער אזוי שנעל קענען קריגען געלט! אם וויינינגסטענס וועט ער אים דאַרפען צושטעלען א פינף גילדען. וואו וועט ער דאָס נעמען... א געדאַנק איז איהם געקומען, אז ער וועט אריינגעהן צוריק אין בית המדרש, און זיך א נעם טאָן צו דער צדקה־פּושקע... אָבער דאָרט וועט מען דאָך באַלד וויסען אז דאָס איז זיין ארבייט... ווייל קיין אנדערער נעכטיגט דאָך ניט אין בית המדרש... אפשר וועט ער פּרוּבירען פרעגען די קרעמערקע, דאָרט וואו ער קויפט אמאָל הערינג מיט ברויט!... אפשר וועט זי איהם אויסבאָרגען פינף גילדען.

נחום האָט שנעל זיך א דרעה געטאָן אויפ'ן ראָג און ער איז אריין אין קראָם. לאה, די קרעמערקע, א ברייטע, קורצע אידענע וועלכע האָט שטענדיג געהאַלטען א פייער־טאָג נעבען זיך, כאָטש זי איז געווען איינגעהילט אין זעקס דיקע פאַטשיילעס, האָט, דערזעהענדיג דעם קלויזניק, זיך אויפגעשטעלט פון איהר פּלאַץ און איהם געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

— איהר ווילט פאַרדינען א גרויסע מצוה? — האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען — טאָ באָרגט מיר שנעל פינף גילדען.

די קרעמערקע האָט איהם אָנגעקוקט מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגען.

— איהר וועט פאַרדינען די גרעסטע מצוה, עס איז פּקוח נפש, זאָג איך אייך, גיט מיר דאָס געלט וואָס שנעלער, ווייל א ווײַלע שפּעטער וועט שוין זיין צו שפּעט.

— וואָס זייט איהר משוגע, מיינע שונאים! — האָט די קרעמערקע זיך צעשריען, — א פיינעם פּאַטשאַטאָק וויל ער מיר מאַכען!... גיט איהם פינף גילדען... וואָס בין איך עפּעס

א באנקירקע?... ער ווארפט זיך מיט גילדינס. קומט איין מאל א וואך קויפען פאר א גראשען הערינג און פאר א גראשען ברויט, און גיב איהם איצט אן הלואה פינף גילדען. געהט שוין, געהט!

נחום האט איינגעזעהן אז ער וועט שוין מיט דער אידענע גארניט מאכען, און מורא האבענדיג אז דער בריף־טרעגער קען נאך אוועקגעהן, איז ער שנעל צוריקגעלאפען אין בית המדרש מיט'ן באשלוס אויפצורייסען די פושקע און ארויסנעמען דאס גאנצע געלט וואס דארט געפינט זיך.

ער איז געלאפען זעהר האסטיג. זיינע געדאנקען האבען אויך האסטיג געארבייט, מילא, וועט ער נכשל ווערען נאך אמאל אין גנבה, אבער דערפאר וועט ער דאך ראטעווען עטליכע אידען... עפעס א קלייניגקייט, פדיון שבויים... ער וועט פון דאנען אוועקגעהן, שפעטער ווען ער וועט אנפאנגען עטוואס פארדינען וועט ער זיי אפשיקען דאס געלט... ער וועט טאקע אזוי האנדלען מיט קיידאן... די עטליכע און צוואנציג גילדען וואס ער האט ארויסגענומען פון דער דארטיגער צדקה־פושקע, וועט ער זיי אפשיקען מיט זיין ערקלערונג אז ער האט דאן קיין אנדער ברירה ניט געהאט. אבער ער טוט תשובה און ער האפט אז מען וועט איהם מוחל זיין...

אוי, פארוואס האט ער פריהער פון דעם ניט געטראכט. ער וואלט דאך שוין לאנג געקענט זיין צוריק אין קיידאן, צוזאמען מיט זיין ווייב... זיי וואלטען איהם אלע מוחל געווען... די ערשטע צייט וואלט ער זיך אפשר געשעמט ארויסצוגעהן אין גאס אדער געהן אין בית המדרש, אבער דערנאך וואלט אלץ געווען ווי געוואונשען... מילא, האט ער געמאכט א טעות... דאס איז איהם געקומען פון כעס... וועט מען טאקע פון דעם דרינגען אז דער וועלכער ווערט אין כעס איז טאקע, ווי די גמרא זאגט, פונקט ווי ער וואלט געדינט די עבודה זרה...

יא, איצט מוז ער זעהן צוריקצוקריגען דעם בריף וואס שנעלער אז ניט וועט אלץ זיין פארלארען. ווייל נאכדעם ווי די מסירה וועט דורכגעהן, דאן איז ער א פארלארענער אויף אייביג.

ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש האט ער צו זיין גרויס איבערראשונג דערזעהן דעם שמש... נו, איצט קען ער שוין אפילו ניט טראכטען פון קריגען דאס געלט פון דער פושקע.

— וואס איז, — האט דער שמש איהם א פרעג געטאן, — וואס האט מיט דיר פאסירט?

— איך בעט אייך, טוט מיר א גרויסע טובה און איהר וועט דערביי פארדינען א גרעסערע מצוה. עס האנדעלט זיך ממש אין פקוח נפש... איך מוז שנעל האבען פינף גילדען כדי צו ראטעווען א מענשען... גיט מיר דאס געלט און איך וועל אייך שוין אפגעבען אזוי שנעל ווי איך וועל קריגען...

— וואס מאכסטו זיך צום נארען, נחום! פון וואנען זאל איך דיר נעמען אזא סומע געלט!

— די צייט איז קורץ, איך דארף שנעל האנדלען. איהר מוזט מיר קריגען דאס געלט. איך זאג אייך, אז עס איז איינפאך לעבענס־געפאר פאר עטליכע אידען מיט אמאל...

— אבער איך זאג דאך דיר אז איך האב ניט, — האט דער שמש אויסגערופען.

— אויב איהר האט ניט, טא טוט מיר די טובה און נעמט ארויס פון דער צדקה־פושקע, — האט נחום געזאגט, — מיר טארען קיין צייט ניט פארלירען.

— וואס? דו ביזט פון זינען ארונטער! וואס הייסט נעמען געלט פון דער צדקה־פושקע?!...

— דאס איז אויך פאר צדקה! — האט נחום געזאגט, — און דאס איז נאך מעהר ווי צדקה! איהר פארשטעהט, עס איז פקוח נפש און פדיון שבויים צוזאמען... איך בעט אייך, פארלירט ניט קיין צייט, איך שווער אייך ווי מיר שטעהען אין א מקום קדוש אז איך וועל אייך צוריקגעבען דאס געלט. איהר האט דאך א שליסעל צו דער פושקע.

— און וואס וועלען די באלעבאטים זאגען?

— מיר וועלען ביידע איבערציילען

וויפיל געלט עס איז דארט פאראן, און איהר וועט עס פארשרייבען און דאן וועט איהר דערציילען די בעלי בתים צוליב וואס פאר א צוועק מיר האבען גענומען דאס געלט... איך דארף בלויז פינף גילדען בערך, אויב אין פושקע געפינט זיך מעהר, וועלען מיר דאס איבערלאזען... אבער טוט עס שנעלער ווייל יעדע רגע איז טייער.

דער שמש האט ארויסגענומען א שליסעלע און אפגעשלאסען דאס שלעסעל פון דער פושקע. ער האט פון דארט ארויסגענומען פינף גילדען און ער האט עס איבערגעגעבען נחום'ן, זאגענדיג, דו וועסט באלד מוזען זיך צוריקקערען און געבען די בעלי בתים אן ערקלערונג.

נחום האט גענומען דאס געלט און פייל אויסען בויגען איז ער געלאפען אהין צו דעם פלאץ וואו דער בריף־טרעגער איז געשטאנען. ער האט געוואוסט אז ער האט זיך, אנשטאט די פינף מינוט, געזאמט באלד א האלבע שעה, אבער ער האט געהאפט אז דער בריף־טרעגער וועט נאך דארטווארטען אויף איהם... ווי גרוים איז זיין ענטטוישונג און צער געווארען ווען ער האט געזעהן אז ער איז שוין דארט ניטא.

עס האט איהם גענומען ווארפען אין היץ און אין קעלט... זיינע קני האבען זיך געבויגען... וואס וועט ער ער איצט טאן?... ניין, ער וועט פון דאנען ניט אפטרעטען... אפשר וועט דער גוי צוריקקומען מיט דעם בריף... ער וועט דאך פארשטעהן אז ער האט ניט געקענט באווייזען צו קריגען דאס געלט אזוי שנעל.

נחום האט זיך אזוי ארומגעדרעהט נעבען בריף־קעסטעל עטליכע שעה. ער האט געווארט, אפשר וועט ער פארט קומען.

באלד האט נחום דערהערט א שטים. ער האט זיך גענומען ארומקוקען און א פרייד האט איהם באנומען: ער האט פון ווייטען דערזעהן ווי דער בריף־טרעגער קומט אן...

ער איז איהם שנעל אנטקעגען געגאנגען, האלטענדיג שטייף די פינף גילדען אין זיין האנט... דער בריף־טרעגער האט זיך גוט ארומגעקוקט און ער האט זיך צו איהם אנגערופען:

— נו, האסט שוין די געלט!

— יע, איך האב! האט נחום אויסגערופען, צייגענדיג איהם די מטבעות.

— וויפיל האסטו? — פרעגט אים דער בריף־טרעגער.

— פינף גילדען!

— דאס איז צו ווינציג!

— אבער דאס איז אלץ וואס איך האב! איך בעט דיך, גיב מיר דעם בריף!

— ווייסטו דען ניט אז איך ריזיקיר זעהר פיל! דער בריף איז דאך אדרעסירט צום פאליציי־מייסטער, און ווען מען וועט אויסגעפינען אז איך האב דיר צוריקגעגעבען דעם בריף קאן איך באקומען א גרויסע שטראף!...

— קיינער וועט ניט אויסגעפינען! איך בעט דיר טו מיר די געפעליגקייט, האט ער האלב אין אידיש און האלב גויאיש געזאגט.

— נו, גוט, גיב מיר פריהער דאס געלט! — האט דער בריף־טרעגער געזאגט, האלטענדיג דעם בריף אין זיין האנד.

נחום האט איהם איבערגעגעבען די פינף גילדען און דער בריף־טרעגער האט איהם איבערגעגעבען דעם בריף.

נחום האט א קוק געטאן אויף דעם בריף, און מיט ציטער און שרעק אויסגערופען:

— דאס איז ניט מיין בריף!

— אבער דו האסט מיר געזאגט אז דיין בריף איז געווען אדרעסירט צום פאליציי־מייסטער!

— ניין, מיין בריף איז געווען ועשריבען אויף אן אנדער קאנווערט! דאס איז ניט מיין בריף... גיב מיר מיין בריף צוריק!

— המ... איך האב געמיינט אז דאס איז דיין בריף! די אנדערע בריף האב איך שוין איבערגעגעבען צו די, צו וועמען זיי זיינען געווען אדרעסירט...

— דו מיינסט אז דו האסט שוין מיין בריף איבערגעגעבען צום פאליציימייסטער! האט נחום אויסגערופען און א קאלטער שוויים האט באדעקט זיין קערפער.

— וואס מיינסטו! דיין בריף איז געווען דער איינציגער וואס איך האב

געהאט פאר׳ן פּאָליציימייסטער! — האָט דער בריף־טרעגער געזאָגט און גלייך ארונטערגעלאָזען די פינף גילדען אין זיין קעשענע...

— אוי, איך מוז האָבען מיין בריף צוריק! — האָט נחום אויסגערופען און די טרערן האָבען איהם געשטיקט — גיב א קוק אפשר האָסטו נאָך מיין בריף! — איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיר!

— איך האָב מעהר קיין בריף ניט!

— האָט דער בריף־טרעגער בייז א זאָג געטאָן — דו ווייסט ניט וואָס דו ווילסט, אויב דו וועסט מאכען א טומעל וועל איך זאָגען, אז דו האָסט מיר געוואָלט אונטערקויפען, איך זאָל דיר צוריקגעבען בריף וואָס זיינען אדרעסירט צום פּאָליציימייסטער, און דאן וועסטו קריגען פאר דעם גאָר א גרויסע שטראָף!... טראָג זיך שנעל אָפּ פון דאנען און האלט דיין מויל צוגעמאכט! זיי וויסען אז דו האָסט געגען מיר גאָר קיין באווייז ניט! ווייל אויך אָט דעם בריף וועל איך נאָך היינט צוריקברענגען צום פּאָליציימייסטער, און אויב דו ווילסט פארמיידען צרות, פארגעס וועגען דעם! דו פארשטעהסט!

דער בריף־טרעגער האָט זיך פון דאָרט אָפּגעטראָגען גאנץ שנעל, און נחום איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאץ... אין קאָפּ האָט איהם גענומען קלאפּען ווי מיט האמערס... די אויגען האָבען איהם גענומען שווינדלען... איצט איז שוין אלץ פארפאלען... דער אומגליק האָט פּאסירט! ער האָט געשיקט א מסירה אויף א אידען, און גאָט ווייסט וואָס דערפון וועט ארויסקומען... מען וועט ארעסטירען ר׳ יהודה ליב׳ן, און אויך דעם רב, ר׳ דוד קאצענעלבויגען... אָ, פאר וואָס האָט איהם ניט אָפּגעדארט זיין האנד, איידער ער האָט אָנגעשריבען די דאָזיגע שענדליכע מסירה...

נחום האָט געפיהלט אלץ ארום אים דרעהט זיך... זיינע קני האָבען זיך גענומען בויגען... עס איז איהם א ווילע קאלט געווארען, און באלד איז איהם היים געוואָרען... זיין מח האָט געפיבערט... שוידערליכע געדאנקען האָבען זיך גענומען מישען אין זיין קאָפּ...

א נאסער שנעע איז געפאלען, נחום איז געבליבען שטעהן א היבשע צייט נעבען דעם בריף־קאסטען. ער איז אין גאנצען דורכגענומען געוואָרען פון קעלט, ער האָט אָבער גאָרניט געפילט... ער האָט נאָך אלץ געווארט און געזוכט מיט זיינע אויגען, ווי ער וואָלט נאָך געהאט אביסעל האָפנונג אז דער בריף־טרעגער וועט זיך צוריקקערען מיט זיין בריף... באלד ..אָט ער אָבער זיך ארומגעזעהן אז ער האָט ניט אויף וואָס צו האָפען, און ער האָט זיך גענומען אומקערען צוריק צום בית המדרש. ער איז געגאנגען מיט וואקלענדע טריט, ניט וויסענדיג וואָס עס טוט זיך מיט איהם אין דער וועלט...

ווען ער איז אריינגעקומען אין קלויז האָט ער דאָרט געטראָפען דעם שמש. מען האָט שוין דאָרט לאנג אָפּגעדאווענט, דער עולם איז זיך צוגאנגען. און דער שמש ניט וויסענדיג וואס עס איז געשעהן מיט נחום׳ן איז געבליבען ווארטען אויף איהם.

— וואו ביזטו עס געוועזן די גאנצע צייט האָט דער שמש זיך צו איהם געווענדעט — איך האָב שוין געמיינט אז דו וועסט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקעהרען! איך האָב געטראכט אז דו האָסט געקראגען די עטליכע גילדען, וועסטו שוין פון דאנען אוועק... זאָג מיר, נחום, וואס האָט מיט דיר פּאסירט?...

נחום איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער׳ן בית המדרש, און יעדע ווילע זיך א כאפּ געטאָן פאר׳ן קאָפּ און אויסגעשריען: ״אוי, גאָט, וואס האָב איך געטאָן!״

דער שמש האָט אויף איהם אָנגעשטעלט א פּאָר אויגען און איהם נאָכגעגאנגען... איך פארשטעה ניט וואס מיט דיר איז געשעהן! פריהער האָסטו מיר געזאָגט אז דו דארפסט פינף גילדען צו ראטעווען א מענשען! און אז דו האָסט שוין דאס געלד געקראגען, געהסטו שוין ווידער ארום ווי איינער וואָס איז פון זינען ארונטער! זאָג נאָר מיר, וואס האָסטו געטאָן מיט די פינף גילדען וואס איך האָב פאר דיר ארויסגענומען פון דער פושקע?...

— איך האָב אוועקגע׳הרג׳עט א מענשען! ניין! עטליכע אידען!

— אוי, גאָט וואס האָב איך געטאָן ! — האָט זיך נחום א זעץ געטאָן אויף א באנק.

— וואס פּלאַפּעלסטו ! — האָט דער שמש אויסגערופען — וואס איז מיט דיר פּלוצלונג געשעהן !

— איך בין א זינדיגער ! איהר הערט איך בין א זינדיגער מענש, איך האָב אומגליקליך געמאכט א גאנצע עדה אידען ! — האָט נחום גענומען צופּען זיין אייגען באָארד — איך בין א חוטא ! איהר טאָרט ניט שטעהן אין מיינע ד׳ אמות !...

דערהערענדיג פון איהם אזעלכע רייד, האָט זיך שוין דער שמש שטארק דערשראקען. ער האָט אויף איהם אָנגעשטעלט זיינע אויגען און איהם גענומען גוט באטראכטען... עפּעס איז דאָ פארוויקעלט א געהיימניס... אָבער פארוואָס איז עס אזוי פּלוצלונג געשעהן ! פארוואס האָט ער פון איהם פריהער ארויסגעקראגען די פינף גילדען. צוליב וואס האָט ער דאס געדארפט ! און אפשר מאכט ער זיך דאָס, ווייל ער האָט ניט די פינף גילדען !

— הער זיך איין, נחום. אויב דו וועסט מיר ניט דערצעהלען וואס מיט דיר האָט פּאסירט, וועל איך דיר בעטען אז דו זאָלסט מוחל זיין און מיר צוריק געבען די פּאָר גילדען, וואס איך האָב דיר געגעבען פון דער פּושקע ! איך האָב שוין אזוי אויך געכאפּט א גאָב פון עטליכע בעלי בתים, וועלכע האָבען מיר געזאָגט אז איך האָב קיין רעכט ניט געהאט צו עפּענען די צדקה פּושקע און דיר געבען דאס געלט ! זיי האָבען געמיינט אז דו וועסט זיך שוין מעהר ניט צוריקקעהרען, אָבער איך האָב געזאָגט אז דו ביזט אן ערליכער מאן ! און דאריבער וועל איך מוזען האָבען דאס געלט צו באווייזען זיי אז דו ביזט ניט קיין גנב !

—א גנב?! א רוצח בין איך !... איך האָב אָפּגעקוילעט עטליכע אומשולדיגע אידען! איך בין שוין א פארלאָרענער אויף אייביג !...

— איך בעט דיך נחום, דערצעהל מיר אלץ ! פאר מיר דארפסטו קיינע סודות ניט האָבען ! — האָט דער שמש זיך צו איהם אָנגערופען — אז דו וועסט מיר זאָגען צוליב וואס דו האָסט געדארפט דאָס געלט, וועל איך דיר קענען פארענטפערען פאר די בעלי בתים! אָבער אויב דו וועסט מיר גאָר ניט דערצעהלען, וועסטו מיר נאָך היינט מוזען אומקעהרען די פינף גילדען, אז ניט וועל איך דיר מעהר ניט קענען איבערלאָזען אין בית המדרש אליין...

— איך בעט אייך, פרעגט מיך ניט ! איך קען אייך גאָר ניט דערצעהלען ! לאָזט מיר צורוה ! איך וועל עס ניט אויסהאלטען !...

— נחום, מיר געפעהלט עס גאָר ניט ! איך האָב דיר געהאלטען פאר א פיינעם, עהרליכען יונגען מאן, און איצט קומסטו און טוסט אָפּ אזא זאך! די בעלי־בתים וועלען ניט וועלען וויסען פון קיין תירוצים... דו וועסט דארפען אָפּשטעקען די פינף גילדען, אז ניט וועלען זיי דיר הייסען געהן פון דאנען !.. ווען אָבער דו וועסט מיר זאָגען וועגען וואס עס האנדעלט זיך, וועל איך זיך פאר דיר איינשטעלען. איך וועל קריגען נאָך איניגע בעלי בתים, וועלכע זיינען צו דיר פריינדליך געניגט, און מען וועט ווי עס איז פארגלעטען... נו, וועסטו מיר זאָגען וואס עס האָט מיט דיר פּאסירט !?

— ניין איך קאָן גאָר ניט זאָגען !

— האָט נחום אויסגערופען — איך וועל זעהן אייך אָפּצוגעבען די פינף גילדען, אָבער איצט ווייס איך גאָר ניט ! איך קען אייך גאָר ניט זאָגען!

— נו, וועלען מיר זעהען וואס דו וועסט שפּעטער, צו מנחה און מעריב, זאָגען די בעלי־בתים ! — האָט דער שמש אויסגערופען. — אלץ וואס איך וויל איז, אז דו זאָלסט אראָפּנעהמען דעם חשד פון מיר ! ווייטער טו וואס דו פארשטעהסט. איך בין ניט מחויב צו ליידען צוליב דיר ! ווען דו קומסט ניט צוריק וואָלטען די בעלי בתים נאָך געקאָנט מיינען אז איך האָב גענומען די פּאָר גילדען פאר זיך ! איצט וועל איך פון דאנען ניט אָפּטרעטען ביז וואַנען איניגע פון די בעלי בתים וועלען אהער קומען דאווענען מנחה, און דו וועסט פאר זיי דארפען זאָגען אז דו האָסט פון מיר ארויסגענארט דאס געלט, מיט אן אויסרייד אז דו דארפסט עס האָבען פאר א פּדיון שבויים...

קאפּיטעל פערצעהן

אין קיידאן האָט זיך נאָך לאנג געטומעלט וועגען די תנאים כון דעם יונגען, צוועלף יעהריגען גאון, אליהו מיט חנה'ן, די טאָכטער פון דעם קיידאנער גביר, ר' יהודה ליב. עס איז געווען איינע פון די שעהנסטע שמחות אין קיידאן, כאָטש די דאָזיגע שמחה איז עטוואס פארשטערט געווארען דורך דעם וואס ציפּע, ר' אשר'ס טאָכטער, וועלכע איז געקומען צוזאמען מיט איהרע עלטערן אלס אייגעלאדענע געסט צו דער שמחה, האָט פּלוצלונג אוועקגע'חלש'ט....

ציפּע, די עגונה, ווי מען האָט זי גערופען, קורץ נאָכדעם ווי נחום האָט זי פארלאָזען, האָט טאקע ניט געוואָלט קומען צו די תנאים שמחה, אָבער איהרע עלטערן האָבען איהר צוגערעדט.

— דארט וועט אויך זיין דער ווילנער רב, ר' יהושע העשל, און מיר וועלען האָבען א געלעגענהייט מיט איהם צו ריידען, אפשר וועט ער קענען עפּעס אויסגעפינען וועגען נחום'ן. צו איהם קומען דאך אזוי פיל פארשידענע מענשען, מעגליך אז ער וועט קריגען א ידיעה וועגען איהם... יע, מיין טאָכטער, קום מיט און מיר וועלען זיך דורכריידען מיט'ן ווילנער רב!

דאס האָט אויף ציפּע'ן געווירקט... וואָס וואָלט זי ניט געטאָן, אום כדי צו געפינען איהר נחום'ן... זי איז שוין דאן געווען אין זיבעטען מאָנאט... און זינט נחום איז פארשוואונדען, האָט זי ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען איהם, און זי האָט געהאָפּט אז ער וועט פּלוצלונג צוריק קומען נאָך איידער זי וועט געבוירען זיין קינד. אָבער די צייט האָט זיך דערנעהנטערט, און פון נחום'ן איז קיין שפּור ניט געווען... איהר טאטע פלעגט יעדען טאָג געהן צו דער אכסניא, זיך נאָכצופרעגען, אָבער ער האָט גאָר ניט אויסגעפונען.... איצט אז זיי האָבען געקראגען די איינלאדונג צו די תנאים האָט זי שוין איינגעשטימט צו געהן, און דארט ריידען מיט דעם ווילנער רב.

ר' יהודה'ס הויז איז געווען פול מיט געסט. די טישען זיינען געווען געדעקט פון כל טוב. די חשוב'סטע בעלי בתים פון שטאָדט זיינען געווען. אויבען אָן איז געזעסען ר' שלמה זלמן, דער מחותן, אליהו'ס פאָטער. נעבען איהם איז געזעסען דער רב, ר' יהושע העשל.

ר' אשר האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאץ. ער האָט א וואונק געטאָן צו ציפּע'ן, וועלכע האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און איז איהם נאָכגעגאנגען. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט עטוואס אָפּגערוקט...

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען! — האָט זיך ר' אשר געווענדעט צום ווילנער רב — איך האָב צו אייך א קשה! איהר, ר' שלמה זלמן ווייסט דאך פון מיין אומגליק. שוין באלד זיבען מאָנאטען זינט מיין איידעם נחום האָט פארלאָזען מיין טאָכטער, זי דארף אין גיכען ווערען א מוטער, און מיר ווייסען ניט וואס מיט איהר מאן האָט פּאסירט. אפשר געפינט ער זיך אין ווילנע, און אפשר אין אן אנדער שטעטעל! איך בעט ביי אייך, רבי, זייט מיר מוחל, וואס איך וואג צו ריידען צו אייך און אייך בעטען אז איהר זאָלט מיר העלפען געפינען מיין איידים! אָט איז מיין טאָכטער, גיט א קוק וויפיל זי ליידט... קום אהער, ציפּע, בעט דעם רבי'ן אפשר וועט גאָט געבען אז צוליב זיין זכות וועט ער זיך אָפּזוכען!..

ציפּע האָט זיך גענומען דערנעהנטערען, אָבער עס האָט איהר גענומען פּלוצלונג שווינדלען אין די אויגען, דער קאָפּ האָט זיך איהר פארדרעהט און זי איז געפאלען אין חלשות...

עס איז געווארען א טומעל, מען האָט זי באלד דערמינטערט... חנה, ד' כלה, האָט זי געהאָלפען אריינפיהרען אין איהר צימער און זי ליגען אין איהר בעט...

א קליינע ווייל'ע האָט זיך דארט געטומעלט. ר' שלמה זלמן, וועלכער האָט שוין געוואוסט פון אלע איינצעלהייטען האָט דערצעהלט דעם רב אלץ.

— ווען איך וועל קומען צוריק אין ווילנע וועל איך שוין זעהן זיך נאָכצופרעגען אויף איהם! — האָט ר' יהושע העשל זיך אָנגערופען צו ר' אשר'ן — זאָל זיך אייער טאָכטער

בארוהיגען, מיט גאָט'ס הילף וועט ער זיך אָפּזוכען...

ווען ציפּע איז שפּעטער א ביסעלע צו זיך געקומען, איז איהר מאמע מיט איהר אוועק אהיים, אָבער, איהר טאטע איז פארבליבען ביי ר' יהודה ליב'ן אין הויז ביז צום סוף...

ווען ר' יהושע העשל האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין ווילנע מיט ר' שלמה זלמן, האָט ער זיך גלייך גענומען נאָכפרעגען וועגען נחום'ן ביי יעדען איינעם, וועלכער איז צו איהם געקומען. איין מאָל ווען ער איז געשטאנען און גערעדט מיט נאָך עטליכע אידען וועגען נחום'ן, וועלכער האָט פארלאָזען זיין ווייב אין קיידאן, איז צום רב צוגעגאנגען איינער פון זיינע שכנים און ער האָט איהם געזאָגט אז אין בית המדרש וואו זיין שוואגער דאווענט האלט זיך אויף א יונגער מאן מיט'ן נאָמען נחום, וועלכער פיהרט זיך אויף זעהר מאָדנע, און עס איז זעהר מעגליך אז דאס איז אָט דער זעלבער נחום.

— מען דאַרף אריבערגעהן אהין; — האָט זיך ר' יהושע העשל אָנגערופען — אָבער איך האָב אָט דעם נחום'ן קיינמאָל ניט געזעהן און עס קאָן דאָך זיין, אז ער וועט לייקענען, אז דאָס איז ער, נחום, דער מאן פון ציפּע, דעריבער וועל איך געהן צוזאַמען מיט ר' שלמה זלמן, ער זאָל איהם האָבען געזעהן אין קיידאן און ער וועט איהם זיכער דערקענען.

ר' יהושע העשל האָט געשיקט דעם שמש רופען ר' שלמה זלמן, און ווען ער איז געקומען, האָט דער רב איהם געזאָגט וועגען דעם וואָס ער האָט געהערט, אז א יונגער מאן מיט'ן נאָמען נחום, האלט זיך אויף אין א קליינעם בית־מדרש.

— איהר האָט דאָך דעם נחום'ן געזעהן אמאָל, וועט איהר איהם זיכער דערקענען! לאָמיר זיך היינט אריבערכאַפּען אהין צו מנחה־מעריב, וועלען מיר זעהן... עס איז א גרויסער רחמנות אויף דער עגונה!

נחום האָט דעם גאנצען טאָג ניט געגעסען, אָבער ער האָט אפילו ניט געפיהלט, אז ער איז הונגעריג... דער שמש איז געבליבען אין בית המדרש איהם צו היטען ער זאָל ניט אוועקגעהן, ווייל ער האָט געוואָלט, אז מען זאָל איהם ניט חושד זיין, אז ער האָט דאָס געלט גענומען פאר זיך...

— אזוי שנעל ווי אימיצער וועט אריינקומען אהער, וועל איך איהם שיקען קויפען פאר דיר עפּעס צו עסען!

נחום האָט איהם ניט געענטפערט, ער איז די גאנצע צייט געזעסען נעבען ז . שטענדער, מיט א געבויגענעם קאָפּ פארזונקען אין זיינע געדאנקען... ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דעם גרויסען אומגליק וואָס ער האָט פאראורזאכט, ער האָט באשלאָסען ביי זיך, אז ער קאָן דאָ שוין מעהר ניט פארבלייבען... אזוי שנעל ווי ער וועט עדות זאָגען, אז דער שמש האָט איהם געגעבען דאָס געלט פון דער צדקה פּושקע, ווייל ער האָט איהם געזאָגט, אז עס האנדעלט זיך וועגען פּקוח נפש, און דאמיט ריינוואשען דעם שמש, וועט ער אוועקגעהן פון דאנען... ער וועט אפשר אינגאנצען אוועק פון ווילנע, און ער וועט אָפּריכטען גלות, פאר זיין שרעקליכער זינד...

באלד האָבען גענומען אָנקומען אידען צו דאוונען מנחה, און דער שמש האָט איהם געפרעגט אויב ער זאָל שיקען אימיצען קויפען פאר איהם א שטיקעל ברויט, אָבער נחום האָט איהם געזאָגט, אז עס איז ניט נויטיג.

אָט האָט זיך די טיר פון בית המדרש געעפענט, און דער שמש האָט דערזעהן, אז דער רב, ר' יהושע העשל קומט אָן צוזאמען מיט ר' שלמה זלמן. ער איז זיי אנטקעגען געקומען, עטוואָס צושראָקען, און זיי באגריסט מיט א "גוט אוונט".

זיי האָבען זיך א ביסעלע ארומגעקוקט. נחום איז געזעסען נעבען זיין שטענדער מיט זיין קאָפּ ארונטערגעלאָזען און ער האָט זיך אפילו ניט ארומגעקוקט ווען אימיצער איז אָנגעקומען...

— געפינט זיך דאָ א יונגערמאן מיט'ן נאָמען נחום? — האָט זיך דער רב געווענדעט צום שמש.

— יע, אָט זיצט ער דאָרט! — האָט דער שמש אָנגעוויזען אויף איהם.

דער רב האָט א וואונק געגעבען צו ר' שלמה זלמן, ער זאָל זיך שטעלען

אַז א זייט, און ער אליין איז צו איהם צוגעגאנגען.

— יונגערמאַן! — האָט ער אויסגערופען — פאַרוואָס זיצסטו אזוי באַאומערט?

נחום האָט ניט געענטפערט. ער איז געבליבען זיצען מיט זיין קאָפּ געבויגען...

— שטעל זיך אויף נחום, האָט דער שמש צו איהם א זאָג געטאָן, דאָס רעדט דאָך צו דיר דער ווילנער רב!

נחום האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, און אזוי שנעל ווי ר׳ שלמה זלמן האָט איהם דערזעהן, איז ער גלייך צוגעגאנגען צו איהם און ער האָט איהם דערלאנגט זיין האנט, זאָגענדיג:

"שלום עליכם, יונגערמאַן, איהר דערקענט מיך ניט?..."

נחום האָט זיך א שטעל געטאָן, ער האָט מיט צושראָקענע אויגען געקוקט אויףביידען, זיין הארץ האָט געגערמען שטארק קלאפּען... איז עס מעגליך, אז מען האָט שוין אויסגעפונען וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, אז ער האָט גע׳מסר׳ט...

— איך זעה, אז איהר דערקענט מיך ניט, נחום, האָט ר׳ שלמה זלמן זיך צו איהם אָנגערופען — איך בין דאָך דער פאָטער פון אליהו׳ן. ערשט מיט א פּאָר .וואָכען צוריק האָט מען אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז געפייערט די תנאים פון מיין זוהן און זיין טאָכטער... אייער שווער און שוויגער זיינען דאָרט געווען און אויך אייער פרוי ציפּע...

נחום איז געשטאנען ווי א פארגליווערטער... זיין פּנים איז טויט בלאַס געוואָרען... ער האָט געקוקט מיט שטארע אויגען אויף ר׳ שלמה זלמן, וועלכער האָט ווייטער גערעדט:

— אייער פרוי און אייער שווער האָבען זיך דאן געווענדעט צו דעם רב און צו מיר מיט א בקשה, אז מיר זאָלען זעהן אייך אויפזוכען... אייער פרוי ציפּע איז אויף דער צייט און גאָר אין גיכען וועט זי אייך געבוירען א קינד... ווי קאָנט איהר דאָס טאָן אזא זאך! מאלע וואָס מען רעדט זיך איבער מיט א שווער, דאַרף מען אנטלויפען פון דער היים, און איבערלאָזען א פרוי, בפרט ווי זי איז נאָך אין אנדערע אומשטענדען... אמת, לויט ווי אייער שווער האָט מיר געזאָגט האָט אייער פרוי נאָך ניט באַוויזען אייך צו דערצעהלען וועגען דעם, אָבער איך האָף, אז איצט, אז איהר ווייסט שוין ־,, וועט איהר זיך גלייך אומקערען אהיים, צו אייער פרוי... נו, וואָס זאָגט איהר, נחום?

— אָ, ניין! ניין! איך קאָן ניט!...

— האָט נחום זיך געכאפּט פאר׳ן קאָפּ.

— וואָס הייסט דו קאָנסט ניט! — האָט דער רב ר׳ יהושע העשל זיך א בייזער געטאָן — "כופין אותו עד שיאמר רוצה אני". מען וועט דיך צווינגען! וואָס מיינסטו עס איז הפקר א וועלט!... דו וועסט פאַרלאָזען דיין פרוי, און נאָך אין אזא צייט! אויב דו האָסט זי פיינט באַקומען און דו ווילסט מיט איהר ניט לעבען, דאן דאַרפסטו מיט איהר אריינגעהן צום רב און איהר געבען א גט... אָבער ווער האָט דיר געגעבען דאָס רעכט צו מאכען זי פאר אן עגונה!...

— ניין, ניט דאָס, רבי! — האָט נחום אויסגערופען און אין זיין שטימע איז געלעגען צער און טרויער — איך האָב זי ליב! זי איז א טייערע פרוי! אָ, ווען איך וואָלט איהר געפאָלגט וואָלט איך איצט ניט געווען געזונקען אזוי טיף, אין מ"ט שערי טומאה...

— רייד נייט קיין נארישקייטען!

— האָט ר׳ שלמה זלמן זיך צו איהם געווענדעט — איך פארשטעה דאָך פארוואָס דו רעדסט אזוי!... צוליב די געלט פון דער צדקה פּושקע! אויב אזוי קאָן איך דיר זאָגען, אז דיין שווער האָט שוין לאנג גוט געמאכט דעם שאָדען... ער האָט באצאָלט כפל... און איצט קאָנסטו זיך צוריקקערען, ווייל יעדער איינער פארשטעהט, אז דו ביזט ניט קיין גנב, אז דו האָסט עס געטאָן אין א צייט פון אויפרעגונג און כעס... אלע זיינען דיר מוחל! מען וועט עס דיר קיינמאָל ניט דערמאָנען! פאָלג מיר, קער זיך אום צוריק אהיים! איך וועל מיט דיר מאָרגען אין דער פריה אריבערגעהן צו דעם בעל עגלה און ער וועט דיר זאָגען ווען ער פאָרט אָפּ נאָך קיידאַן! דערמאָן זיך, אז גאָר אין גיכען דאַרפסטו ווערען א טאטע... ציפּע בענקט

נאָך דיר... ווען זי איז געקומען צו מיין זוהנ'ס תנאים, און זי האָט פּרובירט ריידען מיט אונז וועגען דיר, איז זי געפאלען אין חלשות... מען האָט זי קוים דערמינטערט... איצט קאָנסטו זיך פאָרשטעלען ווי גליקליך זי וועט זיך פיהלען, ווען דו וועסט צו איהר זיך צוריקקערען! א איד טאָר ניט האלטען א כעס אזוי לאנג!

— אָ, ווען איהר קומט נעכטען אנשטאָט היינט! — האָט נחום אויסגערופען — דאן וואָלט אלץ אנדערש געווען! איצט אָבער איז שוין צו שפּעט!

— וואָס רעדסטו, נחום, צו שפּעט! פארוואָס איז עס צו שפּעט! מיר וועלען דאווענען מנחה און מעריב און מיר וועלען גלייך געהן פון דאנען! טאָמער דארפסטו האָבען עטליכע גילדען, וועלען מיר דיר געבען!

— איך דארף ניט קיין געלט! — האָט נחום טרויעריג געזאָגט — איך בין א זינדיגער מענש! איך האָב שוין מיין וועלט פארשפּילט!

— איך ווייס אויך ניט וואָס האָט מיט איהם פּלוצלונג פּאסירט — האָט דער שמש זיך אָנגערופען — ער האָט אין דער פריה פון מיר פארלאנגט איך זאָל איהם געבען פינף גילדען... איך האָב איהם די גאנצע צייט מקרב געווען, איך האָב פאר איהם באשטעלט "טעג", און געטאָן אלץ וואָס איך האָב געקאָנט... היינט פארטאָג, ווען איך קום אריין אין בית המדרש, האָב איך איהם ניט געטראָפען! נו, האָב איך געמיינט, אז ער איז ארויס עפּעס קויפען צום עסען, ווייל היינט האָט ער קיין טאָג ניט... אָבער באלד קומט ער אריין א פארסאָפּעטער, א צוטראָגענער און פארלאנגט פון מיר איך זאָל איהם אויסבאָרגען פינף גילדען! איך בין נשתומם געוואָרען... איך האָב ביי זיך קיין געלט ניט געהאט. האָט ער מיר געזאָגט, אז ער מוז האָבען דאָס געלט, ווייל עס האנדעלט זיך וועגען פקוח נפש! און ער מוז עס האָבען באלד, ווייל שפּעטער וועט שוין זיין צו שפּעט...

— פון וואנען זאָל איך נעמען, פרעג איך איהם. זאָגט ער מיר, אז איך זאָל עס באָרגען פון דער צדקה פּושקע, און ער וועט שפּעטער דאָס אומקערען! נו, האָב איך איהם געפאָלגט, איך האָב אָפּגעשלאָסען די פּושקע און פון דאָרט ארויסגענומען פינף גילדען און איהם געגעבען... ווען די בעלי־בתים זיינען געקומען דאווענען, האָב איך זיי דערצעהלט וועגען דעם, און זיי האָבען מיר געזאָגט, אז איך האָב קיין רעכט ניט געהאט דאָס צו טאָן, אז איך האָב איהם ניט געדארפט גלויבען, ווייל ער וועט זיך שוין מעהר ניט צוריקקעהרן אהער... אין א פּאָר שעה ארום איז ער געקומען א טויט בלאסער, א דערשלאָגענער... איך האָב פון איהם גאָרניט געקאָנט ארויסקריגען. ווען איך האָב איהם גענומען פרעגען, וואָס, ווען, האָט ער מיר גאָרניט געענטפערט, נאָר ער האָט גענומען געהן הין און צוריק איבער'ן בית המדרש, און יעדע ווײלע האָט ער זיך געכאפּט פאר'ן קאָפּ און אויסגעשריען:

"אוי, גאָט! וואָס האָב איך געטאָן! איך האָב אוועקגעהרג'עט א מענשען!... עטליכע אידען!" האָב איך איהם גענומען אויספרעגען ער זאָל מיר ערקלערען וואָס באדייטען זיינע רייד, אָבער אלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז, אז ער איז א זינדיגער, אז ער האָט זומגליקליך געמאכט א גאנצע עדה אידען!... נו, האָב איך שוין גאָרניט פארשטאנען וואָס דאָ קומט פאָר... איך האָב מורא געהאט ער זאָל ניט אוועקגעהן און דערווייל וועלען מיינע בעלי בתים מיך באשולדיגען, אז איך האָב גענומען דאָס געלט פאר זיך, האָב איך איהם פארהאלטען ביז וואנען די בעלי־בתים וועלען קומען דאווענען מנחה, מעריב, און זאָל ער זיי זאָגען וועגען די געלט...

— קאָנסטו מיר ערקלערען וואָס דו האָסט געמיינט מיט דיינע רייד! — האָט דער ווילנער רב איהם געפרעגט.

נחום האָט געשוויגען... ער האָט ארונטערגעבויגען זיין קאָפּ און מיט זיינע הענט פארדעקט זיינע אויגען...

— געוויס האָט ער אויף זיין געוויסען דאָס וואָס ער האָט אוועקגעגנב'עט דאָס געלט פון דער צדקה פּושקע אין קיידאן — האָט ר' שלמה זלמן זיך אָנגערופען אין דער שטיל צום רב.

— ניין, עפּעס איז מיר דאָ ניט קלאָר! — האָט ר' יהושע העשל זיך

אַנגערופען — דו וועסט מיר, נחום, אלץ דארפען דערצעהלען!

— איך קאַן ניט! — האַט זיך נחום אויפגעשטעלט — איך טאַר דאַ ניט זיין! איך בין א זינדיגער מענש!

— דו האַסט דאָך געלערענט, נחום, ווייסטו דאָך, אז ווען מען טוט תשובה מיט'ן גאנצען הארצען, איז גאָט מוחל!

— ניין, רבי, פאר מיין זינד וועט שוין קיין תשובה ניט העלפען! איך בין שוין א פארלוירענער אויף אייביג! אַ, ווען איהר קומט אהער מיט איין טאָג פריהער, דאן וואָלט אלץ אנדערש געווען... איצט אָבער בין איך אריינגעפאלען ביים שטן אין די הענט! איצט וועט מיר שוין אפילו קיין תשובה ניט העלפען!...

— אָבער זאָג מיר וואָס אזוינס האָסטו געטאָן! — האָט איהם דער רב געפרעגט — אפשר וועלען מיר פאר דיר געפינען אן עצה. מיר זיינען דאָך אהערגעקומען דיר צו העלפען!

— איך קאָן אייך גאָרניט זאָגען! איך בין שוין א פארלוירענער! איך האָב געזונקען ביז'ן טיפען אָפּגרונט... לאָזט מיר געהן פון דאנען!

ער האָט זיך געלאָזען צום טיר, אָבער ר' שלמה זלמן האָט איהם פארשטעלט דעם וועג...

— ניין, מיר וועלען דיך ניט אָפּלאָזען, דו מוזט זיך צוריקקערען צו דיין ווייב! דו האָסט קיין רעכט ניט זי צו פארלאָזען!

— איך בין ניט ווערט די שטויב אויף וואָס זי טרעט! — האָט נחום אויסגערופען — זי איז א ריינע, אומשולדיגע נשמה! און איך בין א זינדיגער, איך האָב קיין רעכט ניט אפילו א קוק צו טאָן אויף איהר! איהר הערט!... לאָזט מיך געהן!

דער רב האָט א וואונק געטאָן צום שמש און יענער האָט איהם אַנגענומען ביים ארבעל און געזאָגט: "דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען ביז וואנען דו וועסט אָפּצאָלען די פינף גילדען!

— אויב מיר וועלען פאר דיר באַצאָלען די פינף גילדען וועסטו מיט אונז מיטגעהן? — האָט דער רב איהם געפרעגט.

נחום האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יע.

— נו, גוט, נאָך מעריב וועלען מיר אלע געהן צו מיר אהיים — האָט דער רב געזאָגט — מיר וועלען זיך דורכריידען און מיר וועלען דאן זעהן וואָס צו טאָן!

מען האָט זיך געשטעלט דאווענען מעריב. ר' שלמה זלמן און דער ווילנער רב ר' יהושע העשל זיינען געשטאנען שמנה עשרה נעבען נחום, ווייל זיי האָבען מורא געהאט, אז ער וועט זיך נאָך באנוצען מיט דעם וואָס זיי שטעהען שמנה עשרה, און ער וועט אנטלויפען פון זיי...

נחום איז געבליבען שטעהן אויף זיין פּלאַץ, כאָטש ער האָט ניט געדאַוונט... זיינע געדאנקען האָבען זיך אין איהם גענומען מישען... ער האָט געטראכט פון ציפּע'ן, זיין ליבע, טייערע פרוי, זי איז אויף דערצייט! ער האָט פון דעם גאָרניט געוואוסט... ער וואָלט דאָך איצט געקאָנט זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט! א קליינינקייט, ער וועט ווערען א טאַטע! זיי האָבען שוין גענומען שטארק זאָרגען, טאָמער איז ציפּע אן עקרה, חלילה... ער דערמאנט זיך, אז ווען ער פלעגט פון דעם טראכטען, פלעגט ער ביי זיך באשליסען, אז ער וועט זיין ציפּע'ן ניט אָפּ'גט'ן אפילו ווען עס זאָלען פאראיבערגעהן מעהר ווי צעהן יאָהר און זי וועט ניט געבוירען קיין קינד צו איהם... צו גרויס איז זיין ליבע צו איהר, אז ער זאָל איהר געבען א גט צוליב דעם... איצט אָבער, אז זי וועט שוין האָבען א קינד און ער האָט געקאָנט זיין אזוי גליקליך, דארף מיט איהם פּאסירען אזא אומגליק... ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט קאָנען אומקערען צו איהר! ניין, נאָך אזא פארברעכען ווייל ער איז היינט באגאנגען וועט ער שוין ניט קאָנען געניסען פון קיין גליק...

ער האָט גאָר ניט געהערט, אז מען האָט שוין געענדיגט דאווענען. ער האָט אפילו ניט געהערט ווי ר' שלמה זלמן רופט איהם... דער שמש איז צו איהם צוגעגאנגען און איהם אָנגערירט ביים האנט, זאָגענדיג דערביי: "איך וויל, נחום, אז דו זאָלסט זאָגען פאר אלעמען אין די אויגען, אז דו

האָסט מיך באוואויגען צו געבען דיר די פינף גילדען פון צדקה פּושקע, ווייל דו האָסט מיר געזאָגט, אז עס האַנדעלט זיך וועגען פּקוח נפש... הא, ניט אזוי!"...

נחום האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יע, אָבער דער שמש האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דעם און ער האָט געבעטען ער זאָל געבען אן ערקלערונג.

איך וועל די געלט אומקערען! — האָט נחום געזאָגט.

— ווען? — האָט דער שמש איהם ניט אָפּגעלאָזען.

— לאָזט איהם אָפּ! — האָט ר' יהושע העשל אויסגערופען — מיר וועלען שוין גוט מאכען דעם שאָדען, אויב ער וועט עס אליין ניט טאָן! אויב ער זאָגט, אז ער וועט די געלט אומקערען דארפט איהר איהם גלויבען, ער האָט א פּינעם, בעל הבית'ישען שווער, און ער וועט אייך באצאָלען!

— קום, נחום מיט אונז — האָט ר' שלמה זלמן אויסגערופען — ווי איך פארשטעה ביזטו הונגעריג, דער שמש זאָגט מיר, אז דו האָסט א גאנצען טאָג ניט געגעסען... קום מיט מיר אהיים, דו וועסט עפּעס עסען און דו וועסט אויך איבערנעכטיגען ביי מיר אין הויז, און מאָרגען וועל איך זיך דורכריידען מיט דעם בעל עגלה, וועלכער וועט דיך נעמען קיין קיידאן.

— איך וויל, אז איהר זאָלט אריבערקומען צו מיר באלד נאָכ'ן עסען! — האָט דער רב זיך אָנגערופען צו ר' שלמה זלמן — לויט נחום'ס מאָדנע אויפפירונג, דארף ער אונז געבען אן ערקלערונג... עפּעס געפעלען מיר ניט זיינע רייד וואָס ער האָט גערעדט... איך וואָלט וועלען וויסען וואָס ער האָט געמיינט דערמיט, ווען ער האָט געזאָגט, אז "ווען מיר קומען נעכטען אנשטאָט היינט וואָלט אלץ אנדערש געווען! און אז איצט איז שוין צו שפּעט"... איך וויל אויך אן ערקלערונג פאר דעם וואָס דו האָסט געזאָגט דעם שמש, אז דו האָסט אוועקגעהרג'עט א מענשען! אז דו האָסט אומגליקליך געמאכט א גאנצע עדה אידען... נאָר איצט געה עפּעס עסען, איך וועל דיר ערוואַרטען א ווײלע שפּעטער.

ר' שלמה זלמן איז אריין מיט נחום'ן אין הויז. ער האָט געזאָגט טריינע'ן, זיין פרוי, אז זי זאָל צוגרייטען עסען פאר איהם. ווען זי האָט שוין געהאַט געגרייט צום טיש, האָט ר' שלמה זלמן געהייסען נחום'ן זיך געהן וואַשען צום עסען.

נחום איז אריין אין קיך זיך וואַשען און ר' שלמה זלמן האָט זיך דערווייל באנוצט מיט דעם און געזאָגט זיין פרוי, אז דאָס איז דער יונגערמאַן, וועלכער האָט צו איהם געשריבען דעם בריוו, און וועלכער האָט פארלאָזען זיין ווייב.

ביים טיש זיינען אלע געזעסען און געשוויגען. כאָטש נחום האָט א גאַנצען טאָג ניט געגעסען, פונדעסטוועגען האָט ער געגעסען אָהן אַפּעטיט, ער איז די גאנצע צייט געזעסען מיט אן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ און געשוויגען.

— דו דארפסט גאָרניט זאָרגען, נחום! — האָט זיך ר' שלמה זלמן צו איהם אָנגערופען — דו וועסט זעהן אז אלץ וועט זיך אויסלאָזען צום בעסטען. איך שטעל זיך פאָר, וואָס פאר א שמחה עס וועט הערשען אין ר' אשר'ס הויז ווען דו וועסט זיך צוריקקערען אהיים... דיין פרוי וועט זיך שעצען פאר די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט... א קלייניגקייט! אזוי פיל זיך אָנגעליטען! עס איז שלעכט גענוג פאר א פרוי צו בלייבען אן עגונה, ווען זי האָט ניט קיין קינדער. איצט קאָנסטו זיך פאָרשטעלען וואָס עס וואָלט פאר איהר געמיינט צו האָבען א קינד און דו וועסט אפילו ניט זיין... איך פארזיכער דיר, אז דו וועסט קיין אומאנגענעמעס ניט האָבען. קיינער וועט דיר חלילה ניט פאָרוואָרפען וועגען דער פארגאנגענהייט, דו וועסט ביי אלעמען זיין זעהר ווילקאָמען! איך זעה דאָך שוין, אז דו ביזט גענוג אָפּגעקומען פאר דיין באנארישען זיך. מילא, מיר זיינען דאָך ניט מעהר ווי א בשר ודם און אין צייט פון גרויס צאָרן און אויפרעגונג, פארלירט מען זיך און דאַן באגעהט מען א נארישקייט! דערפאר האָבען מיר דאָך א טייערען פאָטער אין הימעל, א רחום וחנון, און אז מיר טוען

תשובה מיט'ן גאנצען הארצען, איז ער אונז מוחל במחילה גמורה... דו הערסט, רייד זיך ניט איין אז עס איז צו שפעט... עס איז קיינמאָל ניט צו שפעט!

— פאר מיר איז שוין צו שפעט — האָט נחום מיט טרויער געזאָגט — איך בין שוין א פארפאלענער! איך בין א זינדיגער!

— איך פארשטעה דיר ניט! — וואָס מיינסטו!...

— איך בעט אייך, פרעגט מיך ניט! איך קאָן אייך גאָרניט זאָגען! — האָט נחום זיך אָנגערופען און זיין פנים האָט אויסגעדריקט צער און וועהטאָג.

— אז דו ווילסט מיר ניט זאָגען וועל איך דיך ניט צווינגען — האָט ר' שלמה זלמן געזאָגט — אָבער דו וועסט דאָך מיט מיר אריבערגעהן צום רב, מיר האָבען דאָך איהם צוגעזאָגט...

זיי האָבען געבענשט און דאן האָט זיך ר' שלמה זלמן אויפגעהויבען און ער האָט א וואונק געגעבען צו נחום'ן ער זאָל מיט איהם געהן.

שווייגענדיג האָט זיך נחום אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און ער איז מיטגעגאנגען מיט איהם. זיי זיינען אריינגעקומען צום רב אין הויז. ר' יהושע העשל איז מיט זיי אריינגעגאנגען אין א חדר מיוחד. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין שטול, און ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם באנק און נחום האָט זיך אוועקגעזעצט. ר' שלמה זלמן האָט זיך געזעצט נעבען איהם.

— נו, נחום וואָס האָסטו באשלאָסען צו טאָן? — האָט איהם דער ווילנער רב געפרעגט.

נחום האָט געשוויגען און ר' שלמה זלמן האָט זיך אָנגערופען: וואָס הייסט, ער וועט מאָרגען, אם ירצה השם, אָפּפאָהרען קיין קיידאן!

— דאָס אלץ וואָס איך וויל וויסען! גיב מיר דיין האנט, אז דו וועסט צוריקקערען אהיים!

— ניין, איך קאָן זיך מעהר ניט צוריקקערען אהין! — האָט נחום געזאָגט, האלטענדיג זיין קאָפּ געבויגען.

— וואָס הייסט! — האָט ער זיך א בייזער ג[illegible]טאָן אויף איהם — דו ווייסט וואָס דו רעדסט!... ביי דיר איז רעכט איבערצולאָזען דיין פרוי אין אזא צושטאנד! האָסטו ניט מורא פאר גאָט! דו וועסט מוזען פאָהרען אהיים! און אויב דו וועסט עס ניט טאָן מיט'ן גוטען ווילען, וועלען מיר געפינען א מיטעל ווי אזוי דיך צו צווינגען! דו קער זיך אום אהיים! און אויב דיר וועט זיין אוממעגליך צו בלייבען מיט דיין פרוי, וועט מען זיך שוין דאן אן עצה געבען... וועסט איהר געבען א גט!

— איך קאָן ניט! איך קאָן ניט!

— איך בין א זינדיגער! איך בין א פארלוירענער! איך בין באגאנגען א שוידערליכען פארברעכען און פאר מיר איז שוין קיין תקנה ניטאָ!

נחום איז געבליבען זיצען מיט א געבויגענעם קאָפּ און גענומען וויינען... דער רב האָט אויף איהם אָנגעשטעלט א פּאָר אויגען... ער האָט איהם גענומען באטראכטען און געזעהן, אז אויף זיין פנים איז אויסגעגאָסען יאוש און פארצווייפלונג... האָט געוואָרפען א בליק אין דער ריכטונג פון ר' שלמה זלמן, און ער האָט א ציה געטהאָן מיט זיינע אקסלען, און א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ... ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאנגען צו נחום'ן, ער האָט ארויפגעלייגט די האנט אויף זיין קאָפּ און מיט א צערטליכע שטימע זיך אָנגערופען:

— נחום, ווי איך האָב געהערט ביזטו ניט קיין עם הארץ! דו האָסט דאָך אמאָל געלערענט, ווייסטו דאָך, אז שלמה האָט געזאָגט אין קהלת: "כי אין אדם צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" (ווארום עס איז ניטאָ א מענש, א צדיק אויף דער ערד וועלכער זאָל טאָן (בלויז) גוטס, און ניט זינדיגען). דו ווייסט אויך וואָס די גמרא זאָגט אין ברכות: "מקום שבעלי תשובה עומדין צדיקים גמורים אינם עומדין", זעהסטו דאָך, אז אן אמת'ער בעל תשובה שטעהט העכער אפילו פון א צדיק, און איצט אז דו וועסט תשובה טאָן מיט דיין גאנצען הארצען, וועט דיר גאָט מוחל זיין...

— ניין, רבי! — האָט נחום אויסגערופען — מיין זינד זיינען פון דעם מין "בין אָדם לחברו" און קיין תשובה וועט מיר שוין ניט העלפען!

— ווייסטו דאָך, אז אויך צו דעם איז פאַראַן א תרופה — האָט ר' יהושע העשל זיך צו איהם געווענדעט — "ער שירצה את חברו"... אז דו וועסט דארפען זיך ווענדען צו דעם געגען וועמען דו ביזט באַגאַנגען די עברה און יענעם איבערבעטען, און דאַן וועט דיר גאָט אויך מוחל זיין!

— מען קאָן ניט איבערבעטען איינעם וועמען מען האָט דער'הרג'עט, אז ער זאָל מוחל זיין...

— וואָס רעדסטו, נחום! — האָט דער רב אויסגערופען, —וועמען האָסטו דער'הרג'עט?

— וואָס מיינסט, טאקע דערמיט?

— האָט איהם ר' שלמה זלמן אָנגעקוקט — וואָס זיינען דאָס פאַר א רייד! א איד דער'הרג'עט ניט קיין מענשען! א איד איז ניט קיין רוצח!...

— מען קאָן אמאָל אומברענגען א מענשען מיט א וואָרט פון מויל, אָדער מיט א קריץ פון א פעדער! אוי, איך בעט אייך לאָזט מיך צורוה! מיר וועט שון אפילו קיין תשובה ניט העלפען...

— איך זעה, נחום, אז עפּעס דריקט דיך אין הארצען... דערצעהל אונז אלץ, רייד זיך אראָפּ פון הארצען... מיר וועלען דיר העלפען! זאָג מיר וואָס אזוינס האָסטו געטאָן, וואָס מאכט דיר צו גלויבען, אז אפילו קיין תשובה וועט דיר ניט העלפען...

— וואָס איז די פּעולה! — האָט נחום גערעדט ווי צו זיך — מיין גליק איז שוין אויף אייביג פארשוואונדען...

— הער זיך איין, נחום, עס זיינען פאראן זאכען, וואָס דריקען דעם מענשענ'ס הארצען פּונקט ווי א שווערער בארג וואָלט דאָרט געלעגען... און אליין איז איהם שווער דעם בארג ארונטערצוּווארפען, אָבער א צווייטען איז עס גאָרניט אזוי שווער... דאריבער איז מיין עצה, אז דו זאָלסט אונז דערצעהלען וואָס עס דריקט דיר אויפ'ן הארצען און מיט גאָט'ס הילף וועלען מיר דיר קאָנען געבען די ריכטיגע עצה!

נחום האָט צוגעלייגט זיין האנט צו זיין שטערן און ער האָט גענומען טראכטען, זיך מיישב זיין צי זאָל ער דערצעהלען דעם גאנצען אמת צי ניט... אויף זיינע געדאנקען זיינען ארויפגעקומען די שוידערליכע פאָלגען ייאָס וועלען פון זיין מסירה ארויסקומען... ער האָט זיך א טרייסעל געטאָן און זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאץ, ער האָט גענומען ארומגעהן הין און צוריק איבער'ן צימער, כאפּענדיג זיך יעדע וויילע פאר'ן קאָפּ... דער רב און ר' שלמה זלמן האָבען איהם נאָכגעפאָלגט און פון איהם די אויגען ניט ארונטערגענומען... אין צימער האָט געהערשט א שטילקייט, בלויז נחום'ס טריט האָט מען געקאָנט הערען...

פּלוצלונג, איז נחום געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און ער האָט אויסגערופען: "ניין! איך וועל עס ניט טאָן! איך קאָן גאָרניט דערצעהלען!"

— נו, אויב דו ווילסט ניט דערצעהלען, וועט קיינער דיר ניט צווינגען! — האָט דער רב געזאָגט — אָבער פּאָהרען אהיים, נאָך קיידאַן, צו דיין פרוי, וועסטו מוזען! דערצו האָבען מיר א רעכט דיר צו צווינגען, אפילו! הא, וואָס זאָגסטו?...

נחום האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ...

— ענטפער מיר דייטליך, וועסטו פּאָהרען נאָך קיידאַן?

— ער, הם... יע, האָט נחום ארויסגעשטאמעלט, איך וועל פּאָהרען!

— נו, אויב אזוי איז עפּעס אנדערש! — האָט ר' יהושע העשל אויסגערופען — דו בלייב דאָ איבער מיט מיר פאר א ווײלע, און ר' שלמה זלמן וועט זיך אריבערכאפּען צו דעם בעל עגלה און ער וועט מיט איהם אָפּמאכען ווען דו זאָלסט צו איהם קומען, און דאַן וועט ער דיך אָפּפיהרען קיין קיידאַן.

ר' שלמה זלמן איז אוועק צום בעל עגלה, און דער רב האָט געעפענט א ספר און גענומען אריינקוקען, האלטענדיג אין דער זעלבער צייט אויך אן אויג אויף נחום'ן, וועלכער איז געזעסען א דערשלאָגענער און א פארטראכטער...

— פונדעסטוועגען, גלויב איך נאָך אלץ, אז דו דארפסט מיר דערצעהלען וועגען דעם וואָס דיך דריקט אזוי שטארק אויף דיין געוויסען — האָט ר' יהושע העשל זיך צו איהם געווענדעט

— עס קאן זיין אז דו האסט עס ניט געוואלט טאן פריהער, ווייל ר׳ שלמה זלמן איז געווען, אבער איצט, אז מיר זיינען פארבליבען אליין, דארפסטו זיך פאר מיר ניט שעהמען און ערקלערען מיר, וואס דו האסט פריהער געמיינט מיט דיינע רייד...

— ניט איצט, רבי! — האט נחום געזאגט — אן אנדערש מאל!

— נו, זאל זיין אזוי! — האט דער רב געזאגט — דו וועסט זיך אפשר שפעטער אליין ארומזעהן...

ארום א האלבע שעה זיינען זיי געזעסען אין צימער און געשוויגען. דער רב האט געהאלטען דעם ספר און זיך פארטיפט פאר א ווייל, און נחום איז געזעסען איינגענורעט אין זיין צערִיסענעם מאנטעל...

פלוצלינג האט זיך נחום אויפגעשטעלט, דער רב האט ארויסגענומען זיין פנים פון ספר און ער האט א קוק געטאן אויף איהם.

— רבי, האט ער געזאגט, איך וויל ארויס אויף א ווײלע אין הויף!

— גוט, אט איז די לאמטערנע, צינד זי אן — האט דער רב אנגעוויזען אויף די לאמטערנע וואס איז געווען אויף א קליין זייטיגען טישעל. — דארט וועסטו אויך געפינען שוועבעלאך.

נחום האט אנגעצונדען די לאמטערנע און איז ארויס אין הויף... ער האט זיך ארומגעקוקט א ווײלע, און זעהענדיג, אז דער רב איז פארבליבען ביי זיך אין צימער, האט ער אויסגעלאשען די לאמטערנע, זי אוועקגעשטעלט נעבען דעם רב׳ס הויז אין דרויסען און ער האט זיך גלייך גענומען ארויסרוקען פון הויף. עס איז געווען א ליכטיגע נאכט. נחום האט זיך פריהער גוט ארומגעקוקט, און ווען ער האט קיינעם ניט באמערקט, האט ער זיך גענומען דערווייטערען פון דארט... ער איז אפגעגאנגען א שטיקעל וועג, און איז געבליבען שטעהן... וואס וועט ער איצט טאן? וואוהין וועט ער געהן?... איין זאך איז ער זיכער, אז ער וועט זיך ניט קאנען אומקערען קיין קיידאן... דאס איז אויסגעשלאסען! עס וועט לאנג ניט נעמען און די פאליציי וועט קומען ארעסטירען ר׳ יהודה ליב׳ן... אלע וועלען זיך אנשטויסען פון וועמען דאס שטאמט... און אז מען וועט זיך אין דעם איבערצייגען, וועט מען דאך איהם דאן ניט שענקען! מען וועט דאך איהם רופען מסור, און קיינער וועט ניט וועלען האבען צו טאן מיט איהם... ניין, ער האט שוין קיין האפנונג ווען עס איז זיך צוריקקערען אהיים... און אויב ר׳ שלמה זלמן וועט זיך באלד צוריקקערען מיט דעם בעל עגלה, קאן זיין אז מען וועט איהם נאך צווינגען ער זאל מיט איהם פאהרען! מען וועט אכטונג געבען אויף איהם, ער זאל ניט אנטלויפען, ניין, ער וועט ניט בלייבען דא, ער מוז ווידער אנטלויפען... ער וועט אפריכטען גלות, אפשר וועט ער ווען עס איז געפינען א תקון צו זיינע זינד...

נחום האט גענומען פארשנעלערען זיינע טריט... ער איז געגאנגען אהן א צוועק און אהן א ציל...

דערווייל איז אנגעקומען ר׳ שלמה זלמן, און ווען ער האט געזעהן, אז נחום איז ניטא אין צימער, האט ער זיך גלייך אנגערופען צום רב: "וואו איז דא, נחום?"

— א, נחום! — האט זיך ר׳ יהושע העשל אויפגעשטעלט — ער איז נאר וואס ארויס אין דרויסען! ער האט גענומען די לאמטערנע...

— ער איז ארויס אין דרויסען! — האט ר׳ שלמה זיך אנגערופען — איך וואלט איהם ניט געטרויט!

— נו, איך דאך מעהר ניט ווי א מענש! ער זאגט מיר, אז ער דארף געהן! אפשר האב איך איהם טאקע ניט באדארפט לאזען געהן אליין אבער ער האט דאך שוין איינגעשטימט צו פאהרען קיין קיידאן... דארפען מיר דאך שוין ניט מורא האבען, אז ער וועט אנטלויפען! איצט זאגט מיר, ר׳ שלמה זלמן, וואס האט איהר אפגעמאכט מיט דעם בעל עגלה?

ער וועט קומען מארגען, גלייך נאכ׳ן ערשטען מנין, און מיט איהם אוועקפאהרען קיין קיידאן! ער האט זיך שטארק דערפרייט, דער בעל עגלה, ווייל ער האט מיר געזאגט, אז ר׳ אשר זיין שווער וועט איהם גוט באלוינען אויב ער וועט ברייגנען נחום׳ן צו איהם! דער בעל עגלה האט ניט געוואוסט וואס צו טאן פון פרייד... אבער וואו איז ער?...

— ער זאמט זיך שוין טאקע צו

לאַנג האָט דער רב געזאָגט! — אָט וועל איך ארויסגעהן זעהן...

ער האָט אָנגעצונדען א ליכט און איז ארויס פון הויז... ער האָט זיך גענומען ארומקוקען און באלד האָט ער דערזעהן די לאַמטערנע נעבען שוועל פון הויז... ער איז שנעל צוריק אריין אין הויז און ער האָט זיך אָנגערופען צו ר' שלמה זלמן: — איך האָב מורא, אז איהר זייט גערעכט, איך האָב איהם ניט געטאָרט אַפּלאָזען פון זיך אויף א רגע... אָט האָב איך געפונען די לאַמטערנע נעמען מיין הויז, ווי עס ווייזט אויס איז ער אנטלאָפען געוואָרען!

— אוי, עס וועט זיין א שאָדען! — האָט ר' שלמה זלמן אויסגערופען — מיר מוזען איהם גלייך אויפזוכען!

ר' יהושע העשל האָט שנעל ארויפגעכאַפּט זיין מאַנטעל און איז ארויס אין דרויסען מיט ר' שלמה זלמן און זיי האָבען איהם גענומען ארומזוכען... האָט דער ווילנער רב געזאָגט — אזא גרויסע מצוה איז געקומען צו אונז אין די הענט, און צוליב מיין אומפאָרזיכטיגקייט האָבען מיר זי פאַרלאָרען!... וואָס האָב איך געטאָן!... פון די הענט האָט ער זיך ארויסגעגליטשט...

— אויב ער האָט געהאט בדעה צו אנטלויפען, וואָלט אַלץ איינס שווער געווען איהם איינצוהאלטען — האָט ר' שלמה זלמן געזאָגט — ער וואָלט שוין אנטלאָפען געוואָרען. א היבשע ווילע האָבען זיי איהם ארומגעזוכט און דערנאָך זיינען זיי צוריק אריין אין הויז...

— ווי עס ווייזט אויס אז עפּעס האָט געמוזט פּאסירען מיט איהם, — האָט דער רב געזאָגט — מיר געפעלט גאָרניט דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, אז פאר איהם איז שוין קיין תקנה ניטאָ... אז מען קאָן אומברענגען א מענשען מיט א וואָרט פון מויל, אָדער מיט א קריץ פון א פעדער... עפּעס האָט ער געהאט אונז צו דערצעהלען... ווער ווייסט וואָס דאָס איז געווען!

— איך קאָן ניט פארשטעהן וואָס ער האָט אזוי נויטיג געדארפט היינט אין דער פריה פינף גילדען, און עס ארויסבאקומען פון שמש און טאקע אויך פון דער צדקה פושקע... עפּעס איז א מין קליפּה אריין אין איהם... עס איז א ביטערער רחמנות אויף זיין פרוי און שווער און שוויגער... מיר האָבען איהם אויפגעזוכט און איצט איז ער ווידער פארשוואונדען געוואָרען פון אונז... דער בעל עגלה וועט זיי געוויס דערצעהלען, אז מיר האָבען געהאט איהם אין אונזערע הענט און איצט איז ער ניט!

ווי עס ווייזט אויס האָט ער קיין געלט ביי זיך ניט געהאט, מיינט עס, אז ער וועט ווייטער פון דאנען ניט געהן, נו, וועלען מיר איהם ווידער געפינען! — האָט דער רב געזאָגט — ער וועט זיך שוין פון אונז ניט ארויסדרעהען! איך וועל שיקען איינעם פון די שמשים איבער אלע ווילנער קלויזען, איהם אויפצוזוכען...

קאַפּיטעל פופצעהן

עס איז געווען פורים צו דער סעודה. אין קיידאַן האָבען די אידען זיך גוט משמח געווען. נאָך גרעסער איז די שמחה געווען אין ר' יהודה ליב'ס הויז, א קליינינקייט, זיך דערלעבט אזוי פיל נחת... גיט'ל'ס פּנים האָט געלויכטען פון פרייד, איהר בת יחידה, חנה, איז א כלה געוואָרען פאר אליהו'ן, דעם יונגען גאון, מיט וועמען עס קלינגט שוין די גאנצע אידישע וועלט... אלע זיינען דאָך זיי מקנא... אזא טייערען שידוך געטאָן! זי האָט געוואוסט, אז אין קיידאַן זיינען פאַראַן א סך ניט פארגינער, וועלכע האָבען געזוכט קאליע צו מאכען דעם שידוך... אָבער גאָט האָט זיי געהאָלפען און דער שידוך איז דאָך דורכגעפיהרט געוואָרען. די תנאים זיינען שוין פאָרגעקומען, און איצט אין א צוויי חדשים ארום, ל"ג בעומר, וועט פאָרקומען די חתונה!

דער טיש איז געווען געדעקט מיט די שעהנע באבלומטע טישטיכער, אויבען אָן זיצט ר' יהודה ליב, און נעבען זיין רעכטער האנט איז געזעסען אליהו, וועלכער האָט היינט, לכבוד פורים, מבטל געווען א ווילע פון לערנען, און זיך געזעצט צום טיש, נאָך איידער די סעודה האָט זיך אָנגעפאנגען... ביים צווייטען זייט טיש איז געזעסען חנה, די באשיידענע, פרומע כלה, איינגעהילט אין א זיידענע טיכעל, פון אונ־

טער וואָס זי האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען א בליק אין דער ריכטונג וואו אליהו איז געזעסען, און ווען איהרע בליקען האָבען זיך באגעגענט מיט איהר מוטער'ס, האָט זיך איהר פנים גענומען רויטלען...

בוניע, די קעכין האָט גענומען דערלאנגען די מאכלים צום טיש... די גר'טע, שרה'קע, האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט מיט שלח מנות פון רב... גיטעל האָט זי געשיקט צום רב מיט גאָר א פיינעם שלח מנות, און די רבי"צין האָט דורך איהר געשיקט א שלח מנות צו ר' יהודה ליב'ן.

— נו, געה זעץ זיך שוין צום טיש, שרה'קע, דו ביזט שוין גענוג ארומגעלאָפען מיט די שלח מנות'ן. דו ביזט דאָך שוין הונגעריג!

— אָט נאָך איין שלח מנות וועל איך אריבערברענגען צו ר' אָשר'ן אין הויז! — עס איז דאָך א רחמנות אויף זיי... איך האָב מיט א ווייל צוריק געזעהן ציפּע'ן, און מיר האָט א צופּ געטאָן ביים הארצען... זי האָט נעבעך א פארשטערטען פּורים. איך האָב געהערט ווי זי האָט געזאָגט צו איהר מוטער, אז פאראיאָרען פּורים, איז נחום געווען מיט זיי אלעמען, און ווי גרויס זייער שמחה איז געווען... אָט וועל איך זיי ברענגען דעם שלח מנות, און איך וועל זיך באלד אומקערען...

שרה'קע האָט גענומען א טעלער, אריינגעלייגט דאָרט פארשידענע לעקעכלאך און צוקערקעלאך, עס אריבערגעדעקט מיט א סערוועטקעלע און איז דערמיט אוועק צו ר' אָשר'ן אין הויז...

ווען זי איז אריין דאָרט האָט זי דאָרט געטראָפען א גערודער... א בעל עגלה איז געשטאנען אין מיטען צימער און האָט דערציילט וועגען נחום'ן. זי האָט געהערט ווי ער דערציילט אז אליהו'ס פאָטער ר' שלמה זלמן, צוזאמען מיט'ן ווילנער רב, ר' יהושע העשל, האָבען געפונען ר' נחום'ען אין א קלויז, און זיי האָבען איהם איבערגערעדט ער זאָל זיך אומקערען אהיים... ר' שלמה זלמן האָט טאקע איהם באשטעלט ער זאָל איהם ברענגען קיין קידאן, אָבער ווען ע רהאָט זיך צוריקגעקערט פון איהם צום רב, האָט ער אויסגעפונען אז נחום האָט זיך ארויסגע'גנב'עט פון רב'ס הויז, און איז פארשוואונדען געוואָרען...

אין הויז פון ר' אָשר איז געוואָרען א מהומה ווען זיי האָבען דערהערט דעם בעל עגלה'ס באריכט... ציפּע האָט גע'חלש'ט... און מען האָט זי קוים דערמינטערט. שרה'קע האָט איבערגעלאָזען דעם שלח מנות אין קיך און געהאָלפען מינטערען ציפּע'ן...

— וואָס איז דאָס זיין וואָס שרה'קע זאמט זיך אזוי לאנג? — האָט גיטעל זיך אָנגערופען — זי האָט א גאנצען טאָג ניט געגעסען... זי האָט דאָך אזא דימענטענע נשמה אָט די שרה'קע. ווי גליקליך זי פילט זיך וואָס מען האָט זי מגייר געווען! זי מוז טאקע זיין א גלגול פון א הייליגער אידישער פרוי! זי איז גרייט צו העלפען יעדען איינעם! זי איז אזוי פרום און באשיידען... זי פארגעסט אָן עסען און טרינקען, אבי זי קאָן יענעם טאָן א טובה!

— מאמע, איך וועל געהן זי רופען — האָט זיך חוה אויפגעשטעלט, ז' האָט זיך מסתמא פארדרעדט.

— געה, טאָכטער מיינע. און זאָג איהר אז מיר ווארטען אויף איהר מיט'ן עסען... חנה האָט אָנגעטאָן איהר מאנטעל און האָט אויפגעפענט די טיר און איידער זי האָט באוויזען ארונטערצוגעהן פון די עטליכע טרעפּלעך, האָט זיך נעבען זייער הויז אָפּגעשטעלט א שעהנער שליטען, און זי האָט געזעהן אז פון דאָרט קומט ארויס אָן אָקאָלאָדאָשניק און נאָך צוויי פּאָליציי בעאמטע... א שרעק איז איהר באפאלען. זי איז געבליבען שטעהן א פארגליווערטע פון שרעק.

— איז דאָס די וואוינונג פון יהודה ליב? — האָט איינער פון די פּאָליציי בעאמטע געפרעגט חנה'ן.

— יע, האָט חנה געענטפערט און עס האָט איה' גענומען ווארפען אין היץ און אין קעלט. זי איז צוריק אריין אין הויז, און נאָך איהר זיינען אריינגעקומען די דריי פּאָליציי בעאמטע... חנה איז אריין איר סטאָלאָווע, און די מאמע האָט אויסגערופען: "וואָס איז געשעהן חנה'לע! פארוואָס ביזטו אזוי

בלאָס און צעשראָקען? זאָג מיר, קינד מיינס!"

חנה האָט אַ קער געטאָן איהר קאָפּ צו דער טיר, וואָס איז האסטיג אויפגעעפענט געוואָרען און באלד איז אַלעמענס שרעק געוואָרען גרויס; די דריי פּאָליציי בעאמטע זיינען אריין מיט שווערע טריט אין עס־צימער. ר' יהודה ליב האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און מיט שרעק אין זיינע אויגען האָט ער זיי אָנגעקוקט...

— געפינט זיך דאָ ביי דיר אַ דינסט מיט'ן נאָמען זאָשקע? — האָט דער אָקאָלאָדאָטשנע איהם געפרעגט.

— המ... איך...

— ענטפער אויף מיין פראגע! געפינט זיך ביי דיר אין הויז אַ קריסטליכע דינסט מיט'ן נאָמען זאָשקע פון ווילנע?

— המ... ניין, איהר נאָמען איז שרה'קע!... האָט ר' יהודה ליב געשטאמעלט.

— איך ווייס אַז איצט איז איהר נאָמען שרה'קע! — האָט ער אויף איהם אַ געשריי געטאָן — אָבער פריהער איז איהר נאָמען געווען זאָשקע, און דו האָסט זי געצוואונגען זי זאָל אויפגעבען איהר קריסטליכען גלויבען...

— ניין! עס איז ניט אמת! — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט און ער האָט זיך גענומען טרייסלען פון שרעק. — קיינער האָט זי ניט געצוואונגען!

— אָבער דו ביזט זיך מודה אַז זי איז געווען אַ קריסטליכע מיידעל און איצט איז זי אַ אידישקע!...

חנה, וועלכע איז נאָך געשטאַנען אין איהר מאַנטעל האָט באַשלאָסען ארויסצוגעהן פון הויז און לויפען אָנזאָגען שרה'קען אַז זי זאָל זיך ניט אומקערען אהיים, אַז זי זאָל זיך ערגעץ באַהאַלטען, אָבער ווען דער אָקאָלאָדאָטשני האָט באַמערקט אַז זי וויל ארויס פון הויז, האָט ער זי געהייסען זיך צוריקקערען.

— וואו איז זאָשקע! — האָט ער גענומען שטורמען — זאָל זי שוין ארויסקומען!

— זי איז ניטאָ איצט אין דער היים! — האָט ר' יהודה ליב אויסגערופען.

— אויב דו מיינסט אַז דו וועסט זי אויסבאַהאַלטען מאַכסטו אַ טעות! מיר וועלען זי זוכען אומעטום! מיר וועלען דיין הויז איבערקערען קאַפּויר, מיר וועלען זי געפינען! — געהט זוכט זי אין די אַנדערע צימערען, און איך וועל דאָ זיין און זעהן אַז קיינער זאָל פון דאַנען ניט ארויסגעהן...

די בעאמטע האָבען געזוכט אין אַלע צימערען,(און זיי האָבען זיך צוריקגעקערט אין סטאָלאָווע, זאָגענדיג: זי איז ניטאָ! אָבער עס קאָן זיין אַז זי באַהאַלט זיך אין קעלער!

— גוט, געהט אַרונטער אין קעלער! — האָט ער זיי באַפוילען.

זיי האָבען זי אויך דאָרט געזוכט און ניט געפונען. אָבער ווען זיי זיינען ארויף פון קעלער האָבען זיי געטראָפען זאָשקע'ן אָנקומענדיג.

— ביזטו דאָס זאָשקע? — האָט זי איינער פון די פּאָליציי בעאמטע געפרעגט:

— מיין נאָמען איז שרה'קע! — האָט זי געענטפערט.

— יע, מיר ווייסען — האָבען זיי צו איהר געזאָגט און מיט איהר אריינגעגאַנגען אין הויז.

— אָט דאָס איז זי! — האָט איינער פון די פּאָליציי בעאמטע זיך אָנגערופען — זי זאָגט אַז איהר נאָמען איז שרה'קע... זעהן מיר דען ניט אַז זי איז יט קיין אידישקע!

דער אָקאָלאָדאָטשני האָט זי באַטראַכט מיט דורכדרינגענדע בליקען, און ער האָט זיך געווענדעט צו די אַנדערע פּאָליציי בעאמטע:

— אונזער מיה איז ניט געווען אומזיסט. דער ווילנער פּאָליציי־מייסטער האָט געקראָגען די ריכטיגע אויסקינפטע... איהר זעהט דאָך, אַז זי איז אַ קריסטליכע מיידעל! די זשידעס האָבען שוין איהר אריינגעקראָגען און זי געצוואונגען צו ווערען אַ אידישקע!

— קיינער האָט איהר ניט געצוואונגען! — האָט ר' יהודה ליב אויסגערופען — דו קאָנסט פרעגען שרה'קען, איך מיין זאָשקע'ן...

— שטיל זיי, דו זשיד! — האָט דער אָקאָלאָדאָטשני אויף איהם אַ געשריי געטאָן — קיינער פרעגט דיך

ניט! קום אהער! — האט ער זיך געווענדעט צו שרה'קען.

א טויט־בלאסע און מיט וואקלענדע טריט איז שרה'קע צו איהם צוגעגאנגען. זי האט ניט באגריפען וואס דא קומט פאר.

ווען ער האט איהר גענומען אויספרעגען האט זי קיין ווארט ניט געקאנט ארויסריידען... דער אקאלאדאטשני האט אבער אויף איהר א געשריי געטאן, האט זי זיך נאך מעהר דערשראקען און זי האט גענומען שטאמלען: איך בין המ... איך בין א אידישע טאכטער! לאזט מיר צורוה! איך האב קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאן!

— שרה'קע, זאג איהם דעם אמת — האט ר' יהודה ליב זיך צו איהר געווענדעט — האט דיר אימיצער געצוואונגען צו ווערען א אידין?....

— ניין, קיינער האט מיך ניט געצוואונגען — האט שרה'קע אויסגערופען — איך האב זיך אליין ארומגעזעהן אז דער גלח פון מיין קלויסטער, איז געווען א פארדארבענער מענש, ער האט מיר אומגליקליך געמאכט, איך האב געזעהן אז די אידישע אמונה איז א ריינע און הייליגע, האב איך פארלאנגט פון זיי אז זיי זאלען מיך מאכען פאר א אידישער טאכטער! איך קאן שווערען אז זיי האבען עס ניט געוואלט טאן, איך האב דריי טעג ניט געוואלט עסען, און זיך ביי זיי געבעטען מיך צו מאכען פאר א אידישע טאכטער! קיינער איז ניט שולדיג!

— שוויג, דו אומווירדיגע!—האט איינער פון די בעאטע אויסגערופען— ווי שעמסטו זיך ניט צו זאגען אז דו האסט פארלאזען דיין קריסטליכען גלויבען און געווארען א זשידאווקע!...

דער אקאלאדאטשני האט איהר גענומען אויספרעגען, און ער האט געמאכט א פראטאקאל... און נאכדעם ווי ער איז פארטיג געווארען, האט ער זיך געווענדעט צו ר' יהודה ליב'ן און שרה'קען:

"אין נאמען פון ווילנער פאליציימייסטער ארעסטיר איך אייך בידען!

אין הויז איז געווארען א יללה און א יאמער. גיטעל איז צוגעלאפען צו איר מאן, איהם אנגענומען פאר זיין האנד, ווי זי וואלט איהם ניט געוואלט וועלען אפלאזען.

ר' יהודה ליב, א טויט־בלאסער האט זיך גענומען בעטען ביי איהם! ער האט מיט איהם איינגע'טענה'ט אז ער איז אומשולדיג, אז זיי האבען עס געטאן וויל זיי האבען מורא געהאט אז זי זאל זיך ניט נעמען דעם לעבען... אבער דער אקאלאדאטשני האט גארניט געוואלט הערען.

— דאס אלץ וועסטו ערקלערען איז געריכט! — האט ער געזאגט.

— היינט איז ביי אונז יום טוב! — האט זיך ר' יהודה ליב גענומען ביי איהם בעטען — ווארט צו ביז מארגען!

— אויב דו וועסט גלייך ניט געהן מיט מיר וועל איך דיר אנטאן קייטען — האט דער בעאמטער אויף איהם א געשריי געטאן.

חנה און גיטעל, איהר מוטער, האבען געוויינט און געיאמערט. אליהו איז אויך געווארען שטארק דערשראקען... עס האט קיין זאך ניט געהאלפען. ר' יהודה ליב האט אנגעטאן דעם מאנטעל און ער האט זיך געווענדעט צו גיטלע'ן און צו חנה'ן און געזאגט: זארגט ניט! עס איז גארניט! גאט וועט העלפען!... שרה'קע וועט דערציילען דארט דעם אמת און מען וועט מיך באפרייען...

— טאטע! טאטע! — האט חנה גענומען וויינען און איהם געפאלען אויפ'ן האלז. — א, גאט, העלף אונז!

אליהו, א צעשראקענער, און בלאסער איז צוגעגאנגען צו חנה'ן זיין כלה, און איהר געטרייסט אז גאט וועט ניט פארלאזען אין אן עת צרה...

די גר'טע האט זיך אזוי שנעל ניט געוואלט אונטערגעבען, זי האט זיך גענומען ראנגלען מיט די פאליציי בעאמטע, אבער דער אקאלאדאטשני האט איהר דערלאנגט א פאטש אז זי איז אומגעפאלען... זיי האבען איהר דאן אויפגעהויבען און ארויסגעפירט פון הויז צוזאמען מיט ר' יהודה ליב'ן, וועמענס קני האבען זיך געוואקעלט און געבויגען, פון גרויס שרעק. צו זיינע אויערען האבען דערגרייכט די יאמערליכע געשרייען פון זיין פרוי און טאכטער...

באלד האט מען זיך דערוואוסט אין גאנץ קיידאן וועגען דעם. עס איז געווארען א מהומה און א בהלה אין שטאדט. מען איז זיך צוזאמענגעלאפען אין ר יהודה׳ס הויז. דער רב און די רביצין האבען געהאלטען אין מיטען דער סעודה, ווען מען האט זיי אנגעזאגט אז מען האט ארעסטירט ר׳ יהודה ליב׳ן און זיין דינסט, די גר׳טע שרה׳קע, זיי האבען זיך שטארק דערשראקען. דער רב האט אנגעטאן זיין וואטאווען מאנטעל און איז גלייך געלאפען צו ר׳ יהודה׳ן אין הויז. די רביצין איז געקומען א ווילע שפעטער, און זי האט שוין דארט געטראפען א פולע הויז מיט מענשען. גיטעל איז ארומגעגאנגען איבער׳ן הויז, האט געבראכען מיט די הענד און ניט אויפגעהערט צו וויינען. חנה איז געזעסען נעבען טיש און געכליפעט...

אליהו האט זיך געפיהלט שטארק דערשלאגען... ער האט געבענשט און איז אריין אין זיין צימער, וואו ער האט מתפלל געווען צו גאט ער זאל שיקען די ישועה צו חנה׳ס טאטען, און ער האט זיך גלייך געזעצט לערנען כדי ניט מבטל זיין פון דער תורה.

מיט יעדער רגע זייען אנגעקומען נאך אידען און אידענעס. יעדער איינער האט גענומען אויספרעגען ווי אזוי דאס האט פאסירט... צווישען די אנגעקומענע זיינען אויך געווען ר׳ אשר, זיין פרוי און ציפע זייער טאכטער. זייער פורים איז מיט א ווילע פריהער פארשטערט געווארען פון דעם נייעם וואס דער בעל עגלה האט זיי געבראכט פון ווילנע, אז דער ווילנער רב און ר׳ שלמה זלמן האבען געפונען נחום׳ן און אז ער האט זיי צוגעזאגט צו פארען קיין קיידאן, און איז פלוצלונג אנטלאפען געווארען... און איצט, כאטש זיי זיינען אלע געווען שטארק דערשראקען מיט דעם וואס האט פאסירט אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז, האבען זיי אבער אין דארצען געפילט א שטיקעל טרייסט צו זייערע אייגענע צרות... זיי איז דאך איצט נאך ערגער...

ציפע וועלכע איז שוין געווען אין די "הויכע מאנאטען", און איהרע אויגען זיינען שוין געווען רויט און געשוואלען פון וויינען פון איהרע אייגענע צרות, האט איצט אויפגעעפענט איהר קוואל טרערען און האט גענומען וויינען אהן אויפהער: "אוי, אז אומגליק! וויי איז מיר! גאט׳ס צארן האט זיך אויף אונז אויסגעגאסען! ווינד איז אונז און וויי איז אונז! פארוואס קומט עס אונז אזוי פיל צו ליידען!...

— ווי עס ווייזט אויס האט אימיצער גע׳מסר׳ט — האט זיך ר׳ אשר אנגערופען — עס איז אייגענע ארבייט! מסתמא א ניט פארגינער! אונזערע אידען זיינען פעהיג אויף אלץ!

— פארוואס זאלט איהר גאר טראכטען שלעכטס פון אידען, — האט איהם דער רב ר׳ דוד פארגעווארפען — וועלכער איד, ווי פארדארבען ער זאל ניט זיין, וועט זינקען אזוי נידריג, און געהן מסר׳ן אויף אן אייגענעם ברודער, בפרט ווען אלע אידען פון קיידאן ווייסען, אז מען האט זי מגייר געווען, ווייל מיר האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט, זי וואלט דאך געשטארבען פון הונגער, ווען מיר גיבען ניט נאך איהר פארלאנג! איך האף אז ווען דאס וועט ארויסגעבראכט ווערען ביים משפט, וועט מען ר׳ יהודה ליב׳ן באפרייען!

— גאט וויים! גאט וויים! — האט גיטעל געבראכען מיט איהרע הענד און געיאמערט — אזא לאנגע צייט איז שוין פאראיבער און אלץ איז געווען שטיל... מען האט דאך שוין לאנג פארגעסען וועגען שרה׳קען, און פלוצלונג אזא בראך!...

— אט ערשט מיט א ווילע צוריק איז שרה׳קע געווען ביי אונז אין הויז — האט ר׳ אשר׳ס ווייב אויסגערופען — זי האט אונז געבראכט שלח מנות פון אייך! איך וועל אייך זאגען דעם אמת, מיר זיינען געווען אזוי צעטראגען, אז מיר האבען אפילו ניט אפגעשיקט דורך איהר קיין אנדער שלח מנות... און איצט אזא אומגליק!

— וואס טוט מען, צו וועמען ווענדט מען זיך? — האט גיטעל וויינענדיג געזאגט — ווער האט זיך דאס אויף דעם געריכט.

— מען וועט זיך דארפען דורכריידען מיט בענטשען דעם שמיד! — האט איינער פון די בעלי הבתים זיך

אָנגערופען — ער איז באפריינדעט מיט דעם פּריסטאוו, אפשר וועט ער קאָנען עפּעס אויפטאָן.

— בענטשע דער שמיד איז א גראָבער יונג, אַן עם הארץ, ער האָט צופיל צו טאָן מיט גוים — האָט ר׳ אָשר געזאָגט — און ווער ווייסט אויב ער איז ניט שולדיג אין דעם!

— וואָס רעדט איהר, ר׳ אָשר! — האָט איהם דער רב אויסגערעדט, ווי קומט איהר צו ווארפען א חשד אויף א אידען! ווי אזוי וועט א איד מסר׳ן!...

— איך מיין ניט צו זאָגען, רבי, אז ער האָט גע׳מסר׳ט — האָט זיך ר׳ אָשר פארענטפערט — אָבער ער האָט צו טאָן מיט גוים, צו איהם אין קוזניע קומען אריין שקצים און שיקסעס, האָט ער זיך מן הסתם ארויסגערעדט וועגען זאָשקע׳ן...

— עס גלויבט זיך מיר ניט אז א איד וועט ניט וויסען ווי צו היטען צונג...

— הלמאי ווייסט ער ניט ווי צו היטען זיינע הענד! — האָט ר׳ אָשר געזאָגט — ערשט מיט א פּאָר וואָכען צוריק בין איך געוועזן ביי איהם אין קוזניע און איך האָב אליין געזעהן ווי אזוי ער גיט אָן מיט די שיקסעס... זאָג איך אייך אז מען קאָן שוין אלץ גלויבען אויף איהם! ער האָט מן הסתם גענומען א טרונק בראָנפען, און ער האָט גענומען פּלוידערען, האָט ער אויך ארויסגערעדט וועגען דער גר׳טע, אויב ניט ער ווער דען וועט טאָן אזא זאך?... עס קאָן זיין אז ער איז ניט אויסען געווען צו טאָן אימיצען שלעכטס... אָבער, ניט ווילענדיג, האָט ער זיך ארויסגערעדט און דורך דעם געבראכט אן אומגליק אויף ר׳ יהודה ליב׳ן...

— מיין עצה איז, אז מען זאָל שיקען רופען בענטשע׳ן — האָט אימיצער געזאָגט — אפשר וועלען מיר פּאָרט עפּעס דערגעהן פון איהם.

— זעהט איהר, שיקען איהם רופען, דאָס יע! — האָט דער רב געזאָגט — וויל ווי איך פארשטעה איז ער באפריינדעט מיט נאטשאלסטווא.

אפשר וועט מען דורך איהם עפּעס קאָנען פּועל׳ן ביי דעם פּריסטאוו. אָבער מיר טאָרען ניט האָבען אפילו א שטיב פון א חשד, אז ער איז שולדיג אין דעם... איך וויל אז קיינער זאָל מיט איהם ניט ריידען וועגען דעם, און ניט געבען די מינדסטע אָנצוהערעניש, אז מיר זיינען איהם אין עפּעס חושד... זאָל ער קומען אהער און איך וועל מיט איהם ריידען!...

דער רב האָט גלייך געשיקט דעם שמש רופען בענטשע׳ן דעם שמיד.

— עס קאָן זיין אז ער ווייסט נאָך דערוויל פון גאָרניט, וויל ער וואוינט דאָך אין עק שטאָדט — האָט ר׳ דוד זיך אָנגערופען צום שמש — און דאָריבער זאָלסטו איהם זאָגען וואָס עס האָט פּאסירט, און אזוי ווי איך געפין זיך איצט אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז זאָל ער אויך צוקומען און מיר וועלען זיך דורכריידען...

בענטשע דער שמיד האָט געוואוינט ביים עק פון שטאָדט. זיין וואוינונג איז באשטאנען פון צוויי צימערען. דאס גרעסטע צימער איז באנוצט געווארען פאר דער קוזניע. דארט האָט בענטשע געארבייט מיט זיינע צוויי זיהן, איינער א אינגעל פון א יאָהר זיבעצען און דער צווייטער מיט איין יאָהר אינגער. אין דעם קלענערען צימער האָבען זיי געוואוינט. אין אָט דעם דאָזיגען צימער האָבען געשלאָפען זיבען פּארשוין, דער שמיד, זיין ווייב, זייערע צוויי זיהן און דריי טעכטער. דאָרט איז געווען די קיך, די סטאָלאָווא און דער שלאָף־צימער.

כאָטש בענטשע איז געווען א גרויסער קבצן איז ער אלע מאָל געווען לוסטיג און האָט ליב געהאט צו זאָגען וויצען. ווען ער פלעגט ארבייטען, פלעגט ער צוזינגען. ער האָט ליב געהאט צו מאכען א כוסה.... אָבער ניט אָנ׳שיכור׳ן זיך. א איד איז ניט קיין שכור! פלעגט ער זאָגען נאָכדעם ווי ער פלעגט אריינגיסען אין זיך א צוויי קעלישיקלעך בראָנפען...

בענטשע דער שמיד האָט געהאט צו טאָן דאס רוב מיט גוים, האָט ער גוט געקענט ריידען גוי׳איש... און ווען א ראָד פון דעם פּריסטאוו׳ס בריטשקע

איז קאליע געווארען, אָדער מען האָט גענדארפט אויפשלאָגען א פּאָדקעווע אויף זיין פערד, פלעגט בענטשע ביי איהם קיין געלד ניט נעהמען. דער פּריסטאוו אָדער אן אנדער בעאמטער פלעגט זיצען און ווארטען אין קוזניע ביז וואנען ער פלעגט פארטיג ווערען מיט זיין ארבייט. בענטשע פלעגט שוין זעהן אז דער פּריסטאוו זאָל זיך ניט לאנגווייל׳ען... ער פלעגט א וואונק טאָן צו זיין אידענע, און זי פלעגט שוין ארויסברייננגען א קעלישיקעל בראנפען מיט א פּאָר זעמעלעך וואס זי פלעגט אליין באקען, און דער פּריסטאוו פלעגט טרינקען און עסען די זעמעל, און ניט אויפהערען צו לויבען די שמידיכע פאר איהרע געשמאקע זעמעל.

אז דער פּריסטאוו פלעגט ארייננגיסען אין זיך עטליכע גלעזלעך בראנפען, פלעגט ער ווערען זעהר אויפגעלייגט און פלעגט זיך ארייןלאָזען אין א פריינדליכען שמועס מיט דעם שמיד. און צוליב דעם פלעגען די אידישע בעלי עגלות וועלכע פלעגען ווארטען אויף זייער רייה, קריגען א סך דרך ארץ פאר בענטשען דעם שמיד, און אין שטאָדט האָט מען גערעדט אז ער, בענטשע, קען פּועל׳ען ביים פּריסטאוו אלץ וואס ער וויל.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס מען האָט א טראכט געטאָן פון בענטשע׳ן גלייך ווי דער אומגליק האָט פּאסירט און מען האָט ארעסטירט ר׳ שלמה זלמן און די גר׳טע...

בענטשע איז געזעסען מיט זיין משפּחה ביים טיש צו דער פּורים סעודה, און מען האָט גאנץ גוט פארבראכט. פּורים איז ביי איהם געווען א טייערער יום טוב, און ער האָט די קוזניע צוגעשלאָסען. ווען ער האָט דערהערט א קלאַפּ אין טיר, האָט ער געמיינט אז דאס איז מען צו איהם געקומען וועגען ארבייט. ער האָט דעריבער אויסגעשריען אין גוי׳איש אז היינט איז ביי איהם א פּראזדניק, און ער טהוט ניט קיין ארבייט. אָבער באלד האָט ער געהערט א אידישע שטימע: „עפענט"!

— אָ, דאָס איז דעם שמש שטימע!
— האָט בענטשע אויסגערופען — מסתמא האָט ער אונז געבראכט שלח מנות!

— ווער וועט אונז שיקען שלח מנות? — האָט זיין ווייב אויסגערופען — געה זעה וואס ער וויל!

בענטשע האָט געעפענט די טיר, און דערזעהענדיג דעם שמש האָט ער איהם אריינגערופען אין צווייטען צימער.

— א גוטער פּורים אייך! קומט אריין לאָמיר מאכען א שנעפּסעל לכבוד פּורים! — האָט דער שמיד זיך אָנגערופען צום שמש — איהר זייט דאך א גאסט.

— הערט זיך איין, בענטשע! — האָט דער שמש צו איהם זיך אָנגערופען — אין שטאָדט האָט נאָר וואס פּאסירט אן אומגליק! איהר ווייסט דאָך געוויס וועגען דער דינסט, די גר׳טע, וועלכע האָט זיך אויפגעהאלטען אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז...

— וואס הייסט? אודאי ווייס איך! נו, וואס האָט פּאסירט?

— מיט א ווייל צוריק זיינען געקומען פּאָליציי און זיי האָבען ארעסטירט ר׳ יהודה ליב׳ן און די גר׳טע... דארט טהוט זיך איצט חושך!... א סך בעלי בתים זיינען געקומען אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז, אונזער רב איז דאָרט אויך דאָ. און מען האָט גערעדט וועגען אייך, אזוי ווי איהר זייט באקאנט מיט נאטשאלסטווא, וואָלטען זיי זיך מיט אייך געוואָלט מיישב זיין וואס צו טהאָן, איהר מוזט גלייך קומען מיט מיר אהין...

עס איז אפילו געווען שווער פאר בענטשען זיך צו שיידען מיט דעם טיש פון כל טוב, אָבער ווען ער האָט געהערט פון אזא זאך, איז דאָך ניט שייך. ער האָט גלייך ארויפגעכאפּט זיין יום טוב׳דיגען מאנטעל און איז גלייך אוועק מיט׳ן שמש צו ר׳ יהודה ליב׳ן אין הויז.

ווען דער רב ר׳ דוד האָט איהם דערזעהן, האָט ער איהם גלייך אריינגערופען אין א צווייטען צימער, און ער האָט זיך מיט איהם גענומען דורכריידען....

— ווי דו פארשטעהסט, האָט מען גע׳מסר׳ט — האָט דער רב זיך צו איהם אָנגערופען, כאָטש עס גלויבט זיך מיר ניט אז עס זאָל זיך געפינען א איד, וועלכער זאָל האָבען געזונקען אזוי נידעריג... סיידען אימיצער האָט

זיך ניט ווילענדיג ארויסגערעדט פאר א גוי...

— א, רבי ! איך וועל אייך שווערען ביי מיין ווייב און קינדער אז איך האב זיך קיין מאָל ניט ארויסגערעדט אזא זאך פאר א גוי... וואס מיינט איהר, ביז איך, חלילה ניט קיי, איך ! איין קליינינקייט ! זאָל מיר מיין צונג אָפּגעדארט ווערען אויב איך האָב מיט אימיצען גערעדט וועגען ז׳עם !

— ווער באשולדיגט דיך, חלילה, בענטשע ! — האָט דער רב צו איהם געזאָגט איך ווייס אז דו וועסט אזא זאך ניט טאָן אפילו בשוגג — וועסטו דאָך פרעגען פארוואס איך האָב געשיקט נאָך דיר, וועל איך דיר ערקלעהרען : מען האָט מיר געזאָגט אז נאטשאלסטווא פארהאלט זיך זעהר פריינדליך צו דיר, און דו ביזט דער איינציגער איד, וועלכער קאָן פועל׳ן ביים פריסטאוו, ער זאָל אונז א טובה טאָן...

— גלויבט מיר, רבי, אז איך וועל טאָן אלץ וואס איך וועל קענען ! — האָט דער שמיד געזאָגט — איך וועל אָבער דארפען ווארטען ביז וואנען דער פריסטאוו וועט קומען צו מיר אין קוזניע. דאן קען איך מיט איהם ריידען. איהר פארשטעהט, מיין ווייב ברייגט איהם ארוים לעקאר מיט בראנפען, ער גיסט אין זיך אריין עטליכע כוסות, דאן לאָזט ער זיך ריידען !

מען קאָן לאנג ניט ווארטען !— האָט ר׳ דוד געזאָגט — דו וועסט זיך מוזען זעהן מיט איהם מאָרגען, ווייל ר׳ יהודה ליב געפינט זיך איצט אין זייערע הענט... דערווייל, ווייזט אויס, האלטען זיי איהם אין קיידאן, און עס קען זיין אז אין א פּאָר טעג ארום וועלען זיי איהם אָפּפיהרען קיין ווילנע. דאן וועט שוין זיין גאנץ שווער עפּעס צו טאָן פאר איהם !

— רבי, ווי אָבער וועל איך קענען צוקומען צו איהם ! ווען ער קומט אריין צו מיר אין קוזניע און ער נעהמט ביי מיר א שנעפּסעל, פיהל איך אז איך קאָן מיט איהם ריידען, אָבער געהן צו איהם אין דער היים ! ווער ווייסט אויב ער וועט מיר וועלען אָנקוקען !

— הער זיך איין בענטשע, היינט האָבען מיר געלייענט די מגילה, און דיר איז דאָך באקאנט די געשיכטע ווי אזוי מרדכי האָט געבעטען אסתר׳ן זי זאָל געהן בעטען אחשורוש׳ן ער זאָל מבטל מאַכען די גזירה אויף אידען, וועמען המן הרשע האָט געוואָלט אומברייגנען. אסתר המלכה האָט זיך אויך געקווייקעלט, זי האָט געפרעגט מרדכי׳ן ווי אזוי קאָן זי געהן צ׳ים קעניג, ווען זי איז ניט איינגעלאדען... אָבער דו ווייסט דאָך, אז זי איז געגאנגען און גאָט האָט געהאָלפען און די ישועה איז געקומען צו די אידען... דו האָסט גאָר ניט וואס מורא צו האָבען. דו געהסט העלפען א אידען, דיינעם א ברודער, און מיט גאָט׳ס הילף, וועט דיר געלינגען צו פועל׳ן ביי איהם ! אויב מען וועט דארפען אביסעל געלט, וועט מען דיר געבען! מיר וועלען זיך אן עצה געבען ! וועגען געלט וועט קיין אָפּהאלט ניט זיין.

בענטשע האָט זיך א קראץ געטאָן אין פּאטילניצע... ער האָט געוואוסט אז די אויפגאבע איז זעהר א שווערע, אָבער ער וועט עס מוזען טאָן ! דער פריסטאוו איז דאָך טאקע פריינדליך צו איהם.

— רבי, מאָרגען אין דער פריה וועל איך אריבערגעהן צום פריסטאוו !— האָט בענטשע זיך אָנגערופען — איך גלויב אז מיט געלט וועט מען קענען פועל׳ן ביי איהם. אָבער איך וויל וויסען ;וויפיל געלט איך קאָן איהם אָנבאָטען; !

— ווארט צו א ווײַלע. איך וועל זיך דארפען דורכריידען מיט גיטלע׳ן! — האָט דער רב געזאָגט און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין צימער וואו גיטעל און חנה זיינען געזעסען. זיי האָבען ביידע געוויינט מיט ביטערע טרערען... ווען זיי האָבען דערזעהן דעם רב האָבען זיי ביידע זיך אויפגעשטעלט און איהם אנטקעגען געקומען.

— הערט זיך איין, גיטעל ! — האָט דער רב זיך געווענדעט צו איהר — איך האָב זיך נאָר־וואס דורכגערעדט מיט בענטשע׳ן, דעם שמיד, ער קאָן זיך זעהן מיט׳ן פריסטאוו און קען ביי איהם עפּעס פועל׳ן מיט גאָט׳ס הילף. אָבער עס איז מעגליך, אז מען וועט דארפען שמירען... ווער ווייסט וויפיל ער וועט פארלאנגען... מען דארף אָבער

זיין גרייט... איך האָב איהם געזאָגט אז איך וועל זיך מיט אייך פריהער דורכריידען... איך ווייס! מיר וועלען מוזען באשליסען!

— וואס הייסט באשליסען! — האָט גיטעל וויינענדיג געזאָגט — און אז מען וועט דארפען אוועקגעבען די לעצטע העמד וועלען מיר דאס ניט טאָן? וועגען געלט איז דאָך קיין פראגע ניט. זאָל גאָט געבען אז עס זאָל אויסגעהן בלויז צו געלט!

— נו גוט, איך וועל דאס איהם זאָגען! — האָט דער רב פארלאָזען דעם צימער און זיך צוריק אומגעקעהרט צו בענטשע׳ן און זיך אָנגערופען:

— זיי ווייסען בענטשע, אז געלד איז קיין אָפּהאלט ניט. עס פארשטעהט זיך אז אויב עס וועט זיין מעגליך צו שפּארען, זאָלסטו עס טאָן! אָבער טאָמער ניט, קענסטו איהם געבען וויפיל ער וועט פארלאנגען! געה און זאָל דיר גאָט מצליח זיין! יע, אזוי שנעל ווי דו וועסט זיך מיט איהם האָבען געזעהן, זאָלסטו מיר קומען זאָגען.

— זעהר גוט, רבי! — האָט בענטשע זיך אָנגערופען — איך וועל פּרובירען מיין מזל!

עס זיינען פאראיבער עטליכע מינוט ווי בענטשע איז אוועק, און די רביצין איז געקומען צו לויפען, א פארסאָפּעטע און א דערשראקענע, און איז אריין אין צימער מיט געוויין:

”וועה איז מיר, דוד, האָט זי זיך געווענדעט צום רב, זיי זיינען נאָר וואס געווען ביי אונז. זיי האָבען זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר! זיי זיינען געקומען דיך אויך צו ארעסטירען! אוי, א בראָך, אוי אן אומגליק!...

— ווער איז געקומען? — האָט ר׳ דוד זיך צו איהר געווענדעט — וואס רעדסטו?

— פּאָליציי איז געקומען! זיי האָבען מיר געזאָגט אז דער ווילנער פּאָליציי־מייסטער האָט זיי אויך געהייסען ארעסטירען דעם קיידאנער רב, ווייל ער האָט געאידישט א קריסטליכע פרוי! וואס טהוט מען! זיי האָבען מיר געזאָגט אז זיי וועלען ווארטען ביז איך וועל דיך רופען... דו מוזט זיך ערגעץ אויסבאהאלטען דערווייל! איך וועל זיי זאָגען א: איך ווייס ניט וואו דו ביזט....

— וואס רעדסטו! — האָט דער רב זיך אָנגערופען — ווי אזוי קאָן איך טאָן אזא זאך! איך בין דאָך דער רב, און אז די פּאָליציי פאָדערט מיך, מוז איך זיך באווייזען פאר זיי, מיט וואס בין איך בעסער פאר ר׳ יהודה ליב׳ן? איך געה גלייך מיט דיר זיך איבערגעבען אין זייערע הענט.

דער געוויין און יאמער האָט זיך נאָך שטארקער צוטראגען איבער׳ן הויז, ווען דער רב און די רביצין זיינען ארויס פון דארט. אייניגע בעלי בתים זיינען מיט זיי מיטגעגאנגען. דער שמש איז באלד אוועק צו די גבאים, און ער האָט זיי איבערגעגעבען אז מען האָט אויך דעם רב ארעסטירט, זיי זיינען באלד געלאָפען צום רב׳ס הויז. דאָרט האָבען זיי געטראָפען דעם אָקאָלאָדאָטשני און די אנדערע פּאָליציי־בעאמטע. זיי האָבען זיך גענומען אויס׳טענה׳ן מיט זיי, אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפען. זיי האָבען אויך דעם רב אוועקגעפיהרט אין געפענגניש, אויף דער באשולדיגונג אז ער האָט מגייר געווען א קריסטליכע מיידעל.

אין קיידאן ביי אידען האָט זיך געטאָן חושך. דער פּורים איז פארשטערט געווארען. יעדער איינער האָט געפיהלט, אז א שווארצע כמארע רוקט זיך אָן אויף זיי... א קליינינקייט! מען האָט ארעסטירט דעם גביר פון שטאָט ר׳ יהודה ליב, און זייער באליבטען רב! ווער ווייסט וואס ווייטער וועט געשעהן? גאָט׳ס צאָרן האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסען. זיי ווייסען אלע וואס דאס מיינט... מען באשולדיגט זיי אין האָבען געצוואונגען א קריסטליך מיידעל צו ווערען א אידיש קינד! דאס שמעקט שוין גאָר מיט א גרויסע שטראָף...

די רביצין האָט געשיקט דעם שמש ווידער אמאָל צו בענטשע׳ן און איהם געלאָזט וויסען אז דער רב אליין איז שוין אויך אין געפענגניש... און ווען ער וועט מאָרגען ריידען מיט׳ן פּריסטאוו וועט ער אויך דארפען ריידען מיט איהם וועגען רב.

כאָטש בענטשע איז אויך געווען שטארק באזארגט וועגען דער געשעהע־

ניש, האָט ער זיך געפיהלט שטאָלץ מיט דעם וואס ער קען ברייננגען הילף צו די אידען. ביז איצט פלעגט מען זיך מיט איהם גאָר ניט רעכענען. אין בית המדרש פלעגט ער זעלטען קריגען א שטיקעל כבוד. עליות פלעגט ער קריגען בלויז די "תוכחה", און זיין פלאץ אין בית המדרש איז געווען מיט די אלע אנדערע קבצנים און עמי־הארצים. איצט אָבער איז ער וויכטיג. אלעמענס אויגען זיינען געווענדעט צו איהם, און ער קען ראטעווען דעם גרעסטען גביר פון שטאָדט, צוזאמען מיט'ן רב....

אויף מאָרגען, שושן פורים, האָט בענטשע אָנגעטאָן זיין שבת'דיגע קאַפאָטע, און ער איז אוועק מיט זיינע זיהן דאוונען דעם ערשטען מנין. אין בית המדרש האָבען אלע אידען שוין געוואוסט אז ער דארף באלד געהן צום פריסטאוו זיך משתדל זיין פאר ר' יהודה ליב'ן און פאר'ן רב, און מען האָט איהם געוואונשען גליק...

נאָכ'ן דאוונען האָט בענטשע צוזאמענגעלייגט זיין טלית און תפילין, און געהייסען איינעם פון זיינע זיהן אוועקטראגען אהיים, און אליין, איז ער גלייך אוועק צום פריסטאוו אין הויז. ווען ער איז דארט צוגעקומען, האָט איהם דער דינער געפרעגט וואס ער פארלאנגט.

בענטשע האָט איהם געזאָגט אז ער איז דאס דער שמיד וועלכער טהוט גאנץ אָפט ארבייט פאר'ן פריסטאוו, און אז ער איז געקומען ריידען מיט איהם וועגען א וויכטיגער זאך.

— דער פריסטאוו שלאָפט נאָך! — האָט דער דינער איהם געזאָגט — קום שפעטער!

— איך וועל דאָ ווארטען — האָט דער שמיד געזאָגט — איך וועל זיין אין הויף.

בענטשע איז ארומגעגאנגען אין הויף הין און צוריק. ער האָט געטראכט ווי אזוי ער וועט מיט איהם ריידען. זיין הארץ האָט גענומען שטארק קלאַפען. ער ווייסט נישט ווי אזוי אָנצופאנגען. ער האָט זיך דערמאָנט וואס דער רב האָט איהם נעכטען געזאָגט און ער האָט געקראגען מוט...אין א ווייל'ע ארום איז דער דינער צו איהם צוגעגאנגען. ער האָט א וואונק געטאָן צום שמיד, און געזאָגט:

— דער פריסטאוו הייסט דיר אריינקומען. ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף דער טיר, און דער שמיד איז אריין אין צימער וואו דער פריסטאוו איז געזעסען און געגעסען זיין פרישטיק. בענטשע האָט ארונטערגענומען זיין היטעל, און פארנייגענדיג זיך, האָט ער איהם באגריסט מיט א "גוטען מאָרגען".

דער פריסטאוו האָט איהם באַטראכט א ווייל'ע, און נאכהער זיך אָנגערופען:

— וואס פארלאנגסטו, בענטשע?

— המ... איך בעט אייך איהר זאָלט מיר אנטשולדיגען וואס איך שטער אייך אזוי פריה! — האָט ער גענומען שטאמלען — איך בין געקומען צו אייך וועגען זעהר א וויכטיגען עניין... איך וויל מיט אייך ריידען אליין!

— קיינער, אויסער מיר, איז דאָ ניטאָ, דו קאָנסט ריידען וואס דו ווילסט.

בענטשע איז צוגעגאנגען עטוואס נעהנטער, און מיט א נידעריגער שטימע זיך אָנגערופען:

— איך בין געקומען צום האר פריסטאוו מיט א בקשה. מיין האר קאָן דאָך יהודה ליב'ן, דעם רייכסטען אידען פון קיידאַן.

— איך ווייס שוין וואס דו ווילסט — האָט דער פריסטאוו אויסגערופען — דו ווילסט אז איך זאָל איהם באַפרייען! ניין, דאס איז אונמעגליך. ער איז באגאנגען א גרויס פארברעכען. ער האָט איבערגערעדט א קריסטליכע פרוי צו פארלאָזען איהר רעליגיע.

— אָ, ניין מיין האר פריסטאוו! איך קאָן שווערען אז עס איז ניט אמת. איך ווייס ווי אזוי דאס איז געשעהן! זיין דינסט זאָשקע האָט שוין פון לאנג געוואָלט ווערען א אידין! זי האָט זיך פאר גאנצע דריי יאהר געבעטען ביי ר' ליב'ן, אָבער ער האָט זיך ענטזאָגט צו ערפילען איהר וואונש... אָבער פלוצלונג האָט זאָשקע אויפגעהערט צו עסען! וויפיל מען האָט זיך ביי איהר געבעטען אז זי זאָל עסען, האָט זי נישט געוואָלט, סיידען מען וועט זי מגייר זיין. ווען זיי האָבען געזעהן אז

זי וועט זיכער שטארבען אויב זי וועט נאָך א טאָג פאסטען, האָבען זיי שוין זיך מעהר קיין עצה ניט געקענט געבען. זיי זיינען דאן געצוואונגען געווען צו ערפילען איהר וואונש...

— דו זאָגסט "זיי" ווער נאָך האָט זיך אין דעם באטייליגט ?

— מען האָט אויך ארעסטירט אונזער ראבין (רב) — האָט דער שמיד זיך אָנגערופען — ווייל ער האָט דאך דורכגעפיהרט די צערעמאָניע. אָבער איך שווער אז אויך ער האָט עס געטאָן געצוואונגענערהייט, ווייל ער האָט מורא געהאט אז זי זאָל ניט שטארבען פון הונגער !

— און וואס פארלאנגסטו פון מיר? — האָט דער פּריסטאוו איהם געפרעגט.

— איך וויים אז דער האר פּריסטאוו איז זעהר פריינדליך און גוטהערציג, און ער וועט אונז העלפען באפרייען צוויי אומשולדיגע מענשען.

— איך קאָן זיי גאָר ניט העלפען — האָט דער פּריסטאוו געזאָגט — דער באפעהל קומט פון ווילנער פּאָליציי־מייסטער — און אין טאָר זיך ג.יט מישען אין דעם !

בענטשע איז געבליבען שטעהן א ווייל מיט א געבויגענעם קאָפּ... ער האָט ניט געוואוסט וואס ווייטער צו ריידען.

דער פּריסטאוו האָט איהם באטראכט און נאכהער האָט ער זיך צו איהם געווענדעט :

— זאָג מיר, בענטשע, ווער האָט דיר געשיקט צו מיר?

— המ... איך וועל דעם האר זאָגען דעם אמת. אין שטאָדט ווייסט מען אז דער האר פּריסטאוו ווייזט מיר ארויס פיל פריינדליכקייט... נו, האָבען זיי געמיינט...

— ווער האָט געמיינט ?

— די פרו פון יהודה ליב... זי האָט מיר געזאָגט אז געלט וועט קיין אָפּהאלט ניט זיין...

— אָ, דו "סוקין סין" — האָט דער פּריסטאוו אויף איהם א געשריי געטאָן. דו מיינסט אז דו וועסט מיר קאָנען אונטערקויפען...

בענטשע איז געבליבען שטעהן א פארגליווערטער... זיין פּנים איז בלאס געווארען... גראד דארף ער אָנטרעפען אויף איינעם וועלכער נעהמט ניט אין "יד" אריין ! ער האָט זיך פארניינגט און ארויסגעמורמעלט אן אנטשולדיגונג, און זיך גענומען אומקעהרען צו דער טיר, אָבער דער פּריסטאוו האָט איהם צוריקגערופען און געהייסען זיך זעצען...

דאס האָט שוין בענטשע גאָר נישט פארשטאנען ; פריהער, איידער ער האָט איהם געזאָגט וועגען געלט, האָט ער איהם ניט געבעטען זיצען, און איצט אז ער איז אויף איהם אין כעס געווארען, בעט ער איהם גאָר זיך צו זעצען. ער האָט זיך געזעצט אויף דעם ביינקעל אויף וואס דער פּריסטאוו האָט איהם אָנגעוויזען. זיינע אויגען האָט ער געווענדעט צום באָדען... ער האָט שוין מורא געהאט צו קוקען איהם אין די אויגען... זיין הארץ האָט גענומען שטארק קלאפּען... ווער ווייסט אויב ער וועט איהם באלד ניט לאָזען ארעסטירען פאר דעם וואס ער האָט געמאכט א פארזוך איהם אונטערצוקויפען...

— הער זיך איין בענטשע ! — האָט דער פּריסטאוו צו איהם זיך אָנגערופען — וויפיל אז ערך זיינען זיי גרייט זיך צו לאָזען קאָסטען ?

בענטשע האָט זיך שוין אויסגעגלייכט... זיינע אויגען האָבען זיך צעלויכטען... ער האָט שוין גאָר קיין טעות ניט געמאכט.

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט אז געלט וועט קיין אָפּהאלט ניט זיין !

— פארשטעהסטו מיר, עס איז זעהר א שווערע זאך ! מען ווע׳ דארפען שמירען אין פילע פּלעצער... דאָ, אין קיידאן, וועט מען דארפען באפרידיגען דעם אקאָלאָדאָטשני און די אנדערע. אויסער דעם וועט מען זיך דארפען לאָזען קאָסטען א היבשע סומע געלט אין ווילנע... פארשטעהסטו, דער סוד (משפּט) וועט פארקומען אין ווילנע, און כדי מען זאָל אָננעהמען דאס עדות זאָגען פון אייעריגע, וועט מען דארפען אונטערקויפען פארשידענע בעאמטע... יע, אויב זי וועט זיך לאָזען קאָסטען היבשע עטליכע הונדערט גילדען, קאָן מען זיך אונטערנעהמען עפּעס צו טהאָן. עס פארשטעהט זיך אז גאראנטירען קאָן קיינער ניט, נאָר איך גלויב אז מיט געלד וועט מען זיי קאָנען באפרייען... מען

וועט אָבער מוזען האָבען א סך, א סך געלט.

— זיי זיינען זעהר רייך! — האָט בענטשע געזאָגט און זיי וועלען זיך לאָזען קאָסטען וויפיל נאָר מען וועט פון זיי פארלאנגען.

— קאָנסטו מיר היינט צושטעלען הונדערט רובעל? — האָט דער פּריסטאוו איהם געפרעגט — אויב יע, דארפסטו עם מיר באלד ברייגנען, אָבער דו דארפסט זעהן אז קיינער זאָל פון דעם ניט וויסען — דאס מוז בלייבען א סוד! קאָנסטו האלטען א סוד? ווייל אויב ניט, וויל איך זיך גאָר ניט אָנפאנגען. קיינער, אויסער מיר ביידע און די פרוי פון ארעסטירטען, טאָרען פון דעם ניט וויסען.

— דער פּריסטאוו קען זיך פארלאָזען אויף אונז אז מיר וועלען וויסען ווי צו האלטען דעם סוד! — האָט דער שמיד געזאָגט — מיר ווייסען דאך וואס עס מיינט! א דאנק הער פּריסטאוו, אָט וועל איך שוין אוועקגעהן און זעהן קריגען די הונדערט רובעל.

— מיין אָבער ניט אז דערמיט וועלען זיי אָפּקומען! דאס איז בלויז האנט־געלט!

— איך וויים! איך וויים! — האָט בענטשע געזאָגט — איך וועל זיך באלד אומקעהרען מיט די געלט.

— איך וועל אויף דיר ווארטען — האָט דער פּריסטאוו געזאָגט — זאם זיך ניט צו לאנג!

א פרעהליכער איז בענטשע געלאָפען צו ר' יהודה ליב'ס הויז. ער איז גלייך אריין אינוויינינג, און האָט שוין דאָרט געטראָפען א פּולע שטוב מיט מענשען. ווען זיי האָבען איהם דערזעהן, האָבען זיי איהם גלייך ארומגערינגעלט און איהם געפרעגט:

— נו, בענטשע! וואס האָסטו אויפגעטאָן?

— איך בעט אייך, פרעגט מיך איצט גאָרניט! — איך וויל ריידען מיט גיטלען.

— איהר ווילט ריידען מיט מיין מאַמען — האָט זיך חנה אָנגערופען, ווישענדיג די טרערען פון איהרע אויגען — אָט וועל איך זי אריינשיקען אהער!

חנה איז אריין צו איהר מוטער אין צימער, און זי האָט איהר געזאָגט אז בענטשע דער שמיד איז געקומען.

גיטעל איז גלייך ארויסגעלאָפען צו איהם און געפרעגט:

— וואס האָט איהר אויפגעטאָן?

— איך וויל מיט אייך ריידען אליין!

— האָט בענטשע געזאָגט. — יע מיט אייך און מיט אייער טאָכטער וויל איך ריידען. קיין פרעמדער אָבער דארף עס ניט הערען.

— נו, קומט אריין אין צווייטען צימער — האָט גיטעל טרויעריג א זאָג געטאָן.

זיי זיינען אריין אין צווייטען צימער און בענטשע האָט דערצעהלט פאר גיטלען און פאר חנה'ן און איהם איז נעלונגען איבערצורײדען דעם פּריסטאוו.

— און וואס האָט ער געזאָגט? — האָט איהם גיטעל געפרעגט.

— ער האָט מיר געגעבען צו פארשטעהן אז עס איז זעהר א שווערער עניז, ווייל אין דעם זיינען פארמישט אויך א סך בעאמטע פון ווילנע.

— וועט ער גאָר ניט קענען טאָן פאר אונז? — האָט גיטעל געבראָכען מיט איהרע הענט.

— ער האָט מיר געזאָגט אז עס דארף קאָסטען א סך געלט... יע, מיט געלט וועט מען קענען עפּעס אויפטאָן!

— זאָל עס אויסגעהן צו געלט, אבי מען זאָל איהם און דעם רב באפרייען!

— ער וויל אז מען זאָל איהם דערווייל געבען האנט־געלט, א הונדערט רובעל!

— הונדערט רובעל! ? — האָט גיטעל אויסגערופען.

— הונדערט רובעל! דאס איז בלויז האנט־געלט! ער האָט פריהער גאָר ניט געוואָלט הערען פון דעם. ער איז אויף מיר אין כעס געווארען, און איך האָב געמיינט אז איך וועל שוין אויף זיך האָבען א פּעקעל... אָבער נאָכדעם ווי איך האָב מיט איהם גענומען איינ'טענה'ען, האָט ער זיך שוין געלאָזט ריידען... ער האָט מיר געזאָגט אז ווען עס וואָלט געווען בלויז א שטאָדטישער עניז, וואָלט ער מיר געטאָן די טובה, אָבער אזוי ווי אין דעם זיינען פארוויקעלט א סך בעאמטע פון ווילנע, וועט מען דארפען דערצו האָ־

בען א סך געלט. מען וועט דארפען שמירען אין עטליכע פלעצער, מען וועט דארפען קריגען ערלויבניש פאר די עדות וואס איהר וועט וועלען צושטעלען. און מן הסתם וועט מען דארפען שמירען דעם ריכטער, אין אנדערע בעאמטע, און ווער ווייסט אויב אויך ניט דעם פאליציי־מייסטער אליין! עס וועט אריינטרייבען אין גאר א סך געלט! איצט ווענדט זיך אן אייך, אויב איהר ווילט...

— וואס הייסט אויב מיר ווילען — האט גיטעל אויסגערופען — און דעם לעצטען גראשען וועלען מיר ניט אפגעבען!... א קלייניגקייט! ווער טראכט עס איצט וועגען געלט!

— דער פריסטאוו האט פון מיר פארלאנגט אז איך זאל איהם צושטעלען די הונדערט רובעל גלייך! קאנט איהר מיר געבען דאס געלט באלד?... וועל איך עס באלד ברייננען צו איהם... אבער דאס וועט מוזען געהאלטען ווערען בסוד, ווייל אויב מען זאל פון דעם זיך דערוויסען, דאן וועט ער גאר ניט קענען אויפטהאן..

— עס פארשטעהט זיך אז מיר וועלען מיט קיינעם וועגען דעם ניט ריידען, — האט גיטעל געזאגט, — איך וועל אייך גלייך געבען דאס געלט, און זאל גאט געבען אז מען זאל איהם גלייך באפרייען. זעהט, בענטשע, איך בעט אייך, זאגט איהם אז ער זאל זעהן אז מען זאל זיי ביידען באלד באפרייען.

— און אויך שרה׳קען — האט חנה זיך אנגערופען.

— וועגען שרה׳קען האב איך מיט איהם ניט גערעדט. איך האב איהם דערצעהלט דעם אמת, אז זי, שרה׳קע האט שוין פון לאנג געוואלט ווערען א אידין, נאר מען האט זי ניט געוואלט מגייר זיין, אבער ווען זי האט אויפגעהערט צו עסען, און מען האט גענימען מורא האבען אז זי זאל ניט שטארבען, האט מען זיך שוין געמוזט צורערען צו איהר. איהר פארשטעהט, אז ווי באלד זי אליין איז אין דעם שולדיג, טא ווי קענען מיר דערווארטען אז מען זאל זי באפרייען?!...

— א, מאמע! — האט חנה אויסגערופען, — מיר מוזען איהר אויך העלפען. קיינער ווייסט ניט וואס פאר א טייערע נשמה זי באזיצט. מיר מוזען איהר העלפען מיט וואס מיר וועלען קענען.

— געוויס, מיין טאכטער! — האט גיטעל זיך אנגערופען, — מיר וועלען טאן אלץ וואס מיר וועלען קענען כדי איהר צו העלפען. אבער פריהער פון אלץ דארפען מיר זעהן אז דיין פאטער און דער רב זאלען פריי ווערען. דאן וועלי. מיר צוזאמען קענען טראכטען פון שרה׳קען.

— דיין מאמע איז גערעכט, — האט בענטשע געזאגט, — מיר טארען איצט דעם פריסטאוו צופיל ניט באלעסטיגען.

גיטעל איז א ווײלע ארויס פון צימער און האט זיך באלד צוריקגעקעהרט מיט די הונדערט רובעל. זי האט עס אריינגעבראכט און גלייך איבערגעגעבען צו בענטשע׳ן.

— זאל גאט געבען אז איהר זאלט מצליח זיין! — האט גיטעל איהם צוגעווינשען ווען בענטשע האט גענומען ארויסגעהן.

בענטשע איז שנעל געלאפען צום פריסטאוו. ער האט געהאלטען דאס פעקעלע אסיגנאציעס שטייף אין זיין האנט. דאס איז דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען אז ער האלט אין זיין האנט אזוי פיל געלד... ער איז ניט געגאנגען נאר געלאפען... ער איז אריינגעקומען צום פריסטאוו אין הויז כמעט אהן אן אטעם.

דער פריסטאוו האט איהם באגעגענט מיט א שמייכעל און האט איהם אריינגענומען אין צווייטען צימער.

— נו, האסטו געקראגען דאס געלט? — איז געווען זיין ערשטע פראגע.

—יא, הערר פריסטאוו, — האט בענטשע איהם דערלאנגט דאס פעקעל אסיגנאציעס.

דער פריסטאוו האט לאנגזאם איבערגעצעהלט דאס געלט. א צופרידענער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען. ער האט שנעל אריינגעלייגט דאס געלט אין קעשענע און זיך אנגערופען צום שמיד:

— איך וויל אז דו זאלסט וויסען אז איך האב ניט די מאכט זיי צו באפרייען, אלץ וואס איך קען טאן איז צו קריגען די נויטיגע פארבינדונגען און מאכען א פארזוך זיי צו בעאיינפלוסען.

צי איך וועל האָבען ערפאָלג צי ניט, קען איך דיר ניט זאָגען. עס פארשטעהט זיך אז מען וועט דארפען האָבען נאָך געלט.

— געלט וועט קיין אָפּהאלט ניט זיין — האָט בענטשע אויסגערופען — זי האָט מיר געזאָגט אז זי איז ניט באַזארגט וועגען געלט, נאָר אז מען זאָל זיי ביידען באפרייען.

— עס איז זעהר א שווערע אויפגאבע, — האָט דער פּריסטאוו געזאָגט. — אָבער אז איך האָב זיך שוין אונטערגענומען, וועל איך זעהן עס דורכצופיהרען. אָבער צוויי זאכען פארלאנג איך פון זיי : ערשטענס, צו האַלטען דאס בסוד, און צווייטענס צו האָבען געננוג געלד אָנגעגרייט טאָמער דארף מען עס פּלוצלונג האָבען.

— מיר וועלען ביידע זאכען טאָן, הערר פּריסטאוו, — האָט דער שמיד געזאָגט, — קיינער וועט פון דעם ניט וויסען, און געלד וועט אויך זיין געגרייט.

— ווען איך וועל דיר דארפען וועל איך דיך שיקען רופען, — האָט דער פּריסטאוו צו איהם געזאָגט, ווען ער האָט שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן — איך וועל דיר לאָזען וויסען ווי עס האלט מיט דעם.

קאפּיטעל זעכצעהן

עס זיינען שוין פאראיבער פיער וואָכען זינט מען האָט ארעסטירט ר׳ יהודה ליב׳ן און דעם רב, און כאָטש דער פּריסטאוו האָט שוין ארויסגעשלעפּט פון גיטל׳ען שעהנע עטליכע הונדערט רובעל, איז נאָך דערוויל קיין שום האָפנונג ניט געווען אז מען זאָל זיי באפרייען. דער פּריסטאוו האָט געזאָגט אז ער האָט שוין געקראָגען די ריכטיגע פארבינדונגען און אז מען דארף שמירען...

דעם רב און ר׳ יהודה ליב׳ן האָט מען איבערגעפיהרט פון קיידאן קיין ווילנע, און דארט זיינען זיי פארשפּארט געווארען אין א געפענגניס ביז דעם משפט. פאר א פּאָר וואָכען האָט מען פון זיי גאָר ניט געהערט, און גיטעל און די רביצין האָבען ניט געוואוסט וואס צו טראכטען. די רביצין פלעגט אָפּזיצען א גאנצען טאָג אין ר׳ יהודה ליב׳ס הויז און ביידע צוזאמען מיט חנה׳ן אליהו׳ס כלה, פלעגען זיי וויינען אָהן אויפהער...

גיטעל האָט אוועקגעגעבען דעם פּריסטאוו די גאנצע מזומן וואס זי האָט געהאט, און דאס איז נאָך ניט געווען גענוג. האָט זי גענומען בארגען געלד... די געשעפטען זיינען פארנאכלעסיגט געווארען... וועמען איז געלעגען אין זינען געשעפטען אין דער צייט ווען איבער זייערע אלעמענס קעפּ הענגט א שארפער שווערד... זיי האָבען זיך ניט געקענט פארשטעלען אז דאס איז אזוי ערנסט, אז פאר אזא "פארברעכען" קען מען זיי פארשיקען קיין סיביר אויף צעהן יאהר... אזוי האָט זיי דער פּריסטאוו געזאָגט.

אָט איז שוין געווען ערב פּסח... און כאָטש עס איז קיינעם ניט געלעגען אין זינען, קען מען דאך אזא יום טוב ניט פארנאכלעסיגען... מען דארף ארויסראמען דעם חמץ, און אלץ פּסח׳דיג מאכען... גיטלען אָבער האָבען זיך ניט געהויבען די הענט עפּעס צו טאָן... די גאנצע ארבייט איז געטאָן געווארען פון חנה׳ן און פון בוניע׳ן, די קעכין, וועלכע איז אויך ארומגעגאנגען מיט געשוואָלענע אויגען פון וויינען. זי האָט געפיהלט א שטארקע חרטה אין איהר הארצען וואס זי פלעגט גאנץ אָפט קריגען מיט דער גר׳טע.

בוניע האָט זיך דערמאָנט אז גאנץ אָפט פלעגט זי ריידען רכילות אויף שרה׳קען, און ווער ווייסט אויב זי האָט דורכדעם ניט געהאט א טייל אין איהר אומגליק. זי האָט דעריבער פארגאָסען געננוג טרערען אויף דעם אומגליק.

דער יונגער גאון, אליהו, חנה׳ס חתן, האָט געפּראוועט די סדרים, אָבער אין הויז האָט געהערשט א טרויער. ניט נאָר איז דער יום טוב פארשטערט געווארען ביי זיי און ביי דער רביצין, נאָר אויך ביי אלע אידען פון קיידאן... מען איז געוועזן שטארק באזארגט וואס מען האלט דעם רב און דעם רייכסטען בעל הבית פון קיידאן אין טורמע איבער פּסח, כאָטש גיטעל האָט זיך שוין געלאָזט קאָסטען א סך געלט... צעהן טעג פאר פּסח איז קיין ווילנע אָפּגעפאָהרען א קרוב פון ר׳ יהודה ליב׳ן וועלכער האָט זיך באדארפט זעהן

מיט דעם צוקינפטיגען מחותן ר׳ שלמה זלמן, און דערצעהלען איהם וועגען אומגליק. אפשר וועט ער קענען קריגען אימיצען דארט וועלכער זאָל זיך פאר זיי משתדל זיין.

דערווייל האָט מען פון איהם ניט געהערט. ער איז שוין פארבליבען אין ווילנע ביז איבער פסח. און דאס איז געווען א סימן אז מען האָט גאָר ניט געקענט פועל׳ן ביי דער פּאָליציי.

א צוויי טעג נאָך יום טוב האָט זיך דער קרוב אומגעקעהרט פון ווילנע צוזאמען מיט ר׳ שלמה זלמן, וועלכע זיינען גלייך אוועק צו ר׳ יהודה׳ן אין הויז.

ר׳ שלמה זלמן האָט זיך די ערשטע זאָך געזעהן מיט זיין זוהן אליהו, וועלכער איז געזעסען און געלערענט אין בית המדרש, ווייל אין הויז האָט ער לעצטענס געהאט פיל שטערונגען.

— וואָס מאכט די מאמע און די ברידער? — האָט אליהו געפרעגט דעם טאטען.

— געלויבט איז השם יתברך! — האָט ר׳ שלמה זלמן געענטפערט, — אלע זיינען בקו הבריאות, די מאמע בענקט זעהר שטארק און עס פארשטעהט זיך אז זי איז שטארק באַזאָרגט וועגען דעם... מיר האָבען שוין געטאָן אלץ וואָס מיר האָבען געקענט, דער רב, ר׳ יהושע העשל, האָט זיך געזעהן מיט׳ן בישאָף, און ער האָט איהם אלץ דערציילט. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך דערמאָנט וועגען דעם פאל מיט׳ן גלח, אָבער ער האָט געזאָגט, אז ער קען גאָרניט טאָן, ווייל דער קיידאנער רב און דיין צוקינפטיגער שווער געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון וואָיעוואָדא, און ער האָט קיין רעכט ניט זיך אריינצומישען אין דעם ענין. דערווייל, מיין זוהן, איז זעהר ניט גוט.

— גאָט וועט העלפען! — האָט אליהו זיך אָנגערופען, — מען טאָר ניט פארלירען די האָפנונג.

— אָ, ניין, מיין זוהן, מיר האָפען אין גאָט, אָבער מען טאָר דאָך זיך ניט פארלאָזען אויף א נס... מען דארף עפּעס טאָן... ווייל לויט ווי מיר האָבען געהערט, איז די שטראָף זעהר א הארבע, און אויב דאָס געריכט וועט זיי געפינען שולדיג, ווייסט איין גאָט וואָס עס קען פּאסירען... מען וועט דארפען האָבען זעהר פיל געלט כדי עפּעס אויפצוטאָן.

לאנג האָט ר׳ שלמה זלמן ניט פארבראכט מיט זיין זוהן, ער האָט איהם ניט געוואָלט מבטל זיין פון לערנען... ער האָט זיך אומגעקערט צו ר׳ יהודה׳ן אין הויז, וואו אלע האָבען איהם שוין ערווארטעט מיט גרוים אומגעדולד.

— איך האָב זעהר א סך אייך צו דערציילען וועגען דעם, — האָט ר׳ שלמה זלמן זיך אָנגערופען צו גיטלען און צו דער רבי׳צין, — אָבער דאָס קען איך ניט טאָן דאָ וואו מענשען געהען אריין און ארוים.

גיטעל און די רביצין זיינען אריין אין א צווייטען צימער, און ר׳ שלמה זלמן איז אין א ווייל[ע] ארום אויך אהין אריין. ער האָט זיך צוגעזעצט, אוןביידע אומגליקליכע פרויען האָבען מיט גרוים אומגעדולד געווארט ער זאָל זיי דערציילען וואָס ער האָט אויסגעפונען.

— עס איז מיר זעהר שווער צו ריידען, — האָט ר׳ שלמה זלמן אָנגעפאנגען, — אָבער איך מוז אייך דערציילען אז נחום, ר׳ אָשר׳ס איידעם, איז דאָס געווען דער יעניגער וועלכער האָט גע׳מסר׳ט אויף ר׳ יהודה ליב׳ן.

— נחום! — האָבען ביידע פרויען מיט אמאָל אויסגערופען, — גאָט! פארוואָס האָט ער דאָס געטאָן!... וואָס פאר א שלעכטעס האָט איהם מיין מאן געטאָן!... ווי אזוי!...

ר׳ שלמה זלמן האָט פאר זיי דערציילט ווי אזוי דער רב און ער האָבען אויפגעזוכט נחום׳ן, און ווי ער האָט געהאנד׳עלט, און כאָטש ער האָט ניט געוואָלט אויסזאָגען וואָס פאר א פארברעכע[ן] ער איז באגאנגען, האָבען זיי, אזוי שנעל ווי זיי האָבען אויסגעפונען וועגען דעם ארעסט פון ר׳ יהודה ליב׳ן און דעם רב פון קיידאן, פארשטאנען אז דאָס האָט ער געטאָן, און טאקע דערפאר האָט ער זיך ארויסגעדרעהט פון זייערע הענד און איז ווידער פארשוואונדען געוואָרען...

— נו, וואָס וועט איצט זיין? — האָט גיטעל וויינענדיג זיך אָנגערו־

פען, — דער אומגליק איז דאך געשעהן!

— ווען מיר זאלען איהם איצט קענען געפינען, וואלט עס אונז א סך געהאלפען, — האט ר' שלמה זלמן געזאגט — ער וואלט באדארפט ערשיינען אלס עדות אז ער האט עס געשריבען די מסירה, און ער האט עס געטאן אויס כעס, אבער אלץ וואס ער האט געשריבען איז א ליגען, אז קיינער האט די שיקסע ניט געצוואונגען צו ווערען א אידיש קינד... ווען ער זאל דאס אפלייקענען, דאן וואלט די גאנצע באשולדיגונג אפגעשלאגען געווארען... יא, מיר האבען שוין וועגען דעם גערעדט מיט גאר א גרויסען אדוואקאט, און ער האט אונז געראטען אויפצוזוכען נחום'ען, ווייל ער איז דער איינציגער וועלכער קען זיי ביידען ראטעווען, דאס וואס די גר'טע אליין גיט צו אז קיינער האט איהר ניט געצוואונגען, איז גארניט. זיי זאגען אז דאס האבען איהר די אידען אזוי בעאיינפלוסט, אז זי וועט בשום אופן ניט אויסזאגען אויף זיי...

— נו, ווי אזוי קען מען איהם געפינען — האט די רביצין געפרעגט.

— דאס וואס מיר טוען איצט, — האט ר' שלמה זלמן זיך אנגערופען, — מיר האבען זיך א לאנגע צייט גע'ישוב'ט צי מיר זאלען דערציילען ר' אשר'ן וואס זיין אידעם האט געטאן, און דער ווילנער רב, ר' יהושע העשל האט מיר געזאגט אז עס וועט זיין בעסער ווען זיי וויסען, אפשר וועט מען דורך זיי קענען אויסגעפינען די מעגליכע פלעצער וואו ער קען זיך אויפהאלטען.

— איך האב היינט געהערט אז ציפע געהט צו קינד, טא ווי וועלען מיר קענען ברענגען צו זיי אזעלכע שרעקליכע נייעס?! — האט די רביצין געזאגט.

— איך קען ניט באגרייפען ווי אזוי א איד זאל ביי זיך פועל'ן צו זינקען אזוי נידעריג און ברענגען אזא אומגליק אויף אונז! — האט גיטעל געבראכען מיט אידרע הענד — און נאך דערצו מאכען א בלבול אויף אונז!

— לאנג וועט עס שוין אלץ איינם ניט בלייבען קיין סוד, — האט ר' שלמה זלמ. געזאגט — דער פריסטאוו אליין וועט אויך פון דעם דארפען וויסען, ווייל ער קען אונז אין דעם א סך העלפען. דער אדוואקאט האט אונז געזאגט אז יוויבאלד מען וויים שוין ווער עס האט גע'מסר'ט, וועט זיין בעסער ווען מען וועט קענען ארויסברענגען אין געריכט אז דער מסור איז געווען א שונא פון רב און פון ר' יהודה ליב'ז אפשר וועט דאס העלפען!

— דער פריסטאוו האט שוין ביי מיר ארויסגעשלעפט איבער טויזענט רובעל, און דערווייל האט ער נאך גארניט אויפגעטאן, — האט גיטעל געזאגט, — איך האב שוין באלד ניט וואו צו נעמען קיין געלט... פון געשעפט איז שוין באלד קיין זכר ניטא, איך האב שוין אנגעליהען און אנגעבארגט פון וועמען איך האב נאר געקענט... גאט וויים וואס עס וועט נאך זיין.

בוניע, די קעכין, וועלכע איז געוועז אין צווייטען צימער וואס איז געוועז אפגעטיילט מיט א שפאניש ווענטעל, האט געהערט ווי ר' שלמה זלמן דערציילט ווי אזוי נחום האט געבראכט דעם אומגליק אויף זיי אלעמען. זי איז געווארען אזוי אויפגעקאכט און אויפגערעגט אז זי איז גלייך אוועק צו ר' אשר'ן אין הויז, און טראץ דעם וואס עס האבען זיך צו איהר דערטראגען די קרעכצען פון ציפע'ן וועלכע איז געגאנגען צו קינד, האט זי זיך אנגערופען צו ר' אשר'ן: "זעהר א פיינעם אידעם האט איהר געהאט אזא יאהר אויף אונזערע שונאים"...

— וואס איז געשעהן, בוניע? — האט ר' אשר זיך צו איהר אנגערופען, און געגעבען א וואונק צו איהר אז זי זאל ניט ריידען אזוי הויך, ווייל די קימפעטארין איז אין צווייטען צימער מיט דער הייבאם.

בוניע האט איינגעזעהן אז איצט איז פיליכט ניט די צייט צו דערציילען, האט זי א מאך געטאן מיט דער האנד און שוין געוואלט אוועקגעהן, אבער ר' אשר איז איהר נאכגעלאפען און זיי גענומען אויספרעגען וואס עס האט פאסירט.

— ר׳ שלמה זלמן איז ערשט געקומען פון ווילנע, און איך האב געהערט ווי ער זאגט, אז אייער נחום האט געבראכט דעם גאנצען אומגליק אויף זיי אלעמען. ער האט גע׳מסר׳ט אויפ׳ן רב און אויף מיין בעל הבית... יא, איך האב אלץ געהערט. זיי האבען איהם אויסגעזוכט און ער האט זיך פאר זיי מודה געווען און גלייך נאכדעם איז ער ווידער פארשוואונדען געווארען.

דאס בלוט האט א זעץ געטאן ר׳ אשר׳ן אין פנים. ער האט זיך גלייך געלאזט צו ר׳ יהודה׳ן אין הויז וואו ער האט געטראפען ר׳ שלמה זלמנ׳ען ריידענדיג מיט דער רביצין און גיטלען.

— אוי, איך בעט אייך, זאגט מיר ר׳ שלמה זלמן, וואס האט פאסירט מיט מיין איידעם, דערציילט מיר דעם גאנצען אמת!... אוי, גאט, פארוואס האסטו אויף אונז אויסגעגאסען דיין צארן!... איך האב שוין געהערט פון בוניע׳ן, אז מיין איידעם האט אויף אונז אלעמען געבראכט דעם גאנצען אומגליק. איז עס אמת?... פארלייקענט ניט פון מיר!...

— יא. עס איז אמת! — האט ר׳ שלמה זלמן געזאגט, — צו אונזער אלעמענס באדויערן האט אייער נחום גע׳מסר׳ט... מיר מוזען איהם איצט געפינען... ווייל ער אליין קען צוריקציהען זיין מסירה... איהר פארשטעהט, לויט ווי מען האט אויסגעפונען איז דער בריף געשריבען געווארען אין אידיש... און דארט שרייבט ער צום ווילנער פאליציימייסטער, אז ר׳ יהודה ליב האט געצוואונגען זאשקא׳ן צו ווערען א אידישע טאכטער... פארשטעהט זיך, אז אויב עס וועט קענען באוויזען ווערען אז קיינער האט זי ניט געצוואונגען, דאן איז פאראן א האפנונג אז מען וועט זיי באפרייען, און אזוי ווי איך וויים, אז נאכדעם ווי ער האט גע׳מסר׳ט, האט ער שטארק חרטה געקראגען, וואלט ער זיכער געוואלט אויסקויפען זיינע זינד מיט דעם וואס ער וואלט צוריקגעצויגען זיין באשולדיגונג.

— וועה איז מיר, וואס א מענש קען זיך טאן!... ווי אזוי קומט עס צו איהם ער זאל גאר ווערען א מסור?!... — האט זיך ר׳ אשר געכאפט פאר׳ן קאפ, — איך קען עס קוים גלויבען... ווען איך הער דאס פון אן אנדערען וואלט איך בשום אופן ניט געגלויבט . . . וואס טהוט מען!... איצט איז דאך שוין גאר קיין האפנונג ניטא אז ער וועט זיך ווען עס איז אומקערען... מיין אומגליקליכע טאכטער! זי געהט איצט צו קינד... ווען זי ווייסט... איך זאג אייך, אז זי וועט עס ניט אריבערטראגען.

— דערווייל דארף מען איהר ניט דערצעהלען, — האט ר׳ שלמה זלמן זיך אנגערופען, — ווער איז דאס מחויב איהר צו זאגען!... אלץ וואס מיר דארפען טאן איז איהם אויפצוזוכען... ווען ער וועט העלפען באפרייען די אומשולדיגע דאן וואלט מען שוין ווי עס איז איהם אויך מוחל געווען...

— א. ניין! — האט ר׳ אשר אויסגערופען, — איך וועל איהם שוין מער ניט ארויפלאזען אויף מיין שוועל!... איך וויל פון איהם מער ניט וויסען... אלץ וואס איך וואלט געוואלט, איז, ער זאל געבען מיין טאכטער א גט... אויב ער איז געווארען אויך א מסור, ווילען מיר איהם מער ניט קענען.

— אפשר קענט איהר אונז זאגען וואו זיינע עלטערן געפינען זיך, אדער זיינע קרובים, און מיר וועלען איהם דארט זוכען.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך וויים ניט. קיין עלטערן האט ער ניט און וועגען קרובים, דוכט זיך מיר אז ער וועט צו זיי ניט קומען... איך האב דאך איהם גענומען פון א ישיבה, וואו ער האט געלערענט זינט ער איז געוועזן א קליין קינד... הארציגער פאטער אין הימעל!... וואס פון א מענש קען ווערען!... און אלץ צוליב אזא קלייניגקייט!...

— יא, ער האט אונז אומגליקליך געמאכט! — האט גיטעל געזאגט כליפענדיג, — און פארוואס!... זאגט אליין, וואס פאר א שלעכטס האט מיין מאן איהם געטאן? פארוואס זאל ער וועלען ברענגען אויף איהם אזא אומגליק?

— וואָס זאָל איך ריידען און וואָס זאָל איך אייך זאָגען, גלויבט מיר, אז מיין ווייטאָג איז אזוי גרויס ווי אייערער, — האָט ר׳ אָשר געזאָגט, — שטעלט זיך פאָר וואָס עס וועט ווערען פון מיין טאָכטער וועלכע געהט איצט צו קינד... ווען זי וועט אויסגעפינען וואָס איהר תכשיט האָט אָפּגעטאָן, גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

— אָבער מיר מוזען זיהם געפינען, — האָט ר׳ שלמה זלמן זיך אָנגערופען, — גם איז אייער פליכט אונז צו העלפען ווי ווייט מעגליך.

— שטעלט זיך פאָר ווען איך וויים וואו איך קען איהם געפינען, וואָלט איך שוין דאָרט געווען און איהם געבראכט אהער... אָבער וואָס טוט מען איצט?!... איך וויים אפילו ניט ווי אזוי איך קען ברענגען די דאָזיגע נייעס צו מיין ווייב.

— איהר דארפט זיי דאָס ניט דערציילען איצט — האָט די רביצין געזאָגט.

— און אז איך וועל א הר ניט דערציילען, וועט זי עס אויסגעפינען פון דוואָשע די הערינגניצע. זי וועט שוין מאָרגען עס צופויקען איבער׳ן שטאָדט... הערט איהר, אז אייער קעביז בוניע וויים שוין, וועט דוואָשע אויך וויסען, און אז דוואָשע וועט וויסען, וועט די גאנצע שטאָדט דערפון וויסען.

ווען ר׳ אָשר איז אוועקגעגאנגען, האָבען זיי זיך אלע גענומען מיישב זיין וואָס צו טאָן, ווי אזוי צו האנדלען אין דעם ענין. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו געהן צום פריסטאַוו און זיך מיט איהם נאָך אמאָל בּאראטען.

— ער האָט צוגעזאָגט אז ער וועט זיי באפרייען אין א פאָר וואָכען ארום, און איצט זיינען שוין פאראיבער באלד זעקס וואָכ״ן און זיי פינסטערן נעביך אָפּ אין געפענגנים. גאָט וויסט אויב מען האָט צו זיי צוגעלאָזט די מצה און די פסח׳דיגע מאכלים וואָס מען האָט זיי געשיקט.

— מיר האָבען זיך געלאָזט קאָסטען א היבשע מטבע, — האָט ר׳ שלמה זלמן געזאָגט, — און מען האָט אונז פארזיכערט אז מען האָט זיי איבערגעגעבען די מצה און די פסח׳דיגע מאכלים.

נאָכדעם ווי דער פריסטאַוו האָט ארויסגעקראָגען פון גיטלען אזוי פיל געלט, איז ער געוואָרען עטוואָס מער צוגעלאָזט צו איהר, און מען האָט שוין ניט געדארפט האָבען בענטשע׳ן אלס פארמיטלער. גיטעל און חנה פלעגען אליין קומען צו איהם און איהם ברענגען דאָס געלט... זיי פלעגען הערען וואָס ער האָט צו זאָגען, וואָס ער האָט אויפגעטאָן.

דעם זעלבען אָוועגט איז גיטעל און די רביצין אריבערגעגאנגען צום פריסטאַוו און איהם גענומען פרעגען וואָס וועט זיין דער סוף!

— וואָס ווילט איהר פון מיר! — האָט דער פריסטאַוו זיך אויף זיי א בייזער געטאָן, — איך האָב אייך גאָרניט צוגעזאָגט. אלץ וואָס איך האָב דעם שמיד געזאָגט, איז אז איך וועל טאָן אלץ וואָס מעגליך... נו, האָב איך דאָס מייניגע געטאָן. איך האָב אָנגעקניפּט פארבינדונגען... איך האָב אפילו רעקאָמענדירט אן אדוואָקאט... איך טו מיין פליכט... אָבער מען דארף האָבען א סך מער געלט ווי איהר האָט מיר געבראכט.. איך נעם דאָס געלט ניט פאר זיך... איך האָב געגעבען יעדען איינעם וועלכער האָט עפּעס א שייכות מיט אָט דעם ענין... איצט דארף איך האָבען נאָך געלט, דאן וועל איך עפּעס קענען אויפטאָן.

— וויפיל געלט דארפט איהר נאָך?

— פרעגט איהם גיטעל

— ווי עס ווייזט אויס, האָט איהר גאָר קיין באַגריף ניט ווי ערנסט די אָנקלאגע געגען זיי ביידען איז! — האָט דער פריסטאַוו געזאָגט, — אויב זיי וועלען געפונען ווערען שולדיג, דאן מעגט איהר זיך שוין מיט זיי געזעגענען אויף אייביג... מען וועט זיי שיקען צו־פּוס קיין סיביר... און אויב זיי וועלען דאָרט אָנקומען לעבעדיגע וועלען זיי דאָרט לאנג ניט קענען ציהען... איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך קען אייך ניט פארשטעהן! צוויי לעבענס זיינען אין גרעסטער געפאר, און איהר זשאלעוועט אויסצוגעבען א פּאָר רובעל!... וואָלט איהר ניט געווען פארמעגליך, נו, קען מען דאָס

נאָך פאַרשטעהן... אָבער איך ווייס אַז איהר האָט געלט ווי בלאָטע, און איהר קוואַפּעט זיך אויף נאָך א פּאָר רובעל.

— ניין, הערר פּריסטאַוו, — האָט גיטעל זיך באַהערשט ניט צו וויינען, — עס איז ניט ריכטיג אַז מיר האָבען געלט ווי בלאָטע! איך קען שווערען אַז מער ווי העלפט פון דעם געלט וואָס איך האָב אייך שוין געגעבען, האָב איך געבאָרגט פון פריינד און באַקאַנטע. און ווען איך זאָל זעהן אַז עפּעס ווערט געטאָן וואָלט איך געבראַכט נאָך און נאָך! מיין מאַן און דער רב זיינען אומשולדיג! גאָט איז אונזער עדות, אַז מיר האָבען געטאָן אַלץ וואָס מיר האָבען געקענט זי אָפּצורייסען פון דעם שריט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען... ווען מיר טוען ניט איהר פאַרלאַנג וואָלט זי זיכער געשטאָרבען.

— אָבער צו וואָס דערציילסטו מיר דאָס?! — האָט דער פּריסטאַוו זיך ווידער א בייזער געטאָן אויף גיטלען, — איך האָב עס שוין געהערט צענדליגע מאָל און דאָס וואָס איך ווייס וועט זיי בײדען גאָרניט העלפען... מיר דאַרפען איבערצייגען דעם ריכטער און די אַנדערע וועלכע האָבען צו טאָן מיט דעם ענין... און זיי קען מען נאָר איבערצייגען מיט געלט... איך גלויב אַז איך האָב עס קלאָר געמאַכט. אויב דו ביזט ניט גרייט צו ברענגען מער געלט, האָסטו מער ניט וואָס צו קומען צו מיר... איך קען גאָרניט אויפטאָן אָהן געלט. און אויב דו מיינסט אַז איך נעם דאָס געלט פאַר זיך, מאַכסטו א טעות. דערווייל האָב איך פון דעם קיין גראָשען ניט גענומען פאַר זיך... מען דאַרף שמירען, וועט מען קענען פּאָרען... מיינע פריינד פון ווילנע טוען אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג פון זיי, אָבער זיי מוזען האָבען געלט, כדי צו האָבען צוטריט דאָרט וואו מען דאַרף.

— וויפיל געלט וועט מען נאָך דאַרפען? — האָט גיטעל געפרעגט און גענומען ווישען איהרע אויגען.

— דאָס איז שווער צו זאָגען. עס ווענדט זיך צו וועמען מען וועט דאַרפען האָבען צוטריט אין ווילנע. אָבער דערווייל האָבען מיר מיינע פריינד אין ווילנע געזאָגט, אַז מען וועט דאַרפען האָבען אַמווייניגסטענס נאָך פינף הונדערט רובעל כדי צו קענען צוקומען צו געוויסער פּערזענליכקייט.

— איך ווייס ניט ווי אַזוי איך וועל קענען קריגען אַזאַ גרויסע סומע אויף אַמאָל! — האָט גיטעל אויסגערופען כאַפּענדיג זיך פאַר'ן קאָפּ.

— איך האָב געהערט אַז דיין מאַן איז געווען דער רייכסטער מאַן אין גאַנץ קיידאַן, און דו ווילסט מיר איינריידען אַז ביי אַזאַ רייכען מאַן איז פאַראַן א פראַגע ווי אַזוי צו קריגען עטליכע הונדערט רובעל?

— דער הערר פּריסטאַוו האָט, ווייזט אויס א גאַנץ פאַלשען באַגריף פון דער רייכקייט פון די קיידאַנער אידען, — האָט גיטעל געזאָגט, — די קיידאַנער אידען זיינען ווייט פון גבירים... און אויב אפילו מיין מאַן האָט פאַרמאָגט אביסעל מער ווי דער דורכשניטליכער קיידאַנער איד, מיינט עס נאָך אַלץ ניט אַז ער איז רייך... אמת, מיר האָבען פאַרמאָגט אביסעל מער ווי אימיצער אַנדערש, אָבער איצט, אַז מיין מאַן'ס מסחר איז צעפאַלען געוואָרען און די עטליכע רובעל מזומנים זיינען אויך אַוועק, טאָ בלייבט אונז גאָרניט איבער. כדי צו קריגען נאָך פינף הונדערט רובעל, וועל איך דאַרפען אויספאַרקויפען אַלע אונזערע ווערטפולע זאַכען.

— מיר אַרט ניט וואָס דו וועסט דאַרפען טאָן! — האָט דער פּריסטאַוו אויסגערופען, — איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז אויב דו וועסט ניט קאָנען צושטעלען דאָס געלט, דאַרפסטו זיך געזעגענ'ען מיט דיין מאַן און אויך מיט דעם רב אויף אייביג...

גיטעל און די רביצין האָבען זיך פאַנאַנדערגעוויינט...

— אויב איהר ווילט וויינען געהט אייך אַהיים — האָט דער פּריסטאַוו אויף זיי א געשריי געטאָן — אַהער זאָלט איהר קומען בלויז דאַן ווען איהר וועט האָבען געלט.

אַזוי זיינען פאַראיבער נאָך עטליכע טעג, און גיטעל האָט צוזאַמענגעקראַצט די פינף הונדערט רובעל און דאָס געבראַכט צום פּריסטאַוו, וועלכער האָט עס צוגענומען און געזאָגט אַז

איצט וועט ער זעהן וואס מען קאן טאן פאר זיי...

— איך וועל נאך היינט איבערשיקען דאס געלט קיין ווילנע, צו מיין פריינד, און פון איהם וועל איך הערען וואס נאך מען דארף טאן.

דערווייל האט זיך ר' שלמה זלמן אומגעקערט קיין ווילנע, און ער איז אוועק צום רב ר' יהושע העשל, און איהם איבערגעגעבען די לאגע.

— ווי איך זעה, דער איינציגער וועלכער קאן עפעס העלפען איז נחום, וועלכער האט געשיקט דעם בריף צום פאליציי־מייסטער. ווען מיר קאנען איהם אויפזוכען וואלטען מיר געקאנט ראטעווען דעם קיידאנער רב און ר' יהודה ליב'ן.

— איך האב צוזאמענגערופען כמעט אלע שמשים פון די ווילנער קלויזען און איך האב זיי געזאגט אז אויב זיי וועלען זעהן א יונגען מאן אין זיין אויסזעהן, וועלכער פירט זיך אויף זעהר מאדנע, זאלען זיי מיר לאזען וויסען; און צוויי שמשים זיינען שוין צו מיר געקומען און מיר דערציילט אז ביי זיי אין קלויז געפינען זיך אזעלכע יונגעלייט, ווי איך האב אויסגעמאלט. נו, בין איך גלייך אהין אוועק, און איך האב די דאזיגע יונגעלייט באטראכט, און איינגעזעהן זייער טעות... יע. אויב נחום האלט זיך אויף אין ווילנע, וועלען מיר איהם געפינען! איצט גלויב איך דארף מען זיך זעהן מיט די בעלי עגלות, וועלכע פארען ארום איבער פארשידענע שטעטלאך, אפשר וועלען זיי איהם ערגעץ טרעפען.

— לויט זיין חרטה אויף זיין שענדליכען טאט, גלויב איך אז ווען ער וויסט אז ער קאן זיי העלפען וואלט ער אליין געקומען. דעריבער דארף מען אנזאגען די בעלי עגלות, אז ווען זיי וועלען זעהן איינעם, וועלכער קוקט אויס ווי ער, זאלען זיי איהם דערציילען וואס עס האט פאסירט; אפשר וועט עס זיין נחום, וועט ער זיך אליין אומקערען קיין ווילנע — האט ר' שלמה זלמן געזאגט.

— עס איז אויף זיי א ביטערער רחמנות! — האט ר' יהושע העשל געזאגט — איך האב געקראגען ערלויבניש זיך צו זעהן מיט דעם קיידאנער רב אין געפענגניש, און ער האט מיר געזאגט, אז זיי לידען זעהר שטארק, און אז דעם ערשטען טאג פסח האבען זיי גארניט געגעסען ווייל די מצה איז זיי געגעבען געווארען דורך א גוי און עס איז ניט געווען גוט פארפאקט, ערשט ווען זיי האבען ערקלערט דעם אויפזעהער האט ער ערלויבט אז א איד זאל זיי ברענגען מצה...

— עס איז אויך א גרויסער רחמנות אויף זייערע משפחות, דארט אין קיידאן — האט ר' שלמה געזאגט — ווי עס ווייזט אוים האט דער פריסטאוו, דער שונא ישראל, איינגעזעהן אז ער קאן ציהען פון ר' יהודה ליב'ס פרוי א סך געלט, נו, ציט ער און ציט... ער האט זי שוין פאראריכמט... עס האלט שוין דערביי אז זיי זאלען זיין געצוואונגען צו פארקויפען זייערע מטלטלין... איך וויים אז זי האט שוין אנגעבארגט וואו נאר זי האט געקאנט... די געשעפטען זיינע זיינען פארנאכלעסיגט, און גאט וויים ווי לאנג זייערע צרות וועלען אנהאלטען...

— איך וועל דארפען ווידער אמאל זיך זעהן מיט'ן בישאף, אפשר וועט ער פארט קאנען עפעס אויפטאן פאר זיי... ער וויים דאך אלץ וואס עס האט פאסירט מיט דער שיקסע, און אז עס איז גאנץ מעגליך אז נאכדעם וואס איהר איז אויסגעקומען צו לידען אזוי פיל פון דעם גלח, אז זי זאל באשטעהן צו ווערען א אידיש קינד, טראץ דעם וואס מען האט זי פון דעם אפגערעדט!...

— דער בישאף האט שוין א סך אידען געהאלפען! — האט ר' שלמה זלמן געזאגט — און ווען מען זאל איהם דערציילען וויפיל לידען די דאזיגע געשיכטע האט פארשאפט אומשולדיגע מענשען, וואלט אפשר זיין הארץ גערירט געווארען, און ער וואלט שוין עפעס געטאן.

— גוט, לאמיר ביידע אוועקגעהן צו איהם — האט דער רב געזאגט — דו וועסט איהר דערציילען אז דו ביזט דארט געווען, און צוגעזעהן זייערע לידען. דו וועסט איהם טאקע קאנען

דערציילען וועגען פריסטאוו, ווי ער זוכט ארויסצוקריגען וואס מער געלט פון די אומגליקליכע...

— איך גלויב ניט אויב דאס איז דערווייל ראטזאם איהם צו דערציילען — האט ר' שלמה זלמן געזאגט — נאך אלעמען קאנען מיר דעמיט א סך ערגער מאכען. דער פריסטאוו טענה'ט אז ער טוט אלץ וואס אין זייז מאכט... און אז מיר דארפען אויפזוכען דעם יונגען מאן, וועלכער האט גע'מסר'ט... לאמיר ניט קאליע מאכען!

דער רב און ר' שלמה זלמן זיינען ביידע אוועק צום בישאף, וועלכער האט זיך דאן געפונען אין אנטאקאליע. דער בישאף האט זיי פריינדליך אויפגענומען, און ער האט זיי געבעטען זיצען.

— דער הער בישאף וועט מיר אנטשולדיגען וואס איך קום איהם ווידער באלעסטיגען וועגע' דעם ענין קיידאן — האט ר' יהושע העשל זיך אנגערופען — נאר ערשט איצט איז געקומען מיין פריינד ר' שלמה זלמן פון קיידאן...

דער בישאף האט איהם א ווילע באטראכט און האט צו איהם א וואונק געטאן אז ער זאל פארטזעצען.

— דער הער בישאף געדענקט דאך דעם וואונדער קינד אליהו, פון וועמען מיר איז פיל מאל אויסגעקומען צו ריידען מיט איהם, יע, אט דער איז דאס זיין פאטער!

— א, דו ביזט עס דער פאטער פון אליהו — האט דער בישאף אויסגערופען — זאג מיר וואס טוט איצט דיין זוהן?

— ער לערענט די הייליגע תורה,— האט ר' שלמה זלמן געזאגט און א לייכטער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען — ער געפינט זיך איצט אין קיידאן!

— אט דער ר' יהודה ליב, וועלכער איז איצט ארעסטירט צוליב דעם בלבול—האט דער רב ווייטער גערעדט — איז עס דער צוקינפטיגער שווער פון אליהו'ן, וועמענס חתונה מיט זיין טאכטער האט געזאלט פארקומען איז עטליכע וואכען ארום. איצט אבער, אז דער אומגליק איז געקומען, ווייסען מיר ניט וואס עס וועט געשעהן!

— פארוואס זייט איהר צו מיר ניט געקומען און דערציילט אז די קריסטליכע מיידעל וויל ווערען א אידישע — האט דער בישאף געזאגט מיט עטוואס אויפרעגונג, ווען איהר קומט דאן און זייט זיך מיישב מיט מיר, וואלט אפשר דער גאנצער אומגליק פארמיטען געווארען! איך וואלט דאן געהאט א געלעגענהייט זיך דורכצוריידען מיט איהר און איהר אויפקלערען... איהר קומט אבער איצט צו מיר, נאכדעם ווי עס איז שוין פארפאלען! איך צווייפעל ניט אז עס איז אמת אז איהר האט געמאכט א פארזוך זי אפצוריידען פון מאכען אזא שריט. מיר איז דאך באקאנט ווי אזוי איהר דארפט זיך אויפפירען מיט א גר, אבער אין אט דעם פאל, וואלט געווען פאר אייך א סך בעסער ווען איהר באראט זיך מיט מיר פריהער... איצט אבער איז שוין פאר מיר זעהר שווער זיך אריינצומישען, בפרט ווען דער גאנצע ענין איז אין די הענד פון וואיעוואדא... ווי איך פארשטעה, גלויבט ער בעסער דעם, וועלכער האט געשריבען דעם בריף צום פאליציימייסטער, ווייל דער בריף איז געשריבען געווארען אין אידיש... און א איד וועט דאך ניט אויסטראכטען אזא זאך אויף זינע אייגענע ברידער, גלויבען זיי, און דאריבער שיינט עס צו זיין זעהר שווער איבערצוצייגען דעם וואיעוואדא אז זיי זיינען אומשולדיג.

— גלויבט דער הער בישאף אז אויב מען וואלט געקאנט באוועגען דעם יונגענמאן, וועלכער האט געשריבען דעם בריף, צו קומען פאר אן עדות און דערקלערען אז ער האט עס געטאן אויס כעס, וואלט מען געקאנט איהם איבערצייגען?...

— איך בין ניט זיכער, אבער עס איז גאנץ מעגליך. עס פארשטעהט זיך, אז פריהער פון אלץ וועט זיך דער וואיעוואדא דארפען איבערצייגען, אז דער בריף שרייבער ציט צוריק זיין באשולדיגונג מיט זיין אייגענעם גוטען ווילען! אז מען האט איהם ניט אונטערגעקויפט.

— אויב עס וועט נויטיג זיין וועלען מיר זיין גרייט צו שווערען — האט ר' שלמה זלמן געזאגט — ווייל

מיר זיינען איבערציייגט אז ער אליין האט שטארק חרטה אויף זיין פארברעכען, וואס ער האט געשריבען א בלבול אויף זיינע אומשולדיגע ברידער.

— אויב אזוי איז מיין עצה צו אייך איהר זאלט איהם אויפזוכען און דאן זאלט איהר איהם ברענגען צו מיר און איך וועל זעהן וואס איך וועל קאנען דאן טאן פאר זיי.

ארויסגעהענדיג פון בישאפ׳ס הויז האט ר׳ שלמה זלמן געזאגט: „עס וועט גארניט העלפען, מיר מוזען איהם אויפזוכען. ווי איך פארשטעה האט ער ביי זיך קיין געלט ניט געהאט און גאנץ ווייט האט ער ניט געקאנט אוועקגעהן, דאריבער גלויב איך אז ער מוז זיך נאך געפינען אין ווילנע, ערגעץ אין א קליין קלייזעל, אדער אפשר אין א פארשטאדט... איך וועל זיך ארויסלאזען איהם זוכען. איך וועל פרובירען געהן איבער די קלויזען פון די אלע פארשטעדטלעד, אפשר וועל איך פארט קריגען א שפור.

דריי טעג איז ר׳ שלמה זלמן ארומגעגאנגען איבער די קלויזען פון די פארשטעדט, ער האט זיך נאכגעפרעגט אין יעדען קלויז, אבער אומזיסט.

אויף דעם פערטען טאג האט ר׳ שלמה זלמן באשלאסען צו געהן אין שניפישאק, וואס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון דער וויליע. ער איז אריבערגעפאהרען די וויליע מיט דעם פאראם, און ער האט זיך אוועקגעלאזען איבער די קליינע קלייזלעד, וואס זיינען דארט געווען. ער פלעגט אריין אין א קלויז און ערקלערען דעם שמש צוליב וועלכען צוועק ער איז געקומען, און דאן פלעגט ער איהם צופיהרען צו דעם פלאץ וואו די קלויזניקעס זיינען געזעסען. ר׳ שלמה פלעגט באטראכטען יעדען באזונדער און דאן זיך נאכפרעגען וואו עס געפינט זיך א צווייטע קלויז.

עס איז שוין געווען מנחה צייט, און ר׳ שלמה זלמן איז צוגעקומען צו אן ארים קלייזעל, מיט א שטרויענעם דאך. ער איז אריין און האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה. נאך שמונה עשרה האט ער באמערקט ווי אימיצער שטעהט אין א ווינקעל ביים וואנט און יעדע וויילע קלאפט ער זיך אין הארצען. ער האט געפרעגט דעם שמש ווער דאס איז.

— א, יענער! — האט דער שמש געזאגט — ער איז געריהרט פון זינען... ער פאסט יעדען טאג און נאך מעריב עסט ער א שטיקעל ברויט און וואסער. ער רעדט זעהר ווייניג... א גאנץ פסח האט ער געגעסען מצה און וואסער, און ווען מען האט איהם געוואלט איינלאדען צום סדר, האט ער ניט געוואלט געהן... קיינער ווייסט ניט ווער ער איז און פון וואנען ער קומט... ער זיצט א גאנצען טאג אויף איין פלאץ און זאגט תהלים.

— הערט זיך איין, שמש — האט ר׳ שלמה זלמן געזאגט — איך גלויב אז דאס איז דער מאן וועמען מיר זוכען! איך וועל אייך זאגען שפעטער, אבער איצט וויל איך אז איהר זאלט האלטען אן אויג אויף דער טיר, און טאמער וועט ער מאכען א פארזוד צו אנטלויפען, זאלט איהר איהם ניט לאזען! דער ווילנער רב ר׳ יהושע העשעל האט מיך געשיקט זוכען א יונגען מאן וועמען מען מוז זעהר נויטיג האבען אלס עדות, כדי צו ראטעווען צוויי אידען פון פארשיקט צו ווערען קיין סיביר. און אט וועל איך אייך באלד זאגען צי דאס איז דער זעלבער, צי ניט.

מיט לאנגזאמע טריט איז ר׳ שלמה זלמן צוגעגאנגען צו דעם יונגען מאן, און ער האט איהם גענומען באטראכטען. דער יונגערמאן איז געשטאנען מיט פארמאכטע אויגען און זיך יעדע וויילע געשלאגען מיט זיין פויסט אין הארצען... זיינע אויגען האט ער געהאלטען צוגעמאכט, אזוי אז ער האט ניט באמערקט ר׳ שלמה זלמן...

א היבשע וויילע איז ר׳ שלמה זלמן געשטאנען אן א זייט, און געקוקט אויף איהם. ער האט ביי זיך ניט געקענט באשליסען צי דאס איז נחום, צי ניט, ווייל ער האט בלויז געזעהן זיין פראפיל, דערצו האט ער נאך געהאלטען צוגעמאכט זיינע אויגען...

באלד האט ער באשלאסען איהם צו רופען ביי זיין נאמען און זעהן אויב ער וועט זיך אפרופען. ער איז צוגעגאנגען גאנץ נאהענט און מיט א

נידעריגע שטימע איהם אין אויער געזאָגט: ״נחום״!

ער האָט באלד א קעהר געטאָן זיין קאָפּ און אויפגעעפענט זיינע אויגען...

ר׳ שלמה זלמן האָט אויף איהם איצט גוט א קוק געגעבען און איהם דערקענט . . . ער האָט א וואונק געגעבען, צום שבש אז דאָס איז ער, און האָט זיך צו איהם גלייך געווענדעט:

״נחום, געלויבט איז גאָט וואָס איך האָב דיך ענדליך געפונען!״ קום זעץ זיך מיט מיר אוועק אָט דאָ, איך האָב מיט דיר צו ריידען זעהר וויכטיגעס! . . .

נחום האָט איהם אָנגעקוקט מיט שטארע אויגען און זיך ניט גערוהרט פון אָרט.

— נחום — האָט ר׳ שלמה זלמן זיך צו איהם געווענדעט, דו קענסט זיך אויסקויפען פון דיין שרעקליכען זינד, אויב דו וועסט העלפען באפרייען ר׳ יהודה ליב׳ן און דעם קיידאנער רב פון פארשיקט צו ווערען קיין סיביר, דו הערסט! צוליב דיין בלבול האָט מען זיי ארעסטירט! און מען האָט אונז געזאָגט אז דער איינציגער וועג ווי אזוי זיי צו באפרייען, איז אז דער וועלכער האָט אויף זיי גע׳מסר׳ט, זאָל קומען אלס עדות און ערקלערען אז ער האָט געמאכט א בלבול אויף זיי, ווייל ער איז געווען אין כעס, צוליב א געוויסער זאך. דו וועסט אלץ דארפען דערצעהלען . . . דאריבער וויל איך אז דו זאָלסט מיט מיר געהן צום רב און מיר וועלען זיך באראטען וואָס צו טאָן!

נחום איז נאָך אלץ געשטאנען ווי פארגליווערט, און פּלוצלונג האָט ער צוגעלייגט זיינע הענט צום פּנים און זיך פאנאנדערגעוויינט ווי א קליין קינד.

דער שמש און די עטליכע אידען וועלכע זיינען געווען אין קלויז, זיינען צוגעלאָפען צו איהם, אָבער ר׳ שלמה זלמן האָט צו זיי א וואונק געטהאָן אז זיי זאָלען ניט צוקומען צו נאָהענט. ער האָט געלאָזט נחום׳ן זיך גוט אויסוויינען און דאן האָט ער צו איהם געזאָגט:

— מילא, דאָס וואָס דו האָסט שוין אָפּגעטהאָן איז דאָך פארפאלען, אָבער דו וועסט דאָך חלילה ניט לאָזען אומברענגען צוויי אידען, און בפרט אזעלכע אידען ווי דער קיידאנער רב און ר׳ יהודה לייב... מען האָט זיי ארעסטירט פונקט אום פּורים, און מען לאָזט קיינעם ניט צו צו זיי... גאָר אין גיכען דארף זיין דער משפּט . . . און דער אדוואָקאט האָט געזאָגט אז ווען מיר קריגען דיך און דו וועסט זיין וויליג אויסצודריקען דיין חרטה און דו וועסט ערקלערען פאר׳ן ריכטער אז דו האָסט געמאכט א בלבול אויף זיי . . . דו פארשטעהסט! ווען דו קענסט עס טהאָן, וועסטו זיי קענען העלפען. דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען ווי שטארק מיר האָבען דיך ארומגעזוכט... איך דאנק גאָט וואָס ער האָט מיר אריינגעגעבען א רעיון דיך צו זוכען אין שניפּישאָק... מיר האָבען דיך ארומגעזוכט אין יעדער קלויז אין ווילנע און ארום... נו, וואָס זאָגסטו, נחום, וועסטו עס טהאָן?

— איך וועל טהאָן אלץ וואָס מען וועט מיר הייסען — האָט נחום וויינענדיג געזאָגט — איך וועל אפילו געהן פאר זיי אין קאטאָרגע.

— דו וועסט קיין רעה דערמיט ניט טהאָן — האָט ר׳ שלמה זלמן צו איהם געזאָגט.

— איך בין אלץ איינס א פארלאָרענער מענש. איך האָב שוין נישט אויף וואָס צו האָפען. איך האָב זעהר שטארק געזינדיגט. איך ווייס אליין ניט וואָס מיט מיר האָט פּאסירט . . . נאָר עס ווייזט אויס אז דער שטן האָט מיך אריינגעקראָגען אין זיינע הענט... פריהער האָט ער מיר איינגערעדט צו נעמען געלט פון א צדקה־פּושקע, און דאן איז איהם שוין גרינג געווען מיך איבערצורעדען... איין גאָט ווייס וויפיעל איך האָב געליטען. א משוגעת איז אריין אין מיר, איך קען אליין ניט באגרייפען ווי אזוי דאָס האָט פּאסירט. דער שטן האָט מיך געטריבען דערצו, און אזוי שנעל ווי איך האָב עס אָפּגעטאָן, האָב איך געזוכט, דאָס צו פארריכטען. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט... איך האָב שוין געזעהן אז איך האָב ניט אויף וואָס צו האָפען... איך פיהל אז איך בין געזונקען ביז׳ן אָפּגרונד.

— דו טאָרסט ניט פאַרלירען דיין האָפנונג! — האָט ר' שלמה זלמן איהם געזאָגט, — אויב דיר וועט געלינגען עפּעס צו טהאָן פאר ר' יהודה לייב'ן און דעם רב, דאן וועט דיין זינד א סך גרינגער ווערען, און גאָט וועט דיין תשובה אָננעהמען. און דאן וועסטו זיך קענען צוריקקעהרען צו דיין פרוי און קינד...

— קינד? — האָט איהם נחום אָנגעקוקט.

— יאָ, איך קען דיר אָנזאָגען די בשורה, אז דיין פרוי האָט דיר געבוירען א טאָכטער... איך בין גראָד דאַן געווען אין קיידאן . . . זי האָט געהאַט א שווערען קימפּעט... אָבער געלויבט איז גאָט, זי איז איבערגעקומען בשלום.

— א טאָכטער! — האָט נחום ארויסגעמורמעלט, און דאן זיך ווידער פאַנאַנדערגעוויינט.

— נו, דו זעהסט אז דו וועסט נאָך קענען גליקליך זיין! זאָל גאָט נאָר געבען אז זיי זאָלען באפרייט ווערען, וועלען דיר אלע מוחל זיין, ווייל יעדער איינער וויים אז דו ביזט ניט קיין רשע... אז די אומשטענדען האָבען דיך געבראכט דערצו, און אז דו וועסט חוזר בתשובה זיין מיט'ן גאנצען הארצען, קען איך דיר פארזיכערען אז מיין מחותן, ר' יהודא לייב, וועט דיר מוחל זיין. איך נעהם זיך אונטער ארויסצובאקומען פון איהם א מחילה גמורה פאר דיר... נו, זאָג מיר, נחום, וועסטו געהן טהאָן דיין פליכט?

— איך וועל געהן! — האָט נחום געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — איך וועל געהן זיי העלפען אפילו ווען איך וועל וויסען אז איך וועל דארפען באצאָהלען מיט מיין לעבען. איך וועל פאלען פאר דעם ריכטער, און זיך מודה זיין אז איך האָב געמאכט א בלבול אויף אומשולדיגע מענשען . . . איך וועל דערצעהלען דעם גאנצען אמת.

— אָט אזוי רייד! — האָט ר' שלמה זלמן זיך אָפּגערופען, — לאָמיר נאָר מתפלל זיין צו גאָט אז אונזער מיה וועט ניט זיין אומזיסט. קום מיט מיר, מיר וועלען אוועקגעהן צום רב, און דאָרט וועלען מיר דיר געבען בגדים, ווייל ווען דו וועסט דארפען ערשיינען פאר'ן ריכטער וועסטו עס ניט קענען טהאָן אין אזעלכע בגדים. קום, עס איז נאָך ניט צו שפּעט. מיר וועלען קענען קריגען א פאָראָם וואָס וועט אונז אריבערפיהרען די ווילִיע, און מיר וועלען גלייך געהן צום רב.

דער שמש און די עטליכע אידען פון קלויז האָבען מיט ערשטוינונג צוגעקוקט ווי דער "משוגענער" פרעמדער, וועלכער האָט זעלטען א וואָרט ארויסגערעדט, געהט אוועק מיט דעם אידען, וועלכער האָט געקענט ביי איהם פועל'ן אז ער זאָל רעדען.

ר' שלמה זלמן איז געגאנגען מיט נחום'ן, האלטענדיג אן אויג אויף איהם, כאָטש עס איז געווען קלאָר אז איצט וועט נחום שוין ניט מאכען קיין פארזוך צו אנטלויפען. פונדעסטוועגען האָט ער איהם נישט געוואָלט געטרויען. זיי זיינען צוגעקומען צום ברעג פון דער ווילִיע. וואו זיי האָבען געווארט א גאנצע שעה פאר א פאראָם וואָס זאָל זיי אריבערפיהרען צום אנדערען זייט, אין שטאָדט אריין.

ווען זיי זיינען שוין געווען אין שטאָדט איז שוין געווען גאנץ שפּעט. די נאכט איז געווען א ליכטיגע און א ווארעמע. עס איז געווען סוף חודש מאי. די בוימער אויף די גאסען האָבען זיך צובליהט, און דער ריח האָט זיך צוטראָגען אומעטום. די פענסטער פון די הייזער זיינען געווען פארמאכט מיט די לאָדענס.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם רב'ס הויף, איז דער טויער געווען פארשלאָסען. זיי האָבען א וויילע געווארט. און דאן האָט ר' שלמה זלמן א ציה געטהאָן א דראָט און עס האָט זיך געהערט א קלונג. זיי האָבען צוגעווארט. אָבער קיינער האָט ניט געעפענט. באלד האָט ר' שלמה זלמן געגעבען א צווייטען קלונג. עס האָט זיך דערהערט טריט און א פארשלאָפענע שטימע האָט אויסגערופען:

— "קטאָ טאם"? (ווער איז דאָרט).

ר' שלמה זלמן האָט ערקלערט אז ער דארף זיך זעהן מיטן רב, אז עס איז זעהר נויטיג.

דער סטאָראָזש האָט געעפענט דעם טויער און ניט אויפגעהערט צו בורטשען.

ר׳ שלמה זלמן איז אריין מיט נחום׳ן אין הויף און איז צוגעגאנגען צו דער טיהר פון רב׳ס הויז און ער האט גע־געבען א לייכטען קלאפ... ווען עס איז ניט געקומען קיין ענטפער, האט ער גענומען קלאפען שטארקער. דער רב האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און איז ארונטער פון בעט, און גע־פרעגט ווער דאס איז.

— דאס בין איך רבי, שלמה זלמן!

— האסטו אויסגעפונען וואו נחום געפינט זיך? — האט ער אויסגערופען נאך איידער ער האט אויפגעשלאסען די טיהר.

— נחום איז אויך דא מיט מיר! — האט ר׳ שלמה זלמן געענטפערט.

ר׳ יהושע העשיל האט שנעל אויפגעשלאסען די טיהר, האט אנגעצונדען א ליכט, און דערזעהענדיג נחום׳ן, וועלכער איז געווען אפגעריסען און אפגעשליסען, האט ער אויסגערופען: ״א דאנק גאט!״

ער איז מיט זיי אריין אין זיין צימער און ער האט געפרעגט ר׳ שלמה זלמן׳ען ווי אזוי ער האט איהם געפונען.

— איהר ווייסט דאך, אז איך האב איהם ארומגעזוכט אומעטום. און איך האב שוין באלד אויפגעגעבען די האפענונג איהם אויפצוזוכען. אבער פלוצלונג איז מיר געקומען א געדאנק אז אפשר זאל איך ארירערגעהן קיין שניפישאק... איך האב זיך געטראכט אז קיין געלט האט דאך נחום נים געהאט, וועט ער דאך געוויס ניט קענען געהן צו ווייט, איז מעגליך אז ער איז פילייכט אוועק קיין שניפישאק. בין איך אהין אוועק, איך בין יעגאנגען פון קלויז צו קלויז, ביז איך בין געקומען דארט וואו ער איז געווען.

— נו, נחום, ווייסטו אמוועניגסטענס די גרויסע אחריות וואס ליגט אויף דיר?

— איך ווייס, רבי — האט זיך נחום צוכליפעט — איך בין גרייט צו טהאן אלץ וואס עס וועט נויטיג זיין.

— איך האב מיט איהם זיך דורכגערעדט — האט ר׳ שלמה זלמן געזאגט — איך האב איהם אלץ ערקלערט, און איך בין איבערציינט אז ער וועט איצט טהאן זיין פליכט. און זאל גאט געבען אז עס זאל זיין מיט הצלחה, אז עס זאל איהם געלינגען צו ראטעווען די צוויי וויכטיגע אידען פון פארשיקט ווערען קיין סיביר

— זעהר גוט, דו וועסט איבערנעכטיגען ביי מיר. מארגען אין דער פריה וועלען מיר דיר געבען אנדערע בגדים. דו וועסט געהן אין מרחץ זיך גוט ארומוואשען, און דאן וועלען מיר זיך זעהן מיט׳ן אדוואקאט... דו פארשטעהסט, דער אדוואקאט איז א קריסטליכער, און דו וועסט דארפען מאכען אויף איהם א גוטען איינדרוק.

— אם ירצה השם מארגען אין דער פריה, גלייך נאכ׳ן דאווענען, וועל איך קומען אהער, און מיר וועלען זעהן וואס מיר האבען ווייטער צו טהאן, — האט ר׳ שלמה זלמן אויסגערופען און ער איז ארוים.

—ווארט, איך וועל מיט דיר ארויסגעהן אין הויף, און איך וועל פארשליסען דעם טויער פון אינעווייניג. — האט דער רב געזאגט.

ווען זיי זיינען שוין געווען אין הויף, האט דער רב זיך צו איהם אנגערופען:

— איך וועל איהם שוין פון איצט אן ניט געטרויען, איך וועל זיצען אין צווייטען צימער וואס פיהרט צו דער טיהר און לערנען א גאנצע נאכט, ווייל אויב איך וועל איינשלאפען, קען זיין אז ער וועט מאכען נאך א פאריזוך צו אנטלויפען.

— איך גלויב ניט אז איצט וועט ער וועלען אנטלויפען, — האט ר׳ שלמה זלמן זיך אנגערופען. — אבער שאדען וועט עס ניט אויב מען וועט האלטען אן אויג אויף איהם, ווייל ווער ווייסט וואס עס קען מיט איהם פאסירען..

דער רב האט אנגעצונדען א קליין קעראסין לעמפעל און ער האט אריינגעפירט נחום׳ן אין צווייטען צימער און איהם אנגעוויזען אויף דער קאנאפע, וואו ער וועט קענען שלאפען, און אליין איז ער צוריק אריין אין יענעם צימער וואו ער האט זיך געזעצט לערנען. אין דער זעלבער צייט האט ער געהאלטען אן אויג אויף יענעם צימער וואו נחום איז געלעגען.

אין דער פריה האט דער רב געהערט

ווי נחום געהט ארום הין און צוריק אין צימער. ער איז אריין און איהם געזאגט, אז ער קען געהן אפגיסען "נעגעל וואסער" ווען ער האט געוואלט ארויסגעהן אין הויף איז דער רב מיט איהם מיטגעגאנגען. אין א ווײלע ארום האט ער איהם געגעבען תפילין.

— שטעל זיך איצט דאווענען, און דאן יוסטסטו עפּעס צובייסען.

נחום האט אנגעטהאן די תפילין און זיך געשטעלט דאווענען. ער האט געדאוועוענט מיט גרויס כוונה, און האט ביטער געוויינט.

דער רב האט ־אן צוליב איהם אויך געדאוועוענט פאר זיך, אין הויז, און נאכ'ן דאווענען האט די רביצין געגרייט צום טיש.

—קום אריין נחום, דו וועסט עסען פריהשטיק, — האט דער רב געזאגט, און זיי זיינען ביידע געגאנגען זיך וואשען צום עסען.

נאכ'ן עסען איז געקומען ר' שלמה זלמן. ער האט איהם געבראכט וועש, און איז מיט איהם אוועק אין מרחץ. דארט האט איהם א צירולניק ארומגעשארען, און נאכהער האט ער זיך ארומגעוואשען, און אנגעטהאן די ריינע וועש. באלד נאכדעם האבען זיי זיך אומגעקעהרט צום רב אין הויז, וואו ער האט שוין געפונען גאנצע און ריינע בגדים. ער האט זיך איבערגעטהאן און אין א ווײלע ארום זיינען זיי, דער רב, נחום, צוזאמען מיט ר' שלמה זלמן, אוועק צום אדוואקאט, וועלכער איז געווען זעהר שטארק צופרידען ווען מען האט איהם געזאגט ווער דאס איז.

ער האט זיך מיט איהם דורכגערעדט מיט ־ער הילף פון אן איבערזעצער, און ער האט געזאגט אלץ וואס ער וועט דארפען רעדען בעת'ן משפט. ער האט אויך געזאגט דעם רב, אז מען זאל איהם צושטעלען א געוויסע סומע געלט, איידער ער וועט געהן צום משפט, וואס דארף פארקומען אין דריי טעג ארום.

— ווי אזוי וועט עס זיין מעגליך אין אזא קורצער צייט, — האט דער רב זיך אנגערופען, — די פרוי איז דאך אין קיידאן!

— עס וועט ניט שאדען אז די פרוי זאל קומען אין ווילנע און זיין בייב משפט, — האט דער אדוואקאט געענטפערט, — און אז זי וועט שוין קומען זאל זי מיטברענגען דאס געלט.

ר' שלמה זלמן האט דערצעהלט דעם אדוואקאט, אז דער קיידאנער פריסטאוו האט ארויסגעקראגען פון גיטלען א סך געלט, אז ער האט איהר געזאגט, אז ער דארף דאס געלט פאר דעם אדוואקאט און פאר אנדערע הוצאות.

— דאס איז די צרה מיט אייך, אידען, — האט דער אדוואקאט געזאגט, — ווען עפּעס פּאסירט מיט אייך, פארלירט איהר זיך און איהר געהט ארונטער פון גלייכען וועג. ווער האט אייך געהייסען זיך אנפאנגען מיט אייער פריסטאוו? ער קען אלץ איינם גארניט טהאן, אויסער ארויסשלעפּען געלט פון אייך. איך האב פון איהם זעהר יוינציג געקראגען... די גאנצע געלט וואס ער האט פון אייך געקראגען האט ער ארונטערגעלאזט צו זיך אין קעשענע... פארשטעהט זיך. איצט אז איהר האט זיך מיט איהם שוין אנגעפאנגען מוזט איהר טהאן אלץ וואס ער פארלאנגט. ווייל קאליע מאכען קען ער זעהר לייכט... אבער איך וויל זיין זיכער מיט מיין געלט, אז ניט וועל איך אויפגעבען דעם גאנצען ענין... איך וויל האבען דריי הונדערט גילדען פאר מיין טרחה.

— איך ווייס ניט אויב מען וועט עס קענען באווייזען אזוי שנעל, — האט דער רב זיך אנגערופען,—אבער איך בין וויליג אייך צו גאראנטירע דאס געלט.

— אויב איהר וועט אונטערשרייבען, אז איהר גאראנטירט מיר, וועל איך זיין צופרידען, — האט דער אדוואקאט געזאגט.

דער רב האט אונטערגעשריבען, און דער אדוואקאט האט איהם אריינגעשושקעט אין אויער, אז עס איז זעהר וויכטיג, אז דער עדות, נחום, זאל זיין ביים משפט, און אויב מען וועט איהם ניט צושטעלען קען ער ניט גאראנטירען פאר דעם אויסגאנג פון משפט. איז דער זעלבער צייט וועט אויך ניט שאדען צו האבען גאר

איינעגע עדות, וועלכע זיינען געווען דאָן ביים רב בעת ער האָט דורכגע־פירט די צערעמאָניע פון מגייר זיין זאָשקע׳ן.

נחום האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט׳ן רב, און ר׳ שלמה זלמן איז גלייך אוועק צום בעל עגלה און ער האָט אָנגעשרי־בען א בריוועל צו גיטלען, אין וועל־בען ער האָט איהר געלאָזט וויסען אַז זי און חנה, איהר טאָכטער, זאָלען גלייך פאָהרען קיין ווילנע, און אויב עס איז מעגליך, זאָל זי אויך מיט־נעהמען נאָך איין עדות, אמווענינ־סטענס, וועלכער איז געווען אנווע־זענד בעת מען האָט זי מגייר געווען. ער האָט איהר ניט געשריבען, אַז זיי האָבען אויפגעזוכט נחום׳ן, כדי ניט אריינצוברענגען קיין צעטומלעניש. אָבער ער האָט איהר געשריצען, אַז מיט גאָט׳ס הילף, האָפען זיי אַז אלץ וועט זיך אויסלאָזען צום בעסטען.

ווען גיטעל האָט דערהאלטען דעם בריוו פון דעם בעל עגלה, האָט זי גלייך גענומען זיך גרייטען צו פאָהרען מיט דעם בעל עגלה, אָבער זי האָט ניט געקענט קריגען אַז אימיצער פון די עדות זאָל מיטפאָהרען, ווייל אויף מאָרגען האָט געזאָלט זיין דער מארק־טאָג, אויף וואָס אלע אידען ווארטען מיט גרויס אומגעדולד, וואָס ברענגט זיי פרנסה פאר עטליכע וואָכען. גיטעל האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן

— מאמע, איך וועל אריבערלויפען צו ר׳ אשר׳ן, — האָט חנה געזאָגט— ער וועט דאָך אונז געווים ניט אנט־זאגען.

חנה איז גלייך געגאנגען צו ר׳ אשר׳ן און איהם אלץ איבערגעגעבען.

—וואָס פאר א פראגע! — האָט ר׳ אשר אויסגערופען, — געווים וועל איך געהן. דער גאנצער אומגליק אייערער קומט דאָך דורך אונז... איך וועל זיך לאָזען אפילו אָפשניידען א האנט אויב דאָס וואָלט זיי געהאָלפען.

דעם זעלבען טאָג זיינען זיי אלע דריי, גיטעל, איהר טאָכטער, און ר׳ אשר אָפגעפאָהרען פון קיידאַן קיין ווילנע. זיי זיינען אָנגעקומען דאָרט דעם אָוועגט פאר דעם משפט. דער בעל עגלה האָט זיי געבראכט אין אכסניה, און אליין איז ער אוועק צו ר׳ שלמה זלמן און איהם אָנגעזאָגט אַז גיטעל איז דאָ. ר׳ שלמה זלמן איז גלייך אוועק אויף דער אכסניה, און דערזעהענדיג ר׳ אשר׳ן, איז ער געבליבען ווי צוטומעלט... אויף דעם אַז ר׳ אשר זאָל זיין דער עדות האָט ער זיך ניט גערעכט, און ער האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסען ביי דער ערשטער רגע צי זאָל ער איהם זאָגען אַז ער האָט געפונען נחום׳ן. ווען אָבער גיטעל האָט איהם גענו־מען פרעגען, האָט ער שוין קיין אנ־דער ברירה ניט געהאט און זיך אָנ־גערופען:

— די אויסזיכטען איצט זיינען א סך בעסערע ווי מיט א צוויי טעג צוריק. יאָ, איך וויל אַז איהר זאָלט וויסען אַז איך האָב אויפגעזוכט נחום׳ן, און ער וועט זיין דער הויפּט עדות פון דער פארטיידיגונג.

— וואָס? — האָט ר׳אשר אויס־גערופען — איהר האָט אויפגעזוכט נחום׳ען?

— יאָ, ער געפינט זיך אין הויז פון ווילנער רב, ר׳ יהושע העשל, — האָט ר׳ שלמה זלמן געזאָגט, — ער וועט מאָרגען קומען אין געריכט־הויז, און דערצעהלען דעם גאנצען אמת, און לויט די רייד פון אדוואָקאט, וועט דער ריכטער זיך רעכענען מיט זיין עדות זאָגען און עס זיינען פאראן די בעסטע אויסזיכטען אַז מען זאָל זיי באַפרייען. אויב איהר ווילט איהם זעהן היינט, קען איך מיט אייך נאָך אריבערגעהן צום רב.

— אַ, איך וויל זיין טרפה׳נעם פּנים ניט אָנקוקען, — האָט ר׳ אשר אויס־גערופען מיט פארביטערונג.

— אויב איהר פיהלט אזוי געגען איהם איז טאקע גלייכער אַז איהר זאָלט זיך מיט איהם ניט זעהן,—האָט ר׳ שלמה זלמן געזאָגט, — איהר קענט זיך נאָך ארויסרעדען מיט א וואָרט און אלץ קאליע מאכען. איין זאַך יוויל איך אייך זאָגען, ר׳ אשר, אַז נחום האָט זיך שוין גענוג אָנ־געליטען, אַז ער איז א בעל תשובה מיט׳ן גאנצען הארצען, און מיר האָ־בען קיין רעכט ניט איהם אינגאנצען צו פארשטויסען פון זיך.

— איהר זייט גערעכט! — האָט

ר׳ אשר געזאָגט, — איך קען זיך פאַרשטעלען ווי שטארק ער האָט געמוזט ליידען אז עס האָט איהם געטריבען צו באַגעהן אזא פארברעכען... איך האָף נאָר, אז ער וועט קענען עטוואָס גוט מאכען דעם שוידערליכען שאָדען וואָס ער האָט פאַרורזאכט... איך בין זעהר נייגעריג איהם צו זעהן!... פיהרט מיך, איך בעט אייך, צום רב אין הויז... איך פארזיכער אייך, אז איך וועל זיך באהערשען, און אז איך וועל צו איהם ניט רעדען מיט בייזען.

— איך גלויב אויך אז עס וועט זיין בעסער, אז ר׳ אשר זאָל זיך בעסער זעהן היינט מיט איהם, ווייל אויב זיי זאָלען זיך צונויפטרעפען צים ערשטען מאָל ביים משפט, וועט זיך נחום צוטומלען און וועט ניט וויסען וואָס צו רעדען, — האָט גיטעל געזאָגט, — עס וועט זיין א סך בעסער אז די ערשטע איבערראשונג וועט פאַראיבער...

— גוט, איך געה מיט אייך, אָבער איך גלויב אז עס איז פאר מיר איבעריג אייך צו יאָרענען ווי אזוי צו רעדען צו איהם... אויב איהר וועט וועלען איהם אויס׳מוסר׳ן, וועט איהר דאָס טהאָן נאָכדעם ווען אלץ וועט זיין פאַראיבער.

זיי זיינען ביידע אוועקגעגאנגען צום רב, און ר׳ אשר׳ס הארץ האָט גענומען שטארק קלאַפּען ווען זיי זיינען שוין געשטאַנען טיהר... ווען זיי זיינען אריין צום רב אין צימער, האָט ר׳ שלמה זלמן איהם פאַרגעשטעלט אלס נחום׳ס שווער.

— איהר ווילט איהם זעהן? — האָט דער רב זיך צו איהם געווענדעט —אייער איידעם איז אין צווייטען צימער, ער זאָגט תהילים.

— וואָס זאָגט איהר, רבי, זאָל איך איהם זעהן? — האָט ר׳ אשר זיך צו איהם געווענדעט.

— איהר קענט איהם זעהן, אָבער... זייט זעהר פאַרזיכטיג, ריהרט איצט ניט אָן די וואונד... פאר דעם וועט זיין יענוג צייט...

— אלץ וואָס איך וועל פון איהם פאַרלאַנגען איז, אז ער זאָל געבען מיין טאָכטער א גט... געהן וואוינען צוריק מיט איהר וועל איך שוין ניט דערלאָזען.

— דאָס ווענדט זיך אויך ווי אזוי אלץ וועט זיך אויסלאָזען... אויב גאָט וועט העלפען און עס וועט זיך אויסלאָזען ווי מיר ווינשען, דאַן וועט מען דארפען זעהן צונויפצונייהען די צוריסענע און צובראָכענע הערצער, און מען וועט דארפען איהם מוחל זיין במחילה גמורה... איצט טאָרט איהר ניט באשליסען וואָס צו טהאָן. געהט אריין אהין, — האָט דער רב איהם אנגעוויזען אויפ׳ן צימער וואו נחום געפינט זיך.

לאנגזאם האָט ר׳ אשר געעפענט די טיהר. ער האָט אריינגעקוקט און געזעהן ווי נחום זיצט מיט א תהילים אין האנט און שאָקעלט זיך, זאָגענדיג מיט א וויינענדיגער שטימע דעם תהילים... זיין הארץ האָט איהם גענומען צודריקען. ער האָט מורא געהאט אז ער אליין זאָל זיך ניט פאַנאנדערוויינען ווי א קינד.

ר׳ אשר איז אריין אינעווייניג און געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט צו זיין פלאַץ.

נחום איז געווען פארטהאָן אין זאָגען תהילים, אז ער האָט גאָרניט געפיהלט אז אימיצער געפינט זיך אין צימער ר׳ אשר איז געשטאַנען אזוי באוועגלאָז פאר עטליכע מינוטען. די טרויעריגע וויינענדיגע שטימע פון זיין איידעם האָט איהם אזוי געריהרט אז א שטארקער רחמנות האָט זיך איי איהם דערוועקט אויף זיין אומגליקליכען איידעם... ער האָט זיך גענומען דערנעהנטערען צו איהם און מיט א ציטערענדע שטימע האָט ער זיך אָנגערופען: ״נחום!״

נחום האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און ער האָט זיך שנעל א הויב געטהאָן פון זיין פלאַץ. ער האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ און איז געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט... ער האָט פלוצלינג דערזעהן זיין שווער... זיינע פּיס האָבען זיך גענומען בויגען, זיין גאנצער קערפּער האָט זיך געטרייסעלט... ער האָט געקוקט אויף אידם און האָט קיין וואָרט ניט געקענט אויסרעדען...

ר׳ אשר האָט אויך ניט געקענט

רעדען... ער האט געוואלט עפעס זאגען, אבער די רייד האבען איהם גענומען שטיקען אין האלז... ער האט זיך אבער באלד בארוהיגט און איהם דערלאנגט די האנט:

— שלום עליכם, נחום! — האט ער געזאגט.

נחום איז געווען אזוי צוטומעלט אז ער האט ניט געוואוסט וואס מיט איהם טהוט זיך. ער האט ניט געוואגט אנצוריהרען זיין שווער'ס האנט... און ווען ר' אשר האט אנגענומען זייז האנט, האט זיך נחום שוין מעהר ניט געקענט באהערשען און זיך צוכליפעט ווי א קליין קינד.

— בארוהיג זיך, נחום, — האט ר' אשר געזאגט, — ווי עס ווייזט אוים איז אזוי געווען דער ווילען פון גאט. לאמיר האפען אז אלץ וועט זיך אויסלאזען צום בעסטען... דיר קומט דאך א מזל טוב, דיין ציפע האט דאך דיר געבויען א טאכטער... זאל זי זיין מיט לאנגע יאהר און גליק... ציפע האט איהר א נאמען געגעבען צירל, נאך דיין מאמע'ן עליה השלום... זי האט מיר געזאגט, אז ווען איהר פלעגט רעדען וועגען א קינד, פלעגסטו זאגען אז אויב זי וועט האבען א אינגעל וועסטו איהם א נאמען געבען נאך דיין טאטען, און א מיידעל—נאך דיין מאמען... נו, האט זי איהר א נאמען געגעבען צירל... געלויבט איז השם יתברך ציפע איז איבערגעקומען בשלום, און דאס קינד איז קיין עין הרע א שעהנע, געראטען אין דער מאמען, אביסעל אויך אין דיר...

נחום האט ניט אויפגעהערט צו וויינען, און ר' אשר האט איהם גענומען ביים האנט און געבעטען זיך צו בארוהיגען.

— איך ווייס וויפיעל דו האסט זיך אנגעליטען... יא, מיר האבען אלע א סך געליטען... אבער מן הסתם איז אזוי געווען באשערט... דו ווייסט דאך וואס די גמרא זאגט אין סוטה: "אין אדם עובר עברה" אלא אם כן נכנס בו רוח שטות"... א מענש זינדיגט ניט סיידען א משוגעת געהט איז איהם אריין... מיר האבען טאקע לעצטע וואך דאס געלערענט אין בית המדרש... דער גרויסער למדן ר' משה האט זיך ניט לאנג צוריק אומגעקעהרט פון אמסטערדאם מיט זיין ספר "פני משה", וואס ער האט דארט געלאזט דרוקען, און ער לערענט יעדען אווענט נאך מעריב א בלאט גמרא מיט די בעלי בתים. און ווען מיר האבען געלערענט אין סוטה וועגען דעם, האב איך געטראכט פון דיר... איך האב דאך געוואוסט אז דו ביזט אן עהרליכער און פרומער איד, נאר א רוח שטות איז אין דיר אריין, און דו האסט ניט געוואוסט וואס דו טהוסט.

—איך בין שוין א פארלארענער,— האט נחום געכליפעט — איך בין פארקראכען אין א זומפ פון וואנען מען קען שוין ניט ארויסקריכען. . איך בין א זינדיגער מענש... איך בין געווארען א מסור... איך האב אומגליקליך געמאכט צוויי אידען...

— מיט גאט'ס הילף, וועט מען זיי באפרייען. זיי וועלען דיר מוחל זיין, און אז די וועסט תשובה טהאן מיט'ן גאנצען הארצען וועט דיר גאט אויך מוחל זיין... דאן וועסטו קענען זיין א טאטע צו דיין קינד און א מאן צו דיין ווייב... איך ווייס אז איך אליין האב אויך געזינדיגט געגען ר' יהודה לייב'ן, ווייל איך האב דאך זעהר ניט געוואלט אז ער זאל באקומען אליהו'ן פאר זיין איידעם, און ווען דו האסט געשריבען דעם בריוו צו ר' שלמה זלמן, בין איך דאך אין הארצען געווען זעהר צופרידען, און איך האב דיר ניט באדארפט געבען דעם פאטש. יא, ווען ניט דאן, ווען איך פארליר זיך דאן ניט און גיב דיר ניט דעם פאטש, וואלט דאך אלץ געקענט פארמיטען ווערען... דאריבער פיהל איך אז איך בין אזוי שולדיג ווי דו, און איך האף אז מיט דעם אויבערשטענס הילף, וועלען זיי באפרייט ווערען... א, ווי גרויס וועט דאן זיין אונזער אלעמענס שמחה... איך שטעל זיך פאר ווי גליקליך ציפע וועט זיך פיהלען... איך וויל אז דו זאלסט וויסען, אז אין דער צייט ווען אלע זיינען געווען אויף דיר אזוי אויפגעבראכט, האט ציפע פאר קיין איין רגע ניט אויפגעהערט דיך צו אכטען און ליבען... זי האט געוויינט טאג און נאכט און געבעטען גאט אז ער זאל דיך בא־

שיצען, און אומקעהרען צו איהר צוריק.

דער רב איז אריינגעקומען אין צימער און ער האָט געלאָזט וויסען ר׳ אשר׳ן, אז דער אדוואָקאט פארלאנגט ער זאָל צו איהם גלייך אריבערגעהן.

— איך וועל מיט אייך געהן צו איהם, ווייל מאָרגען איז דער משפט און ער וויל זיין זיכער איהר זאָלט וויסען ווי אזוי צו ענטפערען דעם קטגור (פּראָקוראָר).

ווען דער רב איז אוועקגעגאנגען מיט ר׳ אשר׳ן צום אדוואָקאט, האָט ער ביי זיך אין הויז איבערגעלאָזט ר׳ שלמה זלמן׳ען צו האלטען אן אויג אויף נחום׳ן, כאָטש עס איז כמעט קיין צווייפעל ניט געווען אז נחום וועט שוין מעהר ניט אנטלויפען, האָט מען אָבער פאָרט ניט געוואָלט איהם איבערלאָזען אליין.

דער אדוואָקאט האָט אויסגעפרעגט ר׳ אשר׳ן פארשידענע איינצעלהייטען, און איהם אויך געזאָגט ווי אזוי צו ענטפערען אויף די פראַגעס אין געריכט.

— אויב דו וועסט דערצעהלען דעם אמת, ווי אזוי זאָשקע האָט ניט געוואָלט עסען ביז וואנען מען וועט זי מגייר זיין, און דאָס וועט איבערצייגען דעם ריכטער, בין איך זיכער אז מען וועט זיי באפרייען... דו וועסט אָבער דארפען זיין גרייט צו געבען א שבועה...

— איך וועל שווערען אפילו ביי א ספר תורה אז עס איז אמת, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — איך געדענק גאנץ גוט ווי מען האָט זי געבראכט צום רב אין הויז א האלב פאר׳חלש׳שע פון הונגער, און וויפיל מען האָט זיך ביי איהר געבעטען אז זי זאָל נעהמען עסען, האָט זי עס ניט געוואָלט טהאָן, סיידען מען וועט זי פריהער מגייר זיין.

— איצט וועט זיך דאָס ווענדען אָן דיין אידעם, וועלכער האָט געשיקט דעם בריוו צום ווילנער פּאָליציימייסטער. ער וועט דארפען דערקלערען די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אָן דעם באשולדיגטען, און דאריבער האָט ער אויף איהם געמאכט א בלבול.

— דאָס וועט ער טהאָן! — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — ווייל עס איז דאָך אויך דער ריינער אמת. ער איז דאָך אויך געווען דערביי.

— איך וויל אז דו זאָלסט וויסען — האָט דער אדוואָקאט זיך געווענדעט צו ר׳ אשר׳ן, — אז עס איז גאנץ מעגליך אז ווען מען וועט באפרייען די צוויי באשולדיגטע, וועט מען ערשט דאן ארעסטירען דיין אידעם, פאר שרייבען א פאלשען באריכט, און עס קען איהם דערווארטען א גרויסע שטראָף.

— מיין אידעם ווייסט אז ער איז באגאנגען א גרוים פארברעכען, און ער איז וויליג צו באקומען זיין שטראָף — האָט ר׳ אשר געזאָגט — איך ווייס אז ער איז גרייט אפילו זיין לעבען צו געבען כדי צו פארריכטען דעם פעהלער וואָס ער האָט געמאכט.

קאַפּיטעל זיבעצעהן

דאָס געריכט הויז אין ווילנע איז געווען אָנגעפילט מיט מענשען, וועלכע זיינען געקומען זעהן ווי מען פאר׳משפט צוויי וויכטיגע אידען פאר דעם פארברעכען פון האָבען געצוואונגען א קריסטליך מיידעל צו ווערען א אידין. צווישען די פילע וויכטיגע פּערזענליכקייטען איז אויך דער וואָיעוואָדא, אונטער וועמעס יוריסדיקציע דער משפט איז פאָרגעקומען, און אויך דער ווילנער בישאָף, וועלכער האָט גאָרניט געהאט צו זאָגען אין דעם דאָזיגען עניין, נאָר ער איז געקומען אלס צושויער.

אויף דער באשולדיגונגס באנק זיינען געזעסען ר׳ יהודה לייב, דער קיידאנער חשוב׳ער גביר, און דער קיידאנער רב, ר׳ דוד קאצענעלענבויגען. אלע האָבען דערווארטעט אז די גר׳טע זאָל דאָרט אויך זיין, אָבער דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט פאר איהר א באזונדערען משפט, ווייל ער האָט מורא געהאט אז איהר עדות זאָגען זאָל ניט העלפען די באשולדיגטע.

דער אדוואָקאט פאר דער פארטיידיגונג האָט פארלאנגט צו ברייגען זאָשקען אלס עדות. דער ריכטער האָט זיין פארלאנג געשטיצט, און אין א ווייל׳ע ארום האָט מען אריינגעפיהרט שרה׳קען, אָ־ער ווי מען האָט זי גרופען פריהער, זאָשקע. איהר פּנים איז גע־

וועז מויט־בלאַס און צושראָקען. זי איז געזעסען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און זיך אפילו ניט אַרומגעקוקט.

ווי נאָר דער ריכטער האָט דערקלערט אַז דער משפּט פאַנגט זיך אָן, האָט דער אַדוואָקאַט פאַר דער פאַרטיידיגונג געמאַכט אַ פּאָרשלאָג אַז דער ריכטער זאָל גלייך באַפרייען די צוויי באַשולדיגטע, ווייל דער וועלכער האָט די באַשולדיגונג געמאַכט, געפינט זיך איצט אין געריכטס הויז, און ער איז זיך מודה אַז ער האָט געמאַכט אַ בלבול אויף זיי צוליב אַ כעס וואָס ער האָט געהאַט אויף איינעם פון די באַשולדיגטע.

דער ריכטער האָט צוריקגעוואָרפען דעם פּאָרשלאָג, דערקלערענדיג, אַז איידער מען האָט יעדען געגעבען אַ געלעגענהייט צו ברענגען די נויטיגע באַווייזען, קען ער גאָרניט טהאָן.

דאַן האָט דער פּראָקוראָר אַרויסגענומען פון זיין פּאָרטפעל דעם בריוו, און אַ איד האָט דעם בריוו פּאָרגעלייענט אין אידיש, און דערנאָך עס איבערזעצט אין רוסיש. ער האָט איהם גענומען לייענען הויך:

צום הערר פּאָליציי־מייסטער!

„אין קיידאַן געפינט זיך אַ קריסטליכע מיידעל פון ווילנע. זי איז איצט אַ דינסט ביי איינעם פון די דאָרטיגע רייכסטע אידען. זיין נאָמען איז יהודה ליב. דער נאָמען פון דער קריסטליכער מיידעל איז זאָשקע, נאָר איצט רופט זי זיך שרה׳קע, ווייל דער איד, איהר באַלעבאָס, האָט איהר איינגערעדט צו פאַרלאָזען איהר קריסטליכען גלויבען און אָננעהמען דאָס אידישע גלויבען. איך ווייס אַז ער איז אין דעם באַגאַנגען אַ פאַרברעכען, ווייל זי, די קריסטליכע דינסט, האָט זעהר ניט געוואָלט פאַרלאָזען איהר גלויבען, אָבער ער האָט זי דערצו געצוואונגען. איך גלויב אַז עס איז אייער פליכט צו מאַכען אַן אויספאָרשונג וועגען דעם, און העלפען דער קריסטליכער מיידעל צוריקצוקעהרען זיך צו איהר גלויבען.

„איינער וועלכער ווייסט".

אין דער צייט וואָס מען האָט דעם בריף פּאָרגעלייענט, האָט זיך דערהערט אַ געוויין אין געריכטס צימער... דאָס האָט נחום זיך ניט געקענט באַהערשען און ער האָט זיך שטאַרק צעבליפּעט.

דער אַדוואָקאַט האָט גלייך פאַרלאַנגט מען זאָל רופען זאָשקע׳ן אַלס עדות. ווען זי איז געזעסען אויפ׳ן עדות־שטוהל, האָט זי געהאַלטען איהר קאָפּ אויפגעהויבען מיט שטאָלץ.

דער אַדוואָקאַט האָט פון איהר פאַרלאַנגט זי זאָל דערצעהלען איהר געשיכטע פאַרוואָס זי האָט באַשלאָסען צו פאַרלאָזען איהר גלויבען.

זאָשקע האָט גענומען דערצעלען איהר ביטערע דערפאַהרונג מיט דעם גלח און דעם קינד, וואָס זי האָט פון איהם געבוירען. אָבער דער פּראָקוראָר האָט פאַרלאַנגט פון ריכטער מען זאָל איהר ניט לאָזען ריידען וועגען גלח, וועלכער האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דעם ענין.

דער ריכטער האָט געבעטען דעם עדות ניט צו ריידען וועגען אַמאָל, נאָר פון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט אין קיידאַן.

— זאָג מיר, זאָשקע, האָט אימיצער פון די צוויי באַשולדיגטע געמאַכט אַ פּאַרזוך דיך איבערצוריידען צו ווערען אַ אידין? — האָט דער אַדוואָקאַט זיך צו איהר געווענדעט, — האָט מען דיר געגעבען אָנצוהערען, אַז זיי פאַרלאַנגען עס פון דיר?

— ניין, — האָט זאָשקע געענטפערט, — פאַרקערט, איך האָב עס פון זיי פאַרלאַנגט, אָבער זיי האָבען מיך אָפּגערעדט פון דעם. איך האָב זיך ביי זיי געבעטען מיט טרערען אין די אויגען, אָבער זיי האָבען עס אָפּגעלעגט פון טאָג צו טאָג, אַזוי זיינען פאַריבער עטליכע יאָהר, און ווען איך האָב געזעהן, אַז זיי ווילען מיין וואונש ניט דערפילען, האָב איך באַשלאָסען אויפצוהערען עסען, כדי זיי צו צווינגען מיך מגייר צו זיין. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָב איך קיין שפּייז ניט גענומען אין מויל, און וויפיל זיי האָבען מיך געבעטען, האָב איך ניט געוואָלט עסען ביז וואַנען זיי וועלען טאָן מיין פאַרלאַנג און לאָזען ווערען אַ אידישע טאָכטער. ביי מיר איז געווען רעכט צו שטאַרבען, אויב איך וועל ניט קענען ווערען קיין אידין.

— שווייג, דו אומווירדיגע, אומ־

גלויביגע, — האט זיך דערהערט א שטימע פון איינעם פון די אנוועזענדע אין געריכטס צימער.

— ביזטו וויליג צו שווערן, אז אלץ, וואס דו דערצעהלסט, איז אמת? האט דער אדוואקאט זי געפרעגט.

— יא, איך וועל שווערן, — האט זי געזאגט.

— דאס אלץ, — האט דער אדוואקאט געזאגט צום פראקוראר, — איצט איז דער עדות דיינער!

דער פראקוראר איז צוגעגאנגען צו זאשקע'ן, ער האט אויף איהר געקוקט מיט בליקען פון פאראכטונג. זאשקע האט זיך גענומען פיהלען אומבאקוועם, און זי האט ארונטערגעלאזט איהרע אויגען צום באדען. פלוצלינג האט ער אויף איהר א געשריי געטאן: "ווי קומסטו, א קריסטין, צו פארלאזען דיין גלויבען און ווערען איינע פון דעם פארשאלטענעם פאלק! . . . דערצעהל דעם אמת, וועט אונזער האר יעזוס דיר מוחל זיין . . . האבען זיי, די אומווירדיגע אידען, ניט אנגעווענדעט פארשידענע מיטלען, כדי דיך צו באוועגן אנצונעמען זייער רעליגיע?...

— ניין, — האט זאשקע געענטפערט אומדערשראקען.

— האבען זיי דיר ניט אנגעבאטען געלט און דיר צוגעזאגט פילע גליקען כדי דו זאלסט זיי פאלגען?

— ניין, זיי האבען מיך אפגערעדט און עס איז מיר אנגעקומען זעהר שווער איידער איך האב ביי זיי גע־פועל'ט זיי זאלען מיך אריינגעמען צו זיי אלס אידין.

— דו ביזט א ליגנערין, — האט דער פראקוראר אויף איהר א געשריי געטאן, — דו האסט ניט געוואלט פארלאזען דעם קריסטליכען גלויבען, אבער אט דער איד, דיין באלעבאס, האט דיך געצוואונגען עס צו טאן. ער האט דיך געסטראשעט, אז ער וועט דיך ארויסטרייבען פון זיין הויז, אויב דו וועסט איהם ניט פאלגען . . . אט האבען מיר א בריף, טאקע פון איינעם, וועלכער וויסט דעם גאנצען אמת, וויל ער איז געווען דערביי ווען מען האט דיך געצוואונגען צו ווערען א אידין, און דער בריף איז געשריבן געווארען אין אידיש, פון א אידען, וועמען מען קען ניט חושד זיין, אז ער האט געוואלט מאכען א בלבול אויף זיינע אייגענע ברידער, נאר ער האט געפיהלט, אז א פארברעכען איז באגאנגען געווארען מיט דעם, וואס מען האט דיך געצוואונגען צו פארלאזען דיין אמונה און אננעהמען די אידישע אמונה. דאס איז אמת, אבער דו האסט מורא זיך מודה צו זיין! . . .

— ווען איך וואלט מורא געהאט, וואלט איך דאך זיך אנכאפען אין דעם און זאגען, אז מען האט מיך געצוואונגען, כדי איך זאל זיך ארויסדרעהען פון א שטראף, וואס מיר דערווארט, אבער איך זאג דעם אמת, וויסענדיג אז איך וועל נאכהער באקומען א שטראף.

— ווילסטו אונז מאכען צו גלויבען אז דער איד וועלכער האט געשריבען דעם בריף צום פאליציי־מייסטער האט געוואלט מאכען א בלבול אויף זיינע ברידער?

— געוויס אז עס אזוי. איך האב נאר וואס געהערט, אז דער וועלכער האט דעם בלבול געמאכט, איז אהער געקומען זיך מודה זיין, אז ער האט עס געטאן צוליב א כעס וואס ער האט אויף איינעם פון די באשולדיגטע.

— דאס איז אויך א ליגען! — האט דער פראקוראר אויסגערופען, — איך בין איבערצייגט אז דאס האבען די אידען אימיצען אונטערגעקויפט ער זאל אויף זיך נעהמען די שולד פון שרייבען דעם בריף, כדי אפצושוואכען די אנקלאגע!...

דער אדוואקאט פאר דער פארטיידיגונג האט זיך אויפגעשטעלט און פראטעסטירט געגען אזא אנדייטונג איידער עס איז אזוי פעסטגעשטעלט געווארען פון געריכט.

— זאל מיר דער הערר ריכטער ערלויבען צו ברייגנען דעם עדות, און איך וועל קענען באווייזען אז ער איז דער מחבר פון אט דעם אומגליקליכען בריף וואס האט פאראורזאכט אזוי פיל צרות צו אומשולדיגע מענשען.

— זאל ער צושטעלען דעם עדות!

— האט דער פראקוראר אויסגערופען.

— איך בין זיכער, אז איך וועל קענען באווייזען אז ער איז ניט דער מחבר פון אט דעם בריף, ווייל דער אמת'ער

מחבר, וועלכער האָט מורא געהאַט אונטערצושרייבען זיין נאָמען, וועט ניט קומען אהער און זיך ארויסגעבען.

דער ריכטער האָט געהייסען דעם אדוואָקאַט ברייגנען זיין עדות.

דער אדוואָקאַט האָט צוגערופען נחום'ן, וועלכער איז געגאַנגען צום עדות־שטול מיט א געבויגענעם קאָפּ און מיט א געבראָכען געמיט.

דער ריכטער האָט איהם א ווײַלע באַטראַכט, ער האָט באַמערקט ווי זיינע אויגען זיינען פאַרוויינט און זיין פּנים איז בלאַס.

— האָסטו געשריבען דעם בריף? — האָט דער ריכטער איהם געפרעגט, און דער איבערזעצער האָט איבערגעגעבען נחום'ען די רייד פון ריכטער, אַנצייגענדיג אויף דעם בריף.

— יאָ, איך האָב עס געשריבען, — האָט נחום כליפּענדיג געזאָגט.

— איז אַלץ וואָס דו האָסט געשריבען אין בריף אמת? — פרעגט איהם דער ריכטער.

ניין! איך בין געווען שטארק אין כעס אויף איהם, — האָט נחום אָנגעצייגט מיט'ן פינגער אויף ר' יהודה ליב'ן,—און דעריבער האָב איך אויף איהם געמאַכט דעם בלבול. אָבער אזוי שנעל ווי איך האָב מיין בריף אריינגעוואָרפען אין בריף־קאסטען, האָב איך שטארק חרטה געהאַט. איך האָב געוואַרט אויף דעם בריף־זאמלער ביז ער וועט קומען און וועט ארויסנעמען די בריף פון קאסטען און זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל מיר צוריקגעבען דעם בריף.

— אויב דער ריכטער ווינשט קען איך צושטעלען דעם בריף־טרעגער, וועלכער וועט עדות זאָגען אז עס איז טאַקע אזוי געווען.

— פריהער וועלען מיר זיך איבערציינגען צי ער האָט ווירקליך דעב בריף געשריבען, — האָט דער ריכטער געזאָגט. ער האָט גערופען דעם האַנטשריפט עקספּערט, און ער האָט געהייסען נחום'ען אָנשרייבען עטליכע שורות וואָס דער איבערזעצער האָט פאַר איהם פאַרגעלייענט.

נחום האָט אזוי געטהאָן און דאַן האָט מען די האַנטשריפט פאַרגליכען, און עס איז אָנגענומען געוואָרען אז ער איז דער מחבר פון דעם בריוו.

— דער פּראָקוראָר וויל באַווייזען אז דער מחבר פון בריוו איז אונטערגעקויפט געוואָרען פון די אידען כדי ער זאָל צוריקציהען זיין קלאגע, — האָט דער אדוואָקאַט געזאָגט, — דעריבער בין איך זעהר צופרידען אייך צו מעלדען אז איך האָב אויפגעזוכט דעם בריף־זאמלער און ער וועט עדות זאָגען וואָס עס האָט פּאַסירט יענעם פריהמאָרגען ווען אָט דער יונגערמאַן האָט אריינגעוואָרפען דעם בריוו אין בריוו־קאסטען, און ווי אזוי ער האָט אָנגעבאָטען דעם בריוו־זאמלער א סך געלט ער זאָל איהם צוריקקעהרען דעם בריוו, אָבער דער בריוו־זאמלער האָט עס ניט געוואָלט טאָן, ווייל ער איז אן עהרליכער מאַן און ער האָט ניט געוואָלט טאָן עפּעס וואָס איז ניט געזעצליך.

דער בריוו־זאמלער איז ארויף צום עדות שטול און ער האָט דערצעהלט וועגען יענעם פריהמאָרגען, ווען ער האָט געטראָפען אָט דעם יונגענמאַן, וואַרטענדיג אין קעלט ביז וואַנען ער איז געקומען, און אז ער האָט איהם אָנגעבאָטען א סך געלט ער זאָל איהם אומקעהרען דעם בריוו, וואָס ער האָט געשריבען צום פּאָליציי־מייסטער, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן.

— פאַרוואָס ביזטו געווען אזוי נייגעריג צוריקצוקריגען דעם בריוו? — האָט איהם דער אדוואָקאַט געפרעגט.

— ווייל מיין געוויסען האָט מיר גענומען פּלאָגען, וואָס איך האָב צוליב מיין שנאה געמאַכט א בלבול אויף אן אומשולדיגען מענשען...

— דערצעהל מיר וואָס דו ווייסט ווייסט וועגען דעם עניין, — האָט זיך דער ריכטער געווענדעט צו נחום'ן.

נחום האָט מיט אַלע איינצעלהייטען דערצעהלט וועגען דעם ווי אזוי זאָשקע האָט געזוכט צו ווערען א אידין פאַר דער גאַנצער צייט וואָס זי האָט זיך געפונען אין קיידאַן, און קיינער האָט עס ניט געוואָלט טאָן. אָבער ווען זי האָט אויפגעהערט צו עסען און זיי האָבען זיך געשראָקען אז זי וועט זיכער שטארבען אויב זיי וועלען ניט ערפילען איהר פאַרלאַנג, האָט

מען ערשט דאַן באַשלאָסען זי צו ראַטעוועט פון א הונגער טויט און מען האָט געטאָן איהר וואונש.

— און פאַרוואָס האָסטו געשריבען אין דיין בריוו אז מען האָט זי געצוואונגען? — האָט דער פּראָקוראָר איהם געפרעגט — דו וועסט דאָך ניט קענען אונז איבערצייגען אז צוליב א שטיקעל שנאה וואָס דו האָסט אויף איהם געטראָגען ביי זיך אין הארצען, וועסטו באַגעהן אזא פאַרברעכען און מאַכען א בלבול אויף אן אומשולדיגען מענשען וואָס קען איהם אומגליקליך מאַכען פאַר זיין גאַנצען לעבען?

— כדי דאָס צו ערקלערען וועל איך דאַרפען דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע און אלע אומשטענדען וואָס האָבען מיך געטריבען צו באַגעהן אזא פאַרברעכען, — האָט נחום געזאָגט מיט טרערען אין די אויגען.

— דערצעהל אונז אלץ! — האָט דער ריכטער איהם באַפוילען.

מיט דער הילף פון איבערזעצער, האָט נחום דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע וועגען דעם פּאַטש וואָס ער האָט געקראָגען פון זיין שווער אין ר' יהודה ליב'ס הויז, און ווי אזוי ער האָט זיך געשעמט אומצוקערען אהיים און ער האָט יענע נאַכט איבערגענעכטיגט אין קלויז און ער האָט פון דער צדקה־פּושקע ארויסגענומען דאָס געלד. ער האָט דערצעהלט וויפיעל ער האָט זיך אָנגעליטען זינט דאַן, און וואָס מעהר ער האָט געליטען אלץ מעהר איז זיין צאָרן געוועזן, און דאַן איז אין איהם אריין א געדאַנק פון נקמה. ביז וואַנען ער איז באַגאַנגען דעם דאָזיגען פאַרברעכען.

אלע אין געריכט הויז האָבען מיט גרויס נייגעריגקייט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, און ווען ער האָט פאַרענדיגט ריידען און זיך פאַנאַנדערגעוויינט, האָבען זיך ביי פיעלע באַוויזען טרערען אין די אויגען. דער אדוואָקאַט האָט גענומען ערקלעהרען דעם ריכטער ווי אַט די דאָזיגע אומשטענדען קאָנען האָבען א ווירקונג אויף א מענשען וועלכער וועט זוכען אימיצען אויף וועמען צו וואַרפען די גאַנצע שולד פון אלע זיינע צרות.

דער פּראָקוראָר האָט איהם אונטערבראָכען עטליכע מאָל און איהם געוואָלט צעטומלען. אָבער נחום האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע. ער האָט ווידערהאָלט אז ער האָט געמאַכט א בלבול אויף אן אומשולדיגען מענשען... ער האָט ביטער געוויינט בעת ער האָט גערעדט. און עס האָט איהם געדויערט א פּאָר מינוט ביז וואַנען ער האָט זיך געקענט באַרוהיגען און פאָרטזעצען זיין ריידען.

ווען נחום האָט געענדיגט ריידען, האָט מען גערופען ר' יהודה ליב'ן, און מען האָט איהם גענומען שטעלען פאַרשידענע פראַגעס. ער האָט אויך דערצעהלט ווי אזוי זייער דינסט האָט פאַרלאַנגט פון זיי מען זאָל זי מגייר זיין, אָבער מיר האָבען זי דערפון אָפּגערעדט.

— דו ווילסט מיר איינריידען אז דו און דיינע אנדערע ברידער, די אידען, וועלען ניט זיין צופרידען ווען א קריסטליכע מיידעל וועט פאַרלאַנגען צו ווערען א אידין? — האָט דער פּראָקוראָר זיך צו איהם געווענדעט.

— אונזער אמונה לערנט אונז אז ווען א ניט־איד פאַרלאַנגט צו ווערען א איד, איז אונזער ערשטע פליכט איהם אָפּצוריידען דערפון, — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט.

— אהאַ, איך פאַרשטעה! — האָט דער פּראָקוראָר אויסגערופען, — איהר האָט מורא!... איהר ווייסט גאַנץ גוט אז אין א קריסטליך לאַנד קענט איהר דערפאַר באַקומען א גרויסע שטראָף.

— די דאָזיגע באַציהונג אונזערע צו גרים שטאַמט נאָך פון דער צייט איידער די קריסטען האָבען נאָך געהאַט מאַכט. יאָ, עס שטאַמט נאָך פון יענער צייט ווען די קריסטען אליין פלעגען פאַרפאָלגט ווערען. — האָט איהם ר' יהודה ליב געענטפערט.

נאָכדעם האָט מען גערופען דעם רב פון קיידאַן, ר' דוד קאַצענעלענבויגען. ער האָט אויך דערצעהלט די זעלבע געשיכטע ווי אזוי מען האָט איהם דערצעהלט אז זאָשקע, ר' יהודה ליב'ס דינסט, האָט אויפגעהערט צו עסען, און אז זי וועט זיכער שטאַרבען אויב זי וועט באַלד ניט נעמען קיין שפּייז. "מיר האָבען זיך באַראַטען וואָס צו טאָן", — האָט ער ווייטער גערעדט, — און איך האָב געמאַכט

א פארזוך מיט איהר צו ריידען, און פרובירען איהר ערקלעהרען אז זי זאל ניט פארלאנגען אזא זאך, ווייל זי וועט דערפון דערנאך שטארק ליידען. איך האב זיך ביי איהר געבעטען צו נעמען שפייז, אבער זי האט פון גארניט געוואלט הערען... זי האט געזאגט, אז אייב מען וועט זי ניט מגייר זיין, וועט זי בעסער שטארבען. און ווען מיר האבען געזעהן אז זי וועט זיכער ניט איבערלעבען נאך א טאג, האבען מיר ערשט דאן באשלאסען זי צו ראטעווען פון א זיכערען טויט, און נאכגעבען איהר פארלאנג.

נאכדעם ווי דער פראקוראר האט געענדיגט אויספרעגען דעם רב און געזוכט עטוואס חוזק צו מאכען פון איהם, און דער אדוואקאט האט ניט דערלאזט, האט מען גערופען דעם עדות, ר' אשר'ן, וועלכער האט אויך דערצעהלט די גאנצע געשיכטע פון זיין איידעם, וועלכער האט זיך באנארישט און פון דעם איז ארויסגעקומען דער גאנצער בלבול.

דער אדוואקאט האט פארלאנגט פון ריכטער אז ער זאל זיי באפרייען אויפ'ן גרונד וואס די אנקלאגע האט ניט געקענט באווייזען אז מען האט זאשקע'ן געצוואונגען.

דער ריכטער האט זיך א ווײלע פארטראכט און ער האט זיך אנגערופען:

"פון די אלע באווייזע, קום איך צום באשלוס אז זיי האבען זי ניט געצוואונגען און אפילו ניט איבערגערעדט, אבער א פארברעכען זיינען זיי פארט באגאנגען געגען אונזער קריסטליכער רעליגיע, ווייל אונטער אזעלכע אומשטענדען איז געווען די פליכט פון דעם באלעבאס פון דער דינסט, צו מעלדען דער פאליציי וועגען דעם און זיי וואלטען שוין געזעהן אז זי זאל נעמען שפייז און ניט טראכטען פון אויפגעבען איהר אמונה. דאריבער איז מיין אורטייל, אז זיי וועלען באפרייט ווערען פון געפענגניס, אבער אינגאנצען פון א שטראף וועלען זיי זיך ניט קענען ארויסדרעהען. זיי וועלען באשטראפט ווערען מיט פינף הונדערט רובעל יעדער פון זיי, און יהודה ליב, איהר באלעבאס, וועט פארלירען זיין הויז און זיין געשעפט. און ביז וואנען די געלדשטראף וועט אפגעצאהלט ווערען, וועלען זיי פארבלייבען אין געפענגניס".

גיטעל, וועלכע איז די גאנצע צייט געזעסען אין א ווינקעל, האט זיך ערשט איצט פאנאנדערגעוויינט. דער אדוואקאט איז צוגעגאנגען צו איהר טרייסטען, און איהר געזאגט אז זי דארף זיך שעצען גליקליך וואס דער אורטייל איז אזא לייכטער. ער האט מורא געהאט מען זאל זיי ניט פאר'משפט'ן פארשיקט צו ווערען קיין סיביר.

— איך ווייס ניט ווי אזוי מיר וועלען קריגען דאס געלד! — האט גיטעל געוויינט, — דער פריסטאוו אליין האט פון אונז ארויסגעשלעפט כמעט דאס גאנצע געלד. און איצט אז מען וועט פון אונז אוועקנעמען אונזער הויז און אויך אונזער געשעפט, וועלען מיר בלייבען ארימע לייט.

— איצט קענט איהר האבען א געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט אייער מאן און ריידען מיט איהם פאר א ווײלע, — האט דער אדוואקאט געזאגט.

גיטעל איז צוגעלאפען צו איהר מאן און זי איז איהם געפאלען אויפ'ן האלז און געוויינט.

— נו, געלויבט איז גאט! — האט ר' יהודה ליב געזאגט — מיר זיינען געראטעוועט געווארען.

— אבער זעה וואס זיי האבען פון אונז געמאכט? — האט גיטעל וויינענדיג געזאגט.

— מיר טארען ניט זינדיגען, — האט ר' יהודה ליב געענטפערט, — עס האט געקענט זיין א סך ערגער. איך ווייס אלץ. אבער מיר וועלען זיך אן עצה געבען. גאט האט אונז געגעבען עשירות און ער האט א רעכט פון אונז עס אוועקצונעמען צו יעדער צייט. מיר דארפען זיך שעצען גליקליך וואס מיר קריגען אריין דעם טייערסטען אוצר אין דער וועלט. דאס וואס אליהו וועט ווערען אונזער איידעם וועט עס פארגיטיגען פאר אלע אונזערע צרות. זאג מיר, גיטעל, וואס מאכט אונזער טאכטער? און וואס מאכט איהר חתן אליהו?

— געלויבט איז גאט,ביידע זיינען

געזונט. עס פארשטעהט זיך, אז ביידע זיינען שטארק פארזארגט וועגען דיין גורל. אליהו האָט טאקע געזאָגט אז דער רבונו של עולם וועט העלפען און אז איהר ביידע וועט באפרייט ווערען...

— נו, דארפסטו זיך דאָך שוין שעצען גליקליך. עס וועט שוין לאנג ניט נעמען און מיר וועלען זיך אומקערען אהיים, און דאן וועלען מיר פייערען אונזער טאָכטער'ס חתונה מיט גרויס פרייד.

—איך בין שטארק באזאָרגט וועגען דעם, — האָט גיטעל געוויינט, — מיר האָבען פארלאָרען אונזער גאנצען פארמעגען, און גאָט ווייסט, אויב ר' שלמה זלמן וועט שוין גאָר איצט וועלען איינגעהן אויפ'ן שידוך.

— רייד ניט אזוי, גיטעל, — האָט ר' יהודה ליב זיך צו איהר אָנגערופען, — ווי פאלט דיר גאָר איין צו טראכטען אזוי?!

— איך וועל זעהן פארקויפען מיין צירונג, — האָט גיטעל געזאָגט, — דאָס איז אלץ וואָס אונז איז פארבליבען. עס איז אונזער פליכט אויך צו העלפען זאָשקע'ן אויב מיר וועלען עס נאָר קענען באווייזען, דערווייל וועלען מיר דארפען צושטעלען טויזענט רובעל, ווייל דער רב האָט דאָך קיין געלד ניט. אָבער ווי נאריש עס איז צו ריידען וועגען געלד אין אזא צייט. מיר דארפען דאנקען גאָט...

דער אויפזעהער האָט געזאָגט, אז מעהר קען זי מיט איהם ניט ריידען. און א וויינענדיגע האָט זיך גיטעל געזעגענט מיט איהר מאן.

דערווייל האָט מען נחום'ן ארעסטירט פאר זיין שרייבען א בריוו צום פאָליציימייסטער אין וועלכען ער האָט געזוכט איהם אָפצונארען.

ר' אשר האָט זיך דורכגערעדט מיט'ן אדוואָקאט און ער האָט איהם פארזיכערט אז זיין איידים ערווארטעט ניט קיין שווערע שטראָף. עס קען זיין אז דאָס וועט אויסגעהן צו א געלד־שטראָף אָבער ער דארף זיך צופרידענשטעלען וואס זיין איידימ'ס צוריק ציהען די קלאגע האָט א סך געהאָלפען צו פארלינדערען די שטראָף פון די צוויי באשולדיגטע.

— איך בין גרייט צו באצאָהלען איצט אויב די שטראָף וועט ניט זיין צו גרויס — האָט ר' אשר געזאָגט.

— וויסענדיג די לאגע, — האָט דער אדוואקאט איהם געראטען, — גלויב איך אז עס וואָלט געווען בעסער פאר דיין איידים צו פארבלייבען אין געפענגנים די עטליכע טעג ביז וואנען די אנדערע צוויי באשולדיגטע וועלען באפרייט ווערען. עס וועט זיין א סך גרינגער פאר איהם זיך צו באווייזען אין קיידאן ווען דער רב און דער צווייטער באלעבאָס וועלען שוין זיין פריי.

ר' אשר האָט פארשטאנען. ער האָט באַשלאָסען זיך גלייך אומצוקעהרען מיט גיטלען צוריק קיין קיידאן, און זיך דערווייל אויך דורכרעדען מיט זיין פרוי און טאָכטער און הערען וואס זיי וועלען זאָגען וועגען דעם. איין זאך איז ער זיכער, אז איצט וועט שוין נחום ניט פארשוואונדען ווערען.

גיטעל האָט קיין צייט ניט פארלאָרען און זי האָט זיך נאָך דעם זעלבען טאָג גענומען גרייטען צו פארלאָזען ווילנע, כדי צוצוגרייטען דאס געלד. זי איז אָפּגעפאָהרען צוזאמען מיט איהר טאָכטער און ר' אשר'ן.

אין קיידאן איז די שמחה געווען זעהר גרויס ווען זיי האָבען אויסגעפונען אז מען האָט באפרייט דעם רב און ר' יהודה ליב'ן, און עס איז בלויז אויסגעגאנגען צו געלד. גיטעל האָט גענומען אויספארקויפען איהר צירונג, און אין שטאָדט האָט מען גענומען זאמלען געלד צו באצאָהלען דעם קנס פאר דעם רב, ווייל יעדער איינער האָט געוואוסט אז דאס פארמעגען פון ר' יהודה ליב'ן איז שוין ערשעפּט געווארען און מען קען ניט ערווארטען אז ער זאָל באצאָהלען אויך פאר'ן רב.

די גאנצע סומע אָבער האָט מען ניט געקענט צונויפזאמלען. עס האָט געפעהלט מעהר ווי הונדערט רובעל, און קיינער האָט ניט געוואוסט ווי אזוי דאס צו קריגען.

די רבי'צין איז ארומגעגאנגען א פארזארגטע און פארטרויערטע. זי האָט געוואוסט ווי שווער עס איז געווען פאר גיטלען צונויפצוזאמלען די סומע געלד, און ווי אזוי קען זי

גאַר ערוואַרטען אַז זי זאָל אויך זאָרגען פאַר איהר ? !...

ר׳ אשר׳ס משפחה איז געווען אַזוי שטאַרק דערשלאָגען אַז קיינער פון זיי האָט זיך ניט באַוויזען אין גאַס. זיי האָבען געוואוסט אַז אַלע ריידען וועגען זייער איידעם וועלכער האָט געבראַכט דעם גאַנצען אומגליק אויף זיי אַלעמען. און ווען ציפּע אָדער איהר מוטער פלעגען הערען אַז מען רעדט וועגען נחום׳ן, פלעגען זיי זיך שנעל צוריקציהען, ווייל יעדער איינער פלעגט באַגלייטען נחום׳ס נאָמען מיט א שרעקליכער קללה.

— א קריינק אין זיינע ביינער,— פלעגט זיך דוואָשע, די הערינגניצע, צעשרייען אויף איהר קוויטשיג שטימע — זאָל זיין צונג אָפּגעדאַרט ווערען פאַר מסר׳ן אויף אומשולדיגע אידען.

אָט מיט אַזעלכע קללות פלעגט דוואָשע שילטען נחום׳ן, איבערהויפּט ווען ציפּע און איהר מוטער פלעגען זיין דערביי. און כאָטש זיי פלעגען זוכען זי אויסצומיידען, פלעגט אָבער דוואָשע שטענדיג אויסוואַקסען וואו זיי פלעגען שטעהן.

ווען ר׳ אשר איז געקומען און געבראַכט די נייעס אַז ר׳ יהודה ליב און דער רב זיינען באַפרייט געוואָרען דורך דעם עדות זאָגען פון נחום׳ן, האָט ציפּע, וועלכע האָט געהאַלטען דאָס קינד אויף איהרע הענט, אַרויסגעלאָזט אַזא געשריי, אַז ווען איהר שוועסטער שפרה כאַפּט ניט אַרויס דאָס עופה׳לע פון איהרע הענט, וואָלט זי עס אַרויסגעלאָזט פון איהרע הענט. זי האָט באַלד אָוועקגע׳חלש׳ט, מען האָט זי קוים דערמינטערט.

ווען ציפּע האָט זיך באַרוהיגט, האָט ר׳ אשר דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען, און ער האָט צוגעגעבען:

— פון אָנפאַנג בין איך געווען אַזוי שטאַרק פאַרביטערט געגען איהם, אָבער ווען איך האָב איהם דערזעהן זאָגענדיג תהילים מיט אַזא וויינענדיגער און האַרצרייסענדער שטימע, אַז איך האָב זיך שיער ניט צעוויינט פון רחמנות אויף איהם.. יאָ, מיין טאָכטער, ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעליטען פאַר זיין זינד. איך בין זיכער אַז דער רב און ר׳ יהודה ליב וועלען איהם אויך מוחל זיין מיט׳ן גאַנצען האַרצען. זיי וועלען איהם פאַרשטעהן. נאָך אַלעמען איז ער דאָך ניט קיין פאַרדאָרבענער יונג.. .ער איז פאַרקראָכען אין א בלאָטע, און וואָס ווייטער אַלץ טיפער און טיפער... עפּעס א משוגעת איז אויף איהם געקומען... דו וואָלסט באַדאַרפט הערען, מיין טאָכטער, ווי דער בריף־טרעגער האָט דערצעהלט פאַר׳ן ריכטער אַז גלייך נאָכדעם ווי ער האָט אַריינגעוואָרפען דעם בריעף צו דעם פּאָליציי־מייסטער, האָט ער זיך געשטעלט נעבען דעם בריעף־קאַסטען און געוואַרט אין פראָסט היבשע עטליכע שעה ביז וואַנען ער, דער בריעף טרעגער איז אָנגעקומען. ער האָט זיך ביי איהם געבעטען מיט טרערען אין די אויגען, ער האָט איהם אָנגעבאָטען געלד אַז ער זאָל איהם אומקעהרען דעם בריעף. ווייל אַזוי שנעל ווי ער האָט באַגאַנגען דאָס פאַרברעכען, האָט ער חרטה געהאַט מיט׳ן גאַנצען האַרצען.... ער וואָלט אפילו זיין לעבען מקריב געווען, ווען ער זאָל געווען קענען צוריק קריגען דעם בריעף...

— וואָס איז די פּעולה ! וואָס איז די פּעולה ! — האָט ציפּע ניט אויפגעהערט צו וויינען — די וואונד וואָס ער האָט געמאַכט אין מיין האַרצען קען שוין ניט פאַרהיילט ווערען.

— רייד ניט אַזוי, מיין טאָכטער!

— האָט די מאַמע זיך צו איהר אָנגערופען — דו הערסט דאָך וואָס דיין טאַטע זאָגט.

— ניין, מאַמע. איך וועל שוין מיט איהם ניט קענען לעבען ! ביי מיר און ביי אַלע אַנדערע אין שטאָדט וועט ער זיין דער גנב, דער מסור.. וואָס פאַר א גליק קען איך שוין דערוואַרטען פון איהם ? !...

— וואָס איז דאָ וואָס צו ריידען איצט ! — האָט ר׳ אשר אויסגערופען, — מיר וועלען זעהן, דערווייל האָט ער געהאָלפען ראַטעווען דעם רב און ר׳ יהודה ליב׳ן.

— קומט איהם טאַקע א גרויסער דאַנק דערפאַר, — האָט ציפּע אויסגערופען — ער איז דאָך דער איינציגער שולדיגער אין זייער אומגליק !

— אָבער דאָס באַווייזט אַז ער איז גאָר ניט אַזוי פאַרדאָרבען ! — האָט ר׳ אשר געזאָגט. — ערשטענס, וואָלט

ער געקענט לייקענען אז ער האָט עס געשריבען. קיינער וואָלט ניט געוואוסט אז דאס האָט ער געטאָן. אָבער ער האָט זיך אליין מודה געווען, און וויסענדיג אז ער וועט באשטראָפט ווערען, איז ער געקומען אין געריכט און ערקלעהרט אז ער האָט געמאכט א בלבול, טראָץ דעם וואס ער האָט געוואוסט אז פאר דעם וועט ער באקומען א שווערע שטראָף... יא, דו ווייסט דאָך מן הסתם אז נאָכדעם ווי דער ריכטער האָט באפרייט ר' יהודה ליב'ן און דעם רב, האָט ער געהייסען פארשפארען נחום'ן אין געפענגנים. און איצט ווער ווייסט וואס עס וועט זיין מיט איהם !...

— וואס ? ! — האָט ציפּע פון דאָס נייע זיך פאנאנדערגעוויינט — מען האָט מיין נחום'ן פארשפארט אין געפענגנים ?

א לייכטער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף ר' אשר'ס פּנים, ווען ער האָט באטראכט זיין צעשראָקענע טאָכטער. ער האָט שוין פון דעם געדרונגען אז זי איז שוין וויכער געווארען, און ער האָט זי גענומען בארוהיגען :

— עס איז ניט אזוי געפעהרליך. ער וועט אָפּקומען מיט א לייכטער געלד־שטראָף. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט'ן אדוואקאט, און ער האָט מיר געזאָגט אז עס וועט מן הסתם אויסגעהן צו א הונדערט רובעל. איך האָב אפילו געקענט אויסמארקירען אז מען זאָל איהם גלייך באפרייען, אָבער איך האָב עס ניט געטאָן.

— פארוואס, טאטע ? ! — האָט ציפּע זיך אָנגערופען, — פארוואס זאָל ער דארפען זיצען אין טורמע אן איבעריגען טאָג. האָט ער דען זיך ניט גענוג אָנגעליטען ?

— עס איז בעסער אזוי, — האָט ר' אשר געזאָגט, — דער אדוואקאט אליין האָט מיר געזאָגט אז איך זאָל נאָך אָפּווארטען עטליכע טעג. פריהער זאָלען אקאָרשט באפרייט ווערען די אומשולדיגע צוויי פון קיידאן, ווייל ווען זיי וועלען שוין זיין אין דער היים וועט די אויפרעגונג אָפּגעשוואכט ווערען.

— זאָג מיר, טאטע, ווי קוקט נחום אויס ? — האָט ציפּע איהם געפרעגט מיט א וויינענדיגע שטימע.

— פרעג מיך בעסער ניט. ווען איך האָב איהם דערזעהן, האָב איך זיך געוואָלט פאנאנדערוויינען ווי א קינד... אוי, ווי דער ארימער, אומגליקליכער נחום האָט זיך דאָס אָנגעליטען... אויב זיין פארברעכען איז גרויס, איז אָבער די שטראָף וואס ער האָט געקראָגען דערפאר נאָך גרעסער... יא, איך וויים אז ר' יהודה ליב איז פון דער געשיכטע פארארימט געווארען.. אָבער גאָט צו דאנקען דערפאר. עס האָט געקענט זיין א סך ערגער.

— און ווען וועסטו זעהן אז ער זאָל באפרייט ווערען ? — האָט ציפּע געפרעגט.

— מיר וועלען דארפען האָבען געדולד. איך וועל עס אזוי שנעל ניט טאָן. איך וועל זיך פריהער בעראטען מיט דעם רב און מיט ר' יהודה ליב'ן. איך וועל הערען וואס זיי וועלען מיר זאָגען. דערווייל וועט זיין א סך בעסער אז מען וועט וואס ווינציגער ריידען וועגען איהם אין שטאָדט.

ציפּע האָט זיך גענומען גרייטען אויפצונעהמען איהר מאַן. די אויפרעגונג, דער צאָרן וואס האָט אין איהר געברענט האָט זיך אין גאנצען אויסגעלאָשען. איצט איז זי באנומען געווארען מיט א רחמנות געפיל צו איהם. זי פלעגט טראכטען פון איהם, און איהרע אויגען פלעגען אָנגעפילט ווערען מיט טרערען... זי ווייסט שוין וויפיל ער האָט זיך אָנגעליטען... איצט אז ער וועט קומען אהיים וועט זי זעהן איהם צוזעהן, און זי וועט איהם קיין מאָל ניט דערמאָנען פון דער פארגאנגענהייט... זי האָט פארוויגט איהר קינד מיט א ליעד אז באלד, באלד, וועט קומען איהר טאטע און ער וועט שוין בלייבען מיט איהר די גאנצע צייט

די מאמע האָט איהר געהייסען זיך נעהען א נייע קלייד...

— נישקשה, מיין טאָכטער — האָט זי געזאָגט — דו וועסט נאָך זיין גליקליך מיט דיין מאן זאָל נאָר גאָט געבען אז אלץ זאָל געהן כשורה, וועט עס ביסלעכווייז פארגעסען ווערען.

— איך האָף נאָר, מאמע, אז ער זאָל פון די אלע צרות ניט קראנק ווערען.

רען חלילה... ער האָט דאָך אזוי פיל דורכגעמאכט.

— לאָמיר האָפען צו גאָט, — האָט ר׳ אשר געזאָגט! — ער איז געווארען א האלבער מענש. עס איז זעהר שווער איהם צו דערקענען. אָבער ער איז דאָך נאָך א יונגער מאַן און זיינע וואונדען וועלען זיך שנעל פארהיילען.

שפרה איז אריינגעלאָפען אין צימער און ווען די מאמע האָט זיך אויף איהר אָנגעבייזערט פארוואס זי איז אריינגעקומען, האָט שפרה געזאָגט, "איך האָב געזעהן דורד'ן פענסטער אז די רביצין קומט צו אונז".

— די רביצין ?! — האָט ר׳ אשר אויסגערופען — ווער ווייסט מיט וואס פאר א נייעס זי קומט.

זיי זיינען אלע אריין אין דעם צווייטען צימער און געווארט אויף דער רביצין.

ווען זי איז אריינגעקומען האָבען זיי איהר באגריסט.

— וואס הערט זיך, רביצין? — האָבען זיי איהר געפרעגט.

— ניט גוט. — ענטפערט זי.

— וואָס איז חלילה עפּעס ווייטער געשעהן?

— אזוי פיל יאהרען איז מיין מאַן רב אין קיידאַן און איצט אז מען דאַרף איהם אויסלייזען פון גוי'ישע הענט קען מען ניט צונויפזאמלען אין גאַנץ קיידאַן די סומע געלד. איך האָב צו קיינעם ניט. איך ווייס אז די קיידאַנער אידען זיינען ניט קיין גבירים. טאָמער איז געוועזן איין גביר, ר׳ יהודה ליב, איז ער שוין אויך נעביך פארארימט געווארען. איך ווייס אז גיטעל האָט פארזעצט איהרע לעצטע צירונג כדי צו קריגען גענוג געלד אויסצולייזען איהר מאַן. קען איך דען פארלאַנגען פון איהר אז זי זאָל אויך שאפען געלד פאר מיין מאַן? עס פעהלט מיר נאָך א הונדערט רובעל און איך ווייס ניט וואו איך קען עס קריגען.

— וואָס איז דאָ פאר א רייד?! — האָט ר׳ אשר געזאָגט. — איך האָב א הונדערט רובעל וואס איך האָב געהאט אין זינען צו באצאָהלען פאר נחום'ן. נו, פארשטעהט זיך אז אונזער רב איז בילכער. אָט ווארט צו און איך וועל אייך געבען דאס געלד.

ר׳ אשר איז אריין אין צווייטען צימער און ער האָט ארויסגענומען הונדערט רובעל און עס איבערגעגעבען צו די רביצין און איהר צוגעוואונשען אז זי זאָל זיך אין גיכען זעהן מיט איהר מאַן, געזונטערהייט.

ווען די רביצין איז אוועק האָט זיך ר׳ אשר אָנגערופען:

— ווי עס ווייזט אויס, וועט נחום פארבלייבען אין געפענגנים נאָך עטליכע וואכען, ווייל איך האָב איהר אָפּגעגעבען די לעצטע הונדערט רובעל וואס איך האָב געהאט אָנגעגרייט פאר איהם.

— נו, און וואס וועט איצט זיין?

— האָט ציפּע אויסגערופען — וואו וועלען מיר קריגען געלד פאר מיין נחום'ן?

— זאָלען זיי פריהער קומען אהער און זיי וועלען איהם מוחל זיין, וועל איך מאכען א פארזוך צו לייהען געלד.

— זי האָט ניט געדארפט קומען צו דיר — האָט ציפּע זיך אָנגערופען.

— זי ווייסט גאַנץ גוט אז די שטאָדט וואָלט ניט דערלאָזט אז דער רב זאָל בלייבען אַן איבעריגען טאָג אין געפענגנים. אָבער ווען וועט עס קימערען אוים נחום זאָל דארפען אָפּזיצען דארט זיין גאַנץ לעבען?

— מיין טאָכטער, דו רעדסט איצטער ווי א נאַר. שטעל זיך פאר איך זאָל אויסלייזען נחום'ן און דער רב וואָלט נאָך געבליבען דאָרט. וואס וואָלט מען אין שטאָדט גערעדט?!... דו זעהסט דאָך אז מען קלייבט שוין עטליכע טעג נאָכאנאַנד און מען האָט ניט געקענט צונויפזאמלען די גאַנצע סומע געלד. און מיר דארפען ניט פארגעסען אז מיר טראָגען אויף אונזערע פּלייצעס א גרויסען חלק פון די אלע צרות... נישקשה, גאָט וועט אונז ניט פארלאָזען אפשר וועלען מיר פארדינען אין די קומענדיגע וואכען.

ווען זיי האָבען שוין געקראָגען דאס גאַנצע געלד, און אויך דאָס געלד פאר דעם אדוואקאט, איז גיטעל אָפּגעפאָהרען צוזאמען מיט דער רביצין קיין ווילנע. זיי האָבען זיך געזעהן מיט ר׳ שלמה זלמן און ער איז מיט זיי אוועק צום אדוואקאט. זיי האָבען איהם איבערגעגעבען דאס געלד. עס האָט געדויערט עטליכע שעה און דער אדוואָ־

קאט האט זיך צוריקגעקעהרט מיט דעם רב און ר׳ יהודה ליב׳ן צו דעם רב ר׳ יהושע העשל אין הויז. דארט האבען שוין געווארט גיטעל, די רביצין און ר׳ שלמה זלמן.

די פרייד איז געווען זעהר גרויס. מען האט געוויינט פון שמחה.

ר׳ יהושע העשל האט געהייסען זיין רביצין צוצוגרייטען עפעס צו עסען. נאכדעם ווי זיי האבען געגעסען און געבענשט, האט מען גענומען ריידען פון דעם ווי זיי זיינען באהאנדעלט געווארען אין געפענגניס, און ווי אזוי דער אויפזעהער, **א שונא ישראל, האט** זיי באהאנדעלט זעהר שלעכט, און ער האט ניט אויפגעהערט זיי צו סטראשען מיט סיביר.

— גאט ווייס וואס עס וועט איצט זיין מיט שרה׳קען, — האט גיטעל זיך אנגערופען — זיי וועלען מן הסתם זי פארמוטשען צום טויט.

— איך האב גערעדט מיט דעם אדוואקאט, און ער ..אט מיר געזאגט אז מיר טארען זיך גאר ניט מישען אין דעם, ווייל זי אליין האט דאך צוגעגעבען אז זי האט פארלאזט די קריסטליכע אמונה מיט איהר גוטען ווילען, און דאריבער ווארט איהר א שטראף, סיידען זי וועט זיך צוריקקעהרען צו איהר פריהערדיגער אמונה. ער האט מיר אבער צוגעזאגט, אז ווען איהר משפט וועט קומען וועט ער זי פארטיידיגען אהן געלד, — האט ר׳ שלמה זלמן געזאגט.

— איך גלויב, — האט זיך ר׳ יהודה ליב אנגערופען, — אז מיט געלד וועט מען קענען עפעס אויפטאן אויך פאר איהר.

— נו, וואס עס זאל ניט געשעהן, וועלען מיר זי ניט פארלאזען — האט גיטעל געזאגט, — מיר וועלען איהר העלפען מיט וואס מיר וועלען קענען.

זיי האבען יענעם טאג און די נאכט פארבראכט אין דער אכסניה. ר׳ יהודה ליב האט גענומען אויספרעגען ביי גיטלען וועגען אליהו׳ן, און זי האט איהם געזאגט, אז אליהו ווערט גוט צוגעזעהן ביי חנה׳ן.

— דו ווייסט, גיטעל, — האט ר׳ יהודה ליב זיך צו איהר אנגערופען — עס זיינען נאך פארבליבען צוויי וואכען צו ל״ג בעומר. מיר האבען דאך געזאלט פייערען דאן אונזער טאכטער׳ס חתונה! איך ווייס ניט וואס צו טראכטען איצט.

— וואס הייסט דו ווייסט ניט?! איצט אז גאט האט געהאלפען און דו ביזט באפרייט געווארען פון גוי׳ישע הענט, וועלען מיר אם ירצה השם פייערען די חתונה פון חנה׳ן מיט אליהו׳ן אין דער צייט, ווי עס איז צווישען אונז אפגערעדט געווארען.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת אז איצט בין איך שוין אליין אויך עטוואס באזארגט, — האט ר׳ יהודה ליב זיך אנגערופען צו זיין פרוי — מיר האבען דאך היינט פארבראכט מיט ר׳ שלמה זלמן כמעט א האלבען טאג, און מיר האבען גערעדט פון אלץ און ער האט גאר נישט דערמאנט וועגען דער חתונה, וואס דארף פארקומען אין צוויי וואכען ארום... דאס מאכט מיר צו גלויבען, אז דו ביזט געווען גערעכט ווען דו האסט אויסגעדריקט דיין מורא אז טאמער וועט ער חרטה האבען... איצט, ווען ער האט אויסגעפונען אז מיר זיינען פארארימט געווארען... אויב דאס וועט געשעהן, ווייס איך ניט וואס צו טהאן. דאס וואלט געווען פאר אונז א גרעסערער קלאפ ווי דאס וואס איך האב דורכגעמאכט זינט פורים.

— און איך וויל גאר ניט טראכטען פון דעם! — האט גיטעל אויסגערופען — אונזער טאכטער וועט עס גאר ניט אריבערטראגען.

— עס איז ניט גוט צו זיין אן ארימאן, — האט ר׳ יהודה ליב טרויעריג געזאגט — איצט איז אונז גאר ניט פארבליבען, און ווען די פאליציי וועט פון אונז אוועקנעהמען אונזער הויז, וועלען מיר בלייבען מיט גארנישט! איך ווייס אז איך וועל איהם ניט קענען באשולדיגען. עפעס א קלייניגקייט אזא זוהן ווי אליהו!... מען וועט איהם דאך אפשיטען מיט געלד. וואלט ר׳ שלמה זלמן ניט געווען קיין ארימאן, וואלט ער אפשר זיך גערעכענט מיט דעם וואס איך בין פלוצלונג פארארימט געווארען, אבער איצט, ווי אזוי וועלען מיר קענען אויסהאלטען זיין זוהן בכבוד?...

אויף מארגען גאנץ פריה איז ר׳ שלמה זלמן געקומען צו דער אכסניא

און ער איז געגאנגען מיט ר׳ יהודה ליב׳ן אין בית המדרש.

נאכ׳ן דאווענען האט ר׳ שלמה זלמן זיך אנגערופען צו ר׳ יהודה ליב׳ן :

— איך האב געוואלט מיט אייך עפעס ריידען, און מיין פרוי האט מיר געזאגט אז איך זאל אייך און אייער פרוי איינלאדען צו אונז. מיר וועלען עסען פריהשטיק און דאן וועלען מיר ריידען.

ר׳ יהודה ליב׳ן איז געווארען טרויעריג אויפ׳ן הארצען. ער איז געווען זיכער אז ר. שלמה זלמן וויל איהם ערקלעהרען פאר וואס ער מוז אפלאזען דעם שידוך... ער איז מיט איהם געגאנגען צוריק צו דער אכסניא, און געשוויגען.

— געהט רופט ארויס אייער פרוי — האט ר׳ שלמה זלמן צו איהם געזאגט — איך וועל דא ווארטען אויף אייך.

ר׳ יהודה ליב איז אריין צו זיין פרוי. זיין פנים איז געווען אומעטיג און גיטעל האט איהם גלייך א פרעג געטהאן : נו, וואס האט ער מיט דיר גערעדט ?

— ער וויל זיך מיט אונז דורכריידען אין זיין הויז — האט ר׳ יהודה ליב געזאגט. — ער האט אונז ביידען איינגעלאדען איצט צו קומען זיך דורכריידען.

— וואס וועלען מיר טהאן ? — האט גיטעל אויסגערופען.

— ער ווארט דאך אויף אונז — האט ר׳ יהודה ליב געזאגט — קום לאמיר געהן. מיר וועלען הערען וואס ער האט אונז צו זאגען. כאטש איך שטעל זיך פאר...

גיטעל האט זיך איינגעהילט אין א פאטשיילע און איז ארויס צוזאמען מיט איהר מאן. זיי האבען געטראפען ר׳ שלמה זלמן׳ען ווארטענדיג מיט׳ן טלית אונטער זיין ארעם.

— א גוטער מארגען ! — האט ר׳ שלמה זלמן באגריסט גיטלען, — מיין פרוי איז זעהר נייגעריג אייך צו זעהן.

— הלואי וואלטען מיר זיך געקענט זעהן אונטער בעסערע אומשטענדען— האט גיטעל זיך אנגערופען.

— געלויבט איז השם יתברך — האט ר׳ שלמה זלמן געזאגט, — מיר אלע ווייסען אז עס וואלט געקענט זיין ערגער.

זיי זיינען צוגעקומען צום הויז, און ר׳ שלמה זלמן האט אויפגעעפענט די טיר. זיי זיינען אריינגעקומען אינעווייניג און טריינע האט זיי אלעמען באגריסט מיט א פרעהליכען שמייכעל.

— אי, אי, אזעלכע טייערע געסט, זיצט !

טריינע האט זיי אנגעוויזען אויף די בענקלעך נעבען טיש, און ר׳ יהודה ליב און זיין פרוי האבען זיך צוגעזעצט.

— איך גלויב, אז פריהער פון אלץ וועלען מיר זיך געהן וואשען צום עסען און נאכהער וועלען מיר ריידען — האט ר׳ שלמה זלמן געזאגט.

זיי האבען זיך געוואשען צום עסען און זיך געזעצט צום טיש. טריינע האט דערלאנגט דעם פריהשטיק און נאכהער האט זיך זיך אויך צוגעזעצט.

— די ערשטע זאך וואס איך וויל אייך פרעגען, גיטעל, — האט טריינע זיך אנגערופען, — וואס מאכט אונזער זוהן אליהו ?

— א דאנק גאט ! — האט גיטעל געענטפערט — ער איז געזונט און זיצט און לערענט. אונזער טאכטער זעהט איהם דארט גוט צו.

— איך קען זיך פארשטעלען וויפיל עגמת נפש אונזער זוהן האט געהאט — האט טריינע געזאגט, — ער

— נו, עס פארשטעהט זיך, — האט גיטעל געזאגט, — ער איז דאך ביי אונז פאררעכענט געווען ווי אן אייגענער זוהן. פונדעסטוועגען האבען מיר געזעהן אז ער זאל ניט געשטערט ווערען פון לערנען, און זאל ער געזונט זיין, ער האט אונז געגעבען מוטה אריבערצוטראגען אלץ, ער האט אונז געזאגט, אז מיר האבען ניט וואס צו זארגען, גאט, ברוך הוא, וועט אונז קומען צו הילף. ווען ניט אליהו, זאל געזונט זיין, גאט ווייס צי מיר וואלטען עס געקענט אריבערטראגען.

— נו, געלויבט איז השם יתברך,— האט טריינע אויסגערופען, — מיר אידען זיינען דאך שוין צוגעוואוינט צו צרות. אפשר צוליב דעם זכות פון אונזער הייליגען זוהן און צוליב אייער פרומע כשר׳ע טאכטער האט

גאָט אונז אַלעמען געהאָלפען. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב שוין זיך ניט געריכט אז די חתונה פון אונזערע קינדער וועט קענען פאָרקומען ל״ג בעומר, ווי מיר האָבען געהאט באשטימט... איך האָב מורא געהאט אז דער משפט וועט זיך פארציהען א סך לענגער.

— וואָס זאָגט איהר, די חתונה?

— האָט גיטעל אויסגערופען, און האָט איהר אָנגעקוקט מיט פארוואונדערונג.

— נו, יאָ, די חתונה, מיר וועלען זיך טאקע דארפען דורכריידען וועגען דעם, און דאריבער האָב איך געבעטען מיין מאַן אייך איינצולאדען אהער. עפּעס א קליינינקייט, אליהו איז דאָך אונזער בכור!... איך וועל דאָך וועלען זיין צו דער חתונה, און איך האָב געטראכט וואָס צו טאָן מיט מיינע אנדערע קינדער... אברהם און יששכר בער׳ן וועלען מיר מיטנעמען מיט זיך קיין קיידאַן, אָבער מאיר און משה, זיינען נאָך גאנץ יונג, און אזא ווייטער וועג וועט זיין גאנץ שווער פאר זיי, אויסער דעם וועט דאָך ניט זיין קיין פּלאץ פאר אלעמען, איך מיין איבערצונעכטיגען, איהר וועט האָבען געווים נאָך געסט פון דער ווייטענס און דאריבער וועט זיין בעסער זיי זאָלען בלייבען אין דער היים. די פראגע איז נאָר ביי וועמען שטעלט מען זיי אָפּ?... איהר פארשטעהט, אויף איין טאָג אָדער צוויי קען מען זיך אן עצה געבען, אָבער מיר וועלען דאָך וועלען פארבלייבען ביז איבער די שבע ברכות, האָב איך געטראכט אפשר זאָלען מיר גאָר מאכען די חתונה אין ווילנע?...

— ניין, טריינע, די חתונה דארף געפייערט ווערען אין קיידאַן, ווי מיר האָבען געהאט פריהער אָפּגעמאכט, — האָט ר׳ שלמה זלמן געזאָגט, — עס דארף קיין ענדערונג ניט געמאכט ווערען. איי די קינדער, וועלען מיר זיך שוין אן עצה געבען. איך האָב זיך פריהער געזעהן אין בית המדרש מיט ר׳ יוסף עטקעס, דעם שוואָגער פון קיידאנער רב, ר׳ דוד קאצענעלענבאָגען, און ער האָט מיך געפרעגט וועגען דער חתונה, און איך האָב איהם ערקלערט וועגען דער שוועריגקייט מיט די קינדער, האָט ער מיר געזאָגט אז מאיר׳ן וועט ער נעמען צו זיך אין הויז פאר די עטליכע טעג, און וועגען משה׳ן וועלען מיר זיך אן עצה געבען.

— איך וועל זיך איבעררעדען מיט מיין שכנה, — האָט טריינע געזאָגט, — זי איז זעהר א וואוילע אידענע. אפשר וועט זי איהם נעמען צו זיך פאר די עטליכע טעג.

ר׳ יהודה ליב און גיטעל האָבען ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. זיי זיינען ביידע איבערראשט געוואָרען צו הערען אזעלכע רייד. זיי האָבען געמיינט אז דאָס האָט מען זיי גערופען צו זאָגען אז זיי ווילען אָפּלאָזען דעם שידוך... און צום סוף, ריידען זיי גאָר וועגען די הכנות צו דער חתונה. ביידענס פּנים׳ער האָבען געלויכטען פון גליק. אין גיטעל׳ס אויגען האָבען זיך באוויזען טרערען.

— זאָל גאָט געבען עס זאָל זיין מיט גליק, מיט מזל און מיט הצלחה, — האָט זי געזאָגט ווישענדיג איהרע אויגען. — יאָ, עס איז אונז זעהר ווינציג פארבליבען נאָכ׳ן אומגליק, אָבער וואָס עס איז אונז געבליבען וועלען מיר עס פארטאָן אויף דער חתונה, הא, יהודה ליב, וואָס זאָגסטו?

— אם ירצה השם, — האָט ר׳ יהודה ליב אויסגערופען, — מיר וועלען פראווען די חתונה ווי מיר האָבען געהאט אין זינען פאר דעם אומגליק, מיר וועלען האָבען טישען פון כל טוב פאר די אָרימע לייט פון שטאָדט. נישקשה, גאָט וועט אונז ניט פארלאָזען.

— איהר פאָהרט מיט גליק היינט אהיים, — האָט ר׳ שלמה זיך געווענדעט צו ר׳ יהודה ליב׳ן און צו גיטלען, — און מיר וועלען אָנקומען א פּאָר טעג פאר דער חתונה, און טריינע וועט אייך שוין העלפען מיט די הכנות.

צופרידענע און גליקליכע זיינען זיי ביידע, גיטעל און איהר מאַן, אָפּגעפאָהרען אין קיידאַן אויף דער זעלבער פוהר וואו דער רב און די רביצין זיינען געפאָהרען.

— געלויבט איז גאָט! — האָט ר׳ יהודה ליב זיך אָנגערופען צום רב, — מיט איין האנט שטראָפט ער, און מיט דער צווייטער היילט ער. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, רבי, אז איך

און גיטעל, זאל געזונט זיין, האבען שוין געמיינט אז עס וועט זיין אויס שידוך... ווייל איצט בין איך דאך שוין געווארען א קבצן, און אזא זוהן ווי אליהו, פארדינט ארייצופאלען אין רייכע הענט, ער זאל ניט דארפען טראגען קיין עול פון פרנסה. אבער מיר האבען געהאט א גרויסען טעות. ר' שלמה זלמן און זיין פרוי האבען גאר אנדערש ניט געטראכט ווי נאר אז די חתונה מוז זיין אין דער באשטימטער צייט.

— און ביי מיר איז גאר דער מינדסטער צווייפעל ניט געווען, — האט ר' דוד געזאגט, — אז ר' שלמה זלמן וועט צוליב דעם ניט אפלאזען דעם שידוך. אזא צדיק ווי ער ווייסט אז עשירות איז אין גאט'ס הענט, און מיר דארפען זיך אונטערווארפען דעם ווילען פון גאט.

זעהר גרויס איז געווען די שמחה אין קיידאן ווען מען האט זיך דערוואוסט אז דער רב און ר' יהודה ליב קומען אן. כמעט די גאנצע שטאדט איז זיי אנטקעגענגעקומען. ר' אשר איז געפאלען ר' יהודה ליב'ן אויפ'ן האלז און געוויינט.

— איך בעט אייך, זייט מיר מוחל, — האט ער וויינענדיג געזאגט, — איך בין א סך שולדיג אין אייער אומגליק.

— וואס רעדט איהר, ר' אשר? — האט ר' יהודה ליב אויסגערופען, — וואס זייט איהר שולדיג! אפילו אייער איידעם איז אויך ניט אינגאנצען שולדיג. די אומשטענדען זיינען געווען אזעלכע וואס האבען גורם געווען ער זאל באגעהן א זינד. אבער ער אליין האט דאך אויך תשובה געטאן, און לאמיר האפען אז גאט וועט איהם מוחל זיין.

— פריהער דארפט איהר איהם מוחל זיין, — האט ר' אשר געזאגט, — ווייל ער האט דאך אייך פאראורזאכט אזא אומגליק.

— ער איז בלויז געווען דער שליח פון גאט, — האט ר' יהודה ליב געזאגט, — עס איז מן הסתם באשערט געווען פון הימעל אז איך זאל אפקומען פאר עפעס א זינד, און אז איך זאל ווערען א יורד, נו, האט גאט געמאכט אייער איידעם פאר דעם שליח. אונז איז זעהר שווער צו באגרייפען די וועגען פון גאט... אלץ וואס מיר דארפען זאגען איז: "גם זו לטובה"... איך זאג אייך, אז איך בין איהם מוחל במחילה גמורה... איך בין זיכער אז אויך דער רב וועט איהם מוחל זיין.

— איך וויל אבער אז איהר זאלט מיר אויך מוחל זיין, — האט ר' אשר טרויעריג געזאגט, — איך האב גאר א גרויסען חלק אין אייער אומגליק.

— אפשר זייט איהר געווען א גורם מיט דעם וואס איהר האט געגעבען אייער איידעם א פאטש, אבער דאס מיינט ניט אז איהר זייט שולדיג. ווער קען פאראויסזאגען, וואס איין טאט אונזערער קען אמאל מיטברענגען. אין אייערע אויגען האט ער דאן פארדינט דעם פאטש.

— אבער דער אמת איז, אז ער האט טאקע דעם פאטש ניט פארדינט, — האט ר' אשר געזאגט, — איך בין דאן פיליכט געווען אזוי שולדיג ווי ער וועגען בריוו וואס ער האט געשריבען צו ר' שלמה זלמנ'ען... ווייל איך האב אין מיין הארצען שטארק געוואלט ער זאל קאליע מאכען דעם שידוך צווישען אייער טאכטער און אליהו'ן. איך קען זיך אליין ניט אפגעבען קיין חשבון פארוואס איך האב עס אזוי שטארק געוואונשען... מן הסתם איז עס שוין אזוי די פארשאלטענע נאטור פון מענשען וואס איז דורכגעדרונגען מיט קנאה... יא, איך בין זיך מודה אז איך האב אייך שטארק מקנא געווען דעם גליק דאס וואס אליהו ווערט אייער איידעם, און דערפאר האט מיך גאט אויך געשטראפט, אז מיין איידעם האט געבראכט אזא שאנדע אויף אונז אלעמען.

— נו, מיר דארפען איצט פארגעסען אן אלץ. געלויבט איז גאט, וואס מיר זיינען אפגעקומען מיט שרעק און מיט א געלד־פארלוסט.

— וועט איהר מיר מוחל זיין?!

— האט ר' אשר זיך צו איהם געווענדעט מיט טרערען אין די אויגען, — איך זאג אייך, אז זינט דאס האט פאסירט, האב איך קיין איין נאכט ניט געשלאפען ווי געהעריג. זאגט מיר בלויז אז איהר וועט מיר מוחל זיין.

— א, וואס רעדט איהר, ר' אשר,

וואס איז דאס פאר א פראגע? געוויס בין איך אייך מוחל! איהר וועט ביי מיר זיין אן אנגעליינגטער גאסט אויף מיין טאכטער׳ס חתונה, אם ירצה השם אום ל״ג בעומר.

— די חתונה וועט טאקע פארקורמען אום ל״ג בעומר? — האט ר׳ אשר אויסגערופען, — א, גאט צו דאנקען! איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך האב זיך אזוי געשראקען אז דאס וועט זיך אפרופען אויף דער חתונה... גלויבט מיר, אז אייערע רייד האבען מיך איצט א סך בארוהיגט... אוי, איך מוז גלייך געהן אנזאגען די שמחה צו מיין ווייב און מיין טאכטער, זיי זיינען געווען אזוי שטארק באזארגט וועגען דעם.

— אלץ וועט זיין ווי מיר האבען געפלאנט, אם ירצה השם, — האט ר׳ יהודה ליב געזאגט, — און איך האף אז איהר און אייער משפחה וועלען זיין אויף דער חתונה. אי־ האף אויך אז אייער איידעם וועט שוין דאן זיין מיט אייך, און אויב עס וועט פאר איהם ניט זיין צו שווער, וואלט איך אויך איהם איינגעלאדען צו דער חתונה.

— גאט וויים, — האט ר׳ אשר געזאגט, — אויב ער זאל זיך אפילו צוריקקערען אין צייט פאר דער חתונה, וואלט פאר איהם געווען ־אטזאם ניט צו באווייזען זיך ־אר אזוי פיעל מענשען... עס וועט איהם לאנג נעמען ביז וואנען ער וועט ביי זיך פועל׳ן ארויסצוגעהן אין גאס.

— און איך גלויב, פונקט פארקערט, אויב ער וועט קומען צו דער חתונה, וועלען אלע איינזעהן אז מיר האבען איהם מוחל געווען מיט׳ן גאנצען הארצען און מען וועט שוין אויף איהם ניט קוקען מיט בייזע אויגען, ווייל אויב מיר האבען איהם מוחל געווען, וועלען דאך די אנדערע ניט מעהר טראגען אויף איהם קיין שנאה.

— איך דאנק אייך זעהר, ר׳ יהודה ליב, — האט ר׳ אשר זיך אנגערופען, — לאמיר שוין האלטען דערביי, אז ער זאל זיך צוריקקערען געזינטערהייט אהיים. עס איז זיך שווער פארצושטעלען אז נחום זאל זיך באווייזען אזוי שנעל אין דער עפענטליכקייט. און אפשר! איך מיין, אויב איהר און דער רב וועט איהם מוחל זיין, און איהם בעטען... נו, מילא, דאס וועלען מיר שוין זעהן. איין זאך וועל איך אייך זאגען, ר׳ יהודה ליב, אז אייער איידעם וועט קריגען פון אונז שוין גאר א גרויסען דרשה געשאנק. איך האף נאר, אז איהר וועט אינז אלעמען מוחל זיין.

— וואס רעדט איהר, ר׳ אשר, א איד טאר ניט טראגען קיין שנאה! אונזער הייליגע תורה זאגט אונז אן אין פרשה קדושים: ״לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא״ (דו זאלסט ניט פיינט האבען דיין ברודער אין דיין הארצען, אויסריידען קענסטו דיין חבר, כדי דו זאלסט ניט טראגען איבער איהם א זינד.) לאמיר פארגעסען פון אלץ, און מעהר וועגען דעם ניט ריידען.

— זאל גאט געבען אז פון היינט אן זאלט איהר מעהר ניט וויסען פון קיין צער, און איהר זאלט האבען נחת פון אייער טאכטער און אייער איידעם אייער גאנצען לעבען.

ר׳ אשר איז אוועק אהיים א צופרידענער. ער האט אלץ מורא געהאט אז צוליב דעם וואס ר׳ יהודה ליב וועט איצט פאררעכענט ווערען פאר א יורד, וועט דער שידוך מיט אליהו׳ן אינגאנצען בטל ווערען און דאס וואלט נאך דעם אומגליק גרעסער געמאכט. איצט אבער איז איהם ארונטער א שווערער שטיין פון הארצען.

— גאט צו דאנקען! — האט ר׳ אשר זיך אנגערופען צו זיין ווייב און צו זיין טאכטער ציפע — די חתונה פון אליהו׳ן מיט חנה׳ן וועט פארקומען אין צייט ווי עס איז באשטימט געווארען פריהער. מיר וועלען מוזען געבען אליהו׳ן א גאר פיינעם דרשה געשאנק. איך וועל די טעג אראפפאהרען קיין ווילנע זיך דורכריידען מיט׳ן אדוואקאט, וועל איך פאר איין וועג אויך קויפען א מתנה פאר אליהו׳ן. זיי האבען עס פארדינט ביי אונז. א קלייניגקייט! וויפיל זיי האבען זיך דאס אנגעליטען דורך אונז.

— טאטע — האט ציפע זיך אנגערופען, — האסטו דאס געלד פאר נחום׳ען?

— איך האָב ניט דאס גאנצע געלד, אָבער איך האָף אז דאס וועל איך קענען קריגען. אלץ וואס איך וועל דארפען אויסגעפינען איז וויפיל געלד עס וועט זיין נויטיג. איך פארזיכער דיר, מיין טאָכטער, אז איך בין אזוי נייגעריג אז נחום זאָל באפרייט ווערען פונקט ווי דו. איך האָט זיך שוין דורכגערעדט מיט בערל'ן דער מלוה, און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו לייהען געלד אויף א משכון. ניט געזארגט, נחום וועט באפרייט ווערען. אפשר וועט דויערן נאָך א פּאָר טעג. אָבער אם ירצה השם ער וועט באפרייט ווערען. איצט אז איך בין זיכער אז ר' יהודה ליב האָט איהם מוחל געווען במחילה גמורה, וועל איך קענען עס זאָגען צו נחום'ען און ער וועט זיך שוין עטוואס בארוהיגען.

ר' אשר האָט פאר'משכנ'ט זיין ווייב'ס צירונג און נאָך עטליכע ווערטפולע חפצים, ביים מלוה, און איז אָפּגעפאָהרען קיין ווילנע. די ערשטע זאך וואס ער האָט געטאָן איז געווען זיך צו זעהן מיט דעם אדוואקאט. און פון איהם האָט ער אויסגעפונען אז עס וועט גאָר ניט זיין אזוי גרינג אויסצולייזען נחום'ן פון געפענגנים, ווייל ער וועט פריהער האָבען א משפט איבער זיך צוליב צוויי זאכען. ערשטענס, פאר שרייבען א ליגען צום פּאָליציימייסטער, און צווייטענס, באשולדיגט מען איהם איצט, אז ער האָט געוואָלט ארויסבאקומען דורך כאבאר א בריף פון דער פּאָסט, וואס דאס אליין איז גאָר א גרויסער פארברעכען און ער קען דערפאר קריגען א יאָהר אָדער מעהר אין טורמע.

ר 'אשר איז געווען שטארק דערשלאָגען ווען ער האָט דאס געהערט. ער האָט איהם געפרעגט אויב עס איז מעגליך פאר איהם זיך צו זעהן מיט נחים'ן, אָבער דער אדוואקאט האָט איהם דערפון אָפּגערעדט.

— דיין באזוכען איהם קען איהם איצט ברייגגען מעהר שאדען ווי גוטעס, — האָט דער אדוואקאט געזאָגט, — דו פארשטעהסט דאך, אז מען וועט דארפען אימיצע; אונטערקויפען, און ווען דאס וועט אויסגעפונען ווערען, וועט די באשולדיגונג געגען איהם שטארקער ווערען.ווארט צו נאָך עטליכע וואכען און דאן וועט מן הסתם פארקומען זיין משפּט. איך וועל איהם פארטיידיגען, און ווען ער וועט אָפּקומען בלויז מיט א געלד שמראף, וועסטו דאן קענען צושטעלען דאר געלד.

ר' אשר האָט זיך געפיהלט שטארק דערשלאָגען פון דעם. ער האָט געהאָפט אז נחום וועט גאָר אין גיכען זיין מיט זיי, און צום סוף וועט ער נאָך דארפען האָבען א משפט און ערשט דאן וועט איהם אָפּקאָסטען גענוג געלד. וואו ער וועט נעמען דאָס געלד האָט ער ניט געוואוסט, ווייל זינט דעם אומגליק מיט זיין איידים האָבען זיי פארנאכלעסיגט זייער געשעפט. עס איז זיי פּשוט ניט געלעגען אין זינען. די ערשטע צייט זיינען זיי געווען פארנומען זוכענדיג נחום'ן, זיך נאָכפרעגענדיג ביי יעדען איינעם, און זינט דעם ארעסט פון ר' יהודה ליב'ן און דעם רב, איז דאָך ניט שייך. ווען מען איז דאס דאן געלעגען אין קאָפּ?... קיין גרויסער איינגעפונדעווועטער גביר ווי ר' יהודה ליב איז ער דאָך קיין מאָל ניט געווען. ער איז געווען א באלעבאטישער איד און האָט געהאט פרנסה בכבוד. איצט אָבער, אז עס האָט איהם אָפּגעקאָסט א הונדערטער צו העלפען אויסלייזען דעם רב, האָט ער געמוזט אָנקומען צום מלוה.

ווען ר' אשר האָט געזעהן אז ער קען זיך דערווייל ניט זעהן מיט זיין איידעם, האָט ער באשלאָסען זיך אומצוקעהרען קיין קיידאן. איידער ער האָט פארלאָזט ווילנע איז ער אוועק צו ר' יהושע העשל'ן, דעם ווילנער רב, און זיך מיט איהם מיישב געווען וואס פאר א מתנה ער זאָל קויפען דעם חתן אליהו, אלס דרשה געשאנק.

— איהר פארשטעהט רבי, איך האָב דאָך אזוי געזינדיגט געגען דער משפחה פון ר' יהודה ליב'ן, און איך וואָלט וועלען מיט עפּעס פארגיטיגען, בפרט איצט, ווען ר' יהודה ליב איז לא עליכם געווארען א יורד, דורך דער שולד פון מיין איידעם.

— עס ווענדט זיך וויפיל געלד איהר זייט בכח אויסצוגעבען, — האָט ר' יהושע העשל געזאָגט.

— דאס איז ביי מיר קיין פראגע

ניט. איך וועל ניט קוקן אויף די הוצאות. איך וועל זיך לאָזן קאָסטן וויפיל עס וועט זיין נויטיג.

— אויב אזוי, גלויב איך, אז איהר זאָלט פאר אליהו'ן קויפען א ש"ס בדפוס אמסטערדאם. דאס וועט זיין זעהן אן אָנגעלייגטער דרשה געשאנק.

דער ווילנער רב האָט איהם געזאָגט וואו ער קען קריגען קויפען דעם ש"ס און ר' אשר איז אוועק אהין און אָפּצאָהלענדיג גאָר א גרויסע סומע פאר דעם, האָט ער געקויפט דעם ש"ס פאר אליהו'ן אלס דרשה געשאנק.

ער איז געקומען אהיים מיט דער מתנה, און איהם האָט שטארק הנאה געטאָן וואס ער האָט געקויפט אזא טייערען דרשה געשאנק פאר ר' יהודה ליב'ס איידעם.

ווען אָבער ציפּע האָט אויסגעפּונען אז ער האָט אויסגעגעבן דאס גאנצע געלד וואס ער האָט געהאט געבאָרגט אויסצולייזען נחום'ן, אז נחום וועט נאָך אויף זיך האָבען א גרויסען משפּט, האָט זי זיך פאנאנדערגעוויינט.

— גאָט ווייסט אויב איך וועל איהם שוין זעהן, — האָט זי געכליפּעט.— דו האָסט עס ניט באדארפט טהאָן, טאטע, דו ווייסט דאָך ווי שווער עס איז דיר אָנגעקומען צו קריגען דאס געלד, און טאָמער וועט מען דארפען מעהר געלד?

— הער זיך איין טאָכטער, דורך אונז האָט די גאנצע משפּחה פון ר' יהודה ליב'ן געליטען. און איך האָב עפּעס געמוזט טהאָן. נישקשה, גאָט וועט העלפען. אפשר וועט גאָט געבען אז בזכות דעם יונגען גאון און צדיק וועט קומען א ישועה אויף נחום'ן און אויף אונז אלעמען.

אלע אידען פון קיידאן האָבען זיך געגרייט צו דער חתונה פון ר' יהודה ליב'ס טאָכטער חנה, מיט אליהו'ן, דעם זוהן פון ר' שלמה זלמן. פון דעם לעצטען געלד וואס זיי איז פארבליבען, האָט גיטעל גענעהט חתונה קליידער פאר איהר טאָכטער און זי האָט גענומען צוגרייטען א חתונה ווי עס פּאסט פאר דעם גרעסטען גביר פון שטאָדט, וועלכער קריגט אריין אזא איידעם ווי אליהו.

דריי טעג פאר ל"ג בעומר, ווען די חתונה האָט באדארפט פארקומען, זיינען געקומען ר' שלמה זלמן זיין פרוי טריינע מיט זייערע צוויי עלטערע זיהן נאָך אליהו'ן.

מען האָט זיי אין קיידאן געגעבען א שעהנעם קבלת פּנים. און ווי נאָר טריינע האָט זיך אויסגערוהט אביסעל פון וועג, האָט זי זיך גענומען העלפען גיטלען, צוזאמען מיט די אנדערע ווייבער וועלכע האָבען געבאקט, געקאָכט און געבראטען פאר דער חתונה.

מאָנטאג, ערב ל"ג בעומר, איז געווען דער דריטער תענית פון בה"ב, און ניט נאָר האָט די כלה אליין געפאסט, נאָר אלע מחותנים און פרומע אידען. די חתונה איז באשטימט געווארען אויף מאָרגען, דינסטאָג, מיטאָג צייט. דער חתן אליהו, זיין פאָטער ר' שלמה זלמן צוזאמען מיט ר' יהודה ליב'ן זיינען אוועק דאווענען דעם ערשטען מנין אין בית המדרש.

דערווייל זיינען זיך צוזאמענגעקומען די ווייבלאך און מיידלאך און געטאנצט אין הויז פון דער כלה. שפּעטער א ווײלע זיינען צוזאמענגעקומען די יונגע לייט, מיט א היבשע צאָהל עלטערע חשוב'ע בעלי בתים, זיי זיינען געגאנגען מיט די כלי זמר צום בית המדרש צו דעם קבלת פּנים פון חתן. די כלי זמר האָבען געשפּילט און די יונגע לייט האָבען זיך צעטאנצט אויף דעם וועג. דאן האָט מען געווארט ביז אליהו איז ארויסגעקומען צוזאמען מיט זיין פאָטער און ר' יהודה ליב'ן, און מען האָט איהם באגלייט צום הויז מיט מוזיק און טענץ, אין הויז האָט מען דערווייל געמאכט א לחיים און פארביסען מיט לעקעך און איינגעמאכטס.

גלייך נאָכדעם האָט מען געפיהרט די כלה צום בית המדרש וואו די חופּה איז געשטאנען, זי צו באדעקען. די כלה איז געפיהרט געווארען אין באגלייטונג פון איהר מוטער, און א היבש ביסעל אנדערע פרויען. די כלי זמר האָבען געשפּילט ביז וואנען די כלה איז צוגעקומען צום בית המדרש. פון דארטען האָבען זיך די כלי זמר אומגעקעהרט און געפיהרט דעם חתן צום בית המדרש. דערווייל זיינען די טישען געגרייט געווארען פון כל טוב.

דער קיידאנער רב, ר׳ דוד קאצענעלענבאָגען האָט געזאָגט די ברכות און מסדר געווען די קידושין. באלד האָט מען צובראכען א גלעזערנע כלי און אלע האָבען אויסגעשריען מזל טוב!

נאָך דער חופה האָט מען זיך אומגעקהרט מיט געזאנג, מוזיק און טענץ צו ר׳ יהודה ליב׳ס הויז. דארט האָט מען אויסגעזעצט די געסט יעדען אויף זיין פּלאַץ. די ערשטע חלקים זיינען פאנאנדערגעטיילט געווארען צו די ארימע לייט פון שטאָדט פאר וועמען עס איז געווען צוגעגרייט די טישען אין א באזונדערען צימער.

אין דעם גרויסען צימער פון הויז זיינען געווען די מחותנים, און די וויכטיגע געסט. אויבען אָן ביים טיש איז געזעסען אליהו, דער חתן, נעבען איהם איז געזעסען זיין פּאָטער ר׳ שלמה זלמן, דער רב ר׳ דוד, און אליהו׳ס ערשטער רבי ר׳ משה, דער מחבר פון ״פּני משה״, דער חבור אויף ירושלמי, וואס ער האָט ניט לאנג צוריק געדרוקט אין אמסטערדאם.

אליהו האָט דאן געהאלטען זיין דרשה וואס איז געווען א וואונדערבארער פּלפּול, וואס האָט ארויסגערופען גרויס באגייסטערונג ביי די גדולים און לומדים. ווען ער האָט געהאלטען זיין דרשה האָט אליהו׳ס פּנים געלויכטען, און די געסט וועלכע האָבען ניט אלץ פארשטאנען, האָבען געזאָגט, אז די שכינה רוהט אויף דעם יונגען גאון.

באלד נאָכדעם האָט מען גענומען איבערגעבען אליהו׳ן די דרשה געשאנקען. יעדער איינער האָט איהם געגעבען לויט זיין שטאנד. באלד איז צוגעקומען ר׳ אשר וועלכער האָט געטראָגען מיט דער הילף פון שמש דעם ש״ס וואס ער האָט פאר איהם געקויפט אין ווילנע.

מען האָט ארויסגענומען דעם ש״ס פון דעם קאסטען און מיט דער ווינשונג פון מזל טוב, האָט ער איהם איבערגעגעבען דעם דרשה געשאנק.

אזוי האָט מען פארבראכט דעם גאנצען טאָג אין עסען און טרינקען, און זיי האָבען זיך משמח געווען מיט דעם וואס די כלי זמר האָבען געשפּילט און די פרויען האָבען געטאנצט. גיטעל און טריינע האָבען זיך גענומען פאר די הענט און זיך אוועקגעלאָזט טאנצען.

ווידער אמאָל האָט מען זיך געוואונשען מזל טוב און מען האָט געמאכט לחיים.

עס זיינען פאראיבער צוויי וואכען זינט די חתונה פון אליה׳ן מיט חנה׳ן איז פארגעקומען, און פּלוצלונג האָבען זיך אראָפּגעלאָזט אין קיידאן צוויי בעאמטע פון ווילנע מיט פּאַפּירען. זיי זיינען גלייך געקומען מיט דעם קיידאנער פּריסטאוו אין דעם הויז פון ר׳ יהודה ליב׳ן, און זיי האָבען באלד געלייגט פּעטשאטען פון טריוואקס אויף אלץ וואס עס האָט זיך געפונען אין הויז. זיי האָבען דאן געוויזען ר׳ יהודה ליב׳ן די פּאַפּירען פון ווילנער געריכט׳ס הויז און אלץ וואס ער פארמאָגט דארף קאָנפיסקירט ווערען פאר דער מלוכה, צוליב דעם וואס ער האָט ניט געמאָלדען פּאָליציי, ווען זיין דינסט האָט פארלאנגט צו ווערען א אידין.

עס האָט אין הויז אויסגעבראכען א יללה און געוויין. חנה, די יונגע ווייבעל פון אליהו האָט געוויינט צוזאמען מיט איהר מוטער׳ ר׳ יהודה אָבער האָט זיך אויף זיי אָנגעבייזערט:

— דאָס איז אזוי דער רצון פון גאָט און מיר דארפען אָננעהמען די שלעכטעם וואס ער טיילט אונז איין, פּונקט ווי די גוטעם...

— אָבער פאר וואס קומט אונז צו ליידען אזוי פיל ווען מיר האָבען קיינעם קיין שלעכטעס נישט געטאָן?

— הער זיך איין, גיטעל! — האָט ר׳ יהודה ליב זיך צו איהר אָנגערופען — לאָמיר זיך פארשטעלען פאר א רגע אז דער רבונו של עולם גיט אונז די ברירה: אויב מיר ווילען פארבלייבען ווי געווען רייך, און ניט האָבען קיין צרות פון דער מלוכה, וועלען מיר ניט קענען קריגען אליהו׳ן פאר אונזער איידעם; און אויב מיר ווילען האָבען אליהו׳ן פאר אן איידעם, דארפען מיר ליידען אָט די אלע צרות, און אפשר נאָך מעהר... פרעג איך דיר, וואס וואָלט געווען דיין ענטפער?

דער טרויער פון גיטעל׳ס פּנים איז

פּאַראיבער, און א שמייכעל האָט זיך באוויזען...

— דו דאַרפסט מיר ניט זאָגען, גיטעל! איך שטוים זיך אַז וואס דיין ענטפער וואָלט געוועזן. מיין ענטפער וואָלט אויך אזוי געוועזן. יע, מיר זיינען גרייט אַלץ מקבל באהבה צו זיין, אבי גאָט זאָל נאָר געבען אז אונזער טאָכטער זאָל זיין גליקליך מיט דעם יונגען גאון מיט וועמען די וועלט קלינגט שוין. מיר דארפען דאנקבאַר זיין צו גאָט פאר זיין חסד וואס ער האָט מיט אונז געטאָן און אונז געגעבען אנשטאט אונזער עשירות אזא טייערען אוצר ווי אליהו פאר אונזער איידעם.

חנה איז באלד געלאָפען אין בית המדרש וואו איהר מאַן אליהו האָט געלערענט, און איהם דערצעהלט וואס עס האָט פּאסירט.

— געלויבט איז זיין הייליגער נאָמען — האָט אליהו זיך אָנגערופען — יע, חנה, אזוי ווי מיר דאנקען און בענטשען גאָט פאר די גוטעס וואס ער טוט מיט אונז, אזוי דאַרפען מיר דאנקען גאָט פאר די שלעכטעס... כאָטש עס קען גאָר זיין אז דאס וואס עס שיינט אונז צו זיין שלעכטעס, איז גאָר גוטעס.

אליהו האָט אָבער געוואוסט אז איצט איז ניט קיין צייט צו בלייבען אין בית המדרש און לערנען. ער האָט זיך שנעל צוריקגעקעהרט מיט חנה'ן צו זייער הויז. ער האָט געטראָפען — זיין שווער און שוויגער שטעהענדיג אין דרויסען מיט זייערע קישענס און אנדערע קליינִיגקייטען וואס מען האָט זיי געלאָזט מיטנעהמען; מיט זיך ווען זיי זיינען געוועזן געצוואונגען צו פארלאָזען זייער הויז און אַלץ וואס דאָרט געפינט זיך...

ר' יהודה ליב און גיטעל האָבען באַגעגענט אליהו'ן מיט א ליבליכען שמייכעל.

— נו, וואס זאָגסטו צו דעם אליהו?

— האָט זיין שווער זיך צו איהם געווענדעט — מיר זיינען פּלוצלונג געבליבען אָהן א היים, אָהן געלד און אָהן מעבעל. אָבער מיר דאנקען גאָט וואס ער האָט אונז באַגליקט מיט אזא איידעם ווי דו... איצט איז אונז זעהר גרינג אריבערצוטראגען אַלץ.

— וואָס ווילען מיר אָבער איצט טאָן? — האָט גיטעל זיך אָנגערופען מיט געלאסענקייט אין איהר שטימע. וואוהין וועלען מיר געהן?

— חנה און אליהו וועלען נעכטיגען ביים רב! — האָט ר' יהודה ליב זיך אָנגערופען. און מיר ביידע זיינען איינגעלאַדען צו ר' אשר'ן, ביז וואַנען מיר וועלען קומען צו זיך.

— צו ר' אשר'ן האָט גיטעל זיך אָנגערופען — ניין, מיין מאַן! — מיר דארפען צו איהם אין הויז ניט געהן. ווייל אונזער זיין דארט וועט זיי שטענדיג דערמאָנען אָן דעם פארברעכען פון זייער איידעם...

— איך האָב אויך וועגען דעם געטראכט — האָט ר' יהודה ליב געזאָגט — אָבער ווען ר' אשר איז געקומען און מיך איינגעלאַדען צו זיך אין הויז, האָב איך איהם ניט געקענט אנטזאגען... דו פארשטעהסט, ער וואָלט עס אויסגעטייטשט אז מיר טראגען נאָך אַלץ אויף זיי אַלעמען א שנאה... מיר דארפען זעהן זיי ניט מעהר וועה צו טהאָן! זיי האָבען זיך אויך גענוג אָנגעליטען... אמווייניגסטען אונזער שאָדען איז מעהר ווי פארצעהנפאכט גוטגעמאכט געוואָרען. אָבער זיי ליידען נאָך איצט אויך. דו האָסט דאָך געהערט אז ר' אשר האָט אויסגעפונען אז נחום איז פאר'משפט געוואָרען צו זיצען אין טורמע דריי יאהר. און דאן ווער ווייסט וואס עס וועט נאָך געשעהן.

די ספרים און דעם ש"ס וואס אליהו האָט געקראגען דרשה געשאנק פון ר' אשר'ן האָט אליהו מיטגענומען אין דעם הויז פון דעם רב, וואו זיי זיינען פארבליבען צייטווייליג. די רביצין האָט פאר זיי צוגעגרייט א צימער.

איינִיגע אידען האָבען געהאָלפען ר' יהודה ליב'ן און זיין פרוי אריבערצוטראגען די עטליכע פעקלעך צו ר' אשר'ן אין הויז. די אידען האָבען געוויינט ווען זיי האָבען עס געטאָן. זיי האָבען געוואָרפען זייערע בליקען אויף ר' יהודה ליב'ן און זיין פרוי, וועלכע זיינען געווען פארעכענט פאר די רייכסטע אידען אין קיידאַן, און איצט זיינען זיי אזוי פאראָרימט געוואָרען.

ר׳ אשר איז זיי אנקעגען געקומען, און ווען ער האָט זיי דערזעהן האָט ער צוזאמענגעבראכען, און זיך פאנאנדע׳געוויינט ווי א קליין קינד.

ר׳ יהודה ליב און גיטעל אָבער, האָבען זיך באהערשט. זיי האָבען יעדען איינעם געוויזען א פרעהליכען פּנים. אָבער ווען עס איז געקומען די צייט צו געהן שלאָפען, האָט זיך גיטעל שוין מעהר ניט געקענט באהערשען און זיך פאנאנדערגעוויינט. אָבער איהר מאַן האָט איהר בארוהיגט.

ציפּע איז יענעם טאָג אפילו ניט ארויס פון צימער. זי האָט געפיהלט אז זי האָט א חלק אין זייער אומגליק.. ווייל איהר מאַן האָט דאך אויף זיי געבראכט דעם אומגליק... זי האָט זיך שוין גענוג אָנגעוויינט אויף איהר אייגענעם אומגליק, ווען זי האָט געהערט אז נחום איז פאַר׳משפּט געוואָרען צו דריי יאהר טורמע. און איצט, ווען זי האָט געזעהען וואס ער האָט געטאָן צו די דאזיגע מענשען, האָט זיך דאָן ערשט געעפענט דער קוואַל פון איהרע טרערען...

עס זיינען פאַראיבער נאָד עטליכע וואָכען, און ר׳ יהודה ליב האָט זיך גענומען טאָן מסחר. קיין געלט האָט ער ניט געהאט. אימיצער האָט איהם אויסגעבאָרגט א קליינע סומע געלט און ער האָט עפּעס געקויפט, און דאס פארקויפט צו די פּויערים אויפ׳ן מארק. קיינע גליקען האָט ער ניט געמאכט. ער האָט קוים פארדינט אויף חיונה און געזעהן מיט אלע מעגליכקייטען צו שטיצען זיין טאָכטער און איידעם.

אליהו האָט געהאט א סך שטערונגען אין שטאָדט, און ער האָט דעריבער בעשלאָסען אוועקצוגעהן ווייט פון שטאָדט, און האָט זיך באזעצט מיט זיין יונג ווייבעל אין א קליין שטיבעלע, וואו ער האָט געלערענט מיט דער גרעסטער התמדה, אונגעשטערט. ער האָט זעהר ניט געוואָלט אז מען זאָל איהם קומען שטערען אין לערנען, ווי דאס איז געשעהן פריהער ווען ער איז געווען אין קיידאַן. דארט פלעגען צו איהם קומען פארשידענע מענשען, איהם פרעגען ענינים פון דער גמרא, און איהם א סך שטערען אין זיין לערנען. ער האָט דעריבער געבעטען זיין פרוי, אז זי זאָל קיינעם ניט אנטדעקען דעם פּלאַץ וואו זיי האַלטען זיך אויף כדי ניט געשטערט צו ווערען.

זיין געטרייע, צנועה׳דיגע פרוי, האָט זיין פארלאנג דערפילט. זי האָט קיינעם ניט דערצעהלט אויסער איהרע עלטערען וועמען זי האָט געבעטען צו האַלטען עס פאר א סוד. זי פלעגט באקומען עטוואס שטיצע פון איהרע פאראַרימטע עלטערען, און מיט דאס ביסעל וואס זי האָט געקראגען, האָט זי ווי א גוטע בעל־הבית׳טע געשפּייזט און צוגעזעהן איהר מאַן, ער זאָל קענען לערנען אונגעשטערט.

זיינענדיג אָפּגעזונדערט פון אלעמען, האָט אליהו **זיך פארטיפט אין** לערנען. ער האָט געלערענט טאָג און נאכט. און חנה פלעגט זיצען פון ווייטען און זיך צוהערען צו זיין לערנען, ווען זי איז פארטיג געוואָרען מיט איהר ארבייט. זי האָט געזעהן אז ער זאָל האָבען אלע זיינע באקוועמליכקייטען כדי ער זאָל ניט געשטערט ווערען פון זיין לערנען. אזוי האָט ער פארבראכט אין זיין קליין ארים הייזעל א פאָר יאהר, און ער האָט מחדש געווען זעהר פיל אין זיין לערנען. קיינע פון זיינע קרובים האָבען איהם ניט באזוכט, כדי ניט מבטל צו זיין זיין צייט. חנה׳ס עלטערען פלעגען זעהן זייער טאָכטער איין מאָל א וואָך, און פון איהר אויסגעפינען וואס ער מאכט. ר׳ יהודה ליב פלעגט דאַן איבערשיקען א גרוס צו זיינע מחותנים אין ווילנע.

(ענדע פון ערשטען טייל)

צווייטער טייל

קאפיטעל אכצעהן

צוויי פאסירונגען וואס האבען פאסירט כמעט אין איין וואך האבען אויפגערודערט די ווילנער אידען. די ערשטע פאסירונג איז געווען מיט דער גר'טע שרה'קע, וועמענס נאמען איז פריהער געווען זאשקע. די צווייטע פאסירונג איז געווען דאס ארעסטירען פון דעם יונגען חסיד מענדעל פון מינסק.

מיר וועלען דערווייל דערצעהלען וואס עס האט פאסירט מיט דער גר'טע וועלכע איז געזעסען אין תפיסה צוליב דעם וואס זי האט פארלאזט דאס קריסטליכע גלויבען. די קיידאנער אידען, און אויך איינינגע רייכע ווילנער אידען, האבען געזאמעלט געלד כדי איהר צו קענען ארויסהעלפען אין איהר פארטיידיגונג. אבער דער אדוואקאט האט געראטען דעם ווילנער רב ר' יהושע העשעל'ען, מיט וועמען ער איז געוו'ען באפריינדעט, אז עס וועט זיין א סך בעסער אויב די אידען וועלען זיך אין דעם ניט מישען, כדי ניט ארויסצורופען דעם צארן פון די קריסטען.

פארשטעהט זיך אז אט די דאזיגע עצה האבען די אידען אויסגעפאלגט, און זיי האבען זיך אינגאנצען צוריקגעצויגען פון דעם. אבער אין די הערצער פון די וועלכע האבען די גר'טע געקענט, האט זיך ערוועקט א שטארקער רחמנות אויף איהר. זי איז ביי זיי אלעמען פאררעכענט געווארען פאר א מארטירערין. מען האט וועגען איהר ניט אויפגעהערט צו ריידען אין גאס און אין בית המדרש. יעדער איינער האט געהאט צו דערצעהלען פון איהר פרומקייט. פון איהרע לײדען צוליב איהר באקעהרען זיך צום אידישען גלויבען. מען האט אנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען איהר פארשידענע מעשיות. איינינגע האבען אפילו געזאגט אז זי מוז זיין א גלגול פון א צדקנית.

מען האט דערצעהלט אז מען האט געמאכט א פארזוך זי צו צווינגען צו ווערען צוריק א קריסטין. מען האט איהר געסטראשעט מיט פארשידענע יסורים, אבער זי איז געבליבען פאר'עקשנ'ט... דאן האט מען פרובירט מיט גוטען. דער גלח פלעגט יעדען טאג קומען צו איהר אין תפיסה. ער פלעגט מיט איהר ריידען וועגען דער קריסטליכער אמונה, און איהר צוגעזאגט אלערליי גליקען. ער האט איהר אפילו צוגעזאגט אז זי וועט שטארק באלוינט ווערען. קיין געלד וועט איהר ניט פעהלען. זי וועט האבען פון אלדאס־גוטס... אבער זי, די גר'טע האט פון גאר ניט געוואלט הערען.

ווען דער גלח האט געזעהן, אז מען קאן מיט איהר גארניט מאכען, איז ער אויפגערעגט געווארען און ער האט געזאגט, אז די אידען האבען אויף איהר ארויפגעטאן א כשוף... ער האט דעריבער גענומען העצען צו א פאגראם.

מיט יעדען טאג האבען זיך די דאזיגע קלאנגען גענומען פארשפרייטען וואס מעהר. א פחד איז געפאלען אויף אלע אידען פון ווילנע. מען האט געמאכט אסיפות, און זיך גענומען דורכריידען וואס צו טאן. מען האט גערעדט וועגען דעם, אז איינינגע חשוב'ע אידען זאלען איהר ערקלעהרען, אז זי זאל זיך בעסער צוריקקעהרען צו איהר רעליגיע כדי דאמיט צו פארמיידען אן אומגליק. עס האבען זיך אבער געפונען אזעלכע אידען, וועלכע האבען געהאלטען, אז ווי באלד זי איז דאך שוין א אידין, געהט זי אריין אין דער קאטעגאריע פון "תהרג ועל תעבור"...

איינער פון די גאר פרומע אידען האט אויסגערופען:

"איך איז דאָך באקאנט וואָס די גמרא זאָגט אין סנהדרין: "כל עבירות שבתורה אם אומרים לאדם עבור ואל תהרג יעבור ואל יהרג חוץ מעכו"ם וגילוי עריות ושפיכת דמים" (אלע עבירות פון דער תורה, ווען מען הייסט א מענשען עובר זיין אויף זיי כדי ניט גע'הרג'עט צו ווערען, דארף ער פאָלגען און זיך ניט מוסר נפש זיין, חוץ פון דינען עבודה זרה, זינדיגען געשלעכטליך און פארגיסען יענעמס בלוט). אויב אזוי, טאָ ווי אזוי קאָנען מיר קומען צו איהר און הייסען איהר זיך אונטערגעבען צו דינען עבודה זרה?... ניין, מיר האָבען קיין רעכט ניט דאָס צו טאָן".

— און איך האלט אויך ווי ר' ישמעאל, — האָט א צווייטער איד אויסגערופען, — "אמר ר' ישמעאל מנין שאם אמרו לו לאדם עבוד עכו"ם ואל תהרג, מנין שיעבוד ואל יהרג, ת"ל וחי בהם ולא שימות בהם" (ר' ישמעאל זאָגט, פון וואנען דרינגען מיר, אז אויב מען הייסט א מענשען דינען עבודה זרה, כדי נישט גע'הרג'עט צו ווערען, פון וואנען דרינגען מיר, אז ער זאָל פאָלגען און ניט גע'הרג'עט ווערען, ווייל עס שטעהט אין דער תורה: "וחי בהם", מען זאָל טאָן די מצוות און "לעבען דורך זיי". דאָס מיינט, אז די תורה וויל ניט, אז מען זאָל דורך דעם וואָס מען וועט טאָן די מצוות, שטארבען.

א צאָהל אידען האָבען געהאלטען מיט דעם ערשטען, און א צאָל מיט'ן צווייטען. ווען אָבער מען האָט זיי געזאָגט, אז צוליב דעם קאָן קומען צו א פּאָגראָם, און א סך אידען וועלען אומקומען, האָבען אלע איינגעשטימט, אז מען דארף מאכען א פארזוך צו ערקלעהרען צו דער גר'טע וועגען דער גרויסער סכנה וואָס דראָהט די גאנצע אידישע קהלה פון ווילנע, כדי זי זאָל זיך ארומזעהן, אז עס איז בעסער פאר איהר זיך צוצוהערען צו די רייד פון גלח.

עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען עטליכע אידען וועלכע זיינען אוועק צום בישאָף און איהם ערקלעהרט, אז זיי ווילען מען זאָל זיי ערלויבען זיך צו זעהן מיט זאָשקע'ן, און זיי וועלען פּרובירען זי צורעדען זי זאָל זיך אומקערען צו איהר רעליגיע.

— עס איז א גוטער פּלאן! — האָט דער בישאָף זיך אָנגערופען, — איך האָב שוין אליין זיך געקליבען אייך צו ראטהען דאָס צו טאָן, ווייל די אויפרעגונג פון דעם המון וואקסט, און טאקע צוליב דעם וואָס איך ווייס, אז די אידען זיינען אין דעם ניט שולדיג, האָב איך געוואָלט, אז איהר זאָלט ניט דארפען ליידען אומזיסט... איך וועל זעהן, אז איהר זאָלט קריגען אָט די דאָזיגע ערלויבניש.

דער בישאָף האָט געשיקט א שליח צום וואָיעוואָדא און ער האָט איהם ערקלעהרט, אז די אידען ווילען ווירקען אויף דער גר'טע זי זאָל זיך צוריקקעהרען צו איהר רעליגיע, און דעריבער זאָל ער געבען ערלויבניש צו דריי אידען זיך צו זעהן מיט איהר אין תפיסה.

ווען דער גלח האָט עס געהערט, האָט ער געזאָגט, אז ער וויל אויך זיין דערביי צו הערען וואָס די אידען רעדען צו איהר. אָבער די אידען האָבען איהם געלאָזט וויסען, אז זיי וועלען רעדען צו איהר אין אידיש, און אז זיי וועלען קאָנען בעסער ווירקען אויף איהר אויב קיינער וועט זיי ניט שטערען.

די אידען האָבען געקראָגען די נויטיגע ערלויבניש און זיי זיינען צוגעלאָזט געוואָרען צו ריידען מיט זאָשקע'ן.

פון אָנפאנג האָט זאָשקע ניט געוואָלט הערען פון דעם. זי האָט זיי ערקלעהרט, אז זי וועט בעסער שטארבען איידער צו פארלאָזען די אידישע אמונה. אָבער דאן האָבען איהר די אידען ערקלעהרט וואָס פאר א סכנה עס שוועבט איבער אלע אידען פון ווילנע, ווען זי וועט בלייבען א אידין. זיי האָבען איהר דערצעהלט וועגען דער דראָהונג פון גלח און אז דער בישאָף וועלכער האָט זיך ביז איצט פאררעכענט פאר א פריינט פון אידען, האָט זיי אויך געוואָרענט, אז די סכנה איז גרויס.

— ווער ווייסט וויפיל אידישע נפשות דו וועסט דורך דעם ראטעווען, — האָבען זיי איהר געזאָגט, — און

גאָט וועלכער ווייסט דעם מענשענ'ס מחשבות וועט דיר עס פאַררעכענען פאַר א גרויסע מצוה און ער וועט דיר מוחל זיין.

עטליכע שעה האָבען די אידען מיט איהר איינגע'טענה'ט, ביז ענדליך זי האָט זיך אונטערגעגעבען... זי האָט זיי פאַרשפּראָכען צו טאָן דעם פאַרלאַנג פון דעם וואָיעוואָדא.

מיט לויכטענדע פּנימ'ער זיינען די אידען ארויס פון תפיסה. דאָרט אין פּאָדער־הויז האָט שוין געוואַרט דער גלח מיט נאָך איינינע קריסטען. זיי זיינען געווען אויפגערעגט און אומגעדולדיג. זיי האָבען גערעדט צווישען זיך, אז אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז די אידען האָבען גאָרניט געקאָנט פּועל'ן ביי איהר, דאַן וועלען זיי געבען א סיגנאַל צו די פּויערים דעם קומענדען זונטאָג צו באַפאַלען די אידען וואו נאָר זיי וועלען קאָנען.

— נו, וואָס האָט די פאַר'עקשנ'טע אייך געזאָגט? — האָט זיך דער גלח צו זיי געווענדעט, — האָט איהר באַוויזען ארונטערצונעהמען פון איהר אייער אומריינעם כשוף?

— ניט מיר האָבען אויף איהר ארויפגעטאָן אן אומריינעם כשוף, — האָט איינער פון די אידען זיך אָנגערופען צום גלח, — נאָר אָט דער וועלכער האָט זי מיט יאָהרען צוריק געטריבען צו דעם. איך גלויב, אז אייך אלעמען איז גוט באַקאַנט די סיבה וואָס עס האָט איהר געטריבען צו פאַרלאָזען אייער אמונה!

— אָבער וואָס האָט איהר אויפגעטאָן? — איז שוין דער גלח געוואָרען אומגעדולדיג.

— מיר גלויבען, אז איהר וועט שוין מיט איהר קיין שוועריגקייטען ניט האָבען, — האָט זיך דער עלטערער פון די אידען אָנגערופען.

— איך וויל אָבער אייך וואָרענען, אז אויב מיר וועלען האָבען דיזעלבע צרות מיט איהר, דאַן וועלען מיר אייך ניט שענקען.

— זי האָט אונז צוגעזאָגט, אז זי וועט שוין ניט זיין איינגעשפּאַרט.

— דאָס וועלען מיר באַלד זעהן! — האָט דער גלח געזאָגט, — און מיין עצה איז דעריבער, אז איהר זאָלט וואַרטען דאָ, וויל עס קאָן זיין, אז מיר וועלען זיך נאָך נויטיגען אין אייער הילף.

דער גלח איז אריין אינעוועניג, און אין א וויילע ארום איז ער ארויסגעקומען מיט זאָשקע'ן, וועלכע איז געגאַנגען מיט א געבויגענעם קאָפּ און געוויינט.

דער גלח מיט דעם גרויסען שוואַרצען צלם אויף זיין הארצען, האָט געוואָרפען א בליק פון נצחון אין דער ריכטונג וואו די אידען זיינען געשטאַנען, דאַן האָט ער א וואונק געטאָן צו צוויי אנדערע גוים און זיי האָבען געהאָלפען זאָשקע'ן אריינצוזעצען זיך אין אן עקיפּאַזש און פון דאָרטען זיינען זיי אוועקגעפאָהרען צום קלויסטער.

די אידען זיינען א וויילע געבליבען שטעהן. יעדער איינער פון זיי האָט זיך געפיהלט שטאַרק דערשלאָגען און צעבראָכען. און כאָטש זיי האָבען געפיהלט, אז זיי האָבען פאַרמיטען אן אומגליק, האָבען דאָך זייערע הערצער געוועהטאָגט אויף דער מערכה פון דער גר'טע, וועלכע איז געצוואונגען צו פאַרלאָזען דעם אידישען גלויבען.

— זי איז אן אמת'ע מאַרטירערין פון אונזער פאָלק, — האָבען די אידען גערעדט צווישען זיך — ווען ניט די סכנה וואָס האָט געדראָהט דאָס אידישע פאָלק, וואָלט זי עס קיינמאָל ניט געטאָן... זי וואָלט זיך בעסער געלאָזט ברענען פאַר דער אידישער אמונה צו וועלכער זי איז געווען איבערגעגעבען מיט איהר לייב און לעבען.

— אוי, ווי מיר פיהלען דעם גלות, אז מיר אליין האָבען באַדאַרפט דורכפיהרען אזא שליחות! זאָל אונז גאָט מוחל זיין!

דעם גאַנצען וועג צום קלויסטער האָט זאָשקע געוויינט, און ווען דער גלח האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט, האָט זי איהם ניט געענטפערט.

— אויב דו ווילסט זיך ניט צוריקקעהרען מיט דיין גאַנצען הארצען צו אונזער האר יעזוס, וועלען מיר דיך ניט צווינגען, — האָט דער גלח איהר געוואָלט אויספּרובירען, — זאָג מיר דעם אמת, ווילסט דאָמיט בלויז טאָן א טובה די אידען?

— ניין, — האָט זי וויינענדיג געענטפערט.

— טאָ פאַרוואָס וויינסטו?

— איך ווייס ניט.

— מיר וועסטו ניט קאנען נארען! אויב דו מיינסט, אז דו וועסט ניט קאנען דינען אונזער האר יעזוס מיט דיין גאנצען הארצען, קאנסטו זיך גלייך צוריקקעהרען צו דיין תפיסה.

זאשקע האט פארשטאנען, אז ער איז זעהר אויפגערעגט, און אז זי קאן נאך ערגער מאכען אויב זי וועט זיך ניט אונטערגעבען, האט זי דעריבער זיך אנגערופען:

— איך ווייס, אז איך האב זעהר שטארק געזינדיגט געגען אונזער האר יעזוס, דעריבער וויין איך. איך האף, אז ער וועט מיר מוחל זיין.

— דו וועסט דארפען פארברענגען עטליכע וואכען אין קלויסטער, וואו דו וועסט געלייטערט און גערייניגט ווערען פון דיינע זינד, — האט דער גלח איהר געזאגט, — און ערשט דאן וועל איך קאנען דורכפיהרען די צערעמאניע פון דיין באקעהרען זיך צו אונזער גלויבען! אבער זיי וויסען, אז די ערשטע זאך וואס דו וועסט דארפען טאן איז זיך מודה זיין אויף אלץ וואס דו האסט געטאן זינט דו האסט פארלאזט אונזער אמונה! דו וועסט דארפען דערצעהלען דעם אמת, צי די אידען האבען דיך ניט איבערגערעדט צו פארלאזען דיין גלויבען! איך און פילע אנדערע קריסטען גלויבען, אז דאס וואס דו האסט עדות געזאגט ביים משפט פון די קיידאנער אידען, איז ניט געוועזן אמת, דאס האבען דיר די אידען געהייסען אזוי זאגען.

— אלץ וואס איך האב דערצעהלט ביים משפט איז געוועזן אמת. קיינער האט מיך ניט געצוואונגען דאס צו טאן.

— טא ווי אזוי קאנסטו עס מיר ערקלעהרען דאס וואס דו האסט פארלאזט דיין הייליגע אמונה און געווארען א זשידאווקע?

— דאס איז געוועזן די שולד פון דעם אומווירדיגען גלח, וועלכער האט מיך פארפיהרט, — האט זאשקע געזאגט, — איך האב געוואוסט ווי זינדיג ער איז, און אז ער האט געוואלט ווארפען די שולד אויף אן אומשולדיגען אידען ביי וועמען איך האב געדינט. יא, דאס האט מיך אפגעשטויסען פון מיין אמונה. אבער די אידען האבען דאמיט גארניט געהאט צו טאן.

— פון היינט אן און ווייטער דארפסטו אינגאנצען ארויסשלאגען דיינע געדאנקען וואס מיט דיר האט פאסירט. דו אליין ווייסט גאנץ גוט, אז דער גלח, דער אויסוואורף איז דאך גוט באשטראפט געווארען, און צוליב איין פארדארבענעם גלח, האסטו קיין רעכט ניט געהאט צו ווארפען אן אומ׳חן אויף דיין אמונה.

נעבען קלויסטער האט שוין געווארט א גרויסען המון. יעדער האט געוואלט זעהן די גר׳טע וועלכע וועט זיך צוריקקעהרען צו איהר אמונה. דער גלח איז ארויסגעקומען פון דער פארמאכטער קארעטע, האט ער זיך איבערגע׳צלמ׳ט, און ער איז אריין אין קלויסטער. אין א וויילע ארום איז פון דארט ארויסגעקומען אן אלטע מאנאשקע, אנגעטאן אין שווארצע קליידער. זי איז צוגעקומען צו דעם עקיפאזש, און באלד איז פון דארט ארויסגעקומען זאשקע. זי האט געהאלטען איהר קאפ ארונטערגעלאזט, דער המון האט זיך געשטופט, יעדער האט געוואלט כאפען א בליק אויף איהר. אייניגע פון המון זיינען געוועזן ענטוישט, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז אויב די גר׳טע וועט היינט ניט צוריקקומען אין קלויסטער, וועלען זיי קריגען א פרייע האנט צו ראבירען אידישע קראמען, און איצט איז די דאזיגע געלעגענהייט פארשוואונדען, א וויילע האבען זיי געווארט נעבען קלויסטער, און נאכדעם האבען זיי זיך אוועקגערוקט פון דארטען.

קאפיטעל ניינצעהן

עטליכע טעג האבען די ווילנער אידען ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען דער דאזיגער געשעהעניש. אבער באלד האט פאסירט א זאך וואס האט אלעמען געמאכט פארגעסען די געשיכטע מיט זאשקע׳ן.

אין ווילנע האט זיך באוויזען א יונגער מאן מיט א שווארצע, געדיכטע בארד. פון זיין הילוך האט מען געקאנט מערקען, אז ער איז ניט קיין היגער, אז ער קומט פון מרחקים. דער פרעמדער איז אריין אין א בית המדרש, אויף דעם שוהל־הויף. ער האט זיך געשטעלט דאווענען דעם צוויי־

טען מנין. און ער האָט מיט זיין מאָדנער אויפפיהרונג ביים דאוונען ארויסגערופען די אויפמערקזאמקייט פון אלע אנדערע מתפללים. ער האָט זיך געשאָקעלט, געדרעהט, געמאכט מאָדנע העויות, געזונגען, אונטערגעשפרונגען, פונקט ווי ער וואָלט זיך צעטאנצט אויף א שמחה...

האָבען די אנדערע מתפללים געקוקט אויף איהם און געצוקט מיט די פּליי־צעס זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען, געשאָקעלט מיט די קעפּ. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי זעהען אזא אידען... ער האָט געדאַווענט מיט אלע זיינע רמ״ח אברים... ער האָט געגלאָצט מיט ד אויגען און זיין גאנצער קערפּער האָט זיך באַוועגט.

נאָכ׳ן דאוונען זיינען די אידען צו איהם צוגעקומען און איהם געגעבען שלום עליכם.

— פון וואנען איז א איד?

— פון מינסק!

— פון מינסק! — האָט איינער זיך אָנגערופען און איהם באטראכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— יא, פון מינסק.

— איך בין ניט לאנג צוריק געווען אין מינסק, און ווי איך ווייס, אונטערשיידען זיך ניט די מינסקער אידען פון די ווילנער אידען. אין מינסק טראָגט מען ניט אזעלכע בגדים.

— איך בין א מינסקער, אָבער פאר די לעצטע צעהן יאָהר בין איך ניט געווען אין מינסק.

— און וואו ביזטו געווען די גאנצע צעהן יאָהר? — פרעגט איהם א צווייטער איד.

— איך בין געווען אין מעזשיבוזש, אין פּאָדאָליע, ביי דעם הייליגען צדיק ר׳ ישראל בעל שם טוב.

— ר׳ ישראל בעל שם טוב?!... ווער איז ער דאָס?

— וואָס?! דו ווייסט ניט ווער דער הייליגער צדיק ר׳ ישראל בעל שם טוב איז?

— אָ, איך ווייס, — האָט זיך א דריטער איד אָנגערופען, — איך האָב געהערט, אז מען דערצעהלט, אז ער וויזט וואונדער, אָבער די וועלכע האָבען מיר דערצעהלט האָבען זיך נאָר אויסגעלאכט פון דעם.

— די וועלכע לאכען פון בעל שם טוב וועלען ניט זוכה זיין צו זעהן ווי ער וועט ברענגען די ישועה! — האָט ער געזאָגט, — דער בעל שם טוב איז א הייליגער און מיר דארפען זיך שעצען גליקליך וואָס מיר האָבען זוכה געווען איהם צו האָבען אין אונזער דור, ווייל ער וועט נאָך ברענגען די גאולה.

—מה שמכם? — פרעגט איהם איינער.

— מענדעל איז מיין נאָמען! — ענטפערט ער.

— הער זיך איין, מענדעל, — רופט יענער אויס, — אויב דו האָסט געזונט שכל וועסטו זיך אָפּטראָגען פון ווילנע וואָס שנעלער, ווייל ווי איך זעה, ביזטו א שבתי צבי׳ניק. דו גלויבסט אין איהם פונקט ווי מען האָט אמאָל געגלויבט אין דעם פאלשען משיח שבתי צבי, ימח שמו וזכרו!...

— ווען איך האָב מיט צעהן יאָהר צוריק געהערט, אז מען דערצעהלט אזעלכע וואונדער־מעשיות פון ר׳ ישראל בעל שם, האָב איך אויך אזוי גערעדט, — האָט מענדעל געזאָגט, — אָבער איינער א חסיד פון ר׳ ישראל בעל שם טוב האָט זיך געשוואָרען, אז ער אליין האָט ביי־געוואוינט איינינע וואונדער פון דעם בעל שם, און ער האָט מיך איבערגערעדט איך זאָל מיט איהם אָפּרייזען קיין מעזשיבוזש, ווע־ל איך זיך איבערצייגען. אָט דער חסיד זיינער איז געווען א סוחר, און ער פלעגט זיך אָפּשטעלען אין מינסק צוליב זיינע מסחרים. אלע האָבען איהם געקענט פאר אן עהרליכען אידען. נו, און אז איך האָב געהערט, אז ער שווערט זיך, האָב איך באשלאָסען איהם צו פאָלגען און איך האָב זיך אוועקגעלאָזט. אין דעם דאָזיגען ווייטען וועג מיט איהם, און געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיר אריינגעגעבען א געדאנק צו פאָהרען אהין. איי, וואָס איך האָב דאָרט, ביי איהם, אָנגעזעהן און אָנגעהערט. נסים ונפלאות. אוי, אוי, אוי, נסים ונפלאות!...

דער חסיד האָט זיך פּלוצלינג צעזונגען און צעטאנצט מיט אזא ברען און התלהבות, פארגלאָצענדיג מיט די אויגען, אז אלע מתפללים האָבען געמיינט, אז ער איז פון זינען ארונטער. ער

האָט צוזאמענגעלייגט טלית און תפילין, און ניט אויפגעהערט צו זינגען. אפילו ווען ער איז ארויס פון בית המדרש האָט ער געטאנצט און געשפרונגען פון גרויס דבקות, און התלהבות. ער האָט אויפגעהויבען זיינע הענט אין דער הויך, און געמאכט מאָדנע העויות און גרימאסען.

א גרויסע צאָהל אידען זיינען איהם נאָכגעגאנגען. איינינע האָבען געלאכט און אנדערע האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, און גאָר אנדערע האָבען איהם גערופען "מומר להכעים"! משומד! עבודה זרה׳ניק!

מענדעל׳ס התלהבות איז געוואקסען מיט יעדער רגע. זיין גאנצער קערפּער האָט זיך געבויגען און געדרעהט. ער האָט געמאכט מיט די הענט און און די פיס. די אויגען האָט ער געהאלטען פארגלאָצט, און ער האָט געשאָקעלט זיין קאָפּ אין פארשידענע ריכטונגען.

ווען די קליינע קינדער האָבען דאָס דערזעהן זיינען זיי איהם נאָכגעלאָפען און גענומען שרייען "משוגענער!" אָבער מענדעל האָט גאָרניט געפיהלט וואָס עס טוט זיך ארום איהם.

— ער איז שוין גאָר ניט קיין משוגענער! — האָט א איד אויסגערופען, — ער וויל איינפיהרען ביי אונז די עבודה זרה וואָס האלט זיך אין פארשפּרייטען דאָרט, אין פּוילען. אזעלכע אידען וועלען ברענגען אויף אונז א נייע אומגליק. מען דארף איהם עוקר מן השורש זיין.

— מען דארף איהם לאָזען ארעסטירען איידער ער קאָן נאָך אונז שאַדען טאָן, — האָט א צווייטער געזאָגט, — אָט שטעהט דאָרט א פּאָליציי־מאן, לאָמיר איהם זאָגען, אז ער טוט ווילדע זאכען און ער וועט איינגעשפּארט ווערען אין תפיסה.

— וואָס הייסט מיר וועלען מסר׳ן אויף א אידען, — האָט איינער אויסגערופען, — מיר דארפען איהם פריהער מתרה און מודיע זיין, אז אויב ער וועט שנעל ניט פארלאָזען ווילנע וועט ער האָבען א ביטערען סוף.

— גיט נאָר א קוק, — האָט נאָך א איד געזאָגט, — ער האָט זיך דאָך נאָר וואָס איבערגעקוליעט מיט׳ן קאָפּ ארונטער און די פיס ארויף.

— נו, אויב ער איז ניט משוגע, איז עס טאקע עבודה זרה, איך האָב געהערט, אז פיל פון די אזוי־גערופענע חסידים פראווען פארשידענע שטיק אין גאס בפרהסיא... ניין, אידען, מיר טאָרען ניט דערלאָזען אזעלכע זאכען ביי אונז אין ווילנע.

דריי פון די פארזאמעלטע אידען זיינען צו איהם צוגעקומען און איהם געווארענט, אז ער זאָל אויפהערען מחלל השם צו זיין אין מיטען גאס.

— איך בין ניט מחלל השם, — האָט זיי מענדעל געענטפערט, — איך בין מקדש השם. איך בין מתפלל צו גאָט און איך באהעפט זיך מיט דער שכינה!... ווען איר וואָלט געווען דערביי ווען דער בעל שם איז מתפלל, וואָלט איהר באמערקט, אז ווען ער טאנצט און שפּרינגט, טאנצען און שפּרינגען מיט איהם אפילו די ביימער פון ארום... אוי, ווי הייליג און טייער דער בעל שם איז.

מענדעל האָט ווידער גענומען פארגלאָצען די אויגען און מיט התלהבות זיך געשאָקעלט, האלטענדיג זיינע אויגען פארגלאָצט צום הימעל, און מאַכענדיג מיט די הענט.

— דאָס איז אמת׳ע עבודה זרה!

— האָט איין איד אויסגערופען, — און עס ליגט אויף אונז אלעמען א פליכט איהם צו פאריאָגען פון דאנען איידער ער קריגט אָנהענגער דאָ אין ווילנע.

— אָט קומט אָן דער פּאָליציי־מאן! האָט אימיצער זיך אָנגערופען, — איך האָב באמערקט, אז ער האָט די גאנצע צייט געקוקט אויף איהם פון דערווייטענס.

דער פּאָליציימאן האָט זיך דערנעהנטערט און זעהענדיג ווי ארום דעם פרעמדען האָבען זיך פארזאמעלט אזוי פיל מענשען, איז ער צו איהם צוגעגאנגען און איהם געהייסען אויפהערען צו מאכען אזעלכע שטיק. אָבער מענדעל האָט גאָרניט געהערט. ער איז געווען פארטאָן אין זיינע תפלות, מאַכענדיג פארשידענע העויות מיט זיין גאנצען קערפּער. דאן האָט דער פּאָליציימאן איהם א נעהם געטאָן און ער האָט איהם גענומען אוועקפיהרען אין פּאָליציי־באצירק. דאָרט האָט ער דערצעהלט ווי אזוי דער פרעמדער האָט גענומען פראווען שטיק, אז ער

האָט זיך איבערגעקוליעט אין מיטען גאַס מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און דער הויפּט פון דער פּאָליציי האָט איהם געהייסען אַריינזעצען אין תפיסה.

מען האָט מענדעל'ן אַוועקגעפיהרט אין תפיסה, און מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין דעם זעלבען קאַמער וואו נחום איז געזעסען. פון דעם קליינעם פענסטערל מיט די גראַטעס האָט אַריינגעשיינט עטוואָס ליכט. מענדעל האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין שכן וועלכער איז געזעסען אויף זיין געלעגער פון ברעטער, און געהאַלטען אַ סידור אין האַנט און געזאָגט תהלים מיט אַ טרויעריגער שטימע. ער האָט איהם גענומען גוט באַטראַכטען פאַר אַ ווייַלע און דאַן האָט ער זיך אָנגערופען:

— אייך קומט שלום עליכם, ר' איד, איהר זיצט שוין דאָ לאַנג?

נחום האָט ערשט דאַן אויפגעהויבען זיין קאָפּ און באַטראַכט דעם נייעם שכן זיינעם, וועלכער האָט געשיינט צו זיין אַ איד פון ווייטע מקומות. ער האָט איהם געגעבען שלום עליכם, און זיך צוריקגענומען זאָגען תהלים מיט זיין טרויעריגען ניגון.

מענדעל האָט אויף איהם געקוקט מיט בליקען פון רחמנות. ער האָט געשאָקעלט זיין קאָפּ מיט באַדויערען.

— איך זעה, אַז דו ביזט מתפלל צו גאָט, אָבער ווי אַזוי קאָנסטו ערוואַרטען, אַז גאָט זאָל אָננעהמען דיינע תפילות, ווען דו ביזט אַזוי פאַרטרויערט... עס שטעהט געשריבען עבדו את ה' בשמחה... מען דאַרף דינען גאָט מיט פרייד!... דו ווייסט דאָך, אַז ווען יעקב אבינו האָט געהערט, אַז יוסף איז צעריסען געוואָרען פון אַ בייזער חיה, האָט ער צעריסען זיינע קליידער, אָנגעטאָן אַ זאַק אויף זיינע לענדען און גענומען טרויערן אויף זיין זוהן יוסף, האָט זיך דעריבער פון איהם אָפּגעטאָן די שכינה, ווייל די שכינה רוהט ניט אויף אַ מענשען ווען ער איז אין טרויער... האָט ער טאַקע געמיינט, אַז זיין זוהן יוסף איז טויט... און אַזוי האָט ער אָפּגעטרויערט גאַנצע צוואַנציג יאָהר... ווען אָבער זיינע זיהן האָבען זיך אומגעקעהרט פון מצרים און האָבען איהם געזאָגט, אַז זיין זוהן יוסף לעבט, שטעהט געשריבען אין דער תורה, "ויפג לבו כי לא האמין להם", דאָס מיינט, אַז אין איהם איז אַלץ פאַרקיהלט געוואָרען, און ער האָט זיי ניט געוואָלט גלויבען, ווייל די שכינה האָט זיך פון איהם אָפּגעטאָן און ער האָט ניט געקאָנט פיהלען, אַז דאָס איז אמת. ווערט טאַקע דערצעהלט, אַז שרח בת אשר, האָט גענומען שפּילען פאַר איהר זיידען און ער איז געוואָרען עטוואָס פרעהליך, האָט ווידער די שכינה גענומען רוהען אויף איהם. און עס שטעהט טאַקע געשריבען: "ותחי רוח יעקב אביהם", מאַכט רש"י, אַז די שכינה וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן פון איהם האָט ווידער אָנגעפאַנגען רוהען אויף איהם, און ער האָט געזעהן ברוח נבואה זיין זוהן יוסף לעבט טאַקע. יאָ, פריהער פון אַלץ דאַרפסטו פאַרטרייבען דיין מרה שחורה, דיין שווערען טרויער וואָס דריקט אַזוי שטאַרק דיין האַרצען, און דאַן וועסטו קאָנען דינען גאָט מיט פרעהליכקייט, און גאָט וועט דיינע תפלות אָננעהמען.

נחום האָט געקוקט אויף דעם פרעמדען מאָדנעם אידען און געשוויגען.

— זאָג מיר, ווי איז דיין נאָמען?
— האָט איהם מענדעל אַ פרעג געטאָן.
— נחום איז מיין נאָמען!

— נחום מיינט טרייסטען, דו דאַרפסט זיך טרייסטען און פאַרטרייבען דיין עצבות פון זיך. ווער פרעהליך און לוסטיג, און דו וועסט ניט פיהלען דיין צער!

— פאַר מיר איז שוין קיין תרופה ניטאָ, — האָט נחום געזאָגט, — איך בין אַ פאַרלוירענער מענש. דער טויט וואָלט שוין פאַר מיר געווען בעסער. איך בין אַ זינדיגער מענש!

— דער בעל שם טוב, זאָל געזונט זיין, זאָגט: אַ איד דאַרף פאַריאָגען דעם טרויער פון זיך און דאַרף שטענדיג זיין פרעהליך און גלויבען אַז בלויז דאַן ווען ער איז פרעהליך איז די שכינה מיט איהם. און ווען אפילו אַ מענש האָט שטאַרק געזינדיגט, דאַרף ער ניט ווערען פאַרצווייפעלט און אַריינפאַלען אין טרויער און ווערען מרה שחורה'דיג. אויב ער האָט חרטה אויף זיינע זינד מיט זיין גאַנצען האַרצען איז אַ סימן אַז ער איז ניט קיין

רשע, ווייל א רשע האָט קיין חרטה ניט אויף זיינע שלעכטע מעשים. און דאָס וואָס דו באדויערסט דיינע זינד איז א סימן אז דו ביזט א גוטער מענש. און דאָס גופא דארף דיך אריינברייגגען אין א פרעהליכער שטימונג. און דאריבער זאָג איך דיר, אז דו האָסט קיין רעכט ניט צו זיין אזוי טרויעריג. אָ, ווען דו וואָלסט נאָר געקענט זעהן דעם בעל שם און הערען ווי ער דאווענט, וואָלסטו געוואָרען א גאנץ אנדער מענש.

— מיין זינד אָבער איז געוועזן זעהר גרויס, און איך גלויב אז אפילו דער בעל שם אליין וואָלט מיך ניט געוואָלט אָנקוקען, — האָט נחום געזאָגט.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז חרטה מיט'ן גאנצען הארצען, איז גענוג אז דו זאָלסט פאררעכענט ווערען פאר א פרומען איד, און אז דו זאָלסט ניט דארפען זיך אריינווארפען אין טרויער. פאָלג מיך, טהו ווי איך, דאַווען מיט פרייד. אָט זעהסטו, איך בין פארשפארט געוואָרען אין תפיסה און פון דעסטוועגען בין איך ניט פארצווייפעלט. איך בין פרעהליך און לוסטיג.

אזוי ריידענדיג האָט מענדעל זיך צוזונגען, ער האָט גענומען זינגען א תפלה צו גאָט, מיט אזא התלהבות און ברען אז זיין גאנצער קערפער האָט זיך גענומען באוועגען. אָט האָט ער גענומען טאנצען און שפרינגען און ער האָט געמאכט פארשידענע העויות מיט זיינע הענט און אויגען.

נחום האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ, און ער האָט געפיהלט אז זיינע הענט און פיס פאנגען זיך אָן צו באוועגען. עפעס האָט דער דאָזיגער פרעמדער אריינגעבראכט א פרעהליכקייט אין אָט דעם טונקעלען קאמער, וואו ער האָט שוין אָפגעפינסטערט מעהר ווי צוויי יאָהר.

נאָכדעם ווי מענדעל איז פארטיג געוואָרען מיט זיין תפלה, איז שוין נחום געוואָרען מעהר צוגעלאָזט צו איהם. ער האָט געפיהלט א נאָהענטקייט צו אָט דעם מאָדנעם אידען. ער האָט איהם גענומען אויספרעגען ווער ער איז און פון וואנען ער קומט.

מענדעל האָט איהם אלץ דערצעהלט פון זיך, אז ער איז א מינסקער, און אז ער האָט זיך געלאָזט איבעררריידען פון זיינעם א באקאנטען און געפאָהרען קיין מעזשיבוזש, וואו דער בעל שם טוב געפינט זיך און זינט ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם בעל שם, האָט ער זיך געענדערט. ער פיהלט אז איצט האָט זיין גאנצער לעבען א גאנץ אנדער זין.

דאן האָט איהם נחום דערצעהלט וועגען זיך ווי אזוי ער איז ארונטער פון גלייכען וועג, ווען זיין שווער האָט איהם איינמאָל אָנגעפאטשט בפרהסיא. און זינט דאן האָט ער גענומען זינקען אלץ נידעריגער, ביז וואנען ער איז געוואָרען א מסור. און ער האָט אומגליקליך געמאכט א אידען.

— דו האָסט ניט וואָס צו זאָרגען!
— האָט איהם מענדעל געטרייסט, — דו האָסט דאָך תשובה געטאָן, דו האָסט דאָך מקבל באהבה געווען אלע יסורים און דאריבער האָט גאָט דיר מוחל געווען. דו האָסט דיין נשמה אויסגעלייטערט, און פון איצט אָן דארפסטו זיין פרעהליך, דו דארפסט מתפלל זיין צו גאָט מיט שמחה, כדי דו זאָלסט זיך קענען באהעפטען מיט דער שכינה. ערשט דאן וועסטו זעהן ווי גוט עס איז צו לעבען און קענען דינען גאָט מיט אלע דיינע חושים און אברים... די גאנצע וועלט איז פול מיט ליטערקייט, מיט פראכטיגקייט און מיט וואונדערליכע סודות. אלץ וואָס א מענש דארף איז צו זעהן און פיהלען וואָס עס טהוט זיך ארום איהם, אָבער ניט צו פארמאכען זיינע אויגען און איינשליסען זיך אין ד' אמות פון טרויער, און ניט דערלאָזען אז די טייערע ליכט וואָס גאָט ברוך הוא האָט געשאָנקען זאָל צו איהם צוקומען. דער בעל שם באדויערט יעדען איינעם וועלכער האָט אין זיך ניט קיין פרייד און לוסט צום לעבען.

— ווי אזוי קען מען האָבען פרייד ווען מען איז פארשפארט אין תפיסה און ווען מען ווייסט אז מען איז א זינדיגער מענש?

— דער בעל שם זאָגט, אז גאָט איז

פול אומעטום. ער איז מיט אונז בלויז דאַן ווען מיר זיינען פרעהליך. דער יצר הרע וויל אז דער מענש זאָל אריינפאלען אין עצבות, ווייל עצבות איז א גרויסע מניעה צו עבודת הבורא. אָבער ווען דער מענש איז מתפלל צו גאָט מיט שמחה, דערוועקט זיך דאַן ביי איהם דאָס רוחניות, און דורכדעם דערגרייכט ער צו דער העכסטער מדרגה, צו פאראייניגען זיין רוחניות מיט דער שכינה אין א פולשטענדיגער אחדות. דאריבער דארף דער מענש פארטרייבען פון זיך אלע טרויעריגע געדאנקען, און ער דארף דאווענען מיט גרוים התלהבות, מיט חדוה און פרייד, און דווקא ווייל דו ביזט פארשפארט אין תפיסה, זוכט דער יצר הרע דיך אריינצוואווארפען אין טרויער, כדי דיינע תפלות זאָלען ניט געהערט ווערען און איהם זאָל אָנקומען גרינגער אריינצוכאפען דיך אין זיין נעץ. פאָלג מיך, נחום, טראכט ניט מעהר פון דיינע זינד, ווייל זיי ווערען פארשוואונדען ווי א וואָלקען פארשווינדט ווען די ליכטיגע זון טהוט א שיין אריבער׳ן הימעל . . .

— עס איז אזוי גוט צו הערען דיינע רייד! — האָט נחום זיך צו איהם אָנגערופען, — איך פיהל זיך שוין א סך מונטערער. איך בעט דיך, מענדעל, דערצעהל מיר טאקע וועגען דעם בעל שם, וועגען זיינע נסים און וועגען אלץ וואָס ער לערענט מיט זיינע חסידים.

— איך וועל דיר זאָגען, נחום! — האָט מענדעל זיך אָנגערופען, — כדי צו פארשטעהן די כוונות פון בעל שם דארף מען זיין א גלויביגער, מען דארף זעהן און פיהלען מיט אלע חושים די גרויסקייט, די ערהאבענקייט פון גאָט. מען דארף האָבען געזונטע אויגען צו זעהן די ליכטיגקייט, מען דארף האָבען אויערען צו הערען די וואונדערליכע סודות וואָס עס טראָגען זיך ארום איבער דער וועלט. אָבער צום באדויערען געפינען זיך מענשען וועלכע פארשטעלען זייערע אויגען מיט זייערע אייגענע הענט און די ליכטיגע שטראהלען קומען צו זיי ניט צו. די וועלט איז פול מיט פרעהליכען געזאנג, און מיר, חסידים, הערען עס און דאריבער זיינען מיר אזוי פרעהליך ווען מיר זיינען מתפלל צו דעם בורא יתברך, דאריבער איז ביי אונז רעכט צו טאנצען און שפרינגען בשעת תפלה. אָבער די וועלכע פיהלען ניט, וועלכע זעהען ניט און הערען ניט די שעהנע פרעהליכע מוזיק, די הייליגע ניגונים, מיינען אז מיר זיינען משוגע. אָט האָבען מיינע אייגענע ברידער מיך גערופען מיט פארשידענע נעמען ווען זיי האָבען מיך געזעהן טאנצענדיג און שפרינגענדיג, ווען איך האָב דערפילט אין מיין הארצען די דאָזיגע פרעהליכקייט וואָס האָט מיך פלוצלינג באנומען, ווען איך האָב דערהערט די פרעהליכע געטליכע מוזיק. דער בעל שם האָט וועגען דעם געגעבען א משל: "אמאָל האָט א גרויסער מוזיקער זיך געשטעלט אויף דער גאס און האָט געשפיעלט פידעל, האָבען זיך מענשען ארומגעקליבען ארום איהם, און ביסלעכווייז האָט יעדער גענומען צוקלאפען מיט זיין פוס צום טאקט, און וואָס ווייטער אלץ פרעהליכער און לעבעדיגער איז די מוזיק געוואָרען, האָבען זיך די מענשען ארום איהם נאָך מעהר צוהיצט און אָנגעהויבען צו הויבען די פיס און טאנצען און שפרינגען... פלוצלינג איז א טויבער פארבייגעגאנגען, ער האָט זיך אָפגעשטעלט און באטראכט דעם עולם וועלכער טאנצט און שפרינגט, און איהם האָט זיך געדוכט אז דאָס זיינען א כאָפטע משוגעים, ווייל ער איז געווען טויב און ער האָט ניט געהערט די מוזיק וואָס האָט פון עולם ארויסגערופען די באגייסטערטע טענץ. ווען ער וואָלט געהערט די שעהנע פרעהליכע מוזיק וואָלט ער געוויס מיטגעטאנצט מיט׳ן עולם".

— יאָ, — האָט מענדעל צוגעגעבען, — מיר חסידים זיינען הערענדיגע. מיר הערען דעם געטליכען ניגון און רוף צו פרעהליכקייט און לוסטיגקייט, דאריבער זיינען מיר פרעהליך, מיר טאנצען און שפרינגען ווען מיר דאווענען, ווען מיר דערפיהלען פלוצלינג דעם דראנג זיך לוסטיג צו מאכען. אָבער די וועלכע גלויבען ניט אין דער הייליגקייט פון דעם בעל שם, זיינען

ווי די טויבע, וועלכע הערען ניט וואס עס קומט פאר אין דער וועלט.

ווען מענדעל האט געענדיגט רעדען, האט ער זיך פלוצלינג צעזונגען. ער האט געזונגען א חסידיש ניגון׳דעל און ער האט גענומען צוטאנצען...

נחום האט גענומען פיהלען אז זיינע פיס פאנגען זיך אן צו באוועגען, און פלוצלינג האט ער גענומען טאנצען צוזאמען מיט מענדעל׳ן... ער האט מעטגעזונגען און געטאנצט... ער האט דערפיהלט אז ער ווערט אין גאנצען אן אנדער מענש . . .

פון גרויס שמחה האט זיך נחום פלוצלינג צעוויינט. ער האט דערפיהלט אז ער איז ניט קיין פארלארענער . . . אז ער קען תשובה טאן, און זיין גלייך מיט אלעמען . . . ווי וואונדערבאר דאס איז. ערשט מיט א ווייל צוריק האט ער גאר קיין האפנונג ניט געהאט, איהם האט זיך געדוכט אז ער איז א פארלארענער אויף אייביג, אז ער האט אנגעוואוירען ביידע וועלטען. די וועלט און יענע וועלט . . . איצט אבער האט אט דער חסיד אין איהם אריינגעבלאזען נייע האפנונגען, מונטערקייט און פרעהליכקייט . . . ער האט איהם צוריקגעגעבען זיין צלם אלקים.

איך דערקען אז די דאזיגע טרעהרען דיינע זיינען ניט טרעהרען פון טרויער, נאר טרעהרען פון פרייד . . . און דער בעל שם זאגט, אז כאטש וויינען פון עצבות איז זעהר שעדליך פאר די תפלות צו גאט, זיינען אבער טרעהרען וואס קומען פון שמחה, זעהר גוט... גאנץ אפט זוכט דער יצר הרע איינצוריידען דעם מענשען אז ער איז באגאנגען זעהר א גרויסע עבירה, כדי ער זאל זיך שטארק נעמען צום הארצען און צוליעב זיין טרויער ניט קענען מתפלל זיין ווי געהעריג איז, דאריבער דארף א איד פארשטעהן די ביטרעקייט פון יצר הרע און דארף צו איהם זאגען: ״איך בין זיך ניט מצער אויף דער ערנסטקייט פון דער עבירה וואס איך בין באגאנגען, דורך וואס דו זוכסט מיר צו שטערען אין מיינע תפלות. אדרבא, איך בין פרעהליך און לוסטיג וואס איך קען אויסגיסען מיין הארץ פאר גאט, און ער וועט אננעהמען מיינע תפלות״.

— אמת, אט די דאזיגע טרעהרען מיינע קומען פון דער שמחה וואס דו האסט אריינגעגעבען אין מיין נשמה, — האט נחום געזאגט, — איך האב פלוצלינג דערפיהלט אז א שווערע משא וואס איז אויף מיר געלעגען און האט מיך נאך א האר צודריקט אויף טויט, איז ארונטער פון מיר... איך פיהל זיך איצט אזוי לייכט, אזוי גרינג אויפ׳ן הארצען, אז עס ווילט זיך מיר ארומנעהמען די גאנצע וועלט און קושען און האלזען יעדען איינעם... איך פיהל זיך ווי געבוירען... איך וויל שוין מעהר ניט טראכטען פון מיינע שווערע זינד, איצט טראכט איך נאר, אז די וועלט איז שעהן און ערהאבען, אז גאט ברוך הוא איז א גאט פון רחמים און פון חסד, אז ער האט אנגענומען מיינע תפלות און ער האט מיר מוחל געווען אויף אלע מיינע זינד. איך האב צוריקגעקראגען די לוסט צום לעבען... מיין נשמה איז אויסגעלייטערט געווארען... און דאס אלץ האב איך דיר צו פארדאנקען... איצט זעה איך אז דער בעל שם איז ווירקליך א הייליגער, אז ער פארמאגט אין זיך א געטליכע קראפט, אז אפילו זיינער א שליח קען דורך אט דער דאזיגער קראפט אריינברייגען אן ענדערונג צום בעסערען אין מענשען׳ס לעבען.

— איך האב דיר נאך ניט דערצעהלט א צעהנט חלק פון די וואונדער וואס דער הייליגער צדיק ר׳ ישראל בעל שם טוב האט באוויזען. איך האב פיעלע פון אט די דאזיגע נסים אליין בייגעוואוינט און איך בין אזוי ערשטוינט צו זעהן אז די אידען פון ליטע זיינען אזעלכע ניט גלויביגע. זיי ווילען ניט גלויבען אין אלע נסים, זיי לאכען זיך אויס פון דעם אלץ, און דאס איז נאך ניט גענוג. זיי באפאלען מיך מיט זלזולים, מיט באליידיגונגען... יעדען חסיד רופען זיי שבתי צבי׳ניק... זיי שפאטען און חוזק׳ן פון דעם בעל שם... דאס איז ווייל זיי זיינען בלינד און טויב... מיר, די וועלכע האבען אליין מיט אונזערע אויגען צוגעזעהן דאס וואס דער בעל שם האט אויפגעטהאן, זוכען צו עפענען זייערע אויגען און צו מאכען זיי זעהענדיג, אבער זיי זיינען פאר׳עקשן׳ט און לא־

זען זיך ניט... דו ביזט דער ערשטער וועלכער איז זעהענדיג געוואָרען און דו ביזט דורך דעם גערעטעוועט געוואָרען.

— גאָט האָט דיך צו מיר צוגעשיקט, ווי א מלאך מושיע ביזטו צו מיר געקומען — האָט נחום אויסגערופען, — איך בין געהאָלפען געוואָרען. איך זעה איצט אלץ מיט גאנץ אנדערע אויגען, און איך טהו זיך א נדר אז ווען גאָט וועט מיר העלפען אז איך וועל באפרייט ווערען פון תפיסה וועל איך טהאָן אלץ וואָס איז מעגליך, און פאָהרען צום בעל שם. איך וועל איהם מיט מיינע אויגען אָנקוקען, איך וועל פאלען צו זיינע פיס און קושען די שטויב וואָס איז אונטער איהם, ווייל דורך איהם בין איך גערעטעוועט געוואָרען... איך פיהל אז דו האָסט מיט דעם בעל שם'ס הילף אריינגעבלאָזען אין מיר א נייע נשמה... איך בעט שוין מעהר ניט אויף זיך דעם טויט ווי איך האָב עס געטהאָן ביז איצט... איצט שטרעב איך צו לעבען און צו האָבען די מעגליכקייט צו זעהן מיט מיינע אויגען די גרויסקייט פון דעם הייליגען צדיק, ר' ישראל בעל שם טוב, וועמעס היילונגס שטראהלען קענען דערגרייכען אזוי ווייט... איך בין אויסגעהיילט געוואָרען! געלויבט איז השם יתברך!

מענדעל איז געשטאַנען נעבען נחום'ן און א גליקליכער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף זיינע ליפּען. ער זעהט איין אז ער קען שאפען א סך נפשות פאר דעם בעל שם. ער דאַרף נאָר קריגען אזעלכע אידען וועלכע זיינען פארביטערט און דערשלאָגען, וועלכע האָבען זיך שוין מיאש געווען פון צו געניסען פון דער וועלט. אָט צו יענע וועט ער ריידען. ער וועט זעהן גרינדען א חסידי'ש שטיבעל אין ווילנע, און ביסלעכווייז וועט ער אריינקריגען א סך אָנהייענגער פאר דעם בעל שם און זיינע חסידים.

— דו ווייסט, נחום, — האָט מענדעל זיך צו איהם געווענדעט, — מיר ביידע וועלען קענען אויפטהאָן גאָר א סך. ווייל ווי איך זעה, האָבען די הייליגע ניצוצות פון בעל שם אויך אין דיין נשמה אָנגעצונדען דעם פלאַם, און דאריבער גלויב איך אז איידער דו וועסט פאָהרען צום בעל שם, וועסטו מיר דארפען ארויסהעלפען צו באקעהרען פיעלע אידען פון ווילנע און אומגעגענד צו חסידות. דו וועסט דערצעהלען ווי דו ביזט גערעטעוועט געוואָרען, אין דער צייט ווען דו ביזט שוין געווען געזונקען ביז'ן אָפּגרונד... איך וועל דיר דערצעהלען וועגען די נסים וואָס דער בעל שם טוב האָט באוויזען, כדי דו זאָלסט זיי קענען איבערדערצעהלען. איך זעה אז דו ביזט ניט קיין עם הארץ, און מענשען וועלען זיך באציהען צו דיר מיט דרך ארץ... יאָ, דו וועסט מקיים זיין דיין נדר שפּעטער, און ווען דו וועסט קומען צום בעל שם, אלס איינער פון זיינע שטארקע אָנהייענגער וועלכע האָבען געשאפען נאָך חסידים, וועסטו זיכער זיין מעהר אָנגעלייגט.

— איך וועל טאָן אלץ וואָס דו וועסט מיר הייסען, — האָט נחום געזאָגט, — איך בעט דיך, דערצעהל מיר מעהר וועגען דעם בעל שם טוב.

— איך וועל דיר דערצעהלען א מעשה פון דעם בעל שם טוב, וואָס דיר וועט עס זעהר צוניץ קומען, אייבערהויפּט פאר אָט די פאר'עקשן'טע מתנגדים פון ליטע, — האָט מענדעל זיך צו איהם אָנגערופען, און זיך צוגעזעצט נעבען איהם אויף זיין געלעגער.

נחום האָט זיך צוגערוקט נעהנטער צו איהם, און מענדעל האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

״ווען דער בעל שם טוב האָט זיך באזעצט אין מעזשיבוזש, האָבען גלייך צו איהם גענומען שטראָמען חסידים פון די ווייטסטע געגענדען, און עס פארשטעהט זיך, אז יעדער האָט זיך געפיהלט גליקליך ווען איהם איז געלונגען צוצוקומען צום בעל שם און הערען פון זיין מויל די געטליכע רייד.

״אין מעזשיבוש האָט דאן געוואוינט א רייכער איד, א גרויסער סוחר, און נאָך א גרעסערער למדן. זיין נאָמען איז געווען ר' קלמן. איז אָט דער ר' קלמן געווען א פייערדיגער מתנגד, ער האָט ניט געהאַלטען פון דעם בעל שם, און פלעגט חוזק מאכען פון אלץ וואָס מען האָט איהם דער-

צעהלט וועגען בעל שם. עס פארשטעהט זיך, אז אונז חסידים פלעגט עס זעהר שטארק פארדריסען, אבער טהאן האבען מיר איהם גארניט געקענט, ווייל ער איז געוועזן א איש נכבד, און ער האט געהאט פיעל פריינד. דערצו איז ער נאך געוועזן א גרויסער למדן או׳ אז ער פלעגט זיך אריינלאזען מיט איינעם אין א ויכוח, איז געוועזן שווער איהם צו באזיגען. איך האב נאך געהערט פון ר׳ קלמן׳ען ווען איך בין נאך געווען אין מינסק, ווייל זייענדיג א גרויסער סוחר, פלעגט ער פיהרען זיינע סחורות פון מעזשיבוש אין די פארשידענע האנדעלסשטעדט און אזוי ווי דער וועג איז זעהר א לאנגער, פלעגט אט דעם ר׳ קלמן׳ען אויסקומען צו זיין א היבשע צייט פון יאהר אונטערוועגנס.

"איך געדענק אז איינמאל ווען איך בין געוועזן אין מינסקער בית המדרש, האב איך געהערט ווי אידען ריידען צווישען זיך, ווי דער שטייגער איז, נאכ׳ן דאוונען, האט מען דאן גערעדט וועגען דעם בעל שם טוב. דארט איז אויך געוועזן דער גביר ר׳ קלמן. ווען ער האט געהערט ווי א חסיד פון בעל שם דערצעהלט די נסים פון דעם הייליגען צדיק, האט ער זיך פאנאנדערגעלאכט בקול רם. האט שוין דעם חסיד פארדראסען, און ער ווענדעט זיך צו איהם: "פון וואנען ווייסט איהר אז איהר האט א רעכט חוזק צו מאכען פון ר׳ ישראל בעל שם טוב?"...

"ענטפערט איהם ר׳ קלמן: "ווייל איך אליין בין א תושב פון מעזשיבוזש און איך זעה זיך אן גענוג פון זיינע נארישע חסידים". פון דעסטוועגען האב איך זיך ניט צוגעהערט צו זיינע חוזק רייד און איך בין דאך אפגעפאהרען קיין מעזשיבוזש, צום בעל שם טוב. און זאל איך אזוי דערלעבען צו זעהן בנחמת ציון וירושלים, ווי איך האב דערלעבט צו זעהן איהם, ר׳ קלמן׳ען, אלס כארברענטער חסיד פון דעם בעל שם. עס פארשטעהט זיך, אז עס זיינען פאראיבער היבשע עטליכע יאהר זינט דאן, איך האב זיך שוין דאן געפונען אין מעזשיבוזש אפשר ניין יאהר".

— ווי אזוי איז ער געווארען א חסיד פון דעם בעל שם? — האט נחום איהם געפרעגט.

— אט וועל איך דיר דערצעהלען, — האט מענדעל זיך אנגערופען, — אין זיין יוגענד, ווען ער האט געהאט גענוג כח, פלעגט ר׳ קלמן מאכען זיינע ווייטע נסיעות אליין, אבער ווען ער איז שוין געווארען עלטער, און ער האט שוין ניט געהאט דעם כח פון אמאל, האט ער מיטגענומען זיין בן יחיד, און איהם געלערנט דעם מסחר. ער איז מיט איהם ארומגעפאהרען איבער פארשידענע שטעט, וואו ער פלעגט פיהרען זיינע גרויסע מסחרים, און איהם אנוויזען וואו און ווי אזוי צו האנדלען.

"נאכדעם ווען זיין בן יחיד, יאסעל, האט ער געהייסען, האט שוין געקראגען גענוג ערפאהרונג אין מסחר, האט ר׳ קלמן איהם געלאזט אליין מאכען די ווייטע נסיעות. ווען ער האט זיך צום ערשטען מאל אומגעקעהרט אהיים מיט גרויס ערפאלג, האט זיין פאטער, ר׳ קלמן, געמאכט א גרויסע סעודה און ער האט איינגעלאדען א צווייטען גביר פון שטאט מיט זיין בת יחידה, מיט וועמען ער האט שוין פריהער געהאט אפגעמאכט, אז אזוי שנעל ווי זיין זוהן יאסעל וועט זיך צוריקקעהרען פון זיין רייזע זאל מען שרייבען תנאים".

יאסעל, דארפסטו וויסען, איז געווען א וואויל־לערנער, א גאנץ געראטענער יונגערמאן מיט אלע מעלות. ער האט געהאט א שעהנע שטימע, און פלעגט קענען לייענען אין דער תורה. דערצו איז ער געוועזן הויך און שעהן ווי א צעדער־בוים. די בת יחידה פון דעם צווייטען גביר איז אויך געווען א יפת תואר... און מען קען זיך פארשטעלען אז בעת מען איז געזעסען ביים מאלצייט, זיינען זיך איינע די אנדערע געפעלען געווארען... האט מען גלייך געמאכט א קנין... שפעטער האט מען געשריבען תנאים און די חתונה איז פארגעקומען אין א פאר חדשים ארום.

א יאהר איז פאראיבער און יאסעל האט זיך גענומען גרייטען צום וועג, ווייל וויפיעל איז דער שיעור צו זיצען לידיג?... מען קען דאך ניט פאר־

נאכלעסיגען די גרויסע מסחרים!... האָט זיך יאָסעל גענומען גרייטען צום וועג.

עס איז דאָך איבריג פאר מיר צו זאָגען, נחום, אז אין דער איצטיגער צייט איז אזא נסיעה בבחינת סכנה. די וועגען זיינען פול מיט גנבים און גזלנים, וועלכע לויערען אויף די רייכע סוחרים. נו, פלעגען זיך צוזאמענעהמען א היבשע צאָהל סוחרים און זיך לאָזען אין וועג צוזאמען. האָט מען באדארפט ווארטען ביז וואנען אלע סוחרים זיינען גרייט צום וועג. און טאקע צוליעב דער גרויסער סכנה וואָס האָט געשמעקט אין אזא רייזע, האָט יעדער איד געגעבען זיין ווייב א תנאי גט, טאָמער וועט חלילה וחס פאסירען אן אומגליק, זאָל די ווייב ניט דארפען בלייבען אן עגונה, יאָסעל אָבער האָט ניט געקענט געבען קיין תנאי גט צו זיין יונגער ווייבעל, ווייל זי איז דאַן געווען אויף דער צייט... און דאריבער האָט זיין פאָטער ר׳ קלמן באנוצט זיך מיט אן אנדער מיטעל. ער האָט באשטעלט עשרה בטלנים, וועלכע זאָלען זיצען און לערנען די גאנצע צייט וואָס יאָסעל וועט פארברייינגען אין וועג, כדי צוליעב דעם זכות פון לערנען זאָל גאָט איהם באשיצען אויף זיין וועג. מען האָט אויסגערעכענט אז אזא נסיעה וועט דארפען דויערען בערך א זעקס־זיבען וואָכען.

זיינען די עטליכע וואָכען פאָראיבער, און די אנדערע סוחרים האָבען זיך שוין אומגעקעהרט פון וועג. זיי זיינען געקומען אין בית המדרש און געבענשט גומל. יאָסעל איז אָבער צווישען זיי ניט געווען. מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין ר׳ קלמן׳ס הויז. מען איז געלאָפען צו יעדען פון די סוחרים באזונדער און זיך נאָכגעפרעגט, אָבער קיינער האָט ניט געקענט געבען קיין גענויעם באריכט.

— ער איז מיט אונז דעם גאנצען וועג מיטגעפאָהרען, — האָט יעדער איינער באשטעטיגט, — אָבער ווי אזוי ער איז פלוצלינג נעלם געוואָרען, האָט קיינער ניט געוואוסט.

— מיר האָבען געמיינט אז ער איז געבליבען הינטערשטעליג מיט זיין פוהר, — האָט איין סוחר געזאָגט, — האָבען מיר אויף איהם געווארט עטליכע שעה, און ווען מיר האָבען געזעהן אז עס ווערט שפעט, אז אָט איז שוין דאָנערשטאָג, האָבען מיר גערעכענט אז ער האָט געהאט עפעס א געשעפט צו באזאָרגען, און כדי ניט אָנצוקומען אין דער היים פרייטאָג נאָך האלבען טאָג, האָבען מיר פאָרטגעזעצט אונזער רייזע אָהן איהם.

אין ר׳ קלמנ׳ס הויז האָט געהערשט טרויער. יאָסעל׳ס מוטער האָט איינגעלייגט וועלטען. און די יונגע ווייבעל האָט געפאסט און געוויינט. קיינער ווייסט ניט וואָס איבערצוקלעהרען. אָבער דווקא ר׳ קלמן אליין; האָט זיך געהאלטען רוהיג. ער איז געווען זיכער אז אָט באלד, באלד, וועט זיין זוהן קומען... א סימן האָט ער זיך געמאכט אז ווען ער האָט דערמאָנט זיין זוהן׳ס נאָמען, האָט ער זיך ניט זאאיקעט.

— זיי ניט באזאָרגט, מיין ווייב, — האָט זיך ר׳ קלמן צו איהר אָנגערופען, — די גמרא זאָגט, אז ווען מען נעהמט א מענשען אויפ׳ן זינען בשעת מען איז מתפלל, און די תפלה געהט אָפּ גלייך אָהן קיינע שטערונגען, איז אלץ אין גוטען אָרדנונג.

אָבער יאָסעל׳ס מאמע און זיין יונגע מעוברת׳ע ווייבעל האָבען זיך פון דעם ניט בארוהיגט. זיי האָבען געוויינט און געקלאָגט. די יונגע ווייבעל האָט עטליכע מאָל גע׳חלש׳ט. עס זיינען געקומען באקענטע און קרובים און האָבען די פרויען איינגערעדט אז זיי זאָלען זעהן אז ר׳ קלמן זאָל אריבערגעהן צו ר׳ ישראל בעל שם טוב, ווייל ער איז א יודע הכל, און פון איהם וועט ער דערגעהן אלץ וואָס ס׳האָט פאסירט מיט יאָסעל׳ן.

איז ר׳ קלמן׳ס ווייב צו איהם צוגעשטאנען אז ער זאָל זיך ווענדען צו דעם בעל שם.

— דו ביזט אן אשה און דו פארשטעהסט ניט, — האָט זיך ר׳ קלמן אויף איהר אָנגעבייזערט, — צו וואָס זאָל איך געהן צום בעל שם? . . . אלע ווייסען אז איך גלויב ניט אין איהם, אז איך מאך חוזק פון אלע נסים וואָס ווערען דערצעהלט וועגען

איהם, נו, זאָל איך געהן צו איהם און זיך נאריש מאכען און איהם פרעגען וועגען אונזער זוהן? . . . דאָס וואָלט דאָך ביי אלע זיינע חסידים אויסגעטייטשט געוואָרען אז איך בין געוואָרען א מאמין אין בעל שם! ניין, דאָס וועל איך קיינמאָל ניט טאָן.

— וואָס הייסט, אלע זאָגען אז דער בעל שם ווייזט וואונדער, און דו ביזט איינגעשפּארט און ווילסט זיך ניט אונטערגעבען! . . . איז דען דיין זוהן ניט דיין אייגען בלוט און פלייש? ווי אזוי קענסטו גאָר איינזיצען אין הויז און גאָרניט טהאָן? זעהסטו דען ניט וואָס עס ווערט פון מיר און פון אונזער שנור! . . . גאָט ווייסט וואָס פאר אן אומגליק מיט איהם איז געשעהן . . . א גאנצע וועלט געהט צום בעל שם און יעדער איינער געהט אוועק א געהאָלפענער, וואָרום אויב ניט וואָלט מען דאָך צו איהם ניט געקומען א צווייטען מאָל, און דו זעהסט דאָך אליין אז ווער נאָר עס קומט צו איהם איינמאָל, וועט קומען צו איהם א צווייטען און א דריטען מאָל!

— עס זיינען פאראן גענוג שוטים אויף דער וועלט, זאָלען זיי געהן צו איהם! איך האלט ניט פון זיינע קמעות און פון אלע זיינע סגולות, איך גלויב נאָר אין גאָט ברוך הוא אז ער וועט אונזער זוהן באשיצען פון אלערליי אומגליקען . . .

— אָבער איידער מיר וועלען איהם דערזעהן א געזונטען וועלען אונזערע נשמות ארויסגעהן, — האָט זיין פרוי וויינענדיג געזאָגט, — אם ווייניגסטענס ווען דו געהסט אריבער צום בעל שם און ער זאָגט אונז וואָס עס האָט פּאסירט, און ווען ער וועט קומען, וועלען מיר זיך בארוהיגען. פאר וואָס זאָלסטו זיין אזא עקשן! . . . איך האָב מורא, אז גאָט שטראָפט אונז ווייל דו ווילסט ניט גלויבען אין בעל שם, וועמען די גאנצע וועלט האלט פאר א גרויסען צדיק. דו ביזט דער איינציגער חכם אין גאנצען מעזשיבוזש וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבען... טהו עס פון אונזערט וועגען... דו ווייסט דאָך אז אונזער שנור איז אין אזעלכע אומשטענדען, וואָס יעדע אויפרעגונג קען ווערען פאר איר געפערליך. זי האָט געוויינט אזוי ביטער און זי האָט מיך געבעטען אז איך זאָל ביי דיר פּועל'ן דו זאָלסט אריבערגעהן צום בעל שם.

אין די רייך איז אריינגעקומען די שנור, יאָסעל'ס יונגע ווייבעל, און זי האָט מיט ביטערע טרעהרען גענומען צושטעהן צו איהם אז ער זאָל אריבערגעהן צום בעל שם און איהם פרעגען, אויב ניט, וועט זי שוין מעהר ניט אויסהאלטען.

ר' קלמן האָט דערזעהן אז ער וועט גאָרניט קענען טהאָן. די ווייבער לאָזען איהם ניט אָפּ, און עס איז טאקע א ביטערער רחמנות אויף זיי, האָט ער זיי צוליעב געטאָן און א פארשעמטער איז ער אוועק צום בעל שם.

ווען די חסידים וועלכע האָבען זיך געפונען אין ר' ישראל בעל שם טוב'ס הויז, האָבען דערזעהן אז דער פאר'עקשן'טער מתנגד, ר' קלמן, קומט צום הייליגען, איז יעדער פון זיי דורכגענומען געוואָרען מיט גרויס חדוה און פרייד. ענדליך איז די עקשנות פון דעם פארברענטען מתנגד געבראָכען געוואָרען. אימיצער האָט גלייך געמאָלדען דעם בעל שם, און ער האָט איהם געהייסען אריינשיקען צו איהם אין צימער.

אָהן מוטה איז ר' קלמן אריין צו איהם אין צימער.

ר' קלמן, וואָס איז אייער פארלאנג?
— האָט דער בעל שם איהם געפרעגט.

— איך בין צו אייך געקומען געצוואונגענערהייד, — האָט ר' קלמן געזאָגט.

— ווער האָט אייך געצוואונגען צו קומען צו מיר?

— איך אליין גלויב ניט אין חסידות און אין אלע נסים וואָס ווערען דערצעהלט אין אייער נאָמען, — האָט ר' קלמן געזאָגט, — אָבער מיין פרוי און מיין שנור זיינען זעהר איינגעגלויבט אין אייך און זיי זיינען צו מיר צוגעשטאנען, האָב איך שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט און איך בין צו אייך געקומען.

— און וואָס איז אייער פארלאנג?

— מיין בן יחיד, יאָסעל, איז

ארויסגעפאָהרען מיט די אנדערע סוחרים אין וועג, און ער האָט זיך מיט זיי אומגעקעהרט, אָבער פּלוצלינג איז ער פארשוואונדען געוואָרען, און זיי, די אנדערע סוחרים, האָבען זיך אומגעקעהרט אהיים אָהן איהם. איצט ווייסען מיר ניט וואָס צו קלעהרען. די ווייבער טראכטען איבער דאָס ערגסטע, אָט איז שוין דער צווייטער טאָג, היינט איז פרייטאָג, און מיין זוהן וועט ניט פּאָהרען פרייטאָג נאָך האלבען טאָג. ווען מיר וואָלטען געוואוסט, אז ער וועט זיך אומקעהרען, וואָלטען מיר געהאט געדולד, אָבער די זאָרג איז אזוי גרויס אז איך האָב מורא אז די ווייבער וועלען עס ניט אריבערטראָגען.

אויף דעם טיש, נעבען בעל שם, איז געלעגען דער ספר הזהר, האָט דער בעל שם גענומען דער זהר, איהם אָן עפען געטאָן, און נאָכדעם ווי ער האָט אין איהם גוט אריינגעקוקט, האָט ער א זאָג געטאָן:

— געה אהיים און זאָג די ווייבער, אז יוסף לעבט!

— אָבער וואו איז ער? — האָט ר' קלמן געפרעגט.

ר' ישראל בעל שם האָט גענומען אין האנט א חומש און א מיש געטאָן און זיך אָנגערופען:

— ער איז ניט ווייט פון מעזשיבוש.

ר' קלמן האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און איז ארויסגעגאנגען פון בעל שם אויף דעם זעלבען אופן ווי ער איז אריינגעקומען — אָהן גלויבען... ער איז אוועק אהיים נאָך מעהר דערשלאָגען, און ער האָט זיך גוט אָנגעבייזערט אויף זיין ווייב, פאר־וואָס זי האָט איהם געצוואונגען זיך צו מאכען צום נאר און געהן צום בעל שם.

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — האָט איהם זיין ווייב געפרעגט.

— וואָס האָב איך געקענט פון אים ערוואַרטען? ער האָט מיר געגעבען פאלשע האָפנונגען און טרייסטונגען. ער האָט געמיינט אז ער וועט מיך אָפּ־נארען... פּונקט ווי איך ווייס ניט וואָס עס שטעהט געשריבען אין זהר און אין חומש... איך האָב אויך געלערענט און איך ווייס אז אזעלכע זאכען גע־פינען זיך ניט דאָרטען... דאָס וואָלט ער געקענט אריינריידען אן אומוויסענ־דע אידענע, אָבער ניט מיר!

— און מיר גלויבען אין דעם! — האָט זיין פרוי מיט פרייד אין איהר שטימע אויסגערופען, — איך פיהל איצט אז אונזער ליעבער זוהן לעבט, און אז ער איז טאקע ניט ווייט פון מעזשיבוש. אָט וועל איך ארויסשיקען עטליכע רייטער וועלכע וועלען איהם באנגעגנען אויפ'ן וועג, ווייל אויב דער בעל שם האָט דיר געזאָגט אז יאָסעל איז ניט ווייט פון מעזשיבוזש, ווייסט ער דאָך וואָס ער רעדט.

— אודאי ווייסט ער, — האָט ר' קלמן אויסגערופען מיט א ביטערען שמייכעל, — אין זוהר און אין חומש שטעהט געשריבען וועגען אונזער זוהן, נאָר אז דו ווילסט, שיק ארוים מענ־שען איהם זוכען, איך וועל זיך ניט מישען, כאָטש איך ווייס אז עס איז ארויסגעוואָרפען.

זיין ווייב האָט ארויסגעשיקט צוויי רייטער וועלכע זיינען שנעל אוועקגע־ריטען צום וועג. זיי האָבען איהם ארומגעזוכט אומעטום אויף דעם וועג, און ווען עס האָט גענומען ווערען פינ־סטער, האָבען זיי זיך אומגעקעהרט מיט ליידיגען אהיים.

זיינען שוין די ווייבער אריינגעפאַ־לען אין יאוש און אין גרויסען עצבות. ר' קלמן'ס פרוי האָט שוין אָנגעהויבען גלויבען אז דער מאן איהרער איז גערעכט וואָס ער גלויבט ניט אין דעם בעל שם טוב...

אלע האָבען געהאט א פארשטערטען שבת. די ווייבער האָבען געוויינט און געקלאָגט... זיי האָבען געמיינט, אז יאָסעל איז שוין טויט, און אן אומ־גליק האָט מיט איהם פּאסירט אויפ'ן וועג.

דער שבת איז פאַראיבער. ר' קלמן האָט זיך צוריקגעקעהרט פון בית המדרש אהיים, און געמאכט הבדלה מיט א טרויעריגער שטימע. און ערשט דאַן האָבען זיך אלע צעוויינט... זיי האָבען איהם באקלאָגט ווי מען באַ־קלאָגט א טויטען.

פּלוצלינג האָבען זיי דערהערט א גערויש פון רעדער. זיי זיינען ארויס

מיט א לאמטערנע, און ווי גרויס איז געווען זייער פרייד ווען זיי האבען דערזעהן זייער זוהן יאסעל ארויסקריכענדיג פון וואגען.

די מאמע און זיין פרוי זיינען איהם געפאלען אויפ'ן האלז און האבען געוויינט פון גרויס פרייד.

— וואס האט מיט דיר פאסירט?

— האט איהם די מאמע געפרעגט, און די טרעהרען פון פרייד האבען איהר געשטיקט.

— פאהרענדיג מיט די סוחרים, האט זיך מיין וואגען פלוצלינג אנגעשלאגען אן א ווארצעל פון אן אפגעהאקטען בוים. א ראד האט זיך צעבראכען. איך האב גענומען שרייען צו די איבריגע סוחרים, זיי זאלען זיך אפשטעלען, אבער זיי האבען מיר, ווייזט אויס, ניט געהערט. זיי האבען זיך געאיילט אנצוקומען אויף שבת אהיים. איך האב איינגעזעהן אז איך וועל ווייטער ניט קענען פאהרען. האב איך ניט געוואוסט וואס צו טאן. איך האב זיך ארומגעקוקט און איך האב געזוכט א פלאץ וואו זיך אפצושטעלען, אבער גראד איז יענער געגענד געווען ליידיג. קיינער האט דארט ניט געוואוינט. עס איז שוין געווארען טונקעל, און מיין פארצווייפלונג איז געוואקסען, איך האב זיך דערווייל געשטעלט נעבען מיין וואגען דאווענען מנחה. ווי נאר איך האב געענדיגט דאווענען, האב איך פון ווייטען באמערקט א פוהר. איך האב זיך געשטעלט אין מיטען וועג און געמאכט א פארזוך אפצושטעלען די פוהר. אבער דער פורמאן האט זיך ניט געוואלט אפשטעלען. ער האט געשמיסען די פערד נאך שטארקער. איז מיר געווארען ביטער אויפ'ן הארצען. איך האב מורא געהאט אז איך וועל דארפען איבערנעכטיגען אין דרויסען. באלד אבער, באמערק איך אז דער פורמאן האט זיך אפגעשטעלט און איז ארויסגעקראכען פון זיין וואגען, און געהט מיר אנטקעגען. ער האט מיך געפרעגט וואס מיט מיר האט פאסירט. איך האב איהם געוויזען דאס צובראכענע ראד. ער האט מיר געזאגט, אז ווען ער האט מיך באמערקט אין מיטען וועג, מאכענדיג מיט'ן האנט, האט ער זיך דערשראקען, ער האט געמיינט אז א רויבער וויל איהם באפאלען, ווען אבער ער האט געזעהן אז איך יאג איהם ניט נאך, האט ער פארשטאנען, אז איך בין ניט קיין רויבער און ער האט זיך צו מיר אומגעקעהרט. ער האט מיר געזאגט, אז ניט ווייט פון דאנען איז פאראן א דארף און דארט געפינט זיך א שמיד. דער שמיד איז איינער פון דיין גלויבען, האט מיר דער פויער געזאגט, ער איז א גוטער בעל מלאכה און ער וועט זיכער פארריכטען דיין צובראכענע ראד.

דער פויער האט מיר געהאלפען אוועקשטופען מיין וואגען, און איך בין מיט מיין צובראכענעם וואגען אנגעקומען אין דארף.

איך האב דעם פויער באלוינט פאר זיין טרחה און איך קלאפ אן אין קוזניע, קומט ארויס אן עלטערע פרוי. און ווען איך זאג איהר וועגען וואס עס האנדעלט זיך, זאגט זי מיר, אז דער שמיד געפינט זיך גאר אין שטאט, ווייל זיינע א טאכטער האט געבוירען א זוהן און ער איז היינט אין דער פריה אוועקגעגאנגען צום ברית און ער וועט ערשט קומען מארגען נאך האלבען טאג. מיר איז פינסטער געווארען אין די אויגען. וואלט איך ניט געהאט א פולען וואגען מיט טייערע סחורה, וואלט איך איבערגעלאזט דעם וואגען און פערד און איך וואלט געגאנגען אהיים צו פוס, אבער מיין פוהר איז געווען אנגעלאדען מיט טייערע סחורה. איך האב זיך קיין עצה ניט געקענט געבען. איך האב דערווייל אפגעדאווענט מעריב. און איך פרעג ביי דער אלטער פרוי, אויב עס איז פאראן א פלאץ אין איהר הויז פאר מיר איבערצונעכטיגען. זאגט זי מיר אז ניט. אויב איך וויל קען איך שלאפען אין שטאל. האב איך קיין אנדער ברירה ניט געהאט און זיך געלייגט שלאפען אין שטאל, וואו איך האב ארייינגעפיהרט דאס פערד.

אויף מארגען אין דער פריה, בעט איך שוין די אלטע פרוי זי זאל מיר ערלויבען צו לייגען תפילין און דאווענען אין איהר הויז, האט זי מיר ערלויבט, און איך האב אפגעדאווענט.

דאן איז צו מיר צוגעקומען די אלטע פרוי און מיך געבעטען מחילה.

— איך האָב געהאט א פּלאַץ אין מיין הויז, — האָט זי געזאָגט, — אָבער זי האָט מורא געהאט מיך אריינצולאָזען טאָמער בין איך א גזלן. איצט אָבער אז זי זעהט אז איך בין א פרומער איד האָט זי שוין פאר מיר קיין מורא ניט.

איך האָב צוגעווארט און באלד איז אָנגעקומען דער שמיד. איך האָב איהם געוויזען די צובראָכענע ראָד, און ווען ער האָט עס באטראכט, האָט ער צו מיר געזאָגט: „עס וועט דארפען געדויערען א היבשע עטליכע שעה, און ער וועט ניט פארטיג ווערען ביז א שעה פאר דער שקיעה". האָב איך שוין איינגעזעהן אז איך וועל שוין ניט קענען אָנקומען אהיים, האָב איך איהם געפרעגט אויב איך וועל קענען איינשטעהן ביי איהם שבת. ער האָט מיר געזאָגט אז יאָ, און אזוי בין איך געבליבען ביי איהם איבער שבת און אזוי שנעל ווי איך האָב אָפּגעדאווענט מעריב און געמאכט הבדלה, האָב איך גענומען און איינגעשפּאנט מיין וואָגען און געפאָהרען אהיים...

— א דאנק דיר, א לויב דיר, רבונו של עולם, — האָט די מאמע אויסגערופען.

— דער בעל שם האָט טאקע געזאָגט אז דו ביזט ניט ווייט פון דאנען, — האָט ר' קלמן געזאָגט, — איך גיב צו אז דער בעל שם איז א הייליגער, און פאר איהם זיינען ניטאָ קיינע פארבאָרגענע זאכען. איך לויף שוין צו ר' ישראל בעל שם טוב און בעט ביי איהם מחילה.

ר' קלמן איז גלייך אוועק צום בעל שם אין הויז, און ער האָט אויסגערופען:

— א גוטע וואָך, הייליגער צדיק!

— אָ, דאָס ביזטו, קלמן! — האָט דער בעל שם אויסגערופען, — נו, וואָס דערצעהלט דיין זוהן?

— איהר ווייסט שוין אז מיין זוהן איז געקומען? — האָט ר' קלמן געפרעגט.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט נאָך פריהער אז דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען, אז דיין זוהן לעבט.

— יאָ, הייליגער צדיק, איך בין געקומען צו אייך בעטען מחילה, ווייל איך האָב געזינדיגט געגען אייך. איך האָב ניט געגלויבט אין אייער גרויסקייט און הייליגקייט. איצט בין איך געקומען אייך זאָגען, אז איך בין אייערער מיט מיין לייב און לעבען!

— איך בין צופרידען צו האָבען דיך צווישען מיינע חסידים! — האָט דער בעל שם אויסגערופען.

— איצט, רבי, וועל איך אייך פרעגען, ווי אזוי האָט איהר געדרונגען פון זוהר אז מיין יאָסעל לעבט?

— איך וועל דיר זאָגען, — האָט דער בעל שם אויסגערופען, — ווען איך האָב אויפגעעפענט דעם זוהר האָב איך באמערקט דאָרט אז ער רעדט וועגען פסוק פון חומש: „עוד יוסף חי", האָב איך פארשטאנען אז מען זאָגט מיר אָן, אז דיין זוהן יאָסעל לעבט און דו האָסט זיך גאָרניט וואָס צו זאָרגען.

— און ווען איהר האָט מיר געזאָגט אז מיין זוהן געפינט זיך ניט ווייט פון דאנען, נאָכדעם ווי איהר האָט אריינגעקוקט אין חומש, טאָ ווי אזוי האָט איהר דאָס אויסגעפונען אין חומש?

— ווען איך האָב אויפגעעפענט דעם חומש, זיינען מיינע אויגען געפאלען אויף דעם פסוק אין פרשה בא: „לא תשאר פרסה", האָב איך פון דעם געדרונגען אז מען איז מיר מרמז פון אויבען, אז ער איז ניט ווייט פון דאנען.

— אָבער, הייליגער רבי, דער טייטש פון דעם פסוק מיינט דאָך אז עס זאָל ניט איבערבלייבען א קלוי...

— „פרסה" מיינט אָבער אויך א מייל. און דאריבער האָב איך פון דעם געדרונגען אז דיין זוהן איז ניט ווייט פון שטאָדט, ווינציגער ווי א מייל, — האָט דער בעל שם געזאָגט.

— איצט, בעט איך אייך, הייליגער רבי, איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען וואָס איך וועל אייך נאָך עפּעס פרעגען.

— פרעג, קלמן, — האָט דער בעל שם טוב צו איהם געזאָגט מיט א שמייכעל, — אלע דיינע ספקות וועלען בעזרת השם פארענטפערט ווערען.

— זאָגט מיר, הייליגער רבי, ווי

איז דאָס מעגליך צו קענען זעהן אזעלכע זאכען דורכ'ן זוהר, אָדער דורכ'ן חומש?

— פארשטעהסטו, קלמן, — האָט דער בעל שם איהם געענטפערט, — ווען גאָט ברוך הוא האָט באשאפען די ליכט, האָט אָט דאָס דאָזיגע ליכט געהאט אין זיך אזא כח אז מען זאָל דאמיט קענען זעהן פון איין עק וועלט צום אנדערען עק. האָט דער רבונו של עולם באלד איינגעזעהן, אז אזא שטארק ליכט וועט שעדיגען די וועלט, האָט ער, ברוך הוא, גענומען און באהאלטען דאָס דאָזיגע ליכט פאָר די צדיקים. און וואו האָט ער דאָס ליכט באהאלטען? אין דער תורה! האָב איך איבער דעם געקראָגען דעם כח, אז ווען איך עפען אויף דעם זוהר אָדער דעם חומש, זעה איך אין דעם ווי א שפיגעל וואָס עס טהוט זיך איבער דער גאנצער וועלט.

— איצט זעה איך ווי בלינד איך בין געוועזן, — האָט קלמן זיך אָנגערופען, — איך האָב אייך ניט געוואָלט גלויבען, ווייל מיינע אויערען זיינען געוועזן פארשטאָפט און מיינע אויגען זיינען געוועזן בלינד. וועט איך מיר מוחל זיין, הייליגער רבי?

דער בעל שם האָט ארויפגעלייגט זיין רעכטע האנט אויף ר' קלמן'ען, און ער האָט זיך דערפיהלט אז ער איז אין גאנצען געוואָרען אן אנדער מענש.

— און ער איז געוואָרען א הייסער חסיד, — האָט נחום זיך אָנגערופען צו מענדעל'ן.

— און וואָס פאר א חסיד, — האָט מענדעל מיט צופרידענהייט אויסגערופען, — ער און זיין גאנצע משפחה זיינען פארברענטע חסידים, און ער האָט מיר אפילו געגעבען געלד אויף מיין רייזע אהער, כדי איך זאָל פארשפרייטען חסידות אויך צווישען די ליטווישע אידען, די מתנגדים, וועלכע זיינען נאָך ביז איצט פארבליבען עקשנים.

— איך בין זעהר גליקליך וואָס גאָט האָט דיך צו מיר געשיקט, — האָט נחום געזאָגט, — איך בין געוואָרען א גאנץ אנדער מענש. איך בין געוואָרען א חסיד מיט מיין לייב און לעבען. איך בין ווי ניי געבוירען, איך וועל פון איצט אָן ווייטער שטרעבען בלויז צו איין זאך און דאָס איז, צו זיין נעבען דעם בעל שם און זיך ווארעמען אין זיין הייליגקייט.

— אָבער איידער דו וועסט האָבען געטהאָן עפעס צו פארשפרייטען חסידות צווישען די מתנגדים, וועסטו ניט קענען קומען צו איהם. כדי זוכה צו זיין צו זעהן דעם בעל שם פנים אל פנים, וועסטו דארפען איהם ווייזען, אז דו האָסט עס פארדינט.

— איך וועל טהאָן אלץ וואָס דו וועסט מיר זאָגען, — האָט נחום געזאָגט.

— אזוי שנעל ווי מיר וועלען באפרייט ווערען פון תפיסה, וועלען מיר זיך דארפען נעהמען צו די אידען פון ווילנע. דער בעל שם ווינשט, אז דער גייסט פון חסידות זאָל פארשפרייט ווערען אין ליטע, און אויב מיר וועלען איינגעהמען ווילנע וועלען מיר שוין האָבען דערגרייכט אונזער ציעל.

— איך וועל דיר העלפען מיט וואָס איך וועל קענען, — האָט נחום געזאָגט, — אָבער ווער ווייסט ווי לאנג מיר וועלען נאָך דארפען פארשווארצט ווערען אין געפענגנים.

מענדעל האָט ארויסגענומען פון אונטער זיין ארבע כנפות א קליינעם זעקעלע, און ער האָט עס אויפגעבונדען, און פון דאָרט ארויסגענומען א הויפען פול מיט גאָלדענע מטבעות.

— דאָס האָט מיר געגעבען ר' קלמן, — האָט מענדעל געזאָגט, — על כל צרה שלא תבא. איך וויים, טאָמער פאסירט מיט מיר עפעס אויפ'ן וועג... מיט געלד וועט מען קענען אלעם דורכפיהרען. דו וועסט זעהן, אז גאָר אין גיכען וועסטו באפרייט ווערען, בפרט ווען איך וויים אז דו ביזט שוין דאָ אפגעזעסען פאר דיין קליינעם פארברעכען. אלץ וואָס דו דארפסט איז, אז אימיצער זאָל זיך פאר דיר איינשטעלען. דו ביזט צו עלענד, און איצט זעהסטו דאָך אז גאָט האָט מיך אהער געבראכט. איך האָב גאָר קיין זינד ניט באגאנגען. אויסער דעם וואָס איך האָב געפראוועט חסידות אין מיטען גאס... זיי וועלען מיך דאָ לאנג ניט האלטען, און איך וועל שוין זעהן אז

דו זאָלסט אויך אויסגעלייזט ווערען פון דאנען.

מען האָט זיי אריינגעבראכט ברויט און וואסער, און זיי האָבען זיך געוואשען און געגעסען. דערנאָך האָבען זיי אָפּגעבענשט. שפּעטער האָבען זיי נעדאווענט מעריב.

אויף מאָרגען האָט מען פאָרגעבראכט מענדעל׳ן פאר׳ן ריכטער. און ווען ער האָט דערצעהלט וואָס ער האָט געטאָן, אז ער איז א פרומער איד, און דאָס איז דער אופן ווי ער דינט גאָט, האָט דער ריכטער געהייסען איהם באפרייען.

באלד האָט מענדעל זיך געזעהן מיט איינעם פון די פּאָליציי בעאמטע, און איהם געבענדיג עפּעס אין יד, האָט ער געבעטען מען זאָל זעהן באפרייען נחום׳ן, וועלכער איז שוין אָפּגעזעסען אין תפיסה מעהר ווי ער האָט געזאָלט אָפּזיצען פאר זיין פארברעכען.

ער האָט גענומען שמירען דאָרט, וואו מען האָט באדארפט און אין עטליכע טעג ארום איז אויך נחום באפרייט געוואָרען.

קאַפּיטעל צוואנציג

ווען נחום איז באפרייט געוואָרען, האָט איהם שוין מענדעל ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט געוואוסט אז אזא מאן ווי נחום, וועלכער איז א שטיקעל למדן, וועט איהם א סך צוניץ קומען צו פארשפּרייטען חסידות צווישען די אידען פון ווילנע און דעם געגענד ארום ווילנע. און מענדעל האָט זיך ניט גענארט. נחום איז ווירקליך געוואָרען אן אנדער מענש. ער האָט שוין איצט נעקראָגען א נייעם אינטערעס אין לעבען. ער האָט שוין לאנג פארגעסען אָן זיין ווייב ציפּע, און אז ער איז א פּאָטער פון איהר קינד. ער האָט שוין מעהר ניט געטראכט פון זיין שווער ר׳ אשר און פון אָט די אלע אידען פון קיידאַן... איצט זיינען אלע זיינע געדאנקען קאָנצענטרירט געוואָרען אויף איין זאך, און דאָס איז געווען אויף חסידות.

מענדעל האָט איהם ארויסגעהאָלפען מיט געלט. ער האָט אים געקויפט קליידער, מיט איהם איינגעשטאנען אין אן אכסניא, און ערשט איצט האָבען זיי ביידע גענומען ארבייטען צו פארשפּרייטען חסידות צווישען די ווילנער אידען.

איצט האָבען זיי געזוכט אריינצוקריגען צעהן אידען, וועלכע זאָלען ווערען זייערע אָנהענגער, כדי זיי זאָלען קענען גרינדען דעם ערשטען חסידישען מנין אין ווילנע.

מענדעל און נחום פלעגען דאווענען אויפ׳ן שוהל־הויף, אין א קלויז, און זיי פלעגען פראווען חסידות. זיי פלעגען ביידע דאווענען מיט התלהבות, מיט חדוה און געזאנג. און זיי פלעגען דורכדעם אליין פאראינטערעסירען פילע מענשען. אָבער דאָס רוב אידען פלעגען חוזק מאכען פון זיי. מענדעל האָט אָבער געפונען אויפ׳ן ווילנער שוהל־הויף א סך אָרימע, דערשלאָגענע אידען, וועלכע האָבען געזעהן עטוואָס טרייסט אין זייערע פארוויטאָגטע, פאר׳צרה׳טע לעבענס. אויף די דאָזיגע אידען האָט מענדעל געארבייט, און ווען ער האָט אריינגעקראָגען נאָך אכט אזעלכע, האָט ער געגרינדעט דעם ערשטען חסידישען מנין אין ווילנע.

ער האָט באלד איינגעפיהרט אן אנדער נוסח אין דאווענען. מענדעל איז געווען דער בעל תפלה, און ער האָט אנשטאָט "נקדש" געזאָגט "כתר". ער פלעגט אין מיטען שמונה עשרה אריינווארפען אידישע ווערטער, ווי צום ביישפּיעל: "סלח לנו אבינו כי חטאנו... אוי, הארציגער טאטעניו, מחל לנו מלכנו" . . .

ווען ער האָט אָבער געזעהן אז ער קריגט ניט קיין סך אָנהייגער, האָט ער געלאָזט וויסען זיינע אידען, אז מאָרגען וועט ער פראווען אין מנין א מין הילולא, א יום טוב, און נאָכ׳ן דאווענען וועט מען קריגען לעקאך און בראנפען . . .

זיינען טאקע אויף מאָרגען געקומען צום מנין עטליכע אידען, און איידער מען האָט געענדיגט דאווענען האָט מענדעל געהאלטען א דרשה. ער האָט זיי ערקלעהרט אז דינען גאָט דארף מען נאָר מיט פרייד, ווי עס שטעהט געשריבען: "עבדו את ה׳ בשמחה", אז אפילו אויב איינער האָט געזינדיגט, דארף ער זיך ניט נעמען שטארק צום

הארצעז, אלץ וואס ער דארף טאן איז מתפלל זיין בכוונה, און גאט וועט אים מוחל זיין.

נאכ'ן דאווענען האט יעדער פון די מתפללים געמאכט לחיים. ווייל מענדעל האט אנגעגרייט עטליכע גרויסע פלעשער שנאפס. און זינט דאן האט זיך זיין מנין גענומען פארגרעסערען, און ווען ניט דאס וואס האט פאסירט ווייטער מיט נחום'ען, וואלט ער, מענדעל, געהאט א געוויסען ערפאלג.

פאסירט האט פאלגענדעס: עס זיינען שוין פאראיבער היבשע עטליכע יאהר זינט נחום האט פארלאזט זיין ווייב ציפע'ן אין קיידאן. זינט דאן האט ר' אשר גארניט געהערט פון זיין אײדעם. אבער אזוי ווי ער האט געוואוסט אז ער זיצט אין תפיסה, האט ער געהאפט אז ווען ער וועט באפרייט ווערען וועט ער זיכער קומען צוריק קיין קיידאן. ווייל ער איז דאך שוין געווארען א בעל תשובה און ער האט חרטה געהאט אויף אלץ וואס ער האט געטאן. ער האט אפילו געמאכט איינינגע פארזוכען צו באפרייען נחום'ן, אבער מען האט איהם פון דעם אפגערעדט. אפילו זיינע אייגענע גוטע פריינד, האבען איהם געזאגט, אז נחום האט שטארק געזינדיגט, און אז דאס וואס ער איז אין תפיסה, קומט ער דאס אפ פאר זיינע זינד, און ווען ער וועט באפרייט ווערען, וועט ער זיין אין גאנצען אויסגעלייטערט און ער וועט ווערען א גאנץ אנדער מענש. זאל זיך זיי דוכטען אז ער ריכט אפ גלות מיט זיין אייגענעם ווילען.

האט ר' אשר געווארט, און ציפע, נחום'ס פרוי, האט אויך געווארט מיט גרויס אומגעדולד. זי האט געהאפט אז אט-אט וועט ער קומען און וועט ווערען צוריק איהר מאן. ער וועט ווערען א טאטע צו זייער שעהן טעכטער'ל. זי האט געוואוסט אז ער איז פאר'משפט צו דריי יאר תפיסה, אבער זי איז געווען זיכער אז נאך די דריי יאהר וועט ער זיך צוריקקעהרען צו איהר. ווען די לעצטע וואכען פון דריטען יאהר האבען זיך דערנעהנטערט, האט זי גענומען צושטעהן צו איהר טאטען ער זאל ארפפאהרען קיין ווילנע און זעהן, אז נחום זאל קריגען נייע בגדים, און אלע הוצאות צוריקצופארען קיין קיידאן.

ווען ר' אשר איז געקומען צו דער פאליציי, האט ער אויסגעפונען אז נחום איז באפרייט געווארען מיט א דריי וואכען צוריק.

ר' אשר איז איבערראשט געווארען: וואס הייסט ער איז באפרייט געווארען און איז ווידער פארשוואונדען געווארען?... ער איז אריבערגעלאפען צו ר' שלמה זלמן, און צו דעם ווילנער רב, ר' יהושע העשל, און זיי האבען אים געהאלפען זוכען. אבער ווי אין וואסער אריין... אזוי האט זיך ר' אשר ארומגעדרעהט אין ווילנע צוויי וואכען, און ווען ער האט נחום'ן ניט געפונען, האט ער זיך אומגעקעהרט קיין קיידאן מיט גארניט. האט זיך דארט אנגעפאנגען די אמת'ע יללה: ציפע האט געקלאגט און געוויינט, וועה איז איהר און ווינד איז איהר! זי וועט שוין פארבלייבען אן עגונה איהר גאנצען לעבען. איהר קינד וועט בלייבען א לעבעדיגע יתומה.

— ווען דו וואלסט עפעס גלייך געטאן, וואלט איצט מיין מאן געווען מיט מיר! — האט ציפע געוואט טענות צו איהר טאטען, — אבער דו האסט זיך צו מיר ניט צוגעהערט, דו האסט געטאן וואס די "חכמים" דיינע האבען דיך געראטען, דו האסט זיך אפילו ניט באמיהט עפעס צו טאן פאר אים. ביי דיר איז געווען רעכט אז דאס וואס ער פינסטערט אפ אין טורמע איז עס גוט פאר איהם, דורכדעם וועט ער אויסגעלייטערט ווערען פון זיינע זינד. נו, זעהסט דאך! ער האט זיך אזוי לאנג געלייטערט ביז וואנען ער איז ווידער פארשוואונדען געווארען . . . איך וועל שוין פארבלייבען א וויסטע עגונה . . .

— זאג אליין, טאכטער, זעהסטו ניט אז ער איז גאר קיין מענש ניט! ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז אלע האבען איהם שוין מוחל געווען, און אז ער וואלט אויפגענומען געווארען מיט גרויס פריינדליכקייט ווען ער קומט צוריק, און ער אליין האט מיר טאקע פארשפראכען אז ער וועט זיך אומקערען אהיים צו דיר און צו זיין קינד. אבער זעהסטו דאך ווי ער האט גע-

האלטען זיין ווארט! ניין, מיין טאָכ־
טער, ער האָט ניט פארדינט אז דו
זאָלסט אפילו טראכטען פון איהם.
— אָבער פארוואָס קומט עס מיר
אָפּצופינסטערען מיין גאנצען לעבען?
איך בין נאָך יונג, און איך וויל נאָך
אויך עפּעס געניסען פון לעבען. אויב
ער וויל זיך צו מיר ניט אומקעהרען,
האָט ער מיר אם וויינגסטען באַ־
דארפט געבען א גט.
— איך וועל איהם נאָך אויפזוכען!
— האָט ר׳ אשר אויסגערופען, —
און ער וועט דיר שוין געבען א גט!
אפילו ווען איך זאָל איהם דארפען
שלעפּען געצוואונגענערהייט.

האָט ר׳ אשר פון דאן אָן זיך גענו־
מען נאָכפרעגען ביי יעדען דורכריי־
זענדען אויב יענער האָט געזעהן
נחום׳ן. ער האָט געמאכט עטליכע ריי־
זעס קיין ווילנע און עס איז געווען
אומזיסט.

איינמאָל איז געקומען א בעל עגלה
אין קיידאן, און ער איז גלייך אוועק
צו ר׳ אשר׳ן אין הויז און האָט זיך
צו איהם אָנגערופען:

— איהר הערט, ר׳ אשר, איך האָב
געזעהן אייער איידעם! איך בין זיכער
אז דאָס איז ער! כאָטש ער האָט זיך
א סך געענדערט זינט איך האָב איהם
צום ערשטען מאָל געזעהן אין קיידאן,
אָבער איך קען שווערען אז דאָס איז
ער.

— קומט אריין, קומט אריין, גע־
זונט זאָלט איהר מיר זיין! — האָט ר׳
אשר אריינגעפיהרט דעם בעל עגלה
צו זיך אין הויז, — דערצעהלט מיר
אלץ וואָס איהר ווייסט! וואו האָט
איהר איהם געטראָפען? ווער איז מיט
איהם געווען? האָט איהר מיט איהם
גערעדט?

— ניין, איך האָב מיט איהם ניט
געוואָלט ריידען, — האָט דער בעל
עגלה געזאָגט, — איך האָב ניט גע־
וואָלט ער זאָל וויסען אז אימיצער
דערקענט איהם.

— דאָס איז זעהר קלוג געווען פון
אייך! — האָט ר׳ אשר זיך צו איהם
געווענדעט, — איצט דערצעהלט מיר
אלץ וואָס איהר ווייסט!

— עפּעס האָט זיך געגרינדעט א
מנין פון מאָדנע אידען. זיי דאוונען
אנדערש ווי מיר. זיי האָבען א גאנץ
אנדער נוסח. און בשעת זיי דאוונען
טאנצען זיי און שפּרינגען און מאכען
פארשידענע שטיק. איך בין א פּאָר
מאָל פארבייגעגאנגען דעם מנין, און
ווען איך האָב געהערט זייערע ווילדע
קולות און די טומלענישען וואָס זיי
מאכען אָן בשעת׳ן דאוונען, האָב איך
געטראכט אז זיי זיינען א כאָפּטע
משוגעים. אָבער איינמאָל רופט זיך
אָן צו מיר מיינער א באקאנטער בעל
עגלה, אז אין דעם חסידישען נייעם
מנין, גיט מען יעדען דאוונער לעקאך
מיט בראנפען... בין איך שוין געוואָ־
רען נייגעריג, און איך בין אויף מאָר־
גען געגאנגען דאָרט דאוונען. איך האָב
אָנגעהויבען דאוונען, דערזעה איך ווי
איין יונגערמאן שטעהט נעבען חזן,
וועלכער איז געשטאנען נעבען עמוד,
און מאכט פארשידענע העויות מיט
זיין גאנצען קערפּער. ער דרעהט זיך
און בויגט זיך און הויבט זיינע הענט
אין דער לופטען, און אין מיטען
שמונה עשרה צעזינגט ער זיך און
רעדט מאמע לשון. איך האָב געכאפּט
א בליק אויף איהם, און מיר האָט זיך
גערוכט אז זיין פּנים איז מיר באַ־
קאנט... אָבער איך האָב איהם ניט
געקענט גוט זעהן ווייל ער איז די גאנ־
צע צייט געווען איינגעהילט אין זיין
טלית און תפילין.

נאָכ׳ן דאוונען ווען מען האָט צו־
זאמענגעלייגט טלית און תפילין, זעה
איך ווי אָט דער זעלבער יונגערמאן
נעמט ארויס פון אונטער א באנק עט־
ליכע פלעשער בראנפען, מיט א גרוי־
סען לעקאך, און דער בעל תפלה צע־
ברעקעלט דעם לעקאך און גיט יעדען
איינעם א חלק, דאן גיסט ער אָן פאר
יעדען א גלאָז בראנפען, און מען
מאכט א ברכה. מילא, וואָס זאָל איך
אייך זאָגען, ר׳ אשר, דאָס וואָס מען
האָט געגעבען לעקאך און בראָנפען
נאָכ׳ן דאוונען, איז מיר גראד גע־
פעלען... הלואי טוט מען דאָס אויך
אין אונזער קלויז אלע טאָג, ווייל ווי
איהר ווייסט דאָך, גיט מען ביי אונז
אין קלויז לעקאך און בראנפען בלויז
אום שמחת תורה. אָבער דאָס פּנים
פון דעם יונגען מאן וועלכער האָט
אריינגעגאָסען דעם בראנפען איז מיר

ניט געפעלן געוואָרען. איך וואָלט שווערען אז ער איז מיר באקאנט. בקיצור, איך האָב זיך גענומען גוט צוקוקען צו איהם און איך האָב שוין געוואָלט צוקומען צו איהם און פרעגען ווער ער איז, האָב איך זיך געטראכט, ווי קום איך, א פּראָסטער בעל עגלה צו פרעגען איהם ווער ער איז. אָבער ווען איך האָב געהערט אז דעם קומענדען דאָנערשטאָג וועט מען ווידער געבען לעקאך מיט בראנפען, בין איך דאָרט ווידער געקומען דאוונען, און ערשט דאַן, ווען איך האָב איהם דערזעהן צום צווייטען מאָל, האָב איך זיך דערמאָנט, און איך האָב צו זיך א זאָג געטאָן דאָס איז דאָך ר׳ אשר׳ס אײדעם. איך האָב געוואָלט גלייך צוגעהן צו איהם, אָבער איך האָב זיך אָפּגעהאלטען, ווייל איך געדענק נאָך אז מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט מען איהם ארומגעזוכט אין ווילנע, און ווי איך האָב פארשטאנען מוז מען איהם איצט ווידער ארומזוכען. האָב איך באשלאָסען אז ווען איך וועל אָנקומען אין קיידאן זאָל איך דערצעהלען ר׳ אשר׳ן, און איצט בין איך דאָס צו אייך געקומען.

— זאָל אייך גאָט געבען געזונט און פּרנסה דערפאר, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — איהר האָט דאָך אונז פּשוט מחיה געווען. מיין טאָכטער געהט דאָך ארום א פארטרויערטע, זי ווייסט ניט וואָס צו טראכטען. אָט וועל איך איר גלייך דערצעהלען.

ר׳ אשר האָט אריינגערופען ציפּע׳ן און האָט איהר דערצעהלט וואָס דער בעל עגלה האָט איהם נאָר וואָס געזאָגט.

— איך וועל מאָרגען מיט איהם אָפּפאָהרען קיין ווילנע, — האָט ר׳ אשר צוגעגעבען.

— און איך וועל מיט דיר מיטפאָהרען, — האָט ציפּע געזאָגט, — איך האָב עס נאָך געדארפט טאָן מיט יאָהרען צוריק.

ציפּע האָט גלייך איבערגעגעבען איר מוטער וועגען דעם, און זיי ביידע האָבען זיך גענומען צוצוגרייטען צו דעם.

אויף מאָרגען זיינען זיי געקומען צו דער אכסניא וואו דער בעל עגלה איז איינגעשטאנען. דאָרטען זיינען שוין געוועזן היבשע עטליכע אידען וועלכע זיינען געווען זעהר נייגעריג צו הערען וועגען נחום׳ן. אָבער ר׳ אשר האָט גאָרניט געוואָלט רעדען. ציפּע האָט זיך געזעגנט מיט איהר מאמע און איהר געבעטען גוט אכטונג צו געבען אויף איהר קינד.

— דו דארפסט מיך דען בעטען? — האָט די מאמע געזאָגט מיט פארדרוס, — איז דיין קינד ביי מיר ניט אזוי טייער ווי ביי דיר! זאָל נאָר גאָט געבען אז דו זאָלסט זיך צוריקקעהרען מיט דיין מאַן און זאָל שוין נעמען א סוף צו דיינע צרות.

ציפּע און איהר טאטע זיינען אריין אין וואָגען, און אין א ווײַלע ארום האָבען זיי פארלאָזען קיידאן און אָפּגעפאָהרען קיין ווילנע.

— זאָל גאָט געבען אז מיר זאָלען איהם געפינען, — האָט ציפּע געזאָגט צו איהר טאטען, — און מיר זאָלען איהם קענען נעמען אהיים. שוין מעהר ווי פינף יאָהר זינט ער איז פון מיר אוועק.

— אויב איך וועל איהם איצט טרעפען וועט ער זיך שוין פון מיינע הענט ניט ארויסדרעהען, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — איצט וועל איך שוין וויסען וואָס צו טאָן ווען איך וועל אים טרעפען.

דעם גאנצען וועג פון קיידאן ביז ווילנע האָט ציפּע ניט אויפגעהערט צו רעדען פון איהר מאַן. זי האָט ערקלעהרט איהר פאָטער אז עס איז אין גאנצען ניט זיין שולד, ווייל ער האָט זיך געוויס געשעהמט צו קומען צוריק, אָבער ווען אימיצער וואָלט געווען דערביי ווען מען האָט איהם באפרייט וואָלט ער זיכער געקומען אהיים.

— ווער האָט גאָר געוואוסט אז מען וועט איהם אזוי שנעל באפרייען! — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — לויט מיין חשבון וואָלט ער דאָך נאָך דאַן באַדארפט זיצען א צוויי דריי חדשים.

— נו, איצט זיינען שוין באלד פאָראיבער צוויי יאָהר זינט ער איז פריי, און מיר האָבען פון איהם גאָרניט געהערט, — האָט ציפּע געזאָגט מיט פארדרוס.

— גלויב מיר, טאָכטער, אז איך בין אין איהם געווען אזוי פאראינטע־

רעסירט פונקט ווי דו, אָבער וואָס האָבען מיר געקענט טאָן? מיר האָבען דאָך איהם גלייך גענומען זוכען. און ווען ניט דער בעל עגלה וואָלטען מיר אפילו איצט ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. לאָמיר האָפען, אז ער איז נאָך ניט אוועק פון דאָרט.

— איך בעט דיך, טאטע, זיי זעהר פאָרזיכטיג, וואָס דו טוסט. מיר דאַרפען ניט פארגעסען אז ער האָט זעהר פיעל דורכגעמאכט.

— ווייסטו וואָס, פאנג דו אָן צו רעדען מיט איהם, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — איך האָב שוין מורא טאָמער וועל איך ווידער קאליע מאכען.

— אויב ער איז אין בית המדרש, טאָ ווי וועל איך קענען צוקומען צו איהם?

— נישקשה, אין אזא פאל וועט מען דיר ערלויבען. איך וועל פריהער אריינגעהן זיך איבערצייגען אויב עס איז ווירקליך ער, ווייל עס קען דאָך פאַסירען אז דער בעל עגלה האָט געמאכט א טעות.

— זאָל גאָט אויסהיטען! — האָט ציפּע אויסגערופען, און איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען.

שפּעט אין אָוונט זיינען זיי אָנגעקומען אין ווילנע. זיי זיינען געווען זעהר מיעד, און זיי זיינען פארפאָהרען אין אן אכסניא. ציפּע האָט א גאנצע נאכט ניט געקענט איינשלאָפען. אין איהרע געדאנקען האָט זי איהם געזעהן, ווי ער, נחום, איז געווען אזוי אויסגעבליכט, אזוי דערשלאָגען, אז עס איז געווען שווער איהם צו דערקענען. אין איהר הארצען דערוועקט זיך א שטארקער רחמנות אויף איהם. אָ, גאָט, וויפיעל אָט דער אומגליקליכער מענש האָט זיך דאָס שוין אָנגעליטען אין די דאָזיגע פינף יאָהר צייט. זיך געוואלגערט אין טורמע, און אין דער פרעמד... און אלץ פארוואָס? צוליעב א נארישקייט...

זי איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה און זי האָט אָנגעקלאפּט אין איהר פאָטער׳ס צימער. ער איז שוין אויך געווען אָנגעטאָן.

— פארוואָס ביזטו אויפגעשטאנען אזוי פריה? — זאָגט איהר דער טאַטע, — דו האָסט דאָך געהערט אַז דער בעל עגלה זאָגט אז זיי פאנגען אָן צו דאַווענען גאנץ שפּעט.

—איך האָב שוין אלץ איינס ניט געקענט שלאָפען. פארשיידענע טרויעריגע געדאנקען האָבען מיך געפּלאָגט. מיין הארץ שרעקט מיך אזוי...

— מיר דארפען האָבען בטחון. גאָט וועט געבען און אלץ וועט זיך אויסלאָזען צום בעסטען. דו וועסט זעהן. דו טאָרסט ניט וויינען. פארקעהרט דו דארפסט אויסקוקען פריש און מונטער. זאָל ער זיך פרעהען ווען ער וועט דיך דערזעהן.

— יאָ, א שמחה וועט זיין אויף איהם, איך קוק אוים ווי א צובראָכענער שארבען.

— נו, ער אליין איז דאָך שולדיג! אמת, ער האָט א סך געליטען... אָבער דו, האָסטו דען זיך גענוג ניט אָנגעליטען איבער איהם?

— נו, לאָמיר איצט וועגען דעם ניט ריידען, — האָט ציפּע געזאָגט, — דו געה בעסער דאווענען דעם ערשטען מנין, און קום גלייך צוריק. מיר קענען נאָך חלילה פארשפּעטיגען.

ר׳ אשר איז אוועק אין קלויז און געדאווענט דעם ערשטען מנין, און ווען ער איז צוריק געקומען פון דאווענען, האָט שוין ציפּע געוואַרט אויף איהם.

עס איז שוין געווען סוף זומער. דער טאָג איז געווען זעהר א ווארעמער. ביידע, דער טאטע און טאָכטער, זיינען אוועק צום שוהל־הויף. זיי האָבען זיך דאָרט ארומגעדרעהט ביז וואַנען זיי האָבען דערזעהן דעם בעל עגלה, וועלכער האָט מיט זיי אָפּגעמאכט זיך צו טרעפען דאָרט ביים אריינגאנג צום שוהל הויף.

— איהר געהט פריהער, — האָט ר׳ אשר געזאָגט צום בעל עגלה, — און מיר וועלען אייך נאָכגעהן און זעהן וואו איהר געהט אריין. איך וועל שטעהן א ווײלע נעבען טיהר און ווען איהר וועט איהם באמערקען זאָלט איהר צוקומען צו דער טיהר און א שאָקעל טאָן מיט׳ן קאָפּ. דאן וועל איך אריינגעהן אינעווייניג.

— גוט, — האָט דער בעל עגלה געזאָגט, — און גענומען געהן פאָראויס.

— איין ווײַלע, — האָט זיך ר׳ אשר אָנגערופֿן צום בעל עגלה.

דער בעל עגלה האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ר׳ אשר איז צו איהם צוגעקומען און איהם אַרײַנגעשושקעט אין אויער:

— עס קען דאָך פּאַסירען אַז ווען נחום וועט מיך דערזעהן זאָל ער מאַכען אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפֿען, בעט איך אייך אַז איהר זאָלט שטעהן נעבען דער טיהר און ווען איהר וועט זעהן, אַז ער רוקט זיך צו דער טיהר זאָלט איהר איהם פֿאַרהאַלטען.

— איהר קענט זײַן רוהיג, ר׳ אשר, אַז פֿון מײַנע הענט וועט ער זיך שוין ניט אַרויסדרעהען, — האָט דער בעל עגלה אויסגערופֿען, — איך וועל איהם היטען ווי איך היט מײַן פֿערדעל...

— וואָס האָסטו זיך גע׳סוד׳עט מיט דעם בעל עגלה? — פֿרעגט ציפּע איר טאַטען.

— גאָרניט! אַלץ דאַרף זי וויסען. עס איז ניט פֿאַר דיר!

ציפּע איז נאָכגעגאַנגען איהר פֿאָטער שווײַגענדיג. זיי האָבען זיך בײדע אָפּגעשטעלט ווען זיי האָבען געזעהן ווי דער בעל עגלה געהט אַרײַן אין אַ קליין שטיבעל.

— אָט דאָרט איז דער מנין, — רופֿט זיך אָן ר׳ אשר צו זײַן טאָכטער.

זיי האָבען אַ ווײַלע צוגעוואַרט און באַלד האָט ר׳ אשר באַמערקט אַז דער בעל עגלה טהוט אַ שאָקעל מיט זײַן קאָפּ.

— קום, ציפּע, ער איז דאָרט דאָ, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, און ער האָט גענומען צוקומען צום מנין. ציפּע איז נאָכגעגאַנגען. ר׳ אשר איז אַרײַנגעגאַנגען אינעווייניג און ער איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע און באַטראַכט די מתפּללים.

דער בעל עגלה האָט איהם געוויזען מיט׳ן פֿינגער אויף איינעם פֿון די מתפּללים וועלכער איז געשטאַנען נעבען מענדעל׳ן, דעם חסיד.

ר׳ אשר האָט איהם ניט געקענט אַזוי גוט זעהן, ווײַל ער איז געשטאַנען מיט׳ן פּנים צום וואַנט. באַלד אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבען דרעהען און קאָרטשען און מאַכען מיט די הענט... ער האָט גענומען אויסזינגען די תּפֿלה, דרעהענדיג מיט זײַן קאָפּ, און ר׳ אשר האָט געכאַפּט אַ בליק אויף איהם. יאָ, דאָס איז זײַן איידעם, נחום... וואָס טהוט מען איצט? זאָל ער אַרײַנרופֿען ציפּע׳ן. וואָס וועט זײַן אַז די מתפּללים וועלען זי אַרויסטרײַבען?... ניין, ער וועט איהר הייסען וואַרטען ביז וואַנען מען וועט ענדיגען דאַוונען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק נעבען טיהר כּדי ניט צוצוציהען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די דאַוונער. מען האָט נאָר וואָס געענדיגט שמונה עשׂרה, און נחום האָט זיך אַ קעהר געטאָן און ער האָט באַמערקט זײַן שווער. אַ קאַלטער שוויים האָט באַדעקט זײַן קערפּער. ער האָט זיך אָבער ניט ווײַסענדיג געמאַכט און געבליבען שטעהן אויף זײַן פּלאַץ.

מען האָט געענדיגט דאַוונען, און מענדעל רופֿט זיך אָן:

— געה, נחום, נעהם אַרויס די פֿלעשער בראָנפֿען און דעם לעקאַך.

נחום האָט זיך אַרונטערגעבויגען און ער האָט אַרויסגענומען די פֿלעשער בראָנפֿען און דעם לעקאַך און עס אַוועקגעשטעלט אויף דעם טיש. זײַן פּנים איז געווען טויט־בלאַס.

— וואָס איז מיט דיר, נחום? — טהוט איהם מענדעל אַ פֿרעג.

— גאָרניט! — ענטפֿערט איהם נחום.

— אויב אַזוי טאָ לאָמיר פֿרעהליך זײַן און טרינקען בראָנפֿען, ניט קיין ווײַן! — האָט מענדעל אויסגערופֿען, און אַרײַנגעגאָסען בראָנפֿען אין אַ קליין גלעזעל און געמאַכט אַ ברכה "שהכל".

באַלד האָבען זיך די איבּריגע אַ לאָז געטאָן צום טיש, און ר׳ אשר איז אויך צוגעגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט.

— אַ גוטער מאָרגען דיר, נחום, — זאָגט איהם ר׳ אשר.

— גוט מאָרגען, — ענטפֿערט איהם נחום, און נעמט אָנגיסען נאָך אַ גלעזעל בראָנפֿען.

ר׳ אשר האָט אַ וואונק געגעבען צום בעל עגלה, און יענער איז צוגעגאַנגען צו דער טיהר, און אַ רוף געטאָן ציפּע׳ן וועלכע איז די גאַנצע

ציִיט געשטאַנען און געוואַרט אויף א צייכען אריינצוקומען.

ציפּע איז אריינגעקומען און איז געבליבען שטעהן אינעווייניג נעבען דער טיהר.

— א אשה! וואָס טוט א אשה דאָ!
— האָבען זיך געהערט שטימען.

— זי האָט א רעכט דאָ צו זיין, — האָט ר׳ אשר אויסגערופען, — געה צו, ציפּע, — האָט ער זיך געווענדעט צו איהר, — אָט איז דיין מאַן, נחום!

ציפּע׳ס פּנים איז רויט געוואָרען ווען זי האָט דערזעהן איהר נחום׳ן צום ערשטען מאָל אין פינף יאָר ציִיט. איהר הארץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען, איהרע אויגען שווינדלען, און באלד איז זי אומגעפאלען.

ר׳ אשר איז צו איהר צוגעלאָפען און זי אויפגעהויבען.

נחום האָט זיך דערווייל א רוק געטאָן צו דער טיהר. אָבער דער בעל עגלה האָט איהם פארשטעלט דעם וועג.

— וואוהין געהסטו, נחום! דיין פרוי חלש׳ט דאָך, פארוואָס העלפסטו ניט זי אָפּצומינטערען? אידען, זייט וויסען, אז ער, נחום, איז דער מאַן פון דער דאָזיגער פרוי. ער האָט זי איבערגעלאָזט מיט א קינד שוין פינף יאָהר ציִיט.

— וואָס איז דאָס! — האָבען די אידען צווישען זיך גענומען ריידען, — ווי אזוי נעמט מען דאָס און מען לאָזט איבער א פרוי מיט א קינד און מען פּראָוועט נאָך חסידישע שטיק!
— האָבען איינינע אויסגערופען.

נחום איז צוריקגעגאַנגען צו זיין פּלאַץ, און ער האָט אריינגעשושקעט מענדעל׳ן עפּעס אין אויער.

— דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען, — האָט מענדעל איהם געענטפערט.

ציפּע איז געקומען צו זיך, האָט זיך גענומען אויסגלייכען. זי איז צוגעקומען צו נחום׳ן. איהרע ליפּען האָבען געציטערט.

— נחום, דו דערקענסט מיך שוין גאָרניט! ווילסטו גאָרניט וויסען וועגען דיין קינד! האָסטו שוין אָן אונז אלעמען פארגעסען!

נחום האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף איהר. ער איז געבליבען שטעהן א ווײַלע באוועגלאָז. אלע אידען האָבען דאָס צוגעקוקט מיט ערשטוינונג צו דעם וואָס קומט פאָר. א ווײַלע האָט געהערשט א שטילקייט אין מנין, אָבער באלד איז אויך ר׳ אשר צוגעגאַנגען צו נחום׳ן.

— וואָס איז געוואָרען פון דיר, נחום? — האָט ער געזאָגט, — דו ווילסט גאָרניט דערקענען דיין אייגען ווייב, די מאמע פון דיין טאָכטער! פינף יאָהר ציִיט זינט דו ביזט אוועק פון דער היים, און איצט אז מיר האָבען דיך ענדליך אויפגעזוכט, מאכסטו זיך כלא ידע...

— איצט איז אלץ אנדערש, — האָט נחום דורכגעזייט דורך די ציינער.

— וואָס מיינסטו אלץ אנדערש?
— האָט ר׳ אשר אויסגערופען, — ציפּע איז נאָך אלץ דיין ווייב, דו האָסט זי דאָך נאָך ניט גע׳גט!
— וועל איך איהר געבען א גט!
— זאָגט נחום.

— איך וויל ניט קיין גט, — האָט ציפּע אויסגערופען, — איך וויל אז דו זאָלסט זיך צוריקקעהרען קיין קיידאַן, און זיין א טאַטע צו דיין טאָכטער! וואָס איז זי נעביך שולדיג! זי איז דאָך אזא שעהנינקע, אזא ליעב קינד! יעדען טאָג פרעגט זי מיך ווען וועט שוין קומען דער טאַטע! זי איז דאָך שוין באלד פינף יאָהר אלט. זי פארשטעהט אלץ. איך האָב איהר געזאָגט אז דו ביזט אוועקגעפאָרען גאַנץ ווייט און דו וועסט גאָר אין גיכען קומען צוריק. קום, נחום, איך בעט דיך, קום צוריק מיט מיר!... דאָס וואָס עס איז געשעהן איז שוין פארגעסען געוואָרען. דו ווייסט דאָך אז אלע האָבען דיר שוין פון לאַנג מוחל געווען, בפרט אז ר׳ יהודה ליב האָט דיר מוחל געווען. מן הסתם האָסטו דאָך געהערט אז כאָטש ער איז פארארימט געוואָרען איז ער דאָך זעהר גליקליך מיט דעם וואָס גאָט האָט אים געבענשט מיט אזא איידעם ווי אליהו, וועלכער איז פארעכענט פאר א גאון, און פיעלע רבנים קומען ריידען תורה מיט איהם. פאָלג מיך, נחום, קום מיט אונז אהיים און מיר וועלען אָנפאַנגען

פון דאָס ניי. קיינער וועט ניט וואגען צו ריידען א שלעכטעס וואָרט וועגען דיר... דו ווייסט דאָך, אז איך בין גאָרניט שולדיג אין אָט די אַלע פּאַסירונגען... יעדער איינער זאָגט אז מן הסתם האָט אזוי געדאַרפט זיין...

— איך בין שוין ניט מעהר דער זעלבער נחום! — האָט ער זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו ציפּע'ן, — איך בין איצט א גאַנץ אנדער מענש געוואָרען. איך וועל דיר געבען א גט און דו וועסט פריי זיין. דיין מאַן נחום איז טויט. איצט שטעהט פאר דיר א גאַנץ אנדער מאַן. איך בין געוואָרען א חסיד. איך וועל גאָר אין גיכען פאָהרען צום בעל שם טוב און איך וועל פיהרען מיין לעבען לויט ווי דער הייליגער צדיק ר' ישראל בעל שם טוב וועט פאר מיר אָנצייכענען.

— וואָס איז דאָס פאר א נייע משוגעת? — האָט ר' אשר אויסגערופען — ער איז געוואָרען א חסיד! וויפיל עבודה זרות האָסטו שוין אויסגעדינט? א חסיד גאָר! ווערליג איך האָב געהערט, איז אָט די דאָזיגע חסידישע באוועגונג א מין נאָכשלעפּעניש פון דער אומגליקליכער צייט פון שבתי צבי, ימח שמו. איך האָב געהערט, אז דער בעל שם טוב זוכט צו פארפיהרען דעם כלל ישראל!

— ווי וואגסטו אזוי צו ריידען וועגען בעל שם! — האָט מענדעל אויף איהם א שפּרונג געטהאָן — אויב דו וועסט ניט צומאכען דיין אומריינע מויל, וועל איך דיך אויספּאטשען און ארויסווארפען.

ר' אשר האָט זיך עטוואָס דערשראָקען און ער האָט זיך גענומען פארענטפערען:

— איך האָב דאָס ניט געזאָגט, איך האָב בלויז דערצעהלט וואָס איך האָב געהערט וואָס מענשען ריידען... איך זאָג נאָר, אז מען קען זיין א גוטער איד און ניט גלויבען אין בעל שם!

— עס וועט לאנג ניט נעהמען און אלע אידען וועלען גלויבען אין בעל שם און אין זיין לערנונג... אלע אידען וועלען זיך ארומזעהן, אז זיי האָבען געבלאָנדזשעט, זיי וועלען הערען די נסים, וואָס דער בעל שם האָט באַוויזען, וועלען זיי אנערקענען, אז גאָט האָט איהם באשאָנקען מיט אן איבערמענשליכער מאכט, און אז זיין ברכה ווערט מקוים, און פארקעהרט, זיינע א קללה קומט אויך אָן...

— איך קען אייך ניט, ר' איד, און איך האָב ניט בדעה זיך אריינלאָזען מיט אייך אין א ויכוח וועגען חסידות און וועגען בעל שם טוב, אלץ וואָס איך וויל — אז מיין איידעם זאָל זיך צוריקקעהרען אהיים מיט מיין טאָכטער און זאָל שוין נעהמען א סוף צו איהרע צרות... הא, נחום, וואָס זאָגסטו, איז שוין דען ניט די צייט, אז דו זאָלסט זיך אומקעהרען אהיים מיט ציפּע'ן און אויפהערען שפּילען דיין ברוגז!

— איך בין אויף קיינעם ניט ברוגז. איך זאָג אייך, אז איך בין איצט געוואָרען א גאַנץ אנדער מענש. ביז ניט לאַנג צוריק האָב איך געמיינט, אז איך בין א פארלאָרענער מענש, אז איך האָב שוין ניט פאר וואָס צו לעבען, אָבער איצט פיהל איך ווי ניי געבוירען. איך ווייס, אז אלע מיינע זינד זיינען פארשוואונדען און אז איך בין איצט אזוי גוט ווי יעדער איינער, און דאָס איז צו מיר געקומען פון ר' ישראל בעל שם טוב, דורך מענדעל'ן. ניין, איך קען שוין מעהר זיך ניט צוריקקעהרען.

— ניין, נחום, איך וועל פון דאַנען ניט אָפּטרעטען ביז וואַנען דו וועסט איינשטימען צוריקצוגעהן מיט מיר, — האָט ציפּע וויינענדיג געזאָגט, — איך בין צו דיר געווען א גוטע ווייב, דו האָסט. גאָרנישט געגען מיר, און בפרט איצט, אז דו ביסט דער טאטע צו אונזער קינד... איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען...

— אויב דו ווילסט וועל איך דיר געבען א גט, — האָט נחום געזאָגט, — געהן צוריק מיט דיר וועל איך ניט...

— וואָס מיינסטו, נחום, עס איז הפקר א וועלט? דו האָסט שוין באַגאַנגען גענוג עוולות אין דיין לעבען. און דאָס איז נאָך דיר ווינציג, ווילסטו איצט אומגליקליך מאכען מיין טאָכטער!... וואָס הייסט דו וועסט ניט געהן! אדרבא, זאָג מיר, וואָס אזוינס האָט ציפּע צו דיר געטהאָן?!... פאר וואָס ווילסטו איהר גט'ן? גלאַט איז דער וועלט אריין! האָט זי זיך דעי

ניט אויפגעפיהרט ווי א כשר'ע אידישע טאכטער, האט זי דיך ניט גוט באהאנדעלט!? אפילו ווען אלע זיינע געווען געגען דיר, האט זי געהאט פארלען צוטרוי צו דיר! ניין, נחום, עס איז נאך ניט הפקר קיין וועלט, עס איז נאך פאראן א דין און דיין אין ישראל אויב דו וועסט ניט געהן מיט אונז מיט גוטען, וועסטו געהן געצוואונגענערהייט...

— קיינער קען מיך ניט צווינגען צוריקצוגעהן מיט אייך, — האט נחום מיט גלייכגילטיגקייט אין זיין שטימע געזאגט — איך האב אייך געזאגט אז איך וועל ניט געהן, און אזוי וועט זיין!

— אוי, גזלן! וואס האסטו צו מיר!
— האט זיך ציפע פאנאנדערגעוויינט, — וואס פאר א שלעכטס האב איך דיר געטאהן... פארוואס ווילסטו מיך אפ'גט'ן?... האסטו גאר ניט קיין ברעקעל רחמנות ביי זיך אין הארצען און קימערסט זיך גאר ניט פאר דיין קינד, פאר דיין אייגען בלוט און פלייש! דו האסט דאך אפילו ניט אנגעקוקט איהר שעהן ליכטיג פנימ'ל... מעהר ווי פינף יאהר האב איך געליטען, איין גאט איז מיין עדות, וויפיל איך האב געליטען און געשוויגען... איך האב זיך געשטיקט מיט מיינע טרעהרען... איך האב געבעטען גאט, אז ער זאל דיך צו מיר צוריקשיקען, און איצט, אז גאט האט אונז געהאלפען און דו ביזט באפרייט געווארען, ווילסטו מיך איינגאנצען אוועקווארפען! וואס וועלען אלע איצט זאגען אין קיידאן? זיי וועלען דאך זאגען דאס ערגסטע אויף מיר... אלע ווייסען דאך, אז דו ביזט דא, און אז דו ווילסט מעהר מיט מיר ניט וואוינען... זיי, די בייזע צינגער, וועלען אויף מיר אויסקלעהרען די ערגסטע זאכען, און וואס וועל איך זיי קענען דארויף זאגען? פינסטער און ביטער איז מיין לעבען.

— פארוואס ווילסטו טאקע זיך ניט אומקעהרען אהיים מיט דיין ווייב און שווער? — האט זיך דער בעל עגלה אנגערופען, — אזא יאהר אויף מיר, וואס פאר א שעהנע, געטרייע ווייב דו האסט, און אלע קענען אויך דיין שווער. ער איז אן עהרליכער איד און א פיינער בעל הבית. דיר וועט ביי איהם גארנישט ניט פעהלען.

— דו הערסט, נחום, איך זאג דיר צו, אז דו וועסט ביי מיר קריגען אייביגע קעסט, און וועסט זיצען א גאנצען טאג אין בית המדרש און לערנען, קיינער וועט דיר ניט שטערען... מיר וועלען דיך האלטען בכבוד גדול... וועגען ציפע'ן איז דאך אפגערעדט, זי וועט אויך דיר ניט לאזען פאלען א שפרינקעלע. די מיילער פון אונזערע שונאים וועלען פארשטומט ווערען. הא, וואס זאגסטו, נחום? — פרעגט איהם ר' אשר.

— ניין, איך וועל זיך ניט אומקעהרען, — האט נחום אויסגערופען, — איך בין געווארען א חסיד און איך שוין אזוי פארבלייבען ביז דעם לעצטען טאג פון מיין לעבען.

— אויב דו וועסט וועלען פראווען חסידות, וועט דיר אויך קיינער ניט שטערען, — האט ר' אשר געזאגט,— מיר דוכט זיך, אז אויב דיין כוונה צו זיין א גוטער איד, איז דאס, וואס דו ווילסט, דארפסטו ניט קיין בעסערען פלאץ ווי קיידאן.

— איך וויל זיין פריי, — האט נחום געזאגט, — איך וויל האבען די מעגליכקייט צו פאהרען צום בעל שם... איך וויל הערען פון זיין מויל די הייליגע רייד פון קבלה... איך וויל וויסען ווי אזוי צו לעבען אויף דער וועלט... ניין, איך קען זיך קיינמאל ניט אומקעהרען צו אייך און צו דעם אופן ווי איהר לעבט און פיהרט זיך אויף... מיר קענען קיינמאל ניט צוזאמענקומען, מיר זיינען צוויי באזונדערע וועלטען.

— הער זיך איין, נחום, איך בין דאך ניט קיין קינד, איך פארשטעה דאך עפעס... מיר געפעהלט שוין גאר ניט, איך מיין דיין אויפפיהרונג מיט אט דעם מענדעל'ן, דעם חסיד... עפעס איז געשעהן, און איך וועל דיך ניט אפלאזען, ביז וואנען דו וועסט זיך ניט מודה זיין אויף דעם גאנצען אמת... אלץ איז אויף דיר צו גלויבען... ווער ווייסט! עפעס ביזטו מיר צו נייגעריג צו געבען דיין ווייב א גט!... יעדער איינער, וועלכער קען ציפע'ן, וועט צוגעבען, אז דו האסט

שוין גאָר ניט קיין אורזאַך אָפּצו'גט'ן זי... סיידען... דו האָסט געוואָרפען אַן אויג אויף אַ צווייטער.

— עס איז ניט אמת! איך האָב זיך אויף קיין אנדער פרוי ניט אומגעקוקט. פרויען אינטערעסירען מיך מעהר ניט, — האָט נחום אויסגערופען.

— פע, איהר מעגט זיך שעהמען אַרויפצובריינגען אזא בלבול אויף אַן אומשולדיגען חסיד! — האָט מענדעל זיך אריינגעמישט.

— איך בעט אייך, הערט זיך אויף צו מישען אין אונזער עסק, — האָט ר' אשר זיך געווענדעט צו מענדעל'ן, — איהר האָט שוין גענוג שאָדען אָנגעטהאָן אַזוי אויך, איהר האָט אויף איהם אַ כשוף אַרויפגעוואָרפען, און דאָס וועט אייך ניט געשאָנקען ווערען.

— אומזיסט זיינען אייערע רייד, איך וועל ניט געהן! — האָט נחום געזאָגט און זיך אַ לאָז געטהאָן צו דער טיר.

— וואָוהין לויפסטו! — האָט ר' אשר איהם אַ כאַפּ געטהאָן ביים אַרבעל — וואָס מיינסטו, איך וועל דיך איצט אָפּלאָזען? ניין! נחום, דו מאכסט אַ טעות, דו האָסט אונז פאַרשאַפט עגמת נפש און צרות, מיר זיינען געקומען אהער דיך צו בריינגען צוריק און אָהן דיר וועלען מיר זיך ניט אומקעהרען.

— איך וועל צוריק מיט אייך ניט פאָהרען!

דאָ האָט שוין געפּלאַצט ציפּע'ס געדולד. זי האָט זיך צעשריען אויף דער העכסטער אָקטאַווע:

—אָ, דו אויסוואורף, דו נידעריגע באשעפעניש! וואָס מיינסטו, איך וועל דיר שענקען?... דו האָסט פאַרפינסטערט מיין לעבען, דו האָסט מיך אומגליקליך געמאכט און איצט ווילסטו נאָך ניט געהן צוריק מיט מיר!... איך וועל דיר ווייזען!

זי איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם אַרונטערגעלאָזט אַ פּאַטש.

עס איז געוואָרען אַ טומעל. נחום איז געבליבען שטעהן אַ פאַרגליווערטער. די עטליכע אידען, וועלכע זיינען פאַרבליבען אין חסידישען שטיבעל, האָבען זיך פּרובירט אַריינמישען, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען.

— איך וועל דיר ווייזען, דו מסורניק, בלבול־מאכער, דו וועסט זיך נאָך לאָזען בעטען . . . דו וועסט שוין מיט מיר געהן!... איך וועל ווייזען אַלעמען, אַז דו ביזט צו מיר צוריקגעקומען, אָבער איך האָב דיר אַרויסגעיאָגט פון מיין הויז... איך וועל ניט דערלאָזען, אַז אַלע זאָלען זיין אונטער'ן איינדרוק, אַז דו האָסט מיך אוועקגעוואָרפען!... ניין!... דו וועסט צוריקקומען קיין קיידאַן, דאָרט וועסטו מיר געבען אַ גט, אויף מיין פאַרלאַנג, ניט ווייל דיר וועט זיך עס וועלען, נאָר ווייל איך וועל עס פון דיר פאָדערען!

— הער זיך איין, — האָט מענדעל זיך אָנגערופען צו ציפּע'ן, — נחום איז איצט אַ גאַנץ אנדער מענש. ער האָט געהאט פאַרלאָרען זיין האָפנונג, זיין גליק, און ווען איך האָב איהם געטראָפען אין תפיסה איז ער געווען אַ צובראָכענער מענש . . . איך האָב איהם געהאָלפען . . . איך האָב איהם ערקלעהרט דאָס וואָס דער בעל שם זאָגט, און איך האָב אויף איהם געווירקט דאָס ער איז געוואָרען אַן אנדער מענש . . . און איצט ווילסטו איהם צווינגען צוריקקעהרען זיך צו זיין פריהערדיגען אַרט לעבען . . . לאָז איהם צורוה, ער וועט דיר געבען אַ גט און ער וועט זיך געהן זיין וועג... דו ווייסט גאַנץ גוט אַז מיט גוואַלד וועסטו איהם ניט קענען האַלטען.

— איך פרעג ביי אייך ניט, — האָט ציפּע זיך צושריען, — איך וועל איהם שוין ניט אָפּלאָזען. ער וועט מיט מיר מוזען געהן אַהיים, און דאָרט וועלען מיר באַשליסען וואָס צו טאָן מיט איהם.

— קום, נחום, — האָט מענדעל צו איהם געזאָגט, — דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען, זיי קענען דיך ניט צווינגען.

מענדעל און נחום האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צום טהיר, און ווען ציפּע און ר' אשר האָבען גענומען פאַרהאַלטען נחום'ן, האָט ער זיך אַרויסגעריסען פון זייערע הענט און ער איז געלאָפען צו דער טהיר. מענדעל האָט זיי פּרו־

בירט אָפּשטופּען, צו געבען נחום'ן א געלעגענהייט צוקומען צו דער טיהר, אָבער דער בעל עגלה האָט א נעהם געטאָן נחום'ן און איהם א הויב געטאָן און אנידערגעוואָרפען אויף דער באנק וואָס איז געווען נעבען דער טיהר.

— פון מיר וועסטו אזוי גיך זיך ניט ארויסדרעהען, — האָט דער בעל עגלה צו איהם געזאָגט, — דיר ווילט זיך לויפען ווי א ווילדער פערד, אָבער ברודערקע, איך וועל דיך האלטען אין צוים! ביי מיר וועסטו פון די האָליאָבלעס ניט ארויסשפּרינגען... איך וועל דיר צעקאטעווען דיין פלייש מיט מיין בייטש, וועסטו שוין וויסען ווי אראָפּצוגעהן פון גלייכען וועג.

— מיר וועלען איהם דארפען פיהרען צום רב! — האָט ר' אשר געזאָגט, — דאָרט וועט מען איהם שוין זאָגען וואָס צו טאָן.

נחום האָט זיך גענומען רייסען פון דעם בעל עגלה'ס האנט, און ציפּע איז אויך צוגעגאנגען און איהם געדראָהט אז זי וועט אויסרייסען זיין באָרד, און אויסגראבלען זיינע אויגען אויב ער וועט מאכען א פארזוך צו אנטלויפען.

— איך זאָג אייך, — האָט זיך איינער פון די מתפּללים אָנגערופען צו ר' אשר'ן, — ווען איך בין אויף אייער פּלאַץ וואָלט איך זיי ביידען, אייער איידעם און אָט דעם משוגע'נעם חסיד געשלעפּט צו די פרנסים. זיי וועלען שוין וויסען וואָס צו טאָן מיט אזא עקשן! איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך בין דאָ געקומען דאווענען ווען מיינער א שכן האָט מיר געזאָגט אז זיי דאווענען גאנץ אנדערש פון אונז, אז זיי גיבען בראנפען נאָכ'ן דאווענען, און איך בין געווען זעהר נייגעריג צו זעהן וואָס דאָ קומט פאָר ביי זיי. נו, קען איך אייך זאָגען אז דאָס זיינען ווילדע אידען. זיי דאווענען ניט ווי אלע אידען, נאָר עפּעס דינען זיי צו א מין עבודה זרה. האָט איהר געהערט אין אייער לעבען, אז א איד אין מיטען שמונה עשרה זאָל זיך צעזינגען און ריידען מאָדנע דבורים? . . . איהר פארשטעהט, זיי זיינען מפסיק אין מי־
טען דאווענען, זיי שפּרינגען, זיי שרייען,
און מאכען פארשידענע תנועות און העוויות . . . אָ, ניין, זיי זיינען ביי מיר קיין אידען ניט, און דאריבער וואָלט איך אייך געראטען מען זאָל זיי פיהרען צום קהל שטיבעל, דאָרט וועט מען דערצעהלען אלץ וואָס זיי טהוען, און אויך וועגען אייער איידעם דעם תכשיט, זיי וועלען אייך שוין זאָגען וואָס צו טאָן מיט אים. נישקשה. אויב זיי וועלען איהם הייסען זיך אומקעהרען מיט אייער טאָכטער אהיים, וועט ער דאָס טאָן.

— וואו איז דאָס קהל שטיבעל?

— פרעגט איהם ר' אשר.

— עס איז ניט ווייט פון דאנען, אויב איהר וועט איהם צוהאלטען וועל איך אוועקגעהן און זיי דערצעהלען וועגען וואָס עס האנדעלט זיך, און זיי וועלען שוין אהער שיקען צוויי "מלאכי חבלה", פון וועמענס הענט עס וועט זיין שווער זיך ארויסצודרעהען. זיי וועלען איהם שוין אוועקפיהרען אין קהל שטיבעל און איהר וועט זעהן ווי זיי וועלען ברעכען זיין עקשנות . . . און אפשר וועלען זיי זיך אויך א נעהם טאָן צו אָט דעם חסיד שוטה וועלכער זוכט אראָפּצופיהרען פיעלע אידען פון גלייכען וועג דורך א טרונק בראנפען.

— אז אייך איז ניט געפעלען דער אופן ווי מיר דאווענען, טאָ פארוואָס זייט איהר געקומען אהער? — האָט א צווייטער איד זיך געווענדעט צו איהם.

— איך בין געקומען בלויז צוקוקען, והא ראיה, איך האָב דאָך די בראנפען זייערע ניט פארזוכט. אָבער איך האָב זיך שוין גענוג אָנגעזעהן, און איך זאָג אייך בפירוש, אז איך וועל שוין זעהן אז אָט דער מנין זאָל מעהר ניט זיין.

— זאָרג ניט, נחום, — האָט מענדעל זיך צו איהם אָנגערופען, — דו געדענקסט דאָך די מעשה מיט ר' קלמן'ען. דער פארברענטער מתנגד, דו וועסט נאָך זעהן אז אָט די אלע אידען וועלכע לאכען און שפּאָטען אָפּ פון חסידות, וועלען נאָך אליין ווערען פארברענטע חסידים. איך האָב דאָך דיר גלייך פון אָנפאנג געזאָגט אז אונז וועט אויסקומען צו לידען פון אונ־
זערע געגנער, פּונקט ווי די אנדערע

חסידים איז אויסגעקומען צו ליידען אין פּוילען, אין פּאָדאָליע, און אין וואָהלין, אָבער ווער האָט געזינגט? נישקשה, דער בעל שם טוב האָט ברייטע פּלייצעס, און ער קען פאַרטראָגען אַלע באַליידיגונגען.

— איהר וועט זעהן צי די אידען אין ווילנע וועלען דולדען אזא מין עבודה זרה ביי זיך! — האָט דערזעלבער איד אויסגערופען, — אָט איך געה שוין אין קהל שטיבעל. אַלץ וואָס איהר דאַרפט זעהן אז זיי זאָלען זיך פון דאַנען ניט ארויסדרעהען.

— זאָרגט ניט, ביי מיר וועט שוין נחום געהן אין שפּאַן, — האָט דער בעל עגלה געזאָגט, — מיט אַזעלכע זרעבטשיקעס ווי ער קען איך זיך שוין גאָר גוט איספּראַווען. איהר געהט און דערצעהלט דאָרט אין קהל שטיבעל.

דער איד איז ארויסגעגאַנגען, און די אַנדערע אידען, די מתפּללים האָבען זיך גענומען פאַנאַנדערגעהן. און אין שטיבעל זיינען איצט פאַרבליבען: מענדעל, נחום, ר׳ אשר, ציפּע, און דער בעל עגלה וועלכער האָט זיך געשטעלט ביים טיר צו היטען זיי זאָלען ניט ארויסגעהן.

א קליינע ווייַלע זיינען זיי אַלע געשטאַנען און געשוויגען. ציפּע האָט געהאַלטען אַן אויג אויף נחום׳ן. זי האָט באַמערקט ווי ער קוקט אויף דעם אָפענעם פענסטער. זי איז צוגעגאַנגען עטוואָס נעהנטער. אָבער נחום איז געווען פלינק, ער האָט זיך א לאָז געטאָן צום פענסטער און גענומען ארויפקלעטערען, האָט איהם אָבער ציפּע אָנגעכאַפּט ביי די פיס און איהם צוגעהאַלטען מיט אַלע איהרע כחות ביז דער בעל עגלה איז געקומען צו איהר הילף און ער האָט איהם צוריק אריינגעשלעפּט אין שטיבעל.

— ביי מיר אז א פערד צעשפּוזעט זיך, ברעך איך איהם גוט אָן די ביינער, — זאָגט דער בעל עגלה, — און דיין גליק איז וואָס דיין ווייב געפינט זיך דאָ, אז ניט וואָלט איך דיך אריינגעפאָהרען אין שנוק פאַר אזא זאַך.

איבער פינף יאָהר צייט אז איך זוך דיך, און איצט אז איך האָב דיך געפונען, ווערסטו זיך פון מיינע הענט שוין ניט ארויסדרעהען! — האָט ציפּע געזאָגט צו נחום׳ן.

— ווער וואָלט זיך געגלויבט אז דיין נחום זאָל אזוי האַנדלען! — האָט ר׳ אשר געזאָגט — דאַכט זיך אזא שטילינקער, אזא גוטינקער, פלעגט ניט טשעפּען קיין פליג אויף דער וואַנט, און איצט וויל ער גאָר אַנטלויפען פון זיין ווייב און פון זיין קינד! וואָס איז דאָס פון דיר געוואָרען, נחום!

— אַלץ וואָס איך וועל טאָן איז געבען איהר א גט! — האָט נחום א ברום געטאָן, אָבער וואוינען מיט איהר וועל איך ניט.

— שווייג שוין, מיר האָבען דאָך שוין געהערט פון דיר! — האָט דער בעל עגלה זיך אויף איהם א בייזער געטאָן.

באַלד האָט זיך דער איד צוריקגעקערט אין שטיבעל מיט צוויי קהל־שטיבעל יונגען. דאָס זיינען געווען די מלאכי חבלה ווי מען פלעגט זיי רופען. זיי זיינען געווען הויך, ברייט און געזונט. קיינער פליִגט זיך ניט וואַגען געגענשטעלען זיי. זיי פלעגען אָנוואַרפען א מורא אויף אַלעמען, און יעדער איינער האָט געטאָן וואָס זיי האָבען געהייסען.

— אָט דאָס זיינען זיי! — האָט דער איד אָנגעוויזען אויף מענדעל׳ן און אויף נחום׳ן, — אָט ער איז דאָס איהר מאַן.

— קומט אין קהל שטיבעל, — האָט איינער פון די יונגען זיך געווענדעט צו זיי.

נחום האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— האָסטו ניט געהערט וואָס איך זאָג דיר? — האָט דער יונג איהם א נעם געטאָן פאַר׳ן קאַרק.

— קום, נחום, זיי וועלען אונז דאָרט גאָרניט טאָן! — האָט מענדעל זיך אָנגערופען — דו ווייסט דאָך, זיי האָבען מיך געלאָזט אַרעסטירען, און אויב די פּאָליציי האָט מיר גאָרניט געטאָן, וועלען זיי אונז געוויס ניט טאָן קיין שלעכטעס.

— אָט דער איז דער קונצען־מאַכער — האָט דער צווייטער יונג אויסגערופען — מען דערציילט אז ער פלעגט מאַכען קונצען אין מיטען גאַס, זיך

איבערקוליען מיט דער קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף. קום ברודער, די זיבעו דיינים ווילען דיך אויך זעהן.

די יונגעו האָבען אָנגענומען נחום'ן און מענדעל'ן און זיי זיינען ארויס פון שטיבעל. ר' אשר און זיין טאָכטער זיינען זיי נאָכגעגאנגען, צוזאמען מיט דעם בעל עגלה און דעם אידען וועלכער האָט זיך באקלאָגט אויף זיי.

זיי זיינען אלע אריין אין קהל שטיבעל. דאָרט זיינען געזעסען ארום א טיש זיבען זקנים אָנגעטאָן אין טלית און תפילין.

— אָט דאָס איז ער! — האָט דער איד אָנגעוויזען אויף מענדעל'ן, — ער איז דער פּושע ישראל, וועלכער זוכט אראָפּצופירען די אידען פון דרך הישר.

— מיט איהם וועלען מיר שפּעטער זיך דורכריידען! — האָט דער ראש הדיינים געזאָגט — איצט וועלען מיר הערען די טענות געגען דעם יונגען מאַן וועלכער איז אנטלאָפּען פון זיין וויב און קינד, און וויל זיך צו איהר ניט אומקערען.

— פירט איהם אריין אין יענעם צימער, און האלט איהם דאָרט ביז וואנען מיר וועלען איהם רופען — האָט דער צווייטער זקן זיך אָנגערופען צו די צוויי יונגען.

די יונגען האָבען ארויסגעפיהרט מענדעל'ן פון צימער און איהם אריינגעפירט אין א צווייטען צימער. דער בעל עגלה און דער אנדערער איד, דער עדות, זיינען ארויס אויף א ווייל, און זיי האָבען געוואַרט אין פּאָדערהויז.

אין קהל שטיבעל זיינען פארבליבען נחום, ר' אשר און זיין טאָכטער ציפּע.

— ווער ביזטו? — פרעגט איהם דער ראש פון די זיבען זקנים.

— איך בין א חסיד! — ענטפערט איהם נחום.

— די גמרא זאָגט: "אין אדם משים עצמו רשע"! א מענש קען זיך אליין ניט מאכען פאר א רשע, אָבער ווען א איד זאָגט אויף זיך אז ער איז א חסיד, ווערט ער א חשוד, און מען מעג אים חושד זיין, זאָג מיר מיט וואָס פאר א רעכט רופסטו זיך אליין אָן חסיד? א חסיד, מיינט א פרומער, א צדיק, הייסט דאָס אז דו זאָגט אויף זיך אליין אז דו ביזט א צדיק!

— איך בין ניט קיין צדיק, אָבער איך גלויב אין דעם בעל שם טוב, און איך מיה זיך צו טאָן אלץ וואָס ער לערענט אונז.

— דאָס האָט אָבער איצט ניט צו טאָן מיט אונזער ענין. לויט ווי מיר האָבען געהערט, האָסטו פארלאָזען דיין וויב. הא, איז דאָס אמת, נחום?

— המ . . . דאָס איז אמת! — האָט ער ארויסגעשטאמעלט.

— און פארוואָס האָסטו עס געטאָן?

נחום האָט געשוויגען, און ציפּע האָט שטילערהייט אָנגעפאנגען צו וויינען.

— הער זיך איין, נחום, — האָט ד'ער ראש פון די זקנים זיך צו איהם געווענדעט — מיר ווייסען אלץ וואָס עס האָט מיט דיר פּאסירט, דער רב יהושע העשל האָט אונז נאָך מיט א צייט צוריק דערציילט וועגען דיר! מיר ווייסען אז דו האָסט געבראכט חרפּה אויף דיין פרוי, און אויף אלע דיינע נאָהענטע, אָבער מיר גלויבען אז פאר דיינע אלע זינד, ביזטו שוין אָפּגעקומען, איצט קאָנסטו זיך אומקערען אהיים צוזאמען מיט דיין פרוי, און דו וועסט זיין ווי אלע אידען. הא, וואָס זאָגסטו וועסטו זיך אומקערען צו דיין היים?

— ניין! — האָט נחום געענטפערט — איך וועל זיך קיינמאָל ניט אומקערען אהיים.

— פארוואָס ניט? — רופט זיך אָן דער ראש — וואָס פאר א זינד, איז דיין וויב באגאנגען געגען דיר?

— זי איז געגען מיר גאָר קיין זינד ניט באגאנגען. איך בין אָבער געווען א זינדיגער, אָבער איצט פיל איך אז איך בין געוואָרען א גאנץ אנדער מענש אז גאָט האָט מיר מוחל געווען מיינע זינד, און אז איך קאָן איהם ווידער דינען מיט שמחה... דער בעל שם זאָגט . . .

— קיינער פרעגט דיך ניט וואָס דער בעל שם זאָגט — האָט דער ראש זיך צו איהם אָנגערופען — מיר הייסען דיר זיך אומקערען צו דיין פרוי און קינד! דו הערסט!

— איך וויל איהר געבען א גט:

— דו האָסט ניט קיין אורזאכע, א מענש טאָר ניט גט'ן זיין ווייב סיידען ער געפינט אויס אז זי פירט זיך ניט אויף ריכטיג! זאָג מיר האָסטו עפּעס וואָס אויסצוזעצען געגען איהר?

— ניין! — האָט נחום געענטפערט — אָבער איך באַלאַנג שוין ניט מעהר צו זיך אָדער צו איהר. איך באַלאַנג צו אַן אנדער וועלט, אין א וועלט פון חסידים . . .

— שלאָג זיך ארויס אזעלכע נארישקייטען פון דיין קאָפּ, — האָט דער ראש פון די זקנים זיך געווענדעט צו נחום'ן, — ווי קומט עס צו דיר, וועלכער האָט אמאָל געלערענט און ווייסט א אידישען דין, זאָלסטו זיך אזוי גרינג לאָזען אראָפּפיהרען פון גלייכען וועג. דו ווייסט גאנץ גוט אז בלויז עמי הארצים קענען די חסידיב ארייננקריגען אלס זייערע אָנהייגנער, ווייל דער "בעל שם" וויל זיי איינריידען אז כדי צו זיין א פרומער איד דארף מען ניט קענען לערנען, עס איז גענוג אז ווען א איד שפּרינגט און טאנצט און זינגט און מאַכט משוגענע שטיק ביים דאווענען אז ער זאָל פאררעכענט ווערען פאר א חסיד... פארשטעהט זיך, אז אז עם הארץ כאַפּט זיך אָן אין דעם, אָבער ווי קומט עס אז אויך א איד ווי דו, א יודע ספר זאָל זיך לאָזען איבערריידען?

— וואָס וועט איהר זאָגען, רבי, אויף דעם פּסוק אין תהילים: "עבדו ה' בשמחה?" — האָט זיך נחום אָנגערופען צו דעם ראש פון די דיינים, — ווי באַלד דיענען גאָט מיט שמחה, טאָ וואָס פאר אַן עוולה זעהט איהר אין דעם ווי מיר, חסידים, דאווענען! עס איז פארשטענדליך אז ווען א מענש איז פרעהליך, ווערט זיין גייסט דערהויבען. ער קריגט התרוממות הנפש, און זיינע תפלות דערגרייכען דעם כסא הכבוד . . .

— די חסידים פארשטעהען ניט די באדייטונג פון פּסוק פון תהילים — האָט דער ראש פון די דיינים זיך אָנגערופען צו נחום'ן, — עס מיינט, אז ווען א מענש דאווענט מיט כוונה דארף ער זיין פרעהליך, ווייל ער דארף האָבען בטחון אין גאָט, ברוך הוא, אז ער האָט זיין תפלה אָנגענומען, און דאָס איז א גוטע אורזאכע צו האָבען שמחה, אָבער די ראָזיגע שמחה דארף דער מענש פיהלען אין זיין הארצען, און ניט פארשוועכען דעם כבוד פון דעם אויבערשטען מיט דעם וואָס ער וועט שפּרינגען, טאנצען, און מאכען משוגענע שטיק... משל למה הדבר דומה, צו איינעם וועלכער איז געקומען מיט א בקשה צו א מלך בשר ודם, און ער האָט אויסגעפונען אז דער מלך האָט ערפילט זיין בקשה, פרעהט ער זיך זעהר שטארק, אָבער זיין שמחה האלט ער אין זיין הארצען... ער וועט דאָך, צוליעב דעם כבוד פון מלך, ניט אָנפאנגען צו שפּרינגען און טאנצען און מאכען ווילדע העויות... היינט מה דאָך פאר א מלך בשר ודם דארף זיך א מענש האלטען אזוי, על אחת כמה וכמה פאר דעם מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא! . . . איצט קענסטו שוין איינזעהן אז דאָס וואָס די חסידים פרעדיגען איז אפּיקורסות, און יעדער איד דארף זיך דערווייטערען פון זיי, בפרט א איד וועלכער קען לערנען.

— גאָט, דער מלך מלכי המלכים איז אויך אונזער פאָטער, און מיר זיינען זיינע קינדער, — האָט נחום געזאָגט, — ווי עס שטעהט געשריבען אין דער הייליגער תורה "בנים אתם לה'"... און ווי באלד אז מיר זיינען קינדער, האָבען מיר א רעכט אויסצודריקען אונזער שמחה צו אונזער פאָטער אין הימעל מיט עקסטאז און באגייסטערונג... ווען א טאטע גיט א מתנה זיין קינד, און דאָס קינד ציינגט ארויס זיין צופרידענהייט מיט דעם וואָס ער שפּרינגט און טאנצט פון שמחה, קלייבט דען דער טאטע ניט קיין נחת פון איהם? יאָ, אונזער פאָטער אין הימעל פארשטעהט אז ווען מיר פרעהען זיך דארף זיין "כל עצמותי תאמרנה"... יעדעם גליד אין אונז דארף אויסדריקען אונזער שמחה צו אונזער פאָטער אין הימעל, און דורכדעם דערגרייכען אונזערע תפלות צום כסא הכבוד . . .

— רבי, מיר ברייגנען ניט קיין קלאגע געגען נחום'ן פארוואָס ער פירט זיך אויף ווי א חסיד, מיר קלאָגען אים אַז אין דעם וואָס ער האָט פארלאָזען

זיין פרוי און קינד און וויל זיך ניט אומקעהרען צו זיי, — האָט ר׳ אשר זיך געווענדעט צו דעם ראש פון די דיינים — זיין פּראָווען חסידות האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם ענין.

— עס האָט שוין גאָר א סך צו טאָן דאָמיט! — ענטפערט איהם דער דיין, — איך זעה דאָך פאַרוואָס ער וויל זיך ניט אומקעהרען צו זיין פרוי און קינד, ניט ווייל ער האָט געפונען אין איהר אן "ערות דבר", נאָר וואָס דען, ער רעדט זיך איין אז ער באלאנגט צו אן אנדער וועלט, צו די חסידים, און דאריבער גלויבט ער, אז ער האָט א רעכט צו פאַרלאָזען זיין ווייב און קינד, און פּראָווען חסיד׳ישע שטיק... ווען ער וואָלט זיך ניט געלאָזט איבעררעדען פון יענעם חסיד שוטה, וואָלט ער געווים צוריקגעגאנגען וואוינען מיט זיין ווייב. צוליעב דעם מוזען מיר איהם פריהער אוועקרייסען פון די אזוי־גערופענע חסידים, די מסיתים ומדיחים . . .

— רבי, די חסידים זיינען ניט קיין מסיתים און מדיחים! — האָט נחום אויסגערופען, — מיר חסידים געהען אין דעם וועג פון בעל שם טוב, וועלכער זאָגט אז גאָט ברוך הוא געפינט זיך אומעטום, אז די תורה איז ניט אין הימעל, וואָס מען דאַרף לערנען טאָג און נאכט כדי זי צו דערגרייכען, און דער וועלכער קען ניט לערנען האָט ניט קיין חלק אין גאָט, כביכול, און אין זיין תורה. דער בעל שם טוב האָט אראָפּגעבראכט די תורה פון הימעל צו דער ערד, פאר די פּשוט׳ע אידען וועלכע זיינען ביי זיך געפאלען, און זיי פילען זיך דערנידעריגט, און מיינען אז פאר זיי איז שוין גאָר קיין האָפנונג ניטאָ. יאָ, רבי, ביי אייך קומט אויס אז דער וועלכער קען ניט לערנען קען ניט זיין קיין פרומער איד, איהר האלט פון דעם "ולא עם הארץ חסיד". דער בעל שם אָבער לערנט אונז אז א הארץ איז וויכטיגער פון א קאָפּ. איינער קען האָבען א גוטע קאָפּ און קען גוט לערנען, אָבער ווען ער דיענט גאָט איז זיין הארץ ניט דערביי, דערפאר דאַרף א איד ניט זיין ביי זיך אזוי געפאלען אויב ער קען ניט לערנען, אזוי לאנג ווי ער דינט גאָט מיט זיין הארץ... דאריבער זאָגט דער בעל שם טוב אז א איד קען דינען גאָט מיט אלץ וואָס ער טוט, אפילו מיט די איינפאכסטע זאכען פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען, אפילו מיט עסען און טרינקען, און אפילו אין מארק ווען ער פיהרט זיינע מסחרים, ווייל אומעטום וואו דער מענש איז, דאָרט איז אויך גאָט פאַראַן . . .

— דאָס איז מינות! — האָט דער דיין אויסגעשריען, — "דע מה למעלה ממך", א איד דאַרף וויסען אז דער רבונו של עולם איז העכער פון איהם:

— ווייסט איהר ווי דער בעל שם טייטשט אָט דעם פּסוק: דע — זיי וויסען, אז מה למעלה, — אלץ וואָס איז אין דער הויך, איז — ממך, קומט עס פון דיר, דאָס הייסט, אז געטליכקייט האָט זיך דערהויבען צו דער הויכער מדרגה, צו דעם וואָס דער מענש האָט צו דעם צוגעגעבען זיין חלק. גאָט און מענש דארפען האָבען איינע די אנדערע און תמיד זיינען זיי נאָהענט איינער צום אנדערען. ביי גאָט זיינען אלע מענשען גלייכע יחסנים, ניטאָ ביי איהם קיין גרעסערע, ווייל יענע קענען לערנען, און קיין קלענערע, ווייל יענע זיינען עמי הארצים. ניין, אלע זיינען גלייך.

— נו, זעהט איהר דען ניט וויפיעל שמד־שטיק עס ליגט אין אזעלכע רייד! — האָט דער ראש פון די דיינים אויסגערופען, — דארפען מיר ניט עוקר מן השורש זיין די חסידים מיט זייערע נאָכפאָלגער?

ציפּע האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און איינער פון די דיינים האָט געזאָגט:

— עס האָט דאָך קיין זינען ניט אריינצולאָזען זיך אין א ויכוח מיט אָט דעם דאָזיגען אידען וועלכער איז פול מיט זינד. מיר דארפען זעהן אז ער זאָל זיך אומקעהרען מיט זיין פרוי צו זייער היים אין קיידאן.

— איך זאָג אייך נאָך אמאָל אז איך וועל זיך ניט אומקעהרען, — האָט נחום אויסגערופען מיט א פעסטער שטימע, — איך בין גרייט צו געבען איהר א גט, אָבער געהן מיט איהר אהיים וועל איך ניט!

— אויב דו מיינסט אז דו קענסט

איבערלאָזען א אידישע טאָכטער אויף הפקר, און דו וועסט זיך געהן מיט די איבעריגע משוגעים, מאכסטו א טעות, מיר וועלען אזא נבלה דיך ניט לאָזען באגעהן. דו וועסט דארפען טאָן אלץ וואָס מיר הייסען דיך. קום אהער ציפע, אשת נחום! — האָט ער זיך געווענדעט צו איהר, — זאָג מיר דעם אמת, ביזטו ניט באגאנגען קיין עוולה געגען דיין מאן צוליעב וואָס ער זאָל דיך האָבען פארלאָזט?

— ניין, רבי, — האָט ציפע מיט א וויינענדיגע שטימע געזאָגט, — איך בין צו איהם די גאנצע צייט, זינט מיר האָבען חתונה געהאט, פארבליבען טריי, און איך בין איהם געטריי ביז היינטיגען טאָג. איך האָב איהם אָפגעגעבען כבוד ווי א פרוי דארף אָפגעבען כבוד צו איהר מאן. איך וויים ניט וואָס עס האָט פלוצלינג מיט אים פאסירט, ער וויסט גאנץ גוט, אז ווען ער וואָלט זיך צוגעהערט צו מיר וואָלט אויף אונז אלעמען דער גאנצער אומגליק ניט געקומען... און יעדער איינער פון קיידאן וויסט אז אפילו נאָכדעם ווי ער האָט זיך באנארישט און אלע זיינען אויף איהם אויפגעבראכט געוואָרען, בין איך געווען פאר איהם שטאָל און אייזען. איך האָב איהם פארטיידיגט, און ניט איינמאָל האָב איך זיך געקריגט מיט די ווייבער וועלכע האָבען געזוכט צו ווארפען שמוץ אויף איהם... גלויבט מיר, רבי, איך האָב זיך גענוג אָנגעליטען... איך האָב אלץ אריבערגעטראָגען מיט געדולד, מיט דער האָפנונג אז ער וועט זיך נאָך צו מיר אומקעהרען און זיין א טאטע צו זיין קינד... און איצט, אז מיר האָבען איהם שוין יאָ געפונען, ווארפט ער מיר גאָר דעם גט אין פנים אריין... ניין, איך וועל קיין גט ניט נעמען.

— געהט אלע אריין אין צווייטען צימער, — האָט דער ראש פון די דיינים זיך צו זיי געווענדעט, — מיר וועלען דאָ צווישען זיך באשליסען, און אייך באלד צוריקרופען און לאָזען וויסען אונזער באשלוס.

זיי זיינען אלע ארויסגעגאנגען פון צימער, און די דיינים האָבען צווישען זיך באטראכט וואָס צו טאָן. זיי האָבען באשלאָסען צו צווינגען נחום'ן צוריקצופאָהרען מיט זיין ווייב קיין קיידאן.

— און וואָס וועט זיין אויב ער וועט נאָכהער ווידער אנטלויפען? — האָט איינער פון די דיינים זיך אָנגערופען, — וועט מען איהם דען קענען היטען אז ער זאָל ניט אנטלויפען?...

— מיר וועלען דארפען איהם געבען א שבועה אז ער וועט זיך צוריקקעהרען מיט זיין ווייב קיין קיידאן, און מיט איהר בלייבען.

— און אז ער וועט ניט וועלען שווערען?

— ער וועט מוזען שווערען! מיר קענען איהם צווינגען! אויב ניט וועט ער באשטראָפט ווערען... ער וועט אריינגעשטעלט ווערען אין דער קונע.

— יאָ, אזוי בלייבט עס, — האָבען די דיינים באשלאָסען — ער וועט מוזען שווערען, אויב ניט וועט ער פארזוכען די קונע.

דער שמש האָט זיי אלעמען אריינגערופען צוריק אין בית דין שטיבעל. זיי האָבען זיך אלע צוריקגעקעהרט און זיי האָבען זיך געזעצט אויף זייערע פלעצער.

— מיר האָבען באשלאָסען, אז דו זאָלסט זיך אומקעהרען מיט דיין ווייב קיין קיידאן, און בלייבען מיט איהר.

— איך וועל זיך מיט איהר ניט צוריקקעהרען! — האָט נחום אויסגערופען.

— דאָס איז דער באשלוס פון בית דין און דו וועסט עס דארפען אויספאָלגען, אז ניט וועסטו קריגען מלקות, פערציג שמיץ, פאר אלעמען אין די אויגען.

נחום האָט געשוויגען. ער האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן ווי די צוויי "מלאכי חבלה" דערנעהנטערען זיך צום טיש ארום וועלכען די זיבען דיינים זיינען געזעסען. א ציטער איז דורך זיין קערפער. ער האָט אָבער געשטארקט זיך און געשאָקעלט מיט זיין קאָפ אויף ניין.

— נחום, מיר זיינען דיך מתרה ומודיע, אז אויב דו וועסט ניט אויספאָלגען דעם באשלוס פון די דיינים, וועסטו ניט נאָר באקומען מלקות, נאָר מ'וועט דיך אריינשטעלען אין דער קונע...

— אפשר וויים ער ניט וואָס די

קונע איז, דאַרף מען איהם ערקלעהרען, — האָט איינער פון די דיינים זיך אָנגערופען, — די קונע איז...

— וואָס דאַרפען מיר איהם דערקלעהרען, — האָט דער ראש פון די דיינים אויסגערופען, און זיך ווענדענדיג צו די צוויי געזונטע יונגען, די מלאכי חבלה, האָט ער געזאָגט, פיהרט איהם צו צו דער קונע, און ווייזט איהם וואָס דאָס איז. ערקלעהרט איהם ווי אזוי דער זינדיגער באקומט דאָרט זיין שטראָף. און דערווייל וועלען מיר זיך נעהמען צו מענדלען, דעם חסיד, און זעהן וואָס מען טוט מיט איהם.

די צוויי יונגען האָבען א נעהם געטאָן נחום'ן אונטער'ן אָרעם, און זיי האָבען איהם געפיהרט צו דער ווילנער שטאָט־שוהל, וואָס איז אויף דעם שוהל־הויף.

דאָרט, נעבען דעם אריינגאנג פון דער גרויסער שוהל איז געשטאנען א קלאָץ, צוגעשמידט צו דער וואנט, וואָס האָט געהייסען דער "שאנד־פלאָקען" אָדער "די קונע". אויף דעם פלאָקען איז געווען איינגעשמידט אַן אייזערנער רינג, וואָס פלעגט זיך פאַנאנדערעפענען און צושליסען. אָט דעם דאָזיגען רינג פלעגט מען אָנטאָן אויף דעם האלז פון דעם פארזינדיגטען, און דער שמש פלעגט דעם רינג צושליסען אזוי, אז דער באשטראָפטער פלעגט זיך ניט קאָנען ריהרען פון אָרט. און יעדער איד וועלכער פלעגט קומען דאווגען אין שוהל, פלעגט פארבייגעהן דעם זינדיגען און ער פלעגט איהם אָנשפייען אין פנים... דער זינדיגער פלעגט דאָרטען דארפען שטעהן אזוי ביז נאָך מנחה, נאכהער פלעגט דער שמש אָפּשליסען דעם רינג, און איהם באפרייען.

— אָט דאָס איז די קונע, — האָט איינער פון די צוויי יונגען זיך אָנגערופען צו נחום'ן, — און אויב נאָכדעם ווי דו וועסט באקומען דיינע פערציג שמיץ, און נאָך אַלץ בלייבען ביי דיינע עקשנות, וועלען מיר דיך צופיהרען אָט דאָ און מען וועט דיך ארײנשטעלען אין דער קונע ביז וואנען דו וועסט זיך ארומזעהן, אז עס לוינט זיך ניט צו זינדיגען, און דו וועסט שוין צוזאָגען צו זיין גוט.

נחום האָט א קוק געטאָן אויף דער קונע און א שוידער איז אריבער זיין קערפּער. ער האָט זיך געזעהן שטעהענדיג מיט דעם רינג ארום זיין האלז, און יעדער איד שפייט איהם אַן אין פנים. פון דעסטוועגען האָט ער באַשלאָסען זיך ניט צוריקקערען מיט ציפּע'ן... ער באַלאנגט איצט צו די חסידים, ווייל בלויז אין חסידות וועט ער קאָנען געפינען אַן אינטערעס אין לעבען.

ווען די צוויי יונגען האָבען איהם צוריקגעבראכט אין בית דין שטיבעל האָט ער דאָרט געטראָפען מענדעל'ן פאַר די דיינים. ער האָט געהערט ווי זיי וואָרנען איהם ער זאָל אויפגעבען דעם חסידישען מנין, אויב ניט וועט ער דאַרפען פארלאָזען ווילנע.

— נו, נחום, האָסטו געזעהן די קונע? — פרעגט איהם דער ראש פון די דיינים, — וועסטו שוין פאָלגען דאָס וואָס די דיינים זאָגען דיר?

נחום האָט געשוויגען. ער האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן ווי מענדעל ווינקט צו איהם. נחום האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס ער מיינט. ער האָט דערפיהלט די בליקען פון זיין ווייב, און ער האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פנים צו די דיינים. ער האָט געזעהן ווי דער ראש פון די דיינים קוקט אויף איהר און וואַרט צו הערען זיין תשובה.

— פארוואָס ענטפערסטו אונז ניט?

— טוט ער אויף איהם א געשריי, — אויב דו וועסט אונז גלייך ניט ענטפערען וועט מען דיך ארויספיהרען אויפ'ן שוהל־הויף און דיך מכבד זיין מיט מלקות...

— און דו זאָלסט ניט מיינען, אז די דאָזיגע מלקות וואָס דו וועסט קריגען היינט זיינען דיזעלבע מלקות וואָס דער שמש גיט יעדען אידען ערב יום כפור... ניין, אָט די מלקות וואָס דו וועסט קריגען היינט וועלען איבערלאָזען שווערע סמנים אויף דיין ליב, און ערשט נאָכדעם וועסטו אריינגעפיהרט ווערען אין דער קונע! — האָט א צווייטער דיין זיך צו איהם געווענדעט. איצט זאָג אונז, וועסטו זיך צוריקקעהרען צו דיין ווייב און קינד?

— ניין, — האָט נחום געענטפערט מיט געלאַסענקייט.

— אויב אזוי פיהרט איהם ארויס אויפ'ן מיטען שוהל־הויף, און זייט

איהם מכבד מיט פערציג מלכות! — האט דער ראש פון די דיינים זיך געווענדעט צו די צוויי געזונטע יונגען.

די מלאכי חבלה האבען א נעהם געטאן נחום'ן און איהם א הויב געטאן ווי מען הויבט אויף א קליין קינד, און זיי האבען איהם גענומען פיהרען צו דער טיר.

ציפע האט פארשטעלט איהרע אויגען און האט זיך פאנאנדערגעוויינט.

— ווארט! -- האט זיך מענדעל א שטעל געטאן און זיך געווענדעט צו די דיינים — איידער איהר פיהרט איהם ארויס פון דאנען, וויל איך מיט איהם ריידען א פאר ווערטער.

— דו שבתי צבי'ניק! — האט איינער פון די דיינים אויסגערופען, — דו האסט שוין גענוג שאדען אנגעטאן, איז דיר נאך ווינציג!

— איך בעט אייך, לאזט מיך אויסריידען צו איהם א פאר ווערטער, אפשר וועט איהר פארשפארען די מלקות און די קונע...

— נו, לאמיר איהם לאזען ריידען צו איהם, אבער רייד אין דער הויך, אז מיר זאלען אלע קאנען הערען.

— ניין, איך וויל איהם עפעס אריינשושקען אין אויער... וואס איז דא די עוולה, איך בין דאך פאראנטווארטליך פאר איהם... פארוואס זאלט איהר אויך ארויסווייזען עקשנות... ערגער מאכען.

— נו, זאל זיין אזוי, — האט דער ראש פון די דיינים זיך אנגערופען, — מיר דאפען דעם פאר'משפט'ן געבען אלע מעגליכקייטען צו טאן תשובה.

מענדעל איז צוגעגאנגען צו נחום'ן און מיט איהם אוועק אין א ווינקעל פון חדר און זיך צו איהם אנגערופען אין דער שטיל, אריינשושקענדיג אין אויער:

— ווי איך זעה, וועל איך מוזען דא צייטווייליג אויפגעבען דעם מנין, ווייל זיי, די מתנגדים, זיינען נאך ניט ראוי צו פארשטעהן די לעהרע פון ר' ישראל בעל שם טוב, דעריבער גלויב איך, אז עס וועט זיין בעסער פאר דיר צוריקצוקעהרען זיך מיט דיין ווייב קיין קיידאן, כדי ניט צו געבען די מתנגדים א פתחון פה, אז חסידות באצוועקט צו צערייסען אידישע משפחות. איך וועל אליין אויך זעהן אוועקצוגעהן אין א קלענערע שטעטעל, כדי צו שאפען נפשות פאר חסידות און איך גלויב, אז אויב דו וועסט צוריקגעהן מיט דיין ווייב קיין קיידאן, וועסטו דארט קאנען אויפטאן זעהר א סך פאר חסידישער באוועגונג. מיט דיין שטארקען, אונבאשטרייטבארען גלויבען אין בעל שם, וועסטו אויך דארט קאנען געווינען א סך אנהענגער פאר'ן בעל שם. דו וועסט האבען א געלעגענהייט פאר זיי צו דערצעהלען וועגען די נסים פון בעל שם, און אז דורך דעם וואס אלע אידען וועלען געהן אין די דרכים פון בעל שם, וועט ער קאנען ברענגען די גאולה וואס שנעלער... דאס איז מיין עצה צו דיר. נו, נחום, וואס זאגסטו, וועסט אזוי טאן? ווען די צייט וועט קומען ,וועסטו דאך אויך שפעטער קאנען קומען צום בעל שם, און עס איז גאנץ מעגליך, אז דו וועסט דאן ניט זיין דער איינציגער, וועלכער וועט זיין נייגעריג צו פאהרען צום בעל שם.

מענדעל האט זיך אפגערוקט פון איהם, און נחום איז געבליבען שטעהן א ווילע א פארטראכטער.

מענדעל האט א וואונק געטאן צו ר' אשר'ן ער זאל איצט צוגעהן צו נחום'ן און מיט איהם ריידען נאך אמאל.

ר' אשר האט זיך גענומען דערנעהנטערען מיט לאנגזאמע טריט.

נחום האט אויף איהם א קוק געטאן, און דאן האט ער א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

— וועסטו געהן מיט אונז? — פרעגט איהם ר' אשר.

— יא, איך געה, — האט נחום געזאגט, —און איך האף, אז ציפע וועט מיר מוחל זיין פאר מיין שלעכטע באהאנדלונג.

— א, נחומ'ל, טייערער! — איז ציפע איהם געפאלען אויפ'ן האלז און זיך צעכליפעט ווי א קליין קינד, — א דאנק דיר, רבונו של עולם, פאר דעם חסד וואס דו טוסט מיט מיר.

— איצט רעדסטו ווי אן אמת'ער עהרליכער איד, — האט דער ראש פון די דיינים צו איהם געזאגט, — אבער פון דעסטוועגען וועלען מיר פארלאנגען פון דיר א שבועה, אז דו וועסט מעהר ניט אנטלויפען פון דיין ווייב.

נחום האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— אזוי האָבען מיר באשלאָסען, — האָט דער ראש געזאָגט, — און וואָלסטו אליין מיט דיין אייגענעם גוטען ווילען עס געטאָן, וואָלטען מיר געקאָנט אָננעהמען, אז דו מיינסט עס מיט'ן גאַנצען הארצען. איצט אָבער, אז מיר זעהען, אז מענדעל האָט זיך מיט דיר איבערגערעדט, ווילען מיר זיין זיכער, אז דו וועסט נאָכהער קיין חרטה ניט האָבען.

— איך וועל קיין חרטה ניט האָבען, — האָט נחום געזאָגט, — אָבער בתנאי, אז איך זאָל קאָנען דאווענען דעם נוסח ווי איך וויל.

— קיינער וועט דיר ניט שטערען, — האָט ר' אשר געזאָגט, — אזוי לאנג ווי דו דאווענסט.

ציפּע האָט זיך דערשראָקען, אז אויב די דיינים וועלען צו איהם צושטעהן ער זאָל געבען א שבועה, וועט ער נאָך אין גאַנצען חרטה האָבען און ניט וועלען צוריקקעהרען זיך מיט איהר אהיים, האָט זי דעריבער זיך אָנגערופען צו דעם ראש הדיינים:

— הערט זיך איין, רבי, איך וועל זיין זעהר גוט צו איהם, און איהם קיינמאָל ניט געבען קיין אורזאכע צו אנטלויפען פון מיר. בפרט ווען ער וועט דערזעהן אונזער שעהן קינד... איך גלויב איהם אָהן א שבועה.

— נו, אז דו גלויבסט איהם אָהן א שבועה האָבען מיר קיין רעכט ניט איהם צו צווינגען. זאָל גאָט געבען, אז איהר זאָלט לעבען צוזאמען בשלום און זאָל אויך זיין שלום על ישראל, אמן...

— נו, ר' אשר, וועלען מיר מאכען מאָרגען א יאזדע קיין קיידאן? — רופט זיך אָן דער בעל עגלה צו איהם.

— ווען עס וואָלט שוין נישט געווען צו שפּעט, וואָלטען מיר באלד אָפּגעפאָהרען,- - האָט ר' אשר זיך אָנגערופען, — אָבער איצט קאָנסטו געהן אהיים און מאָרגען, גאַנץ פריה, וועסטו קומען אין אכסניה און מיר וועלען אָפּפאָהרען.

— גלויבט מיר, אז איך בין אויך זעהר צופרידען, אז עס האָט זיך אזוי אויסגעלאָזט, — האָט דער בעל עגלה געזאָגט, — איך וועל שוין קומען מאָרגען גלייך נאָך דעם ערשטען מנין.

נחום איז געגאַנגען מיט זיין שווער און ציפּע איז זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטען. זי האָט געפיהלט גליקליך, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט דאָס הארץ איהר געשראָקען. ווער ווייסט וואָס עס וועט זיין?!... אפשר האָט זי אליין אויך באדארפט באשטעהן אויף א שבועה... אָבער וואָס וואָלט שוין געווען אויב ער וואָלט געשוואָרען?... וועט זי דען איהם קאָנען איינהאלטען מיט גוואלד?!...

— פאַרוואָס האָט ער פּלוצלינג זיך געענדערט? — האָט זיך ציפּע געטראכט, — די גאַנצע צייט איז ער געווען פאַר'עקשנ'ט און ווען מענדעל האָט איהם עפּעס אריינגעשושקעט אין אויער, האָט ער איינגעשטימט מיטצוגעהן מיט איהר. ווער ווייסט? אפשר האָבען זיי ביידע דאביי א כוונה? אָבער וואָס קאָן זי טאָן? א ברירה האָט זי געהאט? זי וועט זעהן ווי ער וועט זיך אויפפיהרען.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין אכסניא האָט ר' אשר געהייסען דעם בעל אכסניא מאכען פאַר זיי מיטאָג. זיי האָבען זיך געוואשען און געזעצט ביים טיש און געגעסען שווייגענדיג.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּגעבענשט, האָט ציפּע שוין אָנגעפאנגען צו ריידען צו איהם. זי האָט איהם דערצעהלט די חכמות פון זייער טעכטערל, פון צירעלען.

— דו געדענקסט, נחום, ווען מיר פלעגען ריידען וועגען א קינד, האָסטו געזאָגט, אז אויב איך וועל צו דיר געבוירען א טאָכטער, זאָל איך איהר א נאָמען געבען נאָך דיין מאמען, עליה השלום. נו, איצט זעהסטו, אז איך האָב געהאלטען וואָרט. זאָל דיין מאמע זיך דאָרט מיהען פאר איהר זי זאָל זיין געזונט און האָבען א גוטען מזל... זי איז אזא טייער קינד, גאָלד, זאָג איך דיר, נחום, און קלוג איז זי אָהן אן עין הרע, זי האָט שכל ווי א גרויסע... אוי, וועט זי זיך פרעהען ווען זי וועט דיך דערזעהן, נחום, יעדען טאָג פלעגט זי מיך פרעגען ווען דו וועסט שוין קומען אהיים. אוי, נחום'ל,, וועסטו שעפּען נחת פון איהר, פולע הויפענס, זאָג איך דיר,

זאָל נאָר גאָט געבען, אז אלץ זאָל זיין ווי מיר ווינשען. יאָ, זאָג מיר, נחום, וואָס האָט דיר מענדעל, דער חסיד, אריינגעשושקעט אין אויער?

— גאָרניט!

— וואָס הייסט גאָרנישט!... איך האָב דאָך געזעהן, אז ער האָט זיך מיט דיר געשושקעט און ערשט דאַן האָסטו זיך אין גאנצען געענדערט.

— איך קאָן דיר גאָרניט דערצעהלען, — האָט נחום זיך צו איהר אָנגערופען, — דאָס איז מיין זאך...

ר' אשר האָט א וואונק געטאָן צו ציפּע'ן, אז זי זאָל איהם צו רוה לאָזען, און ציפּע האָט איהם מעהר ניט געפרעגט.

ביינאכט האָט ר' אשר געהייסען דעם בעל אכסניא מאכען א געלעגער פאר נחום'ן אין זיין צימער. און ווען דער בעל אכסניא האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג, האָט ער איהם געזאָגט, אז פריהער וועלען זיי זיך דארפען צוגעוואוינען איינער צום אנדערען, און דערווייל וועט ער שלאָפען מיט איהם אין איין צימער.

כאָטש נחום איז די גאנצע צייט געווען ערנסט, און ווי עפּעס א שווערעניש האָט געדריקט איהם אויפ'ן הארצען, אָבער אין דער פריה, ווען ער און זיין שווער האָבען זיך געשטעלט דאווענען פאר זיך, האָט זיך צו איהם צוריקגעקעהרט זיין פרייד. ער האָט געדאַווענט מיט גרויס שמחה... ער איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער און געזונגען די תפלות... ער האָט געהויבען זיינע הענט און עטוואָס אונטערגעטאנצט... זיין פּנים האָט זיך צעלויכטען און זיינע אויגען האָבען געגלאנצט...

ר' אשר וועלכער האָט אויך געדאַווענט מיט איהם אין זעלבער צימער, האָט באטראכט זיין איידעם און ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. ווען אָבער נחום האָט זיך געשטעלט שמונה עשרה, און ער האָט גענומען דאווענען די דאָזיגע תפלות וואָס מען זאָגט אין דער שטיל, מיט א הויכער שטימע, און ווען ער איז געקומען צו דער תפלה: "סלח לנו אבינו כי חטאנו"... האָט נחום גענומען זיך קלאַפּען אין הארצען און צוגעגעבען אין אידיש: "אוי, הארציגער פאָטער, מחל לנו... זיי מיר מוחל"... זיסער טאטע אין הימעל... האָט שוין ר' אשר זיך מעהר ניט געקאָנט באהערשען און אויסגערופען שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ:

— נו אי, אָ, מפסיק!

אָבער נחום האָט איהם אפילו ניט געהערט. ער האָט ווייטער געדאַווענט מיט דער זעלבער כוונה און מיט די זעלבער העויות, אריינוואַרפענדיג עטליכע אידישע ווערטער צו יעדער תפלה

נאָכ'ן דאווענען האָט ר' אשר מיט איהם גענומען ריידען וועגען דעם, אָבער ער האָט זיך באהערשט ניט צו ווערען אויפגערעגט.

— הער זיך איין, נחום, מילא, דאָס וואָס דו זינגסט צו אין דאווענען, און דו מאכסט מיט די הענט, פארשטעה איך, ווייל אָט אזוי טייטשטו אוים דעם פּסוק "עבדו את ה' בשמחה"... אָבער דו ווייסט דאָך, אז אין שמונה עשרה טאָר מען ניט מפסיק זיין, טאָ ווי קומט עס, אז דו זאָלסט ריידען אידישע ווערטער אין שמונה עשרה?

— איך וועל אייך זאָגען, שווער, בשעת איך דאווען זוד איך צו דערהויבען מיין נשמה צו א הויכער מדרגה, אזוי אז גאָט זאָל מיינע תפלות אָננעהמען, און ווען איך דערגרייך אָט די דאָזיגע התרוממות הנפש, פיהל איך ניט, אז איך דריק זיך אוים צום רבונו של עולם אין אידיש... און דעריבער נעהמט גאָט, ברוך הוא, אָן מיינע תפלות, אפילו ווען איך רייד ארוים איינינגע ווערטער אין אידיש.

ר' אשר האָט זיך איצט מיט איהם ניט געוואָלט אריינלאָזען אין א ויכוח, ווייל דער בעל עגלה איז שוין געקומען און ציפּע האָט שוין אויף זיי געווארט מיט'ן עסען פריהשטיק. ווען ר' אשר איז אויף א ווילע געבליבען אליין מיט זיין טאָכטער, האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען:

— דאכט זיך, אז דו ביזט ניט קיין נארישע ווייבעל, פון דעסטוועגען צו שכל קומט עס ניט.

— וואָס אזוינס האָבע איך געטאָן?

— פרעגט איהם ציפּע מיט ערשטוינונג.

— איך רייד דאָס פון נעכטען. אָט ערשט, קוים מיט צרות האָט זיך אונז

איינגעגעבען צוריקצוקריגען נחום'ן, פאנגסטו איהם שוין אן צו יאדענען, און דו הויבסט איהם אן פרעגען אזעלכע פראגעס.

— וואס אזוינס האב איך איהם געפרעגט? — רופט אויס ציפע.

— דו האסט איהם געפרעגט ער זאל דיר זאגען וואס מענדעל האט איהם אריינגעשושקעט אין אויער... און אז ער ענטפערט דיר "גארניט", ביזטו נאך דאמיט ניט צופרידען און זאגסט איהם: "וואס הייסט גארניט?" און דו נעהמסט איהם שוין פארווארפען... וואס, דו וועסט קיין צייט ניט האבען. זאל ער אפזיין אין הויז מיט דיר א פאר וואכען, ער וועט זיך צוגעוואוינען, וועסטו דאן ביסלעכווייז אלץ ארויסבאקומען פון איהם.

— שא, אט געהט ער, — האט ציפע געזאגט איהר פאטער ווען זי האט געזעהן נחום'ן אנקומענדיג, און זיך ווענדענדיג צו איהם, האט זי אויסגערופען:

— זאג מיר, נחום טייערער, ווי האסטו געשלאפען די נאכט?

— געשלאפען ווי אלע מאל, — ענטפערט איהר נחום, און קוקט זיך אפילו ניט אום אויף איהר.

זיי זיינען שוין געווען גרייט צו דער רייזע. ר' אשר האט באצאהלט דעם בעל אכסניא, זיי האבען זיך געזעצט אין וואגען און דער בעל עגלה האט א שמיץ געטאן דאס פערד און זיי זיינען אפגעפאהרען פון ווילנע.

עטליכע שעה זיינען זיי אלע געזעסען און געשוויגען. ציפע האט ארויסגענומען פון א פעקעל זעמעל און זי האט דערלאנגט נחום'ען און איהר טאטען.

— מען דארף זיך צו דעם ניט וואשען! — האט זי געזאגט נחום'ן, — די מאמע האט אנגעבאקען א היבש ביסעל זעמעל.

נחום האט גענומען א זעמעל און געמאכט די ברכה "בורא מיני מזונות", און געגעסען.

ציפע האט איהם געגעבען נאך א זעמעל, און אז נחום האט געזאגט, אז ער וויל מעהר ניט, איז זי צו איהם צוגעשטאנען:

— עס מיין מאן, און זאל דיר עס וואויל באקומען. צירעלע האט אזוי ליעב די זעמעל, אז די באבע באקט זיי פאר איהר יעדען פרייטאג. אוי, איז דאס א מויד!... אהן עין הרע!... זאל נאר גאט געבען אז מיר זאלען האבען נחת פון איהר. זעה, נחום, איך האב דיך אפילו ניט געפרעגט ווי דו פיהלסט זיך, און ווי דו האסט פארבראכט. דו קוקסט ניט אויס שלעכט. אבער אביסעל באוואקסען. אם ירצה השם, ווען מיר וועלען קומען אהיים, וועסטו זיך ארומשערען, דיינע שבת'דיגע בגדים הענגען נאך אין אלמער, זיי ווארטען אויף דיר.

נחום האט איהר געלאזט ריידען. ער האט אויף איהרע פראגעס בלויז צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

קאפיטעל איין און צוואנציג

ווען זיי זיינען אויף מארגען אנגעקומען אין קיידאן, זיינען אלע אידען, יונגע און אלטע, אוועק צו ר' אשר'ם הויז. יעדער איינער איז געווען נייגעריג אנצוקוקען נחום'ען, וועלכער האט אויפגעשטורעמט די גאנצע שטאדט מיט אן ערך פינף יאר צוריק.

אבער ניט ביי יעדען איז ער געווען א ווילקאמענער גאסט. אייניגע האבען איהם אנגעקוקט, א דרעה געטהאן מיט'ן קאפ, א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס און ארויסגעברומט: "נו, מען קען ניט זאגען, איך וואלט נאך איהם ניט געבענקט"...

אנדערע זיינען געווען מעהר פריינדליכער. זיי זיינען צוגעקומען און איהם געגעבען "שלום עליכם". זיי זיינען אריינגעקומען אין הויז צוזאמען מיט די נאר וואס אנגעקומענע געסט...

ציפע האט געקושט איהר טעכטער'ל, און זיך צו איהר אנגערופען:

— צירעלע, מיין קינד, אט איז דאך דיין טאטע!

די פינף יאהריגע צירעלע, האט א קוק געטהאן אויף נחום'ען, און זי איז אריינגעלאפען אין א צווייטען צימער און זיך באהאלטען.

— צירעלע, מיין טעכטערל, — איז איהר ציפע נאכגעלאפען, — פארוואס אנטלויפסטו? דיין טאטע איז דאך געקומען!

— איך האָב מורא! — האָט זיך צירעלע פאנאנדערגעוויינט ווען די מאמע האָט זי אָנגענומען פאר'ן הענטעלע און גענומען פיהרען צו נחום'ען.

— נו, נחום, וואָס זאָגסטו צו דיין טאָכטער? — האָט ציפּע מיט שטאָלץ אויסגערופען, — זי איז דאָך אינגאנצען געראָטען אין דיר... וואָס איז מיט דיר, נחום? פארוואָס נעמסטו זי ניט אויף דיינע הענט? דו הערסט, עפּעס א קלייניגקייט, דו זעהסט דאָך איהר צום ערשטען מאָל!

— נו, לאָז איהם צורוה, — האָט די מאמע אויסגערופען, — ער איז דאָך אזוי מיעד... און דער טומעל איז אזוי גרויס... זאָרג ניט, טאָכטער, דו וועסט זעהן ווי שטארק ער וועט זי ליעב האָבען, ער וועט זי ניט וועלען אָפּלאָזען פון זיך...

שפרה, ציפּע'ס שוועסטער, וועלכע איז שוין געווען א כלה־מויד, האָט געבעטען דעם עולם וואָס האָט זיך פארזאמעלט ארום הויז, זיי זאָלען איצט געהן אהיים. איינינגע זיינען אוועק, און איינינגע האָבען זיך ניט געריהרט פון אָרט... זיי האָבען גערעדט און געמאכט מיט די הענט. איבערהויפּט האָט זיך געקאָכט דוואָשע די הערינגניצע. איהר צונג האָט ניט גערוהט פאר א רגע.

— וואָס זאָגט איהר צום טייערען גאסט? טפו זאָל ער ווערען! ווען איך בין ציפּע לאָז איך איהם ניט אריבערטרעטען מיין שוועל... א גנב, א מסור, איבערגעלאָזט דאָס ווייב פאר מעהר ווי פינף יאָהר, און איצט „גוט יום טוב", איך בין דאָ! ווער דארף איהם דאָ, דעם מסור? ער האָט גענומען און אומגליקליך געמאכט ר' יהודה ליב'ן, דעם רייכסטען אידען פון קיידאן, וועלכער האָט איהם קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטהאָן. אָ, קיין גוטער איד זאָל איהם ניט קענען... א מציאה, איהר הערט, אן אמת'ע מציאה האָט ציפּע געבראכט צוריק. זי איז נאָך געפאָהרען אזש קיין ווילנע און איהם פון דאָרט אראָפּגעבראכט...

— איהו' טאָרט אזוי ניט ריידען, דוואָשע, — האָט איהר איין אידענע פארגעוואָרפען, — ער האָט זיך אמאָל באנארישט, איז וואָס? ווי איך האָב געהערט האָט ער גאָר א סך זיך אָנגעליטען. ער איז שוין גענוג אָפּגעקומען פאר זיינע זינד. איצט, אז ער איז געוואָרען א בעל תשובה, דארפען מיר איהם אלע מוחל זיין. איך בין זיכער אז אפילו דער רב אונזערער, און ר' יהודה ליב, וועלכע האָבען צוליעב איהם זיך גענוג אָנגעליטען, וועלען איהם אויך מוחל זיין.

— פון זיין פּנים קען מען ניט זעהן אז ער האָט א סך זיך אָנגעליטען, — האָט דוואָשע אויסגערופען, — ניין, איהר וועט מיר ניט איינריידען אז א מסור און א גנב דערצו, וועט א סך ליידען... איך וועל מעהר זיין טריפה'נעם פּנים ניט אָנקוקען.

ווער האָט נאָך אייך געשיקט, דוואָשע, — האָט זיך שפרה צו איהר אָנגערופען, — געהט זיך געזונטערהייט, ווען מיר וועלען אייך דארפען וועלען מיר אייך שיקען רופען.

— וואָס זאָגט איהר צו איהר? — האָט זיך דוואָשע צעשריען, — עפּעס א קלייניגקייט, איך האָב אָנגעריהרט איהר טייערען שוואָגער, דעם צדיק... גלויבט מיר, ווען איך האָב אזא שוואָגער וואָלט איך ניט געוואָלט וויסען פון איהם...

— און אייער מאן וואָלט זיך געשעצט גליקליך ווען ער ווייסט ניט פון אייך! — האָט שפרה איהר אריינגעזאָגט, — עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט וואָס אייער מאן ליידט זיך אָן פון אייך, און פון אייער גיפטיגע צונג. געהט אוועק פון דאנען, צו אייערע צעפוילטע הערינג, און מעהר זאָלט איהר אהער ניט צוקומען.

— איך פרעג ביי דיר ניט, דו חצופה! דו מיינסט אז דו ביזט שוין געוואָרען א כלה פאר ישראל דעם שוחט'ס זוהן, ביזטו שוין א גאנצער מענש! גלויב מיר, ווען איך בין ישראל'ס מאמע, וואָלט איך ניט דערלאָזט אז מיין זוהן זאָל אריינפאלען אין א משפּחה וואו עס געפינט זיך א מסור...

— זיט ווען טענה'סטו זיך אוים! — איז שפרה'ס מאמע ארויסגעקומען, ווען זי האָט דערהערט ווי

דוואָשע, די הערינגניצע, האָט זיך צעשריען אויף שפרה'ן, — ווייסטו דען ניט אז זי האָט א לאַנגע שמוציגע צונג? קום אריין אין הויז, און אז זי וועט באלד ניט אוועקגעהן פון דאַנען וועל איך איהר אָפּגיסען מיט א פּאמוניצע וואסער... איך האָב דאָס שוין איינמאָל געטהאָן צו איהר, זאָל זי נאָר בלייבען דאָ נאָך איין מינוט, און איהר וועט באלד זעהן ווי זי וועט לויפען פון דאנען ווי אן אונטערגעשאָסענע...

דוואָשע האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו ריידען. אָבער ווען זי האָט געזעהן אז ר' אשר'ס ווייב קומט ארויס מיט די פּאמוניצע, האָט זי ארויסגעלאָזט א געשריי, און אויסגערופען:

— אידען! איהר זעהט, זי געהט! וואָס אזוינס האָב איך געזאָגט?!...

— וואַרט צו א ווײַלע, דו שמוציגע אידענע! — האָט ציפּע'ס מאמע געזאָגט, — אָט וועל איך דיר אָפּליוכען ווי א חזיר.

דוואָשע האָט זיך געלאָזט לויפען, און זי נאָך איהר. זי האָט איהר נאָכגעשריען: "אויב איך וועל דיך זעהן לעבען מיין הויז נאָך איינמאָל, וועל איך דיר צופּאטשען דיין טריפה'נע צורה!..."

די אידען און אידענעס וועלכע האָבען זיך געפונען ארום ר' אשר'ס הויז זיינען אוועק, און זיי האָבען צווישען זיך ניט אויפגעהערט צו ריידען.

— ווען ער איז מיין איידעם, וואָלט איך אָסור איהם גענומען צוריק, — האָט א איד געזאָגט, — ווען א איד ווערט געשטרויכעלט און בא'גנב'עט די צדקה־פּושקע פון בית המדרש, איז שוין אז אָך און אז וועה צו איהם, אָבער ווען א איד ווערט א מסור, אזא איד דארף מען ניט ארויפלאָזען אויף דעם שוועל פון א אידישע הויז.

— נאָך אזא מציאה האָט זי באדארפט פאָהרען קיין ווילנע און איהם ברייינגען פון דאָרט, — האָט א אידענע געזאָגט, — פינף יאָהר אז ער האָט זי איבערגעלאָזט, און איצט איז א גדולה אויף זיי, דער "צדיק" איז געקומען.

נחום האָט זיך געפיהלט פרעמד אין הויז. זיין שוויגער'ס ווייכע רייד, און זיין ווייב'ס צארטע באהאנדלונג האָבען איהם ניט געריהרט. ער איז געבליבען זיצען א גאנצען טאָג אין זיין צימער.

ציפּע איז געווען אין קיך דעם גאנצען טאָג, קאָכענדיג די מאכלים וואָס נחום פלעגט ליעב האָבען צו עסען. זי האָט געבאקט און געפּרעגעלט, און ווען עס איז פארטיג געוואָרען, האָט זי ארומגעוואשען איהר פּנים, אָנגעטהאָן אן אויסגעוואשענעם שירץ, און אריין אין צימער וואו נחום איז געווען. זי איז א ווײַלע געשטאנען נעבען דער טיר, זי האָט געזעהן ווי נחום קוקט פארטראכט אין פענסטער.

— נחום, טייערער, — האָט זי מיט א צערטלעכער שטימע געזאָגט, — איך האָב שוין אליין צוגעגרייט. איך האָב פאר דיר געקאָכט דאָס וואָס דו האָסט ליעב. געה וואש זיך און לאָמיר עסען. צירעלע איז שוין א גאנצע בעל הבית'טע. דו האָסט באדארפט זעהן ווי זי האָט צעלייגט די לעפעל און די גאָפּעל אויפ'ן טש. קום, מיר וועלען געהן עסען.

שווייגענדיג האָט זיך נחום אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ. ער איז אריין אין קיך און זיך געוואשען צום עסען. דער ריח פון די געקאָכטע מאכלים האָט גענומען רייצען זיין אַפּעטיט. ער האָט זיך געזעצט צום טיש און געמאכט א מוציא.

די קליינע צירעלע איז געזעסען ביי דעם צווייטען ברעג פון טיש. זי האָט מורא געהאט א קוק צו טאָן אויף איר טאטען. אָבער די מאמע האָט אין איר געגוג אריינגערעדט, אז זי זאָל זיך ניט שרעקען און אז זי זאָל זיין א גוטע מיידעלע, וועט איהר דער טאטע ליעב האָבען און ער וועט איהר געבען א ליאלקע.

ציפּע האָט דערלאנגט צום טיש. איהרע באקען האָבען געפלאמט, און איהרע אויגען האָבען געגלאנצט. זי האָט נחום'ן געגעבען דעם בעסטען און דעם גרעסטען חלק. נחום האָט געגעסען מיט אַפּעטיט. ער האָט זיך אָפילו ניט ארומגעקוקט. צירעלע איז געזעסען און געקוקט אויף איהר מאמען, און האָט אויך געשוויגען.

נאָכדעם ווי זי האָט אים דערלאנגט די געפּרעגעלטע לאַטקעס, האָט זיך ציפּע געפּאסט מוטה און זי האָט אָנגעהויבען צו ריידען:

— זאָג מיר, נחום, ווי געפעלען דיר מיינע עסענס. איך געדענק אז אמאל פלעגסטו מיר זאָגען אז איך קען קאָכען בעסער פון אלעמען. און איצט זיצסטו און שווייגסט. אפשר איז די זופּ ניט געשמאק, אָדער די לאַטקעס טויגען ניט . . .

נחום האָט געוואָרפען א בליק אויף ציפּע'ן און זי האָט זיך מיט אמאָל דערפיהלט אזוי גוט, אזוי אָנגענעהם, פּונקט ווי אין יענער צייט ווען ער פלעגט זיך צו'גנב'ענען צו איר נאָכ'ן עסען, ווען זי פלעגט וואשען די געשיר, און ארייַנכאַפּען א קוש ווען קיינער פלעגט ניט באמערקען . . .

נחום האָט גענומען בענשען . . . ציפּע איז געבליבען זיצען. זי האָט געקוקט אויף איהם, און זי האָט באַמערקט ווי זיינע אויגען נעמען זיך פּלוצלינג צעלויכטען. ער האָט גענומען זינגען מיט אזא אָנגענעהמען ניגון, אַ' טרעהרען האָבען זיך באוויזען אין איהרע אויגען.

נאָכ'ן בענשען, האָט זיך ציפּע אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ. זי איז צוגעגאנגען צו נחום'ן, זי האָט ארויפגעלייגט איהר האנט אויף זיין אקסעל.

— נחום, טייערער, זאָג מיר, ביזטו אין כעס אויף מיר?

— אין כעס אויף דיר! — האָט נחום געענטפערט, — פארוואָס זאָל איך זיין אין כעס אויף דיר? דו האָסט מיר דען שלעכטעס געטאָן? איך האָב דאָך אויף דיר געבראַכט שאנדע . . .

— נו, לאָמיר מעהר וועגען דעם ניט ריידען, — האָט ציפּע זיך אָנגערופען, — איצט, אז גאָט האָט געגעבען און מיר זיינען ביידע ווייטער צוזאמען, דארפען מיר מעהר ניט ריידען וועגען דער פארגאנגענהייט... לאָמיר בעסער ריידען וועגען שפּעטער... דו וועסט זיך ווידער צוגעוואוינען צו אונז, און צו אלע אונזערע פריינד... אפשר די ערשטע עטליכע טעג וועט זיין שווער פאר דיר, אָבער זאָלען אוועק איינינגע טעג און דו וועסט ווידער אָנפאנגען געהן אין בית המדרש. די אידען וועלען זיך נעמען צוגעוואוינען צו דיר, דאן וועט אלץ ווערען ווי עס איז געווען.

— ניין, ציפּע, ווי עס איז געווען וועט שוין מעהר קיינמאָל ניט זיין... איך בין געוואָרען אן אנדער מענש! איך בין ביז איצט געווען א פארלאָרענער. איך האָב אויף זיך געבעטען דעם טויט... ווייל איך האָב געזינדיגט, זעהר שטארק געזינדיגט, און איך האָב געמיינט אז פאר מיר איז מעהר קיין תרופה ניטאָ . . . אָבער זינט איך האָב זיך געטראָפען מיט מענדעל'ן און איך האָב פון איהם געהערט וועגען דעם הייליגען צדיק, דעם בעל שם טוב, האָב איך געפיהלט אז אין מיר איז אריינגעבלאָזען געוואָרען א נייע נשמה... איך וויים איצט, אז יעדער מענש איז זינדיג, אָבער אויב ער טוט תשובה, איז איהם גאָט מוחל...

— איך וואונדער זיך אויף דיר, נחום, דו זאָלסט אזוי ריידען? . . . דוכט זיך אז דו ביזט א געלערענטער, און דו ווייסט אז גאָט איז מוחל יעדען איינעם, וועלכער טוט תשובה מיט'ן גאנצען הארצען, האָסטו דען באדארפט ווארטען דאָס וואָס מענדעל האָט דיך געזאָגט אין נאָמען פון בעל שם? און אָהן איהם האָסטו ניט געוואוסט אז גאָט איז מוחל דעם וועלכער טוט תשובה?...

— עס איז אין גאנצען אנדערש!

— האָט נחום אויסגערופען,—אָבער דו וועסט עס ניט פארשטעהן, דו ביזט דאָך ניט מעהר ווי א אשה... דו פארשטעהסט, ביים בעל שם טוב איז ניטאָ אזא זאך ווי א זינדיגער, יעדער איינער וועלכער דיענט גאָט מיט זיין גאנצען הארצען קען דערגרייכען צו דער העכסטער מדרגה... אויב א מענש איז באגאנגען א זינד, דארף ער זיך ניט נעמען צום הארצען, ווייל עס איז ניטאָ א מענש אויף דער וועלט וועלכער זאָל טאָן בלויז גוטעס און ניט זינדיגען. אמת, אונזערע חכמים האָבען אויך געזאָגט, אז מיט תשובה קען מען פועל'ן ביי גאָט ער זאָל מוחל זיין, אָבער וואָס פאר א תשובה דארף מען טאָן? מען דארף פאסטען, מען דארף

זיך לאזן פייניגען, מען מוז זיך גענוג אנליידען, און ערשט דאן קען מען האפען אז דער רבונו של עולם וועט רחמנות האבען אויף דעם געפייניגטען און ער וועט איהם מוחל זיין... דער בעל שם טוב אבער, זאגט אז כדי צו ערווארטען אז גאט וועט מוחל זיין דעם זינדיגען, דארף ער מתפלל זיין צו איהם מיט כוונה, און מיט כוונה, מיינט ער, אז די תפלה דארף געזאגט ווערען מיט שמחה, מיט דערהויבונג פון דער נשמה... נו, זאג מיר ווען סטו עס דען קענען פארשטעהן? אט בין איך א זינדיגער מענש, איך בין באגאנגען זעהר א שווערען פארברעכען, איז וואס וואלט איך באדארפט טאן, לויט דיין מיינונג, און לויט דער מיינונג פון דיין פאטער? איך וואלט באדארפט זיצען טאג און נאכט און זיך וויקען אין יסורים און מתפלל זיין, איך וואלט באדארפט פאסטען, און זיין תמיד פארטרויערט און פארזארגט... און דער בעל שם זאגט פונקט פארקעהרט. איצט פארשטעהסטו?

— אוודאי פארשטעה איך, — האט ציפע זיך אנגערופען, — עס איז געוויס בעסער צו זיין פרעהליך און לוסטיג ווי צו זיין שטענדיג באזארגט און טרויעריג... דאס לעבען איז אזוי קורץ און פול מיט צרות און יסורים, אז עס וואלט געווען זעהר גוט ווען מען קען פארגעסען אז אלץ און זיין פרעהליך... אבער מען טוט עס ניט... איך ווייס ניט וועמעס שולד עס איז. מיר זיינען דאך אידען, און מיר האבען גענוג אויף וואס צו טרויערען... קיינע צרות פעהלען אונז ניט, און אז מען האט צרות קען מען ניט זיין פרעהליך.. אט נעם א שטייגער מיך... פאר די לעצטע פינף יאהר האב איך א סך, זעהר א סך זיך אנגעליטען. נו, פרעג איך דיר, האב איך געקענט זיין פרעהליך?... האב איך געקענט לאכען און שפרינגען און טאנצען?

— איך ווייס אז עס איז שווער פאר אן אשה צו פארשטעהן אזעלכע זאכען, אבער איך ווייס אויך אז צווישען די נאכפאלגער פון בעל שם זיינען פאראן פיעלע פרויען... זיי באגרייפען וואס עס מיינט צו זיין פרעהליך... א מענש קען זיין פרעהליך ווען ער פילט אז גאט האט אנגענומען זיין תפלה און אז ער קען זיך מזווג זיין מיט דער שכינה... די אלע אנדערע זאכען אין מענשענ'ס לעבען זיינען גארניט וויכטיג, אז א מענש זאל זיך נעמען צום הארצען. דער בעל שם גיט דערצו א משל: א מענש האט זיין גאנצען לעבען געשטרעבט צו געפינען חן אין די אויגען פון קעניג. ער האט געווארט פיעלע יאהרען ביז וואנען דער קעניג האט זיך אן איהם דערמאנט, און באוויליגט אלע זיינע פארלאנגען. ער האט איהם צוגעזאגט צו מאכען איהם גליקליך. וועט אט דער מאן זיך נעמען דאן זארגען וועגען דעם וואס ער לריידט דערווייל? וועט ער דען ניט פארגעסען אן אלע ניט-וויכטיגע זארגען און ליידען, און וועט ער זיך דען ניט פרעהען, וויסענדיג אז ענדליך האט ער דערגרייכט דאס וואס ער האט אזוי שטארק געוואונשען? ווייס ער דען ניט, אז אלץ איז גארניט גענגען דעם וואס דער קעניג האט זיך צו אים צוגעהערט און איהם געגעבען אזוי פיל גליק? נו, איצט פארשטעהסטו שוין אז מען קען זיין גליקליך אפילו ווען מען איז באזארגט, אפילו ווען עס דוכט זיך אז מען איז אומגליקליך!...

— איך פארשטעה וואס דו מיינסט, נחום. אבער זאג מיר, ווי אזוי קען מען זיין זיכער אז גאט האט מיין תפלה אנגענומען?

— אויב דו' זאגסט דיין תפלה צו גאט מיט דיין גאנצען הארצען, מיט פרייד און חדוה, מיט געזאנג, און מיט התרוממות הנפש, דאן איז מען זיכער אז גאט, ברוך הוא, האט דיין תפלה אנגענומען... ווען אבער דיין תפלה ווערט ארויסגעזאגט מיט טרויער און מיט דערשלאגענהייט, איז א סימן אז דו האסט נאך ניט דערגרייכט די מדרגה צו האבען די מעגליכקייט מתפלל צו זיין אזוי אז דיין תפלה זאל אנגענומען ווערען.

דאס האט ציפע ניט געקענט באגרייפען. אבער זי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ אלס צייכען אז זי שטימט איין מיט מיט איהם.

— דו ווייסט דאך, נחום, אז איך האב תמיד געטאן וואס דו האסט מיר געזאגט, — האט ציפע זיך צו איהם

אַנגערופען, — איך בין געווען דאנקבאר צו גאָט וואָס ער האָט מיך געבענשט מיט א מאַן ווי דו, וועלכער קען לערנען, און ווייס ווי אזוי צו זיין א גוטער איד... און אויך איצט בין איך גרייט צו לערנען פון דיר, אָבער אָט דאָס וואָס דו ווילסט זיין אנדערש ווי די אנדערע פארשטעה איך נישט... מיר זיינען אַלע גוטע אידען, און מיר דארפען זיך אויפפיהרען ווי אונזערע עלטערען... פארוואָס זאָלען מיר זיין אנדערש פון זיי? מיין טאטע, זאָל געזונט זיין, איז א פרומער, עהרליכער איד, און ער פיהרט זיך אויף ווי זיין טאטע, און דו אליין, ביזט דאָך די גאנצע צייט געווען פרום און געדאַווענט ווי מיר אַלע, טאָ פארוואָס זאָלסטו זיך ענדערען? אָט דאָס פארשטעה איך ניט... וואָס עס איז שייך צו זיין פרעהליך, זאָל נאָר גאָט געבען און מיר זאָלען זיין געזונט און הערען גוטע בשורות אויף אידען. אוי, וועלען מיר זיין פרעהליך!... אָט בין איך שוין פרעהליך, ווייל גאָט האָט דיך צוריקגעבראכט צו מיר, און איצט וועט אונזער טאָכטער האָבען א טאַטען... מיר וועלען ערציהען אונזער קינד צו זיין א גוטע אידישע טאָכטער, און אפשר וועלען מיר זוכה זיין ביי גאָט און ער וועט אונז שענקען א זוהן אויך און מיר וועלען דאַן געוויס האָבען מיט וואָס זיך צו פרעהען...

— איך פרעג דיך, וואָס פאר א זין האָט דאָס לעבען אויב מיר וועלען ניט געהן אין די פוס־טריט פון בעל שם טוב? קענסטו דען באגרייפען וואָס עס מיינט פאר א חסיד זיך צו באהעפטען מיט דער שכינה? צו פיהלען אז דער הימעל איז ניט צו הויך פאר אונז, אז ער איז אויף דער ערד, און מיר קענען איהם אַנריהרען... מיר קענען ווערען א טייל פון דער געטליכקייט... נאָט איז אונז אזוי ליעב, אזוי טייער, און ווען מיר זעהען איהם, און מיר פיהלען זיין געגענוואַרט, געהט דורך א פרייד איבער אַלע אונזערע גלידער... "כל עצמותי תאמרנה"... שטעל זיך פאָר ווען מיר דערזעהען פּלוצים איינעם וועלכער איז אונז אם ליעבסטען און אם טייערסטען, וואָלטען מיר זיך דען ניט צעזונגען פון שמחה און געטאנצט פון גליק? . . .

— אויב דו גלויבסט אזוי, מיין ליעבער מאַן, וועל איך אויך טהאָן ווי דו! — האָט ציפּע געזאָגט, — דו ביזט מיין מאַן, און עס איז מיין פליכט צו טהאָן ווי דו פארלאַנגסט, און בפרט ווען איך בין בלויז אַן אומוויסענדע אשה, און דו ביזט דאָך געלערנט. אָבער פון דעסטוועגען וואָלט איך דיך געראַטען אז דערווייל, איידער דו וועסט צוגעוואוינט ווערען צו אַלעמען און איידער זיי וועלען צוגעוואוינט ווערען צו דיר, זאָלסטו ניט ארויסווייזען אז דו ביזט אנדערש פון אַלעמען . . .

— איך האָב זיך נישט וואָס צו שעהמען! — האָט נחום געזאָגט, — איך האָב געפונען דעם ריכטיגען וועג, און איך וועל אין איהם געהן. זיי זיינען די וועלכע בלאָנדזשען, זאָלען זיי זיך שעהמען . . .

— הער זיך איין, נחום, איך וועל דיך פרעגען א נארישקייט, און איך האָף אז דו וועסט אויף מיר צוליעב דעם קיין פאַראיבעל ניט האָבען. דו זאָגסט, אז דו געהסט אויף דעם ריכטיגען וועג, און אז די אנדערע בלאָנדזשען, הייסט עס, אז אַלע אידען ווייסען ניט וואָס זיי טהוען, נאָר דו אליין, ביזט גערעכט. דו טהוסט דאָס וואָס מען דאַרף. הייסט עס, אז א וועלט איז משוגע און דו ביזט דער איינציגער קלאָרער . . .

— ערשטענס, בין איך ניט דער איינציגער, עס זיינען פאַראַן נאָך צעהנדליגער טויזענטע אידען וועלכע זיינען געוואָרען חסידים און נאָכפאָלגער פון ר' ישראל בעל שם טוב. שטעל זיך פאָר אז ווען אברהם אבינו איז ארויסגעקומען און ערקלעהרט אז עס איז פאַראַן איין גאָט איבער דער וועלט, איז ער דאָך דאַן געווען דער איינציגער צווישען אזוי פיעל טויזענטע געצענדיענער, וואָלסטו דאַן אויך געקענט זאָגען אז ווי באַלד די גאנצע וועלט איז געצענדינעריש זיינען אָט די אַלע וועלכע טהוען ווי די מעהרהייט, גערעכט, און אברהם אבינו איז געווען אומגערעכט? דו וועסט זעהן, ציפּע, אז עס וועט ניט נעהמען לאַנג

און אַלע אידען וועלען זיך ארומזעהן אז דער בעל שם טוב איז גערעכט, אז זיי וועלען שטראָמען צו איהם און בעטען איהם ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר'ן רבונו של עולם און פועל'ן ביי איהם ער זאָל שיקען דעם גואל צדיק און אונז אַלעמען אויסלייזען פון גלות. ווען דער בעל שם טוב האָט אָנגעפאַנגען האָט ער בלויז געהאט געצעהלטע נאָכפאָלגער און איצט, אָהן עין הרע, צעהלט ער זיינע נאָכפאָלגער אין די צעהנדליגע טויזענטע. עס וועט בלויז פאַראיבער א קורצע צייט און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט איהם נאָכפאָלגען און ערשט דאַן וועט ער האָבען די מעגליכקייט צו ריידען צו גאָט, ברוך הוא, אין נאָמען פון פאָלק ישראל, און די גאולה וועט זיין זעהר נאָהענט.

ציפּע האָט מעהר גאָרניט געקענט איהם ענטפערען. זי האָט געזעהן אז איהרע רייד וועלען זיין ארויסגעוואָרפען. אפשר וועט דער היגער רב מיט איהם זיך דורכריידען, ער וועט שוין וויסען וואָס איהם צו ענטפערען... דערווייל דאַרף זי זעהן אז ער זאָל דאָ בלייבען. זי וועט איהם לאָזען טהאָן אַלעס וואָס ער וויל. זי וועט בעטען אויך איהר טאַטען ער זאָל איהם לאָזען דאַוונען ווי איהם ווילט זיך.

אזוי זיינען פאַראיבער עטליכע טעג. נחום האָט דערווייל געדאַוועט אין הויז פאר זיך. ציפּע האָט זיך אונטערגעהערט הינטער דער טהיר. זי האָט געהערט ווי ער צעזינגט זיך, ווי ער רעדט אין מיטען שמונה עשרה אידישע ווערטער... און ווען זי האָט אריינגעקוקט דורך א שפּאַלט, האָט זי באַמערקט ווי ער מאַכט פאַרשידענע תנועות מיט די הענט, ווי ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און דרעהט זיין גאַנצען קערפּער, איז איר א שרעק באַפאַלען... גאָט ווייס, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. ער איז דאָך ניט דער זעלבער נחום. אָט איז ער מיט איהר אָפּגעווען עטליכע טעג, און גאָרנישט. ער האָט זיך צו איהר אפילו ניט צוגערירט. זי ווייסט ניט ווי אזוי זיך צו באַגעהן מיט איהם... די מאַמע האָט אויף איהר געקוקט מאָדנע, זי וואָלט וועלען פון איהר אויסגעפינען וואָס עס טהוט זיך מיט זיי ביידען... זי שעמט זיך אפילו צו זאָגען איהר אייגענע מאַמע אז איהר מאַן איז צו איהר פרעמד און קאַלט . . .

ציפּע האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט געקענט, איהר מאַן צופרידענצושטעלען. זי האָט פאַר איהם געקאָכט די געקעכצען וואָס ער פלעגט ליעב האָבען, זי האָט אויפגעהערט איהם צו יאָדען, זי פרעגט איהם ניט קיינע פראַגעס . . . אָבער ער ענדערט זיך ניט . . . ער קוקט זיך אפילו ניט אום אויף זייער קינד... ווי לאַנג וועט זי דאָס אַלץ קענען אריבערטראָגען?... דערווייל שטיקט זי זיך מיט דעם און זי רעדט מיט קיינעם ניט וועגען דעם. דער מאַמע האָט זי געזאָגט אז נחום וועט זיך דאַרפען צו אַלץ צוגעוואוינען.

אָט איז געקומען ערב שבת, און ר' אשר האָט באַשלאָסען אז איצט איז די צייט צו ריידען מיט איהם ער זאָל געהן מיט איהם אין בית המדרש דאַוונען.

— דו דאַרפסט דאָך איין מאָל פאר אַלע מאָל אָנפאַנגען געהן אין בית המדרש! . . .

— נו, אז איך דאַרף וועל איך געהן, — האָט נחום געזאָגט, — דערווייל איז דאָך דאָ קיין אַנדער בית המדרש ניטאָ, וועל איך מוזען דאַוונען דאָרט.

— וואָס מיינסטו אז אַנדער בית המדרש? — האָט איהם ר' אשר אָנגעקוקט, — קיידאַן האָט דאָך שוין דריי בתי מדרשים... דו קענסט געהן וואוהין דו ווילסט. אויב דו ווילסט ניט געהן אין קליינעם בית המדרש, קענסטו געהן אין גרויסען.

— מיר איז אַלץ איינס, — האָט נחום געענטפערט.

— הם . . . איך ווייס . . . איך האָב געמיינט טאָמער איז דיר ניט אָנגענעהם צו געהן דאַוונען אין קליינעם בית המדרש.

— אָ, איך פאַרשטעה, — האָט נחום זיך אָנגערופען, — איהר מיינט אז איך וועל זיך שעהמען צו געהן דאָרט, ווייל מיט א פינף יאָהר צוריק האָב איך דאָרט באַ'גנב'עט די צדקה פּושקע, האַ, ניט אמת?

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, איך האָב וועגען דעם ניט געטראַכט,

— האָט ר׳ אשר געזאָגט, — אָבער אז דו האָסט שוין יאָ דערמאָנט, קען איך דיר זאָגן, אז מען האָט שוין ווע־ גען דעם לאנג פארגעסן.

— נו, עס פארשטעהט זיך, אז מען האָט פארגעסן פון דעם, ווייל איך האָב אָפּגעטאָן זינט דאן א גרעסערען פארברעכען ווי דאָס!

— אָ, נחום, פארוואָס זאָלסטו רייד־ דען אזוי? — האָט ר׳ אשר געזאָגט.

— מיר ווילען דיר זאָגען גאנץ אָפען, אז וואָס איז געווען איז געווען, און איצט ביזטו א גאנץ אנדער מענש... אַלע האָבען דיר שוין מוחל געווען פאר דיינע לייכטזיניגע מעשים... איך וויל דיר זאָגען אז אפילו ר׳ יהודה ליב האָט זיך היינט נאָכגעפרעגט אויף דיר. ער האָט מיר שוין לאנג געזאָגט, אז ער האָט צו דיר גאָרניט... אז מן הסתם איז געווען אזוי באשערט, אז ער זאָל אָדער בלייבען רייך אָדער קריגען אזא גאון ווי אליהו פאר אן איידעם... נו, איז ער זעהר צופרידען וואָס גאָט האָט ביי איהם צוגענומען זיין עשירות און געגעבען אזא טייערען איידעם... דו ווייסט ניט וואָס פאר אן אוצר אָט דער יונגער גאון איז! . . . די גרעס־ טע רבנים קומען איהם באזוכען אין זיין קליין שטיבעל וואו ער וואוינט מיט חנה׳ן זיין פרוי... זיי ריידען מיט איהם אין לערנען, און קענען זיך ניט אָפּ׳חדוש׳ן פון זיין גאונות... זיי זאָ־ גען אז ער איז איינער אין א הונדערט דורות... נו, ר׳ יהודה און זיין ווייב פיהלען אז ווען ער וואָלט געבליבען אן עושר, וואָלט איהם גאָט ניט געגעבען אזא איידעם... דאריבער איז ער גאָר דיר דאנקבאר פאר דעם... ער וועט מן הסתם מאָרגען קומען צו אונז, נאָכ׳ן דאווענען, ווייל איך דיר זאָגען אז דו זאָלסט זיך גאָרניט שעהמען. ער איז אויף דיר ניט אין כעס און וועט זיין צופרידען זיך מיט דיר צו זעהן.

ערב שבת האָט ציפּע געזעהן צו־ צוגרייטען אַלץ פאר איהר מאן. ר׳ אשר האָט איהם גערופען אין בית המרחץ, אָבער נחום האָט איהם גע־ זאָגט אז ער וועט געהן מן הסתם דעם קומענדען פרייטאָג. ציפּע האָט דארי־ בער אָנגעגרייט פאר איהם הייסע וואַ־ סער, זיך ארומצואוואשען און ריינע וועש. זי האָט אויך אויסגעלופטערט זיין אמאָליגען שבת׳דיגען ראָק, זי האָט אָפּגעפּוצט זיינע שיך, און ווען זיין שווער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון מרחץ, איז שוין נחום געווען אָנ־ געטאָהן שבת׳דיג.

אין א ווײלע ארום זיינען זיי גע־ גאנגען אין בית המדרש. נחום איז געווען פארטראכט די גאנצע צייט און ער האָט אפילו ניט באמערקט די בלי־ קען פון די אידען וועלכע זיינען אויך געגאנגען אין בית המדרש.

ווען ער איז שוין אריינגעקומען אי־ נעוויניג, איז דער שמש געווען דער ערשטער איהם צו געבען "שלום עליכם". אָבער נחום האָט זיך מיט קיינעם ניט אריינגעלאָזט אין א גע־ שפּרעך. דער שווער האָט איהם גערו־ פען זיך זעצען אויבען־אָן, אין מזרח, אָבער נחום איז געבליבען פון הינטען, און ר׳ אשר האָט שוין אויך געמוזט בלייבען נעבען איהם.

באלד איז אריינגעקומען ר׳ יהודה ליב. ער איז געגאנגען אָנגעטאָן אין אָרימע בגדים, און ווען ער האָט דער־ זעהן נחום׳ן, איז ער צו איהם צוגע־ גאנגען און איהם געגעבען א ווארע־ מען "שלום עליכם". ער האָט זיך נאָכ־ געפרעגט אויף אַלץ, און ווען ער האָט געזעהן אז נחום ענטפערט איהם ניט, אויף אַלע זיינע פראגעס, האָט ער עס אָנגענומען אז נחום פיהלט זיך זעהר שולדיג געגען איהם . . .

— נחום, איך וויל דיר זאָגען, אז מיר אַלע, איך , מיין פרוי, און דער רב און די רביצין האָבען צו דיר גאָר־ ניט. מיר זיינען דיר מוחל געווען במחילה גמורה... ווייל מיר ווייסען אז דו האָסט עס ניט געטאָן במזיד, אז גאָט האָט דיר איינגעגעבען אזא גע־ דאנק כדי צו טהאָן מיט מיר א גרוי־ סען חסד, און מיך מזכה זיין מיט אזא איידעם ווי אליהו... געלויבט איז השם יתברך, מיר קומען דורך מיט חיונה, און איך בין זעהר גליקליך...

מען האָט זיך געשטעלט דאווענען מנחה פאר קבלת שבת. און נאָך מנחה איז געווען אביסעל צו פריה פאר קבלת שבת, האָבען די אידען גענומען קוקען אויף נחום׳ן וועלכער איז געשטאנען אויף זיין פּלאַץ, נעבען שטענדער, און

ניט ארונטערגענומען די אויגען פון סידור... זיין שווער האט זיך בעת מעשה שטארק געשראקען, טאמער וועט ער מאכען די "קונצען" אין מנחה שמונה עשרה, אבער ווי עס ווייזט אויס, האט ער זיך באהערשט, ווייל ער האט ניט געוואלט משמעות ארויסרופען צופיעל אויפמערקזאמקייט.

פון דעסטוועגען, זיינען כמעט אלע אידען, וועלכע זיינען געווען אין בית המדרש, צוגעגאנגען צו דעם פלאץ, וואו נחום איז געשטאנען, און האבען איהם פון א זייט באטראכט..

איינינע זיינען צוגעגאנגען נעהנטער און איהם געגעבען "שלום עליכם", אנדערע האבען אויף איהם געקוקט פון דער ווייטען. זיי האבען געשאקעלט מיט די קעפ, געקוועטשט מיט די פלייצעם, און אוועק פון דארטען.

— א גאסט! — האט זיך איין בעל הבית אנגערופען צום צווייטען, — מען האט געבענקט נאך איהם, אסור מיר אויב איך וועל איהם געבען מיין האנט, דעם מסור! א טייערער תכשיט! איך ווייס ניט ווי ער שעהמט זיך ניט צו קומען אהער אין בית המדרש, דא וואו ער האט בא'גנב'עט די צדקה־פושקע.

— ר' אשר איז נאך געלאפען קיין ווילנע איהם אויפצוזוכען און ברייננען אהער, דעם פושע ישראל! . . . ער האט געבראכט אזא אומגליק אויף ר' יהודה ליב'ן און אויף אונזער רב. וואו האט מען נאך געהערט אזא זאך אז א איד זאל מאכען א בלבול אויף אומשולדיגע אידען!

— נו, איצט איז ער דאך א בעל תשובה! — רופט זיך אן א צווייטער בעל הבית.

— א פיינער בעל תשובה! לאזט איבער א ווייב און קינד, און וויל פון זיי ניט וויסען. איך האב געהערט וואס דער בעל עגלה האט דערצעהלט... ער האט זיך דארט, אין ווילנע, אריינגעלאזט אין א חברה ווילדע אידען, און מען האט געפראוועט שטיק... איך וואלט אזא "צדיק" אויף מיין שוועל ניט צוגעלאזט... זאלען יענע איהם געבען "שלום עליכם"... איך וויל זיין טריפה'נע האנט ניט אנריהרען.

ווען מען האט אנגעפאנגען זאגען קבלת שבת, האט זיך ערשט נחום אזוי צעזונגען אז אלע אידען פון בית המדרש האבען אויף איהם געקוקט און געקוועטשט מיט די פלייצעם... און ווען מען האט זיך געשטעלט דאווענען די פרייטאג־צו־נאכטיגע שמונה עשרה, האט ער עס געזאגט מיט אזא התלהבות, מיט אזוי פיעל געפיהל, און אזוי הויך, אז עס איז געווארען א טומעל אין בית המדרש, און די אידען וועלכע האבען אויך געדאווענט שמונה עשרה האבען געקלאפט מיט די הענט אויף די שטענדערס... און האבען אויסגערופען: נו, א, א... אבער נחום האט גארניט געפיהלט וואס עס טהוט זיך ארום איהם. ער האט אפילו ניט געהערט אז מען קלאפט... ער האט זיך אזוי צעגאנגען אין זינגען "אתה קדשת את יום השביעי לשמך", אז דער שמש האט גענומען קלאפען מיט זיין האנט אויף דעם בעלעמער... און ר' אשר, וועלכער איז געשטאנען נעבען איהם האט איהם א ציה געטהאן פאר זיין ארבעל.

ווען אלע זיינען "אויסגעגאנגען" שמונה עשרה, איז נאך נחום ערשט געווען ביים "מקדש השבת" . . .

נאך שמונה עשרה, ווען דער חזן האט שוין געענדיגט זאגען "מגן אבות", איז צוגעגאנגען דער גבאי צו ר' אשר'ן און איהם אוועקגערופען אן א זייט און צו איהם געזאגט:

— וואס פאר א שטיק פראוועט אייער איידעם? . . . מען האט דאך ניט געקענט דאווענען. האט איהר געהערט ווי ער האט זיך דאס צעזונגען אין מיטען שמונה עשרה? . . . א נייע זאך! מען האט דאך ניט געקענט דאווענען צוליעב איהם.

— נו, וואס זאל איך טהאן? — האט זיך ר' אשר גענומען פארענטפערען, — ער האט זיך אריינגעלאזט אין חסידות... אפשר וועט ער זיך ביסלעכווייז אפגעוואוינען פון דעם. גלויבט מיר, אז עס קאסט מיך געזונט... אבער דערווייל קען איך גארניט טהאן. איך וועל ווארטען ביז וואנען אונזער רב וועט זיך מיט איהם דורכריידען.

ווען זיי זיינען געקומען אהיים, און ר' אשר האט געזונגען "שלום עליכם",

האָט זיך נחום צעזונגען אזוי הויך אויפ'ן קול, אז ציפּע האָט זיך שטארק דערפרעהט. עס איז איהר עפּעס געוואָרען פרעהליכער אויפ'ן הארצען. נחום איז פרעהליך און לוסטיג, פּונקט ווי אמאָל, אין יענע גליקליכע טעג ווען ער פלעגט זיך צעזינגען . . .

ר' אשר אָבער איז זעהר ניט געווען צופרידען מיט זיין איידעמ'ס פּלוצלינגער פרעהליכקייט. ער האָט אָבער געשוויגען. ער האָט געמאכט קידוש, און ציפּע האָט געבעטען נחום'ען ער זאָל אויך מאכען קידוש. זי האָט אָנגעגאָסען א זילבערנעם בעכער מיט וויין. נחום האָט געמאכט קידוש מיט אזוי פיעל געזאנג און התלהבות אז אלע האָבען איהם באַוואונדערט, אפילו זיין שווער איז אויך געווען צופרידען.

שפּעטער ווען זיי זיינען שוין געזעסען ביים טיש און געגעסען, האָט ר' אשר, צווישען איין געריכט און צווייטען, זיך דורכגערעדט מיט זיין איידעם:

— דו הערסט, נחום, אָט דאָס וואָס דו האָסט נאָר וואָס געזונגען דעם "שלום עליכם", און געמאכט קידוש מיט אזוי פּיעל פרייד, און געזאנג, בין איך גראָד צופרידען. און איך בין זיכער אז אויך ציפּע האָט זיך געפיהלט גליקליך וואָס דו ווייזט ארויס אזוי פיעל לוסט און פרייד. אָבער איין זאך וויל איך פון דיר פארלאנגען, און איך האָף אז דו וועסט עס ניט נעהמען פאר אומגוט ווען איך וועל דיר זאָגען אז די אידען אין בית המדרש זיינען ניט געווען איבעריגס צופרידען פון דיין צעזינגען זיך אזוי אין מיטען "שמונה עשרה". ווי עס ווייזט אויס, ביזטו געווען אזוי פארטהאָן אין דיין זינגען אז דו האָסט גאָרניט געהערט ווי דער שמש האָט געקלאפּט דו זאָלסט אויפהערען מאכען א טומעל, דו האָסט אפילו ניט געפיהלט ווי איך האָב דיך געשלעפּט בּאר'ן ארבעל... יאָ, איך פארלאנג פון דיר, אז דו זאָלסט זעהן מעהר ניט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די מתפּללים אין בית המדרש. דו פארשטעהסט, עס קוקט ניט אויס שעהן.

— וואָס הייסט עס קוקט ניט אויס שעהן צו דיענען גאָט? — האָט זיך נחום אָנגערופען, — עס וועט קומען א צייט ווען זיי וועלען אלע אזוי דאווענען ווי איך.

— אָבער ביז יענע צייט וועט קומען וועסטו דארפען מתפּלל זיין ווי מיר אלע.

— אויב זיי געפעלט ניט ווי איך בין מתפּלל וועל איך גרינדען אן אייגענעם מנין! — האָט נחום אויסגערופען, — איך בין א חסיד און איך וועל דאווענען ווי א חסיד.

ציפּע האָט א וואונק געגעבען צו איהר טאטען ער זאָל זיך איצט ניט אריינלאָזען אין א ויכוח מיט איהם.

— לאָמיר בעסער זינגען זמירות, — האָט שפרה, ציפּע'ס שוועסטער, זיך אָנגערופען, — איך געדענק אז נחום פלעגט זינגען זמירות אזוי שעהן . . .

זיי האָבען געזונגען זמירות און נחום האָט זיך צעלאָזען אויף די גאָר הויכע טענער... ער האָט געמאכט ווילדע העויות, און דאָס פּנים פון ציפּע'ן האָט גענומען פלאמען... עס איז שוין ביי זיי פארשטערט געוואָרען דאָס פארגעניגען פון דעם פרייטאָג־צו־נאכט.

אויף מאָרגען האָט שוין ר' אשר געזעהן אז נחום זאָל בלייבען אין שטוב און ער זאָל דאָרט דאווענען פאר זיך. אָבער נחום האָט גענומען זיין טלית און געגאנגען דאווענען מיט זיין שווער אין דעם זעלבען בית המדרש.

נחום האָט זיך איבערגעדעקט מיט דעם טלית איבער זיין קאָפּ און האָט זיך געשאָקעלט. ער האָט זיך צעזונגען און גענומען געהן איבער'ן בית המדרש הין און צוריק, און די מתפּללים האָבען אויף איהם געקוקט און געשאָקעלט מיט די קעפּ, געצוקט מיט די אקסלען. ביי ר' אשר'ן האָט געפלאמט דאָס פּנים. ער האָט זיך געשעהמט צו קוקען יענעם אין די אויגען, ניט אוועקגענומען זיינע אויגען פון סידור.

דער שמש איז צו איהם צוגעקומען און איהם אריינגעשושקעט אין אויער:

— איהר ווילט געבען אייער איידעם אן עליה?

— כ'וויס, — האָט ר' אשר א

קוועטש געטאָן מיט זיינע פּלייצעס, — איך וועל איהם א פרעג טאָן.

— דו ווילסט אן עליה? — האָט ער זיך געווענדעט צו נחום'ן.

— יאָ, פאַרוואָס ניט! — האָט נחום געזאָגט.

כאָטש נחום האָט געמאכט דיזעלבע שטיק אין דער שבת'דיגער שמונה עשרה פון שחרית, האָבען די אידען שוין זיך געהאט עטוואָס צוגעוואוינט צו איהם, אָבער ווען מען האָט איהם אויפגערופען צו דער תורה, צו רביעי, און ער האָט גענומען מאכען דיזעלבע העויות ביי דער תורה, האָט עס ארויסגערופען א גרויסען שטורעם.

נחום איז ארויפגעגאנגען אויף דער בימה מיט זיין טלית איבער זיין קאָפּ. ער האָט א קוש געטאָן די ספר תורה און ער האָט זיך גענומען שאָקלען און אויסגעזונגען דעם "ברכו את ה' המבורך", און ווען ער איז געקומען צו דעם "אשר בחר בנו מכל העמים", האָט ער צעזונגען אין אידיש איי, איי, איי... גאָטעניו, ווי גוט איז אונז אשר בחר בנו!... ונתן לנו את תורתו... איי, איי, איי... פאָטער אין הימעל, אזא טייערע תורה האָסטו אונז געגעבען...

— וואָס איז דאָס? עס איז חוזק! ער איז מחלל די הייליגע תורה, — האָבען זיך געהערט שטימען, — א חוצפּה! ווארפט איהם ארונטער פון דער בימה . . .

נחום האָט אָבער זיך געמאכט ניט הערענדיג, און ער האָט פארענדיגט די ברכה. דער בעל קורא האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, צי זאָל ער זאָגען "אמן", אָנפאנגען לייענען די תורה, אָדער אויף אזא ברכה ניט צו ענטפערען "אמן"... ער האָט א קוק געטאָן אין דער ריכטונג וואו דער רב ר' דוד איז געזעסען, און ווען ער האָט צו איהם א וואונק געטאָן אז ער זאָל לייענען ווייטער, האָט ער גענומען לייענען אָהן דעם געוויינליכען "אמן".

די צווייטע ברכה האָט נחום אויך אזוי געזונגען, און דער טומעל אין בית המדרש איז געוואָרען גרעסער. די חברה אינגלעך האָבען זיך ניט געקענט איינהאלטען פון געלעכטער און ניט איינער פון זיי האָט געקראָגען א פּאטש פון זיין טאטען... דער רב האָט אויסגערופען אז מען זאָל זיין רוהיג, אָבער דאָס דאווענען איז שוין פארשטערט געוואָרען. אין יעדענס הארץ האָט געברויזט א שטורעם... און אזוי שנעל ווי מען האָט געענדיגט דאווענען, האָט מען גענומען ריידען און טומלען וועגען נחום'ען, וועגען זיין משוגעת.

— אויב אייער אידעם איז משוגע געוואָרען איז דער בית המדרש פאר איהם קיין פּלאַץ ניט, — האָט דער גבאי זיך געווענדעט צו ר' אשר'ן.

— וואָס זאָל איך טאָן? אדרבא, זאָגט מיר וואָס איך זאָל טאָן! ער זאָגט אז ער איז עפּעס א מין חסיד, ער איז ניט דער איינציגער... אין ווילנע זיינען שוין פאראן א סך ווי ער, און אין טיעף פּוילען זיינען פאראן חסידים אָהן א שיעור...

— איך זאָג אייך, אז ביי אונז אין בית המדרש איז פאר איהם קיין פּלאַץ ניט! — האָט דער גבאי געזאָגט, — דוכט זיך אז מיר האָבען זיך גענוג אָנגעליטען פון איהם... נאָר מילא, ר' יהודה ליב האָט איהם מוחל געווען, און דער רב, זאָל געזונט זיין, האָט איהם מוחל געווען, האָבען מיר ניט געוואָלט מאכען קיין ווען. איהר זעהט אז איך בין אפילו ניט געווען דאגעגען איהם צו געבען אן עליה. אָבער ער האָט דאָך חוזק געמאכט... וואָס הייסט, ריידען אין מיטען דער ברכה אויף דער ספר תורה!... עס איז א שאנדע און א חרפּה!... מיר וועלען איהם מעהר ניט ארייגלאָזען אין בית המדרש.

באלד איז צוגעגאנגען דער שמש צו ר' אשר'ן און איהם געזאָגט אז דער רב וויל זיך דורכריידען מיט איהם און מיט זיין אידעם.

— קום צו צום רב, — האָט ר' אשר מיט א ברוגז'ער שטימע זיך געווענדעט צו נחום'ן, — איך וויים אליין ניט וואָס מיט דיר איז געוואָרען . . . משמעות אז דו האָסט פארגעסען אז דו ביזט אין א בית המדרש, אין א מקום קדוש!

ר' אשר האָט צוזאמענגעלייגט זיין טלית, און איז צוגעגאנגען צום רב. נחום איז נאָך געבליבען אין טלית. ער האָט עפּעס געזונגען צוברומענדיג.

— גוט שבת, רבי, — האָט ר' אשר

זיך אנגערופען צו איהם, — ווי געפעלט אייך מיין איידעם? הא, וואס זאל איך טהאן מיט איהם? . . . אין ווילנע האט ער זיך געטראפען מיט איינעם א מענדעל חסיד, און יענער האט איהם אינגאנצען צוטומעלט . . . ער האלט נאר אין איין שרייען אז ער איז א חסיד, אז דער בעל שם טוב איז א געטליכער מאן, און אז מען דארף דאווענען מיט פרייד און געזאנג, און נאך אזעלכע ווילדע נארישקייטען . . . איך האב שוין געטהאן אלץ וואס איך האב געקענט... איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז היינט האב איך אפילו ניט געוואלט איהם מיטנעהמען אין בית המדרש... אבער מיר האבען מורא אז אויב מיר וועלען זיך נעהמען צו איהם מיט שטרייננקייט זאל ער גאר ניט אנטלויפען... גיט מיר אן עצה, רבי, וואס זאל איך טהאן! . . .

— מיט בייזען טויג ניט, — האט דער רב געזאגט, — מיר ווייסען דאך אז ער האט גאר א סך דורכגעמאכט דורך דער גאנצער צייט. איך וועל פרובירען זיך דורכריידען מיט איהם, אבער ניט דא, נאר אין מיין הויז. קומט אריבער מיט איהם צו מיר אין הויז שפעטער, נאכ'ן טשאלענט. איך וועל פרובירען מיט איהם ריידען.

— עס וועט זיין בעסער, רבי, ווען איהר אליין וועט מיט איהם ריידען און איהם איינלאדען צו אייך. אויב ער וועט אייך צוזאגען צו קומען, וועט ער קומען.

— איך האב דאך דעם שמש געהייסען אז ער זאל איהם אויך צורופען.

— אט געהט ער. — האט ר' אשר אויסגערופען, — הלואי זאלט איהר מיט איהם עפעס קענען טהאן. איך ווייס אז פאר אייך, רבי, פלעגט ער האבען זעהר פיעל דרך ארץ.

— גוט שבת, נחום! — האט דער רב איהם געגעבען די האנט, און די אידען וועלכע זיינען געשטאנען פון וויטען און דאס געזעהן, האבען זיך געוואונדערט ווי אזוי דער רב נעהמט נחום'ן אזוי פריינדליך.

— הער זיך איין, נחום, איך לאד דיך און דיין שווער איין צו מיר נאכ'ן טשאלענט אויף טהעע. מיר וועלען זיך אביסעל דורכ'שמועס'ן. הא, וואס זאגסטו, וועסטו קומען?

— יא, רבי, איך וועל קומען, — האט נחום געענטפערט.

— געדענק, איך וועל אויף דיר ווארטען. אזוי ליג איך זיך צו א ווייכלע נאכ'ן טשאלענט, נאר אז דו וועסט קומען וועל איך אויף דיר ווארטען.

שווייגענדיג זיינען זיי ביידע ר' אשר און נחום, ארויס פון בית המדרש. די שוויגער ר' אשר'ס ווייב, איז זיי נאכגעגאנגען. איהר פנים האט געברענט פון בושה... די ווייבער האבען אויף איהר געקוקט מיט אויגען פון רחמנות. זיי האבען געשאקעלט מיט די קעפ, און געקוועטשט מיט די פלייצעס.

ציפע האט דערקענט אן דעם פנים פון איהר מאמע אז עפעס איז געשעהן אין בית המדרש, אבער זי האט מורא געהאט עפעס צו פרעגען.

ניט וועלענדיג פארשטערען דעם שבת, האט ר' אשר גארניט גערעדט די גאנצע צייט. ער האט געזונגען זמירות ווי שטענדיג, און נחום האט זיך צעזונגען גאנץ הויך, צוקלאפענדיג מיט די הענט. ציפע האט זיך באשעפטיגט מיט די געפעס, און אין קיך האט די מאמע איהר אין דער שטיל געזאגט, אז נחום האט געפראוועט ווילדע שטיק אין בית המדרש, אז איהר האט געפלאמט דאס פנים פון בושה.

— דו וואלסט געדארפט הערען וואס דארט האט זיך געטאן. מען וועט אים שוין מעהר ניט אריינלאזען אין בית המדרש.

— אוי, מאמעלע, וואס טהוט מען?

— האט זיך ציפע צעכליפעט, — עפעס איז אין איהם אריין א ניט גוטער... דאכט זיך וואס פאר א שלעכטעס האב איך איהם געטאן? . . . מיינסטו אז ער איז א מאן צו מיר?... ער ריהרט זיך דאך צו מיר ניט צו... איך האב געמיינט אפשר וועט ער זיך צוגעוואוינען . . . זעהסטו, צום עסען האט ער זיך דווקא צוגעוואוינט . . . ער עסט און טרינקט שוין טאקע ווי אמאל . . . אבער פון מיר און פון אונזער קינד וויל ער ניט וויסען . . . אזוי קאלט איז ער צו אונזביידען . . .

מילא צו מיר, אפשר האָב איך זיך ביי איהם פארזינדיגט, אָבער צירעלע, אונזער ליעב טייער טעכטערל, וואָס איז זי שולדיג? זי האָט אזוי געבענקט נאָך א טאטען . . . און צום סוף האָט ער זי אויף די הענט ניט ארויפגענומען זינט ער איז אהיימגעקומען.

— אפשר וועט ער זיך נאָך ענדערען, — האָט די מאמע איהר גענומען טרייסטען, — מיר וועלען זעהן.

— מיין הארץ שרעקט מיך אז ער וועט שוין אזוי פארבלייבען... איך האָב זעהר מורא פאר איהם . . . אָט יענער מענדעל, קיין גוטער איך זאָל איהם ניט קענען, האָט איהם איינגאַנצען אראָפּגעפיהרט פון וועג... עפּעס א נייע משוגעת, חסידים! ווי קומט עס צו איהם?

— נו, שא, ציפּע, היינט איז דאָך שבת. וויש אָפּ דיינע אויגען, זאָל ער ניט באמערקען אז דו האָסט געוויינט. מיר האָט דיין טאטע געזאָגט אז באלד נאָכ'ן עסען וועט ער מיט איהם אריבערגעהן צום רב... אפשר ווען דער רב וועט זיך מיט איהם דורכריידען וועט ער זיך צוהערען.

גלייך ווי זיי האָבען אָפּגעגעסען דעם טשאָלענט און געבענשט, האָט ר' אשר אויסגעטאָהאָן די יארמולקע און אָנגעטהאָן זיין שבת'דיגען הוט. ער האָט זיך אָנגערופען צו נחום'ען:

— קום, לאָמיר אריבערגעהן צום רב.

נחום האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ. ער האָט אויך אָנגעטאָהן זיין אויבעררעקעל און האָט זיך געלאָזט געהן.

ווען זיי זיינען אריין אין דעם רב'ס שטוב, האָט זיי די רביצין זעהר פיין אויפגענומען. זי האָט זיי געבעטען זיצען א ווייל.

— אָט וועל איך אריינגעהן צום רב און איהם זאָגען אז איהר זייט געקומען, — האָט די רביצין געזאָגט, — ער לערנט איצט ביי זיך אין צימער.

אין א ווייל ארום איז ארויסגעקומען דער קידאנער רב, ר' דוד קאצענעלענבויגען, און האָט זיי באגריסט מיט א "גוט שבת". זיי האָבען זיך ביידע אויפגעשטעלט, אָבער דער רב האָט זיי געבעטען זיך זעצען נעבען טיש. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א לאנגע אטלעסענע קאפּאָטע, מיט א סאמעטענע יארמולקע. זיין ברייטע באָרד איז שוין געווען אין גאנצען גרוי. זיינע אויגען זיינען געווען מילד. אויף זיינע ליפּען איז געלעגען א ליעבליכער שמייכעל.

— נו, א דאנק דיר, רבונו של עולם, אז מען זעהט זיך געזונטערהייט, — האָט דער רב אָנגעפאנגען דעם געשפּרעך. — שוין פיעלע יאָהרען אריבער און ווי איך פארשטעה, האָסטו גענוג דורכגעמאכט, נחום . . . וויזט אויס, אז אזוי איז באשערט געווען... ווי די גמרא זאָגט אין חולין דף ז': "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה" . . . אָבער איצט, אז דו ביזט שוין ברוך השם מיט דיין משפּחה, דארפסטו דאנקען דעם בורא פאר זיינע חסדים.

— געוויס דארפען מיר דאַנקען גאָט פאר אלץ וואָס ער טהוט מיט אונז, — האָט ר' אשר געזאָגט, — און מיר זיינען טאקע צופרידען וואָס ער איז צוריקגעקומען... אָבער "כי זה נחום האיש לא ידענו מה היה לו". וואָס זאָל איך אייך זאָגען, רבי, מיר קענען גאָרניט באגרייפען וואָס מיט איהם איז געשעהן.

— נו, נחום, וואָס זאָגסטו טאקע צו דעם? זעהסטו, ווען דו האָסט געזינדיגט, זעהר שטארק געזינדיגט, האָבען מיר געזוכט אויף דיר א זכות! ווי די גמרא זאָגט אין בבא בתרא דף ט"ז: "אין אדם נתפס בשעת צערו", דו ביזט געווען אין גרויס צער, האָסטו געזינדיגט... מיר ווייסען איצט, אז דו האָסט באלד חרטה געקראָגען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער היזק איז אָפּגעטהאָן געוואָרען... איך און ר' יהודה ליב האָבען דיר מוחל געווען במחילה גמורה... ווען א איד טהוט אָפּ אזא עבירה, קען מען אויף איהם מלמד זכות זיין, ווי די גמרא זאָגט אין סוטה דף ג': "אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות", נו, עס איז אין דיר אריין א שטות, און דו האָסט געזינדיגט, און ווי באלד אז מיר, געגען ווען דו ביזט באגאנגען די עבירה, זיינען דיר

מוחל, איז דיר גאָט, ברוך הוא אויך מוחל, אָבער מה ראית לשטות זאת? ווי קומט עס צו דיר אז דו זאָלסט זיך לאָזען פארפיהרען פון אזעלכע אידען וועלכע זאָגען אז זיי זיינען חסידים, און זיי זיינען מבזה די תורה? . . . האָסטו דען א באגריף וואָס דו האָסט היינט אין דער פריה אָפּגעטהאָן בשעת קריאת התורה? . . . דאָס איז דאָך שומו שמים! . . . וואָס הייסט, מען גיט דיר אן עליה, נעמסטו און דו ביזט מחלל השם! . . .

— וואָס אזוינס האָב איך געטהאָן, רבי? — פרעגט איהם נחום.

— דו ווייסט נאָך ניט וואָס דו האָסט ג:טהאָן? — ווערט שוין דער רב עטוואָס בייז, — וואָס הייסט דו נעהמסט און ביזט מפסיק אין דער ברכה? דו האָסט אין אידיש גענומען זאָגען ווערטער ווי "גוט איז אונז" און נאָך . . .

— רבי, דער בעל שם טוב זאָגט, אז דער עיקר איז די כוונה. אז אין וואָס פאר א שפראַך מען זאָל ניט ריידען, און ווי מען זאָל זיך ניט אויסדריקען, דארפען מיר בלויז מכוון זיין און גאָט נעהמט אָן אונזערע תפלות . . . איך זעה ניט איין וואָס פאר א זינד איך בין דערמיט באַגאַנגען . . .

— ווען מען שטעהט נעבען א ספר תורה און ווען מען מאכט א ברכה, דארף מען אין זינען האָבען אז מען שטעהט בעפאָר גאָט ברוך הוא, און מען דארף ניט פראַווען קיין קלות ראש . . .

— ביי אייך קומט עס אויס, אז עס איז קלות ראש, אָבער ביי אונז חסידים איז עס דער אופן ווי מיר באהעפטען זיך מיט דער שכינה. "שמע בכל לשון שאתה שומע". מיר קענען ריידען צו גאָט אין וואָס פאר א לשון מיר ווילען, ווייל גאָט ברוך הוא איז אונזער פאָטער און מיר דארפען זיך ניט שעהמען צו ריידען צו איהם אין וואָס פאר א לשון אונז איז לייכטער.

— ניין, דו וועסט מיר ניט איינריידען אז דו האָסט דאָס געטהאָן ווייל דיר איז געוועזן גרינגער זיך אויסצודריקען אין מאמע לשון... אפילו לאָמיר אָננעהמען אז דער בעל שם האָט יאָ אזוי געזאָגט, אז מען דארף ניט מדקדק זיין וועגען דעם לשון פון דער תפלה, האָט ער אין זינען געהאט אזעלכע עמי הארצים וועלכע קענען ניט קיין עברי... דאָס וועט דיר יעדער איינער זאָגען, אז עס מאכט זיך אן עם הארץ וועלכער קען ניט קיין צורת אות, און וויל פאָרט דאווענען, מעג ער דאווענען אין זיין שפראַך וואָס ער רעדט אין זיין טאָג־טעגליכען געברויך . . . אָבער דו, וועלכער איז געוועזן א קלויזניק און קענסט אפילו גוט לערנען דארפסטו ניט אָנקומען צו דעם אז דו זאָלסט זיך נאָר אויסדריקען אין אידיש . . . אָבער דאָס איז ניט אלץ וואָס איך וויל מיט דיר ריידען. איך האָב געהערט אז דו האָסט זיך געלאָזט פארפיהרען פון עפּעס איינעם א מענדעל, וועלכער האָט דיך אינגאנצען אראָפּגעפיהרט פון דרך הישר... דאָס זעהסטו איז שוין גאָר א גרויסע עוולה. פינף יאָהר האָסטו איבערגעלאָזט דיין ווייב און קינד... אמת, די ערשטע דריי יאָהר האָסטו זיך ניט געקענט העלפען, אָבער שפעטער אז מען האָט דיך שוין באפרייט פון טורמע, איז אנשטאָט צו געהן צו דיין ווייב און קינד, ווערסטו גאָר פארשוואונדען. און מען זוכט דיך ארום, און אז גאָט האָט געהאָלפען און דו ביזט שוין יאָ אויפגעזוכט געוואָרען, און דו ביזט שוין געקומען אין דער היים, פיהרסטו זיך אויף ווי א ווילדער מענש, רחמנא לצלן... דו ביזט אין א מקום קדוש, פראַוועסטו שטיק, העוויות, זעהר ניט שעהן פון דיר.

— רבי, איך בין א חסיד, און די חסידים פיהרען זיך אזוי... מיר גלויבען אז ווען מיר זיינען מתפלל צו גאָט, דארפען מיר ניט בלויז זאָגען ווערטער, מיר דארפען מכוון זיין יעדעס וואָרט, יעדען אות... און ווען מען איז אין ערנסטקייט און אין עצבות קען מען גאָרניט מכוון זיין... מען דארף זיין פרעהליך, לוסטיג... מען דארף פארגעסען בעת מעשה אז מען געפינט זיך צווישען אנדערע מענשען... מיר דארפען בלויז אין זינען האָבען אז מיר זיינען גאנץ נאָהענט צו אונזער פאָטער אין הימעל, און אָט דאָס גיט אונז אזוי פיעל פרייד און חדוה, אז מיר מוזען עס אויסדריקען אויף אָט אזא שטייגער.

— דערווייל אָבער ביזטו ניט צווישען חסידים, און דו דארפסט טהאָן ווי אלע אידען טהוען. דו דארפסט דאוונען ווי מיר אלע דאוונען, און געוויס האָסטו קיין רעכט ניט צו שטערען די מתפללים... מיט דיין פראווען שטיק אין בית המדרש האָסטו מבלבל געווען די מחות פון די מתפללים... און ווען דו האָסט זיך צעזונגען אין מיטען שמונה עשרה ביזטו דאמיט באַגאנגען א גאָר גרויסע עוולה. און דער גבאי האָט עזאָגט, אז אויב דו וועסט ניט אויפגעבען דיינע שטיק, וועט מען דיך ניט אריינלאָזען אין בית המדרש.

— איהר וועט נאָך זעהן, רבי, אז עס וועט לאנג ניט דויערען און אלע קיידאנער אידען וועלען ווערען חסידים און זיי וועלען טהאָן פונקט ווי איך..

— דערווייל אָבער זיינען די קיידאַנער אידען ווי געווען, און דו דארפסט זיך אויפפיהרען ווי אלע אנדערע, — האָט דער רב געזאָגט, — אז ניט וועסטו ניט קענען דאוונען אין בית המדרש.

— וועל איך גרינדען אן אייגענעם מנין, — האָט נחום געזאָגט, — דער בעל שם טוב פארלאנגט דאָ' פון אלע זיינע חסידים אז זיי זאָלען פארשפרייטען חסידות צווישען אלע אידען וואו מיר געפינען זיך... איהר וועט זעהן אז אין ווילנע וועלען אלע בתי מדרשים און שוהלען אָנפאנגען צו דאוונען אויף אונזער נוסח און אונזער שטייגער... אוי, ווען די אידען האָבען שכל און פאנגען אָן זיך צוצוהערען צו דעם בעל שם טוב . . .

— טאָ וואָס וואָלט דאן געווען?

— פרעגט איהם ר' אשר.

— ווען אלע אידען פון דער גאנצער וועלט וועלען טהאָן ווי דער בעל שם טוב וויל, וואָלט ער באלד געקענט אראָפּבריינגען משיח'ן, און מיר וואָלטען אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות.

— וואָס דארפסטו געהן און זאָגען אזוי וועגען דעם בעל שם, אז די גמרא זאָגט אין שבת דף קי"ה: "אמר ר' יוחנן משום ר' שמשון בן יוחאי, אלמלא משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלין". יאָ, ווען מיר וואָלטען געקענט ווירקען אויף אלע אידען זיי זאָלען אָפּהיטען 2 שבתים ווי עס באדארף צו זיין וואָלט געקומען אונזער גאולה... אָבער דאָס איז דאָך אן אונמעגליכע זאך, ווייל קענען מיר זיך דען פאָרשטעלען אז אלע אידען איבער דער גאנצער וועלט זאָלען אָפּהיטען צוויי שבתים לויט אלע דינים? און דאריבער זוכט דער בעל שם אייערער אייך איינצורעדען אז ווען אלע אידען וועלען איהם פאָלגען... און ער האָט דאָך אלע מאָל אָט דעם גוטען אויסרייד אז ער קען ניט אראָפּבריינגען משיח'ן ווייל ניט אלע אידען הערען זיך צו איהם.

— אוי, רבי, ווען איהר וואָלט געהערט אָט די אלע נסים וואָס מען דערצעהלט זיך אָן וועגען דעם בעל שם וואָלט איהר און פיעלע אנדערע רבנים פון ווילנע און ארום זיך באַצויגען צו איהם מיט מעהר דרך ארץ...

— איך וויל זיך מיט דיר ניט אריינלאָזען אין א ויכוח וועגען דעם בעל שם טוב, זאָלען דאָס טהאָן אָט די וועלכע ווייסען בעסער וועגען זיינע אויפטהואונגען. אָבער איך זאָג דיר, אז דאָ אין קיידאן וועט מען דיך ניט לאָזען פראווען זיינע שטיק . . .

— אויב איך וועל ניט קענען טאָן דאָס וואָס איך וויל, דאָ, אין קיידאן, וועל איך געפינען אן אנדער פלאץ וואו איך וועל עס קענען טהאָן.

— רייד ניט קיין נארישקייטען, נחום. דו ביזט דאָך א יונגערמאן וועלכער קען לערנען, טאָ פארוואָס זאָלסטו זיך לאָזען אזוי גרינג פארפיהרען?

— קיינער האָט מיך ניט פארפירט, רבי! איך אליין האָב דערזעהן די ליכטיגקייט, נאָך אזוי פיל יאָהרען פון פינסטערניש... איך בין געווען א זינדיגער מענש, איך האָב שוין פאר מיר קיין אויסוועג ניט געזעהן. איך פלעג אָפּזיצען טעג און נעכט און געזאָגט תהלים און געוויינט... איך בין געווען אזוי דערשלאָגען... איך האָב זיך מייאש געווען פוןביידע וועלטען, און פלוצלונג, האָט פאר מיר א שטראהל געטאָן א ליכט. טאקע אין תפיסה, האָב איך גענומען זעהן די גרויסקייט פון גאָט... ממעמקים קראתיך... אָט פון דער טיפעניש פון געפענגניש, האָב איך אָנגעפאנגען צו רופען צו מיין

גאט! איך האב ערשט דארט דערפילט אז איך בין נאך ניט קיין פארלארענער מענש... גאט האט מיר צוגעשיקט א גרויסען חסיד, איינער וועלכער האט זיך שוין געווארעמט אין די ליכטיגע שטראהלען פון דעם בעל שם טוב, און ער האט איהם געגעבען א טייל פון זיין הייליגקייט. אט דער מענדעל האט מיינע אויגען געעפענט... ערשט ווען ער האט מיט מיר פארבראכט אין תפיסה עטליכע טעג, האב איך געפיהלט אז ער האט אין מיר ארייגעבלאזען ארוח חיים... די וועלט האט אנגענומען אין מיינע אויגען א גאנץ אנדער אויסזעהן. איך האב דערפיהלט אז פאר מיר איז נאך אלץ ניט פארלארען... איך האב דערפילט אז גאט איז אן אב הרחמים, ער איז אונזער פאטער, און אפילו ווען מיר זינדיגען זיינען מיר זיינע קינדער, און ער וועט אונז מוחל זיין... איך האב באלד אויפגעהערט צו זאגען תהילים מיט טרעהרען און מיט ביטערניש... איך האב אנגעפאנגען צו זינגען צו איהם די מזמורי תהילים, ווי דוד המלך האט עס געטאן, ער האט מתפלל געווען בתף ובכנור... מיט א הארף און מיט אנדערע כלי זמר. מזמור לדוד... א געזאנג צו דוד'ן... ווען ער האט מתפלל געווען צו גאט, האט ער געזונגען זיינע תפלות, ער האט זיי אויסגעשפילט אויף זיין הארף... אזוי דארף מען דינען גאט... עבדו את ה' בשמחה באו לפניו ברננה... דינט גאט מיט פרייד, קומט פאר איהם מיט געזאנג... אט דאס איז חסידות... און הלואי וואלטען אלע אידען אזוי פארשטאנען וואלט שוין דאן געגומען א סוף צו אונזערע צרות . . .

די גאנצע צייט וואס נחום האט גערעדט, האט דער קיידאנער רב אויף איהם געקוקט מיט א צערטליכען בליק... ער האט פארשטאנען וואס ביי איהם טוט זיך אויף דער נשמה... ער האט געקאנט זעהן אז אט דער דאזיגער מענש האט זיך ערשט געפונען פון דאס ניי, און דערפאר האלט ער זיך אזוי פעסט אין זיין נייער פעסטונג... ער האט איהם מיטגעפילט... אין אט דער לאגע ווי מענדעל האט איהם געפונען, האט דער געדאנק פון חסידות אויף איהם געווירקט ווי א כשוף... און דאריבער איז איהם אנגעקומען אזוי לייכט איהם צו פארפירען... אלץ וואס ער האט איהם באדארפט זאגען אז אין חסידות וועט ער געפינען א תיקון צו זיין פארוואונדערטער נשמה.

ווען ס'וואלט זיך געפונען אימיצער און איהם דאן ערקלערט אז אויב ער האט תשובה געטאן מיט זיין גאנצען הארצען וועט איהר גאט מוחל זיין... וואלט ער אפשר זיך ניט געלאזט אזוי שנעל באקערען צו חסידות.

— הער זיך איין, נחום! — האט זיך ר' דוד צו איהם אנגערופען — איך זעה אז דו גלויבסט אין חסידות מיט דיין גאנצען הארצען; ווייל אונטער די אומשטענדען אין וועלכע דו האסט זיך געפונען אין יענער צייט איז דאס געווען פאר דיר דער איינציגער מקלט... אבער איך וויל אז דו זאלסט האבען אין זינען, אז כדי צו זיין זיכער אז גאט וועט אננעמען דיין תשובה, דארף מען צו דעם קיין חסיד ניט זיין. אלץ וואס מען דארף איז א ריינע הארץ, מיט א ריינעם געוויסען, אז דיין תשובה קומט פון דער טיפעניש פון דיין נשמה... אבער דאס וואס דו זאגסט אז א תפלה דערגרייכט ניט גאט, סיידען זי ווערט ארויסגעזאגט מיט פרייד און מיט טענץ און געזאנגען, מאכסטו א טעות! ווען א איד איז מתפלל צו גאט, דארף ער דאווגען מיט יראת הכבוד, מיט טיפער ערנסטקייט, מיט געפיל פון הכנעה, אונטערטעניגקייט... ווייל זיי ווייסען אז איוואן, סטעפאן, כאמולא און פעטרוק, ווען זיי נעמען אביסעל בראנפען ווערען זיי אויך גאנץ פרעהלאך, זיי טאנצען, שפרינגען, מאכען פארשידענע העויות און תנועות... איז ביי דיר רעכט אז א איד, בעת ער שטעלט זיך דאווגען זאל האנדלען פונקט ווי א שכור'ער גוי! אדרבא, זאג מיר וואס איז דער אונטערשייד ווען א שכור'ער גוי צעזינגט זיך מיט אזא התלהבות, און מאכט פוילע שטיק, און א חסיד וועלכער געהט איבער דער גאס און קוליעט זיך איבער מיט דער קאפ אראפ און די פיס ארויף!

— נו, טאקע נחום, וואס ועסטו זאגען צו דעם וואס דער רבי, זאל גע־

זונד זיין האָט דיר נאָר וואָס געזאָגט? אַלע ווייסען אַז די חסידים מאַכען זיך משוגע און זיי שעמען זיך דאָס ניט צו טאָן בפרהסיא, אין מיטען גאַס.

— פאָלג מיר, נחום, דו וועסט נאָך צייט האָבען צו ווערען אַ חסיד, אויב דו ווילסט עס דוקא, דערווייל ביזטו יונג, דו האָסט אַ פרוי, און אַ קינד, און דו שלאָג זיך דערווייל אַרויס אָט די נאַרישקייט פון קאָפּ. טו תשובה מיט דיין גאַנצען האַרצען, און דו וועסט זעהן אַז דיין תשובה וועט אָנגענומען ווערען אפילו ווען דו ביזט ניט קיין חסיד... עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַ איד דאַרף זיך פרעהען וואָס ער איז אַ איד, און מיר זאָגען טאַקע די ברכה יעדען פריהמאָרגען שלא עשני גוי... און מיר זיינען טאַקע פרעהליך צוליב דעם, אָבער די פרעהליכקייט דאַרף זיין ביי אונז אין האַרצען, און מיר דאַרפען ניט געהן טאַנצען און אַרויסווייזען פאַר אַלעמען אונזער שמחה... זעהסטו, נחום, איך קאָן פאַרשטעהן פאַרוואָס אַז עם הארץ וויל גערן ווערען אַ חסיד... ווייל מען זאָגט איהם, אַז כדי צו זיין אַ גוטער איד דאַרף מען ניט קאָנען לערנען, עס איז גענוג אַז מען דאַווענט מיט כונה... מיין ניט, אַז איך ווייס ניט, אַז ר׳ ישראל בעל שם טוב זוכט צו געווינען די הערצער פון די פּראָסטע אידען מיט דעם וואָס ער זאָגט זיי אַז זיי דאַרפען גאָרניט לערנען קיין תורה. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אַ פּראָסטאַק זאָל זיך אָן דעם אָנכאַפּען... אָבער דו, נחום, דו ביזט דאָך עפּעס אַ איד אַ למדן... פאַר דיר פּאַסט צו זיצען אין בית המדרש און לערנען תורה, און ניט טאַנצען און שפּרינגען און פּאַטשען מיט די הענט, און שרייען ווי אַ שכור׳ער גוי... איך פאַרזיכער דיר אַז דער בעל שם וועט אין ליטע, בפרט אין ווילנע, קיין הצלחה ניט האָבען... אין פּוילען, אין פּאָדאָליע, דאָרט וואו די עמי הארצים האָבען זיך פאַרשפּרייט, וועלען זיך געפינען די דאָזיגע, און זיי וועלען זיך צוהערען צו איהם אָבער ניט ביי אונז... דאַריבער שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ דיינע נאַרישקייטען און זיי אַ

איך צווישען אַלע אידען... האַ, זאָגסטו מיר צו נחום?...

— ניין, — האָט נחום געענטפערט, — קיין זאַך אין דער וועלט וועט מיך ניט באַוואוינען זיך צו ענדערען. מיין גאַנצע שטרעבונג איז צו פאָהרען צום בעל שם און איהם זעהן מיט מיינע אויגען און הערען זיינע הייליגע רייד.

— אויב אַזוי איז ניטאָ מיט דיר וואָס צו ריידען, — האָט דער קיידאַנער רב זיך צו איהם געווענדעט, — דו ביזט אַ גרויסער עקשן. און הער זיך איין, נחום, וואָס איך זאָג דיר, דו וועסט נאָך חרטה האָבען אויף דעם . . .

— איהר הערט, רבי, — האָט זיך ר׳ אשר אָנגערופען מיט אויפרעגונג אין זיין שטימע, — מען דאַרף אָט דעם אַזוי־גערופענעם "בעל שם" עוקר מן השורש זיין. ער פאַרפיהרט דאָך יונגע אידישע לייט... האָט איהר זיך ווען עס איז געקענט פאָרשטעלען אַז ביי אַ יונגען מאַן זאָל זיין רעכט צו פאַרלאָזען זיין הויז, זיין פרוי און קינד, און זיך לאָזען געהן אין מרחקים?... וואָס! ער וועט קענען זיין נאָהענט צום אָט דעם בעל שם, דער פאַרפיהרער.

— איהר האָט קיין רעכט ניט אַזוי צו ריידען וועגען בעל שם, — האָט נחום אויסגערופען, — דער בעל שם איז אַ הייליגער, ער איז אַ צדיק, און מען טאָר ניט דערמאָנען זיין נאָמען איידער מען וואַשט די הענט.

— איהר זעהט דאָך, ר׳ אשר, — האָט דער קיידאַנער רב זיך צו איהם געווענדעט, — אַז ווען אַ מאַן דערגרייכט שוין צו אַזאַ מדרגה, אַז ביי איהם איז רעכט צו פאַרגלייכען אַ בשר ודם צו דעם כביכול, איז דאָך ניט שייך... איך זעה פאַר איהם שוין קיין האָפענונג ניט... איהר וועט איהם שוין ניט קענען איינהאַלטען... פריהער אָדער שפּעטער, וועט ער זיך אַוועקלאָזען צום בעל שם... עס ציהט איהם אַהין . . .

— וואָס הייסט, ער וועט זיך אַוועקלאָזען! — האָט ר׳ אשר אויסגערופען, — און דאָס וואָס ער האָט אַ פרוי און אַ קינד איז ביי אייך גאָרניט?...

— מיט אָט דער דאָזיגער פראַגע

דאַרפט איהר זיך ווענדען צו אייער איידעם, ניט צו מיר, — האָט דער רב געזאָגט, — ער דאַרף וויסען אז ער האָט אויף זיך דעם עול פון א פרוי און קינד, און ער דאַרף זיך ניט איינריידען מיט נאַרישקייטען און פּוסטע חלומות.

— הא, נחום, וואָס ווערסטו זאָגען צו דעם? איז שוין אפשר פאַר דיר ניט צייט דו זאָלסט אָנפאַנגען צו טראַכטען וועגען א תכלית? . . . איך האָב דיר געגעבען קעסט די ערשטע צוויי יאָהר, און איך בין וויליג דיר צו געבען ווייטער קעסט, אָבער א מענש דאַרפסטו זיין! . . . אויב דו ווילסט איך זאָל דיר און דיין משפּחה ווייטער אויסהאַלטען, דאַרפסטו אוועקוואַרפען אַלע דיינע נאַרישע שטיק, און זיצען אין בית המדרש און לערנען ווי פריהער... און אויב דו ווילסט ניט לערנען מעהר, ווערסטו דאַרפען אויף זיך נעהמען דעם עול פון דרך ארץ, ווי אין פּרק שטעהט געשריבען: "וכל הפּורק ממנו עול תורה נותנים עליו עול מלכות ועול דרך ארץ..." איך זיץ ניט לײדיג, איך האַנדעל, איך קויף און פאַרקויף און פון דעם ציה איך מיין חיונה, ווערסטו אויך פון איצט אָן דאַרפען טהאָן דאָס זעלבע, איך וועל דיר געבען עטליכע גילדען און דו ווערסט אַרוים אין מאַרק קויפען אביסעל סחורה און דו ווערסט עס נאָכהער פאַרקויפען.

— ניין, שווער, איך קען דאָס ניט טהאָן, איך בין ניט קיין סוחר, — האָט נחום איהם געענטפערט.

— נו, אדרבא זאָג מיר, וואָס וועסטו יאָ טהאָן? איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז אויב דו ווערסט זיין ווי אַלע אידען זיינען, וועל איך דיך און דיין ווייב און דיין קינד מפרנס זיין ווי פריהער. אָבער דו קענסט דאָך ניט ערוואַרטען אז איך זאָל דיך אויפהאַלטען אויף קעסט אין דער צייט ווען דו געהסט אַרום לײדיג און דו טהוסט נאָך אַזעלכע מעשים וואָס ברייננגען אויף אונז אַלעמען חרפּות און בושות. גענוג עגמת נפש האָסטו אונז אַלעמען פאַרשאַפט. עס איז שוין צייט אז דיין ווייב, ציפּע, זאָל פון דיר אויך האָבען אביסעל נחת . . . ענטוועדער אָדער, אָדער וואַרף אוועק דיין נאַרישע חסידות, מיט אַלע ווילדע שטיק, און אַלעס וועט בלייבען ווי געוועזן, אָדער געה זוכען פּרנסה . . .

גלויב מיר, אז ווען דו ווערסט אויף זיך אַרויפנעהמען דעם עול פון פּרנסה וועט דיר שוין ניט ליגען אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטען, ווי בעל שם וכדומה... ווען דיין מח וועט דיר נעהמען דרעהען ווי אַזוי צו באַצאָהלען א וועקסעל, אָדער וואו צו כאַפּען אָן הלואה'לע פאַר דעם קומענדען יאַריד, ווערסטו זיך אַרומזעהן אז דאָס אַלץ איז נאַרישקייטען. דו ביזט ניט דער איינציגער איידעם אין קיידאַן, וועלכער איז פריהער געוועזן אויף קעסט, און איצט פיהרען זיי מסחר און האָבען פּרנסה בכבוד... אָט ביזטו דאָך ביים רב אין הויז און ניט אום שבת ריידענדיג, אויב דו שטימסט איין, וועל איך דיר אם ירצה השם מאָרגען אויסבאָרגען עטליכע גילדען און דו ווערסט זיך נעהמען צום מסחר... הא, וואָס זאָגסטו?

נחום האָט ניט געענטפערט. ער איז געבליבען זיצען אויף דעם ביינקעל און זיינע אויגען האָט ער געווענדט צום פענסטער.

— דו שווייגסט, הא! דו האָסט ניט וואָס צו זאָגען! דו זעהסט דאָך אז איך בין גערעכט. א מענש נעהמט און פאַרפרעמדט זיך אָפּ פון אַלץ און פון אַלעמען... עס איז דאָך א שאַנדע צו זאָגען, אָט איז ער ניט געוועזן אין הויז שוין מעהר ווי פינף יאָהר, און נאַרישט... ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד, פונקט ווי ער וואָלט געוועזן א פרעמדער... איך זאָג אייך, רבי, איך קען בשום אופן ניט באַגרייפען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהם... איך ווייס עס גאָרניט ווי איהם אָנצורופען...

— איך זעה אז אייערע רייד, ר' אשר, פאַלען אויף טויבע אויערען... כל זמן ער וועט זיך פון זיין קאָפּ ניט אַרויסשלאָג: זיין חסידות, מיט זיין נאַרישען גלויבען אין בעל שם, וועלען איהם קיינע מוסר־רייד ניט העלפינן.

— טאָ וואָס זאָל איך טהאָן, רבי?

— עס איז מיר אייך שווער צו געבען אַן עצה. וואָלט אייער טאָכטער ניט געהאַט קיין קינד פון איהם, וואָלט

איך אייך ראַטעז אַז זי זאָל פון איהם ארויסבאַקומען א גט... ווי די זאַך איז, איצט קען דאָך פון דעם קיין רייד ניט זיין.

— פאַרוואָס ניט, רבי? — האָט ר׳ אשר אויסגערופען, — אויב ער בלייבט אַזוי פאַר׳עקשנ׳ט, זעה איך ניט קיין אנדער אויסוועג... ווייל צו וואָס זיך נאַרען, וואָס האָט מיין טאָכטער פון איהם אַז ער איז שוין דאָ אין הויז? גאָרניט! זי איז פאַר איהם א דינסט, זי זעהט אַז ער זאָל האָבען אַלץ וואָס איהם ווילט זיך, די טייערסטע מאַכלים וואָס ער פלעגט ליעב האָבען, קאָכט זי איהם, זי גרייט צו זיינע וועש, רייניגט זיינע בגדים, און וואָס האָט זי פון דעם? גאָרנישט! אָט די דריי זאַכען וואָס די היילינע תורה האָט באַשטימט פאַר דער פרוי, גיט ער דאָך איהר ניט. טאָ וואָס־זשע דאַרף זי איהם? ״שארה, כסותה וענתה לא יגרע״ — שטעהט געשריבען אין דער תורה, און ווען ער האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם גאַנצען יאָך, איז שוין בעסער ווען ער זאָל איהר געבען א גט.

— איך בין וויליג איהר צו געבען א גט! — האָט נחום אויסגערופען.

— דו ביזט וויליג איהר צו געבען א גט! — האָט אויסגערופען ר׳ אשר. דערשרעקענדיג זיך אליין פאַר אָט דער מעגליכקייט, — זעהר פיין פון דיר. דו וועסט איהר געבען א גט און פאַרטיג. און וואָס איז מכח איהר כתובה? דו האָסט דען געלד?...

די רבי״צין האָט אריינגעבראַכט א טשייניק מיט געקאָכטע וואַסער און זי האָט מכבד געווען די געסט מיט טהעע.

דאָס האָט עטוואָס אָפּגעשוואַכט די אָנגעצויגענקייט. נחום האָט אפילו ניט געוואָלט טרינקען די טהעע, אָבער ער איז געווען אַזוי דורשטיג, אַז ער האָט זיך ניט געקענט באַהערשען און ער האָט גענומען טרינקען.

קאַפּיטעל צוויי און צוואַנציג

אין דער צייט וואָס ר׳ אשר און נחום האָבען פאַרבראַכט אין דעם רב׳ס הויז, האָט זיך ציפּע דורכגערעדט מיט איהר מאַמען וועגען נחום׳ן, און ביידע פרויען האָבען גענומען פּלאַנעווען וואָס צו טהאָן.

— און איך זאָג דיר, מיין טאָכטער, אַז עס איז אביסעל אויך דיין שולד. דו געדענקסט אַז איך האָב צו דיר גע־טענה׳ט, דו זאָלסט זיך לאָזען נעהען א נייע קלייד... וויפיעל איז דער שיעור צו זיצען און קלאָגען... דו האָסט דאָך שוין אויסגעוויינט דיינע אויגען... נאָך אַלעמען דאַרפסטו ניט פאַרגעסען אַז נחום איז אָפּגעווען אין ווילנע א היבשע צייט, און ווילנע, דאַרפסטו וויסען איז א גרויסע שטאָדט. ער האָט דאָרט געזעהן א סך מענשען, און אויך פרויען, וועלכע געהען אָנגעטאָן אין שעהנע קליידער... ניין, מיין טאָכטער, דו וועסט מיר ניט איינרעדען אַז איי־נער וועלכער איז א חסיד וועט ניט האָבען צו טהאָן מיט זיין פרוי... איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט. וואָס הייסט!... ער איז שוין באַלד א וואָך, און לויט ווי די זאָגסט, קוקט ער זיך אויף דיר ניט אום...

ציפּע׳ס פּנים האָט זיך צעפלאַקערט און זי האָט געזוכט עטוואָס צו פאַרגלעטען.

— מילא צו מיר, קען ער אפשר האָבען, אָבער וואָס האָט ער צום קינד! פאַרוואָס ווייזט ער ניט ארויס קיינע פאָטערליכע געפיהלען צו צירעלע׳ן, זיין קינד, זיין פלייש און בלוט?...

— ווייסט פאַרוואָס? — האָט איהר די מאַמע געזאָגט, — ווייל צירעלע איז אויך א דזשיקע בריאה. איך האָב דאָך געזעהן ווען נחום איז געקומען, איז זי אַנטלאָפען געוואָרען און האָט זיך באַהאַלטען, און טאָמער איז ער צוגעקומען עטוואָס נעהנטער, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט... א קינד זאָל מורא האָבען פאַר א פרעמדען מענשען!

— פון דעסטוועגען, ווען ער ווערט עטוואָס צוגעלאָזט צו איהר, וואָלט זי זיך גענומען צוגעוואוינען צו איהם... דו זעהסט דאָך אַז איהם קימערט גאָרנישט... ער האָט זיך אריינגענומען אין זיין מח א בעל שם, מיט חסידות, און ווייטער וויל ער פון קיין זאַך ניט וויסען. איך ווייס ניט וואָס איך זאָל טהאָן!...

— אפשר װעט דער רב אויף איהם װירקען, — האָט די מאַמע געזאָגט.

— איך צװײפעל אויב אימיצער װעט אויף איהם קענען װירקען, — האָט ציפּע געזאָגט.

— הער זיך איין, מײן טאָכטער, װען איך בין זײן פרוי װאָלט איך שוין אויף איהם געװירקט... איצט קען איך דיר דערצעהלען: דײן טאַטע איז אַמאָל אויך געװען אַ גרויסער עקשן, מיר האָבען זיך אײנמאָל איבערגערעדט, און ער האָט אויפגעהערט צו רײדען צו מיר... אַ גאַנצען חודש האָט ער צו מיר ניט גערעדט. איך האָב געמײנט אַז איך װעל שונאי ישראל פון זינען אַרונטער... נו, װאָס מײנסטו האָב איך געטאָן?

— טאַקע, װאָס האָסטו געטהאָן, מאַמע? — איז שוין ציפּע געװאָרען פאַראינטערעסירט.

— װאָס האָב איך געטהאָן? גאָרניט האָב איך געטאָן! איך האָב זיך גענומען פּוצען... איך האָב... אָבער דאָס קען מען דיר ניט איבערגעבען. יעדע פרוי דאַרף אַלײן װיסען װי זיך צו באַגעהן מיט איהר מאַן... דו ביזט דאָך ניט קײן כלה־מויד... עס איז שוין צײט אַז דו זאָלסט װיסען װי זיך צו באַגעהן מיט דײן אײגענעם מאַן . . . נישקשה, אַ פרוי האָט פאַרשידענע װעגען װי אַזוי צו מאַכען דעם מאַן אַז ער זאָל זי ליעב האָבען... דו ביזט ניט קײן נאַרישע װײבעל... איך װאָלט שוין געמאַכט אַז ער זאָל פאַרגעסען אָן זײן חסידות, אָן זײן בעל שם, און אפילו אָן דעם מענדעל׳ן װעלכער האָט איהם פאַרדרעהט זײן קאָפּ . . .

— עס איז דיר גרינג צו רײדען, — האָט ציפּע געזאָגט, — אָבער װאָס זאָל איך איהם טהאָן אַז ער קוקט זיך ניט אום אויף מיר? . . .

— אָ, עס איז ניטאָ מיט װעמען צו רײדען,—װערט שוין די מאַמע עטװאָס ברוגז, — עפּעס האָסטו אַ הילצערנע קאָפּ. װאָס מײנסטו, איך דאַרף דיר אַלץ צעקײען... אַז דאָס פערד װיל ניט געהן צום ברונעם, ברײנגט מען איהם אָן עמער װאַסער אין שטאַל . . .

ציפּעס׳ס אויגען האָבען גענומען בלישטשען. איהר פּנים איז נאָך רויטער געװאָרען. זי האָט זיך פאַרשעהמט פאַר איהר מאַמען. אָבער זי האָט געפיהלט אַז איהר מאַמע איז גערעכט. אײנמאָל פאַר אַלע מאָל, זי דאַרף װיסען װאָס זי האָט צו טהאָן.

— דו װײסט נאָך װאָס איך װיל דיר זאָגען, ציפּע. עס איז שוין צײט אַז צירעלע זאָל שלאָפען באַזונדער. זי איז דאָך שוין אַ היבשע מויד, דאַרף זי זיך אײנגעװאױנען צו שלאָפען אַלײן . . . איך װײס, טאָמער װילסטו אויסרײדען אַ װאָרט צו נחום׳ן, װעסטו גאָר מורא האָבען טאָמער שטערסטו דעם קינד... פאָלג מיך, טראָג איבער איהר בעטעלע אין סטאָלאָװע . . .

— איך האָב דאָס געװאָלט טהאָן, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעװײנט, און איך האָב מורא געהאַט אַז זי װעט ניט שלאָפען.

— זי װאָלט זיך איבערגעװײנט... אַ קינד דאַרף מען אָפּגעװאױנען פון שלעכטע געװאױנהײטען... װײסטו גאָר װאָס, דו לײג איהר שלאָפען אין דײן צימער, און װען זי װעט אײנשלאָפען װעלען מיר בײדע איבערטראָגען איהר בעטעלע אַהער.

— אָבער טאָמער כאַפּט זי זיך אויף װעט זי מאַכען אַזעלכע געװאַלדען אַז זי װעט אויפװעקען דאָס גאַנצע הויז.

— אויב אַזוי, װעל איך אַרײננעהמען איהר בעטעלע צו אונז אין שלאָף־צימער. נישקשה, איך און דײן טאַטע האָבען ניט װאָס צו רײדען צװישען זיך בײנאַכט... מיר רײדען זיך אָן אַ גאַנצען טאָג... קום אַהער, צירעלע, — האָט זי איהר צוגערופען, — דו װילסט שלאָפען בײ דער באָבען אין צימער?

צירעלע האָט זיך דערפרעהט, און טאַקע באַלד האָבען זײ איבערגעטראָגען צירעלע׳ס בעטעלע צו איהר אין שלאָף־צימער.

זופּענדיג די טהעע, האָט ר׳ אשר נאָך אַלץ פּרובירט װירקען אויף נחום׳ן. ער האָט גענומען איהם דערמאָנען אָן יענע יאָהרען װען ער איז געקומען אין ישיבה ,און ער האָט איהם אויסגעקליבען פאַר אַן אײדעם.

— געדענקסטו, נחום, װען איך האָב דיך געבראַכט אַהער און דו האָסט דערזעהן ציפּע׳ן?... װי שטאַרק דו האָסט זי ליעב באַקומען... דו ביזט

געווען אזוי גליקליך... דו האָסט מיר אליין געזאָגט, אז גאָט האָט דיר צוגעשיקט אן אוצר... און טאקע, וואָס האָט דיר ביי מיר געפעהלט? ציפּע אָהן עין הרע איז געווען א שעהנע, א קלוגע, א גוטע באַלעבאָסטע... זי האָט דיך ממש געטראָגען אויף די הענט... זי האָט פאַר דיר געקאָכט פון דאָס בעסטע... זי האָט געזעהן אז דו זאָלסט אלץ האָבען... און דו ווערסט דאָך צוגעבען אז מיין טאָכטער איז ניט קיין נאַר... און אז זי איז אויך ניט ווי אנדערע ווייבער וועלכע קענען זיך אָנזעצען אויף דעם מאַן און דערגעהן איהם די יאָהרען... זי איז א שטילע, א רוהיגע, און ווען ניט די דאָזיגע טרויעריגע פּאַסירונג, וואָלט איהר דאָך ביידע עד היום געווען גליקליך... שטעל זיך פאָר וויפיעל ציפּע האָט זיך אָנגעליטען דורך די עטליכע יאָהר... זי איז דאָך געוואָרען א האַלבע, מען קען דאָך איהר קוים דערקענען... זי פלעגט ניט עסען און ניט טרינקען, זיצען ביז האַלבע נאַכט און וויינען... עפּעס א קליינינקייט, ערשט צוויי יאָהר ווי זי האָט חתונה געהאַט און דער מאַן האָט איהר פּלוצים פאַרלאָזט, אָהן א פאַרוואָס... די בושה און חרפּה וואָס זי האָט געהאַט... ווייבער האָבען גענומען ריידען רכילות. מען האָט געפיהרט פּלאָטקעס... און איצט אז גאָט האָט געגעבען אז דו ביזט שוין דאָ צוריק, און אלץ האָט געקענט זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווילסטו נאָך ערגער מאכען... ביי דיר איז רעכט איהר צו געבען א גט. פאַרוואָס קומט עס איר? איז זי דיר דען ניט געווען געטריי און איבערגעבען? מיט וואָס האָט זי זיך ביי דיר פאַרזינדיגט אז דו זאָלסט זי אוועקוואַרפען? איך גיב צו אז איך בין געגען דיר באַגאַנגען א עוולה!... איך האָב זיך פאַרלאָרען און דיר א פּאַטש געגעבען, דאַרף זי דען צוליב דעם אזוי פיל ליידען? פאַרוואָס קומט עס איהר?

— ציפּע איז א גוטע פרוי און זי קען זיין גליקליך. אָבער איך געהער ניט מעהר צו איהר... איך געהער צו דעם בעל שם טוב, צו די חסידים... עס וועט זיין בעסער פאַר איהר ווען זי וועט פון מיר נעהמען א גט, — האָט נחום אויסגערופען.

— איהם איז גרינג צו זאָגען א גט! דו האָסט דאָך געהערט וואָס דער רב האָט נאָר וואָס געזאָגט, אז ווען עס וואָלט קיין קינד ניט געווען, נו מילא, וועט זי קענען ווען עס איז חתונה האָבען. אָבער איצט אז זי האָט פון דיר א קינד.

— איהר זעהט דאָך, ר' אשר, אז איהר רעדט און רעדט און איהר בלייבט אלץ ביים זעלבען. ער איז אזוי פאַר'עקשן'ט אז איך זעה ניט קיין אנדער אויסוועג.

— און איהר מיינט אויך אז ער זאָל געבען מיין טאָכטער א גט?

— אודאי איז מיר שווער צו זאָגען אז יאָ, — האָט דער רב געזאָגט, — אָבער איהר זעהט דאָך אז מען וועט מיט איהם גאָרניט קענען מאכען. זאָל זיך אייער טאָכטער מיט איהם דורכריידען און באַשליסען וואָס צו טהאָן.

ווען זיי זיינען שוין אוועק פון רב'ס הויז, זיינען זיי ביידע געגאַנגען אהיים שווייגענדיג. ר' אשר איז געווען זעהר פאַרביטערט. ער האָט געהאַט א האָפנונג אז דער קיידאַנער רב וועט אפשר אויף איהם ווירקען. איצט אָבער האָט ער שוין מעהר קיין האָפנונג ניט... ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין הויז, האָט ציפּע באַלד באַמערקט אין איהר טאַטען'ס פּנים אז ער האָט גאָרניט אויפגעטהאָן. זי האָט איהם גאָרניט געפרעגט. זי האָט זיך פאַרנומען מיט איהר טעכטערל. זי האָט זיך גענומען מיט איהר שפּיעלען, און אין דער זעלבער צייט האָט זי געוואָרפען א בליק אין דער ריכטונג וואו איהר מאַן איז געשטאַנען.

ר' אשר האָט זיך געפיהלט שלעפעריג, ווייל ער איז געווען געוואוינט צו שלאָפען שבת נאָכ'ן טשאָלענט. ער איז אריין צו זיך אין צימער און ווען ער האָט דאָרט דערזעהן זיין אייניקעל'ס בעטעלע, האָט ער פאַרשטאַנען אז דאָס מוז זיין איהר איינפאַל. ער האָט זיך דערמאָנט אז דער רב האָט איהם פאַר'ן אוועקגעהן געזאָגט אז עס ווענדט זיך אָן ציפּע'ן... אפשר וועט זי וויסען בעסער וואָס צו טהאָן מיט איהם.

נחום האט זיך געזעצט ביים טיש. ער האט גענומען א ספר אין האנט און ער האט דארט אריינגעקוקט... אין שטוב איז געווען שטיל... פון צייט צו צייט האט זיך דערהערט דאס הילכיגע געלעכטערל פון צירעלע'ן, וועלכע האט געלאכט ווען די מאמע האט איהר דערצעהלט א שעהן מעשה'לע.

ציפע'ס מאמע איז אריין אין איהר שלאפצימער און זיך גענומען דורכריידען מיט איהר מאן.

— איך פארשטעה אז דער רב האט גארניט גע'פועל'ט ביי איהם, — האט זי טרויעריג געזאגט, — איצט פרעג איך דיר, וואס טהוט מען? וואס מאכט מען?

— עס איז ניט גוט, מיין ווייב, וואס זאל איך דיר זאגען, וויפיעל מיר האבען אין איהם אריינגע'טענה'ט, וויפיעל מיר האבען איהם געגעבען צו פארשטהען, האט עס געהאלפען ווי א טויטען באנקעס... רייד צו איהם און רייד צו דער וואנט... אלץ וואס מיר האבען פון איהם געקענט ארויסבאקומען איז געווען, אז ער וועט איהר געבען א גט.

— א גט גאר! א שעהנעם דאנק איהם! — האט זי געזאגט, — וואס וועט זי האבען פון דעם. ער וועט זיך אפטראגען פון דאנען, וועט ווערען א פרייער פויגעל, און זי וועט זיך נעביך דארפען מוטשען מיט דעם קינד . . . פארוואס קומט עס איהר!

— אט דאס האבען מיר דאך אויך גע'טענה'ט מיט איהם. אבער ער איז געווען טויב ווי די וואנט צו אונזערע רייד.

— איך האב זיך גוט דורכגערעדט מיט ציפע'ן און איך האב איהר געגעבען צו פארשטעהן אז ווען א ווייב האט שכל קען זי געווינען די ליעבע פון איהר מאן... דו זעהסט דאך, — האט זי אנגעוויזען אויף צירעלע'ס בעטעלע, — אפשר וועט דאס העלפען.

— דו ביזט גערעכט, די בעסטע זאך איז עס איבערצולאזען צו זיי ביידען... מיר דארפען זיך ניט מישען.

— איין זאך וויל איך אז דו זאלסט וויסען. אין בית המדרש וועט מען איהם שוין מעהר ניט אריינלאזען, סיידען ער וועט זיך ענדערען... און אין דעם גרויסען בית המדרש אודאי ניט. ער וועט מוזען דאווענען פאר זיך . . . אפשר וועט גאט געבען אז ער וועט זיך פארט ענדערען.

ציפע האט אנגעטהאן איהר ווייסען שירץ, און זי האט אריינגעטראגען א טעלער באב און ארבעס צו נחום'ן. זי האט עס צוגעטראגען צו איהם און מיט צערטליכקייט אין איהר שטימע האט זי צו איהם געזאגט:

— איך וויים, נחום, אז דו פלעגסט זעהר האלט האבען צו קייען באב, שבת נאכ'ן טשאלענט... דו געדענקסט ווען מיר פלעגען זיךביידע אוועקזעצען קייען באב, און דו פלעגסט מיר דאן דערצעהלען וועגען דיין לעבען אין דיין קליין שטעטעל, און שפעטער וועגען דיין לעבען אין דער ישיבה, וועגען וואס דו האסט געטראכט, זיצענדיג ביי דער גמרא... איך געדענק נאך אז איינמאל האסטו מיר דערצעהלט אז דו פלעגסט טראכטען פון מיר... האב איך דאן געפרעגט ווי אזוי קומסטו צו טראכטען פון מיר? געדענקסטו וואס דו האסט מיר געענטפערט?

נחום האט געקייט די באב און געשוויגען. און ציפע האט ווייטער גערעדט:

— איך געדענק שוין גאנץ גוט וואס דו האסט מיר דאן געענטפערט. דו האסט געזאגט, אז ווען דו האסט געטראכט פון דיין צוקונפטיגער פרוי האסטו זיך פארגעשטעלט אז זי וועט אויסקוקען פונקט ווי איך... הא, איצט דערמאנסטו זיך?... איך בין דאן געווען אזוי גליקליך... איך האב זיך געטראכט אז קיינער איז צו מיר ניט גלייך... איך האב געקראגען דעם בעסטען מאן... א וואויל לערנער, א שעהנער, א קלוגער... אלע קיידאנער מיידלעך האבען מיך מקנא געווען... איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען, ווי מיינע חבר'טעס האבען זיך דערוואוסט אז מיין חתן איז געקומען... זיינען זיי געקומען צו מיר מיט אלערליי אויסריידען בלויז צו כאפען א בליק אויף דיר... זיי האבען מיר גענומען שטעלען פארשידענע פראגען, און איך האב געקאנט מערקען, אז די קנאה רעדט עס אין זיי, און איך בין געווען אזוי

שטאָלץ מיט דיר... ווען איך האָב געהערט ווי זיי זאָגען אז דו ביזט א שעהנער בחור... אָ, יענע גליקליכע יאָהרען, ווי קריגט מען זיי צוריק?... ווער וואָלט עס געגלויבט אז מיין גליק זאָל זיין אזוי קורץ! איך בין געווען די ערשטע צוויי יאָהר באזאָרגט, ווייל איך האָב דיך קיין קינד ניט געבוירען... נו, און אז גאָט האָט שוין געהאָלפען און איך בין אויפגעריכט געוואָרען, דארף זיך מאכען אָט דער אומגליק... אוי, נחום, נחום! ווען דו וואָלסט געוואוסט וויפיל איך האָב זיך אָנגעליטען! ווען איך קאָן פאר דיר עפענען מיין הארץ, און דו קאָנסט דאָרט אריינקוקען, וואָלסטו געזעהן די טיפע וואונד וואָס דאָרט געפינט זיך... איך זאָג ניט אז דו ביזט שולדיג! אָבער איך בין דאָך געווים ניט שולדיג! מיט וואָס האָב איך זיך פארזינדיגט אז גאָט זאָל מיך אזוי שווער שטראָפען!

— ניט דו האָסט געזינדיגט, ציפּע!

— האָט זיך נחום אָנגערופען — נאָר איך! איך האָב ניט פארדינט אז איך זאָל האָבען אזא גוטע פרוי ווי דו ביזט! ווייל איך האָב דיר שוין פארשאפט גענוג צרות! איך וויל דיך באַפרייען פון מיר! ווייל צו וואָס טויג איך דיר!

— אָ, פארוואָס זאָלסטו אזוי ריידען, מיין מאַן! אמת, דו האָסט מיר פארשאפט א סך, גאָר א סך צרות, אָבער דו ביזט מיין מאַן, און דער טאטע פון אונזער קינד, בין איך דיר אַלץ מוחל, און איך בין זיכער, אז מיר וועלען קאָנען אָנהויבען אַלץ פון דאָסניי... די וואונדען וועלען שנעל פארהיילט ווערען... מיר זיינען נאָך ביידע גאָר יונג און מיר וועלען געניסען פון לעבען!

— דאָ, אין קיידאַן, וועלען מיר קיינמאָל ניט קאָנען גליקליך זיין, — האָט נחום זיך אָנגערופען — איך מוז פון דאנען אָפּרייזען קיין פּאָדאָליע, אין מעדזשיבוזש, דאָרט וואו דער בעל שם טוב געפינט זיך... מיר ציהט אהין, און אויב דו ווילסט אהין פאָהרען, וואָלט געווען גוט!

— און וואָס וועסטו טאָן מכח פרנסה? — טוט איהם ציפּע א פרעג.

— גאָט וועט אונז ניט פארלאָזען — האָט נחום געענטפערט — ער שפּייזט יעדען איינעם וועט ער אונז אויך שפּייזען. בפרט ווען מיר וועלען זיין נעבען ר׳ ישראל בעל שם טוב! דו האָסט גאָרניט קיין באגריף וואָס עס מיינט צו זיין נעבען דעם הייליגען צדיק, און זיך ווארעמען אין זיינע הייליגע שטראַלען... אי, ציפּע, ווען דו ביזט דאָרט אָפּ איין טאָג, וואָלסטו זיך ארומגעזעהן, אז אַלץ ארום דיר איז גאָרניט געגען דעם פארגעניגען צו הערען דעם בעל שם טוב ריידען, און אָנצוקוקען זיין ליכטיגען פּנים.

— פון וואנען ווייסטו עס? ביזטו דאָרט געווען?

— מען דארף דאָרט ניט זיין אליין, כדי צו וויסען ווי אָפּצושאצען די קדושה פון ר׳ ישראל בעל שם טוב... עס איז גענוג צו הערען אַלץ פון איינעם פון זיינע איבערגעגעבענע חסידים, און מען קאָן שוין זיך פּאָרשטעלען... און דו אליין קאָנסט דאָך אויך פארשטעהן! מה־דאָך, אז זיינער א תלמיד קאָן האָבען אזא ווירקונג צום בעסערען אויף א מענשען, בפרט נאָך דער בעל שם טוב אליין!

— איך פארשטעה אז דו רעדסט פון אָט יענעם מענדעל — האָט ציפּע געזאָגט, אויב אזוי וויל איך דיר פרעגען, אויף וועמען נאָך האָט ער געהאט אזא איינפלוס אויסער דיר? דוכט זיך אין ווילנא האָט מען איהם איינמאָל געלאָזט ארעסטירען, און לויט ווי מען האָט מיר דערצעהלט, האָט ער שוין געכאפּט מלקות, און וויפּיל האָט געפעלט אז מען זאָל איהם שטעלען אין דער קונע, און יעדער איינער זאָל איהם אָנשפּייען א פולען פּנים! פארוואָס האָט ער ניט געווירקט אויף יענע זיי זאָלען זיך באקערען צו חסידות, און ווערען איבערגעגעבענע אָנהענגער צו דעם בעל שם טוב?...

— דאָס איז ווייל זיי האָבען איהם ניט געגעבען קיין געלעגענהייט... זיי ווייסען נאָר ווי צו רודף׳ן איהם... איך האָב געהאט א געלעגענהייט מיט איהם צו פארברענגען היבשע עטליכע טעג, און איך האָב זיך אי־

בערצייגט, אז אלץ וואָס ער דערצעהלט וועגען דעם בעל שם טוב, איז אמת... אָבער דו וועסט זעהן, אז עס וועט לאַנג ניט דויערען און אלע אידען וועלען זיך ארומזעהן אז דער בעל שם טוב איז א הייליגער צדיק, און אידען פון איבער דער גאַנצער וועלט וועלען שטראָמען צו איהם...

— עס קאָן זיין אז דו ביזט גערעכט — האָט ציפּע געזוכט צו געווינען זיין צוטרויען צו איהר — און איך זאָג ניט אז איך וואָלט מיט דיר ניט געפאָהרען קיין מעדזשיבוזש, אָבער ווי אזוי קאָנען מיר גאָר טראַכטען פון אונטערנעמען אזא רייזע מיט א קליין קינד.

— ווער זאָגט דיר אז מיר דאַרפען מיטנעמען דאָס קינד — האָט נחים זיך אָנגערופען.

—און וואָס וועלען מיר טאָן מיט צירעלען? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב געטראַכט, אז מיר וועלען קאָנען איבערלאָזען צירעלע'ן דאָ. דיין מאמע וועט גוט אכטונג געבען אויף איהר.

ציפּע האָט געפיהלט אז איהר בלוט ווערט אין איהר אָפּגעזאָדען. זי האָט זיך אָבער באהערשט. זי האָט געוואוסט, אז מיט שרייען און בייזערען זיך וועט זי גאָרניט אויפטאָן. זי וועט דאַרפען אָננעמען אנדערע מיטלען... און דעריבער האָט זי מיט א געמאכטער רוהיגקייט זיך אָנגערופען:

— גוט, איך וועל זיך דורכריידען מיט מיין מאמען!

— וועסטו מיטפאָהרען צום בעל שם? — האָט נחום, מיט אויפגעלויכטענע אויגען, זיך אָנגערופען.

יאָ, אויב עס וועט ניט זיין קיין אָפּהאַלט פון מיין מאמען — האָט ציפּע געזאָגט.

— פאַרוואָס זאָל דיין מאמע ניט וועלען? — האָט נחום זיך אָנגערופען — איך זעה דאָך אז זי האָט זעהר ליב צירעלע'ן.

— איך ווייס... נאָך אלעמען דאַרפסטו ניט פאַרגעסען אז מיין מאמע איז דאָך פאַרנומען אין קראָם א גאַנצען טאָג...

— נו, איז דאָך פאַראַן דיין שוועסטער שפרה.

— שפרה וועט באלד חתונה האָבען און עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל דער מאמען ארויסהעלפען, — האָט ציפּע געזאָגט, — מיר האָבען קיין רעכט ניט אויף איהר ארויפצולייגען אזא יאָך, ווי אכטונג צו געבען אויף אונזער קינד, אפשר שפּעטער ווען צירעלע וועט אונטערוואקסען, איצט איז זי דאָך נאָך אן עופה'לע. זי מוז האָבען ווער עס זאָל אויף איהר אכטונג געבען טאָג און נאכט...

— איך קען ניט ווארטען אזוי לאַנג, — האָט נחום געזאָגט, — איך פיהל אז איך מוז זעהן דעם בעל שם, ווייל ער ווער ווייסט אויב איך וועל האָבען ווען עס איז א געלעגענהייט ווען איך וועל מיין געפּלאַנטען באזוך אָפּלייגען.

— מיר וועלען ניט דאַרפען אָפּלייגען דיין באזוך אויף צו לאַנג, — האָט ציפּע פּרובירט איהם איבעררײדען, — צירעלע, זאָל געזונט זיין, איז איצט פינף יאָהר אלט. נו, לאָמיר זאָגען, אז ווען זי וועט אלט ווערען אכט יאָהר, וועלען מיר דאַן קענען אָדער זי מיטנעמען מיט אונז, אָדער זי איבערלאָזען מיט דער מאמע, און אפשר טאקע מיט שפרה'ן... הא, וואָס זאָגסטו אויף דעם, נחום?

— איך ווייס אליין ניט וואָס דיר צו זאָגען, ציפּע — האָט נחום דורכגעפיהרט זיין האנט דורך זיין קליין בערדעל — אפשר וואָלט געווען א פּלאַן אז איך זאָל אהין אוועקפאָהרען אליין, און דערנאָך אז איך וועל זעהן אז איך קען דאָרט קריגען פּרנסה, וועל איך דיך אריבערברענגען צו זיך?!...

— פאַנגסט שוין ווידער אָן די זעלבע זאך! — האָט ציפּע זיך אָנגערופען און געזוכט זיך צו באהערשען, — וועגען דיין אָפּפאָהרען אליין, איז דאָך אָפּגערעדט — ניט איך און ניט מיינע עלטערען וועלען צו דעם איינשטימען... פאָלג מיך, נחום, טו ווי איך ראַט דיך, דו וועסט קיינמאָל קיין חרטה ניט האָבען! דו געדענקסט דאָך גאַנץ גוט אז ווען איך האָב דיר געזאָגט דו זאָלסט נישט וואגען צו שרייבען דעם געפּלאַנטען בריוו צו ר' שלמה זלמן, געגען ר' יהודה ליב'ן, האָסטו מיך ניט געפאָלגט, און נאָכדעם האָסטו חרטה געהאט, עס האָט אונז אלעמען אָפּגעקאָסט גענוג געזונט. איצט, אויב דו

וועסט מיך ווידער ניט פאלגען, וועסטו אויך חרטה האבען. איך זאג דיר צו אז איך וועל טאן ·אלץ וואס דו וועסט מיר הייסען ווען די צייט וועט קומען... איצט אבער, דארפסטו טאן ווי איך פארלאנג פון דיר... דו דארפסט זיך ניט איילען.

— איך פיהל אז אזוי לאנג ווי איך וועל איהם ניט זעהן, וועל איך ניט קענען רוהען. איך קען דיר ניט ערקלעהרען פארוואס ·ם ציהט מיך צו איהם, צום בעל שם, אפשר איז דאס דערפאר וואס זינט איך האב זיך באקענט מיט מענדעל'ן, און ער האט מיר ערקלעהרט וועגען חסידות, און וועגען דער לעהרע פון ר' ישראל בעל שם טוב, האב איך זיך צוריקגעפונען. וויל ביז דאן האב איך גאר קיין חשק ניט געהאט צום לעבען, און איך קען זאגען אז ווען ניט אט דער מענדע·, וועלכער האט מיר געגעבען צו פארשטעהן די ריכטיגע ציעלען פון לעבען, אי·ז וועגען זינד און תשובה טאן, וואלט איך שוין געווען ווער ווייסט וואו.

— נו, גוט, איך פארשטעה, נחום, אבער איילען זיך דארפסטו ניט. דו ביזט דאך נאר וואס געקומען אהער צו מיר, זיי דא אפ עטליכע וואכען אם וויינינגסטענס, לאמיר זיך צוגעוואוינען איינער צום צווייטען, און דאן וועלען מיר זיך דורכריידען און באשליסען וואס צו טאן. עס קען זיין אז מיר וועלען ביז דאן געפינען א וועג... דו פארשטעהסט, אויב דו וועסט איצט אוועקגעהן אהן מיר ווע־ווען אלע מיינען גאט ווייס וואס עס איז צווישען אונז פארגעקומען, אבער אז דו וועסטווארטען און מיר וועלען האבען גענוג צייט עס צו באטראכטען, וועלען מיר זעהן אויב מיר קענען טאקע ניט פאהרען צוזאמען. איך געדענק אז איך האב געלייענט אין טייטש חומש ווי אזוי רחל און לאה האבען געזאגט יעקב'ן, ווען ער האט זיי געזאגט אז ער וויל פארלאזען לבנ'ען, זייער פאטער, אז זיי האבען מעהר ניט קיינע פארבינדונגען מיט זייער פאטער'ס הויז... נו, דו ווייסט דאך, דו ביזט מיין מאן, און מיט דיר האב איך פארבונדען מיין גורל, און איך דארף טאן אלץ וואס דו וועסט מיר הייסען, איך בעט בלויז פון דיר איין זאך, דו זאלסט מיר געבען אביסעל צייט זיך צו באטראכטען און זעהן ווי אזוי מיר זאלען קענען ביידע עס דורכפיהרען, עס זאל קיינעם ניט וועה טאן.

נחום האט נאך אלץ געקייט די באב און געשוויגען. ציפע האט פון איהם איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען. זי האט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאץ און איהם געזאגט אז אט וועט זי אריינברענגען טהעע, וויל ער מוז זיין געווים דורשטיג פון די באב.

זי האט אריינגעבראכט טהעע און צוקער און דערלאנגט צו נחום'ען. ער האט געמאכט א ברכה "שהכל" און געטרונקען.

ווען ער האט געהאלטען ביים ענדיגען טרינקען די טהעע, האט ציפע זיך ווידער צו איהם געווענדעט:

— נו, נחום, וועסטו טאן מיין פארלאנג און ווארטען עטליכע וואכען? הא. זאגסט מיר צו?

— נו, גוט, זאל זיין אזוי! — האט נחום אויסגערופען.

— אוי, א געזונט צו דיר! — האט ציפע איהם ארומגענומען און איהם געגעבען א קוש. זי האט ניט געקענט איינהאלטען איהר פרייד. איהרע באקען האבען זיך צעפלאמט, איהרע אויגען האבען געגלאנצט.

— איך מוז אריינגעהן אנזאגען דער מאמען, — האט ציפע אויסגערופען, — זי וועט זיך זעהר פרעהען...

— אבער געדענק, מעהר ווי א פאר וואכען וועל איך ניט ווארטען, — האט נחום געזאגט, — אבער ציפע האט איהם ניט געהערט, זי האט זיך געלאזט צו דער טיר, און זי האט זיך א לאז געטאן צו איהרע עלטערנ'ס שלאף צימער.

— מאמע! — איז זי צו איהר צוגעלאפען, — ער בלייבט, יא, נחום וועט בלייבען מיט מיר, — האט ציפע אויסגערופען, און פרייד און גליק איז געווען צעגאסען איבער איהר פנים.

— אוי, א דאנק דיר, א לויב דיר, רבונו של עולם! — האט די מאמע אויסגערופען, — איך האב אבער געוואוסט אז דו וועסט ביי איהם גיכער פועל'ן ווי דער רב אפילו, דאס איז דאך געווען מיין טענה אלע מאל, אז

א ווייב קען טאָן מיט איהר מאַן וואָס זי וויל, זי זאָל נאָר האָבען שכל... הא, וואָס זאָגסטו צו דעם, אָשר ?

— וואָס זאָל איך זאָגען, הלוואי זאָל עס זיין אויף לאַנג ! איך וועל געוויס זיין צופרידען. דער רב האָט טאקע מיר געזאָגט אז ציפּע וועט זיך דאַרפען מיט איהם דורכריידען און באַשליסען וואָס זיי האָבען צו טאָן... די איינציגע זאַך וואָס איך האָב מורא, איז פאר זיינע חסידישע שטיק וואָס ער פראַוועט. ער זאָל נאָר ווערען א מענש און דאַווענען ווי מיר אלע.

— דו לאָז עס איבער צו ציפּע'ן, — האָט די מאַמע מיט א שמייכעל אויסגערופען, — דו זעהסט דאָך אז דאָס וואָס מיר אלע האָבען ביי איהם נישט געקענט פּועל'ן, האָט זי געפּועל'ט ביי איהם, וועט זי שוין זעהן אז אויך די אנדערע זאַכען זאָל ער טאָן ווי זי וועט פון איהם פאַרלאַנגען. אַזוי דאַרף א ווייב טאָן. באַשר איך בין געווען א נאַר מיין גאַנצען לעבען און דיך געלאָזט טאָן וואָס דיר האָט זיך געוואָלט... גלויב מיר, ווען איך וואָלט געהאַט שכל וואָלט איך דיך נישט געלאָזט אַזוי קריכען אויפ'ן קאָפּ.

— אוי, מאַמע, דו האָסט זיך אויך וואָס צו באַקלאָגען ?! — האָט ציפּע אויסגערופען מיט ערשטוינונג — געה שוין, געה !

— עס איז נישטאָ א פרוי וועלכע האָט זיך נישט וואָס צו באַקלאָגען אויף איהר מאַן. מילא, וואָלט ער געווען א למדן, נו, פאַרשטעה איך, אז איך דאַרף ליידען... איך דאַרף אַרבייטען שווער און ביטער, און אויסהאַלטען מיין מאַן וועלכער לערענט תורה, אָבער קיין למדן איז ער נישט, און זינט איך האָב מיט איהם חתונה געהאַט האָב איך קיין איין טאָג קיין רוה נישט געהאַט... איך האָב איהם געדאַרפט העלפען אין קראָם, ניאַנטשען די קינדער, אויסראַמען דאָס הויז, קאָכען, באַקען, וואַשען און נעהען... וואו איך האָב גענומען אַזוי פיעל כח ווייסט נאָר איין גאָט !...

— אוי, אידענע וואָס דו ביזט ! — האָט ר' אשר אויסגערופען מיט א שמייכעל, — צוליעב וואָס דען ביזטו באַשאַפען געוואָרען אויב נישט צו טאָן אָט די אלע זאַכען !... ווער שטעהט אין קראָם א גאַנצען פרייטאָג, אָדער ערב יום טוב ווען דו דאַרפסט קאָכען און באַקען פאר שבת און יום טוב ? ווער לויפט אין מאַרק אַזוי פריה צו כאַפּען עפּעס א מציאה ביים פּויער?...

— נו, קומט דיר דערפאר טאקע א דאַנק, — האָט זי אויסגערופען, — וואָס האָסטו געוואָלט איך זאָל זיין אין קראָם און אין דערזעלבער צייט אויך זיין אין הויז, קאָכען און באַקען און אַכטונג געבען אויף די קינדער ?

— זעה, קוק זיי נאָר אָן ! — האָט ציפּע געזאָגט א צופרידענע, — זעה ווי זיי קריגען זיך ווי זיי וואָלטען געווען ערשט עטליכע יאָהר נאָך דער חתונה, דו ביזט דאָך שוין א באָבע, מאַמע, דו פאַרגעסט אפּנים ?

— מיר קריגען זיך דען, טאָכטער! — האָט די מאַמע געשמייכעלט, — הלוואי זאָלסטו זיך דיין גאַנצען לעבען אַזוי קריגען מיט דיין מאַן, ווי מיר קריגען זיך, גלאַט אַזוי זיך, מיר ריידען זיך דורך אמאָל... נו, איצט געה, מיין טאָכטער, געה אַריין צו דיין מאַן ! זאָל ער נישט בלייבען צו לאַנג אַליין מיט זיינע געדאַנקען . . .

ציפּע איז גלייך אַריין צוריק אין צימער און זי האָט געטראָפען נחום'ן זאָגענדיג פּרק. ער האָט געזאָגט דעם פּרק מיט דעם זעלבען ניגון ווי אמאָל, און זי האָט געפיהלט ווי א מין זיסקייט צוגיסט זיך איבער אלע גלידער.

אין א ווייל'ע אַרום, ווען ר' אשר האָט זיך גענומען גרייטען צו געהן אין בית המדרש, צו דאַווענען מנחה, האָט זיך נחום אויך אויפגעהויבען מיטצוגעהן, אָבער ציפּע האָט איהם געבעטען צו בלייבען אין דער היים... זי האָט זיך געשראָקען טאָמער וועט ווידער עפּעס פּאַסירען אין בית המדרש, און אלץ וועט קאַליע ווערען.

— דאַווען היינט אין הויז ! — האָט זיך ציפּע גענומען בעטען ביי איהם, — נישקשה גאָט וועט דיר מוחל זיין ! לאָמיר פאַרברענגען צוזאַמען היינט דעם גאַנצען טאָג... מיר וועלען באַלד עסען שלש סעודות... דאַווען מנחה אין הויז.

— נו, גוט, איך וועל דאַווענען אין

הויז, — האָט נחום געזאָגט, און ער איז אריין אין קיך וואַשען זיינע הענט. און זיך באַלד געשטעלט דאַווענען מנחה.

ציפּע האָט זיך אַליין שטאַרק גענומען וואונדערען ווי אַזוי ער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען. זי האָט עס אָנגענומען פאַר א סימן אַז פון איצט אָן וועט זי שוין אַלץ ביי איהם פּועל'ן. זאָל ער זיך נאָר צוריקגעוואוינען צו איהר.

נאָך דעם ווי נחום האָט אָפּגעדאַווענט מנחה פאַר זיך, האָט זי איהם געגעבען שלש סעודות. איהר מאַמע האָט שוין אַכטונג געגעבען אַז קיינער זאָל זיי ניט שטערען. זי האָט ארויסגענומען צירעלע'ן אין דרויסען און זיך מיט איהר געשפּיעלט לעבען הויז.

ציפּע האָט זיך צו איהם געלאַסטשעט. זי האָט איהם אַלע ווײַלע געפרעגט צי ער וויל עפּעס. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען איהם, זי האָט ארויפגעלייגט איהרע הענט אויף זיינע אַקסלען און זי האָט אויסגערופען מיט טרערען אין איהרע אויגען:

— אוי, אוי, נחום טייערער, איך בין דאָך איצט אַזוי גליקליך!... איך זעה אַז גאָט האָט מיר צוריקגעקעהרט מיין גליק . . .

איהרע צאַרטע רייד האָבען אויך נחום'ן גערירט. ער האָט אויף איהר א קוק געטאָן מיט א שמייכעל.

יענער שבת־צו־נאַכט איז געווען דער ערשטער פרעהליכער אין ר' אשר'ס הויז פאַר מעהר ווי פינף יאָהר. נחום האָט געזונגען "המבדיל" און ער האָט ארויסגערופען גרויס פרייד מיט זיין זינגען.

די באָבע האָט געלייגט צירעלע'ן שלאָפען אין איהר בעטעלע וואָס איז אריינגעשטעלט געוואָרען ביי איהר אין שלאָף־צימער. זיי האָבען אַלע געזוכט איבערצולאָזען ציפּע'ן און נחום'ן אַליין.

קאַפּיטעל דריי און צוואַנציג

אויף מאָרגען אין דער פריה איז נחום אוועק מיט זיין שווער דאַווענען דעם ערשטען מנין. און די מאַמע האָט געהאָלפען ציפּע'ן צוגרייטען דעם פריהשטיק. זי האָט פון א זייט א קוק געטאָן אויף איהר, און זי האָט באַמערקט אַז זי איז פרעהליך, און זי האָט פאַרשטאַנען אַז זי האָט איהר מעהר ניט וואָס צו פרעגען. ציפּע איז ניט קיין נאַר און זי ווייסט שוין ווי זיך צו באַגעהן מיט איהר מאַן.

עס זיינען פאָראיבער עטליכע טעג, און נחום פלעגט אויפשטעהן און געהן דאַווענען צום ערשטען מנין, און כאָטש ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט צוזינגען אין מיטען שמונה עשרה, ארויסריידענדיג עטליכע ווערטער אין אידיש, האָבען די עטליכע אידען וועלכע פלעגען קומען צום ערשטען מנין, פון דעם קיין ווּעזען ניט געמאַכט. ווען אָבער עס איז געקומען שבת אין דער פריה און דער בית המדרש איז געווען אָנגעפילט מיט די מתפּללים, האָט זיך אָנגעהויבען טומלען ווען נחום האָט גענומען פראַווען חסידות... עס האָט אויסגעבראָכען א פּאַטשעריי און א קלאַפּעריי ווען ער האָט זיך צעזונגען אין מיטען שמונה עשרה, שטערענדיג אַלע מתפּללים.

דער גבאי האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּען אויף זיין שטענדער, און דער שמש, זעהענדיג אַז דער גבאי קלאַפּט, האָט אויך גענומען קלאַפּען אויף דעם שלחן וואָס איז געשטאַנען אויף דער בימה. אויף זיי קוקענדיג האָבען די אַנדערע געקלאַפּט און איינינגע האָבען אַפילו מפסיק געווען אין מיטען דאַווענען און געשריען: אי... אָ... נו... פּע... חלשות!

נחום אָבער האָט קיין זאַך ניט געהערט וואָס ארום איהם טהוט זיך. ר' אשר איז שוין ניט געשטאַנען לעבען איהם, ער איז געווען עטוואָס אָפּגערוקט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיין צו נאָהענט, כדי ער זאָל איהם ניט דאַרפען ציהען פאַר'ן אַרבעל, און כדי נחום זאָל נאָכהער קיין טענות ניט האָבען צו איהם. ער האָט זיך געטראַכט, זאָלען אַנדערע איהם אָפּשטעלען... ער וועט זיך שוין ניט מישען... אַזוי לאַנג ווי זיין טאָכטער איז גליקליך מיט איהם, ווייל ער ניט זיין דער יעניגער וועלכער זאָל צושטערען איהר גליק.

ווי נאָר דער עולם האָט געענדיגט שמונה עשרה איז געוואָרען א טומעל

און א געפילדער. מען האט גענומען שרייען צום שמש פארוואס ער דערלאזט אז איינער, א צודרעהטער, זאל אלעמען שטערען אין דאווענען.

— א גאנצער בית המדרש אידען זיינען ניט מחויב צו ליידען צוליעב איין משוגענעם חסיד! — האט זיך איין בעל הבית צושריען, — מען האט דאך גערעדט פאראכטאגען שבת אז מען וועט איהם מעהר ניט אריינלאזען אין בית המדרש, טא וואס טהוט ער דא ווידער?

— מען דארף איהם ארויסווארפען פון דאנען, — האט נאך איינער געשטורעמט, — וואס איז דאס א שענק, להבדיל! מיר זיינען ניט מחויב צו קוקען ווי ער מאכט זיך משוגע.

נחום האט זיך געמאכט ניט הערענדיג, ער איז נאך געשטאנען שמונה עשרה, און כאטש ער האט זיין שטימע עטוואס נידעריגער געמאכט, האט ער דאך אלץ נאך געזונגען, און געמאכט העויות. מיט די הענט, און געדרעהט מיט'ן קאפ.

דער גבאי איז צוגעגאנגען צו ר' אשר'ן און זיך צו איהם אנגערופען מיט א בייזער שטימע:

— איך האב דאך אייך געווארענט לעצטען שבת אז אויב ער וועט ווידער קומען אהער פראווען זיינע חסידישע שטיק, וועט מען איהם ארויסווארפען פון בית המדרש!

— וואס האט איהר צו מיר! — האט ר' אשר אויסגערופען, — איך היים איהם דאס ניט טהאן! גלויב מיר, אז עס קאסט מיך גענוג געזונט! איך האב באשלאסען זיך מעהר ניט צו מישען... טהוט ווי איהר פארשטעהט.

— מיר דארפען איהם ארויסטרייבען פון בית המדרש, אבער מיר ווילען איהם ניט פארשעהמען, אבער מיר זאגען אייך, אז עס וועט זיין בעסער פאר איהם אויב ער וועט זיך מעהר ניט באווייזען דא... זאל ער געהן ערגעץ אנדערש... מיר קענען ניט דולדען אז ער זאל קומען אהער אלע שבת און אנמאכען דא אזא טומעל.

— זייט אזוי גוט און זאגט עס איהם אליין, — האט ר' אשר געזאגט, — איך וועל עס איהם אפילו ניט זאגען.

—ווען ער איז מיין אידעם וואלט איך עס איהם ניט באדארפט זאגען!

— האט דער גבאי איהם א שטאך געטאן, — ביי מיר וואלט עס אפילו ניט געקומען צו אט דעם. נו, וואס זאגט איהר, מיר ווען היינט ווידער האבען א טומעל בעת קריאת התורה?

— היינט קריגט ער דאך קיין עליה ניט, — האט ר' אשר געזאגט.

— אבער פארגעסט ניט, אז מיר וועלען אויך האבען די שמונה עשרה פון מוסף, און אויב ער וועט ווייטער מאכען א טומעל, וועלען מיר איהם מוזען ארויסווארפען פון בית המדרש.

— וואס קען איך טהאן? — האט ר' אשר ווייטער געזאגט, — איך האב איהם אנגעזאגט אז ער זאל ניט קומען אהער אין בית המדרש, סיידען ער וועט אויפגעבען זיינע חסידות, און דער רב האט דאך אויך מיט איהם גערעדט, און איהר זעהט דאך וואס פאר א ווירקונג דאס האט אויף איהם געהאט.

— מיר ווילען פון גארניט וויסען, אויב ער וועט מאכען ווידער א טומעל וועט ער ארויסגעשלידערט ווערען פון דאנען. א נייע אנשיקעניש!

דער שמש האט געגעבען א קלאפ און דער חזן האט גענומען זאגען "חזרת הש"ץ". מען האט זיך געשטעלט זאגען קדושה, און ווען דער עולם האט געזאגט "נקדש", האט נחום אויסגעשריען "נעריצד", אזוי אז אלע זאלען הערען. מען האט זיך אויף אים אומגעקוקט און יעדער האט געקוועטשט מיט די פלייצעס.

דאס לייענען די תורה איז אוועקגעגאנגען רוהיג, אבער ביים מוסף האט ווידער אויסגעבראכען דער טומעל.

דער גבאי האט שוין געהאט אפגעמאכט מיט דעם שמש און נאך עטליכע בעלי בתים, אז זיי זאלען זיך ניט שטעלען דאווענען די מוסף שמונה עשרה נאר זיי זאלען ווארטען און זעהן וואס וועט נחום טאן. זיי האבען זיך געמאכט ווי זיי שטעהען און דאווענען, אבער זיי האבען געווארט אויף א טומעל פון נחום'ן. זיי האבען לאנג ניט געדארפט ווארטען. נחום האט זיך ווידער צעזונגען אויף זיינע הויכע טענער, און געמאכט זיינע העויות.

דער גבאי האט דאן געגעבן א וואונק צו דעם שמש און די אנדערע, און זיי זיינען גלייך צוגעגאנגען צו נחום׳ן וועלכער האט געהאלטן זיינע אויגן פארגלאצט און זיך צעזונגען.

— נחום, הער אויף דיינע משוגענע שטיק, — האט דער גבאי א זאג געטאן צו איהם.

נחום האט ניט געהערט, אדער זיך ניט געמאכט הערענדיג, און ער האט ווידער געזונגען.

— נחום, מיר זיינען דיר מתרה ומודיע אז דו זאלסט אויפהערן שטערן די מתפללים, — האט שוין דער גבאי געזאגט עטוואס העכער.

עס איז געווארען א טומעל, און די אידען האבן גענומען קלאפען אויף די שטענדערס.

— צום דריטען מאל זאגען מיר אז דו זאלסט דאוונען ווי אלע דאוונען, — האט דער גבאי א זאג געטאן.

ווען נחום האט אבער זיך ניט צוגעהערט, האט דער גבאי א וואונק געטאן און דער שמש, צוזאמען מיט נאך עטליכע אידען, האבן א נעם געטהאן נחום׳ן פאר׳ן קארק און איהם גענומען שלעפען צו דער טיהר. ער האט זיך גענומען ראנגלען מיט זיי, עס איז געווארען א טומעל, א געפילדער. די אינגלעך האבן געלאכט אזוי הויך, אז מען האט זיי נעקענט הערען אין דרויסען.

אויבען פון דער ווייבערשער שוהל האט זיך געהערט א קוויטשעריי און א געשריי.

— וואס זאגט איהר צו אט דעם תכשיט! א צאצקע פון אן איידעם האט זי — האבען איניגע ווייבער אנגעציינגט אויף ר׳ אשר׳ם ווייב, וועלכע איז געשטאנען אין ווינקעל און איינגעגראבען איהר פנים אין איהר דיקען סידור.

— אז אנשיקעניש! ווער דארף איהר דא! זאל זיך ציפע פרעהען מיט איהם, מיר זיינען ניט מחויב צו ליידען פון זיין משוגעת.

די געשרייען זיינען געווארען נאך שטארקער, איינינע אידען האבן גענומען און שנעל געענדיגט די שמונה עשרה און זיי זיינען צוגעגאנגען און געהאלפען דעם שמש און די איבעריגע. אלע האבן געשוויצט, ווייל נחום האט זיך ניט געלאזט און קיין שוואכער איז ער אויך ניט געווען. די אינגלעך זיינען אין מיטען דער שמונה עשרה צוגעלאפען צו דעם פלאץ און זיי האבען געלאכט. אמת, יעדער פון זיי האט נאכדעם אליין געכאפט פעטש פון זיין טאטען, אבער דאס האט ניט געשטערט זייער געלעכטער.

ענדליך האבען זיך די אידען מיט׳ן שמש געשטארקט און ארויסגעווארפען נחום׳ן פון בית המדרש. זיין טלית איז פון איהם אראפגעריסען געווארען, און עס האבען ניט געהאלפען זיינע געשרייען אז מען זאל איהם אפגעבען דעם טלית. נעבען טהיר זיינען געשטאנען צוויי שטארקע אידען און אים ניט אריינגעלאזט.

די געפאטשטע אינגלעך האבען זיך ניט געקענט באהערשען און אזוי שנעל ווי נאר זיי האבען געקענט, זיינען זיי ארויס אין דרויסען און דערזעהן נחום׳ן אנגעטאן אין זיין יארמולקע, האבען זיך גענומען רייצען מיט איהם זינגענדיג:

"נחום איז אין בית המדרש גע־
שלאפען,
און מיט די פושקע־געלד אנט־
לאפען . . .
נחום איז א מסור,
ריידען מיט איהם איז אסור"

עס זיינען באלד ארויסגעקומען די עטליכע בעלי בתים וועמעס אינגלעך האבען דאס געזונגען און זיי האבען זייערע אינגלעך אריינגעשלעפט פאר די אויערען צוריק אין בית המדרש.

די דאזיגע געשיכטע מיט נחום׳ן האט אויפגערודערט אלעמען. עס זיינען געווען מענשען וועלכע האבען איהם געוואלט צערייסען ווי א הערינג. אנדערע ווידער, האבען געזאגט אז קיינער האט ניט געהאט קיין רעכט איהם ארויסצוטרייבען פון בית המדרש.

נחום האט נאך אלץ ניט געוואלט אפטרעטען פון בית המדרש. ער האט פארלאנגט אז מען זאל איהם אפגעבען זיין קאפעליוש און זיין טלית.

— געה אריין אין בית המדרש און טראג איהם ארויס זיין קאפעליוש און טלית, — האט איינער וועלכער איז

געשטאנען ביי דער טהיר, צו היטען ער זאל ניט אריינגעהן אינעווייניג, געזאגט צום צווייטען, — איך וועל שוין זעהן אז ער זאל ניט אריינקומען.

יענער איז אריינגעגאנגען און איז באלד ארויסגעקומען מיט נחום'ס קאפעליוש און מיט זיין טלית.

— נא, נעהם דאס און מעהר זאל דיין פוס ניט אריבערטרעטען די שוועל פון בית המדרש, — האט יענער געזאגט און דערלאנגט נחום'ן זיין קאפעליוש מיט'ן טלית.

נחום האט ארונטערגענומען די יארמולקע, ער האט צוזאמענגעליגט דעם טלית און איז אוועק אהיים.

ווען ציפע האט איהם דערזעהן, איז איהר פינסטער געווארען אין די אויגען.

— נחום! וואס איז געשעהן? זעה, דיין רעקעל איז דאך צעריסען! ווער האט דאס דיך אזוי צושלאגען? וועה איז מיר! וואס האט פאסירט?

נחום האט איהר ניט געענטפערט. ער האט זיך אוועקגעזעצט א ברונז'ער.

באלד זיינען געקומען שווער און שוויגער. זיי זיינען געוועזן אזוי דערשלאגען, אז זיי האבען אפילו ניט געזאגט "גוט שבת".

— מאמע טייערע, זאג מיר, וואס איז געשעהן אין בית המדרש? — האט זיך ציפע צו איהר געווענדעט, ווען זי איז אריינגעקומען אין א צווייטען צימער.

— וואס האסטו געקענט ערווארטען! — האט די מאמע געזאגט, — איך האב אבער פריהער געוואוסט אז אזוי וועט עס זיך אויסלאזען. ער האט זיך אריינגענומען א משוגעת אין קאפ, אז ער מוז דאווענען אנדערש ווי אלע. נו, האט מען איהם פאראכטאגען שבת געווארענט, און היינט האט מען איהם געווארענט צו שחרית אז ער זאל ניט מאכען קיין טומעל אין מיטען שמונה עשרה, אבער ער האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט, נו, וואס פארשטעהסטו ניט, מען האט איהם אנגענומען פאר'ן קארק און ארויסגעווארפען פון בית המדרש. ער האט ניט געוואלט געהן, האט מען זיך מיט איהם געדארפט שלאגען... דו זעהסט דאך שוין... וועה איז מיר... מען האט דאך איהם אזוי צושלאגען...

— וואס טהוט מען, מאמע! — האט ציפע זיך צעכליפעט, — איך האב שוין געמיינט אז איך וועל שוין קענען מאכען א מענש פון איהם. וויפיעל איך האב זיך ביי איהם ניט געבעטען אז ער זאל זעהן זיך ניט צו מאכען צו שאנד און צו שפאט... נו, זעהסט דאך ווי עס האט געהאלפען!... איך בין געוועזן גליקליך די עטליכע טעג, ער האט אנגעפאנגען מיר ארויסצואווייזען צערטליכקייט און איך האב געמיינט אז עס איז בלויז א פראגע פון טעג, און איך וועל אין גאנצען ארויסשלאגען זיין משוגעת פון קאפ.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, טאכטער, — האט זי געזאגט, — איך און איבערהויפט דיין טאטע, האבען זיך געוואונדערט ווי אזוי דיר האט זיך אזוי שנעל איינגעגעבען איהם צו ענדערען.

— מיין ניט, מאמע, אז מיר איז דאס אנגעקומען אזוי גרינג! איך האב איינגעזעהן אז ער וועט זיך אזוי שנעל ניט אונטערגעבען, אז ער האט זיך איינגערעדט אז ער מוז פאהרען צום בעל שם... נו, האב איך איהם שוין געזאגט אז איך וועל מיט איהם מיטפאהרען.

— וואס רעדסטו, ציפע! וואס הייסט דו וועסט מיטפאהרען? — האט די מאמע אויסגערופען, — ווי אזוי וועסטו טהאן אזא זאך, בפרט ווען דו האסט אזא פיצעל קינד?

— דאס האב איך איהם בלויז געזאגט, איך האב געוואלט אז ער זאל דערווייל בלייבען דא אויף עטליכע חדשים, און איך בין געוועזן זיכער אז ווען ער וועט זיך צוגעוואוינען, וועט ער שוין אליין אויפגעבען זיין נארישען פארלאנג... אנדערש וואלט איך איהם דאך ניט געקענט איינהאלטען דא! ער וואלט אנטלאפען פון מיר איידער איך וואלט ניט געקענט באוויזען זיך ארומצוזעהן. און איצט זעה איך אז אפילו אט דער פלאן מיינער האט ניט געטויגט... גאט מיינער, וואס טהוט מען?

— דו וועסט איהם דארפען אריינגעהמען אין דיינע הענט איינמאל פאר

אלע מאָל, — האָט די מאמע איהר גע׳עצה׳ט, — דו האָסט איהם שוין גענוג געצערטעלט און געקעכבעלט. עס איז שוין צייט אז ער זאָל ווערען א מענש... דיין טאטע איז גערעכט. ער טאָר זיך מעהר ניט ארומדרעהען פּוסט און פּאס... ער דארף אָנהויבען זאָרגען פאר זיין משפּחה... דו ווייסט דאָך, ציפּע, אז וואָס אנבעלאנגט אונז, וואָלטען מיר איהם געגעבען קעסט אונזער גאנצען לעבען... מיר זשאלעווען דען אייך? אָבער עס איז ניט קיין תכלית פאר איהם. א מאן מוז האָבען אויף זיך דעם יאָך פון פּרנסה פאר זיין משפּחה... מילא, פריהער, ווען ער פלעגט לערנען אין בית המדרש תורה, איז ער דאָך ניט געווען ערגער פון די אנדערע איידעמלעך, לערנער, אָבער איצט, אז פון לערנען תורה האלט ער ניט, און דערצו האָט ער זיך אריינגענומען אין קאָפּ אזא ווילדע משוגעת, וועגען דעם בעל שם, און חסידות, זיינען מיר דאָך געווים ניט מחויב איהם אויסצוהאלטען!

— ווער זאָגט עס דיר, מאמע, אז איך וויל זיין ביי דיר מיין גאנצען לעבען? — האָט זיך שוין ציפּע גענומען אויפרעגען, — גלויב מיר, אז יעדער ביסען וואָס איך עס ביי אייך, שטיקט מיך און ווערגט מיך!

— זעה, נאָר, זעה! ווי מען טאָר צו איהר קיין וואָרט ניט אויסריידען! איך מיין איהר טובה! נעמט זי גאָר און טייטשט אויס אז איך זשאלעווע איהר דאָס עסען! פּע, שעמען מעגסטו זיך מיין טאָכטער! ווי קאָנסטו גאָר ארויסברייננגען אזא זאך פון דיין מויל. וועמען האָבען מיר דאָ! שפרה וועט באלד חתונה האָבען, און זי וועט זיך ארויסקלייבען פון אונז. דיין ברודער איז אוועק אין א ישיבה און וועט מן הסתם אויך חתונה האָבען און זיצען דאָרט ביי זיין שווער אויף קעסט... דארפסטו דאָך אליין פארשטעהן אז איך און דיין טאטע וואָלטען געוואָלט אז דו און דיין מאן און דיין קינד זאָלען מיט אונז פארבלייבען די גאנצע צייט... קומסטו צוגעהן און זאָגסט גאָר אז דיר שטיקט יעדער ביסען וואָס דו עסט ביי אונז... הא, פרעג איך דיר, דארפסטו זיך ניט שעהמען! איך האָב געמיינט אז דו וועסט מיר פארשטעהן! מיר זשאלעווען דען דיין מאן דאָס עסען! אָבער דו זעהסט דאָך אז פון ארומגעהן ליידיג, ווערט ער גאָר ווילד! האָט שוין דיין טאטע געטראכט אז אויב ער וועט דארפען געהן פארדינען אויף ברויט, וועט ער קיין צייט ניט האָבען אויף אזעלכע נארישקייטען... דאריבער האָט דער טאטע געוואָלט אז דו זאָלסט זיך מיט איהם דורכריידען. ער וועט איהם געבען עטליכע גילדען און זאָל ער געהן אין מארק עפּעס איינהאנדלען און ער וועט איהם העלפען מיט אלץ וואָס איז נאָר מעגליך. גלויב מיר אז אויב ער וועט פארדינען אביסעל געלט, וועלען מיר דאָס ביי אייך ניט אוועקנעמען!

— זאָל איך אזוי וויסען פון בייז ווי איך ווייס וואָס מען טוט! — האָט ציפּע געווישט איהרע אויגען — איך שעהם זיך שוין ארויסצוגעהן אין דרויסען. מען האָט מיר איבערגעגעבען, אז די קינדער אין גאס זינגען שוין לידער אויף נחום׳ן... זיי רופען איהם אָז פּושקע גנב, און מסור . . . און טאָמער איז דאָס נאָך איהם געווען ווינציג, האָט ער פאראורזאכט אזא סקאנדאל אין בית המדרש... פארוואָס האָט דער טאטע דערלאָזען אז עס זאָל גאָר קומען דערצו!

— וואָס ווילסטו האָבען פון דיין טאטען! — האָט די מאמע געזאָגט — דיין טאטע האָט מיר געזאָגט אז ער האָט זיך ביי איהם געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, און עס האָט ניט געהאָלפען... האָט ער באשלאָסען מעהר זיך ניט צו מישען, וויל טאָמער, חלילה, מאכט ער ווידער קאליע. דו פארשטעהסט, אלע אין בית המדרש האָבען נאָך געהאט טענות צו דיין טאטען. זיי האָבען געמיינט אז ער קאָן ביי איהם פּועל׳ן ניט צו פּראווען זיינע חסידישע שטיק אין בית המדרש, נאָר איהם ארט ניט! דו האָסט באַדארפט הערען ווי דער גבאי איז ארויפגעפאלען אויף דיין טאטען... ער האָט דאָך בלויז געדארפט עפּעס האָבען צושטעפּעניש... און לאָמיר דיר זאָגען אז דיין נחום איז אויך אן עקשן! א מענש זאָל זיין אזוי איינגעשפּארט. מען בעט זיך ביי איהם ער זאָל אויפ־

הערען צו פּראָווען שטיק, און בשום אופן האָט ער ניט נאָכגעגעבען. נו, האָבען זיי דאָך קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי איהם ארויסצוטרייבען פון בית המדרש... טאָ וואָס זשע דאַרף ער וואַרטען אז מען זאָל איהם ארויסוואַרפען. נעהם דיין טלית און געה אליין ארויס... אָבער ניט נחום! ער וויל נאָך ניט געהן, און פאנגט זיך אָן צו ראנגלען מיט זיי . . .

— דער גבאי האָט ניט געהאט קיין רעכט איהם אזוי צו באהאנדלען! — האָט זיך ציפּע אָנגערופען — ווי נעמט מען דאָס און מען פארשעמט א מענשען פאר אזוי פיל אידען.

— אָבער ער האָט איהם גענוג געוואָרענט! נאָך אלעמען ווי אזוי קאָן מען דאָס דערלאָזען אז מען זאָל שטערען אלעמען אין דאווגען... גלויב מיר אז מיר, אין דער ווייבערשער שוהל, האָבען געקאָנט הערען זיינע געזאַנגען? זעהסטו דאָך ער האָט דאָס זעלבע אויך געטאָן אין דער שמנה עשרה פון שחרית. עס איז דאָן אויך געוואָרען א טומעל, און א קלאַפּעריי... אָבער מען האָט איהם ניט געטשעפּעט, מען האָט איהם בלויז געוואָרענט, אָבער צו מוסף האָט מען שוין איהם ניט געשוויגען. איך זאָג דיר, ציפּע אז איך קאָן בשום אופן ניט פארשטעהן, פאַרוואָס ער דאַרף עס טאָן... מיר דוכט זיך אז עס איז ביי איהם א מין צו להכעיס . . .

— איך האָב איהם שוין וועגען דעם געפרעגט! — האָט ציפּע געזאָגט — האָט ער מיר געענטפערט אז מענדעל האָט איהם געזאָגט אז עס איז די פליכט פון יעדען חסיד אזוי צו דאווגען, כדי דערמיט צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די אנדערע מתפללים, זיי זאָלען זעהן ווי אזוי א חסיד דאווענט מיט אזא התלהבות, און דורכדעם וועלען זיי קאָנען צוציהען נאָך אידען צו ווערען חסידים!

— אוי, אָט דער מענדעל! — האָט די מאמע אויסגערופען — א מיתה משונה זאָל אויף איהם דאָרט קומען, שונאי ישראל!... ער האָט דאָך איהם אומגליקליך געמאכט. איך האָב מורא אז ער איז שוין א פארלאָרענער...

— פאַרוואָס זאָלסטו אזוי ריידען, מאמע! — האָט ציפּע זיך אָנגערופען — איז ער דען דער איינציגער חסיד. דו ווייסט דאָך אז אין טיף פּוילען און פּאָדאָליע זיינען פאראן חסידים אין די טויזענדע... וואָס קאָנען מיר וויסען... אפשר זיינען זיי גערעכט... ער האָט מיר געגעבען צו ערקלערען אלץ וואָס חסידות באדייט, האָב איך שוין אָנגעפאנגען איינזעהן אז ער איז אפשר אין גאנצען ניט אומגערעכט... מענשען וועלען דאָך גלאַט ניט אויסטראַכטען פון קאָפּ אזעלכע נסים אין נאָמען פון בעל שם טוב . . .

— איך פרעג דיך, מיין טאָכטער, וויפיעל זיינען פאראן חסידים און וויפיעל ניט חסידים? וואָס מיינסטו, ווען עס וואָלט ווירקליך געווען ווי מען דערצעהלט, וואָלטען שוין אונזערע גרויסע רבנים ניט געהערט פון דעם, און זיי וואָלטען אונז אליין ניט געהייסען גלויבען אין בעל שם?... דערווייל האָסטו דאָך געהערט וואָס די רבנים האָבען געטהאָן צו מענדעל'ן און צו די אנדערע חסידים אין ווילנע... מען זאָגט, אז די חסידים זיינען עפּעס א מין ווילדע סעקטע וואָס זוכען אראָפּצופיהרען דעם כלל ישראל פון דרך הישר.

— מאלע וואָס מען זאָגט, — האָט ציפּע אויסגערופען, — איך קען טאַקע ניט פארשטעהן פאַרוואָס עס קומט די חסידים אזוי צו רודפ'ן. זיי זיינען דיזעלבע אידען ווי מיר, באשר זיי גלויבען אז מען דאַרף דיענען גאָט מיט פרייד. איז וואָס פאר אן עוולה געפינסטו אין דעם? אפשר איז טאַקע געזינטער אז מען זאָל זיין פרעהליך אנשטאָט צו זיין תמיד פאראומערט און פארזאָרגט? . . .

— הער זיך איין, מיין טאָכטער, א סך האָבען מיר אידען וואָס זיך צו פרעהען, קיינע צרות פעהלט אונז דאָך ניט. ווען א שיכור'ער גוי צעיושעט זיך, פאנגט דאָך אָן ביי יעדען איינעם צו קלאַפּען דאָס הארץ. מיר ציטערען פאר אונזער אייגענעם שאָטען און דאָ הויבען אָן די חסידים צו טאנצען און שפּרינגען.

— אָבער ווערסטו מיר דען איינרעדען אז נחום איז פון זינען ארונטער! — האָט ציפּע זיך אָנגערופען, — לויט זיינע רייד איז ער אין גאנצען ניט

אומגערעכט, זאג איך דיר, די צרה איז, וואס מען פארשטעהט אידם ניט, און מען וויל איהם וועה טהאן. אוי, מאמע, וואס האבען זיי צו איהם! ער האט דאך זיך שוין גענוג אנגעליטען. ער איז שוין אפגעקומען פאר זיינע זינד.

ציפע האט זיך פאנאנדערגעוויינט, און די מאמע איז צו איהר צוגעגאנגען און געזאגט:

— הער אויף, ציפע, היינט איז דאך שבת, וואס איז דאס פאר א וויינען!

— מיינע שבתים און ימים טובים זיינען מיר פארשטערט, — האט זי ניט אויפגעהערט צו כליפען.

ר׳ אשר איז באלד אריינגעקומען און ער האט זיך צו איהר געווענדעט:

— הער זיך איין, ציפע, וויינען וועט דא ניט העלפען. מיר דארפען עפעס טהאן.

— וואס קענען מיר טהאן? — האט ציפע טרויעריג געשאקעלט מיט איהר קאפ.

— וועגען דעם וועלען מיר ריידען, אם ירצה השם, היינט ביינאכט, — האט ר׳ אשר געזאגט, — אבער דערווייל דארפען מיר ניט פארשטערען דעם שבת, לאמיר געהן עסען.

נחום איז געוועזן אין זיין צימער ווען זיי זיינען אריין אין סטאלאווע. ר׳ אשר האט אנגעגאסען א בעכער מיט וויין, און די מאמע האט געזאגט ציפע׳ן זי זאל אריינרופען נחום׳ן און מען וועט זיך זעצען צום טיש.

ציפע איז אריינגעגאנגען אין אנדערען צימער. נחום איז געשטאנען ביים פענסטער און ער האט ארויסגעקוקט אין דרויסען.

— קום, נחום, מיר וועלען געהן עסען, — האט ציפע זיך אנגערופען.

נחום איז מיטגעגאנגען שווייגענדיג. ר׳ אשר האט געמאכט קידוש, און דערנאך האבען זיי זיך געוואשען צום עסען. מען האט געגעסען דעם טשאלענט, שווייגענדיג. ווען עס איז געקומען צום קוגעל, האט ר׳ אשר גענומען זינגען "ברוך ה׳ יום יום" ער האט געזונגען שטילערהייט. נחום האט מיטגעהאלפען. און די געדריקטע שטימונג אין הויז איז עטוואס לייכטער געווארען.

נאכ׳ן טשאלענט האט זיך נחום געלייגט שלאפען. ציפע האט געזעהן אז צירעלע זאל קיין טומעל ניט מאכען. ווען זי האט גענומען ריידען הויך, האט די מאמע זיך אויף איהר אנגעבייזערט.

— שא, דער טאטע שלאפט!

ווען נחום איז אויפגעשטאנען פון שלאף האט ער געדאווענט מנחה און מעריב אין הויז, פאר זיך. ר׳ אשר איז אוועקגעגאנגען אין בית המדרש. ער האט געזוכט אויסצומיידען אריינצוגעהן מיט וועמען עס איז אין א געשפרעך.

ווען ער איז געקומען אהיים נאך מעריב, האט ער געמאכט הבדלה, און נאכהער האט ער זיך געווענדעט צו נחום׳ן:

— קום אריין אין צימער, איך וויל זיך מיט דיר דורכריידען.

— וואס איז דא וואס צו ריידען. איך ווייס שוין אויף פריהער וואס איר וועט מיט מיר ריידען.

— ניין, דו מאכסט א טעות. איצט וועל איך מיט דיר ריידען וועגען עפעס אנדערש, — זאגט איהם ר׳ אשר.

— צו וואס דארפסטו אריינגעהן אין א באזונדער צימער, — האט זיין ווייב זיך אנגערופען, — ווער זיינען דא איצט, איך און ציפע, קענט איהר ריידען דא, קיינע סודות זיינען דאך ניטא.

— נו, גוט, מיר קענען ריידען דא. אויב שפרה וועט אהער אריינקומען וועלען מיר איהר הייסען זיך מטריח זיין און ארויסגעהן, — האט ר׳ אשר געזאגט, — לאמיר זיך אוועקזעצען ביים טיש און מיר וועלען ריידען.

זיי האבען זיך אלע געזעצט צום טיש. ציפע האט זיך געזעצט נעבען איהר מאן.

— הער זיך איין, נחום. מילא, דאס וואס דו ביזט א חסיד, איז דיין זאך, איך האב געטהאן אלץ אין דער וועלט דיך אפצוריידען פון דיין נארישקייט, אבער אז ווען איך האב געזעהן אז דו ביזט פאר׳עקשן׳ט, האב איך זיך אויפגעהערט צו מישען. איך האף אז מיט דער צייט וועסטו איינזעהן אז איין מענש קען ניט געהן געגען שטראם.

איצט ווי֐ל איך מיט דיר וועגען דעם ניט ריידען. איך וויל נ׳ט זאָגען אז דער גבאי אין בית המדרש איז געווען גערעכט צי אומגערעכט, דאָס איז דאָך שוין א זאך וואָס איז פארפאלען. איצט אָבער וויל איך מיט דיר ריידען וועגען תכלית. דו ביזט דאָך שוין א בעל משפחה מיט א ליעב קינד, אָהן עין הרע, און דו זעהסט דאָך איין, אז מיר ווערען עלטער ניט אינגער. דו וועסט דארפען א קלעהר טהאָן מכח פּרנסה... איך ווייס אז פאר דיר וועט עס זיין עטוואָס שווערליך, דו ווייסט ניט ווי צו קויפען און פארקויפען, אָבער איך בין וויליג דיר ארויסצוהעלפען. איך וועל דיר ווייזען ווי אזוי מען פיהרט מסחר. עס איז ניט אזא גרויסע תורה אז דו זאָלסט ניט אייבערנעהמען גליך. איך ווייס אויך אז מיט ליידיגע הענט קען מען ניט אָנפאנגען קיין מסחר, האָב איך באשלאָסען דיר צו געבען אביסעל געלד מיט וואָס אָנצופאנגען דעם מסחר. מאָרגען, אם ירצה השם, וועלען מירביידע אויפשטעהן גאנץ פריה, מיר וועלען דאווגען דעם ערשטען מנין, און מיר וועלען ארויסגעהן אין מארק. איך וועל דיר ווייזען ווי אזוי מען דארף ריידען מיט א פּויער. ווי אזוי מען קויפט ביי איהם דאָס ביסעל סחורה, אייער, וואָל, חזיר האָר, א פּאָר האָזען־פעלכלאך, אלץ קומט צוניץ. און אז דו וועסט וויסען ווי צו ריידען מיט דעם פּויער, וועסטו עס קענען ביי איהם אָפּקויפען גאָר ביליג. און דאן וועסטו עס פארקויפען מיט ריוח. ביזטו צופרידען?

— גוט, — האָט נחום געזאָגט, — איך בין צופרידען. אזוי שנעל ווי איך וועל אָפּשפּאָרען עטליכע גילדען, וועל איך אייך אומקעהרען דעם חוב.

— וועגען דעם בין איך ניט באַזאָרגט, — האָט ר׳ אשר געשמייכעלט, — איך ווייס אז דו ביזט אן עהרליכער מענש. דער עיקר איז, אז דו זאָלסט אָנפאנגען צו האנדלען. אז דו וועסט שוין וויסען ווי אזוי צו קויפען, וועל איך שוין זעהן אז דו זאָלסט דערווייל האַלטען דיין סחורה ביי אונז אין קראָם. שפּעטער ווען דו וועסט מצליח זיין, וועסטו קענען דינגען א קליין קרעמעל אויף דעם מארק־פּלאץ, ציפּע וועט דיר ארויסהעלפען. איך ווייס אז זי טויג זיך אויס צו געשעפט.

ר׳ אשר האָט ארויסגענומען א גרויסען לעדערנעם בייטעל, פון זיין קעשענע, ער האָט עס אויפגעפּענט און אָפּגעצעהלט פינף־און־צוואנציג גילדען.

— אָט האָסטו דיר פינף־און־צוואנציג גילדען, און זאָל זיין מיט גליק און מיט הצלחה.

— אמן! — האָט ציפּע אויסגערופען, און ווענדענדיג זיך צו איהר טאַטען, האָט זי צוגעגעבען, — טאטע, איך דאנק דיר זעהר, איך בין זיכער אז נחום וועט מצליח זיין. נישקשה, ער איז ניט פון די פארשלאָפענע.

— זאָל גאָט געבען אז איהר זאָלט ביידע אויפגעריכט ווערען, און נחום זאָל ווערען א גביר. איי, וועל איך זיך שעצען גליקליך ווען נחום קען זיי באַווייזען, דאָרט אין בית המדרש, אז ער קען געבען א פּאָר גילדען פאר דעם בית המדרש, — האָט די שוויגער געזאָגט, — וואָס דען, זיי זיינען יחסנים, ווייל זיי האָבען מיט עטליכע גילדען מעהר ווי אנדערע.

— דו וועסט נאָך זעהן, מאַמע, אז נחום וועט נאָך אמאָל ווערען גבאי אין דעם זעלבען בית המדרש, — האָט ציפּע געזאָגט, און טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען, — הא, נחום, וואָס זאָגסטו?

— אויב זיי וועלען אלע זיך ארומזעהן און ווערען חסידים, — האָט ער געזאָגט.

— אָ, ער פאנגט שוין אָן מיט זיינע חסידים, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — דערווייל האלט נאָך גאנץ ווייט פון דעם. דערווייל דארפסטו זעהן אביסעל איינצוהאלטען דיין אייגענע חסידות.

— איך גלויב, אז דו, טאטע, זאָלסט געהן מיט נחום׳ן דאווגען אין גרויסען בית המדרש, — האָט ציפּע איהם געזאָגט, — וואָס ג׳יז, אז עס איז אביסעל ווייטער.

— ניט דאָס, ציפּע, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — דו ווייסט אז דאָרט וועט ניט זיין בעסער. זיי האָבען מיך געוואָרענט אז אויב ער וועט קומען אהין מאַכען א טומעל, וועלען זיי אויך ניט שווייגען.

— טאקע, נחום, צו וואָס דאַרפסטו דעם גאַנצען עסק, — האָט זיך ציפּע צו איהם געווענדעט מיט א ליעבליכען שמייכעל, — דו וועסט עס קענען טהאָן שפּעטער, איך מיין, אז ווען גאָט וועט געבען און דו וועסט מצליח זיין, און דו וועסט קענען באַהויפּטען זיך צו לאָזען קאָסטען א פּאָר גילדען, וועסטו האָבען א גרעסערע דעה און מען וועט זיך צו דיר גאָר אנדערש באַציהען.

— נו, עס ווערט שוין שפּעט, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — מיר דאַרפען מאָרגען אויפשטעהן זעהר פריה. דאַריבער זאָג איך אז מען דאַרף זיך געהן לייגען שלאָפען.

נחום האָט גענומען די עטליכע גילדען, און ער האָט דאָס אריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע.

— זיי זעהר פאָרזיכטיג ווי דו האַלטסט דאָס געלד, — האָט איהם די שוויגער געוואָרענט, — צווישען די פּויערים זיינען פאַראַן פיעלע קעשענע־גנבים. און ווען זיי דערשמעקען אז מען האָט געלד, וועלען זיי שוין זעהן עס אַרויסצובאַקומען.

— דו וועסט עס האַלטען אין דיין בוזעם קעשענע, — האָט איהם ציפּע געזאָגט.

אויף מאָרגען אין דער פריה, נאָכדעם ווי ר׳ אשר און נחום האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון ערשטען מנין, האָט שוין ציפּע געהאַט אָנגעגרייט פאַר זיי פריהשטיק. זיי האָבען שנעל אָפּגעגעסען, אָפּגעבענשט, און אַרויס אויף דעם מאַרק. דאָרט זיינען שוין געווען א היבשע צאָהל אידען, וועלכע זיינען געקומען נאָך פריהער, כאָטש קיין פּויערים זיינען נאָך ניט געווען.

דערווייל האָט מען גערעדט צווישען זיך און אויך דורכגעפיהרט עטליכע מסחרים. ווען זיי האָבען דערזעהן ר׳ אשר׳ן און זיין איידעם, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען שושקען צווישען זיך.

— ער וויל מאַכען דעם משוגענעם חסיד פאַר א סוחר, — האָט איינער געלאַכט, — ער וועט זיך שטעלען דינגען מיט א פּויער וועט ער אָנפאַנגען צו זינגען מסתמא.

— ער קען א קאַץ דעם עק ניט פאַרבינדען, וועט ער איהם מאַכען פאַר א קרעמער . . .

— פאַרוואָס ניט, זאָל ער פּרובירען האַנדלען, אפשר וועט איהם שוין מעהר ניט ליגען אין זינען צו פאַרוואָגען ווילדע שטיק . . .

דערווייל האָבען זיי באַמערקט אז פון ווייטען קומט אָן א פּויערשע פוהר. עס איז געוואָרען א געלאַף און א געיעג. יעדער איינער האָט געזוכט אריבערצוכאַפּען דעם צווייטען. אייִדער דער פּויער האָט באַוויזען אַרויסצופאָהרען אויפ׳ן מאַרק־פּלאַץ, האָבען איהם שוין אַרומגערינגעלט א צעהנדליג אידען. מען האָט איהם גענומען פרעגען וואָס ער האָט צו פאַרקויפען.

דער פּויער, דערזעהענדיג אזוי פיל אידען, איז ביי זיך געוואָרען מעהר תקיף. ער האָט געהאַט עטליכע היהנער. א פּאָר שאָק אייער. ער האָט גענומען בעטען אזעלכע פּרייזען אז קיינער האָט גאָרניט געקענט קויפען ביי איהם.

— ער וועט בעסער ווערען! — האָבען די אידען געזאָגט און איהם אָפּגעלאָזט. זיי זיינען באַלד צוגעלאָפען צו א צווייטען פּויער, און יענער האָט אויך געטהאָן דאָס זעלבע.

— אידען, — האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופען, — לאָמיר אָפּמאַכען צווישען זיך, ניט צוצולויפען אלע מיט אמאָל. מיר זאָלען צוגעהן צו א פּויער איינציגווייז... און יעדער איינער פון אונז זאָל איהם אָנבאָטען ווינציגער ווי דער וועלכער איז פאַר אונז.

— ווער זאָל אָבער זיין דער ערשטער? — האָט א צווייטער געפרעגט.

זיי האָבען דאָס ניט געקענט באַשליסען. און דאַריבער האָבען זיי געטהאָן דיזעלבע זאַך מיט יעדער פוהר. זיי זיינען באַפאַלען א פּויערשע פוהר, און דער פּויער האָט געוואָלט אז מען זאָל איהם אָפּגילטען.

ווען דער פּויער האָט זיך געהאַלטען מיט זיין סחורה עטליכע שעה, און אז ער האָט געזעהן אז קיינער קויפט ניט ביי איהם, האָט ער ביסלעכווייז גענומען אַרונטערלאָזען פון מקח, און ערשט דאַן פלעגט מען ביי איהם קריגען די סחורות גאָר ביליג.

ר׳ אשר און נחום האָבען זיך אַרומ־

געדרעהט א היבשע ווייל, און זיי האָבען גאָרניט געקענט איינקויפען. נחום האָט ארויסגעוויזען זעהר ווינציג אינטערעס אין דעם. ער האָט באַטראכט די פויערים און די פוהרען, און ער האָט אפילו ניט געמאכט קיין פארזוך צו פארהאנדלען מיט די פויערים.

— הער זיך איין, נחום, — האָט ר׳ אשר זיך צו איהם אָנגערופען, — אָט שטעהט דאָרט א פויער. איך דערקען אָן איהם אז ער וואָלט שוין וועלען פארקויפען זיין סחורה עטוואָס ביליגער. ביז איצט האָט ער געבעטען א הויכען פרייז. מען האָט איהם ניט געקענט איינבייסען. איצט אָבער אז מען האָט פון איהם גאָרניט געקויפט, און איך קען זעהן אז ער חלש׳ט נאָך אביסעל משקה, ער דארף האָבען א פּאָר גראָשען, דאריבער גלויב איך אז איצט איז די צייט צוצוגעהן צו איהם און זיך מיט איהם א דינג טהאָן. דו שטעל זיך אוועק אָט דאָ ניט ווייט ער זאָל ניט מערקען אז מיר זיינען צוזאַמען. איך וועל צוגעהן צו איהם און איהם פרעגען וויפיעל ער וויל פאר די פעלכלעד און איך וועל איהם אָנבאָטען א פרייז, זעהר א נידריגען פרייז, און אויב ער וועט מיר ניט וועלען געבען, זאָלסטו צוגעהן און איהם געבען מיט א גילדען מעהר. איך גלויב אז ער וועט דיר פארקויפען די פעלכלעד פאר דיין פרייז.

ר׳ אשר איז מיט לאנגזאמע טריט צוגעגאנגען צום פויער, מאכען זיך ווי ער איז ניט שטארק פאראינטערעסירט אין קויפען. ער איז צוגעגאנגען צו דעם וואָגען און ער האָט איהם אזוי זיך א פרעג געטהאָן וויפיעל ער וויל פאר די פעלכלעד.

דער פויער האָט זיך א קראַץ געטהאָן אין דער פּאטעלניצע, און געזאָגט אז ער וויל פאר זיי צוועלף גילדען.

— דריי גילדען גיב איך דיר, — האָט ר׳ אשר אויסגערופען אין דער הויך, אזוי אז נחום זאָל איהם קענען הערען. ער איז באלד אוועק. אין א ווײלע שפּעטער איז צוגעגאנגען נחום און ער האָט איהם אָנגעבאָטען פיער גילדען פאר די פעלכלעד.

דער פויער האָט זיך א קליינע ווײלע געקווינקעלט, און דערנאָך האָט ער איהם אָפּגעגעבען די פעלכלעד פאר פיער גילדען.

נחום האָט איהם באצאָהלט און צוגענומען די פעלכלעד. ער איז גלייך צוגעגאנגען צו זיין שווער, וועלכער האָט מיט א צופרידענע מינע זיך אָנגערופען:

— נו, דו זעהסט שוין ווי מען דארף טהאָן! אזוי קען מען ביי זיי קריגען א סך ביליגער. ער האָט נאָך אמאָל באטראכט די פעלכלעד און געזאָגט: זיי זיינען א ווילדע מציאה! דו וועסט אָן זיי פארדינען פינף גילדען. אויב דו ווילסט, קענסטו זיי פארקויפען צו זעליג׳ן. איך האָב געהערט אז ער האָט פריהער שוין אָנגעבאָטען דעם פויער אכט גילדען. קום, איך וועל מיט דיר מיטגעהן צו זעליג׳ן.

— נו, זעליג, — האָט זיך ר׳ אשר צו איהם געווענדעט, — אויב איהר ווילט קענט איהר איצט האָבען די פעלכלעד פאר אכט גילדען.

— משוגע בין איך! וואָס הייסט איך וועל אייך געבען אכט גילדען פאר אָט די פעלכלעד!

— אָבער איהר האָט דאָך אָנגעבאָטען דעם פויער מיט א פּאָר שעה צוריק אכט גילדען? איך האָב עס אליין געהערט און דער פויער האָט פון אייך פארלאנגט צוועלף גילדען!

— מאלע וואָס איך האָב איהם אָנגעבאָטען. א קרענק וואָלט איך איהם געגעבען, ניט קיין אכט גילדען!

— אויב איהר האָט ניט בדעה צו קויפען, האָט איהר קיין רעכט ניט געהאט איהם אָנצובאָטען אזא הויכען פרייז. דערווייל האָט ער זיך מיט דעם פרייז געהאלטען דעם גאנצען טאָג און קיינער האָט ניט געקענט אָפּקויפען פון איהם.

— זעקס גילדען גיב איך אייך פאר די פעלכלעד, — האָט זעליג זיך געווענדעט צו נחום׳ן.

— גיב איהם זיבען גילדען און זאָל זיין א סוף! — האָט ר׳ אשר אויסגערופען.

זעליג האָט איהם אָפּגעצעהלט זיבען גילדען, און ר׳ אשר מיט זיין איי־

דעם זיינען אוועק צו זיך אין קראָם, וואו זיין ווייב איז געשטאַנען.

— נו, האָסטו עפּעס געליזט? — האָט ר׳ אשר געפרעגט זיין ווייב.

— ניט צו פאַרזינדיגען. און דו האָסט עפּעס געקויפט?

— איך האָב גאָרניט געקויפט, אָבער נחום האָט געקויפט א מציאה. ער האָט אין עטליכע מינוט פאַרדינט דריי גילדען.

— נו, זעהסטו, נחום! — האָט איהם די שוויגער אָנגעפאַנגען לויבען, — אבי דו האָסט מורא געהאַט אז דו וועסט זיך ניט אויסטויגען צום מסחר. געה שוין אהיים, דו מוזט זיין הונגעריג. ציפּע האָט שוין פאַר דיר אָנגעגרייט אָנבייסען. אוי, וועט זי זיך פרעהען ווען זי וועט אויסגעפינען אז דו האָסט פאַרדינט גאַנצע דריי גילדען.

נחום איז אוועק אהיים. ציפּע איז איהם אנטקעגענגעקומען מיט א צופרידענעם שמייכעל אויף איהרע ליפּען.

— נו, נחום, ווי איז דאָס דיר געגאַנגען?

— איך האָב פאַרדינט דריי גילדען, אָבער מיט׳ן שווער׳ס כח, — האָט ער געזאָגט.

— נו, עס פאַרשטעהט זיך. היינט, צום ערשטען מאָל, האָט דיר דער טאַטע געדאַרפט העלפען, אָבער דינסטאָג צום מאַרק, וועסטו שוין אליין וויסען ווי אזוי צו קויפען און פאַרקויפען. זאָג מיר דעם אמת, ווי פיהלט זיך דאָס עפּעס ווען מען פאַרדינט דריי גילדען?

נחום האָט ניט געענטפערט. ער איז זיך געגאַנגען וואַשען צום עסען. ציפּע האָט איהם דערלאַנגט דאָס עסען און זי האָט צו איהם געזאָגט:

— דו וועסט נאָך זעהן, נחום, מיר וועלען נאָך האָבען אן אייגענע קראָם מיט גאָר א סך סחורה.

ר׳ אשר און זיין ווייב האָבען זיך אומגעקעהרט אהיים. זיי האָבען ביידע גענומען לויבען נחום׳ן פאַר זיינע פעהיגקייטען אלס געשעפטסמאַן.

— דו האָסט באַדאַרפט זעהן, ציפּע, ווי ער איז צוגעגאַנגען צום פּויער און מיט איהם גערעדט. שטעל זיך פאָר, מיט א ווילדע פריהער האָט זעליג אָנגעבאָטען דעם פּויער אכט גילדען פאַר די פעלכלעך, און ווען נחום איז צו איהם צוגעגאַנגען, און גענומען איינריידען דעם פּויער, האָט ער איהם די פעלכלעך פאַרקויפט פאַר העלפט... אבי נחום האָט געמיינט אז ער וועט זיך ניט אויסטויגען צום מסחר... דו וועסט נאָך זעהן אז ער וועט אונז אלעמען פאַרשטעקען אין גאַרטעל... א געוועזענער ישיבה בחור טויג זיך אויס צו אלץ.

נחום האָט זיך צוגעהערט צו די לויב־געזאַנגען פון זיין שווער, און ער האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. ער האָט געוואוסט אז דאָס זוכט מען איהם צו ערמוטיגען, אז עס איז אלץ א ליגען. ער האָט גאָרניט געטהאָן דורכצופיהרען דעם מסחר מיט דעם פּויער. זיין שווער האָט עס אין גאַנצען דורכגעפיהרט. אלץ וואָס ער האָט געטהאָן איז צו דערלאַנגען דעם פּויער דאָס געלד און נעמען די פעלכלעך. ער האָט געפיהלט אז ער טויג זיך ניט אויס צו אזא מין פּרנסה... ער האָט אָבער געהאַט אן אנדער כוונה... אויב עס וועט איהם מיט זיין שווער׳ס הילף געלינגען אָנצוקלייבען עטליכע גילדען וועט ער זיך קענען לאָזען אין וועג קיין מעזשיבוזש, צו ר׳ ישראל בעל שם טוב. דאָס איז אלץ וואָס ער האָט איצט געוואונשען. ער האָט מיט זיך אפילו איצט געפיהרט א שטאַרקען קאַמף. ער האָט ביי זיך געהאַט שוין אכט־און־צוואַנציג גילדען, דאָס וואָלט געווען גענוג צו מאַכען אָט די ווייטע רייזע צום בעל שם... אָבער דאָס וואָלט דאָך ווידער געמיינט גנבה... ניין, ער קען דאָס ניט טהאָן... ער וועט דאַרפען זעהן אליין צו פאַרדינען עטליכע גילדען און דאַן וועט ער אָפּגעבען דעם שווער דאָס געליהענע געלד, ער וועט איהם באַדאַנקען און ער וועט זיך דאַן קענען אָפּטראָגען פון דאַנען. דערווייל וועט ער זיך מאַכען אז ער איז זעהר צופרידען, כדי ציפּע זאָל איהם ניט חושד זיין.

ר׳ אשר האָט אָבער געזעהן אז ער טויג זיך ניט אויס צום מסחר. אז ער מוז איהם העלפען. ער האָט איהם טאַקע געהאָלפען און אין איינינע וואָ־

כען האָט שוין נחום געהאט ריינע פּאַרדינסטען פון פופצעהן גילדען.

אין ר׳ אשר׳ס הויז האָט מען זיך גענומען גרייטען דערוויל צו שפרה׳ס חתונה, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין א פּאָר וואָכען ארום, דעם פרייטאָג פאר שבת נחמו. ציפּע און איהר מאמע זיינען געווען שטארק פארנומען מיט די הכנות. זי איז געווען צופרידען וואָס שפרה נעמט א חתן וואָס פאַרדינט גאנץ גוט און ער וועט ניט דארפען זיצען ביי איהרע עלטערען אויף קעסט. ווייל ווען ער וואָלט אויך געווען ווי איהר נחום, דאן וואָלט זי זיך געפיהלט ניט גאנץ באקוועם צו פארבלייבען ביי איהר מאמע אין הויז.

שפרה האָט גענעהט פאר זיך איהר חתונה קלייד, און ציפּע האָט איהר אין דעם געהאָלפען.

— איין זאך ווינש איך דיר, מיין שוועסטער, אז דיין מזל זאָל זיין א בעסערער פאר מיינעם, — האָט ציפּע איהר געזאָגט ווען זי האָט געהאָלפען אָנמעסטען די קלייד.

— נו, א דאנק גאָט דערפאר, ציפּע! דו זעהסט דאָן אז דאָס ערגסטע איז פאָראיבער. ער פאנגט דאָך שוין אָן צו ווערען א מענש.

— יאָ, א מענש, ער טאָר זיך ניט באווייזען אין בית המדרש. און לאָמיך דיר זאָגען, שפרה, אז אויף מיר ציטערט מיין הויט. מילא, איצט דאַווענט ער שבת אין דער היים. אָבער וואָס וועט זיין באלד, ווען די ימים נוראים וועלען אָנקומען? וועט ער דען קענען דאווענען ראש השנה און יום כפור אין שטוב? און ווען ער וועט געהן אין בית המדרש וועט ער ווידער אָנהויבען פראווען זיינע חסידישע שטיק, און גאָט ווייסט וואָס פון דעם וועט ארויסקומען.

— און איך האָב געמיינט אז ער האָט זיך שוין ביסלעכווייז אָפּגעוואוינט פון דעם.

— וואָס רעדסטו, קינד! איך האָב מורא אז ער איז שוין א פארפאלענער. קיינער אין דער וועלט וועט אים ניט קענען אוועקרייסען פון חסידות. עס איז שוין אריין טיעף אין זיינע ביינער. ער טראכט פון דעם טאָג און נאכט, ווי אזוי מיינסטו האָב איך אים איינגעהאלטען ביז איצט? ער וואָלט דאָך שוין לאנג אוועק פון דאנען, נאָר וואָס דען, איך האָב איהם איינגערעדט אז אזוי שנעל ווי מיר וועלען אָנקלייבען אביסעל געלד וועלען מיר ביידע צוזאמען פאָהרען אהין, קיין מעזשיבוזש.

— און וואָס זאָגט ער וועגען צירעלע׳ן? וואוהין וועט ער זי אהינטאָן? — האָט שפרה איהר געפרעגט.

— אָ, זעהסטו, איך האָב געמיינט אז דאָס וועט איהם אָפּהאלטען, אָבער ווי עס ווייזט אויס, קימערט איהם דאָס אויך ניט. אויב מיר וועלען ניט קענען מיטנעמען צירעלע׳ן. נו, וועט ער אליין פאָהרען. איך האָב געזעהן אז ער איז זעהר ערנסט האָב איך אים איבערגערעדט אז ער זאָל נאָך בלייבען דאָ עטליכע חדשים וועל איך מיט איהם אויך מיטפאָהרען... איי, וואָס וועל איך טהאָן מיט צירעלע׳ן, האָב איך איהם איינגערעדט אז מיר וועלען זי איבערלאָזען ביי דיר.

— ביי מיר? — האָט שפרה אויסגערופען.

— יאָ, אזוי האָב איך איהם איינגערעדט. איך האָב איהם געזאָגט, אז נאָך דיין חתונה וועסטו זיין צופרידען צו נעהמען צירעלע׳ן אויף א קורצע צייט.

— געוויס וועל איך זיין צופרידען, — האָט שפרה זיך אָנגערופען, — דו ווייסט דאָך ווי שטארק ליעב איך האָב צירעלע׳ן.

— גער, רייד ניט קיינע נארישקייטען, — האָט ציפּע אויסגערופען, — משוגע מיינע שונאים! וואָס מיינסטו איך וועל איבערלאָזען צירעל׳ן און איך וועל זיך אוועקלאָזען מיט איהם אין דער פרעמד כדי נאָכצוגעבען זיינע משוגעת׳ן... בפרט נאָך איצט... יאָ, מיין טייערע שוועסטער, איצט אז דו ביזט שוין א כלה און דו וועסט איינגיכען חתונה האָבען, קען איך דיר פארטרויען א סוד...

— א סוד? וואָס פאר א סוד?

— איך האָב דאָס אפילו דער מאַמען נאָך ניט דערצעהלט... דיר דערצעהל איך דאָס פריהער... יאָ, מיין שוועסטער, איך בין אויף דער צייט...

— וואָס?... — האָט שפרה אויס־

גערופען, און זי האט זיך גענומען רויטלען, — דו ביזט . . .

— יא, שפרה׳לע, איך בין שוין אין צווייטען מאנאט... איך האב דאס ערשט נעכטען דערצעהלט נחום׳ן.

— נו, וואס האט ער געזאגט? ער האט דאך געמוזט טאנצען פון פרייד.

— זעהסטו דאך מיין טרויעריגען מזל. ביי אן אנדער מאן וואלט דאך אזא בשורה געווען די גרעסטע שמחה. אבער נחום האט די דאזיגע בשורה אויפגענומען גאנץ קאלט... איך האב געקענט זעהן אז ער איז גארניט צופרידען פון דעם.

— וואס רעדסטו? עס קען ניט זיין! — האט שפרה זיך אנגערופען, — גאט וועט געבען און דו וועסט אריבערקומען בשלום, און אפשר וועסטו נאך געבוירען א זוהן פאר נחום׳ן, וועט ער דאך זיך דארפען שעצען זעהר גליקליך.

— ניין, ניט נחום! ער האט דאך אין קאפ איין זאך, ער טראכט נאר פון דעם בעל שם, און ווי שנעל ער וועט קענען פאהרען צו איהם... ווייטער קימערט איהם דאך ניט! און איצט אז ער האט אויסגעפונען וועגען דעם אז איך דארף ווערען איינגעבען א מוטער, האט ער זיך שוין דערשראקען טאמער וועט ער דארפען אפלייגען זיין רייזע, איז ער שוין גארניט צופרידען... דו פארשטעהסט מיין לאגע?... איך פיהל זיך זעהר אומגליקליך. איך האב קיינעם ניט דערצעהלט ווייל איך ווייס אז איך האב זיך ניט וואס צו פרעהען. איך שרעק זיך אז ער זאל מיך, חלילה, ווידער ניט איבערלאזען.

— א, רייד ניט קיין נארישקייטען! — האט שפרה געזאגט, — פארקערט, דו דארפסט זיך פרעהען. איצט וועט ער שוין געוויס דיך ניט פארלאזען!

— דו קענסט ניט מיין פארענדערטען נחום, — האט ציפא אויסגערופען, — ווען איך כאפ זיך אויף אין דער פריה און איך גיב א קוק אז נחום איז ניטא אין זיין בעט, פאלט מיר איין דאס הארץ . . .

— האסטו זיך דען מיט אים דורכגערעדט זינט דאן ווען דו האסט אים דערצעהלט וועגען דעם? — האט שפרה איהר געפרעגט.

— גלויב מיר, שפרה, אז איך האב ניט אויפגעהערט צו ריידען מיט אים. ער הערט זיך איין צו מיינע רייד און שווייגט. אט דאס שווייגען זיינס בעאומרוהיגט מיך נאך שטארקער. איך פארשטעה אז ער טראגט זיך נאך אלץ ארום מיט די דאזיגע געדאנקען. מיר האבען געמיינט אז ווען ער וועט זיין פארטהאן אין מסחר, וועט איהם שוין מעהר ניט ליגען אין זינען אזעלכע איינריידענישען וועגען חסידות און בעל שם. אבער ער האט זיך אויף א האר ניט געענדערט. איך פיהל אז א שטורעם רוקט זיך ווידער אן אויף מיין נאר־וואס אויסגעלייטערטען הימעל... אויב אפילו ער וועט בלייבען מיט מיר, ווייס איך ניט וואס ער וועט טהאן מיט ראש השנה און יום כפור... ווען ער וועט מוזען געהן אין בית המדרש.

— נו, ביז דאן וועט ער זיך שוין האבען געענדערט, — האט שפרה איהר געטרייסט.

— גאט ווייסט! גאט ווייסט! — האט ציפא גענומען ווישען איהרע אויגען, — אוי, שוועסטער, ווען דו וואלסט געוואוסט וואס פאר א טיפע וואונד איך טראג ביי זיך אין הארצען, וואלסטו אזוי ניט גערעדט. ניין! נחום וועט זיך שוין קיינמאל ניט ענדערען! עפעס האט מיט איהם פאסירט וואס האט געמאכט א גאנצע איבעקעהרעניש אין זיין נשמה... קיין זאך אין דער וועלט וועט איהם איצט ניט קענען איבערמאכען. גאנץ אפט טהוט מיר וועה דאס הארץ פאר אים! איך דערמאן זיך וואס ער איז געווען און וואס פון איהם איז געווארען! אין זיין לעבען איז פארגעקומען אן איבערברוך... איך האב געמיינט אז איך וועל קענען פארריכטען דאס וואס עס איז אין איהם קאליע געווארען . . . אבער איך האב מורא אז איך וועל דאס אויך ניט קענען טהאן... איך האב געמיינט אז ווען איך וועל ארויסווייזען צערטליכקייט צו איהם, וועט אין איהם ערוואכען די זכרונות וועגען אונזער אמאליגען צוזאמענלעבען, און ער וועט זיך ענדערען צום

בעסערן... אַלץ אָבער איז פאַרבליבן ווי געווען... ווען איך וואָלט עס געוואוסט... נו, מילא, וואָס איז דאָ צו ריידן . . .

ציפּע האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און זיך צוכליפּעט.

— נו, ציפּעניו, טייערע שוועסטער מיינע, — איז שפרה צו איהר צוגעגאַנגען, — איך בעט דיך, וויין ניט. דו וועסט זעהן אַז עס וועט דיר נאָך זיין זעהר גוט. אויב דו ווילסט וועל איך מיט איהם ריידען. ער ווייסט אַז איך האָב אַלע מאָל געהאַלטען מיט איהם... איך בין דאָך איצט אַ כלה, און איך האָב אַ רעכט זיך דורכצורייִדען מיט מיין שוואָגער... איך וועל איהם ערקלעהרען. דיין לאַגע, ווי דו פּיהלסט, און איך וועל איהם בעטען אַז ער זאָל דיר ניט פאַרשאַפען קיין עגמת נפש... ער דאַרף זיך איצט שעצען גליקליך.

— און וואָס מיינסטו, דיינע רייד וועלען העלפען? ניין, שפרה'לע, קרויז, דיינע רייד וועלען פאַלען אויף טויבע אויערען. נחום איז שוין אַ פאַרפאַלענער. וואָרים אויב ניט, וואָלט ער דאָך באַדאַרפט וויסען ווי זיך צו באַהערשען און זיך ניט נאַריש מאַכען פאַר די אויגען פון אַזוי פיעל אידען אין בית המדרש, אַז מען זאָל איהם דאַרפען אַרויסטרייבען פון דאָרט... דו ווייסט דאָך, אַז דער רב האָט שוין פּרובירט ריידען מיט איהם און עס האָט ניט געהאָלפען.

— דו ווייסט וואָס מיר איז איצט איינגעפאַלען? — האָט שפרה זיך אָנגערופען, — איך גלויב אַז דאָס וועט זיין אַ גוטער פּלאַן.

— נו, זאָג מיר שוין, שוועסטער, — האָט ציפּע אַרויסגעוויזען איהר אומגעדולד.

— איך האָב געהערט אַז חנה'ס מאַן, דער יונגער גאון, ר' אליהו, איז שוין אַזוי באַריהמט אַז צו איהם קומען די גרעסטע רבנים פון דער גאַנצער וועלט זיך באַראַטען וועגען תורה און חכמה. אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן אַריבערצוגעהן צו ר' יהודה ליב'ן, זיין שווער, און איהם בעטען ער זאָל מיטנעהמען נחום'ן צו זיין אײדעם און ער זאָל זיך מיט איהם דורכריידען.

— עס איז ניט קיין שלעכטער פּלאַן, — האָט ציפּע אויסגערופען, — די פראַגע איז נאָר, אויב נחום וועט וועלען געהן צו איהם.

— אויב ר' יהודה ליב וועט איהם מיטנעמען וועט ער געוויס געהן. אַ קלייניגקייט זיך זעהן מיט ר' אליהו'ן, עס איז דאָך אַ גרויסע זכיה.

איך וועל זיך פריער דאַרפען דורכריידען מיט'ן טאַטען, — האָט ציפּע געזאָגט, — און ער וועט זיך דאַרפען דורכריידען מיט ר' יהודה ליב'ן. איך ווייס אַז ער טראָגט אויף איהם קיין שנאה ניט. ער זאָגט נאָר אַז ווען ניט נחום קען גאָר זיין אַז ער וואָלט גאָר ניט געהאַט די זכיה צו האָבען אַזאַ אײדעם ווי ר' אליהו.

— אַ, ווי גליקליך חנה מוז זיך פילען, — האָט שפרה געזאָגט, — צו האָבען אַזאַ צדיק און אַזאַ גרויסען גאון פאַר אַ מאַן. ער זיצט טאָג און נאַכט און לערענט תורה, און חנה זעהט איהם צו אַז ער זאָל האָבען אַלץ וואָס עס איז נויטיג פאַר איהם. זי וועט האָבען אַ חלק אין זיין גרויסקייט.

— איך גלויב אַז די בעסטע צייט צו ריידען מיט ר' יהודה ליב'ן, וועט זיין נאָך דער חופּה וועטשערע. דאַן, ווען דער טאַטע וועט זיצען מיט ר' יהודה ליב'ן און מען וועט זיך משמח זיין, וועט ער מיט איהם קענען ריידען.

— ווי גליקליך איך וואָלט זיך געשעצט ווען חנה וואָלט געקומען צו מיין חתונה צוזאַמען מיט איהר מאַן, דעם ווילנער גאון... אָבער איך ווייס אַז עס איז נאַריש אפילו צו טראַכטען פון דעם... ער איז זעהר פאַרנומען און וועט ניט מבטל זיין פון לערנען אפילו איין איינציגע רגע, — האָט שפרה געזאָגט.

— פון דעסטוועגען איז ער דאָך יאָ איינמאָל געקומען צו דער חתונה פון מירעלע'ן, — האָט ציפּע זיך אָנגערופען, — דאַן האָט דאָך די גאַנצע שטאָדט מיט דעם געקלונגען.

— דאַן איז ער געקומען ווייל מירעל איז דאָך געווען אַן אָרימע יתומה, איך האָב געהערט אַז ר' יהודה ליב האָט זיך דורכגערעדט מיט חנה'ן, זיין

טאכטער, און זי האט מן הסתם עס איבערגעגעבען צו איהר מאז, און ער האט זיך ארומגעזעהן אז צו געהן צו דער חתונה פון אן ארימער יתומה, איז טאקע א גרויסע מצוה... געדענקסטו ניט, ציפע, וואס עס האט זיך אפגעטאן אין קיידאן און אין אלע ארומיגע שטעטלעך, ווען זיי האבען אויסגעפונען אז דער יונגער ווילנער גאון וועט זיין אויף מירעלע׳ס חתונה? אלע גבירים און חשוב׳ע בעלי בתים, ווי אויך די רבנים פון דעם גאנצען געגענד זיינען דאך צוליב דעם געקומען צו איהר חתונה! יא, זי האט, א דאנק גאט, ניט דערלייגט צו דעם... די מתנות און די דרשה־געשאנק וואס זי האט באקומען האט דאך זיי ביידען געשטעלט אויף די פיס... דאס וואס ער איז געקומען צו איהר חתונה איז עס פאר איהר געווען א מזל ברכה.

— אוי, גאטעניו, ווען וועט שוין ביי מיר זיין א מזל ברכה! דערווייל דרעהט ער זיך ארום מיט׳ן טאטען אויפ׳ן מארק, אבער איך וויים אז ער טויג זיך ניט אוים צום מסחר! ער וואלט זיך אפשר יא אויסגעטויגט, ווען זיין קאפ איז איהם ניט פארדרעהט מיט חסידות, מיט דעם בעל שם, און מיט דעם מענדעל׳ן... דו ווייסט אז אין האנדעל דארף מען האבען דעם קאפ דערביי. ביי איהם אבער איז דער מסחר גארניט וויכטיג... ווען ניט דער טאטע וואלט ער קיין איינציגען גילדען ניט פארדינט.

— פון דעסטוועגען גלויב איך אז איך וועל פארט מיט איהם זיך דורכריידען. איך וועל איהם בעטען ער זאל מיך אויסהערען, — האט שפרה געזאגט, — אפשר וועט עס העלפען.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, שפרה, ווען איך נעם זיך טראכטען, ווי אזוי דער גאנצער אומגליק איז אויף מיר געקומען, קען איך זיך דערמאנען, אז מיין נחום האט גאר געהאט אין זינען דיך, שפרה, ווען ער האט געשריבען דעם בריף צו ר׳ שלמה זלמן, ר׳ אליהו׳ס פאטער... יא, ער האט ניט געוואלט אז ר׳ יהודה ליב זאל איהם אריינקריגען פאר אן איידעם, און ער האט געהאפט אז אפשר וועט זיין מעגליך צו קריגען דעם יונגען גאון פאר דיר. דו געדענקסט דאך, געוויס, מיר האבען דאך דאן וועגען דעם גערעדט... איי, עס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען, איז עס טאקע ניט זיין שולד! מן הסתם איז אזוי באשערט געווען. ר׳ יהודה ליב זאל איהם קריגען פאר אן איידעם, און ער, מיין נחום זאל דארפען אזוי טייער באצאלען פאר זיין באנארישען זיך... יא נחום האט געמיינט דיין טובה ווען ער האט עס געטאן... און דאריבער קען זיין אז דיינע רייד וועלען אויף איהם האבען א ווירקונג. אבער, זאג מיר, שפרה, וואס וועסטו מיט איהם ריידען?

— איך וועל שוין וויסען וואס צו ריידען מיט איהם. זארג ניט, ציפע, איך וועל זיך פאר איהם ניט שעמען. עפעס א קלייניגקייט, דו דארפסט אין גיכען נאך אמאל געלעגען ווערען און ער וועט גאר טראכטען וועגען בעל שם און וועגען אוועקגעהן.

— פונדעסטוועגען זיי פארזיכטיג, שפרה, ווייל דו ווייסט דאך, אז ער איז ניט דערזעלבער. מען דארף איצט וויסען ווי אזוי צו ריידען צו איהם.

דריי טעג פאר איהר חתונה האט שפרה זיך דורכגערעדט מיט נחום׳ן. ציפע איז געווען פארנומען מיט צירעלע׳ן, זי האט איהר געלייגט שלאפען, דער טאטע און די מאמע זיינען נאך געווען אין קראם. נחום איז געזעסען אין סטאלאווע, און ער האט אריינגעקוקט אין א ספר.

שפרה איז אריינגעקומען אין צימער. זי האט זיך פריער געמאכט אז זי זוכט דארט עפעס, און ווען זי האט שוין נעקראגען, האט זי זיך געווענדעט צו נחום׳ען:

— א, נחום, ווי שנעל די צייט פליט! אט ערשט בין איך דאך געווען א קליין מיידעלע, פונקט ווי דיין צירעלע, און איצט בין איך שוין א כלה. אין דריי טעג ארום געה איך צו דער חופה...

— נו, זאל זיין מיט מזל און מיט הצלחה! — האט נחום געזאגט — איך בין זיכער אז דו וועסט גליקליך זיין!

— א דאנק דיר, נחום. איך וויים אז דו ביזט מיר פון שטענדיג אן געווען א גוטער פו׳ ינד! מיין ניט אז איך

האָב פאַרגעסען, אַז מיט אַ יאָר זעקס, ווען איך בין נאָך אַלט געווען, אַ יאָר צוועלףֿ, האָסטו זעהר געוואָלט איך זאָל אַריינקריגען דעם יונגען גאון פאַר אַ מאַן. איך ווייס אַז דו האָסט געשריבען דאַן דעם בריףֿ, ווייל דו האָסט געוואָלט טאָן אַ טובה פאַר מיר! איך ווייס אַלץ! און צוליב דעם טאַקע האָסטו דאָך נאָכדעם אַזוי פיל געליטען.

— נו, מילא, דאָס איז דאָך אַלץ פאַראיבער.

— יאָ, עס איז פאַראיבער, אָבער וויפיל דו און ציפּע האָבען זיך אָנגעליטען פון דעם! און אפילו איצט, זעה איך אַז איהר ביידע זייט נאָך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, איך ווייס ניט וועמעס שולד עס איז, אָבער איך גלויב אַז דו דאַרפסט זעהן זיך צו ענדערען. איך וויל דיר ווינשען גליק... ציפּע האָט מיר שוין געזאָגט... יאָ, איך האָף אַז גאָט וועט אייך בענשען מיט אַ זוהן... איך מוז דיר זאָגען, נחום, אַז איך וואונדער זיך זעהר אויף דיר... אַן אַנדער מאַן וואָלט דאָך געטאַנצט אין די גאַסען פון שמחה... אַ קלייניגקייט, אַ טאָכטער האָט איהר שוין, אַהן עין הרע, אַ גראָטענע, אַ שענע, אַ קלוגע, און איצט וועסטו אין גיכען ווידער ווערען אַ טאַטע... און ביי דיר איז עס גאָרניט! גלויב מיר, אַז ווען ציפּע האָט מיר דערציילט מיט עטליכע טעג צוריק, אַז זי ערוואַרט צו ווערען מוטער גאָר אין גיכען, האָט זיך ביי מיר געשטעלט טרערען אין די אויגען... איך האָב זי געפרעגט אויב דו ביזט זעהר גליקליך, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי ווייסט ניט... אויב דו פילסט זיך גליקליך אין דיין האַרצען קען זי ניט וויסען, אָבער דו ווייזט עס ניט אַרויס! איך בין זיכער, נחום, אַז דו מוזט זיך שעצען גליקליך.

— וואָס איז דאָ צו זיין גליקליך,— האָט נחום געזאָגט, — איך פיל אַז דאָ, אין קידאַן, וועל איך שוין קיינמאָל ניט קענען זיין גליקליך... איך האָב אַלץ געמיינט אַז איך און ציפּע וועלען קענען אָפּרייזען פון דאַנען, און איך האָב אויף דעם געוואַרט און געהאָפּט, און איצט נאַ דיר אַ נייע פאַרדרעהעניש.

— נחום, עס איז זעהר ניט שען פון דיר אַזוי צו ריידען! ביי דיר איז דאָס אַ פאַרדרעהעניש!... איך האָב מורא אַז דו זינדיגסט!... אם ירצה השם, מיט אייער נייעם קינד וועט צו אייך ביידען קומען גליק און אַלץ וועט זיך ענדערען צום בעסטען.

— שפרה, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין איצט געוואָרען אַ גאַנץ אַנדער מענש!... איך בין אַ חסיד, און קיין זאַך, אויסער חסידות, אינטערעסירט מיך ניט. איך האָב אין חסידות צוריק געפונען מיין גליק, און דאָ, צווישען די אַלע אידען וועלכע קוקען קרום אויף מיר, פיל איך זיך זעהר ענג. איך מוז אוועקגעהן פון דאַנען. איך וועל געהן אַהין צום בעל שם, דאָרט וועל איך זיך שעצען גליקליך... עס ציט מיך אַהין... איך וועל מוזען זיין ביי איהם, און ער וועט מיר געבען אַן עצה וואָס צו טאָן... דער בעל שם טוב, דער וועמעס ברכה ווערט מקוים וועט מיר אויך געבען אַ ברכה... און ערשט דאַן וועל איך געפינען מיין גליק. איך האָב ניט אויפגעהערט טראַכטען פון דעם זינט איך האָב זיך באַקאַנט מיט מענדעל'ן אין ווילנע. און אפילו ווען איך בין געקומען אַהער האָב איך אויך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון צו פאָרען צום בעל שם... איך האָב זיך דורכגערעדט מיט ציפּע'ן און אויך זי האָט מיט מיר מסכים געווען, און איצט דאַרףֿ זיך מאַכען אַזאַ פאַרדרעהעניש און ציפּע וועט מיט מיר ניט קענען מיטפאָרען.

— נו, און אַז זי וועט ניט קענען מיטפאָרען, וועסטו דען פאָרען אַהן איהר? — פרעגט איהם שפרה.

— ווי אַזוי וועט זי דען קענען מיטפאָרען מיט אַ קליין קינד אויף די הענד!

— איך פאַרשטעה דיך ניט, נחום, ביי דיר איז רעכט איבערצולאָזען דיין פרוי מיט צוויי קליינע קינדער און פאָרען אַליין צו דיין בעל שם!

נחום האָט געשוויגען. ער האָט איינגעזעהן אַז זיין שוועגערין איז גערעכט, און ער האָט ניט וואָס צו זאָגען. אָבער ער האָט געפילט אַז בלייבען דאָ וועט ער ניט קענען. ער וועט מוזען פאָרען אַהין.

— פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט, נחום? — האָט שפרה זיך צו איהם געווענדעט, — זאָג מיר, וועסטו אַי־בערלאָזען ציפּע'ן אַליין מיט די קינ־דער און דו וועסט זיך לאָזען אין וועג?

— איך קען דיר איצט גאַרניט זאָ־גען, שפרה, איך וועל זעהן וואָס עס וועט זיין שפּעטער.

— פאָלג מיך, נחום, שלאָג זיך ארויס פון קאָפּ, אַזעלכע געדאַנקען. דו וועסט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינען... איך האָב גערעדט מיט ציפּע'ן וועגען דעם אז דו זאָלסט זיך זעהן מיט דעם יונגען גאון, ר' אליהו, מען דערציילט גאָר וואונדער פון איהם... דו האָסט דאָך געהערט אז די גרעסטע רבנים און לומדים, פון נאָענט און ווייט, קו־מען צו איהם און פרעגען איהם שאלות וועגען אַלץ... איך בין זיכער אז ווען דו וועסט איהם ערקלערען וועגען דיין חסידות וועסטו הערען וואָס ער וועט דיר זאָגען וועגען דעם.

— וואָס קען ער מיר זאָגען?!... איך האָב דאָך שוין געהערט וועגען בעל שם. איך ווייס וואָס דער בעל שם לערענט אונז, ווי אַזוי א מענש דאַרף זיך אויפירען, כדי ער זאָל זיין גליק־ליך... נאָר וואָס דען, עס וועט ניט שאַדען אז איך וועל איהם זעהן.

— אם ירצה השם, נאָך מיין חתונה וועט מיין טאַטע זיך דורכריידען מיט ר' יהודה ליב'ן, און דו וועסט שוין צו איהם געהן. איך בין זיכער אז ער וועט דיר זאָגען וואָס צו טאָן!... אָבער איצט בעט איך דיר איין זאַך, דערווייל זעה ניט אויפצורעגען ציפּע'ן. זיי איהר ניט מצער! שפּעטער, ווען דו וועסט האָבען געהאַט זיך דורכגערעדט מיט ר' אליהו'ן, אפשר וועט איהר ביידע געהן צו איהם. איין זאַך בעט איך דיך, דו זאָלסט ניט מאַכען קיין אי־בעראיילטען שריט כדי דו זאָלסט ניט חרטה האָבען ווי אַמאָל.

אין א ווייל'ע ארום, ווען ציפּע האָט געזעהן שפרה'ן אַליין, האָט זי זיך צו איהר אָנגערופען:

— נו, וואָס האָסטו ביי איהם גע־פּועל'ט?

— גאַרניט! דערווייל האָב איך ביי איהם גע'פּועל'ט אז ער זאָל מיט דיר געהן צו חנה'ס מאַן, ר' אליהו'ן אפשר וועט ער אויף איהם ווירקען.

— אָבער וואָס האָסטו אויסגעפו־נען פון זיינע רייד? — האָט איהר ציפּע געפרעגט.

— עס איז שווער פון איהם עפּעס צו דערגעהן, — האָט שפרה אויס־גערופען, — ער האָט נאָך איין זאַך — חסידות, און ווייטער קימערט איהם פאַר קיין זאַך ניט

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? מיין אומגליק איז גרויס! ער האָט גאַרניט קיינע פאַראַנטוואָרטליכקיי־טען... וואָס קימערט איהם וואָס איך בין אויף דער צייט... מיין הארץ זאָגט מיר אז ער וועט נאָך אַוועקגעהן און מיך איבערלאָזען מיט צוויי קינדער.

— ער וועט דאָס ניט טאָן, — האָט שפרה אויסגערופען, — דו וועסט זעהן ער וועט זיך ענדערען. אפשר וועט נאָך חנה'ס מאַן אויף איהם ווירקען.

— הלואי, שפרה, הלואי! איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, איך ווייס שוין גאַרניט וואָס צו ריידען. איך האָב גע־מיינט אז... נו, וואָס איז די פּעולה! עס איז דאָך פאַרפאַלען!...

קאַפּיטעל פיר און צוואַנציג

אויף שפרה'ס חתונה האָט נחום גע־נומען אַן איבעריגען טרונק, און ער האָט זיך אַזוי צעלאָזען אז ציפּע'ס פּנים האָט געפלאַמט פון בושה. מען האָט איהם פּראָבירט איינהאַלטען, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט צו שיטען פּעך און שוועבעל אויף די רבנים און די אַלע וועלכע ווילען ניט אנערקענען די גרויסקייט פון דעם בעל שם. ער האָט געקלאַפּט מיט זיין האַנד אָן טיש, און געשריען אז יעדער איד מוז ווערען א חסיד, ערשט דאַן וועט קומען די גאולה.

ר' אָשר האָט מורא געהאַט ער זאָל ניט פאַרשטערען די חתונה. און ער האָט דאַריבער געבעטען ציפּע'ן זי זאָל האַלטען אַן אויג אויף איהם און ניט דערלאָזען ער זאָל מאַכען א טור־מעל.

די חשוב'ע בעלי בתים וועלכע זיי־נען געווען אויף דער חתונה, האָבען געוואָרענט ר' אָשר'ן אז ער וועט האָ־בען מיט איהם א סך צרות ווען עס

וועלען קומען די ימים נוראים, ווייל אין בית המדרש וועט מען איהם ניט אריינלאזען, און אויב ער וועט זיך אויך דארט נעמען אזוי אויפפירען, וועט ווידער קומען צו א סקאנדאל.

— איך פארשטעה אייך ניט, ר׳ אשר, — האט איינער פון די בעלי בתים געזאגט, — ווי דערלאזט איהר גאר אזא זאך! איך וואלט איהם געוויזען ווער עלטער איז!

— א, הערט איהר, דער גאנצער אומגליק מיינער קומט דאך ארויס פון דעם וואס איך האב איהם געוואלט וויזען ווער עלטער איז. איהר געדענקט ניט אז אלץ איז ארויסגעקומען צוליב דעם וואס איך האב איהם געגעבען א פאטש?!... איך גלויב אבער, אז מען וועט פון איהם ניט האבען קיינע צרות אין בית המדרש אום ראש השנה און יום כפור. ער ווייסט דאך אז קיין אנדער פלאץ צום דאוונען וועט ער ניט האבען.. אויסער דעם, איז ער איצט, אביסעל שיכור, דערפאר גיט ער אזוי אן!

ציפע האט שוין דעם גאנצען אוונט פון איהם ניט אפגעטראטען. זי האט איהם ניט געלאזט עפענען זיין מויל, און ווען זי האט געזעהן אז ער ווערט שלעפערדיג, איז זי מיט איהם אריינגעגאנגען אין צימער און דארט געווארט ביז וואנען ער איז איינגעשלאפען.

דערווייל האט זיך ר׳ אשר דורכגערעדט מיט ר׳ יהודה ליב׳ן וועלכער איז געוועזן ביי איהם דער הויפט גאסט. ער האט פאר איהם אויסגעגאסען זיין הארץ און ביי איהם געפרעגט א עצה וואס צו טאן.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, — האט ר׳ אשר געזאגט, — היינט איז דאך ביי מיר א שמחה, און איך האב באדארפט זיין פרייליך, אבער נחום פארשטערט מיר מיינע שמחות. איהר פארשטעהט, איך האב געמיינט אז מיט זיין קומען צוריק וועלען אלע וואונדען פארהיילט ווערען, אבער דערווייל זיינען נאך די וואונדען מער צעריצט געווארען... איך ווייס ניט וואס מען טוט מיט זיין חסידות, ער וויל פון קיין זאך ניט וויסען, ער האט זיך איינגערעדט אז דער בעל שם איז א בעל מופת, און אז ער קען באווייזען נסים. און איצט האט ער בלויז איין געדאנק, און דאס איז צו געהן צו איהם, אין מעזשיבוזש, וואס איז אזוי ווייט פון דאנען... וואלט מיין טאכטער איצט ניט געווען אונטער אנדערע אומשטענדען, וואלט איך זיך אזוי ניט גענומען צום הארצען, ביי מיר וואלט געווען רעכט אז ער זאל איהר געבען א גט... אבער איצט איז די לאגע א גאנץ אנדערע און איך ווייס ניט וואס מען טוט. איך האב געטראכט אז ווען איהר וואלט געקענט דורכפירען אז אייער איידעם, זאל געזונט זיין, זאל זיך מיט איהם דורכריידען. וואלט זיך נחום פילייכט צוגעהערט צו איהם, ער ווייסט אז צו אייער איידעם קומען די גרעסטע לומדים, און רבנים פון פילע לענדער. ער האט גרויס דרך ארץ פאר איהם. איז גאנץ מעגליך אז ער זאל אויף איהם ווירקען.

— גוט, איך וועל אייך טאן די געפעליגקייט, — האט ר׳ יהודה ליב געזאגט, — איך וועל זיך מארגען זעהן מיט מיין טאכטער, מיט חנה׳ן, און איך וועל זי בעטען אז זי זאל בעטען איהר מאן אויפצונעמען נחום׳ן. ער ווייסט דאך וועגען איהם, ווייל ער איז דאך דאן געוועזן ווען דאס האט פאסירט... איך וועל אייך לאזען וויסען ווען ער קען צו איהם קומען.

— איך דאנק אייך זעהר, ר׳ יהודה ליב, זאל גאט געבען אז איהר זאלט זוכה זיין צו פירען אייערע אייניקלעך צו דער חופה.

עס איז געוועזן זונטאג, אויף מארגען נאך שפרה׳ס חתונה. חנה, די טאכטער פון ר׳ יהודה ליב און גיטעל, איז געקומען אין שטאט באזוכען איהרע עלטערן.

דאס קליינע שטיבעל וואו זי און איהר מאן, ר׳ אליהו, האבען געוואוינט, איז געווען הינטער דער שטאט קיידאן, און בלויז איינמאל א וואך פלעגט חנה קומען באזוכען איהרע עלטערן.

ר׳ אליהו, חנה׳ס מאן, פלעגט ניט וועלען מבטל זיין פון לערנען אפילו קיין איין רגע, און ער פלעגט זעלטען קומען אין שטאט.

ר׳ יהודה ליב האָט דערציילט זיין טאָכטער וועגען נחום׳ן און ער האָט איהר איבערגעגעבען ר׳ אָשר׳ס פארלאנג.

— פארוואָס ניט? — האָט חנה געזאָגט, — אליהו וויים וועגען איהם און ער וועט זיך מיט איהם דורכריידען. איך וויים אז עס זיינען צו איהם געקומען פילע אידען וועלכע האָבען איהם דערציילט וועגען חסידות, ווי אזוי עס ווערט פארשפרייט צווישען אומוויסענדען המון. איך גלויב אז ער וועט איהם ערקלערען וועגען דעם, און אפשר וועט ער נאָך אויף איהם קענען ווירקען. עס איז דאָך טאקע א ביטערער רחמנות אויף ציפע׳ן. זי האָט זיך דאָך אין איהר לעבען גענוג אָנגעליטען! יאָ, דו קענסט זאָגען ר׳ אָשר׳ן אז ער קען קומען צו יעדער צייט, און מיין מאן וועט מיט איהם ריידען.

— דו פארשטעהסט, חנה, — האָט ר׳ יהודה ליב זיך צו איהר אָנגערופען, — די לאגע איז נאָך ערגער מיט דעם וואָס ציפע איז גראד אין אנדערע אומשטענדען, און ער וויל פון גאָרניט וויסען. ער טראכט נאָר פון פאָרען צום בעל שם. ער וויל ניט אויפגעבען זיינע ווילדע שטיק, און מען וויל איהם ניט לאָזען דאווגען אין בית המדרש. איך גלויב אז מיט איהם זאָל מיטגעהן ציפע, זיין ווייב, און זי וועט ערקלערען ר׳ אליהו׳ן וועגען אלץ. זי זאָל עס מאכען די אָנקלאגע נעגען איהם, און אפשר וועט טאקע זיין בעסער אז ר׳ אָשר זאָל מיט איהם אויך מיטגעהן!

— איך גלויב, אז זיי זאָלען ביידע מיטגעהן, — האָט חנה געזאָגט, — ווייל עס קען זיין אז ציפע אליין וועט ניט קענען ריידיין וועגען איהר מאן אין זיין געגענווארט. איך וועל זיך נאָך היינט דורכריידען מיט אליהו׳ן וועגען דעם און ער וועט מיט זיי ריידען ווען זיי וועלען קומען.

ר׳ יהודה ליב איז אוועקגעגאנגען צו ר׳ אָשר׳ן אין הויז און ער האָט איהם געזאָגט אז זיי קענען געהן צו זיין איידעם און מיט איהם זיך דורכריידען וועגען אלץ. מיין חנה גלויבט, אז איהר זאָלט צו איהם קומען אלע דריי: איהר, ציפע און נחום.

— איך דאנק אייך זעהר, — האָט ר׳ אָשר געזאָגט, — איך האָף אז אייער איידעם וועט אויף איהם קענען ווירקען. נאָך אלעמען, איז דאָך מיין איידעם, נחום, ניט קיין עם הארץ, ער וועט פארשטעהן ווען אייער איידעם וועט איהם ערקלערען.

פון אָנפאנג האָט נחום ניט געוואָלט הערען פון דעם אז ער זאָל געהן מיט זיין פרוי און שווער צו דעם יונגען גאון פון ווילנע, ר׳ אליהו, זיך דורכריידען. אָבער ר׳ אָשר האָט גענומען צו איהם צושטעהן. ער האָט איהם ערקלערט אז צו ר׳ אליהו׳ן קומען די גרעסטע רבנים און צדיקים, אפשר וועט ער אליין איינזעהן אז דו האָסט רעכט, און ער וועט אויך זאָגען א גוט וואָרט וועגען חסידות, דאן פארזיכער איך דיך, אז מען יועט דיך אויפהערען רודפ׳ן אין קיידאן. און עס קען זיין אז ער וועט דיר גאָר געבען גערעכט. איך פארזיכער דיך, אז אויב דער ווילנער גאון וועט דיר זאָגען אז חסידות איז בארעכטיגט צווישען אידען, אז די באוועגונג איז זעהר א גוטע, דאן וועל איך דער ערשטער ווערען א חסיד און אויף מיר קוקענדיג וועלען אויך אנדערע עס נאָכטאָן.

די דאָזיגע רייד האָבען אויף איהם געווירקט. ער האָט געהאָפט אז ווען ער וועט ערקלערען ר׳ אליהו׳ן וועגען די עיקרים פון חסידות, וועט ער אפשר געבען זיין הסכמה, און ווען דער יונגער ווילנער גאון זאָל געבען זיין צושטימונג, דאַן וועט ער ווירקען אויף אלעמען... יאָ, ער וועט געהן...

עס איז געווען א טאָג אין אָנפאנג חודש אלול. און ר׳ אָשר איז אוועק מיט זיין טאָכטער און איידעם, הינטער׳ן שטאט, צו דעם קליינעם שטיבעל וואו דער יונגער ווילנער גאון און זיין פרוי חנה האָבען געוואוינט.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען, האָט זיי חנה זעהר ווארעם אויפגענומען. זי האָט זיי געהייסען ווארטען א ווילע אין פאָדערשטען צימער. זי וועט אריינגעהן זאָגען איהר מאן אז זיי זיינען געקומען.

ר׳ אליהו האָט געלערענט מיט גרויס התמדה. ער פלעגט לערנען פון צוואנציג ביז צוויי־און־צוואנציג שעה אין מעת־לעת. ער האָט ניט געוואָלט מבטל

זיין אפילו איין איינציגע רגע. און טאקע דאריבער האָבען זיי זיך אריבערגעקליבען דאָ אין דעם קליינעם שטיבעל, גאנץ ווייט פון טומעל פון שטאָט, כדי מען זאָל איהם ניט שטערען אין זיין לערנען.

לעצטענס אָבער, האָט דאָס איהם קיין סך ניט געהאָלפען, ווייל זיין נאָמען אלס גאון איז בליץ שנעל פארשפרייט געוואָרען און פון אלע עקען לאנד איז מען געקומען צו איהם. עס זיינען געקומען צו איהם די גרעסטע לומדים, חכמים, די בארימטעסטע רבנים, יעדער איינער האָט געזוכט צו פארברענגען מיט איהם און ריידען אין לערנען. מען האָט געפרעגט ערקלערונגען וועגען די שווערע סוגיות פון גמרא, וועגען פארשידענע שאלות און תשובות. און ווען מען פלעגט פון איהם אוועקנעמען צייט פון לערנען, פלעגט ער דאָס אָפּמאכען שפּעטער מיט דעם וואָס ער פלעגט כמעט דעם גאנצען מעת-לעת ניט שלאָפען, און זיך עוסק זיין אין דער תורה.

ר' אליהו האָט געהייסען זיין פרוי חנה'ן, אריינשיקען נחום'ן, זיין ווייב און זיין שווער צו איהם.

זיי זיינען אלע אריינגעקומען. ר' אליהו האָט פארמאכט זיין גרויסע גמרא, און ער האָט זיי געהייסען זיך זעצען אויף דער באנק וואָס איז געווען נעבען דעם טיש וואו ער איז געזעסען.

זיי האָבען זיך צוגעזעצט. א ווייל איז געווען שטיל, און דער יונגער גאון האָט באטראכט נחום'ן, וועלכער איז געזעסען מיט א געבויגענעם קאָפּ ווי א באשולדיגטער.

— רבי, — האָט ר' אשר אונטערבראכען די שטילקייט, — איך ווייס אז מיר האָבען קיין רעכט ניט אייך מבטל צו מאכען פון לערנען, אָבער דאָ האנדעלט זיך וועגען דעם גליק פון א גאנצער משפחה. אייך איז דאָך באקאנט די גאנצע געשיכטע מיט מיין איידעם נחום, און איצט אז גאָט האָט געהאָלפען אז מיר האָבען שוין אויף איהם געווירקט צוריקצוקערען זיך צו זיין פרוי און קינד, איז אויף אונז געקומען אן אנדער צרה. ער האָט זיך אנגעשטעקט מיט חסידות. ער גלויבט עפּעס אין א בעל שם, און ער פירט זיך אויף אזוי משונה'דיג, אז עס ווערט אונמעגליך איהם אריינצולאָזען אין בית המדרש צו דאווענען מיט אלע אידען. ער מאכט פארשידענע העוויות אין מיטען דאווענען, ער זינגט און שפּרינגט און דאווענט מיט א גאנץ אנדער נוסח, און טאָמער איז דאָס נאָך ווינציג, האָט ער זיך גענומען איינריידען אז ער מוז פאָרען צום בעל שם, און דאָס שיינט צו זיין זיין איינציגע שטרעבונג. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, רבי, איך בין א פשוט'ער איד, און איך קען זיך ניט אריינלאָזען אין חקירה, אויב חסידות איז א גוטע זאך צי ניט. איין זאך ווייס איך איצט, אז דאָס וואָס ער איז איצט געוואָרען א פארברענטער חסיד, האָט אונז אלעמען פארשאפט א סך, גאָר א סך עגמת נפש... און אויב ער וועט בלייבען ביי דאָס זייניגע, קען נאָך ערגער ווערען פאר מיין טאָכטער, וועלכע ערווארט צו ווערען אין גיכען א מוטער... איהר פארשטעהט, רבי, ווי איך האָב זיך ערקונדיגט, איז ביי איהם רעכט אפילו איצט צו פארלאָזען זיין ווייב און קינדער, איהר ווייסט דאָך, אז איין טאָכטער האָט ער שוין און אין גיכען אם ירצה השם, וועט קומען נאָך א קינד... ווי עס ווייזט אויס, איז די נייע איינרעדעניש וועגען חסידות ביי איהם א סך וויכטיגער ווי זיין פרוי און קינדער... איצט וואָלט איך וועלען, רבי, איהר זאָלט זאָגען אייער מיינונג וועגען חסידות. אויב עס איז ווירקליך א גוטע זאך, און מיר אידען וועלען דורכדעם ברענגען די גאולה ווי ער און די אנדערע חסידים ווילען האָבען, דאַן וועל איך ווערען א חסיד, און מיר וועלען פיליכט קענען געפינען נאָך א צאָל אידען. איך וועל דאַן זיין צופרידען צו גרינדען א חסיד'ישען מנין ווי מען האָט עס געטאָן אין ווילנע.

— און איהר גלויבט טאקע אין די אלע נארישקייטען? — האָט זיך ר' אליהו געווענדעט צו נחום'ן — ווי קומט עס צו אייך?

— רבי, — האָט נחום געענטפערט, — איך געפין אין חסידות מיין גליק, מיין האָפנונג אויף דער צוקונפט. איך גלויב באמונה שלימה, אז

דער בעל ש״ט איז ווירקליך א הייליגער מאן, און זיין שיטה אין חסידות דארף אנגענומען ווערן ביי אלע אידען. ר׳ ישראל בעל שם טוב איז גערעכט ווען ער זאגט אז די תורה איז ניט אין הימעל, אז יעדער איינער האט א חלק חלק אין דער תורה. אפילו דער וועלכער קען ניט לערנען, אזוי לאנג ווי ער איז מכון אין זיין הארצען. דער בעל שם זאגט, אז מען דארף דיענען גאט מיט פרייד, אז מען דארף זיך אריינווארפען אין חדוה, אין גרויסער התלהבות. מען דארף זיך באהעפטען מיט דער שכינה... און ווי אזוי קען מען עס באווייזען? מיט דעם וואס מען זוכט צו פארגעסען אלץ ארום זיך, און מען גיט זיך איבער אין גאנצען צו פרייליכקייט, ערשט דאן קען מען ערווארטען התרוממות הנפש... און דאריבער מוז איך אזוי דאוונען... אנדערש דוכט זיך מיר וועט מיין תפלה ניט דערגרייכען דעם כסא הכבוד.

— אפשר ווייסט איהר, אז מיט אן ערך א הונדערט יאר צוריק איז געווען איינער א שבתי צבי, און ער האט אויך אזוי אריינגענארט טויזענטע פון אונזערע ברידער, וועמען ער האט אראפגעפירט פון דרך הישר... וויפיל צרות אט די דאזיגע באוועגונג האט פארשאפט דעם אידישען פאלק, — האט ר׳ אליהו געזאגט, — ער האט זיך נאכדעם גע׳שמד׳ט, און אויף איהם קוקענדיג האבען זיך פילע אנדערע אידען גע׳שמד׳ט... יא, אט דער שבתי צבי איז געווען א מסית ומדיח... ער האט געוואלט אויסנוצען דאס וואס די אידען האבען דאן אזוי פיל געליטען, און זיי געוואלט איינריידען אז ער איז דער משיח און אז ער וועט ברענגען די גאולה.

— אבער, רבי, — האט נחום אויסגערופען, — ווי אזוי קענט איר פארגלייכען אט דעם ר׳ ישראל בעל שם טוב מיט דעם פאלשען משיח, שבתי צבי?

— עס איז גאר קיין אונטערשיד ניט — האט אליהו געזאגט — איך האב געהערט פון פילע רבנים, וועלכע האבען מיר דערציילט וועגען דער נייער באוועגונג פון חסידות, און איך בין איבערצייגט, אז דאס איז א מין עבודה זרה! מיר דארפען זעהן אויסווארצלען אט די דאזיגע שענדליכע באוועגונג מיט די ווארצלען, איידער עס וועט נעמען שלאגען נאך טיפערע ווארצלען צווישען אידען... יעדער איינער וועלכער זוכט אפצואוועגדען די אידען פון לערנען די תורה, איז א מסית ומדיח... די וועלט איז באשאפען געווארען נאר צוליב לערנען די הייליגע תורה! חסידות זוכט איינצוריידען אז מען קאן זיין א גוטער איד און ניט לערנען תורה...

— אבער רבי — האט נחום זיך אנגערופען — וואס זאל טאן א איד וועלכער קאן ניט לערנען, איז ער דען ניט קיין איד?

— קיינער זאגט ניט, אז א איד וועלכער קאן ניט לערנען איז קיין איד ניט, אויב ער היט נאר אפ די מצוות, און איז א געטרייער איד אין זיין הארצען. דער בעל שם זאגט אבער אז מען דארף ניט לערנען מען דארף נאר מכון זיין אין די תפלות... לויט זיינע רייד קומט אויס, אז דער וועלכער קאן לערנען די תורה דארף עס אויך ניט טאן, ער דארף זיך בעסער אפגעבען מיט פראווען ווילדע שטיק, וואס ברענגט בלויז צו חלול השם. דאריבער זאג איך אייך, נחום, אז איהר זאלט זיך ארויסשלאגען פון די געדאנקען דעם בעל שם און זיינע חסידות. איהר זייט א בעל משפחה און איהר דארפט זארגען פאר אייער פרוי און קינדער... גיט אויך אויף אייער חסידות׳שע וועגען, און איהר וועט דאן קאנען זיין ווי אלע אנדערע אידען, און גאט וועט אייך געבען א גוט יאר.

נחום איז געבליבען זיצען א וויילע אן ענטוישטער. ער האט געמיינט, אז דער יונגער גאון וועט זיין אנדערש פון די רבנים פון ווילנע, וועלכע האבען גע׳רודפ׳ט די חסידים גלאט אהן אן אורזאכע, ער אבער וועט האבען איינזעהעניש מיט איהם... איצט אבער זעהט ער, אז ער האט געמאכט א טעות. ער האט געווארפען זיין בליק אין דער ריכטונג וואו זיין פרוי איז געזעסען, צו זעהן דעם איינדרוק וואס די רייד פון יונגען גאון האבען אויף איהר געמאכט. ער איז שוין געווען זיכער, אז ציפע האט אויך אנגעפאנגען

צו גלויבען אין חסידות, והא ראיה, זי האט איהם געזאגט, אז זי איז גרייט מיט איהם מיטצופארען צו דעם בעל שם קיין מעדזשיבוזש. זי איז געווען גרייט אפילו איבערצולאזען צירעלע'ן ביי איהר שוועסטער, און ווען ניט דאס וואס זי איז פלוצלונג געווארען אויף דער צייט, וואלטען זיי שוין ביי היינטיגען טאג בײדע געווען דארט, נעבען בעל שם טוב, און איצט האט ר' אליהו אלץ קאליע געמאכט פאר איהם.

— נו, נחום, פארוואס שווייגסטו?

— האט שוין ציפע זיך אנגערופען — דו הערסט דאך וואס ר' אליהו זאגט וועגען חסידות, וועסטו זיך שוין עס ארויסשלאגען פון דיין קאפ, און זיין א מענש!

איך פיל, אז די אלע וועלכע זיינען געגען דעם בעל שם טוב, און געגען זיין שיטה פון חסידות, באגעהן א גרויסע עולה געגען איהם... דאס איז וויל קיינער נעמט זיך ניט די מיה אויסצופארשען די זאך ווי געהעריג! איך בין זיכער אז ווען איהר, ר' אליהו, וואלט אהין געפארען און זיך נענטער באקאנט מיט איהם, איך מיין מיט דעם בעל שם טוב, וואלט איהר ניט ארויסגעבראכט אזא שווערען אורטייל געגען חסידות.

— לויט ווי רבנים האבען מיר איבערגעגעבען, קאן איך פון זייערע רייד דרינגען, אז די דאזיגע חסידים זיינען פשוט'ע אפיקורסים, זיי זיינען מבזה תלמידי חכמים, און אנשטאט צו לערנען ש"ס ופוסקים פארברענגען זיי זייער צייט מיט דערציילען ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע מעשיות, וואונדער און ניסים פון א מענשען, וועלכער זוכט זיי גאר אראפצופירען פון דרך הישר. אט די דאזיגע חסידים ברענגען צו א חילול השם, מיט דעם וואס זיי קוליען זיך מיט די קאפ אראפ און די פיס ארויף, ווי קונצענמאכער. איהר וועט דאך ניט לייקענען, אז מאנכע פון די חסידים טוען עס?

— ניין, רבי, איך לייקען ניט — האט נחום געזאגט — אבער זיי מיינען דערמיט קיין שלעכטס ניט. זיי זיינען אזוי גליקליך און צופרידען מיט הזדווגות השכינה, אז זיי שפרינגען פון שמחה.. דאס איז בלויז אן אויסדרוק פון זייערע שטארקע געפילען. איך דריק עס אויס אויף אן אנדער אופן, אין בית המדרש, בעת דעם דאווענען, איך זינג, איך מאך מיט די הענד, אדער אנדערע העויות, אבער איך מיין ניט חלילה, צו טאן דערמיט א זינד! ווען די אנדערע מתפללים וואלטען מיר פארשטאנען וואלטען זיי מיך ניט פארי‍אגט פון בית המדרש.

— א איד דארף דאווענען מיט דרך ארץ — האט ר' אליהו אויסגערופען — דע לפני מי אתה עומד! פארגעסט ניט, אז איהר שטעהט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און ווען מען פראוועט פארשידענע שטיק אין מיטען דאווענען, בפרט אין שמונה עשרה, איז עס א מין עבודה זרה, און די אנדערע מתפללים האבען געהאט פולע רעכט אייך צו דערווייטערען פון דעם בית המדרש צוליב דעם... געהט און פארריכט אייערע וועגען און איהר וועט קאנען צוריק דאווענען אין בית המדרש, איהר וועט זיין גלייך מיט אלע אנדערע אידען, און גאט וועט אייך העלפען.

ר' אליהו האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און זיי האבען פארשטאנען אז ער וויל זיך צוריקקערען צו זיין לערנען. ר' אשר האט זיך אויך אויפגעהויבען פון דעם בענקעל אויף וועלכען ער איז געזעסען.

— א דאנק אייך, רבי — האט ר' אשר געזאגט — אנטשולדיגט אונז וואס מיר האבען פון אייך אוועקגענומען אזוי פיל צייט.

ציפע האט אויך באדאנקט חנה'ן און זיי זיינען אלע ארויס פון דארטען.

— נו, וואס וועסטו איצט זאגען?

— האט ר' אשר געפרעגט זיין איידעם

— קאן שוין ביי דיר זיין דער מינדסטער צווייפעל, אז די גאנצע חסידות איז הבל הבלים! עפעס א קלייניגקייט אזא גאון ווי ר' אליהו זאגט, אז דאס איז א מין עבודה זרה.. זיינע רייד וועט קיינער ניט אוועקמאכען מיט די הענד!

— די גרעסטע רבנים און לומדים פון איבער דער גאנצער וועלט קומען דאך צו איהם — האט ציפע געזאגט — אלע וויסען אז ר' אליהו'ס א

ווארט איז הייליג, און אז ער זאגט, אז דאס אלץ איז שמד־שטיק, מעגסטו זיך צוהערען צו איהם, נחום...

— אזוי איז שוין דער וועג פון מתנגדים — האט ער א ברום געטאן — ניט זיי פארשטעהען חסידות און ניט זיי ווילען פארשטעהן! הלואי וואלט מען געקאנט צוזאמענברענגען דעם בעל שם טוב מיט דעם יונגען גאון ר' אליהו, וואלט איהר דאן געזעהן ווי אנדערש ער וואלט גערעדט וועגען איהם און וועגען חסידות! איך האב געהערט א סך אזעלכע געשיכטעם ,ווי אזוי פילע מתנגדים, וועלכע זיינען געוועזן די ביטערסטע געגנער פון דעם בעל שם טוב, זיינען ביי דער ערשטער באגעגעניש מיט איהם, געווארען זיינע שטארקסטע אנהענגער... אט דער זעלבער מענדעל פון מינסק, אדער ווי אנדערע רופען איהם מענדעל פון וויטעבסק, איז פריער אויך געוועזן א שטארקער מתנגד, ער פלעגט זיך אויס לאכען פון אלע ניסים און נפלאות וואס מען פלעגט איהם דערציילען אין נאמען פון בעל שם, און אזוי שנעל ווי מען האט איהם געגעבען די געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט'ן בעל שם פנים אל פנים, האט ער זיך געענדערט... ער האט זיך ארומגעזעהן, אז ער האט די גאנצע צייט געלעבט אין טעות, און דאריבער האט ער זיך א נדר געטאן צו זעהן צו פארשפרייטען חסידות, וואו ער וועט זיך געפינען... און דו ציפע ווייסט דאך די מעשה פון ר' קלמן, וואס איך האב דיר דערציילט, ווי אזוי ער, וועלכער איז געוועזן א שארפער מתנגד, און זינט דעם וואונדער וואס דער בעל שם האט ארויסגעוויזען ווען ער האט געטראפען וועגען זיין זוהן, יאסעלע, איז ער געווארען א פארברענטער חסיד פון דעם בעל שם.

— און דו ביזט דען געוועזן דערביי? — האט ציפע זיך צו איהם אנגערופען — מאלע וואס מענדעל דערציילט דיר! איך וואלט איהם ניט געטרויט פון דאנען אהין!...

— ווי אזוי קאנסטו ריידען שלעכטס אויף א מענשען וועלכער האט דיר קיין רעה ניט געטאן — האט נחום געזאגט.

— אט דער מענדעל איז דער הויפט קוואל פון מיין אומגליק! — האט ציפע געוויינט איהרע אויגען — ווען ניט דער משומד, וואס וואלט מיר איצט געפעלט!

— דו מארסט אזוי ניט ריידען וועגען מענדל'ן! — האט נחום אויסגערופען מיט כעס — ווער ביזטו, אז דו זאלסט ארויסברענגען אזעלכע רייד אויף דיינע ליפען...

— אז דער גאון ר' אליהו זאגט עס, מן הסתם איז ער גערעכט! דיינע חסידים דינען עבודה זרה! זיי ווילען אראפפירען פון וועג פילע אידישע קינדער... דו זעהסט דאך אז ר' אליהו איז ניט דער איינציגער. ער האט עס געהערט פון די וועלכע האבען צוגעזעהן מיט זייערע אויגען די שענדליכע מעשים פון די חסידים און איהם דערציילט וועגען דעם... יע, וואס דארף איך געהן ווייטער, איך זעה דאך פון דיר אליין, ווי אזוי דו ביזט מחלל השם אין דער צייט פון דאווגען!

— איז עס מעגליך אז אלץ וואס איך האב אין דיר אריינגערעדט, איז געגאנגען לאבוד! — האט נחום אויסגערופען -- איך האב דאך דיר ערקלערט וואס חסידות באדייט, און דו האסט מיר אליין צוגעגעבען, אז איך בין גערעכט, דו האסט מיר אפילו געהאט צוגעזאגט, אז אזוי שנעל ווי עס וועט זיין מעגליך וועסטו אפפארען מיט מיר צום בעל שם טוב און איצט האסטו זיך אזוי שנעל געענדערט.

— וואס זא' איך דיר זאגען, נחום, דער אמת איז, אז איך האב קיינמאל ניט געגלויבט אין דיינע נארישקייטען! איך האב געזעהן אז דו ביזט אזוי איינגעגלויבט, און דו ווילסט פון קיין זאך ניט וויסען, האב איך דיר געזאגט, אז דו ביזט גערעכט. איך האב געמיינט אז דורכדעם וועל איך ביי דיר פועל'ן צו פארבלייבען, און אפשר וועסטו מיט דער צייט אליין איינזעהן, אז דאס איז אלץ נארישקייטען און דו וועסט ווערען א מענש. בפרט איצט, נאכדעם ווי דו האסט די זעלבע רייד געהערט פון ר' אליהו'ן, וועמעס רייד זיינען הייליג, האסטו דאך באדארפט מודה זיין אין דיין טעות און ענדערען דיינע וועגען, אבער, ווי איך זעה,

האָבען אפילו זיינע ווערטער אויף דיר געהאט א קנאפּע ווירקונג. דו ווילסט נאָר אלץ בלייבען ביי דיינע עקשנות!

— הער זיך איין נחום, דו ווייסט דאָך צוליב וועלכען צוועק איך האָב דיך געבראכט צום יונגען גאון. מיר האָבען אלע כמעט ווי באשלאָסען צו פארלאָזען זיך אויף זיינע רייד, געדענקסטו, אז איך האָב דיר געזאָגט אז אויב דער ווילנער גאון וועט זאָגען אז חסידות איז בארעכטיגט צווישען אידען, אז די חסידות באוועגונג איז זעהר א גוטע, דאַן וועל איך זיין דער ערשטער צו ווערען א חסיד... דאָס האָט געמיינט, אז אויב ער וועט זיך ארוסזאָגען געגען חסידות, וועסטו דארפען אוועקווארפען דיינע חסידישע שטיק און ווערען צוריק א מתנגד, ווי פריער — האָט ר׳ אשר געזאָגט.

— איך האָב מיט אייך אזא תנאי ניט אויסגענומען — האָט נחום געענטפערט.

— אָבער אזא תנאי איז דאָך פארשטאנען געוואָרען, ווארום אויב ניט, טאָ צוליב וואָס זיינען מיר געגאנגען צום גאון?

— איך האָב טאקע ניט געוואָלט געהן! — האָט נחום אויסגערופען — איך בין געגאנגען ווייל איהר זייט צו מיר צוגעשטאנען, און איך האָב געמיינט אז ווען דער גאון וועט הערען דעם אמת וועגען חסידות, וועט ער געבען זיין הסכמה. איצט זעה איך אז איך האָב געהאט א טעות אין איהם...

— און דו ווילסט מיר אפשר איינריידען, אז דו ווייסט מער פון איהם! אז ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט!

— איך זאָג נאָר אז די רבנים מתנגדים, ווילען ניט פארשטעהן דעם עיקר פון חסידות... איך בין זיכער, אז עס וועט קומען א צייט און אלע רבנים, אריינרעכענדיג דעם ווילנער גאון, וועלען באגרייפען די נוצליכקייט וואָס חסידות וועט ברענגען פאר אלע אידען און זיי וועלען נאכהער צוגעבען זייער טעות...

ר׳ אשר האָט א קוק געטאָן אויף זיין טאָכטער, און א צוק געטאָן מיט זיינע שולטערען, זאָגענדיג:

— מה נאמר ומה נדבר! יע, מיין טאָכטער, וואָס קאָן איך איצט זאָגען! ער וועט שוין פארבלייבען אן עקשן! איהם וועט שוין גאָרניט העלפען!

— איי נחום! נחום! — האָט ציפּע געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — ווען וועסטו שוין קומען צום שכל... דו ווייסט דאָך, אז אפילו ווען דער גאון פון ווילנע וואָלט מסכים געווען מיט דיר, וואָלסטו איצט אלץ איינס ניט געקאָנט פאָרען צו דיין בעל שם, אין דער צייט, ווען איך געפין זיך אין אזעלכע אומשטענדען... דאריבער וויל איך מער מיט דיר ניט ריידען וועגען דעם. מיר דארפען אָבער טראכטען פון די ימים־נוראים וואָס קומען באלד אָן... וואָס וועסטו טאָן דאַן? אין בית המדרש וועסטו ניט קאָנען דאווענען כל זמן דו וועסט זיך האלטען ביי דיינע משוגעת׳ן... און דאווענען פאר זיך אום ראש השנה און יום כפור, וועסטו דאָך אויך ניט, פרעג איך דיר, וואָס וועט דאַן זיין?...

— וואָס זאָל זיין? — האָט נחום געענטפערט. — גאָרניט.

— וואָס הייסט גאָרניט! — איז שוין ציפּע אויפגערעגט געוואָרען, — האָסטו זיך גאָרניט אריינגעטראכט אין דעם?

— איך האָב שוין געטראכט! — האָט נחום אויסגערופען, — און איך האָב שוין א פּלאַן.

— אדרבא לאָמיר הערען פון דיין פּלאַן! — האָט ר׳ אשר זיך צו איהם געווענדעט.

— איך וועל מאכען א באזונדערען מנין! — האָט נחום געזאָגט — יע, א באזונדערען חסידישען מנין! — האָט נחום געזאָגט — יע, א באזונדערען חסידישען מנין!

— און וואו וועסטו נעמען אין קיידאַן, צען אידען, איך מיין נאָך ניין חסידים?

— נישקשה, איך וועל שוין קריגען, אפילו ווען עס וועט מיר דארפען קאָסטען עטליכע גילדען.

— מילא די עטליכע גילדען אַרט מיר ניט. אָבער וואו וועסטו נעמען ניין אידען, וועלכע וועלען מרוצה ווערען צו ווערען חסידים ביז איבער די ימים נוראים! און לאָמיר אננעמען. אז דיר וועט שוין יאָ געלונגען צו קריגען ניין חסידים פאר געלט, טאָ וואו

וועסטו קריגען א ספר תורה? אהן א ספר תורה וועסטו דאך ניט קאנען מאכען דיין מנין.

— א ספר תורה! — האט נחום געזאגט — מיר וועלען קריגען!

— לאמיר הערען פון וואנען וועסטו קריגען א ספר תורה? פון די צוויי בתי מדרשים פון קיידאן וועסטו זיכער ניט קריגען.

— נו וועלען מיר זעהן — האט נחום געענטפערט.

— אפשר וועט דיר דער בעל שם צושטעלען א ספר תורה דורך א נס!— האט ר׳ אשר, מיט חוזק אין זיין שטימע, אויסגערופען.

— דאס קאן אויך געמאלט זיין! האט נחום מיט ערנסט אין זיין שטימע געזאגט.

— אויב אזוי, איז דאך מיט דיר ניטא וואס צו רײדען — האט ר׳ אשר געזאגט, — דיין איינרײדען זיך דערגרייכט דאך ביי דיר ביז משוגעת... איך זעה פאר דיר קיין אנדער אויסוועג ניט ווי צו קומען צו די גבאים פון בית המדרש און זיי מבטיח זיין אז דו וועסט דאוונען ווי אלע אידען דורך די ימים נוראים, דאן קאן ווין אז זיי וועלען דיר ערלויבען צו דאוונען אין בית המדרש...

— ניין, דאס וועט קיינמאל ניט געשען! — האט נחום אויסגערופען — איך וועל זיך צו זיי קיינמאל ניט קומען בעטען!

— וואס ווילסטו, זיי זאלען זיך קומען בעטען ביי דיר! — האט ציפע מיט כעס אויסגערופען — האסטו געהערט א געשיכטע, ער פירט זיך אויף אין בית המדרש ווי א צעדרייטער, מען ווארפט איהם פון דארט ארויס ווייל ער שטערט אלעמען פון דאוונען, און ער ערווארט נאך אז די גבאים וועלען קומען צו איהם זיך בעטען!

— ניט איך ערווארט, אז זיי זאלען קומען צו מיר, און ניט איך וועל קומען צו זיי!

— וואס דען וועסטו טאן? דו וועסט ווארטען אויף א נס, און אז דער נס וועט ניט קומען, וועסטו דאוונען פאר זיך אום ראש השנה און יום כפור?

— זארג ניט, ציפע, איך וועל ראש השנה און יום כפור ניט דאוונען פאר זיך — האט נחום זיך אנגערופען.

— איך קאן ניט פארשטעהן וואס ער טראכט זיך — האט ציפע זיך געווענדעט צו איהר פאטער, ווישענדיג איהרע טרערען...

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז ער אליין ווייסט אויך ניט וואס ער טראכט... דו זעהסט דאך, אז ביי איהם איז רעכט צו גלויבען, אז ער וועט קריגען נאך ניין אידען אין קיידאן כדי צו מאכען א מנין, און ער גלויבט אויך אז מען וועט איהם געבען א ספר תורה...

— איהר וועט זעהן, שווער, אז איך רייד ניט אויסען וועג, — האט נחום געזאגט און א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען — עס וועט געשען א נס און מיר וועלען האבען א מנין פון חסידים און אויך א ספר תורה!

— און דו ווייסט ניט, אז די גמרא זאגט — "אין סומכין על הנס", מען פארלאזט זיך ניט אויף קיינע נסים!

— דער וועלכער גלויבט אין בעל שם — האט נחום געזאגט — מעג זיך יא פארלאזען אויף א נס!...

מער האבען זיי ניט גערעדט ביז וואנען זיי זיינען געקומען אהיים. ציפע׳ס מאמע האט באלד דערקאנט אין איהר פנים אז זיי קערען זיך אום מיט גארניט. אבער אז זיי האבען געשוויגען, האט זי זיי ניט געוואלט פרעגען דערווייל. זי האט דערלאנגט די וועטשערע און זיי האבען זיך געזעצט עסען.

אין מיטען עסען רופט זיך אן די שוויגער:

— נו, נחום, זאג מיר ווי אזוי האט דיר דער יונגער גאון אויפגענומען?

— המ... אויפגענומען, וואס איז דער אונטערשייד, ער האט אונז אויפגענומען ווי יעדען איינעם.

— ווי עס ווייזט אוים געפעלט ניט נחום׳ן דאס וואס דער ווילנער גאון האט איהם געזאגט דעם אמת וועגען חסידות... ער האט געמיינט, אז ר׳ אליהו וועט איהם זאגען אז ער טוט זעהר גוט וואס ער איז געווארען א חסיד. ער האט איהם אבער געזאגט דאס וואס מען האט איהם געזאגט

איז ווילנע. ער האָט איהם גאַנץ איינפאַך געזאָגט, אַז דער בעל שם טוב מיט אַלע חסידים זיינען ניט קיינע צדיקים וועלכע קאָנען איינפירען א נייע תורה ביי אידען! איך האָב אַליין געהערט ווי ער זאָגט, אַז דאָס איז א מין עבודה זרה! אָבער מיין נחום איז דאָך לעצטענס געוואָרען א גרויסער עקשן, ווייזט אויס, וועלען איהם שוין ניט העלפען אפילו די רייד פון ווילנער גאון — האָט ציפּע געזאָגט.

— ער זאָגט מיר אַז ער פאַרלאָזט זיך אויף א נס! — האָט ר' אָשר אויסגערופען — ער זאָגט, אַז ער וועט קריגען אין קיידאַן נאָך נייַן אידען, וועלכע וועלען איינוויליגען צו פּראַווען משוגענע שטיק ווי ער, און ער וועט מאַכען א חסידישען מנין... נאָך בעסער, ער זאָגט, אַז מען וועט איהם געבען א ספר תורה! יע, מען וועט איהם אונטערטראָגען!

— איהר וועט שוין זעהן, שוועער, אַז איך וועל האָבען אי א מנין און אי א ספר תורה — האָט נחום זיך אָנגערופען.

— אפשר ערוואַרסטו צו קריגען די תורה פון באַרג סיני — האָט ר' אָשר געזאָגט — אַז דו פאַרלאָזט זיך אויף נסים איז דאָך ניט שייך!

— נו, טאַקע, נחום, וואָס וועסטו טאָן? — האָט איהם די שוויגער געפרעגט.

— גאָט ווייסט וואָס ער וועט טאָן!

— האָט ציפּע געזיפצעט — דו זעהסט דאָך מיין מזל! איך האָב געטאָן אַלץ וואָס מען האָט מיר געהייסען טאָן און עס העלפט ניט! איך ווייס ניט וואָס ער טראַכט זיך!

נחום האָט גלייך נאָכ'ן עסען געבענשט און ארויס אין דרויסען.

— וואוהין געהסטו? — איז איהם ציפּע נאָכגעלאָפען — פאַרוואָס זאָלסטו עפּעס ניט טאָן? דו זעהסט דאָך, אַז באַלד וועסטו ווערען א גרעסערער בעל משפּחה... איז דאָך שוין צייט אַז דו זאָלסט אָנהויבען זאָרגען וועגען פּרנסה!

— איך האָב צייט, — האָט נחום געענטפערט און איז ווייטער געגאַנגען.

ער איז אוועק צו דער אַכסניה וואו עס פלעגען זיך צוזאַמענקומען די בעלי עגלות פון ווילנע. ער האָט ערוואַרטעט א תשובה פון מענדל'ן. נחום האָט נאָך מיט א צוויי וואָכען צוריק אוועקגעשיקט א בריף צו מענדל'ן בשתיקה דורך איינעם פון די בעלי עגלות, וועמען ער האָט געגעבען א גילדען און איהם צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט געפינען מענדעל'ן פון מינסק, און ער וועט איהם איבערגעבען דעם בריף, וועט ער אויך פון איהם, פון מענדל'ן, באַקומען א גילדען, און ווען ער וועט איהם ברענגען א תשובה וועט ער איהם געבען נאָך א האַלבען גילדען. ער האָט איהם אויך אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל דאָס האַלטען בסוד, ער זאָל קיינעם ניט דערציילען.

אזוי פלעגט נחום אוועקגעהן יעדען מאָל וואָס מען פלעגט ערוואַרטען די בעלי עגלות פון ווילנע אויף דער אַכסניא. ער האָט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט. ווען ער פלעגט זעהן, אַז יענער בעל עגלה איז ניט געקומען, פלעגט ער זיך צוריקקערען.

איצט איז ער אויך אַהין אוועק. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי די בעלי עגלות, און זיי האָבען איהם געזאָגט אַז דער בעל עגלה וועגען וועמען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, וועט ערשט קומען אין דריי טעג אַרום. ער וועט קומען מיט א צאָל אידען וועלכע וועלען פאַרבלייבען אין קיידאַן ביז איבער די ימים נוראים.

ווען נחום האָט עס דערהערט, איז ער געוואָרען מלא שמחה. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט דער בעל עגלה דורכגעפירט זיין שליחות און אַז ער קאָן ערוואַרטען גאָר אינגיכען מענדל'ן און נאָך אַכט אידען מיט א ספר תורה...

אזוי איז טאַקע געווען: אין דריי טעג אַרום איז שוין נחום געבליבען וואַרטען אין דער אַכסניה א היבשע ווײַלע. און נאָך האַלבען טאָג זיינען אָנגעקומען צוויי פורען מיט נייַן מענשען אריינרעכענדיג מענדעל פון מינסק.

נחום האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מענדל'ן. ער איז איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז, און גענומען קושען.

— איך קאָן דיר ניט זאָגען ברודער

ווי גרוים מיין פרייד איז! — האט ער צו איהם זיך אנגערופען — איך וויים ניט וואס איך וואלט געטאן ווען דו קומסט ניט צו מיין הילף. איך האב אבער געוואוסט, אז דו ביזט נאך פארבליבען אין ווילנע... איך האב זיך דא זעהר פיל אנגעליטען. דו פארשטעהסט, איך האב דאך שוין דא געהאט א שלעכטען נאמען, און ווען איך האב זיך גענומען אויפפירען דא אויף דעם חסידישען שטייגער, האט מען מיך דא גענומען רודפ'ן. מען האט מיך אפילו ארויסגעטריבען פון בית המדרש... פאר די לעצטע עטליכע וואכען בין איך געווען געצוואונגען צו דאוונען פאר זיך, אין הויז... און מיין פרוי און שווער און שוויגער זיינען מיר דערגאנגען די יארן. . . "אט באלד, זאגען זיי, וועט זיין ראש השנה און איך וועל ניט קאנען קומען אין בית המדרש דאוונען, טא וואס וועל איך טאן? וועל איך דען קאנען דאוונען אויך ראש השנה פאר זיך?" און אז איך האב געזאגט, אז איך וועל האבען א באזונדערען מנין אויף די ימים נוראים, האבען זיי אויף מיר געקוקט ווי אויף א משוגענעם... זיי ווייסען, אז דא, אין קיידאן, וועט קיינער ניט וועלען געהן דאוונען צוזאמען מיט מיר... אויסער דעם האבען זיי געזאגט, אז מיר וועלען ניט קריגען קיין ספר תורה צו דאוונען. איך האב זיך צוגעהערט און געשוויגען. איך בין געווען זיכער, אז דו וועסט קומען אהער. ווייל איך וויים, אז גראד דא אין א שטעטל, וועט זיין א סך גרינגער צו שאפען חסידים פאר דעם בעל שם טוב ווי אין ווילנע. איך בין זיכער, אז אויב מיר וועלען קאנען באווייזען אז מיר האבען א מנין, און אז מיר וועלען קאנען געבען אן ארימאן אן עליה אומזיסט, וועלען מיר קאנען אריינקריגען א הינשע ביסעל אידען...

— איך וועל אויך קאנען אויסגעבען עטליכע גילדען — האט מענדעל געזאגט — איך האב ערהאלטען פון דעם מעדזשיבושער גביר ר' קלמן, א היבשע סומע. ער האט מיר געשיקט דאס געלט אויף מיין בקשה. איך האב איהם געשריבען א בריף וועגען די שווערינקייטען וואס איך האב דא אין ווילנע, ווי אזוי די רבנים שטערען מיר, און ווען איך האב געלט וואלט מיר ניט אנגעקומען אזוי שווער. נו האט ער מיר צוגעשיקט פיר הונדערט גילדען... און פונקט דאן האב איך דערהאלטען דיין בריף, און איך האב באשלאסען אז דו האסט רעכט, פריער וועלען מיר דארפען אויספרובירען א קלענערע שטעטל אפשר וועלען מיר דא קאנען איבערצייגען מער מענשען ווי אין ווילנע...

— איך גלויב אז מיר וועלען דא קאנען אריינקריגען א היבשע צאל מענשען. אלץ וואס מיר דארפען איז אנצובאטען יעדען איינעם אן עליה, און אפשר אויך עטליכע גראשען. . . איך וועל בעטען מיין ווייב און זי וועט אנבאקען לעקאך און טארט, און מיר וועלען עס געבען נאכ'ן דאוונען, און איך גלויב, אז אזוי שנעל ווי די ארימע לייט וועלען עס אויסגעפינען, וועלען זיי קומען אהער, פונקט ווי זיי זיינען געקומען אין ווילנע...

— אבער וואו וועלען מיר קאנען מאכען דעם מנין? — האט מענדעל געפרעגט.

— וואס הייסט וואו? איך רעכען עס טאקע צו מאכען אין מיין הויז... מיין שווער וועט זיין שטארק איבערראשט ווען ער וועט זעהן די ספר־תורה. ער האט פון מיר אפגעשפאט ווען איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל האבען אי א מנין און אי א ספר תורה אויף די ימים נוראים... ער האט מיר געזאגט אז איך האב ניט קיין רעכט זיך צו פארלאזען אויף א נס... נו, וועל איך איהם ווייזען אז א נס איז ווירקליך געשען...

— ניין, איך גלויב אז דעם ערשטען מנין וועלען מיר מאכען אין אכסניה — האט מענדעל געזאגט — איך וועל ריידען מיט דעם בעל אכסניה. איך וועל ביי איהם אפדינגען א גרויסען צימער און דארט וועלען מיר דאוונען. אט זעהסטו די אכט אידען, וועלכע זיינען צוזאמען מיט מיר געקומען, זיי זיינען אמת'ע חסידים. מיר פלעגען דאוונען אין ווילנע אין א קעלער. איך האב שוין געהאט כמעט צוויי מנינים אידען, אבער ווייזט אוים האט אונז איינער פון די שכנים

פון הויף נע׳מסר׳ט, און עס זיינען געקומען צוויי מלאכי חבלה, פון דעם קהל־שטיבעל, און זיי האבען מיך ווידער אמאל געבראכט פאר די רבנים אין קהל־שטיבעל, און איך האב געמוזט צוזאגען אז מיר וועלען דארט מער ניט דאווענען אויף דעם חסידישען שטייגער... און אויף מארגען האב איך דערהאלטען דיין בריף. דו קאנסט זיך פארשטעלען ווי שטארק איך האב זיך דערפרעהט מיט דעם. איך האב זיך גלייך געזעהן מיט די אנדערע חסידים און איך האב פון זיי אויסגעקליבען אכט, און מיר זיינען אהער געקומען... איך ווייס ניט ווי לאנג מיר וועלען דא קאנען זיך אויפהאלטען מיט פיר הונדערט גילדען, אבער איך גלויב אז אויב עס וועט זיין נויטיג, וועלען מיר קאנען קריגען נאך געלט. איך ערווארט נאך א סוחר פון פאדאליע, וועלכער וועט, אם ירצה השם, נאך די ימים נוראים קומען קיין ווילנע... איך האב דארט איבערגעלאזען א פאר גילדען דעם בעל הבית און איהם אנגעזאגט, אז ווען יענער סוחר וועט קומען און זיך נאכפרעגען אויף מיר, זאלען זיי איהם זאגען אז איך געפין זיך אין קיידאן. איצט זאג מיר, ווי פילען דיינע שוויגער עלטערען וועגען דיין ווערען א חסיד.

— איך וואלט זיי שוין כמעט געהאט איבערציינגט, איבערהויפט מיין ווייב, איז זיי פלוצלונג איינגעפאלען צו געהן פרעגען ר׳ אליהו׳ן, דעם יונגען ווילנער גאון, און ער איז ארויסגעקומען אזוי שארף געגען דעם בעל שם טוב און געגען זיין חסידות, אז מיין גאנצע מיה איז איצט ארויסגעווארפען... איך האב געדארפט אנפאנגען פון אנפאנג אן, און איצט ווייס איך ניט וואס צו טאן... איך זעה אז איך וועל מער ביי זיי ניט פועל׳ן, און איצט ווענדעט זיך אן דיר! איך מיין ווי מיר ביידע וועלען דא אויסמאכען. אפשר וועלען מיר ארייקריגען א געוויסע צאל אנהענגער, דאן וועלען מיר ניט דארפען מורא האבען...

— פאר וועמען וועסטו דא דארפען מורא האבען? — האט איהם מענדעל געפרעגט.

— דא זיינען אויך פאראן א סך קנאים, און קיין שלעגער פעלען דא אויך ניט...

מילא, מיר וועלען מאכען נאך א פארזוך און אויב מיר וועלען ניט זיין ערפאלגרייך, וועלען מיר זיך ביידע צוריקקערען צום בעל שם, און מיר וועלען דארט פארבלייבען ביז וואנען עס וועט קומען א גינסטיגערע צייט... מיר וועלען הערען וואס דער בעל שם טוב וועט זאגען... אפשר וועט ער אונז שיקען אין אן אנדער פלאץ...

— איך ווייס ניט אויב איך וועל איצט קאנען אזוי גיך אוועקגעהן פון דאנען — האט נחום אויסגערופען.

— פארוואס ניט? — האט איהם מענדעל אנגעקוקט — דו ווייסט דאך אז מיר חסידים דארפען זיין גרייט אויף אלץ!

— איך וועל דיר זאגען, מענדעל, פארשטעהסט, מיין ווייב איז אויף דער צייט, און ווי אזוי קאן מען זי איבערלאזען אין אזעלכע אומשטענדען!

— נארישקייטען! מיר, חסידים, רעכענען זיך ניט מיט אזעלכע זאכען . . . אז מיר וועלען זעהן, אז מיר קאנען אויך דא ניט פארבלייבען וועלען מיר זיך אפטראגען פון דאנען... מיר וועלען ביידע אוועקגעהן נאך מעזשיבוזש. מיר וועלען פארברענגען ביים בעל שם און מיר וועלען הערען וואס ער וועט אונז הייסען טאן. אט האב איך שוין מיין פרוי ניט געזעהן מער ווי דריי יאר... ווען איך זאל זיך דארפען רעכענען מיט דעם, וואלט איך קיינמאל ניט אנגעזעהן דעם בעל שם...

מענדעל איז גלייך צוגעקומען צום בעל אכסניא און איהם געפרעגט, אויב ער קאן איהם אפגעבען א גרויסען צימער, כדי צו דאווענען מיט א מנין.

— צו וואס דארפט איהר א באזונדערען מנין, אז דער בית המדרש איז ניט ווייט פון דאנען — האט דער בעל אכסניא געזאגט.

מיר האבען אונזער אייגענע ספר תורה און מיר וועלען מאכען א מנין, אויב מיר וועלען ניט קענען קריגען ביי אייך קיין צימער, וועלען מיר דינגען ערגעץ אנדערש . . . איך וויל אייך בלויז זאגען, אז מיר מיינען ניט אומזיסט. מיר וועלען אייך באצאהלען, מיר וועלען אייך צאהלען פון וואך, און אויב מיר וועלען דא פארבלייבען

ביז נאָך די ימים נוראים וועט איהר דאָך פאַרדינען היבשע עטליכע גילדען פון אונז . . .

דערהערט, אז ער וועט פאַרדינען עטליכע גילדען האָט שוין דער בעל־אכסניא איינגעשטימט. ער האָט איהם אריינגעפיהרט אין א גרויסען צימער, און איהם געזאָגט:

— אָט דעם צימער קאָנט איהר האָבען. איך וועל אריינשיקען די מיידעל זי זאָל דעם צימער אויסריינִיגען און איהם גרייט מאכען פאר אייך.

מענדעל האָט מורא געהאַט, אז ער זאָל ניט חרטה האָבען, האָט ער איהם באצאָהלט דריי גילדען פאר א וואָך פאָראויס.

ווען דער בעל אכסניא איז ארויס און דערזעהן אין דרויסען נחומ'ן, האָט ער פארשטאנען, אז דאָס זיינען צו איהם אָנגעקומען חסידים, אָבער ער האָט זיך געטראַכט וואָס ארט איהם זאָלען דאָרט דאווענען חסידים, אבי זיי וועלען איהם באצאָהלען. זיי וועלען איינשטעהן ביי איהם, און ער וועט פאַרדינען עטליכע גילדען פון זיי . . .

נחום איז צוריקגעקומען אהיים. ער איז געווען פרעהליך און לוסטיג און ווען ציפּע האָט איהם געפרעגט וואָס איז מיט איהם די שמחה, האָט ער איהר געענטפערט:

— דער נס איז געשעהן!

— וועלכער נס? — האָט זי איהם אָנגעקוקט.

— דער נס מיט דער ספר תורה און מיט דעם מנין! יא, ציפּע, איך האָב שוין א ספר תורה און א מנין אידען צו דאווענען די ימים נוראים.

— ווי אזוי האָסטו עס באקומען פּלוצלונג א ספר תורה און נאָך ניין משוגעים צו דיר? — האָט זי איהם געפרעגט.

— דו וועסט שוין זעהן! איך וועל טאקע באלד געהן דאווענען מנחה מיט א מנין . . .

— וואוהין וועסטו געהן?

— איך וועל געהן צו דער אכסניא, מיר וועלען דאָרט דאווענען, אָבער אויב דו און מיין שווער און שוויגער וועלען ניט זיין דאגעגען, וואָלט איך געקאָנט האָבען דעם מנין טאקע ביי זיך אין הויז. דו ווייסט דאָך, אז ווען מען ברענגט אריין א ספר תורה אין א הויז, ברענגט זי אריין מזל, הא, וואָס זאָגסטו צו דעם, ציפּע?

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, נחום, אז איך גלויב ניט די גאנצע געשיכטע וואָס דו דערצעהלסט מיר! ווער וועט דיר געבען א ספר תורה און וואו וועסטו נעהמען צעהן אידען, וועלכע וועלען איינוויליגען מיט דיר צו דאווענען אויף איין מנין?

— ווייניג אידען זיינען פאראַן אויסער קיידאַן? — האָט נחום מיט א שמייכעל געזאָגט, — דו וועסט זעהן. דערווייל געה איך באלד אהין דאווענען מנחה. יא, ציפּע, איך וויל דיך בעטען א טובה. מאָרגען איז דאָנערשטאָג, וועלען מיר זיך שטעלען דאווענען גאנץ פריה, מיר וועלען לייענען די תורה, און עס איז ביי אונז א מנהג, אז נאָכ'ן דאווענען בייסט מען איבער מיט א שטיקעל לעקעך און בראנפען, וויל איך אז דו זאָלסט אָנבאקען אביסעל לעקעך און זעמעלעך.

ציפּע האָט איהם אָנגעקוקט און געקוועטשט מיט איהר פּלייצעס.

— איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען, נחום. איך האָב מורא, אז דו ביזט ניט ביים פולען פארשטאנד, אָדער דיר גלוסט זיך חוזק צו מאכען פון מיר.

— איך מאך ניט קיין חוזק פון דיר, ציפּע, איך זאָג דאָך דיר, אז דער נס איז געשעהן. איך האָב שוין א מנין אידען און א ספר תורה. מיר שטעלען זיך באלד דאווענען מנחה, און איך פארלאנג, אז דו זאָלסט אָנבאקען א היבשע ביסעל זעמעל און לעקעך. דו ווייסט דאָך, אז א פרומע אידישע ווייב טהוט תמיד דעם רצון פון איהר מאַן. הא, וועסטו דאָס טאָן פאר מיר?

— אויב איך וועל זיך איבערצייגען, אז דאָס איז אמת, אז דו האָסט ווירקליך געקראָגען א מנין און א ספר תורה דערצו, וועל איך דערפילען דיין רצון!

— האָט זיך ציפּע אָנגערופען, — אָבער איך וועל זיך פריהער מוזען איבערצייגען.

— אויב אזוי וויל איך האָבען דיין עהרען וואָרט, אז דו וועסט עס טאָן פאר מיר, און דאַן וועל איך דיר איבערצייגען. הא, וואָס זאָגסטו דערצו? וועסטו מיר געבען דיין עהרען וואָרט?

— נו, גוט, איך גיב דיר מיין עהרען וואָרט, — האָט ציפּע זיך אָנגערופען,

— דערצעהל מיר שוין פון דיין נס!... זאָג מיר וואוהין געהסטו עס באלד דאווגעז מנחה?

— איך געה דאווגעז מנחה אין דער אכסניא. דאָרטען וואַרטען שוין אויף מיר ניין חסידים!

— און פון וואנען זיינען זיי, די דאָזיגע ניין חסידים, געקומען? — פרעגט איהם ציפּע. — איך בין זיכער, אז זיי זיינען ניט קיין היגע.

— וואָס איז דער אונטערשיד? זיי זיינען אידען, זיי האָבען א ספר תורה, און מיר וועלען קענען דאווגעז... און אויב דו און דיינע עלטערען וועלען ניט זיין דאגעגען, וואָלט איך געקענט מאכען דעם מנין ביי אונז אין הויז.

— איך וועל ריידען מיט דער מאַמען, — האָט ציפּע געזאָגט, — אָבער פריהער מוזטו מיר זאָגען פון וואנען דיינע חסידים זיינען געקומען.

— נו, גוט, איך וועל דיר זאָגען, זיי קומען פון ווילנע.

— פון ווילנע?! — האָט ציפּע אויסגערופען, — זאָג מיר אקאָרשט, איז מענדעל געקומען מיט זיי?

— יא, פארוואָס זאָל איך לייקענען. מענדעל איז געקומען מיט נאָך אכט אידען, מיט א ספר תורה, און מיר וועלען אם ירצה השם דאווגען די ימים נוראים מיט אן אייגענעם מנין.

— אָה, מענדעל איז געקומען!... אויב אזוי וויל איך פון איהם ניט וויסען. ניין, איך וויל גאָר ניט האָבען צו טאָן מיט דיין מענדעל'ן!

— אָבער דו וועסט דאָך באקען די זעמעל און דעם לעקעך!

— ניין, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז אויב מענדעל איז דאָ, וויל איך גאָר ניט האָבען צו טאָן מיט איהם.

— אָבער דו האָסט דאָך מיר געגעבען דיין עהרען וואָרט! — האָט נחום איהר פאָרגעוואָרפען. — עס איז פונקט אזוי ווי דו וואָלסט געשוואָרען. דו ווילסט, חלילה, אז אונזער קינד זאָל קראנק ווערען, אויב דו וועסט ניט האלטען דיין וואָרט? דו ווייסט דען ניט וואָס פאר א זינד דאָס איז? קליינע קינדער ווערען, חלילה, קראנק צוליב אזעלכע עבירות!

דערהערענדיג פון איהר מאן אזעלכע רייד, האָט זיך ציפּע שטארק דערשראָקען. יא, זי האָט דאָך געגעבען איהר עהרען וואָרט, און טאָמער וועט זי איהם ניט האלטען, קען נאָך עפּעס פּאַסירען מיט איהר קינד, בפרט ווען זי דאַרף דאָך ווערען מוטער...

נחום האָט דערקענט אין איהר, אז דאָס האָט געהאָלפען און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— אין דער הייליגער תורה שטעהט געשריבען: "מוצא שפתיך תשמר". דאָס מיינט, אז אלץ, וואָס קומט ארויס פון דיין מויל, מוזטו אָפּהיטען. דו האָסט מיר געגעבען דיין עהרען וואָרט און דו מוזט עס האלטען. און וואָס זאָגסטו, ציפּע, וועסטו באקען לעקעך און זעמעל?

— איך וועל עס טאָן, ווייל איך וויל האלטען מיין וואָרט. אָבער זאָגען זאָג איך דיר, אז הלואי וואָלט דיין מענדעל דאָ ניט געקומען, ווייל מיין הארץ זאָגט מיר, אז קיין גוטעס וועט פון דעם ניט ארויסקומען.

— דו האָסט ניט וואָס צו זאָרגען. ער וועט דאָ פארבלייבען ביז איבער די ימים נוראים, — האָט נחום געזאָגט, — און דערנאָך וועלען זיי אלע אָפּפאָהרען פון דאנען. איך וואָלט אָבער געוואָלט, אז דו זאָלסט זיך דורכריידען מיט דיין מאַמען, און אז זי וועט איינשטימען וועט דאָך שוין דיין טאַטע ניט זיין דאגעגען... איך בעט דיך, ציפּע, רייד זיך מיט איהר איבער, איך בין זיכער אז ווען דו וועסט איהר בעטען וועט דאָך שוין דיין טאַטע צושטימען אז מיר זאָלען דאווגען דאָ, ביי אונז אין שטוב.

— וואָס! — דו ווילסט איך זאָל ארייגלאָזען אָט דעם מענדעל'ן צו אונז אין הויז?! — האָט שוין ציפּע מיט אויפרעגונג אויסגערופען, — אז ניט דערלעבען וועט ער, דער אויסוואורף, דער פּושע ישראל!

— ציפּע! ווייסטו וואָס דו רעדסט!

— האָט נחום אויף איהר א געשריי געטאָן, — ווי אזוי וואגסטו צו ריידען אזוי וועגען מענדעל'ן, דעם חסיד, וועלכער איז מיין ליעבסטער פריינד!

— אז אָך און וועה איז צו אייך ביידען, אויב ער איז שוין דיין פריינד!

— האָט ציפּע מיט כעס געזאָגט, — מיין גאנצער אומגליק שטאמט דאָך פון איהם, ווען דו וואָלסט איהם ניט געטראָפען, וואָלט דאָך איצט אלץ אנ־

דערש געוועזן! ניט געדאכט זאָל ער ווערן, דער עבודה זרה'ניק!

— איך פאַרבאָט דיר אזוי צו ריידן וועגן מענדעל'ן! — האָט נחום זיך נאָך שטאַרקער צעשריען, — אויב דו וועסט ניט צומאכן דיין מויל, וועל איך דאָ מעהר ניט בלייבן מיט דיר! איך וועל אינגאנצן אוועקגעהן פון דאַנען.

ציפּע האָט זיך שטארק דערשראָקן ווען זי האָט געהערט אזעלכע רייד פון נחום'ן. מעהר וואָלט איהר ניט געפעהלט צו איהר אומגליק, אז נחום זאָל איצט איהר ווידער איבערלאָזען אליין... זי האָט אויפגעשוידערט פון דעם געדאנק.

— דו דאַרפסט אויף מיר ניט ווערן אין כעס, נחום! — האָט זי געזאָגט, — איך האָב גאָרניט געמיינט. מיר דוכט זיך, אז איך האָב א רעכט צו זיין אין כעס אויף מענדעל'ן, ווייל ווען ניט ער, וואָלסטו דאָך איצט ניט געהאט צו טאָן מיט חסידות, און איך וואָלט ניט געוואוסט פון מיינע צרות!

— דאָס איז ניט אמת, — האָט נחום געזאָגט, — ווען ניט מענדעל, וואָלט איך שוין לאנג ניט געווען צווישען די לעבעדיגע... ער האָט מיר גענגעבען מוטה און האָפענונג... ווען ניט ער וואָלט איך שוין געשטאָרבען פון די צרות, אָדער איך וואָלט זיך איצט ארומגעוואלגערט... ער איז געווען מיין העלפער, און דאריבער בין איך איהם דאנקבאר פאר אלץ וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר... און דו האָסט קיין רעכט ניט איהם צו שילטען... דו זעהסט דאָך וואָס ער טהוט איצט פאר מיר!... איך האָב איהם געשריבען א בריף און אויסגעשריבען וועגען מיינע צרות מיט די גבאים פון בית המדרש, אז איך וועל ניט קענען דאַוונען אין בית המדרש ראש השנה און יום כפור, האָט ער געבראכט אהער מיט איהם נאָך אכט חסידים, ער האָט אויך געבראכט א ספר תורה און איצט ווע־לען מיר קענען האָבען אן אייגענעם מנין. איצט דאַרפסטו זיך איבעררײדען מיט דיינע עלטערען און מיר וועלען האָבען דעם מנין ביי אונז אין שטוב. פארוואָס זאָל מענדעל דאַרפע צאָה־לען דעם בעל אכסניה פאר'ן צי־מער?!...

— דאָס קען איך דיר ניט צוזאָגען! מעהר ווי דאָס פעהלט אונז ניט, מיר זאָלען אריינגעהמען די גאנצע כאַ־ליאסטרע ביי אונז אין שטוב... וואָס וועט מען ריידען אין שטאָט וועגען דעם?!

— וואָס וועט מען ריידען? גאָר־ניט! וואָסי, עס איז דען א שאנדע צו זיין א חסיד.

— איך ווייס ניט, נאָר איך האָב גע־הערט וואָס דער ווילנער גאון האָט געזאָגט וועגען חסידות, און ביי מיר איז זיינם א וואָרט א סך טייערער ווי מענדעל'ס.

די צרה מיט די רבנים און די גאונים איז, אז זיי זיינען אָדער בלינד און זעהען ניט די חסידות ווי עס באַ־דאַרף צו זיין, אָדער זיי זיינען אזוי פאר'עקשנ'ט אז זיי ווילען ניט צוגעבען דעם אמת.

— נאָר דו און מענדעל זיינען דאָס די זעהענדיגע און די קלוגע, — האָט ציפּע זיך אָנגערופען, — די גאנצע וועלט איז בלינד, די גאנצע וועלט איז משוגע, נאָר איין מענדעל, וועלכער געהט איבער די גאסען און קוליעט זיך, און מאכט פארשידענע משוגענע שטיק בעת ער דאַוונט, ער איז דער איינציגער קלאָרער.

— ער איז ניט דער איינציגער!

— אזוי, ער האָט נאָך עטליכע משוגעים צו זיך!

— נו, גענוג צו טענה'ן, — האָט נחום זיך א בייזער געטהאָן, — דו האָסט מיר צוגעזאָגט אז דו וועסט באַ־קען די זעמעל און לעקאך, און איך האָף אז דו וועסט האַלטען וואָרט.

— איך וועל האַלטען וואָרט! אָבער איך ווייס אז די מאמע וועט זאָגען, אז איך בין א נאר וואָס איך טהו עס פאר דיר און פאר דיין מענדעל'ן...

— דו וועסט נאָך זעהן א. דו וועסט ביי איהר פּועל'ן אז מיר זאָלען האָ־בען אונזער מנין ביי אונז אין שטוב, — האָט נחום געזאָגט, — אלץ וואָס דו דאַרפסט איהר זאָגען, אז א ספר תורה אין שטוב ברענגט מזל.

— איי, מזל, מזל! וואו נעהמט מען א ביסעלע מזל! מיין שוועסטער

שפרה אָהן עיז הרע האָט עס מזל! זי האָט גענומען א פיינעם יונגען מאַן, א פּאַרדינער, עס איז דאָך א מחיה מיט איהם צו ריידען, און וואָס האָב איך? א חסיד האָב איך, א חסיד וועלכער וויל איבערקעהרען די וועלט מיט דעם קאָפּ אראָפּ און מיט די פּיס ארויף...

— דו וועסט נאָך זעהן, ציפּע, אז גאָט וועט געבען און מיר וועלען נאָך אַלע גליקלעך זיין. זעהסטו דען ניט אז א נס איז געשעהן? יאָ, ערשט נעכטען האָב איך ניט געוואוסט וואָס איך וועל טהאָן וועגען דאווגען ראש השנה און יום כפּור. דו ביזט געווען פאַרזאָרגט, דער שווער און שוויגער זיינען געווען פאַרזאָרגט... דער שווער, זאָל געזונט זיין, האָט אפילו פון מיר געמאכט חוזק. ערשט מיט עטליכע טעג צוריק האָט ער דאָך מיט שפּאַס געזאָגט צו מיר, אז אפשר וועט דער בעל שם מיר צושטעלען א ספר תורה דורך א נס... נו, וועל איך איהם איצט באווייזען אז דער בעל שם האָט טאקע מיט מיר א נס געטאָן... ער האָט מיר געשיקט זיין שליח, מענדעל, און ער האָט מיר געבראכט א ספר תורה און א מנין אידען צו קענען דאווגען באזונדער און ניט דארפען אָנקומען צו די גבאים וועלכע מיינען אז אָהן זיי וועל איך זיין געצוואונגען צו דאווגען פאר זיך אום די ימים נוראים...

נחום איז אוועק אין דער אכסניה וואו מענדעל און די איבעריגע האָבען שוין אויף איהם געווארט. ער איז געווען פרעהליך און געזאָגט מענדעל'ן און די חסידים וועלכע זיינען געקומען מיט איהם, אז מאָרגען אין דער פריה וועט ער האָבען לעקאַך און בראָנפען נאָכ'ן דאווגען.

ציפּע האָט דערווייל ניט געווארט אויף איהר מוטער'ס קומען פון קראָם און זי האָט זיך געשטעלט באקען די זעמעל און לעקאַך.

ווען די מאמע איז געקומען אהיים און געזעהן אז איהר טאָכטער האָט פאַרקאָנטען א טייג פאר זעמעל, האָט זי איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— וואָס באדייט דאָס, ציפּע, וואָס איז היינט פאר א יום טוב? — האָט זי איהר געפרעגט.

— א יום טוב! — האָט ציפּע אויסגערופען, — היינט איז א יום טוב ביי מיין טייערע מאַן. דו ווייסט דאָך ניט וואָס עס איז געשעהן! מיר האָבען דאָך דאָ א גאָר גרויסען גאַסט! א קליינינגקייט, מענדעל איז דאָך דאָ!

— וואָס רעדסטו, מיין טאָכטער?

— יאָ, מאמע, מענדעל, דער וועלכער האָט אויף מיר געבראכט דעם אומגליק מיט נחום'ס חסידות, איז געקומען.

— טפו זאָל ער ווערען! אָט פאר דעם מענדעל'ן געהסטו באקען לעקאַך?

— נו, אזוי האָט זיך מיין מאַן פאַרוואָלט. אז ניט וועט ער מן הסתם אין גאנצען אוועקגעהן. פרעג שוין ניט וואָס איך האָב געהאט דאָ מיט איהם.

— אויב אזוי, ביזטו א גרויסער נאר, מיין טאָכטער! — האָט די מאמע איהר געזאָגט, — איך וואָלט איהם שוין געבאַקען לעקאַך מיט זעמעל!

— פאַרשטעהסטו, מאמע, מענדעל איז אהער געקומען מיט נאָך חסידים. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך נחום צעגויפגעשריבען מיט איהם און איהם געלאָזט וויסען אז ער וועט ניט האָבען וואו צו דאווגען ראש השנה און יום כפּור, איז מענדעל אהער געקומען מיט זיין אייגענעם מנין, מיט א ספר תורה און זיי וועלען זיך שטעלען דאווגען אין אכסניא.

— וואָס זאָגסטו צו דעם! — האָט די מאמע זיך אָנגערופען ווען ר' אשר איז אריין אין הויז.

— וואָס איז שוין ווייטער געשעהן?

— האָט ער געפרעגט מיט שרעק.

— נחום האָט מיר געזאָגט, אז דער נס איז געשעהן, אז ער האָט שוין געקראָגען א ספר תורה און א מנין אידען, — האָט ציפּע געזאָגט.

— ווייס איך וואָס! — האָט ר' אשר אויסגערופען, — מאלע וואָס נחום פּלוידערט.

— עס איז אמת, טאטע! — האָט ציפּע אויסגערופען, — ער האָט געשריבען צו מענדעל'ן, און ער איז געקומען מיט נאָך אכט אידען מיט א ספר תורה, און ער איז שוין איצט אוועק אהין דאווגען מנחה מיט א מנין.

— און גיב נאָר א קוק און זעה וואָס ציפּע טוט! — האָט די מאמע

זיך אָנגערופֿען צום טאַטען, — זי באַקט דאָך לעקאַך און זעמעל פאַר זיינע טייערע געסט.

— וואָס זאָל איך טאָן, אז איך האָב איהם שוין צוגעזאָגט! — האָט ציפּע זיך אָנגערופען, — איהר פאַרשטעהט, ער האָט מיר געזאָגט, אז דער נס איז געשעהן, אז ער האָט שוין א ספר תורה און א מנין, און ער פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל אָנבאַקען א היבש ביסעל לעקאַך מיט זעמעל, האָב איך געמיינט, אז ער מאַכט עס חוזק פון מיר. זאָג איך איהם, אז אויב ער וועט מיר איבערציינגען, אז דאָס איז אמת, וועל איך באַקען. האָט ער ביי מיר געבעטען איך זאָל איהם געבען מיין עהרען וואָרט, האָב איך איהם געגעבען, דערצעהלט ער מיר, אז מענדעל און א כאַפּטע חסידים זיינען אהער געקומען און זיי שטעהען איין אין אכסניא. נו, שטעלט זיך פאָר, אז ווי נאָר איך האָב געהערט "מענדעל" האָב איך שוין ניט געוואָלט וויסען פון איהם, האָט ער מיר געזאָגט, אז איך האָב איהם געגעבען מיין עהרען וואָרט, און איצט דאַרף איך עס טאָן.

— איך האָב מורא, אז עס וועט זיך נאָך דאָ טאָן, — האָט ר׳ אשר געזאָגט.

—זיי וועלען דאָך קיינעם ניט טשעפּען, — האָט ציפּע געזאָגט, — טאָ פארוואָס זאָל עס זיך עס טאָן? !... זיי האָבען זייער אייגענעם מנין, זייער אייגען ספר? !

— הלואי זאָל איך ליגען זאָגען. עס וועט זיך דאָ טאָן, בפרט איצט, אז אלע וויסען וואָס דער ווילנער גאון האָט געזאָגט וועגען חסידים און וועגען זייערע שטיק, אָבער מילא, וואָס קאָנען מיר טאָן! אפשר וועט נחום איהם וואָרענען, אז ער קאָן ניט מאַכען דאָ קיין ווילדע שטיק און אלץ וועט פאַראיבער רוהיג.

— נחום זאָגט מיר, אז זיי וועלען דאָ פארבלייבען ביז איבער די ימים נוראים, און גלייך נאָכדעם וועלען זיי אוועק פון דאַנען.

— אויב זיי וועלען האָבען שכל וועלען זיי זיך אָפּטראָגען אין צייט, — האָט ר׳ אשר זיך אָנגערופען, — אז ניט וועלען זיין צרות!

— איהר ווייסט נאָך וואָס ער האָט פון מיר פארלאַנגט, — האָט ציפּע געזאָגט, — ער האָט מיך געבעטען איך זאָל זיך דורכריידען מיט אייך ביידען און אייך בעטען איהר זאָלט איהם ערלויבען צו מאַכען דעם מנין ביי אונז אין שטוב.

— א נייע משוגעת, — האָט ר׳ אשר אויסגערופען, — ניין, דאָס איז אויסגעשלאָסען! ביי אונז אין שטוב וועט ער ניט קאָנען האָבען קיין חסידישען מנין.

— דאָס האָב איך איהם אויך געזאָגט, אָבער ער האָט מיר געזאָגט פארוואָס זאָל מען דאַרפען צאָהלען געלט דעם בעל אכסניא פאַר דעם צימער. ער וועט מאַכען דעם מנין ביי אונז און איינשפּאָרען געלט. אויסער דעם, זאָגט ער, אז א ספר תורה אין הויז איז זעהר מזל׳דיג...

— יא, עס איז אפילו אמת, — האָט די מאַמע זיך אָנגערופען, — א ספר תורה אין א הויז ברענגט גליק.

— ווער ווייסט, אפשר ..ען די ספר תורה וועט זיין ביי אונז וועט זיך מיין ביטערער מזל ענדערען צום בעסערען, — האָט ציפּע געווישט איהרע אויגען.

— רייד ניט קיין נארישקייטען, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — איך וועל בשום אופן ניט דערלאָזען, אז ביי מיר אין שטוב זאָל זיין א חסידישער מנין. מעהר ווי דאָס פעהלט מיר ניט. מען לאַכט דאָך געננג אין די הוי־פענס פון אונז וואָס מיר האָבען דערלאָזט, אז נחום זאָל געהן אזוי ווייט, א. ער זאָל קריכען אויף די גלייכע ווענט... זאָל ער דאָרט איינשטעהן אין דער אכסניא. וואָס דאָרט וועט אָנגעהן וועט מיך גאָרניט קימערען.

נאָך מעריב האָט זיך נחום אומגעקעהרט פון מנין. ער האָט שוין געטראָפען זיין שווער, וועלכער האָט זיך אויך נאָר־וואָס אומגעקערט פון בית המדרש פון דאַווענען מעריב.

— איך האָב געהערט, אז דו האָסט וויכטיגע געסט! — האָט ר׳ אשר זיך צו נחום׳ן געווענדעט מיט א ביסעל חוזק.

— נו, ווער איז גערעכט, שווער? האָב איך אייך ניט געזאָגט, אז איך וועל ראש השנה און יום כפור ניט

דאווענען אהן א מנין. נו, איצט זעהט איהר, אז איך בין גערעכט!

— נו, יא, נאר אזא משוגענער ווי מענדעל קאן דאס טאן, — האט ר' אשר א שמייכעל געטאן, — איך וועל דיר זאגען דעם אמת, נחום, איך וויים טאקע ניט פון וואנען ער האט גענומען אזוי פיל געלט, סיידען דער בעל שם דיינער האט איהם דאס געגעבען.

— איהר מיינט, שווער, אז אויב איהר גלויבט ניט אין בעל שם, זיינען שוין ניטא קיינע אנדערע אידען! לאמיר אייך זאגען, אז עס זיינען פאראן אידען, לומדים, און גרויסע גבירים, וועלכע געהן פאר'ן בעל שם אין פייער און אין וואסער. זיי וועלען אוועקגעבען פאר דעם צוועק פון חסידות זייער גאנצען פארמעגען. איך האב שוין אמאל דערצעהלט ציפע'ן וועגען איינעם א גרויסען גביר פון מעזשיבוזש, וועלכער איז געווען א מתנגד און פלעגט חוזק מאכען פון בעל שם פונקט ווי איהר אלע טוט עס דא, און אין ווילנע, אבער עס איז ניט פאראיבער א שטיקעל צייט און דער גביר, דער מתנגד האט זיך געענדערט און ער איז דער גרעסטער אנהענגער פון ר' ישראל בעל שם טוב... ווייסט איהר פארוואס? ווייל ער האט געזעהן, אז דער בעל שם באווייזט נסים.

— און דו ביזט דארט געשטאנען דערביי און צוגעזעהן מיט דיינע אויגען? — האט ר' אשר געלאכט.

— נו, איך זעה, אז איהר ווילט ניט גלויבען, אויב אזוי קאן איך אייך זאגען, אז אט דערזעלבער גביר, דער געוועזענער מתנגד, האט צוגעשיקט צו מענדעל'ן פיר הונדערט גילדען צו העלפען איהם פארשפרייטען חסידות, און אז מען וועט דארפען וועט ער שיקען נאך געלט.

— און מיט וואס ביזטו עס אזוי זיכער, אז דאס וואס מענדעל דערצעהלט דיר איז תורת לאקשען?! — האט ר' אשר געלאכט.

— איך בין זיכער, און איהר קאנט דאך זעהן, אז ער שיקט איהם געלט, עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט. אלע ווייסען ווער דער ר' קלמן איז געווען, יעדער איינער האט איהם געקענט פאר אן עהרליכען סוחר, א פארברענטער מתנגד, און איצט ווייסען אלע, אז ער איז דער שטארקסטער אנהענגער פון בעל שם טוב. ער לאזט זיך קאסטען אוצרות מיט געלד! דעריבער זאג איך, אז ווען די אלע מתנגדים, די רבנים וועלכע מאכען חוזק פון בעל שם און פון די חסידים, זאלען האבען א געלעגענהייט זיך צו טרעפען מיט'ן בעל שם פנים אל פנים און זעהן די נסים מיט די אויגען, וואלטען זיי שוין אויך געווארען זיינע שטארקע אנהענגער.

— נו, מילא, לאמיר מער דערפון ניט ריידען, נחום, אבי דו וועסט האבען וואו צו דאווענען ראש השנה און יום כפור, — האט ר' אשר געזאגט, — איך האף נאר אז אין די הייליגע טעג וועסטו און דיין מענדעל מיט די אנדערע חסידים האבען אביסעל מער דרך ארץ בעת דעם דאווענען.

שפעטער ווען נחום איז פארבליבען אליין מיט ציפע'ן האט ער זיך צו איהר געווענדעט:

— נו, ציפע, האסטו גערעדט מיט דיין מאמע וועגען דער געלעגענהייט צו מאכען דעם מנין ביי אונז אין שטוב?

— יא, איך האב גערעדט מיט ביידען, מיט דעם טאטען און מאמען און מיין טאטע וויל פון דעם ניט הערען. ער זאגט, אז ער וועט זיין הויז ניט מאכען פאר א חסידיש שטיבעל.

— אבער איך האב דיך געבעטען אז דו זאלסט פריער זיך דורכריידען מיט דיין מאמען און אז דו וואלסט ביי איהר גע'פועל'ט, וואלט שוין דיין טאטע געמוזט איינשטימען!

— איך האב דיר גארניט צוגעזאגט, — האט ציפע געזאגט, — אליז וואס איך האב דיר צוגעזאגט איז, אז איך וועל באקען לעקאך און זעמעל, און דאס האב איך געטאן. איך האב אנגעבאקען גענוג לעקאך און זעמעל אז עס זאל קלעקען פאר צוויי מנינים אידען.

— זעהר גוט האסטו געטאן, — האט נחום געזאגט, — און איצט וועל איך דארפען מיטנעמען א פלאש בראנפען. איך וועל זעהן אז זיי זאלען קיין סך ניט טרינקען, בלויז צוביסלעך וועלען זיי נעמען.

ציפּע האָט אריינגעלייגט די זעמעל און דעם לעקאך אין א קאָשיקעל, און אויף מאָרגען, איז נחום אויפגעשטאַנען זעהר פרי און ער האָט מיטגענומען די זעמעל און דעם לעקאך מיט א פלאַש בראָנפּען און עטליכע קעלישעקלאך, און ער איז אוועק צו דער אכסניא צו דאַווענען דאָרט מיט'ן מנין.

נאָכ'ן דאַווענען האָט ער יעדען פון די מתפּללים געגעבען א שטיק לעקאך אָדער זעמעל, או,ן אביסעל שנאַפּס.

דאָס דאַווענען איז געווען ווי אלע מאָל זעהר טומעלדיג, און דער בעל אכסניא איז אריינגעקומען נאָכ'ן דאַווענען זיי בעטען אז זיי זאָלען ניט מאַכען קיין צו גרויסען טומעל. די חסידים האָבען איהם ארומגערינגעלט, און איהם דערלאַנגט א שנאַפּס און איהם געבעטען ער זאָל מיט זיי מיטטרינקען. ער האָט געטרונקען און פאַרגעסען צוליב וואָס ער איז צו זיי אריינגעקומען.

באלד אָבער האָט צווישען די חסידים אליין אויסגעבראָכען א שטיקעל מחלוקת. די געשיכטע איז אזוי געווען. נחום האָט דערציילט מענדעל'ן אז ער קען ניט ערווארטען אז איינער פון די קיידאַנער אידען זאָלען קומען דאַווענען מיט זיי.

— מיר דאַרפען זעהר טייער האלטען די חסידים וועלכע זיינען געקומען מיט אונז, ווייל אויב חלילה איינער וועט ניט געזונט ווערען, דאַן וועלען מיר ניט קענען האָבען קיין מנין. האָט עס איינער פון די געוואָרענע חסידים, וועמען מענדעל האָט געבראַכט פון ווילנע געהערט, און ער האָט זיך איינגעשפּארט אז ער וויל פאָרען צוריק קיין ווילנע.

— וואָס הייסט דו וועסט פאָרען צוריק?! — האָט אויף איהם מענדעל זיך א בייזער געטאָן, — דו זעהסט דאָך אז איך האָב אויסגעגעבען אויף דיר אזוי פיל געלט אויף הוצאות...

— נו, איז וואָס? — האָט יענער געענטפערט, — עס פעלט אייך דען געלט!

— אָבער מיר האָבען דאָך בלויז דריי טעג צו ראש השנה, וואָס וועלען מיר טאָן? מיר וועלען דאָך ניט קענען קריגען קיין צענטען!

— טאָ וואָס קימערט מיך דאָס! — האָט יענער געזאָגט — אייך קימערט דען וואָס איך האָב צוויי עלטערע מוידען און איך האָב אפילו קיין פּרוטה ניט אויף נדן פאר זיי!

— אָ, איך פאַרשטעה, — האָט מענדעל אויסגערופען, — דו ווילסט עטליכע גילדען מער.

— נו, איז וואָס? איז עס אן עולה! — האָט ער אויסגערופען, — אויב ניט איצט, טאָ ווען דען וועל איך קענען עפּעס קריגען פאר די מוידען!

מענדעל האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אויב ער זאָל איהם געבען מער געלט, וועלען דאָך די אנדערע אויך פאַרלאַנגען מער, און דאַן וועט דאָך ניט קלעקען אפילו ביז איבער די ימים נוראים. ער האָט גלייך אריינגערופען נחום'ען און זיך צו איהם אָנגערופען:

— דו ווייסט ניט וואָס פאר א צרה מיר האָבען אויף זיך גענומען. איך האָב געקראָגען א אידען א מוליער, וועלכער פלעגט קומען דאַווענען אין דעם חסידיש שטיבעל, געוויינליך האָט ער דאָס פון אָנפאַנג געטאָן צוליב דעם טרונק בראָנפען וואָס ער פלעגט קריגען יעדען פרימאָרגען נאָכ'ן דאַווענען. ווען איך האָב געפרעגט ווער עס וויל מיט מיר מיטפאָרען קיין קיידאַן, איז ער געווען פון די ערשטע וועלכע האָבען זיך אָנגערופען. איך האָב דאַן אויסגעקליבען אכט חסידים. איך האָב זיי געזאָגט אז איך נעם זיי מיט קיין קיידאַן אויף מיינע הוצאות, ביז איבער יום כפּור, איך וועל זעהן אז זיי זאָלען האָבען צו עסען און וואו צו שלאָפען, און דערצו וועל איך יעדען איינעם צוריקשיקען קיין ווילנע, און איהם נאָך געבען פינף גילדען אלס א באַלוינונג. איצט פאַרשטעה איך, אז דער מוליער פאַרלאַנגט נאָך געלט, אז ניט סטראַשעט ער, אז ער וועט אונז איבערלאָזען און ער וועט צוריקפאָרען קיין ווילנע. זאָג מיר, נחום, וואָס זאָל איך טאָן? ערשטענס ווייס איך ניט וויפיל ער וועט פאַרלאַנגען, און צווייטענס, ווען די אנדערע וועלען דערהערען אז איך גיב איהם מער דאַן וועט יעדער איינער פאַרלאַנגען איך זאָל

איהם געבען מער געלט. און וואו וועלען מיר עס נעמען?

— לאמיר אקארשט הערען וויפיל ער וויל! — האט נחום געזאגט.

זיי האבען אריינגערופען דעם מוליער און נחום האט זיך צו איהם געווענדעט:

— זאג מיר, וויפיל פארלאנגסטו אום דו זאלסט איינוויליגען דא צו פארבלייבען?

— המ... איך האב צוויי טעכטער חתונה צו מאכען, די צייטען זיינען שלעכטע... מילא, די אינגערע קען נאך ווארטען אביסעל, אבער די עלטערע איז שוין א כלה, און עס פעלט מיר א פופציג גילדען כדי דער שידוך זאל דורכגעפירט ווערען.

— אלץ וואס דו קענסט ביי מיר באקומען איז נאך פינף גילדען צו די פינף וואס איך האב דיר צוגעזאגט.

— א, ניין, דאס וועט מיר ניט קלעקען, — האט דער מוליער געזאגט, — איך מוז אמווייניגסטענס האבען פופציג גילדען!

— אויב אזוי קענט איהר צוריקפארען, ר' איד! — האט זיך נחום אנגערופען.

— אבער, נחום, וואס וועלען מיר טאן, מיר וועלען דאך ניט האבען קיין מנין.

— זארג ניט, מענדעל, אויב עס וועט האלטען דערביי אז עס וועט אונז פעלען איינער צום מנין, וועל איך זעהן אז מיין שווער זאל מיט אונז דאווענען. ער וועט עס טאן פאר מיר. דו זעהסט דאך, אז ביי מיר אין הויז האבען זיי געבאקען די זעמעל און דעם לעקאך, מיין שווער וועט אונז ניט איבערלאזען אהן א מנין, און על פי הדחק, וועל איך קענען קריגען פאר צען גילדען איינעם פון די ארימע לייט... ער וועט זיך שעצען גליקליך אז מיר וועלען איהם אנבאטען צען גילדען. יא, ר' איד, איהר קענט פארען געזונטערהייד!

— איך וועל פארען, אבער איהר וועט מיר דארפען געבען די פינף גילדען וואס איהר האט מיר צוגעזאגט, און אויך באצאלען דעם פורמאן פאר'ן צוריקברענגען מיך קיין ווילנע.

— איך האב דיר צוגעזאגט צו געבען די פינף גילדען נאך יום כפור, ווען דו וועסט האבען מיט אונז געדאווענט. אבער איצט אז דו ווילסט פארען צוריק איידער דו האסט דורכגעפירט דיי: פליכט, באקומסטו קיין גראשען ניט.

— איך וועל ניט שווייגען, — האט זיך דער מוליער גענומען קאכען, — איך וויל מיין געלט. ווען איך וואלט פארבליבען אין ווילנע וואלט איך דאך עפעס פארדינט.

מענדעל האט איינגעזעהן אז ער וועט איהם נאך מאכע' א סקאנדאל, און דאן וועט ער נאך האבען צרות אויך מיט די אנדערע, האט ער זיך דאריבער צו איהם געווענדעט:

— דו ווייסט דאך אז מיר חסידים דארפען לעבען צווישען זיך בשלום, איך וועל דיר געבען פינף און צוואנציג גילדען, אבער בתנאי אז דו זאלסט קיינעם פון דעם ניט זאגען.

— גוט, — האט דער מוליער געזאגט, — גיט מיר די פינף און צוואנציג גילדען איצט.

— א, ניין, איך וועל עס ניט טאן. — האט מענדעל געזאגט, — וואס וועל איך טאן אז ווען דו וועסט שוין אריינקריגען דאס געלט, און דאן וועסטו ניט וועלען פארבלייבען?

— וואס? איהר האט מורא צו געטרויען! איך בין אן ערליכער איד!

— דו האסט דאך אבער פריער איינגעשטימט אויף מיינע באדינגונגען, און איצט האסטו חרטה, קען דאך פאסירען, אז דו וועסט ווייטער חרטה האבען!

— ווייסטו גאר וואס! — האט נחום זיך אנגערופען, — איצט וועסטו באקומען די פינף גילדען וואס דו האסט געזאלט באקומען נאך יום כפור, און מוצאי יום כפור וועסטו באקומען די איבריגע צוואנציג גילדען.

— אז איהר געטרויעט מיר ניט, וויל איך אייך אויך ניט געטרויען, — האט דער מוליער געזאגט, — אפשר וואלט געווען א פלאן אז איהר זאלט איינליגען דאס געלט ביים בעל אכסניא און איהר וועט איהם הייסען מיר אפגעבען דאס געלט מוצאי יום כפור.

— אָבער איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז איך וויל ניט אז אימיצער זאָל פון דעם וויסען, — האָט מענדעל געזאָגט, — דו מעגסט מיר געטרויען, א חסיד וועט קיין ליגען ניט זאָגען.

— אויב איהר גיט מיר אייער עהרן־וואָרט אז איהר וועט מיר מוצאי יום כפור אָפּגעבען די פינף און צוואַנציג גילדען, פארבלייב איך דאָ, — האָט דער מוליער אויסגערופען.

— נו, גוט, איך גיב דיר מיין עהרען וואָרט, אָבער בתנאי אז דו וועסט מיר שווערען קיינעם ניט צו דערציילען וועגען דעם.

— איך שווער! — האָט דער מוליער געזאָגט, און זיין פּנים האָט געלויכטען פון גליק, — א קליינינקייט אזא מטמון האָט ער נאָך אין זיין גאַנצען לעבען ניט אָנגעזעהן... פינף און צוואַנציג גילדען וועט ער באקומען!... ער האָט זיך פאַרגעשמועסט ווי אזוי זיין ווייב און טאָכטער וועלען איהם אויפנעמען ווען זיי וועלען זעהן אז ער קומט אהיים מיט אזוי פיל געלט. דער שידוך וועט שוין טאַקע דורכגעפירט ווערען. זאָל זיין ווייב זעהן אז ער איז גאָרניט קיין לא יוצלח, ער וועט איהר דערציילען ווי אזוי ער האָט ארויסגעקראָגען דאָס געלט פון איהם.

ווען דער מוליער איז ארויס פון צימער, האָט איהם נחום געפרעגט, פארוואָס ער האָט אזוי שנעל איהם נאָכגעגעבען.

— דו מעגסט רוהיג זיין, אז ער וועט שוין זיין געלט ניט קריגען, — האָט מענדעל זיך אָנגערופען.

— וואָס הייסט, דו האָסט דאָך איהם געגעבען דיין עהרען וואָרט אז דו וועסט איהם אָפּגעבען דאָס געלט מוצאי יום כפור — האָט נחום געזאָגט,

— איך וועל טאַקע האַלטען מיין וואָרט, — האָט מענדעל געזאָגט, — איך וועל איהם אָפּגעבען די פינף און צוואַנציג גילדען מוצאי יום כפור, אָבער ווען ער וועט זיך אויפכאַפּען אויף מאָרגען אין דער פרי וועט ער קיין געלט ניט האָבען... איך האָב שוין ערפאַרונג מיט אזעלכע חכמים... איך האָב פיינט אזעלכע אידען וועלכע וועלען פארקויפען זייער חסידות פאר א טאָפּ לינזען.

— אָבער ווי אזוי וועסטו ארויסבאקומען פון איהם דאָס געלט צוריק?

— פרעגט איהם נחום.

— אלץ וואָס איך וועל דארפען, איז דערצעהלען דעם צווייטען חסיד, וועלכער געפינט זיך מיט איהם אין איין צימער, וואָס ער האָט מיר אָפּגעטאָן, און ער וועט שוין דורך דער נאכט פון איהם ארויסבאקומען דאָס געלט צוריק.

נחום האָט א שמייכעל געטאָן, און מענדעל האָט צוגעגעבען:

— אזעלכע חסידים דאַרף מען גוט אָנלערנען.

— עס איז זעהר גוט, וואָס דיר איז איינגעפאלען אזא פּלאַן, — האָט נחום געזאָגט, — ווער ער לאָזט אונז איבער אליין וואָלטען מיר געהאט גענוג צרות איידער מיר וואָלטען באקומען אן אנדערען אויף זיין פּלאַץ.

— אָבער דו האָסט דאָך געזאָגט אז דיין שווער וואָלט איינגעשטימט צו קומען דאווענען אהער?

— דאָס האָב איך געזאָגט אין זיין געגענוואָרט כדי ער זאָל ביי זיך ניט זיין אזוי איינגעשפּארט, — האָט נחום געזאָגט, — אָבער אין דער אמת'ען, וואָלט מען מיין שווער ניט געקענט ברענגען אהער אפילו ווען מען שיט איהם אָן מיט גאָלד. איך האָב דאָך ביי איהם ניט געקענט פּועל'ן אז ער זאָל אונז ערלויבען צו האָבען דעם מנין ביי אונז אין שטוב.

באַלד איז אויף מענדעל'ן געקומען נאָך א צרה. ווי נאָר די וואָך איז פאַראיבער זינט זיי האָבען געדונגען ביי דעם בעל אכסניא דעם צימער צו דאווענען, און מענדעל האָט איהם באַצאָלט פאר א צווייטע וואָך, האָט דער בעל אכסניא זיך ענטזאגט צו נעמען דאָס געלט.

— איהר וועט זיך מוזען אויפזוכען אן אנדער פּלאַץ וואו צו דאווענען, — האָט דער בעל אכסניא זיך אָנגערופען צו מענדעל'ן, — ביי מיר קענט איהר ניט דאווענען. איך וויל ניט מאכען מיין אכסניא פאר א חסידיש שטיבעל.

אלע טענות פון מענדעל'ן און

נחום'ן האָבן ניט געהאָלפֿן. דער בעל אכסניא איז געווען פֿאַר'עקשנ'ט. ווי עס ווייזט אויס, האָט מען איהם געגעבען א רמז אַז די אידען פון קיידאַן וועלען ניט דערלאָזען אז די חסידים זאָלען אריינשטעלען א פּוס אין זייער שטעטעל.

— וואָס וועט איצט זיין? — האָט מענדעל זיך אָנגערופען צו נחום'ען, — מיר מוזען קריגען א פּלאַץ צו דאווענען. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלען אז דאָ אין קיידאַן זאָלען די מתנגדים זיין פּונקט אזוי פארביסען ווי אין ווילנע.

— אין דער קורצער צייט וואָס איך געפין זיך אין קיידאַן, זינט איך בין פון „יר אווע„ האָב איך זיך גענוג אָנגעליטען. איך קען ניט פאַרשטעהן ווי אזוי אידען זאָלען קענען זיין אזוי פאר'עקשנ'ט... פארוואָס ווילען זיי ניט פארשטעהן און פארוואָס זעהען זיי ניט דאָס גוטע אין חסידות?!... — האָט נחום אויסגערופען, — פארוואָס ווילען זיי ניט הערען ווען מען דערציילט זיי וואָס חסידות באַדייט פאר אונזער גאנצען פאָלק?

— אָט דאָס האָב איך דאָך גע'טענה'ט מיט פילע פון די רבנים און לומדים פון ווילנע. איך האָב זיי געבראכט א ביישפּיל פון ר' קלמנ'ען, וועלכער איז אויך געווען אן עקשן פאר א לאנגער צייט און ער האָט זאָגאר אָפּגע'חוזק'ט פון בעל שם, און אין דער נוצליכקייט פון חסידות. איך האָב גראד געטראָפען א רייכען אידען, א ווילנער סוחר וועלכער קען זיך זעהר גוט מיט דעם ר' קלמן, און ווען איך האָב איהם דערציילט אז ר' קלמן איז געוואָרען א פארברענטער חסיד, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט גלויבען. ער האָט געזאָגט אז אויב ר' קלמן איז געוואָרען א חסיד, וועט ער דאן אויך פאָרען צום בעל שם טוב, און זעהן זיך באקענען מיט חסידות. נו, טרעף וואָס איך האָב געטאָן? איך האָב אוועקגעשיקט א בריף צו ר' קלמנ'ען און איהם עס אַלץ אויסגעשריבען, און איהם געבעטען אויב מעגליך זאָל ער מאכען א רייזע קיין ווילנע.

— גלויבסטו אז ר' קלמן וועט עס טאָן? — פרעגט איהם נחום.

— פאר אן אמת'ען געטרייען חסיד איז קיין זאך ניט צו שווער צו טאָן, — האָט מענדעל געזאָגט, — און העסטו, נחום, הלואי קומט ער אָז אין ווילנע, וואָלט ער דאָרט שוין אויפגעטאָן א סך מעו ווי מיר. פאַרשטעהסטו מיך, ר' קלמן איז ערשטענס אליין א גרויכער למדן, דערצו איז ער א געוועזענער מתנגד און על כולם איז ער א גרויסער גביר, א באַוואוסטער סוחר, ווערעמס א וואָרט האָט א סך צו זאָגען... נו, אז ער וועט דערציילען דאָרט אין ווילנע וועגען די נסים פון בעל שם טוב וואָס ער אליין האָט געזעהן מיט זיינע אויגען, וועלען זיך שוין געפינען ווינציג וואָס וועלען צווייפלען.

— דו הערסט, מענדעל, אויב ר' קלמן וועט אָנקומען אין ווילנע, בעט איך דיך, אז דו זאָלסט מיר שרייבען און איך וועל גלייך קומען צופאָרען. מיך קימערט ניט וואָס מיין ווייב וועט זאָגען, איך וועל איהם קומען זעהן... ווייל געוויס האָט ער זיך דאָך געהאט געזעהן מיט דעם בעל שם טוב איידער ער האָט פארלאָזט מעזשבוזש.

— געוויס יועל איך דאָס טאָן, — האָט מענדעל געזאָגט, — איך אליין וואָלט זעהר געוואָלט אז דו זאָלסט זיך מיט איהם טרעפען. אפשר וועט ער דיר זאָגען יואָס צו טאָן... דערווייל אָבער דארפען מיר טראכטען וואָס צו טאָן מיט אונזער מנין. מיר וועלען מוזען קריגען א צימער וואו צו דאווענען. וואָס זאָגסטו, נחום, וועט דיר געלונגען צו קריגען א צימער אין דיין שווער'ס הויז?

— מיר האָבען דאָך קיין אנדער ברירה ניט, — האָט נחום אויסגערופען, — איך וועל שוין זעהן אז מיר זאָלען קענען דאווענען ראש השנה און יום כפּור ביי מיין שווער אין הויז. איך וועל אָבער דארפען איהם צוזאָגען אז מיר וועלען דאווענען רוהיג און געלאַסען. איך האָב זיי בשום אופן ניט געקענט איבערציינגען, אז ווען א איד א חסיד דאווענט מיט התלהבות, מיט איבערגעבענהייט, מוז ער ארויסווייזען באגייסטערונג ,און פון דעם קומט עס

אז מיר חסידים דאוונען מיט עקסטאז, מיר הויבען אויף עטוואס העכער אונזער שטימע, און ווען מיר זיינען פארטיפט אין אונזערע תפלות, פילען מיר ניט אז מיר מאכען אמאל געוויסע באוועגונגען, אדער מיר זינגען צו... נו, איז וואס קומט אונז דערפאר? אבער די פארברענטע מתנגדים האבען דאס אנגענומען פאר א פארברעכען, און זיי האבען מיך שטארק גע'רודפ'ט פאר דעם... איך האב שוין געהאט באשלאסען ביי זיך צו האלטען זיך רוהיגער ווען איך דאווען אין א מתנגדישען בית המדרש. אבער ווען איך פארטיף זיך אין דאוונען און איך בין מכוון מיינע תפלות פארגעס איך און איך פאנג אן זינגען, מיינען די מתנגדים אז דאס איך טו בכונה...

— איך זאג דיר צו, נחום, אז אויב דיין שווער וועט אונז ערלויבען צו האבען דעם מנין אין זיין שטוב, וועלען מיר זעהן אז מיר זאלען, ווי ווייט מעגליך, זיך האלטען רוהיג.

— איך וועל זיך טאקע היינט דורכריידען מיט מיין ווייב, — האט נחום געזאגט, — און אויב נאר איך וועל ביי איהר פועל'ן וועט זי שוין קריגען איהר פאטער'ס צושטימונג. ווייל זי ווייסט דאך אז מיר מוזען האבען א פלאץ וואו צו דאוונען, און אזוי ווי דער בעל אכסניא וויל ניט אז מיר זאלען האבען דעם מנין ביי איהם אין אכסניא, וועלען מיר מוזען דאוונען ביי אונז אין הויז.

— און וואס וועלען מיר טאן טאמער ניט? — האט איהם מענדעל געפרעגט.

— דאן וועל איך זאגען אז מיר וועלען זיך אלע אומקערען קיין ווילנע. איך בין זיכער אז ווען זי וועט דאס הערען אז איך האב בדעה צו פארען קיין ווילנע, וועט זי שוין זעהן פועל'ן ביי איהרע עלטערן אז מיר זאלען דאוונען ביי איהר פאטער אין הויז.

נחום איז גלייך אוועק צו זיך אהיים. ער האט דערציילט ציפע'ן אז דער בעל אכסניא האט זיי געלאזט וויסען אז זיי קענען ניט דאוונען אין דעם צימער ביי איהם אין אכסניא.

— נו, וואס וועסטו איצט טאן? — פרעגט איהם ציפע.

— עס זיינען פאר מיר פארבליבען צוויי ברירות: אדער מאכען דעם מנין דא, ביי אונז אין שטוב, ווי איך האב דיר שוין געזאגט, אדער איך וועל מוזען צוריקפארען מיט זיי קיין ווילנע ביז איבער די ימים נוראים. דאס ווענדט זיך אן דיינע עלטערן. אויב זיי וועלען איינשטימען צו געבען אונז אט דעם צימער, וועלען מיר דא מאכען דעם מנין.

— איך האב אבער געוואוסט אז אזוי וועט עס זיין, — האט ציפע געזאגט, — איצט ווייס איך ניט וואס צו טאן. דער טאטע וועט פון דעם ניט וועלען הערען. ער האט געזאגט אז ער וועט בשום אופן ניט דערלאזען ביי אונז אין שטוב זאל זיין א חסידישער מנין.

— נו, וועט ער בעסער ווערען, — האט נחום געזאגט, — מיר וועלען דאך ניט דאוונען אין דרויסען. מיר וועלען עס היינט מוזען באשליסען, ווייל עס זיינען דאך ניט פארבליבען קיינע פולע דריי טעג ביז ראש השנה, און מיר וועלען דארפען היינט אפרייזען נאך ווילנע אויב מיר וועלען דא ניט קענען האבען אונזער מנין.

— באלד וועט קומען דער טאטע, וועל איך זיך מיט איהם דורכריידען, — האט ציפע געזאגט.

— ניין, דו דארפסט ניט ווארטען ביז וואנען דער טאטע וועט קומען, — רופט זיך אן נחום, — דו געה בעסער אוועק צו דיין מאמען אין קראם, און זאג איהר וועגען דעם. איך ווייס אז ווען דיין מאמע וועט זאגען יא, וועט שוין דיין טאטע ממילא צושטימען.

ציפע האט ארויסגעכאפט אויף זיך א פאטשיילע און איז גלייך אוועק צו איהר מאמע אין קראם.

— וואס איז שוין ווידער געשען? — האט די מאמע זי געפרעגט.

— גארניט, מאמע, — האט ציפע געזאגט, — איך וועל ווארטען א ווייל ביז דו וועסט פארטיג ווערען מיט דער ערלית און איך וועל דיר זאגען צוליב וואס איך בין געקומען.

ווען זיי זיינען געבליבען אליין האט ציפע דערציילט דער מאמען וועגען

דעם אז נחום און זיינע חסידים זיינען געבליבען אהן א פלאץ וואו צו דאווענען, ווייל דער בעל אכסניא האט חרטה און ער וויל זיי ניט לאזען דאווענען אין זיין אכסניא.

— נו, איז וואס קענען מיר העלפען? — האט די מאמע אויסגערופען, — קיין גרעסערען צער זאל איך ניט האבען. זאלען זיי זיין ווי אלע מענשען און דאווענען אין די בתי מדרשים וואס געפינען זיך אין קיידאן.

— דו פארשטעסט ניט, מאמע, ער זאגט אז אויב זיי וועלען דא ניט געפינען קיין פלאץ פאר זייער מנין, וועלען זיי אלע מוזען צוריקפארען קיין ווילנע.

— וועט טאקע זיין אן אומגליק אין שטעטעל אויב די חסידים וועלען פון דאנען אוועקפארען.

— אבער, מאמע, נחום וועט אויך מיט זיי מיטפארען.

— וואס הייסט?!...

— ער וועט דאך ניט בלייבען דא איינער אליין, אויב ער וועט ניט האבען וואו צו דאווענען ראש השנה און יום כפור. וואס זאל איך טאן?! איך קען דאך איהם ניט לאזען איצט אין מיינע אומשטענדען אפפארען פון דאנען. הא, מאמע, וואס זאגסטו?

— וואס זאל איך זאגען? מיר האבען א גוטען פעקעל! וואס מיר לידען זיך אן פון אונזער איידעמעל! אט האט שפרה אויך חתונה געהאט, אומבאשריען, פון איהר האבען מיר נחת. א מאן האט זי, אזא יאר אויף אונז אלעמען.

— מאמע, דו פארגעסט, אז ביז וואנען דער טאטע האט איהם א פאטש געטאן האסטו פון נחום'ן אויך געהאט נחת. דו האסט שוין פארגעסען אז די ערשטע צוויי יאר פון אונזער חתונה, פלעגסטו אויך אנקוועלען פון נחום'ן. דו געדענקסט, ווען ער פלעגט אין בית המדרש לערנען און דער רב פלעגט אויף איהם זאגען אז ער האט א שארפען קאפ. אז ער קען לערנען. געדענקסטו, ווי דו פלעגסט מיט שטאלץ פאר אלעמען איבערדערציילען אז דיין איידעם איז א למדן און דו פלעגסט מיר זאגען, אז איך דארף זיך שעצען גליקליך וואס אויף מיין חלק איז ארייננעפאלען אזא מאן ווי נחום, וועמען אלע גיבען אפ כבוד... הא, מאמע, דו האסט שוין פארגעסען?

די מאמע האט געווישט איהרע אויגען און געזאגט:

— אוי, אוי, וואס עס איז געווארען פון א מענשע! ער איז דאך טאקע געווען א זיידענער יונגערמאן, א שענער, א געלערנטער, און איצט!

— נו, דאס איז דאך דעם טאטען'ס שולד, — האט ציפע געזאגט, — ווען ניט זיין פאטש וואלט איך דאך איצט געווען אזוי גליקליך ווי שפרה און אפשר נאך גליקליכער. ווייל קען זיך דען שפרה'ס מאן פארגלייכען צו מיינעם אין לערנען...

— דו האסט קיין רעכט ניט צו באשולדיגען דיין טאטען אין דיין אומגליק. ווי עס ווייזט אוים איז אזוי באשערט געווען.

— וואס איז דא איצט צו ריידען, איך בין זיין פרוי. אפילו ווען ער זאל זיין אומגערעכט, און איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז איך בין נאך גארניט אזוי זיכער אז ער איז אומגערעכט. איך האב אויסגעהערט זיין צד, און איך פיל אליין אז אין חסידות איז פאראן א סך גוטעס... די צרה איז, וואס מענשען האבען ניט ליב צו הערען דעם אמת! פארוואס גיט מען איהם ניט קיין געלעגענהייט צו ריידען. זאל ער ארויסברענגען דעם חסידישען צד, זאלען אט די אלע געגנער פון חסידות באווייזען אז ער איז אומגערעכט... איך זאג דיר, מאמע, אז איך אליין גלויב אז דער בעל שם איז א הייליגער מאן, און אז ער האט טאקע באוויזען נסים... מענשען וועלען גלאט ניט קומען און דערציילען זאכען וואס האבען קיינמאל ניט פאסירט... גלויב מיר, ווען דו וואלסט זיך צוגעהערט צו אלץ וואס נחום דערציילט, וואלסטו אויך איינגעזעהן אז די חסידים זיינען גארניט אזעלכע שלעכטע מענשען ווי מיר שטעלען זיך פאר.

— געה שוין, געה, מיין טאכטער, א נייע חסיד'קע... עס פארשטעהט זיך אז נחום איז דיין מאן, און דו דארפסט האלטען מיט איהם. אבער האסטו ניט

געהערט וואס דער ווילנער גאון זאָגט וועגען חסידים ?...

— עס קען זיין אז ער איז אויך ניט אין גאנצען גערעכט — האָט ציפּע געזאָגט, — ווייל לאָמיר זיך ניט נארען, פון וואנען ווייסט דער ווילנער גאון וועגען די חסידים? ער איי דאָך מיט זיי קיין מאָל ניט געקומען אין באריהרונג. ער זיצט דאָך טאָג און נאכט און לערנט. נאָר וואס דען, עס קומען צו איהם מענשען און דערצעהלען איהם זאכען וועגען חסידים, און זיי זיינען מגזם. דו דארפסט מיר ניט דערצעהלען. איך בין געוועזן אין ווילנע, און איך האָב זיך צוגעקוקט דארט ווי זי דאווגען אין זייער חסידיש שטיבעל. אמת, זיי זיינען פרעהליך בעת'ן דאווענען. אָבער דאס איז דאָך ווייל זיי פיהלען אז מען דארף זיך דערהויבען צו א גייסטיגען עקסטאז כדי מען זאָל קענען גוט מכוון זיין די תפילות, ווייל בלויז דאן דערגרייכען זיי דעם כסא הכבוד.

— זעה נאָר, זעה, ווי קומט עס צו דיר אזעלכע רייד ? ! דו רעדסט דאָך שוין ווי א למדנ'טע.

— אָט די אלע רייד האָב איך געהערט פון נחום'ן, און כאָטש איך האָב איהם ניט געוואָלט צוגעבען אז ער איז גערעכט, ווייל איך האָב דאָך געזעהן ווי אלע פיהלען דאָ, אין קיידאן, וועגען חסידות, טראכט איך אָבער גאנץ אָפט אז עס קען זיין אז ער איז גערעכט.

— רייד זיך אקאָרשט ניט ארויס פאר'ן טאטען דאס וואר דו האָסט איצט מיט מיר גערעדט, — האָט די מאמע געזאָגט, — מעהר וועט דיר ניט פעהלען.

— וואס האָב איך צו פארלירען, — האָט ציפּע געזאָגט, — אויב דער טאטע וועט ניט וועלען צושטימען אז נחום זאָל האָבען זיין חסידישען מנין ביי אונז אין שטוב, דאן וועט ער דאך אפּפאָהרען קיין ווילנע, און גאָט ווייס אויב איך וועל איהם שוין ווען עס איז זעהן. יא, מאמע, איך בין געקומען צו דיר אז דו זאָלסט זאָגען דעם טאטען אז ער זאָל ערלויבען נחום'ן צו האָבען זיין חסידישען מנין ביי אונז.

— וואָס ? איך וועל דאס זאָגען דעם טאטען ! — האָט די מאמע אויסגערופען, — וואס מיינסטו איך קען איהם דען צווינגען.

— דו וועסט איהם ניט דארפען צווינגען. דו וועסט איהם קענען געבען צו פארשטעהן, אז קיין אנדער ברירה האָבען מיר ניט. זאָג אליין, מאמע, קען איך דען אין אזא צייט זיך ערלויבען אז מיין מאן זאָל ווידער פון מיר אוועקגעהן. איך זאָג דיר בפירוש אז אויב דאָס וועט איצט נאָך אמאָל פּאסירען, דאן וועט דער טאטע אין גאנצען זיין שולדיג אין אלע מיינע צרות... נחום מוז עס באלד וויסען, ווייל אויב ניט פאָהרען זיי גליין אָפּ קיין ווילנע

— נו, גוט. איך וועל ריידען מיט'ן טאטען, — האָט זי געזאָגט, — און איך וועל הערען וואס ער וועט זאָגען.

— ניין, מאמע. רעדען וועט ניט העלפען. איך ווייס אז דער טאטע קען אויך זיין זעהר פאר'עקשנ'ט. ער וועט עס ניט וועלען טאָן ווייל ער וועט מורא האָבען אז מען זאָל פון איהם לאכען. וואָס קימערט עס איהם אויב מען וועט לאכען ? !.. זאָלען די, וועלכע האָבען פארגעניגען פון לאכען און רכילות, טאָן וואס זיי געפעהלט. מיר קימערט ניט... און דעם טאטען דארף עס אויך ניט קימערען... איך וויל, מאמע, אז דו זאָלסט איהם זאָגען אז אזוי וועט עס זיין. ער וועט שוין צושטימען אויב דו וועסט נאָר וועלען.

— דו מיינסט אז דער טאטע הערט זיך איין צו אלץ וואס איך זאָג איהם?

— ער וועט זיך אָבער דאָס מאָל מוזען צוהערען. אלץ וואס דו וועסט איהם דארפען זאָגען, אז אויב ער וועט ניט צושטימען וועט נחום אָפּפאָהרען פון דאנען און ער אליין וועט זיין שולדיג אין דעם. דו וועסט שוין וויסען וואס דו האָסט מיט איהם צו רעדען.

— נו, גוט. געה זאָג נחום'ן אז ער וועט קענען האלטען זיין מנין ביי אונז. אָבער ער זאָל זעהן אז מען זאָל פון זיי ניט חוזק מאכען. די גאס זאָל ניט פול ווערען מיט זייערע געשרייען.

— דו האָסט ניט וואס צו זארגען וועגען דעם, מאמע. איך וועל דאָך דארט אויך דאווענען.

— וואס ? דו וועסט דאוונען מיט חסידים ?

— און פארוואָס ניט? אויב עס פּאסט פאר מיין מאן, דארף עס אויך פּאסטען פאר מיר. גלויב מיר, מאמע, אז די חסידים זיינען אזעלכע גוטע און פרומע אידען ווי די אלע ניט־חסידים... איך וויל דיר פרעגען בלויז איין זאך, זאָג מיר, וויפיל פון די מתנגדים וואָלטען געווען אזוי איבערגעגעבן צו א פריינד ווי אָט דער מענדעל חסיד איז? קענסטו גאָר באגרייפען וואס ער האָט געטאָן פאר זיין פריינד, איך מיין פאר מיין נחום'ן? ער האָט געהערט אז ער האָט זיך אָנגעליטען דאָ פון די מתנגדים, און זיי ווילען איהם ניט לאָזען דאוונען אין בית המדרש, אויף די ימים נוראים, האָט ער צוזאמענגעקליבען א מנין חסידים, און געקראָגען א ספר תורה, און איז געקומען אהער איהם ארויסהעלפען. וואָלט עס א מתנגד געטהאָן פאר זיינעם א פריינד? ניין! געוויס ניט! די חסידים זיינען איבערגעגעבן איינער צום אנדערען. זיי וועלען ניט לאָזען פאלען זייערס א פריינד. זיי העלפען איינע די אנדערע. זיי זיינען פּונקט ווי איין משפּחה. אָבער לאָמיך דיר זאָגען דעם אמת. איך קען דוכט זיך אונזערע קיידאנער אידען זעהר גוט, און אויב חלילה אימיצער פון זיי פאלט, וועט מען אנשטאט איהם אויפצוהויבען, נאָך טרעטען אויף איהם.

— מיין טאָכטער, מען טאָר אזוי ניט ריידען אויף אידען, — האָט די מאמע איהר געזאָגט מוסר. — פארגעס ניט אז עס איז דאך פאר ראש השנה.

— אָבער עס איז דאָך אמת, — האָט ציפּע געזאָגט, — איך ווייס גאנץ גוט וואס זיי האָבען געטאָן צו מיין מאן ווען ער האָט זיך ניט היינט געדאכט, אויסגעגליטשט. יעדער איינער האָט געזוכט איהם צו דערנידעריגען, איהם צו באליידיגען. אנשטאט צו העלפען איהם פארגעסען די צרות, האָט יעדער איינער געזוכט אָפּצופרישען די וואונדען...

— נו, לאָמיר מעהר וועגען דעם ניט ריידען, טאָכטער. איך זאָג דאָך דיר אז נחום וועט דאָ קענען האָבען זיין מנין. איך וועל שוין זעהן דערצו.

גרינג איז דער מאמען ניט אָנגעקומען איבערצוריידען דעם טאטען אז ער זאָל ניט זיין דאגעגען. ער האָט ווידערהאָלט אלע טענות וועגען חסידים און חסידות. און געזאָגט אז אין שטאָדט וועט מען פון איהם חוזק מאכען. ווען אָבער זי האָט געזעהן אז ער בויגט זיך ניט, האָט זי זיך באנוצט מיט איהר לעצטער וואפע.

— הער זיך איין, אשר! — האָט זי זיך צו איהם אָנגערופען, — אויב דו ווילסט עפּעס הערען, וועל איך דיר זאָגען, אז דו, און נאָר דו אליין, ביזט אין גאנצען שולדיג אין ציפּע'ס אומגליק. און איצט, אויב דו וועסט ווידער זיין פאר'עקשנ'ט און נחום וועט פון דאנען אוועקגעהן, וועסטו זיין ווידער שולדיג אין איהר אומגליק. איצט טהו ווי דו פארשטעהסט.

אָט די דאזיגע רייד האָבען שטארק געווירקט אויף ר' אשר'ן. ער האָט מורא געהאט טאָמער וועט טאקע נחום אָפּפאָהרען און זיין טאָכטער וועט ווידער בלייבען אליין, בפרט ווען זי איז נאָך אין אזעלכע אומשטענדען. ער האָט דעריבער מעהר קיין וואָרט ניט געזאָגט. און ווען זיין ווייב האָט איהם א פרעג געטאָן פארוואס ער שווייגט, און זאָגט איהר ניט וואס צו טאָן, האָט ער זיך אָנגערופען:

— דו געה און זאָג איהם אז ער קען דאוונען ביי אונז.

— איך האָב דאס שוין געזאָגט ציפּע'ן און זי האָט איהם געזאָגט — האָט זי מיט א שמייכעל זיך אָנגערופען, — איך האָב געוואוסט אז דו וועסט איינזעהען אז זי איז גערעכט. זאָל נאָר גאָט געבען אז אלץ זאָל זיין ווי מיר ווינשען און זאָלען מיר אלע האָבען א גוטען און גליקליכען יאהר.

ווען נחום האָט דאס דערהערט אז זיי קענען שוין דאוונען ביי איהם אין הויז, איז ער מלא שמחה געווארען. ער איז גלייך געלאָפען צו דער אכסניא און אָנגעזאָגט מענדעל'ן די גוטע נייעס.

— נו, אויב אזוי וועלען מיר דארפען אריבערפיהרען די ספר תורה און די מחזורים צו דיר אין הויז, — האָט מענדעל געזאָגט, — מען וועט אויך דארפען געפינען א שאפעלקע פאר דער ריינינקייט...

— דאָס האָבען מיר, — האָט נחום מיט פרייד אויסגערופען, — איך קען

דיר ניט איבערגעבען, מענדעל, ווי גליקליך איך פיהל זיך... איך האָב געמיינט אז מיין שווער וועט זיך קיין מאָל ניט לאָזען איבעררײדען... אָבער איצט זעה איך, אז מיין ווייב קען אויפטאָן פילע זאכען פאר אונז, חסידים...

זיי האָבען באלד געלאָזט וויסען דעם בעל אכסניא אז זיי קלייבען זיך איבער צו נחום'ן אין הויז מיט דער ספר תורה.

— דאָס מיינט ניט אז מיר וועלען ניט איינשטעהן ביי אייך.. יאָ, מיר וועלען בלייבען נעכטיגען ביי אייך און איהר וועט דארפען אויך צוגרייטען פאר אונז צו עסען איבער די ימים נוראים.. אזוי לאנג ווי מיר וועלען איינשטעהן ביי אייך. איהר האָט ניט געוואָלט אז מיר זאָלען דאווגען ביי אייך, נו וועלען מיר דאווגען ביי ר' אשר'ן.

דער בעל אכסניא האָט געשוויגען. איהם האָט שוין פארדראסען וואס ער האָט זיך געלאָזט א·בעררײדען פון איינינע פון די בעלי בתים, און זיי ניט ערלויבט צו האָבען דעם מנין ביי זיך. איצט וועט ער פארלירען היבשע עטליכע גילדען. ווי עס ווייזט אוים זיינען די חסידים אנגעשטאָפּט מיט געלד, און זיי וואָלטען איהם גוט באַלוינט. אויב עס איז רעכט ביי ר' אשר'ן, טאָ פארוואס האָט ער דאס ניט געקענט טאָהן !...

נחום איז געווען אין זיבעטען הימעל פון גליק. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט מענדעל'ן און געזאָגט איהם אז ווער ווייסט אויב פון דעם וועט עפּעס ניט ארויסקומען. עס קען זיין אז דאס איז דער אָנפאנג כון א חסידישען מנין אין קיידאן.

— מיר וועלען דארפען זיין זעהר פארזיכטיג ניט צו מאכען צופיל טומעל, — האָט ער געזאָגט, — נאָך אלעמען איז דאָך ביי אונז א סך וויכטיגער צו קריגען וואס מעהר אידען וועלכע זאָלען איינזעהן די וויכטיגקייט פון חסידות, און דעריבער וועלען מיר מוזען זיין איינגעהאלטענער.

— מיר וועלען קענען דאווגען מיט פרייד, מיט שמחה, ווייל דאס איז דאך זעהר וויכטיג פאר די חסידים. אונזער צוועק איז צו פארטרייבען עצבות פון

כלל ישראל, צו דערהויבען דעם רוח פון אידענטהום, און דערמיט איהם צו באהעפטען מיט זיין באשעפער. אזוי לערנט אונז ר' ישראל בעל שם טוב.

אין גאנץ קיידאן האָט זיך גענומען טומלען ווען מען האָט אויסגעפונען אז ר' אשר האָט נאָכגעגעבען זיין איידעם און ער האָט איהם ערלויבט צו האָבען א חסידישען מנין ביי זיך אין שטוב. שכנים און בעלי בתים האָבען ר' אשר'ן ניט אויפגעהערט צו זאָגען מוסר.

— איהר אליין וועט זיין שולדיג אויב דאָ אין קיידאן וועט ווערען א חסידישער מנין, — האָט איהם דער גבאי געזאָגט, — איהר האָט דאס ניט געטאָרט דערלאָזען.

— וואס האָב איך געזאָלט טאָן ?

— האָט ר' אשר זיך פארענטפערט — האָב איך דען געקענט דערלאָזען אז ער זאָל דאווגען ראש השנה און יום כפור פאר זיך, ווי ער האָט עס געטאָן פאר די לעצטע עטליכע וואכען.

— איהר גיט איהם אלץ נאָך. ער האָט חוצפה, אייער איידעם ! אן אנדערער אויף זיין פלאץ וואָלט זיך געשעהמט אויפצוהויבען זיין קאָפּ, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן אזא פארברעכען, און ביי אייך איז ער געווארען א גאנצער מאכער.

— ער איז שוין, דאכט זיך גענוג אָפּגעקומען פאר זיין פארברעכען.

— איהר פארגעסט אז ער איז באַגאנגען דעם געמיינסטען פארברעכען... און וואס מיינט איהר, דאס וואס ר' יהודה ליב, דער שווער פון ווילנער גאון איז איצט אזוי געפעהרליך קראנק, האָט עס ניט צו טאָן מיט אייער איידעם ? די עטליכע חדשים טורמע וואס ער האָט דורכגעמאכט, האָבען זיך זעהר שלעכט אָפּגערופען אויף זיין געזונט. עפּעס א קלייניגקייט די שרעק און זארג.

— יאָ, וואס מאכט ר' יהודה ליב,— האָט זיך ר' אשר אָנגערופען צום גבאי — איך האָב עפּעס קיין הארץ ניט ארייינצוגעהן צו איהם, וויסענדיג אז ער איז אזוי קראנק און ער קען זיך נאָך מעהר אויפרעגען.

— ער האלט זעהר שמאָל, — האָט דער גבאי געזאָגט, — זיין איידים ר' אליהו איז מתפלל פאר איהם. איהר

האָט דאָך מן הסתם געהערט אז זיין טאָכטער חנה, דאַרף גאָר אין גיכען ווערען א מוטער, און זי געפינט זיך דארט דעם גאנצען טאָג, נעבען איהר קראנקען טאטען. איצט שטעלט זיך פאר, ווען ר׳ יהודה ליב וועט אויסגעפינען אז די חסידים האָבען אריינגעשטעלט א פוס אין קיידאַן, וועט דאס דאך אויף איהם זעהר שלעכט ווירקען.

— ווער איז דאָס מחויב איהם צו צו זאָגען, — האָט ר׳ אשר זיך אָנגערופען, — אויסער דעם איז דאָך דער מנין בלויז פאר ימים נוראים, און גלייך נאָכדעם וועלען זיי אָפּפאָהרען פון דאנען.

— איהר מאכט א טעות, ר׳ אשר — האָט דער גבאי אויסגערופען. — ווען די חסידים וועלען זעהן אז דאָ האָבען זיי א רוהיג פּלאַץ, און אז קיינער שטערט זיי ניט, וועלען זיי שוין דאָ פארבלייבען און זוכען אריינצוקריגען וואס מעהר אידען און זיי מאכען פאר חסידים.

— נו, ביי מיר וועלען זיי קענען בלייבען ביז נאָך יום כפּור. אפשר ביז נאָך סוכות, און נאָכדעם וועלען זיי זיך מטריח זיין און פאָהרען צוריק קיין ווילנע. וואס האָב איך דערוויילגעקענט טאָן. איך האָב דאָך קיין אַנדער ברירה ניט געהאט.

נחום האָט אויך גע׳פּועל׳ט ביי זיין שווער אז ער זאָל איינלאדען מענדעל׳ן צו זיי אויף יום טוב.

— ער האָט עס ביי מיר פארדינט אז איך זאָל איהם איינלאדען צו אונז — האָט נחום געזאָגט, און ר׳ אשר האָט געשוויגען. א ברירה האָט ער געהאט ?

קאַפּיטעל פינף און צוואַנציג

ערב ראש השנה בייטאָג, האָבען זיך שוין די חסידים פארזאמעלט אין ר׳ אשר׳ס הויז. דער צימער וואס איז זיי אָפּגעגעבען געווארען פאר׳ן מנין, האָט ציפּע שוין געזעהן אז ער זאָל אויסקוקען שעהן, ריין און אז אַלץ דארט זאָל זיין אין ארדנונג. זי האָט פארצויגען ווייסע פארהאנגלעד אויף די פענסטער, ווייל זי האָט געוואוסט אז עס וועלען זיך געפינען נייגעריגע שכנים וועלכע וועלען אריינקוקען צו זעהן וואס עס טהוט זיך אינעווייניג.

ראש השנה אין דער פריה, זיינען ר׳ אשר און זיין ווייב אוועק אין בית המדרש דאוונען. אָבער ציפּע איז איבערגעבליבען אין שטוב. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין איהר יום טוב׳דיג קלייד, זיך איינגעהילט אין א ווייס קאָפּ־טיכעל, און זיך געשטעלט נעבען טיהר פון דעם צימער וואו דער מנין איז פארגעקומען, מיט א מחזור אין האנט און זי האָט געדאווענט צוזאמען מיט זיי, מיט די חסידים. איהר הארץ האָט שטארק געקלאפּט. זי האָט זיך געשראָקען טאָמער וועלען זיי מאכען א גרויסען טומעל, אָבער עס איז געווען צו דערליידען. זיי האָבען אביסעל אונטערגעזונגען און געמאכט באוועגונגען מיט די הענט בעת דעם דאוונען, אָבער דאס האָט זי דאך געזעהען אפילו אין בית המדרש, ווען פרומע אידען טענה׳ן זיך אויס מיט׳ן רבונו של עולם. זי האָט אָנגעקוועלען בעת זי האָט געהערט ווי איהר נחום בלאָזט שופר, און ווי ער לייענט די תורה מיט אזא שעהנעם ניגון. זי איז אָנגעפילט געווארען מיט שטאָלץ צו הערען זיין שעהנע שטימע. אָ, איהר נחום קען אַלץ. ער קען דאוונען פאר׳ן עמוד, ער קען לייענען די תורה, און ער קען בלאָזען שופר. ער איז א געלערנטער. ער האָט בלויז קיין מזל ניט געהאט. אפילו אין די גוטע אהרען האָט מען איהם ניט איינגעטיילט קיין כיבודים אין בית המדרש. קיינער האָט זיך מיט איהם ניט גערעכענט. ער קען דאך לערנען א סך מעהר ווי די אנדערע אײדימס אויף קעסט, פונדעסטוועגען האָט מען איהם זעלטען מכבד געווען מיט א גוטער עליה, אָדער אנדערע כיבודים.

זי האָט צוגעקוקט ווי ער טיילט אויס די עליות צו די מיט־דאוונער, און איהם אליין האָט מענדעל מכבד געווען מיט מפטיר... ווידער הערט זי זיין אנגענעהמע שטימע, ווי ער מאכט די ברכות פון דער הפטרה, ווי ער זינגט מיט אזא געשמאקקייט.

אָט דאָ, שטעהענדיג ביי דער טיהר און צוקוקענדיג ווי אזוי זיי דאוונען, האָט ציפּע פּלוצלונג באשלאָסען ביי זיך אין הארצען צו האלטען שטאָל און אייזען מיט איהר מאן. וואס קימערט

איהר וואס אנדערע מענשען וועלען זאגען... זי זעהט דאך אז מען האט א סך איבערטריבען וועגען די חסידים. זיי זיינען פונקט ווי אלע אנדערע אידען. דערצו זיינען זיי נאך איבערגעגעבען איינע צו די אנדערע. זיי פיהרען זיך ווי ברידער און זיי זיינען גרייט צו העלפען איינע די אנדערע און זיך צו טיילען מיט'ן לעצטען ביסען אפילו.

אמת, זי איז ניט געוואוינט געווען אז ראש השנה זאל מען דאוונען מיט אזא פרעהליכקייט, מיט אזא שמחה, אבער אפשר זיינען זיי גערעכט. גאט דארף ניט האבען די טרערען. גאט וויל אז מען זאל תשובה טאהן מיט'ן גאנצען הארצען... און דאס טהוען דאך אויך חסידים.

נאכ'ן דאוונען האט ציפע געבראכט א פלאש וויין, און נחום האט געמאכט קידוש. זי האט מכבד געווען די דאוונער מיט קיכעל און מארינירטע הערינג, און דאן זיינען אלע, אויסער מענדעל געגאנגען צו דער אכסניא.

אין א שעה ארום זיינען אנגעקומען ר' אשר מיט זיין ווייב, און זיי האבען זיך צוגעוואונשען א גוטען יאהר.

״לשנה טובה תכתבו״—האט מענדעל געדריקט ר' אשר'ס האנט, און ציפע'ס אויגען זיינען נאס געווארען פון גליק.

— זאל גאט געבען אז מיר זאלען אלע האבען א גליקליכען יאהר — האט די מאמע צוגעוואונשען. און ווען ציפע איז אריין אין קיך האט איהר די מאמע א פרעג געטאן:

— זאג מיר, ציפע ווי אזוי האבען זיי דא געדאווענט?

— אזא יאהר אויף אונז אלעמען!

— האט ציפע מיט צופרידענהייט אויסגערופען — זיי האבען געדאווענט רוהיג. דו האסט באדארפט הערען ווי אזוי מיין נחום האט געבלאזען שופר, ווי אזוי ער האט געלייענט אין דער ספר תורה. איך זאג דיר, מאמע אז מיר איז צוגעקומען א שטיק געזונט. מיין נחום זאל געזונט זיין, איז דאך אזא געלערענטער. ער קען אלץ. מארגען וועט ער דאוונען מוסף. אזוי האב איך געהערט ווי מענדעל זאגט. אי, געוואלד, פארוואס זאלען מענשען זיין אזוי שלעכט, פארוואס זאלען זיי ניט וועלען פארשטעהן אז אנדערע קאנען פיהלען אדערש... ווי אזוי קאן מען זיך אויסדריקען אזוי ניט שעהן וועגען חסידות. לאמיר דיר זאגען מאמע, אז איך אליין פיהל אז חסידות איז זעהר א גוטע זאך. פארוואס זאל טאקע א איד אלע מאל זיין אין טרויער איז דען ניט בעסער אז מען זאל זיין פרעהליך?

— א סך האט א איד וואס זיך צו פרעהען — האט די מאמע א זיפץ געטאן.

די חסידים פרעהען זיך ווייל זיי האבען בטחון אין גאט אז ער האט זייערע תפילות אנגענומען, און אז גאט וועט מיט זיי טאן גוטעס. איז עס דען ניט בעסער זיך צו פרעהען און זיין לוסטיג, איידער צו וויינען און זיין תמיד באזארגט?...

— נו, לאמיר איצט וועגען דעם ניט ריידען. איך פארשטעה אז עס איז דיין פליכט צו האלטען מיט דיין מאן, בין איך צופרידען וואס דו ביזט געקומען צום באשלום אז נחום איז גערעכט. זאל זיין אזוי...

— יע, מאמע. איך בין פון היינט אן געווארען א חסידישע פרוי. אין מיינע אויגען איז מיין מאן גערעכט.

זיי האבען זיך געזעצט עסען. מענדעל איז געזעסען נעבען נחום'ן. ציפע און איהר מאמע האבען דערלאנגט צום טיש. ביים עסען האבען אלע געשוויגען. נאכ'ן בענשען האט זיך ר' אשר אנגערופען:

— ציפע זאגט, אז דו האסט זעהר גוט געבלאזען שופר. אין בית המדרש זיינען היינט עפעס ניט גוט געגאנגען ד' תקיעות. דער בעל תוקע האט זיך פארהאקט אין מיטען די תקיעות, און די תקיעה גדולה איז ביי איהם געווען זעהר קורץ. זאל נאר גאט געבען אז דער נייער יאהר זאל זיין פאר כלל ישראל א גליקליכער, א שנת גאולה וישועה... דו האסט דאך מן הסתם געהערט אז דער שווער פון ווילנער גאון, ר' יהודה ליב איז געפעהרליך קראנק.

דער בעל־תוקע איז גלייך נאכ'ן דאוונען אוועק צו איהם אין הויז בלאזען תקיעות.... דער ווילנער גאון ר' אליהו האט געדאווענט אין גרויסען בית המדרש, און מען זאגט אז ער האט מתפלל געווען א באזונדערע תפלה פאר דעם געזונט פון זיין שווער.

— איך האף אז גאט וועט איהם

צושיקען א רפואה שלמה ! — האָט נחום געזאָגט. — ער איז א טייערער איד, אָט דער ר׳ יהודה ליב. און זיין איידעם ר׳ אליהו איז דאָך ניט נאָר א גרויסער גאון, נאָר אויך א גרויסער צדיק.

— איך האָב אויך געהערט פון דער גרויסקייט פון ווילנער גאון ! — האָט מענדעל אויסגערופען — אָבער איך קאָן איהם קיין מאָל ניט מוחל זיין וואס ער האָט זיך אויסגעדריקט וועגען חסידות אויף אזא שענדליכען אופן. אָבער איך קאָן אויך אויף איהם מלמד זכות זיין : מענשען האָבען אָנגערעדט אויף דעם בעל שם און אויף די חסידים.

— איך וויל, מענדעל, אז איהר זאָלט וויסען, — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — אז דער ווילנער גאון נעהמט ניט אויף ביי זיך אבי וועמען. ער וועט ניט מבטל זיין קיין איינציגע רגע פון דער תורה. און דאריבער קאָנט איהר זיך פארשטעלען אז די, וועלכע קומען צו איהם זיינען אליין אויך גרויסע לומדים און צדיקים, און זיי וועלען איהם ניט דערצעהלען קיין ליגענס, און זיי וועלען אפילו ניט מגזם זיין... ווען זיי האָבען איהם דערצעהלט אז די חסידים טהוען אָפּ זאכען וואס זיינען זעהר ניט צום הארצען, און ביי זיי איז רעכט אָנצורופען אזעלכע זאכען א מין עבודה זרה, רחמנא לצלן...

— איך וועל צוגעבען, — האָט מענדעל זיך אָנגערופען — אז פון אָנפאנג איידער מיר אליין האָבען טיף באנומען חסידות, האָבען מיר זיך אויפגעפיהרט עטוואס מאָדנע. דאס איז געווען ווייל מיר זיינען געווען אזוי באגייסטערט פון דעם בעל שם׳ס לעהרע וועגען חסידות, אז מיר האָבען זיך ניט געקענט באהערשען. און מיר האָבען געטאָן אזעלכע זאכען, וואס עס איז אפילו דעם בעל שם אליין ניט געווען צום הארצען. און טאקע ניט לאנג צוריק זיינען געקומען איניגע חסידים פון מעדזשיבוזש און האָבען מיר דערצעהלט אז ר׳ ישראל בעל שם טוב איז שטארק אויפגערעגט געווארען ווען מען האָט איהם איבערגעגעבען אז א געוויסע צאָהל חסידים פיהרען זיך אויף ניט איבריגם פיין. אז זיי טהוען זאכען וואס מען קען עס אָנרופען א מין עבודה זרה. איך אליין האָב געטאָן די זעלבע זאכען. איך בין זיך מודה אז איך בין געווען אזוי פאר׳שיכור׳ט, אז איך האָב ניט געפיהלט אז איך בין גורם צו א חילול השם מיט דעם וואס איך טהו אָפּ אזעלכע מעשים אויפ׳ן גאס. איך גיב צו אז דאס האָט פאסירט מיט מיר אליין, יע, ווען איך בין אָנגעקומען אין ווילנע, האָב איך געוואָלט ארויסרופען אינטערעס אין חסידות און ציהען די אויפמערקזאמקייט פון מתנגדים, האָב איך געטאנצט אין די גאסען, און פון גרויס התלהבות, האָב איך זיך עטליכע מאָל איבערגעקוליעט. אי האָב אָבער באלד איינגעזעהן אז דאס איז ניט ווי עס באדארף צו זיין. און איך האָב טאקע באלד חרטה געקראגען אויף דעם. און איצט אז איך טרעף אמאָל אזא פאנאטישען חסיד, מוסר איך איהם גוט אוים, און זאָג איהם אז דער בעל שם אליין איז זעהר בייז ווען ער געפינט אוים אז חסידים מאכען גאָר קונצען. ער אליין האָט אזעלכע מעשים תעתועים באצייכענט ווי עבודה זרה. און דעריבער קאָן איך דאָך טאקע ניט פאריבעל האָבען אויף דעם ווילנער גאון, וועלכער רופט אָן אזעלכע חסידים אזוי. דער בעל־שם אָבער האָט ארויסגעלאָזען איין אויפרוף נאָך׳ן צווייטען, אז חסידים דארפען זיין זעהר אָפּגעהיט, און אז כאָטש זיי דארפען זיין פרעהליך און דינען גאָט מיט שמחה, דארפען זיי אין דער זעלבער צייט זיך אויפיהרען ווי אידען... און איצט, קאָן איך זאָגען מיט׳ן פולען מויל, אז די אלע וועלכע פראוועז נאָך אָט די ווילדע שטיק, זיינען ניט פאררעכענט פאר קיין חסידים, און מיר וועלען פאר זיי ניט זיין פאראנטווארטליך...

— אויב אזוי, טאָ פארוואס האָסטו מיר שוין לאנג ניט געזאָגט וועגען דעם ? — האָט זיך ר׳ אשר געווענדעט צו נחום׳ען. איך וואָלט דאך פאר אלעמען ערקלעהרט אין בית המדרש, אז די חסידים זיינען ניט דאס, וואס מען האָט אויף זיי אויסגעטראכט ; אז זיי זיינען פרומע גוטע אידען, און אלץ וואָלט דאָך געווען גוט... צום סוף האָסטו דאך זיך אליין אויפגעפיהרט אנדערש ווי אלע !

— הערט זיך איין, שווער, איך

האָב דאָך קיין זינד ניט באַגאַנגען. אַלץ וואָס איך האָב געטאָן, איז געווען צו דאַווענען עטוואָס ,עכער ווי די אַנדערע. איך האָב געדאַוונט מיט גרויס כונה, און דאָס זאָגט דאָך דער בעל־שם אַז אַ איד דאַרף דאַווענען מיט גרויס כונה, מיט זיין לייב און לעבען, מיט שמחה און התלהבות. עס קען זיין אַז איך האָב עטוואָס איבערטריבען מיט מיין הויכען דאַווענען און זינגען די תפלות, אָבער מען קאָן דאָס דאָך ניט אָנרופען קיין עבודה זרה, ווי דער ווילנער גאון האָט עס אָנגערופען.

— האָסטו דאָך שוין געהערט, אַז דער ווילנער גאון האָט געמיינט אָט יענע חסידים, וועלכע טוען אָפּ די ווילדע שטיק אויף זייער אייגענעם חשבון, — האָט ר. אָשר געזאָגט, — און איך בין זיכער, אַז ווען אימיצער זאָל צו איהם קומען און ערקלערען אַז דער בעל־שם אַליין איז אויך געגען אַזעלכע שטיק, און אַז ער האָט דאָס אויך אָנגערופען מיט'ן זעלבען נאָמען, בין איך זיכער אַז ער אַליין וועט אפשר איינשטילען זיין צאָרן וועגען חסידות. עס וואָלט טאַקע ניט געשאַדט ווען עס קומט אהער אַ נער פון ר' ישראל בעל־שם'ס שטאַרקער אָנהענגער, וועלכער איז אַליין אַ חסיד, און דערצו אויך אַ למדן, און ער זאָל קריגען די געלעגענהייט זיך דורכצורידען מיט דעם ווילנער גאון, דאַן בין איך זיכער אַז ער וועט בייטען זיין מיינונג וועגען דעם בעל־שם און חסידות.

— איך האָף אַז דאָס וועט געשען גאָר אין גיכען! — האָט מענדעל געזאָגט, — ווייל איך ערוואַרט אַז באַלד נאָך די ימים נוראים זאָל קומען צופאָרען קיין ווילנע דער באַרימטער סוחר און גרויסער למדן ר' קלמן, וועלכער איז פריער געווען אַ פאַרברענטער מתנגד, און נאָכדעם ווי ער אַליין האָט געזעהן מיט זיינע אויגען די מופתים וואָס ר' ישראל בעל שם טוב האָט באַוויזען, איז ער דאָך געוואָרען איינער פון זיינע הייסעסטע חסידים. נו, אַז ער וועט קומען און זיך דורכריידען מיט דעם ווילנער גאון, וועט ער זיך שוין אָנפאַנגען באַציען צו חסידות אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן...

— הערט איהר, — האָט זיך ר' אָשר געוואונדערט צום אידעם און מענדעל — אויב ר' אליהו, דער ווילנער גאון, וועט בייטען זיין מיינונג צום בעסערען וועגען חסידות, ווער איך אויך איינער פון אייך! יע, איך וועל ווערען דער ערשטער חסיד אין קיידאַן נאָך דיר, נחום, און איך וועל שוין זעהן אַז דו זאָלסט שוין דאָ האָבען אַ חסיד'ישען מנין.

— איהר וועט זעהן ווי דער ווילנער גאון וועט זיך ענדערען, ווי נאָר ר' קלמן וועט זיך מיט איהם דורכריידען. ער וועט זעהן אַז ר' קלמן אַליין איז אַ למדן, און דערצו זעהר אַ פרומער איד, און אויך אַ איש נאמן, וועלכער וועט אויף אַ האָר ניט מגזם זיין.

— איך אַליין בין שוין נייגעריג זיך צו זעהן מיט דעם געוועזענעם מתנגד, וועלכער איז איצט אַ פאַרברענטער חסיד! — האָט ר' אָשר געזאָגט.

— איהר וועט איהם שוין זעהן, שווער! ער וועט זיכער אַראָפּקומען אהער קיין קיידאַן. רפרט ווען ער וועט אויסגעפינען אַז דער ווילנער גאון געפינט זיך דאָ, הינטער דער שטאָט.

ציפּע האָט אָנגעקוואָלען פון זייער געשפּרעך. זי זעהט דאָך אַז איהר טאַטע לאָזט זיך שוין ריידען, אַז ער אַליין זאָגט דאָך אַז אויב דער ווילנער גאון וועט האָבען אַ בעסערע מיינונג וועגען חסידות, וועט ער אַליין אויך ווערען אַ חסיד. זי האָט געפילט אַז פון איצט אָן וועט קומען אַן ענדערונג ביי זיי אין הויז וואָס איז נוגע נחום און זיין חסידות.

— דו ווייסט, טאַטע, האָט ציפּע זיך אָנגערופען — אפשר וואָלט געווען אַ סברא, אַז דו זאָלסט מאָרגען, דעם צווייטען טאָג ראש השנה, דאַווענען דאָ מיט אונז. דו וועסט זעהן אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, אַז זיי דאַווענען ווי אַלע אידען.

— טאַקע שווער, איהר וועט ביי אונז קריגען אַן עליה, און אַנדערע כיבודים, וואָס איהר וועט געוויס ניט קריגען אין בית המדרש...

— און וואָס וועט מען זאָגען אין בית המדרש? — האָט ר' אָשר אויסגערופען, — אָ, ניין, איך קאָן עס ניט

טאָן, אפילו ווען אי־ זאָל עס וועלן. און דער אמת איז, אז איך וויל טאקע אויך ניט. איך האָב דאָך אייך געזאָגט אז אויב דער ווילנער גאון וועט בייטן זיין מיינונג וועגן חסידות, איך מיין, ווען ער וועט זאָגן אז ער האָט געמאכט א טעות ווען ער האָט אָנגערופן חסידות מיט אזא שלעכטן נאָמען, דאן וועל איך ווערן א גלויביגער אין בעל־שם, און איך ווער א חסיד. ביז דאן אָבער בין איך דער זעלבער מתנגד, און איך וועל אין א חסידיש שטיבל ניט דאווענען!

— איהר וועט נאָך זעהן, שווער, איז איהר אליין וועט נאָך ווערן א פארברענטער חסיד! — האָט נחום געזאָגט, — זאָל נאָר קומען אהער ר׳ קלמן. דאן וועלן אלע קיידאנער אידען איינזעהן אז זיי זיינען געווען בלינד ביז איצט, זיי וועלן זעהן די גרויסקייט און ערהאָבענקייט פון חסידות... ער וועט דאָס הערען פון דעם מויל פון א געוועזענעם מתנגד, וועלכער פלעגט אָפּלאכען פון חסידות, וועלכער פלעגט אָפּ׳חוזק׳ן פון בעל שם, פונקט ווי די היגע און ווילנער מתנגדים, און אפשר נאָך מער, און איצט, צו די עלטערע יאָרען, איז ביי איהם רעכט ארומצורייזען און ריידען וועגען חסידות, וועגען דער הייליגקייט פון בעל־שם. און ווי איהר האָט שוין געהערט, איז ער דאָך אליין א גרויסער למדן, און א גרויסער גביר, א באוואוסטער סוחר: נו, אז ער האָט זיך געענדערט, קאָן איך האָפען אז אויך איהר וועט זיך ענדערען.

— אָט דער ר׳ קלמן איז א גרויסער בעל לשון, ער קאָן ריידען אין בית המדרש פאר אן עדה אידען, ער ווארפט מיט פסוקים און תורה ווערטער. הלואי לאָזט מען איהם דאָ ריידען, ווי איך בין זיכער אז ער וועט באקערען מער ווי האלב פון זיינע צוהערער צו חסידות, — האָט מענדעל געזאָגט.

— איך צווייפעל צי מען וועט איהם לאָזען ריידען אין איינעם פון די בתי מדרשים, — האָט ר׳ אָשר געזאָגט, — אזוי שנעל ווי מען וועט אויסגעפינען אז ער וויל ריידען וועגען חסידות, וועט מען איהם ניט צולאָזען צו דער בימה,

— ער וועט שוין געפינען א וועג! — האָט מענדעל געזאָגט — ער איז דאָך ניט אבי ווער. זאָל ער נאָר קומען.

קאַפּיטעל זעקס און צוואַנציג

צוויי טעג נאָך יום כפור איז געשטאָרבען ר׳ יהודה ליב, דער שווער פון דעם ווילנער גאון. זיין ווייב, גיטעל, און זיין טאָכטער, חנה, די פרוי פון ר׳ אליהו, האָבען די גאנצע צייט ניט אָפּגעטראָטען פון זיין בעט. דער ווילנער גאון האָט מתפלל געווען פאר איהם, ער איז פון "כל נדרי" ביז נאָך "נעילה" ניט אָפּגעטראָטען פון זיין פלאץ. ווען ער איז געקומען אהיים פארפאסטען, האָט ער באמערקט אָן זיין פרוי׳ס פנים אז איהר פאָטער איז ערגער. ער האָט געזעהן אז זי איז אָפּגעשוואכט פון פאסטען און וויינען, און ער האָט איהר געהייסען זיך זעצען עסען.

— חנה, — האָט ער געזאָגט, — דו טראָגסט אונטער דיין הארצען א לעבעדיג נפש, און דו דארפסט זיין אָפּגעהיט, ונשמרתם לנפשותיכם, מען דארף זיך אָפּהיטען...

חנה, א פארוויינטע, ־ פארטרויערטע, האָט זיך געזעצט פארפאסטען צוזאמען מיט איהר מוטער. ר׳ אליהו האָט אויך פון איהר פארלאנגט אז זי זאָל געהן זיך צוליגען, ווייל זי איז געווען אָפּגעשוואכט פון פאסטען און ניט שלאָפען פאר די לעצטע צוויי נעכט. ער, ר׳ אליהו, אָבער, האָט ניט אָפּגעטראָטען פון זיין שווער׳ס בעט. ער איז געזעסען דאָרט, נעבען איהם, און האָט געלערענט תורה.

ר׳ יהודה ליב איז די גאנצע צייט געלעגען באוואוסטלאָז, און א צען מינוט פאר זיין טויט האָט ער צוריקגעקראָגען זיין באוואוסטזיין, און ווען ער האָט געעפענט זיינע אויגען און דערזעהן זיין איידעם זיצענדיג נעבען איהם, האָט זיך א לייכטער שמייכעל באוויזען אויף זיינע ליפען.

— איך געה אוועק פון דער וועלט א גליקליכער, — האָט ער מיט א שוואכער שטימע געזאָגט, — גאָט האָט מיך מזכה געווען מיט אזא איי־

דים... — ער האָט עפּעס נאָך געזאָגט און איז באלד צוריק אריינגעפאלען אין באוואוסטלאָזיגקייט. און אין צען מינוט ארום האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. ביי זיין בעט זיינען געווען, אויסער ר׳ אליהו זיין איידעם, זיין טאָכטער און זיין ווייב, אויך דער רב ר׳ דוד קאצענעלענבויגען. גיטעל האָט די ערשטע ארויסגעלאָזען א געוויין, חנה איז געפאלען אין חלשות און ר׳ אליהו האָט איהר אָפּגעמינטערט.

עס איז געווען איינע פון די גרעסטע לויה׳ס אין קיידאן. די גאנצע שטאָט אידען, פון קליין ביז גרויס, זיינען געקומען אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד דעם געוועזענעם גביר, ר׳ יהודה ליב, וועלכער האָט זוכה געווען צו האָבען אזא איידעם ווי דעם ווילנער גאון.

א טאָג נאָך דער לויה איז אין קיידאן געקומען דער סוחר, ר׳ קלמן פון מעדזשיבוזש.

מענדעל און די אנדערע חסידים זיינען נאָך דאָרט פארבליבען, כאָטש זיי האָבען געפּלאנט גלייך נאָך יום־כּפּור זיך צוריקצוקערען קיין ווילנע, נאָר צוליב דעם טויט פון ר׳ יהודה ליב, זיינען זיי שוין פארבליבען לענגער, און דאָ איז פּלוצלונג אָנגעקומען ר׳ קלמן. מענדעל איז דאן געווען אויף דער אכסניא, ווען ער האָט אויסגעפונען אז ר׳ קלמן איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון ווילנע. ער איז גלייך צו איהם צוגעלאָפען, איהם געפאלען אויפ׳ן האלז און זיך מיט איהם צעקושט.

ר׳ קלמן האָט איהם דערציילט, אז ער איז אָנגעקומען אין ווילנע נאָך ראש השנה און מען האָט איהם געזאָגט אז ער, מענדעל, איז אָפּגעפאָרען קיין קיידאן, און גלייך נאָך יום כּפּור האָט ער געדונגען א פור און איז אָפּגעפאָרען אהער.

— איך האָב געהערט אז דו האָסט געהאט א סך אויסצושטעהן פון די מתנגדים אין ווילנע! — האָט ר׳ קלמן זיך אָנגערופען, — אָבער אין דערזעלבער צייט, האָט מען מיר דערציילט, אז דו האָסט זיך, אין דיין געטרייהייט און איבערגעבענהייט צו חסידות, איינגאנצען פארלאָרען. דו האָסט געטאָן זאכען וואָס עס האָט געמאכט פונקט דעם פארקערטען איינדרוק אויף די וועלכע האָבען דאָס צוגעזעהן!

— יע, — האָט מענדעל צוגעגעבען, — איך בין געווען אזוי פארטאָן אין מיין פליכט צו שאפען נאָך חסידים, האָב איך געוואָלט דורך דעם ארויסרופען אינטערעס. אָבער איך האָב דורך דעם געמאכט א טעות. איצט ווייס איך דאָס! איך האָב אויך געהערט אז דער בעל־שם האָט ארויסגעלאָזען אזא אויפרוף צו די חסידים אז זיי זאָלען זיך אויפפירען ווי עס פּאסט פאר פרומע אידען. יע, ווען איך און די אנדערע חסידים וואָלטען עס געוואוסט פאראויס, וואָלטען מיר שוין אריינגעקראָגען נאָך צענדליגע טויזענטע חסידים פון די מתנגדים. דערווייל האָט זיך פון מיר אָפּגעלערענט נחום, אָט דער וועגען וועמען איך האָב דיר געהאט געשריבען אין מיין בריף, און ער האָט דורך דעם פארלאָרען א סך... דער ווילנער גאון האָט אויך געקראָגען זעהר א שלעכטע מיינונג וועגען אונז חסידים, און איך האָף אז מיט דיין קומען, וועסטו קאָנען גוט מאכען אלץ. אפשר וועט דיר געלונגען זיך צו זעהן מיט דעם רב פון קיידאן און דאן אויך האָבען א שמועס מיט ר׳ אליהו׳ן וועלכער איבט אויס גאָר א גרויסען איינפלוס אויף די פרומע און געלערנטע אידען...

— איך וועל זיך שוין זעהן מיט אלעמען! — האָט ר׳ קלמן געזאָגט, — איך וועל עפענען די בלינדע אויגען פון די מתנגדים. אלץ וואָס איך וויל איז צו קריגען א געלעגענהייט צו ריידען אין איינעם פון די בתי מדרשים פון קיידאן. איך וועל זיי דערציילען אלץ וואָס איך ווייס וועגען דעם בעל שם, וועגען דער לערע פון חסידות, און וועגען די מופתים וואָס איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהן, און איך פארזיכער דיר, אז איך וועל קריגען צענדליגע אָנהענגער. איך האָב שוין געהאט אזא ערפארונג אין א היבשע צאָל שטעטלעך פון פוילען. איצט זיינען צוגעקומען צו אונז טויזענטע חסידים, וועלכע האָבען אפילו ניט געטראכט פריער וועגען חסידים. ניין, מענדעל, ווען א חסיד איז צווישען

אייגענע חסידים, קאָן ער דאָן פּראַווען התלהבות, ער קען מקיים זיין דעם פּסוק: ”כל עצמותי תאמרנו“, אָבער ווען א חסיד קומט צווישען מתנגדים דאַרף ער זיך אויפפירען סמאַטעטשנע. ער דאַרף זיי באַווייזען אז צווישען חסידות און מתנגדות עקזיסטירט גאָר א קליינער אונטערשיד, בלויז אין נוסח התפלה, און אין דעם אופן ווי אזוי מיר שיקען אונזער תפלות צום כסא הכבוד... יעדער איינער קאָן איינזעהן, אז א חסיד איז א סך גליקליכער ווי א מתנגד, וועלכער איז שטענדיג אין עצבות. אָט דאָס וועל איך ערקלערען דעם עולם. און פון מאָרגען אָן וועלען מיר דאַווענען אין בית המדרש. מיר וועלען זיך דאַרפען אויפפירען ווי די אנדערע אידען, וועלכע דאַווענען אין בית המדרש, כדי דורכדעם ניט ארויסרופען קיין גערודער.

דערווייל איז מענדעל געלאָפען צו נחום'ען אין הויז און איהם אָנגעזאָגט אז ר' קלמן איז געקומען.

— דו הערסט, ציפּע, ר' קלמן איז געקומען! — האָט נחום אויסגערופען און זיינע אויגען האָבען זיך צעלויכטען פון פרייד. א קלייניגקייט, ר' קלמן, דער גביר און דער גרויסער חסיד! — הער זיך איין, ציפּע. איך לויף שוין צו איהם, און איך וועל איהם איינלאַדען צו אונז אויף סוכות. די סוכה איז א גאַנץ גרויסע און מיר וועלען קאָנען האָבען עטליכע אורחים ביי אונז. וואָס איז דיין מיינונג, ציפּע, דאַרף איך נאָך פרעגען דיין טאַטען?

— דער טאַטע וועט זיין צופרידען! — האָט ציפּע איהם געענטפערט, — אָבער ווער ווייסט צי אזא וויכטיגער גאַסט ווי ר' קלמן וועט גאָר וועלען איינשטעהן ביי אונז אויף יום טוב! ער איז דאָך, ווי איך הער, א גאָר גרויסער גביר, און ער איז צוגעוואוינט צו רייכע מאָלצייטען, און צו חשוב'ע מענשען.

— זעהסטו, ציפּע, אז דו ווייסט נאָך ניט, וואָס אן אמת'ער חסיד איז, — האָט נחום אויסגערופען — אן אמת'ער חסיד, ווער נאָר ער זאָל ניט זיין, ער קאָן זיין דער גרעסטער גביר, דער גרעסטער למדן, דער גרעסטער חכם, וועט זיין א גוטער ברודער מיט יעדען איינעם, מיט דעם גרעסטען עם הארץ, מיט דעם גרעסטען קבצן, אבי עס איז א חסיד מיט'ן גאַנצען האַרצען.

— אָבער דער טאַטע איז דאָך ניט קיין חסיד! — האָט ציפּע אויסגערופען, — און דערפאַר גלויב איך אז מיר וועלען גאָר ניט האָבען די זכיה צו האָבען אזא גאַסט ביי אונז אין הויז.

— נו, און וואו בין איך! — האָט נחום מיט שטאָלץ אויסגערופען, — איך בין דאָך עפּעס א חסיד, הא, ניט אמת? דו וועסט זעהן אז ער וועט איינשטעהן ביי אונז דעם גאַנצען יום־טוב סוכות.

נחום און מענדעל זיינען שנעל צוגעלאָפען צו דער אכסניא, און מענדעל האָט פאָרגעשטעלט נחום'ען פאַר ר' קלמן.

— הלואי וואָלטען מיר געהאַט א סך אזעלכע חסידים ווי ער, — האָט איהם מענדעל געריהמט, — ער איז ניט נאָר א געטרייער חסיד, צוליב וואָס ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעליטען, נאָר ער איז אויך א למדן, ער קען גוט לערנען, און ער קען אונז ברענגען גאָר פיל נוצען.

ר' קלמן האָט איהם געגעבען די האַנד און נחום האָט זיך אָנגערופען:

— ווי לאַנג איז עס שוין זינט איהר האָט זיך געזעגענט מיט'ן בעל־שם?

— שוין א זעקס חדשים בערך, — האָט ר' קלמן איהם געענטפערט. — און מיר דאַכט זיך אז עס איז שוין אן אייביגקייט. איך בין שוין נייגעריג זיך צו זעהן מיט דעם בעל־שם.

— אַ, איך וואָלט זיך געשעצט גליקליך, ווען איך האָב די זכיה זיך צו זעהן מיט דעם בעל שם און צו דריקען זיין הייליגע האַנד, — האָט נחום געזאָגט.

— דו וועסט נאָך האָבען די זכיה!

— האָט ר' קלמן געזאָגט, — ווי איך האָב געהערט פון מענדעל'ן ביסטו גאָר א גרויסער חסיד, און דו וועסט נאָך פאָרען מיט מיר קיין מערזשיבוש, און איך וועל דיר פאָרשטעלען פאַר דעם בעל שם טוב!

— וואָס, איהר וועט מיך מיטנע־

מען צום בעל שם! — האָט נחום אויסגערופען און זיין פּנים האָט זיך צעלויכטען פון גליק.

— ערשטענס, וויל איך ניט אז דו זאָלסט מיך איהר'צען, — האָט ר' קלמן זיך אָנגערופען. — ביי אונז, חסידים, זאָגט מען זיך איינע די אַנדערע דו, ע : מאכט ניט אויב איינער איז יונג אָדער אלט. מיר זאָגען "דו"...

— און דעם בעל שם טוב? — פרעגט נחום און נעהמט ניט אראָפּ די אויגען פון ר' קלמנ'ען.

— דעם בעל שם טוב איז עפּעס אַנדערש. איהם זאָגט מען ניט "דו" און ניט "איהר"... ווען מען וויל עפּעס זאָגען צו איהם, זאָגט מען: דער רבי האָט געזאָגט, דער רבי וויל עפּעס, דער רבי וועט אונז דערצעהלען..

— און צווייטענס? — האָט נחים איהם געפּרעגט.

— צווייטענס? הא, יע. איך האָב דיר געוואָלט זאָגען אז איך האָב דיר ניט צוגעזאָגט, אז איך וועל דיך מיטנעהמען. אָבער דו ביזט גערעכט! איך האָב דיר געזאָגט, אז איך וועל דיר פארשטעלען פאר דעם בעל שם טוב, און ווי אזוי וועל איך דאָס באווייזען צו טהאָן, אויב איך וועל דיר נישט מיטנעהמען? דו אליין וועסט דאָך ניט קאָנען פאָהרען קיין מעדזשיבוש, דאריבער קען דאך דאָס אויסגעטייטשט ווערען אז איך האָב דיר צוגעזאָגט, און צוליב דעם וועל איך דיך שוין מוזען מיטנעהמען ווען איך וועל זיך אומקעהרען.

— אז ר' קלמן רעדט זיך ארויס עפּעס, וועט ער דאס מקיים זיין! — האָט מענדעל געאָזגט, — אָט האָט ער זיך ארויסגערעדט אז ער וועט מיך שטיצען מיט אלץ אין וואס איך וועל זיך נויטיגען, אויב איך וועל זיך אונטערנעהמען צו פארשפּרייטען חסידות צווישען די מתנגדים און דו ווייסט דאָך, אז איך האָב פון איהם די גאנצע צייט געקראגען שטיצע. און ווען ניט ר' קלמן וואָלטען מיר דאך ניט געקענט האָבען דעם חסידישען מנין אין קיידאַן.

נחום האָט ניט געגלויבט זיינע אויערען. איז עס מעגליך אז ער וועט האָבען א געלעגענהייט צו מאכען אזא ווייטע רייזע צו זעהן דעם בעל שם טוב?

— איך וויים ניט מיט וואס איך האָב עס פארדינט! — האָט נחום אויסגערופען — ר' קלמן, גאָט זאָל אייך געבען איהר זאָלט דערלעבען צו הערען דעם שופר של משיח.

— עס איז א גוטע ברכה! — האָט ר' קלמן געזאָגט, — און לאָמיר דיר זאָגען אז עס איז נעהנטער ווי ווייטער. דער בעל שם וועט נאָך מאכען אז דאס אידישע פאָלק זאָל ווערט זיין אז דער גואל צדק זאָל קומען אין אונזערע טעג...

א היבשי ווייל̃ע האָבען זיי פארבראכט. זיי האָבען ארומגערעדט וועגען דער באציהונג פון ווילנער גאון צו חסידות, און ר' קלמן האָט זיך אָנגערופען:

— דער הויפּט צוועק פון מיין קומען אהער איז זיך צו זעהן מיט דעם ווילנער גאון, און איהם ערקלעהרען אז אלץ וואס מען האָט איהם דערצעהלט וועגען חסידות און חסידים איז ניט ריכטיג. איך האָף אז מיר וועט געלינגען זיך דורכצוריידען מיט איהם.

— עס איז א גרויסען שאָדען וואס דו ביזט געקומען אין אזא צייט, ווען דער ווילנער גאון האָט פארלאָרען זיין געטרייען שוועער. עס וועט איצט זיין אוממעגליך מיט איהם צו ריידען, ווייל ער איז א שרוי בצער — האָט מענדעל געזאָגט.

— איך וועל זיך זעהן מיט די גבאים פון בית המדרש, און זעהן זיי בעטען אז זיי זאָלען מיר געבען ערלויבניש צו ריידען אין בית המדרש, דעם צווייטען טאָג סוכות נאָך מנחה.

— איך האָב מורא אז דאס וועט זיין אוממעגליך — האָט נחום געזאָגט — ווען די גבאים וועלען אויסגעפינען אז איהר וועט רעדען וועגען חסידות, וועלען זיי בשום אופן ניט געבען די דאָזיגע ערלויבניש.

— איך וועל שוין וויסען ווי אזוי צו ווירקען אויף זיי — האָט ר' קלמן מיט א שמייכעל זיך אָנגערופען, — איך האָב זיך אויף מיין וועג אָנגעשטויסען אויף פארברענטע מתנגדים וועלכע זיינען געווען גרייט צו דערטרינקען א חסיד אין א לעפעל וואסער. אָבער איך האָב דארט גערעדט און איך האָב

דארט ניט איין חסיד געמאכט. ערשטענס וויל איך אז דו זאלסט מעלדען דעם גבאי, אז איך בין מנדב הונדערט גילדען אויף דעם בית המדרש, מען זאל איהם רעמאנטירען, ווייל ווי איך האב געהערט נויטיגט ער זיך אין א רעמאנט. איך וויים אז ווען זיי וועלען זעהן אזא נדבה, וועלען זיי שוין זיך לאזען בויגען.

—איך וועל אייך זאגען, — האט נחום אויסגערופען, — ווען איך אליין זאל צוגעהן צו דעם גבאי און איהם זאגען וועגען אייך, וועט ער אפילו ניט וועלען הערען. דאריבער, וועל איך אייך, ר' קלמן, איינלאדען צו מיין שווער אין הויז און איהר וועט זיך מיט איהם דורכריידען, אז ער זאל זיך זעהן מיט דעם גבאי, טאקי מארגען, ווען איהר וועט דארטען קומען דאווענען. ער וועט אייך פארשטעלען פאר איהם, און דאן וועט איהר מנדב זיין דאס געלד.

— זאל זיין אזוי ! — האט ר' קלמן אויסגערופען. — איך וועל מארגען געהן דאווגען דארט אין בית המדרש און איצט געה, נחום, צוריק אהיים, ווייל איך בין מיד און וויל זיך אפרוהען.

מיט א קלאפענדען הארץ איז נחום אוועק אהיים. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן פון פרייד, ווען ער האט א טראכט געטאן אז דער גביר ר' קלמן וועט איהם מיטנעהמען אויף זיינע הוצאות קיין מעזשעבוזש צום בעל שם. אבער .ין דער זעלבער צייט האט ער זיך געשראקען, אז מען וועט איהם פון דאנען ניט אוועקלאזען. בפרט איצט, ווען זיין ציפע איז אויף דער צייט. דערווייל וועט קיינער ניט טארען וויסען וועגען דעם. איצט האט ער געלייגט גרויסע האפענונגען אויף ר' קלמנ'ס באזוך אין קיידאן. עס קען זיין, אז פון היינט אן און ווייטער וועט די זון פון חסידות א שיין טאן פאר גאנץ קיידאן, און דאן וועט איהם שוין ניט שווער אנקומען צו באוועגען זיין שווער און שוויגער אז זיי זאלען איהם לאזען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט און פאהרען צוזאמען מיט דעם גביר פון מעזשעבוזש צום בעל שם... דארט קען איהם דאס גליק קור־מען און ער וועט נאך זיי אלעמען קענען אהין ברייגגען...

באלד האט מען אין גאנץ קיידאן זיך דערוואוסט ,אז דער באריהמטער גביר און גרויסער למדן איז אנגעקומען. עס האבען זיך גענומען פארשפרייטען קלאנגען אז ר' ישראל בעל שם טוב, האט איהם געשיקט אהער אין .קיידאן, כדי זיך דורכצוריידען מיט ר' אליהו'ן, דעם ווילנער גאון, און איהם צו בעטען אין נאמען פון בעל שם, ער זאל זיך ארויסזאגען צו גונסטען פון הסידות.

עס איז געווען ערב סוכות. די אידען פון קיידאן זיינען געווען פארנומען מיט'ן יום טוב. דער רב האט געהערט, אז אין קיידאן איז אנגעקומען ר' קלמן אלס שליח פון בעל שם, און ער האט גלייך געשיקט רופען די גבאים פון ביידע בתי מדרשים.

— ווי איך פארשטעה — האט ער זיך צו זיי אנגערופען — איז דער גביר ר' קלמן אהער אנגעקומען מיט א באוואוסטען צוועק, און דאס איז זעהן אז מיר, די מתנגדים, זאלען ווערען חסידים. איך האב געהערט וועגען איהם פון די רבנים, וועלכע האבען שוין געהאט א געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט איהם אין די אנדערע קליינע שטעדטלאך. זיי האבען מיר דערצעהלט אז אזוי ווי ר' קלמן איז א איד א גביר, און ער קען זיך לאזען קאסטען עטליכע גילדען וואו מען דארף, קריגט ער דורך דעם צוטריט, און נוצט עס אוים צו פרעדיגען חסידות צווישען די מתנגדים. דעריבער דארפען מיר זעהן, ניט צו דערלאזען אז ער זאל קאנען טאן דאס זעלבע אויך ביי אונז אין קיידאן. מען האט מיר געזאגט אז ער וויל מנדב זיין הונדערט גילדען צו רעמאנטירען דעם בית המדרש.

— רבי, הונדערט גילדין וועט טאקע אונז שטארק צוניץ קומען — האט איין גבאי געזאגט — און איך זעה ניט איין פארוואס מיר זאלען ניט נעהמען פון איהם. עס געהט שוין צו ווינטער. דער דאך פון בית המדרש רינט, און מען וועט איהם דארפען פארריכטען, קיין געלט האבען מיר ניט. טא פארוואס זאלען מיר ניט נעהמען קיין נדבה פון א רייכען אידען.

איי, ער איז א חסיד! נו, איז וואס! א חסיד איז דען ניט קיין איד? ער גלויבט דען ניט אין דער תורה? איי נער וויל דוקא דאוונען מיט אן אנדער נוסח, און וויל זאָגען "הודו" פאר "ברוך שאמר", אָדער "כתר" אנשטאט "נעריצך", צוליב דעם אליין דארפען מיר זיך ניט אנטזאגען צו נעהמען געלט פון חסידים פאר אזא הייליגען צוועק!

— איך וויל אז איהר זאָלט מיר פארשטעהן — האָט דער רב זיך אָנגערופען. — לויט אייערע רייד קומט אוים, אז דער ווילנער גאון און אלע אנדערע רבנים זיינען געגען חסידות, צוליב דעם, וואס זיי האָבען אן אנדער נוסח אין דאוונען! ניין, איהר מאכט א טעות! ניט צוליב דעם. און אפילו ניט צוליב דעם וואס זיי ווייזען גאנץ אָפט ארוים קלות ראש ביים דאוונען... ווען דאָס וואָלטען געווען די איינציגע חסרונות, פארזיכער איך אייך, אז דער ווילנער גאון וואָלט ניט ארויסגעטראטען אזוי שארף געגען די חסידים איך האָב געהערט אליין פון זיין מויל, אז דער בעל שם האָט געזוכט אריינצוציהען דעם פשוט'ן המון, און איהם געבען צו פארשטעהן, אז צו זיין א גוטער חסיד, דארף מען ניט קענען לערנען, מען דארף זיך ניט אָפּגעבען מיט דעם תלמוד, מיט די מפרשים, אלץ וואס איז נויטיג איז מכוון צו זיין אין די תפילות...

— נו, רבי, איך געפין ניט קיין חטא און דעם וואָס מען דאווענט מיט כוונה — האָט דער גבאי זיך אָנגערופען — נאָך אלעמען קען דאָך יעדער איד ניט זיין קיין למדן....

— דאס איז די צרה, וואס ניט אלע אידען קאָנען זעהן די גרויסע געפאהר וואס לויערט אויף אונזער גאנצען פאָלק דורך די חסידים, וועלכע זאָגען, אז דער עיקר איז ניט די גמרא און די מפרשים, נאָר דער זוהר און די קבלה ספרים, וואס בלויז געצעהלטע קאָנען דאס פארשטעהן. ווייסט איהר דען ניט אז דער תלמוד האָט אויפגעהאלטען די אידען אלס פאָלק דורך די לאנגע גלות יאָהרען... אָט דער תלמוד האָט געגעבען אונזער פאָלק כח אריבערצוטראָגען אָט די אלע צרות, נגישות און פארפאָלגונגען, וואס זיי איז אויסגעקומען צו ליידען פון די שונאים. ווען מיר זאָלען דערלאָזען אז חסידות זאָל שלאָגען ווארצלען ביים אידישען פאָלק, דאן וועט דער תלמוד פארגעסען ווערען, די עמי הארצים וועלען קיין דרך ארץ ניט האָבען פאר די גרויסע לומדים און עס קאָן פאסירען, אז די תורה זאָל פארגעסען ווערען פון ישראל!... יע, חסידות זוכט זיך אָפּצוגייגען פון תלמוד און פון לערנען תורה, און צוליב דעם אליין מוזען מיר, מתנגדים, עס באקעמפען מיט אלץ וואס איז אין אונזער מאכט.

— רבי, איך וויל אז איהר זאָלט וויסען, אז איך אליין בין ניט קיין חסיד, און איך בין ניט אימשטאנד ארייגצוגעהן מיט אייך אין א ויכוח וועגען חסידות. אלץ וואס איך זאָג, אז אויב ער, ר' קלמן, וויל געבען א נדבה פון הונדערט גילדין פאר דעם בית המדרש, זעה איך ניט איין פארוואס מיר זאָלען דאָך ניט נעהמען, אין דער צייט ווען מיר נויטיגען זיך אין דעם אזוי שטארק...

— איך זאָג אויך אז נעהמען מעג מען אָבער מיט דער פארשטענדניש, אז ער זאָל צוליב דעם ניט פארלאנגען מיר זאָלען איהם געבען הנחות וואָס מיר וואָלטען אזוי קיינמאָל ניט געגעבען קיינעם פון די חסידים

— איך וועל אייך זאָגען, רבי, וואס ער פארלאנגט — האָט דער גבאי זיך אָנגערופען — ער פארלאנגט אז מיר זאָלען איהם געבען ערלויבניש צו ריידען אין בית המדרש, דעם צווייטען טאָג סוכות, נאָך מנחה.

— מיין עצה איז, אז מיר זאָלען איהם קיין ערלויבניש צו ריידען ניט געבען — האָט דער רב זיך אָנגערופען — איך האָב דאָך געהערט וואס עס קומט פאר, ווען אָט אזעלכע חסידים ווערען ערלויבט צו האלטען זייערע דרשות אין בית המדרש. עס וועט זיך תמיד געפינען א געוויסע צאָהל אידען, צוהערער, וואס וועט בעאיינפלוסט ווערען פון אזא מין ריידען, בפרט ווען דער רעדנער וועט זיי דערצעהלען ווי ער אליין האָט געזהן פילע נסים... און וואס וועט זיין דער סוף, אז דאס וועט אריינברענגען ביי אונז א

שפּאַלטונג. עס וועלען זיך אָנפאַנגען רייסערייען, מחלקות מיט שנאה און רוגזות... פּאָלגט מיר, לאָמיר נעהמען פאר א ביישפּיל אנדערע שטעטלאך, וואו חסידים האָבען געזוכט אריינצושטעלען א פּוס, און מיר וועלען זיך איינשפּארען א סך עגמת נפש און צרות...

— איהר זייט גערעכט, רבי — האָט א צווייטער גבאי זיך אָנגערופען — מיר האָבען שוין געהאט א באגריף צו וואס דאס קען אונז פיהרען. יע, טאקע מיט נחום'ן, ר' אשר'ס איידעם, און מיר וועלען דארפען זיין פארזיכטיג... מיר וועלען ניט דערלאָזען אז צוליב געלט זאָל ביי אונז אויסברעכען א שפּאלטונג. מיר וועלען ניט דערלאָזען אז חסידים זאָלען ביי אונז אריינשטעלען א פּוס.

— נו, אזוי בלייבט עס — האָט א דריטער גבאי געזאָגט — מיר וועלען איהם, ר' קלמן'ען דארפען געבען די זעלבע תשובה וואס מען גיט א ביהן, ווען ער גיט האָניג, און אין דער זעלבער צייט אויך א ביס: "לא מדובשך ולא מעוקצך", מיר ווילען יט דיין האָניג און מיר ווילען ניט דיין ביס...

ווען ר' קלמן האָט באקומען די דאָזיגע תשובה פון די גבאים, האָט ער נאָך אלץ ניט אויפגעגעבען זיין האָפענונג. ער האָט באשלאָסען צו דאווענען אין בית המדרש צוזאמען מיט מענדעל'ן און נחום, זיינע חסידים. ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיך צו האלטען סטאטעשנע, כדי דערמיט ניט צו געבען אן אויסרייד זיי ארויסצוטרייבען פון בית המדרש.

די ערשטע צוויי טעג סוכות זיינען פאַראיבער רוהיג. אָבער דעם צווייטען טאָג, צו מנחה, האָט אויסגעבראכען א טומעל. די געשיכטע איז אזוי געווען: אזוי שנעל ווי מען האָט געענדיגט דאווענען מנחה, האָט זיך ר' קלמן צוגעשארט צו דער בימה. ער איז דארט ארויף און א קלאפּ געטאָן מיט'ן האנט אין שולחן, אז ער וויל עפּעס ריידען צום עולם, און ער האָט אלעמען געהייסען בלייבען אויף זייערע פּלעצער.

באלד איז ארויף דער גבאי און זיך צו איהם אָנגערופען:

— ר' איד, איהר קאָנט ניט ריידען!

— איך וועל ניט ריידען קיין לאנגע צייט, נאָר איינינגע מינוט — האָט ר' קלמן געזאָגט.

— מען זאָגט אייך, אז איהר וועט ניט ריידען אין בית המדרש!—שרייט אוים דער גבאי.

— איך וועל מנדב זיין פאר'ן בית המדרש וויפיל מען וועט מיר זאָגען, אָבער איך פארלאנג אז מען זאָל מיר לאָזען ריידען פאר'ן עולם. איך האָב זיי איבערצוגעבען עטליכע ווערטער פון דעם צדיק ר' ישראל בעל שם טוב!

— ארונטער פון דער בימה! — האָט א צווייטער גבאי אויסגערופען — מיר וועלען ניט דערלאָזען .זז איהר זאָלט אריינברייגען א צעטומלעניש אין די מוחות פון די קיידאנער אידען!

— איך האָב א רעכט צו ריידען! איך בין אזא גוטער איד ווי איהר זייט! — האָט ר' קלמן אויסגערופען — איך וועל ניט ארונטערגעהן פין דער בימה ביז וואנען מען וועט מיר ניט לאָזען דערצעהלען די הייליגע עדה וועגען דעם בעל שם! איך בעט אייך זייט ניט אזוי פאר'עקשנ'ט. איך בין אויך אזוי געווען, אָבער איך האָב זיך איבערצייגט, א: איך האָב געמאכט א טעות! און דעריבער וויל איך אייך אויך איבערצייגען אין אייער טעות!

— מיר ווילען אייך ניט הערען! געהט זיך צו אייערע חסידים אין יענע שטעטלעך. מיר דארפען ניט הערען אייערע רייד וועגען חסידים...

— אידען! — האָט מענדעל א געשריי געטאָן. — זעהט ווי אייערע גבאים באהאנדלען דעם שליח פון בעל שם! ער אליין איז א איד א למדן, א גביר, און א געוועזענער מתנגד, און איצט וויל ער אייך דערצעהלען ווי אזוי ער איז פון א מתנגד געווארען א חסיד, אָבער די גבאים ווילען איהם ניט לאָזען ריידען! ער וועט אפילי מנדב זיין א היבשע סומע געלט פאר דעם בית המדרש, אויב מען וועט איהם לאָזען ריידען. הא, אידען, פארוואס שווייגט איהר, פארוואס לאָזט איהר די עטליכע אידען, עקשנים, צו טאָן וואס זיי ווילען! בלייבט דאָ, און פארלאנגט אז ר' קלמן זאָל קענען זאָגען אלץ וואס ער האָט צו זאָגען!

— זאָל ער ריידען! זאָל ער ריי־

דען ! — האָבען זיך דערהערט שטימען.

— ניין, שליידערט איהם ארונטער פון דער בימה, דעם חסיד ! — האָבען אנדערע געשריען. עס האָט שוין געהאלטען ביי א פויסט קאמף... דאן איז דער אלטער רב, ר׳ דוד קאצענעלענבויגען, ארויף אויף דער בימה, און א מאך געטאָן מיט זיין האנט. אלע האָבען זיך איינגעשטילט, און ער האָט מיט א ציטערענדער שטימע זיך אָנגערופען :

— עס איז איצט ניט די צייט זיך אריינצולאָזען אין א ויכוח מיט די חסידים, צי זיי זיינען גערעכט אָדער אומגערעכט. אלץ וואס איך וויל, אז איהר זאָלט פון דעם איינזעהן, אז צוליב דעם פרעמדען אידען, איז שיער ניט געקומען צו א מחלוקה צווישען די אידען פון קיידאן, וואו עס האָט תמיד געהערשט שלום. און וויבאלד אז דורך דעם וואָס מיר וועלען געבען ערלויבניש אָט דעם שליח פון בעל־שם אז ער זאָל ריידען, וועט ארויסקומען ביי אונז א מחלוקה, דארפען מיר זעהן דאס ניט צו דערלאָזען. דעריבער זאָג איך, אז עס וועט נעסער זיין, אז איהר זאָלט ארונטערגעהן פון דער בימה און יעדער זאָל זיך געהן אהיים.

ר׳ קלמן האָט זיך אויסגעדרעהט און איז שווייגענדיג ארונטערגעגאנגען פון דער בימה. דער עולם איז אויך זיך צעגאנגען שווייגענדיג. אָבער מענדעל און נחום האָבען ניט אויפגעהערט צו שטורמען און שרייען. זיי זיינען אלע אוועקגעגאנגען צו ר׳ אשר׳ן אין הויז. און נחום האָט ניט אויפגעהערט צו טומלען און געוואלדעווען.

— איך וועל פון דאנען ניט אוועקפאָהרען ביז וואנען מיר וועט געלינגען זיך צו זעהן מיט דעם ווילנער גאון און מיט איהם ריידען. איך בין זיכער אז ווען איך וועל האָבען א געלעגענהייט זיך דורכצוריידען מיט איהם, וואָלט ער אליין איינגעזעהען אז מען האָט איהם ניט דערצעהלט דעם אמת וועגען חסידות, און ער וואָלט גלייך געביטען זיין מיינונג — האָט ר׳ קלמן געזאָגט.

ר׳ קלמן אָבער האָט קיין געלעגענהייט ניט געהט זיך צו זעהן מיט דעם ווילנער גאון, כאָטש ער איז פארבליבען היבשע עטלי־ע וואכען נאָך סוכות. ער האָט געמאכט איינינע פארזוכען זיך צו זעהן מיט איהם, אָבער פריהער איז ער נאָך אלץ געווען אין טרויער אויף זיין טייערען שווער, און קורץ נאָך סוכות האָט איהם זיין ווייב חנה געבוירען א זוהן, ער איז געווען שטארק פארנומען. און אזוי ווי ער האָט מבטל געווען אין לערנען א היבשע צייט, האָט ער געזוכט אָפּצומאכען די פארלאָרענע צייט, און ער האָט אויסגעמיטען געזעלשאפט.

ר׳ אליהו האָט א נאָמען געגעבען זיין בכור נאָך זיין שווער — יהודה ליב, און קורץ נאָכדעם, האָט ער מיט זיין פרוי, זיין קינד און זיין שוויגער אָפּגעפאָהרען קיין ווילנא.

ר׳ שלמה זלמן און טריינע האָבען זיך שטארק דערפרעהט מיט זייער זוהן. זיי האָבען איהם גלייך אָפּגעגעבען א חדר מיוחד צום לערנען. זייערע אנדערע זיהן זיינען שוין אויך געווען פארהייראט, און עס איז געווען גענוג פלאץ פאר אלעמען.

ר׳ אליהו׳ס נאָמען האָט דערגרייכט אומעטום. אלע האָבען געהערט פון דעם ווילנער גאון, און די גרעסטע צדיקים און לומדים האָבען געשטראמט קיין ווילנא צו האָבען די זכיה זיך צו זעהן מיט דעם גרויסען צדיק און גאון.

כאָטש די, וועלכע זיינען צו איהם געקומען זיינען אליין געווען גרויסע גאונים און לערנען, און זיי פלעגען מיט איהם פארברייגען אין תורה, פלעגען אָבער אויך קומען אזעלכע וועלכע האָבען געזוכט צו פארברייגען מיט איהם אין שיחת חולין. דאס זיינען געווען אידישע גבירים און גרויסע סוחרים, וועלכע פלעגען קומען צו איהם כדי צו זעהן מיט זייערע אויגען דעם גרויסען גאון פון ווילנא.

עס איז געווען דאן, ווען דער ווילנער גאון ר׳ אליהו האָט באשלאָסען אָפּצוריכטען גלות. אין יענער צייט האָבען פילע גרויסע צדיקים זיך נוהג געווען אָפּצוריכטען גלות. ערשטענס כדי זיך צו פייניגען און דורך דעם אָפּקומען פאר די זינד. ווייל עס איז דאָך ניטאָ א מענש, וועלכער זאָל ניט געשטרויכעלט ווערען אין א זינד און נאָך אן אורזאכע איז געווען פאר וואס דער

ווילנער גאון האָט באשלאָסען צו געהן אין גלות. ער האָט עס געטאָן כדי זיך צו באקאָנען מיט די אידען וועלכע זיינען געווען פארשפּרייט אין פארשידענע מדינות.

אזוי האָט זיך דער גאון געזעגענט מיט זיין פּאָטער און מוטער, מיט זיין ווייב און קינד, און ער איז אוועק אָפּריכטען גלות.

קאַפּיטעל זיבען און צוואנציג

ווען ר׳ קלמן האָט אויסגעפונען אז דער ווילנער גאון האָט פארלאָזען קיידאן און זיך אומגעקעהרט מיט זיין פרוי קיין ווילנא, האָט ער באשלאָסען אויך צו פאָהרען קיין ווילנא, אפשר וועט איהם געלינגען זיך דארט צו זעהן מיט איהם. ער האָט אָבער אליין ניט געוואָלט פאָהרען. ער האָט דאָך צוגעזאָגט מיטצונעהמען נחום׳ן צום בעל שם טוב, און ער וועט מוזען האלטען זיין ווארט. אויסער דעם האָט ער געפיהלט, אז אזא יונגער מאן ווי נחום וועט איהם שטארק צוניץ קומען, ווייל זעלטען, אז צווישען די חסידים האָבען זיך געפונען אזעלכע יונגע לייט פון ליטא, וועלכע האָבען געקענט גוט לערנען. און ער האָט געזוכט בלויז אזעלכע, כדי מיט זיי צוציהען נאָך אזעלכע יונגע לייט.

ווען ער האָט געזאָגט נחום׳ן אז ער קליבט זיך אָפּצופאָהרען מיט איהם און מיט מענדעל׳ן פון דאנען, האָט נחום ניט געוואוסט וואס צו טהאָן פון פרייד. ער האָט שוין לאנג אויסגעקוקט זיינע אויגען אויף דער דאזיגער געלעגענהייט, צו פאָהרען צום בעל שם טוב. אָבער ווי אזוי קאָן ער ברייננגען די דאזיגע נייעס צו ציפּע׳ן. א קלייניגקייט, אוועקפאָהרען איצט, ווען אָט גאָר אין גיכען וועט זי דארפען געלעגען ווערען. ווי אזיי וועט ער דאס קאָנען טאָן אָהן איהר וויסען, און דערצעהלען איהר וועגען דעם, וועט זי געוויס ניט דערלאָזען. איז נחום ארומגעגאנגען א צוטראגענער און ניט געוואוסט ווי צו האנדלען.

ער האָט אפילו ניט איין מאָל געגעבען איהר אָנצוהערען אז עס וואָלט געווען זעהר גוט ווען ער האָט איצט א סך געלד, וואָלט ער איהר געקענט איבערלאָזען אויף א קורצער צייט, און אָפּפאָהרען צוזאמען מיט ר׳ קלמ׳ען קיין מעדזשיבוזש, צום בעל שם טוב, און דאן וואָלט ער זי אהין אריבערגעבראכט ..וזאמען מיט די קינדער. אָבער ווען ציפּע האָט דאס דערהערט האָט זי זיך שטארק דערשראקען און געזאָגט:

— שלאָג זיך ארויס פון דיינע געדאנקען אזא זאך. אויב מיר וועלען דאָס קאָנען באווייזען, שפּעטער מיט צעהן יאָהר, וועלען מיר זיך דארפען צופרידען שטעלען, ווייל איצט וועסטו האָבען אנדערע זארגען, מיין מאן! איצט וועסטו דארפען טראכטען וועגען פרנסה פאר מיר און די קינדער. דו וועסט דאך ניט קענען ערווארטען אז מיינע עלטערען, וועלכע זיינען שוין עלטערע מענשען, זאָלען דארפען מפרנס זיין דיין פרוי און דיינע קינדער.

פון דעם האָט נחום איינגעזעהן, אז ער וועט זיך מוזען ארויס׳גנב׳ענען פון קיידאן, ווייל אויב זיי וועלען אויסגעפינען אז ער האָט בדעה מיטצוגעהן מיט קלמנ׳ען, וואָלטען זיי איהם שוין גוט געהיט. דעריבער האָט ער זיך געמאכט אז ער האָט אפילו ניט בדעה צו פארלאָזען קיידאן, און ער האָט גערעדט מיט זיין ווייב וועגען דער צוקונפט, אז אזוי שנעל ווי זייערע קינדער וועלען אונטערוואקסען וועט ער צוזאמען מיט איהר אוועקפאָהרען צום בעל שם טוב.

ציפּע האָט זיך געפיהלט גליקליך. זי האָט געזעהן אז א גרויסע ענדערונג קומט פאר אין איהר מאן. ער איז שוין מעהר איבערגעגעבען צו איהר. ער געהט שוין דאווענען צוזאמען מיט מענדעל׳ן און ר׳ קלמן איז בית המדרש און זיי זיינען שוין איצט א סך רוהיגער ווי געווען. ר׳ אשר און זיין פרוי האָבען שוין ניט איין מאָל איבערגערעדט, אז זינט דער גביר ר׳ קלמן איז אָנגעקומען האָט זיך נחום א סך געענדערט צום בעסערען. ווייזט אויס, אז ר׳ קלמן איז ניט נאָר א למדן, נאָר אויך א קלוגער איד. ער האָט פארשטאנען, אז מיט די אלע העויות און טומלענישען וואס די חסידים מאכען אין דאווענען, וועלען זיי גאָר ניט אויפטאָן. האָט ער דעריבער זיי אָנגעזאָגט דאס מעהר ניט צו טהאָן. און איצט

איז טאקי ניטאָ מעהר קיין גרויסער אונטערשייד צווישען א חסיד און א מתנגד, בלויז אין נוסח הפילה.

ר׳ קלמן און מענדעל האָבען שוין געהאט אָפּגעמאכט מיט א בעל עגלה צו פאָהרען אויף מאָרגען אין דער פריה קיין ווילנא. נחום האָט אָבער געזאָגט זיין ווייב, אז ר׳ קלמן וועט אָפּפאָהרען פון קיידאַן אין א וואך ארום, דעריבער האָט איהם ציפּע ניט געהיט. נחום האָט ביסלעכווייז מיטגענומען איינִיגע קלייניגקייטען, און אויף מאָרגען גאנץ פריה, איז ער אויפגעשטאַנען. ער האָט גענומען זיין טלית און תפילין, און געזאָגט ציפּע׳ן אז ער געט דאוונען דעם ערשטען מנין. ער איז אוועק אין אכסניא און ער האָט דארט שנעל אָפּגעדאווענט צוזאמען מיט ר׳ קלמן און מענדעל׳ן. דער בעל אכסניא האָט געגעבען ר׳ קלמן׳ען א חשבון און ער האָט איהם באצאָהלט. זיי האָבען עפּעס צוגעביסען, און נחום האָט זיך מיט זיי כלומרשט געזעגנט פאר אַלעמען אין די אויגען, כדי מען זאָל איהם ניט חושד זיין, אז ער פאָהרט אויך מיט זיי. ר׳ קלמן און מענדעל האָבען זיך אריינגעזעצט אין א פוהר און זיי זיינען אָפּגעפאָהרען. נחום איז אוועקגעגאנגען, אָבער אנשטאט צו געהן אהיים, איז ער אוועקגעגאנגען אין אן אנדער ריכטונג. דארט האָט שוין אויף איהם געווארט די פוהר. ער האָט זיך אריינגעזעצט אין פוהר און איז אָפּגעפאָהרען צוזאמען מיט ר׳ קלמן און מענדעל קיין ווילנא.

דערווייל איז שוין באלד האלבער טאָג און נחום איז נאָך ניט געקומען אהיים . . . ציפּע איז ניט געווען באַזאָרגט. זי האָט געוואוסט, אז עס פּאַסירט גאנץ אָפט, אז ער פארברענגט מיט ר קלמן און מענדעלן. קאָן זיין, אז היינט איז עפּעס א שטיקעל יום טוב ביי די חסידים, און ער האָט זיך פארזאמט. אָבער ווען עס זיינען פאָראיבער נאָך עטליכע שעה, און עס איז שוין געווען מיטאָג צייט. איהר טאטע איז געקומען פון קראָם עסען, און נחום איז נאָך אלץ ניטאָ, איז זי שוין שטארק באזאָרגט געוואָרען.

— וואו איז דאָס נחום? — האָט ר אשר געפרעגט זיין טאָכטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געוואשען און געזעצט צום טיש עסען.

— ער איז נאָך היינט גאָר ניט געקומען אהיים פון דאוונען — האָט זי געענטפערט. — איך ווייס טאקע ניט וואָס עס האָט פּאסירט. עס קאָן זיין, אז היינט האָבען די חסידים א יום טוב, פארברענגט ער מן הסתם מיט ר׳ קלמנ׳ען, אָבער אזוי לאנג קאָן איך שוין גאָר ניט פארשטעהן. ער איז געגאנגען דאווענען דעם ערשטען מנין היינט אין דער פריה.

און איך האָב גאָר ניט געזעהן אין בית המדרש. היינט אין דער פריה — האָט ר׳ אשר געזאָגט — איך בין געקומען פריה צום צווייטען מנין. דער ערשטער מנין האָט נאָך ניט געהאט געענדיגט דאווענען, אָבער נחום איז דאָרט ניט געווען.

ביי ציפּע׳ן איז פּלוצלונג איינגעפאַלען דאָס הארץ. ווער ווייסט וואָס עס האָט פּאסירט?

— טאטע, דו וועסט אזוי גוט זיין און נעהמען אליין דעם אָנבייסען! — האָט זי אויסגערופען. — איך וועל זיך אריבערכאפּען אויף דער אכסניא... מיין הארץ זאָגט מיר, אז עפּעס האָט פּאסירט.

— איך געה מיט דיר, ציפּע — האָט זיך ר׳ אשר אויפגעשטעלט. — דו ווייסט דאָך, אז אין דיינע אומשטענדען טאָרסטו זיך ניט אויפרעגען.

ר׳ אשר איז גלייך אוועק מיט זיין טאָכטער צו דער אכסניא, און ער האָט געפרעגט, אויב נחום איז דאָרט געווען היינט אין דער פריה.

— יא, נחום איז דאָ געווען היינט גאנץ פריה — האָט דער בעל אכסניא געענטפערט — ער האָט זיך געזעגנט מיט ר׳ קלמן און מענדעל׳ן און נאָכדעם איז ער אוועק.

— וואָס ר׳ קלמן איז אוועקגעפאָרען? — האָט ציפּע אויסגערופען און די ווערטער האָבען זיך איהר געשטעלט אין האלז.

— יא, היינט אין דער פריה איז ער און מענדעל אָפּגעפאָהרען פון דאַנען קיין ווילנע, — האָט דער בעל אכסניא געענטפערט.

— זיי זיינען אָפּגעפאָהרען קיין ווילנע! — האָט ציפּע אויסגערופען — און נחום?

— האָב איך דאָך אייך געזאָגט, אז נחום האָט זיך מיט זיי געזעגנט פאר מיר אין די אויגען. איז ער דען נאָך ניט געקומען אהיים?

ווען ער וואָלט געקומען אהיים וואָלטען מיר דאָך איהם ניט געקומען זוכען דאָ ביי אייך — האָט ר' אשר געזאָגט. — זייט איהר זיכער, אז ער איז מיט זיי ניט מיטגעפאָהרען.

— איך קאָן ניט זאָגען, אז איך בין זיכער. איין זאך ווייס איך, אז פון דער אכסניה איז ער מיט זיי ניט מיטגעפאָהרען, סיידען ער האָט מיט זיי געהאט אָפּגעמאכט זיי זאָלען אויף איהם ווארטען ערגעץ וואו, און דאָרט איז ער ארויף אויף דעם וואָגען . . .

— וועה איז מיר! מיין נחום האָט מיך שוין ווידער פארלאָזען! — האָט ציפּע גענומען יאָמערן, — וואָס וועל איך איצט טאָן?

— אפשר איז ער ערגעץ דאָ, — האָט ר' אשר איהר גענומען טרייסטען. — דו הערסט דאָך, אז ער האָט זיך מיט זיי געזעגענט . . .

— איך ווייס שוין מיין אומגליק!

— האָט ציפּע געבראָכען מיט איהרע הענט. — עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ער איז מיט זיי אוועק פון דאנען. ער האָט מיך גענארט. ער האָט מיר געזאָגט, אז זיינע חסידישע פריינד וועלען ערשט אָפּפאָהרען אין א וואָך ארום. דאָס האָט ער געטאָן, כדי איך זאָל איהם ניט היטען! יאָ, אזוי איז דאָס! איך האָב טאקע געזעהן ווי ער איז צוגעגאנגען צו צירעלע'ס געלעגער און ער האָט אויף איהר א קוק געטאָן, ווי ער וואָלט זיך מיט איהר געוואָלט געזעגענען . . .

ציפּע איז קוים דערקראָכען אהיים. זי האָט פארשטעלט איהר פּנים מיט די הענט, אָבער אין גאנץ קיידאן האָט מען שוין באלד זיך דערוואוסט, אז נחום איז ווידער אנטלאָפען פון דער היים. דוואָשע, די הערינגניצע, איז שוין געשטאנען לעבען ר' אשר'ס קראָם, און דערהערענדיג ווי ציפּע'ס מאמע איז אזוי רוהיג, האָט זי פארשטאנען, אז זי ווייסט נאָך דערוויל גאָר ניט, איז זי אריין אינוועניג און אויסגערופען:

— ווי איך זעה, ווייסט איהר נאָך ניט וואָס עס איז געשעהן?

— וואָס איז געשעהן? — רופט זי אויס מיט שרעק.

— אייער צאצקעדיגער איידעם איז דאָך שוין ווידער אנטלאָפען — האָט זי געזאָגט.

— אָה, וואָס רעדט איהר!

— גאנץ קיידאן געהט שוין אויף רעדלעך, און איהר שטעהט דאָ אין קראָם און איהר ווייסט גאָר ניט! — האָט דוואָשע, די הערינגניצע, אויסגערופען. — מען וועט מן הסתם דארפען בודק זיין די צדקה פּושקעס פון בית המדרש! א קשיא אויף א מעשה!

ציפּע'ס מאמע האָט שוין צוגעמאכט די קראָם און איז געלאָפען אהיים . . . זי האָט דערזעהן איהר פארוויינטע טאָכטער און זי האָט אויסגערופען:

— וועה און ווינט איז מיר! ווידער די זעלבע געשיכטע! איך האָב אָבער געוואוסט, אז דאָס גליק וועט לאנג ניט אָנהאלטען. נו, וואָס וועלען מיר איצט טאָן? הא, זאָג מיר, אשר!

— וואָס קאָנען מיר טאָן? — האָט ר' אשר מיט טרויער אויסגערופען. — אָט אזא מזל האָבען מיר שוין.

— מיר טאָרען אין דעם ניט שווייגען! — האָט זי געזאָגט, — דו וועסט איהם מוזען אויפזוכען אין ווילנע און ברענגען צוריק! א קלייניגקייט! איבערלאָזען זיין ווייב אין אזא צושטאנד און גאָר ניט! וואָס מיינט ער איז דאָס א הפקר וועלט? דו וועסט מוזען פאָהרען גלייך קיין ווילנע.

— וואָס וועל איך אויפטאָן מיט מיין פאָהרען? — האָט ר' אשר געזאָגט. — ערשטענס, ווער ווייסט וואו איהם צו זוכען. וואָס מיינסטו ווילנא איז ווי קיידאן, א קליין שטעדטעל? אויב ער איז אין ווילנא, איז ער מן הסתם ערגעץ באהאלטען. און לאָמיר זאָגען, אז איך וועל איהם שוין דאָרט טרעפען, וואָס קען איך איהם טאָן? קאָן איך איהם צווינגען זיך צוריקצוקערען מיט מיר? בפרט איצט, ווען ער איז מיט דעם גביר ר' קלמן, און קיין געלט וועט איהם ניט פעהלען?

— מיין הארץ שרעקט מיר טאָמער וועט ער מיט איהם איינגאנצען אָפּפאָרען קיין מעדזשיבוזש צום בעל שם

טוב! — האָט ציפּע וויינענדיק געזאָגט. — ער האָט פון דעם ניט אויפגעהערט צו ריידען! וועה איז מיר! וואָס קומט מיר אזוי פיל צו ליידען!

— הער זיך איין, אשר, — האָט די מאמע געזאָגט, — עס וועט דיר גאָר ניט העלפען. דו וועסט ווידער מוזען אראָפּפּאָהרען קיין ווילנע. נישקשה, די רבנים פון דאָרט וועלען דיר העלפען איהם ווידער אויפצוזוכען און אז זיי וועלען וועלען, וועסטו איהם קאָנען צווינגען ער זאָל זיך צוריקקעהרען.

— דו מיינסט, אז עס איז פאר מיר אזוי גרינג צו מאכען אזא נסיעה — האָט ר׳ אשר געזאָגט, — איך האָב שוין ניט מיינע אמאָליגע כוחות.

— ווען איך וואָלט עפּעס געקאָנט אויפטאָן, וואָלט איך דיך ניט געבעטען, — האָט זי געזאָגט, — דו האָסט איהם דאן געפונען, און דו דאַרפסט זעהן צו פאָהרען אהין, אפשר וועסטו איהם ווידער געפינען. ווי אזוי וועט זי דאָס קאָנען אריבערטראָגן אזא בראָך? די ערשטע וואונדען זיינען נאָך ניט פארהיילט געוואָרען און דאָ נאָ דיר א פרישע וואונד... דו האָסט באדאַרפט זעהן ווי אזוי די הערינגניצע האָט מיר אָנגעזאָגט די טייערע בשורה, איהרע אויגעלעך האָבען געבלישטשעט. זי האָט מיר געגעבען אָנצוהערעניש, אז מען וועט דאַרפען בודק זיין די צדקה־פּושקעס פון בית המדרש.

— אָה, ווער קוקט זיך אום אויף דער שלומפּערקע, די הערינגניצע, זאָל זי ריידען אויב זי וויל.

— מיר מוזען אָבער עטוואָס טאָן! — האָט זי אויסגערופען. — מיר קאָנען ניט דערלאָזען, אז ציפּע זאָל בלייבען נאָך אמאָל מיט אן עופה׳לע אויף די הענט!

— נו, איך וועל צוגעהן נאָך אמאָל צו דער אכסניא, איך וועל אויסגעפינען ווען א פוהר פאָהרט אָפּ קיין ווילנע. מאָרגען איז דאָך דאָנערשטאָג, און די בעלי עגלות וועלען מן הסתם אָנקומען פון ווילנע.

ווידער האָט אין ר׳ אשר׳ס הויז געהערשט טרויער. זייער טאָכטער שפרה איז געקומען צולויפען און געהאָלפען ציפּע׳ן וויינען אויף איהר בראָך.

— דוכט זיך, איך האָב געטאָן אלץ וואָס ער האָט פון מיר פארלאַנגט! — האָט ציפּע געיאָמערט. — ער האָט פארלאַנגט, אז מיר זאָלען איהם דערלויבען צו האָבען א מנין ביי אונז אין הויז, האָבען מיר זיין פארלאַנג דערפילט. איך האָב געזוכט מיט אלע מיינע מעגליכקייטען איהם צו פארזיכערען, אז איך בין מיט איהם, אז איך אליין האָב שוין אָנגעהויבען צו גלויבען אין חסידות, אלץ כדי איהם צופרידענצושטעלען. וואָס האָב איך פאר איהם ניט געטאָן, און צום סוף נעהמט ער און לאָזט מיך איבער אויף הפקר מיט א קינד אונטער מיין הארצען, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן מיט יאָהרען צוריק.

— בארוהיג זיך, שוועסטער, — האָט שפרה איהר געזוכט צו טרייסטען. — איך וועל מיטפאָהרען מיט דעם טאטען קיין ווילנע און איך וועל איהם העלפען אויפזוכען, און אויב איך וועל איהם דאָרט געפינען, וועט ער שוין מיט אונז צוריקפאָהרען.

— א לעבען איז דאָס! — האָט ציפּע טרויעריג געשאָקעלט מיט איהר קאָפּ. — אויב מען דאַרף שוין איינהאלטען דעם מאַן מיט געוואַלד, איז שוין אז אָך און וועה! גראַד לעצטענס איז ער געוואָרען צו מיר אזוי צוגעלאָזען. ער האָט מיר ארויסגעוויזען צערטליכקייט און ליבע. ער האָט זיך גענומען מעהר אינטערעסירען מיט צירעלען, און ער האָט שוין אָנגעהויבען צוריק צו דאווענען אין בית המדרש. איך האָב געמיינט, אז עס איז געקומען א סוף צו מיינע צרות.

ר׳ אשר האָט אויסגעפונען פון דעם בעל אכסניא, אז ערשט נאָך שבת וועט פון דאַנען אָפּפאָהרען א פוהר קיין ווילנע. ער איז צוריק אוועק אין הויז און זיי געזאָגט, אז ער וועט ניט קאָנען פאָהרען ביז נאָך שבת.

— ווער ווייסט, אויב עס וועט שוין דאַן ניט זיין צו שפּעט! — האָט ציפּע געוויינט, — ער וועט דען דאָרט לאַנג בלייבען! געוויס וועט ער אוועקפאָהרען פון דאָרט צוזאמען מיט ר׳ קלמן.

— נו, וואָס קאָן איך טאָן. איך קאָן דאָך ניט פאָהרען אָהן די בעלי עגלות. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך אליין בין שוין מיעד איהם ארומצו־

זוכען. מיין פנים פלאמט מיר. איך ווייס גאר ווי אזוי איך וועל זיך דארטען זעהן מיט די רבנים און זיי בעטען ווידער אמאל מיר צו העלפען אויפזוכען מיין תכשיט אידעם.

— ווין ניט, טאכטער מיינע, קרוין, הארץ, — האט די מאמע איהר געזוכט צו בארוהיגען, ווען ציפע האט זיך אויפסניי צעכליפעט, — נישקשה, מיר האבען א גרויסען גאט אויף דער וועלט. ער האט אונז פריהער געהאלפען און ער וועט אונז אויף ווייטער ניט פארלאזען. דער טאטע וועט איהם נאך אויפזוכען, און מעהר וועט ער שוין ניט אנטלויפען. מיר וועלען שוין זעהן, אז ער זאל ווערען א מענש.

קאפיטעל אכט און צוואנציג

דער ווילנער גאון, ר' אליהו, האט א היבשע צייט ארומגעוואנדערט אין דער פרעמד, אפריכטענדיג גלות. דער ווילנער גאון האט געזוכט אויסצומיידען אזעלכע פלעצער, וואו מען האט איהם לייכט געקענט דערקענען. ער פלעגט זיך אפשטעלען אין אן ארימער אכסניא און זיך בלויז באנוגענען מיט ברויט און וואסער. אז ער פלעגט אריינקומען אין בית המדרש, פלעגט ער זיך שטעלען ביי דער טיר צווישען די ארימע און פראסטע פון פאלק. פיל מאל האט פאסירט, אז ווען די בעטלערס און שנארערס פלעגען איהם דערזעהן, פלעגען זיי מיינען, אז ער איז אויך א בעטלער און זיי האבען איהם אוועקגעטריבען פון זיך, זאגענדיג איהם, אז זיי וועלען ניט דערלאזען, אז א פרעמדער זאל פארקלענערען זייער הכנסה.

דאן פלעגט דער ווילנער גאון זיך אפרוקען אן א זייט און זיך זעצען לערנען אדער דאווענען. ער פלעגט קיינמאל ניט אויסריידען אווארט מיט קיינעם, סיידען עס איז געווען דברי תורה...

אזוי האט ער אפגעוואנדערט פינף יאהר צייט. זיין פרוי, חנה, וועלכע איז אליין אויך געווען א גרויסע צדקניות און זי האט געוואוסט, אז איהר הייליגער מאן ריכט אפ גלות כדי צו לייטערען זיין נשמה, און אפצוקומען אויף דער וועלט, האט זיך שטארק גע־מוטשעט מיט איהרע קינדער. זי האט געטאן פארשידענע ארבייטען כדי זיך צו דערנעהרען, ווייל זי האט ניט געוואלט נעהמען קיין קצבה.

אין ווילנע האבען אלע געוואוסט, אז דער גאון ריכט אפ גלות, כאטש ער אליין האט פון זיך די גאנצע צייט ניט געלאזט הערען, האבען אבער אנדערע דורכרייזענדע דערצעהלט פארשידענע גרויסע זאכען פון איהם, ווען ער איז דורכגעפאהרען זייערע שטעדט.

ווען די פינף יאהר זיינען פאראיבער האבען שוין אלע אויסגעקוקט זייערע אויגען אויף זיין צוריקקעהרען זיך. עס איז לייכט זיך פארצושטעלען ווי אזוי זיין פרוי האט מיט דער גרעסטער אומגעדולד געווארט אויף איהם. זי איז ניט געווען באזארגט וועגען זיין געזונט און זיכערקייט, ווייל זי האט געוואוסט, אז גאט וועט איהם באשיצען, אבער געבענקט האט זי זעהר שטארק נאך איהם. זי פלעגט יעדען טאג ארויסקומען צו דער אכסניא און זיך נאכפרעגען ביי די בעלי עגלות, וועלכע פלעגען קומען פון פארשידענע קליינע שטעדטלעך. זי פלעגט זיי פרעגען, אויב זיי האבען איהם געזעהן.

נאך א לאנגען וואנדערען האט דער ווילנער גאון ענדליך דערגרייכט ווילנע. דער בעל עגלה, וועלכער האט איהם געפיהרט קיין ווילנע, האט קיין באגריף ניט געהאט וואס פאר א פאסאזשיר ער פיהרט. ער האט זיך געאיילט צו קומען אין שטאדט און דערפאר האט ער געטריבען די פערד א גאנצע נאכט. פארטאג, ווען זיי זיינען שוין געווען עטליכע מייל פון ווילנע, האט זיך דער בעל עגלה געווענדעט צום ווילנער גאון:

— הערט זיך איין, ר' איד! איהר האט דאך געזעהן, אז א גאנצע נאכט האב איך געהאלטען די לייצעס מיט דער בייטש און געטריבען די פערד. איצט קלעפען מיר זיך די אויגען, איך בין שלעפעריג, אפשר וואלט איהר זיך געזעצט אויף דער קעלניע און גענומען די לייצעס אין האנט? נישקשה, איהר וועט קענען טרייבען די פערד. קיין גרויסע תורה איז דאס ניט. אלץ, וואס איהר וועט דארפען טאן, איז דערמאנען די פערד מיט דער בייטש, וועלען זיי זיך ניט פוילען. אהן א בייטש ווילען די פגירות ניט געהן. אט

נאָט אייך די בייטש, איך וועל זיך דערווייל אוועקזעצן אויף אייער פּלאַץ און אביסעל א דרעמעל טאָן.

ר׳ אליהו, דער ווילנער גאון, האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ. ער האָט פון איהם גענומען די בייטש און זיך געזעצט אויף דער קעלניע. דער בעל עגלה האָט זיך אריינגעזעצט אין וואָגען אויף דעם גאונ׳ס פּלאַץ און אין א קליינער ווילע האָט ער גענומען כראָפּען.

דער ווילנער גאון האָט גענומען די לייצעם אין האנט און ער האָט געפיהרט די פערד קיין ווילנע. ער האָט געלערנט אויסווענדיג און אין דער זעלבער צייט האָט ער געקירעוועט די פערד. אָט דערנעהענטערט ער זיך שוין צו דער שטאָדט. ער איז אריינגעפאָהרען אין ווילנע. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, אידען זיינען געגאנגען פון דאווענען דעם ערשטען מנין. אנדערע זיינען געגאנגען דאווענען צום צווייטען מנין מיט׳ן טלית און תפילין אונטער׳ן אָרעם. פּלוצלונג האָט איינער פון די אידען א קוק געטאָן און דערזעהענדיג ווי א וואָגען פאָהרט דורך און דער בעל עגלה איז אזא פיינער איד מיט א לאנגער ברייטער באָרד. ער האָט זיך גוט ארומגעקוקט און ער האָט דערקענט דעם ווילנער גאון.

— אידען, זעהט דער ווילנער גאון איז געקומען! — האָט ער אויסגערופען. — אָט פאָהרט ער אויפ׳ן וואָגען, ער האלט די לייצעם.

האָבען זיך די אידען גענומען ארומקוקען. זיי האָבען געזען ווי ער זיצט אויף דער קעלניע מיט׳ן בייטש אין האנט און אין דער צווייטער האנט האלט ער די לייצעם.

— וואָס רעדט איהר?! — רופט זיך אָן א צווייטער איד, — ווי אזוי איז דאָס מעגליך, אז דער ווילנער גאון זאָל פיהרען די פערד?

— אבער איך בין זיין שכן און איך האָב איהם געזעהן כמעט יעדען טאָג, איידער ער איז אוועק אין גלות.

האָבען זיך שוין די אידען א לאָז געטאָן און גענומען ארומרינגלען דעם וואָגען.

— יא, עס איז אמת! — האָט נאָך א איד אויסגערופען, — ווי איך בין א איד, דאָס איז ר׳ אליהו, דער ווילנער גאון!

זיינען שוין די אידען צוגעקומען נאָך נעהענטער. דער ווילנער גאון האָט מורא געהאט, אז אימיצער פון די אידען, וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט, זאָל ניט באשעדיגט ווערען, האָט ער אָפּגעשטעלט די פערד. עס זיינען דאן צוגעקומען נאָך אידען און זיי האָבען אריינגעקוקט אין וואָגען, און ווי גרויס איז געווען זייער דערשטוינונג, ווען זיי האָבען געזעהן אין וואָגען ווי דער בעל עגלה ליגט אויסגעצויגען און כראָפּעט אזוי געשמאק...

— אוי, אידען, איהר זעהט! — רופט אויס איינער, — דער ווילנער גאון פיהרט דעם בעל עגלה. וואָס זאָגט איהר אויף דעם!

— דאָס איז דאָך א חוצפּה! האָט איהר געזעהן אזוינס, אז דער ווילנער גאון זאָל פיהרען דעם בעל עגלה.

— וועקט איהם אויף! מיר טאָרען ניט דערלאָזען אזא זאך!

זיינען איניגע אידען צוגעקומען און געוואָלט אויפוועקען דעם בעל־עגלה, אָבער ר׳ אליהו האָט זיי ניט געלאָזט.

ער האָט א גאנצע נאכט געטריבען די פערד. ער איז זעהר מיד, זאָל ער זיך דורכשלאָפען.

— אָבער ווי אזוי האָט ער די העזה צו לאָזען אייך פארנעהמען זיין פּלאַץ?

— האָט נאָך א איד אויסגערופען. — איהר, רבי, זאָל איהם פיהרען!

עס איז געוואָרען אזא טומעל, אז דער בעל עגלה, וועלכער איז געווען פארזונקען אין א טיפען שלאָף, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאפּט. ער האָט גענומען רייבען די אויגען און זיך ארומקוקען. ווען ער האָט דערזעהן אזוי פיל אידען רינגלען איהם ארום, האָט ער זיך דערשראָקען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און שנעל ארויס פון וואָגען.

— וואָס איז געשעהן? וואָס האָט איהר זיך דאָ ארומגעשטעלט? — האָט ער אויסגערופען, זיך קראצענדיג אין קאָפּ.

— ר׳ איד, ווייסט איהר ווער דאָס איז! איך מיין דער, וועלכער זיצט ביי אייך אויף דער קעלניע און האָט אייך געפיהרט?

— וואָס הייסט, ער איז מיינער א פּאַסאַזשיר. נו, וואָס איז דאָ אזוי אז ער האָט מיך אונטערגעפיהרט א ווײַלע און איך האָב געכאַפּט א דרעמעל!...

— ער איז דאָך דער ווילנער גאון!

— האָט אימיצער אויסגערופען.

— דער ווילנער גאון! — האָט ער מיט שרעק געזאָגט, — וואָס רעדט איהר?!...

— יאָ, דער ווילנער גאון! — האָבען אנדערע געזאָגט.

— דער ווילנער גאון! דער ווילנער גאון! — האָבען אַלע אויסגערופען און זיי זיינען צוגעקומען נעהענטער צו איהם.

עס זיינען באַלד צוגעקומען איינגעלעד און דערהערענדיג, אז דער ווילנער גאון האָט געטריבען די פערד און געפיהרט דעם בעל עגלה, וועלכער איז געלעגען אין וואָגען און געכראָפּעט, האָבען זיי זיך ארומגעקוקט מיט דערשטוינונג. זיי האָבען געזעהן ווי דער ווילנער גאון האַלט די בייטש אין האַנט... האָבען זיי אויף איהם געקוקט מיט דערשטוינונג און אויסגערופען: "דער ווילנער גאון!"

ר' אליהו האָט באַטראַכט די איינגעלעד מיט א ליבליכען שמייכעל, און ווען איינער פון די איינגלעד איז צוגעקומען גאָר נאָהענט צו איהם, און מיט איבערראַשונג אויסגערופען: "ווילנער גאון!" האָט זיך ר' אליהו צו איהם געווענדעט: "איינגעלע, ווילסט, נאַר, וועסטו זיין א גאון!"

— אָה, רבי, זייט מיר מוחל! — האָט זיך דער בעל עגלה צו איהם געווענדעט, ווען ער האָט זיך ארומגעזען, אז דער. וועלכער האָט איהם געפיהרט אין וואָגען היבשע עטליכע מייל, איז גאָר דער ווילנער גאון.

— געה געזונטערהייט און זאָל דיר גאָט געבען געזונט און פּרנסה! — האָט איהם ר' אליהו געזאָגט און איהם באַצאָהלט די עטליכע גילדען ווי ער האָט מיט איהם אָפּגעמאַכט.

— אָה, ניין, רבי, איך וויל פון אייך קיין געלט ניט נעהמען, — האָט דער בעל עגלה אויסגערופען. — א קלייניגקייט, איך האָב דאָך געפיהרט דעם ווילנער גאון.

— ווייסטו וואָס, פיהר מיך שוין צו צו מיין הויז און דאָן וועל איך דיר באַצאָהלען.

ר' אליהו האָט זיך אריינגעזעצט אין וואָגען און דער בעל עגלה האָט איהם צוגעפיהרט צום הויז.

חנה האָט דערהערט דאָס גערויש פון די רעדער און איז גלייך ארויס אין דרויסען, און דערזעהענדיג איהר מאַן, איז זי צו איהם צוגעלאָפען און אויסגערופען:

— אָה, געלויבט איז השם יתברך!

דער ווילנער גאון האָט באַצאָהלט דעם בעל עגלה און ער איז אריין אין הויז. ער האָט דערזעהן זיינע קינדער, יהודה לייב, וועלכער איז שוין געווען א איינגעל פון א יאָהר אכט און זיין איינגערער זוהן, אברהם, וועלכער איז דאַן געווען זעקס און האַלב יאָהר. ער האָט זיי ביידען גלייך פאַרהערט אין לערנען. און ווען ער האָט געהערט, אז אפילו זיין איינגערער זוהן לערענט שוין גוט א בלאַט גמרא, איז ער געווען זעהר צופרידען.

באַלד האָט מען זיך דערוואוסט, אז דער ווילנער גאון האָט זיך צוריקגעקעהרט פון גלות. די גרויסע לומדים און רבנים זיינען איהם געקומען באַזוכען. אָבער קיין סך האָט ער מיט קיינעם ניט פאַרבראַכט. ער האָט זיי געזאָגט, אז ער האָט מבטל געווען א סך צייט פון לערנען צוליב זיינע רייזעס, און ער זוכט דאָס אָפּצומאַכען.

כאָטש חנה האָט זיך גענוג אָנגעליטען אָרימקייט און נויט, פונדעסטוועגען האָט זי איהר מאַן גאָר ניט דערצעהלט וועגען דעם. זי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט זיין קליינעם צימער, וואו ער פלעגט זיצען טאָג און נאכט און לערנען.

איצט אָבער איז געקומען די פראַגע פון פּרנסה. די פּרנסים פון ווילנע זיינען געקומען צו איהם און פאָרגעשלאָגען, אז ער זאָל אָננעהמען דעם כסא הרבנות פון ווילנע. ער האָט אָבער געזאָגט, אז ער וויל דאָס ניט טאָן, ווייל אלס רב וועט ער דאַרפען אויפנעהמען א סך מענשען און מיט זיי פאַרברענגען און דאָס וועט איהם גורם זיין ביטול תורה.

די גבאים און פּרנסים האָבען איינגעזעהן, אז זיין משפּחה ליידעט נויט, האָבען זיי באַשטימט פאַר איהם

שכירות, וואָס ער זאָל באקומען יעדע וואָך. קיין סך געלט האָבען זיי איהם ניט געצאָהלט, אָבער גענוג עס זאָל קלעקען פאר איהם און זיין משפחה אויף חינה.

דער הויפּט גבאי האָט באשטימט פאר איהם זיינע וועכענטליכע שכירות און ער פלעגט עס איהם אָפּשיקען דורכ'ן שמש פון דער גרויסער שוהל.

יעדען דאָנעשטאָג פלעגט דער שמש איהם ברענגען זיבען גילדען און איבערגעבען איהם דאָס געלט. ר' אליהו פלעגט גלייך איבערגעבען דאָס געלט זיין ווייב און זי פלעגט שוין איינקויפען אויף שבת און מיט דעם איבעריגען געלט פלעגט זי דורכקומען די גאַנצע וואָך.

דער שמש אליין איז געווען א גרויסער קבצן. ער פלעגט קוים אָנזעהן צוויי גילדען א וואָך. ער האָט געהאט א פרוי און עטליכע טעכטער, און זיין פרוי פלעגט איהם דערגעהן די יאָהרען, וואָס ער פאַרדינט אזוי ווייניג, אז עס קלעקט זיי קוים אויף ברויט.

— דיר ארט גאָר ניט וואָס דיין טאָכטער איז שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר אלט . . . זי האָט ניט קיין גאַנצע קלייד . . . זי איז נאקעט און באָרוועס, און וואָס וועט זיין דער תכלית? . . . ביי לייטען זאָרגט דער טאטע און זעהט אפילו אָנצוקלייבען עטליכע גילדען אויף נדן, און דו באַנוגענסט זיך מיט צוויי גילדען א וואָך, — האָט זיין ווייב איהם גענומען יאָדען.

— וואָס קען איך טאָן, אז די צייט איז זעהר א שלעכטע און איך קען מעהר ניט קריגען קיין געלט!

איינמאָל, דערזעהט זיין ווייב אז ער האָט באהאלטען עפּיס אין א טיכעלע.

— וואָס האָסטו דאָרט באהאלטען?

— האָט זי איהם א פרעג געטאָהן.

— גאָרניט! — ענטפערט ער.

— וואָס הייסט גאָרניט! איך האָב דאָך געזעהן אז דו האָסט עפּיס געהאלטען און ווען דו האָסט מיך דערזעהן האָסטו עס גלייך פארבאהאלטען אין דיין בוזעם־קישענע... זאָג מיר וואָס דו האָסט דאָרט אוועקגעלייגט.

— גאָרניט, זאָג איך דיר! וואָס פאר א אידענע ביזט!

— אויב עס איז גאָרניט, טאָ פארוואָס האָסטו מורא געהאט איך זאָל עס באמערקען? ניין, דו וועסט זיך ביי מיר שוין ניט ארויסדרעהען. צייג מיר דאָס טיכעלע פון דיין בוזעם־קעשענע!

דער שמש האָט ארויסגענומען דאָס טיכעלע אוי עס פאנאנדערגעוויקעלט. זיין פרוי האָט באלד איבערגעצעהלט זיבען גילדען.

— דו זעהסט! אזוי באהאנדעלסטו דיין ווייב! — האָט זי זיך צו איהם גענומען. — גאָט האָט געגעבען אז דו האָסט א פּאָר איבריגע גילדען. ווילסטו מיר גאָרניט זאָגען... די צרות וואָס דו האָסט ווייס איך, פארוואָס זאָל איך אויך ניט האָבען א ביסעל נחת... אָט וועל איך טאקע באלד אוועקגעהן אין א שניט־קראָם און קויפען לייוועגט פאר א קליידעל פאר אונזער עלטערער טאָכטער, אפשר וועט גאָט געבען און עס וועט זיך מאַכען פאר איהר א חתן.

דער שמש האָט שנעל ארייגעלייגט דאָס געלט אין טיכעלע און זיך אָנגערופען:

— דו מיינסט טאקע אז דאָס געלט איז מיינס? !...

— וועמעס דען איז דאָס?

— דאָס באלאנגט צום ווילנער גאון. דער גבאי שיקט איהם יעדע וואָך שכירות, זיבען גילדען א וואָך.

— פארוואָס קומט איהם זיבען גילדען! ער טהוט עפּעס! דו ארבייטסט שווער און ביטער, קריגסט קוים צוויי גילדען א וואָך, און ער, וועלכער טהוט גאָרניט באקומט גאַנצע זיבען.

— איז ער דאָך דערפאר א גאון!

— זאָגט דער שמש — ער זיצט דאָך יומם ולילה און לערנט תורה.

— און דו ארבייטסט טאָג און נאכט. דיר האָבען זיי אויך געמעגט געבען עפּעס מעהר או פּ חיונה מיר זאָלען ניט דארפען ליידען.

— געלויבט איז השם יתברך! — רופט זיך אָן דער שמש — ניט צו פארזינדיגען, מיר שטופען זיך ווי ס'איז דורך.

— אז אָן און אז וועה איז אונז, — האָט די שמש'טע געבראָכען מיט די

הענט, — ס'איז שוין פאראיבער וואכען און מיר האבין קיין שטיקעל פלייש ניט אנגעזעהן אין די אויגען. די קינדער האבען ניט מיני וואס ארויסצוגעהן אין גאס, און דו ביזט צופרידען. מיר האבען פינף טעכטער, און ער, דער ווילנער גאון, האט בלויז צוויי זיהן, טא פארוואס קומט איהם אזוי פיעל געלט? !... וואס מיינסטו, אז ער וועט באקומען זעקס גילדען אנשטאט זיבען, וועט זיין אן אומגליק!

— וואס רעדסטו, ווי אזוי קען איך געבען זעקס אז מען האט מיר געגעבען פאר איהם זיבען גילדען!

— פאלג מיך, גיר איהם מיט איין גילדען ווינציגער היינטיגע וואך, און דו וועסט זעהן אויב ער וועט ביי דיר ריאנען.

דעם שמש איז עס ניט געווען צום הארצען, נאר וויסענדיג ווי שטארק זיי נ׳מיגען זיך אין געלט, האט ער זיך געלאזט איבעררייידען און איבערגעגעבען דעם גאון בלויז זעקס גילדען אנשטאט זיבען.

מיט א קלאפענדע' הארצען איז דער שמש געגאנגען אהיים. ער האט ערווארטעט אז דער גאון וועט זיך געווים באקלאגען אז מען האט איהם געשיקט מיט איין גילדען ווייניגער, און ער האט מורא געהאט אז דער גבאי וועט איהם שיקען גלייך רופען צו פון איהם פארלאנגען אן ערקלערונג. ווען די וואך איז פאראיבער און קיינער האט איהם וועגען דעם ניט אויפמערקזאם געמאכט, האט ער זיך בארוהיגט.

— נו, וואס האב איך דיר געזאגט, — האט די שמש'טע מיט פרייד אויסגערופען, — קיינער וועט ניט אויסגעפינען. פאר אונז איז דער גילדען זעהר פיעל. אט האב איך געקויפט צוויי פונט פלייש און נאך קלייניגקייטען, מיר האבען דאך אויפגעלעבט.

— מעהר וועל איך דאס ניט טאן, — האט דער שמש געזאגט.

— פארוואס ניט! דו זעהסט דאך אז איהם פעהלט ער ניט. זי האט גענומען איינ'טענה'ן מיט איהם אין דער שמיל און ער האט די צווייטע וואך ווידער אזוי געטאן. ווען קיינער האט איהם וועגען דעם ניט געפרעגט, האט ער ווייטער אזוי געטאן. ער האט איבערגעגעבען זעקס גילדען אנשטאט זיבען.

נאך איניגע וואכען זיינען פאראיבער און די שמש'טע האט גענומען צו איהם צושטעהן אז ער זאל ארונטערנעהמען נאך א גילדען פון דעם גאונ'ס שכירות. ער האט זיך דאס מאל לאנג ניט געלאזט בעטען. ער האט איהם איבערגעגעבען פינף גילדען און ווידער אמאל האט ער געווארט צו זעהן וואס עס וועט פאסירען, און ווען ער האט געזעהן אז גארניט פאסירט, האט ער זיך בארוהיגט און ווייטער אנגעגאנגען אזוי עטליכע וואכען.

די צוויי גילדען א וואך האבען איהם א סך געהאלפען. די שמש'טע האט שוין גענומען איינקויפען לייוועגט פאר איהרע טעכטער. זי האט גענומען נייהען פאר זיי קליידער, און דער שמש האט געזעהן אז עס גיט זיך איהם איין, אז קיינער פרעגט איהם גארניט, האט ער שוין גענומען ארונטערנעהמען דריי גילדען... ער האט ווידער צוגעווארט עטליכע וואכען און דאן האט ער בלויז געבראכט דעם גאון צוויי גילדען, ארונטערנעהמענדיג פאר זיך פינף גילדען.

שפעטער האט ער שוין אינגאנצען אויפגעהערט צו ברייגנען דעם גאון זיינע שכירות. די לאגע פון דעם ווילנער גאון איז געווארען אונטערטרעגליך. פון אנפאנג האט ער געמיינט אז די גבאים האבען פארקלענערט זיינע שכירות. ווען ער האט אבער געזעהן אז עס ווערט קלענער און קלענער, האט ער גענומען פארשטעהן אז דער שמש נעהמט ארונטער דאס געלט פאר זיך.

חנה האט אויף איהם א קוק געטאן מיט איהרע מילדע אויגען און דער גאון האט פארשטאנען אז זי פרעגט איהם וואס צו טהאן.

— מן הסתם איז ער א גרויסער נצרך! — האט ר' אליהו געענטפערט.

— און וואס זאל איך טהאן מיט די קינדער? — האט זי געפרעגט איהר מאן.

— נו, פון הונגער וועלען זיי ניט אויסגעהן, — האט ער געזאגט, — מען קען לעבען מיט ברויט און וואסער.

— עס איז שוין אפילו ניטאָ אויף ברויט, — האָט חנה געזאָגט, — איך ווייס ניט וואָס צו טהאָן. אפשר זאָלען מיר איהם פרעגען וואָס ער טהוט מיט דעם געלט וואָס קהל האָט פאר אונז באשטימט?

— עס איז ניט רעכט צו פארשעהמען א מענשען, — זאָגט איהר ר' אליהו.

— אָבער די קינדער, זיי זיינען הונגעריג, זיי בעטען עסען.

— ווייסטו גאָר וואָס, חנה, — האָט ער זיך אָנגערופען צו איהר, — נעהם אריין די קינדער צום שכן אין הויז בשעת זיי זיצען און עסען. קליינע קינדער שעהמען זיך ניט צו בעטען עסען ווען זיי זיינען הונגעריג, ווען זיי זעהען אנדערע עסען, וועט מען זיכער זיי געבען צום עסען.

—און מיר? — האָט זי געפרעגט — וואָס וועלען מיר עסען?

— דו ווייסט, חנה, אז פאר הונגער וועלען מיר ניט שטארבען. אָבער צוליב דער אכילה וועלען מיר דאָך ניט געהן מבייש זיין א מענשען!

די פרומע צנועה, די הייליגע נשמה, חנה, האָט איינגעשטימט מיט איהר הייליגען מאן, אז עס איז כדאי אפילו צו ליידען הונגער אבי ניט צו פארשעהמען א מענשען.

אזוי זיינען פאָראיבער היבשע עטליכע וואָכען אז אין יאונ'ס הויז האָט מען געהונגערט און קיינער האָט ניט געוואוסט אז ער באַקומט ניט די שכירות. דער שמש פלעגט יעדען דאָנערשטאָג באקומען די זיבען גילדען פון דעם גבאי ער זאָל עס אוועקטראָגען צום גאון, און ער פלעגט זיי ארונטערלייגען צו זיך אין קעשענע. זיין ווייב, די שמש'טע, האָט ער אויך ניט געזאָגט אז ער האָט איינגאנצען אויפגעהערט צו בריינגען די שכירות צום גאון. ער האָט איהר געזאָגט, אז ער בריינגט איהם פינף גילדען, אָבער אין אמת'ען האָט דער שמש יעדע וואָך ארונטערגעלייגט די פינף גילדען אין זיין קעשענע. ער האָט אזוי אָנגעקליבען א סומע פון דריי הונדערט גילדען וואָס ער פלעגט האלטען באגראָבען ערגעץ אין דער ערד, און קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט. דער ווילנער גאון און זיין משפחה האָבען שרעקליך געליטען פון דעם. אָבער זיי האָבען פאָרגעצויגען בעסער צו ליידען איידער צו דערצעהלען וועמען עס איז און שטעלען דעם שמש אין א שלעכטער ליכט.

חנה האָט זיך אפילו געריכט צו געהן צו קינד, זי האָט ניט געוואוסט ווי אזוי זי וועט דורכמאכען איהר קינפעט. אָבער קיינעם האָט זי ניט דערצעהלט פון זייערע ליידען. ווען זיי פלעגען אמאָל ריידען וועגען דעם, פלעגט איהר דער גאון טרייסטען און דערצעהלען די מעשה פון ר' עקיבא און רחל, וויפיעל זיי ביידע האָבען זיך אָנגעליטען פון אָרעמקייט און פון דעסטוועגען האָט עס איהם ניט געשטערט צום לערנען.

איין טאָג איז דער שמש ניט געקומען אין שוהל. האָט דער גבאי געשיקט דעם אונטער־שמש אויסצוגעפינען די אורזאכע. דער אונטער־שמש איז געקומען און ער האָט געפונען דעם שמש ליגענדיג קראנק אין בעט. ער האָט דערצעהלט דעם גבאי אז דער שמש איז קראנק.

עס זיינען פאראיבער נאָך עטליכע טעג און דער שמש איז אלץ ניט געקומען. איז שוין דער גבאי אליין אוועק איהם מבקר חולה זיין.

ער איז אריין אין דעם אָרימען האלב־איינגעפאלענעם הייזעל, און געזעהן ווי דער שמש ליגט אין בעט. זיין פנים איינגעשרומפען, זיינע אויגען ווי אויסגעלאָשען.

— פארוואָס האָט איהר ניט גערופען קיין דאָקטאָר? — האָט זיך דער גבאי א בייזער געטהאָן אויף דער שמש'טע, — אייער מאן איז דאָך געפעהרליך קראנק.

באלד האָט אויסגעבראָכען א יאָמערליכער געוויין אין הויז. די שמש'טע און די פינף טעכטער זיינע האָבען זיך פאנאנדערגעוויינט.

— זאָלען זיי אלע ארויסגעהן פון דאנען, — האָט דער שמש מיט א שוואכער שטימע געזאָגט.

די טעכטער זיינען ארויס פון צימער. אָבער די שמש'טע האָט זיך דערשראָקען ער זאָל זיך אָקאָרשט ניט מודה זיין פאר דעם גבאי וואָס ער האָט געטהאָן צו דעם גאון, האָט זי

ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון דאָרטען. זי האָט ניט געוואָלט אז איהר מאן זאָל בלייבען אליין מיט דעם גבאי.

זי האָט זיך געשטעלט נעבען דער טיר און געוואַרט. דער שמש אָבער האָט זי באמערקט און ער האָט א מאך געטהאָן מיט זיין האנט זי זאָל ארויסגעהן.

— זעהט איהר דען ניט אז אייער מאן וויל איהר זאָלט פארלאָזען דעם צימער אויף א ווייל׳ע! — האָט זיך דער גבאי צו איהר אָנגערופען, — פארוואָס טהוט איהר ניט זיין פארלאנג?

— איך וויל אז איהר זאָלט וויסען, א מיין מאן רעדט פון היץ און איהר זאָלט ניט שענקען קיין אויפמערקזאמקייט צו זיינע רייד, — האָט זי געזאָגט, — ער האָט שוין היינט גענוג אָנגעפלוידערט.

— איהר טאָרט אזוי ניט ריידען וועגען א קראנקען, — האָט זיך דער גבאי אויף איהר א בייזער געטהאָן, — געהט ארויס אויף א ווייל׳ע, ווען מען וועט אייך דארפען וועל איך אייך אריינרופען.

די שמש׳טע איז צוגעגאנגען צו איהר מאן און אויף איהם געוואָרפען א קרומען בליק. וואָלט עס געווען אין אן אנדער צייט וואָלט זיך שוין דער שמש שטארק דערשראָקען פאר אָט אזא בליק פון זיין מרשעת, אָבער איצט ווען ער איז געלעגען אויפ׳ן טויטען בעט, האָט ער זיך א קעהר געטאָן צום גבאי, ער זאָל איהם העלפען וואָס שנעלער ארויסצושיקען זיין פרוי פון דאָרט.

ווען זי איז שוין געשטאנען אויף יענער זייט טיר, האָט זיך דער שמש אָנגערופען מיט א ציטערענדיגער שוואכער שטימע:

— איך בין א גרויסער זינדיגער, איך האָב זעהר שטארק געזינדיגט געגען גאָט און געגען דעם ווילנער גאון.

— וואָס אזוינס האָסטו געטהאָן?

— האָט דער גבאי איהם געפרעגט.

— איך האָב גע׳גנב׳עט, איך האָב גע׳גזל׳ט, איך האָב... אָ, גאָט, זיי מיר מוחל! מיין זינד איז גרויס... ווער ווייסט אויב איך וועל ווען עס איז געפינען א תיקון צו מיינע עבירות... איך וויים, אז איך וועל שוין פון מיין בעט ניט ארונטערקומען.

דער שמש האָט זיך שטארק פאנאנדערגעכליפעט. דער גבאי האָט איהם גענומען בארוהיגען, און ער האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם אלץ דערצעהלען, אפשר וועט ער דורך זיין וידוי געפינען א מחילה און כפרה.

— איך האָב בארויבט דעם ווילנער גאון פון זיינע שכירות! — האָט דער שמש מיט א וויינענדיגער שטימע געזאָגט. — איהר פלעגט מיר פאר איהם געבען זיבען גילדען א וואָך, האָב איך דאָס דערצעהלט מיין ווייב, האָט זי מיך אָנגערעדט, אז איך זאָל ארונטערנעהמען אייז גילדען פאר אונז, און אויב ער וועט זיך ניט באקלאָגען אויף דעם זאָל איך דאָס ווייטער טאָן. איך האָב אזוי אויסגעפרובירט עטליכע וואָכען, און קיינער האָט מיר גאָרניט געזאָגט וועגען דעם.

— ווי לאנג איז אז דו האָסט עס אזוי געטאָן? — האָט איהם דער גבאי געפרעגט.

— שוין באלד צוויי יאָהר.

— נו, מילא, איך בין זיכער, אז דער גאון וועט דיר מוחל זיין, דו האָסט דאָך עס געטאָן צוליב דיין גרויסער אָרעמקייט. איך וועל היינט ארויבערגעהן צו איהם און איהם בעטען, אז ער זאָל דיר מוחל זיין, וועסטו קאָנען שטארבען מיט א רוהיגען געוויסען.

— אָ, ניין, דאָס איז נאָך ניט אלץ, — האָט דער שמש זיך ווידער פאנאנדערגעוויינט, — ווען איך האָב געזעהן, אז דער ווילנער גאון רעדט וועגען דעם ניט, האָב איך געקראָגען מעהר מוטה, און ארונטערגענומען פון זיינע שכירות צוויי גילדען... אזוי האָב איך געטאָן עטליכע וואָכען, און ווען קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט, האָב איך שוין גענומען ארונטערנעהמען דריי גילדען, שפעטער פיער גילדען, און פינף גילדען...

— דו מיינסט, אז פון די זיבען גילדען א וואָך וואָס איך האָב דיר געגעבען צו ברענגען פאר דעם גאון אויף חיונה, פלעגסטו ארונטערנעהמען גאנצע פינף גילדען? — האָט דער גבאי איהם געפרעגט.

— יאָ, פאר זעקס חדשים פלעג איך

איהם ברענגען בלויז צוויי גילדען און ער האָט מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען דעם, און ערשט שפּעטער האָב איך איינגאַנצען אַריינגעלייגט דאָס געלט צו זיך אין קעשענע.

— וואָס!!! — האָט דער גבאי זיך אַ שטעל געטאָן פון בענקעל, — דו האָסט איהם אויפגעהערט צו ברענגען זיינע שכירות איינגאַנצען!

— יאָ, עס איז שוין איבער אַ יאָהר, אַז איך האָב איהם קיין איינציגען גילדען ניט געבראַכט.

— און דיין ווייב, וואָס האָט זי געטאָן מיט אַזוי פיעל געלט? — פרעגט איהם דער גבאי.

— מיין ווייב האָט אויך פון דעם ניט געוואוסט.

— דו האָסט דאָך מיר פריהער געזאָגט, אַז דיין ווייב האָט דיך צוגערעדט צו דעם.

— זי האָט מיך צוגערעדט אַרונטערצונעהמען איין גילדען, און שפּעטער האָב איך איהר געזאָגט אַז איך נעהם אַרונטער צוויי גילדען, איז זי אויך געווען צופרידען. ווען איך האָב אָנגעפאַנגען אַרונטערצונעהמען מעהר פון איהם, האָב איך איהר ניט דערצעהלט. זי ווייסט אפילו ניט, אַז איך האָב שוין מעהר ווי אַ יאָהר דעם גאון קיין איינציגען גילדען ניט געגעבען.

איך פלעג איהר איבערגעבען צוויי גילדען יעדע וואָך, און די אַנדערע פינף גילדען פלעג איך באַהאַלטען. יאָ, איך האָב שוין אַזוי אָנגעקליבען דריי הונדערט גילדען.

— און וואו איז דאָס געלט? — האָט איהם דער גבאי געפרעגט.

— כ'האָב דאָס באַגראָבען הינטער דעם הויז. איך האָב אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע געלט אין אַ לייווענטען זעקעל, און דאָס באַגראָבען.

דער גבאי האָט זיך דאָס ניט געקאָנט גלויבען. ער האָט געמיינט אפשר איז די שמש'טע גערעכט, ער רעדט טאַקע פון היץ.

— ביזטו זיכער, אַז דאָס וואָס דו האָסט מיר נאָר־וואָס דערצעהלט איז אמת? — האָט דער גבאי איהם געפרעגט.

— עס איז אמת, — האָט דער שמש געכליפּעט, — הלואי וואָלט עס ניט געווען אמת! איהר קאָנט איצט אַרויסנעהמען דאָס געלט פון דאָרט, איידער עס וועט אַריינפאַלען אין די הענט פון מיין מרשעת... דאָס געלט איז באַגראָבען דאָרט אין אַ ווינקעל, איהר וועט זעהן דאָרט איז אויך איינגעגראָבען אַ שפּענדעל, וועט איהר אונטער דעם געפינען דאָס געלט.

דער גבאי איז גלייך אַרויס פון שמש' הויז. די שמש'טע איז שנעל אַריינגעלאָפען צום שמש אין צימער און אויסגערופען:

— וואָס האָסטו איהם דערצעהלט, מיין שלומיאל? — האָט זי איהם געפרעגט.

דער שמש האָט אומגעקעהרט זיין פּנים צום וואַנט און ביטער געוויינט.

דער גבאי איז צוריקגעקומען מיט אַ זעקעל מטבעות. דאָס זעקעל איז געווען פול מיט שטויב.

— יאָ, איצט זעה איך, אַז אַלץ וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט איז אמת, — האָט דער גבאי אויסגערופען און פאַנאַנדערגעפּענט דאָס זעקעל, — דריי הונדערט גילדען!...

— וואָס רעדט איהר? — האָט די שמש'טע אויסגערופען, — וואָס פאַר אַ דריי הונדערט גילדען!

— דאָס האָב איך אַלץ אָנגערויבט פון ווילנער גאון, — האָט דער שמש געקרעכצט.

— דו האָסט דאָס אָנגערויבט פון ווילנער גאון?! — האָט זי מיט אַ קוויטשיג קול אויסגערופען, — עס איז אַ ליגען! ער רעדט פון היץ זאָג איך אייך! איך ווייס, אַז מעהר ווי צוויי גילדען...

זי האָט געוואָלט עפּעס ווייטער זאָגען, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט ניט געוואָלט דערצעהלען, אַז איהר מאַן האָט באַרויבט דעם ווילנער גאון, און פון די שכירות זיינע אַרונטערגענומען צוויי גילדען יעדע וואָך.

— מאַמע, — האָט די עלטערע טאָכטער אויסגערופען, — וואָס האָסטו נאָר וואָס געזאָגט וועגען צוויי גילדען!

— שווייג! קיינער פרעגט דיך ניט! — האָט די שמש'טע זיך אויף איהר אָנגעבייזערט, — געה אַרויס

פון צימער, ווען מען וועט דיך דאַרפען ווערסטו אריינקומען.

— זי קאָן דאָ פאַרבלייבען, — האָט דער גבאי געזאָגט, — א שרעקליכען פאַרברעכען איז דאָ באַגאַנגען געוואָרען געגען ווילנער גאון. שוין מעהר ווי צוויי יאָהר, אז מען האָט איהם בארויבט, און עס איז שוין מעהר ווי א יאָהר, אז דער שמש האָט איהם קיין איינציגען גילדען ניט אירבערגעגעבען פון די שכירות וואָס די שטאָט האָט פאַר איהם באַשטימט פאַר זיין חיונה, כדי ער זאָל קאָנען זיצען רוהיג און לערנען. ווי שרעקליך דאָס איז! וויפיל דער גאון און זיין משפחה האָבען זיך געמוזט אָנלײדען.

— וואָס רעדט איהר! — האָט די שמש'טע אויסגערופען, — וואָס הייסט ער האָט איהם פאַר א גאַנצען יאָהר קיין שכירות ניט געגעבען?!... ער האָט דאָך איהם געבראַכט יעדע וואָך אַם וויינינגסטען פינף גילדען!...

— און ווי אזוי גלויבט איהר, האָט ער אָנגעקליבען דריי הונדערט גילדען?!...

— זאָל איך אזוי וויסען פון בייז! אָ, דער שלומיאל מיינער! ער האָט דאָך מיך גענאַרט... ער האָט מיר געזאָגט, אז... ניין, איך גלויב עס ניט... ער האָט עס ניט געטאָן... ער וואָלט דאָך מיר געגעבען מעהר געלט, בפרט ווען ער ווייסט, אז איך נויטיג זיך אזוי שטאַרק.

— יאָ, ער האָט געוואוסט. איהר האָט איהם דערצו אָנגערעדט. — האָט דער גבאי מיט ביטערקייט געזאָגט, — איהר האָט געמאַכט אייער מאַן פאַר א גנב! פאַר א פאַרברעכער... ער האָט דאָך צוגענומען דעם לעצטען ביסען פון גאון'ס מויל. שטעלט זיך פאָר, א גאַנץ יאָהר האָט ער קיין איינציגען גילדען ניט באַקומען... וויפיל זיי האָבען זיך אָנגעליטען... ער האָט דאָך קליינע קינדער. אָ, איצט פאַרשטעה איך פאַרוואָס דעם גאון'ס פרוי פלעגט אָפט אריינקומען צו אונז אין הויז מיט די קינדער און מען פלעגט זיי אָנבאָטען עסען, פלעגען זיי זיך קוים צוכאַפּען. זיי האָבען געהונגערט. די קינדער פלעגען נאָך ווי עס איז קריגען עפּעס צו עסען ווען זיי פלעגען אריינקומען צו א שכן, אָבער דער גאון און זיין פרוי, וויפיל הונגער און נויט זיי האָבען זיך דאָס אָנגעליטען. ווי גרויס עס האָט געמוזט זיין זייער צער... ער האָט געוואוסט, אז דער שמש נעהמט אוועק זיינע שכירות פאַר זיך, און פונדעסטוועגען האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט. ער האָט אפילו ניט מרמז געווען, אז דער שמש גיט איהם ניט אָפּ זיינע שכירות.

— איך האָב געזינדיגט! אָ, גאָט, זיי מיר מוחל! אָט די דאָזיגע שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט צו באַגעהן די זינד, — האָט דער שמש מיט א שוואַכער שטימע געקרעכצט, אָנווייזענדיג אויף זיין ווייב, וועלכע איז געשטאַנען נעבען דעם גבאי און מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען געקוקט אויף די זילבערנע גילדען וואָס האָבען ארויסגעבלאַנקט פון לייווענטענעם זעקעל.

— גלויבט מיר, גבאי, אז איך האָב ניט געוואוסט פון דעם, — האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

—איהר ווילט לייקענען, אז איהר האָט איהם ניט אָנגערעדט ארונטערצונעמען צוויי גילדען א וואָך? — האָט דער גבאי מיט א בייזער שטימע צו איהר זיך געווענדעט, — אייער מאַן ליגט אויף דעם טויטען־בעט, און וועט קיין ליגען ניט זאָגען.

— אמת, איך האָב איהם צוגערעדט ארונטערצונעמען איין גילדען, — האָט די שמש'טע זיך פאַנאַנדערגעוויינט, — אָבער אי, האָב דאָס געטאָן ווייל מיר האָבען ניט געקאָנט אויסקומען מיט די צוויי גילדען שכירות וואָס ער פלעגט באַקומען א וואָך. מיר האָבען שוין פאַר פילע וואָכען קיין שטיקעל פלייש ניט געקאָנט קויפען. און אָט גיט א קוק — האָט זי אָנגעוויזען אויף איהר טאָכטער — אָט איז זי, א מויד פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר, און זי איז געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, צו איהר האָב איך נאָך פיער מוידען, זיי ווילען אלע עסען. זיי דאַרפען אלע קליידער, האָב איך זיך געטראַכט, אויב ער וועט ארונטערנעהמען א גילדען צי צוויי פון דעם גאון'ס שכירות, וועט ער ניט שטאַרק פיהלען דעם שאָדען און מיר וועלען קאָנען

דערווייל אָפּכאַפּען דעם אָטעם. אָבער ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלען, אַז מיין מאַן וועט טאָן אַזאַ זאַך, אַז ער וועט איהם אין גאַנצען אויפהערען איבערצוגעבען די שכירות.

איהר זעהט דאָך, אַז עבירה גוררת עבירה! איין קלענערע עבירה ברענגט אַ גרעסערע! איהר האָט איהם צוגערעדט צו נעהמען פריהער איין גילדען, האָט איהר איהם געצוואונגען צו ווערען אַ גנב, און וויבאַלד איינער איז שוין אַ גנב קומערט איהם ניט צי די גנבה איז גרויס אָדער קליין.

— אָבער איהר זעהט דאָך אַליין, אַז ער האָט דאָך אַפּילו פון מיר פאַרבאָרגען דאָס געלט. איך האָב דאָך קיין באַגריף ניט געהאַט, אַז ער פלעגט אוועקלייגען יעדע וואָך פינף גילדען צו זיך אין קעשענע און דערנאָך דאָס באַגראָבען... גלויבט מיר, אַז איך האָב ניט געהאַט דעם מינדעסטען פאַרדאַכט, אַז ער טוט עס. שטעלט זיך פאָר, ווען איך ווייס, אַז ער האָט ערגעץ באַגראָבען דריי הונדערט גילדען!... אָט ערשט מיט עטליכע וואָכען צוריק האָט זיך געמאַכט אַ גוטער שידוך פאַר מיין טאָכטער, אַ וואוילער יונגער מאַן, אַ לערנער, אָבער ער האָט פאַרלאַנגט הונדערט גילדען נדן. נו, וואו וועל איך איהם נעהמען הונדערט גילדען. איז דער שידוך טאַקע בטל געוואָרען. פרעג איך אייך, ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז ער האָט ערגעץ דריי הונדערט גילדען, וואָלט איך דען איהם אָפּגעלאָזט. ער וואָלט דאָך מיר געגעבען דאָס געלט. זעהט איהר דאָך, אַז איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען.

— איך גלויב אייך, אַז איהר האָט ניט געוואוסט פון די דריי הונדערט גילדען וואָס ער האָט אוועקגערויבט פון דעם ווילנער גאון, שטעלענדיג אין געפאהר זיין גאַנצע משפחה זיי זאָלען חלילה אויסגעהן פון הונגער, אָבער איהר טראָגט אויף זיך אַ גרויסע שולד.. איהר האָט איהם אָנגערעדט ער זאָל אָנפאַנגען צו גנב'ענען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך געוועהרט נעגען דעם אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַר איהם געווען מעגליך, נאָר איהר האָט איהם ניט אָפּגעלאָזט און ווען ער האָט שוין אָנגעפאַנגען צו גנב'ענען, האָט ער שוין גע'גנב'עט וואָס מעהר.

— אָ, צו וואָס מיר האָבען זיך דערלעבט! — האָט זיך די עלטערע טאָכטער צעיאָמערט, — די שאַנדע, די חרפה... דער טאַטע אַ גנב... די מאַמע...

— שטיל, דו חצופה! — האָט איהר די שמש'טע אַרונטערגעלאָזט אַ פּאַטש, — איך האָב דאָך דיר געהייסען אַרויסגעהן פון דאַנען.

— אַזוי, וואו װעלען מיר זיך באַגראָבען פון שאַנדע, — האָט די עלטערע טאָכטער ניט אויפגעהערט צו וויינען, — און איך האָב געדאַנקט גאָט וואָס אונזער לאַגע איז פאַרבעסערט געוואָרען. מיר האָבען זיי גענאַרט, זיי האָבען מיר געזאָגט אַז דער טאַטע האָט געקראָגען אַ העכערונג אין שכירות... און די גאַנצע צייט האָב איך געגעסען אָנגערויבט געלט.

— עס איז ניט דיין שולד, האָט זיך דער גבאי געווענדעט צו איהר, — דו האָסט דאָך ניט געוואוסט, און דיין טאַטע האָט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון פון געלט. זאָל איהם גאָט מוחל זיין.

— "אשמנו, בגדנו, גזלנו"...

אַלע האָבען זיך אַ קער געטאָן און געזעהן ווי דער שמש ליגט און מיט האַלב־פאַרגלאָצטע אויגען און קלאַפּט זיך אין הארצען... באַלד האָט זיך דערהערט אַ כאָרכעל, און דעם שמש'ס האַנד איז געבליבען ליגען אויף זיין הארצען...

די שמש'טע איז שנעל צוגעלאָפען צו איהר מאַן'ס בעט, און זי האָט אויסגעבראָכען אין אַ ביטערען געוויין. די עלטערע טאָכטער האָט זיך צעיאָמערט. באַלד זיינען אַריינגעלאָפען אין צימער די אַנדערע פיער טעכטער, און די קולות האָבען דערגרייכט זעהר ווייט.

דער גבאי איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע, און טרויעריג געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, ער האָט געהאַלטען דאָס זעקעל געלט אין האַנד און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— אייער מאַן איז געשטאָרבען ווי אַן ערליכער מאַן, — האָט דער גבאי זיך אָנגערופען, — ער האָט זיך

מתודה געווען אויף זיינע זינד און ער האָט באַוויזען צו זאָגען "אשמנו, בגדנו, גזלנו"... דאָס איז א באַווייז אז דער רבונו של עולם האָט אָנגענומען זיין וידוי און ער האָט איהם מוחל געווען. איך בין זיכער אז ר' אליהו, דער הייליגער גאון, וועט איהם אויך מוחל זיין... אָט וועל איך שיקען די חברה קדישא און זיי וועלען איהם טאָן זיין רעכט.

די שמש'טע און איהרע טעכטער האָבען אָבער ניט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו וויינען און יאָמערען, און דער גבאי וועלכער איז שוין געווען אין דרויסען און אָפּגעגאַנגען א היבשע וועג פון הויז, האָט נאָך געקענט הערען זייערע קולות.

די ערשטע זאַך וואָס דער גבאי האָט געטאָן איז געווען צו געהן צום גאון אין הויז. ער איז אריינגעקומען און ער האָט געטראָפען דעם גאון'ס ווייב זיצענדיג פאַרטרויערט. די קינדער זיינען געווען ערגעץ ביי א שכן, און זי האָט געווייקט אין שיסעל וואַסער א שטיקעל פאַרדאַרט ברויט וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון א פּאָר טעג, און דאָס געהאַלטען פאַר איהר מאַן ער זאָל האָבען כח פאָרטצוזעצען זיין לערנען.

דער גבאי האָט איהר באַגריסט און געזאָגט אז ער וויל זיך גלייך זעהן מיט'ן גאון.

— עס איז זעהר וויכטיג, און איך גלויב אז איהר קענט זיך ערלויבען איהם מבטל צו זיין פון לערנען פאַר א קליינער ווייל'ע.

חנה איז אריינגעגאַנגען אין דעם קליינעם צימער. די פענסטער און לאָדען זיינען געווען צוגעמאַכט. און דער גאון האָט געלערענט פאַר דער שיין פון איין ליכטעל. ער האָט ניט געוואָלט האַלטען אָפען די פענסטער כדי דער טומעל פון גאַס זאָל איהם ניט שטערען אין זיין לערנען. ער איז געווען אזוי פאַרטיפט אין לערנען אז ער האָט גאָרניט באַמערקט אז זיין ווייב געפינט זיך אין צימער.

זי איז געשטאַנען א היבשע ווייל'ע און זיך ניט גערירט פון איהר פּלאַץ. זי האָט געקוקט אין זיין ריכטונג, זי האָט געזעהן ווי ער איז פאַרטיפט אין לערנען, אז די שכינה רוט אויף איהם. זי האָט זיך געפילט גליקליך אז זי האָט געהאַט אזא זכות ביים רבונו של עולם וואָס ער האָט איהר מזכה געווען מיט אזא הייליגען מאַן, אזא גאון, אזא צדיק. זי האָט שוין פאַרגעסען איהר הונגער... באַלד האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם אז דער גבאי איז צו איהר געקומען און געזאָגט אז ער מוז אומבאַדינגט זעהן איהר מאַן.

זי האָט זיך גענומען דערנענטערען צו איהם און מיט א נידעריגער צערטליכער שטימע האָט זי געזאָגט: "רבי, דער גבאי איז אהער געקומען, ער וויל דיך זעהן, ער זאָגט אז עס איז זעהר וויכטיג, זאָל איך איהם אריינשיקען אהער צו דיר?"

ר' אליהו האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ פון דער גמרא, און ער האָט א קוק געטאָן אויף זיין פרוי. זי האָט ווידערהאָלט איהרע רייד, און ער האָט געזאָגט אז ער וועט ארויסגעהן צו איהם. ער האָט צוגעמאַכט די גמרא און איז ארויס פון דעם צימער מיט זיין פרוי.

— רבי! אַ, הייליגער גאון! — האָט דער גבאי זיך אָנגערופען צו איהם, און ער האָט ארויפגעלייגט אויף דעם טיש דאָס זעקעל מיט די דריי הונדערט גילדען, — אָט דאָ געפינען זיך דריי הונדערט גילדען, און דאָס באַלאַנגט צו אייך!

— צו מיר?! — האָט דער גאון איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג, — ווי קום איך צו אזוי פיל געלט?!...

— יע, דאָס באַלאַנגט צו אייך! איך קום נאָר וואָס פון שמש'ס הויז. ער איז געשטאָרבען...

— דער שמש איז געשטאָרבען? ברוך דין אמת! — האָט דער גאון אויסגערופען.

— וואָס מיינט איהר מיט דעם אז דאָס געלט באַלאַנגט צו מיר! — האָט דער גאון איהם ווידער געפרעגט.

— ווייל עס איז אייער געלט! — האָט דער גבאי געזאָגט — דער שמש האָט עס פון אייך אָנגערויבט! איך האָב איהם געגעבען יעדען דאָנערשטאָג פאַר אייך זיבען גילדען וואָס עס איז באַשטימט געוואָרען פון שטאָט

אלס אייערע שכירות, אבער דער שמש פלעגט די געלט ארונטערלאזען צו זיך אין קעשענע.

— ווער האט עס אייך דערציילט?

— פרעגט איהם דער גאון.

— דער שמש האט זיך פאר מיר מודה געווען פאר זיין טויט. ער האט מיר אלץ דערציילט, אזוי ווי ער איז געווען א גרויסער נצרך, און זיין ווייב האט איהם פריער צוגערעדט צו נעמען בלויז איין גילדען פאר זיך, אבער ביסלעכווייז האט ער גענומען מער און מער, ביז וואנען ער האט אייך גארניט געגעבען! א, פארוואס האט איהר געשוויגען! איהר האט דאך אזוי פיל געליטען!

— געלויבט איז השם יתברך, מיר זיינען פון הונגער ניט געשטארבען!

— אבער עס איז דאך געווען שרעקליך, צו לאזען אייך דא אהן חיונה! ווי אזוי האט ער דאס געקאנט טאן צו אייך! אמת, ער האט שטארק חרטה געהאט אויף זיין טאט — האט דער גבאי צוגעגעבען — ער האט פאר זיין טויט זיך געקלאפט "אשמנו", ער האט מיר געזאגט וואו ער האט דאס געלט באגראבען און ער האט עס מיר געהייסען אייך צוריקגעבען. ער האט מיך געבעטען איך זאל אייך איבערגעבען דאס געלט און איהר זאלט איהם מוחל זיין!

— געוויס בין איך איהם מוחל! — האט ר' אליהו געזאגט — איך פארשטעה דאך אז פון וואוילטאג האט ער דאס ניט געטאן.

— יע, ווי עס ווייזט אוים האט ער אויך געליטען נויט! ער פלעגט מער ווי צוויי גילדען א וואך ניט קריגען, און ער האט פינף דערוואקסענע טעכטער! אבער דאס האט איהם ניט בארעכטיגט צו באגעהן אזא שרעקליכע זינד! סטייטש, צו נעמען און איבערלאזען אייך אהן חיונה. און איהר האט אפילו וועגען דעם צו קיינעם ניט גערעדט...

— ווי אלט איז ער געווען? — פרעגט איהם דער גאון.

— איך גלויב אז ער איז געווען א יאר זעכציג.

— א שאד, ווען ער וואלט ניט געוואוסט פון נויט וואלט ער געוויס אזא זאך ניט געטאן! — האט ר' אליהו זיך אנגערופען — איהר וועט זעהן צו מאכען די אלע נויטיגע הכנות צו זיין לויה... איהר וועט שוין זעהן אז ער זאל קריגען א בכבוד'יגע לויה... ער איז דאך געשטארבען א בעל תשובה...

— נו, יע, איך וועל באלד ארי־בערגעהן צו דער חברה קדישא, און זעהן אלץ צוצוגרייטען. אוי, ווען איך נעם נאר טראכטען ווי אזוי איהר האט דורכגעלעבט די פאר יאר אהן א גראשען געלט, געהט מיר דורך א ציטער... ווי האט עס א איד געקאנט ביי זיך פועל'ן אזא זאך. הערט איהר, איך קאן נאך פארשטעהן ווען זיין ווייב האט איהם געראטען ארונטערצונעמען פון אייערע שכירות א גילדען צי צוויי, נו, קאן מען דאס אויסטייטשען, אז זי האט גערעכענט אז איהר וועט ווי עס איז קאנען זיך דורכלעבען מיט די איבעריגע. אבער נעמען און בארויבען אייך פון אייער גאנצער חיונה, באנוצענדיג מיט אייער איידעלקייט און גוטסקייט, אז איהר וועט דאס קיינעם ניט דערציילען כדי איהם ניט מבייש צו זיין, דאס דארף מען שוין קאנען...

— נו, מילא, איצט דארפט איהר זעהן אז קיינער זאל פון דעם ניט וויסען... ער האט דאך איבערגעלאזען פינף טעכטער וועלכע שטעהען אין שידוכים, און ווען אימיצער זאל זיך דערוויסען וועט עס זיי שטארק שאדען צו א שידוך!

— איך וועל קיינעם פון דעם ניט דערציילען! — האט דער גבאי געזאגט, אויב דאס איז אייער פארלאנג, אבער איך קאן זיך פארשטעלען אז אזא זאך וועט מען אויף לאנג ניט קאנען האלטען אין געהיים.

— דערווייל האט איהר דאך קיינעם ניט דערציילט, וואלט געווען זעהר גוט, אויב דער סוד זאל פארבלייבען צווישען אייך און אונז...

— איך וויל אייך זאגען רבי, אז זיינע טעכטער וויסען שוין פון אלץ, ווייל פון די קולות און געוואלדען וואס זי, די שמש'טע האט אנגעמאכט איז די עלטערע טאכטער אריינגעקומען און זי האט אלץ געהערט, און

שפּעטער ווען די איבעריגע טעכטער זיינען אריינגעקומען האָבן זיי געהערט ווי זי שרייט: "צו וואָס מיר האָבן זיך דערלעבט... די שאַנדע און חרפּה. דער טאַטע א גנב"... נו, און אז אַלע טעכטער וועלן שוין וויסן וועגן דעם, קאָן מען שוין ערוואַרטן אז עס זאָל בלייבן א סוד?

— איך גלויב אז זיי, די טעכטער, וועלן זיין זעהר פאַרזיכטיג -- האָט דער גאון געזאָגט, זיי וועלן זיכער פאַר קיינעם ניט דערציילן אזא זאַך... און אויב איהר וועט עס האַלטן בסוד וועט קיינער דערפון ניט וויסן.

— איך וועל טאָן ווי איהר הייסט מיר, האָט דער גבאי געזאָגט, כאָטש עס וועט זיין זעהר שווער פאַר מיר. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אז איך פיל זיך אביסעל שולדיג. איך אליין וואָלט באַדאַרפט אייך אריינטראָגן די שכירות יעדע וואָך, און טאַקע פון מאָרגן אָן וועל איך דאָס טאָן. מער וועל איך שוין קיינעם ניט געטרויען מיט אַט דער דאָזיגער שליחות...

דער גבאי האָט איבערגעלאָזען דעם לייווענטענעם זעקעל מיט די דריי הונדערט גילדען און איז ארויס פון גאון'ס הויז. ער איז שנעל געלאָפען צו דער חברה קדישא און געהייסען מאַכען פאַרבערייטונגען פאַר א גרויסער לויה...

— חנה, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין א ווינקעל פון צימער, און געוויינט אויף דעם אומגליק וואָס איז באַפאַלען די משפחה פון שמש, האָט א קוק געטאָן אויף דעם זעקעל מיט געלט וואָס איז געווען אויף דעם טיש... זי איז צוגעגאַנגען נענטער און געזאָגט צו איהר מאַן:

—געלויבט איז גאָט, איצט וועלען מיר שוין מער ניט דאַרפען וויסען פון הונגער און יסורים.

— חנה, לייג אוועק דאָס געלט — האָט דער גאון זיך צו איהר אָנגערופען — דער שמש איז געשטאָרבען און ער האָט איבערגעלאָזען אן אלמנה מיט פינף יתומים. ווער וועט זיך אויף זיי וועלען אומקוקען? און אויב חלילה עס וועט ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט דאָס וואָס ער האָט געטאָן, וועלען זיי דאָך געוויס ליידען דערפון נאָך מער, דעריבער וועלען מיר פון געלט ניט טאָרען הנאה האָבען. דורך דער צייט וואָס זיי וועלען זיצען "שבעה", זאָלסטו זיי קומען מנחם אבל זיין, און דו וועסט איבערגעבען דאָס געלט צו דער אלמנה און צו איהרע יתומים. איך דאַרף דאָך דיר ניט לערנען וואָס צו זאָגען און ווי צו האַנדלען אז זיי זאָלען ניט פילען ערניעדריגט און פאַרשעמט...

— אָבער דו האָסט דאָך גאָר ניט געגעסען! — האָט חנה געזאָגט, אפשר וועלען מיר זיך דערווייל באַנוצען מיט עפּעס... איך מיין איך וועל ארויסנעמען איין גילדין און צולויפען אין קראָם עפּעס איינקויפען, און ווען דער גבאי וועט אונז מאָרגען ברענגען די זיבען גילדין שכירות, וועל איך צוריקלייגען א גילדין, און דאַן וועל איך דאָס אריבערברענגען צו זיי.

— ניין, האָט דער גאון געזאָגט — דאָס געלט באַלאַנגט צו זיי און מיר טאָרען דערפון קיין הנאה ניט האָבען. מיר וועלען ניט שטאַרבען פון הונגער ביז מאָרגען.

— יע, דו ביזט גערעכט — האָט חנה מיט א גליקליכען שמייכעל געזאָגט — איך האָב טאַקע איינגעוויקט פאַרטריקענטע ברויט אין וואַסער, און מיר וועלען ווי עס איז דורכקומען דעם טאָג.

דער גבאי האָט געהאַלטען זיין וואָרט. ער האָט טאַקע קיינעם ניט דערציילט וואָס דער שמש האָט איהם געזאָגט פאַר זיין טויט. ער האָט געלאָזט אויסרופען אין בית המדרש אז דער שמש איז געשטאָרבען און ער האָט פאַרלאַנגט אז מען זאָל קומען מאָרגען צו זיין לויה.

ער האָט געמאַכט אַלע נויטיגע הכנות, ער האָט באַשטעלט די נושאי המטה.

אויף מאָרגען אינדערפרי זיינען געקומען די חברה קדישא צו נעמען דעם בר מנין. אין הויז איז געווען א שרעקליכע יללה. די שמש'טע האָט געמאַכט אַזעלכע קולות און געוואַלדען, אז אַלעמענס הערצער זיינען גערירט געוואָרען. די טעכטער האָבען אויך שרעקליך געוויינט. זייערע אוי־

גען זיינען שוין געווען געשוואָלען פון וויינען.

— ווי איז צו אונז אַלעמען! — האָט זיך די שמש׳טע געריסען די האָר פון קאָפּ — איך בין שולדיג אין דעם גרויסען אומגליק! — איך האָב איהם דערצו אַנגערעדט... איצט וועט זיין נאָמען פארשאָלטען ווערען אויף אייביג. מען וועט איהם געוויס מקבר זיין נעבען דעם גדר, ווי מען טוט עס צו זינדיגע! אוי, פאַרוואָס בין איך בעסער ניט געשטאָרבען אנשטאט איהם!

איידער די חברה קדישא האָבען ארויסגעטראָגען זיין קערפּער, איז דער גבאי צוגעקומען צו דער שמש׳טע און איהר געבעטען אז זי זאָל אזוי ניט ריידען...

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז אייער מאַן איז געשטאָרבען אַן ערליכער איד, ער האָט תשובה געטאָן מיט זיין גאַנצען הארצען. און אויב ער האָט באוויזען זיך מתודה צו זיין און אומקערען דאָס געלט צום גאון, און טאָן תשובה איידער ער איז געשטאָרבען איז א סימן אז ער האָט געהאט א באזונדערען זכות אין הימעל.

— אָבער דאָס וואָס ער האָט פאַרשאַפט אזוי פיל צרות דעם ווילנער גאון! — האָט זי ניט אויפגעהערט צו יאָמערען — וועט ער איהם דען מוחל זיין?

— איך בעט אייך שרייט ניט אזוי הויך! — האָט דער גבאי זיך צו איהר אַנגערופען — קיינער דאַרף ניט וויסען וואָס עס האָט פּאסירט. איך האָב גערעדט מיט דעם גאון, און ער האָט מיך געבעטען איך זאָל עס האַלטען בסוד. און דאריבער דארפט איהר זעהן וועגען דעם מער קיינמאָל ניט אויף צו ריידען. ער מוז עס טאָן צוליב אייערע טעכטער. דער גאון האָט איהם מוחל געווען במחילה גמורה...

— אָ, וואָס רעדט איהר, ווי אזוי קאָן דער גאון איהם מוחל זיין נאָכדעם ווי ער האָט איהם פארשאפט אזוי פיל צרות. ער איז אזוי אויך געווען א מלאך, זיך ניט צו באַקלאָגען אויף איהם. ער האָט בעסער געליטען נויט און הונגער און פאר קיינעם ניט דערציילט, כדי אונז ניט צו פארשעמען...

אָבער איצט אז מען ווייסט שוין פון דעם...

— ווער האָט אייך געזאָגט אז מען ווייסט שוין! — האָט דער גבאי אויסגערופען — אויב איהר און אייערע טעכטער וועלען וויסען ווי צו האַלטען דעם סוד, וועט קיינער פון דעם ניט וויסען. דאָס קאָן בלייבען א סוד אויף אייביג! און אויב אימיצער וועט אויסגעפינען וועט עס זיין אייער אייגענער שולד... ווייל פון גאון׳ס צד, און מיין צד וועט קיינער ניט וויסען! איהר הערט, רעדט זיך ניט ארוים ביי דער לויה, דערמאָנט וועגען דעם קיין וואָרט ניט.

— אָבער מענשען וועלען דאָך זעהן וואָס פאר א לויה ער האָט און מען וועט זיך אַנשטויסען אז ער האָט געמוזט באַגעהן א פאברעכען...

אייער מאַן וועט האָבען א בכבוד׳ע לויה, ווי עס פּאסט פאר גרויסע ערליכע אידען — האָט דער גבאי געזאָגט — גיט נאָר א קוק, וועט איהר זעהן וויפיל אידען זיינען געקומען אָפּצוגעבען דעם לעצטען כבוד דעם שמש.

די שמש׳טע האָט זיך ארומגעקוקט און געזעהן ווי עס שטראָמען אידען צו איהר הויז. זי האָט זיך שטארק געוואונדערט, אָבער זי האָט פארשטאַנען אז אזוי האָט דער גאון געוויס געהייסען.

איהר ערשטוינונג איז נאָך גרעסער געוואָרען ווען זי האָט געהערט שטימען: "דער ווילנער גאון קומט צו דער לויה!" אָט קומט ער אָן!

זי האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן דעם ווילנער גאון. ער איז אריינגעקומען אין הויף וואו דער שמש האָט געוואוינט.

עס איז געוואָרען א באוועגונג. א קליינינקייט, דער ווילנער גאון איז געקומען אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד דעם שמש, איז א סימן אז ער האָט געמוזט זיין א גרויסער צדיק. עס האָבען זיך באַלד פארזאמעלט נאָך אידען און ווען די חברה קדישא זיינען ארויסגעקומען מיט דעם בר מינן, זיינען שוין אין הויף געווען פארזאמעלט הונדערטע אידען.

דער גאון איז אָפּגעגאַנגען א שטיקעל וועג, ארויסבאַגלייטענדיג דעם

טויטען, און דער נאָך האָט ער זיך צוריקגעקערט אהיים, און זיך גענרמען צום לערנען...

אָבער אזוי ווי עס איז ניט געווען דער מנהג פון גאון צו געהן צו לויות, כדי ניט מבטל צו זיין פון דער תורה, האָט זיין ארויסקומען צו דעם שמש׳ם לויה געמאכט א גרויסען רושם. אלע האָבען וועגען דעם גערעדט, און די אידען זיינען געקומען צום באשלוס אז דער שמש האָט געמוזט זיין א גרויסער צדיק...

נאָך דער לויה איז דער גבאי געקומען צום גאון און ער האָט איהם געבראכט די זיבען גילדען שכירות. דער גאון האָט גראד דאן געגעסען א שטיקעל אויסגעווייקטע ברויט אין וואסער, און חנה האָט איהם דערלאנגט א גלאָז ווארעמע וואסער.

— רבי, איך וועל אייך פרעגען, ווי קומט עס אז איהר זאָלט נאָכגעהן דער לויה פון אזא זינדיגען? איך קאָן פארשטעהן פארוואָס איהר ווילט ניט אז מען זאָל אויסגעפינען אז ער האָט אייך בארויבט, און פאראורזאכט אזוי פיל לײדען, אָבער מיט דעם וואָס איהר זייט נאָכגעגאנגען זיין לויה וועלען דאָך מענשען מיינען אז ער איז געווען א גרויסער צדיק, און דער אמת איז דאָך פונקט פארקערט!

— דאָס האָב איך געטאָן צוליב זיינע יתומות, — האָט דער גאון געזאָגט — און אזוי ווי ער איז דאָך א בעל תשובה, וועט גאָרניט שאָדען אויב אידען וועלען איהם פאררעכענען פאר א צדיק. אמווייניגסטען וועט קיינעם ניט איינפאלען אז ער זאָל האָבען באגאנגען אן עולה געגען מיר... און זיי וועלען ניט דארפען ליידען צוליב זיינע זינד.

— איך זאָג דעם אמת, רבי, אז איך וואָלט אזא זאך ניט געקאָנט טאָן!

ווען איינער טוט מיר אָן אזוי פיל צרות, וואָלט איך ניט געקאָנט האָבען אזוי פיל איינזעהעניש מיט זיין משפחה...

— א איד טאָר ניט האָבען דעם געפיל פון נקמה! — האָט דער גאון געזאָגט.

— אָבער ער איז דאָך געווען א חוטא, א בעל עבירה, און עס קומט דאָך אוים ווי די גמרא זאָגט: "אם כן מצינו חוטא נשכר!"

— די גמרא זאָגט דאָך אָבער אז "אין אדם עובר עבירה, אלא אם כן נכנס בו רוח שטות". זעהען מיר דאָך אז ער איז געווען אן אָנוס, און אָנוס רחמנא פטריה, און מיר זעהען דאָך אז ער איז געווען בבחינת "מספיקין בידו לעשות תשובה". ווייל איהר זייט צו איהם געקומען פונקט אין צייט ער זאָל קאָנען זיך מתודה זיין, און דאריבער קאָן מען זעהן אז ער האָט געהאט א זכות...

נאָכדעם ווי דער גבאי האָט פארלאָזען דעם גאון׳ס הויז, האָט ר׳ אליהו צוגערופען חנה׳ן און ער האָט איהר איבערגעגעבען די זיבען גילדין.

— נו, דו זעהסט, חנה! — האָט ער איהר געזאָגט — מען דאַרף קיינמאָל ניט זיין פארצווייפעלט. איצט אז מיר האָבען זיך צוגעוואוינט צו לעבען שפּאָרזאם וועסטו אין משך פון עטליכע וואָכען קאָנען האָבען גענוג געלט צו נייען בגדים פאר די קינדער.

א דאנק דיר רבונו של עולם! — האָט חנה אויסגערופען — און גענומען דאָס געלט — איצט וועל איך שוין קאָנען אויסקאָכען א געקעכץ פאר די קינדער און אויך פאר אונז.

זי איז שנעל געגאנגען איינקויפען אלע נויטיגע זאכען און זי האָט צוגעגרייט עסען פאר אלעמען. ווען די קינדער האָבען געזעהן פריש ברויט אין הויז האָבען זיי געטאנצט פון פרייד.

— נו, איצט מיינע קינדער דארפט איהר דאנקען גאָט, מיר וועלען שוין ניט וויסען פון קיין הונגער — האָט חנה זיך צו זיי אָנגערופען — און איהר וועט אויך קאָנען פארשטעהן ווי שלעכט עס איז יענעם אז ער איז הונגעריג, און ווען איהר וועט גרעסער ווערען, וועט איהר שטיצען דעם אָרימאן און דעם נויטבאדערפטיגען...

אויף מאָרגען פרייטאָג, נאָכדעם ווי חנה האָט שוין געהאט צוגעגרייט דעם שבת, איז זי אריין צו איהר מאן און איהם געפרעגט אויב זי זאָל איצט געהן מנחם אבל זיין.

— ווארט שוין צו ביז זונטאג — האָט דער גאון איהר געזאָגט — ווייל

היינט, ערב שבת וועלען זיי זיין פארנומען מיט די הכנות צום שבת.

זונטאג נאכמיטאג האט חנה מיטגענומען דעם לייווענטענעם זעקעל מיט די דריי הונדערט גילדען און זי איז אוועק צו דער שמש'טע מנחם אבל צו זיין. זי האט זיי געטראפען אלעמען זיצענדיג אויף דער ערד, פארוויינטע, פארקלאגטע.

ווען די שמש'טע האט דערזעהן דעם גאון'ס ווייב אריינקומענדיג, איז ביי איהר איינגעפאלען דאס הארץ. זי האט זיך דערמאנט וואס זי האט צו איהר געטאן, ווי אזוי איהר מאן האט פון איהר אוועקגערויבט דעם לעצטען ביסען ברויט, און זי האט זיך שטארק פאנאנדערגעוויינט.

— זאל איך גאט טרייסטען, איהר זאלט שוין מעהר ניט וויסען פון קיינע צרות — האט חנה זיך אנגערופען ווען זי איז צוגעקומען נענטער צו איהר.

— נו, מיינע טעכטער! — האט די שמש'טע זיך אנגערופען צו איהרע פינף טעכטער, וועלכע זיינען געזעסען אלע אויף דער ערד בארוויס. — איך פרעג אייך, האבען מיר פארדינט אז זי זאל קומען צו אונז מנחם אבל צו זיין. יע, נאכדעם ווי אייער טאטע א ליכטיגער גן עדן זאל ער האבען, האט זיי אזוי באהאנדעלט...

— איך בעט אייך, רעדט ניט אזוי! אייער מאן איז געווען אן ערליכער איד, א באוויז האט איהר אז מיין מאן איז דאך געקומען איהם אפגעבען דעם לעצטען כבוד...

— איך פארזיכער אייך אז דאס איז גארניט. מען איז דאך ניט מער ווי א מענש! אט האב איך אייך עפעס געבראכט, און איך וויל אז איהר זאלט עס נוצען געזונטערהייט, דאס זאג איך אייך אויך אין נאמען פון מיין מאן. איהר האט זיין ברכה פון טיפסטען הארצען.

חנה האט דערלאנגט דעם זעקעל מיט די דריי הונדערט גילדין דער שמש'טע און צוגעגעבען:

— אייער מאן האט עס אנגעקליבען ביי אונז פאר אייערע טעכטער, און פאר אייך, און איצט האב איך דאס אייך געבראכט צוריק!

— א, נייז, ווי אזוי קאנט איהר טאן אזא זאך, עס איז דאך אייער געלט, ער האט דאך פון אייך אלץ אנגעויבט!...

— איהר טארט אזוי ניט ריידען וועגען אייער מאן! ער איז געשטארבען א צדיק, און דאס געלט באלאנגט צו אייך. ווען ער וואלט ניט געהאט אזא זכות וואלט דאך מיין מאן ניט געגאנגען צו זיין לויה. איהר טארט אפילו ניט איבערטראכטען... דאס געלט באלאנגט צו אייך, איהר זייט איצט געבליבען אהן פרנסה, און אויב עס וועט זיך מאכען א שידוך פאר אייער טאכטער וועט איהר אויך האבען אויף נדן.

— א, ווער וועט שוין איצט זיך וועלען משדך זיין מיט אונז! — האט זי מיט ביטערע טרערען געזאגט, — איהר און אייער מאן, דער ווילנער גאון, זיינען דאך מלאכים, אבער די אנדערע אזוי שנעל ווי זיי וועלען אויסגעפינען וועגען מיין מאן, איך מיין ווען זיי וועלען זיך דערוויסען וואס מיין מאן האט צו אייך געטאן, וועלען זיי דאך אונז פאראכטען! זיי וועלען זיך ניט וועלען שטעהן אין אונזערע ד' אמות, און ווער רעדט נאך זיך מיט אונז משדך צו זיין!

— מען טאר ניט פארלירען די האפנונג, — האט חנה געזאגט, — גאט וועלכער איז דער פאטער פון יתומים וועט זיך איבער זיי מרחם זיין און ער וועט יעדע טאכטער אייערע צושיקען איהר זיווג.

— א, רביצין, איך ווייס ניט וואס צו זאגען. מיר זיינען אלע זינדיגע, איך בין שולדיג אין מיין מאן'ס טויט. ער איז אוועק פון דער וועלט פאר זיין צייט צוליב מיר... איך האב איהם צוגערעדט צו באגעהן דעם פארברעכען און גאט האט איהם געשטראפט. איצט וועט גאט אויך אויסגיסען זיין צארן אויף מיר און אויף מיינע טעכטער...

— בארוהיגט זיך — האט חנה געזאגט — איהר זעהט דאך אז מיין מאן און איך האבען אייך מוחל געווען במחילה גמורה. און צו גאט האט ער דאך תשובה געטאן, דארפט איהר איצט זיין זיכער אז אויך גאט האט

איך אלעמען מוחל געווען, און ער וועט אייך העלפען. נעמט די דריי הונדערט גילדען. דאָס איז א ירושה פון אייער מאן פאר זיינע יתומות.

— אָ, ניין, עס איז אָנגערויבטע געלט, מיין מאן האָט אוועקגענומען פון אייך דעם לעצטען ביסען פון מויל... ער האָט אפילו מיר ניט געזאָגט אז ער באַגעהט געגען אייך א גרויסע זינד. איהר האָט געליטען און געשוויגען! טאָ ווי קען איך איצט נעמען דאָס געלט וואָס ער האָט אָנגערויבט פון אייער מאן?!...

— אייער מאן, עליו השלום, האָט דאָך פאר זיין טויט אומגעקערט דאָס געלט צו מיין מאן. דאָס מיינט, אז ער האָט אָפּגעווישט זיין שולד. איצט האָבען מיר א רעכט אייך צוריקצוגעבען דאָס געלט אלס א מתנה. פארנוצט עס געזונטערהייט, און זאָל גאָט געבען אז איהר זאָלט האָבען נחת פון אייערע טעכטער, זיי זאָלען זיין גוטע אידישע פרויען און מאמעס פון קינדער צדיקים און „אונים.

די שמש'טע האָט פארשטעלט איהר פּנים מיט איהרע הענד און זי האָט זיך פאנאנדערגעוויינט.

חנה האָט איהר געטרייסט און איהר גענומען בארוהיגען. זי האָט איהר נאָך אמאָל פארזיכערט אין נאָמען פון איהר מאן, דעם ווילנער גאון, אז ער איז איהם מוחל און אז זיי קענען נוצען דאָס געלט, און אז גאָט וועט זיי אויך מוחל זיין. זי איז דאָרט געווען מיט זיי א פּאָר שעה. זי האָט גערעדט מיט די טעכטער, און זיי נאָך אמאָל אָנגעזאָגט מעהר ניט צו טראכטען פון אלץ וואָס האָט פּאסירט, און איבערהויפּט זאָלען זיי ניט רעדען פון דעם מיט קיינעם. דאָס וועט בלייבען א סוד. און דאָס געלט וואָס זי האָט יעצט בראכט זאָל זיי ברענגען א מזל ברכה.

ווען חנה איז ארויסגעגאנגען פון הויז, האָט די שמש'טע זיך אָנגערופען צו איהרע טעכטער:

— זיי זיינען ניט קיין מענשען, נאָר מלאכים! שטעלט זיך פאָר וואָס אייער טאטע, א גוטער בעטער זאָל ער זיין פאר אונז אלעמען, האָט געטאָן צו איהם. איך קען נאָך עד היום ניט פארשטעהן ווי אזוי ער האָט דאָס געקענט טאָן, סיידען ער איז חלילה געווען גערירט פון זינען. ווי אזוי נעמט ער דאָס און בארויבט דעם גאון פון דעם לעצטען ביסען פון מויל?!...

די שמש'טע האָט אויפגעהויבען דעם זעקעל מיט די דריי הונדערט גילדען און זי האָט דאָס באטראכט. דאן האָט זי עס פאנאנדערגעפּענט. זי האָט ארויסגענומען א הויפען מטבעות און איהרע אויגען האָבען גענומען אויפלייכטען.

— נו, קינדער, איהר זעהט, — האָט זי אויסגערופען מיט א צופריעדענעם שמייכעל אויף איהר פּנים, — גאָט האָט דאָך אונז צוגעשיקט אן אוצר... איך האָב דאָך אויף מיין לעבען אזוי פיל געלט ניט געזעהן.

די פינף מיידלעך האָבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, און צוגעקומען צו זייער מאמע און זי ארומגערינגעלט. זיי האָבען גענומען באטראכטען די זילבערנע מטבעות מיט נייגעריגע בליקען.

— איצט, מאמע, וועלען מיר האָבען פון וואנען צו לעבען, — האָט די אינגסטע פון די טעכטער אויסגערופען מיט באגייסטערונג, — אזוי פיל געלט! דו וועסט אונז אויפנייען קליידער און שיך און מיר וועלען מעהר ניט דארפען וואוינען אין אָט דעם נאַסען טונקלען קעלער.

— זיי שטיל, דו קליינע, — האָט די מאמע אויף איהר א געשריי געטאָן, — איצט ליגט דיר אין זינען אזעלכע זאכען.

די שמש'טע אָבער האָט אליין אויך געהאט אָט די דאָזיגע געדאנקען. ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק, נאָכדעם ווי איהר מאן איז געשטאָרבען, איז זי געווען אזוי שטארק באזאָרגט, זי האָט געמיינט אז איצט וועט זי און איהרע טעכטער דארפען געהן אין הקדש, ווייל זי וועט ניט האָבען מיט וואָס איבערצולעבען אפילו איין טאָג. און איצט, האָט גאָט איהר צוגעשיקט א ישועה, אזוי פּלוצלונג... און דוקא דורך דעם ווילנער גאון, וועמען איהר מאן האָט אזוי בא'עולה'ט. איצט קען זי דאָך פאררעכענט ווערען פאר א רייכער אלמנה... וואָס פאר א טייערע מענשען דער גאון און זיין פרוי זיי-

נען! דאָס געלט איז דאָך געווען זייערע און זיי האָבען געבראַכט דאָס גאַנצע געלט צו איהר... זי חנה, האָט זיי נאָך אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלען מיט קיינעם ניט ריידען וועגען דעם. דאָס זעלבע האָט איהר דער גבאי אָנגעזאָגט. ווייזט אויס, אַז דער גאון האָט איהם געהייסען אַזוי האַנדלען...

די שמש'טע האָט שוין גענומען צעלען דאָס געלט, ווען פּלוצלונג האָט זיך די טיר געעפענט און אין שטוב איז אריינגעקומען דער גבאי. די שמש'טע איז געווען אַזוי פארטאָן אין ציילען דאָס געלט, אַז זי האָט גאָרניט געהערט און ניט געזעהן. דער גבאי איז צוגעקומען נענטער. שווייגענדיג. זיינע אויגען זיינען געפאַלען אויף דעם ביינקעל אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעשפּרייט די מטבעות, און די שמש'טע, וועלכע איז געזעסען אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זיי אויסגעלייגט אין קופּקעלעך.

— מאמע, — האָט די עלטערע טאָכטער זיך צו איהר אָנגערופען.

"הונדערט פינף און זיבעציג, הונדער אכציג..." האָט זי געציילט, שאַ, שטיל זאָל זיין, האָט זי זיך א בייזער געטאָן אויף איהר עלטערער טאָכטער, — דו האָסט מיך שוין צעטומעלט. איך ווייס ניט וואו איך האַלט...

— איהר האַלט ביי הונדערט אכציג! — האָט דער גבאי זיך אָנגערופען צו איהר.

די שמש'טע האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהענדיג דעם גבאי, האָט זי געוואָלט מיט עפּעס פאַרדעקען דאָס געלט.

— איהר האָט זיך ניט וואָס צו שעמען! — האָט דער גבאי זיך אָנגערופען, — איך זעה דאָך אַז די דריי הונדערט גילדען וואָס איך האָב געבראַכט צום גאון, אויף דעם פאַרלאַנג פון דעם שמש, עליו השלום, האָט איהר צוריקגעקראָגען...

— המ... יאָ... דעם גאון'ס ווייב האָט געבראַכט דאָס געלט. איך האָב ניט געוואָלט נעמען, אָבער זי איז צוגעשטאַנען...

— מיין הארץ האָט מיר געזאָגט אַז זיי וועלען דאָס אייך צוריקגעבען, — האָט דער גבאי געזאָגט, — מן הסתם דאַרף אַזוי זיין. דער גאון ווייסט וואָס ער טוט. אָבער גלויבט מיר, אַז ניט יעדער איינער וואָלט געקענט האַנדלען אַזוי, נאָכדעם ווי ער האָט זיי ממש געלאָזט אויסגעהן פון הונגער.

— וועה און ווינד איז מיר! — האָט זיך די שמש'טע צעיאָמערט, — איך ווייס טאַקע ניט פאַרוואָס איך האָב גענומען דאָס געלט. אָבער זיי זיינען מלאכים, ניט קיין מענשען.

— אויב דער גאון האָט עס אייך צוריקגעגעבען, קענט איהר עס באַנוצען געזונטערהייט, — האָט דער גבאי געזאָגט, — אָבער איך וויל אַז איהר זאָלט פאַרשטעהן, אַז דאָס געלט האָט דער גאון אייך געגעבען פאַר אייערע טעכטער. זיי זיינען דאָך אינגאַנצען אומשולדיג און דאריבער זאָלט איהר זעהן קודם כל אַז אייער עלטערע טאָכטער זאָל חתונה האָבען.

— אוי, פאָטער אין הימעל, אודאי וועט דאָס געלט געהן פאַר מיינע טעכטער... איך וועל פון דעם קיין הנאה ניט האָבען. איך וועל אויסקומען מיט א שטיקעל ברויט און וואַסער ווי דער גאון און זיין משפחה האָט עס געטאָן — האָט די שמש'טע וויינענדיג געזאָגט.

קאַפּיטעל ניין און צוואַנציג

אין דער צייט וואָס דער ווילנער גאון האָט גענומען באַלויכטען דאָס אידישע פאָלק מיט זיין גאון'ישע טיפקייט אין לערנען, מיט זיין גרויסען גייסטיגען גייסט, האָט דאָס חסידות פון בעל שם אָנגענומען גאָר א שטאַרקע ווענדונג. די חסידות באַוועגונג האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטען איבער גאַנץ פּוילען און אויך גענומען אריינדרינגען אין ליטע. איבערהויפּט האָט דאָס חסידות אריינגעדרונגען אין אוקראינא.

דעם צווייטען טאָג שבועות 1760 איז געשטאָרבען דער בעל שם טוב. גרויס איז געווען דער טרויער פון זיינע אָנהענגער. ערשט איצט האָבען אפילו זיינע געגנער אָנגעהויבען איינצוזעהן זיין גרויסקייט, און די חסידים האָבען געפיהלט אַז זיי מוזען האָבען א נייעם

פיהרער, א וועג־ווייזער וועלכער וועט זיי פיהרען אויף דעם זעלבען וועג וואָס דער בעל שם האָט אָנגעצייכענט.

די ערשטע זאך וואָס זיינע טרייע אָנהענגער האָבען געוואָלט, איז געווען צונויפצורופען אן אסיפה טאקע אין מעזשיבוזש זיך צו באטראכטען ווער עס זאָל זיין דעם בעל שם׳ס נאָכפאָלגער.

עס האָבען זיך געפונען פילע חסידים וועלכע האָבען געזאָגט אז דער איינציגער וועלכער איז ראוי צו פארנעמען דעם בעל שם׳ס פלאץ איז זיין זוהן הירשעל.

— ווען וואָלט עס גערעדט געוואָרען, — האָט איינער פון די פארזאמעלטע חסידים געזאָגט, — ווען הירשעל פארמאָגט כאָטש א קליינעם טייל פון זיין פאָטער׳ס גרויסקייט, אָבער פארוואָס זאָלען מיר זיך נארען, הירשעל איז א שוואך מענשעל מיט באגרעניצטע גייסטיגע כחות, און ווען מיר מאכען איהם פאר זיין פאָטער׳ס נאָכפאָלגער, וועט די חסידות קיין תקומה ניט האָבען.

— איך גלויב אז דער געווינשטער נאָכפאָלגער פון בעל שם וואָלט געווען ר׳ בער מעזריטשער! ער איז געווען פאר א לאנגע צייט דעם בעל שם׳ס א תלמיד, דערצו איז ער א גרויסער למדן און א באריהמטער מגיד מיט א כח הדיבור, און מען זאָגט אויף איהם אז מיט דעם כח פון זיין מויל קען ער ווייך מאכען הארטע שטיינער ווי וואקס.

— גערעכט! — האָט נאָך איינער געזאָגט, — איך גלויב אויך אז ר׳ בער מעזריטשער איז דער פאסענדסטער נאָכפאָלגער פון בעל שם.

— איך וועל אייך זאָגען א סוד, — האָט איינער פון די גאָר עלטערע חסידים זיך אָנגערופען, — איך בין געווען ביים בעל שם איניגע טעג פאר זיין טויט און איך האָב אליין געהערט אז ער האָט גערעדט וועגען ר׳ בער מעזריטשער און ער האָט איהם באשטימט פאר זיין נאָכפאָלגער.

— אויב אזוי האָבען מיר דאָך מעהר ניט וואָס צו ריידען! — האָבען די איבעריגע געזאָגט, — לאָמיר שיקען איהם רופען און אויסדערוועהלען פאר דעם בעל שם׳ס נאָכפאָלגער.

ר׳ בער מעזריטשער איז געבוירען געוואָרען אין 1704 אין פאָדאָליע, אין א קליין שטעטעל. זיין פאָטער איז געווען אן אָרימער מלמד. ר׳ בער האָט געלערנט אין דער לעמבערגער ישיבה פון "פני יהושע". ער איז אָבער ניט געוואָרען קיין רב. פריהער האָט ער זיך אָפגעגעבען מיט מלמדות ווי זיין פאָטער און שפעטער איז ער געוואָרען א מגיד אין קאָרעץ, אין דובנאָ, אין ראָוונע און אין מעזריטש. ער פלעגט דערצו ארומרייזען מיט זיינע דרשות איבער גאנץ וואָלין און פאָדאָליע און ער האָט אלעמען באגייסטערט מיט זיינע דרשות.

ר׳ בער מעזריטשער האָט זיך אויך אָפגעגעבען מיט קבלה און לויט דעם נוסח האר״י פלעגט ער פאסטען זעהר אָפט און זיך פייניגען מיט פארשידענע סגופים, ביז וואנען ער איז אזוי שוואך געוואָרען אז ער האָט זיך קוים געקענט האלטען אויף זיינע פיס און דאן האָט איהם אימיצער איינגערעדט ער זאָל פאָהרען צום בעל שם. ווען ער איז געקומען צו ר׳ ישראל בעל שם טוב, און ער האָט איהם דערצעהלט וועגען זיינע תעניתים און זיינע זעלבסט־פייניגונגען האָט זיך דער בעל שם אויף איהם אָנגעבייזערט. ער האָט איהם געגעבען פארשידענע רפואות איהם צו קרעפטיגען און איהם אָנגעזאָגט אז ער זאָל דאָס מעהר ניט טהאָן. ער האָט איהם געזאָגט אז דינען גאָט דארף מען מיט שמחה און ווען מען פייניגט דעם גוף קען דאן קיין פולע שמחה ניט זיין. דער בעל שם טוב האָט איהם שוין מעהר פון זיך ניט אוועקגעלאָזט. ער האָט איהם געגעבען א וועכענטליכען געצאָהלט פון זיין אייגענער קעשענע און ער האָט פאר איהם געדונגען א דירה. פון דאן אָן פלעגט זיך ר׳ בער געפינען ביים בעל שם אין הויז כמעט יעדען טאָג, ער איז געוואָרען זיין הייסטער אָנהענגער און תלמיד.

ווען מען האָט ר׳ בער׳ן איבערגעגעבען דעם באשלוס פון די חסידים אז ער איז אויסדערוועהלט געוואָרען צו זיין דעם בעל שם׳ס נאָכפאָלגער, האָט ער זיך פאנאנדערגעוויינט, ווייל ער האָט געזאָגט אז עס איז ניטאָ אזא

מענש וועלכער זאָל קענען פאַרנעמען דעם גרויסען צדיק׳ס פּלאַץ. און ער האָט אויסגעדריקט זיין האָפנונג אז דער בעל שם וועט איהם קומען צו הילף ער זאָל קענען אָנגעהן מיט דער הייליגער ארבייט.

נאָכדעם ווי ר׳ בער האָט זיך אונטערגענומען צו זיין דער ממלא מקומו פון בעל שם, האָט ער ניט געוואָלט בלייבען אין מעזשיבוזש. ער האָט זיך געפיהלט זעהר ניט אנגענעהם צו פאַרבלייבען אין דער שטאָט פון בעל שם, און זיצען אויף זיין שטוהל אויף וואָס עס האָט באדארפט זיצען זיין יורש, הירשעל, דעם בעל שם׳ס זוהן, אָדער זיינער אן איידעם. אן אנדער סיבה פאַרוואָס ער האָט ניט געוואָלט פאַרבלייבען אין מעזשיבוזש איז, ווייל ער האָט אין זינען געהאט צו געווינען גאַנץ ליטע פאר דער חסידישער באַוועגונג, און מעזריטש איז א סך נעהענטער צו ליטע.

די השפעה פון ר׳ בער מעזריטשער האָט זיך צעשפּרייט איבער פיעלע שטעט און שטעטלעך, און האָט דערגרייכט ביז ווילנע. ער האָט זיך ערוואָרבען הונדערטער טויזענטער נייע אָנהענגער, וועלכע זיינען געווען איבערגעגעבען צו דעם מעזריטשער מגיד מיט׳ן לייב און לעבען.

ר׳ בער האָט געהאט אויסער זיין שעהן מויל, אויך א זעלטענע הדרת פּנים, וואָס האָט ארויסגערופען פיעל יראת הכבוד ביי יעדען איינעם וועלכער האָט איהם געזעהן. ער איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין א ווייסע אטלעסענע קאַפּאָטע און ווייסע שיך און זאָקען. אפילו זיין טאבאק פּושקע איז געווען ווייס.

ווען די חסידים פלעגען זיצען ארום זיין טיש פלעגט אין צימער הערשען א הייליגע שטילקייט, און נאָכ׳ן עסען פלעגט דער צדיק זינגען מיט א וואונדערבארער שעהנער נגינה. נאָכ׳ן זינגען פלעגט ער צולייגען זיין האנט צו זיין שטערן און פלעגט בעטען זיינע חסידים אז יעדער פון זיי זאָל עפּעם זאָגען א פּסוק פון תנ״ך. דאן פלעגט ר׳ בער נעהמען אָט די אלע פּסוקים און פון זיי צוזאמענפלעכטען א וואונדערבארע דרשה אזוי אז עס האָט אויסגעקוקט ווי די פּסוקים זיינען א טייל פון דער דרשה, כאָטש די פּסוקים האָבען גאָרניט געהאט קיין צוזאמענהאנג, ווייל דאָס זיינען געווען געווינליכע פּסוקים וואָס האָבען ניט קיין שייכות איינער מיט׳ן צווייטען.

פּונקט ווי עס האָט געטהאָן דער בעל שם, פלעגט אויך ר׳ בער מעזריטשער באווייזען מופתים. ער פלעגט היילען קראנקע מיט רפואות, בענשען עקרות אז זיי זאָלען האָבען קינדער. זיינע חסידים פלעגען זאָגען אז ר׳ בער קען באווייזען דאָסזעלבע וואָס דער בעל שם טוב, ווייל ער האָט דעם זעלבען כח אין הימעל אויסצואווירקען דאָרט ביים רבונו של עולם ישועות פאַר אידען, און מבטל זיין אלע שלעכטע גזרות.

כאָטש דער ווילנער גאון איז געווען די גאנצע צייט אָפּגעזונדערט פון דער אויסערליכער וועלט און ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט ארויסטרעטען אין דער עפענטליכקייט, ווייל ער האָט פאַרבראַכט טאָג און נאכט אין לערנען און אין תפילה, האָט ער אָבער באלד דערזעהן א גרויס געפאהר פאַר דעם אידענטום אין ר׳ בער מעזריטשער׳ס פאַרשפּרייטונג פון חסידות. דער ווילנער גאון האָט געזעהן אין חסידות, אין די פאַרשידענע סודות, רמזים און כוונות עפּעס וואָס וועט אָפּרייסען די אידען פון דעם גייסט פון דער תורה. ער האָט דערזעהן אז אין חסידות איז הלכה ניט דער עיקר, ווייל לויט זייער גאַנג זיינען מצוות מעשיות ניט אזוי וויכטיג. ביי די חסידים ווערט די אגדה שטארק באַטאָנט און ווערט געשטעלט העכער פון די הלכה. צו איהם זיינען דערגאַנגען קלאַנגען אז חסידים זיינען מבטל א סך דינים פון דעם שולחן ערוך און פיהרען איין פיעלע מנהגים לויט זייער אייגענעם גייסט. ער האָט אויסגעפונען אז זיי שעצען גרינג דעם גאַנצען ענין פון זמן קריאת שמע און תפילות, זיי שאפען אָפּ דינים וואָס זיינען אָנגענומען אין תלמוד און אין פּוסקים. ער האָט איינגעזעהן אז די חסידים בויען אידישקייט אויף כוונות און ״הארציגקייט״. זיי זאָגען אז עס איז בעסער צו דאווענען איין שעה מיט גרויס כוונה ווי צו זיצען

און לערנען א גאנץ יאָהר טרוקענע הלכות. דער ווילנער גאון האָט אין דעם געזעהן אז זיי זיינען מבזה אין דער עפענטליכקייט דאָס לערנען פון דער תורה וואָס זיי האָבען געהאלטען פאר ניט וויכטיג און ניט פון קיין גרויסער באדייטונג פאר אידישקייט.

ניט נאָר האָט דער ווילנער גאון איינגעזעהן אָט די דאָזיגע סכנה צום אידענטום, נאָר אויך אלע אנדערע גרויסע לומדים וועלכע האָבען געווידמעט זייער גאנצען לעבען צו זיצען און לערנען תורה, און האָבען פארקערפערט אידישקייט און דאָס גאנצע אידישע לעבען דורך די מצוות מעשיות און לערנען תורה.

עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט, אז עס האָט אויסגעבראָכען אזא שרעקליכער קאמף צווישען די חסידים און מתנגדים.

אין דער שפיץ פון קאמף, פארשטעהט זיך, איז געשטאנען ר׳ אליהו, דער ווילנער גאון.

איצט, אין אונזער אייגענער צייט, קאָנען מיר זעהן, אז די דאמאָלסדיגע מורא פאר חסידות איז געווען אן אומזיסטע. די חסידים אונטערשיידען זיך ניט פון מתנגדים. צווישען זיי געפינען זיך אויך גרויסע צדיקים און לומדים. מיר זעהען, אז אָט די דאָזיגע חסידישע באוועגונג האָט בארייכערט דעם אידישען לעבען. די אידען וועלכע האָבען דאן, ווי תמיד אין גלות, אזוי פיעל געליטען צרות פון זייערע שונאים, און זייענדיג שטענדיג אין צער און עצבות, האָבען א סך געוואונען דורך חסידות. דער געדאנק, אז דורך טרויערן קאָן מען ניט דינען גאָט וויל ווען א מענש איז פרעהלאך און לוסטיג, געהט ער ארויס פון זיין ענגען "איד" און קאָן זיך בעסער באהעפטען מיט דעם רבונו של עולם, האָט א סך ערמוטיגט דעם אידישען פאָלק אין אלע זיינע צרות. חסידות האָט ארויסגענומען די אידען פון דעם טרויער און איהם געגעבען א נייעם זין און אינטערעס אין לעבען, און מען קאָן זאָגען איצט, אז חסידות האָט א סך בייגעטראָגען צו דער אויפלעבונג פון אידישען פאָלק, און איהם געגעבען כח אריבערצוטראָגען אזוי פיעל צרות און פורעניות, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דעם אידישען פאָלק זינט יענער צייט.

אָבער דאן, אין דער צייט פון גאון, וואָס איז געווען ערשט א הונדערט יאָר זינט דער פאלשער משיח, שבתי צבי, האָט שיער ניט געבראכט דעם גרעסטען אומגליק אויף די אידען, ווען א סך פון זיינע נאָכפאָלגער האָבען אָנגענומען דעם מאכמעדאנישען גלויבען. און טאקע אין דערזעלבער צייט, פון אָנפאנג פון דער חסידישער באוועגונג, האָט יעקב פראנק געזוכט אראָפצופירען פילע אידען פון גלייכען וועג, און האָט פארפירט פילע אידען, וועלכע זיינען נאָכדעם אריבער צום קריסטענטום, איז דאריבער גאנץ פארשטענדליך, וואָס דער גאון און פילע אנדערע גרויסע צדיקים און גאונים, האָבען זיך גענומען שטארק שרעקען פאר חסידות, אז עס זאָל אויך ניט אוועקגעהן אין א גאנץ אנדער ריכטונג און זיך אין גאנצען אָפּפרעמדען פון אידישקייט.

אין חודש ניסן תקל"ב, 1772, האָט אויסגעבראָכען אין ווילנע די מלחמה צווישען די מתנגדים און חסידים. דער ווילנער גאון האָט זיך דערוואוסט, אז איניגע פון זיינע חברים און אָנהענגער, ווי ר׳ אברהם קאליסקער, ר׳ ישראל פּאָלאָצקער, ר׳ חיים דרשן און ר׳ איסר פון ווילנע זיינען פּלוצלונג געוואָרען אָנהענגער פון ר׳ בער מעזריטשער און זיי דאווענען אין חסידיש שטיבעל, און אלע האָבען מורא געהאַט, אז די "מגפה" פארשפּרייט זיך.

אין ווילנע האָט זיך אויך צוריקגעקערט ר׳ מענדעל פון מינסק און נחום, וועלכער האָט איבערגעלאָזען זיין ווייב ציפּע אן עגונה מיט איהרע צוויי קינדער, און ער האָט זיך אינגאנצען אריינגעטאָן אין חסידות.

עס האָבען זיך אויך געפונען מענשען, וועלכע האָבען נאָך גוט געדענקט די געשיכטע פון נחום׳ן, און מען האָט אוועקגעשיקט קיין קיידאן שלוחים, זיי זאָלען אָנזאָגען ציפּען, אז איהר מאן געפינט זיך אין ווילנע. ציפּע׳ס עלטערן זיינען שוין לאנג געשטאָרבען, איהרע צוויי קינדער, א מיידעל און א אינגעל, זיינען שוין אונטערגעוואק-

סען. זי האָט זיך געמוטשעט אין נויט און אין אָרימקייט. זי האָט זעהר שטארק געליטען, איהר טאָכטער צירעל, וועלכע איז שוין געווען א מיידעל פון עטליכע און צוואנציג יאָר, האָט זיך געשטעלט דינען אלס דינסט אין דער אכסניא, וואו פילע קידאנער סוחרים פלעגען פארפאָרען. ווען דער בעל אכסניא האָט אויסגעפונען, אז צירעל'ס פאָטער נחום געפינט זיך אין ווילנע, האָט ער איהר אויך געלאָזט וויסען פון דעם. ער האָט איהר אָבער געראטען, אז זי זאָל זיך דערווייל ניט וויסענדיג מאכען און ווארטען ביז וואנען איהר מאמע וועט קומען קיין ווילנע, ווייל עס קאָן פּאסירען, אז ווען ער וועט אויסגעפינען, אז זיין טאָכטער געפינט זיך אין ווילנע, וועט ער ווידער פארשווינדען.

צירעל אָבער האָט זיך ניט געקאָנט באהערשען. זי האָט געהערט, אז איהר טאטע איז געווען אן אריינגעהער פון בעל שם טוב, פון וועמען זי האָט געהערט אזוי פיל וואונדערבארע זאכען. ווייל אין אָט דער אכסניא פלעגען גאנץ אָפט אויך פארפאָרען חסידים, און זיי פלעגען דערציילען איינע די אנדערע וועגען די גרויסע מופתים, וואָס דער בעל שם טוב האָט באוויזען. אין איהר הארצען האָט זי שטארק געבענקט נאָך איהר פאָטער, כאָטש איהר מאמע האָט אין איהר הארצען איינגעפלאנצט א שנאה צו איהם, צוליב די אלע צרות, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטען פון איהם.

איצט, אז זי האָט געהערט, אז איהר טאטע איז געקומען צופאָרען, און לויט ווי מען דערציילט איז ער אָנגעטאָן פונקט ווי א צדיק, מיט א לאנגע קאפּאָטע, מיט ווייסע זאָקען און א גרויע באָרד און פּאות, האָט איהר אָנגענומען א גרויס חשק איהם צו זעהן. זי האָט זיך גענומען נאָכפרעגען וואו ער שטעהט איין. איין טאָג צווישען מנחה און מעריב, איז זי אוועק צו דער חסידישער שטיבעל, וואָס חסידים האָבען געגרינדעט מיט א צייט צוריק. זי האָט זיך געשטעלט נעבען דעם אריינגאנג פון שטיבעל און זי האָט באטראכט יעדען איינעם וועלכער איז פון דאָרט ארויסגעקומען. זי איז צוגעגאנגען צו איינינע פון די חסידים און זי האָט יעדען פון זיי געפרעגט אויב זיין נאָמען איז נחום.

— ניין, טאָכטערשע, — האָט מען איהר געענטפערט.

באלד האָט זיך איינער צוריקגעקערט צו איהר און איהר געפרעגט:

— צו וואָס דארפסטו א חסיד מיט'ן נאָמען נחום?

— ווייל נחום איז מיין טאטע! — האָט זי געענטפערט.

— ביי אונז זיינען פאראן פילע חסידים, וועלכע הייסען נחום.

— מיין טאטע אָבער קומט פון קידאן! — האָט צירעל געזאָגט.

— אָ, איצט ווייס איך וועמען דו מיינסט! — האָט דער חסיד אויסגערופען — געבענשט מעגסטו זיין וואָס דו האָסט אזא טאטען. ער איז דאָך געווען ביי דער פּטירה פון דעם הייליגען בעל שם, און לויט ווי חסידים דערציילען, איז ער געווען פון די געציילטע מענשען, וועלכע האָבען געקראָגען די ברכה פון בעל שם פאר זיין טויט.

— אָ, איך בעט אייך, זאָגט מיר ווער איז ער? — האָט זי זיך גענומען ביי איהם בעטען.

— אויב דו ביזט זיין טאָכטער, טאָ ווי קומט עס, אז דו דערקאָנסט ניט אליין דיין אייגענעם טאטען? — האָט ער זי געפרעגט.

— ווייל איך האָב איהם ניט געזעהן זינט ער איז אוועק פון מיין מאמען, און דאן בין איך אלט געווען בלויז זעקס יאָר.

— אָט וועל איך דיר באלד אָנצייגען ווער ער איז! — האָט דער חסיד געזאָגט — דיין טאטע נחום איז א פארמעגליכער חסיד, ווי עס ווייזט אויס איז די ברכה וואָס דער בעל שם האָט איהם געגעבען פאר זיין טויט מקוים געוואָרען. ער האָט מצליח געווען, און ער האָט זיך אהער אומגעקערט מיט א סך געלט. ער שטיצט פילע פון די חסידים. זאָל איהם גאָט דערפאר באלוינען.

טרערען האָבען זיך באוויזען אין צירעל'ס אויגען, ווען זי האָט פון דעם געהערט. אפשר וועט שוין פון איצט אָן נעמען א סוף צו איהרע און איהר מאמע'ס צרות. זי האָט א סך געליטען

זייענדיג א דינסט אין דער פרעמד. די בעל הבית'טע איהרע איז זעהר א שלעכטע, און זי האָט ערוואַרטעט א פסק פון איהר, ווען זי וועט זיך צוריקקערען צו דער אכסניא.

— אָט איז נחום! — האָט דער חסיד זיך אָנגערופען צו צירל'ען, אָנווייזענדיג אויף אן עלטערן מאן מיט א גרויער באָרד.

צירעל איז שנעל צוגעלאָפען צו יענעם מאן און איהם געפאלען אויפ'ן האלז אויסשרייענדיג:

— טאטע! אָ, מיין טאטע!

דער חסיד האָט זיך באפרייט פון איהר אומארמונג און ער האָט זי עטוואס אָפּגעשטופּט פון זיך.

— ווער ביזטו? — האָט ער שטרענג א פרעג געטאָן.

— איך בין דיין טאָכטער, צירעל, מיין מאמע ציפּע איז דאָך דיין ווייב.

— דו ביזט צירעל! — האָט נחום אויסגערופען און איהר באטראכט מיט ערשטוינונג.

— יע, טאטע, דאָס בין איך! אוי, א דאנק דיר, גאָט, וואָס איך האָב דיך געטראָפען.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין א דינסט אין דער אכסניא! אוי, טאטעטיו, ווי שלעכט מיר איז! — האָט זיך צירעל צעוויינט — מיין בעל הבית'טע איז א מרשעת, איך האָב מורא צוריקצוגעהן צו איהר, ווייל איך בין אוועק דיך זוכען אָהן איהר ערלויבניש. און איצט, אז איך וועל זיך אומקערען צוריק, וועט זי מיך שלאָגען!

— וויין ניט, צירעלע, דו וועסט שוין ניט מער דארפען זיין א דינסט! — האָט נחום געזאָגט — דו וועסט געהן מיט מיר. איצט דערצייל מיר וועגען דיין מאמען, וועגען דיין זיידע און באָבע...

— מיין זיידע און באָבע זיינען שוין לאנג טויט, און מיין מאמע געפינט זיך אין קיידאן און זי מוטשעט זיך צוזאמען מיט מיין אינגערן ברודער, שלמה.

— דיין אינגערען ברודער! — האָט איהר נחום אָנגעקוקט.

— יע, טאטע, געדענקסטו ניט, אז דו האָסט איבערגעלאָזען די מאמען, ווען זי האָט אין גיכען באדארפט ווערען מוטער...

— אָ, יע, יע, איך געדענק! — האָט נחום אויסגערופען און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. זעהר גוט וואָס איך האָב דיך געטראָפען. איך האָב געהאט אין זינען צו שיקען נאָך דיין מאמען אזוי שנעל ווי איך וואָלט זיך געהאט איינגעאָרדענט, אָבער איצט, אז דו ביזט דאָ געקומען, וועל איך גלייך שיקען נאָך דיין מאמען. איך ווייס, אז איך האָב זי ניט גוט באהאנדעלט, אָבער איך ווייס, אז דיין מאמע איז א פרומע אידישע פרוי, און זי וועט פארשטעהן, ווען איך וועל איהר ערקלערען, אז איך האָב זיך אָפּגעגעבען די גאנצע צייט מיט חסידות.

— איך האָב געהערט, אז מען האָט געשיקט אָנזאָגען דער מאמען, אז דו ביזט אין ווילנע, און עס קאָן זיין, אז זי וועט דאָ אָנקומען יעדען טאָג, צוזאמען מיט שלמה'לען, מיין ברודער. אָ, גאָט, ווי איך בענק נאָך זיי! עס גלויבט זיך מיר קוים, אז דאָס איז אלץ אויפ'ן וואָר, מיר דוכט זיך, אז איך חלום! יע, טאטע, איך פלעג פון דיר חלומ'ען יעדע נאכט. איך האָב געוואוסט, אז דו ביזט א צדיק, אז דו געפינסט זיך ביי דעם בעל שם טוב, און איך האָב געהערט, אז מען דערציילט אזוי פיל וואונדער פון דעם בעל שם טוב.

— זכר צדיק לברכה! — האָט נחום צוגעגעבען — אָבער זאָג מיר, ווי קומט עס, אז מען זאָל ריידען אזוי פיל וועגען דעם בעל שם טוב אין ווילנע? איך ווייס, אז דאָ גלויבען דאָך ניט די מתנגדים אין די חסידישע גרויסע צדיקים. איצט, נאָכ'ן טויט פון דעם בעל שם, האָבען מיר זיין נאָכפאָלגער, ר' בער פון מעזריטש, און ווי איך האָב געהערט זיינען דאָ די היגע רבנים שטארק געגען איהם אויך.

— אין דער אכסניא, וואו איך ארבייט, קומען זיך צענויף גאנץ אָפט חסידים און איך פלעג זיך צוהערען ווי זיי דערציילען די מעשיות פון דעם בעל שם טוב, און איך האָב מתפלל געווען פאר דיר, טייערער טאטע, איך האָב געוואוסט, אז דו געפינסט זיך דאָרט ביי דעם הייליגען צדיק.

— זאָג מיר, טאָכטער, — האָט נחום זיך אָנגערופן — דיין מאמע האָט געמוזט זיין זעהר בייז אויף מיר, הא?

— נו, יע, זי האָט זיך גענוג אָנגעליטען די גאנצע צייט — האָט צירעל מיט טרערען אין די אויגען זיך אָנגערופען — דו זעהסט דאָך, אז איך האָב זיך געדארפט פארדינגען פאר א דינסט, און די מאמע האָרעוועט ווי א פערד און זי זעהט, אז שלמה'לע זאָל קאָנען לערנען.

— נו, זאָרג ניט מער, טאָכטער! גאָט האָט מיר געהאָלפען און איך האָף, אז אם ירצה השם פון היינט אָן און ווייטער, וועט דיין מאמע שוין ניט מער וויסען פון קיין נויט. מיר וועלען זיך באזעצען אין ווילנע, אויב מ'וועט אונז דאָ ניט רודפ'ן און אויב ניט, וועל איך אפילו צוריקקערען זיך קיין קיידאַן, וואו מיר וועלען אלע קאָנען זיין גליקליך

— איך בעט דיך, טאטע, זעה זיי גוט צו דער מאמען! זי האָט זיך אזוי פיל זיך אָנגעליטען! — האָט צירעל געזאָגט — עס איז שוין צייט, אז זי זאָל אויך וויסען פון א לעבען. וועסטו זיכער ניט מער פארשווינדען?

— ניין, טאָכטער, פון איצט אָן וועל איך שוין בלייבען מיט אייך אלעמען! איך וועל זעהן, אז מיין זוהן זאָל לערנען און ווערען א גרויסער למדן. און דו, מיין טאָכטער, וועסט שוין מעהר ניט דארפען ארבייטען ביי יענעם.

— אָ, טאטע, הלואי זאָל עס אמת זיין! עפּעס גלויבט זיך מיר ניט, אז מיר האָט געטראָפען אזא גליק. אָט וועל איך זיך דאָך דארפען אומקערען צו דער בעל הבית'טע מיינער, און איך וועל שוין פון איהר כאַפּען א פּסק.

— ווער זאָגט דיר, אז דו וועסט זיך דארפען אומקערען צו איהר, צירעל! דו וועסט געהן מיט מיר, צו מיין אכסניא, איך וועל באשטעלען פאר דיר א צימער!

— אָבער איך האָב דאָך דאָרט מיין פּעקעל מיט זאכען! — האָט זי געזאָגט.

— אָט וועלען מיר בידע אוועק צו דיין אכסניא און מיר וועלען אריבערנעמען דיינע זאכען צו מיר אין אכסניא!

— טאטע, דו וועסט מיט מיר געהן צו מיין בעל הבית'טע און איהר זאָגען, אז דו ביזט מיין טאטע, און אז דו ווילסט מיך נעמען צו זיך? אָ, ווי גוט עס וועט זיין! יע, די בעל הבית'טע קומט מיר צען גילדען פאר דריי חדשים ארבייט. דו וועסט עס ביי איהר אויפמאָנען.

— ניין, מיין טאָכטער, עס פּאַסט גאָר ניט פאר דיר צו מאָנען ביי איהר געלט פאר דיין ארבייט! דו וועסט דארפען פארגעסען, אז דו ביזט ווען עס איז געוועזן ביי איהר א דינסט.

צירעל איז אוועק מיט איהר טאטען צו איהר אכסניא, וואו זי האָט געארבייט אלס דינסט. ווען די בעל הבית'טע האָט זי דערזעהן ארייננקומענדיג, איז זי צו איהר צוגעלאָפען און געוואָלט איהר ארונטערלאָזען א פּאטש, אָבער צירעל האָט אויף איהר א געשריי געגעבען:

— הויבט אָקאָרשט קיין האנד ניט אויף מיר, ווייל איך וועל אייך צעפּלעטען דעם מוח!

— וואָס זאָגסטו אויף דער חצופה!

— האָט זיך די בעל הבית'טע צעשריען — איך וועל...

— טאָכטער מיינע, קוק זיך ניט אום אויף איהר! — האָט נחום זיך צו איהר אָנגערופען — נעם דיין פּעקעל און לאָמיר געהן! איך זעה טאקע וואָס פאר מרשעת זי איז און דו האָסט געמוזט זעהר פיל ליידען פון איהר.

ווען די בעל הבית'טע האָט דאָס דערהערט, איז זי געבליבען שטעהן ווי געפּלעפּט. זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידען. זי האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז צירעל'ס טאטע זאָל אויסזעהן ווי א צדיק. א שרעק איז איהר באפאלען. זי האָט מורא געהאט, אז דער צדיק זאָל זי ניט פארשילטען, פארוואָס זי האָט זיך איזדעקעוועט איבער זיין טאָכטער.

באלד האָט צירעל ארויסגעטראָגען איהר פּעקעל מיט די עטליכע זאכען, וואָס זי האָט געהאט, און די בעל הבית'טע האָט זיך שוין צו איהר אָנגערופען מיט א ווייכער שטימע:

— וואָרט, צירעלע קרוין, דו

דאַרפסט דאָך קריגען באַצאָלט!

— — גיט עס אַוועק אויף צדקה. געלויבט איז גאָט, מיר קאָנען זיך באַגעהן אָהן אייער געלט. מיין טאַטע איז, א דאַנק דעם רבונו של עולם, רייך — האָט צירעל מיט שטאָלץ געזאָגט.

נחום און צירעל האָבען פאַרלאָזען יענע אכסניא און צוזאַמען זיינען זיי אַוועק אין דער אכסניא, וואו נחום איז איינגעשטאַנען צוזאַמען מיט מענדעל'ן און ר' אברהם קאַליסקער און ר' חיים דרשן. ער האָט זיי דערציילט, אַז ער האָט שוין אָהער געבראַכט זיין טאָכטער און אַז ער ערוואַרט אויך זיין ווייב.

עס זיינען פאַראיבער עטליכע טעג און ציפּע איז אָנגעקומען, צוזאַמען מיט איהר זוהן שלמה. פון אָנפאַנג האָט זי ניט געוואָלט ריידען צו איהם. טאַטע און זוהן האָבען זיך צעקושט, אָבער זי איז געבליבען שטעהן אָן א זייט. זי האָט זיך צעקושט מיט איהר טאָכטער, און ווען צירעל האָט איהר דערציילט, ווי אַזוי זי האָט זיך געטראָפען מיט איהר טאַטען און אַז ער האָט שוין אַליין געהאַט בדעה צו שיקען נאָך איהר, און איבערהויפּט, אַז ער איז זעהר רייך, האָט זי זיך שוין געלאָזט איבערבעטען.

— מיין ליבער, טייערער מאַן! — איז זי איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז און זיך שטאַרק צעוויינט — אָ, ווי מיר האָבען אַלע געבענקט נאָך דיר. איך קאָן דאָך דיך קוים דערקענען. דו האָסט, נעבעך, געמוזט זיך אויך גענוג אָנליידען. דו ביזט דאָך אינגאַנצען גרוי!

— דו דאַרפסט וויסען זיין, אַז א חסיד ליידט קיינמאָל ניט! אפילו אַז עס קומט איהם אויס אַמאָל צו ליידען, ליידט ער מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפּען. געדענקסט, ציפּע, אַז איך האָב דיך אַמאָל געלערענט ווי אַזוי מען דאַרף זיין א חסיד! אַז מען דאַרף תמיד זיין פריילאַך! אַז מען טאָר קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגען...

— יע, איך געדענק! — האָט ציפּע געזאָגט — דאָס איז געווען מיט א יאָר אַכצען צוריק. יע, שלמה'לע איז דאָך שוין זיבעצען און א האַלב יאָר. אָ, ווי לאַנג די יאָרען האָבען זיך געצויגען! יע, מיין ליבער מאַן, איך האָב זיך שוין ניט גערעכט, אַז מיר וועלען שוין זיך ווען עס זעהן!

— איך האָב געהאַט אין זינען שוין לאַנג זיך צוריקקערען. אָבער דו ווייסט דאָך, דער בעל שם איז געשטאָרבען און מיר האָבען געמוזט קריגען א צווייטען, וועלכער זאָל זיין ראוי צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ. געלויבט איז השם יתברך, ר' בער מעזריטשער איז א ווירדיגער נאָכפאָלגער פון בעל שם. איצט, אַז אַלץ איז געווען ווי מיר האָבען געוואונשען, האָבען מיר באַשלאָסען זיך אומצוקערען קיין ווילנע, אפשר וועט אונז געלינגען צו געווינען די מתנגדים צו חסידות. אפשר וועלען מיר קאָנען ווייטער מאַכען זייערע הערצער.

— שוין צייט, מיין מאַן, אַז דו זאָלסט זאָרגען וועגען דיין אייגענער משפּחה. אויב גאָט וועט וועלען, אַז אַלע אידען זאָלען ווערען חסידים, וועט ער זיי אַליין אַריינגעבען אַזא געדאַנק. דו האָסט שוין גענוג זיך אָנגעאַרבייט אין דיין לעבען, פאָלג מיך, קער זיך אום מיט מיר קיין קיידאַן. און אויב גאָט האָט דיר געהאָלפען און דו ביזט אָהער געקומען מיט א ביסעל געלט, וועלען מיר קאָנען לעבען רוהיג, אָהן זאָרג. לאָמיר שוין אויסלעבען דאָס ביסעל יאָרען, וואָס אונז איז באַשערט צו לעבען, אין פריידען און אין רוה. לאָמיר בעסער זעהן חתונה מאַכען אונזער טאָכטער, און שיקען אונזער שלמה'לען אין א ישיבה.

— יע, מיין טייערע ציפּע, דו ביזט גערעכט, אָבער איך וועל שוין ניט קאָנען לעבען צווישען מתנגדים. איך מיין, איך וועל ניט קאָנען דאַווענען אין זייער מנין, איך וועל מוזען האָבען א חסידיש שטיבעל און חסידים. און דאַריבער גלויב איך, אַז מיר וועלען פאַרבלייבען אין ווילנע. דאָ וועלען מיר זיך קאָנען גוט איינאָרדענען. דאָ וועל איך האָבען א סך חסידים. איך וועל קאָנען דאַווענען אין א חסידיש מנין, און ווען עס וועט נויטיג זיין, וועלען מיר קאָנען מקבל פּנים זיין דעם היילינגען רבי'ן, ווען ער וועט קומען

אהער קיין ווילנע זיך מתוכח זיין מיט דעם ווילנער גאון.

— אויב דו ווילסט בלייבן דאָ, וועלן מיר אלע בלייבן דאָ מיט דיר!

— האָט ציפּע געזאָגט — אָבער איך וועל מוזן אריבערפירן אלע אונזערע מטלטלין פון קיידאן אהער.

— דאָס וועלן מיר קאָנען טאָן שפּעטער! — האָט נחום געזאָגט — איצט קאָן איך דיר זאָגן, אז דער בעל שם טוב האָט מיך געבענשט, און איך פארמאָג איצט א היבש ביסעל געלט, וועסטו שוין ניט דארפן זאָרגן וועגן אלע קליינינקייטן. מיר וועלן זיך ארייננקלייבן אין א פיינער הויז, און מיר וועלן זיין אלע גליקליך.

הלואי, רבונו של עולם! — האָט ציפּע געווישט איהרע אויגן — עס איז שוין צייט, אז ער זאָל אונז צושיקען אביסעלע גליק.

נחום האָט זיך גוט איינגעאָרדענט אין ווילנע. ער האָט געדונגען א דירה, ניט ווייט פון דער חסידיש שטיבעל. און ציפּע האָט זיך שוין גענומען אויפפירן ווי א רייכע בעל הבית'טע. זי האָט שוין אָנגעוואונקען צו א שדכן ער זאָל געפינען א פאסיגען זיווג פאר צירעל'ן און שלמה'ן האָט זי געשיקט לערנען אין דער ישיבה פון ווילנע.

עפּילאָג

אין ווילנע האָט זיך צעפלאקערט דער קאמף צווישען די מתנגדים און די קליינע צאָל חסידים, וועלכע האָבען זיך געוואָלט באפעסטיגען אין ווילנע.

די חסידים האָבען ארויסגעוויזען שטארקע פרומקייט, און א סך פון המון האָבען גענומען צושטעהן צו זיי, בפרט נאָכדעם, ווי אזעלכע וויכטיגע לומדים ווי ר' איסר און ר' חיים דרשן, און נאָך איינע וויכטיגע מענשען פון גאון'ס געוועזענע תלמידים זיינען געוואָרען חסידים.

דער בית דין צדק פון ווילנע און דער ווילנער גאון האָבען באשלאָסען איינמאָל פאר אלעמאָל צו מאכען א סוף צו דער געפאר פאר דעם אידענטום און ארייננצולייגען אלע חסידים אין חרם.

מען האָט גלייך געלאָזט אויסרופען אין אלע שוהלען און בתי מדרשים, אז אין ח' ניסן, תקל"ב, 1772, זאָל אין יעדען בית המדרש און שוהל אויסגערופען ווערען א חרם אויף אלע חסידים.

דער טאָג איז געקומען און אין יעדען בית המדרש און שוהל פון ווילנע האָט מען אָנגעצונדען הונדערטע ליכט, און ווען די בתי מדרשים זיינען געווען אָנגעפּאקט מיט אידען, יונג און אלט, האָט מען געבלאָזען שופר און פון דער בימה אויסגערופען דעם חרם, וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען מיט דער הסכם פון בית דין צדק און פון ר' אליהו, דער ווילנער גאון. און דעם נוסח פון חרם האָט מען איבערגעשיקט אין אנדערע אידישע קהילות פון פארשידענע שטעט. אין שטאָט גראָדנע האָט מען דעם דאָזיגען חרם אויסגערופען אויף דעם מארקפלאץ, וואו אידען פון פארשידענע שטעט און שטעטלאך זיינען זיך צונויפגעקומען פאר מסחר. מען האָט ארייננגעלייגט אין חרם אלע חסידים און די, וועלכע געהען אין זייערע וועגען און טראָגען אין דער וואָכען ווייסע, שבת'דיגע בגדים, ווי די חסידים האָבען זיך נוהג געווען דאָס צו טאָן.

די חסידים אין ווילנע, איבערהויפּט מענדעל פון מינסק, נחום און ר' איסר מיט ר' חיים'ן האָבען זיך דערוויל באראטען אין זייער חסידיש שטיבעל, וואָס פאר א מיטלען אָנצונעמען געגען חרם און ווי אזוי איהם צו באקעמפען.

ווען די ווילנער רבנים און דיינים האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי באשלאָסען צו פארמאכען די שטיבעל און מבטל מאכען דעם מנין. ר' איסר איז אָבער געווען דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו דעם מנין טראָץ דעם פארבאָט, און דערפאר איז ער ארייננגעלעגט געוואָרען אין א באזונדערען קאמער. דאן האָט מען איהם געגעבען מלקות און איהם געצוואונגען ארויסצוקומען מיט בריף, וואָס זאָלען פאנאנדערשיקט ווערען צו פילע וויכטיגע אידישע פירער, אין וועלכע ער האָט זיך מתודה געווען, אז ער איז פארפירט געוואָרען. אויך ר' חיים דרשן האָט געקראָגען מלקות און ער איז געצוואונגען געוואָרען צו בעטען

מחילה ביי דעם ווילנער גאון, וועמען ער זאל האבען געהאט באליידיגט. דער ווילנער גאון האט געזאגט, אז ער איז איהם מוחל זיין אייגענעם כבוד, אבער דאס, וואס ער האט מבזה געווען דעם כבוד פון גאט און פון דער תורה, איז ער איהם ניט מוחל.

ווען ר׳ בער מעזריטשער, דער נאכפאלגער פון בעל שם און פירער פון די חסידים האט דערהערט וועגען דעם חרם, האט ער זיך געפילט שטארק דערשלאגען. ער איז קראנק געווארען פון עגמת נפש און טאקע אין דעם זעלבען יאר געשטארבען. די מתנגדים האבען דערפון געוואלט דרינגען, אז דער חרם פון ווילנער גאון האט געהאט זיין ווירקונג, און אז חסידות וועט פון איצט אן צעפאלען ווערען.

און כאטש אין ליטע האט דער חרם און דער עפענטליכער ארויסטריט פון גאון געגען חסידות געמאכט א שטארקען רושם און די חסידים האבען פאר א קורצער צייט ניט געקענט אויפהויבען זייערע קעפ, האט עס אבער געהאט פונקט א פארקערטע ווירקונג אויף די חסידים גופא. זיי זיינען געבליבען נאך מער איינגע׳עקשנ׳ט. אפילו אין ווילנע גופא האבען די חסידים זיך פארזאמעלט בשתיקה אין נחום׳ס הויז, און דארט געדאווענט לויט זייער נוסח און געפראוועט חסידות. ווער רעדט אין פוילען, אין פאדאליע און אין וואלין, האט זיך חסידות נאך שטארקער באפעסטיגט, און טאקע צוליב אלע רדיפות האבען די חסידים דארט געקראגען א סך נייע אנהענגער, גראד פון די, וועלכע זיינען פריער געווען פארברענטע מתנגדים.

נאך דעם טויט פון ר׳ בער מעזריטשער האט זיין פלאץ פארנומען ר׳ שניאור זלמן לאדיער, וועלכער האט א סך אויפגעטאן צו באפעסטיגען חסידות. ווען דער גאון און די אנדערע רבנים פון ליטע האבען געזעהן, אז חסידות פארשפרייט זיך נאך שטארקער, האבען זיי דאן ארויסגעגעבען א צווייטען חרם.

מען דערציילט, אז ר׳ שניאור זלמן האט געמאכט א פארזוך זיך צו זעהן מיט דעם גאון, כדי מיט איהם צו האבען א ויכוח, דורך וועלכען ער האט געהאפט איהם צו איבערצייגען, אז חסידות איז גוט פאר דעם אידישען פאלק. זייענדיג אין ווילנע, איז ער אוועק צום גאון, אבער מען האט איהם ניט צוגעלאזען צו איהם, און די חסידים האבען שפעטער געזאגט, אז ווען דיביידע צדיקים, ר׳ שניאור זלמן און ר׳ אליהו גאון, וואלטען זיך געטראפען, וואלט זיכער געקומען די גאולה.

שפעטער ווען דער קאמף האט זיך איינגעשטילט, האט זיך דער ווילנער גאון צוריקגעצויגען צו זיין לערנען. ער איז געזעסען יומם ולילה און געלערענט תורה און געשריבען א סך חידושים און פירושים אויף דער תורה.

ווען דער ווילנער גאון איז אלט געווען אכט־און־זיבציג יאר איז ער קראנק געווארען. און יענעם ערב יום כפור אין יאר 1798 האט ר׳ אליהו געשיקט רופען צו זיך זיין משפחה, און ארויפלייגענדיג זיין האנד אויף זיין זוהן ר׳ אברהם, האט דער גאון אנגעהויבען צו וויינען. די משפחה האט פארשטאנען אז זיינע טעג זיינען געציילטע און א גרויס געוויין האט דאן אויסגעבראכען צווישען אלעמען.

דעם דריטען טאג חול המועד סוכות פון יענעם יאר האט דער ווילנער גאון אויסגעהויכט זיין הייליגע כשר׳ע נשמה, נאכדעם ווי ער האט געבענשט אתרוג. ער האט געמאכט די ברכה ”על נטילת לולב“, און גלייך צוגעמאכט זיינע אויגען אויף אייביג.

דער ווילנער גאון האט איבערגעלאזט זעקס זיהן, אלע גרויסע לומדים און צדיקים.

דער טרויער אין ווילנע איז געווען זעהר גרויס. די גאנצע שטאט ווילנע און פון ארום זיינען געקומען אפגעבען איהם דעם לעצטען כבוד. מען האט איהם מקבר געווען אויף דעם ווילנער בית עולם וואו זיין קבר געפינט זיך עד היום. און טויזענטע אידען געהען צו זיין קבר יעדען יאר.

(סוף).

ספרים וואָס די אום פּאָבלישינג קאָ. האָט לעצטענס אַרויסגעגעבען

משניות מיט פּאַרגרעסערטע אותיות, מיט די פירושים תפארת ישראל, ברטנורה, עיקר תוספות יום טוב, און מיט די קונטרסים זרע אמונה, דבר בעתו, חוסן רב, אבי עזר, דרוש אור החיים, חומר בקודש, יבקש דעת, מסגרת זהב, אין זעקס פּראַכטפולע בענדער, קנאַפּע פיר טויזענט זייטען.

פרקי רבי אליעזר, פון דעם תנא רבי אליעזר בן הורקנוס, וועמען די גמרא באַצייכענט אַלס רבי אליעזר הגדול. ער האָט געלעבט מיט קנאַפּע צוויי טויזענט יאָהר צוריק און איז געוועזן אַ תלמיד פון דעם תנא רבי יוחנן בן זכאי. דער דאָזיגער ספר, וועלכער ווערט באַטראַכט ביי אידען אַלס דער ערשטער חיבור וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרען נאָך חתימת התנ״ך, איז אַן הגדה־מדרש ווערק וואָס דערקלעהרט און באַלויכט טיילען פון דער תורה און פאַרשידענע מנהגים און רעגולאַציעס. דער ספר אַנטהאַלט דעם פירוש חרד״ל פון גאון ר׳ דוד לוריא ז״ל און די קונטרסים „עמק הברכה״, „שם האחד אליעזר״, „בית צדיק״, „מבוא״.

מכילתא, הוצאת מאיר שלום, איינער פון די עלטסטע הלכה׳שע מדרשים, פאַרפאַסט פון די תנאים.

ספרא (תורת כהנים), איינער פון די עלטסטע הלכה׳שע מדרשים וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרען פון די תנאים, מיט דעם פירוש פון ראב״ד ז״ל, און מיט דעם מסרת התלמוד.

ספרי, הוצאת מאיר איש שלום, אַן אַלטער מדרש, פאַרפאַסט פון די תנאים.

מדרש תהלים, המכונה שוחר טוב, הוצאת באבער, פון וועלכען די שפּעטערע מדרשים האָבען געשעפּט.

אמונות ודעות, פון רבינו סעדיה גאון ז״ל. דאָס איז דער ערשטער ספר וואָס דערקלעהרט סיסטעמאַטיש און פילאָזאָפיש די לעהרעס פון איד־ דענטום.

מורה נבוכים, פון רמב״ם ז״ל מיט די פירושים „שם טוב״, „אפודי״, „קרשקש״, „אברבנאל״, און צום **ערשטען מאָל** איז צוגעגעבען געוואָרען דער באַריהמטער פירוש „ביאור הנרבוני״.

ביאור הנרבוני לספר מורה נבוכים, פון ר׳ משה הנרבוני ז״ל, אַ ספע־ ציעלע אויסגאַבע פאַר די יעניגע וועלכע האָבען אַ מורה נבוכים.

ספר הכוזרי, פון ר׳ יהודה הלוי ז״ל מיט די פירושים „קול יהודה״ און „אוצר נחמד״. דער ספר אַנטהאַלט אויך די בריף פון ר׳ חסדאי בן יצחק שפרוטא ז״ל צום קעניג פון די כוזרים און דעם קעניג׳ס ענטפער צו אים, אַ „מבוא״ וואָס באַלויכט די געשיכטע פון דעם ספר און פון זיין מחבר, די געשיכטע פון די כוזרים, אַ רעגיסטער פון אַלע תנ״ך־ פסוקים וואָס ווערען דערמאָהנט אין דעם ספר, און דערקלעהרונגען פון פאַרשידענע ווערטער.

ציון לדרש, פון ר׳ שרגא פייבש פרענקעל ז״ל, אַנטהאַלט אַלע מאמרי חז״ל און ווערטלעך פון תלמוד בבלי און ירושלמי, אַראַנזשירט אַלפאַבעטיש לויט ערכין. מיט דער הילף פון דעם דאָזיגען ספר קען מען לייכט געפינען דעם מאמר וואָס מען זוכט.

שאלות ותשובות עונג יום טוב אויף אורח חיים, יורה דעה, חושן משפט, אבן העזר, פון דעם באַריהמטען גאון ר׳ רפאל יום טוב ליפמן היילפרין זצ״ל.

הכתב והקבלה, פון דעם באַוואוסטען גאון ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג ז״ל. דער דאָזיגער ספר איז אַ גאָניאַלער פירוש וואָס דערקלעהרט די תורה לויט דרש און הלכה און-אַנטהאַלט אַן אומדערשעפּליכען קוואַל פון וויסען.

חיי היהודי על פי התלמוד, פון ר׳ יצחק סובאלסקי ז״ל, איז אַ וואונדער־ באַרע באַשרייבונג פון דעם אידען׳ס לעבען ביי זיך אין הויז און אין גאַס, אין אַרבייט און אין מסחר, אין פעלד און אין קראָם, אין זיין אויפפיהרונג מיט מענשען, אין פאַמיליען, געזעלשאַפטליכען און אין אַלע אַנדערע צווייגען פון לעבען. עס איז באַזירט אויף איבער דריי טויזענט צוויי הונדערט מאמרי חז״ל.

לפלגות ראובן, על כל סדר נזיקין.

די שעהנקייט פון אידענטום, פון דר. אהרן ראָזמאַרין.

GOLDEN RULES [אינהאַלט דער זעלבער וואָס אין „די שעהנקייט פון אידענטום״] פון דר. אהרן ראָזמאַרין.

געקליבענע פערל, דרשות אויף אַלע סדרות, מגילות און ימים טובים, פון דר. ישראל וו. מארקוס ז״ל.

קולומבוס היהודי, ערשטער ראָמאַן אין העברעאיש פון שאול ספיר.

דער בעל תשובה, ראָמאַן וועגען ווילנער גאון ז״ל און זיין צייט, פון שאול ספיר.

לכבוד שבת, אייגענאַרטיגע דרשות אויף אַלע פיער און פופציג סדרות, און אויף מאַנכע ימים טובים, וועלכע ווימלען מיט תורה און חכמה, אַנט־האַלט אַ פינף הונדערט אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען פון גדולי ישראל, משלים, מאמרי חז״ל און גלאַט גוטע ווערטלעך, פון דר. אהרן ראָזמאַרין.

מאָזעס אים ליכטע דער אגדה [אין דייטש], ביאָגראַפיע פון משה רבינו, פון דר. אהרן ראָזמאַרין.